STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02832

TSVISHEN HIMEL UN VASER

A. Tanenboym

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווישען

הימעל און וואסער

איין אינטערעסאנטע רייזע בעשרייבונג

— פון —

א. טאנענבוים.

היברו פּאבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סטריט ניו יאָרק

1925

אנשטאט א פארעדע.

דער זומער 1888 איז געווען א בעזאנדערס הייסער. איך בין דאמאלס געווען נאך א האלבער גרינהארן אין אמעריקא. איך האב נאך דאמאלס ניט געהאט קיין פעסטע בעשעפטיגונג. זיצען אין א הייסען זומער טאג אין דיא איינגע, פערשטיקטע צימער פון א ניויארקער טענעמענט הויז איז קיין גרויסע פערגעניגען. איך פלעג דאהער ארומשפאציערען, ריכטיגער געזאגט, ארומשלעגדערן אין דיא גאסען פון דער וועלט־שטאדט ניויארק, בעזאנדערס אבער אויף דיא דאָקס, וואו דיא שיפען קומען צו.

אנפאנגס פלעג איך געהן צו דיא דאָקס, ווייל דארט איז ק׳הלער וויא אין דיא גאסען, באלד אבער בין איך אזוי צוגעוואהנט געווארען צו זייא, אז איך פלעג אוועקזיצען שטונדען לאנג אויף דיא ברעטער און קלעצער און פלעג קוקען אויף דיא שמוציגע וואסערן פון איסט ריווער און אויף דיא הונדערטער שיפען, באָאטע, סקונער און שלעפּ־דאמפּפער, וועלכע פאהרען, לויפען, קומען, פייפען, רוישען און ליארמען אין דעם גרויסען און ברייטען האפען פון ניויארק.

עס איז מיר געפעלען דאס לעבען פון דיא דאָקס. עס איז מיר געפעלען דאס קאכען, זיעדען, רוישען, ווירקען און שאפען אויף דיעזע שווימענדע שטעדט און דערפער, וועלכע מיר רופען שיפען. עס איז מיר געפעלען דער ליארם און דער געשריי פון דיא ארבייטער און דיא מאטראזען, ווען זיי לאדען אויס דיא שיפען. איך פלעג בעטראכטען מיט בעוואונדערונג דיא צעהנער טויזענדער אר־טיקעל, וועלכע דיעזע שיפען ברענגען אן פון אלע עקען פון דער וועלט, און גיבען עס איבער דיא פלייסיגע הענד פון דיא ניויארקער פאבריקאנטען און קויפלייטע.

איך בין ניט אים שטאנד איבערצוגעבען מיינע לעזער, וואס איך האב דורכגעפיהלט און איבערגעטראכט אין דיעזע לאנגע שטונדען אויף דיא דאקס. זאנדערבאר! איך פלעג ניט פיהלען קיין לאנג ווייל. איך פלעג קענען אוועק־זיצען אויף א דאָק פון פריהמארגען ביז שפּעט אין דער נאכט, און האב פער־געסען אן עסען, טרינקען און שלאפען. מיינע געדאנקען האבען געלעבט מיט דיא מענשען פון דיא דאָקס, זיי האבען געפיהלט מיט זיי און געווירקט מיט זיי. איך

פלעג זעהר אפט בעניידען דיא מאטראזען און דיא מענשען פון דיא שיפען; איך פלעג בעניידען זייער לעבעדיגע און פרעהליכע בעשעפטיגונג.

צום קלינטאן סטריט דאָק פלעגט יעדען פרייטאג צו קומען א סקונער מיט גרינווערק און אנדערע פארמער ארטיקעל: היי, שטרוי, קארטאפעל, עפעל, בירנען, פלוימען און פיעלע אנדערע זאכען. דאס איז קיין נייעס. צו דיא דאָקס פון ניו יארק קומען צו יעדען טאג הונדערטער אזעלכע באָטע און סקונערס. איך האב מיר דאחער אנפאנגס ווייניג צוגעקוקט צו דיעזען סקונער. ער האט געהייסען לילי לאָלא. דאס האט מיך אויך זעהר ווייניג אינטערעסירט. יעדעס באָאָט און יעדער סקונער האט א נאמען; ווייל דאס קינד מוז דאך האבען א נאמען.

באלד אבער האט מיר דער סקונער לילי לאָלא פעראינטערעסירט. איך האב דערזעהן אויף איהם א נעגער און צוויא ווייסע מענשען, ענגלענדער. דאס איז צוואר אויך קיין נייעס: מען טרעפט אן זעהר אפט נעגער אויף אמעריקא־נער שיפען. דאס וואונדערבארע איז געווען, וואס דער נעגער איז געווען דער עלטערער, דער שיפסקאפיטאן אדער אייגענטהימער פון דעם סקונער. דאס האט מען זעהר לייכט געקענט בעמערקען, ווייל דער נעגער פלעגט זיך שאפען מיט דיא ווייסע מענשע,— צוויי יונגע ענגלענדער. ער פלעגט זיי הייסען טאהן אלעס, וואס מען האט געדארפט אויפען סקונער און צו איהם פלעגען זיך ווענדען דיא מענשען, וועלכע פלעגען קומען קויפען דיא פראדוקטען, וועלכע ער פלעגט אנברייינגען.

דאס איז ביי מיר געווען א נייעס. ביז אחער האב איך געזעהן נעגער אלס ארבייטער, אבער נים אלס שיפס קאפיטאנע (סקיפערס) און איך האב אנגעהייבען זיך בעסער צו צוקוקען צום סקונער לילי לאָלא.

דער נעגער איז געווען אן עכטער אפריקאנער, א געבארענער אפריקאנער, מיט א פלאכעס געזיכט, הויכע באקענביינער און אונגעוועהנליך גראבע ליפען. זיינע האר זיינען געווען ווייס, וויא שנעע און זיינע באקען זיינען געווען צוקנייטשט און אין ערטער איז דיא הויט אראפגעהאנגען פון זיי, וויא עס קומט פאר ביי אלטע מענשען. וויא אלט דער נעגער איז געווען, האב איך נים געקענט וויסען: אויף א נעגער געזיכט איז זעהר שווער צו לעזען דיא יאהרען. נאך מיין בערעכנונג האט ער געדארפט אלט זיין איאחר פערציג. ער איז אבער נאך געווען גאנץ קרעפטיג, אין זיינע טיעפע, שווארצע אויגען האט נאך געברענט דאס פייער פון דער יוגענד.

איך האב זיך אזוי פעראינטערעסירט מיט דיעזען נעגער, אז איך פלעג ער־ווארטען דיא לילי לאָלא מיט אונגעדולד. דער סקונער פלעגט קומען געוועהנליך פרייטאג אין דער פריה, פלעגט איבערשטעהן ביים קלינטאן סטריט דאָק פרייטאג און שבת און זונטאג פלעגט ער זיך אוועק פאהרען. איך פלעג ווארטען דיא גאנצע וואך מיט אונגעדולד, דער סקונער לילי לאָלא זאל שוין אנקומען. פרייטאג גאנץ פריה פלעג איך שוין זיין אויפ׳ן דאָק און פלעג איהם טרעפען. דאנן פלעג איך מיך אנידער זעצען ערגעץ אויף א קלאָץ נים ווייט פון סקונער און פלעג בעטראכטען אלעס, וואס עס קומט אויף איהם פאר.

אין פרייטאג נאך מיטאג, ווען איך בין אזוי געזעסען און געקוקט אויפען סקונער, האב איך געזעהן, וויא א רייך געקליידעטער מאן פון איאהר עטליכע און פערציג איז צוגעקומען צום דאק. ער איז גלייך ארויפגעגאנגען אויפ׳ן סקונער און האט אויסגעשטרעקטביידע הענד צום נעגער.

— האללא, סנאֶאי! — האט ער אויסגערופען פריינדליך און צוטרוילין וויא צו א ברודער.

— האללא, בילליו! — האט דער נעגער געענטפערט אין דעם זעלבען טאן, און האט איהם געדריקט דיא חענד.

איך בין געוועזן איבערראשט, ווען איך האב געזעהן, וויא דיא אלטע, שווארצע, פערשמירטע הענד פון דעם אלטען נעגער האבען געדריקט אזוי פריינדליך און אזוי ברידערליך דיא הענד פון דעם רייכען אמעריקאנער אין דיא טהייערסטע האנדשוה. דער מיט האט זיך אבער דער וויזיט ניט געענדיגט. דער נעגער האט באלד געהייסען זיינע ווייסע מאטראזען, זיי זאלען ארויפברייננען אויפען דעק צווייא שטוהלען און זאלען ארויפלעגען אויף א פעסעל קארטאפעל א פאר ברעטער.

עס איז באלד געווארען א סארט טיש, לעבען וועלכען ביידע פריינד, דער נעגער און דער רייכער אמעריקאנער האבען זיך אנידער געזעצט. באלד זיינען געשטאנען אויפ׳ן טיש א פלאש וויין, גלעזער, א פאר טעלער, ברויט און פריכטע.

איך בין געבליעבען זיצען אויף מיין ארט, וויא א צוגעשמידטער און האב בעטראכט דעם גאסט פון אלע זייטען. ער האט מיר אויסגעוויעזען צו זיין א רייכער באנקיר פון וואלל סטרים אדער א פאבריקאנט. ער האט געגעסען מיט אפעטיט, וואס זיין פריינד, דער נעגער האט איהם געגעבען, און האט גערעדט מיט איהם, וויא מען רעדט מיט א ברודער אדער מיט א גאנץ נאהענטען פריינד. איך בין צוואר געזעסען צו ווייט פון זיי, אום איך זאל קענען הערן אלעס, וואס זיי רעדען, איך האב אבער געקענט זעהר גוט זיי בעטראכטען. דער טאן, מיט וועלכען זיי האבען גערעדט, זייערע מינען, דער אויסדרוק פון זייערע געזיכטער, זייער שמייכלען, זייער לאכען — אלעס האט מיר געזאגט גאנץ דייטליך, אז דאס זיינען צווייא אלטע פריינד.

— ווער זיינען זיי? — האב איך געפרעגט זיך אליין, — וויא קומען זיי איינער צום אנדערן? וואס נעהרן זיי זיך אן? עס איז וואהר, אמעריקא איז א פרייעס לאנד און דיא נעגער האבען אלע רעכטע פון דיא ווייסע בירגער. איך בין שוין אבער געוועזן גענוג בעקאנט מיט אמעריקא אום צו וויסען, אז דיא ווייסע אמעריקאנער האבען ניט שטארק ליעב דיא שווארצע אמעריקאנער. איך ווייס פון פעלע, וואו מען האט ניט געוואלט פערקויפען א נעגער א גלאז ביער. מען וויל איהם ניט ארייננלאזען נעכטיגען אין אן אנשטענדיגען האטעל. דער שטאלצער, רייכער אמעריקאנער שעהמט זיך צו רעדען מיט א נעגער אויף דער גאס.

— פון וואנען נעמט זיך אלזא דיעזע פריינדשאפט צווישען דיעזען רייכען

אמעריקאנער און דיעזען נעגער? — האב איך אויסגערופען. — וויא שעהמט זיך עס ניט דער באנקיר צו עסען מיט'ן נעגער פריי און אפען אויפ'ן דעק פון'ם סקו־נער, וואו טויזענדער אויגען קוקען אויף איהם?

איך בין געווען ערשטוינט, איבערראשט און פעראינטערעסירט ביז צום אייסערסטען. איך זאל ניט געווען מורא האבען פאר׳ א קלאפ, וואלט איך געווען צוגעגאנגען צו זיי און וואלט זיי געפרעגט, פון וואנען זיי קענען זיך. דאס איז אבער געווען אונמעגליך. איך האב מיך דאהער ענטשלאסען, איך זאל ליעבער איבערווארטען. איך מוז מיך בעקענען מיט'ן נעגער און איהם אויספרעגען, ווער ער איז.

אבער א זאך טהוט זיך ניט אזוי שנעל, וויא עס רעדט זיך. בעשליעסען עפעס איז זעהר לייכט; ווען עס קומט אבער אויסצופיהרען דעם בעשלוס, זעהט מען ערשט, וויא שווער עס איז.

איך האב געהערט, וויא דער רייכער אמעריקאנער האט גערופען דעם נע־גער סנאאי. איז דאס אבער א נאמען?—סנא איז אויף ענגליש שנעע, סנאאי הייסט א פערשנייטער. איז דאס אפט ניט א צונאמען? — דער נעגער האט גע־רופען דעם אמעריקאנער בילי. דאס איז שוין א נאמען. בילי הייסט ווילהעלם אדער וויליאם. וואס ווערט אבער דערפון? דאס איז א געוועהנליכער נאמען. אין ניויארק געפינען זיך צעהנער טויזענדער מענשען מיט'ן נאמען וויליאם.

דער רייכער ענגלענדער איז אוועק געזעסען מיט'ן נעגער א פאר שטונדען. דאן האבען זיי זיך ווידער געגעבען דיא הענד פריינדליך און דער אמעריקאנער איז זיך אוועקגעגאנגען. איך האב געברענט פאר נייגיערדע. איך וואלט אוועק געגעבען א יאהר פון מיין לעבען, ווער עס זאל מיר זאגען, וויא אזוי דיעזע מענ־שען געהערן זיך אן און פאר וואס זיי זיינען אזוי בעפריינדעט. אונטערדעסען איז געווארען נאכט און איך האב געמוזט געהן אהיים.

דעם אנדערן טאג בין איך גאנץ פריה געקומען אויפ'ן דאָק. דער נעגער איז געווען בעשעפטיגט מיט זיינע קונדען און איך האב ניט געקענט האבען קיין געלעגענהייט צו צוטרעטען צו איהם. עס איז אזוי פערגאנגען דער גאנצער טאג און איך האב ניט געקענט געפינען קיין געלעגענהייט עפעס געוואהר צו ווערען, ווער דיעזער נעגער איז.

זונטאג גאנץ פריה איז דער סקונער לילי לאָלא זיך אוועקגעפאהרען. א גאנצע וואך בין איך ארומגעגאנגען, וויא א וואהנזיניגער. איך האב ערוואר־טעט דעם לילי לאָלא מיט זיין נעגער, וויא א מוטער ערווארטעט א קינד, וועל־בעס זיא האט שוין צעהן יאהר ניט געזעהן. דאנערשטאג ביי נאכט איז ער ווירק־ליך אנגעקומען. פרייטאג אין דער פריה האב איך איהם שוין געטראפען צוגע־בונדען צום דאָק.

דאס מאל מוז איך מיך שוין מיט איהם בעקענען! האב איך מיך פעסט ענטשלאסען. וויא אזוי אבער?

איך האב בעמערקט, אז דער נעגער רויכערט א קורצע, לעהמענע פייפע,

וויא עס רויבערן געוועהנליך דיא מאטראזען. איך האב געוואוסט, אז טאבאק רויכער, און טרינקער און קארטען שפּיעלער בעקענען זיך זעהר לייכט. אזוי וויא איך רויכער אויך, האב איך באלד גענומען אסיגארעט און מויל און בין ארויפגע־גאנגען אויפ'ן סקונער בעטען פייער ביים נעגער.

דאס מאל האב איך געטראפען. דער נעגער האט מיר געגעבען א צינד־העלצעל און האט מיך געלאזען שטעהן אויפ'ן דעק פון זיין סקונער. איך האב איהם געפרעגט, פון וואנען ער איז, און ער האט מיר געענטפערט גאנץ פריינד־ליך, אז ער וואונט אין ניו לאנדאן, קאנעקטיקוט.

א ווארט פאר א ווארט און מיר האבען זיך צורעדט. דער נעגער האט מיר דערצעהלט, אז דער סקונער איזווירקליך זיין אייגענער. ער איז דער קאמי־סיאנער, דער בעל עגלה און דער פערמיטלער צווישען דיא פארמער פון ניו לאנ־דאן און ניו יארק. ער נעהמט אויף זייערע וואארען און ברענגט זיי קיין ניו יארק צום פערקויפען. אלע האבען צוטרויען צו איהם און ער איז א וואהלהאבענדער מאנן.

מיר האבען אוועקגערעדט איינינע צייט און זיינען זיך צוגאנגען אלס אלטע גוטע פריינד. פאר נאכט איז דער רייכער אמעריקאנער ווידער געקומען צו זיין פריינד, דעם נעגער, מאכען איהם א וויזיט. דאס מאל אבער איז ער געבליבען אויפען סקונער נור איינינע מינוט.

פון דאמאלס אן בין איך געווארען אן אפטער גאסט ביים נעגער סנאאי. איך בין איהם געפעלען און מיר זיינען געווארען רעכטע גוטע פריינד. ער האט מיך אמאל מיטגענומען צו זיך אהיים און איך האב איבערגענעכטיגט ביי איהם.

ווען איך בין שוין געוועז מיט איהם גוט בעקאנט, האב איך איהם א מאל געפרעגט, ווער איז דער רייכער אמעריקאנער, וועלכען ער רופט ביללי און פון וואנען זיי קענען זיך?

— עס איז אן אלטע געשיכטע,— האט דער נעגער געענטפערט ערנסט.— איך וויים ניט וויא צו זאגען, אויב עס איז א פרעהליכע אדער א טרויעריגע גע־שיכטע, עס איז אבער א זאנדערבארע געשיכטע.

איך האב געבעטען פאר אונגעדולד און נייגיערדע צו הערן דיעזע געשיכטע דער נעגער אבער האט זיך פערטראכט און האט געזאגט:

איך קען ניט גוט דערצעהלען, ביללי וועט זיא אייך דערצעהלען. ביללי קען בעסער רעדען פון מיר. ביללי איז א געלערענטער מאן.

דיא אנדערע וואך איז דער רייכער אמעריקאנער ווידער געקומען צו זיין פריינד אויף א בעזוך. דער נעגער האט מיך בעקאנט געמאכט מיט איהם און האט איהם געזאגט, אז איך וויל זעהר וויסען זייערע ביידענס געשיכטע.

אנפאנגס האט דער שטאלצער אמעריקאנער ניט געוואלט מיר דערצעהלען זיין געשיכטע. ער האט א קוק געטאהן אויף מיר און האט געזעהן, אז איך טראג קיין גאלדענע קייט און קיינע דיאמאנטענע רינגען. צום גליק אבער טראג איך

א גאלדענע ברילליע, און דער נעגער האט איהם דערצעהלט, אז איך בין א שרייבער און זיין בעסטער פריינד.

דער נעגער האט אונז אראפגערופען אין דער קאיוטע, האט אנידערגעשטעלט פאר אונז א פלאש וויין און האט געבעטען זיין פריינד ביללי, ער זאל מיר דערצעהלען זייער געשיכטע.

דיעזע געשיכטע וויל איך יעצט איבערגעבען מיינע לעזער ווארט אין ווארט. איך גלויב, אז זיא איז אינטערעסאנט און ניצליך. צו דער גאנצער געשיכטע האב איך צוגעלעגט אייניגע ערקלערונגען און ערלייטערונגען.

איך האף, אז מיינע לעזער וועלען צופריעדען זיין פון דיעזער געשיכטע.

ערסטעס קאפיטעל.

אנטלאפען פון זיינע עלטערן.

— איך בין אלט געווען זיעבעצעהן יאהר, ווען איך בין אנטלאפען פון מיינע עלטערן,— האט ביללי אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע. — פארוואס בין איך אנטלאפען? איך האב עס אליין ניט געוואוסט און ווייס עס נאך היינט ניט.

איך בין געבארען געווארען אין א קליין שטעדטעל אין ענגלאנד. מיין פאטער איז געווען א פארמער. ער איז געווען רייך, זיין פארם אבער האט איהם איינגעטראגען אזוי פיעל, אז ער האט געקענט דערנעהרען זיין פאמיליע גאנץ אנשטענדיג און האט נאך אבגעשפארט עטליכע פונט סטערלינג אין דער באנק אויף א נויט, אדער אויף א „רעגען טאג“, וויא דיא ענגלענדער זאגען.

מיינע מוטער איז געווען א פעהיגע און טיכטיגע פרוי. זיא האט געפיהרט דיא ווירטהשאפט און פלעגט נאך העלפען מיין פאטער אין זיינע ארבייטען אויפ'ן פעלד.

מיינע עלטער'ן האבען מיך ליעב געהאט, און האבען זעהר געוואלט מאכען פון מיר א מענשען. זיי האבען מיך ניט געלאזען ארבייטען אויפ'ן פעלד, ווייל זיי האבען זעהר געוואלט מאכען פון מיר אן אינזשעניר. זיי האבען מיר דאהער געהאלטען אין א שולע. זיי פלעגען אפרייסען דעם לעצטען ביסען פון זייער מויל און פלעגען מיר קויפען ביכער און ארטיקעל, וועלכע זיינען נעטהיג אין דער שולע.

איך בין געווען א פלייסיגער שילער און מיינע לעהרער פלעגען זיין גאנץ צופריעדען מיט מיר.

אלזא, פאר וואס בין איך אנטלאפען פון מיינע עלטערן?

דאס שטעדטעל, וואו איך בין געבארען געווארען געפינט זיך ביים מעער. פון מיין קינדוויים אן האב איך ליעב געהאט דאס מעער. עפעס האט מיך געצויגען צום מעער. ווען איך פלעג פריי זיין פון דער שולע, פלעג איך אוועקליעגען שטונדען לאנג אויף א בערגעל לעבען מעער און פלעג קוקען, וויא עס רוישט, וויא עס קאכט, וויא זיינע וועלען (כוואלעס) קומען צו צום ברעג, פערגיסען אידעם, פערפליצען איהם און ציעהען זיך צוריק.

איך פלעג זיך ניט שפּיעלען, וויא אנדערע קינדער אין סאלדאטען, אין פערדלעך און אין אנדערע קינדער־שפּיעלע. מיין איינציגעס פערגעניגען איז געוועזן דאס מעער. איך פלעג רעדען צום מעער, איך פלעג זינגען צום מעער און פלעג מיך אונטערהאלטען מיט'ן מעער, גלייך וויא עס וואלט געוועזן א לעבעדיגער פריינד.

דאס מעער האט מיך בעצויבערט. דאס מעער פלעגט מיך ציעהען צו זיך מיט אזא קראפט, אז איך פלעג זעהר אפט געהן פון דער שולע גלייך צום מעער. דאס גרויסע וועלט מעער איז געוועזן פאר מיר א געהיימניס, וועלכעס איך האב געוואלט דערפארשען, א רעטעניש, וועלכעס איך האב געוואלט דערראטהען, א צויבער שלאס, וועלכען איך האב געוואלט קענען.

איך פלעג בענײדען דיא מאטראזען, וועלכע פארען ארום יאהרלאנג אויפ'ן מעער. מיין יונגער קינדערשער קאפּ האט זיך פארגעשטעלט, אז עס קענען גאר ניט זיין קיינע גליקליכערע מענשען אין דער וועלט, וויא מאטראזען, וועלכע פערברענגען זייער לעבען אויפען מעער.

איך פלעג עס זאגען מיינע עלטערן און פלעג זיי בעטען, זיי זאלען מיך מאכען פאר א מאטראז. זיי האבען אבער דערפון ניט געוואלט הערן, און פלעגען זוכען מיך צו איבערעדען און איבערצייגען, אז עס זיינען דא פיעל בעסערע און גליקליכערע בעשעפטיגונגען אלס צו זיין א מאטראז אדער זאגאר א שיפסקאפּיטאן.

צום אונגליק, האט זיך בעזעצט ביי אונז אין שטעדטעל מיין מוטערס א פערוואנדטער. מיר, קינדער, פלעגען איהם רופען אנקעל; ער איז אבער געוועזן נור א ווייטער פערוואנדטער פון מיין מוטער. דאס איז געוועזן אן אלטער מאן פון א יאהר זעכציג, א מאטראז, וועלכער האט פערציג יאהר פון זיין לעבען פערבראכט אויפ'ן מעער. ער איז אויסגעפאהרען אלע מעערן פון דער וועלט און האט איבערגעזעהן אלע לענדער פון דער וועלט, וועלכע געפינען זיך ביים מעער.

יעצט פערשטעה איך, אז אין דער צייט פון פיערציג יאהר, האט ער זיך אפּגעשפּארט עטליכע הונדערט פונט סטערלינג אויף דער עלטער. דאמאלס האב איך עס ניט פערשטאנען. איך האב געמיינט, אז ער איז זעהר רייך, און האט געבראכט פון דיא ווייטע לענדער פעסלעך מיט גאלד.

ער פלעגט קומען זעהר אפט צו אונז און פלעגט אוועקזיצען ביי אונז שטונדען לאנג. אין דיא פינסטערע און לאנגע ווינטער נעכט פלעגט ער אונז דערצעהלען פון דיא וואונדער, וועלכע ער האט געזעהן אין דיא ווייטע לענדער, וועלכע ער האט בערייזט, פון דיא זעלטענע פיש און טהיערע, וועלכע ער האט געזעהן אין מעער און אין דיא לענדער ביים מעער, וואו ער איז געוועזן.

ער האט געקענט זעהר שעהן דערצעהלען, און האט ניט פיינט געהאט צו צולעגען א פאר ליגען. איך פלעג אויסהערן זיינע דערצעהלונגען און מיין קינדער פאנטאזיע האט זיך צוברענט. איך האב אויך געוואלט פאהרען קיין אינדיען, קיין כינא, קיין אויסטראליען, צו דיא ווייטע אונד וואונדערבארע אינזלען און איך האב מיך ענטשלאסען צו אנטלויפען פון מיינע עלטערן און ווערען א מאטראז.

איך בין אלט געווען פיערצעהן יאהר, ווען איך האב מיך פעסט ענטשלאָ־סען צו ווערען א מאַטראָז און האב באלד געוואלט אויס פיהרען מיין בעשלוס.

אין דעם שטעדטעל, וואו איך בין געבארען געווארען, איז דא א קליינער פארט. עס קומען זעהר אפט אן שיפען אין דיעזען פארט, בלייבען דארט שטעהן עטליכע טעג און פאהרען זיך אוועק. איך האב גערעכענט, אז איך וועל קומען צו א שיפ'ס קאפיטאן און וועל איהם זאגען, אז איך וויל ווערען א מאַטראָז, וועט ער מיך באלד אויפנעהמען. אנדערש האב איך עס מיר ניט געקענט פארשטעלען.

אין א שעהנעם פריה מאָרגען בין איך אוועק געגאנגען צום האפען און בין ארויפגעגאנגען אויף דאס ערשטע, בעסטע שיף, וואס איז געשטאנען אין פארט. איך האב מיך דערנעהנט צום קאפיטאן און האב איהם דערצעהלט, אז איך וויל ווערען א מאַטראָז.

— האסט דוא עלטערן? — האט מיך דער עהרליכער שיפסקאפיטאן גע־פרעגט.

— געוויס האב איך עלטערן.

— דאן שיק מיר ווייטע עלטערן. איך מוז מיט זיי רעדען, — האט ער מיר געענטפערט און האט זיך אוועקגעקערט פון מיר.

איך בין ארויסגעגאנגען אויף א צווייטע שיף און האב דערצעהלט דעם שיפ'ס קאפיטאן, וואס איך וויל. ער האט מיך אויסגעלאכט און האט מיר גע־זאגט:

— געה בעסער אין שולע און לערען עפּעס. דוא ביסט נאך צו יונג.

איך האב מיך געפיהלט בעליידיגט און ערנסט ערגערט: מען האלט מיך נאך פאר א קינד! — דאס האט מיך נאך אבער מעהר אויפגערייצט און האט נאך מעהר בעפעסטיגט מיין ענטשלוס צו ווערען א מאַטראָז.

איך בין ארומגעגאנגען אלע שיפען פון'ם פארט, קיינער האט מיך ניט געוואלט אויפנעהמען. מיט איינע וואכען שפעטער האב איך נאך א מאל פּרובירט ארום געהן אויף די שיפען און בעטען, מען זאל מיך אויפנעהמען. קיינער האט ניט געוואלט. דאס איז אלץ געוועזען אין זומער צייט. און ווינטער פלעגען צוקומען צו אונזער פארט ווענינגער שיפען און איך פלעג דאן מעהר בעשעפטיגט זיין אין דער שולע און פלעג דאהער ניט קענען געהן זוכען א שיף, וועלכעס זאל וועלען מיך אויפנעהמען אלס מאַטראָז.

אזוי זיינען פערגאנגען דריי יאהר. יעדען זומער פלעג איך פרובירען אויף די שיפען און פלעג בעטען יעדען שיפ'ס קאפיטאן, ער זאל מיך אויפנעהמען צו זיך אלס מאַטראָז; עס האט זיך אבער ניט געפונען קיינער, וואס עס זאל וועלען מיך אויפנעהמען. איך האב צוזאר געטראכטען איינמאל, וועמען איך בין געווען געפעלען און זיי האבען וועלען געוואלט מיך אויפנעהמען אלס „יונגע", אלס דיענער זיי פלעגען אבער פאדערן פון מיר, איך זאל זיי ברענגען אן ערלויבניס פון מיינע עלטערן, בעשטעטיגט פון א נאָטאַריוס.

אין דער מיט זומער 1887 איז אנגעקומען אין אונזער פארט א גרויסע,

שווארצעס שיף מיט דרייא הויכע זעגעל־בוימער. אויף איהר האט געוועהט אין דער הויך דער פלאג פון בראזיליען. דאס איז געווען א נייעס ביי אונז. אין אונזער קליינעם פארט פלעגען קומען זעהר זעלטען שיפען פון ווייטע לענדער. איך האב אנפאנגס גאר ניט געוואוסט, וואס פאר א פלאג דאס איז, א בעקאנטער מאטראז האט עס מיר ערקלערט.

בראזיליען איז דאמאלס געווען ביי מיר א וואונדער לאנד, א צויבער לאנד. פון דער געאגראפיע האב איך געוואוסט, אז אין בראזיליען רעדט מען פארטוגיעזיש. איך האב אבער אויסער ענגליש און אביסעל פראנצייזיש ניט פערשטאנען קיין אנדערע שפראכע.

וויא וועל איך רעדען מיט'ן שיפס קאפיטאן, ווען איך פערשטעה קיין ווארט פארטוגיעזיש? — האב איך געפרעגט זיך אליין. — עס העלפט אבער ניט! איך מוז פראבירען.

איך בין ארויפגעגאנגען אויף דאס פארטוגיעזישע שיף און האב מיך דערפרעגט צום שיפסקאפיטאן. מען האט מיר איהם געוויזען און איך האב איהם געזאגט, וואס איך פערלאנג.

צו מיין גרעסטען ערשטוינען האב איך דערהערט, אז דער שיפסקאפיטאן רעדט זעהר גוט ענגליש. ער האט מיר בעטראכט פון קאפ ביז אין דיא פיס, וויא א פערדהענדלער בעטראכט א פערד און האט מיר געזאגט, אז ער וועט מיך אויפנעהמען. איך בין אויפגעשפרונגען פאר פרייד. איך בין דאמאלס געווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

דער שיפסקאפיטאן האט מיך אויסגעפרעגט, ווער איך בין און אויב איך האב עלטערן. איך האב איהם אלעס דערצעהלט. ער האט מיך ניט געפרעגט אויב מיינע עלטערן ערלויבען מיר אוועק צו פאהרען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז איך ענטלויף פון מיינע עלטערן און ער האט זיך זעהר ווייניג געקימערט דארום. ער האט מיך באלד פערשריעבען אין זיין בוך אלס „יונגע“, דאס הייסט אלס יונגער מאן, וועלכער וויל זיך לערנען צו ווערן א מאטראז.

איך בין געווען אזוי צופריעדען און אזוי גליקליך, אז איך האב זאגאר פערגעסען זיך צו בעדינגען מיט מיין שיפסקאפיטאן. איך האב פערגעסען צו רעדען מיט איהם, וויאפיעל יאהר איך דארף ביי איהם דיענען און וואס ער דארף מיר צאהלען פאר מיין ארבייט. וואס האבען מיך געהארט אזעלכע קלייניגקייטען? — איך בין א מאטראז און וועל פאהרען אויפ'ן מעער.

זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האב פערגעסען צו פרעגען, וואוהין דאס שיף געהט און וואס פאר וואארע זיא פיהרט. — וואס געהט עס מיך אן? איך האב אבער ניט פערגעסען צו פרעגען, ווען דאס שיף וועט אפגעהן.

— איבער מארגען גאנץ פריה אום זעקס אוהר, — האט מיר דער קאפיטאן געענטפערט, — ביז דאמאלס דארף איך דיך ניט. איך ראטה דיר, דוא זאלסט ביז דאמאלס זיך ניט ווייזען אויפ'ן שיף.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אומגעקעהרט צו מיר מיט'ן רוקען און איז זיך אוועקגעגאנגען.

דיא צווייא טעג, וואס דאס שיף איז נאך געשטאנען ביי אונז אין פּארט, בין איך ארומגעגאנגען, וויא א וואהנזיניגער. איך האב מיר קיין ארט ניט געפונ־נען. איך האב ניט געגעסען, ניט געטרונקען און ניט געשלאפען. מיין גוטע מוטער האט עס בעמערקט און איז געוואורען זעהר אונרוהיג. זיא האט געמיינט, אז איך בין עפּעס ניט געזונד. איך האב זיא בערוהיגט און האב געזוכט ניט צו זיין אין דער תיים.

דעם לעצטע אבענט פאר מיין אוועקפאהרען, האב איך געגעסען מיט מיינע עלטערן, מיט מיינע ברידער און שוועסטער. איך האב געפיהלט, אז איך טוה זעהר שלעכט, וואס איך אנטלויף פון דאנען. עס זיינען געוועזן מינוטען, ווען איך האב געוואלט מיך ארויפוואַרפען מיין מוטער אויפ'ן האלז און איהר אלעס דער־צעהלען. איך האב מיך אבער איינגעהאלטען. גאנץ פריה אום פינף אוהר בין איך שוין געווען אנגעטאהן און בין געלאפען צום פּארט.

אין א שטונדע ארום איז דאס שיף ארויסגעפאהרען אין גרויסען, ווייטע, וועלט מעער.

2טעם קאפיטעל.

מיינע נייע קאמעראדען.

אין דיא ערשטע פּאר שטונדען אויפ'ן שיף בין איך געווען גאנץ גליקליך. ענדליך זיינען ערפילט געוואָרען אללע מיינע ווינשע; ענדליך בין איך אויף א מאטראז; ענדליך שווים איך אויפ'ן גרויסען אונד ברייטען וועלט מעער!

מיין פרייד האט אבער געדויערט גאר ניט לאנג. קוים זיינען מיר ארויס־געפאהרען אויפען גרויסען, פרייען וועלט מעער, האב איך אנגעהויבען צו פיהלען זעהר שלעכט. דער קאפּ האט מיר געשווינדעלט, עס איז מיר פינסטער געווארען אין דיא אויגען און איך האב אנגעהויבען צו ברעכען. — איך האב בעקומען דיא זעע־קראנקהייט.

איך בין פערקראכען אין א ווינקעלע און האב מיך אנידערגעלעגט. איך האב געבראכען, האב געקרעכצט, האב עפּעס געבעטען — קיינער האט מיר ניט געענטפערט, קיינער האט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. אך, וויא אפט האב איך געווינשט, אז דאס מעער זאל פערשלינגען מיך מיט דעם שיף, מיט אללע מענשען אויף איהם!

צום גליק פאר מיר, איז ביי מיר דיא זעע־קראנקהייט געווען אזוי שטארק, אז זיא האט מעהר ניט געדויערט, וויא זעקס־און־דרייסיג שטונדען. אן אלטעס שפּריכווארט זאגט, אז שטרענגע הערשער רעגירען ניט לאנג. אזוי איז עס מיט דיא קראנקהייטען. ווען א קראנקהייט קומט אן פּלוצלונג און איז זעהר שטארק, דויערט זיא ניט לאנג.

 Sig.

דעם אנדערן טאָג פֿיי נאַכט האָב איך מיך געפֿיהלט פֿיעל בעסער. איך האָב מיך אויפֿגעהויבען פֿון מיין געלעגער און בין געגאַנגען זוכען אביסעל וואַסער. ליידער, איז דיא טהיר פֿון קיך געווען פֿערשלאָסען און אלע מאַטראָזען, אויסער דיא וואַכען זיינען געשלאָפֿען. איך בין צוגעגאַנגען צו די מאַטראָזען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך און האָב זייא געבעטען אביסעל וואַסער. זיי האָבען מיך אויסגעלאַכט.

איך האָב געמוזט צוריק קריכען אין מיין ווינקעלע און איבערליגען די נאַכט, דעם אַנדערן טאָג האָבען זיך אָנגעהויבען מיין אַרבייט און מיינע ליידען, קוים האָב איך מיך געקענט האַלטען אויף דיא פֿיס, האָט דער קאַפּיטאַן מיר געהייסען פּוצען זיינע שטיוועל, וואַשען זיין וועש און ריינינגען זיין קאַיוטע, דאָס זעלבע האָט געהייסען מיר מאַהן דער ערשטער אָפֿיציער, דער צימערמאַן (סטאָליאַר, קאַרפּענטער פֿונ'ם שיף און דער קאָך.

דיעזע פֿיער מענשען זיינען געווען די עלטסטע אויפ'ן שיף, איך האָב מיך באַלד מיט זיי בעקענט און בין באַלד געוואָהר געוואָרען, וויא שרעקליך איך בין בעשטראָפֿט דערפֿאַר וואָס איך בין אַנטלאָפֿען פֿון מיינע גוטע און ליעבענדע עלטערן.

דער שיפֿסקאַפּיטאַן איז געווען א גראָבער, ווילדער, גרויזאַמער מענש. ער פֿלעגט זעלטען זיין ניכטער. ווען ער פֿלעגט זיין בעטרונקען, פֿלעגט ער זיין א ווילדעס טהיער אין מענשען-געשטאַלט; ווען ער פֿלעגט זיין ניכטער, פֿלעגט ער זיין א קאַלט־בלוטיגער, איבערלעגטער מערדער. איך בין יעצט זיעבען־און־פֿיערציג יאָהר אלט, איך האָב מיך אנגעזעהן אין מיין לעבען גענוג שלעכטע מענשען, אָבער אזאַ ווילדען, גראָבען אונמענשליך גרויזאַמען כאַראַקטער, וויא מיין דאַמאַלסדיגער שיפֿסקאַפּיטאַן, האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן און איך בעט גאָט, איך זאָל עס אויך ניט זעהן.

דער ערשטער אָפֿיציער איז געווען ניט פֿיעל בעסער פֿון זיין קאַפּיטאַן. דער אונטערשיעד צווישען זיי איז געווען, וואָס דער ערשטער אָפֿיציער פֿלעגט ווייניג טרינקען. אזוי וויא דער שיפֿסקאַפּיטאַן פֿלעגט זעלטען זיין פֿעהיג צו קאָמאַנדירען דאָס שיף, פֿלעגט עס טאָהן דער ערשטער אָפֿיציער.

אויפ'ן שיף איז נאָך געווען א צווייטער אָפֿיציער. דאָס איז אָבער געווען א שטילער, רוהיגער מענש, וועלכער פֿלעגט זיך אין קיין זאַך ניט מישען און ווען ער פֿלעגט הייסען עפּעס טאָהן, פֿלעגט איהם קיינער ניט פֿאָלגען. ער פֿלעגט זיך האַלטען ווייט פֿון אלעמען און אלע פֿלעגען זיך דערווייטערן פֿון איהם.

דער צימערמאַן איז געווען אן אַלטער מאַן מיט א רויטער נאָז און מיט א העסליכעס געזיכט. נאָכ'ן ערשטען אָפֿיציער איז ער געווען דער עלטסטער אויפ'ן שיף. איהם פֿלעגען אלע פֿאָלגען און ער פֿלעגט קאָמאַנדירען דיא מאַטראָזען, וויא א פּרייסישער אונטער־אָפֿיציער קאָמאַנדירט זיינע סאָלדאַטען. דיא מאַטראָזען פֿלעגען ציטערן פֿאַר איהם.

איך האָב אנפֿאַנגס ניט פֿערשטאַנען, פֿאַר וואָס אלע האָבען אזוי מורא

געהאט פאר'ן צימערמאן. ערשט שפעטער, ליידער צו שפעט, בין איך געוואהר געווארען, וואס פאר א ראללע דער צימערמאן האט געשפיעלט אויף אונזער שיף.

דער פיערטער בעאמטער אויפ'ן שיף איז געוועזען דער קאך. דאס איז געוועזען א יונגער און קרעפטיגער נעגער. ער איז געוועזען דער אליין הערשער אין קיך און דער פערוואלטער פון דיא שפייזע קאמערן. ער איז געוועזען דער סטיוארד, פראוויאנט מייסטער פון דעם שיף. עסען, טרינקען און אלע אנדערע פראוויאנט איז געוועזען אונטער זיין האנד. דיא מאטראזען פלעגען זיך צושמייכלען צו איהם, ער זאל זיי געבען א גלעזעל ראם, אדער מעהר א שטיקעל פלייש.

איך מוז נאך זאגען א פאר ווערטער איבער דיא מאטראזען. איך האב שוין דערצעהלט, אז דאס שיף איז אריינגעקומען אין אונזער פארט מיט דער בראזיליאנישער פלאג אויף זיין זעגעלבוים. איך האב געמיינט, אז דאס איז א בראזיליאנישעס שיף און דיא מאטראזען דארפען רעדען פארטוגעזיש. צו מיין גרעסטען ערשטוינען, האבען דיא מאטראזען גערעדט אלע מעגליבע שפראכען פון דער וועלט. איינינע האבען גערעדט שפאניש, אנדערע האבען גערעדט פראנצוייזיש, ווידער אנדער האבען גערעדט דייטש; מיינסטענס האבען זיי גערעדט ענגליש.

אלע זיינען געוועזען ווילד, אונמענשליך פערדארבען, ניעדערטרעכטיג, אויסגעלאסען און גרויזאם, וויא דיא ווילדע טהיערע. זיי זיינען אבער געוועזען פיעל ערנער אלס דיא ווילדע טהיערע, ווייל זיי זיינען געוועזען קליגער פון ווילדע טהיערע. עס איז וואהר, אז צווישען זיי האבען זיך געפונען אויך גוטע מענשען, אבער נור צוויא. דאס בין איך געוואהר געווארען ערשט שפעטער.

שטעלט אייך פאר מיין לאגע. איך בין אנטלאפען פון גוטע עהרליבע עלטערן, וועלבע האבען מיך געליעבט און האבען מיך דערצויגען און געלערנט אלעס גוטעס. פון אזעלבע עלטערן בין איך, אום אריינצוטרעטען צווישען אזעלבע ווילדע אויסגעלאסענע און פערדארבענע מענשען, אנטלאפען.

וויא שרעקליך בין איך געוועזען בעשטראפט! וויא ביטער האב איך געפיהלט מיין פעהלער! איך וואלט אוועק געגעבען דרייא פיערטעל פון מיין לעבען דעם מענשען, וועלבער וואלט מיך צוריק געבראכט אהיים צו מיינע ליעבע עלטערן.— איך פלעג שיכטען און זידלען מיין אנקעל, וועלבער האט מיר דערצעהלט אזעלבע וואונדער געשיכטען פונ'ם מעער. — וויא גליקליך וואלט איך געוועזען, ווען איך וואלט געבליעבען אין דער היים!

ערשט שפעט, צו שפעט בין איך געוואהר געווארען, אז איך האב מיך אליין פערקויפט פאר א שקלאף. ווען דער שיפסקאפיטאן האט מיך אויפגענומען, האט ער מיר געגעבען א געדרוקטען בויגען פאפיער, איך זאל איהם אונטערשרייבען. איך האב איהם זאגאר ניט געלעזען און האב איהם אונטערשריעבען. שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז דאס איז געוועזען א קאנטראקט אויף פינף יאהר. אויף גאנצע פינף יאהר האב איך מיך פערקויפט מיט לייב און זעלע. זוי האבען מיר שפעטער געזאגט דער שיפסקאפיטאן און דער ערשטער אפיציער

איך האב געמוזט זיי גלויבען, ווייל פאר יעדע קלייניגקייט האט מען מיך געשלא־
גען אונבארמהערציג. קוים האב איך עפעס געטאהן ניט אזוי, ווי דער קאפי־
טאן האט געוואלט, האט ער גענומען דעם עק פון א שטריק מיט א קנופ אונטען
און האט מיך געשלאגען, וואו ער האט געטראפען: אויף די פלייצעס, אויפ'ן
רוקען, אויפ'ן בויך, אויפ'ן געזיכט, איבער די הענד און איבער די פיס.

איך האב ניט קיין ווערטער צו דערצעהלען און צו בעשרייבען, וואס איך
האב איבערגעליטען און וואס איך בין אויסגעשטאנען אויפ'ן שיף. וואס דער
שווארצער קאך פלעגט מיר געבען, פלעג איך מוזען עסען. אזוי וויא איך האב
קיין געלד ניט געהאט מיט מיר און איך האב ניט געהאט וואס צו שענקען דעם
נעגער, דעם סטיווארט, פלעגט ער מיר געבען צו עסען זאכען, וועלכע מען האט
געדארפט ארויסווארפען. א הונד וואלט זיי ניט געגעסען.

איך בין אנטלאפען פון מיינע עלטערן אין מיינע לייכטע זומערקליידער און
האב ניט מיטגענומען מיט מיר די קלענסטע זאך; איך האב דאהער ניט גע־
האט ניט קיין מאטראץ, ניט קיין האמאק, ניט קיין קישעלע, ניט קיין דעקע
(קאלדרע), ניט עפעס אונטערצובעטען זיך, ניט מיט עפעס צו צודעקען זיך. דאס
ערגסטע אבער איז געווען, וואס איך האב ניט גיהאט וואו צו שלאפען.

די מאטראזען פלעגען שלאפען אין פארקאסל — די פארדערסטע זייט
פונ'ם שיף. יעדער האט געהאט א באנק און פון אויבען איז געהאנגען א האמאק
(הענגע מאטע). פאר מיר איז קיין פלאץ ניט געווען וואו צו שלאפען. אין פאר־
קאסל פלעגען די מאטראזען האלטען זייערע קעסטלעך. יעדער מאטראז האט
געהאט זיין אייגענעם קאסטען. אזוי וויא אויפ'ן דעק פלעגט אמאל זיין זעהר
קאלט ביי נאכט, פלעג איך מיר ערלויבען אריינצוגעהן אין פארקאסל און מיך
צולעגען אויף די קאסטענס פון די מאטראזען. זיי האבען עס אבער דערזעהן,
האבען מיך געשלאגען און האבען מיך ארויסגעטריבען.

דער פוסבאדען אין פארקאסל פלעגט זיין שרעקליך שמוציג, אזוי וויא אויפ'ן
דעק פלעגט אבער זיין אפט זעהר קאלט, פלעג איך מיר ערלויבען צולעגען זיך
אויפ'ן פוסבאדען, אום איך זאל ווייניגסטענס מיך אביסעל אנווארימען. אבער
אויך דאס האט מען מיר ניט ערלויבט. די מאטראזען האבען מיך ארויסגעיאגט
פון פארקאסל און האבען מיר געזאגט, אז זיי וועלען מיר צוברעכען די ביינער,
ווען איך וועל מיך נאך אמאל לייגען אויפ'ן פוסבאדען לעבען זיי.

צו דעם אלעם האב איך נאך ניט געהאט קיין מינוט רוה. איך האב גע־
מוזט ארבייטען פון פינף אוהר אין דערפריה ביז אכט־ניין אוהר ביי נאכט. עס
איז ניט געווען קיין שמוציגסטע ארבייט, וואס איך האב ניט געמוזט טאהן. איך
פלעג מוזען רייניגען, קראצען, ראמען, קעהרען און וואשען אלע קאיוטען, און וויא
אפט האב איך דארט געפונען אזא שמוץ, פון וועלכען איך פלעג ברעכען מיט דער
גרינער גאלל.

דאס ערגסטע איז געווען, וואס איך פלעג מוזען בעדינען זאגאר דעם נעגער,
דעם קאך. אויך ער פלעגט מיך שלאגען אונבארמהערציג, ווען איך האב עפעס

געמאהן, ניט וויא ער האט געוואלט. ער פלעגט זעהר אפט מיך שלאגען צום פער־גינינגען, וייל וואו האט ער נאך געקענט האבען א געלעגענהייט צו שלאגען א ווייסען מענשען?

איך ווייס צוואר זעהר גוט, אז פיעלע מאטראָזען האבען דורכגעמאכט אזא שרעקליכע שולע, וען זיי זיינען אנגעקומען אויף א שיף. זיי האבען אבער אלץ געדיענט צווישען מענשען, איך אבער האב מיך געפונען צווישען ווילדע טהירע.

אך, וויא שרעקליך איז געוועזען מיין שטראפע דערפאר, וואס איך בין אנטלא־פען פון מיינע עלטערן!

8־טעס קאפיטעל.

א פריינד אין דער נויט.

אזוי זיינען פערגאנגען פיעלע שווערע און טרויעריגע טעג. איך האב איי־בערגעטראגען אלעס און האב מיך פאר קיינעם ניכט געקלאגט. פאר וועמען זאל איך מיך קלאָגען? ווער וועט מיך הערן? ווער וועט מיר אנטווארטען? ווער עס האט נור געקענט, דער האט זיך בעדיענט מיט מיר און האט מיך געשלאגען און געמארטערט. איך בין געוועזען פערצווייפעלט און האב ניט איין מאל געטראכט, איך זאל מיך אריינווארפען אין וואסער און זאל מיט איין מאל ענדיגען מיין לע־בען און מיינע ליידען. איך פלעג מיך אבער צוריקהאלטען. איך פלעג אלץ דענ־קען: מיר וועלען דאך אמאל צוקומען צו א פארט. דארט געפינט זיך געוויס אן ענגלישער קאנסול. איך וועל מיך ווענדען צו איהם, וועל איהם דערצעהלען מיין געשיכטע און וועל איהם בעטען, ער זאל מיך אפשיקען אהיים.

דיעזע האפנונג האט מיך אויפגעהאלטען ביים לעבען און איך האב דארום געליטען און געהאפט.

איין מאל האט מיר א צופאל פערשאפט א פריינד און א בעשיצער. עס איז וואהר, אז ער האט ניט געקענט מיך פערטהיידיגען און בעשיצען געגען דעם קאפיטאן און דעם ערשטען אפיציער, ער האט אבער מיך פערטהיידיגט און בע־שיצט געגען דיא גראבהייטען און דיא שלעג פון דיא איבעריגע מאטראָזען.

צווישען דיא מאטראָזען איז געוועזען אייגער מיט׳ן נאמען בען בראַס, אדער בנימין בראס, ער איז געוועזען איינער פון דיא בעסטע און פעהיגסטע מאטראָזען. ער איז נאך געוועזען גאנץ יונג און זעהר שטארק. פאר זיינע צוויי אייזערנע הענד האבען זיינע קאמעראדען געציטערט. דער שיפסקאפיטאן און דער ערשטער אפי־ציער האבען געוואוסט זיין ווערטה און, וויא גראב און ווילד זייא זיינען געוועזען, האבען זייא דאך געוואוסט, אז אין א שטורם אדער אין א נויט קענען זיי זיך פערלאזען אויף בען בראס גיכער, וויא אויף יעדען אנדערן. בען בראס האט גע־קענט פיהרען דאס שיף אזוי גוט וויא דער שיפסקאפיטאן און וויא דער ערשטער אפיציער.

וויא איך בין שפעטער געוואהר געווארען, האט בען בראס אויך געליטען

זעהר פיעל אין זיין לעבען. ער איז געוועזן א גוטער מענש פון דער נאטור, ער איז אבער פערגרעבט געווארען און פערווילדערט געווארען צווישען דיא ווילדע מענשען, מיט וועלכע ער האט געלעבט אין דער לעצטער צייט.

וויא קום איך אבער צו בען בראס? וויא קומט עס, וואס ער האט זיך אנגענומען פאר מיר? וויא אזוי איז ער געווארען מיין פריינד און בעשיצער?

איך האב שון דערצעהלט, אז דיא מאטראזען אויף דעם שיף האבען גע־רעדט אלע מעגליכע שפראכען. זיי זיינען ווירקליך געוועזן אנטלאפענע פערברע־כער, מערד'ער און רויבער פון אלע לענדער פון דער וועלט. זיי זיינען געוועזן דער אויסווארף פון דער גאנצער וועלט, דער אבשוים פון אלע שלעכטע מענשען פון אלע לענדער. נור דער דער טייפעל אליין האט געקענט צוזאמענברענגען אזוי פיעל פערגרעבטע, פערגאכלעסיגטע און פערווילדערטע מענשען.

בען בראס איז געוועזן א האלענדער. אויפ'ן שיף איז אבער געוועזן נאך א מאטראז, א פראנצויז מיט'ן נאמען לע־גרא (דער דיקער). דאס איז געוועזן א חויבער, שטארקער מאן פון איאהר עטליכע און דרייסיג מיט א ווילדעס געזיכט און מיט א ווילדען, גרויזאמען באראקטער. אין דיעזען מענשען זיינען געוועזן פער־אייניגט אלע שלעכטע אייגענשאפטען פון אלע מאטראזען צוזאמען. ער איז גע־וועזן דער ערגסטער פון זיי אלע. דערפאר איז ער אבער געוועזן א גוטער מאטראז, ניט ערגער פון בען בראס.

ווען מען זאל געוועזן פרעגען דעם שיפסקאפיטאן, ווער עס איז א בעסערער מאטראז: בען בראס אדער לע־גרא? וואלט ער ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. זיי זיינעןביידע געוועזן גוטע מאטראזען. דערפאר פלעגען זיי האסען איינער דעם אנדערן. יעדער פון זיי האט געוואלט זיין דער ערשטער. יעדער האט זיך גע־האלטען פאר'ן בעסטען און פעהיגסטען מענשען אויפ'ן שיף.

זייט איך בין אנגעקומען אויפ'ן שיף, פלעגט לע־גרא מיך פערפאלגען און בעליידיגען ביי יעדער געלעגענהייט. איין מאל האט ער מיר געהייסען אויסוואשען זיין וועש. איך האב עס געמאהן, וויא איך האב געקענט. איהם איז מיין אר־בייט ניט געפעלען. ער האט אנגעהויבען מיך צו שלאגען און האט מיר געגעבען אזא זעץ אין געזיכט, אז עס האט אנגעהויבען צו גיעסען זיך בלוט פון מיין נאז און פון מיין מויל.

אין דיעזע מינוט איז אנגעקומען בען בראס און האט דערזעהן, וויא איך שטעה א פערבלוטיגטער. עס האט איהם פערקלעמט ביים הארצען. אין איהם האט זיך אויפגעחאפט דאס מענשליכע געפיהל. אין איהם האט אויפגעפלאקערט א פונק פון מיטלייד און מיטגעפיהל. — ער איז צוגעלאפען צום מאטראז לע־גרא און האט איהם געגעבען אמראך אין דער פלייצע, אז לע־גרא האט זיך איבערגע־קעהרט און איז אומגעפאלען אויפ'ן דעק. ער איז אבער באלד אויפגעשפרונגען און האט צונויפגעלעגט דיא הענד אין שטארקע פויסטען.

בען בראס האט זיך פאר איהם ניט איבערגעשראקען. ער האט אויך אויס־געשטעלט זיינע שטארקע הענד.

אלע מאטראזען זיינען זיך צונויפגעלאפען און האבען זיך ארומגעשטעלט ארום ביידע נעגגער.

— זיך שלאגען! זיך פיימען! „נא קולאטשקי"! — האט מען געשריען פון אלע זייטען.

בען בראס און לענגרא האבען זיך געשטעלט איינער געגען דעם אנדערן און האבען זיך פערטיג געמאכט צו א פויסט קאמפף. וויא טרויעריג און ניעדערגע־שלאגען איך בין געוועזן, האב איך דאך בעמערקט מיט שטוינען, אז קיינער מישט זיך נים אריין אין דיעזעם געשלעג; קיינער וויל איהם נים שטערען. זאגאר דיא עלטסטע פונ'ם שיף: דער שיפסקאפיטאן, ביידע אפיציערען, דער צימערמאן און דער שווארצער קאך, וועלכע זיינען געוואהנט געווארען, אז מען וויל זיך שלאגען און זיינען געקומען צו לויפען. זאגאר זיי זיינען געשטאנען שטיל און האבען גע־קוקט אויף דיא צוויא ווילדע מאטראזען, וועלכע זיינען געשטאנען איינער געגען אנדערן, וויא צוויא גערייצטע טיגער.

דאס האב איך אויך קיין מאל נים געקענט פערשטעהן. איך האב נים געוואגט צו פרעגען. מען וואלט מיר נים געענטפערט. איך האב נים פערשטאַ־נען פיעלע זאכען, וואס זיינען פארגעקומען אויף אונזער שיף. אך! ערשט שפע־טער, שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אויף וואס פאר א שיף איך געפין מיך דאן האב איך אלעס פערשטאנען.

דאס געשלעג האט זיך באלד אנגעהויבען. לענגרא איז פיעלייכט געוועזן שטארקער אלס בען בראס. דערפאר אבער איז בען געוועזן פלינקער און געשיקטער. ער איז געוועזן א באָקסער, א שלעגער, א געלערנטער און געאיבטער שלעגער. אין איינינע מינוט איז לענגרא געוועזן צושלאגען, וויא א וויינינער עפעל, און ארום זיינע אויגען האבען זיך געוויזען צוויא גרויסע, שווארצע רעדער. צו לעצט האט איהם בען בראס דערלאנגט א זעץ אין בויך, אז דער פראנצוז איז אומגעפאלען, וויא א בוים, וועלכען מען האט אונטער געזעגט.

— נא דיר, פראנצייזישער הונט! האט בען בראס אויסגערופען דערביי, — דוא וועסט מיך שוין געדענקען! וועסט דוא נאך א מאל וואגען צו שלאגען דיעזען יונגע, וועל איך דיר נאך מעהר געבען.

בען בראס האט זיך דאן געווענדעט צו אלע מאטראזען, האט זיי געוויזען אויף מיך און האט זיי געזאגט אין דער הויך:

— איך זאג אייך אלעמען, איהר זאלט נים אנריהרען דיעזען אונגליקליכען יונגג. ער איז דאך נאך אקינד. ווער עס וועט אויף איהם אפינגער לייגען, דעם וועל איך ווייזען, ווער עס איז עלטער.

מיט דיעזע ווערטער איז ער זיך אוועקגעגאנגען און האט זיך אנידערגע־זעצט אויף דיא שטריק־לייטער פון אזעגעלבוים, גלייך וויא ער האט געוואלט זעהן פון דער הויך, אויב מען פאלגט איהם.

לענגרא איז קראנק גיוועזן עטליכע טעג, זיין שטארקע נאטור האט אויסגע־האלטען, און ער איז באלד געזונד געווארען.

פון דיעזער צייט אָן האט קיינער פון דיא מאַטראָזען ניט געוואַגט מיך אנצוריהרען. ווען איך פלעג בעגעגנען לעגראַ, פלעגט ער וואַרפען אויף מיר א בייזען, ווילדען בליק, גלייך וויא ער האט געוואָלט מיך איינשלינגען. ער פלעגט אבער באַלד אוועקגעהן, בען בראַס האט איהם געגעבען א גוטע לעקציאָן. דיא איבעריגע מאַטראָזען פונ׳ם שיף האבען מיך אויך געלאָזען צו רוה.

מיינט אבער ניט, אז מיין לאַגע איז דורך דעם געוואָרען פיעל בעסער. דער שיפסקאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציער און דער צימערמאַן פלעגען מיך נאָך שלאגען און בעליידיגען. וויא פריהער. איך האב נאָך געאַרבייט שווער און ביטער, וויא פריהער. דיא מאַטראָזען אבער האבען אויפגעהערט מיך צו שלאגען און מיך צו מאַטערן ביי יעדער געלעגענהייט.

4טעס קאַפּיטעל.

דיא ארדנונג אויף אונזער שיף.

וויא האט געהייסען דאס שיף, אויף וועלכען איך האב אזוי פיעל געליטען? דאס וועט איהר געוויס וועלען וויסען. ליידער, דאס וויים איך אויך ניכט. ווען עס איז אנגעקומען אין אונזער פאָרט, האב איך איבערגעלעזען אויף דיא וואַנט פונ׳ם שיף דעם נאמען „דאָם פעדראָ.“ שפּעטער, ווען מיר זיינען גיוועז אין דער מיט פונ׳ם גרויסען וועלטמעער, איז דער נאמען „דאָם פעדראָ“ פערשוואונדען און אנשטאַט איהם האט זיך געוויזען דער נאמען „ראַפּינאַ.“ פאר מיר איז עס געוועזן גאַנץ גלייך. אזוי וויא איך האב ניט פערשטאַנען, פאר וואס עס האט געהייסען „דאָם פעדראָ,“ אזוי האב איך ניט פערשטאַנען, פאר וואס עס הייסט יעצט ראַפּינאַ·“ איך האב נור ניט פערשטאַנען, פאר וואס מען האט דעם שיף פלוצלינג געגעבען אַנ׳אנדער נאמען.

איך האב ניט פערשטאַנען פיעלע אנדערע זאַכען. איך האָב געזעהן, אז אויף דער „ראַפּינאַ“ געפינען זיך עטליכע און זעכציג מאַטראָזען. איך בין צוואַר נאָך געוועזן זעהר יונג און האב ניט געוואוסט, וויפיעל מאַטראָזען דאַרפען זיך געפונען אויף א שיף, וויא דיא „ראַפּינאַ,“ אום זיא צו רעגירן. דאס אבער האב איך באַלד בעמערקט. דיא גרעסטע העלפט פון דיא מאַטראָזען, פלעגט זיצען לעדיג. זייא האבען גאר קיין ארבייט ניט געהאַט. עס פלעגען זיין בעשעפטיגט צעהן—פופצעהן מאַן יעדען טאג, דיא איבעריגע פלעגען עסען, טרינקען, שלאפען, שפּיעלען אין קאַרטען, קריעגען זיך און זעהר אָפט שלאגען זיך.

— צו וואס דאַרף מען אזוי פיעל מאַטראָזען? פלעג איך זעהר אָפט פרעגען זיך אליין — עס איז וואָהר, דער שיפסקאַפּיטאַן איז מעהר שיכור, וויא ניכטער. אזוי פיעל דאַרף ער אבער דאָך פערשטעהן, אז דיא איבעריגע מאַטראָזען קאָסטען איהם דאָך זעהר טהייער.

דאַן האב איך ווידער בעמערקט, אז דיא מאַטראָזען האבען בייא זיך גאַנצע קריעג מיט ראָם און בעטרינקען זיך יעדען טאג. וויא יונג איך בין גיוועז,

האב איך דאך געוואוסט, אז מאטראזען אויף א שיף טארען ניט טרינקען און איבעריג גלעזעל. זייא טארען ניט זיין בעטרונקען, ווייל דיא זיכערהייט פון דעם שיף פאדערט, אז אלע זאלען זיין ניכטער. וויא קומט עס אלזא, וואס דיא מאטראזען פון דער „ראפינא" זיינען בעטרונקען גאנצע טעג און קיינער זאגט זיי ניט א ווארט?

איך האב ווייטער בעמערקט, אז דיא מאטראזען קימערן זיך זעהר ווענינ וועגען שיפסקאפיטאן. ניט אלע פאלגען אוים, וואס ער הייסט זייא. איך האב געוואוסט, אז יעדער שיפסקאפיטאן איז אויף זיין שיף א קייסער, א[illegible]אליין הערשער. אלע זיינע בעפעהלע מוזען אויסגעפיהרט ווערן פינקטליך און וויא מעגליך שנעל. אויף א שיף מוז עס אזוי זיין. דאס לעבען פון אלעמען און דאס שיקזאל פון דעם גאנצען שיף העננט א מאל אפ פון דער אויספיהרונג פון דעם קאפיטאן'ס בעפעהל. אויף דער „ראפינא" אבער האט יעדער געטאהן, וואס ער האט געוואלט. נור אין א גרויסער געפאהר, אין דער צייט פון א שטורם, פלענען דיא מאטראזען פאלגען, וואס דער שיפסקאפיטאן האט זיי געהייסען, אבער אויך דאמאלס פלעגען זיי עס טאהן נור דערפאר, ווייל זיי האבען געוואלט רעטען זייער אייגענעם לעבען.

דיעזע אלע פראגען האב איך מיר זעהר אפט געשטעלט, איך האב אבער ניט געקענט געבען קיין אנטווארט אויף זיי און איך האב ניט געהאט צו וועמען זיך צו ווענדען נאך אן ערקלערונג.

זייט בען בראס האט זיך אנגענוממען פאר מיר, האט מיין לאגע אנגעהויבען צו ווערן פיעל בעסער. מען האט אנגעהויבען צו געבען מיר מיין פארציאן עסען גלייך מיט אלע מאטראזען, מען פלעגט מיך שוין לאזען שלאפען אין פארקאסל, מען האט מיר זאגאר ערלויבט צו לעגען זיך אויף א קאסטען. דאס איז שוין געוועזן א גליק פאר מיר.

ווען עס געהט א מענשען גוט, געהט עס פון אלע זייטען. קוים האט זיך מיין לאגע אנגעהויבען צו פערבעסערן, האט מיר שון אנגעהייבען גוט צו געהן. איינער פון בען בראס גוטע פריינד האט מיר געשענקט אן אלטע דעקע (קאלדרע). איהר קענט אייך לייכט דענקען, וויא גליקליך איך בין געווען, ווען איך האב געהאט וואס זיך אונטער צו בעטען און מיט וואס זיך צו צודעקען.

בען בראס האט מיר געשענקט א מאטראזען מעסער. דאס איז אויך זעהר א נעטהיגע זאך אויף א שיף. אנ'אנדער מאטראז האט מיר געשענקט אן אלטעס העמד. איך האב אייך שוין דערצעהלט, אז איך בין אנטלאפען פון מיינע עלטערן נור אין מיינע זומער קליידער. איך האב געהאט נור דאס העמד, אין וועלכען איך בין אנטלאפען. דיעזעס העמד איז צופאלען געווארען אויף מיין לייב פון דער שווערער און שמוציגער ארבייט. איך פלעג צונויפבינדען, צונויפקניפען דיא שטיקער העמד, אום איך זאל ניט געהן גאנץ נאקעט. ענדליך אבער איז דאס העמד אזוי צופאלען, אז איך האב געמוזט זיא אוועקווארפען.

יעצט קענט איהר פערשטעהן, וויא דאנקבאר איך בין געווען דעם מאט-

ראָז, וועלכער האט מיר געשענקט א העמד. עס איז צוואר געוועזען קיין באטיסט העמד, אבער דאָך א העמד, וועלכעס האט פערדעקט מיין צושלאָגענעם קער־פער.

אנדערע מאטראָזען האבען מיר געשענקט קלייניגקייטען. בעזאָנדערס דאנקבאר בין איך געוועזען איינעם, וועלכער האט מיר געשענקט א וואסערדיכטען מאטראָזען מאנטעל. דאס איז א נאָטהווענדיגקייט אויף א שיף. ביז אהער ווען עס פלעגט רעגענען, אדער ווען דאס מעער איז געווען אונרוהיג און פלעגט שפריצען זיינע געזאלצענע וואסערן אויפ׳ן דעק, פלעג איך דורכגענעצט ווערן ביז אין דיא ביינער. אויף מיין לייב האבען זיך געוויעזען קרעץ און וואונדען פון דעם געזאלצענעם וואסער. יעצט האב איך שוין געקענט שמאַלצירען אין מיין געלען וואסערדיכטען מאנטעל. איך האב שוין קיין מורא ניט געהאט פאר דאס זאלץ וואסער פונ׳ם מעער.

דענאָך מיינט ניט, אז מיר איז געווען גוט. איך פלעג ארבייטען איבער מיינע קרעפטע, וויא פריהער און דער שיפסקאפיטאן, דער ערשטער אָפיציער, דער צימערמאן און דער קאָך, דער נעגער, פלעגען מיך שלאגען אונבארמהערציג, וויא פריהער. דער אונטערשיעד איז נור געווען, וואס זייט בען בראס האט זיך אנגענומען פאר מיר, האב איך געהאט וואו צו שלאפען און פלעג שוין מעהר ניט ליידען קיין הונגער.

איך קען מיך איינענטליך דארויף ניט בעקלאגען, ווייל אזוי איז שוין איינגעפיהרט אויף אלע שיפען. דעם יונג אדער דעם נייעם מאטראָז בעהאנדעלט מען געוועהנליך זעהר שלעכט. דיא יונגע מאטראָזען אויף דיא ענגלישע קריעגס שיפען ליידען זעהר אָפט פיעל מעהר פון מיר. איך האב עס אבער דאמאלס ניט געוואוסט, איך בין דאָך דאמאלס געווען נאָך א קינד; יעצט ערשט וויים איך, וויא ווייט מען האט מיך שלעכט בעהאנדעלט אויף דער „ראפינא“ און וואס עס איז געווען דיא הויפטזאכע, וואס מיר האט דארט געפעהלט.

6־טעס קאפיטעל.

א פאר ווערטער איבער דיא איינריכטונג פון א שיף.

ווען איך האָב צום ערשטען מאל גערעדט מיט דעם שיפסקאפיטאן פון דער „ראפינא“, האָב איך איהם געבעטען, ער זאל מיך לערנען צו זיין א מאטראָז. איך האָב געוואלט קענען אלעס, וואס עס טהוט איך אויף א שיף. איך האָב געוואלט וויסען, וויא יעדע זאך הייסט און צו וואס זיא ניצט.

דער שיפסקאפיטאן האָט מיר אלעס צוגעזאגט. קוים אבער בין איך געווען אויפ׳ן שיף, האט ער אן אלעס פערגעסען. איך בין גיווען אויפ׳ן שיף שוין זעקס וואכען און האָב ניט אנגעהייבען צו וויסען, צו וואס מען דארף דאָס קליינסטע שטריקעל. איך האָב געהאט געגוג געלעגענהייט צו הערן, וויא מען האט געהייסען א מאטראָז ארויפקריעכען אויף דעם פאָק מאסט און צו רעכט מאכען א רעע.

איך האָב אבער ניט געוואוסט, וועלכער זעגעלבוים הייסט פאק מאסט, וואס עס הייסט א רעע און וואס מען דארף דארט צו רעכט מאכען.

איך האָב מיך אויסגעלערנט עטליכע ווערטער פון דער שיפס שפראכע און מעהר האב איך ניט געוואוסט. דאס פלעגט מיך אפט זעהר קרענקען. ווען איך בין שוין אויף א שיף און ווען איך לייד שוין אזוי פיעל, לאָמיך וועניגסטענס עפעס לערנען. לאמיך וועניגסטענס עפעס קענען.

ליידער, האָב איך ניט געהאט וועמען עס צו זאגען. דער שיפסקאפיטאן וואלט מיך געשלאגען צו טויט, ווען איך וואלט איהם געזאגט א ווארט. איך האב דאהער געמוזט שווייגען. איך האָב צוואר געקענט פרעגען בען בראם אדער אנ'אנדער מאטראז, איך האָב אבער געהאט וועניג צייט צו לערנען זיך די קונסט צו ווערן א מאטראז.

איינע פון די שווערסטע ארבייטען פאר א מאטראז איז דאס קלעטערן אויף די שטריקלייטער אויף די זעגעל בייכער. דערצו מוז מען זיך געוועהנען. ווען מען קריעכט ארויף גאנץ הויך אויפ'ן זעגעל בוים צום ערשטען מאל, פערדרעהט זיך אמאל דער קאפ און עס הייבט אן צו שווינדלען פאר די אויגען. ארויפקלעטערן גאנץ הויך ביז צום שפיץ פונ'ם זעגעלבוים איז א שטיק ארבייט, וועלכע ניט יעדער מאטראז קען בעוויזען.

איך האָב עס געוואוסט זעהער גוט און האב זעהר געוואלט עפעס לערנען. יעדעס מאל, ווען איך האב געהאט איינינע מינוטען פרייע צייט, פלעג איך מיך לערנען ארויפקלעטערן אויף די שטריקלייטער.

איך מוז דא זאגען א פאר ווערטער איבער די איינריכטונג פון א זעגעל שיף. מיינע לעזער וועלען מיר ענטשולדיגען, וואס איך מוז אויף איינינע מינוט אונטערברעכען מיין ערצעהלונג. יעדער וויל געוויס וויסען, וויא אזוי א שיף איז איינגעריכטעט.

יעדעס גרויסע זעגעלשיף האט דרייא זעגעלבוימער, (מאסטען). דער זעגעלבוים פון פארנט, די נאז פון דער שיף, הייסט דער פאק מאסט. דער זעגעלבוים אין דער מיט פון דעם שיף הייסט דער גראס מאסט. דאָס איז דער הויפט זעגעל פונ'ם שיף. ער האלט אויף דאס גאנצע שיף און זיינע זעגעל רעגיערן דאס גאנצע שיף. דער דריטער זעגעלבוים הייסט דער אָפט מאסט. פון איין זעגעלבוים צום אנדערן ציעהט זיך א דראטהענער שטריק.

דער „גראס מאסט“ אדער דער מיטעלסטער זעגעלבוים בעשטעהט ניט פון איין שטיק האלץ, פון איין בוים. ער בעשטעהט געוועהנליך פון דרייא פערשיעדענע שטיקער, פון דרייא פערשיעדענע טהיילע. יעדעס טהייל האָט א בעזאנדערן נאמען. ווען דער ערשטער טהייל ענדיגט זיך, געפינט זיך דאָרט א קיילעכדיג אדער האלב קיילעכדיג בריקעל, אדער א סארט דעכעל. פון דיזעס בריקעל הייבט זיך אן דער צווייטער טהייל פונ'ם זעגעלבוים.

די שטריקלייטער ציהען זיך געוועהנליך נור ביז אין צווייטען טהייל פונ'ם זעגעלבוים. פון דעם צווייטען טהייל ביז אין דריטען, דאס הייסט, ביז אין שפיץ

פוקים זעגעלבוים ציעהען זיך נור עטליכע שטריק. אויבען, אויף'ן קנאָפּ פוקים זעגעלבוים געפינט זיך דער דראטה שטריק, וועלכער האלט צוזאמען אלע דרייא זעגעלבוימער.

דאס ערשטע מאל וואס איך האב געהאט אביסעל צייט, בין איך ארויפ־געקלעטערט אויף'ן ערשטען זעגעלבוים ביז צום בריקעל אדער דאס „וויעגעלע", וויא דיא מאטראזען רופען עס. פון קינדווייס אן פלעג איך וועלען זיין אויף דיעזעם בריקעל און פון דארטען, פון דערהויך בעטראכטען דאס מעער. איך פלעג מיר פארשטעלען, אז עס קען ניט זיין קיין גרעסערער פערגניגען, אלס צו זיצען דארט אין דערהויך און אראפּצוקוקען אויף'ן מעער, אויף דאס שיף און דיא מאטראזען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז מיין ערשטע ארבייט, ריכטיגער געזאגט, מיין ערשטער פערגניגען אויף דער „ראפינא" איז געווען ארויף צוקלעטערן אויף דעם גראָס מאסט און זיך צו זעצען אויף דעם בריקעל. איך האב באלד פערשטאַנען, פאר וואס דיא מאטראזען רופען עס דאס „וויעגעלע". דאס בריקעל שאָקעלט און וויעגט זיך, וויא א גוטעס, ווייכעס וויעגעלע. עס איז ווירקליך א וויעגעלע און עס איז ווירקליך א פערגניגען דארט צו זיצען און צו בעטראכטען דאס רוי־שענדע מעער

דיא איינציגע פרייע צייט וואס איך האב געהאט, פלעגט זיין פאר נאכט אדער זונטאג נאכמיטטאג. קוים האב איך איין מאל פערזוכט דאס פערגניגען צו זיצען אייניגע מינוט אין „וויעגעלע", האט עס מיך שוין געצויגען אהין וויא א מאגנעט. ווען איך פלעג נור האבען צייט, ווען איך פלעג נור קענען מיך אוועק־גנבענען פון שיפסקאפּיטאן אדער פון ערשטען אפיציער, פלעג איך ארויפקלעטערן אויף'ן גראָס מאסט און פלעג מיך אנידערזעצען אין „וויעגעלע".

דארט פלעג איך מיך דערמאנען אן מיינע עלטערן, אן מיינע ברידער און שוועסטער; דארט פלעג איך טראכטען, וויא אזוי צו אנטלויפען פון דער „רא־פינא". דארט פלעג איך מיר אויסוויינען מיין ביטער הארץ און צו מאל פלעג איך דארט אנשלאָפען ווערען. איך שעהם מיך ניט צו זאָגען, אז איך פלעג אומיסטען קומען אהין אום זיך אוסצורוהען אביסעל פון מיין שווערע, ביטערע און געוועהנליך, זעהר שמוציגע ארבייט.

דיא אכטע וואך נאך אונזער אפרייזען פון מיין היים, אין א זונטאג נאך מיטטאג, האב איך ווידער בענוצט דיא געלעגענהייט ארויפצוקריכען אויף מיין ליעבלינגספלאץ — אויף דעם „וויעגעלע". דאס וועטער איז געווען זעהר שעהן. דיא זון האט געברענט אויף'ן דעק. דאס מעער איז געווען גלאט וויא א שפיע־געל און רוהיג, וויא אין א שיסעל וואסער. דער שיפסקאפּיטאן איז געווען בע־טרונקען, וויא געוועהנליך. דיא מאטראַזען האבען ניט געהאט וואס צו טאהן און האבען געשפּיעלט אין קארטען. דער ערשטער אפיציער האט זיך געלעגט שלאָפען. קיינער האט מיך ניט געדארפט. איך בין ארויפגעקראָכען אויף'ן זעגעל־בוים, האב מיך אנידערגעזעצט אין „וויעגעלע" און האב מיך פערטראכט. דאס

מאל האט עס געוויענט אזוי שטיל און אזוי אנגענעהם, אז איך בין באלד אנט־שלאפען געווארען.

וויא לאנג איך האב געשלאפען האב איך ניט געקענט וויסען. איך בין געשלאפען געשמאק און האב געטרוימט פון מיינע עלטערן, פון מיין היים, פון מיינע ברידער און שוועסטער. עס האט זיך מיר אויסגעוויעזען, אז איך בין ווידער ביי זיי, רעד מיט זיי און פרעה מיך מיט זיי. איך בין געווען גליקליך.

פלוצלונג האב איך געפיהלט א שטארקען זעץ איבער דיא פיס. איך האב מיך אויפגעהאפט פון מיין זיסען שלאף, בין אויפגעשפרונגען און האב דערזעהן לעבען מיר דעם מאטראז לע־גראַ מיט א שטריק אין דער האנד.

ער האט אויפגעהויבען דעם שטריק, ריכטיגער געזאגט, דאס ענדע פון א שטריק מיט א קנופ אונטען און האט מיר געוואלט געבען נאך א זעץ איבער דיא נאקעטע פיס. איך האב געוואלט אויסמיידען דעם צווייטען זעץ און האב אנגע־הויבען צו קלעטערן העכער. דאס איז געווען דאס איינציגע מיטעל זיך צו רעטען פון זיינע שלעג.

איך מוז דא בעמערקען פאר דיא מענשען, וואס וויסען עס ניט, אז א זעץ מיט'ן פערקניפט'ן עק פ'ן א שטריק, בעזאנדערס פון א שטריק פון א שיף, טהוט שרעקליך וועה. ווען מען גיט א שטארקען זעץ מיט אזא שטריק אויף דער נא־קעטער פלייצע, שפריצט אפט ארויס בלוט פון דער פלייצע. דיא שטריק אויף א שיף זיינען מייסטענס פערגאסען מיט פעך. זיי ווערן הארט וויא אייזען און פרעסען זיך איין אין מענשליכען לייב, ווען מען שלאגט מיט זיי.

מען קען זיך לייכט דענקען, וויא איך האב געציטערט פאר אזא שטריק. איך בין דאהער ארויפגעקלעטערט אביסעל העכער און האב מיך אומגעקוקט.

מיר איז געווען א וואונדער, וואס לע־גראַ וואנט עס מיך צושלאגען. זייט בען־בראס האט איהם אנגעזאגט, ער זאל מיך ניט אנריהרען, פלעגט לע־גראַ מיך אויסמיידען און פלעגט ניט קוקען אויף מיר. וויא קומט עס אלזא, וואס ער האט גאנץ פלוצלונג אנגעהויבען מיך ווידער צו שלאגען? וויא קומט עס, וואס ער האט קיין מורא ניט פאר מיין בעשיצער? — איך מוז שרייען. בען בראס וועט מיך דערהערן און וועט מיך נאך אמאל בעפרייען פון דיעזען גראבען און ווילדען מענשען.

דיעזע געדאנקען זיינען דורכגעלאפען, וויא א בליץ, דורך מיין קאפ. איך האב אראפגעקוקט אויפ'ן דעק און האב געוואלט א געשריי טאהן: בראס! בען־בראס! אבער מיין שטימע איז דערשטיקט געווארען אין מיין האלז, ווען איך האב דערזעהן אויפ'ן דעק דעם שיפסקאפיטאן און זיין ערשטען אפיציער. איך האב געזעהן, וויא זיי קוקען אויף מיר און מיין בלוט איז פערקיהלט געווארען אין מיינע אדערן.

יעצט האב איך אלעס פערשטאנען. לע־גראַ וואלט מורא געהאט מיך צו שלאגען, ווען דער שיפסקאפיטאן זאל עס איהם ניט געווען הייסען.

— „יעצט בין איך פערלארען"‚— האב איך מיך געטראכט,—לע־גרא װעט זיך נוקם זיין פאר דיא שלעג, װעלכע ער האט בעקומען דורך מיך פון בען בראס.

אזוי װיא איך האב געװאוסט, אז לעגרא איז זעהר שטארק און ער קען מיך טייטען מיט זיינע שלעג, האב איך געזוכט מיך צו רעטען, װיא איך האב געקענט. דער איינציגער װעג מיך צו רעטען איז געװען צו אנטלויפען. װאוהין אנטלויפען אבער? — אין דער הויך!

פלוצלונג האב איך דערהערט א געשריי פון אונטען:

— שלאג דעם פוילען יונג! העננ איהם! מיט'ן שטריק, לע־גרא! —דער טויגעניכטס! ער האט זיך גאר געלעגט שלאפען אין מיטען טאג!

דאס האט געשריען דער ערשטער אפיציער. לעגרא האט איהם געפאלגט. ער האט אויפגעהויבען דעם הארטען, שטייפען שטריק און האט אנגעהויבען צו שלאגען אויף מיינע נאקעטע פיס.

בעשרייבען דעם שמערץ, װאס איך האב דאמאלס געפיהלט, בין איך ניט אים שטאנדע. יעדער זעץ מיט'ן שטריק, װאס לעגרא האט מיר געגעבען, האב איך געפיהלט, װיא מען לעגט צו א הייסען אייזען צום קערפער.

— טרייב איהם ארויף צום שפיץ פון'ם זעגעלבוים! — האט געשריען דער שיפסקאפיטאן,—לערן איהם צו װערן א מאטראז! טרייב איהם לעגרא!

דערביי האט ער זיך צולאכט מיט א װילדען געלעכטער פון א בעטרונקע־נעם. לעגרא האט איהם געפאלגט און האט אנגעהויבען מיך צו טרייבען אין דער הויך.

אזוי, װיא ער איז געװען א געאיבטער מאטראז, האט ער געקלעטערט אויף דיא שטריק לייטער שנעלער פון מיר. עס האט זיך אנגעהויבען א זאנדערבארע יאגד. לעגרא האט געהאלטען אין איין האנד דעם שטריק און מיט דער אנדע־רער האנד האט ער געקלעטערט נאך מיר אויף דיא שטריק לייטער.

— ארויף! העכער! — האט ער געשריען, װיא א װילדעס טהיר. — גנה ארויף! לויף! לאז ער לויפען ביז צום שפיץ פון'ם זעגעלבוים!

לעגרא האט איהם געפאלגט. ער האט באנוצט דיא געלעגענהייט און האט מיך געיאגט, װיא װייט ער האט געקענט.

6טעם קאפיטעל.

ארא פגעפאלען.

אנפאנגס האב איך געקלעטערט גאנץ שנעל און האב געזוכט אויסצומיי־דען דיא שלעג מיט'ן שטריק, װעלכע לעגרא האט מיר געשענקט.

דאס האט אבער געדויערט ניט לאנג. ערשטענס, בין איך נאך ניט גע־װען געװאוינט צו קלעטערן אויף דיא שטריק פונ'ם זעגעלבוים. צװייטענס, האב איך אויך מעהר ניט געקאנט. װער עס האט גוט בעטראכט א זעגעל שיף, דער האט געװיס בעמערקט, אז דיא שטריקלייטער געהט העכסטענס ביז צום צװייר

טען מחייל פון דעם הויפט מאסט, גראסמאסט, הויפט זעגעלבוים. העכער געהט נור א דיעגער שטריק פון דראהט.

קוים בין איך געקומען צו דעם ארט, וואו דיא שטריקלייטער האט זיך געענדיגט, האב איך געמוזט בלייבען שטעהן א פאר מינוט. זאגאר אנ'אלטער מאטראז קען ניט אזוי לייכט זיך אריבערחאפען פון דער שטריקלייטער אויפ'ן שטריק, בעזאנדערס פאר מיר, א קינד, וועלכער האט נאך קיין מאל ניט פראבירט ארויפקלעטערן אויף א הויכען בוים, איז דאס געווען א שווערע אויפגאבע.

איך האב געמוזט מיך אויסרוהען. איך האב געמוזט בלייבען שטעהן, אייד ער איך האב מיך אנגעחאפט אן שטריק. איך האב געמוזט מיך פערהאלטען רוהיג אייניגע מינוט. לעגרא אבער האט עס ניט געמוזט. ער האט געהאלטען דעם שטריק אין דיא הענד און האט איהם בענוצט. וויא א רעגען זיינען געפאלען דיא שלעג אויף מיין נאקעטען קערפער. יעדער זעץ מיט'ן שטריק האט ארויסגעריסען פון מיין לייב א שטיק פלייש.

איך האב געמוזט אנטלויפען. איך האב געמוזט אריבער שפרינגען און מיך אנחאפען אן שטריק. איך האב געמוזט מיך רעטען. איך בין יעצט געהאנגען אין דער לופט. מיטביידע הענד האב איך ארומגעחאפט דעם שטריק און האב געקלעטערט, וויא ווייט מיינע קרעפטע האבען מיר ערלויבט.

וויא לאנג אבער קענען אויסהאלטען דיא קרעפטע פון א יונגען מענשען פון זיעבעצעהן יאהר? איך בין באלד מיעד געווארען. איך האב אקוק געטאהן אויפ'ן דעק. דיא מענשען האבען אויסגעוויעזען, וויא פליעגען. דיא שיף אליין האט מיר אויסגעוויעזען, וויא א גרויסעס פאס. ווער עס איז קיין מאל ניט געוועזען אויפ'ן שפיץ פון אזעגעלבוים, דער קען גאר קיין בעגריעף ניט האבען, וואס פאר אנ'אויסזיכט מען האט פון אויבען. דער מענש הייבט ערשט דאן אן צו פיהלען, וויא קליין ער איז.

איך האב אבער קיין צייט נעהאט לאנג צו טראכטען. דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען בין איך ארויפגעקלעטערט אזוי הויך; צום ערשטען מאל אין מיין לעבען בין איך געווען אזוי איבערראשט פונ'ם גרויסען וועלט מעער ארום מיר — און איך האב קיין צייט געהאט צובעטראכטען דיעזעס גראסארטיגע בילד: אונטער מיר איז געשטאנען לעגרא מיט דעם שטריק אין דער האנד.

איך האב געמוזט ווייטער קלעטערן, איך האב געמוזט קריעכען העכער און העכער. מיינע הענד זיינען געווען צוקראצט און צו בלוטיגט פון דעם אייזערנעם שטריק. מיינע פיס זיינען געווען פערוואונדעט און צו שלאגען פונ'ם שטריק. איך האב מיך מעהר ניט געקענט האלטען. דער קאפ האט מיר אנגעהייבען צו שווינדלען. עס איז מיר געווארען פינסטער אין דיא אויגען און איך האב מעהר ניט געקענט אטהעמען.

— ווייטער! העכער! טרייב איהם ווייטער! האט געשריען דער שיפסקאפיטאן — לערן איהם אויס, לעגרא!

— האלט איין! האט געשריען אנ'אנדערע שטימע — האלט איין! ער איז אין געפאהר! ער קען נאך אראפפאלען!

דיעזע שטימע אבער האב איך קוים, קוים געהערט. איך האב געוואלט קריעכען ווייטער, האב מיך אשאקעל געטאהן, האב מיך אויסגעגליצט און בין אראפגעפאלען!

וואס ווייטער איז געוועזן מיט מיר, האב איך ניט געוואוסט. איך האב נאר ניט געפיהלט און האב ניט געוואוסט, וואס עס טוהט זיך מיט מיר—. ווען איך האב געעפענט דיא אויגען, האב איך געזעהן, אז איך ליעג אין וואסער.

שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז איך בין אראפגעפאלען מיט'ן קאפ אראפ. ווען איך וואלט געוועזן פאלען אויפ'ן דעק פונ'ם שיף, וואלט איך געוועזן טויט אויפ'ן ארט. צו מיין גליק, האט זיך מיט איינינע מינוטען פריהער אויפגע־הויבען א שטארקער ווינד און האט שטארק אנגעבלאזען דיא זעגעל פון דעם שיף. איך בין ארויפגעפאלען אויפ'ן גרויסען זעגעל. דאס האט מיר גערעטעט דאס לעבען. פונ'ם זעגעל האב איך מיך אראפגעקייקעלט אין מעער מיט דיא פיס אראפ.

עס איז בעקאנט אין דער וויסענשאפט, אז ווען איינער פאלט אריין אין וואסער פון אהויך ארט מיט'ן קאפ אראפ, קען ער דער הרגעט ווערן. ער קען זיך צו ברעכען דעם קאפ אן דעם וואסער. ווען מען פאלט אבער אראפ מיט דיא פיס אראפ, מעג מען פאלען פון דער גרעסטער הויך, מען בלייבט דאך לעבען.

וואס עס איז ווייטער מיט מיר געשעהן, ווייס איך ניט. ווען איך האב געעפענט דיא אויגען, האב איך געזעהן, אז איך ליעג אין וואסער און א שטאר־קע האנד האלט מיך. איך האב מיך ארומגעקוקט און האב דערזעהן דאס ערנס־טע און פריינדליכע געזיכט פון בען בראס.

— צו וואס האט איהר מיך גערעטעט, בען? האב איך איהם געפרעגט. לאזט מיך שטארבען! לאזט מיך אראפ אין דיא בלויע וואסערן פונ'ם וועלט מעער.

— האלט דיך פעסט אן מיר, האט בען בראס מיר געענטפערט

אזוי וויא איך בין געבארען געווארען און בין אויפגעוואקסען לעבען מעער, בין איך געוועזן א גוטער שווימער. פון זיעבען—אכט יאהר אן פלעג איך אין דיא הייסע זומער טעג איבערליעגען גאנצע טעג אין וואסער און האב מיך אויסגע־לערנט שווימען. איך פלעג שווימען, וויא א פיש, איך פלעג עס אבער טאהן צום פערגעניגען, יעצט איז מיר דאס שווימען צונוץ געקומען. יעצט האט דאס שווימען מיר גערעטעט מיין לעבען.

איך מוז דערצעהלען, וואס עס איז פארגעקומען אויפ'ן שיף איידער איך בין אריינגעפאלען.

דער שיפסקאפיטאן איז געוועזן בעטרונקען. פלוצלונג האט ער זיך דער־מאנט אז ער דארף עפעס, און האט אנגעהויבען מיך צו רופען. איך בין ניט געקומען, ווייל איך האב דאמאלס געשלאפען אין „וויענעלע". ער איז ארויסגע-

לאפען ארום׳ן דעק מיך זוכען. אזוי וויא ער האט מיך ניט געפונען אויפ׳ן דעק, האט ער אנגעהויבען צו שרייען און צו שילטען, וויא א וואהנזיניגער. דער ער־שטער אפיציער און אייניגע מאטראזען זיינען צוגעגאנגען צו איהם.

— וואו איז דער יונגע? וואו איז בילי? האט ער געשריען.

— ער שלאפט אויבען, אין „וויעגעלע“, האט לענרא געענטפערט.

— געה ארויף און וועק איהם אויף מיט א שטעקען אדער מיט א שטריק! האט דער שיפסקאפיטאן קאמאנדירט.

לענרא איז געווען בייז אויף מיר, זיים ער האט בעקומען שלעג פון בען בראס. ער האט דאהער אויסגעפיהרט דעם בעפעהל פון׳ם שיפסקאפיטאן מיט׳ן גרעסטען פערגניגען.

דיא מאטראזען האבען געזעהן אלעס, וואס עס איז פארגעקומען און האבען נאָקוקט אויף דיזע סצענע, וויא מען קוקט אויף אקראבאטען אדער אויף א שעהנע סצענע אין טהעאטער. זיי האבען צוואר געוואוסט, אז מיין לעבען איז אין גע־פאהר; זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, אז זאגאר אן אלטער, ערפאהרענער מאט־ראז מוז זיין זעהר פארזיכטיג, ווען ער קריעכט ארויף אויף אזא הויך. פאר מיר, פאר א יונגען, אונערפאהרענעם מענשען, איז עס א זיכערער טויט. זיי זיינען פיליכט געווען זיכער, אז איך וועל אראפפאלען און זיי האבען דאך געשוויעגען. בען בראס איז ערגעץ געשלאפען. זיינער א בעקאנטער האט איהם אויפגעוועקט.

— געה, שנעל! זיי וועלען טייטען דיין פריינד.

בען בראס איז אויפגעשפרונגען און איז געקומען צו לויפען גראדע אין דער צייט, ווען איך האב געקלעטערט אויף דיא אויבערשטע שטריק. ער האט א געשריי געטאהן:

— האלט איין! הערט אויף! איהר טויטעט איהם!

דער קאפיטאן האט געהייסען לענרא, ער זאל אפטרעטען פון מיר. עס איז שוין אבער געווען צו שפעט. מיר האט זיך שוין פערדרעהט דער קאָפּ און איך בין אראפגעפאלען. בען בראס איז מיר נאכגעשפרונגען אין וואסער. ער איז אויך געווען א פארטרעפליכער שווימער און האט מיך באלד אויפגעהאפט.

איין זאך האט בען בראס פערגעסען, ווען ער איז אריינגעשפרונגען אין וואַ־סער. ער האט פערגעסען מיט צו נעהמען א שטריק. עס קומט זעהר אָפט פאר, אז א מאטראז שפרינגט אריין אין וואסער. דאן נעהמט ער איין עק שטריק אין דער האנד און דעם אנדערן עק האלטען זיינע קאמעראדען. ווען ער דארף צו־ריק קומען, שלעפען זיי איהם ארויף.

בען בראס האט זיך אזוי געאיילט מיך צו רעטען, אז ער האט פערגעסען מיט צו נעהמען א שטריק און אונטערדעסען איז דאס שיף ניט געשטאנען אויפ׳ן ארט. איידער ער האט מיך ארויסגענומען פון וואסער, איידער ער האט מיך אפגעמינטערט, איידער איך האב געקענט ארויס זאגען אווארט, איז דאס שיף אוועקגעגאנגען אויף אפאר הונדערט שריט. ערשט יעצט האט זיך בען בראס ־ינרטאנט. אז ער האט ביי זיך קיין שטריק. מיר מוזען אלזא צו שווימען צום שיף

— קענסט דוא שווימען? האט מיך בען בראַס געפרעגט.

— וויא א פיש, האב איך איהם געענטפערט.

— דאן שפּאר זיך אן אויף מיר און לאמיר שווימען. מען וועט אונז צו וואַרפען א שטריק, ווען מיר וועלען זיין נאהענט צום שיף.

וויא שוואך איך בין געוועזן פון'ם פאלל, האב איך דאך אנגעהויבען צו שווימען מיט אלע מיינע קרעפטע. דאס לעבען איז ליעב, בעזאנדערס פאר א יונגען מענשען פון זיבעצעהן יאהר.

— אהאָי! שיף, אהאָי! האט בען בראס געשריגען מיט זיינע שטארקע לונגען.

דערמיט האט ער געגעבען א צייכען זיינע קאמעראדען, אז זיי זאלען אנ־גרייטען פאר אונז א שטריק.

— איך וועל מיך נוקם זיין פאר דיר, בילי, האט ער מיר געזאגט אין דער צייט וואס מיר זיינען געשוואומען צום שיף.

— אהאָי! שיף אהאָי!—האט ער געשריען נאך א מאל.

דער שיפסקאפיטאן אדער דער ערשטער אפיציער האט אונטערדעסען גע־הייסען אויסדרעהן דאס שיף צו אונז. שפּעטער בין איך געוואהר געווארען, אז ער האט עס געטאהן ניט צוליעב מיר. ווען איך זאל געוועזן זיין אין וואסער אליין, וואלט דער ווילדער שיפסקאפיטאן מיך געלאזט דערטרונקען ווערן. איך בין אבער געוועזן מיט בען בראס און דער שיפסקאפיטאן האט זעהר גוט געוואוסט, וואס פאר א ווערטה בען בראס האט פאר איהם. בען בראס איז דאך געווען דער בעסטער מאטראז אויף דער „ראפינא". אזא מאטראז פערליערט מען ניט אזוי לייכט.

דאס שיף האט זיך לאנגזאם צוגערוקט צו אונז. מען האט אונז אראפּגע־וואָרפען שטריק. אין אייניגע מינוט ארום בין איך און בען בראס ווידער געווען אויפ'ן דעק.

איך האב געזוכט מיט די אויגען דעם שיפסקאפיטאן, דעם ערשטען אפי־ציער אדער לעגרא. איך האב זיי ניט געזעהן. וויא עס ווייזט אויס, האבען זיי זיך געשעהמט צו ווייזען אויפ'ן דעק. זיי האבען היינט געהאנדעלט שוין צו גראב.

איך האב זיי ניט געזעהן א גאנצען טאג. ביז דעם אנדערן טאג אין דער פריה האב איך ניט געארבייט.

6טעס קאפיטעל.

וואס פאר א שיף איז געווען די ראפינא׳

זייט איך בין אריינגעפאלען אין וואסער, האט מען אנגעהויבען מיך צו בע־האנדלען בעסער און מענשליכער. זאגאר דער ווילדער שיפסקאפיטאן און דער אונהעפליכער ערשטער אפיציער פלעגט מיך בעהאנדלען פריינדליכער. זיי האַ־בען עס געטאהן ניט דערפאר, וואס זיי האבען בערייעט, וואס זיי האבען מיך

שיער געטויטעט, זאנדערן ווייל זיי האבען געזעהן, אז דיא מאטראזען זיינען געוועזען אונצופריעדען דער מיט, וואס מען האט מיך אזוי ווייט געמאטערט, אז איך האב געמוזט אריינפאלען אין וואסער.

איך בין שפעטער געפאהרען אויף זעהר פיעל שיפען און האב אויף קיין שיף ניט געזעהן, אז דער שיפסקאפיטאן און זיינע אפיצערן זאלען אזוי מורא האבען פאר זייערע מאטראזען, וויא אויף דער ראפינא. דיא מאטראזען זיינען אייגענטליך געוועזען דיא הערשער אויפ'ן שיף. זיי האבען געטאהן, וויא זיי האבען געוואלט.

וויא איך בין שפעטער געוואהר געווארען, האבען אלע מאטראזען איבערגערעדט דעם פאל און האבען געמאכט פארווירפע דעם קאפיטאן און דעם ערשטען אפיציער, פאר וואס זיי האבען מיך געטריעבען צום טויט.

אויסער דעם האט בען בראס געהאט פיעלע פריינד צווישען דיא מאטראזען און זיי האבען זיך אנגענומען פאר איהם.

פון דאמאלס אן האט מען מיר ערלויבט צו לערנען זיך טאהן זאכען, וואס א מאטראז דארף קענען. איך פלעג קלעטערן אויף דיא שטריקלייטער און קריעכען אויף דיא רעען. דאס איז אויך קיין לייכטע ארבייט.

ווער עס האט נור געזעהן א שיף, דער ווייס, אז אויפ'ן זעגעלבוים הענגען אין דער ברייט גראבע קלעצער. דיעזע קלעצער הייסען רעע'ן. אויף א גרויסעם שיף געפינען זיך צו זעקס-זיעבען רעען אויף יעדען זעגעלבוים.

צוקריעכען ביז צום עק פון דער רעע און דארט צורעכט מאכען דעם זעגעל איז אזא קונסטשיק, וועלכעס מען מוז לערנען א לאנגע צייט און אויך דאן, ווען מען קען עס שוין, איז עס א גרויסער ריסק. ארבייטען אויף דיא אייבערשטע רעע'ן הייסט איינשטעלען זיין לעבען

זעלבסטפערשטענדליך, אז ווען מען זאל מיך געוועזען צוריק ברענגען צו מיינע עלטערן, וואלט איך שוין פערזאגט קינדס קינדער, זיי זאלען ניט וועלען זיין קיין מאטראזען. איך האב דאך אבער געוואוסט, אז איך וועל אזוי גיך ניט קומען אהיים. אלזא מוז איך מיך לערנען צו זיין א מאטראז און איך בין געוועזען גליקליך, וואס מען האט מיר ערלויבט עפעס צו לערנען.

בען בראס האט פערשטאנען, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט'ן רודער און וויא אזוי צו בענוצען דעם קאמפאס. דאס זיינען צוואר קיינע שווערע ארבייטען, אבער מען דארף זיי קענען. מען דארף זיך געוועהנען א לאנגע צייט צו דרעהן דעם ראד און צו וויסען וואוהין צו פיהרען דאס שיף.

אזוי וויא איך האב געלערנט אין א שולע און מיינע לעהרער פלעגען זאגען, אז איך האב פעהיגקייטען צום לערנען, האב איך דיא קאפ ארבייטען פיעל שנעלער ערלערנט, אלס דיא שווערע האנד ארבייטער.

מיינט אבער ניט, אז איך בין געוועזען אין גאנצען פריי פון האנד ארבייט. איך בין נאך אלץ געוועזען א דיענער, א שטיוועלפוצער און א וואשער ביים שיפס־קאפיטאן און ביים ערשטען אפיציער. זיי פלעגען מיך אבער מעהר ניט מאטערן

וויא פריהער, און פלעגט מיר ערלויבען ארומצוגעהן, ארומצוקלעטערן און ארומ־צוקריכען, וויא איך האב געוואלט.

ערשט יעצט האב איך צייט געהאט צו בעטראכטען אונזער שיף און זיך שטעלען א פראגע: וואהין פאהרען מיר דען? שוין זייט אכט וואכען פאהרען מיר ארום אויפ'ן גרויסען וועלט מעער. וואהין פאהרען מיר?

איך האב נאך בעמערקט א זאך, וועלכע האט מיך פערוזעצט אין שטוינען און פערוואונדערונג. זייט מיר זיינען ארויסגעפאהרען פון ענגלאנד, האבען מיר נים בעגעגענט קיין אנדערעס שיף אויפ'ן וועג. אנפאנגס האב איך גערעכענט, אז דאס איז א צופאל. עס האט זיך גראדע אזוי געמאכט, אז מיר האבען קיי־נעם נים בעגעגענט. אויסער דעם האב איך אין דער ערשטער צייט געמוזט אר־בייטען אזוי פיעל, אז איך האב גאר קיין צייט געהאט צו דענקען פון עפעס.

יעצט אבער, ווען מיא האט מיר ערלויבט אויפצואטהעמען פון צייט צו צייט, האב איך מיך אומגעקוקט אויף דיעזען אומשטאנד און האב מיך געפרעגט: וויא קומט עס, וואס מיר בעגעגענען נים קיין שיף אויף אונזער וועג?

מיין יונגער קאפ האט געארבייט איבער דיעזע פראגען און האט אויסגע־פונען פאלגענדע אנטווארט: ענטוועדער מיר פאהרען אין אזא געגענד אויפ'ן מעער, וואו קיינע אנדערע שיפען פאהרען, אדער אונזער שיף ווייכט אויס אנדע־רע שיפען. מיר אנטלויפען פון אנדערע שיפען, — פאר וואס?

א צופאל האט מיר באלד געוויעזען, אז דיא לעצטע אנטווארט איז דיא ריכטיגע: דיא „ראפינא" ווייכט אויס אנדערע שיפען.

אין א שעהנעם פריהמארגען, ווען איך האב געארבייט אין דער קאיוטע פונ'ם ערשטען אפיציער, האב איך דערהערט א פייף. איך בין נאך ניכט געווען בעקאנט מיט אלע צייכענס און מיט אלע סיגנאלען א[illegible]ן שיף. איך האב אבער געוואוסט, אז דאס פייפט דער מאטראז, וועלכער שטעהט אויף דער וואך אויפ'ן בריקעל. איך האב געוואוסט, אז יעדער מאטראז, וועלכער שטעהט אויף דער וואך, האט ביי זיך א פייפעלע און ווען ער דארף האבען דעם שיפסקאפיטאן אדער דעם ערשטען אפיציער, גיט ער א פייף און זיי קומען צו צו איהם. ער אליין דארף ניכט אראפגעהן פון בריקעל, וואו ער האלט דיא וואך.

איך האב גוט געוואוסט, אז ביי יעדער געלעגענהייט גיט דער מאטראז, וואס שטעהט אויף דער וואך אנ'אנדער פייף. דאס מאל איז עס געווען א לאנ־גער, דרייא מאל אונטערבראכענער פייף. דער ערשטער אפיציער איז אויפגע־שפרונגען דערשראקען און איז באלד ארויסגעלאפען אויפ'ן דעק.

איך בין געווארען נייגעריג און בין איהם נאכגעלאפען. איך האב געוואלט וויסען, וואס דיעזער סיגנאל בעדייטעט. איך האב מיך אומגעקוקט אין אלע זיי־טען און האב גאר ניכט געזעהן, אויסער א גאנץ קליינעם פלעק אויפ'ן הימע־לערגעץ גאנץ ווייט. עס האט מיר אויסגעוויעזען, אז א גרויסער פויגעל פליהעט ערגעץ און האב שוין געוואלט צוריק געהן צו מיין ארבייט.

פלוצלינג האב איך א קוק געטאהן אויפ'ן ערשטען אפיציער. ער איז גע־

שטאנען אויפ'ן בריקעל לעבען דער וואך און האט נעקוקט דורך א ספעקטיוו. באלד איז ער אראפגעלאפען פון בריקעל און איז צוגעלאפען צום ראד. ער האט אויסגעדרעהט אונזער שיף אין אנ'אנדער זייט.

דאס האב איך שוין גאר ניכט געקענט פערשטעהן. איך בין געווען גענוג קלוג צו וויסען, אז דאס שיף האט זיך אויסגעדרעהט אין אנ'אנדער זייט. פאר וואס? אנטלויפען מיר? פאר ועמען? וואס האט אזעלכעס דערזעהן דער מאטראז אויף דער וואך? פאר וואס האט זיך דער ערשטער אפיציער אזוי דערשראקען?

איך בין צוואר באלד צוריקגעגאנגען צו מיין ארבייט, איך האב אבער ניט געלעבט און ניט גערוהט. איך האב געוואלט וויסען, פאר וואס מיר זיינען אנטלאפען, איך האב געברענט פאר נייגיערדע, איך האב קוים דערלעבט דיא צייט פון פריהשטיק, איך זאל קענען זעהן בען בראס און זאל איהם פרעגען, וואס עס איז געשעהן היינט גאנץ פריה.

ענדליך האט מען אנגעהויבען צו קלינגען צום פריהשטיק. אלע מאטראזען זיינען געלאפען אין קיך נעהמען זייערע פארציאנען. איך בין געלאפען זוכען בען בראס און האב איהם באלד געפונען. איך האב איהם דערצעהלט אלעס, וואס איך האב געזעהן און האב איהם געבעטען, ער זאל עס מיר ערקלערן.

— פרעג ניט, בילי — האט מיר בען בראס געענטפערט פינסטער — דוא וועסט עס נאך וויסען.

— זאגט מיר װעניגסטענס, אויב איך האב ריכטיג ערראטהען, אז מיר זיינען אנטלאפען?

— יא, בילי, מיר זיינען אנטלאפען.

— פאר וועמען?

— דאס וויים איך אליין ניכט. איך בין דאמאלס געשלאפען, — האט בען בראס גיענטפערט.

מעהר האט ער מיר ניט געוואלט זאגען.

— אלזא, אונזער שיף אנטלויפט פאר וועמען, האט מורא פאר וועמען און וויכט אויס וועמען. וואו בין איך אלזא? צווישען וואס פאר מענשען האט מיך דער צופאל פערווארפען? האב איך געפרעגט מיך אליין.

מיין ערשטער געדאנק איז געווען, אז איך געפין מיך צווישען זעערויבער. דיא „ראפינא“ איז א פיראטען שיף. איך האב נאך אין דער היים געוואוסט, אז אזוי וויא עס געפינען זיך רויבער אויפ'ן לאנד, אזוי געפינען זיך רויבער אויפ'ן מעער. דיא רויבער אויפ'ן מעער רופט מען פיראטען. איך געפין מיך אלזא צווישען פיראטען!

איהר קענט אייך לייכט פארשטעלען, וויא דיעזער געדאנק האט מיך בעאונרוהיגט. איך בין געווען גיעדערגעשלאגען און פערניכטעט. איך בין אנטלאפען פון מיינע גוטע, ליעבע עלטערן, אום אריינצוטרעטען צווישען רויבער און מערדער. אין דער היים האב איך געהערט דערצעהלען פיעלע שרעקליכע גע־

שיכטען פון פיראטען. מען פלעגט אפט דערצעהלען, וויא דיא זעעריובער, דיא פיראטען פאלען אן אויף א שיף, טייטען דיא מאטראזען און רויבען אוועק אלעס, וואס געפינט זיך אויפ'ן שיף. דאס שיף אליין לעכערן זיי דורך און לאזען זיא אונטערגעהן.

איך פלעג שטענדיג מורא האבען פאר פיראטען און יעצט בין איך אלייז צווישען פיראטען!

דער געדאנק איז געווען א שרעקליכער, אונערטרעגליכער. איך האב פער־געסען אן עסען, אן טרינקען און אן שלאפען. זיין צווישען רויבער און מערדער איז ניט גאנץ אנגענעהם.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. גענען אבענד האב איך מיך איבערלעגט.

— ווען דיא „ראפינא" וואלט געווען א פיראטען שיף, וואלט זיא דאך גע־דארפט האבען קאנאנען אויפ'ן דעק? האב איך געפרעגט זיך אליין. ווען זעע־רויבער פאלען אן אויף א שיף, מוזען זיי האבען קאנאנען. מיט א קאנאנע קען מען שיעסען פון דער וויימען, מיט א קאנאנע קען מען צווינגען אנ'אנדער שיף, עס זאל בלייבען שטעהן.

אויף דער „ראפינא" זיינען צוואר אויך געווען קאנאנען, אבער נור צוויא קליינע, אלטע קאנאנען, וועלכע האבען גיכער געדיענט אלס ציערונג, אלס מע־בעל, ריכטיגער געזאגט, אלס אנ'אלטעס מעבעל, וועלכעס מען וויל ניט ארויס־ווארפען. זייא זיינען געווען פערראסטעט און איך האב קיין מאל ניט געזעהן, אז דיא מאטראזען זאלען זיי פוצען.

איך בין געווארען פרעהליכער ביי דעם געדאנק, אז דיא „ראפינא" איז קיין פיראטען שיף. איך בין געווען גליקליך, וואס איך געפין מיך ניכט צווישען רויבער און מערדער.

— וואס דען פאר א שיף איז אבער דיא „ראפינא"? האב איך מיך גע־פרעגט. פאר וואס וויל בען בראס, מיין איינציגער פריינד און בעשיצער, מיר ניט ערקלערען, פאר וואס מיר זיינען אנטלאפען היינט אין דער פריה?

איך האב מיך פעסט ענטשלאססען, איך זאל עס וויסען, איך זאל עס אויספארשען, איך מוז עס געוואהר ווערן, איך מוז וויסען, אויף וואס פאר א שיף איך געפין מיך.

אזוי וויא איך האב יעצט געהאט א ביסעל מעהר צייט, וויא פריהער, האב איך אנגעהויבען ארומצוגעהן אין אלע קאמערן און קעמערליך פון דער „ראפינא". איך האב אנגעהויבען אויסצופארשען דיא „ראפינא". איך האב אנגעהויבען זיא צו שטודירען.

איין מאל בין איך אראפגעגאנגען אין דיא אונטערשטע קאמערן פון דער „ראפינא". איך האב געוואלט וויסען, וואס פאר א סארט וואארע זיא פיהרט און מיט וואס זיא בעשעפטיגט זיך.

אין איינינע קאמערן האב איך געפונען פעסלעך. דער גערוך האט מיר געזאגט, אז דאס זיינען פעסליך מיט ראם, שנאפס און קאניאק.

— אלזא, האנדעלט דיא „ראפינא" מיט שנאפס און אנדערע געטראנקע האב איך מיר געטראכט. דאס איז נאך קיין אונגליק. דיא „ראפינא" איז א פראכט שיף. א קויפמאן, א גרויסער שנאפס־הענדלער, האט זיא געדונגען, זיא זאל פיהרען א גרויסען טראנספארט שנאפס פון איין לאנד צום אנדערן.

איך האב מיך א ביסעל בערוהיגט און בין ווייטער געגאנגען. איך האב מיך געוואלט איבערצייגען, אויב אויף דער „ראפינא" געפינט זיך נור שנאפס.

שטעלט אייך אבער פאר מיין שטוינען, ווען איך בין אריינגעקומען אין אנ־דער אבטהיילונג פון'ם שיף און האב דארט געפונען ארטיקעל פון אייזען. אבער וואס פאר ארטיקעל? — קייטען! איך האב געזעהן אלע מעגליכע סארטען קייטען. — קייטען פאר דיא הענד, פאר דיא פיס, פאר'ן האלז און אלע אנדערע סארטען קייטען פאר מענשען.

וויא יונג איך בין געווען און וויא אונערפאהרען איך בין געווען, האב איך דאך א ציטער געטאהן ביי דער פראגע:

— צו וואס דארף מען אזוי פיעל קייטען? וואהין פיהרט מען אזוי פיעל קייטען?

נאך מיין בערעכנונג, האבען זיך דארטען געפונען קייטען, אין וועלכע מען וואלט געקענט איינשמידען טויזענד מענשען.

— וועלכער קעניג אדער וועלכער קייסער האט עס געהייסען מאכען אזוי פיעל קייטען? וויא קומען דיעזע קייטען אויף דער „ראפינא"? פאר וועמען פיהרט מען דיעזע קייטען?

איך בין געווען ערשטוינט, פערוואונדערט, ניעדערגעשלאגען און אויסער זיך.

— וועמען זאל איך פרעגען? ווער וועט מיר ענטפערן? ווער וועט מיר ער־קלערן, וואס פאר א סארט שיף דיא „ראפינא" איז און וואס פאר א סארט וואארע זיא פיהרט?

איך בין געווארען אונרוהיג און פלעג ארום געהן, וויא א פערצוויפעלטער. עס איז מיר ניט ליעב געווען דאס לעבען. דיא מאטראזען האבען צוואר אנגע־הויבען מיך צו בעטראכטען אלס זייער קאמעראד. איך פלעג שוין האבען גענוג צו עסען און גענוג צו טרינקען. איך האב אבער ניט געקענט עסען און טרינקען. עס האט מיך שטענדיג געפלאגט דער געדאנקען: אויף וואס פאר א שיף געפין איך זיך? צו וואס פיהרט זיא אזוי פיעל אייזערנע קייטען? וואוהין פאהרען מיר? צו וואס דארף מען אזויפיעל מאטראזען?

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע טעג, אין וועלכע איך האב געליטען פיעל מעהר, וויא פריהער ווען דער שיפסקאפיטאן און דיא מאטראזען פלעגען מיך שלאגען אונבארמהערציג. צום ערשטען מאל אין מיין לעבען האב איך געפיהלט גייסטיגע ליידען. צום ערשטען מאל האב איך אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז מען מען האבען אלעס, וואס מען דארף און דאך זאל מען ליידען שרעקליך, אונער־טרעגליך איבערנאטירליך.

פלוצלונג האב איך בעמערקט א נייעס אויף אונזער שיף. דער צימערמאן,

וועלכער האט דאס גאנצע צייט פון אונזער רייזען גאר ניט געמאכט, ווייל ער האט ניט געהאט וואס צו טאהן, האט זיך פלוצלונג גענומען צו דער ארבייט.

ער און נאך צוויא מאטראזען האבען אנגעהויבען צו זעגען ברעטער און צו מאכען פון זיי גראטעס. דיעזע גראטעס האבען זיי אויפגעשטעלט אונטען אין בויך פונ'ם שיף. זיי האבען געמאכט אבטהיילונגען, קאמערן אדער גרויסע שטייגען. דיעזע קאמערן אדער שטייגען האבען זיי אנגעשטעלט אין גאנצען פאדער־טהייל פונ'ם שיף.

אנפאנגס בין איך געוועזן איבערראשט, ערשטוינט און פערוואונדערט. איך האב אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וואס דאס איז און צו וואס דאס איז. איך האב אנגעהויבען צו זוכען ארבייט לעבען צימערמאן און זיך צו צו הערן צו דיא רעד פון דיא מאטראזען, וועלכע האבען געארבייט ביי דיא גראַטעס און איך בין באלד געוואהר געווארען, אויף וואס פאר א שיף דאס שיקזאל מיך פערווארפען. דיא „ראפינא" איז געוועזן א שקלאפען שיף און דער שיפסקאַפיטאן איז געוועזן א שקלאפען הענדלער.

7־טעס קאפיטעל

דער שקלאפען האנדעל.

אמאָל אין אלטע צייטען האָט דער שקלאפען האנדעל געבליהט. הונדער־טער ענגלישע, פראנצייזישע און אמעריקאנישע שיפען פלעגען יעדעס יאהר צו קומען צו דיא ברעגעס פון אפריקא אום זיך צו פערזארגען מיט מענשענפלייש.

מען פלעגט אנפאלען אויף א דארף פון נעגערן, פלעגט טויטען אלע אלטע און שוואכע און דיא יונגע און שטארקע, מענער און פרויען, פלעגט מען שמיד־דען אין קייטען און אוועקפיהרען קיין אמעריקא. דער בעסטער מארק פון מענ־שען פלייש איז געוועזן ניו ארליאנס אין דיא פעראייניגטע שטאטען און ריאָ דע זשאניירא אין בראזיליען. דיא פארמער און דיא רייכע פלאנטאטאָרס פלעגען קויפען דיא נעגער, וויא מען קויפט פערד און אקסען פאר פעלד ארבייטען.

דער נעגער איז ניט געוועזן קיין מענש. ער איז געוועזן א וואארע, אן אר־טיקעל, וועלכען מען האט געקויפט און פערקויפט. מען האט פערקויפט איין פארמער דעם פאטער, דעם אנדערן פארמער דיא מוטער און דעם דריטען פאר־מער דיא קינדער.

אייניגע פארמער און זאגאר אייניגע שקלאפען הענדלער פלעגען זאגאר שטעמפלען זייערע נעגער. זיי פלעגען אויסברענגען מיט א הייסען אייזען אויף דיא פלייצעס פון זייערע נעגער א בוכשטאב אדער א געוויסען צייכען, אן וועלכען מען האט געקענט דערקענען דעם נעגער, ווען ער איז אנטלאָפען.

דער שקלאפען האנדעל איז געוועזן א זעהר גוטעס געשעפט. ווען א שקלאַ־פען הענדלער האט געקויפט אין אפריקא טויזענד נעגער, האט ער גערעכענט, אז ער וועט ברענגען קיין אמעריקא נור פינף הונדערט, ווייל זעהר פיעל פלעגען אויס־

שטארבען אויפ'ן וועג פון דער שלעכטער בעהאנדלונג און דערפון, וואס זיי פלעגען זיין פערשפארט אונטען אין שיף אין גרויסע שטייגען, וויא דיא בהמות. אבער ווען ער האט זאגאר געבראכט אין אמעריקא דיא העלפט פון זיין לעבעדייג וואארע האט ער אויך געמאכט א גוטעס געשעפט.

א יונגער, שטארקער נעגער איז ווערט געווען צווייא הונדערט ביז דרייא הונדערט דאלאר. אין אפריקא האט געקאסט אזא נעגער פון אכט ביז צעהן דאלאר און מען האט פאר איהם גענומען צווייא הונדערט דאללאר.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דער נעגער־האנדעל, אדער דער שקלאפען־האנדעל האט אזוי געבליהט אין יענער צייט. צוואר איז עס ניט געוועז קיין אנשטענדיגער האנדעל. דעם שקלאפענהענדלער פלעגט מען צו אלע צייטען פעראכטען. מען פלעגט איהם שטענדיג האלטען פאר'ן ערגסטען מענשען. יעדער האט געוואוסט, אז א שקלאפענהענדלער מוז זיין ווילד, גראב, גרויזאם, שלעכט, פערדארבען און אונמענשליך. יעדער האט געוואוסט, אז א שקלאפענהענדלער איז פעהיג אויף אלעס. א שקלאפענהענדלער איז א מערדער און א רויבער.

דענאך האבען זיך געפונען פיעלע טויזענטע אין אייראפא און אמעריקא, וועלכע פלעגען זיך בעשעפטיגען אויסשליעסליך מיט דיעזען אבשייליכען, שרעקליכען האנדעל. פיעלע פון דיא איצטיגע אמעריקאנער מיליאנערן האבען געמאכט זייערע מיליאנען פון שקלאפען האנדעל.

עס האבען זיך אבער געפונען עדעלע מענשען, וועלכע האבען געפונען, אז דער שקלאפען האנדעל איז א שאנדע פאר דיא מענשהייט. דער נעגער איז אויך א מענש. מען טאר איהם ניט בעהאנדלען אלס א פיה.

איך וויל ניט לאנג וויילען מיינע לעזער מיט א לאנגע געשיכטע פון דעם שקלאפען האנדעל. איך וועל נור דערצעהלען, אז דיא ענגלישע און פראנצייזישע רעגיערונגען האבען ענדליך פערבאטען דעם שקלאפען האנדעל. זיי האבען ארויסגעשיקט קריעגס שיפען אויף אלע מעערע, וואו דיא שקלאפענהענדלער פלעגען געוועהנליך ארומפאהרען און, ווען זיי פלעגען טרעפען א שיף מיט שקלאפען, פלעגען זיי בעפרייען דיא נעגער און דעם שיפסקאפיטאן מיט זיינע מאטראזען פלעגט מען אויפהענגען אויף דיא זעגעל בוימער פון זייער אייגענעם שיף.

אין 1857, אין דער צייט, ווען אונזערע וואהרע ערצעהלונג האט פאסירט, האט ענגלאנד בעוואכט זעהר שטרענג אלע מעערע ארום אפריקא. דאס האט אבער זעהר ווענינ נעהאלפען. דיא שקלאפען הענדלער פלעגען געפינען מיטעל, וויא זיך אויסצודרעהן פון דיא ענגלישע קריעגס שיפען. דאס געשעפט איז געוועזן אזוי גוט, אז מען האט ניט געוואלט זיך אפזאגען פון איהם....

אלזא, איך געפין מיך אויף א שיף פון א שקלאפען הענדלער. יעצט האב איך שוין פערשטאנען פיעלע זאכען, וועלכע זיינען געוועזן ביז אהער פאר מיר א רעטעניש. איך האב פערשטאנען, צו וואס דיא „ראפינא" האט אזוי פיעל מאטראזען. איך האב פערשטאנען, צו וואס מען מאכט דיא קייטען. איך האב פער־

שפאנען, צו וואס מען מאכט דיא גראטעס. איך האב שוין געוואוסט וואוהין מיר פאהרען. — מיר פאהרען קיין אפריקא קויפען נעגער.

יעצט איז מיר געוואָרען קלאָר, פאַר וואס דער שיפסקאפיטאן האט פון מיר ניט פערלאנגט אן ערלויבניס פון מיינע עלטערן, אז איך מעג ארייננטרעטען צו איהם אויפ'ן שיף. אן עהרליכער שיפסקאפיטאן וואלט מיך ניט געוועז אויפגענומען, א שקלאפען הענדלער מעג אלעס.

איך האב מיך אנגעהויבען צו צוקוקען בעסער צום שיף און האב געפונען, אז זיא האט גענוג ביקסען און שווערדען.

— אלזאָ וועט מען מיך נאך צווינגען צו ווערען א מענשען יעגער! — האב איך אויסגערופען מיט שריעק און שוידער.—איך בין ענטלאפען פון מיינע גוטע און ליעבע עלטערן אום צו ווערן א מערדער, א העלפער פון א שקלאפען הענדלער!

איך האב פערשטאנען, אז מיר זיינען שוין ניט ווייט פון אפריקא. דיא מאטראָזען האבען אנגעהויבען צו רעדען גאנץ אפען און פריי פון דער בע'שטימונג דער "ראפינא". זיי האבען יעצט אנגעהויבען נאך מעהר צו טרינקען און צו ער־לויבען זיך אלע מעגליכע פרייהייטען. ווער עס האט נור געוואלט, דער האט גע־טרונקען ראָם און קאָניאק. עס איז געשטאנען אן אָפען פעסעל ראָם און איינער פון דיא אונטערשטע קאיוטען אין יעדער האט געטרונקען, וויא פיעל ער האט געוואלט.

ווען זיי פלעגען זיך אָנטרינקען, פלעגען זיי אָנהייבען צו זינגען ליעדער, וויא עס איז פרעהליך צו לעבען אויף א שקלאפען שיף; וויא עס איז פרעהליך זיך נאָכצויאָגען נאך נעגער; וויא מען פאלט אן אויף א דאָרף און מען שניידעט אויס אלע אלטע און שוואכע.

מאנכע ליעדער זיינען געווען אזוי שרעקליך, אזוי ווילד־אונמענשליך, אז עס פלעגט מיר פערקיהלט ווערן דאס בלוט אין מיינע אָדערן, ווען איך פלעג זיי הערן זינגען. וואס האב איך אבער געקענט העלפען? איך בין דאמאלס געווען נאך א קינד. איך האב צוואר געוואוסט, אז דער שקלאפענהאנדעל איז פערבאָטען און איך האב שטענדיג געהאָפט, אז אַנ'ענגליש קריעגס שיף וועט אונז אניאָגען און וועט אונז אלע ארעסטירען. דאן וועל איך קענען דערצעהלען מיין ליידענס־געשיכטע און בעטען, אז מען זאל מיך צוריקשיקען צו מיינע עלטערן.

דאס זיינען אבער געווען קינדערשע האפנונגען. ערשט שפעטער בין איך געוואר געווארען, אז פיעלע מיניסטארען האבען אנטהייל גענומען אין שקלאפענ־הענדעל, פיעלע ענגלישע לארדס זיינען רייך געווארען פון שקלאפען האנדעל. מען פלעגט האפען איין שקלאפען שיף פון הונדערט. ווען דער שיפסקאפיטאן פון'ם שקלאפען שיף האט געוואוסט צו ווענדען זיך צו ווענדען און מיט וועמען צו מאכען א שותפות, האט מען איהם קיין מאל ניט געהאפט.

דער שקלאפען האנדעל האט אויפגעהערט נור דאן, ווען אמעריקא האט אויפגעהערט צו קויפען שקלאפען; ווען אמעריקא האט בעפרייט אלע נעגער און האט פערבאטען צו האלטען נעגער אלס שקלאפען. זא לאנג דער נעגער איז גע־

…ין א וואַרע אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען און אין בראַזיליען, האבען דיא …גלישע און פראַנצייזישע קריעגס שיפען גאר ניט געקענט העלפען. זיי האבען אויך ניט געוואַלט העלפען.

איך האב פערשטאַנען, אַז מיר זיינען שוין נאר ניט ווייט פון אפריקאַ. עס איז געוואָרען הייסער און הייסער. צייטענווייס פלעגט זיין אונמעגליך צו שטעהן אויפ'ן דעק פונ,ם שיף אין מיטאגס צייט. יעדעס שטיקעל אייזען אויפ'ן שיף האט זיך צוגליהט. דיא מאַטראָזען פלעגען שעפען וואַסער פונ'ם מעער און פלעגען זיך אַפּגיעסען.

— אַלזאָ באַלד, באַלד וועט זיך אַנהייבען דיא שרעקליכע יאַגד! פלעג איך אַפט זאָגען צו זיך אַליין, באַלד וועט מען מיך צווינגען צו נעהמען אַ ביקס אין דיא הענד און צו שיסען אויף מענשען, וועלכע האבען מיר קיין שלעכטעס ניט געטאָהן. — וואס טהוט מען? וואָס פאַר אַ ראַטה גיט מען זיך? וויא אַזוי אַנטלויפט מען פון דיעזעס שיף, פון דיעזען שיפסקאַפּיטאַן און פון דיעזע מאַטראָזען?

איך האב געטראַכט, איך זאָל אַנטלויפען, ווען מיר וועלען קומען קיין אַפריקאַ. איך האב געדענקט, איך זאָל מיך אַריינוואַרפען אין וואַסער. איך האב איבערגעטראַכט און האב׳ איבערגעקלערט טויזענדער אונמעגליכע זאַכען. איך וויים ניט, וואס אַנ'אַנדערער וואָלט געטאָהן אויף מיין אָרט. איך האב גאָר נישט געטאָהן. איך בין דאָך געוועזן דאַמאָלס אַ קינד.

דערצו נאָך האב איך געהאַט זעהר ווייניג צייט פיעל צו טראַכטען. וואָס נעהנטער מיר זיינען צוגעקומען צום לאַנד, אַלס מעהר אַרבייט האב איך געהאַט. יעצט האבען אַלע מאַטראָזען אָנגעהייבען צו אַרבייטען. מען האט געריינינט, מען האט געמאַכט אָנ'אָרדנונג אויפ'ן שיף. מען האט גענעהט נייע זעגעל. מען האט אויסגעשמיערט מיט פעך שטיקער ליינוואַנט. מען האט צורעכט געמאַכט דיא קייטען. מען האט אַריינגעשלאַגען גרויסע הוקען אין דיא הילצערנע גראַטעס, וועלכע דער צימערמאַן האט געמאַכט, און צו יעדער הוק האט מען צוגעבונדען אַ קייט.

יעצט האבען אַלע געאַרבייט. דער שיפסקאַפּיטאַן האט אויפגעהערט צו טרינקען, ריכטיגער געזאָגט, ער האט אָנגעהויבען צו טרינקען ווייניגער וויא פריהער. ער פלעגט אַרומגעהן יעדען טאָג אויפ'ן שיף און פלעגט אַכטונג געבען אויף דיא אַרבייטען און פאַרבערייטונגען, וואָס דיא מאַטראָזען האָבען געמאַכט. איך האב ביז אַהער געמיינט, אַז דער שיפסקאַפּיטאַן איז אַ טויגעניכטס, וועלכער וויים גאר ניט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. יעצט האב איך מיך איבערצייגט, אַז ער איז אַ וויכטיגער און פעהיגער מענש, ווען ער איז ניט בעטרונקען. ער פלעגט צוואר ערלויבען דיא מאַטראָזען זעהר פיעל, ער האט אבער יעצט אויך געפאָדערט פון זיי זעהר פיעל.

דיא פאַרבערייטונגען זיינען געוועזן שרעקליך, שוידערהאַפט. יעצט ווען עס איז שוין ניט געוועזן קיין געהיימניס, וואוהין מיר פאָהרען און צו וואָס מיר פאָהרען, פלעגט מען שוין רעדען גאַנץ אָפען. מען פלעגט שוין זאָגען:

— דא ווערט מען האלטען שטארקע מענער. ווען איינער וועט ווערען צו פיעל אונרוהיג, וועט מען איהם אנטאהן אן אייזערנעם רינג אויף'ן האלז און איהם צו־שמידען צו דיא גראטעס. — דא וועט מען האלטען קינדער און דארט וועט מען האלטען פרויען.

דער שיפסקאפיטאן איז געווען א שטארקער מענש. ווען ער פלעגט אנהאַ־פען א קייט און פלעגט זיא אפרייסען פון דעם ארט, וואו זיא איז געווען צו גע־שמידט, פלעגט ער מאכען פאַרווירפע דעם צימערמאן און דיא מאטראָזען, וועלכע האָבען געארבייט דערביי. זיינע פארווירפע פלעגען זיין גראָב, ווילד און אונמענשליך. עס האט אבער קיינעם ניט געהארט. דער שיפסקאפיטאן האט געפאסט פאר דיא מאטראָזען.

איך האב מיך איבערציינגט, אז ער איז א טיכטיגער שיפסקאפיטאן. וואס האב איך אבער דערפון? פאר מיר איז עס פיעל ערגער. וואס טיכטיגע דער שיפס־קאַפיטאן איז, אלץ שווערער וועט זיין פון איהם צו ענטלויפען. און איך האב געוואלט ענטלויפען. איך האב מיר ענטשלאסען צו אנטלויפען. איך האב געמוזט ענטלויפען.

וואוהין אבער אנטלויפט מען? אפריקא איז א ווילדעס לאנד. מיר וועלען געווים צו קומען צו א געגענד, וואו עס געפינט זיך קיין ענגלישער קאָנסול. מיר וועלען געווים צו קומען צו א ווילדער געגענד. וואוהין אנטלויפט מען דאן? אנטלויפען אין דיא וועלדער? וועלען מיך צו רייסען ווילדע טהיערע אדער איך וועל שטארבען פאר הונגער.

מיין לאגע איז געווארען פון טאג צו טאג ערגער און שרעקליכער. איך מוז לעבען מיט מענשען, וועלכע איך קען ניט ליידען. איך מוז טאהן זאכען, פון וועלכע מיין בלוט ווערט אויפגעקאָכט אין מיינע אדערן.

איך האב קיין ווערטער אייך צו בעשרייבען, וואס איך האב איבערגעליטען, צייט איך בין געוואהר געווארען, אז דיא „ראפינא" איז א שקלאפען שיף. איך וואלט געוועזען פיעל מעהר צופריעדען צו ליידען דיא קלעפּ און דיא בעליידיגונגען, וואס איך האב פריהער געליטען, נור צו זיין אויף איין אנדער שיף.

8טעם קאפיטעל.

איך קען עס ניט אויסהאלטען.

דאס ערגסטע איז געווען, וואס איך האב געמוזט האלטען מיינע געדאנקען פאר זיך. איך האב זיי קיינעם ניט געקענט ארויסגעבען. איך האב אמאל פראָבירט רעדען פון דעם שקלאפען האנדעל און זאגען, אז עס איז א שאנדע פאר יעדען וועלכער הייסט נור א מענש. דיא מאטראָזען האבען מיר אויסגעלאכט און האבען אנגעהויבען מיך צו רופען „גרינהארן", נארר, טווינעניכטס און נאך אזעלכע שעהנע און אנגענעהמע טיטולען.

עס איז זעהר מעגליך, אז זיי וואלטען מיך געשלאגען ווען זיי וואלטען קיין

טורא ניט נעהאט פאר בען בראם. מיט מיינע קאמעראדען אלזא האב איך ניט געקענט רעדען איבער דיעזען פונקט. איך האב מיך דאהער ענטשלאסען צו רעדען דאריבער מיט מיין איינציגען פריינד און בעשיצער בען בראם.

זאנדערבאר! בען בראם פלעגט מיך בעשיצען און פלעגט ווירקליך זארגען פאר מיר, וויא א גוטער פריינד, ער פלעגט מיך אבער אויס מיידען און פלעגט ניט וועלען רעדען מיט מיר איבער ערנסטע זאכען. אנפאנגס האב איך געמיינט, אז ער האלט מיך פאר א קינד, דערפאר וויל ער מיט מיר ניט רעדען, איך האב מיך אבער שפעטער איבערצייגט, אז ער אליין ליידעט אויך. ער אליין איז אויך זעהר אונצופריעדען מיט זיין לאגע.

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז בען בראם איז קיין געוועהנליכער מאטראז פון א שקלאפען שיף. מיט איהם האט געוויס עפעס פאסירט. און זיין לעבען איז עפעס פארגעקומען אזעלכעס, וואס האט איהם געצוואונגען צו ווערען, דאס וואס ער איז.

איך האב בעמערקט, אז ער איז ניט אזוי שלעכט און ניט אזוי פערדארבען, וויא דיא איבערינע מאטראזען פון דער „ראפינא". ער איז געוועזען אנדערש אלס דיא איבעריגע. ער פלעגט זיך ניט אזוי זידלען, וויא דיא איבעריגע, פלעגט ניט רעדען אזוי גראב, וויא דיא איבערינע און פלעגט זיך בענעהמען ניט אזוי וויא דיא איבערינע.

עס איז וואהר, אז מען לעבט אועק א געוויסע צייט צווישען א געוויסען סארט מענשען, ווערט מען געוואינט צו זיי און מען נעהמט איבער זייער שפראכע, זייערע רעד און זייערע זיטען (מנהגים), בען בראם האט זיך שוין פיעלעס אפגעלערנט פון זיינע קאמעראדען, עס איז אבער אין איהם נאך געבליעבען גענוג מענש, מען זאל איהם קענען דערקענען. אנ'עפעל ווערט ניט פערפוילט מיט אמאל. ער הייבט אן צו פוילען אין איין ארט. ווען מען פערהיט עס צו דער צייט, קען ער נאך בלייבען געזונד.

איך האב בעמערקט, אז בען בראם האט ליעב צו זיצען שטונדען לאנג אליין פון פארענט אויפ'ן שיף, דארט וואו עס שטעקט ארויס איבער'ן וואסער א לאנגער קלאץ, וועלכען די מאטראזען רופען פארדער זעגעלבוים. דאס איז ווירקליך איינע פון די שטילסטע און רוהיגסטע פלעצער אויף א שיף. דארט קענען זיצען ניט מעהר, ווי דריי־פיער מענשען; דארט קען מען רעדען גאנץ רוהיג; דארט וועהט בעשטענדיג א קיהלערע לופט.

אין א הייסע געגענד, ווי ביי די ברעגעס פון אפריקא, איז עס א פערגעניגען צו זיצען דארט. די איבריגע מאטראזען פלעגען ניט שטארק ליעב האבען דיעזען שטילען פלאץ, זיי פלעגען זיין זעהר אפט בעטרונקען און פאר א בעטרונקענעם איז דיעזער פלאץ אביסעל געפעהרליך. דאס שיף קען זיך א ווארף טהאן און ווער עס קען זיך ניט האלטען פעסט אויף די פיס, דער קען זעהר לייכט אריינפאלען אין וואסער.

בען בראם אבער פלעגט אויסזוכען גראדע דיעזען פלאץ און פלעגט דארט

אוועקזיצען שטונדען לאנג אליין, פערטראכט און פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. אנפאנגס פלעג איך מורא האבען איהם צו שטערען. איך האב געמיינט, אז ער וויל ניט, מען זאל איהם שטערן. איך פלעג צוקומען צו איהם, פלעג שטעהן לעבען איהם איינינע מינוט און פלעג מיר אוועקגעהן. ווען איך האב געזעהן, אז ער טרייבט מיך ניט אוועק, האב איך מיר ערלויבט מיך אנידערצוזעצען לעבען איהם און איך בין געווען העכסט גליקליך, ווען איך האב געזעהן, אז ער טרייבט מיך ניט אוועק.

איין אבענד, ווען אויפ'ן שיף איז אלעס געווען שטיל און רוהיג און איך האב שוין אפגעטאהן אלע ארבייטען, וואס איך האב געדארפט, האב איך מיר געמאכט הארץ און בין צוגעקומען צום פראנט פון דעם שיף. בען בראס איז גע־זעסען אויף זיין ארט, טרויעריג, פערטראכט און פערזארגט. איך האב מיך גע־זעצט לעבען איהם.

איינינע מינוטען האבען מיר ביידע געשוויגען. ענדליך האב איך מיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען און איהם געזאגט:

— בען, ליעבער בען!

בען בראס האט א ציטער געטאהן, וויא איינער, וועלכען מען וועקט אויף פון א טיעפען שלאף.

— וואס ווילסט דוא, בילי? האט ער געפרעגט.

— וואס איז דאס פאר א שיף, אויף וועלכען מיר פאהרען?

— עס איז גאר ניט קיין שיף, עס איז א בארקע, האט בען בראס געענט־פערט קורץ.

איך בין דאמאלס געווען צו יונג אום צו וויסען דעם אונטערשיעד צווישען א שיף און א בארקע. איך האב דאמאלס גערעכענט, אז קוים האט א שיף דרייא זעגעלבוימער, איז דאס א שיף. אבער ניט דאס איז אייגענטליך געווען מיין פראגע. איך האב גאר ניט געוואלט וויסען, אויב דיא „ראפינא" איז א ריכטיגע שיף אדער א בארקע. דאס האט מיך יעצט זעהר ווענינ געקימערט. איך האב געוואלט, אז בען בראס זאל מיר ערקלערן, מיט וואס אונזער שיף בעשעפטיגט זיך.

— איך פרעג ניט, אויב דיא „ראפינא" איז א שיף אדער א בארקע, איך פרעג, וואס פאר א סארט שיף דאס איז.

— דיא „ראפינא" איז זעהר א גוטע שיף, האט בען בראס געענטפערט. ווען זיא האט גענוג ווינד, איז זיא דאס שנעלסטע שיף אויפ'ן וועלט מעער. זיא האט נור איין פעהלער: זיא בייגט זיך אן צו שטארק אויף דער רעכטער זייט אין דער צייט פון א שטורם.

— בען, בען! האב איך אויסגערופען, דאס אלעס וויים איך שוין, איהר האט עס מיר שוין איינמאל געזאגט.

— אלזא, וואס ווילסט דוא פון מיר, בילי? וואס פרעגסט דוא דען?

— זאגט מיר דיא ווארהייט, בען, מיט וואס בעשעפטיגט זיך אונזער שיף?

— עס איז א קויפמאנס שיף, האט בען געענטפערט קורץ.

— וואס פאר א וואארע פיהרט דיא „ראפינא"? האב איך ענדליך געפרעגט און האב איהם גענומען בייא דער האנד.

— נעגער, האט ער געענטפערט און האט זיך אוועקגעקעהרט פון מיר.

דאס האב איך נעדארפט. דאס האב איך געזוכט. איך האב געוואלט אויסגעסען מיין הערץ פאר דעם איינציגען פריינד, דעם איינציגען מענשען אויפ'ן שיף, מיט וועמען איך האב געקענט רעדען א ווארט איבער מיין לאגע.

— צו וואס זאל איך זיך בעהאלטען פאר דיר, — האט בען בראס ווייטער געזאגט, — דוא וועסט עס דאך שפעטער געוואהר ווערען. דיא „ראפינא" איז א רעגעלמעסיגע שקלאפען שיף. זיא בעשעפטיגט זיך מיט קיין אנדערע זאך אלס מיט דעם קויף און פערקויף פון שווארצע שקלאפען.

— אבער בען! — האב איך אויסגערופען, — דאן איז עס דאך שרעקליך! א שקלאפענהענדלער איז דאך פיעל ערגער אלס א זעע רויבער.

— יא, בילי, דוא האסט רעכט, — האט בען בראס געענטפערט טרויעריג, — עס איז ניט פאר דיר צו דיענען אויף א שקלאפען שיף. איך האב דיך געזעהן דאס ערשטע מאל, ווען דוא ביסט ארויפגעקומען אויפ'ן שיף זיך בעטען, אז מען זאל דיך אויפנעהמען. איך האב געוואלט דיך ווארנען; איך האב געוואלט דיר זאגען, אז דוא זאלסט ניט קומען אויף דיא "ראפינא", איך האב עס אבער ניט געקענט. אונזער שיפסקאפיטאן האט גאדארפט א יונג, וועלכער זאל איהם בעדיענען און ער האט דיך אויפגעכאפט. ער איז געוועזען העכסט צופריעדען, וואס דוא אנטלויפסט פון דיינע עלטערן, דאן וועט ער קענען טאהן מיט דיר, וואס ער וויל. ווען דיינע עלטערן וואלטען דיך אפגעגעבען צו איהם, וואלטען זיי געמאכט א קאנטראקט. מען וואלט געמוזט גיין צו אן אדוואקאט אדער צו א נאטאריוס. דאס טויג ניט אונזער שיפסקאפיטאן. ער האט פיינט אדוואקאטען, נאטאריוסע און פאליסלייט.

צוואר האב איך שוין פריהער געוואוסט אלעס, וואס בען בראס האט מיר געזאגט, דענאך האב איך א ציטער געטאהן, ווען ער האט מיר אויסגעזאגט דיא גאנצע ווארהייט. ערשט יעצט איז מיר געווארען קלאר, וויא גרויס מיין אונגליק איז און וויא שרעקליך איך בין בעשטראפט דערפאר, וואס איך בין אנטלאפען פון מיינע עלטערן.

איך האב געטראכט אייניגע מינוט. איך האב געוואלט אלעס וויסען און איך האב מיך ענטשלאסען אלעס אויסצופארשען ביי מיין פריינד און בעשיצער.

— אבער וויא קומט איהר אויף אזא שיף, בען? — האב איך געפרעגט. — איהר זייט דאך שוין אן עלטערער מענש און א פארטרעפליכער מאטראז. וויא קומט עס, וואס איהר זייט אריינגעטרעטען אלס מאטראז אויף אזא שיף?

— דוא האסט רעכט עס צו פרעגען, — האט בען בראס געענטפערט לאנגזאם, — איך בין אויף דיר ניט בייז. דענק אבער ניט, אז איך בין שלעכט. איך בין ניט אזוי שלעכט, וויא דיא אנדערע.

— אך, בען! — האב איך אויסגערופען,— איך דענק גאר ניט, אז איהר זייט א שלעכטער מענש. ווען איך זאל אייך האלטען פאר א שלעכטען מענשען, וואלט איך מיט אייך ניט גערעדט אזוי פריי און אפענהערציג. אים גענענטהייל, איך בין פעסט איבערצייגט, אז איהר זייט א גוטער מענש, דערפאר וואונדער איך מיך, וויא קומט איהר צו דיענען צווישען אזא באנדע רויבער און מערדער?

— דוא ביסט נאך יונג, בילי,—האט בען בראס גענטפערט,—דוא קענסט נאך ניט דיא. דוא ווייסט נאך ניט, וואס דיא אומשטענדע קענען מאכען פון א מענשען. איך בין א מאל געווען אזוי גוט, אזוי ריין און אזוי אונשולדיג וויא דוא. מען האט מיך געצוואונגען צו ווערן שלעכט. איך קען עס אבער ניט. אך! איך קען עס ניט!

א שווערער טיעפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט. ער האט אוועק געדרעהט זיין געזיכט פון מיר און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז ער וויינט. עס האט מיר פערקלעמט ביים הארצען און איך האב געוואלט איהם בע־רוהיגען. איך האב געוואלט איהם טרייסטען.

— ניין, בען,—האב איך געזאגט,—איהר זייט אונגליקליך. אבער ניט שלעכט. עס איז זעהר מעגליך, אז דיא שלעכטע מענשען האבען געוואלט מאכען פון אייך א שלעכטען; עס איז זיי אבער ניט געלונגען. זיי האבען געמאכט פון אייך אן אונגליקליכען.

— איך דאנק דיר, בילי. איך דאנק דיר, וואס דוא האלסט מיך פאר א גוטען מענשען. דוא דערמאנסט מיך אן מיינע גליקליכע יאהרען, ווען איך בין געווען אזוי יונג און אזוי אונשולדיג, וויא דוא. — אך! וואו נעהמט מען דיעזע יאהרען צוריק? — הער מיך אויס, בילי, איך וועל דיר אלעס דערצעהלען.

עס איז מיר געווארען יוארם ביים הארצען. ווען איך זאל מיך ניט געווען שעהמען וואלט איך איהם ארויפגעשפרונגען אויפ'ן האלז און וואלט איהם צו געפרעסט צו מיין הערץ. איך האב געזעהן, וויא פון זיינע גרויסע, קלוגע אויגען האבען זיך אראפגעקייקעלט א פאר טרערין; איך האב געזעהן, וויא אויף זיין שעהנעם, פון דער זון און פון דער מעערלופט פערברענטעם געזיכט האט זיך געוויזען א שטראהל פון פרייד. איך האב פערשטאנען, אז ער פיהלט זיך אויך גליקליך, וואס ער האט ענדליך געפונען א מענשען, מיט וועמען ער קען אויסרעדען א ווארט, פאר וועמען ער קען אויסגיעסען זיין הערץ.

— איך האב ניט פיעל צו דערצעהלען, האט בען בראס געזאגט,— מיין גע־שיכטע איז זעהר קורץ אבער טרויעריג.

איך בין געווארען אויפמערקזאם און האב מיך צוגערוקט נעהענטער צו איהם.

— איך בין א האלענדער,—האט בען בראס דערצעהלט. — מיין פאטער האט געהאט אן אייגענעם שיף, אויף וועלכען ער איז אליין געווען שיפסקאפיטאן. ווען איך זאג שיפסקאפיטאן, איז עס ניט ריכטיג. שיפסקאפיטאן הייסט דער פיהרער פון א קריעגס שיף אדער פון א פאסאזשיר שיף. דער פיהרער פון א גע־

וועהנליכעס שיף, וועלכעס פיהרט נור וואארען, הייסט א סקיפער. מיין פאטער איז אלזא געוועזן א סקיפער. און האט געוואהלט, אז איך זאל אויך לערנען זיין האנדווערק. מיך אבער האט ער ניט געוואלט מאכען פאר אן איינפאכען סקיפער, מיך האט ער געוואלט מאכען פאָר א וואהרען שיפסקאפּיטאן. אזוי וויא ענגלאנד האט דיא גרעסטע און דיא בעסטע פלאטע אויף דער וועלט, האט ער מיך אפּגעגעבען אין אן ענגלישער מארינא שולע, איך זאל דארט לערנען אלעס, וואס מען דארף קענען אום אויסצוהאלטען עקזאמען אויף שיפסקאפּיטאן.

מיין פאטער איז געפלויגען זעהר הויך. ער האט געוואוסט, אז איך האב גוטע פעהיגקייטען, אדער וויא מען זאגט, איך האב א גוטען קאפּ און ער האט זיך פארגעשטעלט, אז איך וועל באלד ווערען אן אדמיראל, א קאָמאָדאָר, א קאָמאנדיר פון א גאנצע פלאטע. איך וועל געווינען שלאכטען און מיין נאמען וועט קלינגען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן.

דאמאלס איז געוועזן זעהר בעריהמט דער ענגלישער אדמיראל נעלסאָן. אלע האבען גערעדט פון איהם. מען האט דערצעהלט פון איהם פיעלע וואונדער געשיכטען. עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס מיין פאטער האט געטרוימט, אז איך וועל ווערען א נעלסאָן, א קאלאָמבוס, א וואסקא דע גאמא אדער א קאפּיטאן סוק.

איך האב געלערנט זעהר פלייסיג און האב גאנץ גוט אויסגעהאלטען מיין עקזאמען. אוך האב געמיינט, אז קוים האלט איך אויסעקזאמען, וועט מען מיר באלד געבען א שיף מיט קאנאָנען, מיט סאלדאטען, מיט אלעס נעטהיגע און איך וועל באלד ארויספאָהרען אפּנעהמען דיא גאנצע וועלט. מיין פאטער האט געוויס אויך אזוי גערעכענט, בעזאנדערס ווען ער האט מיך מיטגענומען אויף זיין שיף אויף א קורצע רייזע און האט געזעהן, אז איך רעגיער זיין שיף פיעל בעסער פון איהם. ער איז געוועזן א פּראַקטישער מאטראז, ער האט פון פּראַקטיק זיך אויסגעלערנט צו פיהרען א שיף. איך האב עס אבער געלערנט אין שולע. איך מוז אייך דערביי בעמערקען, אז דיא ענגלישע מארינא שולען זיינען ווירקליך דיא בעסטע אין דער וועלט. מען לערנט דארט פיעלע זאכען און מען ווערט ווירקליך א גוטער מאטראָז און א גוטער שיפסקאפּיטאן.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער קורצער רייזע מיט מיין פאטעד, זיינען מיר באלד געפאהרען קיין ענגלאנד און האבען זיך געמעלדעט צום מיניסטער פון דער מארינא מיט א ביטע, ער זאל מיך אויפנעהמען אלס אפיציער אין דער ענ־ענגלישער פלאָטע. זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האב איהם געוויזען מיין דיפלאָם פון דער שולע. דער מיניסטער האט אונז צוואר אויפגענומען פריינדליך, האט גאנץ אויפמערקזאם דורכגעלעזען מיין דיפלאָם און האט אונז געענטפערט:

— נאָך דיא ענגלישע געזעצע קען דער יונגערמאן איינטרעטען אלס געלערנטער יונגע. ווען ער וועט עס פערדיענען, וועט ער ווערען פירטער אפיציער. ווען ער וועט וויימער פערדיענען, וועט ער בעקומען א העכערע שטעלע, דאס מוז נעהן זעהר לאנגזאם. אזעלכע יונגע לייט קענען מיר ניט פערטרויען א שיף.

איך בין אראפּגעלאָפען פון מיינע זיעבען הימלען. מען גיט מיר נאך אזוי

ניך ניט קיין שיף. איך קען נאך ניט ארויספאָהרען אפנעהמען דיא וועלט. איך בין געוועז אזוי ניעדערגעשלאָגען, אז איך האב שוין געוואלט מיך אפזאגען פון דער עהרע צו דיענען אויף א קריעגס שיף. איך האָב געוואָלט זוכען א שטעלע אויף א קויפמאנס שיף. מיין פאטער האָט עס אבער ניט דערלאָזען. ער האט נאך ניט פערלאָרען דיא האפנונג, אז איך וועל ווערען א נעלסאן, א קאלומבוס, אדער א קאפּיטאן קוק.

ער האט מיך איינגערעדט, איך זאָל אננעהמען דיא שטעלע, וועלכע דער ענגלישער מיניסטער וועט מיר געבען. איך האב איהם געפאָלגט און אין אקורצע צייט ארום האב איך שוין געטראָגען דעם מונדיר פון אנ־ענגלישען מארינא סאָלדאט מיט'ן טיטול קאפּאָראל.

אונזער שיף איז געשטאַנען אין פארט פון פלימוטה. מיר האבען ניט געהאט וואס צו טאהן און פלעגען ארומלויפען גאנצע טעג אין דיא גאַסען. איך האב געהאַט גענוג געלד און אלס יונגער מאָן האב איך עס אויסגעגעבען, וואו עס האט זיך נור פארגעשטעלט א געלעגענהייט.

איך האב מיך בעקענט מיט א מעדכען, אין וועלכע איך האב מיך פערליעבט. דאס איז געוועז גאנץ נאטירליך אין מיינע יאהרען און אין מיין לאגע. אזוי וויא איך האב גאר קיין ארבייט ניט געהאט אויפ'ן שיף, פלעג איך פערברייגגען מיין צייט ביי מיין געליעבטער. איך פלעג פיהרען צו איהר מיינע קאַמעראדען און איינינע פון מיינע אפיצערן, וועלכע האבען מיך אויפגענומען פריינדליך.

אין א שעהנעם פריה מאָרגען האב איך אויסגעפונען, אז דער דריטער אפיציער פון אונזער שיף געהט ארום מיט מיין געליעבטער אונטערן ארים. איך האב מיך בעסער צוגעקוקט צו זיי און האב אויסגעפונען, אז ער וויל זיא אפּרעדען פון מיר.

דוא ביסט נאך צו יונג בילי, איך קען דיר ניט דערצעהלען אלעם, וואס עס האט פאסירט צווישען מיר און דעם דריטען אפיציער. קורץ, איך האב גערעכענט, אז איך שטעה ניט נידעריגער פון איהם און מיר מעגען זיך שלאגען אויף דועל. מיין פיינד איז אבער געוועזן קליענער פון מיר. ער האט ניט געוואלט ריזקירען זיין לעבען איבער א לייכטזיניגעס מעדכען, וועלכע ליעבט היינט דעם און מארגען יענעם. ער האט מיך פערקלאָגט צום שיפסקאפּיטאן.

ביי דיעזע ווערטער האט בען בראס אראָפּגעווארפען פון זיך זיין מאטראָזען העמד און האט מיר געוויזען זיין לייב. דער גאנצער רוקען איז געוועזן בעדעקט מיט לאנגע רויטע צייכענס. דיא הויט איז געוועזן צושניטען און דיא לאנגע רויטע צייכענס האבען זיא בעדעקט וויא מיט א נעץ.

— ווייסט דוא, וואס דיעזע צייכענס בעדייטען, בילי?

— איך ווייס עס ניט.

— האסט דוא געהערט פון דער „קאץ מיט ניין עקען“?

— איך האב ניט געהערט פון אזא קאץ.

דאן ווייס, אז דיא גוטע און פרומע ענגלישע רעגירונג האט איבערגעלאזען אויף איהרע שיפען פון דיא גאנץ אלטע צייטען א שטראפע פאר איהרע מאַלראַ־טען. — א לעדערנע ביימש מיט ניין ריעמענס. יעדער ריעמען איז אונטען פער־נאַטען מיט בליי. דאס רופען דיא מאטראָזען „דיא קאַץ מיט ניין עקען".

מיט דיעזער „קאַץ מיט ניין עקען" האט מען מיך בעשטראָפט דערפאר, וואס איך האב ארויסגערופען דעם דריטען אפיציער אויף א דועל! זעלבסטפער־שטענדליך, אז איך האב פראָטעסטירט, איך האב געשריען, איך האב געמאכט א ליאַרם. עס האט מיר אבער גאר ניט געהאלפען. דער ענגלישער מאטראז איז דער אונגליקליכסטער מענש אין דער וועלט. קיינער ווייס ניט אזוי ווייא צו מאר־טערן זיינע מענשען, וויא אַ'ענגלישער שיפסקאפיטאן.

נאָך אזא בעליידיגונג האב איך מ הר ניט געקענט בלייבען אויפ'ן שיף. אפזאגען זיך האב איך ניט געקענט, וועיל איך האב אונטערגעשריעבען א קאָנ־טראקט אויף פינף יאָהר. וואס האָב איך דען געקענט מאכען? איך האב געמוזט אנטלויפען. ווייסט דוא בילי, וואס מען הייסט, ווען מען אנטלויפט פון א קריעגס שיף?

— מען הייסט א דעזערטיר, האב איך געענטפערט.

— יאָ, בילי, מען הייסט א דעזערטיר און דאס מענשענפריינדליכע ענג־לאנד ווייס וויא צו בעשטראפען א דעזערטיר. אין קיין לאנד אין דער וועלט זיינען ניט איינגעפיהרט אזעלכע הארטע שטראפען, וויא אין דער ענגלישע ארמעע און אין דער ענגלישער פלאָטע. יעדער שיפסקאפיטאן איז קייזער אויף זיין שיף און ער מעג מאהן מיט דיא מאטראָזען וואָס ער וויל.

— יעצט, בילי, קענסט דוא שוין פערשטעהן, פאר וואס איך געפין מיך אויף דיעזער שיף. איך בין אנטלאפען אויף איהר פון ענגלאנד. נור אויף אזא שיף בין איך זיכער פאר דער ענגלישער „קאַץ מיט דיא ניין עקען". איך דארף דיר ניט זאגען, אז איך האב ניט געוואוסט, וואס פאר א שיף דאס איז. דיא „ראפינא" איז געקומען קיין פלימוטה אונטער דער רוססישען פלאַג. איך האב געדעכענט, אז אויף א רוסישער שיף, וועל איך זיין זיכער.

— א רוססישען פלאג? האב איך געפרעגט ערשטוינט. צו אונז איז זיא דאָך געקומען אונטער א בראזיליאנישען פלאג! איך בין דאָך געסט איבערצייגט, אז דיא „ראפינא" איז א בראזיליאנישעס שיף.

בען בראס האט זיך צולאכט.

—ווארט, בילי, — האט ער אויסגערופען, — דוא וועסט נאָך זעהן אויף אונזער שיף אן ענגלישען פלאג, א טערקישען פלאג און זאגאר א כינעזישען. דיא „ראפינא", וויא יעדער פיראטען שיף, רויבער שיף, געהערט צו קיין לאנד און האט נאָר קיין פלאג. יעדעס מאל ציעהט זיא ארויף אַנאנדער פלאג, וויא עס פאסט איהר.

בען בראס האט זיך פערטראכט. דיא ערצעהלונג אן דער שרעקליכער שטראפע אויפ'ן ענגלישען שיף האט איהם זעהר וועה געטאהן. איך האב ניט

געוואנט צו רעדען מיט איהם. איך האב גוט געזעהן, אז איך האב ארויסגערופען אין איהם פיעלע טרויעריגע געדאנקען.

אזוי זיינען פערגאנגען אייניגע לאנגע און שווערע מינוטען. ענדליך האב מיך ענטשלאָסען צו רעדען פון דער זאך וואס האט מיך אינטערעסירט.

— איך קען ניט לעבען אויף אונ׳זער שיף, האב איך געזאגט. איך קען עס ניט איבערטראָגען.

בען בראס האט געשאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ און האט ניט געענטפערט.

— איך האב מיך ענטשלאָסען צו אנטלויפען ביי דער ערשטער, בעסטער געלעגענהייט.

— בען בראס האט נאָך אלץ געשוויגען.

— ווילט איהר מיר העלפען צו אנטלויפען, בען? האב איך ענדליך איש־געשאָסען מיין לעצטען פייל.

— איך וועל דיר העלפען.

— דאנק, בען! איך דאנק אייך.

— איך האב מיך אויך ענטשלאָסען צו אנטלויפען, האט בען געזאגט, איך קען אויך ניט איבערטראָגען דיעזעס ווילדע אונמענשליכע לעבען. איך וועל אנט־לויפען און וועל דיך מיטנעהמען.

— איהר מאכט מיך גליקליך, בען! האב איך אויסגערופען. ווען אבער זאָלען מיר אנטלויפען?

— דא שטעקט דער נאָגעל אין דער וואנד, האט בען געזאָגט טרויעריג.— מיר פאָהרען יעצט קיין אפריקא. דארט איז אונמעגליך צו אנטלויפען. מיר ווע־לען צוקומען צו א ווילדע געגענד, ווען מיר אנטלויפען, וועלען דיא ווילדע טהירע אדער דיא נאך ווילדערע מענשען אונז טויטען. אין אפריקא קענען מיר אלזאָ ניט אנטלויפען, מיר מוזען ליידען, ביז דיא „ראפינא" וועט אנקומען קיין אמעריקא. דאָרט וועלען מיר שוין געפינען א געלעגענהייט צו אנטלויפען.

— אבער אך, וויא לאנג, וויא לאנג וועט עס נאָך דויערן? האב איך אויס־גערופען, — וויא לאנג וועל איך נאך ליידען?

— דוא וועסט מעהר ניט ליידען, ביללי, האט בען געזאגט פריינדליך און צוטרויליך. זאָג קיינעם ניט א ווארט פון אלעס, וואס מיר האבען יעצט גערעדט; ווייז מיט קיין מינע, אז דוא ביסט אונצופריעדען; פערהאלט זיך רוהיג. אלעס וועט גוט ווערן.

מיט דיעזע ווערטער האב ער זיך אויפגעהויבען און האט זיך אוועקגעקעהרט פון מיר.

דאס איז געווען דיא ערשטע נאכט, וואס איך בין געשלאָפען רוהיג, זייט איך בין אנטלאָפען פון מיינע עלטערן.

פֿופֿטעס קאפיטעל.

מען יאגט אונז נאך.

מיר זיינען יעצט געפאהרען מיט אלע זעגלען. אונזער שיפסקאפיטאן האט זיך געאיילט. ער פלעגט יעצט אליין שטעהן ביים ראד און פלעגט אליין קאמאנ־דירען דאס שיף.

אנפאנגס האב איך ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס אונזער שיפסקא־פיטאן איז פלוצלונג געווארען אזוי ניכטער און אזוי פארזיכטיג. ביז אהער פלעגט ער זיך פערלאזען אויף זיין ערשטען אפיציער און יעצט קאמאנדירט ער אליין. באלד בין איך געוואהר געווארען, וואס דאס איז.

וואס נעהנטער מיר זיינען צו געקימען צום לאנד, אלץ אפטער האבען מיר באגעגענט שיפען. דער שיפסקאפיטאן פלעגט שטעהן אויף זיין בריקעל מיט זיין ספעקטיוו אין דער האנד און פלעגט זיך גוט צוקוקען צו יעדעס שיף, וועלכעס ער פלעגט דערזעהן פון דער ווייטען.

איך האב געזעהן, וויא מען האט ארויפגעצויגען אויף אונזער שיף "דיא פראנצייזישע פלאג, דיא שפאנישע פלאג, דיא שוועדישע פלאג און זאגאר דיא רוסישע. בען בראס האט מיר ערקלערט, וואס דאס איז. ווען דער שיפסקאפי־טאן דערזעהט, אז מען ציעהעט ארויף דעם פלאג אויף א שיף, וועלכעס ער האט בעגעגענט.—אויפ'ן מעער איז דאס א צייכען, אז איך בענריס דאס פרעמדע שיף און פרעג, ווער זיא איז און פון וואנען זיא איז. אונזער שיפסקאפיטאן נארט אפ דיא פרעמדע שיפען. ווען א שיף שטעלט ארויס א פלאג פון שפאניען. דאס הייסט, זיא זאגט, אז זיא איז א שפאנישע שיף, שטעלט ארויס אונזער שיפסקא־פיטאן א רוסישען פלאג. שפאניען מיט רוסלאנד געהערן זיך ניט אן. אלזא האט דאס פרעמדע שיף ניט וואס צו צו קומען נעהנטער צו אונז און מיט אונז צו רעדען.

אין א שעהנעם פריה מארגען האב איך דערזעהן, וויא אלע מאטראזען אויפ'ן דעק לויפען ארום זעהר אונרוהיג. דער שיפסקאפיטאן מיט'ן ערשטען אפיציער זיינע געשטאנען אויפ'ן בריקעל, יעדער מיט א ספעקטיוו אין דער האנד.

אלע האבען געקוקט אויף א געוויסען פונקט ערגעץ ווייט אין מעער. איך האב אויך א קוק געטאהן אויף דיזען פונקט און האב דערזעהן א רויך׃

— א דאמפף שיף! א סטימער! האב איך אויסגערופען פולפרייד.

וואס איך האב מיך געפרעהט, וויים איך ניט. איך האב מיך געפיהלט בעסער, מוטהיגער און פרעהליכער, ווען איך האב דערזעהן דעם רויך פון א דאמפף שיף. איך האב געוואוסט, אז א דאמפף שיף איז געווים קיין שקלאפען שיף. איך האב ווייטער געוואוסט,—בען בראס האט עס מיר געזאגט,— אז דיא קויפמאנס שיפען, וועלכע פאהרען אין דיזער געגענגעד פון אפריקא, זיינען געוואהנליך זעגעל שיפען.

— אלזא, ווער איז דיעזעס דאמפף שיף? האב איך נעפרעגט זיך אליין, פיעלייכט איז עס א קריעגס שיף? פיעלייכט איז עס א שיף, וועלכע יאגט זיך נאך דיא טקלאפפען הענדלער?

איך האב געזוכט בען בראס מיט דיא אויגען, האב איהם אבער ניט גע־קענט געפינען. דער שיפסקאפיטאן האט איהם ארויפגעשיקט אויף א זעגעל־בוים.

באלד בין איך געוואהר געווארען, וואס פאר א סארט שיף דער סטימער איז געוועזן. איך האב געזעהן, אז דער שיפסקאפיטאן האט געגעבען א בעפעהל, אז מען זאל אויפציעהן אלע זעגעלן. וואו עס איז נור געוועזן א שטיקעל ליינוואנד אויפ'ן שיף, האט מען עס צוגעבונדען צו דיא זעגעלביימער.

ווען אלע זעגעל זיינען געווען אויסגעצויגען, האט דער שיפסקאפיטאן אויס־געדרעהט דאס שיף.

— מיר אנטלויפען! האב איך אויסגערופען, דאס דאמפף שיף איז א קריעגס שיף, וועלכע יאגט זיך נאך דיא שקלאפפענהענדלער.

איך האב געציטערט פאר פרייד. איך בין געוועזן זיכער, אז דאס דאמפף שיף וועט אונז אניאגען, מען וועט אונז חאפען, איך וועל דערצעהלען מיין געשיכטע און מען וועט מיך ברענגען א היים צו מיינע עלטערן. צום גליק איז דער שיפס־קאפיטאן און דער ערשטער אפיציער געוועזן אזוי בעשעפטיגט מיט'ן רעגירען דאס שיף, אז זיי האבען אין מיר פערגעסען. זיי האבען מיר ניט געגעבען קיין ארבייט און איך האב געהאט צייט צו שטעהן אויפ'ן דעק און צו בעטראכטען וואס דא וועט פארקומען.

און עס איז געוועזן וואס צו זעהן. קוים האט דאס דאמפף שיף בע־מערקט, אז דיא „ראפינא" דרעהט זיך אויס, האט זיא ארויסגעוויעזען איהרע פארבען. זיא האט אויפגעצויגען דיא גרויסע ענגלישע קריעגס פאהן, א גרויסע ווייסע פאהן מיט א רויטען קרייץ אין דער מיט און אויבען א בלויער קאסטען מיט א רויטען דאפעל קרייץ.

וויא גליקליך בין איך געוועזן, ווען איך האב דערזעהן דיא פאהן פון מיין פאטערלאנד? איך האב באלד דערזעהן, אז אונטער דער גרויסער פיערעקיגער פלאג האט מען אויפגעצויגען א קלייגערע, א דרייעקיגע פון אנ'אנדער פארב. איך האב ניט געוואוסט, וואס דאס בעדייטעט. ערשט שפעטער בין איך גע־וואהר געווארען, אז דאס האט מען געהייסען אונזער שיף, זיא זאל בלייבען שטעהן. אונזער שיפסקאפיטאן האט אבער ניט געהערט, וואס מען האט איהם געהייסען.

ער איז געשטאנען אויף זיין בריקעל מיט א זילבערן פייפעלע אין מויל און האט אויסגעטהיילט זיינע בעפעהלע צו דיא מאטראזען. ערשט יעצט האב איך געזעהן, וואס עס איז דער אונטערשיעד צווישען א גוטען מאטראז און א שלעכ־טען. דיא גוטע מאטראזען האבען געקלעטערט וויא דיא קעץ אויף דיא זעגעל־ביימער, האבען געצויגען דיא זעגעל, האבען אוימגעדרעהט דיא רעען — (דיא

קלעצער, וועלכע ליעגען קווער איבער דיא וואנט־בוימער, חייסען רעען) האבען געבונדען, געקניפט, געשניטען און געארבייט, וויא דיא טייפעל.

איך האב געזעהן, וויא בען בראס האט געארבייט. ער איז ווירקליך געוועזען דער בעסטער מאטראז אויפ'ן שיף. איך האב יעצט געוואוסט, פארוואס ער ארבייט, וויא א טייפעל אום צו אנטלויפען פון דעם ענגלישען קריעגס שיף. ווען מען זאל איהם חאפען, וועט מען איהם דערשיעסען. ער איז דאך א דעזערטער. איך אליין האב יעצט געוואלט, אז מיר זאלען זיך רעטען פונ'ם ענגלישען שיף, קרייצער, וויא מען רופט אזא שיף.

אזוי וויא איך בין אזוי געשטאנען און האב בעטראכט דיא זאנדערבארע סצענע, וואס האט זיך אפגעשפיעלט פאר מיינע אויגען, האב איך דערזעהן, וויא פון דעם ענגלישען קרייצער האט זיך געוויעזען ארויך און טראך! דער קרייצער האט אויסגעשאסען אויף אונז. דיא שווערע קאנאנען קוגעל איז געפאלען א פאר הונדערט שריט פון אונזער שיף. איך האב געזעהן, וויא זיא איז אריינגעפאלען אין וואסער. איך האב געזעהן, וויא דאס וואסער האט אויפגעשפריצט און אויפגעקאכט אויף דעם ארט, וואו דיא קוגעל איז אריינגעפאלען.

— מיר זיינען פערלארען! האב איך אויסגערופען.

איך בין נאך געוועזען צו יונג און האב צום ערשטען מאל אין מיין לעבען געזעהן א יאגד אויפ'ן מעער. איך האב פעסט געגלויבט, אז דער קרייצער וועט אונז אניאגען, וועט אריינשיעסען א שווערע קוגעל אין אונזער „ראפינא" און מיר וועלען אלע אונטערגעהן מיט דער „ראפינא". איך האב נאך דאמאלסט ניט געוואוסט, אז א גוטעס זעגעל שיף געהט שנעלער אלס א דאמפף שיף. איך האב דאמאלסט ניט געוואוסט, אז א גוטער שיפס קאפיטאן מיט מאטראזען, וויא בען בראס, קען זיך שטענדיג אויסדרעהן פון א שווערעס, אומגעלומפערטעס קריעגס שיף.

אונזער שיפסקאפיטאן האט זיך זעהר ווייניג געקימערט, וואס דער ענגלישער קרייצער האט געשאסען. ער האט אנגעהויבען צושפיעלען מיט איהם. קוים האט דער קרייצער אויפגעשטעלט זיינע קאנאנען צום שיעסען, האט זיך דיא „ראפינא אויסגעדרעהט, ווי א קאץ, אין אנ'אנדער זייט און איז אוועקגעלאפען וויעט, וויעט פונ'ם קרייצער.

איך האב מיר געקענט פארשטעלען, וויא עס האט פעדראסען דעם שיפסקאפיטאן פונ'ם ענגלישען קרייצער, ווען ער האט געזעהן, וויא דיא „ראפינא" לאכט פון איהם און דרעהט זיך אויס, וויא א גאנז ביי איהם אונטער דער נאז.

פינף לאנגע און שווערע שטונדען האט געדויערט דיעזע זאנדערבארע יאגד. דער קרייצער האט ניט אויפגעהערט צו שיסען, דיא „ראפינא" האט איהם אויסגעמיעדען. איך בין דיא גאנצע צייט געשטאנען אויפ'ן דעק און האב געקוקט אויף דיא זאנדערבארע סצענע און האט געציטערט. איך פלעג אפט בעטען גאט אין מיינע געדאנקען, אז דער ענגלישער קרייצער זאל אונז בעזיעגען און זאל צו נעהמען אונזער שיף. באלד אבער האב איך מיך דערמאנט, אז קוים וועט מען

חאפּען בען בראָס אלס דרוזערטער.

ענדליך איז געוואָרען נאכט. עס האָט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל, דיא „ראַפינאַ“ האָט בענוצט דיעזע געלעגענהייט און איז געלאָפען, וויא ווייט זיא האָט געקענט. דער ענגלישער קרייצער האָט אויפגעהערט צו שיעסען. וואוהין וועט ער שיעסען ביי נאכט? אויף וועמען וועט ער שיעסען אין דער פינסטער?

דיא מאטראָזען אויף דער „ראַפינאַ“ זיינען געווען שרעקליך מיעד. זיי האָבען א גאנצען טאָג געאַרבייט, וויא דיא פערד. איך האָב גערעכענט, אז יעצט וועלען זיי זיך שוין אפּרוהען. צו מיין גרעסטען ערשטוינען, האָב איך דערהערט א שאַרפען, שנעלען, קלינגענדען פייף. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געגעבען א בעפעהל: — אויפרוימען!

אלע מאטראָזען זיינען אראָפּגעלאָפען אין דיא קאיוטען און אין דיא אונטערשטע אפּטהיילונגען פון'ס שיף און האבען אנגעהויבען צו ארבייטען. זיי האָבען צובראָכען דיא הילצערנע גראַטעס, וועלכע דער צימערמאַן מיט זיינע העלפער האבען געמאכט מיט אזוי פיעל מיה; זיי האבען צוריסען און בעהאלטען דיא קיטען; זיי האבען אנגעהויבען צו בעהאלטען דיא ביקסען, שווערדען און אנדערע קריעגס מאטעריאל, וועלכעס איז געווען אויפ'ן שיף.

— וואו אבער קען מען עפּעס בעהאלטען אויף א שיף? האב איך געפרעגט זיך אליין.

דאס בין איך באלד געוואהר געוואָרען. דיא „ראַפינאַ“ האט געהאט דאָפּעלע ווענד. צווישען איין וואנד און דער אנדערער איז געווען א שמאָלער פּלאַץ, וואו א מענש האט געקענט דורכגעהן. דאָרט האט מען יעצט בעהאלטען אלעס, וואס האט געוויזען, אז דיא „ראַפינאַ“ איז א שקלאַפען שיף.

ווען מען האט אלעס בעהאלטען, האט מען אנגעהויבען צו עפּענען פערשיעדענע קעמערליך, וואו איינינע מאטראָזען האָבען זיך בעהאלטען. איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, אז אויף דער „ראַפינאַ“ זיינען געווען צו פיעל מאטראָזען. יעצט, ווען מען האט זיך געריכט אז דאס קריעגס שיף וועט ניט אפּלאָזען פון דער „ראַפינאַ“ אָך עס קען זיין, אז מען זאל מוזען זיך אונטערגעבען, האט דער שיפסקאַפּיטאַן געוואָלט זיך בעווארענען אויף אלע פעלע. ער האט בעשלאָסען, אז אין ערגסטען פאל וועט ער ערקלערען, אז ער איז א קויפמאַן און זיין שיף איז א גאַנץ געוועהנליכעס האנדעלס שיף. דערצו מוז מען אבער האבען א פּאַספּאָרט.

עס איז איינגעפיהרט ביי אלע פעלקער, אז א שיף מוז האבען א פּאַספּאָרט, וויא א מענש. ווען א שיף קומט צו צו א גרויסען פּאָרט, האט דיא רעגיערונג פון יענעם לאַנד דאס רעכט צו פאָרדערן ביים שיפסקאַפּיטאַן דעם פּאַספּאָרט פון זיין שיף. אין פּאַספּאָרט שטעהט, וואו דאס שיף איז געבויט געוואָרען, וויא גרויס זיא איז, צו וועמען זיא געהערט און וואס פאר א וואַארע זיא פיהרט. עס

זיינען דא שיפען, וועלכע פיהרען נור שמוציגע און פייער געפעהרליכע ארטיקעל ווי קעראסין; אנדערע שיפען פיהרען נור ריינע זאכען, טהייערע וואארען.

אין פאספארט שטעהט ווייטער, ווער דער שיפסקאפיטאן איז און וויא פיעל מאטראזען ער האט געוועהנליך.

דער פאספארט פאר א שיף איז ווירקליך פיעל נעטהיגער, וויא א פאספארט פאר א מענשען. עס איז געוועז א צייט, ווען מען איז ניט געוועז זיכער אויפ'ן מעער, וויל אויפ'ן מעער זיינען געווען מעהר רויבער, וויא אויפ'ן לאנד. עס פלעגען ארומפאהרען מעער רויבער, אדער פיראטען, וועלכע פלעגען אנפאלען אויף די גרעסטע שיפען, פלעגען זיי בערויבען און פלעגען טייטען די פאסאזשירען. די פיראטען זיינען מיט דער צייט געווארען אזוי פרעך, אז זיי פלעגען אנפאלען זאגאר אויף קריעגס שיפען.

דאס האט געצוואונגען אלע פעלקער, זיי זאלען זיך פעראייניגען און זאלען אויסראייניגען דאס מעער פון פיראטען. דאמאלס האט מען איינגעפיהרט, אז יעדעס שיף מוז האבען א פאספארט. דיעזעס געזעץ ווערט אפגעהיט זעהר שטרענג ביז אויף היינטיגען טאג.

אונזער שיפסקאפיטאן האט אויך געהאט אזא פאספארט, אויב א ריכטיגען אדער א פאלשען ווייס איך ניט. וואהרשיינליך, איז עס געווען א פאלשער. איך האב געהערט גאנץ גוט, וויא דער שיפסקאפיטאן האט געזאגט צו זיין ערשטען אפיציער:

— מיר מוזען ברענגען אין ארדנונג אונזערע פאפיערן.

מיט דיעזע ווערטער זיינען ביידע אריינגעגאנגען אין זייער קאיוטע. איך בין שפעטער געוואהר געווארען, אז דער שיפסקאפיטאן האט מורא געהאט, פיללייכט וועט אנקומען נאך א קרייצער. נעגען צווייא וועט ער ניט קענעןביישטעהן, דערפאר האט ער זיך געוואלט בעווארענען אויף אלע פעלע.

אום צעהן אוהר ביי נאכט איז אלעס געווען אין דער בעסטער ארדנונג אויף דער „ראפינא“. דער שיפסקאפיטאן האט געהייסען די מאטראזען געהן עסען, נאכ'ן עסען זאלען אלע ווידער זיין אויפ'ן דעק. מען האט שנעל אפגעגעסען, פון טרינקען האט ניט געקענט זיין קיין רעדע. אין אזא צייט טרינקט מען ניט.

נאכ'ן עסען האט מען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. אזוי וויא עס האט געבלאזען אגוטער ווינד, האט מען בענוצט די געלעגענהייט צו אנטלויפען. מיר זיינען אנטלאפען, וויא וויט מיר האבען געקענט. א גאנצע נאכט איז קיינער ניט געשלאפען אויף דער „ראפינא“. יעדער האט געארבייט, יעדער האט געהאט עפעס צו טאהן.

אין דער פריה איז דער מעער געווען ריין. מען האט אין ערגעץ מעהר ניט געזעהן קיין ענגלישע שיף. מיר זיינען גליקליך אנטלאפען פון אונזערע פערפאלגער.

10טעס קאפיטעל

קעניג דזשינגא.

דאס אנטלויפען פונ'ם ענגלישען שיף האט אונז געקאָסט עטליכע טאג רייזע. מיר זיינען אנטלאָפען אין א גאנץ אנדערע זייט פון דעם וועג, וואוהין מיר זיינען געפאהרען און יעצט האבען מיר געמוזט נאך ווייטער לויפען. אונזער שיפסקאפיטאן האט גוט געוואוסט, אז דער קרייצער וועט אונז געווים זוכען. מיר האבען געמוזט איהם אפנארערן און פאהרען אויף א גאנץ אנדערן וועג.

א גאנצען טאג זיינען מיר נאך געפאהרען אויפ'ן אנדערן וועג און ערשט דעם אנדערן טאג, ווען אונזער שיפסקאפיטאן האט זיך איבערצייגט, אז מען זעהט מעהר ניט דעם ענגלענדער, האט ער אויסגעדרעהט זיין שיף צוריק. יעצט זיינען מיר געפאהרען שנעל, גלייך צום אפריקאנישען ברעג.

צום גליק פאר דער „ראפינא" און צום אונגליק פאר מיר, האט זיך אויפ־געהויבען א שטארקער ווינד און מיר זיינען יעצט געפאהרען זעהר שנעל. אויפ'ן דריטען טאג פאר נאכט האבען מיר דערזעהן לאנד.

— לאנד! לאנד! — האט אויסגערופען דער מאטראָז, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך.

אלע זיינען ארויסגעלאפען אויפ'ן דעק. איך בין ניט געווען דער לעצטער. איך בין אויך געשטאנען אויפ'ן דעק און האב געקוקט אויף דאס אונגליקליכע לאנד, וואוהין מיר קומען אום צו מאָרדען און צו רויבען מענער, פרויען און קינדער.

— שעהנעס, ליעבליכעס לאנד! — האב איך אויסגערופען, — דא ווייזט אוים וויא א פאראדיז (גן עדן) און וואָלסט געקענט זיין א פאראדיז, דער מענש אבער האט דיך געמאכט צור העללע!

איך האב געזעהן פון וויטען גרינע בערג, שעהנע פעלדער, הויכע בוימער און שעהנעס, בליהענדעס לאבענדעס לאנד — א לאנד, אין וועלכען מיליאָנען מענשען וואָלטען געקענט גליקליך לעבען, דיא מענשען ווילען אבער ניט לעבען גליקליך. זיי רויבען, מאָרדען, טייטען איינער דעם אנדערן און זוכען צו פערבי־טערן דאס לעבען איינער דעם אנדערן.

— אונגליקליכע, שווארצע קינדער פון דער שעהנער אפריקא! — האב איך אויסגערופען, — אייך פערפאלגען דיא שטאָלצע ווייסע קינדער פון אייראָפא! אייך פערקויפט מען אויף דיא גאסען, גלייך וויא איהר וואלט געווען אָקסען און רינדער! פאר וואס קומט עס אייך? וואס האט איהר דען פערזינדיגט? עס איז וואהר, איהר זייט ווילד, איהר זייט אונגעבילדעט, קומט אייך אבער דערפאר אזא הארטע שטראפע?

מיינע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרערען און עס האט מיר פער־

קלעמט ביים הארצען. איך קען יעצט ניט זאגען, פאר וואס איך האב דאמאלס געוויינט: דערפאר וואס איך האב מיך דערמאנט אן מיינע ליעבע עלטערן, אדער וייל איך האב געוואוסט, אז באלד, באלד וועל איך אויך מוזען מיטהעלפען רוי־בען און מארדען דיא אונגליקליכע נעגער.

איך האב געזעהן פאר מיר א ווילדעס לאנד. קיין פארט, קיין לייכטטורים, קיין האפען און קיינע שפור פון מענשען.

— וואוהין וועלען מיר דען צופאהרען? — האב איך געפרעגט.

אויף דיעזע פראגע האט געענטפערט אונזער שיפסקאפיטאן. ער האט גע־הייסען איינציעהן דיא זעגעל און זיי צובינדען צו דיא זעגעל בוימער. דאן האט ער זיך אניעדער געשטעלט לעבען ראד און האט אנגעהויבען צו דרעהן און צו פיהרען דאס שיף. ער האט געוואוסט, וואוהין ער פאהרט. ער האט שוין גוט געקענט דעם וועג. ביי איהם איז עס געווען ניט דאס ערשטע מאל, ניט זיין ערשטע רייזע קיין אפריקא קויפען שווארצע שקלאפען.

מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז מיר פאהרען ארויף גלייך אויפ'ן ברעג. איך האב ניט געוואגט צו פרעגען, וואס דער קאפיטאן טהוט. עס האבען זיך אבער געפונען איינינע מאטראזען, וועלכע האבען אויסגערופען:

— מיר פאהרען דאך ארויף אויף דיא בוימער!

דיא עלטערע מאטראזען האבען זיי אויסגעלאכט. זיי האבען שוין געוואוסט, וואוהין מיר פאהרען, ווייל זיי זיינען שוין איינמאל געווען אין דיעזער געגענד.

באלד האב איך דערזעהן, וואוהין מיר פאהרען. א שנעלער און טיעפער טייך האט זיך אין יענער געגענד אריינגעגאסען אין מעער. אין דעם ארט, וואו ער האט זיך אריינגעגאסען אין מעער, איז ער געווען גאנץ שמאל און פון ביידע זייטען האבען געוואקסען הויכע בוימער. זיי האבען איהם אין גאנצען פערשטעלט און פערדעקט. ערשט ווען דיא „ראפינא" איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צום טייך, האב איך פערשטאנען, אז מיר פאהרען אריין אין טייך.

אונטערדעסען איז געווארען נאכט און דיא „ראפינא" האט געמוזט אראפ־לאזען דעם אנקער און בלייבען שטעהן. דיעזע נאכט איז געווען גאנץ פרעהליך אויפ'ן דעק. דער שיפסקאפיטאן האט געהייסען ארויפקייקלען אויפ'ן דעק א גאנץ פעסעל ראם און האט געהייסען אלעמען טרינקען. דיא ווילדע מאטראזען האבען זיך ניט געלאזען בעטען און יעדער האט געטרונקען וויא פיעל ער האט געוואלט.

זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האב ניט געטרונקען. מיינע עלטערן זיינען געווען שטילע, ארדענטליכע מענשען. איך האב קיין מאל ניט געזעהן מיין פא־טער בעטרונקען. מיין מוטער האט פיינט געהאט שנאפס און מיינע ברידער און שוועסטער האבען קיין מאל ניט פערזוכט קיין שנאפס.

איך בין מיר פערקראכען אין א ווינקעלע און האב געקוקט אויף דאס לאנד. אפריקא איז א וואונדער לאנד, צום ערשטען מאל אין מיין לעבען האב איך גע־

זעהן פאלם בוימער (תמרים) וואקסען ווילד. איך בין א מאל געוועזען ביי לארד עלפינגסטאן אין גארטען. דארט האב איך געזעהן קליינע ניעדעריגע פאלם בוי־מער געפלאנצט אין פעסער. איך האב געמיינט, אז זיי וואקסען גאר ניט העכער. יעצט אבער האב איך דערזעהן פאר מיר ריעזען. יעדער בוים איז געוועזען פופציג־זעכציג פוס דיא הויך און דיק, אז צוויי מענשען האבען איהם ניט געקענט ארומ־נעהמען. איינינע האבען געבליהט, אויף אנדערע זיינען שוין געוועזען פריכטע, לאנגע גרינע קרענצלעך טייטלען און גרויסע קאקאס ניס.

עס זיינען דא פערשיעדענע סארטען פאלמען. אויף איינינע וואקסען טייט־לען, אויף אנדערע וואקסען קאקאס ניס, ווידער אויף אנדערע וואקסען אנדערע סארטען ניס און פריכטע. פון אנדערע מאכט מען סאגא. מען האקט אפ דעם בוים און פון דעם ווייכען האלץ מאכט מען סאגא. דער בוים, אויף וועלכען עס וואקסען טייטלען הייסט דיא דאטעל פאלמע. דער בוים, פון וועלכען מען מאכט סאגא, הייסט דיא סאגא פאלמע. דער בוים, אויף וועלכען עס וואקסען קאקאס ניס, הייסט דיא קאקאס נוס פאלמע.

מיר זעהן דיעזע פרוכטע, מיר עסען זיי צו מאל, אבער מיר זעהן זיי ניט וויא זיי וואקסען. איך זאג מיר, איך מיין דער מיט דיא מענשען, וועלכע וואהנען אין דיא קאלטע געגענדען. איך זאג עס אום צו ערקלערען, וויא איבערראשט איך בין געוועזען, ווען איך האב דערזעהן פאר מיר גאנצע וועלדער מיט דיעזע זאנדערבארע בוימער.

איך וואלט געטאנצט פאר פרייד, ווען איך זאל ניט געוועזען זיין אויפ'ן דעק פון א שקלאפען שיף. דאס לאנד איז שעהן, גראסארטיג שעהן, אבער דיא מענשען.... אך, דיא מענשען!

איך בין איבערגעזעסען א גאנצע נאכט אין מיין ווינקעלע. עס איז געוועזען א קלארע, העלע, ווארעמע נאכט. דיא שטערן האבען געלייכט און געפונקעלט, אז עס איז געוועזען א פערגעניגען. אין אונזערע קאלטע לענדער זיינען דיא שטערן קליין און דונקעל, אין זיד אפריקא זיינען זיי העל און גרויס. עס איז א פערגעני־גען צו קוקען אויפ'ן הימעל.

ערשט גאנץ פריה בין איך אנטשלאפען געווארען, איך בין אבער געשלאפען גאר ניט לאנג. קוים איז טאג געווארען, קוים האט זיך געוויזען דיא שעהנע, העלע זוהן, האט דער שיפסקאפיטאן אויפגעוועקט אלעמען. מיר זיינען ווייטער געפאהרען.

דאס מאל אבער זיינען מיר געפאהרען גאר ניט לאנג, אין גאנצען א פאר שטונדען. מיר זיינען געפאהרען אין טייך ארויף וואסער. איך האב בעטראכט דעם טייך. ער איז געוועזען ניט גאנץ ברייט, אין גאנצען איינינע הונדערט שריט. ער איז אבער געוועזען שטארק טיעף. זיינע וואסערן זיינען געוועזען שווארץ.

ענדליך זיינען מיר געבליעבען שטעהן. דער שיפסקאפיטאן האט געהייסען אראפלאזען ביידע אנקערס און בעפעסטיגען דאס שיף. וויא יונג איך בין געוועזען,

האָב איך דאָך פערשטאַנען, אַז מיר זיינען שוין אָנגעקומען און דאָ וועלען מיר אויפנעהמען אונזער לאַדונג פון מענשען פלייש.

אין דער צייט, וואָס דיא מאַטראָזען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט דער בעפעסטיגונג פון דעם שיף, האָב איך געקוקט אויף ביידע זייטען פונ'ם טייך. איך האָב געזוכט א מענשען. איך בין געווען נייגיעריג צו וויסען, וואו מיר זיינען געקומען און אויב מען וועט קומען אונז בעגריסען. איך האָב אבער גיזעהן פאַר מיר נור וואַלד און וואַלד.

איך האָב אקוק געטאָהן אויפ'ן בריקעל פונ'ם שיף. דאָרט איז געשטאַנען דער שיפס קאַפּיטאַן מיט'ן ערשטען אָפיציער. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געהאַלטען אין דער האַנד א קליינע פאָהן און האָט געמאַכט מיט איהר צייכענס. אַנפאַנגס האָב איך געמיינט, אַז ער שפּיעלט זיך אַזוי, האַלד אבער האָב איך מיך איבערלעגט, אַז אונזער שיפסקאַפּיטאַן איז קיין מענש צו שפּיעלען זיך. איך האָב א קוק געטאָהן אין דער זייט, וואוהין דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געוויעזען מיט זיין קליינער פאָהן און האָב דערזעהן, אַז ערגעץ ניט ווייט האָט מען געענטפערט אויך מיט א קליינער פאָהן.

יעצט האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָרט געפינען זיך מענשען. אונזער שיפסקאַפּיטאַן מאַכט זייא צייכענס און זייא ענטפערן איהם.

דאָס האָט געדויערט אייניגע מינוט. באַלד האָבען זיך געוויעזען פון וואַלד עטליכע מענשען, אַלע זיינען געווען שוואַרץ, עכטע נעגער. צו ערשט זיינען געקומען נור א גרופּע פון צעהן—פופצעהן מענשען. זיי האָבען זיך אַניעדערגעשטעלט אויפ'ן ברעג נעגען אונזער שיף און האָבען געמאַכט פערשיעדענע צייכענס מיט א קליינער פאָהן. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט זייא גיענטפערט און האָט אויסגערופען עפּעס א פּאָר ווערטער, וועלכע איך האָב ניט פערשטאַנען.

קוים האָט ער אַרויסגערעדט דיעזע פּאָר ווערטער, זיינען אַרויסגעקומען פון וואַלד נאָך דרייסיג נעגער. אייניגע פון זייא האָבען געטראָגען אויפ'ן קאָפּ א לאַנגעס און שמאַלעס שיפעל. זייא זיינען צוגעקומען צום טייך און האָבען אַראָפּגעלאָזען דאָס שיפעל אין וואַסער.

איך האָב זייא יעצט געקענט בעטראַכטען. דאָס זיינען געווען הויכע און שטאַרקע מענשען, שוואַרץ וויא קויל, מיט גראָבע ליפּען און ווילדע, אונמענשליכע געזיכטער. איך האָב יעצט פערשטאַנען, וואָס בען בראָס האָט מיר אמאָל געזאָגט, אַז עס איז אונמעגליך צו אַנטלויפען אין אַפריקא, בעזאָנדערס אין דער געגענד, וואו מיר פאָהרען. יעצט האָב איך פערשטאַנען, אַז דיעזע ווילדע נעגער זיינען אים שטאַנד אויפצופרעסען א ווייסען מענשען מיט דיא האָר און מיט דיא נעגעל. דאָס זיינען געווען קיינע מענשען. דאָס זיינען געווען טייפעל!

איך האָב אבער ניט געהאַט פיעל צייט זיי לאַנג צו בעטראַכטען. צוועלף פון דיעזע שוואַרצע טייפעל האָבען זיך אַריינגעזעצט אין שיפעל, אַכט פון זיי האָבען אָנגעהויבען צו רודערן און און דיא איבעריגע זעקס זיינען אַזוי געזעסען אין

שיפעל. דיא אכט, וועלכע האבען גערודערט, זיינען געגאנגען גאנץ נאקעט. ווען זיי זאָלען ניט געווען טראָגען א שטיקעל מאטעריע אויף זייערע לענדען, וואָלט איך געזאָגט, אז זיי זיינען געווען נאַקעט, וויא זייער מוטער האט זיי געהאט.

דיא איבעריגע פיר זיינען געווען אָנגעטאָהן,—אבער וויא זיינען זיא געווען אנגעטאהן! גאט אין הימעל! וואס פאר א קליידער דאס זיינען געווען! בעזאנדערס האט מיך פעראינטערעסירט איינער פון זיי.

דאס איז געווען אנ'עכטער נעגער. שווארץ וויא קויל, דיק און קיילעכדיג, וויא א פאס, מיט שרעקליך גראָבע ליפען, דיא ביינער פון דיא באקען האבען ארויסגעשטעקט אויף עטליכע צאהל און דער קאפּ איז געווען פלאך, וויא ביי א ווילדעס טהיער. זיין גאנצעס וועזען, זיין געשטאלט, זיין געזיכט, זיין גאנצער קערפער האט ניט געהאט אין זיך ניט איין צוג פון א מענשען.

ווען איך האב אויף איהם אקוק געטאהן צום ערשטען מאל, האב איך ניט געוואוסט וואס צו מאכען: זאל איך לאכען אדער וויינען. וויא טרויעריג איך בין געווען און וויא אויפגערעגט איך בין געווען, האב איך דאך געמוזט לאכען.

דיעזער גראָבער נעגער איז געגאנגען בארפוס, וויא אלע זיינע קאַמעראַדען. א העמד, אונטערוועש און הויזען זיינען נאך ניט אין דער מאָדע אין אפריקא. אויפ'ן נאקעטען קערפּער האט ער געטראגען אנ'אלטען רויטען מונדיר פון א פראנצייזישען אונטער אפיציער פון דער אלטער גארדע, מיט דיא האלבע עפּאָלעטען און מיט דיא מעשענע קנעפּ. וועלכע מען האט געפוצט און געשייערט צו ליעב אונז. אויפ'ן קאפּ האט ער געטראָגען אנ'אלטען צילינדער הוט.

דער מונדיר איז געווען צו ענג פאר'ן דיקען נעגער און האט געפּלאצט אין אייניגע ערטער. דער צילינדער הוט איז אויך געווען צו קליין אויף איהם און איז געזעסען ביי איהם אויפ'ן שפּיץ קאפּ.

איך האב ארויסגעלאזען א שרעקליכעס געלעכטער, ווען איך האב דערזעהן דיעזע זאנדערבארע געשטאלט. אין דיעזע מינוט אבער האט דער שיפסקאפּיטאן אנגעהויבען צו קאמאנדירען:

— זיך אויסשטעלען! אלע אויפ'ן דעק!

דיא מאטראָזען פון דער „ראפּינא" האבען זיך אויסגעשטעלט אין צוויא רייהען און דער קאפּיטאן האט זיי געזאגט:

— דער גרויסער קעניג דשינגאָ מוואמבא קומט אונז בעזוכען. עהרע און רעספּעקט פאר זיינע מאיעסטעט דעם קעניג מוואמבא! קיינער זאָל ניט לאכען, ווען ער וועט אונז ערציילען דיא עהרע ארויף צו קומען אויף אונזער שיף. אלע זאלען זיך אנבויגען פאר'ן גרויסען קעניג!

דאן האט ער אונז געהייסען צוקומען צום געלענדער פּוּנ'ם שיף און ערווארטען דעם קעניג.

— אלזאָ דיעזער טייפעל אין רויטען מונדיר איז א קעניג, האב איך געזאגט צו זיך אליין.

איך האב קיין מאל ניט געזעהן קיין קעניג. נור איין מאל איז געוועזען ביי אונז אין שטעדטעל א פרינץ און דאס האב איך צו איהם ניט געקענט צוקומען. יעצט וועל איך זעהן א קעניג גאנץ נאָהענט לעבען מיר, אבער וואס פאר א קעניג! א ווילדעס טהיר אין א רויטען מונדיר!

איך האב קיין צייט ניט געהאט לאנג צו טראַכטען. דער קעניג מוואמבא מיט זיינע מענשען זיינען באלד צוגעקומען צו אונזער שיף. מען האט זיי אראָפּגעוואָרפען א לייטער און זיינע שווארצע מאַיעסטעט, קעניג דשינגא מוואמבא האט געהאט דיא עהרע ארויפצוקלעטערן אויף אונזער שיף.

דער שיפסקאַפּיטאַן האט איהם דערלאַנגט דיא האנד און האט איהם געהאָלפען ארויפקריכען אויפ'ן דעק. קוים איז זיינע מאַיעסטעט געוועזען אויפ'ן דעק, האט איהם אונזער שיפסקאַפּיטאַן אויפגענומען מיט אַלע עהרען, וויא עס קומט א קעניג. דאן האט ער איהם אריינגעפיהרט צו זיך אין קאַיוטע. עס איז געוועזען דייטליך, אז זיי זיינען אלטע בעקאַנטע.

אין דער צייט, וואס דער שיפסקאַפּיטאַן האט אויפגענומען דעם קעניג דשינגא מוואמבא, האט אונזער ערשטער אָפיציער אריינגערופען אין זיין קאַיוטע דיא דרייא נעגער, וועלכע זיינען געקומען מיט איהם. דאס זיינען געוועזען זיינע מיניסטאָרען. דיא אַכט נעגער, וועלכע האבען גערודערט, זיינען געבליעבען אין שיפעל.

11טעס קאַפּיטעל.

דער קעניג איז גנעדיג.

וואס אונזער שיפסקאַפּיטאַן האט גערעדט מיט זיין שווארצער מאַיעסטעט, האב איך זעלבסטפערשטענדליך ניט געקענט וויסען. ערשטענס, זיינען זיי געזעסען אין שיפסקאַפּיטאַנ'ס קאַיוטע און קיינער האט צו זיי ניט געטאָרט אריינקומען. צווייטענס, האב איך ניט פערשטאַנען זייער שפּראַכע.

אין יענע געגענדען פערשטעהן דיא נעגער, וועלכע וואנען ביי דיא ברעגעס, אביסעל פּאָרטוגיעזיש, ווייל גרויסע שטיקער לאַנד אין יענער געגענד געהערן צום קעניג פון פּאָרטוגאל און פּאָרטוגיעזישע קויפלייטע האלטען אין דיא הענד דעם גאַנצען האנדעל פון יענע געגענדען. דיא נעגער האבען זיך פון זיי אויסגעלערנט עטליכע ווערטער פּאָרטוגיעזיש און דיא קויפלייטע, וואס קומען אהין, האבען געחאַפּט עטליכע ווערטער פון דער שפּראַכע, וועלכע דיא נעגער רעדען.

פון דיעזע אַלע שפּראַכען האב איך ניט פערשטאַנען א וואָרט. אלזאָ, וואלט איך אויך קיין פאַל ניט פערשטאַנען, וואס זיי האבען גערעדט. איך האב אַבער געוואוסט, פון וואס זיי רעדען. בען בראַס האט עס מיר ערקלערט.

יעצט בין איך געוואָהר געוואָרען, אז דיא מאַטראָזען פון דער „ראַפּינא“ געהן ניט אַליין אויף דער יאגד חאַפּען שווארצע שקלאַפען. דאס בעזאָרגט דער

קעניג דשינגא מוּאמבא. ער מיט זיין ארמעע געהן ארוים אויף דער יאגד, זיי פאלען אָן אויף א דארף, צינדען עס אונטער און פיהרען אוועק אלע יונגע מענער און פרויען צו זיך.

בעון בראס האט מיר געוויזען אויף אַן אָרט אין וואלד, וואו קעניג דשינגא מוּאמבא האלט זיין לעבעדיגע וואארע. ער האלט זיי אין שטארקע שטאלען, וויא מען האלט ביי אונז אָקסען און פערד. ער ווייס, אז דיא שקלאפענהענדלער וועלען קומען צו איהם און וועלען שוין אפהאנדלען זיין סחורה.

ווען זיינע מאיעסטעט דארף גאנץ נעטהיג געלד און עס איז איהם נים געלונגען צו חאפען פיעלע געפאנגענע, שעהמט ער זיך נים און פערקויפט זיינע איינענע אונטערטהאנען, זיין איינענעם פאלק. דער שקלאפענהענדלער איז אבער מעהר צופריעדען, ווען ער געפינט פיעלע פרעמדע וואארע, ווייל דאן איז דיא וואארע ביליגער. דער קעניג מוז דאָך געבען עסען זיין לעבעדיגע סחורה און דאס טויג איהם נים. ער זוכט דאחער פון איהר לויז צו ווערען און פערקויפט זיא ביליג.

ווען ער מוז אבער פערקויפען זיינע איינענע אונטערטהאנען, פערקויפט ער זיי טהייער, ווייל זיי בעטען דאָך ביי איהם קיין עסען.

איך האב דערמאָנט דאס וואָרט געלד. מיינט נים, אז קעניג דשינגא דארף האבען דיא קיילעכדיגע שטיקלעך גאָלד און זילבער, וועלכע מיר רופען געלד. אזא געלד דארף ער נים. ער דארף האבען ראָם, פולווער און ביקסען. ער נעהמט געלד אויך, ווייל ער ווייס שוין, אז פאר געלד קען מען אויך קויפען ראָם, פולווער און קוגעלן. ער האט אבער בעסער ליעב צו בייטען מענשען פאר ראָם. דאס איז איינפאכער און לייכטער. פאר א פעסעל ראָם קויפט מען געוועהנליך צעהן שטארקע יונגע נעגער, אָדער צוועלף פרויען, אדער פופצעהן קינדער פון צעהן־צוועלף יאהר.

איך האב געזעהן, וויא אונזער שיפסקאפיטאן איז געווען זעהר פרעהליך, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון זיין קאיוטע מיט׳ן קעניג מוּאמבא. דאס איז געווען א בעווייז, אז דער קעניג האט געגוג סחורה צו פערקויפען. ער האט פר־לע מאגאזינען מיט וואארע, אלזאָ וועט ער זיי פערקויפען ביללינ.

איך האב גערעכענט, אז מען וועט באלד אנהייבען צו פאקען אונזער לעבעדינע וואארע און אין דריי־פיער טאג ארום וועלען מיר שוין קענען אוועקפאהרען און עס האט מיך זעהר געקרענקט, וואס איך בין געווען אין אפריקא און האב עס נור געזעהן פון דער ווייטען. מיינע פיס זיינען זאָגאר נים ארויםגעטרעטען אויפ׳ן אפריקאנישען באָדען.

— וואס וועל איך זאגען מיינע עלטערן, מיינע פריינדע און מיינע בעקאנטע, ווען איך וועל קומען אהיים און זיי וועלען מיך בעטען, איך זאָל זיי עפּעס דערצעהלען פון אפריקא? האב איך געפרעגט זיך אליין. איך וועל מיך דאָך

שעהמען אויפצוהויבען דיא אויגען. וויא וועל איך קענען זיי זאגען, אז איך בין געוועזען אין אפריקא און האב נור געזעהן דאס לאנד פון דער ווייטען.

דיזער געדאנק האט מיך אזוי בעאונרוהיגט, אז איך בין באלד געגאנגען צו בען בראס און האב איהם אנגעהויבען צו דערצעהלען מיינע זארגען.

בען בראס האט זיך צולאכט.

— בערוהיג דיך, בילי, האט ער אויסגערופען, מיר פאהרען נאך ניט אזוי גיך. מיר וועלען דא נאך בלייבען דריי-פיער וואכען.

— דרייא-פיער וואכען? האב איך אויסגעשריען, וויא איז דאס מעגליך? וואס וועלען מיר דא טאהן אזוי לאנג?

— דוא ביזט נאך יונג, בילי, און ווייסט נאך ניט, וואס מען דארף האבען פאר אזא שיף, וויא דיא „ראפינא". דוא פערגעסט, אז דער וויל נעפינען זיך אויפ'ן שיף עטליכע און זעכציג מאטראזען. יעצט וועלען מיר אויפנעהמען פינף הונדערט אדער אכט הונדערט שקלאפען. אזא מאסע מענשען דארף דאך עפעס עסען. מען מוז זיי געבען וואסער צום טרינקען. דאס מעער וואסער איז געזאלצען, מען קען עס ניט טרינקען, מען מוז אנגרייטען פרישעס, ריווער וואסער. דיא רייזע פון דאנען ביז ניו-ארלעאנס דארף דויערן צוועלף ביז פונפצעהן וואכען. אנגרייטען וואסער אויף אזא לאנגע רייזע און פאר אזוי פיעל מענשען, דארף עפעס פערנעהמען צייט.

איך האב מיך פערשעהמט. איך האב איינגעזעהן, אז איך בין ווירקליך נאך זעהר יונג און זעהר אונערפאהרען. איך האב געמיינט, אז אויף א שיף זעצט מען זיך אויף און מען פאהרט. בען בראס האט מיר יעצט ערקלערט אזא געוועהנליכע זאך, אז א קינד דארף עס פערשטעהן.

איך האב מיך יעצט אינטערעסירט צו וויסען, וואס פאר א פראוויאנט מען דארף אנגרייטען פאר דיא לעבעדיגע וואארע פון דער „ראפינא."

— וואו וועלען מיר ווירקליך נעהמען אזוי פיעל פלייש און אנדערע שפייזען פאר אזוי פיעל מענשען? האב איך געפרעגט.

— מיר האבען נאך א ביסעל פראוויאנט פון ענגלאנד, האט בען בראס געענטפערט, מיר האבען געקויפט אין ענגלאנד מעהל און אנדערע ארטיקעל, וועלכע ווערן ניט אזוי גיך פערדארבען. דאס איבעריגע וועלען מיר קויפען ביים קעניג מוואמבא.

— וואו וועט אבער דער קעניג נעהמען אזוי פיעל שפייז פאר אכט הונדערט נעגער?

— פאר דיא נעגער גרייטען מיר אן צווייא זאכען: אפריקאנישען הירז און פאלם אייל.

— וואס זיינען דאס פאר ארטיקעל? האב איך געפרעגט.

— אפריקאנישער הירז איז זעהר עהנליך צום געוועהנליכען הירז. ער וואקסט אבער ניט, וויא ביי אונז וויא קארן און ווייץ. ער ווערט געמאכט פון

א פרוכט פון פאַלמביימער. אין אפריקא געפינען זיך גאַנצע וועלדער פון דיעזע ביימער און דער חירז איז זעהר בילליג. דער צווייטער ארטיקעל איז פאַלם אייל. דאס איז א סאָרט אייל, וועלכעס מען פרעסט אויס פון נים פון א פאַלם־בוים. עס האט אין זיך א זאָנדערבאַרע איינגעשאַפט. קוים פרעסט מען עס אויס, ווערט עס באַלד פערקיהלט. עס ווערט שטייף און האַרט, אז מען קען שניידען מיט א מעסער. דיעזעס אייל פּאַקט מען אין פעסער. איך זאג ניט, אז עס ווערט אריינגעגאָסען אין פעסער, ווייל מען קען עס ניט גיעסען. מען מוז עס שניידען און פּאַקען אין פעסער.

— וואס טוהט מען אבער מיט דיעזען אייל? האב איך געפרעגט.

— מען קאָכט פאר דיא נעגער חירז מיט אייל, דאס איינציגע עסען, וואס דיא נעגער האבען ליעב, ווייל זיי זיינען געוואוינט צו איהם.

— קען מען נאָך עפּעס מאַכען פון דיעזען אייל? האב איך מיך אינטערעסירט צו וויסען.

— דאס פאַלם אייל איז זעהער א וויכטיגער ארטיקעל, האט מיר בען בראַס ערקלערט, הונדערטער שיפען קומען יעהרליך קיין אפריקא נור וועגען דאס פאַלם אייל. מען בענוצט עס אין אייראָפּא, אום צו מאכען דערפון זייף. עס קאָסט פיעל בילינער אַלס פעט פון פיה, ווייל אין אפריקא קען מען א מאָל טרעפען א וואַלד פון הונדערטער מיילען, וועלכער איז בעדעקט אויף א פוט דיא גרעב מיט דיעזע נים, פון וועלכע מען מאַכט דאס פאַלם אייל. דיא נעגער האַבען ביז אהער נים געוואוסט, וואס צו מאַכען פון דיעזע נים. יעצט האבען זיך בעזעצט פיעלע אייראָפּעער אין אפריקא, וועלכע האבען געמאַכט גרויסע פאַבריקען פון פאַלם אייל.

איך בין געוועזען צופריעדען מיט דיעזע ערקלערונג און האב שוין מעהר ניט געוואלט פרעגען. בען בראַס אבער האט מיך נים אפּגעלאָזען.

— פערשטעהסט דוא שוין אלעס, בילי? — האט ער מיך געפרעגט.

— איך פערשטעה שוין אלעס.

— אבער וואו נעמט מען וואסער? — האט ער אפּגעגעטאַהן.

אויף דיעזער פראגע האב איך ניט ווירקליך ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערן.

— ווייסט דוא דען נים, אַכט־ניין הונדערט מענשען דארפען פערברויבען א טאג פונפצעהן הונדערט קווארט וואסער? דוא האסט דאָך געלערענט אין א שולע און וועסט געוויס קענען בארעכענען, וויאפיעל וואסער אזא שיף דארף האבען אויף א רייזע פון צוועלף־פונפצעהן וואכען.

וויא איינפאַך דיעזע פראגע איז געווען, אזוי האב איך זיא נים געקענט פערענטפערען.

— ערקלער עס מיר, בען, — האב איך געבעטען.

— ווייסט דוא, בילי, אז יעדעס שיף מוז זיין אנגעלאדען. ווען א שיף איז אנגעלאדען מיט משא, געהט עס זיכערער אויפ'ן מעער. א לעדיגעס שיף קען זיין אין דער גרעסטער געפאהר אין דער צייט פון א שטורם. א שיף אבער, וועלכעס איז אנגעלאדען מיט משא, זיצט פעסט אין וואסער און עס איז זיכער אין דער צייט פון א שטורם. עס מאכט זיך א מאל, אז א שיף דארף ערגעץ פאהרען און זיא האט קיינע וואארע אויפצונעהמען. וואס טהוט זיא דאן? זיא נעהמט אויף שטיינער אדער זאמד. דיעזע שטיינער אדער זאמד הייסען באל־לאסט. קיין שיף געהט ניט ארויס אין מעער אָן א באללאסט.

— האט אונזער „ראפינא" אויך א באללאסט?

— געוויס! מיר האבען גענומען לעדיגע פעסער און האבען זיי אנגעגאסען מיט מעער וואסער. דאס איז געוועזען אונזער באללאסט. יעצט וועלען מיר אויס־גיעסען דאס מעער וואסער און וועלען אנגיעסען אין דיא פעסער פרישעס, זיסעס טרינק וואסער און מיר וועלען וויעדער האבען א באללאסט.

— פאר וואס אבער האט מען אנגעגאסען אין דיא פעסער מעער וואסער? האב איך געפרעגט,—פאר וואס האט מען זיי ניט אנגעגאסען מיט טייך וואסער? וואס איז דאך דאס בעסטע און טהייערסטע אויף א שיף?

— ווען אונזער שיף זאל זיין א געוועהנליכע שיף, וואלטען מיר געהאלטען אין דיא פעסער זיסעס וואסער. מיר מוזען זיך אבער בעהאלטען. מיר קענען ניט צוקומען צו יעדען פארט. מיר מוזען נעהמען, וואס מיר קענען בעקומען. דערפאר האבען מיר גענומען מעער וואסער.

איך דערצעהל דא אלע דיעזע קלייניגקייטען, ווייל זיי זיינען זעהר וויכטיג פאר מיינע ערצעהלונג.

— יעצט פערשטעה איך, פאר וואס מיר וועלען מוזען דא שטעהן א גאנ־צען מאנאט,—האב איך געזאגט.

— דוא פערשטעהסט נאך ניט אלעס,— האט בען בראס געלאכט.— דוא האסט זעהר גוט געזעהן, אז אין דער צייט ווען דער ענגלישער קרייצער האט זיך נאכגעיאגט נאך אונז, האט מען צובראכען אלע גראטעס און וועגמלעך, וועלכע דער צימערמאן האט געמאכט. יעצט וועלען מיר מוזען מאכען נייע. דאס נעהמט אויך צו פיעל צייט. מיר וועלען אלזא האבען צייט גענוג ארום צו געהן פון שיף און צו שפאצירען אין דיא וועלדער פון אפריקא.—יעצט קום! לאָמיר זעהן, וואס זיין מאיעסטעט, דער קעניג דשינגא מוואמבא מאכט עפּעס.

מיר זיינען צוגעקומען צו דיא קאיוטען פו'ם שיפסקאפיטאן מיט'ן ערשטען אפיציער. זיינע שווארצע מאיעסטעט מיט אונזער שיפסקאפיטאן זיינען ארומגע־גאנגען אין דיא ניעדעריגע אבטהיילונגען פון שיף זעהן, וואס פאר ארטיקעל דער שיפסקאפיטאן האט איהם געבראכט.

אין איינעם מינוט ארום איז דער קעניג ארויסגעקומען פון דיא אונטערסטע אבטהיילונגען פון דער „ראפינא". דאס מאל האט דער שיפסקאפיטאן איהם גע־

מחט איהם האלטען אונטער ארים. זיינע שווארצע מאַיעסטעט איז געווען טויט שיכור.

וויא עס ווייזט אויס, האט דער שיפסקאַפּיטאַן איהם געגעבען צו פערזוכען דעם ראָם און דעם קאָניאַק, וואס ער האט געבראַכט. דער קעניג דשינגאָ מוואַמ־באַ האט אזוי לאַנג פערזוכט, ביז ער איז געוואָרען פול.

ווען ער איז ארויפגעקומען אויפ'ן דעק, האט ער געהאַלטען אין איין האנד א פלאַש ראָם און אין דער אנדערער האט ער געהאַלטען א רויטע דעק (קאָלדרע), וועלכע אונזער שיפסקאַפּיטאַן האט איהם געשענקט.

ער איז געווען זעהער פרעהליך און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען, אז ער איז א גרויסער העלד. ער האט געפיהרט גרויסע שלאַכטען און האט אפּגענומען פיעלע דערפער. ער האט זיך בעריהמט, אז ער האט יעצט פינף הונדערט יונגע און שטאַרקע שקלאַפען, אויסער פרויען און קינדער.

זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האב ניט פערשטאַנען א וואָרט, וואס ער האט געזאָגט. בען בראַס האט מיר אלעס ערקלערט.

— איך בין א גרויסער קעניג, האט זיך געריהמט זיינע מאַיעסטעט. אלע ציטערן פאר מיר. אלע ליעגען אונטער מיינע פיס. איך האב פיעלע שקלאַפען און פיעלע אָקסען. קיינער קען זיך ניט שטעלען געגען מיר.

זיינע בעטרונקענע מאַיעסטעט האט נאָך אוועקגערעדט א לאַנגע צייט. עס האט מיר נעעקעלט אלעס אויסצוהערן און איך בין מיר אוועקגעגאַנגען אויף מיין פּלאַץ. איך האב נאָך געזעהן, וויא זיינע מאַיעסטעט האט נאָך אמאָל פּראָבירט דיא פלאַש ראָם, דאַן האט ער זיא אוועקגעוואָרפען. ענדליך האבען זיינע מיני־סטאָרען, וועלכע זיינען אויך ניט געווען גאַנץ ניכטער, גענומען נעהמען זיינע שוואַר־צע מאַיעסטעט און איהם אראָפּשלעפּען אין זיין שיפעל.

איך מוז אבער זאָגען, אז קעניג דשינגאָ מוואַמבאַ איז געווען א העפליכער מענש. ער האט איינגעלאַדען דעם שיפסקאַפּיטאַן מיט זיינע מענשען צו זיך אויף א באַלל.

ווען דער קעניג איז אוועקגעפאָהרען, האט אונזער שיפסקאַפּיטאַן אנגעזאָגט דעם צווייטען אפיציער און דעם צימערמאַן, וואס זיי זאָלען טאָהן און ער אליין האט גענומען מיט זיך דעם ערשטען אפיציער און אפּאָר צעהנדליג מאַטראָזען און איז מיט זיי געפאָהרען צום קעניג אויפ'ן באַלל.

אום דרייא אוהר נאָך מיטאָג איז אונזער שיפסקאַפּיטאַן מיט זיינע מענשען אוועקגעפאָהרען צום קעניג. יעצט האט זיך אנגעהויבען א באַלל בייא אונז. דיא מאַטראָזען האבען געגעסען, געטרונקען, געשפּיעלט אין קאַרטען, געקריעגט זיך, געשלאָגען זיך, ביז זיי זיינען אלע אניעדערגעפאַלען טויט שיכור.

דער שיפסקאַפּיטאַן האט צוואַר איינגעלאַדען בען בראַס, ער זאָל מיט איהם פאָהרען צום קעניג. בען בראַס אבער האט זיך אפּגעזאָגט. ער איז ליעבער גע־בליעבען לעבען מיר. אלע מאַטראָזען האבען געטרונקען, ריכטיגער געזאָגט, האַ־

בען זיך איבערגעטערקען. איך און בען בראס זיינען געווען דיא איינציגע מענ־שען אויף דער „ראפינא“, וועלכע זיינען געבליעבען ניכטער.

מיר האבען זיך אניעדערגעזעצט אויף דעם גאז פון׳ם שיף, אתזער ליעב־לינגס פלאץ און האבען געפלוידערט.

— זעהסט דוא שוין, ביללי, אז מיר קענען אין אפריקא ניט אנטלויפען, האט בען בראס געזאגט. וואוהין קענען מיר אנטלויפען? אריינפאלען אין דיא הענד פון קעניג דשינגא איז געווים פיעל ערגער, וויא אריינצופאלען אין מויל פון א ווילדען טיגער.

— איהר האט רעכט, בען, האב איך געענטפערט טרויעריג. איהר זייט קליגער פון מיר און ערפאהרענער פון מיר. איך פערלאז מיך אויף אייך, איך וועל טאהן אלעס, וואס איהר וועט מיר הייסען.

מיר זיינען אזוי געזעסען ביז שפעט אין דער נאכט. מיר האבען געקוקט אויפ׳ן הימעל, אויף דיא געדיכטע וועלדער פון פאלמען (תמרים) און אויפ׳ן וואַ־סער. מיר האבען געזעהן פון דער ווייטען גרויסע פייערן ברענען.

— דאס איז דער לאגער פון קעניג דשינגא, האט מיר בען בראס ערקלערט. דארט געפינען זיך יעצט אונזערע קאמעראדען.

— פאר וואס זייט איהר ניט געפאהרען מיט זייא? האב איך געפרעגט, דער שיפסקאפיטאן האט דאך אייך איינגעלאדען? דארט איז געווים פרעהליך.

בען בראס האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף ביידע הענד און האט געענט־פערט טרויעריג:

— אך, ביללי! דוא זאלסט וויסען, וואס פאר א סארט באלל דער קע־ניג גיט פאר זיינע געסט. ואלסט דוא געשווידערט פאר עקעל און אבשיי בלייב בעסער אונשולדיג און וויס ניט, וויא אזויא א ווילדער, אפריקאנער נעגער קעניג נעהמט אויף געסט.

13-טעס קאפיטעל.

דער קראָקאָדיל.

בען בראס האט מיר צוואר צוגעזאגט, אז ער וועט מיך נעהמען אויף דאס לאנד. דאס איז אבער געווען ניט אזוי לייכט. מען האט מיך געדארפט אויפ׳ן שיף. איך האב געדארפט יעדען בעדיענען. זייט דאס שיף האט זיך פעראנ־קערט, האט דער קאפיטאן געמאכט אזא ארדנונג. דיא מאטראזען האבען זיך איינגעטהיילט אין פארטייען. איין פארטיע האט געארבייט און דיא אנדערע פארטיע האט זיך אויסגערוהט און האט געזוכט פערגעניגען.

זעלבסט פערשטענדליך, אז דאס איינציגע פערגעניגען, וואס מען האט זיך געקענט פערשאפען אין דיעזער ווילדער געגענד, איז געווען צו געהן בעזוכען דעם לאגער, אדער דאס דארף פון קעניג דשינגא מוואמבא.

איינע מאַטראָזען האָבען גענומען ערלויבניס אויף עטליכע טעג, דאָס הייסט, זיי האָבען געזאגט דעם שיפסקאַפּיטאַן, אז זיי ווילען ניט ארבייטען עט־ליכע טעג. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט עס ערלויבט אדער געמוזט ערלויבען. איי־ניגע מאַטראָזען פלעגען אראָפּגעהן אין וואלד אין דער פריה און פלעגען צוריק קומען פאר נאַכט. אנדערע פלעגען אראָפּגעהן פון שיף און פלעגען צוריק קומען, ווען זיי האָבען געוואָלט.

איך האָב עטליכע מאָל געוואָלט מיט פאָהרען מיט איינגע פון זייא אום וועניגסטענס אקוק צו טאָהן אויפ׳ן לאַנד, קיינער האָט מיך אבער ניט געוואָלט מיטנעהמען. יעדער האָט מיר געהייסען געהן ארבייטען.

בען בראַס איז געוועןן א קלוגער און פראַקטישער מאַטראָז. ער האָט גע־וואָלט פריהער אָפּטאָהן זיין ארבייט און דער נאָך געהן זוכען פערגעניגען.

איך בין געווען אויסער זיך. צעהן וואָכען נאכאנאַנד בין איך געליגען פער־שפּאַרט אויפ׳ן שיף און האָב איבערגעטאָהן אלע מעגליכע שמוציגע ארבייט און יעצט, ווען מיר זיינען צוגעקומען צו א לאַנד און איך האָב געוואָלט ווידער א מאָל שטעלען מיינע פיס אויף דאָס פעסטע לאַנד, ווידער געהן אויף דער ערד, ווידער אנריהרען פעסטע ביימער, ווידער זעהן מענשען אין טהיערע. בין איך צוגעבונדען צום שיף.

ווער עס איז געפאָהרען א לענגערע צייט אויפ׳ן מעער, דער ווייס, וויא מען בענקט שוין ארויסצוקומען אויף דער יבשה. עס ציהעט צום לאַנד. מען קען זיך שוין ניכט איינהאַלטען אויפ׳ן שיף דאָס זעלבע האָב איך געפיהלט. איך וואָלט אוועקגעגעבען יאָהרען פון מיין לעבען, ווען מען זאָל מיר לאָזען פערברענגען איינגע שטונדען אויפ׳ן פעסטען לאַנד. עס האָט מיר אבער גאר ניט געהאָלפען. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט אנגעזאגט, אז מען זאָל מיך ניט אראָפּלאָזען פון שיף.

עס איז זעהר מעגליך, אז ער האָט מורא געהאָט, איך זאָל ניט אנטלויפען. ער האָט גוט פערשטאַנען, אז נאָך דעם וויא ער האָט מיך בעהאַנדעלט אויף אונזער רייזע קיין אפריקא, דאַרף איך פון איהם אנטלויפען.

— איך האָב פערגעסען אייך צו דערצעהלען, אז אויף אונזער שיף איז געווען נאָך אן אונגליקליכער, וועלכען מען האָט בעהאַנדעלט אזוי שלעכט, וויא מיך. דאָס איז געווען א מאַטראָז, א שפּאַניער. וויא שלעכט מען האָט מיך בעהאַנדעלט, איז עס נאָך געווען פיין און עדעל געגען דעם, וואָס מען האָט זיך ערלויבט צו טאָהן געגען דעם שפּאַניער.

מיך פלעגט מען שלאָגען, ווען איך האָב געטאָהן עפּעס, וואָס איז ניט גע־פעהלען; דעם שפּאַניער פלעגט מען שלאָגען צום פערגעניגען. דאָס איז געווען אן אונגליקליכער, פערשלאָגענער מענש, וועלכער פלעגט איינבויגען דעם קאָפּ און פלעגט איבערליידען און איבערטראָגען אלע נור מעגליכע בעליידיגונגען.

איך ווייס ניט, וויא ער איז געקומען אויף אונזער שיף, פאר וואָס ער איז געקומען אויף אונזער שיף און וויא לאַנג ער איז געווען אויף אונזער שיף. ער

פלעגט מיט קיינעם ניט רעדען, פלעגט ארבייטען פלייסיג און, ווען ער האט ניט געהאט וואס צו טאהן, פלעגט ער ליעגען אין א ווינקעלע ווייט פון אלעמען און פלעגט טראכטען.

איך פלעג זעהר אפט מיך פרעגען: ווער איז דיעזער אונגליקליכער? וויא קומט ער צווישען דיעזע ווילדע מענשען? איך האב אפאר מאל געוואלט מיך בעקענען מיט איהם און איהם העלפען. ליידער, האט ער ניט פערשטאנען א ווארט ענגליש און איך האב ניט פערשטאנען א ווארט שפאניש. יעדעם מאל, ווען איך פלעג זעהן דעם אונגליקליכען שפאניער ליעגען אין א ווינקעלע, טרויעריג, ניעדערגעשלאגען און פערטראכט פלעג עס מיר פערקלעמערן ביים הארצען און איך פלעג איהם מעהר בעדויערן, וויא זיך אליין.

עטליכע טעג נאך אונזער אנקומען קיין אפריקא בין איך אמאל געשטאנען אויף מיין ליעבלינגס פלאץ לעבען דער אנקער קייט. דיא זון איז נאר וואס אונטערגעגאנגען, עס איז נאך אבער געווען גענוג ליכטיג אום צו זעהן אלעס.

אזוי וויא איך בין אזוי געשטאנען פערטיעפט און מיינע געדאנקען, האב איך געפיהלט, אז איינער האט אנגעריהרט מיין האנד. איך האב זיך אומגעקוקט — הינטער מיר איז געשטאנען דער שפאניער.

— וואס ווילסט דוא, ארימער מענש? האב איך איהם געפרעגט.

ער האט מיר געגעבען צו פערשטעהן דורך ווערטער און דורך צייכענס, אז ער וויל אנטלויפען און האט מיך איינגעלאדען, איך זאל אנטלויפען מיט איהם. איך האב איהם ניט געדארפט פרעגען: פון וואנען ער וויים, אז איך וויל אויך אנטלויפען. דאס האט געקענט פערשטעהן יעדער וואס האט געזעהן, וויא מען בעהאנדעלט מיך אויפ'ן שיף.

ווען איך זאל ניט געווען רעדען דאריבער מיט בען בראס; ווען בען בראס זאל מיר ניט געווען ערקלערן, אז אין דיעזער געגענד איז אונמעגליך צו ענטלויפען, וואלט איך געוויס געווען אנטלאפען מיט'ן שפאניער.

איך האב אנגעהויבען צו ערקלערן דעם אונגליקליכען שפאניער, אז דא איז אונמעגליך צו אנטלויפען. מיר מוזען איבער ווארטען, ביז מיר וועלען אנקומען אין א פארט אין אמעריקא. דארט וועלען מיר אנטלויפען. איך האב איהם זאגאר געזאגט, אז בען בראס וועט אויך אנטלויפען מיט אונז.

איך וויים ניט פאר וואס מיינע רעד האבען ניט געווירקט אויף איהם זאל עס זיין, ווייל ער האט מיך ניט פערשטאנען, אדער עס איז איהם שוין געווען אזוי שלעכט, אז ער האט זיך ענטשלאסען צו ריסקירען אלעס, נור ניט צו בלייבען אויפ'ן שיף. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז ער שטעלט איין זיין לעבען. ער האט אבער געוואלט בעסער שטארבען אלס צו ליידען אויף דער „ראפינא".

מיר האבען נאך אוועק גערעדט איינינע צייט, וויא מיר האבען געקענט. ער האט מיך נאך א מאל געבעטען, איך זאל מיט איהם אנטלויפען. איך האב

איהם ערקלערט, אז איך קען עס ניט טאהן און ענדליך איז ער זיך אוועקגע־
גאנגען.

מיט איינינע שטונדען שפעטער, ווען אלע אויף אונזער שיף זיינען געשלא־
פען, האבען דיא וואכען דערהערט, וויא א שווערער קערפער איז אראפגעפאלען
פון שיף און איז אריינגעפאלען אין וואסער.

— איינער איז אריינגעפאלען אין וואסער! — האט מען אנגעהויבען צו
שרייען אין פארקאסל.

אלע מאטראזען, זעלבספערשטענדליך, ווער עס איז ניט געווען בעטרונקען,
האבען זיך אויפגעכאפט און זיינען געלאפען זעהן, וואס עס איז געשעהן און ווער
עס איז אריינגעפאלען אין וואסער. יעצט ווען דאס שיף האט געגוג לעבעדיגע
סחורה, דארף מען האבען אלע מאטראזען.

עס איז געווען א העלע נאכט. דער מאנד האט געשיינט העל. דער הי־
מעל איז געווען בלוי און ריין. עס איז געווען ליכטיג, וואו ביי טאג.

איך האב אויך דערהערט דיא געשרייען, אז א מענש איז אריינגעפאלען
אין וואסער און בין אויך צוגעלאפען צום געלענדער פון'ם שיף זעהן, וואס דארט
איז געשעהן.

מיר האבען געזעהן א שווארצען פונקט זיך אויפהויבען פון וואסער. דאס
איז געווען א מענשען קאפ. ער האט זיך אויפגעהויבען פון וואסער, האט זיך
אפגעטרייסעלט און האב אנגעהויבען צו שווימען מיט זיין גאנצער קראפט. עס
איז געווען דייטליך, אז ער שווימט צום ברעג.

— דער שפאניער! דער שפאניער אנטלויפט! — האט אויסגערופען איינער
פון דיא מאטראזען.

דער שיפסקאפיטאן און דער ערשטער אפיציער האבען זיך אויך אויפגע־
כאפט און זיינען געקומען צולויפען.

— שיעסט איהם! — האט געשריען דער ווילדער שיפסקאפיטאן, שיעסט
איהם! ברענגט מיר מיין ביקס, איך וועל איהם שיעסען. לאזט אראפ דאס באאט!
יאגט איהם נאך!

דיא מאטראזען האבען אנגעהויבען צו לויפען. איינינע זיינען געלאפען אין
שיפסקאפיטאנס קאיוטע נעהמען זיין ביקס, אנדערע זיינען געגאנגען אראפ־
לאזען דאס באאט.

באלד אבער האט מען דערזעהן, וויא דאס וואסער אין דער מיט טייך האט
אנגעהויבען צו ציטערן און צו רוישען. א לאנגער, שווארצער, שפיציגער קאפ
מיט א שרעקליכעס מויל האט זיך ארויסגעוויזען פון וואסער. איך האב אזא
ווילדע זאך נאך קיין מאל ניט געזעהן אין מיין לעבען און האב ניט געוואוסט
וואס דאס איז.

— א קראקאדיל! א קראקאדיל! — האט געשריען איינער פון דיא
מאטראזען.

דער שיפסקאפּיטאַן האט שוין אויסגעשטרעקט זיין ביקס אום צו שיעסען אויפ'ן אונגליקליכען שפּאַניער. ווען ער האט דערזעהן דעם קראָקאָדיל, האט ער אראפּגעלאַזען זיין ביקס און האט געזאגט:

— נון, דער קראָקאָדיל וועט שוין טאָהן מיין ארבייט.

איך האב געזעהן א בייזען ווילדען שמייכעל אויף זיינע דיקע ליפּען פון אונ־זער שיפסקאַפּיטאַן.

— ארימער שפּאַניער! — האט איינער אויסגערופען לעבען מיר. — ער וועט ניט דערגרייכען דעם ברעג! — זעהט! דער קראָקאָדיל יאגט איהם נאך! ער וועט איהם איינשלינגען!

קוים האט ער ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, האבען מיר געזעהן, וויא דער קראקאדיל האט אויפגעהייבען זיין קערפּער פון וואסער, האט געגעבען א שרעק־ליכען שפּרונג, האט געעפענט זיין גרויסעס מויל, וועלכעס איז פול מיט שארפע, שפּיציגע צעהנער און האט אנגעהאפּט דעם אונגליקליכען שפּאַניער ביי דער פּלייצע.

א שרעקליכער, ווילדער טאדעס געשרייא, איינינע רויטע פלעקען אויפ'ן וואסער זיינען געוועזען אַלעס, וואס מיר האבען געהערט און געזעהן פונ'ם שפּאַניער מיט'ן קראקאדיל. ביידע זיינען פערשוואונדען געווארען אונטערן וואסער.

— רעכט אויף איהם! האָט געשריען אונזער שיפסקאַפּיטאַן, האט ער ניט געוואָלט אנטלויפען! איך קען מיך בעגעהן אָהן איהם! איך דארף איהם ניט!

— לאָזען זיי ווייטער וויסען, וויא אזוי מען קען אנטלויפען פון אונזער גוטעס שיף! — האט דער ערשטער אפּיציער איהם נאכגעזאָגט, — דער טייפעל! ווען ער וויל בעסער ליגען אין בויך פון א קראקאדיל, אלס אויף זיין געלעגער אויפ'ן שיף, לאָז ער טאָהן וויא ער וויל.

דערביי האט ער זיך צולאכט מיט א ווילדען, גראָבען געלעכטער. דער שיפסקאַפּיטאַן און איינינע מאַטראָזען האבען געהאָלפען איהם לאַכען.

באַלד האט מען פערגעסען אָן דעם אונגליקליכען און אן זיין שרעקליכען טויט. דער שיפסקאַפּיטאַן מיט זיינע מאטראָזען האבען אריינגעגאָסען אין זיך עטליכע בלעכלעך ראָם און זיינען זיך צוגאַנגען אויף זייער געלעגער.

— ווער וועט צונעהמען זיין פערמעגען? האט פלוצלונג געפרעגט איינער פון דיא מאַטראָזען.

דער שפּאַניער האט געהאַט א קאַסטען מיט זאכען, וויא אלע מאַטראָזען. ער האט דאָרט געהאַט ציוויל קליידער, אין וועלכע ער האט געקענט ארויסגעהן. ווען דיא „ראַפּינאַ וואָלט ערגעץ צוגעקומען צו א שטאָדט, און איינינע קלייניג־קייטען.

— ווער וועט זיין דער ערבע (יורש) פונ'ם שפּאַניער? — האט געפרעגט אנ'אנדערער נאָך דייטליכער.

עס איז געווארען א געשריי, א ליארם און א געוואלד. יעדער האט געוואלט

צוזעהמען דיא ארימע זאכען פון דעם אומגליקליכען שפּאַניער. זיי וואָלטען זיך געווים געוועז צו שלאָגען, ווען דער שיפסקאַפּיטאַן וואָלט זיך ניט ארייננעמישט און וואָלט ניט קאמאַנדירט:

— פערלאָאָזען! (ווארפען גורל).

אַלע זיינען געווען צופריעדען מיט דיעזען אורטהייל און האָבען בעשלאָסען, אז מאָרגען אין דער פריה זאָל מען פערלאָאזען דיא זאכען פון'ם שפּאַניער. דאן זיינען זיי זיך צונאַנגען איינציגוויים זיך לעגען שלאָפען.

איך בין געבליעבען אליין אויפ'ן דעק. איך האב ניט געקענט שלאָפען. מיינע אויגען זיינען געווען צוגעבונדען צו דעם אָרט אויפ'ן טייך, וואו דער אונגליקליכער שפּאַניער איז פערשוואונדען געווארען. איך האב אבער גאָר ניט גע־זעהן. דיא שווארצע וואסערן פון'ם טייך האבען גערוישט גאַנץ שטיל און רוהיג. אלע זיינען געשלאָפען, אלעס איז געווען שטיל, נור מיין קאָפּ האט געארבייט. פאר מיינע אויגען זיינען געשטאַנען וויא לעבעדיג דער קאָפּ פון'ם שפּאַניער און דאס מויל פון'ם קראקאדיל. אין מיינע אויערן האט נאָך געקלונגען דער שרעק־ליכער טאָדעסגעשריי פון'ם אונגליקליכען.

ערשט גאַנץ פריה, ווען דער הימעל אין אָסטען (מזרח) איז רויט געווארען, בין איך אַניעדערגעפאַלען אויף מיין הארטען געלעגער און בין ענדליך אנטשלאפען געווארען.

18-טעם קאפּיטעל.

אין אפריקא.

איך בין געשלאָפען זעהר ווענינ דיעזע נאכט. גאַנץ פריה בין איך אויפ־געשטאַנען און האב מיך גענומען צו מיין ארבייט. צוואר האב איך יעצט ניט געדארפט ארבייטען אזוי שווער און ביטער, וויא איך האב געארבייט ביז אהער. דער שיפסקאַפּיטאַן און פיעלע מאַטראָזען פלעגען פערברענגען גאַנצע טעג אין לאַנער פון קעניג דשינגא. איך האב דאהער געהאט פיעל ווענינער ארבייטען און וואָלט געקענט שלאפען לענגער.

איך האב עס אבער ניט געקענט. דיא שרעקליכע סצענע, וויא דער קראָ־קאָדיל האט אראָפּגעשלעפּט דעם שפּאַניער אונטערן וואסער, איז געשטאַנען פאר מיינע אויגען, וויא לעבענדיג. אין שלאָף האב איך געהערט דאס געשריי פונ'ם שפּאַניער און פלעג מיך יעדע מינוט אויפחאַפּען.

איהר קענט אייך לייכט פאָרשטעלען, אז נאָך דיעזער סצענע האב איך נאָך מעהר פיינט געהאט, נאָך מעהר פעראַבשייט דעם שיפסקאַפּיטאַן מיט דיא מאַטראָזען. איך וואָלט קיין מאָל ניט געגלויבט, אז עס קענען זיך געפונען מענ־שען, וואס זאָלען צוזעהן אזוי גלייכגילטיג, וויא א ווילדעס טהיער צורייסט א מענשען און זאָלען נאָך לאַכען דערביי.

אויף אונזער שיף איז אבער אין דעם טאג געווען א גרויסער פייערטאג. אין דער פריה נאָך האט דער שיפסקאפּיטאן געהייסען דעם קאָך אנגרייטען א גוטען מיטאג.

— מיר וועלען האבען געסט, האט ער איהם געזאגט.

אום צוועלף אוהר זיינען ווירקליך אנגעקומען דיא געסט. קעניג דשינגא מוואמבא איז געקומען צו אונז מיט זיין גאנצען הויף, מיט אלע זיינע מיניסטאָרען, גענעראלען און זיינע גרויסע לייט, אויסער דעם האט דער קעניג מיטגעבראכט צוואנציג פון זיינע שעהנסטע פרויען. איך האב צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען געזעהן גאנץ נאקעטע מענשען. אויסער דעם קעניג, וועלכער האט געטראגען א רויטען מונדיר פון א פראנצייזישען אדער אן ענגלישען אונטער אָפּיציער אויף זיין נאקעטען קערפּער, זיינען אלע געווען גאנץ נאקעט. דיא פרויען, וויא דיא מענער האבען געטראגען א שטיקעל לייניוואנד ארומגעבונדען ארום זייערע לענדען.

דיא מאטראָזען און אונזער שיפסקאפּיטאן האבען אויפגענומען דעם קעניג מיט זיין הויף מיט גרויס עהרע. מען האט אויסגעשטעלט טישען אויפ'ן דעק פון דער „ראפינא" און מען האט זיך געזעצט עסען און טרינקען.

דיעזער ווילדער באלל האט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאכט. איך קען אייך ניט שילדערן מיט ווערטער, וואס פאר א ווילדער באלל דאס איז געווען. דעם קעניגס שווארצע שעהנהייטען האבען געוויעזען, אז זיי האבען א גאנץ פיינעם אפעטיט. זיי האבען געגעסען, וויא דיא הונגעריגע וועלף און האבען געטרונקען ראָם ניט ערגער פון אונזערע מאטראָזען.

נאכ'ן עסען האט זיך אנגעהויבען א ווילדער טאנץ. דער שיפסקאפּיטאן, זיינע אָפּיציערען און דיא מאטראָזען האבען אנגעהויבען צו טאנצען מיט'ן קעניג דשינגא מוואמבא'ס פרויען.

איך האב ניט געקענט צוזעהן דיא ווילדע סצענען, וואס זיינען יעצט פארגעקומען און בין מיר אוועקגעגאנגען אין מיין ווינקעלע לעבען אנקער און האב מיך דאָרט אניעדער געזעצט.

דיעזע נאכט איז דער קעניג מיט זיין הויף געשלאָפען ביי אונז אויפ'ן שיף און איך האב געהאט דיא עהרע צו נעכטיגען אויף איין שיף מיט א קעניג. איך וואָלט אבער אוועקגעגעבען דיא בעסטע צעהן יאהר פון מיין לעבען, ווען איינער וואָלט מיך בעפרייעט פון דיעזער עהרע.

דעם אנדערן טאג האט מען וועניג געטרונקען. מען האט אנגעהויבען צו מאכען געשעפטען. דער שיפסקאפּיטאן האט אנגעהויבען איבערצוגעבען דעם קעניג זיינע וואארען: פעסלעך מיט ראָם, ביקסען, קונעלן, פעסלעך פולווער, מעסער און עטליכע שטיק בילליגע קליידער שטאָף, פערקאל אדער מוסלין.

מיט מיר האט זיך דאס אייגענטליך ניט אנגעהערט. איך בין דאָך געווען נור א יונגע און האב געדארפט אפּהיטען נור מיין ארבייט, פון דעסט וועגען האב איך מיך צוגעקוקט, וויא אזא סאָרט האנדעל געהט צו.

איך האב געזעהן מיט שטוינען, וויא דער דיקער, פערגאָסענער שוואַרצער קעניג איז גאַנץ קלוג און זאָגאר דורכגעטריעבען, ווען עס קומט צו א געשעפט. זיינע שוואַרצע מאַיעסטעט האט בעטראַכט יעדען אַרטיקעל, וואס מען האט איהם געבראַכט, וויא א גרויסער קענער. ער האט אויסגעזעצט פעהלער אין דיא אַרטיקעל. זיינע מאַיעסטעטישע הענד האבען גענומען יעדעס פעסעל ראָם און האבען עס געשאָקעלט, אום צו זעהן, אויב עס איז פול און האט בעטראַכט יעדע זאך, וואס מען האט איהם געגעבען, אויב עס איז גוט און ריכטיג, וויא עס דאַרף זיין.

דאַן האָט זיינע שוואַרצע מאַיעסטעט אנגעהויבען זיך צו דינגען און צו ציי־ניינערין, וויא א מארק פרויא. עס האָט זיך אנגעהייבען אן אבשייליכער האַנ־דעל, א שאַכער־מאַכער, וויא עס קומט פאר אויף דיא ערגסטע מאַרק פלעצער אין א גרויסער שטאָדט. אונזער שיפסקאַפּיטאַן פלעגט וועלען אפנאררען זיינע מאַיעסטעט דעם קעניג דשינגא מוואַמבא. ער פלעגט וועלען איהם איינצעהלען א פעסעל ראם אדער אנ׳אנדער אַרטיקעל. דער קעניג האָט זיך ניט געלאָזען. ווען ער פלעגט דערזעהן, אַז מען האט אפגעצעהלט צוואנציג און מען האָט איהם געגעבען נור ניינצעהן, פלעגט ער שרייען, זיך בייזערן און שימפפען, וויא דיא ניעדעררינגסטע מארק פרוי.

ענדליך האָט מען זיך אויסגעגלייכט. דער קעניג האָט איבערגענומען דיא וואארען, וואָס ער האָט געקויפט און האָט געדארפט איבערגיבען זיינע שקלאַפען. דער שיפסקאפּיטאַן האָט געהייסען דרייסיג שטאַרקע מאַטראָזען, זייא זאלען אנלאַדען זייערע ביקסען, זאלען מיטנעהמען פולווער און קוגעלן אויף דרייסיג שוס א יעדער און זאלען פאהרען מיט איהם איבער נעהמען זיין לעבעדיגע וואארע.

קעניג דשינגא האט געהאַלטען זיינע שקלאפען אין גרויסע און פעסטע שטאַ־לען, דיעזע שטאַלען האָבען געהייסען באַראַקונס. ווען דער ענגלישער קרייצער וואלט אונז ניט געווען נאכגעיאַגט און מען וואָלט ניט געמוזט צו נעהמען דיא גראַטעס און דיא קאַמערן, וועלכע דער צימער מאַן האָט געמאַכט אויפ׳ן וועג, וואלט דער שיפסקאַפּיטאַז געהייסען באַלד ארויפברענגען דיא שקלאַפען אויפ׳ן שיף. מען וואלט זייא געטריעבען פון דיא באַרראַקונס גלייך אויפ׳ן שיף.

אַזוי וויא דיא גראַטעס, דיא קאַמערליך און דיא אַנדערע איינריכטונגען פאר דיא שקלאַפען זיינען געווען צערשטערט און מען האָט געמוזט מאַכען נייע, האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געמוזט לאָזען דיא שקלאַפען אין דיא שטאַלען, ביז דער צימער מאַן וועט ווידער צורעכט מאַכען אלעס אויפ׳ן שיף.

דער שיפסקאַפּיטאַן האָט אבער זעהר גוט געוואוסט, אַז קעניג דשינגא טאַר מען ניט טרויען. ער קען נאָך אראפגנבענען איינינע שקלאַפען. ער האָט דאַהער מיטגענומען מיט זיך א שטאַרקע וואך פון דרייסיג מאַטראָזען מיט שאַרף געלאַדענע ביקסען.

איך בין ניט געווען דערביי, ווען מען האט איבערגענומען דיא שקלאַפען.

בען בראס האָט מיר שפּעטער דערצעהלט, וויא אזוי עס איז צוגעגאנגען, ווייל ער איז אויך געווען איינער פון דיא דרייסיג מאַטראָזען.

דער שיפסקאפּיטאן מיט'ן קעניג דשינגא זיינען צוגעקומען צו א שטאָל, האָבען איהם גענעמעט און האָבען ארויסגעטריעבען אלע שקלאפּען אויף א פרייען פּלאַץ. דא האָט ער איבערגעצעהלט און אונטערזוכט, אויב זייא זיינען געזונד. מען האָט זייא בעהאנדעלט, וויא פערד הענדלער בעהאנדלען זייערע פערד. קע־ניג דשינגא האָט געהאַלטען אין דיא הענד א לאנגע בייטש, אויסגעפלאכטען פונ'ם לעדער פון א קראָקאָדיל. יעדער נעגער, וועלכער פלעגט ארויס קומען פון שטאָל, פלעגט בעקומען א שטאַרקען שמיץ איבער'ן נאקעטען לייב. ער האָט געמוזט טאנצען, שפּרינגען, לויפען און ווייזען, אז ער איז פאלקאמען געזונד. דאן פלעגט דער שיפסקאפּיטאן אדער זיין ערשטער אפיציער איהם בעטראכטען און איהם אויסטאפּען יעדער ביין. יעדער נעגער האָט געמוזט עפענען דאָס מויל און ווייזען, אז ער האָט אלע צעהנער אין מויל.

יעצט האָט דער קעניג זעהר אָפט געוואלט אפּנארען אונזער שיפסקאפּי־טאן. ער פלעגט וועלען איהם געבען קראנקע נעגער פאר געזונדע, אלטע פאר יונגע. דאָס דינגען זיך, דאָס ציגיינערן זיך, דאָס קריעגען זיך און דאס שאכערן, האָט געדויערט א גאנצען טאג. עס איז ניט לייכט איבערצונעהמען זעקס הונ־דערט מענשען.

אנפאנגס האָט עס מיר לייד געטאהן, וואָס איך בין ניט געווען דערביי. איך בין דאך געווען יונג און יעדער יונגער מענש איז נייגיעריג. יעדער וויל דאך זעהן א נייע זאך. איך האָב געהערט אין דערהיים, אז דיא נעגערן זיינען שקלא־פען אין אמעריקא, איך האב אבער קיין מאל ניט געזעהן קיין נעגער. איך האָב קיין מאל ניט געזעהן וויא מען האלט דיא נעגער שקלאפען און איך האב זעהר געוואלט זעהן, וויא אזוי אונזער שיפסקאפּיטאן וועט איבער נעהמען זיין לעבעדיגע סחורה. ווען בען בראס האָט מיר אבער דערצעהלט, וויא אזוי מען האט איבער־גענומען דיא שקלאפען, בין איך געווען העכסט צופריעדען, וואס איך בין דער־ביי ניט געווען. ער איז דאך קיין גרויסעס פערגניגען צו זעהן, וויא מענשען ליידען.

ווען מען האט איבערגענומען אלע שקלאפען, האט מען זיי צוריק געטריע־בען אין דיא שטאלען אדער באראקונס און דער שיפסקאפּיטאן האט אויסגע־שטעלט א שטרענגע וואך פון צעהן מאטראזען מיט שארף געלאדענע ביקסען פאר יעדען שטאָל.

יעצט האט מען זיך גענומען צו דער ארבייט אויפ'ן שיף. דאס ערשטע איז געווען צו מאכען פּלאַץ פאר דיא זעקס הונדערט נייע פּאסאזשירען. ביי דיא שקלאפּען הענדלער איז איינגעפיהרט, אז מען זאל האלטען מענער בעזונדער, פרויען בעזונדער און עלטערע קינדער בעזונדער. זייא טוהען עס ניט אויס פרומ־קייט. זיי ווייסען פון דער פּראקטיק, אז ווען מען האלט מענער און פרויען בע־זונדער, פערהאלטען זייא זיך רוהיגער אויפ'ן וועג. ווען מען האלט מענער מיט

פרידען צוזאמען, ווען דיא מענער אפט זעהר אונרוהיג און הייבען אן צו ברעכען דיא גראטעס.

דאן האט מען אנגעהויבען צו ברענגען אויף אונזער שיף אפריקאנישע הירז און פעסער מיט פאלם־אייל — פראוויאנט פאר דיא לעבעדיגע סחורה. אויסער דעם האט מען געמוזט אויסגיעסען פון דיא פעסער, וועלכע מען האט געהאלטען אלס באללאסט, דאס מעער וואסער און אנגיעסען אין זיי ריינעס, פרישעס טייך וואסער אדער ברונען וואסער.

אונזערע מאטראזען אליין וואלטען גאר ניט געוועהן אום שטאנד אויפצו־טאהן אלע ארבייטען, ווען זיינע מאיעסטעט קעניג דשינגא וואלט אונז ניט גע־שיקט זיינע אונטערטאנען אדער שקלאפען זיי זאלען אונז העלפען. עס האט מיר פערקלעמט ביים הארצען ווען איך האב געזעהן, וויא דיא נעגער האבען געהאל־פען שמיעדען קייטען פאר זייערע אייגענע ברידער.

אזוי וויא דער שיפסקאפיטאן, דער ערשטער אפיציער און דיא בעסטע און שטארקסטע מאטראזען האבען זיך יעצט געפונען אויפ׳ן לאנד און פלעגען קומען נור זעלטען אויפ׳ן שיף, האב איך געהאט גענוג פרייע צייט.

איך פלעג זיצען דורך דיא נעכט אויפ׳ן אנקער און פלעג ארויסקוקען אויף דאס שעהנע לאנד. אנפאנגס האב איך געמיינט, אז אין דעם געגענד געפינען זיך גאר קיין ווילדע טהירע באלד האב איך מיך אבער איבערצייגט, אז דאס איז דיא ווילדעסטע געגענד אין אפריקא, אין וועלכער עס געפינען זיך זעהר פיעל ווילדע טהירע. זיי זיינען אבער יעצט אנטלאפען געווארען פון דיעזער געגענד, וויל זייא האבען זיך דערשראקען פאר דיא מענשען.

וויא בען בראס האט מיר שפעטער דערצעהלט, וואינט דער קעניג דשינגא ערגעץ ווייט אין לאנד. ער קומט אהער נור צווייא אדער דרייא מאל אין יאהר, ווען ער האט א גרויסען פארראט (זאפאס) פון שקלאפען. דיא איבעריגע צייט איז דיא געגענד גאנץ ווילד. מען קען אין איהר ניט זעהן קיין לעבעדיגען מענ־שען.

איין מאל, ווען איך בין אזוי געזעסען ביי נאכט און האב געקוקט אין גע־דיכטען וואלד, האב איך פלוצלונג דערהערט דאס שרעקליכען ברומען פון א לייב. אנ׳אנדער מאל האב איך געהערט אנדערע ווילדע שטימען. עס איז געוועזען דייט־ליך, אז אין דער געגענד ארום געפינען זיך פיעלע ווילדע טהירע און איך האב זעהר געוואלט זעהן אמאל ווילדע טהירע, וויא זיי לעבען אין וואלד.

אלס קינד נאך האב איך געלעזען זעהר אפט איבער אפריקא און איבער דיא זאנדערבארע טהירע, וועלכע געפינען זיך דארט. יעצט געפין איך זיך אין אפריקא. פאר וואס זאל איך ניט אקוק טאהן אין דיא וועלדער? פאר וואס זאל איך ניט עפעס זעהן?

צו מיין גרעסטען בעדויערן, איז בען בראס זייט דרייא טאג געשטאנען אויף דער וואך פאר דיא באראקונס. איך בין געווארען זאגאר בייז אויף איהם. איך

אב געמיינט, אז ער האט מיך שוין פערגעסען. ער לעבט דארט א גוטען טאג אין לאגער פון קעניג דשינגא און האט גאר פערגעסען, אז ער האט געלאזען אויפ'ן שיף דעם ארימען בילי.

14טעם קאפיטעל.

דיא יאגד.

איך האב ניט געשלאפען דיא גאנצע נאכט. איך בין געוועזען זעהר בייז און אויפגערעגט. מיך האט זעהר פערדראסען, וואס בען ברא\ס האט מיך אין גאנצען פערגעסען. ער איז דאך דער איינציגער מענש אויף דער „ראפינא", וועלכער האט זיך אנגענומען פאר מיר און האט מיר געזאגט, אז ער וועט מיך בעשיצען.

שפעטער האב איך ארויסגעזעהן, אז איך בין געוועזען אונגערעכט געגען איהם. איך האב איהם גאר אומזיסט בעשולדיגט. ער האט מיך ניט פערגעסען. מיר איז שוין אזוי בעשערט. איך האב שוין נים איין מאל בערייעט אין מיין לעבען, פאר וואס איך האב געהאלטען דיא מענשען ערגער, וויא זיי זיינען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז בען בראס געקומען אויפ'ן שיף און האט מיך באלד אויפגעזוכט.

— וואס מאכסט דוא, בילי? האט ער מיך געפרעגט מיט זיין ברייטען, פריינדליכען געלעכטער — דוא האסט זיך געוויס געלאנגווילט אהן מיר.

— געוויס, בען, האב איך געענטפערט — וואס פרעגט איהר? איך בין דאך געבליעבען גאנץ אליין. איך האב געבעטען אייניגע מאטראזען, זיי זאלען מיך מיט נעהמען אויפ'ן לאנד, אבער קיינער האט ניט געוואלט. איך וויל זעהר געהן אביסעל אין דיא וועלדער, איך וויל זעהר זעהן אפריקא. איך וועל מיך דאך שעהמען צו ווייזען זיך אויף דער גאס, ווען איך בין געוועזען אין אפריקא, האב גע־זעהן אפריקא און מיין פוס האט ניט בעטרעטען דאס לאנד פון אפריקא.

— ווייסט דוא, בילי, וואו איך בין געוועזען דיעזע גאנצע דרייא טעג?

— אין לאגער ביי קעניג דשינגא.

— ניין, בילי, איך האב אומיסטען געהאלטען דיא וואך דרייא טעג נאך אנאנד פאר דיא באראקונס, איך זאל יעצט קענען זיין פריי גאנצע דרייא טעג. איך האב געבעטען אונזער שיפסקאפיטאן, ער זאל מיר ערלויבען צו נעהן אויף דער יאגד און איך זאל דיך אויך מיטנעהמען. שלאף זיך אויס, בילי, מארגען גאנץ פריה געהן מיר אויף דיא יאגד.

ווער איז יעצט געוועזען גליקליכער פון מיר? איך האב פערגעסען מיין לאנגע אויפ'ן שיף, איך האב פערגעסען, אויף וואס פאר א שיף איך געפין מיך; איך האב זאגאר פערגעסען מיינע עלטערן. איך בין געוועזען, וויא אין א פיבער. איך האב ערווארטעט מיט אונגעדולד דיא מינוט, ווען איך וועל שוין אראפגעהן פון שיף און וועל אריינגעהן אין דיא טיעפע וועלדער פון אפריקא.

איך בין ארומגעלאָפען א גאַנצען טאָג, וויא א וואהנזיניגער. בען בראַס האט מיר געהייסען זיך אויסשלאָפען און זיך אויסרוהען, איך האב עס אבער ניט געקענט. איך בין ניט געשלאָפען א גאַנצע נאכט.

דעם אַנדערן טאָג גאנץ פריה האב איך אויפגעוועקט בען בראַס. מיר האבען גענומען מיט זיך צוויא גוטע ביקסען, פולווער און קוגעלן און פיעלע אַנ־דערע נעטהיגע זאכען און זיינען אראָפּגעגאַנגען פון שיף. באלד זיינען מיר גע־ווען אין וואלד. איך האב גערעכענט, אז מיר וועלען נעהן גלייך אין וואלד און וועלען אנהייבען צו שיעסען אויף ווילדע טהיערע. בען בראַס איז אבער געווען קליגער פון מיר. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז אין דיא וועלדער פון אפריקא קען מען זעהר לייכט פערבלאָנזשעט ווערן, מען קען זעהר לייכט פערקריעכען אין אזא געדיכטען וואלד, אז מען זאָל פון איהם ניט קענען ארויסקריעכען.

ער איז ראַהער פריהער געגאַנגען מיט מיר צום לאַנער פון קעניג דשינגא און האט געבעטען דעם קעניג, ער זאָל אונז געבען איינעם פון זיינע שקלאַפען אלס וועגווייזער. דער קעניג איז געווען אַזוי פריינדליך, אז ער האט אונז באלד געגעבען א יונגען און שטארקען נעגער, וועלכער זאָל אונז ווייזען דעם וועג און טראגען אונזערע זאכען.

מיט איינינע שטונדען שפּעטער זיינען מיר שוין געווען אין דיא געדיכטע וועלדער פון זיד אַפריקא. מיר זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם און האבען געפּלוידערט איבער פערשיעדענע זאכען. ווער איז דאַמאלס געווען גליקליכער ווי מיר? אין דער דער וואהרהייט בין איך ניט געגאַנגען אויף דיא יאַגד. איך האב אין מיין לעבען ניט געשאָסען און האב ניט געוואוסט, וויא צו האלטען א ביקס אין דער האנד. איך האב אויך גאר ניט געוואָלט זיך נאכיאָגען נאך ווילדע טהיערע און זיי טויי־טען. איך האב נור געוואָלט זיי זעהן.

מיר זיינען אזוי ארומגעגאַנגען א פּאַר שטינדען אין וואלד און האבען ניט געפונען קיין שפּור פון ווילדע טהיערע. מיר האבען צוואר געהערט דאס זינגען און פלוידערן פון פייגעל איבער אונזערע קעפּ, מיר האבען זיי אבער ניט געקענט זעהן. דיא ביימער זיינען געווען זעהר הויך און זעהר געדיכט, אז עס איז געווען אונמעגליך צו זעהן, וואס עס טהוט זיך אויף זיי.

אויסער דעם האט דיא נאַטור אזוי איינגעריכטעט אלעס, וואס זיא האט בעשאַפען, אז איהרע בעשעפּענישע האבען דיא פאַרב פון דיא ביימער און בלע־טער, וואו זיי האלטען זיך אויף. דיא פּאַפּאַגייען זיינען שטענדיג פון דערזעלבער פאַרב פון דיא ביימער, בלומען און בלעטער, אויף וועלכע זיי האלטען זיך אויף. דער טיגער, דער לעאָפּאַרד און אַנדערע ווילדע טהיערע האלטען זיך אויף אין אזא אָרט, וואו דיא גראזען און דיא בלומען זיינען זעהר ענהליך צו זיי. ווען מיר זעהן א טיגער אין א שטייג, ווייזט זיך אונז אויס, אז מיר וואָלטען איהם דער־קענט אויף א מייל. ווען מיר זאָלען איהם אבער זעהן אין דיא געדיכטע וועל־דער פון אינדיען, וואָלטען מיר איהם ניט דערקענט אויף צעהן שרים ווייט פון אונז.

מען מוז זיין א געאיבטער יעגער אום צו דערקענען א ווילדעס טהיער פון דערוויטען. בען פלעגט צוואר א מאל געהן אויף דער יאגד אין ענגלאנד, ער איז אבער אויך ניט געווען קיין געשיקטער יעגער.

מיר זיינען אזוי ארומגעגאנגען איינינע צייט און האבען גאר ניט געפונען. פלוצלונג האבען מיר דערזעהן, אז אויף א גרייסען צווייג פון א בוים זיצט א גרויסער פויגעל און שלאפט. מיר זיינען געווארען שטיל און האבען זיך צו געגנבעט נאהענט צום בוים, וואו דער פויגעל איז געזעסען. מיר זיינען געווען זעהר פארזיכטיג, זיינען געקראכען גאנץ שטיל, האבען ניט גערעדט קיין ווארט און האבען זאגאר מורא געהאט צו אטהעמען.

בען בראס האט געציעלט, האט אויסגעשאסען און האט געטראפען. דער פויגעל איז אראפגעפאלען פון בוים. ער איז געווען טויט. מיר זיינען צוגעלאפען צום טויטען פויגעל און האבען איהם אויפגעהויבען. דאס איז געווען א גרויסער פויגעל מיט שווארצע פעדערן. ער האט אויסגעוויזען, וויא אן אינדיק (טרוטהאהן), איך האב געמיינט, אז דאס איז ווירקליך א ווילדער אינדיק.

מיר האבען איבערגעגעבען דעם טויטען פויגעל אונזער נעגער און זיינען ווייטער געגאנגען. קוים זיינען מיר אוועקגעגאנגען איינינע הונדערט שריט, האבען מיר דערזעהן אויף דעם ערד ליעגען א טויטעס טהיער. עס האט אויסגעוויזען, וויא א הירש, עס איז אבער ניט געווען קיין הירש.

— וואס איז עס? — האב איך געפרעגט דעם געלערנטען בען.

— דאס איז אן אנטילאפע, — האט מיר בען ערקלערט. — אין אפריקא געפינען זיך הונדערטער סארטען אנטילאפען. עס זיינען דא אנטילאפען, וועלכע זיינען ניט גרעסער פון אקליינעם הונד. עס זיינען אבער דא גאנץ גרויסע אנטילאפען, וויא אן אקס דיא גרויס.

אזוי וויא איך האב נאך קיין מאל ניט געזעהן קיין אנטילאפע, בין איך צוגעגאנגען נעהנטער צו דער טויטער אנטעלאפע, און האב אנגעהויבען זיא צו בעטראכטען. וויא ערשטוינט בין איך געווען, ווען איך האב דערזעהן, וויא דער קערפער פון דער אנטילאפע איז צוריסען און צושטאכען. בעזאנדערס האט מיך איבערראשט, ווען איך האב דערזעהן, אז דיא אויגען פון דער אנטילאפע זיינען ארויסגעריסען: אנ׳שטאט דיא אויגען זיינען געווען צוויא גרויסע לעכער.

— זעהט נור, בען! — האב איך אויסגערופען, — ווער האט עס געקענט אויסרייסען דיא אויגען ביי דער טויטער אנטילאפע? דאס האט ניט געקענט טאהן א מענש, וויל א מענש וואלט אויסגעשניטען ביי איהר דיא צונג אדער א שטיק פלייש פון דיא ריפען. דאס האט ניט געקענט טאהן א ווילדעס טהיער, וויל ווילדע טהיערע צורייסען דעם האלז ביי זייער אפפער. אלזא, ווער האט עס געקענט טאן?

בען בראס האט בעטראכט דיא טויטע אנטילאפע און האט אויסגערופען.

— דיזע אנטילאָפּע האט צוריסען א פויגעל, א גרויסער פויגעל, וויא דער לעמערנייער!

פלוצלונג האט ער זיך עפּעס דערמאנט און האט ארויסגעלאזען א הויכען געלעכטער. איך האב געזעהן מיט שטוינען און פערוואונדערונג, וויא בען האלט זיך ביי דיא זייטען פאר געלעכטער.

— וואס לאכט איהר אזוי, בען? — האב איך ענדליך געפרעגט.

— מיר זיינען גרויסע יעגער, — האט בען ווייטער געלאכט. — מיר האבען געמיינט, אז מיר האָבען דערשאָסען אַן אינדיק און מיר האבען געשאָסען דעם „טויטענגרעבער".

דאס לעצטע ווארט האב איך שוין גאר ניט פערשטאַנען.

— זאגט מיר! ערקלערט מיר, בען, וואס מיינט איהר מיט'ן ווארט טויטענ־גרעבער! — האב איך ענדליך אויסגערופען.

ווען בען בראַס האט זיך גענוג אויסגעלאכט, האט ער מיר ערקלערט:

— דער „טויטענגרעבער" איז א סאָרט אָדלער. ער יאָגט זיך אליין ניט נאָך ווילדע טהיערע. ער נעהרט זיך נור פון טויטע טהיערע. ווען ער געפינט א טויטעס טהיער, רייסט ער איהם אויס דיא אויגען. ווען ער איז נאָך ניט זאט מיט דיא אויגען, רייסט ער ארויס שטיקער פלייש פון בויך. ווען דער טויטענ־גרעבער עסט זיך אָן זאט, פליעהט ער ארויף א בוים און זעצט זיך אניעדער. ער איז דאן אזוי מיעד און אזוי שווער, אז ער קען זיך ניט ריהרען. מען קען צוקומען צו אים גאנץ נאהענט און מען קען איהם פאַנגען מיט דיא הענד, מען קען איהם טויטען מיט א שטעקען; קורץ, מען קען מיט איהם טאָהן, וואס מען וויל. מיר האַ־בען זיך אומזיסט געמיהט צו שיסען אויף איהם, מיר וואלטען געקענט איהם טויטען מיט א שטעקען. צו וואס אבער האבען מיר עס געדארפט? דער „טוי־טענגרעבער" איז אזא אבשייליכער פויגעל, אז קיין הונד וויל זיין פלייש ניט עסען, ווייל זיין פלייש שטינקט, וויא פון א טויטער און פערפוילטע זאך.

ער האט צוגערופען דעם נעגער, וועלכער האט געטראגען דעם טויטען פוי־געל און האט מיר געהייסען א שמעק טאהן צום פויגעל. איך האב עס געטאהן און האב געמוזט מיר צוהאלטען דיא נאז. ענדליך האב איך מיך אויך צולאכט. עס איז נעווען פון וואס צו לאכען. מיר האבען אפּגערעדט, אז ווען מיר וועלען ווערן מיעד, וועלען מיר זיך ערגעץ אניעדערזעצען, וועלען צולעגען א פייער און וועלען אפּבראָטען דעם פעטען און שווערן אינדיק. יעצט אבער האבען מיר גע־הייסען דעם נעגער, ער זאל אוועק ווארפען דעם פויגעל.

מיר זיינען יעצט ווייטער געגאַנגען. עס איז צוואר געווארען שרעקליך הייס, אין געדיכטען וואלד אבער איז געווען גענוג קיהל. מיר האבען אויסגעזוכט ער־טער, וואו קיין שטראהל פון דער זון האט ניט געקענט דורכדרינגען דורך דיא געדיכטע בלעטער און צווייגען פון דיא בוימער.

ווער עס איז קיין מאל ניט געווען אין אן אור וואלד, דאס הייסט א וואלד, וועלכען מען האט נאָך קיין מאל ניט אויסגעהאַקט. ווער עס איז קיין

מאל נים געוועז אין אן אור וואלד פון אמעריקא אדער אפריקא, דער קען זיך גאר נים פארשטעלען, וואס אזא וואלד איז, דער קען גאר קיין בעגריעף נים האבען, ווא שוועה עס איז צוגעהן אין אזא וואלד.

אין ערטער האבען מיר געמוזט ארויס נעהמען אונזערע מאטראזען מעסער און זיך דורכשניידען א וועג אין הויכען גראז. אין ערטער זיינען געליענען בוימער אויף דער ערד און האבען אונז פערשפארט דעם וועג. מיר האבען געמוזט זיי אריבערקלעטערן. אפט זיינען מיר פערקראכען אין וועלדער פון פאלם אייל בוי־מער. מיר זיינען געקראכען ביז אין דיא קניע און דיעזע ניס, פון וועלכע מען מאכט פאלם אייל.

— אך! האב איך איין מאל אויסגערופען, ווען קעניג דשינגא וואלט גע־הייסען זיינע שקלאפען, זיי זאלען זאמלען דיעזע ניס און זאלען פון זיי מאכען פאלם אייל, וואלט ער געקענט מאכען פיעל בעסער געשעפטען אלס יעצט, ווען ער פערקויפט זיינע שקלאפען. מען קען זאגען, אז דארט וואלגערט זיך גאלד אויף דער ערד, אבער קיינער הייבט עס נים אויף.

— יא, דיא וועלט איז גרויס, עס איז דא פלאץ פאר אלעמען, עס איז דא גענוג שפייז פאר אלעמען, דיא מענשען אבער ווילען עס נים. זיי ווילען אונ־טערדריקען איינער דעם אנדערן און יעדער וויל לעבען און געניססען פון דיא ליי־דען אין דעם שווייס פונ׳ם אנדערן, האט בען בראס געזאגט טרויעריג.

מיר זיינען ענדליך געווארען זעהער הונגעריג. עס איז שוין געוועז צייט צו עסען. מיר האבען אויסגעזוכט אן ארט, וועלכער איז געוועז בעוואקסען מיט הויבעם, גרינעם גראס, האבען זיך דארט אניעדער געזעצט און האבען געגעסען פון דעם פראוויאנט, וואס מיר האבען מיט געבראכט פון שיף.

אונזער נעגער האט אונז געבראכט עטליכע קאקאס ניס און מיר האבען זיי געגעסען מיט פערגעניגען. נאכין עסען האבען מיר זיך אביסעל אפגערוהט און זיינען ווייטער געגאנגען. אזוי וויא מיר האבען זיך נים געקענט צו גויפרעדען מיט אונזער נעגער, פלעגען מיר מוזען מיט איהם רעדען דורך צייכענס. נים איך און נים בען בראס זיינען געוועזן גרויסע קינסטלער אין דער צייכען שפראכע. מיר האבען זיך פערשטענדיג, וויא מיר האבען געקענט.

מיר זיינען ארומגעגאנגען א גאנצען טאג און האבען קיין נייעס נים געזעהן. פאר נאכט האבען מיר געזעהן פון דער ווייטענס עטליכע אנטילאפא׳ס. בען בראס האט געציעלט, האט אויסגעשאסען, האט אבער נים געטראפען. דיא אנטילא־פא׳ס זיינען געוועזן צו ווייט פון אונז.

דיא זון האט אנגעהייבען אונטערצוגעהן. עס איז געווארען דונקעלער און דונקעלער. מיר האבען געמוזט דענקען פון א נאכט לאגער. עס איז וואהר, אז מיר האבען זיך געריכט צו נעכטיגען א פאר נעכט אין דיא וועלדער און האבען מיטגענומען אונזערע האמאקס. (א האמאק איז א סארט נעץ, אויסגעפלאכטען פון דינע אבער גאנץ שטארקע שטריקלעך. מען הענגט איהם אויף צווייא בוי־מער אדער אויף צווייא ויילען און מען שלאפט אויף איהם.) מען האט אבער געמוזט

אויסזוכען א פאסענדען ארט וואו צו שלאפען. מיר האבען ניט פערגעסען, אז מיר געפינען זיך אין א ווילדען וואלד.

15־טעם קאפיטעל.

דיא שלאנגען בוכטע.

מיר זיינען צוגעקומען צו א טייכעל אין וואלד און האָבען אויסגעזוכט אן אָרט, וועלכער האָט אונז אויסגעוויעזען צו זיין מעהר גוט פאר א נאכט לאגער.ביידע זייטען פון דעם ניט טיעפען טייך זיינען געווען בעוואקסען מיט הייכע בוי־מער. דער טייכעל איז געלאָפען אין א טיעפען טאהל. נור אין איין ארט האָבען מיר געפונען א בערגעל. אויף דיעזען בערגעל האָבען מיר בעשלאסען צו צו ברענ־גען דיא נאכט.

מיר האָבען באלד אויסגעזוכט צווייא הויכע און דיקע בוימער און האָבען צוגעבונדען צו זייערע צווייגען אונזערע האמאקס אזוי הויך, אז קיין ווילדעס טהי־ער זאל צו אונז ניט קענען צו קומען. דאן האָבען מיר אנגעגרייט אונזערע ביק־סען און אונזער שיעס מאטעריאל, מיר זאלען האָבען אלעס צו דער האנד. ווען אלעס אין געווען פערטיג, האָבען מיר צולעגט א פייער און האָבען אפגעקאכט קאפעע. אונזער איינפאבעס אבענד עסען האָט ניט לאנג געדויערט. מיר האָ־בען געהאט נור צווייא געריבטען. ברויט און שווארצען קאפעע.

אזוי וויא מיר זיינען געווען זעהר מיעד, זיינען מיר נאכ'ן עסען באלד ארויפ־געקראבען אויף אונזערע האמאקס און האָבען זיך געלעגט שלאפען.

— האָסט דוא דיין ביקס ביי דער האנד? האָט בען געפרעגט.

— זיא שטעהט לעבען מיין האמאק, איך קען זיא דערגרייכען מיט דיא הענד. צו וואָס אבער פרעגט איהר עס?

— דא איז א טייך. ביי נאכט קענען קומען ווילדע טהיערע טרינקען. ווען מיר וועלען האָבען אונזערע ביקסען נאהענט, וועלען מיר קענען שיעסען אויף זיי, האָט מיר בען בראס ערקלערט.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דיעזען פלאץ, האבען מיר געזעהן, אז אויף דער ערד ליעגען פיעלע טויטע ביימער. דאס האָט אונז אבער זעהר ווענינ געקי־מערט. מיר האבען שוין געזעהן אזעלכע ביימער זעהר פיעל אין וואלד. איך האב בעמערקט נאך עפעס, וואס איך האב אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן. איך האָב בעמערקט, אז אויף דיא בוימער, צו וועלכע מיר האָבען צוגעבונדען אונ־זערע האמאקס, וויא ביי פיעלע אגדערע ביימער, איז דיא רינדע (קאָרע) פון אונטען ביז און דיא צווייגען געווען אפגעריעבען און אין ערטער אפגעריסען.

איך האב עס געוויזען בען בראס און האב ביי איהם געפרעגט, אויב ער קען עס מיר ערקלערן. בען בראס אבער האט געלערנט זעהר פיעל איבער אלעס, וואס עס קומט פאר אין מעער. וואס עס טוהט זיך אויפ'ן לאנד האט ער ניט

געוואוסט. ער איז געווען א וואהרער מאטראז, ריכטיגער געזאגט, א וואהרער שיפסקאפיטאן. אויפ'ן מעער האט ער געוואוסט אלעס, אויף דער יבשה האט ער נאָר ניט געוואוסט.

מיר האבען זיך געלעגט שלאָפען און האבען זיך ווייניג געקימערט, וואס אונזער נעגער טוהט. מיר האבען געוואוסט, אז ער איז אהיימישער און ווייס געוויס שוין געפינען א געלעגער פאר זיך. מיר זיינען געווען זיכער, אז ער וועט ארויפקלעטערן ערגעץ אויף א בוים און וועט דאָרט צוברענגען דיא נאכט. איך שעהם מיך צו זאָגען, אז זייט איך האב מיך געפונען אין אפריקא און האב געזעהן ,ויא מען בעהאנדעלט דיא נעגער, האב איך אויך אנגעהייבען צו קוקען אויף זיי מיט אנדערע אויגען. איך האב אנגעהייבען זיי צו בעטראכטען אלס פיה. מיר האבען געדעכענט, אז ער וועט זיך לייגען ביים פייער און האָבען איהם אנגעזאגט, ער זאל ניט לאזען אויסגעהן דאס פייער.

איך און בען האבען זיך אויסגעצויגען אין אונזערע האמאקס און זיינען אנטשלאָפען געוואָרען. וויא לאנג מיר זיינען געשלאָפען ווייס איך ניט. פלוצלונג האבען מיר דערהערט א ווילדעס, שרעקליכעס, אונמענשליכעס טאָדעס געשריי.

איך האב זיך אויפגעכאפט וויא א וואָהנזיניגער און האב א קוק געטאהן אויף דעם אָרט, פון וואַנען דאס געשריי איז געקומען. דאס פייער איז אויסגעגאנגען. עס האבען נור נאָך קוים, קוים געגליהט עטליכע קוילען. לעבען פייער איז געשטאנען דער נעגער אויף דיא קניע. זיין קוילען שווארצע הויט איז געוואָרען אש פערביג, זיינע אויגען זיינען איהם ארויסגעקראָכען פון קאָפּ. ער האָט געהאלטען אפען דאס מויל און האט געשריען. — אבער וואס זאָג איך געשריען? — ער האָט געברומט און געקרעכצעט וויא א פערוואונדעטעס טהיער.

בען בראס האט געחאפט זיין ביקס און האט געוואלט שיסען.

— איך זעה ניט קיינעם, אויף ווענען איהר זאלט שיעסען, — האב איך איהם געזאגט און האב איהם איינגעהאלטען. — לאמיר פריהער זעהן, וואס דארט איז.

מיר האבען זיך צוגעקוקט און האבען דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, וויא עפּעס קריעכט, עפּעס דרעהט זיך, עפּעס ווארפט זיך ארום נעגער.

— שלענג! — האט אויסגערופען בען בראס, שלענג זיינען אנגעפאלען אויפ'ן נעגער!

איך האב זיך בעסער צוגעקוקט און מיין בלוט איז מיר פערקיהלט געוואָרען אין מיינע אדערן. אויף דער ערד ארום נעגער האבען זיך געדרעהט, געקראָכען, געוויקעלט, געפלאנטערט, געקרימט, געבויגען און געקנייטשט הונדערטער־טויזענדער שלענג. דיא נאכט איז געווען העל. דער מאנד האט געשיינט און וואָס מעהר איך האב מיך צוגעקוקט, אלס קלארער און דייטליכער האב איך גע־זעהן, וויא דיא שלענג זיינען געקראָכען אויפ'ן נעגער און ארום נעגער.

שוין זעקס און דרייסיג יאהר זיינען פערגאנגען זייט יענער שרעקליכער נאכט

און דיא גאנצע סצענע שטעהט פאר מיר, וויא לעבעדיג. יעדעס מאל, ווען איך דערמאן מיך אן דיעזע סצענע ציטער איך, וויא א פיש.

איך האב מיך צוגעהערט און האב דערהערט א קלאפערן, רוישען, הושען, און היסען. אייניגע פון דיא שלאנג האבען געקלאפט מיט זעהר עק. דאס האט געמאַהן ריא קלאפער שלאנג, וועלכע האט אויפ׳ן עק פינף־זעקס גרויסע שופען, מיט וועלכע זיא קלאפט, ווען זיא דערזעהט א מענשען, גלייך וויא זיא וויל איהם ווארענען, ער זאל ניט צו קומען צו איהר. אנדערע האבען נור געמאכט ש.. ש.. ש... וויעדער אנדערע האבען געמאכט זש... זש...

שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז דיא שלאנגען קענען ניט פערטראַגען דאס העלע ליכט פון דער זון. אשלאנג האט קיינע ברעמען, מיט וואס צו פערדעקען איהרע אויגען, ווען עס שיינט אויף זיי דיא זון. זיי מוזען זיך דאהער בעהאלטען ביי טאג, ווען דיא זון שיינט. דערפאר אבער קריעכען זיי ארויס ביי נאכט, ווען דער מאנד שיינט און שפיעלען זיך, קריעכען ארום, לויפען ארום און זוכען זייער עסען.

דיא שטימע פון׳ם נעגער איז געווארען אלע מאָל שוואכער און שוואכער. עס איז געוועזן דייטליך, אז ער שטארבט. צו לעצט האבען מיר געהערט נור א שטילעס קרעכצען. באלד האט דאס אויך אויפגעהערט. דער נעגער איז געוועזן טויט.

דיא שלאנגען האבען אפגעטרעטען פון איהם. א שלאנג עסט קיין מאל ניט קיין טויטע זאך. זיא דערשלינגט א קליינעם טהיער אין גאנצען, אבער נור לעבעדיגערהייט. דער נעגער איז געלעגען מיט׳ן געזיכט ארויף. זיינע אויגען זיינען געוועזן אָפען. מיר האט זיך אויסגעוויזען אין העלען שיין פון׳ם מאָנד, אז זיין הויט איז געווארען בלוי־גרין.

ערשט יעצט האבען מיר אנגעהויבען צו דענקען פון אונז. ערשט יעצט האבען מיר אנגעהויבען מורא צו האבען, דיא שלאנגען זאלען ניט צו קומען צו אונז.

— עס זיינען דא שלענג, וועלכע קענען קריעכען אויף ביימער, — האט בען געזאגט — וואס טהוט מען?

איך האב ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן אויף אזא פראגע. מיר האבען פערגעסען אן אונזערע ביקסען. צו וואס וואלטען זיי אונז געקענט ניצען? שיעסען אויף דיא שלענג איז געוועזן אונמעגליך. וואס וואלט דען געהאָלפען, ווען מיר זאלען געוועזן טויטען איינע אדער צווייא, ווען אונטער אונז האבען זיך געפונען צעהנער טויזענדער?

אונזער לאגע איז געוועזן זעהר א קריטישע. וואס וועלען מיר טאהן, ווען עטליכע שלענג וועלען ארויפקריעכען אויף דיא בוימער און וועלען זיך אראפווארפען אויף אונז?

— דיין מעסער! — האט בען בראַס געשריען, — האלט דיין מעסער אנגעגרייט! יעצט קענען מיר זיך וועהרען נור מיט אונזער מעסער.

מיר האבען געהאפט אונזערע מעסער, האבען זיך אויפגעזעצט אין אונזער האמאקס און האבען געווארט. צום גליק אבער איז קיין שלאנג ניט געקראָכען אויפ׳ן בוים. דיא שלאנגען האבען אַ שלעכטעס געהער (חוש השמע), זיי הערן ניט גוט. אונזערע האמאקס זיינען געהאנגען פינף ביז זעקס פוס אין דער הויך. דיא שלאנגען האבען אונז ניט געהערט. דערשמעקען האבען זיי אונז אויך ניט געקענט, ווייל מיר זיינען געווען צו הויך איבער זיי.

דיא שלאנגען האבען ווירקליך אונז ניט בעמערקט. זיי האבען זיך אימער געדרעהט, געבויגען, געקנייטשט, זיך געפלאָכטען און זיך געשפיעלט ארום דעם אָרט, וואו מיר האבען צולעגט דאס פייער. דיא שלאנגען האבען ליעב דיא וואַרימקייט. עס איז זעהר מעגליך, אז דאס פייער, וואס מיר האבען צולעגט נעכטען ביי נאכט, איז געווען דיא אורזאכע, וואס דיא שלענג זיינען ארויסגעקראָכען פון זעהרע לעכער און זיינען אנגעפאלען אויפ׳ן אונגליקליכען נעגער.

איך האב געזעהן וויא זיי שפיעלען זיך אונטען און קיינער פון זיי קימערט זיך ניט וועגען אונז. אזוי זיינען פערגאנגען איינינע שטונדען. וויא איך האב בערעכענט, האט שוין געדארפט זיין ניט ווייט צו טאָג. דער וואלד האט אנגעהויבען צו ווערן לעבעדיגער. איינינע פייגעל האבען אנגעהויבען צו זינגען זייער מארגען ליעד. איך האב מיך שוין געפרעהט. איך האב געהאפט, אז קוים וועט דיא זון ארויס געהן, וועלען זיך דיא שלאנגען צולויפען. מיר וועלען דאן אראָפּגעהן און געהן צוריק צו אונזער שיף.

אין וואלד האט אנגעהויבען צו רוישען און צו קלאפען. מיר האבען געהערט וויא ווילדע טהיערע לויפען, ברעכען דיא צווייגען פון דיא בוימער און געהן ערגעץ. איך האב א קוק געטאהן אויפ׳ן נעגער און מיין בלוט איז פערקיהלט געווארען אין מיינע אדערן. דער נעגער איז אנגעשוואלען געווארען, וויא א בארג. איך האב געזעהן פאר מיר א בּארג, שווארצעס מענשענפלייש. צום גליק, איז יעצט געווארען דונקלער, ווייל פאר טאָג ווערט געוועהנליך דונקעלער, און איך האב ניט געקענט זעהן דעם נעגערס געזיכט.

פלוצלונג איז מיט א מאל העל געווארען. אין אונזערע קאלטע לענדער געפינט זיך צווישען טאג אונד נאכט א צייט, ווען עס איז ניט טאג און ניט נאכט. אין דיא הייסע לענדער אבער ווערט עס טאג מיט איין מאל. עס האט מיר דאהער ניט געוואונדערט, וואס עס איז פלוצלונג העל געווארען, איך האב מיך זאגאר דערפרעהט און האב אויסגערופען:

— לאמיר אראָפּקריעכען, בען, און לאָמיר אנטלויפען.

קוים האב איך ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, האט זיך מיר פאָרגעשטעלט א נייעס בילד. פון וואלד זיינען אָנגעקומען פיער אנטילאָפּען, א גאנצע פאמיליע: פאָטער, מוטער און צוויי קינדער. זיי זיינען געלאָפען צום וואסער. דער „ער“, וועלכען איך האב דערקענט אין זיינע הערנער, איז געלאָפען פאָראויס. ער איז דורכגעלאָפען אונטער אונזערע האמאקס און איז שוין געווען איינינע שריט פון׳ם טייך.

פלוצלונג האט זיך פון א בוים לעבען אונז אראפגעווארפען א לאנגער, ברייטער פאס און האט זיך ארומגעוויקעלט ארום דיא אונגליקליכע אנטילאפע. מיר האבען געהערט א שרעקליכעס געשריי, דעם טאדעס געשריי פון א דערשראָקענעם און געפלאגטעם טהיער. באלד האבען מיר געהערט, וויא ביינער קנאקען. איך האב ניט געוואוסט וואס דאס איז.

— פיטאָן! באאָ! האט געשריען בען בראס און איז געווארען בלייך, וויא קאלך.

איך האב געלעזען אין ביכער, אז עס איז דא א גרויסע שלאנג, וועלכע הייסט באאָ קאָנסטריקטאָר. איך האב געוואוסט, אז דיא באאָ איז זעהר געפעהרליך. זיא פאלט אן אויף א לייב אדער א טיגער, וויקעלט זיך ארום איהם, פרעסט איהם צו צו א בוים און צוברעכט איהם דיא ביינער איינעם נאָכ'ן אנדערן, דאן שלינגט זיא איהם איין. דיא באאָ קאָנסטריקטאָר שלינגט איין מענשען זעהר לייכט. איהר קענט זיך לייכט דענקען, וויא איך האָב מיך דערשראָקען, ווען איך האָב דערהערט, וויא בען בראס האט אויסגערופען: פיטאָן! באאָ!

אין מיין שרעק האָב איך קיין צייט געהאט זיך צו דערמאָנען, אז אין אפ־ריקאָ געפינט זיך קיין באאָ. — דיא באאָ האלט זיך אויף נור אין אינדיען און אין דיא הייסע לענדער פון זיד אמעריקאָ. אין אפריקאָ געפינט זיך נור א גרויסע שלאנג, דיא פיטאָן, וועלכע איז אזוי שטארק און אזוי געפעהרליך וויא דיא באאָ. וויא עס ווייזט אויס, האט בען יא געוואוסט, אז אין אפריקאָ געפינט זיך נור דיא פיטאָן. ער האָט געשריען: באאָ! נור אום מיר צו ערקלערן, אז מיד האבען פאר אונז א שרעקליכען, געפעהרליכען, אונערבארימהערציגען פיינד.

ערשט יעצט האָבען מיר געזעהן, אין וואָס פאר א שרעקליכער געפאהר מיר געפינען זיך. מיר האבען באלד דערזעהן, אז ניט ווייט פון אונז געפינען זיך צוויא פון דיעזע געפעהרליכע שלאנגען, אן „ער“ און א „זיא“. ביי שלענג איז לייכט צו דערקענען, וועלכער איז אן „ער“ און וועלכע איז א „זיא“. דיא „זיא“ פון דיא שלענג איז פיעל דיקער און פיעל לענגער פון'ם „ער“.

עס איז שוין געווען געגוג ליכטיג. דיא זון האט זיך נור וואס געוויזען אויף דיא שפיצען פון דיא בוימער און איך האב געזעהן גאנץ דייטליך, וויא דיא באאָ האָט זיך ארומגעדרעהט ארום דיא אונגליקליכע אנטילאָפע, האָט זיא ארומגע־נומען מיט איהרע שרעקליכע רונגען, האָט זיא צוגעשלעפט צו א בוים און האט אָנגעהייבען צו צוברעכען איהרע ביינער איינעם נאָכ'ן אנדערן

איך האב מיך ניט געקענט איינהאלטען, האב ארויסגעהאפט מיין רעוואל־ווער און האָב אויסגעשאָסען. דיא שלאנג איז געווען אזוי נאָהענט פון מיר, אז איך בין געווען זיכער, אז איך האב זיא געטראָפען. צו מיין גרעסטען שרעק און שטוינען האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד דיא צווייטע שלאנג, דיא „זיא“. זעלבסטפערשטענדליך, אז דאמאָלס האב איך ניט געוואוסט, אז דאס איז א „זיא“. איך האב נור געזעהן, אז זיא איז גרעסער, גרעבער און דיקער פון דער ערשטער.

זיא האט זיך צונויפגעדרעהט, וויא דיא מאטראָזען דרעהן צונויף א קויל שטריק אויפ'ן שיף, האט אויפגעהויבען איהר גרויסען, פלאַכען קאָפּ און האט זיך אוואָרף געטאָהן אויף מיין האמאק. צום גליק פאר מיר האָט זיא מיך ניט גע־קענט גרייכען. דיא באָא מוז זיך אראָפּוואַרפען אויף איהר אָפּפער פון דערהויך. זיא מוז פריהער ארויפקריעכען אויפ'ן בוים. דיא באָא קען זיך ניט אויפהויבען העכער אלס פיער פוס פון דער ערד.

איך האָב געזעהן, וויא איהרע פייערינע גרינע אויגען האָבען מיך אָנגעקוקט בייז און גיפטיג, איך האב געזעהן, וויא זיא האט אויפגעעפענט איהר גרויסעס, רויטעס מויל און האט ארויסגעשטעקט איהר שווארצע, געשפּאָלטענע צונג און איך בין געבליבען זיצען, וויא פערגליווערט, וויא בעצויבערט.

ווען דיא שלאנג האט געזעהן, אז זיא קען מיך ניט דערגרייכען פון דער ערד, האט זיא אנגעהויבען זיך ארום צו וויעקלען ארום בוים. צום גליק אבער איז דער בוים געווען צו דיק פאר איהר. וויא איך האב געקענט בערעכענען, איז דיא שלאנג לאנג געווען פון 20 ביז 24 פוס, דער בוים אבער האט געהאלטען אין דער גרעב עטליכע און דרייסיג פוס. דיא שלאנג איז געוואָרען נאך בייזער און נאָך ווילדער. זיא איז אראָפּגעשפּרונגען פון'ם בוים, צו וועלכען מיין האמאק איז געווען צוגעבונדען און האט געזוכט א דינערן בוים, פון וועלכען זיא זאָל קענען זיך ארויפוואָרפען אויף מיר.

דאס האט פערנומען צייט. אונטערדעסען איז דיא זון אויפגעגאנגען. עס איז געווארען הייסער און הייסער. איך האב אראָפּגעקוקט און האב דערזעהן דאס געזיכט פון דעם אונגליקליכען נעגער. עס איז געווען אזוי אנגעשוואלען, אז עס איז געווען אונמעגליך צו זעהן, וואו עס זיינען אמאל געווען אויגען און וואו עס איז א מאל געווען א נאָז. עס האט זיך שוין אנגעהויבען צו הערן א שרעק־ליכער גערוך פון איהם.

איך האב אבער וועניג צייט געהאט צו קוקען אויפ'ן נעגער. דיא שלאנג האט ניט גערוהט. זיא איז געקראָכען, זיא איז געשפּרונגען, זיא האט זיך גע־דרעהט און האט געטשישט. יעדעס מאל, ווען עס איז איהר ניט געראטהען צו צוקומען צו מיר, האט זיא אנגעהויבען צו מאַכען טשש.... טשש ...

וויא איך בין שפּעטער געוואהר געווארען, האט בען בראָס אונטערדעסען ניט גערוהט. ער האט געהאלטען זיין רעוואלווער אין דיא הענד און האט געווארט. אזוי וויא דיא שלאנג האט דערווייל דערזעהן נור מיך און האט געזוכט מיך צו טויטען, האט בען בראָס צייט געהאט אויס צו שטרעקען זיין רעוואָלווער און צו ציעלען. בען בראָס איז געווען פּראַקטישער פון מיר. ער האט זיך פערהאלטען גאנץ רוהיג און האָט געווארט, ביז דיא שלאנג זאָל צוקומען גאנץ נאָהענט צו איהם און ער זאל קענען איהר טרעפען אין קאָפּ. ער האט געוואוסט, אז דיעזע שלאנג קען מען נור טויטען, ווען מען טרעפט איהר אין קאָפּ אדער אין הארצען. דער צו אבער מוז מען זיין איין געשיקטער שיעסער. מען מוז גוט טרעפען.

דיא היץ איז געוואָרען מיט יעדער מינוט שטאַרקער. ווער עס איז ניט געווען אין אפריקא, דער קען גאָר קיין בעגריף ניט האבען, וואס עס הייסט אַנ׳ אַפריקאַנישע היץ. דער קערפּער פון׳ם טויטען נעגער האט ארויסגעגעבען א שרעקליכען געריך און דיא בּאַא האט זיך אלץ געדרעהט און געזוכט א וועג, וויא אזוי אויף מיר אָנצופאלען.

עס איז נאָך געווען א גליק פאר אונז, וואס דיא אנדערע שלאַנג, דער „ער״, איז געווען בעשעפטיגט מיט דער אַנטילאָפּע און האָט קיין צייט ניט געהאט צו העלפען זיין טרייע פרוי. וועןביידע וואָלטען אויף אונז אנגעפאלען, וואָלטען מיר געוויס ניט געקענט בעשטעהן געגען זיי און איך וואָלט יעצט ניט געקענט דער־צעהלען מיין געשיכטע.

ענדליך געגען צעהן אוהר האט דיא בּאַא אויסגעפונען אַנ׳אָרט, פון וואנען זיא האט גערעכענט, אז זיא קען זיך ארויפוואַרפען אויף מיר. דיעזער אָרט,— א יונגער בוים — איז געווען ניט ווייט פון דעם בוים, וואו בען בראָס איז געזעסען אין זיין האמאק. ער האט אָפּגעוואַרט דיא מינוט, ווען זיא האט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און האָט זיך ארומגעקוקט. אין דיעזע מינוט האט ער אויסגעשאָסען און האט געטראָפען דיא שלאַנג גלייך אין קאָפּ.

דיא רינגען פון דער גרויסער שלאַנג האבען זיך אָפּגעוויקעלט פון׳ם בוים און זיא איז אראָפּגעפאלען טויט אויף דער ערד. מיר האבען אויפגעאָטהעמט פרייער. איך האב מיך אויפגעחאַפּט וויא פון א טיעפען שלאָף און האב אויס־גערופען:

— גאָט זיי דאנק! ענדליך זיינען מיר גערעטעט!

מיר זיינען אבער געווען אזוי איבערגעשראָקען פון אלעמען, וואס עס האט פּאַסירט מיט אונז דיעזע נאַכט, אז מיר האבען געמוזט זיך אָפּרוהען אייניגע צייט, איידער מיר האבען זיך ענטשלאָסען אראָפּצוגעהן פון אונזערע האמאקס. מיר וואָלטען זיך פיללייכט אָפּגערוהט דאָרט אייניגע צייט, אָבער דער געריך פונ׳ם טויטען נעגער איז געוואָרען אזוי שרעקליך און אזוי אונטערטרעגליך, אז מיר האָ־בען געמוזט אנטלויפען.

מיר זיינען שנעל אראָפּגעשפּרונגען פון אונזערע האמאקס און האבען גע־וואָלט צונויפנעהמען אונזערע זאַכען, דאס ביסעל פּראָוויאַנט, וועלכע מיר האבען מיטגעבראַכט פון׳ם שיף. פּלוצלונג האט זיך בען בראָס עפּעס דערמאָנט.

— ריהר עס ניט אָהן, ביללי! האט ער געשריען אויסער זיך, עס איז פערו־גיפטעט! דיא שלענג זיינען געקראָכען דאריבער.

איך בין אָפּגעשפּרונגען, וויא אַנ׳אָפּגעבריהטער. בען בראָס האָט רעכט געהאט. דיא שלענג זיינען געווען אויפגערעגט געכטען און האבען געוויס אויס־געגאָסען זייער גיפט אויף אונזער פּראָוויאַנט. מיר האבען עס געמוזט איבערלאָ־זען דאָרט, וואו עס איז געלעגען. מיר האָבען נור גענומען אונזערע ביקסען און אונזערע שיעס־מאַטעריאַל און זיינען אנטלאָפען פון דיעזען פערפלוכטען אָרט.

16־טעם קאפיטעל.

מיר בעגעגענען א לייב.

מיר זייזען געגאנגען א פאָר שטונדען זעהר האסטיג, ריכטיגער געזאגט, מיר זיינען געלאָפען. מיר האבען געוואָלט אנטלויפען פון דעם פערפלוכטען אָרט, וואו מיר האבען פערבראכט אזא שרעקליכע נאכט.

ווען מיר האבען פערשטאנען, אז מיר זיינען שוין ווייט פון דער שלאנגען־בוכטע, זיינען מיר געבליבען שטעהן און האבען זיך ארומגעקוקט, וואו מיר זיינען ערגעץ אין דער וועלט. אונזער לאגע איז געווען זעהר א טרויעריגע. מיר האָבען זיך געפונען אין א ווילדען וואלד אהן פראָוויאנט און אָהן א וועג־ווייזער. מיר האבען זיך נור געקענט פאָרשטעלען, וואוהין מיר דארפען געהן, אום צוריק צו קו־מען צו אונזער שיף. אונזער איינציגער וועגווייזער האט געקענט זיין דיא זון. מיר האבען געוואוסט, אז מיר דארפען געהן קיין וועסטען (מעריב זייט). אין א ווילדען אפריקאנער וואלד איז אבער דיא זון זעהר א שלעכטער וועג־ווייזער.

אלענפאלס האָבען מיר ניט געקענט בלייבען דאָרט, וואו מיר האבען זיך אפגערוהט. מיר האָבען געמוזט ווייטער געהן. דערביי האבען מיר אָנגעהייבען צו פיהלען, אז מיר זיינען הונגעריג. מיר האָבען ניט געגעסען זייט נעכטען אבענדס. יעצט איז שוין געווען אום צוועלף־איינס אוהר. עס איז שוין צייט געווען צו פריה־שטיקען.

— מיר מוזען זעהן שיסען א פויגעל אדער א טהיער, צו לעגען א פייער און עס אפבראָטען, האט בען בראס געזאגט.

איך בין געווען מיט איהם פאָלקאָמען איינפערשטאנדען. וואו נעהמט מען אבער דעם פויגעל אדער דאָס טהיער? איך האב איהם דאהער ניט געענטפערט. מיר זיינען ווייטער געגאנגען. דיא היץ איז געוואָרען שרעקליך, אונערטרעגליך. איך בין געוואָרען אזוי מיעד און. אזוי שוואך, אז איך האָב געוואָלט אניעדערפאַ־לען, וואו איך האב מיך געפונען. בען בראס אבער האט אויף קיין פאל ניט גע־וואָלט בלייבען שטעהן.

— מיר מוזען זוכען עפעס עסען, האט ער געזאָגט, ווען מיר וועלען געפינען וואס צו עסען, וועלען מיר קענען זיך אפרוהען.

מיר זיינען ווייטער אוועקגעגאנגען געגען א האלבע שטונדע און האָבען גע־פונען א קאָקאָס פאלמע, א הויכען בוים מיט עטליכע קאָקאָס ניס. איך קען אייך ניט בעשרייבען, וויא גרויס עס איז געווען מיין פרייד, ווען איך האב דערזעהן דיא גרויסע ניס הענגען אויפ׳ן שפיץ בוים.

בען בראס, אלס געאיבטער מאטראָז, איז באלד ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן בוים און האט אָפגעשניטען עטליכע גרויסע, שווערע ניס. מיר האבען זייא צו־בראָכען, און האָבען זייא איינגעשלונגען מיט׳ן גרעסטען אפעטיט.

מיר האבען זיך געפיהלט געשטארקט און זיינען געגאנגען ווייטער. יעצט

זיינען מיר שוין געגאנגען אהיים, דאָס הייסט צו אונזער שיף. איך האב שוין גע־נוג געזעהן פון אפריקא און איך האב שוין געוואָלט בעסער נעכטיגען אויפ׳ן דעק פון דער „ראפינא״, אלס אויף א בוים אין אנ׳אפריקאנישען וואלד.

מיר זיינען אוועקגעגאנגען געגען א פיערטעל שטונדע און האבען דערזעהן א זאָנדערבארען בוים. ער איז געשטאנען אליין אויף א פרייען פלאץ. ארום איהם אבער זיינען געשטאנען פיעלע קליינערע פון איהם. דיא קלייגערע בוימער האבען געוואקסען גאנץ ריכטיג: אונטען זיינען זייא געווען גרעבער און אויבען זיינען זייא געווען דינער. דער גרויסער בוים אבער האט געוואקסען פונקט פערקעהרט: אונטען איז ער געווען פיעל דינער וויא אויבען. עס האָט זיך אויסגעוויעזען, וויא איינער וואָלט איהם ארויסגעריסען און וואָלט איהם געפלאנצט מיט׳ן קאפ אראָפ און מיט דיא פיס ארויף.

דיעזער זאָנדערבארער בוים האט אונז אזוי פעראינטערעסירט, אז מיר זיינען צוגעגאנגען נעהנטער צו איהם, אום איהם בעסער צו בעטראכטען.

בען בראס האט געלערנט מעהר פון מיר און האט געוואוסט פיעל זאכען מעהר פון מיר, ער האט אבער וועניג געררייזט איוף דער וועלט און איז קיין מאל נים געווען אין א ווילדען וואלד. ער האט געקענט אלע סאָרטען בוימער נור פון בוך, ניט פון דער פראקטיק.

— וואָס פאר א סאָרט בוים זאָל עס זיין? האב איך געפרעגט.

— זאָ פיעל איך געדענק, ווייזט מיר אויס, אז דאָס איז א דראקאָן בוים, האט ער געענטפערט.

— וואס איז דאָס פאר א סאָרט דראקאָן בוים?

— ווען מען האקט איהם איין, הויבט אָן פון איהם צו רינען זאפט, וועל־כער איז רויט, וויא בלוט.

— דאָס וויל איך זעהן! האב איך אויסגערופען. ווען איך בין שוין אין אפריקא, וויל איך זעהן דיעזעס וואונדער.

מיר האבען זיך געלאזען געהן צום בוים. אויפ׳ן פלאץ ארום בוים האט גע־וואקסען א סאָרט גראָז מיט לאנגע דינע בלעטער. עס האט אויסגעוויזען וויא קאָרן אדער ווייץ, אזוי הויך איז עס געווען. אין ערטער איז געווען אזוי הויך, אז א מענש וואָלט געקענט זיך בעהאלטען אין איהם. מיר האבען געזעהן, אז אין ערטער איז עס געווען צוטרעטען און צוגראָבען, גלייך וויא מענשען אדער טהיערע וואלטען געגאנגען איבער איהם.

ווען מיר וואלטען געווען בעסערע יעגער, וואלטען מיר געדארפט זיך צו קוקען צו דיעזע צייכענס און געהן זעהר פארזיכטיג. מיר זיינען אבער ביידע נים געווען קיין יעגער און זיינען זיך געגאנגען גאנץ רוהיג, ביז מיר זיינען צוגעקומען צום זאָנדערבארען בוים.

בען בראס האט גענומען זיין מאטראָזען מעסער און האט איהם אריינגע־שטעקט אין בוים מיט זיין גאנצער קראפט. ער האט מיר געוואלט ווייזען, אז

פון׳ם בוים וועט ארויסשפריצען בלוט, דאס הייסט א רויטע זאפט. אין דיזע מינוט איז פון׳ם הויכען גראז ארויסגעשפרונגען א טהיער און האט זיך געשטעלט קוקען אויף אונז.

איך האב באלד דערקענט, אז דאס איז א לייב. איך האב שוין געזעהן עטליבע מאל לייבען און מענאזשעריס און איך האב איהם באלד דערקענט. דאס איז גאר קיין וואונדער. ווער פון אונז וואלט עס ניט ערקענט א לייב?

וויא עס האט אויסגעוויזען, איז דער לייב געשלאפען אין הויכען גראז און מיר האבען איהם אויפגעוועקט. ער איז אויך געווען איבערראשט, וואס מען האט געוואנט איהם צו וועקען פון זיין שלאף. ער האט אויפגעהויבען זיין גרויסען קאפ און האט געקוקט אויף אונז מיט זיינע גרויסע געלע אויגען.

איך און בען בראס זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט פון שרעק. ווען דער לייב זאל געווען אנפאלען אויף אונז אין דיזער מינוט, וואלטען מיר זיך זאגאר ניט געוועהרט, אזוי דערשראקען זיינען מיר געווען. צום גליק פאר אונז, האט דער לייב אונז בעטראכט איינינע סעקונדען, האט א ברום געטאהן, גלייך וויא ער וואלט געווען אונצופריעדען, וואס מענשען ערלויבען זיך צו קומען אין זיין לאנד אהן ערלויבנים, האט א פאר מאל אויפגעהויבען זיין שרעקליכען עק און און איז זיך לאנגזאם אוועקגעגאנגען.

דאס ליענט אין כאראקטער פון א לייב. ווען ער איז ניט הונגעריג און ווען מען רייצט איהם ניט, וויכט ער אוים דעם מענשען. ער פאלט ליעבערסט אן אויף אנדערע טהיערע אלס אויף א מענשען.

דער לייב איז זיך אוועקגעגאנגען לאנגזאם און שטאלץ, וויא א קעניג. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויסדרעהען זיין גרויסען קאפ און א קוק טאהן, אויב מיר געהן איהם ניט נאך.

זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר האבען גאר ניט געהאט אין זינען איהם נאכצוגעהן. מיר וואלטען געווים אנטלאפען פון איהם, וואו דער שווארצער פע־פער וואקסט. מיר האבען אבער מורא געהאט צו לויפען, ווייל מיר האבען גע־רעכענט, אז קוים וועלען מיר אנטלויפען, וועט דער לייב אונז נאכלויפען.

עס איז זעהר מעגליך, אז ווען מיר זאלען געווען לאזען דעם לייב צו רוה, וואלט ער זיך געווען אוועקגעגאנגען און וואלט אונז געלאזען צו רוה. בען בראס איז אבער געווען אזוי דערשראקען און אזוי איבערראשט, אז ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן. ער האט געכאפט זיין ביקס און האט אויסגעשאסען. דאס האט שוין פערדראסען דעם קעניג פון דיא אפריקאנישע וועלדער. קוים האט ער דער־הערט דעם קנאק פון ביקס, האט ער זיך אומגעקעהרט, האט אנגעהויבען צו ברומען און האט אנגעהויבען צו שפרינגען צום בוים, לעבען וועלכען מיר זיינען געשטאנען.

מיר זיינען געווען פערלארען. דער לייב וואלט אונז געווים געווען צוריסען **אויף שטיקער. אין דער** גרעסטער נויט האבען מיר געזעהן פאר אונז נור איין

מיטעל זיך צו רעטען—ארויפקלעטערן אויפ'ן בוים. א לייב קען ניט קלעטערן אויף בוימער. צוואר האבען מיר דערפון ניט געדאכט אין דיעזע מינוט. מיר האבען זיך גערעטעט, וויא מיר האבען געקענט.

איך בין געוועזן אינגער און פלינקער און בין באלד געוועזן אויף דיא אייבערשטע צווייגען פון בוים. בען בראס איז געוועזן עלטער און שוואכער. איך האב איהם געמוזט העלפען ארויפקריעכען צו מיר: פאר גרויס שרעק האבען מירביידע אראפגעווארפען פון אונז אונזערע ביקסען און אונזערע פעקלעך. זיי זיינען אונז געוועזן צו שווער און דער בוים איז אונטען געוועזן גאנץ גלאט.

דער לייב איז צוגעשפרונגען צום בוים פונקט אין דער מינוט, ווען בען בראס האט זיך אנגעחאפט אן זיינע העכערע צווייגען דער לייב איז צוגעשפרונגען צום בוים און האט אנגעהויבען צו רייסען פון איהם דיא רינדע (קארע) מיט זיינע גרויסע שווערע לאפעס און האט דערביי שרעקליך געברומט. ער איז געוועזן שרעקליך בייז און אויפגערעגט. מיר האבען געזעהן, וויא ער רייסט דיא קארע פון בוים און פראבירט צו שפרינגען אין דער הויך. ער האט עס פראבירט עטליכע מאל און האט זיך דאך ניט איבערצייגט, אז ער וועט אונז ניט דערגרייכען. ער האט נאך געוואלט פראבירען א מאל.

ער איז אוועקגעגאנגען אויף דרייסיג־פיערציג שריט פון'ם בוים, האט אראפגעלאזען זיין גרויסען קאפ, האט אויפגעהויבען זיין שטארקען עק און האט א שפרונג געטאהן מיט זיין גאנצער קראפט אויפ'ן בוים. דאס מאל איז עס איהם געלונגען. ער האט ארומגענומען דעם בוים מיט זיינע שטארקע לאפעס, האט איינגעגראבען זיינע שארפע נעגעל אין דער ווייכער קארע פון'ם בוים און האט ארויפגעהויבען זיין שווערען קערפער ארויפצוקלעטערן אויפ'ן בוים.

— מיר זיינען פערלארען! — האב איך אויסגערופען.

— דיין מעסער, ביללי! — האט בען געשריען.

איך האב ניט פערשטאנען, וואס בען בראס האט מיר געזאגט און עס איז אויך קיין צייט ניט געוועזן פיעל צו רעדען און צו בעראטהען זיך. מיר האבען שוין געפיהלט דעם ברענענדיגען אטהעם פון דעם לייבס גרויסען מויל. מיר האבען שוין געזעהן, וויא זיינע לאפעס זיינען שוין גאר ניט ווייט פון אונז.

בען בראס האט געחאפט זיין מאטראזען מעסער און האט א שניט געטאהן דעם לייב אין פוס. אין דער זעלבער צייט האט איך אויסגעשאסען מיט'ן רעוואלווער, וועלכען איך האב געטראגען אין קעשענע.

איך קען יעצט ניט זאגען, אויב מיין שאס מיט'ן רעוואלווער האט דער שראקען דעם לייב אדער בען בראס האט איהם געגעבען אזא שטארקען שניט אין פוס, אז ער האט געמוזט אפלאזען דעם בוים. וויא דיא זאך איז געוועזן, דער לייב איז באלד אפגעשפרונגען פון'ם בוים, האט אנגעהויבען שטארק צו ברומען און איז זיך אוועקגעגאנגען אויף איינינע שריט.

מיר האבען אויפגעאטהעמט פרייער. מיר האבען געמיינט, אז יעצט זיינע

מיר שוין זיכער. מיר האָבען גערעכענט, אז מיר האבען איהם שטארק פערוואונ־דעט און ער וועט אונז שוין גאר ניט טאָהן. מיר האבען א טעות געהאט. דער לייב איז געווארען נאך בייזער און נאך ווילדער. מיר האבען געזעהן, וויא ער האט זיך אניעדערגעזעצט אויף דיא הינטערסטע פיס און האט אנגעהויבען אפ־צולעקען דאס בלוט פון זיין פוס. ערשט יעצט האבען מיר פערשטאַנען, אז בען בראס האט איהם געגעבען נור א גאַנץ לייכטען שניט מיט זיין מעסער.

דער לייב האט זיך אפגערוהט נור איינינע מינוט, דאן האט ער זיך אויפ־געהויבען, האט אנגעהויבען צו ברומען און האט וויעדער אנגעהויבען אנצופאלען אויפ'ן בוים, וואו מיר זיינען געזעסען. איך האב וויעדער גענומען מיין רעוואָלווער, בען בראס האט וויעדער גענומען אין דער האנד זיין מעסער. מיר האבען זיך אניעדער געזעצט פעסט אויף דיא דיקע צווייגען פון'ם בוים און האבען ערוואר־טעט אונזער פיינד.

דער לייב האט פראָבירט נאך עטליכע מאל ארויפשפרינגען אויפ'ן בוים. ער איז שוין אבער געווארען פארזיכטיגער און האט בעוויעזען, אז ער וויים, וואס ער טהוט. ער איז אנגעפאלען ניט אויף דער זייט, וואו מיר זיינען געזעסען מיט אונזערע וואפען אין דיא הענד, זאנדערן פון דער אנדער זייט.

— מיר האָבען צו טאהן מיט א קלוגען און דורכגעטריעבענעם פיינד, — האט בען בראס געזאָגט. — מיר מוזען זיך זעצען רוקען צו רוקען און זיך פער־טהיידיגען פוןביידע זייטען. פון איין זייט וועל איך זיך פערטהיידיגען מיט מיין מעסער און פון דער אַנדערער זייט וועסט דוא זיך פערטהיידיגען מיט דיין רע־וואָלווער.

מיר האבען אזוי געטאהן און האבען געהאלטען אונזערע וואפען בערייט זיך צו פערטהיידיגען, וויא וויים מיר וועלען קענען. דער לייב איז אבער יעצט געווארען זעהר פארזיכטיג. איך האב אויסגעשאָסען נאך א מאל אויף איהם, איך האב איהם אבער ניט געטראָפען אדער איך האב איהם נור לייכט פערוואונ־דעט. איך האב געהאַט א גאַנץ קליינעם רעוואלווער. שפעטער בין איך געוואהר געוואָרען, אז א לייב קען מען טויטען מיט א קוגעל נומער 36. מיין רעוואלווער אבער האט געטראגען אויף זיך דעם שטעמפעל נומער 22.

דער לייב האט פּראָבירט נאך איינינע מאל אונז דערגרייכען, עס איז איהם אבער ניט געלונגען. פּלוצלונג האט ער זיך עפּעס איבערלעגט און איז גאָר אוועק־געגאַנגען פון אונז.

— מיר זיינען גערעטעט! — האב איך אויסגערופען,—ער געהט אוועק. ער לאזט אונז אָפּ.

— פרעה זיך ניט, בילי, — האט בען בראס געזאגט טרויעריג, — אונזער פיינד ווייזט אוים צו זיין אן אלטער יעגער. ער פערשטעהט זעהר גוט, אז ער איז שטאַרקער פון אונז.

באַלד האב איך מיך איבערצייגט, אז בען בראס האט פאָלקאָמען רעכט.

דער לייב איז אוועקגעגאנגען אויף דרייסיג שריט פון'ם בוים, האט זיך אנידער־געלעגט אויף אלע פיער פונקט נעגען אונז און האט פון צייט צו צייט אויפגע־הויבען דעם קאפ און א קוק געטאהן אויף אונז. עס איז געווען דייטליך, אז ער וויל אונז בעלאגערן. ער פערשטעהט, אז מיר קענען אייביג נים בלייבען אויפ'ן בוים. מיר וועלען געווים ווערן הונגעריג און וועלען מוזען אראפגעהן, דאן וועט ער זיך שוין מיט אונז אפרעכענען.

17־טעס קאפיטעל.

אונזערע רעטונג.

איך האב געשטוינט איבער דעם פערשטאנד פון דיזעם קלוגע טהיר. ער איז דאכט זיך געליגען גאנץ רוהיג; צו צייטען פלעגט זיך אונז אויסוויזען, אז ער שלאפט גאר. קוים אבער פלעגען מיר זיך אנהויבען צו ריהרען, פלעגט ער אויפ־הויבען זיין גרויסען קאפ און פלעגט אויסגלאנצען זיינע גרויסע געלע אויגען, גלייך וויא ער וואלט אונז געזאגט:

— ניין, מיינע העררען, איהר וועט פון מיר נים אנטלויפען.

צו צייטען פלעגט ער עפענען זיין גרויסעס, שווארצעס מויל און פלעגט אונז ווייזען זיינע שארפע ציינער און צו מאל פלעגט ער אנהויבען צו ברומען אזוי הויך אז מען וואלט איהם געקענט הערען אויף צעהן מייל ארום.

אונזער לאגע איז געווען א פערצווייפעלטע. מיר האבען געמוזט זיצען אויפ'ן בוים גאנץ רוהיג. קוים האבען מיר אנגעהויבען זיך צו ריהרען, קוים האבען מיר אנגעהויבען צו רעדען איינער צום אנדערע, האט דער לייב אנגעהויבען צו ברומען און זיך צו ריהרען.

אויסער דעם איז עס קיין גרויסער פערגניגען צו זיצען א בוים, וועלכער האט געהאט זעהער וועניג צווייגען, אין דער אפריקאנישער היץ. זיצען אויף א צווייג פון א בוים איז שוין פאר זיך זעהר אונאנגענעהם, דערצו אבער איז נאך צוגעקר־מען דיא היץ און דער דורשט. מיר זיינען געווארען שרעקליך דורשטיג. זייט מיר האבען געגעסען דיא קאקאס ניס, האבען מיר נים געטרונקען. מען מוז ריי־זען אין אפריקא אום צו וויסען, וואס עס הייסט פערברענגען איינינע שטונדען אויפ'ן פרייען פעלד אהן אביסעל וואסער.

איך מוז אייך זאגען, אז בען בראס און איך זיינען נאך געווען אזוי אונ־פראקטיש, אז מיר האבען נים מיטגענומען מיט זיך קיין בלעכעל און קיין פלאש אויף וואסער. מיר האבען גערעכענט, אז אין דיא וועלדער וועלען מיר געפינען גענוג וואסער. עס איז וואהר, אז אין דיא ערשטע צוויא טעג האבען מיר אויך נים געהאט קיין אורזאכע זיך צו בעקלאגען אויף מאנגעל אין וואסער. יעצט אבער האבען מיר עס אנגעהייבען צו פיהלען.

עס איז זעהר מעגליך, אז ווען מיר זאלען געווען האבען א געלעגענהייט צו נעהן ערגעץ אדער צו מאכען עפעס, וואלטען מיר נים געפיהלט אזוי שטארק דעם

דורשט; מיר האָבען אבער גאָר נישט געקענט טאָהן. מיר האבען געמוזט זיצען לעדיג. מיר זיינען געווען געפאַנגענע און אונזער וועכטער איז געווען א פיער פי־סיגער לייב.

וואס טוהט מען? אראָפּגעהן פון'ם בוים איז אונמעגליך. דער גערייצטער לייב וועט אונז צוריסען. בלייבען אויפ'ן בוים איז אויך אונמעגליך. מיר וועלען דאָך שטאַרבען פון הונגער און פון דורשט. דער לייב האט ניט געוואלט אָפּ־טרעטען. ער איז געלעגען גאַנץ רוהיג און האט ניט אראָפּגעלאָזט פון אונז קיין אויג.

איך האָב געלעזען זעהר פיעל איבער ווילדע טהיערע. מיך פלעגט שטענ־דיג אינטערעסירען דער לייב, וועלכען מען רופט דער קעניג פון דיא טהיערע. איך האב געוואוסט, אז ער איז זעהר קלוג און וויים, אז דער מענש איז זיין גרעסטער פיינד, דער פאַר ווייכט ער איהם אוים. ווען מען רייצט איהם אבער, ווען מען פאַלט אן אויף איהם, ווערט ער שרעקליך. ער האט פיינר צו פערשווייגען א בעליידיגונג.

דיא איינציגע האָפנונג, וואס אונז איז געבליעבען, איז געווען, אז דער לייב וועט דאָך אויך אמאָל הונגעריג ווערען און וועט אוועקגעהן זוכען עסען, דאן ווע־לען מיר אראָפּשפּרינגען פון בוים און וועלען אטלויפען. פיליכט וועט זיך דער לייב אוועקגעהן, ווען עס וועט נאַכט ווערן. אויף אונזערע קאַמעראַדען פון דער „ראַפינאַ" האבען מיר גיט געקענט האָפען. קען מען דען אויסזוכען א נאָדעל אין א וואָגען היי? ווען אונזערע קאַמעראַדען זאלען שוין וועלען אונז זוכען, ווע־לען זייא אונז ניט געפינען. מיר האבען אבער גאר ניט ערוואַרטעט, אז זיי זא־לען געהן אונז זוכען.

אונטערדעסען איז דער דורשט געוואַרען שרעקליך. עס איז אונז טרוקען געוואַרען אין מויל און אונזער צונג האט זיך צוגעקלעפּט צו אונזער גומען.

פּלוצלונג איז בען בראַם געפאַלען אויף א נייע אידעע. ער האט גענאַפּט זיין מעסער און האט אנגעהויבען צו שניידען דעם צווייג, אויף וועלכען ער איז געזעסען. ער האט גערעכענט, אז דער זאַפט פון'ם בוים וועט ארויסשפּריצען פון דעם ארט, וואו ער וועט איינשניידען און מיר וועלען קענען וועניגסטענס איינגע־צען אונזערע ליפּען.

קוים האט ער געמאַכט א טיעפען שניט אין צווייג פון'ם בוים, האט אנ־געהויבען ארויסצורינען פון איהם א רויטער זאַפט. מיר האבען צוגעלעגט אונזערע מיילער צום שניט אין בוים און האבען געזויגען דעם בלוט רויטען זאַפט.

אבער, אַך! ווען מיר זאלען געווען פערשטעהן אביסעל מעדיצין, וואלטען מיר ניט געזויגען דיעזען זאַפט. דיעזער רויטער זאַפט איז בעקאַנט אין דער מעדיצין אונטערן נאמען „דראַכען בלוט". ווען מען נעהמט איהם אריין אין מויל ציהט ער שטאַרק צונויף דיא צונג, דעם גומען און דיא ליפּען.

איניגע מינוטען נאָך דעם, וויא מיר האבען אריינגעזויגען דיעזען זאַפט.

האבען מיר געפיהלט, אז אונזער צונג ווערט צוזאמענגעפרעסט, צוזאמענגעצויגען און צוזאמענגעדרעהט. זיא איז געווארען טרוקען, וויא א ביין און האט אנגעהויבען אונז וועה צו טאהן. אויסער דעם האבען מיר ערשט יעצט אנגעהויבען צו פיהלען א שרעקליכען דורשט. ערשט יעצט האבען מיר געמוזט האבען אביסעל וואסער אפצוגעצען אונזער פערברענטע צונג.

ווען מיר זאלען ניט געווען פראבירען דעם רויטען זאפט אדער דאס „דראַכען בלוט“, וויא עס הייסט ביי דיא געלערנטע, וואלטען מיר געוויס געקענט אויסהאלטען דעם דורשט נאך איינינע שטונדען, יעצט אבער איז דאס געווען אונמעגליך. יעצט האט אונז דער דורשט אזוי געפלאגט, אז מיר האבען געמוזט זיך ענטשליעסען עפּעס צו טאהן. מיר האבען עס שוין לענגער ניט געקענט אויסהאלטען.

איך קען אייך ניט בעשרייבען דיא שרעקליכע שמערצען, וועלכע מיר האבען געליטען, זייט מיר האבען פערזוכט דעם רויטען זאפט פון׳ם דראכען בוים. מיר האבען זיך שוין בעשלאסען אראפּצוגעהן פון׳ם בוים און זיך לאזען צורייסען פון׳ם לייב. מיר האבען געפונען, אז עס איז שוין בעסער צו שטארבען מיט אמאל, אלס צו ליידען א לאנגע צייט פון׳ם שרעקליכען, איבערנאטירליכען דורשט.

— מיר זיינען פערלארען! — האב איך געזאגט, — מיר וועלען עס ניט אויסהאלטען. לאמיר נעהמען אונזערע מעסער אין דיא הענד און לאמיר אראפּקריכען פון׳ם בוים. דער לייב וועט אויף אונז געוויס אנפאלען. מיר וועלען זיך שטעלען געגען איהם און וועלען קעמפּפען, וועלען זיך ראנגלען מיט איהם. פיעלייכט וועט עס אונז געראטהען איהם צו טייטען.

בען בראס האט זיך פערטראכט. ער האט צוואר אויך געפונען, אז דאס איז דער איינציגער וועג אונז צו רעטען. ער האט אבער אין דער זעלבער צייט געוואוסט, אז דאס איז זעהר א שלעכטער וועג, דאס איז א זיכערער טויט.

— מיר מוזען זיך פריהער איבערלעגען, האט ער געזאגט.

— וואס דענקט איהר דען? וואס קענען מיר דען העלפען? האב איך געפרעגט.

— דוא פערגעסט, ביללי, אז מיר האבען ביקסען.

— איך פערגעס עס גאר ניט, איך ווייס זעהר גוט, אז זיי ליעגען פאר׳ן בוים. וויא אזוי קענען מיר דען צוקומען צו זיי?

— דאס איז דיא פראגע, האט בען בראס געזאגט, מיר מוזען זעהן בעקומען אונזערע ביקסען.

פאר וואס מיר האבען שוין לאנג ניט געטראכט דערפון, ווייס איך ניט און איך קען עס מיר ביז היינט ניט ערקלערען. איך ווייס נור, אז ווען מיר האבען שוין געזעהן, אז מיר געפינען זיך אין דער גרעסטער גויט און האבען שוין איבערגעקלערט אלע מעגליכע פלענער, וויא זיך צו רעטען, האבען מיר זיך דערמאנט אן דעם איינפאכסטען מיטעל אונז צו רעטען. מיר מוזען זעהן בעקומען אונזערע

ביקסען, אנהייבען צו רייצען דעם לייב, ער זאָל ווידער וועלען ארויפקלעטערן אויפ'ן בוים. ווען מיר וועלען זעהן, אז ער איז שוין גאַנץ נאָהענט צו אונז, ווע־לען מיר איהם אויסשיעסען גלייך אין קאָפּ.

— וויא בעקומט מען אבער אונזערע ביקסען? עס איז וואהר, זיי ליעגען פאר אונזערע אויגען גאָר ניט ווייט פונ'ם בוים. מען מוז דאָך אבער אראָפּגעהן זיי נעהמען און דאס וועט דער לייב ניט דערלאָזען.

דער לייב איז ווירקליך געלעגען גאָר ניט ווייט און האט געוואכט איבער אונז, וויא א גוטער הונט. ווען מיר זיינען געזעסען שטיל, איז ער געלעגען רוהיג, קוים אבער האבען מיר זיך אנגעהויבען צו ריהרען, האט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האט אנגעהויבען צו ברומען.

— ווייסט דו וואס, ביללי? האט בען געזאגט, איך וועל דיך האלטען ביי דיא פיס און וועל דיך אראָפּלאָזען. דו וועסט האפּען דיא ביקס און איך וועל דיך באלד ארויפשלעפּען.

דיעזער פּלאן וואלט געוועזען גוט, ווען מיין קערפּער וואלט געוועזען גענוג לאַנג אום צו דערגרייכען דיא ביקסען. לײדער, זיינען דיא ביקסען געלעגען א פּאָר שריט ווייט פונ'ם בוים. מיין קערפּער וואָלט ניט געקענט דערגרייכען דיא ביק־סען.

אַלזאָ דיעזער פּלאן טויג אויך ניט. מען מוז זוכען עטוואס אנדערש.

פּלוצלינג איז בען בראס געפאלען אויף א נייעם פּלאַן.

— ווייסט דו וואס, ביללי? האט ער פּלוצלינג אויסגערופען, לאמיר מא־כען א שלייף אויף א שטריק און לאָמיר איהם אזוי לאַנג ווארפען, ביז מיר וועלען אנהאַפּען דיא ביקס מיט'ן שלייף. דאן וועלען מיר זיא ארויפציהען צו אונז.

איך וואָלט געטאַנצט פאר פרייד, ווען איך וואָלט נור געהאט וואו צו טאַנצען.

— איהר האט רעכט, בען! האָב איך אויסגערופען, דאס איז א פּלאַן.

מיר האבען נעהאט מיט זיך א שטריק. א מאַטראָז געהט זעלטען ערגעץ אהן א שטריק אין זיינע מאַטראָזען קעשענעס. אויסער דעם האבען מיר דאָך גע־רעכענט, אז מיר וועלען שיעסען פיעלע ווילדע טהיערע און מיר וועלען דארפען טראגען זייערע פעל אהיים.

בען האט געקענט מאכען א שלייף. דאס קען יעדער מאַטראָז. אין איי־ניגע מינוט איז פערטיג געוואָרען דער שלייף. בען האט א וואָרף געטאָהן דעם שטריק מיט'ן שלייף ווייט פון דער ביקס.

דער לייב האט עס דערזעהן, האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האט א ברום געטאָהן און האט זיך באלד צוריק געלעגט. ער האט געזעהן, אז מיר זיצען נאָך אַלץ אויפ'ן בוים און פערהאַלטען זיך גאַנץ רוהיג. ווען בען האט געזעהן, אז דער לייב האט זיך ווידער אניעדערגעלעגט, האט ער אנגעהויבען צו ציהען דעם שטריק לאַנגזאם און פאָרזיכטיג, ביז דער שלייף איז אויסגעקומען אונטער'ן מויל פונ'ם ביקס. דאן האט ער איהם מיט א מאָל א ציה געטאָהן צו זיך.

אה, פרייד! דער שליף האט שטארק ארומגענומען דיא ביקס און אין ז ייניגע מינוטען שפעטער האבען מיר שוין געהאט דיא ביקס ביי זיך אויפ'ן בוים.

צום גליק האָבען מיר געהאט ביי זיך אונזער פולווער און אונזערע קוגעלן. דאָס איז געווען נאטהווענדיג. וואס וואלט אונז דען געהאלפען דיא ביקס, ווען מיר וואלטען ניט געהאט קיין פולווער?

דער לייב איז געווארען אונרוהיג, ווען ער האט געזעהן, וויא דיא ביקס איז אליין ארויפגעקראכען אויפ'ן בוים. ער האט פערשטאנען, אז דיעזעס אינ־סטרומענט וועט איהם קיין גוטעס ברענגען. ער האט זיך אויפגעהויבען, האט אונז אנגעקוקט מיט זיינע בייזע אויגען, האט געברומט און איז געבליעבען שטעהן אויף זיין ארט, גלייך וויא ער האט געוואלט זעהן, וואס וועלען מיר דא טאהן מיט דיעזען זאנדערבארען אינסטרומענט.

— וואס טוהט מען? וויא אזוי רייצט מען איהם, ער זאל צוקומען נעהנ־טער צו אונז?

— שיעס אויס פון דיין רעוואלווער, האט בען געראטהען.

איך האב אויסגעשאסען. דער לייב האט אנגעהויבען צו ברוימען אין דער הויך און צו שלאגען זיינע שטארקע זייטען מיט זיין שטארקען עק, ער האט זיך אבער ניט געריהרט פון ארט.

מיר זיינען וויעדער געווען פערצווייפעלט. דער לייב איז געווען צו ווייט פון אונז און האט אויף קיין פאל ניט געוואלט צו קומען נעהנטער, אז בען זאל קע־נען גוט ציעלען און איהם טרעפען אין קאפ. איך האב פראבירט אויסשיעסען נאך אמאל פון מיין רעוואלווער. עס האט אבער ניט געהאלפען. דער לייב איז שוין געוואהנט געווארען צו דיעזע קלעפ און האט זיך ניט געריהרט פון ארט.

— עס העלפט ניט, איינער פון אונז מוז פראבירען אראפגעהן,— האט בען געזאגט.—דוא מוזט עס טאהן, ביללי. בינד זיך צו צום צווייג און פראביר זיך אראפלאזען. ווען דער לייב וועט נור צוקומען נאהענט, וועל איך אויף איהם אויסשיעסען.

וויא ריזיקיר עס איז געווען צו פראבירען זיך אראפלאזען פונ'ם בוים, האב איך עס דאך געמוזט טאהן, דאס הייסט, איך האב מיך געמאכט, אז איך לאז מיך אראפ פון בוים. איך האב מיך צוגעבונדען צו א צווייג און האב פראבירט אראפקריעכען.

דאס האט געהאלפען. קוים האט דער לייב דערזעהן, אז איך האב אנגע־הויבען אראפצוקריעכען, איז ער אויפגעשפרונגען און איז צוגעלאפען צום בוים מיט אזא צארן, אז זיין גרויסע קאפ האט פארגעשטעלט א גוטען ציעל-פונקט. בען האט אויסגעשאסען. דיא קוגעל האט געטראפען פונקט אין דער מיט קאפ. דער לייב איז אראפגעשפרונגען, האט זיך איבערגעקעהרט און איז געפאלען טויט.

מיר האבען נאך אלץ מורא געהאט אראפצוקריעכען פון בוים. מיר הא־בען געווארט נאך איינינע צייט, ביז מיר האבען זיך איבערצייגט, אז אונזער פיינד איז ווירקליך טויט. דאן זיינען מיר אראפגעגאנגען.

— מיר זיינען דאָך גוטע יענער! — האט בען בראַס אויסגעוױזפען, — מיר האבען דערשאָסען אַ לייב, דאָס שטאַרקסטע טהיער פון דיא אַפריקאַנער וועלדער.

איך האב איהם ניט געענטפערט, ווייל איך האב געדאַכט נור פון איין זאַך—וואַסער! דער דורשט האט מיך אזוי געפּלאַגט, אַז איך האב ניט געקענט דענקען פון אַן אַנדער זאַך אויסער וואַסער. מיר זיינען געלאָפען זוכען וואַסער. דאַס איז געווען ניט שווער. ניט ווייט פון'ם בוים אויף וועלכען מיר זיינען געזעסען, איז געפּלאָסען אַ קליין טייכעל. מיר האבען זיך אַניעדערגעלעגט אויף דער ערד און האבען אָנגעהויבען צו זופּען דאַס וואַסער, גלייך וויא מיר האבען געוואָלט אויסטרינקען דעם גאַנצען טייך.

ווען מיר האבען ענדליך געשטילט אונזער דורשט, האב איך געזאָגט צו בען בראַס:

— מיר האבען שוין גענוג פון אַפריקאַ! לאָמיר זעהן געהן, וויא צום גיכס־טען צוריק צו אונזער שיף. מיר האבען שוין גענוג געזעהן און גענוג געליטען אין אַפריקאַ.

— דוא האסט רעכט בילי, — האט בען געענטפערט, — מיר מוזען אבער אַראָפּנעהמען דיא פעל פון'ם לייב. לאָמיר ווענינגסטענס האבען עפּעס צו ווייזען, ווען מיר וועלען קומען אויפ'ן שיף.

איך האב צוואַר געוואָלט לאָזען ליעגען דעם לייב מיט זיין פעל און האב געוואָלט אַנטלויפען, וויא אַם שנעלסטען אַהיים. עס האט מיר אבער גאַר ניט געהאָלפען. בען בראַס איז געווען אַן אייגנעשפּאַרטער, אַן עקשן, און ער האט אויסגעפיהרט.

מיר האבען זיך אומגעקעהרט צום אָרט, וואו דער טויטער לייב איז גע־לעגען און האבען זיך גענומען צו דער ארבייט. אין אַ האלבע שטונדע האבען מיר אַראָפּגעצויגען פון לייב זיין שעהנעם געלען פעלץ. בען בראַס האט איהם אַרויפגעוואָרפען אויף דיא פּלייצעס און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען.

18טעם קאַפּיטעל.

דער באָאַבאַ.

עס איז שוין געווען גאַר ניט פריה, ווען מיר האבען זיך געלאָזען אין וועג. דיא זון האט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן. דער מיט זיינען מיר אבער געווען זעהר צופריעדען, ווייל יעצט האבען מיר געוואוסט אין וואָס פיר אַ זייט צו געהן. מיר האבען געוואוסט, אַז דיא „ראַפּינאַ" געפינט זיך אין ועסט אַפריקאַ, אין מעריב זייט פון אַפריקאַ. אַלזאָ דאַרפען מיר געהן אין דיא זייט, וואו דיא זון געהט אונטער און מיר וועלען באַלד קומען אַהיים. דאַס איז דאַכט זיך געווען גאַנץ איינפאַך. אזוי ווענינגסטענס האב איך מיר געטראַכט.

ליידער. איז זעהר שווער צו קענען דיא וועלט פון ביכער. מען מוז האבען

פראקטיק. מען מוז לעבען אום צו פערשטעהן דיא ביכער און מען מוז לעזען דיא ביכער אום צו פערשטעהן דאס לעבען.

מיר זיינען נעגאנגען האַסטיג אין דיא צייט, וואו דיא זון איז אונטערגע־גאנגען און מיר זיינען צוגעקומען צו א טייך. פלוצלונג האט זיך אונז אויסגעווי־זען, אז מיר געהן נים ריכטיג. מיר דארפען געהן רעכטס און מיר געהן לינקס. מיר האבען זיך אומגעקעהרט און זיינען נעגאנגען רעכטס.

אזוי זיינען מיר אוועקגעגאנגען א פאָר מייל. אונטערדעסען איז דיא זון אונטערגעגאנגען. מיר זיינען געווען זעהר מיעד און דער מאָגען האט אונז אנגע־הויבען צו דערמאנען, אז מיר דארפען עסען. אויסער עטליבע קאָקאָס נים האבען מיר היינט גאר נים נעגעסען. אין דער גרויסער אפריקאנישער היץ, און נאך דעם, וואס מיר האבען איבערגעלעבט היינטיגע טאָג, האבען מיר געמוזט זיך אונטער־לעהנען דאס הערץ.

מיר זיינען געבליעבען שטעהן און האבען זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען. אין דער רעכטער זייט פון אונז איז געווען א בערגעל, אויף איהם איז נעשטאנען א גרויסער בוים, א זאָנדערבארער בוים. ווען איך זאָג א גרויסער בוים, זאלט איהר נים מיינען, אז דאס איז א גרויסער בוים, וויא מיר זעהן איהם אין אונזערע וועלדער. דיעזער איינציגער בוים האט געבילדעט א קליינעם וואלד פאַר זיך. ער האט בעדעקט דעם גאנצען נים הו כען בערגעל. צווישען זיינע לאַנגע בלעַ־טער האבען מיר נעזעהן גרויסע קנוילען,—דיא פרוכטען פון דיעזען בוים.

מיר האבען צוואר נים געוואוסט, וואס פאר א בוים דאס איז. מיר האַ־בען געזעהן, אז עס הענגען פון איהם אראָפּ פריכטע און מיר האבען בעשלאסען צו צוגעהן צו איהם און פּראָבירען דיא פריכטע. באלד זיינען מיר געווען ביים בוים און האבען אפגעריסען א פּאָר פריכטע. זיי זיינען געווען גרוים, וויא א גאנץ גרויסער עפּעל, גרין און אנגעזעצט מיט דערנער. מיר האבען אויפגעשניטען איינעם און האבען פּראָבירט עסען. עס איז געווען צו זויער. מיר האבען איהם אוועקגעווארפען.

אין דרויסען איז אונטערדעסען געוואָרען פינסטערער און פינסטערער.

— מיר מוזען דאָ איבערנעכטיגען, האט ענדליך בען בראַס געזאָגט. געהן ביי נאַכט אין דערפינסטער אין דיא וועלדער פון אפריקאָ איז זעהר נים אנגענעהם און געפעהרליך. מיר וועלען דאָ צוברענגען דיא נאַכט און גאנץ פריה וועלען מיר געהן אונזער וועג.

איך האב נאר נים געענטפערט. וואס האב איך איהם געזאָלט ענטפערן? איך האב שוין גענוג געזעהן און זיך גענוג אָנגעליטען אין אפריקא.

דיא ערשטע זאַך, וואס מיר האבען געמוזט טאָהן, איז געווען צו מאַכען פייער. בען בראַס האט נעהאט זיין פייערצייג מיט זיך. ער האט אויפגעשלאָגען פייער און איך בין נעגאנגען צוזאַמענעהמען טרוקענע צווייגען און בלעטער. אין א קורצע צייט האט געפלאַקערט א לוסטיגער פייער אונטערן גרויסען בוים.

מיר האבען זיך זעהר געפרייט מיט'ן פייער. וואס האט עס אבער געהאָל־פען? מיר האבען אבער געוואלט עסען. עס האט אָנגעהויבען צו רייסען און צו קנייפען ביי אונז אין מאָגען, אז מיר האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען.

— בלייב דוא ביים פייער, ביללי, האט בען בראס געזאָגט, איך וועל נעה־מען דיא ביקס און וועל געהן זוכען עפּעס עסען.

בען בראס האט אָנגעלאָדען זיין ביקס און איז זיך אוועקגעגאַנגען. איך בין געבליעבען אליין. איך בין געזעסען ביים פייער און האב בעטראַכט דיא געגענד ארום. דיא רויטע, העלע צונגען פונ'ם פייער האבען בעלייכטעט דעם דיקען בוים. ווען איהר ווילט האבען א בעגריף, וויא דיק דער בוים איז געוועזען, קען איך אייך זאָגען, אז ווען דרייסיג מענשען וואָלטען אויסגעשטרעקט זייערע הענד, וואָלטען זיי איהם ניט געקענט ארומנעהמען.

פּלוצלונג האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז אונטען איז דיא רינדע (דיא קאָרע) פון'ם בוים צושניטען. איך וואלט געוויס צוגעלאָפען זעהן, וואס דאס איז. אזוי וויא איך בין געווען אליין, האב איך מורא געהאט מיך צוריהרען פון ארט. מיין ביקס איז געליעגען לעבען מיר אויף דער ערד און איך בין געווען בערייט זיא צו געברויכען יעדע מינוט.

איך שעהם מיך ניט אויסצוזאָגען, אז איך האב אָנגעהויבען מורא צו האַ־בען און עס האט מיר באנק געטאָהן, וואס איך האב געלאָזען בען בראס אוועק־געהן. פּלוצלונג האב איך דערהערט דעם קנאַק פון א שאָס. איך בין אויפגע־שפּרונגען פאר פרייד.

— בען בראס האט עפּעס געשאָסען, האב איך אויסגערופען, מיר וועלען שוין האבען, וואס צו עסען.

דאס מאל האט מיך מיין האָפנונג ניט אָפּגענארט. בען בראס איז באַלד געקומען צו לויפען פול פרייד. ער האט געבראַכט מיט זיך א גרויסען פויגעל, וועלכען ער האט דערשאָסען לעבען טייך. וויא עס האט אויסגעוויעזען, איז דער פויגעל געגאַנגען טרינקען, בען בראס האט איהם דערזעהן און האט איהם דער־שאָסען.

מיר האבען קיין צייט געהאט צו בעטראַכטען דעם פויגעל, צו קלערען, וואס פאַר א פויגעל דאס איז און צו טראַכטען, אויב מען קען איהם עסען. מיר זיינען געווען אזוי הונגעריג, אז מיר וואָלטען געגעסען שטיינער. בען בראס האט ארויסגענומען דעם לאַדע שטאָק פון זיין ביקס (דעם אייזערנעם שטעקען, מיט וועלכען מען לאַדעט אָן דעם ביקס), האט איהם דורכגעשטאָכען דורכ'ן קערפּער פון'ם פויגעל און האט איהם אָנגעהויבען צו בראָטען.

מיר זיינען געווען אזוי הונגעריג, אז מיר האבען ניט געוואַרט, ביז דער פוי־געל וועט זיך גוט אויסבראָטען. מיר האבען איהם אויפגעגעסען האלב רוי. מיר האבען איהם אויפגעגעסען מיט דיא ביינער. ווער איז יעצט געווען גליקליכער פון אונז? מיר זיינען געווען זאט! ערשט יעצט האבען מיר אָנגעהויבען זיך צו אר־

קוקען צו דעם זאַנדערבאַרען בוים, אונטער וועלכען מיר האבען בעשלאָסען צו צו־ברענגען דיא נאַכט.

— וואס פאַר א בוים זאָל עס זיין? האב איך געפרעגט.

— מיר וויזט אויס, אז דאָס איז דער באָאבאַם, אדער ברויט בוים, ווייל טינער געזאָגט, א פענברויט בוים, האט בען בראַס געענטפערט. מען רופט איהם אזוי, ווייל דיא אַפּען (מאַנקעס) האבען זעהר ליעב זיינע פרוכטע. דאָס איז זייער ברויט. אין אינדיען וואקסט אנ׳אנדער סאָרט פון דיזען בוים, וועלכען מען רופט אויך ברויט בוים. פון יענעם בוים אבער קען מען מאַכען ברויט פאַר מענשען. דיא אינדיער רייסען אָפּ זיינע פרוכטע, צוהאַקען זיי, צוקנעטען זיי און באַקען פון זיי ברויט.

איך האָב אויך געלעזען געהר פיעל פון דעם באָאבאַב און האב געוואוסט, אז דאס איז איינער פון דיא זאַנדערבאַרסטע בוימער אין דער נאַטור. ער צו־וואַקסט זיך אזוי גרויס און ווערט אזוי געדיכט, אז ער בילדעט א וואלד פאַר זיך. זיין קאָרע איז זעהר דיק און דיא אייוואונער פון יענע געגענדען דעקען צו זייערע הייזער מיט דער רינדע פון׳ם באָאבאַם.

— בען, האב איך פּלוצלונג געזאָגט, איך וויל דיר עפּעס ווייזען. גיב נור אקוק דאָרט אויפ׳ן בוים. מיר דאַכט, אז דיא רינדע (קאָרע) איז דאָרט אויס־געשניטען.

בען האט אקוק געטאָהן דאָרט, וואו איך האב איהם געוויזען, און האט געענטפערט:

— דוא האסט רעכט, בילי. ביי דיזען בוים זיינען געווען מענשען, זיי האָ־בען אויסגעשניטען דיא רינדע פון׳ם בוים.

— צו וואס האבען זיי עס געטאָהן?

— דאָס קען איך ניט וויסען. וואהרשיינליך האבען זייא עפּעס בעהאלטען אין בוים.

— לאָמיר זעהן, וואס דאָרט איז, האב איך געבעטען, פיליייכט האבען דאָרט דיא נעגער באַהאַלטען עסענוואַרג.

— פיליייכט האבען זיי דאָרט ברהאלטען געלד? האט בען בראַס מיר אונ־טערגעהאַלפען.

— לאָמיר געהן זעהן, בען, האב איך געבעטען.

מיר זיינען ביידע געוואָרען נייגעריג, האבען פערגעסען, אז מיר זיינען מיעד און שלעפעריג און זיינען געגאַנגען זעהן, וואָס עס טהוט זיך אין בוים.

19-טעם קאַפּיטעל.

דאס פאַמיליען בעגרעבענים פון אַן אַפריקאַנער.

ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען נעהנטער צום בוים, האָבען מיר דערזעהן, אז אונגעפעהר צווייא פוס הויך פון דער ערד איז דיא רינדע (קאָרע) צוריסען, צוריבען

און צוקניטשט. אונטען איז געווען א גרויסער שניט, אין וועלכען מען האט גע־קענט אריינשטעקען א מעסער. פון דיעזען שניט אדער קארב זיינען געגאנגען נאך צווייא אין ביידע זייטען און איבען איז ווידער געווען א שניט. אין דער רינדע (קאָרע) איז געווען אויסגעשניטען א פיערעקיג שטיק, גלייך וויא מען וואלט דארט געמאכט א טהיר אדער א פענסטער.

עס איז געווען דייטליך, אז דאס האט געטאָהן א מענשענהאנד.. ווער האט דאָס אבער געקענט טאהן? מיר האבען בעטראכט דעם בוים פון אלע זייטען, איבעראל איז ער געווען גלאט, פערוואקסען און פערווילדערט.

— דאס איז געווען אויסגעשניטען א טהירעלע אין בוים, האט בען בראָס געזאָגט, מיר מוזען זעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך.

מיט דיעזע ווערטער האט ער א קלאַפּ געטאָהן מיט זיין ביקס אויף דעם אָרט, וואו דיא קאָרע איז געווען ארומגעשניטען. עס האט ארויסגעגעבען א דומפּען קלאַנג.

— דער בוים איז דאָ אויסגעהוילט! האט ער אויסגערופען. הער זיך נוט צו, ביללי!

ער האָט אנגעקלאַפּט אין דיעזען אָרט מיט דער האנד. עס האָט געקלונגען, וויא ווען מען קלאַפּט אויף א לעדיגעס פאַס.

— צום טייפעל! האט בען בראָס אויסגערופען. מיר האבען געפונען אַנ׳־אוצר. דיא נעגער האבען דאָ געוויס בעהאלטען גאלד און טהייערע זאכען.

ער האָט באלד ארויסגעהאַפּט זיין מעסער, האט איהם אריינגעשטעקט אין שפאלט פון דער קאָרע און האט זיך אָנגעשפּארט אויף איהם מיט זיין גאנצען קראפט. עס איז אָפּגעשפרונגען א שטיק קאָרע, גרויס וויא א פענסטער פון א הויז. מיר האבען דערזעהן פאר אונז א פינסטערן לאָך אין בוים. דער בוים איז געווען אויסגעהוילט אינעווייניג.

אזוי וויא מיר זיינען געווען איבער־געשראָקען פון אונזער נעכטיגע געשיכטע מיט דיא שלענג, האבען מיר מורא געהאט אריינצושטעקען א האנד אין אויסגע־הוילטען בוים אדער זאָגאר אריינצוקריעכען. מיר האבען געזעהן, אז דאָרט ליעגט עפּעס, מיר האבען אבער ניט געקענט זעהן, וואס דאָרט ליעגט.

בען בראָס האט ניט גערעדט קיין וואָרט. ער איז באלד צוגעגאנגען צום פייער, האט געחאַפּט א ברענענדע שטיק האָלץ און איז געקומען צוריק. ער האט אויפגעהויבען דאס ברענענדע שטיק האָלץ און מיר האבען אקוקגעטאהן אין אויס־געהוילטען בוים.

אבער, גאָט אין הימעל! וואס האבען מיר דאָרט דערזעהן! מיר זיינען ביידע געווארען בלייך וויא קאלך און זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. בען בראס האט זאָגאר ניט געקענט ארויסווארפען דאס ברענענדע שטיק האָלץ פון דער האנד.

דער בוים איז געווען אויסגעהוילט. אין דער מיט איז געווען א פּיערעקי־

נער צימער. אין דיעזען צימער איז געווען אויסגעשניטען פון'ם האלץ א סארט באנק און אויף דיעזע באנק זיינען געזעסען פיער מענשען, אבער קיינע לעבעדיגע מענטשען, זאנדערן טויטע, אויסגעטריקענטע און-פערשטיינערטע מענשען! דיא הויט פון זייערע געזיכטער איז איינגעדארט געווארען און עס האבען זיך ארויסגעזעהן דיא ווייסע צעהנער.

מען האט געזעהן, אז דאס זיינען געווען נעגער: זייער הויט איז געווען שווארץ און זייערע האר זיינען געווען געגרייזעלט, וויא דיא האר פון א נעגער. זיי זיינען געזעסען אנגעשפארט אן דער וואנד, דיא הענד ארויפגעלעגט אויף דיא קניע, גלייך וויא זיי וואלטען געלעבט.

דער אנבליק איז געווען א שרעקליכער אונגעוועהנליכער, איבערראשענ־דער. איך האב געלעזען אין ביכער, אז אין עגיפטען — אין אלטען מצרים געפינט מען מומיען, טויטע איינבאלזאמירטע קערפער פון דיא אלטע קעניגע. איך האב אבער אין מיין לעבען ניט געזעהן קיין מומיע און יעצט האב איך דערזעהן פאר מיר פיער מומיען מיט אמאל.

בען בראס איז צוואר געווען אין א מוזעאום און האט געזעהן מומיען. זיי זיינען אבער גאנץ אנדערש פון דיא פיער געשטאלטען, וועלכע מיר האבען יעצט געזעהן פאר אונז. עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס זאגאר דער שטארקער בען בראס האט זיך דערשראקען און האט געציטערט, ווען ער האט זיי דערזעהן.

אונזער שרעק האט אבער געדויערט ניט לאנג. מיר האבען געזעהן היינט אין דער פריה דעם טויטען נעגער און מיר זיינען שוין אביסעל געוואונט געווארען צו זעהן שרעקליכע זאכען אין אפריקא.

זאנדערבאר! איך בין געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך. איך האב דער ערשטער אויסגערופען:

— וואס זאל דאס זיין, בען? ווער זאלען עס זיין דיעזע טויטע?

בען האט א שאקעל געטאהן מיט זיין גאנצען קערפער, גלייך וויא ער האט געוואלט ארפשאקלען פון זיך דעם שרעק, האט אויפגעהויבען דאס ברענענדיגע שטיק האלץ העכער און האט געענטפערט,

— אך, ביללי! וויא ווייט איז דאס בוך אדער דיא ביכערקענטנעסע פון'ם ווירקליכען לעבען! איך האב געלעזען דאריבער און פיעלע ביכער פון בעריהמטע רייזענדע אין אפריקא, איך האב עס אבער פערגעסען. אין עגיפטען (מצרים) פלעגט מען איינבאלזאמירען דיא טויטע קערפער פון גרויסע מענשען. דיא ווילדע נעגער אין וועסט אפריקא ווייסען ניט, וויא אזוי איינצובאלזאמירען זייערע טויטע. זיי טריקענען אויס זייערע קערפער אויף דער זון און בעהאלטען זיי דער נאך אין אן אויסגעהוילטען בוים. ווייסט דוא, ביללי, ווער דיעזע טויטע זיינען?

— איך ווייס עס ניט, בען. פון וואנען זאל איך עס וויסען?

— דאס זיינען דיא לייכען פון קעניגע און פירסטען. זיי זיינען אויך געווען אזעלכע קעניגע, וויא דער קעניג דשינגא מוואבא, מיט וועלכען אונזער שיפסקא־

פיטאן האנדעלט. זיי האבען געוויס אויך געהאט שקלאפען און האבען זיי גע־וויס פערקויפט צו דיא ווייסע מענשען, דערפאר האבען זעהרע אונטערטהאנען זיי אויסגעטריקענט נאכ׳ן טויט און האבען זיי בעהאלטען אין דיעזען בוים.

— צו וואס האבען זיי עס געטאהן, בען ?

— עס איז זיטע (א מנהג) ביי פיעלע ווילדע פעלקער, אז מען זאל פער־בערגען פונ׳ם פאלק, וואו דער קעניג ליעגט בעגראבען. זיי האלטען עס פאר א גרויסע עהרע פאר א קעניג, אז קיינער זאל ניט וויסען, וואו ער ליעגט בעגראבען. אין אויסטראליען הענגט מען אויף דעם טויטען קערפער פונ׳ם קעניג אויף א הוי־בען בוים. איינינע ווילדע פעלקער אין אמעריקא נעהן איין דיא קערפער פון זייערע קאציקען (קעניגע) אין א פעל פון א ביזאן און בעהאלטען איהם אין א טרוקענער הייל אין דיא בערג. (*)

— דאס איז דאך אבער קיין לייכטע ארבייט, — האב איך בעמערקט, — אויסהוילען אזא בוים און מאכען אין איהם אזא גרויסעס און שעהנעס צימער מיט בענק, דארף דאך נעהמען פיעל צייט און עס מוזען דערביי ארבייטען פיעלע מענשען, וויא אזוי קען עס בלייבען א געהיימניס, וואו דיא קעניגע ליעגען ?

בען בראס האט א לאך געטאהן מיט זיין ברייטען געלעכטער.

— דוא ביסט גאר א קינד, ביללי! — האט ער אויסגערופען,— דוא ווייסט גאר ניט, וואס פאר א סארט בוים דער באאבאב איז. זיין האלץ איז זעהר ווייך. מען קען עס אויסהוילען מיט א שארפען שטיין אדער זאגאר מיט א שפיציגעס האלץ. דער באאבאב איז אזוי אויך אינעווענינ, וויא א מעהר אדער א רעטיג. זיין רינדע (קארע) דאגעגען איז הארט און שטארק, וויא דיא קארע פון אנדערע ביימער. דאס איז דיא אורזאכע, וואס דיא נעגער בעגראבען זייערע טויטע קע־ניגע אין אן אויסגעהוילטען באאבאב בוים דיא לופט איז זעהר טרוקען אין דיעזע געגענדען. דיא טויטע קעניגע זיצען זיך גאנץ רוהיג אין זייערע בעגרעבעניס פלעצער. קיינער שטערט זיי ניט און זיי קענען אוועקזיצען הונדערטער יאהרען, ביז דער בוים שטארבט אפ און ווערט פערפוילט. דאן ווערן זיי מיט איהם פערפוילט.

אונזער שרעק איז פערשוואונדען און אונזער נייגערדע האט זיך אויפגעוועקט. מיר זיינען צוריקגעגאנגען צום פייער, האבען גענומען אן אנדער שטיק ברענענדעס האלץ און זיינען אריינגעגאנגען אין אויסגעהוילטען בוים. מיר האבען געוואלט בעסער בעטראכטען דיא טויטע נעגער קעניגע.

דער צימער אין אויסגעהוילטען בוים איז ווירקליך געוועזן א קונסטשטיק. דאס איז געווען א ריכטיגעס פיער־עקיגעס צימער. עס האט ווירקליך אויסגע־

(*) אין מוזעאום אף נעטשוראל היסטארי אין ניויארק געפינען זיך עטליכע אזעלכע פערשטיינערטע לייכען פון אינדיאנער פירסטען. זיי זיינען פערנעהט אין פעל פון טהיערע און זיינען נאך גאנץ און פריש, גלייך וויא זיי וואלטען ערשט ניט לאנג געשטארבען.

וויזען, וויא א שטיבעלע, וועלכע דיא קינדער שניידען אויס אין א גרויסע מעהר אדער אין א ריעב. עס איז געוועזען געגנג הויך, אז א מענש האט דארט געקענט שטעהן. דיא באנק איז געוועזען אויסגעשניטען זעהר קינסטליך. עס איז געוועזען דייטליך, אז דער שניטצער, דער קינסטלער, האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו פערשעהנערן און פערציערען דיא באנק, אויף וועלכע זיינע קעניגע וועלען שלאפען זייער אייביגען שלאף.

דיא טויטע קעניגע זיינען געוועזען אנגעטאהן אין זייערע מונדירען, דאס הייסט, אין קליידער פון פאלמבלעטער, וועלכע האבען אויסגעוויזען וויא א פאנצער. דיא הענד און דיא פיס זיינען געוועזען גאנץ נאקעט. זייערע האר איז געוועזען צונויפ־געדרעהט אויפ'ן שפיץ קאפּ און האבען אויסגעוויזען, וויא א שיניאָן, וועלכען דיא פאריזער דאמען טראגען. זייער קערפער אבער איז געווארען פון דער צייט אזוי איינגעדארט, אזוי איינגעשרומפּפט, אזוי צוקנייטשט, אז זיי האבען אויסגעוויזען וויא סקעלעטען, בויינער פון מענשען, וועלכע זיינען איבערגעצויגען מיט שווארצע לעדער.

דער אנבליק איז געוועזען א העכסט אונאנגענעהמער, אבשייליכער, עקעל־האפטער און דאך האט עס אונז צוגעצויגען צו זיך, וויא א מאגנעט. מיר האָ־בען ניט געקענט אפּטרעטען פון דיא טויטע, פערדארטע קעניגע.

— אויך זיי זיינען א מאל געוועזען מענשען, הערשער, קעניגע! — האב איך אונגערן אויסגערופען. זיי האבען אויך אמאל געלעבט און האבען בעהערשט טויזענדער מענשען. זיי האבען אויך אמאל געדאכט, אז זיי זיינען העכער, בע־סער און גרעסער פון אנדער. יעצט ליעגען זיי גאנץ רוהיג אין זייער דונקעלן צי־מער אין אויסגעהוילטען בוים.

דאס זאנדערבארע איז געוועזען, וואס קיינע פליעגען, קיינע ווערים און קיינע אנדערע קליינע אינסעקטען, וועלכע האלטען זיך אויף אין בוימער, האבען ניט אנגעריהרט דיעזע טויטע קערפער. שפּעטער בין איך געוואהר געווארען, אז דער זאפט פונ'ם באַאבאב איז שטארק זויער. דיא שפינען, פליעגען און אמייזען (מור־ראשקעס) קענען איהם ניט דערטראגען און אנטלויפען פון דיעזען בוים. דאס איז דיא אורזאכע, פאר וואס דיא נעגער בעהאלטען זייערע קעניגע אין אן אויסגע־הוילטען באַאבאב.

ערשט יעצט האבען מיר בעמערקט, אז דער בוים, ריכטיגער געזאגט, דאס הארץ פונ'ם בוים,—דאס האלץ, גיט ארויס פון זיך א בעזאנדערס שטארקען, ניט גאנץ אנגענעהמען גערוך. מיר האבען פערשטאנען, אז דיא ווילדע טהיערע און דיא אינסעקטען קענען ניט אויסהאלטען דיעזען גערוך.

מיר האבען בעטראכט אייניגע מינוטען דיעזעס זאנדערבארע צימער מיט זיינע זאנדערבארע איינוואוינער. עס איז געוועזען דייטליך, אז קיינער איז דא ניט געוועזען זייט יאהרען. מיר האבען אין ערגעץ ניט געקענט ענטדעקען א שפּור פון א מענשען. מיר זיינען געגאנגען אין שטיוועל און דיא נענעל פון אונזער אבזאצען

האבען איבערגעלאזען צייכענס אין ווייכען האלץ פון בוים. אויסער אונז אבער האט קיינער ניט איבערגעלאזען קיין צייכען און קיין שפור. עס איז זעהר מעגליך, אז זייט מען האט אוועקגעזעצט דיעזע קעניגע אין בוים, איז קיינער ניט געקומען צו זיי: קיינער האט זיי ניט בעזוכט און קיינער איז ניט געקומען זעהן, וואס זיי מאכען.

וויא לאנג זיינען דיעזע קעניגע אזוי געזעסען אין זייער אבגעזאנדערטעם צימער ? דאס איז געוועזען אונמעגליך צו זאגען. מעגליך, אז אמאל האט אין דיעזער געגענד געוואינט א גרויסעס פאלק און דיעזע קעניגע האבען געהערשט איבער א גרויסעס לאנד. דאס פאלק האט ליעב געהאט זייערע הערשער און האט זיי געוויזען דיא גרעסטע עהרע נאך זייער טויט. עס האט געוואלט, אז קיינער זאל ניט וויסען וואו עס ליעגען דיא ביינער פון זייערע געליעבטע פירסטען און זיי האבען זיי בעהאלטען דא אין בוים. פלוצלונג זיינען אנגעפאלען פיינד אויף דיעזעס פאלק, האבען נעטווידעט אלע אלטע און שוואכע מענער און פרויען. דיא יונגע און שטארקע אבער האט מען אוועקגעפיהרט קיין אמעריקא און מען האט זיי פערקויפט פאר שקלאפען. דאס לאנד איז געווארען פערוויסטעט, פערוואקסען און פערווילדערט. פונ'ם גאנצען פאלק איז ניט געבליעבען איינער, וועלכער זאל זיך אמאל דערמאנען אן זיינע טויטע קעניגע.

— ווער ווייס, וואס פאר א שרעקליכע סצענען, וואס פאר בלוטיגע דראַמען עס האבען זיך אבגעשפיעלט אין דיעזער געגענד ? —האב איך אויסגערופען.— ווער ווייס, אויב אונטער דיעזען בערגעל, אויף וועלכען עס וואקסט יעצט דער באַאבאב, ליגט ניט בעגראַבען א גאנצע שטאדט, דיא ארבייט און דיא מיה פון טויזענדער מענשען ? — אך ! ווער קען וויסען דיא צוקונפט ? פרעגען מיר אמאל. דאס איז געווים וואהר. ווען מיר ווילען אבער עפּעס לערנען, דארפען מיר פרעגען: ווער ווייס דיא פערגאנגענהייט ?

אין דער צייט, ווען איך האב אזוי געטראכט צו זיך אליין, האט בען בראַס בעטראכט דאס צימער פון אלע זייטען. ער האָט עפּעס געזוכט. עס איז זעהר מעגליך, אז ער האָט געזוכט גאָלד. ליידער זיינען דיא אַפריקאנישע קעניגע זעהר אדים. גאָלד פלעגט אמאָל ביי זיי גאָר קיין ווערטה ניט האבען, ווייל זיי האבען ניט געוואוסט, וואס צו טאהן מיט גאָלד. ערשט נאָר ניט לאנג האבען זיך דיא נעגער אויסגעלערנט, אז פאר גאָלד קען מען אלעס האָבען. דאס האבען זיי זיך אויסגעלערנט פון דיא ווייסע מענשען.

בען בראַס האָט אבער גאָר ניט געפונען אין דיעזען זאָנדערבארען קבר. דיא טויטע קעניגע האבען גאר ניט מיטגענומען מיט זיך אויף יענע וועלט.

מיר האבען נאָך אמאָל אקוק געטאהן אויף דיא שטומע איינוואהנער פון'ם אויסגעהוילטען בוים און זיינען ארויסגעגאנגען פון זייער פּאלאַץ.

— לאָמיר זיי ניט שטערן, האב איך געזאָגט צו בען בראַס, לאָזען זיי זיי שלאָפען רוהיג, וויא זיי זיינען געשלאָפען ביז אהער.

מיר האָבען גענומען דיא גרויסע שטיק קאָרע (רינדע) און האבען זיא צוריק געשטעלט אויף איהר אָרט. מיר האבען פערמאכט דיא טיהר פון דעם בעערדי־דיגונגס פּלאַץ און זיינען זיך אוועקגעגאַנגען.

מיר זיינען צוריקגעגאַנגען צו אונזער פייער, האבען ארויפגעוואָרפען אויף איהם נאָך עטליכע טרוקענע צווייגען. דאס פייער האט אנגעהויבען צו פלאַקערן העלער. מיר האבען זיך אויסגעצויגען לעבען פייער און זיינען באלד אנטשלאָפען געוואָרען.

איך מוז דא נאָך בעמערקען, אז אין אפריקא מאכט זיך אמאל קאלטע נעכט. וויא הייס עס איז ביי טאָג, אזוי קאלט ווערט ביי נאכט. עס איז זעהר מעגליך, אז עס איז גאָר ניט אזוי קאלט, מען פיהלט נור דיא קעלט, וויל ביי טאָג איז שרעקליך הייס.

דיעזע נאכט האבען מיר ניט געוואלט שלאָפען אין אונזערע האמאקס. דיא צווייגען פון באָאבאב זיינען געווען צו הויך און מיר האבען ניט בעמערקט עטוואס שעדליכעס אָדער געפעהרליכעס. איך האב צוואר דערמאָנט בען בראס פון דיא שלענג, ער האט מיר אבער געענטפערט, אז מיר האבען נעכטען געטאָהן זעהר שלעכט, וואס מיר האבען אויסגעקליעבען פאר אונזער נאכטלעגער אנ׳אָרט, וועל־בער איז אזוי נאהענט פון וואסער. דיא שלענג האָבען ליעב א פייכטע געגענד. יעצט אבער געפינען מיר זיך אויף א בארג. ארום איז טרוקען און מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען.

אזוי האבען מיר געפּלוידערט און אזוי זיינען מיר אנטשלאָפען געוואָרען.

20טעס קאפיטעל.

דיא באַבונ׳ס.

מיר זיינען געווען שרעקליך מיעד און זיינען באלד אנטשלאפען געווארען, וויא דיא געהרגעטע. וויא לאַנג מיר האבען געשלאָפען ווייס איך ניט און קען ניט זאָגען. איך ווייס נור, אז מיר האָבען געשלאָפען זעהר געשמאַק. ווען מיר זאָלען ניט געווען זיין מאַטראָזען, מענשען, וועלכע זיינען געוואינט זיך אויפצוחאַ־פּען ביים קלענסטען גערויש, וואָלט איך געווים יעצט ניט געווען דאָ און איהר וואָלט ניט געהערט מיין ערצעהלונג. מיר זיינען אבער געווען מאַטראָזען. וויא געשמאק מיר זיינען געשלאָפען, האבען מיר זיך דאָך אויפגעחאפּט ביים ערשטען גערויש.

דאס איז אבער געווען א זאָנדערבארער, אונגעוועהנליכער, שרעקליכער גע־רויש. דאס איז געווען א ווילדעס ברומען, א שרעקליכעס שרייען, אנ׳אונערטרעג־ליכעס קוויטשען. איך האב נאָך קיין מאָל ניט געהערט אזעלכע ווילדע שטימען, אזעלכע קולות, וועלכע האבען אונז צוריסען דיא אויערן און האבען איינגעדרונגען אין אונזער הערץ.

אונזער ערשטע מיינונג איז געווען, אז דאס היילען און שרייען וועלף, היענאס אדער שאקאלס. בען בראס האט מעהר געררייזט פון מיר אויף דער וועלט און האט מעהר געזעהן דיא וועלט פון מיר. ער האט געהערט דיא געשרייען פון אלע ווילדע טהיערע, אזעלכע געשרייען אבער האט ער אויך קיין מאל ניט געהערט. עס איז געווען אונמעגליך צו זאגען, אויב עס מיאאוען קעץ, עס שרייען קליינע קינדער, עס שרייען און היילען וואהנזיניגע אדער עס ביללען הינד. אלע שטימען זיינען געווען צונויפגעמישט.

ווער אנ׳דער האט עס ווירקליך אזוי געשריען? דאס האבען מיר ניט געקענט וויסען.

מיר זיינען אויפגעשפרונגען, וויא דיא אפגעבריהטע און האבען זיך ארומ־גענקוקט. אונזער פייער האט געברענט זעהר ניעדעריג. אין דער צייט, וואס מיר האבען געשלאפען, האט ער אויסגעברענט. בען בראס האט געהאפט עטליכע דארע צווייגען און האט זיי ארויפגעווארפען אויפ׳ן פייער. דאס פייער האט אנ־געהויבען צו ברענען העלער. מיר האבען שוין געקענט עפעס זעהן. מיר האבען אבער גאר ניט געזעהן.

דיא געשרייען, היילען און ברומען זיינען געקומען פון דיא דונקעלע צווי גען פון׳ם באאבאב בוים. מיר האבען זיי געהערט ארום אונז און איבער אונזערע קעפ מיר האבען ניט געקענט וויסען, ווער עס שרייט דארט, מיר האבען נור געוואוסט אז מען האט אונז ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

מיר האבען געחאפט אונזערע ביקסען און האבען זיי געהאלטען בערייט צום שיעסען, אבער אויף וועמען זאלען מיר שיעסען? וואוהין זאלען מיר שיעסען? — מיר זיינען דאהער געבליעבען שטעהן אויף אונזער ארט און האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן און וויא מיר זאלען זיך וועהרן געגען אונזערע פיינד, וועלכע מיר האבען ניט געזעהן און האבען ניט געוואוסט, וואו זיי זיינען.

דאס האט אבער געדויערט גאר ניט לאנג. באלד האבען מיר דערזעהן פייערדיגע פונקטען צווישען דיא געדיכטע צווייגען פון׳ם באאבאב בוים. דיעזע פונקטען האבען אויסגעוויעזען, וויא ברענענדיגע ליכט. זיי זיינען אבער ניט גע־שטאנען אויף איין ארט. זיי האבען זיך בעוועגט. זיי זיינען אומגעשפרונגען פון איין ארט צום אנדערן. זיי האבען אויך ניט געברענט וויא א ליכט מיט א העלער רויטליכער פלאם, זאנדערן זיי האבען אויסגעוויעזען העל גרינליך.

— דאס זיינען אויגען! — האב איך אויסגערופען.

— דוא האסט רעכט, ביללי! דאס זיינען אויגען פון ווילדע טהיערע. ווען ווילדע טהיערע זיינען הונגעריג אדער שטארק גערייצט, לייכטען זייערע אויגען מיט א גרינליכעם פייער: אזוי לייכטען דיא אויגען פון א הונגעריגען וואלף און אזוי לייכ־טען דיא אויגען פון א גערייצטען טיגער.

— אלזא, דענקט איהר, אז דאס זיינען וועלף?

— ניין, ביללי, אין אפריקא זיינען ניטא קיין וועלף. אין אפריקא זיינען דא

שאקאלס, זיי האבען אבער מורא פאר א מענשען און אנטלויפען, ווען זיי דערזעהן איהם.

— וואס דען פאר ווילדע טהיערע זאל עס זיין?

— איך ווייס ניט, — האט בען געענטפערט קורץ.

מיר האבען געזעהן, אז דיא פייערינע אויגען זיינען צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צו אונז. מיר האבען געציטערט, ווען מיר האבען זיך ארומגעקוקט און האבען דערזעהן, אז דיזע אויגען האבען אונז ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און האבען געבילדעט ארום אונז א סארט קיים.

נעהנטער און נעהנטער זיינען דיא ווילדע טהיערע צוגעקומען צו אונז. ענגער און ענגער האט זיך געשלאסען דער רינג אדער דיא קייט ארום אונז. באלד האבען מיר דערזעהן, וואס פאר א פיינד עס איז אויף אונז אנגעפאלען.

— באבונים! — האט אויסגערופען בען בראס.

איך האב געוואוסט, וואס א באבון איז. דאס איז א גרויסער און ווילדער אף (אבעזיאנא, מאנקי). דאס איז איינער פון דיא ווילדעסטע און שרעקליכסטע אפען אין דער וועלט. איך בין אמאל געווען אין א מענאזשערי און האב געזעהן א פאר באבונס אין אן אייזערנע שטייג. איך האב מיך דערמאנט, אז דער וועכטער האט אונז געווארנט, מיר זאלען ניט צוגעהן נאהענט צום באבון, ווייל ער קען זיך קיין מאל ניט צוגעוועהנען צו א מענשען. ער בלייבט שטענדיג ווילד און בייז.

ווען א באבון אין אן אייזערנער שטייג איז אזוי געפעהרליך, קען מען זיך לייכט דענקען, וויא ווילד און געפעהליך דיעזער באבון איז אין ווילדען וואלד. דערצו נאך האבען מיר געהאט פאר זיך ניט איין באבון, זאנדערן הונדערטער פון זיי און יעדער האט געשריען, געברומט, געקוויטשעט, געמיאאוקעט און געלארמט, אז מען האט געקענט פערטויבט ווערן.

איך שעהם מיך ניט אויס צו זאגען, אז מיר האבען זיך פיעל מעהר דער־שראקען, ווען מיר האבען דערזעהן דיא באבונס, אלס היינט ביי טאג, ווען מיר האבען דערזעהן דעם לייב. ערשטענס, איז דאס אלץ געווען ביי טאג. מיר האף בען געקענט זעהן אונזער פיינד. מיר האבען געקענט זיך היטען פאר איהם. יעצט אבער איז געווען ביי נאכט, אין דער פינצטער, ווען מיר האבען קוים געקענט זעהן אונזער פיינד. צווייטענס, האבען מיר דאמאלס געהאט פאר זיך נור איין פיינד, און יעצט האבען מיר פאר זיך א גאנצע באנדע, מיר ווייסען אליין ניט וויאפיעל. אויסער דעם איז געגען א לייב פיעל לייכטער זיך צו שטעלען אלס געגען א באבון. א לייב איז וועניגסטענס אנ׳עדעלער פיינד, ער פאלט אן וויא א העלד, א באבון אבער, אנ׳אף, קען אויף אייך אנפאלען פון אלע זייטען, פון אויבען און פון אונטען. ער פערוויקעלט זיין עק ארום א צווייג, חאפט אייך אן ביים קאפ און רייסט, בייסט און צופט מיט זיינע שארפע נעגעל.

ווא‍לטען עס געווען נור עטליכע, וואלטען מיר זיך געסענט שטעלען געגען

זיי. מיר וואָלטען זיך געקענט וועהרען געגען זיי מיט אונזערע מעסערס, מיט אונזערע ביקסען אדער זאָגאר מיט שטיקער האָלץ. אבער געגען אזא באנדע, גע־גען הונדערטע פון זיי האבען מיר גאָר ניט געקענט טאָהן.

מיר האבען באַלד פערשטאַנען, אז אויפ'ן באָאבאָאב בוים האבען געוואוינט א גאנצעס פאָלק אדער א גאנצער שטאַם (שבט) פון דיעזע ווילדע טהיערע. ביי טאָג זיינען זיי ארומגעלאָפען אין וואלד, ביי נאכט זיינען זיי געקומען אהיים און האבען דערזעהן, אז עס זיינען געקומען אונגעבעטענע געסט אין זייער לאנד. זיי האבען אנפאנגס זיך דערשראָקען, דאן האבען זיי זיך ענטשלאָסען אנצופאלען אויף אונז און אונז ווייזען, אז זיי ערלויבען קיינע פרעמדע אין זייער היים.

מיר האבען געזעהן גאנץ דייטליך, אז זיי מיינען שלעכטעס געגען אונז. זייערע געשרייען זיינען געווען אונערטרעגליך און זיי זיינען צוגעקומען צו אונז אלץ נעהנטער און נעהנטער. זיי האבען אנפאנגס גערעכענט, אז עס געפינען זיך עטליכע מענשען, דער פאר האבען זיי מורא געהאט. ווען זיי האבען אבער דער־זעהן, אז מיר זיינען נור צווייא, האָבען זיי געפאט מוטה און זיינען אויף אונז אָנ־געפאלען.

דאס מערקווירדיגע דערביי איז געווען, וואס זיי האבען געוויזען א געוויסען טאקט. זיי האבען זיך איינגעשלאָסען און זיינען געגאנגען גאנץ נאָהענט איינער צום אנדערן, וויא גוט אויסגעלערנטע סאלדאטען. מיר האבען געזעהן, וויא זיי הויבען אויף זייערע געלע קעפּ און יעדער קאָפּ האט אויפגעעפענט א מויל מיט צווייא גרויסע צעהנער, וויא ביי א ווילדען שוויין.

וואָס טוהט מען? וויא אזוי רעטעט מען זיך פון זייא? אנטלויפען איז גע־ווען אונמעגליך. וואוהין אנטלויפט מען ביי נאכט אין א ווילדען וואלד? אויסער דעם איז געווען געפעהרליך צו אנטלויפען, ווייל דיא גאנצע באנדע וואָלט אונז נאָכגעלאָפען. אזוי זיינען שוין דיא ווילדע טהירע: ווען זיי זעהן, אז מען אנטלויפט פון זיי ווערען זיי בייז און ווילד און לויפען נאָך, יאגען זיך נאָך און פאלען אָן נאָך גרימיגער.

ארויפקריעכען אויפ'ן בוים איז אויך אונמעגליך. געגען א לייב קען מען זיך שיצען אויף א בוים, ווייל א לייב קען ניט קלעטערן אויף בוימער, א באבון אבער לעבט אויף בוימער און קלעטערט אויף בוימער פלינקער פון א קאץ. זיי וועלען אונז אניאגען אויף דיא צווייגען פון דיא בוימער און וועלען אונז צורייסען אויף שטיקער.

אלזאָ, וואס טהוט מען? וויא אזוי רעטעט מען זיך פון דיעזען ווילדען, בייזען, בייזען, גרימיגען און אָבשייליכען פיינד? מיר האבען געזעהן מיט שרעק און ציטערן, וויא זיי זיינען צוגעקומען אלץ נעהענטער און נעהנטער, זייערע געשרייען זיינען געווארען העכער, שטארקער, ווילדער און אונערטרעגליכער. עס איז געווען דייטליך, אז זיי ווילען אונז איבערשרעקען מיט זייערע ווילדע געשרייען. איך ווייס, אז ווען דיא ווילדע פעלקער אין אמעריקא פאלען אָן אויף זייערע פיינד מאכען

זיי אזא ליארם און שרייען אזוי הויך, וויא דיא באבונס האבען יעצט געשריען אויף אונז.

פאר וואס אבער זיינען זיי אויף אונז שוין נים אנגעפאלען? פאר וואס זיינען זיי נאך אלץ געווען אזוי פארזיכטיג און זיינען נאך אלץ געשטאנען פון דער וויימענס? דאס האב איך נים געקענט פערשטעהן.

בען בראס האט אבער יא פערשטאנען דיא אורזאכע, פאר וואס דיא באַבונס האבען נאך מורא פאר אונז. זיי האבען מורא געהאט פארן פייער. דאס פייער איז געווען א נייעס פאר זיי. זיי האבען נאך נים געוואוסט, וואס פאר א סארט פיינד דאס איז און האבען מורא געהאט צו צוגעהן צו איהם. עס איז זעהר מעגליך, אז דיעזע באבונ׳ס האבען נאך אין זייער לעבען נים געזעהן קיין פייער און האבען גאר נים געוואוסט, וואס דאס איז.

— קום נעהנטער צום פייער, ביללי! האט בען בראס אויסגערופען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אנגעבויגען צום פייער, האט געחאפט א ברענענדיג שטיק האלץ און האט אנגעהויבען צו דרעהן דערמיט אין דער לופט.

— טהו אויך אזוי, בילי, האט ער מיר געזאגט.

איך האב אויך געחאפט א ברענענדיג שטיק האלץ און האב אויך אנגעהויבען צו דרעהן דערמיט אין דערהויך. עס זיינען זיך צופלויגען פונקען אין אלע זייטען.

דאס האט געווירקט. דיא באבונס האבען זיך דערשראקען און האבען אפגעטרעטען אויף עטליכע טריט, זיי זיינען אבער נים אנטלאפען שטארק ווייט. קוים האבען מיר אויפגעהערט צו דרעהן מיט דיא ברענענדיגע שטיקער האלץ, האבען זייא אנגעהויבען צו צוקומען נעהנטער צו אונז.

מיר האבען פראבירט עטליכע מאל זיך צו וועהרען מיט דיא ברענענדע שטיקער האלץ, עס האט אונז אבער ווייניג געהאלפען. זא לאנג מיר פלעגען האלטען דאס שטיק האלץ אין דיא הענד, פלעגען דיא באבונס שטעהן פון דער וויימענס; קוים אבער האבען מיר זיי אוועקגעווארפען, האבען דיא באבונס אנגעהויבען צו צוקומען נעהנטער צו אונז.

באלד האבען דיא באבונס זיך איבערצייגט, אז מיר דראהען (סטראשען) זיי נור און קענען זיי גאר נים טאהן. זיי זיינען געווארען בייזער, גרימיגער און פרעכער. זיי האבען זאגאר אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז מיר האבען מורא פאר זיי און ווילען אנטלויפען. זיי זיינען ענדליך געווארען אזוי פרעך, אז אפאר פון זיי האבען אויסגעשטעלט זייערע לאנגע, חזיר׳שע מיילער גאנץ נאהענט צו אונז.

— שלעכט, בילי! האט בען בראס אויסגערופען. זיי האבען פאר אונז קיין מורא נים. מיר מוזען זיי ווייזען, אז מיר קענען זיי עפעס טאהן. זיי זיינען שוין צו גרויסע עזות פנימער. מיר מוזען שיעסען אויף זיי. לאזען זיי וויסען, אז זיי דארפען האבען רעספעקט פאר א מענשען!

אונזערע ביקסען זיינען געווען אנגעלאדען. מיר האבען נים געשאסען, וויל

צו ערשט האבען מיר ניט געוואוסט, וואוהין צו שיעסען און שפּעטער זיינען מיר געווען אזוי איבערראשט, אז מיר האבען אכיין ניט געוואוסט, וואס צו טאָהן. אויסער דעם וואס וואָלט עס געהאָלפען, ווען מיר וואָלטען גע־טייטעט איינעם אדער צוויא באבונ'ס, ווען ארום אונז האבען זיך פערזאמעלט הונדערטע?

יעצט אבער האט בען בראס זיך ענטשלאָסען צו שיעסען. ער האט געציעלט אויף איינעם פון דיא גרעסטע און ווילדעסטע באבונס, וועלכער איז געשטאנען נעהנטער צו אונז, און האט אויסגעשאסען. דער באבון איז אויפגעשפּרונגען אין דערהויך און איז אראָפּגעפאלען טויט.

זיינע קאָמעראַרען האבען ארויסגעלאָזען א שרעקליכעם געשריי און האבען זיך פערזאמעלט ארום דעם טויטען. איך האב אויך אויגעשאָסען מיין ביקס און האב געטראָפען איינעם אין א פוס. מיר האבען גערעכענט, אז דיא שרעק־ליכע אפען וועלען זיך דערשרעקען פאר אונזערע ביקסען און וועלען זיך צולויפען.

צו אונזער גרעסטען ערשטוינען, האבען מיר דערזעהן, אז מיר האבען זיי נאך מעהר צורייצט דער מיט, וואס מיר האבען געטויטעט איינעם פון זיי און האבען פערוואונדעט דעם צווייטען. ערשט יעצט זיינען זיי געוואָרען רעכט ווילד. זיי האבען געלאָזען ליעגען זייער טויטען קאמראד און האבען ערשט יעצט אנגע־הויבען אנצופאלען אויף אונז מיט אזא כעס און מיט אזא רציחה, אז מיר האבען א ציטער געטאהן און זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט.

דאס האט אבער געדויערט ניט לאנג. איינער פון דיא באבונס האט שוין אנגעחאפט בען בראס ביי דיא קליידער. בען האט איהם א זעץ געטאָהן איבערן מויל מיט זיין ביקס. איך האב געחאפּט א שטיק ברענענדעס האלץ און האב זיך אָפּגעוועהרט געגען א פאר באבונס, וועלכע זיינען צוגעקומען נעהנטער צו מיר.

אויף א מינוט זיינען דיא באבונס אָפּגעטרעטען פון אונז, אָבער נור אום באלד ווידער אָנצופאלען אויף אונז מיט מעהר כעס און מיט מעהר וואוטה (רציחה). מיר זיינען געווען פערלאָרען. מיר האבען זאָגאר קיין צייט ניט געהאט ווידער אנצולאדען אונזערע ביקסען. מיר האבען זיי געמוזט האלטען אין דיא הענד און זיך פערטהיידיגען מיט זיי, גלייך וויא זיי וואלטען געווען שטיקער האלץ.

אונזער לאגע איז געווען א פערצווייפעלטע. מיר האבען ניט געזעהן פאר אונז קיין אויסוועג און קיינע רעטונג. וויא לאנג האבען מיר דען געקענט זיך אזוי פערטהיידיגען? וויא לאנג האבען מיר דען געקענט אויסהאלטען געגען אזא ווילדע באנדע, וועלכע איז געוואָרען מיט יעדער מינוט בייזער, ווילדער און פרעכער?

אלזא, וואס טהוט מען? וויא רעטעט מען זיך?

אין אונזער גרעסטער נויט האבען אונזער אויגען געזוכט אן אָרט, וואו מיר זאָלען קענען זיך שיצען אדער וועניגסטענס זיך דעקען דעם רוקען, מיר זאלען ווע־ניגסטענס זיין פון איין זייט, פון הינטען, געשיצט געגען דיא באבונס, פון פארנט וואלטען מיר זיך שוין פערטהיידיגט, וויא מיר וואלטען געקענט.

פלוצלונג האט בען בראַם אויסגערופען:

— צום בוים! צום אויסגעהילטען בוים! דארט, וואו די אויסגעטריי קענטע קעניגע ליעגען!

21-טעם קאפיטעל.

דאס פעל פון"ם לייב.

מיר האבען צוואר ווידער פערמאַכט דעם אויסגעהילטען בוים מיט דעם שטיק רינדע (קאָרע), מיר האבען זיא אבער ניט בעפעסטיגט און האבען זיך ניט געגעבען די מיה עס צו צו פאַסען און עס צו בעפעסטיגען, וויא עס איז פריהער געווען. מיר האבען זיך דאַמאלס זעהר וועניג געקימערט וועגען די טויטע קעניגע.

יעצט איז עס אונז צוניץ געקומען. בען בראַם איז געקומען אין קאָפּ א גוטער געדאַנק. פאר וואס זאלען מיר ניט זוכען שוץ אין צימער פון די טויטע קעניגע? דארט זיינען מיר דאך געדעקט פון דרייא זייטען און מיר האבען צו פערטהיידיגען נור איין טהיר אדער איין פענסטער.

מיר זיינען צוגעלאָפען צום בוים, וויא א האָז, וועלכער אנטלויפט פון די הינט, וועלכע יאָגען זיך נאָך איהם. מיר האבען אויפגעריסען דאס שטיק קאָרע, וועלכעס האט געדיענט אלס טהיר צו דעם בעגרעבניס פון די קעניגע און זיינען פערשוואונדען געווארען אין אויסגעהוילטען בוים. מיר האבען געגלויבט, אז מיר זיינען זיכער, אָבער מיר האבען עס געגלויבט נור אויף א גאַנץ קורצע צייט.

צוערשט זיינען די געריצטע אפען געווען זעהר ערשטוינט. זיי האבען גאר נים געקענט פערשטעהן, וואוהין מיר זיינען עס אזוי פלוצלונג פערשוואונדען געווארען. זיי זיינען געווען איבערראַשט, אָבער ניט דערשראָקען. זיי זיינען אונז נאכגעלאָפען, זיי האבען אבער מורא געהאט נאכצושפרינגען נאָך אונז אין דעם אויסגעהוילטען בוים. זיי זיינען געבליעבען שטעהן פאר דער טהיר און האבען אנגעהויבען צו שרייען און צו ברומען נאָך העכער און נאָך שרעקליכער.

איינינע מינוט האבען זיי זיך בעגניגט מיט ברומען, שרייען און ליארמען, באַלד אבער האבען זיי אנגעהויבען צו צוקומען גאַנץ נאָהענט צו דער עפנונג פון'ם בוים און איינינע פון זיי האבען זאָגאר אָנגעהויבען אריינצושטעקען זייערע לאַנגע הענד אין אויסגעהוילטען בוים. פיעלע פון אונזערע לעזער האבען געוויס בעמערקט, אז אנ'אף (אָבעזיאַנא, מאַנקי) האט פיער הענד אנשטאט פיער פיס.

מיר וואלטען געדאַרפט פערמאַכען די טיהר מיט דעם זעלבען שטיק קאָרע, דאַן וואָלטען מיר פיעלייכט געווען זיכער. מיר האבען אבער קיין צייט ניט געהאט עס צו טאָהן. דאס שטיק קאָרע איז געלעגען אויף דער ערד פאר אונזערע אויגען און מיר האבען ניט געקענט ארויסגעהן עס אויפהויבען. די באַבונס זיינען צוגעקומען נעהנטער און נעהנטער. די עלטסטע איז שטארקסטע פון זיי

האבען זיך צונויפגעדרענגט ארום דעם אריינגאנג אין אויסגעהוילטען בוים, און האבען זיך געדרענגט צו אונז.

יעצט זיינען מיר וועניגסטענס געווען געדעקט פון הינטען. מיר האבען גע־האט זיך צו פערטהיידיגען נור פון פאָרנט. מיר האבען געהאלטען אונזערע ביק־סען אין דיא הענד און האבען גערעכענט זיך מיט זיי צו פערטהיידיגען, וויא מיר וועלען קענען. פאר נויט וועלען מיר זיך קענען פערטהיידיגען מיט אונזערע מע סער.

ערשט יעצט האט זיך דיא גאנצע באנדע פערזאמלט ארום אונז. פיעלע יונגע באַבונס, וועלכע זיינען ביז אהער געזעסען אויפ'ן בוים, זיינען יעצט אראָפּ־געשפּרונגען און זיינען צוגעלאָפען צו דיא עלטערע. איך קען ניט זאָגען, אז אלע אַפען, וועלכע האבען אונז בעלאגערט, זיינען געווען באַבונ'ס, עס איז זעהר מעג־ליך, אז צווישען זיי זיינען געווען גאנץ אנדערע סאָרטען. איך ווייס נור, אז אלע זיינען געווען שרעקליך ווילד, אלע האבען געשפּרונגען, געברומט און זיך געריסען צו אונז.

עס האבען זיך געפונען צווישען זיי אייניגע בעהערצטע, וועלכע האבען אנ־געהויבען אריינצושטעקען זייערע לאַנגע שנויצען צו אונז. בען בראס און איך האבען זיי טראַקטירט מיט דיא אייזענס פון אונזערע ביקסען. יעדער, וועלכען מיר האָבען א זעץ געטאָהן פלעגט אַפּשפּרינגען, פלעגט ארויסלאָזען א שרעקליך ווילדעס געשריי און פלעגט צוריק קומען מיט נאָך עטליכע. זיי זיינען געוואָרען אזוי פרעך, אז זיי האָבען אָנגעהויבען אויסצושטרעקען זייערע לאַנגע הענד צו אונז. מיר פלעגען זיך אָפּוועהרען פון איינעם אדער פון צווייא און פינף אנדערע פלע־גען זוכען אונז אָנצוחאַפּען מיט זייערע שאַרפע נעגעל.

אונזער לאַגע איז געווען א פערצווייפעלטע. דאס פייער האט אָנגעהויבען אויסצוגעהן. עס איז געוואָרען דונקעלער און דונקעלער. מיר האָבען שוין ניט געקענט זעהן, וויא אזוי זיך צו פערטהיידיגען.

— מיר מוזען פערטרייבען דיא באַבונס מיט אונזערע ביקסען און אראָפּ־געהן געהמען דאס שטיק רינדע (קאָרע) אום זיך צו פערשטעלען פון זיי, האב איך געזאָגט.

— ניין, בילי, מיר קענען עס ניט טאָהן, האט בען בראס געענטפערט. דיא באַבונס זיינען יעצט שטארק צורייצט. קוים געהן מיר ארויס אויף איין מינוט, וועלען זיי אונז צורייסען אויף שטיקער.

קוים האט ער ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, זיינען צוגעלאָפען א שטיק צעהן־פופצעהן צו דער עפענונג פון אונזער בוים און האבען מיט אמאל אריינגע־שטעקט זייערע לאַנגע הענר צו אונז.

אין דער גרעסטער נויט און פערצווייפלונג האט בען בראס געכאַפּט איינעם פון דיא טויטע קעניגע און האט איהם געהאלטען פאר זיך און פאר מיר, וויא א **שילד. דיא באַבונס האָבען איהם אנגעחאַפּט און האבען אָנגעהויבען צו רייסען**

Sky.

פון איהם שטיקער. בען בראס האט איהם צוגערוקט אלע מאל נעהנטער צו דער טיהר און ענדליך האט ער מיט איהם אין גאנצען פערשטעלט דעם לאך אין אויס־געהוילטען בוים.

אין דעם אזוי זגעהוילטען בוים איז יעצט געווארען פאלשטענדיג פינסטער. דער קערפער פון דעם טויטען קעניג האט יעצט פערשטעלט דיא איינציגע עפע־נונג, דעם איינציגען לאך דורך וועלכען מיר האבען נאך געקענט עפעס זעהן. דיא ווילדע באבונס האבען אבער ניט געשוויגען. זיי זיינען יעצט אנגעפאלען, וויא דיא הונגעריגע וועלף אויפ'ן ארימען טויטען קעניג און האבען איהם געריסען, געביסען און געצופט.

— נאך איינעם! האט געשריען צו מיר בען בראס, גיב מיר נאך איינעם, בילי!

איך האב איזם דערלאנגט נאך איינעם פון דיא טויטע, איינגעדארטע און פערטריקענטע קערפער. בען האט איהם צוגעשטעלט צום ערשטען און האט מיט איהם אזוי פע־שטעלט דיא עפענונג אין אויסגעהוילטען בוים, אז ער האט עס אין גאנצען פער־שטעלט. דאן האט ער איהם אונטערגעשפארט מיט זיין ביקס און האט אויפגעאטהעמט אביסעל פרייער.

— דערווייל זיינען מיר אביסעל געשיצט, האט בען בראס געזאגט צו מיר, ביז דיא בעסטיען וועלען צורייסען דיא טויטע קערפער, זיינען מיר זיכער.

— וואס וועט אבער ווייטער זיין? — האב איך געפרעגט, — דיא באבונס וועלען דאך ענדליך צורייסען און בייסען דיא טויטע קערפער, מיט וואס וועלען מיר זיך פערטהיידיגען?

— מיר דארפען זיי ניט צולאזען צו דעם אריינגאנג אין בוים, — האט בען בראס געענפערט. מיר מוזען זיי האלטען פון דערווייטענס.

— וויא אזוי אבער?

— דאס איז ניט שווער, קום נאר אהער. איך וועל דיר ווייזען, וואס צו טאהן.

בען האט גענומען זיין ביקס און האט זיא דורכגעשטעקט צווישען דיא צוויא טויטע קעניגע.

— טוה אויך אזוי, בילי, — האט ער מיר דאן געזאגט, — קוים וועלען דיא באבונס אנהויבען צו רייסען און צו בייסען דיא טהיר פון אונזער פעסטונג, וועלען מיר זיי שלאגען איבער דיא קעפ.

איך וויים ניט, אויב בען בראס פלאן, וויא מיר זאלען זיך פערטהיידיגען, וואלט אונז פיעל געהאלפען. איך וויים נור, אז מיר וואלטען זיך פערטהיידיגען, וויא וויית מיר וואלטען געקענט. צו אונזער גרעסטע ערשטוינען אבער האבען מיר בעמערקט, אז אונזערע פיינד האבען אפגעטרעטען פון אונזער פעסטונג.

אנפאנגס האבען מיר נור בעמערקט, אז זיי האבען אויפגעהערט צו רייסען און צו בייסען דיא טויטע. מיר האבען אביסעל צורוקטביידע טויטע און האבען

א קוק געטאהן אין דרויסען, מיר האבען אבער גאר ניט געזעהן. דאס פייער איז אין גאנצען פערלאָשען געווארען.

אין דעם הוילען בוים, וואו מיר זיינען געשטאנען, איז געוועזען פינסטער, וויא אין א גראב. אין דרויסען איז אויך געוועזען פינסטער, אז מיר האבען ניט געקענט זעהן אונזערע פיינד, מיר האבען אבער זיי געהערט. זיי האבען ניט אויפגעהערט צו שרייען, צו היילען און צו ליארמען.

— זיי וועלען שרייען, שרייען און זיך אוועקגעהן, — האב איך געזאגט.

— אך, ביללי! — האט בען בראס געענטפערט, — דוא קענסט ניט דעם ווילדען, בייזען און שרעקליכען כאראקטער פון דיא באבונס. זיי זיינען ראבע זיכטיג (נוקם ונוטר) און טרעטען ניט אפּ פון זייער פיינד, ביז זיי פערניכטען איהם. דער באבון איז דער ערגסטער און דער ווילדסטער פון אלע אפּען. ער איז גאנץ קלוג, וויא אלע אפּען און קוים רייצט מען איהם, ווערט ער שרעקליך. עס מאכט זיך א מאל, אז זיי פאלען אן אויף א פיינד, וויא אויף א באנדע אנ־טילאָפּען. עס געפינען זיך צווישען זיי איינינע, וואס האבען מורא פאר דיא הער־נער פון דיא אנטילאָפּען און ווילען ניט אויף זיי אנפאלען. דאן קומט דער על־טערער פון זיי, זייער אנפיהרער, און הייבט זיי אָן צו שלאָגען, צו קנייפּען און צו רייסען, אז זיי זאָלען זיך ניט שרעקען. עס קומט פאר דאס זעלבע, וויא אין א שלאכט ביי מענשען, ווען איינינע סאלדאטען ווילען ניט לויפען אין פייער און דער אפיציער מוז זיי טרייבען און מוז זיי שלאגען, אז זיי זאלען גיין געגען דעם פיינד.

— בען! — האב איך אויסגערופען, — איז עס וואהר? קען עס זיין? זיינען דיא באבונס אזוי קלוג, אז זיי פערשטעהן, אז מען דארף שלאָגען איינעם, ווען ער וויל עפּעס ניט טאהן?

— עס איז וואהר, ביללי. פיעלע נאטור פארשער האבען אויסשטודירט דעם כאראקטער פון דיא אפּען און האבען געפונען, אז זיי זיינען דיא קליגסטע טהיערע.

— אלזא, זייט איהר איבערצייגט, אז זיי וועלען אזוי גיך ניט אפּטרעטען פון דאנען?

— יא, ביללי, איך בין עס איבערצייגט, — האט בען געענטפערט. זיי האבען ניט פאר וואס צו אנטלויפען. זיי האבען דא גענוג שפּייז. זיי פרעסען מיט פערגעני־גען דיא פרוכט פון'ם באָאבאב. וואסער האבען זיי דא ניט וויים. זיי זיינען בייז אויף אונז דערפאר וואס מיר האבען געטויטעט איינעם פון זייערע קאמראדען און האבען פערוואונדעט עטליכע פון זיי.

— אלזא, וואס טהוט מען? וויא אזוי קענען מיר זיך רעטען פון זיי?

— דאס וויים איך דער וויל ניט. מיר מוזען ווארטען.

— אך, ווארטען! וויא לאנג קענען מיר דאָ ווארטען? — האב איך געזיפצט. איך זאל געוועזען וויסען, אז אין דיא וועלדער פון אפריקא איז עס אזוי געפעהרליך, וואלט איך בעסער געבליעבען אויפ'ן דעק פון דער „ראפינא" און וואלט גאר ניט געגאנגען אויף דער יאגד.

— הער נור, בילי, — האט בען בראַס מיך אונטערבראָכען, — זא לאַנג ריא באַבונס לאָזען אונז צו רוה, מעגסט דוא זיך לעגען שלאָפען. דוא קענסט אראָפּוואַרפען דיא טויטע קעניגע און זיך לעגען אויף זייער באַנק. ווען איך וועל דיך דאַרפען, וועל איך דיך אויפוועקען. וועל איך דיך ניט דאַרפען, וועל איך דיך לאָזען שלאָפען אַ פּאָר שטונדען און איך וועל האַלטען דיא וואַך. דאַן וועל איך דיך אויפוועקען, דוא וועסט דאַן האַלטען דיא וואַך און איך וועל אַביסעל שלאָפען.

וויא אונאַנגענעהם עס איז מיר געווען צו לעגען זיך אויף דער באַנק פון דיא טויטע קעניגע, האב איך עס דאָך געמוזט טאהן. איך בין געווען זעהר מיעד און האב מיך קוים געהאַלטען אויף דיא פיס.

איך האב געטאהן, וויא בען מיר געהייסען און האב מיך אַניעדערגעלעגט אויף דער באַנק. וויא מיעד איך בין געווען, האב איך אבער דאָך ניט געקענט אנטשלאָפען ווערן. איך האב מיך געקייקעלט, האב מיך אַניעדערגעזעצט, האב מיך אַנידערגעשטעלט און האב מיך צוריקגעלעגט. עס איז געווען אונמעגליך צו שלאָפען. אין אונזער זאַנדערבאַרעס בעהעלטעניש איז געוואָרען היים. דיא טהיר איז געווען פערשטעלט. מיר זיינען געווען, וויא איינגעשלאָסען. אויף מיין געזיכט האבען זיך געוויזען גרויסע טראָפּען שוויים.

איך בין צוגעלאָפען צו בען בראַס און האב איהם געבעטען, ער זאל עפּע־נען אַביסעל דיא טהיר און זאל אריינלאָזען פרישע לופט. איהם איז אויך געווען היים. ער האט ארויסגענומען פון דער טהיר איינעם פון דיא טויטע קעניגע און מיר האבען איינגעשלונגען דיא פרישע לופט.

אזוי איז פערגאַנגען איין שטונדע נאָך דער אַנדערער. דיא נאַכט איז פאַר־איבער. עס איז טאָג געוואָרען. מיר האבען גערעכענט, אז קוים וועט ווערען ליכטיג, וועלען זיך דיא באַבונס צולויפען. צו אונזער גרעסטעס ערשטוינען אבער האבען זיי זיך ניט גערירט פון אָרט. ערשט יעצט האבען מיר געקענט זעהן, וואס פאַר אַ באַנדע מיר האבען ארום אונז.

אייניגע זיינען געלעגען אויף דער ערד און האבען זיך אויסגערוהט, אַנדערע זיינען געשטאַנען ארום זייער טויטען קאַמעראַד און האבען שרעקליך געהיילט, גלייך וויא זיי וואָלטען איהם בעוויינט; וויעדער אַנדערע זיינען געשטאַנען ארום דיא פערוואונדעטע און האבען געלעקט זייערע וואונדען, גלייך וויא זיי האבען גע־וואָלט ערלייכטערן זייער שמערץ.

ווען איינער פון דיא פערוואונדעטע פלעגט אַנהייבען שטאַרק צו שרייען פון שמערץ, פלעגען אויפשפּרינגען עטליכע, פלעגען זיך צונויפנעהמען און פלעגען זיך אַ וואַרף טאהן צו אונז. מיר פלעגען מוזען זיך פערטהיידיגען, וויא מיר הא־בען געקענט אדער שטעלען פאַר אונז דעם קערפּער פון אַ טויטען קעניג אלס פאַנצער.

דיא זון איז אויפגעגאַנגען העכער און העכער. עס איז געוואָרען הייסער און הייסער. עס איז אויף אונז אַנגעפאַלען אַ נייער פיינד, ריכטיגער [illegible]

דער אלטער פיינד פון געסטערן—דער דורשט. מיר האבען אנגעהויבען צו פיהלען, אז מיר ווערן דורשטיג. וואס הייסער עס איז געווארען, אלץ שרעקליכער האט אונז געפלאגט דער דורשט.

— טרויעריג, בען, — האב איך געזאגט, — עס שטעהט שלעכט ארום אונז. וואס וועלען מיר טאהן, ווען דיא בעסטיען וועלען ניט אפטרעטען א גאנצען טאג? וועלען מיר דען קענען אויסהאלטען א גאנצען טאג אהן וואסער?

בען בראס האט ניט געענטפערט. וואס האט ער געקענט מיר ענטפערן? ער האט זעהר גוט געזעהן, אז דיא באבונס דענקען גאר ניט אוועקצוגעהן פון אונז ווען איינער פון זיי איז הונגעריג געווארען, איז ער אוועקגעגאנגען אויף איי־ניגע מינוט און איז באלד צוריק געקומען.

אום צוועלף האבען זיי אונז אונז געוויעזען אנ׳אנדער קונסטשטיק. אייניגע פון זיי זיינען ארויפגעקראכען אויפ׳ן באאבאב, האבען אנגעהויבען צו רייסען פריכ־טע און זיי אראפ צו ווארפען זייערע קאמעראדען. עס איז געווען דייטליך, אז מען האט אזוי אפגערעדט צווישען זיך, אז מען זאל האלטען א שטרענגע וואך פאר אונזער פעסטונג.

ווען איך זאל מיך ניט געפינען אין אזא זאנדערבארער לאגע, וואלט איך בעוואונדערט דעם פערשטאנד און דעם טאקט פון דיעזע ווילדע טהיערע. זיי הא־בען געפיהרט געגען אונז א רעגעל רעכטען קריעג.

ליידער האב איך דאמאלס געליטען צו פיעל פון הונגער און דורשט און האב א ציטער געטאהן יעדעס מאל, ווען איך האב דערזעהן א נייעם אויפטאהן. א נייעם שכל פון דיא ווילדע בעסטיען.

אזוי איז פערגאנגען דיא צייט. מיר האבען שרעקליך געליטען פון הונגער און דורשט.

— מיר וועלען מוזען ארויסקריעכען פון אונזער בעהעלטעניש און פראבירען אנטלויפען, האט ענדליך בען בראס געזאגט. דיא אפען קענען ניט שנעל לויפען אויף א פרייען פעלד. זיי לויפען שנעל נור אויף בוימער, וואו זיי קענען זיך אנ־האפען אן דיא צווייגען און שפרינגען פון איין בוים צום אנדערן. אויף אזא ארט קען א באבון אדער אנ׳אנדער אף דורכלויפען דרייסיג־פערציג מייל און נאך ניט מיעד ווערן. ווען עס קומט איהם אבער אויס צו געהן אויף א פרייעם פעלד, געהט ער זעהר לאנגזאם. עס איז איהם זעהר שווער צו לויפען אויף זיינע פיער הענד.

איך בין געווען איינפערשטאנען. איך האב זעהר גוט געוואוסט, אז זיי וועלען אונז נאכלויפען און וועלען זיך שטעלען געגען אונז. איך בין אבער געווען ענטשלאסען בעסער צו קעמפפען און צו ראנגלען זיך מיט דיא באבונס, אלס צו ליעגען פערשפארט אין אונזער ענגען צימעריל.

צו אונזער שרעק אבער האבען מיר בעמערקט, אז דיא באבונס שווייגען אויך ניט. זיי טראכטען אויך, וויא אזוי אונז בייצוקומען. זיי מאכען אויך פלא־נען, וויא אזוי אנצופאלען אויף אונז. עס איז געווען דייטליך, אז עס איז זיי אויך

לאנגווייליג געוואָרען צו ווארטען, ביז מיר וועלען זיך אונטערגעבען און זיי דענקען עפּעס צו טאָהן, אום אונז צו צווינגען ארויסצוקריעכען פון אונזער פעסטונג.

מיר האָבען געזעהן, וויא צוואנציג־דרייסיג שטיק פערזאמלען זיך, ברומען, שרייען און ליארמען. פּלוצלונג טהיילען זיך אפּ פינף־זעקס אדער צעהן פון זיי און פאלען אָן אויף אונז מיט א שרעקליכער וואוטה. מיר האבען געמוזט זיך פערטהיידיגען מיט אונזערע ביקסען אדער פערשטעלען דיא עפענונג פון'ם אויסגעהוילטען בוים מיט דיא קערפּער פון דיא טויטע קעניגע.

ליידער, האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז אויך דיעזער שוץ וועט ניט לאנג אויסהאלטען. איינער פון דיא טויטע קעניגע איז שוין געוועז אזוי צוריסען, אז ער האט אונז שוין מעהר ניט געקענט שיצען. מיר האבען געמוזט איהם אוועקווארפען און נעהמען אנ'אנדערן. באלד האבען דיא נערייצטע באבונס אָנגעהויבען צו רייסען און צו בייסען דעם צווייטען.

עס איז געוואָרען שפּעט, דיא זון איז שוין געשטאנען גאנץ ניעדעריג. מיר זיינען געוועזען שרעקליך הונגעריג און דורשטיג. דיא באבונס אבער האבען זיך אלץ ניט גערירהט פון'ם אָרט. פון צייט צו צייט פלעגט עס זיי פערדריסען, וואס מיר ווילען זיך ניט אונטערגעבען און זיי פלעגען אויף אונז אָנפאלען.

מיר האבען שוין לענגער ניט געקענט אויסהאלטען. מיר האָבען געמוזט עפּעס טאָהן אום זיך צו רעטטען. מיר האבען געפיהלט, אז מיר וועלען אלענפאלס ניט אויסהאלטען דיא נאכט. איך בין גאָר געוועזען פערצווייפעלט און האב מיך ענטשלאָסען צו לאזען זיך אויף גאָטס בעראה, בען בראס אבער האט נאָך עפּעס געטראכט.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען. א נייער געדאנק איז איהם געקומען אין קאָפּ. ער האט אנגעהויבען עפּעס צו טאפּען און עפּעס צו זוכען אין אויסגעהוילטען בוים.

— וואס זאל ער זוכען? — האב איך מיך אליין געפרעגט. — ער האט שוין דאכט זיך, גענוג געזוכט אין דיעזען אָרט און האט גאר ניט געפונען. אלזאָ, וואס נאָך זוכט ער?

— הער נור, ביללי! — האט ער פּלוצלונג אויסגערופען, — מיר דאכט, אז עס וועט מיר געלינגען איבערצושרעקען דיעזע בעסטיען. איך מוז עס פּראבירען.

— וואס מיינט איהר, בען? — האב איך געפרעגט.

— דוא וועסט באלד זעהן.—וואו איז דאס פעל פונ'ם לייב?

אין דעם פעל פונ'ם לייב האב איך אין גאנצען פערגעסען, זייט דיא באבונס זיינען אויף אונז אנגעפאלען. איך האב גאר ניט געוואוסט, וואו עס איז אהינגעקומען. בען בראס איז אבער געוועזען פראקטישער פון מיר. ווען מיר האבען זיך געלייגט שלאפען נעכטען ביי נאכט, האט בען בראס זיך איינגעוויקעלט אין דעם פעל, וויא אין א קאלדרע. ווען מיר האבען זיך אויפגעכאפּט ביי נאכט, האט בען בראס געטראָגען אויף זיך דיא פעל מיט דיא האר צום קערפּער.

ווען מיר זיינען אריינגעלאָפען אין אויסגעהוילטען בוים, האט ער עס מיטגענומען מיט זיך. דאן האט ער עס ערגעץ אוועקגעוואָרפען. יעצט האט ער עס געזוכט.

— צו וואס דאַרפסט איהר עס? האָב איך איהם געפרעגט.

— העלף מיר עס אויסזוכען, איך דאַרף עס האָבען.

מיר האָבען עס באַלד געפונען. בען בראס האט אָנגעהויבען אָנצוטאָהן דאָס פעל פון'ם לייב.

— העלף מיר, בילי, האט ער געזאָגט. ציעה זיא אויס! אזוי! בינד צו דיא פיס צו מיינע הענד.

איך האָב איהם געהאָלפען זיך אנטאָהן אין דעם פעל פון'ם לייב. אין איי־נינע מינוט איז בען בראס געווען בעדעקט און איינגעהילט אין פעל פון'ם לייב. איך האָב צוגעבונדען דיא לאַפּעס פון'ם לייב צו בען'ס הענד און האָב בעדעקט בען'ס קאָפּ מיט דעם פעל פון'ם קאָפּ פון א לייב.

— עס איז שוין דונקעל, האט בען געזאָגט. איך וועל פּראָבירען ארויס־געהן און וועל אביסעל צוברומען. איך ווייס, אז דיא באַבונס ציטערן פאַר א לייב. פיליייכט וועלען זיי זיך דערשרעקען פאַר מיר און וועלען אנטלויפען. דוא, בילי, האַלט ביידע ביקסען פערטיג. ווען דיא באַבונס וועלען זיך דערשרעקען פאַר מיר און וועלען אנטלויפען, זאָלסט דוא באַלד מיר נאָכגעהן. וועלען זיי זיך אבער ניט דערשרעקען, זאָלסט דוא זיין בערייט מיר צו העלפען.

— איך האָב מורא, פיליייכט....

— דוא האָסט ניט, וואס מורא צו האָבען, האט בען אויסגערופען, ערגער קען שוין ניט זיין. מיר מוזען פּראָבירען. איך ווייס, אז אלע ווילדע טהיערע האָ־בען מורא פאַר א לייב און אנטלויפען, ווען זיי דערזעהן איהם. פיליייכט וועלען דיא באַבונס זיך דערשרעקען, ווען זיי וועלען דערזעהן א פאַלשען לייב.

איך האָב געמוזט נאָכגעבען. וואס דען האָב איך געזאָלט טאָהן? אלענ־פאַלס זיינען מיר געווען אין דער גרעסטער געפאַהר. פאַר וואס זאָלען מיר ניט פּראָבירען דאָס לעצטע מיטעל, וואס איז אונז נאָך געבליבען?

ענדליך האט זיך דאָס מאַסקירען געענדיגט. בען בראס האט אויסגעוויזען וויא א לייב און איך מוז זאָגען דיא וואָרהייט, ער האט געשפּילט זיין ראָליע גאָר ניט שלעכט. פון דער ווייטען האט ער אויסגעוויזען וויא א גאַנץ אנשטענדיגער לייב. איך קען אייך ניט זאָגען, אויב א וואָהרער לייב וואָלט איהם ניט דערקענט, אַנ'אַנדערעס טהיערע אבער וואָלט געקענט א טעות האָבען און מיינען, אז עס איז ווירקליך א לייב. בעזאָנדערס פאַר נאַכט, ווען עס האט שוין אנגעהויבען צו ווערען פינסטער.

דער נייער לייב איז לאַנגזאַם ארויסגעקראָכען פון'ם אויסגעהוילטען בוים און האט זיך אניעדערגעשטעלט פאַר איהם. דערביי האט ער אנגעהויבען צו שאָקלען מיט'ן קאָפּ און צו ברומען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז א קינד קען דערקענען, אז ניט אזוי ברומט אַנ'עכטער לייב. עס האט אבער גאָר ניט גע־האָלפען. בען בראס האט געברומט, וויא ער האט געקענט.

שטעלט אייך אבער פאר אונזער איבערראשונג. קוים האבען דיא באבונס דערזעהן דעם לייב, זיינען זיי זיך צולאָפען אין אלע זייטען מיט שרעקליכע געשרייען און גוואלדען. אין איינינע מינוט איז דער פלאץ ארום בוים געווארען לעדיג און איך האב געהערט, וויא דער נייער צווייא פיסיגער לייב האט ארויסגעלאזען א געלעכטער.

יעצט בין איך אויך ארויסגעשפרונגען פונ'ם אויסגעהוילטען בוים.

— שנעלער, ביללי! לאָמיר אנטלויפען,—האט צו מיר געזאָגט דער לייב,— דיא באבונס קענען נאך דערקענען, אז מען האט זיי אפגענארט, דאן זיינען מיר פערלאָרען.

22-טעם קאפיטעל.

ווידער אויפ'ן שיף.

איהר קענט אייך לייכט פאָרשטעלען, אז מיר זיינען ניט געבליעבען שטעהן אויף איין אָרט. בען בראס איז געקראָכען אויף אלע פיער און האט געפיעלט דיא ראללע פון א לייב. איך בין איהם נאכגעגאנגען מיט אונזערע ביקסען אין דיא הענד. אזוי זיינען מיר צוגעקומען צום וואסער. דא האט בען בראס אראָפּגעווארפען פון זיך זיין מאסקע.

— לאָמיר אריבער שווימען דעם טייך, — האט ער געזאגט צו מיר.

מיר האבען זיך ביידע אריינגעווארפען אין וואסער און זיינען אריבער געשוואומען דעם טייך. מיר האבען פערגעסען, אז אין טייך קען זיך געפינען אנ' אנדער געפאר—א קראָקאָדיל.

צום גליק פאר אונז, האבען מיר קיין אנדערע געפאהר ניט בעגעגענט. קוים זיינען מיר געווען פון יענער זייט טייך, האבען מיר אויפגעאטהעמט פרייער. יעצט זיינען מיר וועניגסטענס דער ווייל געווען זיכער.

עס איז נאך ניט געווען שטארק פינסטער. מיר האבען נאך געקענט זעהן וואו צו געהן און מיר זיינען געגאנגען. וואוהין אבער? וואוהין זיינען מיר געגאנגען אין ווילדען וואלד?— בען בראס האט עס מיר ערקלערט.

— דער טייך פליעסט געוויס אין מעער, — האט ער מיר געזאָגט, — ווען מיר זאלען געהן ביי דיא ברעגעס פון טייך אראָפּ וואסער, וועלען מיר געוויס צו קומען צום מעער, דארט וועלען מיר שוין זעהן, וואס מיר האבען צו טאָהן.

מיר זיינען אזוי אוועקגעגאנגען איינינע צייט. עס איז געווארען שטארק פינסטער. ווייטער האבען מיר שוין ניט געקענט געהן. מיר האבען געמוזט זיך אפשטעלען אויף נאכט לאגער. מיר האבען אויסגעזוכט א פאסענדען אָרט, וואו מיר זאלען איבערנעכטיגען, האבען צו לענט א פייער און האבען זיך אניעדער געזעצט לעבען איהם.

וואסער האבען מיר געהאט גענוג, מיט וואסער אבער קען מען ניט לעבען. מיר האבען ניט גענעסען זייט פיער-און-צוואנציג שטונדען און מיר זיינען געווען

שרעקליך הונגעריג. מיר האבען מורא געהאט זיך צו ריהרען פון ארט. מיר האַ־בען זיך שוין גוט איבערצייגט, אז ארומשפאציערען אין דיא וועלדער פון אפריקא איז קיין גרויסעס פערגעניגען. מיר האבען שוין געזעהן, אז אין דיא וועלדער פון אפריקא געפינען זיך טהיערע, וועלכע זיינען שטארקער פון'ם מענשען און ניט פיעל נאררישער פון'ם מענשען.

מיר האבען מורא געהאט צו געהן ביי נאכט זוכען עפּעס עסען. מיר האַ־בען מורא געהאט זיך צו ריהרען פון ארט.

— לעג זיך שלאָפען, ביללי, און איך וועל האלטען פאר דיר דיא וואך, — האט בען בראס געזאגט, — דיעזע נאכט מוזען מיר צו ברענגען הונגעריגערהייט. מארגען פריה וועלען מיר שוין זוכען עפּעס עסען.

איך האב איהם געפאלגט און בין באלד אנטשלאפען געווארען. געגען האלבע נאכט האט מיך בען אויפגעוועקט. ער האט זיך צוגעלעגט און איך האב געהאלטען דיא וואך.

גאנץ פריה זיינען מיר געווארען אזוי הונגעריג, אז מיר האבען עס ניט גע־קענט אויסהאלטען. מיר זיינען אויפגעשטאנען און האבען זיך געלאזט געהן אין ווילדען וואלד. יעצט זיינען מיר געגאנגען גלייך מיט'ן טייך אראפּוואסער. מיר זיינען געוועזן זיכער, אז מיר וועלען יעצט ערגעץ צוקומען.

געגען צעהן אוהר האָבען מיר דערזעהן עטליכע אנטילאָפּעס זיך שפּיעלען אין הויכען גראָז. בען בראס האט זיך געציעלט, האָט אויסגעשאָסען און האָט געטראָפען א יונגע אנטילאָפּע. מיר זיינען צוגעלאָפען צו דער טויטער אנטילאָפּע וויא דיא הונגעריגע וועלף. מיר האבען קיין צייט געהאט צו מאכען א פייער און אפּבראָטען איהר פלייש. מיר האָבען אויסגעשניטען גרויסע שטיקער פלייש און האבען זיי פערשלונגען רויער הייט.

צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך געגעסען רויעס פלייש. ווען מיר וואָהנען אין א שטאָדט און עסען בעשטענדיג געקאָכטעס אדער געבראָטע־נעם פלייש, דענקען מיר, אז עס איז גאָר אונמעגליך צו עסען רויעס פלייש. אין ווילדען וואלד אבער, בעזאָנדערס ווען מען איז שטארק הונגעריג, שמעקט דאס רויע פלייש זעהר גוט. דאס איינציגע אונאנגענעהמע איז געוועזן, וואס עס האט מיר געפעהלט זאלץ. עס איז זעהר אונאנגענעהם פאר א ציוויליזירטען מענשען, צו עסען פלייש אָהן זאלץ.

ווען מיר האבען געשטילט אונזער ערשטען הונגער, האבען מיר צולעגט א פייער און האבען אָפּגעבראָטען א זייט פון דער אנטילאָפּע. יעצט האבען מיר זיך זאט אָנגעגעסען און מיר וואָלטען זיך געדארפט צולעגען אביסעל אָפּרוהען. בען בראס האט עס אָבער אויף קיין פאל ניט געוואָלט. ער האט מיך געצוואונ־גען ווייטער צוגעהן.

מיר האָבען ארויפגעלעגט א זייט פון דעם אנטילאָפּע אויף דיא פּלייצעס און זיינען האסטיג געגאנגען אימער נאהענט ביים ברעג פון'ם טייך. דאס איז

צוואר געוועןן קיין לייכטע ארבייט. דיא ברעגעס פונ'ם טייך זיינען געוועןן שטארק פערוואקסען מיט אלערליי הויכע גראָזען און ראָהר (טראָסט) צו צייטען פלעגען מיר מוזען זיך אויסשניידען א וועג מיט אונזערע מעסער. מיר האבען אבער מורא געהאט אוועק צו געהן ווייט פונ'ם טייך. דאס איז געוועןן אונזער בעסטער וועג וויזער.

מיר זיינען געגאנגען א גאנצען טאָג און האבען קיין זאך ניט בעגעגענט. דאס האט מיך פערדראָסען. איך האב צוואר זעהר ניט געוואלט זיך ווידער בעגעגענען מיט א לייב אדער מיט א באבונס. עס איז מיר אבער געוועןן זעהר אונאנגענעהם, וואס מיר האבען קיינעם ניט בעגעגענט.

— וואס זאל עס בעדייטען, בען? — האב איך געפרעגט, — וויא קומט עס וואס מיר האבען א גאנצען טאג ניט בעגעגענט ניט איין ווילדעס טהיער?

— איך דענק, אז דיא אורזאכע דערפון איז, וואס מיר געפינען זיך ניט ווייט פון לאגער פונ'ם קעניג דשינגא מואבא. דיא ווילדע טהיערע ווייסען, אז זייער ערגסטער פיינד, דער מענש, איז נאָהענט און זיי אנטלויפען פון איהם.

— וויא אזוי ווערט מען עס אבער געוואָהר? — האב איך געפרעגט.

בען בראס האט זיך פערטראכט. ער האט געזוכט א מיטעל, וויא אזוי געוואהר צו ווערן, וואו מיר געפינען זיך. פלוצלונג האט ער זיך עפּעס דערמאָנט. א נייער געדאנק איז איהם געקומען אין קאפּ.

— הער נור, ביללי, — האט ער מיר געזאגט, — איך ווייס, אז ווען דיא ווילדע פעלקער אין אמעריקא פערליערן א מאל זייער וועג,—זיי ווערן פערבלאָנזעט אין א וואלד, און ווייסען ניט, וואו זיי געפינען זיך, קריעכען זיי ארויף אויף א הויכען בוים און קוקען זיך ארום, וואו זיי זיינען ערגעץ אין דער וועלט. מיר געפינען זיך יעצט ניט ווייט פון'ם מעער. עס איז זעהר מעגליך, אז אונזער שיף געפינט זיך גאר ניט ווייט פון דאנען. קלעטער ארויף, ביללי, אויף א הויכען בוים און זעה, וואו מיר געפינען זיך יעצט.

מיר האבען באלד אויסגעפונען איינעם פון דיא העכסטע בוימער. איך בין אויף איהם ארויפגעקראָכען און האב אָנגעהויבען צו קוקען אויף אלע זייטען. מיר האט זיך פארגעשטעלט א זאָנדערבארעס בילד. פון איין זייט האב איך געזעהן וועלדער און בערג, פון דער אנדערער זייט האב איך געזעהן דאס גרויסע וועלט מעער, א טייך און א שיף.

— דיא „ראפּינא"! — האב איך געשריען,—דארט ליעגט דיא „ראפּינא"!

איך האב צוואר ניט געקענט וויסען, אויב דאס איז דיא „ראפּינא", אדער אנ'אנדער שיף. דאס גאנצער שיף האט מיר אויסגעוויזען ניט גרעסער פון א שיפעל, מיט וועלכע דיא קינדער שפּיעלען זיך. איך האב אבער פערשטאנען, אז דאָס איז דיא „ראפּינא".

איך בין באלד אראָפּגעקראָכען פון בוים און האב ערקלערט בען בראָס, וואו איך האב געזעהן א שיף.

— יעצט ווייסעןמיר וועניגסטענס, וואוהין צו געהן,—האט בען בעמערקט.— עס מאכט מיר נים אויס, אויב עס איז „ראפינא“, אדער אנ׳אנדער שיף. ווען עס איז אונז שוין בעשערט צו דיענען אויף א שקלאפען שיף, מאכט דאך אונז נים אויס, אויף וואס פאר א שקלאפען שיף מיר וועלען דיענען.

מיר האבען אנגעהויבען צו געהן זעהר האסטיג. מיר זיינען כמעט געלאפען דיא זון איז אונטער געגאנגען, עס איז געווארען פינסטער און מיר זיינען נאך אלץ געווען זעהר ווייט פון מעער. דאס האב איך שוין גאר נים געקענט פערשטעהן און איך האב געפרעגט בען בראס, פאר וואס דאס איז אזוי.

— איך פערשטעה, וואס דאס איז,—האט בען בראס געזאגט, — דיא לופט אין דיעזער געגענד איז גאנץ ריין. דער מענש קען זעהן אויף א וויימער שטרעקע. דיר האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס שיף איז נאהענט, מיר זיינען אבער נאך גאנץ ווייט פון איהר. איך וועל זיין צופריעדען, אז מיר וועלען אנקומען צו איהר מארגען נאך מיטאג.

— אלזא דענקסט איהר, אז מיר וועלען מוזען צוברענגען נאך א נאכט אין וואלד?

— דוא וועסט זיין צופריעדען מיט איין נאכט. עס קען זעהר זיין, אז מיר וועלען נאך מארגען אויך מוזען נעכטיגען אין וואלד.

בען בראס האט רעכט געהאט. מיר האבען איבערגענעכטיגט דיעזע נאכט אין וואלד און האבען געמוזט נעכטיגען נאך א נאכט אין וואלד. ערשט דעם דריטען טאג אין דער פריה, זיינען מיר צוגעקומען אין לאגער פון קעניג דשינגא מוואמבא.

אונזערע קאמעראדען האבען זיך דערפרעהט, ווען זיי האבען אונז דערזעהן. זיי האבען געגלויבט, אז מיר זיינען שוין טויט. מיר האבען זיך אויך זעהר געפרעהט וואס מיר זיינען ענדליך געקומען א היים. איך וואלט שוין אנגעזאגט מיינע קינדס קינדער, זיי זאלען נים געהן אויף דער יאגד אין דיא אפריקאנישע וועלדער גאנץ אליין.

ענדליך זיינען מיר וויעדער געווען צווישען מענשען און האבען געגעסען און געשלאפען, וויא מענשען.

23טעם קאפיטעל.

מיר פאהרען ארוים.

אין דער צייט, וואס מיר זיינען געווען אין דיא וועלדער פון אפריקא, האט מען געשמאק געארביים אויף דער „ראפינא“. דער צימער מאן האט צו רעכט געמאכט אלע קעמערליך און אלע גראטעס. דיא מאטראזען האבען זיך בעשעפ־ טיגט מיט׳ן אויסגיעסען דאס געזאלצענע מעער וואסער פון דיא פעסער און אנ־ גיעסען אין זייא פרישעס וואסער. איך האב בעמערקט, אז אין דיא פינף טעג,

וואס מיר זיינען ניט געוועזן אויפ'ן שיף, האט מען געשמאק געארבייט. עס איז געוועזן דייטליך, אז מען האט זיך געאיילט.

דעם אנדערן טאג נאך אונזער צוריק קומען, זיינען אנגעקומען צוויא קליינע שיפלעך מיט עטליכע נעגערן און זיינען צוגעפאהרען גלייך צום לאגער פון קעניג דשינגא מוואמבא. אין א קורצע צייט ארום האט דער קעניג געשיקט רופען אונזער שיפסקאפיטאן. איך האב פערשטאנען, אז דיא נעגער אין דיא שיפלעך האבען געוויס געבראכט עפעס א נאכריכט, עפעס א נייעס.

איך האב געזעהן, אז ווען אונזער שיפסקאפיטאן איז צוריקגעקומען פון קע־ניג דשינגא, איז ער געווען זעהר אונרוהיג און האט באלד געשיקט רופען דעם ערשטען אפיציער צו זיך. זיי האבען זיך איינגעשלאסען אין קאפיטאנ'ס קאיוטע און האבען אוועקגערעדט איינינע צייט, דאן זיינען ביודע אוועקגעפאהרען צום קעניג

איך בין געווען נייגעריג צו וויסען, ווער דיעזע נעגער אין דיא שיפלעך זיי־נען. מען האט מיר דערצעהלט, אז זיי געהערען צו א פאלק, וועלכעס וואינט ביים וואסער. דיא נעגער האבען געוועהנליך פיינט דאס וואסער, נור דיעזעס פאלק האט ליעב צו פאהרען אויפ'ן וואסער. זיי זיינען אלע גאנץ גוטע מאטראזען און דיא שיפסקאפיטאנע נעהמען זיי אויף מיט פערגניגען, ווען עס פעהלט זיי אויס מאטראזען.

דיעזע ערקלערונג האט מיר אבער גאר ניט געזאגט, גאר ניט ערקלערט. וואס האב איך דען דערפון, וואס דיעזע נעגער זיינען גוטע מאטראזען? פאר וואס איז אונזער שיפסקאפיטאן געווארען אזוי אונרוהיג, ווען זיי זיינען אנגעקומען? איך האב געבעטען בען בראס, ער זאל געוואהר ווערן, וואס דא איז.

ער איז באלד אלעס געוואהר געווארען און האט עס מיר ערקלערט.

— דיעזע נעגער, האט ער מיר דערצעהלט, דיענען אלס שפיאנען פאר'ן קעניג דשינגא מוואמבא, וויא פאר אלע שקלאפענהענדלער. זיי פאהרען ארום אויפ'ן וועלט מעער און זעהן נאך, אייב עס פאהרט ניט אן א קרייצער, א שיף, וועלכעס יאגט זיך נאך שקלאפענהענדלער. ווען זיי דערזעהן אזא שיף, לויפען זיי ווארענען דעם געניג און דעם שיפסקאפיטאן זיי זאלען זיך היטען און זאלען בע־האלטען זייערע לעבעריגע סחורה. וויא עס ווייזט אויס, האבען זיי דערזעהן א „קרייצער" ערגעץ ניט ווייט און זיינען געקומען עס מעלדען.

שפעטער זיינען מיר געוואהר געווארען, אז אויסער דיעזע נעגער שפיאנען, געפינט זיך אנ'ענגלישער שפיאן ניט ווייט פון דער ארט, וואו אונזער שיף איז געוועזן פעראנקערט. מיט א דרייסיג־פערציג מייל ווייטער האט אנ'ענגלענדער אויסגעבויט א גרויסע פאבריק פון פאלם אייל. עס האט איהם ניט קאנווענירט צו בעציהען ארבייטער פון ענגלאנד און צו צאהלען זיי טהייער. ער האט ליעבער בעשעפטיגט נעגער.

ער האט געוואלט, אז אלע ענגלישע שיפען, וועלכע פאהרען פארביי, זאלען

זיך אָפּשטעלען לעבען זיין פאַבריק און האט געבעטען דער ענגלישען רעגירונג, זיא זאָל איהם געבען דעם טיטול קאָנסול. אזוי וויא ער האָט ניט פערלאַנגט קיין געהאַלט און האָט זיך בעזעצט אין א גאַנץ ווילדע געגענד, האט איהם דיא רעגיערונג געגעבען דעם טיטול קאָנסול מיט פערגעניגען. ענגלאַנד טהוט עס זעהר אָפּט. עס האט דערביי א געוויסען צוועק. קוים וועט א קעניג פון דיעזער געגענד בעליידיגען איהר קאָנסול, וועט זיא האבען דאס רעכט צו שיקען סאָלדאַטען און אָפּ נעהמען זיין לאַנד.

אלס ענגלישער קאָנסול, האט דער רייכער ענגלענדער פערלאַנגט, אז אלע ענגלישע שיפען, וועלכע פאָהרען פערביי, זאָלען צוקומען צום ארט, וואו זיין פאַבריק איז געשטאַנען. פון זיי פלעגט ער געוואָהר ווערען, אויב עס געפינען זיך אין מעער ניט וויט קרייצער. ווען מען פלעגט איהם זאָגען, אז זיי געפינען זיך יא ערגעץ ניט וויט, אדער ווען אזא קרייצער איז זאָגאר צוגעקומען צו זיין פאַבריק, פלעגט ער שיקען ווארענען דיא אפריקאנישע קעניגע און דיא שקלאַפּען הענדלער.

אלזאָ דער ענגלישער קאָנסול אליין האט געדיענט אלס שפּיאָן ביים קעניג דשינגאָ מוואַמבאַ און ביי אלע שיפסקאַפּיטאַנע פון שקלאַפּען שיפען. זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האָט עס ניט געטאָהן אומזיסט. קעניג דשינגאָ און דיא שיפסקאַפּיטאַנע פלעגען איהם גוט בעצאָהלען דער פאַר.

באַלד האָבען אלע מאַטראָזען געוואוסט, אז דער ענגלישער קרייצער, וועלבער האט אונז נאָכגעיאָגט, איידער מיר זיינען צוגעפאהרען צום אפריקאנישען לאַנד, געפינט זיך ניט וויט פון דאַנען און בעוואכט אונז. עס איז וואהר, אז דיא שווארצע שפּיאָנען האבען ניט געוואוסט אויף געוויס, אויב עס איז דאסזעלבע שיף, וועלבעס האט אונז נאָכגעיאָגט. זיי האבען נור געמעלדעט, אז א שיף געפינט זיך אויפ'ן מעער ניט וויט פון'ם אריינגאַנג אין טייך.

יעצט האב איך פערשטאַנען, פאר וואס אונזער שיפסקאַפּיטאַן איז געוואָרען אזוי אונרוהיג און אזוי ניעדערגעשלאָגען. ווען דאס ענגלישע קריעגס־שיף וועט ווירקליך אריינפאהרען אין טייך, איז דיא „ראַפּינאַ“ פערלאָרען.

קעניג דשינגאָ מוואַמבאַ איז אויך געווען אונרוהיג, ריכטיגער געזאָגט, ער האט זיך פערשטעלט, אז ער איז אונרוהיג. אין דער ווארהייט האט עס איהם זעהר ווייניג געקימערט, וואס אן ענגלישעס שיף געפינט זיך ניט וויט פון זיין לאַנד. ער האט דאך שוין פערקויפט זיין סחורה און האט אָפּגענומען זיין געלד. לאז דער קויפער טאהן מיט זיין סחורה, וואס ער וויל.

דענאָך איז קעניג דשינגא ניט צופריעדען געווען מיט דעם ענגלישען שיף. ער האט מורא געהאט אז דיא ענגלישע סאָלדאַטען און מאַטראָזען זאָלען ניט אנפאַלען אויף זיינע מאַגאזינעס און זאָלען ניט צונעהמען זיין ראָם, זיינע ביקסען און זיין פולווער. ער האט דאהער באַלד ארויסגעגעבען א בעפעהל צו זיינע אונטערטהאַנען, אז זאלען בעהאַלטען זיינע טהייערע זאכען, זיין שאַצאַמט, (טרעזשורי, קאַזנאַטשייסטווא) אין דיא וועלדער, ערגעץ וויט פון לאַגער.

קעניג דזשינגא איז געווען א דורכגעטריעבענער קויפמאַן. ער האט זאָגאר

געוואלט באנקראטירען. ער האט פראבירט איינצורעדען אונזער שיפסקאפיטאן, אז ער זאל אוועקפיהרען זיינע געקויפטע נעגער שקלאפען אויף ערגעץ ווייט אין וואלד. קעניג דשינגא מוואמבא האט געוואלט איהם געבען זיין קעניגליכעס עהרענווארט, אז ווען דאס ענגלישע שיף וועט זיך אוועק פאהרען, וועט ער איהם צוריקגעבען זיין אייגענטהום.

אונזער שיפסקאפיטאן איז אבער געוועזן פיעל קליגער און פיעל דורכגעטריי־בענער פון זיינער שווארצער מאיעסטעט, קעניג דשינגא. אונזער שיפסקאפיטאן האט געוואוסט, אז קוים וועט ער איבערגעבען זיינע שקלאפען דעם קעניג דשינ־גא, וועט ער זיי שוין קיין מאל ניט זעהן. זיינע קעניגליכע מאיעסטעט איז געוועזן א קעניגליכער שווינדלער.

אונזער שיפסקאפיטאן איז געוועזן אן אלטער פוקס און האט ניט געטרויט זיינע קעניגליכע מאיעסטעט אויף א האלבען טריט.

קוים איז ער געוואהר געווארען, אז אן ענגלישער קרייצער בעוואכט איהם, האט ער צונויפגערופען א קריעגס־ראטה פון זיינע בעסטע מאטראזען און האט זיך מיט זיי בעראטהען, וואס צו טאהן. מען האט זיך לאנג איבערגעלעגט און מען איז געקומען צו דעם בעשלוס, אז דאס איינציגע מיטעל צו רעטען זיינע וואַ־רע איז צו אנטלויפען. ער האט שוין געזעהן, אז ער האט זיך אויסגעדרעהט פון׳ם ענגלישען קרייצער, ווייל דיא „ראפינא" איז א גוטעס שיף און ווען עס האט געגוג ווינד, קען עס זעהר לייכט אנטלויפען פון א דאמפף שיף.

דיא פראגע איז נור געוועזן, ווער עס וועט פריהער פערהאפען דאס אפענע מעער. אין טייך איז דיא „ראפינא" פערלארען. זיא מיט איהרע זעכציג מאט־ראזען קען זיך אויף קיין פאל ניט שטעלען געגען א קריעגס שיף מיט סאלדאטען און מיט קאנאנען. אויף דעם פרייען, אפענעם, גרויסען וועלט מעער אבער קען מען זיך זעהר לייכט אויסדרעהן.

אונזער שיפסקאפיטאן האט דאהער געגעבען א בעפעהל, אז מען זאל באלד ארויספיהרען דיא שקלאפען פון דיא באררא־קונס, דיא שטאלען, אין וועלכע מען האט זיי געהאלטען, און מען זאל זיי ארויפברענגען אויפ׳ן שיף. דאן זאל מען אנגרייטען פראוויאנט און אלעס נעטהיגע און ארויספאהרען וויא אם שנעלסטען.

יעצט האט זיך אנגעהויבען אן ארבייט אויף אונזער שיף. יעצט האט מען אוגעהויבען צו ארבייטען, צו לויפען און זיך פארצובערייטען צו דער רייזע

קעניג דשינגא מוואמבא האט אונז געגעבען אלע זיינע שיפלעך. דער קאַ־פיטאן האט געהייסען אראפלאזען אלע שיפלעך פון דער „ראפינא". אלע זיינען געוועזן בעשעפטיגט מיט דעם טראנספארטירען פון דיא שקלאפען פון דיא באר־ראקונס אויפ׳ן שיף.

וויא עס האט מיך געעקעלט, וויא עס האט מיר צוריסען דאס הערץ אויף שטיקער, ווען איך האב געזעהן, וויא מען שלעפט פרויען און קינדער, וויא דיא שעפסען און מען בעהאנדעלט זיי פיעל ערגער, וויא דיא בהמות, האב איך דאך

געמוזט העלפען. בען בראס האט אויך געמוזט מיטהעלפען אריבערברענגען דיא אונגליקליכע נעגער אויף אונזער שיף.

מען פלעגט ארויסנעהמען צוואנציג־דרייסיג שטיק מיט אמאל, פלעגט זיי צוטרייבען צום ברעג און זיי אריינטרייבען אין קליינע שיפלעך. ווער עס האט ניט געוואלט געהן, דעם האט מען געשלאָגען מיט שטעקענס אדער מיט א בייטש פון קראָקאדיל לעדער. פון דיא שיפלעך האט מען זיי ארויפגעשלעפּט אויף דיא „ראפּינא" און מען האט זיי אראפּגעלאָזען אין דיא שטאלען, וועלכע מען האָט אָנגעגרייט פאר זיי.

איך האב שוין דערצעהלט, אז ביי דיא שקלאפּענהענדלער איז געווען איינגעפיהרט, אז מען זאָל האלטען מענער בעזונדער און פרויען בעזונדער. זעלבסטפערשטענדליך, אז זיי האבען עס ניט געטאָהן אויס פרומקייט אדער גוטסקייט. זיי האבען עס געטאָהן דערפאר, ווייל עס איז לייכטער ארומצוגעהן ארום זיי, ווען מענער און פרויען זיינען אָפּגעטהיילט. דאגעגען אבער פלעגט מען האלטען פרויען און קינדער צוזאמען.

אלע שקלאפען זיינען געווען נאקעט, וויא דיא מוטער האט זיי געבאָרען, זעלטען האט איינער אדער איינע פון זיי געהאט א שטיקעל ליינוואנד אדער א גארטעל ארום דיא לענדען, אום צו בעדעקען דיא טהיילע פון מענליכען קערפער, וועלכע מענשען זיינען געוואינט צו פערדעקען.

דיא מענער האט מען צונויפגעבונדען צו צוויא, צו דרייא אדער צו פיער צוזאמען. דיא פרויען זיינען מייסטענס געווען פריי. איך האב געזעהן נור זעהר ווענינ פרויען, וועלכע זיינען געווען געשמידעט אין קייטען. איך בין ניט גענאנגען צו דיא באראקונס, פון וואנען מען האט זיי ארויסגענומען. איך בין נעשטאנען אויפ'ן דעק און האב נור נעזעהן, וויא מען האט זיי אראָפּגעלאָזען אין דיא קאמערן, וועלכע מען האט פאר זיי אָנגעגרייט אין דער „ראפינא".

זעלטען האט מען צוגעבראכט א פרוי אין קייטען, עס פלעגט אבער דאָך פאָרקומען און איך האב זעהר גוט בעמערקט, וויא זייערע פייערינע שווארצע אויגען האבען געברענט און געגליהט, ווען מען פלעגט זיי ארויפשלעפען אויפ'ן דעק פון אונזער שיף און מען פלעגט זיי אראָפּפיהרען אין זייערע שטאלען. דיא מענער פלעגען נאך שווייגען און זיך פערהאלטען אביסעל רוהיג. דיא פרויען אבער פלעגען שרייען, וויינען און ליארמען.

קעניג דשינגא מוואמבא מיט אונזער שיפסקאפּישאן זיינען געשטאנען אויפ'ן ברעג פונ'ם טייך און האבען אכטונג געגעבען, וויא מען לאָדעט אָן דאס שיף זיי האבען גערעדט פריינדליך און צוטרויליך, גלייך וויא זיי וואָלטען געווען קויפלייטע, וועלכע שיקען אוועק זייערע ווארען קיין אינדיען אדער קיין כינא.

דער קעניג פלעגט פון צייט צו צייט ווייזען אויף איינעם פון זיינע נעגער און דערצעהלען, אז ער איז שטארק און פעהיג, אלזא האט ער מעהר ווערטה פון דיא אנדערע. דערביי פלעגט ער זיך ניט שעהמען צו פאָדערן ביי אונזער שיפסקאפיטאן נאך א פלאש ראָם, נאך א מעסערל אדער נאך א קלייניגקייט.

אונזער שיפסקאפּיטאַן האט געהאַלטען א נאָטיץ ביכעלע אין דער האנד און האט פערשריעבען, וויא פיעל נעגער מען האט ארויפגעפיהרט אויפ'ן שיף. ער איז געווען אגוטער בוכהאַלטער און האט געפיהרט א שטרענגע רעכענונג פון זיין לעבעדיגער וואַרע.

זעהר אָפט פלעגט דער קעניג ווייזען אויף איינינע פון דיא נעגער און פלעגט זאָגען, אז דיעזער נעגער איז זעהר אונרוהיג, מען מוז איהם צושמיעדען צו דער וואַנד. דער שיפסקאפּיטאַן פלעגט כאַלד מאכען א צייכען מיט א שטיקעל קרייט אויף דיא שוואַרצע פלייצעס פונ'ם נעגער, אז מען זאָל איהם אנטאָהן שווערע קייטען אדער מען זאָל איהם גאָר צושמיעדען.

דער ערשטער אפיציער האט אבערגענומען דיא וואַרע. קוים פלעגט ער דערזעהן אויף דיא פלייצעס פונ'ם נעגער א ווייסען צייכען, האט ער שוין געוואוסט, וואס מיט איהם צו טאָהן.

וויא איינפאַך און וויא לייכט דאס אָנלאַדען פון דער שיף איז געווען, האט עס דאָך פערנומען פיעל צייט. ארויפגעהמען זעקס הונדערט מענשען אויף א שיף ערפאָרדערט צייט, בעזאנדערס אזעלכע מענשען, וועלכע מען האט געמוזט האַלטען אין קייטען און מורא האבען, אז זיי זאלען ניט ארייגשפרינגען אין וואַסער אין דעם צייט, ווען מען האט זיי איבערגעפיהרט פון ברעג צום שיף.

דיא נעגער האבען זעהר גוט געוואוסט, וואהין מען פיהרט זיי און צו וואס פאר א צוועק מען פיהרט זיי. עס האבען זיך געפונען צווישען זיי בעהערצטע מענשען, וועלכע האבען ליעבער געוואלט דערטרונקען ווערען אין דערהיים, אלס צו ליידען אין אַמעריקאַ.

אזוי וויא עס האט פערנומען פיעל צייט און דער שיפסקאפּיטאַן האט מורא געהאט, אז דאס ענגלישע שיף זאָל אויף איהם ניט אנפאַלען פלוצלונג, האט ער ארויסגעשיקט א שיפעל מיט דיא נעגער שפּיאָנען, זייא זאָלען זעהן, וואוהין דאס ענגלישע שיף פאהרט און וואס זיא וויל טאהן.

דעם ערשטען טאג האט מען אריבערגעפיהרט פון דיא באַרראַקונס קנאַפּע פיער הונדערט נעגער. עס זיינען נאָך געבליבען אין דיא באַרראַקונס איבער צווייא הונדערט, וועלכע מען האט גערעכענט אריבער צו פיהרען דעם אנדערן טאָג.

דעם אנדערן טאג אין דער פריא האט קעניג דשינגאָ און דער שיפסקאפּי־טאַן דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז דאס שיפעל פון דיא נעגער שפּיאָנען קומט אָן. מען האט געזעהן פון דערווייטען, אז זיי איילען זיך. קעניג דשינגאָ און אונזער שיפסקאפּיטאַן זיינען זיי ענטגעגען געלאָפען.

איך האב ניט געקענט הערען, וואָס דיא שפּיאָנען האבען דערצעהלט, איך האב אבער געזעהן, אז אונזער שיפסקאפּיטאַן איז צוריקגעקומען זעהר אונרוהיג. ער האט באַלד געהייסען, אז מען זאָל וויא אם שנעלסטען אריבערברייגגען דעם רעסט פון זיין לעבעדיגער וואַרע אויף זיין שיף. יעצט האט מען שוין ניט גע־קוקט וועמען מען האט דאַרט. מען האט ארויסגעטריעבען אלע נעגער פון דיא

באראקונס, מענער, פרויען און קינדער, און מען האט זיי געוואָרפען אין דיא קליינע שיפלעך, וויא מען ווארפט בינטלעך אדער פעקלעך וואַרע.

דער אנבליק איז געוועזען א שרעקליכער, אבשייליכער און הערצרייסענדער. צו וואס זאָל איך בעשרייבען דיא טרויעריגע סצענען, וואס איך האב דאמאלס געזעהן? איך בין גליקליך, ווען איך פערגעס זיי.

אונזער שיפסקאפּיטאַן האט זיך געאיילט. זיין איינציגע רעטונג איז יעצט געוועזען דער ווינד. ער האט געוואוסט, אז דאס ענגלישע קריעגס שיף וועט מורא האבען אריינצוגעהן אין איין אונבעקאַנטען טייך. א קריעגס שיף קען זיך ניט אזוי לייכט אויסדרעהן אין א טייך. קוים וועט דער ווינד בלאָזען פון לאנד, וועט ער קענען ביי נאכט אין דערפינסטער ארויספאָהרען שטילערהייט פון׳ם טייך אין אָפּענעם וועלטמעער. דארט, אויפ׳ן פרייען וועלטמעער, וועט ער שוין וויסען, וויא זיך אויסצודרעהן.

איך האב שוין דערצעהלט, אז אונזער שיפסקאפּיטאַן איז ווירקליך געוועזען א פעהיגער און טיכטיגער מאַטראָז. ער האט זעהר גוט געקענט דאס מעער און דיא געגענד ארום און ער האט זיך ענטשלאָסען צו ריזייקירען, אין דער האָפענונג, אז פאר נויט וועט ער אריינפאָהרען ערגען אין א טייך אדער ער וועט זיך בעהאלטען ערגעץ אינטער א קליינער אינזעל.

אלע מאַטראָזען האבען דעם גאַנצען טאג געאָרבייט, וויא דיא טייפעל. מען האט געשלעפּט פעסער מיט פאלם אייל, זעק מיט הירז און אנדערע סאָרטען פּראוויאַנט. מען האט צורעכט געמאכט דיא זעגעל פון דער „ראַפּינא“, מען האט זיך פערזאָרגט מיט האָלץ צום קאָכען און מיט האָלץ צו מאכען ברעטער און קלעצער.

ענדליך איז אלעס פערטיג געוואָרען צום אוועקפאָהרען. דיא לעבעדיגע וואַרע איז געווען פערפּאקט און פערזאָרגט. ביים אריינגאַנג אין דיא קאַמערן וואו דיא נעגער האבען זיך געפונען, האט מען אויסגעשטעלט וואכען מיט געלאַדענע ביקסען אויף דיא פּלייצעס.

מען האט נור געדארפט אויפהויבען דיא אַנקער און ארויס פאהרען. אזוי וויא עס איז נאך אבער געווען פריה, עס איז ערשט געווען געגען פיער אוהר נאך מיטאג, האט מען געמוזט ווארטען, ביז עס וועט פינסטער ווערן. ביי טאג וועט דאך דאס ענגלישע שיף אונז דערזעהן. ביי נאכט אבער וועלען מיר קענען זיך ארויסגנבענען.

אויסער דעם האט דער שיפסקאפּיטאַן געווארט אויף נאכריכטען פון דיא נעגער שפּיאָנען. דיעזע נאכריכט איז ענדליך געקומען. דיא נעגער־שפּיאָנען האָבען געמעלדעט, אז דאס ענגלישע שיף האט זיך פעראַנקערט ניט ווייט פון׳ם אריינגאַנג אין טייך אין דער רעכטער זייט.

אונזער שיפסקאפּיטאַן האט זיך בערוהיגט. ווען דאס ענגלישע שיף האט פעראַנקערט רעכטס פון׳ם אריינגאַנג אין טייך, קען ער פאהרען לינקס און אָפּנארען דעם ענגלענדער

בין נאכט איז אונז נאך געבליעבען פיער ביז פינף שטונדען. וואס טהוט מען אין דיעזע צייט? מען דארף אביסעל אונטער לעבען. ער האט איינגעלאדען דעם קעניג דשינגא מיט זיינע מיניסטארען צו זיך אויף מיטאג און מען האט געגעסען און געטרונקען מעהר, וויאפיעל מען האט געדארפט. ווען מען האט אפגעגעסען און אפגעטרונקען, האט קעניג דשינגא זיך איינגעשפארט, אז דער שיפסקאפיטאן מיט אלע מאטראזען זאלען קומען צו איהם אויף א מיטאג.

אונזער שיפסקאפיטאן האט איינגעוויליגט. קעניג דשינגא האט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז וואס שפעטער ער וועט ארויספאהרען פון'ם טייך, איז אלץ בעסער פאר איהם. איך וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז זיינע ווילדע און שווארצע מאיעסטעט זאל זיין אזוי פראקטיש און זאל אזוי גוט קענען דעם כאראקטער פון דיא ענגלישע קריעגס שיפען.

— נאך האלבע נאכט וועלען אלע שלאפען אויפ'ן ענגלישען קריעגס שיף (קרייצער), — האט קעניג דשינגא מוואמבא ערקלערט,—דאמאלס וועט זיין דיא בעסטע צייט ארויסצופאהרען. ווען דיא וואכען אויפ'ן ענגלישען שיף זאלען זאגאר בעמערקען דיא „ראפינא", וועלען זיי דאך ערשט מוזען פויקען אלארם (טרעוואגא) אויפוועקען דעם שיפסקאפיטאן און דיא אפיציערן. דאן וועלען דיא אפיציערן אנהויבען צו מאכען פארבערייטונגען צו א שלאכט, דאס וועט פערנעהמען ביי זיי צייט, דער וויל וועט דיא „ראפינא" קענען אנטלויפען.

בען בראס האט מיר איבערגעגעבען אלעס, וואס קעניג דשינגא האט געזאגט. איך האב געשטוינט, ווען איך האב דערהערט, וויא קלוג, דורכגעטריעבען און פראקטיש קעניג דשינגא איז. יעצט האב איך שוין געבעטען בען בראס, מען זאל מיך אויך מיט נעהמען אויפ'ן באלל צו זיינער שווארצער מאיעסטעט.

אך! איך האב ניט געוואוסט, וואס איך האב געבעטען! איך האב ניט געוואוסט, וויא פיעל ליידען און שמערצען איך וועל איבערשטעהן פון קעניג דשינגא.

דער שיפס קאפיטאן האט געהייסען, אז אלע מאטראזען, אויסער דיא וואכען, זאלען אראנגעהן אויפ'ן ברעג, נעהמען אבשיעד פון זיינער מאיעסטעט, דעם גרויסען, שטארקען און שרעקליכען קעניג דשינגא. מען קען זיך לייכט דענקען, אז אלע מאטראזען האבען געפאלגט דיעזען בעפעהל מיט פערגעניגען. זיי האבען געוואוסט, אז ביים קעניג איז דא וואס צו עסען, וואס צו טרינקען און איך שעהם מיך עס צו זאגען, פיעלע מאטראזען זיינען געפעלען קעניג דשינגא'ס פרויען.

וויא פיעל פרויען האט קעניג דשינגא געהאט, קען איך אייך ניט זאגען. איך וויים נור, אז פאר זיינע פרויען האט ער געהאט אבעזונדערן פאלאץ, דאס הייסט, אבעזאנדערן שטאל, וואו ער פלעגט זיי האלטען פערשפארט און פלעגט זיי ארויסלאזען נור, ווען ער האט געוואלט.

מיר זיינען באלד געווען אין קעניג דשינגא'ס לאגער און האבען געזעהן מיט

פערגעניגען, אז עס ברענגען גרויסע פייערן, אויף וועלכע עס בראטען זיך גאנצע אנטילאפּעס און אנדערע טהיערע. אויף איין פייער האט זיך געבראטען אַ גאַנ־צער אָקס.

ארום קעניגס פּאלאץ—אן איינפאכעס געצעלט (פּאלאטקא) פון פעל פון טהיערע אין ליינוואנדע זיינען געלעגען הויפענס מיט אלערליי פרוכטע. אייניגע פון דיעזע פרוכטע זיינען מיר געווען בעקאנט. אנדערע האָב איך געזעהן צום ערש־טען מאל אין מיין לעבען. אלעס איז געווען פריי. יעדער האט געקענט נעהמען, וויא פיעל ער האט געוואלט און וואס ער האט געוואלט.

אונזערע מאטראזען האבען זיך ניט געלאזען לאנג בעטען. יעדער האט זיך גענומען, וואס ער האט געוואלט. דער קעניג איז געווען אזוי פריינדליך, אז ער האט געהייסען ברענגען אַ גאַנץ פעסעל ראָם און האט עס געשענקט אונזערע מאטראָזען.

ווען אלע זיינען געווען גוט פרעהליך, האָט ער ארויסגעלאזען אלע זיינע פרויען און האט זיי געהייסען טאנצען און שפּרינגען פאר אונז. מיר אליין איז זיי־ער טאנצען גאר ניט געפעלען. מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז דיעזע פרויען זיינען זעהר אונגליקליך און טאנצען נור דערפאַר, ווייל זיי האבען מורא, דער קע־ניג זאל זיי ניט פערקויפען צום שקלאַפען הענדלער.

דאָס פלעגט זיך טרעפען זעהער אפט, ווען אַ שקלאפענהענדלער האָט נור געגעבען אַ גוטען פּרייז, האָט קעניג דשינגא פערקויפט זיינע מיניסטארען און זיינע פרויען.

אין לאגער איז געווען פרעהליך. אונזער שיפס קאפּיטאן און דער ערשטער אָפיציער זיינען געווען דיא אייציגע, וועלכע זיינען ניט געווען בעטרונקען. זיי האָבען גוט געקענט דעם שווארצען קעניג און האָבען געוואוסט, וואס ער מיינט ער האט געוואלט אלעמען אנשיכורן אום דיא „ראפּינא" זאל ניט קענען ארויס־געהן אין מעער. דיא ענגלענדער וועלען אנפאלען אויף איהר און וועלען בעפריי־ען אלע שקלאפען. ער אלס קעניג פון דיעזער געגענד וועט פאַרדערן, אז מען זאל איהם אפּגעבען זיינע אונטערטהאנען. דער ענגלישער קאנסול וועט בעשטע־טיגען, אז דער קעניג האט רעכט און זיינע מאיעסטעט, קעניג דשינגא מוואמבא וועט האָבען צוריק זיינע שקלאפען און אונזער ראָם נאך דערצו.

צווישען קעניג דשינגא מוואמבא און אונזער שיפסקאפּיטאן האָט זיך יעצט אפּגעשפּיעלט אַנ'אנדער פּאליטיק.ביידע זיינען יעצט גיווען דיא בעסטע פריינד. דער קעניג האט זיך אויפגעהאנגען אויף'ן האלז פון אונזער שיפסקאפּיטאן, האָט איהם איינגעלאדען צו זיך אין געצעלט און האט איהם אנגעבאטען זיינע שעהנס־טע פרויען. אונזער שיפסקאפּיטאן האָט זעהר גוט געוואוסט, פאר וואס דער שווארצער קעניג טהוט עס און האט געזוכט איהם אויסצומיידען.

אזוי זיינען פערגאנגען דיא לעצטע שטונדען פונ'ם טאָג. דיא זון האט גע־האלטען ביים אונטערגעהן. אונזער שיפסקאפּיטאן האט אָנגעהויבען צו פייפען און צו רופען זיינע מאטראזען.

ווען אלע האבען זיך פערזאמעלט, האט דער קעניג געבעטען, אז מען זאל מיט איהם טרינקען צום לעצטען מאָל פארן אװעקפאהרען. מען האט געמוזט איהם צוליעב טאהן.

איך בין געװען נאך זעהר יונג און דער קעניג האט מיך זעהר אינטערעסירט. איך האב דיא גאנצע צייט ניט אפגעטרעטען פון איהם און האב בײַ טראכט אלע זיינע מינעס און אלע זיינע בעװעגונגען. איך האב אבער ניט בעמערקט, אז ער קוקט אויף מיר אויך. איך בין איהם געפעלען. ביז אהער האט ער געזעהן פאר זיך מענשען מיט בערד אדער מיט ראזירטע בערד. איך בין געװען דער ערשטער װייסער מענש אהן א באָרד, װעלכען קעניג דשינגאָ האָט געזעהן אין זיין לעבען.

ווען אונזער שיפסקאפּיטאן האט צונויפגערופען אלע מאטראָזען און האט זיי געהייסען צרויפגעהן אויף'ן שיף, האב איך און בען בראס אויך געװאלט געהן מיט זיי. דער שיפסקאפּיטאן האט אבער געהייסען אונז נאך בלייבען אויף'ן ברעג. דערביי האט ער עפּעס גערעדט שטילערהייט מיט'ן קעניג.

מיר איז שטארק ניט געפעלען, װאס דער קעניג קוקט זיך אזוי צו צו מיר.

— װאס װיל ער פון מיר? האב איך מיך געפרעגט. װאס קוקט ער אזוי אויף מיר, גלייך װיא ער װיל מיך אויפעסען?

װאָס לענגער דער קעניג האט גערעדט מיט'ן שיפסקאפּיטאן, אלץ אונרוהיגער בין איך געװארען. עס איז געװען דייטליך, אז זיי רעדען פון מיר. ענדליך האב איך עס שוין ניט געקענט אויסהאלטען און האב געפרעגט בען בראס:

— װאס רעדען זיי? װאס װיל דער קעניג פון מיר?

— ער װיל דיך קויפען, דוא געפעלסט איהם, האט בען בראס געענטפערט.

— איך האב מיך צולאכט. איך האב מיר גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז מען קען מיך פערקויפען. איך בין דאך א פרייער מענש, א װייסער. װער קען עס קויפען אדער פערקויפען א װייסען מענשען?

ווען איך האב אבער אקוק געטאהן אויף בען בראס ערנסטעס געזיכט, איז אין מיר פערקיהלט געװאָרען דיא מילך, װעלכע איך האב געזויגען ביי מיין מוטער. איך האב פערשטאנען, אז בען שפּאסט ניט. קעניג דשינגאָ מוּאמבא מיינט עס גאנץ ערנסט.

יעצט האב איך אנגעהויבען מיך צו צוקוקען צו דיא מינעס און צום געזיכט פון אונזער שיפסקאפּיטאן. אזוי װיא איך האב ניט פערשטאנען, װאס זיי האבען גערעדט, האב איך געװאָלט לעזען אויף זייערע געזיכטער און פּארשען זייערע מינעס, װאס זיי מיינען.

איך האב בעמערקט, אז דער שיפסקאפּיטאן װיל ניט מיך פערקויפען. דער קעניג אבער האט איהם ניט אפּגעלאָזען. ער האט איהם עפּעס געדראהעט, האט אין איהם עפּעס פערלאנגט, און האט איהם עפּעס צוגעזאָגט.

— װאס זאָגט דער קעניג? האב איך געפרעגט בען בראס.

ער וויל געבען פאר דיר פינף שטארקע און געזונדע שקלאפען, האט בען געענטפערט.

— אלזא וויל דער שיפסקאפיטאן מיך פערקויפען ? האב איך אויסגערופען פול שרעק.

— יא, ער ווילינגט איין דיך צו פערקויפען, ער פערלאנגט אבער צעהן שקלאפען פאר דיר.

איך האב אציטער געטאהן. אלזא וויל דער שיפסקאפיטאן מיך פערקויפען! איך בין אלזא ניט מעהר, וויא א שטיקעל וואארע, און מען דינגט זיך, וויא פיעל איך בין ווערטה!

— ער וועט עס טאהן, דער טויגע ניכטס! האב איך מיר געטראכט. ער וייס, אז פאר א גוטען, שטארקען נעגער וועט ער בעקומען אין אמעריקא פיער ביז פינף הונדערט דאללאר. ער קען אלזא בעקומען פאר מיר דרייא טויזענד דאללאר. פאר וואס זאל ער מיך ניט פערקויפען? ווער וועט זיך עס שטעלען געגען איהם? וועמען הערט ער? ער איז א שקלאפענהענדלער, א פערברעכער, און איך בין אנטלאפען פון מיינע עלטערן. דער איינציגער מענש, וועלכער וואלט געקענט מיך בעשיצען, איז אנ'ענגלישער קאנסול. וואו נעהמט מען אבער אנ'ענגלישען קאנסול? קעניג דשינגא מוואמבא וועט געוויס מיך ניט ברענגען פאר אנ'ענגלישען קאנסול, איך זאל מיך בעקלאגען אויף איהם.

אין דער צייט, אין וועלכער דיעזע טרויעריגע געדאנקען זיינען געקראכען אין מיין קאפ, האט דער שיפסקאפיטאן זיך געדונגען און זיך געציניינערט מיט'ן קעניג.

ענדליך איז דער שיפסקאפיטאן ערגעץ אוועקגעגאנגען מיט'ן קעניג. בען בראס האט מיר געזאגט, אז זיי האבען זיך אויסגעגלייכט. דער קעניג האט ענדליך איינגעווילינגט צו געבען פאר מיר אכט געזונטע און שטארקע נעגער.

איך בין געוועזען אויסער זיך. איך האב קיינע ווערטער אייך צו שילדערן, וואס איך האב דורכגעפיהלט און איבערגעליטען אין יענע עטליכע מינוטען. איך האב אבער נאך אלץ געהאפט. איך האב נאך אלץ גערעכענט, אז דער קעניג וועט זיך איבערלעגען אדער דער שיפסקאפיטאן וועט חרטה האבען.

מיין האפנונג איז אבער באלד פערשוואונדען. איך האב געזעהן, אז דער שיפסקאפיטאן איז צוריקגעקומען מיט'ן קעניג אונטערן ארים און דער קעניג האט געוויזען אויף א הויפען נעגער, וועלכע זיינען געשטאנען ניט וויט. דער שיפסקאפיטאן איז צוגעגאנגען צו זיי און האט אנגעוויעזען אויף עטליכע פון זיי. דער קעניג האט זוי געהייסען אוועקגעהן אן אזייט.

איך האב געזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז דער קעניג האט פערקויפט זיינע מיניסטארען אדער גענעראלען. איך האב זיי דערקענט. איך האב זיי נעכען, ווען דער קעניג איז צום ערשטען מאל געקומען אויף אונזער שיף.

דיא פערקויפטע מיניסטארען האבען פערשטאנען וועגען וואס עס האנדעלט

ריך. זייערע פעך שווארצעס געזיכט איז געווארען אש גרוי. זיי האבען געוואוסט, אז דער קעניג האט זיי פערקויפט. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז אייניגע האבען אנגעהויבען צו וויינען.

דער שיפסקאפּיטאן האט געזאָגט עפּעס צו איינעם פון דיא מאַטראָזען. ער איז אוועק געפאָהרען אויף דער „ראפינא“, איז באלד צוריק געקומען און האט געבראכט מיט זיך קייטען. יעצט האב איך געוואוסט, אז איך בין פערלאָרען. פאר מיר איז שוין קיין רעטונג ניטא. דער שיפסקאפּיטאן האט מיך פערקויפט!

איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען צו בען בראס, מיין אייגציגער רעטער און בעשיצער, דער איינציגער מענש, פון וועלכען איך האב געקענט ערווארטען הילף און שיין. איך האב גערעכענט, אז בען בראס וועט זיך שטעלען פאר מיר, וועט פּראָטעסטירען, וועט ערקלערען דעם שיפסקאפּיטאן, אז ער קען מיך ניט פערקויפען, אז ער האט קיין רעכט מיך צו פערקויפען.

צו מיין גרעסטען ערשטוינונג האט בען בראס געשוויגען. ער איז געווען בלייך, וויא קאלך, און האט געציטערט. ער האט געזעהן אלעס, וואס איז פאָר־געקומען און האט ניט גערעדט א ווארט. איך בין אויפגעשפּרונגען און האב גע־וואלט ארויפפאלען אויף איהם און איהם זידלען. איך האב מיך אבער צוריק גע־האלטען. ערשט שפּעטער בין איך געוואהר געווארען, אז ער האט געהאַט פאָל־קאָמען רעכט. ווען ער וואלט זיך געשטעלט פאר מיר, וואלט דער שיפסקאפּי־טאן איהם געשלאָגען, בעשטראָפט אדער פיעלייכט זאגאר פערקויפט. דער שיפס־קאפּיטאן איז דאך דא קייסער. ער מעג דאך טאהן, וואס ער וויל. קעניג דשינ־גא האט געגונג שווארצע טייפעל, וועלכע וועלען טאהן, וואס ער וועט זיי הייסען.

איך האב אנגעהויבען צו וויינען און צו שרייען. דער קעניג, דער שיפס־קאפּיטאן, דיא מאַטראָזען און דעם קעניגס אונטערטהאנען האבען אנגעהויבען צו לאכען פון מיר.

אין בין געווען פערצווייפעלט און האב געוואלט מיך ארייגווארפען אין וואַ־סער. עס איז פיעל בעסער צו שטארבען מיט א מאל אלס צו זיין א שקלאף ביי א שווארצען ווילדען, אונבארמהערציגען און גרויזאמען אפריקאנישען קעניג.

בען בראס האט מיך ארומגענומען, האט מיך צוגעפּרעסט צום הארצען און האט מיר געזאגט שטילערהייט:

— פערהאלט דיך רוהיג, ביללי! קוים וועסט דוא שרייען, ליארמען און זיין אונרוהיג, וועט דער שווארצער הונט הייסען דיך בינדען. דאן ביסט דוא פער־לארען. פערהאלט דיך גאנץ רוהיג און זוך א געלעגענהייט צו אנטלויפען. איך וועל שוין מאכען, אז דיא „ראפינא“ זאל געהן זעהר לאנגזאם. איך וועל טאהן אלעס מעגליכע, אז מיר זאלען זיך דא פערזוימען ביז מארגען. זיי פארזיכטיג! פערשטעל זיך, אז דוא געהסט מיט פערגעניגען מיט איהם. ער וועט דיך דאן ניט היטען און דוא וועסט קענען אנטלויפען.

— וואוהין זאל איך אבער אנטלויפען?

דוא זעהסט דאך, וואוהין דער טייך פליעסט. קוים וועסט דוא האבען א געלעגענהייט צו אנטלויפען, זאלסט דוא לויפען גלייך מיט'ן ברעג פון'ם טייך. איך וועל שטעהן אויף דער „ראפינא" און וועל ניט אראפלאזען קיין אויג פון'ם וואסער. קוים וועל איך דיך דערזעהן, וועל איך דיר צוווארפען א שטריק.

— איך האב אבער מורא, אז דער שיפסקאפיטאן וועט מיך דערזעהן, וועט ער מיך צוריק שיקען צום קעניג.

— האב קיין מורא ביללי! דער שיפסקאפיטאן וועט זאגאר זיין צופריעדען דיך צו האבען אויפ'ן שיף צוריק. ער דארף דיך האבען. קוים וועסט דוא זיין אויף דער „ראפינא", וועט ער אליין הייסען דיך בעהאלטען ערגעץ אין א ווינקעלע. ער וועט זיין העכסט צופריעדען, וואס ער וועט אפנאררען זיין פריינד דעם קעניג דשינגא.

מעהר האט ער מיט מיר ניט געקענט רעדען, ווייל אין דיזע מינוט האט דער שיפסקאפיטאן געהייסען שמיעדען אין קייטען דיא אכט נעגער, וועלכע ער האט אויסגעביטען פאר מיר, און זיי אריינווארפען אין שיפעל. דאס האט געדויערט נור עטליכע מינוט. דיא אכט אונגליקליכע, וועלכע זיינען נור וואס געווען מיניסטארען אדער גרויסע לייט, זיינען יעצט געליעגען געבונדען, וויא דיא שעפסען אויפ'ן באדען פון'ם שיפעל.

— דוא געהערסט יעצט צו זיינער מאיעסטעט, דעם קעניג דשינגא מוואמבא, האט דער שיפסקאפיטאן געזאגט צו מיר קורץ און שארף.

קעניג דשינגא האט מיר אווינק געטאהן, איך זאל צוגעהן צו איהם. ער און דער שיפסקאפיטאן זיינען געווען זעהר צו פריעדען, וואס איך בין געבליעבען רוהיג. זיי האבען גערעכענט, אז איך וועל שרייען, וויינען און מאכען א ליארם. איך בין אבער צוגעגאנגען גאנץ רוהיג צום קעניג און האב מיך געשטעלט פאר איהם, גלייך וויא איך וואלט געווארט אויף זיינע בעפעהלע.

דער קעניג, דער שיפסקאפיטאן און איך זיינען געגאנגען אין קעניגס פאלאץ. דארט האט דער קעניג געעפענט א פלאש ראם און האט טראקטירט זיין פריינד, דעם שיפסקאפיטאן צום לעצטען מאל. ער האט מיר אויך געהייסען טרינקען. איך האב מיך דערמאנט, וואס בען בראס האט מיר אנגעזאגט, און איך האב געטרונקען.

דיא פלאש איז ענדליך געווארען לעדיג. דער שיפסקאפיטאן האט אבשיעד גענומען פון'ם קעניג און איז זיך אוועקגעגאנגען. אזוי וויא דעם קעניגס פאלאץ איז געווען נור א געצעלט פון ברעטער, ליינוואנד און פעל פון ווילדע טהיערע, האב איך געקענט זעהן, וויא דער שיפסקאפיטאן איז צוגעקומען צום ברעג, וויא ער האט זיך אריינגעזעצט אין זיין באאט און וויא ער איז צוגעפאהרען צו דער „ראפינא".

יעצט בין איך געווען גאנץ אליין, א שקלאף ביי א שווארצען, ווילדען אפריקאנישען קעניג! איך וואלט געדארפט וויינען, שרייען און ליארמען. איך האב

עס אבער נים געמאָהן. איך האָב זאָגאר געוויעזען, אז איך בין פרעהליך און האָב געטרונקען דעם ראָם, וועלכען זיינע שווארצע מאיעסטעט האט מיר יעצט אליין דערלאנגט מיט זיינע קעניגליכע הענד. נאך מעהר, איך האָב מיך פערשטעלט, אז איך וויל נאָך ראָם און האָב עס געזאָגט דעם קעניג. ער איז געווען אזוי פריינדליך, אז ער איז באלד אליין אריינגעלאָפען אין א קעמעריל, וואו ער האט געהאלטען זיין ראָם, און האט מיר געבראכט צוויא פלעשער מיט א מאל. זיינע ווילדע מאיעסטעט, קעניג דשינגאָ איז געווען צופריעדען מיט מיר.

24-טעם קאפיטעל.

ווידער אויפ'ן שיף.

דער קעניג איז געווען זעהר פריינדליך געגען מיר. דאס האט מיך אבער זעהר וועניג געפרעהט. איך האב אויף קיין פאלל נים געקענט פערשטעהן, צו וואס ער האט מיך געקויפט.

— וואס וויל ער מאכען פון מיר? האב איך מיך געפרעגט. וויל ער מיך מאכען פאר זיין ערשטען מיניסטער? וויל ער מיך פערהייראטהען מיט איינער פון זיינע שווארצע טעכטער און מאכען פון מיר אפרינץ, פיעלייכט נאר אקראָנ־פרינץ? אדער פיעלייכט וויל ער נאר מאכען פון מיר אשקלאף? פיעלייכט וויל ער, אז איך זאל איהם בעדינען, ווען ער וועט עסען? — פיעלייכט איז עס נאר ביי איהם אן עהרע, אז אווייסער מענש זאל איהם בעדינען?

איך האב פערשטאנען, אז ווען איך וועל נור זיך בעמיהען איהם צו גע־פעלען, וועל איך לעבען ביי איהם גאנץ רוהיג און צופריעדען און עס איז זעהר מעגליך, אז מיט דער צייט וואלט איך געזעסען אויפען טראהן פון קעניג דשינגא מוואמבא. אזעלכע פעלע זיינען פארגעקומען אין אפריקא און אין אמעריקא, עס האט זיך געמאכט, אז אווייסער מענש איז פערשלאגען געווארען אין א ווילדע געגענד אין אפריקא און איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון אווילדען קעניג. ער האט עפעס געוויעזען דעם קעניג אדער ער איז אזוי געפעלען דעם קעניג און ער האט איהם געהאלטען ביי זיך. דאן איז דער קעניג געשטארבען און דער ווייסער מענש איז געבליבען הערשער אין לאנד.

אזעלכע פעלע זיינען פארגעקומען אין אינדיען. דיא קעניגין פון אאוד האט געהייראטהעט אן ענגלישען אפיציער און האט איהם געמאכט פאר קעניג פון לאנד אאוד.

איך האב אלזא געהאט דיא בעסטע האפנונג צו ווערן מיט דער צייט א קעניג. ליידער, האט מיך קעניג דשינגא אזוי געעקעלט, אז עס פלעגט מיר ווערן נים גוט, ווען איך פלעג שטעהן אדער זיצען לעבען איהם. ערשטענס, גיבען דיא נעגערן ארויס פון זיך א שרעקליכען, זעהר אונאנגענעהמען גערוך. — זיי שטינ־קען. דאס איז נאר קיין וואונדער. זיי רייניגען קיין מאהל נים זייערע האר, קע־מען זיך נים און וואלגערן זיך אין אלערליי שמוץ. אויסערדעם שמירען זיי זיך

ארים מיט אלמען, פערשטונקענעם אייל אום זיך צו שיצען נעגען פליענען און מאסקיטאָס. צווייטענס, האב איך ניט געקענט ליידען זיין ווילדקייט און זיין גראַבּהייט. ווען איך בין געשטאנען לעבען איהם, האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ער וויל מיך אויפעסען.

איך וויים ניט, וואס עס וואלט געווארען פון מיר, ווען איך זאל געוועז אריינפאלען אין זיינע הענד און בען בּראַס זאל ניט געוועז אפּרעדען מיט מיר, אז איך זאל אנטלויפען. איך ווייס נור, אז אין דער צייט, וואס איך האב געטרונקען מיט איהם, בין איך געזעסען, וויא אויף הייסע קוילען.

קוים פלעגט זיך קעניג דשיננא אביסעל פערטראכטען אדער אוועק קוקען, פלעג איך אקוק טאהן דורך אשפּאלט פון זיין געצעלט אויף ד׳א „ראַפינאַ״. איך האב געזעהן, וויא מען ציעהעט ארויף דיא באָטע אויף דער „ראַפינאַ״, וויא מען בעפעסטיגט זיי; וויא דיא מאטראזען לויפען ארום און מאכען צורעכט דיא זעגעל. איך האב געזעהן, וויא מען ציהט ארויף דעם שווערען אנקער. ענדליך האב איך געזעהן, וויא דיא „ראַפינאַ״ הויבט זיך אהן צו ריהרען.

עס האט מיר פערקלעמט ביים הארצען און איך וואלט אנגעהובען צו וויינען, ווען איך זאל מיך ניט געוועזן דערמאַנען אן דיא ווערטער, וועלכע בען בראַס האט מיר געזאגט, ווען ער האט אבשיעד גענומען פון מיר. איך האב איבערגעטראכט אלע מעגליכע פלענער, וויא צו אנטלויפען. איך האב גערעכענט, איך זאָל אנטלויפען צום ענגלישען קאָנסול, וועלכער האט געוואינט צוואנציג-דרייסיג מייל ווייט פון דעם ארט, וואו קעניג דשיננא האט אויפגעשלאָגען זיין לאגער.

איך האב צוואר געוואוסט, אז דיעזער ענגלישער קאָנסול איז קעניג דשיננאַ׳ס בעסטער פריינד. זיי האָבען זאָגאר צוזאַמען געהאנדעלט מיט שקלאפען, ער איז אבער דאָך אנ׳ענגלענדער, א ציוויליזירטער מענש, א ווייסער מענש. אלזא וועט ער דאך מיטלייד האבען מיט מיר.

ענדליך האב איך געדאכט, איך זאָל אנטלויפען צום ברעג פונ׳ם מעער, און זאָל דאָרט ווארטען, ביז עס וועט אנקומען א שיף. קורץ, איך האב מיך ענטשלאָסען צו אנטלויפען. וועל איך קענען אניאגען דיא „ראַפינאַ״ איז געוויס גוט. דאָרט האב איך דאך מיין פריינד און בעשיצער, בען בראַס. וועט דאס אבער זיין אונמעגליך, דאן מוז איך אנטלויפען צום ענגלישען קאָנסול אדער צום ברעג פונ׳ם אטלאנטישען מעער.

אונטערדעסען האָט קעניג דשיננאַ געוואָלט מיך צו ציהען צו זיך. ער האט מיך גענלעט, האט מיר געהייסען טרינקען, האט עפּעס גערעדט צו מיר. איך האב אבער ניט געקענט פערשטעהן, וואס ער האט גערעדט צו מיר, ווייל קעניג דשיננאַ האט געקענט נור עטליכע ענגלישע ווערטער, וויא ראַם, פּולווער און פּרעזענטען אויסער דעם איז ער געוועזן אזוי בעטרונקען, אזוי שיכור, אז זיינע אייגענע אונטערטהאנען וואָלטען איהם ניט פערשטאנען.

איך בין געוועזן זעהר צופריעדען, וואס זיינע מאַיעסטעט איז געוועזן אזו

בעטרונקען און האב איהם אלע מאָל דערלאַנגט דיא פלאַש ראָם. איך האב מיך פערשטעלט, וויא איך טרינק, אום אז ער זאל אויך טרינקען. און ער האט גע־טרונקען. זיין קאָפּ איז געוואָרען אלע מאָל שווערער. זיין צונג האט זיך קוים געריהרט און זיינע אויגען האבען זיך פערמאַכט.

ער איז אַניעדערגעפאַלען אויף א הויפען פעל, וועלכע זיינען געלעגען אין א ווינקעלע אין זיין געצעלט, און איז באלד אנטשלאָפען געוואָרען. אייניגע מינוט שפעטער, האט ער געחראָפעט, וויא אַן׳אָקס.

איך האב געטאַנצט פאר פרייד. איך בין געוועזען אליין מיט איהם אין גע־צעלט. מיין ערשטער געדאַנק איז געוועזען, איך זאָל נעהמען מיין מעסער און זאָל איהם איבערשניידען דעם גארגעל. ווען איך האב אבער גענומען דאס מעסער אין דער האנד, האב איך מיך דערשראָקען פאר זיך אליין. עס איז ניט לייכט צו טויטען א מענשען. מען מוז האבען געגוג מוטה און געגוג פרעכהייט אום צו צוגעהן צו א לעבעדיגען מענשען און איהם צושניידען דעם האלז.

איך האב באלד אריינגעשטעקט דאס מעסער צוריק אין גארטעל און בין צוגעלאָפען צום אריינגאנג אין קעניגליכען פאַלאַץ. איך קען עס ניט רופען טהיר, ווייל עס איז געווען נור א פעל, וועלכעס האט פערשטעלט דיא עפענונג אין גע־צעלט. איך האב א קוק געטאהן אין דרויסען און האב דערזעהן, וויא דיא „ראַ־פינא“ שווימט לאַנגזאם און פאָרזיכטיג אראָפּ וואסער. דער שיפסקאַפּיטאַן האט זיך ניט געאיילט. ער האט געוואלט ארויספאָהרען אין מעער ערשט נאך האלבע נאכט, ווען אלע וועלען שלאָפען אויף דעם ענגלישען שיף.

איך בין ארויסגעגאַנגען פון קעניגס געצעלט און האב מיך אומגעקוקט. עס איז קיינער ניט געווען. דעם קעניגס מיניסטאָרען, גענעראַלען און הויף דיענער זיינען געשטאַנען ביים ברעג טייך און האבען געקוקט, וויא דיא „ראַפינא“ שווימט זיך לאַנגזאם אויפ׳ן וואסער. אייניגע האבען זאָגאר עפּעס געשריען צו דיא מאַט־ראָזען פון דער „ראַפינא“ און דיא מאַטראָזען האבען זיי עפּעס געענטפערט.

איך האב מיך צוואר געוואונדערט, וואס זיינע שווארצע מאַיעסטעט האט ניט אויסגעשטעלט קיין וואכען ארום זיין פּאַלאַץ, איך בין אבער דערמיט געווען זעהר צופריעדען.

איך בין געשטאַנען אייניגע מינוט און האב זיך איבערלעגט וואס צו טאָהן. באלד האב איך מיר איבערלעגט, אז יעצט איז דיא בעסטע צייט צו אנטלויפען. זיינע מאַיעסטעט איז געשלאָפען געשמאַק. זיינע דיענער און מיניסטאָרען זיינען געשטאַנען ביים טייך.

— איך מוז ריזיקירען! איך מוז אנטלויפען! האב איך געזאָגט צו מיר אליין.

איך בין שטילערהייט אריינגעגאַנגען אין ווילדען וואלד און האב מיך בעד־האַלטען צווישען דיא בוימער. דאן האב איך אנגעהויבען צו קריעכען שטילער הייט אין דער זייט, וואו דיא „ראַפינא“ איז אוועקגעפּאָהרען. איך בין געווען זי־

פער, אז בען בראס ערוואַרטעט מיך. איך האב געוואוסט, אז ער וועט האַלטען זיין וואָרט.

איינינע צייט בין איך געגאַנגען אין וואַלד און האב מיך דערווייטערט פון׳ם קעניגס לאגער, דאן האב איך מיך אויסגעדרעהט און בין געגאַנגען צום ברעג פונ׳ם טייך.

עס איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען איך בין צוגעקומען צום טייך. איך האב אקוק געטאהן אויפ׳ן וואסער און האב געזעהן, אז דיא „ראַפּינאַ“ איז אונ־טערדעסען אוועקגעפאהרען גאַנץ ווייט. וויא לאַנגזאם זיא איז געגאַנגען, איז זיא דאך געגאַנגען אראָפּ וואסער און איך האב יעצט געמוזט אנווענדען אלע מיינע קרעפטע, איך זאָל זיא אָניאָגען. איך האב געמוזט לויפען.

וואָלט געווען אַן׳אויסגעטראָטענער וועג ביים ברעג פונ׳ם טייך, וואלט איך זעהר לייכט געקענט זיא אניאגען. דיא ברעגעס פונ׳ם טייך זיינען אבער געווען פער־וואַקסען מיט בוימער און מיט דערנער. איך האב געמוזט מיר דורכשניידען א וועג. עס איז געווען א הארטע און שווערע ארבייט. פון לויפען האט קיין רעדע ניט געקענט זיין. איך האב נור געוואָלט האסטיג געהן. דאס וואלט אויך גענוג געווען פאר מיר.

צום גליק פאר מיר, איז דיא נאכט געווען א העלע. דער מאָנד האט גע־שיינט קלאָר און העל. מיליאנען שטערן האבען געלייכט און געפינקעלט אויפ׳ן הימעל. איך האב געזעהן, וואוהין צו געהן. איך האב געזעהן דיא „ראַפּינאַ“. איך בין געווען זיכער, אז בען בראס וואַרט אויף מיר און איך בין געלאָפען, וויא ווייט איך האב געקענט, דאס הייסט, וויא ווייט דיא בוימער און דיא דערנער האבען עס מיר ערלויבט.

זעהר אפט האב איך געמוזט בלייבען שטעהן. איך האב דערזעהן ווילדע נעשטאַלטען ביים וואסער. דאס זיינען געווען ווילדע טהירע, וועלכע זיינען געקור־מען טרינקען. איך האב קיין צייט ניט געהאט זיי צו בעטראַכטען. איך בין גע־ווען צופריעדען, וואס זיי האבען מיך געלאָזען צו רוה.

וויא איך בין שפּעטער געוואָהר געווארען, האבען זיך אין דיעזער געגענד געפונען נור שטילע טהירע, וויא אַנטילאָפּען און היפּאָפּאָטאַמוס (ניל־פערד), א גרויסעס און שווערעס ווילדעס טהיער, וועלכע נעהרט זיך אבער נור פון גראָז. גאַנץ ווילדע טהירע זיינען אין דיעזער געגענד ניט געווען. אלענפאלס האב איך געמוזט געהן מעהר פאָרזיכטיג, איך האב אבער געמוזט געהן און איך בין געגאַנגען. איך בין געלאָפען, וויא ווייט איך האב געקענט.

איך בין געלאָפען אום זיך צו רעטען, אויף מיין שטערן זיינען ארויסגעטרע־טען גרויסע טראָפּען שוויים. דיא שטעכענדיגע דערנער האבען געריסען מיין לייב, איך האב עס ניט געהערט, איך בין ווייטער געלאָפען, ווייטער געגאַנגען, מיך ווייטער געריסען.

ענדליך איז עס מיר געלונגען. איך האב דערגרייכט דיא „ראַפּינאַ“! איך

בין נעשטאַנען נעגען איהר. וויא אזוי קומט מען אבער צו צו איהר? זיא איז נעשוואומען אין דער מיט פון׳ם טייך. איך האָב אלזא נעמוזט מיך אריינוואַרפען אין וואַסער און צו שווימען צו איהר.

איך האב אייך שוין דערצעהלט, אז איך בין נעווען א פאַרטרעפליכער שווי־מער. עס איז ביי מיר נעווען א קלייניגקייט צו צושווימען אזא קליינע שטרעקע, וויא דער טייך, אין וועלכען דיא „ראַפּינאַ" איז יעצט נעשוואומען. איך בין נעווען זיכער, אז בעון בראַס ווארט אויף מיר. אנ׳אנדער גדאַנק אבער האָט מיך אויפ־נעהאַלטען. איך האב מורא נעהאַט פאַר דיא קראָקאָדילען. איך האב מיך דער־מאנט אן דעם אונגליקליכען שפּאַניער. עס האט זיך מיר פארגעשעלט דיא שרעקליכע סצענע, ווען דער קראָקאָדיל האט איהם אנגעחאַפּט ביי דיא פּלייצעס און האט איהם אראָפּגעשלעפּט אונטערן וואַסער.

— איך אנלויף פון קעניג דשינגא אום אריינצופאַלען אין דיא שאַרפע צעהנער פון א קראָקאָדיל! — האב איך אויסגערופען.

עס איז אבער קיין צייט נעווען פיעל צו רעדען און צו טראַכטען. איך האב נעמוזט מיך ענשליעסען אריינצושפּרינגען אין וואַסער אדער וויטער צו לויפען אין ווילדען וואַלד. לאַנג טראַכטען און זיך איבערלעגען האב איך ניט געקענט. דיא „ראַפּינאַ" איז ניט נעשטאַנען אויף איין ארט. בלייבען אין וואַלד האב איך מורא נעהאַט, קעניג דשינגאַ מיט זיינע מענשען קענען זיך נאָכיאָגען נאך מיר און מיך חאַפּען.

איך בין אריינגעשפּרונגען אין וואַסער און האב אנגעהויבען צו שווימען.

פּלוצלונג האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז א קלאָץ אדער א שטיק האָלץ שווימט ניט ווייט פון מיר. אנפאַנגס האב איך מיך דערפרעהט: אויף א קלאָץ איז לייכטער צו שווימען, מען קען זיך אפּרוהען און מען קען זיך אויף איהם רע־טען אין א נויט. איך האב פּראָבירט צו שווימען נעהנטער צום קלאָץ. קוים בין איך אבער צו נעשוואומען אויף צעהן שריט פון איהם, האט זיך דער קלאָץ אנגעהויבען צו ריהרען און האט א פּאַטש נעטאָהן אויפ׳ן וואַסער מיט זיין בריי־טען און שטאַרקען עק.

איך בין אפּגעשפּרונגען פון איהם מיט שרעק. דאָס איז נעווען א קראָקאָ־דיל! מיינע האָר האבען זיך אויפגעשטעלט אויף מיין קאָפּ, וויא שפּיזלעך. מיין בלוט איז מיר פערקיהלט נעוואָרען אין מיינע אדערן, און איך בין יעצט נע־שוואומען מיט אלע מיינע קרעפטע. איך בין געלאָפען, איך בין אנטלאָפען.

דער קראָקאָדיל האט זיך אויך אנפאַנגס דערשראָקען פאַר מיר. ער האט נעוויס ניט ערוואַרטעט, אז אזא נעשמאַקער פריהשטיק זאָל איהם אזוי לייכט אריינפאַלען אין מויל. עס האט זיך אנגעהויבען א זאָנדערבאַרע יאַגד: א קראָ־קאָדיל האט זיך נאָכגעיאָגט נאך א מענשען!

איך בין נעשוואומען מיט אלע מיינע קרעפטען. איך בין נעווען א גוטער שווימער און דיא נעפאַהר האט מיר נעגעבען ריעזענקרעפטע. וואָס האט עס

אבער געהאלפען? דער קראָקאָדיל איז געווען פלינקער פון מיר. ער האט מיך באַלד אנגעיאָגט.

דער קראָקאָדיל געגעהרט זיך געוועהנליך פון פיש. ער האט אבער ניט שטאַרק ליעב קאַלטע שפייזען. ער האט ליעב א מענשען אדע א טהיער מיט ווארעמעס בלוט. ער לעגט זיך אניעדער ביים ברעג, האַלט אפען דאס מויל און ווארט, ביז עס קומט צו צום וואסער א טהיער טרינקען. דאַן חאַפּט ער עס און ביים פוס און שלעפּט עס אריין אין וואסער. געפעהרליך ווערט דער קראָקאָדיל, ווען ער פערזוכט א מאל מענשען פלייש. דאַן זוכט ער צו חאַפּען נור מענשען. דאס מענשענפלייש געפעלט איהם אזוי, אז ער וויל שוין קיין אנדערע זאַך ניט עסען. ער זוכט דאַמאַלס אויס דיא ערטער, וואו מענשען קומען זיך באדען אדער שעפּען וואסער, לעגט זיך אניעדער ביים ברעג און חאַפּט זיי. עס מאַכט זיך זעהר אפט, אז א נעגערס פרוי געהט אָנשעפּען וואַסער. דער קראָקאָדיל האַפּט זיא אן ביי דיא הענד און שלעפּט זיא אריין אין וואסער.

דיא נעגער מאַכען דאַהער א סאָרט צוים, א פּאַרקען אין וואסער. זיי שלאָגען אריין פלעקער אין וואסער אין א געוויסען ארט אין א האלבען צירקעל און זייערע פרויען און קינדער געהן שעפּען וואסער אדער זיך באדען נור אין דעם פּאַרקען.

דער קראָקאָדיל איז זעהר שטאַרק. ער חאַפּט אמאל אן א לייב ביי א פוס און שלעפּט איהם אריין אין וואַסער. וויא שטאַרק דער לייב איז, קען ער דאָך ניט בעשטעהן געגען א קראָקאָדיל. ווער עס האט אמאל געזעהן א קראָקאָדיל, דער האט געוויס בעמערקט, אז דער קראָקאָדיל האט א זעהר גרויסעס מויל, וועלכעס פערנעהמט כמעט דיא העלפט פון זיין קערפּער. דאס מויל האט צוויא רייהען שפּיציגע צעהנער. ווען דער קראָקאָדיל חאַפּט עפּעס אריין אין מויל, איז עס אונמעגליך ביי איהם ארויס צו רייסען. זיין מויל פערמאַכט זיך אזוי פעסט, וויא א מאַשין.

איך האב דאָס אלעס געוואוסט. בען בראַס האָט מיר דערצעהלט פיעלע געשיכטען פון קראָקאָדילען. ווען איך האָב געזעהן, וויא א קראָקאָדיל האט צור־ריסען דעם שפּאַניער, האב איך מיך זעהר אינטערעסירט צו וויסען אלעס איבער דיעזעס זאנדערבאַרע טהיער, וועלכעס לעבט אין וואַסער און אויפ'ן לאַנד. אזא טהיער רופען דיא געלערנטע א מ פ י ב י ע.

מיין ציעל איז געווען דיא „ראַפּינאַ“. איך בין שוין געווען גאָר ניט וויט פון איהר. דער קראָקאָדיל אָבער האט מיך ניט אָפּגעלאָזען. מיין איינציגע רעט־טונג איז געווען זיך אויסצודרעהן פון איהם. דער קראָקאָדיל קען ניט אויסדרעהן דעם קאָפּ. ער מוז זיך אין גאַנצען אויסדרעהן. ער שווימט גלייך. איך האב אַלזאָ געמוזט זעהן, וואוהין ער שווימט און ווארפען זיך אָן א זייט.

בען בראַס האט געהאַלטען ווארט. ער איז געשטאַנען אויפ'ן שיף און האט ־זן, וואָס עס איז פּאַרגעקומען מיט מיר אין וואסער. ער האט געהאַלטען א

שטריק אין דיא הענד און איז געווען בערייט מיר צו צו וואָרפען דעם שטריק, ווען איך וועל זיין גענוג נאהענט צום שיף. ער האט זעהר גוט געזעהן דיא געפאהר, אין וועלכע איך האב מיך געפונען, ער האט מיר אָבער ניט געקענט העלפען. ער האט מורא געהאט צו שרייען און צו בעטען הילף ביי זיינע קאמעראדען. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אז קוים מאכט ער געוואלד, וועט מען מיך צוריק שיקען צום קעניג דשינגאָ. ווען מיר וועלען שוין זיין ווייט פון אפריקא און דער שיפסקאַפּיטאַן וועט געוואהר ווערן, אז איך געפין מיך אויף זיין שיף, וועט עס איהם ניט הארען. יעצט אבער זיינען מיר נאָך צו נאָהענט צום לאַנד.

איך האב אויפגעהויבען דעם קאָפּ איבערן וואסער און האב דערזעהן פאר מיר דאס גרויסע, רויטע מויל פון'ם קראָקאָדיל. נאָך א מינוט און ער וואָלט מיך געווען אנגעחאַפּט מיט זיינע שאַרפע צעהנער. עס איז מיר אבער ניט בעשערט געווען אזוי גיך צו שטאַרבען.

— אהער, בילי! — האט ענדליך בען בראַס א געשריי געטאהן.

דער קראָקאָדיל האט זיך דערשראָקען אויף א מינוט, ווען ער האָט דערהערט דיא שטימע פון א מענשען. איך האב בעקומען פרישען מוטה און בין צו געשוואומען נעהנטער צום שיף. — פלוצלונג האב איך דערהערט — פּלוּך! און איינער האט מיך אנגעחאַפּט ביים קאָפּ.

דאס איז געווען בען בראַס. ער האט צוגעבונדען איין עק שטריק צום שיף און מיט דעם אנדערן עק האט ער זיך ארומגעבונדען ארום לייב. דאן האט ער זיך אריינגעוואָרפען אין וואסער און האט מיך אנגעחאַפּט.

— שנעל, בילי! לאָמיר קלעטערן אויפ'ן שטריק! — האט ער אויסגעררפען. — דוא דארפסט דאנקען דעם פּראַנצויז לעגראַ, וואָס ער האָט דיך דאמאלס אויסגעלערנט קלעטערן אויפ'ן זעגעלבוים.

מיר האבען זיך אויפגעהויבען קוים דרייא פוס פון'ם וואסער, ווען דער קראָקאָדיל איז צוגעקומען צום שיף, האט אויפגעעפענט זיין גרויסעס מויל און האט אונז געוואלט אנחאַפּען. ווען ער האט געזעהן, אז ער קען אונז ניט דערגרייכען, האט ער אויף אונז געוואָרפען אזא שרעקליכען בליק, אז איך האָב אציטערט געטאָהן. ווער עס האט ניט געזעהן קיין גערייצטען קראָקאָדיל, דער קען גאר קיין בעגריף ניט האבען, וואָס פאַר בייזע אויגען דיעזעס ווילדע מהיער האט.

מיר זיינען באלד ארויפגעקלעטערט אויפ'ן שיף און בען בראַס האט מיך אוועקגעפיהרט אין א ווינקעלע און האט מיר באלד געבראַכט טרוקענע קליידער.

25טעם קאַפּיטעל.

אַ נייער גאַסט אויף אונזער שיף.

איך בין געווען זיכער, אז אונזער שיפסקאַפּיטאַן האט געוואוסט, אז איך בין ווידער דאָ אויף דער „ראַפּינאַ". פיעלע מאַטראָזען האבען געוויס געזעהן, וויא דער קראַקאָדיל האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר. פיעלע האבען געוויס גע־

הערט דעם קלאפּ, ווען בען בראס האט זיך אריינגעווארפען אין וואסער. עס האט איהם אָבער ניט געהארט. ער איז זאָגאר געווען צופריעדען, וואס ער האט אָפּגענאַרט זיין פריינד, דעם קעניג דשינגא.

איך האב מיך דאן איבערציינגט, אז פיעלע מאטראָזען זיינען געווען אונצופריעדען, וואס דער שיפּסקאַפּיטאן האט מיך פערקויפט. וויא שלעכט, פערדאָרבען און פערגרעבט זיי זיינען געווען, איז זיי דאך ניט געפעלען, וואס א ווייסער מענש האט פערקויפט אַן'אנדער ווייסען מענשען צו א נעגער פאר א שקלאף.

דיעזע נאכט בין איך איבערגעלעגען בעהאַלטען אין א ווינקעלע. דעם אַנדערן טאג האב איך מיך ארויסגעוויעזען און קיינער האט מיר ניט געזאגט קיין וואָרט. קיינער האט מיך ניט געפרעגט, וויא אזוי איך בין צוריקגעקומען אויף דער „ראַפּינא“. יעדער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, גלייך וויא עס וואלט גאָר ניט-געשעהן.

עס איז זעהר מעגליך, אז ווען קעניג דשינגא זאָל געווען נאָכשיקען א באָאָט און זאָל געווען פאָדערן פון'ם שיפּסקאַפּיטאן, אז ער זאָל מיך ארויסגעבען, וואלט דאס דער שיפּסקאַפּיטאן געטאהן. קעניג דשינגא איז אבער געשלאָפען געשמאק, און ווען ער האט זיך אויפגעכאפּט, האט ער געהייסען מיך זוכען ערגעץ אנדערש.

איך האב דיא גאנצע נאכט געציטערט, אז מען זאָל אונז ניט נאָכיאגען. עס איז אבער ניט געשעהן און א נייע טעגע האט זיך מיר פאָרגעשטעלט, וועלכע האט געמאכט, אז איך זאָל פערגעסען אן דיא אלטע ליידען.

דיא „ראַפּינא„ איז געשוואומען לאַנגזאם און פאָרזיכטיג. זיא האט דאך געוואוסט, אז דער ענגלישער קרייצער שטעהט פעראנקערט נאָר ניט ווייט. געגען דרייא אוהר פאר טאָג איז דער מאָנד אונטערגעגאנגען. עס איז געווארען דונקעלער. דיעזע מינוט האט געוואָלט בענוצען אונזער שיפּסקאַפּיטאן אום ארויסצופאָהרען פון טייך אין דעם פרייען און אָפענעם וועלט מעער. און דאָס איז איהם אויך געלונגען.

ווען דיא „ראַפּינא“ איז צוגעקומען צו דעם ארט, וואו דער טייך גיעסט זיך אריין אין מעער, האבען מיר דערזעהן דעם ענגלישען קרייצער ליעגען גאנץ שטיל אין דער רעכטער זייט פון'ם טייך. מיר האבען געזעהן דאס שיף גאנץ דייטליך. מיר האבען געזעהן זיינע זעגעל בוימער. מיר האבען געזעהן דיא ליכט פון זיינע לאנטערנען. פון איין זייט האט געברענט א רויטע לאנטערנע און פון דער אנדערער זייט א גריינע.

דיא וואכען אויף דעם ענגלישען קרייצער האבען אונז ניט בעמערקט, אדער האבען זיך געמאכט, אז זיי בעמערקען אונז ניט, ביז דיא „ראַפּינא“ איז ארויסגעפאהרען אין מעער. דיא מאטראָזען פון דער „ראַפּינא“ האבען זיך שוין געפרעהט, אז עס איז זיי געלונגען צו אנטלויפען.

פּלוצלונג האבען מיר דערהערט פויקען און פייפען אויפ'ן ענגלישען שיף. מען האט אנגעצונדען דיא לאנטערנעס. פון דעם קוימען האט אנגעהויבען ארויס-

צוגעהן א דיקער, שווארצער רויך. אויפען דעק האבען אנגעהויבען ארומצולויפען מענשען און דיא מאטראָזען האבען אנגעהויבען צו קריכען אויף דיא זעגעל־בוימער.

אונזער שיפסקאפּיטאַן האט זעהר גוט געוואוסט, וואס מען מיינט דערמיט. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז דער קרייצער מאכט זיך פערטיג אונז נאָכצוּ־אָגען און ער האט אנגעהויבען ארויסצוטהיילען זיינע בעפעהלע. וואלט דיא „ראַ־פינאַ" געווען מיט א פּאַר מייל וייטער, וואלט דער קאפּיטאַן שוין געוואוסט, וויא אזוי צו אנטלויפען. מיר זיינען אבער געווען נאך צו נאָהנט צום לאַנד ווען דער ענגלענדער וואלט אויסגעשטעלט זיינע קאַנאָנען געגען אונז און וואלט אויס־געשאָסען מיט אלע קאַנאָנען פון איין זייט, וואלט ער געווים געווען געטראָפען אין בויך פון דער „ראַפּינאַ" און מיר וואלטען אלע דערטרונקען געוואָרען.

דאס האט אבער ניט געוואָלט דער שיפסקאפּיטאַן פון'ם ענגלישען קריעגס־שיף. [redacted]ער האט געוואָלט אונז פאנגען לעבעדיגערהייט. עס איז זעהר מעגליך, אז ער האט געוואלט זיך בעריהמען אין לאָנדאָן, אז ער האט געפאנגען אזא גרויסעס שיף. ער האט זעהר געוואלט זיך נאכיאגען נאך אונז און פאנגען דיא „ראַפּינאַ", וויא זיא שטעהט און געהט.

— דער טייפעל! ער האט ניט ארויפגעצויגען דעם אנקער, — ער האט איהם אפּגעשניטען! האט דער ערשטער אָפיצער פון דער „ראַפּינאַ" אויסגערר־פען. ער איילט זיך. ער וויל אונז פאנגען!

איך האב געזעהן, וויא ער איז ארויפגעלאָפען אויפ'ן בריקעל און האט עפּעס אנגעהויבען צו רעדען מיט'ן שיפסקאפּיטאַן. זיי האבען זיך בעראטהען וואס צו טאהן אין אזא פאלל.

אזוי, וויא איך האב נאך ניט געהאט קיין ארבייט און אלע זיינען געווען שטארק בעשעפטיגט, האב איך צייט געהאט זיך צו צו קוקען און צו צו הערן צו אלעס, וואס איז פארגעקומען אויף אונזער שיף און אויף דעם ענגלישען קרייצער. איך האב געזעהן, וויא דער ענגלענדער דרעהט זיך אוים און געהט אויף אונז.

צו מיין גרעסטען ערשטוינען האב איך דערזעהן, אז אונזער שיפסקאפּיטאַן האט אויסגעדרעהט דיא „ראַפּינאַ" און האט זיא געפיהרט גלייך אויף דעם ענ־גלענדער. דאס האב איך אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן. ניט נאר איך האב עס אנפאנגס ניט פערשטאנען, זאנדערן זאגאר פיעלע פון דיא בעסטע מאַ־טראָזען פון דער „ראַפּינאַ", האבען ניט געקענט פערשטעהן, וואס אונזער שיפּס־קאפּיטאַן טהוט און צו וואס ער פאהרט געראדע צו זיין ערגסטען פיינד, וועלכער איז פיעל שטארקער פון איהם?

באלד אבער האבען מיר דערזעהן, וואס פאר א קונסטשטיק אונזער שיפּס־קאפּיטאַן האט אויפגעטאהן. ווען דער ענגלענדער האט דערזעהן, אז דיא „ראַ־פינאַ" דרעהט זיך אוים און געהט גלייך אויף איהם, האט ער זיך גלייך אויסגע־דרעהט און האט געלאזען דיא „ראַפּינאַ פאהרען, וואוהין זיא האט געוואלט. ער־

איז דאך שוין געווען זיכער, אז ער האט זיא שוין אין דיא הענד. ווען ער שיעסט אויס נור מיט דיא צווייא גרויסע קאנאנען, וועלכע זיינען געשטאנען ביי איהם אין פראנט, וואלט ער געקענט דורכלעכערין דיא „ראפינא“ און מאכען, אז זיא זאל אונטערגעהן. ער איז אלזא זיכער, אז ער האט איהר שוין.

דיא „ראפינא„ איז אונטערדעסען געפאהרען צוריק, גלייך וויא זיא האט געוואלט אריינגעהן צוריק אין טייך, פון וואנען זיא איז נור וואס ארויסגעקומען.

איך האב שוין פריהער דערצעהלט, אז ניט וויט פון דעם ארט, וואו דער טייך איז אריינגעפאלען אין וואסער, האט זיך געפונען א קליינע אינזעל, וועלכע איז געווען בעוואקסען מיט א געדיכטען וואלד. פון דערווייטען האט מען געקענט מיינען, אז דאס איז דאס לאנד, ווייל צווישען דער אינזעל און דעם לאנד איז געווען נור אגאנץ שמאלער קאנאל. דאס איז געווען דאס קונסטשטיק פון אונזער שיפסקאפיטאן. אנשטאט אריינצופאהרען אין טייך, איז ער אריינגעפאהרען אין דעם שמאלען קאנאל.

דער ענגלענדער האט עס דערזעהן און איז איהם נאכגעלאפען. ביי דעם אריינגאנג פון קאנאל האבען זיך אבער געפונען צווייא שטיינער אונטערן וואסער. אין דער צייט פון דער פלוט, וואו דאס מעער קומט צו צו דיא ברעגעס, זיינען דיא שטיינער געווען בעדעקט מיט וואסער. אין דער צייט פון דער עבבע, ווען דאס מעער געהט אוועק פון דיא ברעגעס, האט מען ארויסגעזעהן דיענע צווייא שטיינער.

יעדער, ווער עס וואינט ביים מעער ווייס, אז אלע זעקס שטונדען קומטצו דאס מעער צו זיינע ברעגעס און פערדעקט זיי. דיעזע צייט הייסט פלוט. דאן ציהט זיך דאס מעער צוריק און דיא ברעגעס בלייבען טרוקען. דיעזע צייט הייסט עבבע.

אונזער שיפסקאפיטאן האט געוואוסט, אז צווישען דיא צווייא גרויסע שטיי־נער געפינט זיך א גאנץ שמאלער וועג. א שיף קען דורכגעהן צווישען. דיא שטיי־נער, ווען מען קען דעם וועג און מען פאהרט פארזיכטיג; קוים אבער איז מען ניט פארזיכטיג, קען דיא שיף ארויף אויף איינער פון דיעזע שטיינער, דאן איז עס פערלארען. ער האט אלזא פערנארט דעם ענגלישען קרייצער. ער האט איהם פערפיהרט אויפ'ן ריף.

מיינע לעזער וועלען מיר ענטשולדיגען, וואס איך וועל זיי אביסעל לאנג־ווײלען און וועל זיי דערצעהלען, וואס א ריף איז. אין פיעלע ערטער אין מעער געפינט זיך א גאנץ קליינעס טהיערע מיט'ן נאמען פאליפ אדער קאראלין פאליפ, ווייל זיא מאכט דיא קאראלען (קרעלען), וועלכע אונזערע עלטער מוטער פלעגען טראגען אויפ'ן האלז אלס ציערונג. אין דיא ערטער, וואו דיעזע פאליפען געפינען זיך, זיינען זיי דא אין טויזענדער מיליאנען. דיא רויטע קאראלען (קרעלען) זיינען זייערע הייזער. זיי וואינען דארט, לעבען דארט, פערמעהרען זיך דארט און שטאר־בען דארט.

זיי הויבען אָן צו בויען זייערע הייזער — דיא קאָראַלען, — גאַנץ טיעף אין מעער און בויען זיי אין א גרויסען קרייז, א גרויסען ראָד. זייערע קינדער, דיא צווייטע גענעראַציאָן, דער צווייטער דור, בויט שוין א צווייטען עטאַזש. דיא דריי־טע גענעראַציאָן בויט א דריטען שטאָק. אזוי פערגעהן הונדערטער יאָהרען און דיא געביידע פון דיעזע קליינע טהיערע וועררען אלץ העכער און העכער, ביז זיי שטעקען ארויס פון וואַסער. עס שטעקט ארויס א גרויסע ראָד פון שאַרפע קאָ־ראַלען. אין דער מיט איז דאס מעער און פון אלע זייטען איז דער ריף, דיא וואנד פון קאָראַלען. דאַמאַלס שטאַרבען אָפּ דיא פּאָליפּען, דיא קליינע בעשעפ־פענישען, ווייל זיי קאָנען לעבען נור אין וואַסער. זייער געביידע אבער, זייער פעסטונג, בלייבט אויף אייביג א פעסטער שטיין.

ווער עס וויל האבען א בעגריף פון דיעזע קליינע בעשעפענישען און פון זייער קונסט צו בויען געביידען, וועלכע זיינען גרויס, וויא בערג, דער זאָל געהן אין א מאַגאַזין פון אַפּטהעקער וואארען אדער אין א מאַגאַזין פון ספּאָנדשעס (גובקע, שוואם) און זאָל קויפען פאר עטליכע סענט Coralia rubea אדער „ניין ברידער בלוט", וויא דיא אידען אין רוסלאַנד רופען עס. עס וועט איהם קאָסטען א קלייניגקייט און ער וועט האבען א גרויסען פערגעניגען. ער וועט זעהן פאר זיך איינע פון דיא וואונדער פון דער נאַטור.

אלזאָ אין אזא ריף האט אונזער שיפסקאַפּיטאַן פערנאַרט דאס ענגלישע קריעגס־שיף. דיא „ראַפּינאַ" איז אריינגעגאַנגען רוהיג און זיכער, ווייל דער שיפס־קאַפּיטאַן האט געוואוסט דעם וועג. דער ענגלענדער איז ארויפגעפאהרען אויף דעם ריף און איז געבליעבען שטעקען, וויא צוגענאַגעלט.

דער ענגלענדער האט צו שפּעט דערזעהן, וויא דער שיפסקאַפּיטאַן פון דער „ראַפּינאַ" האט איהם פערפיהרט און פערנאַררט. ער איז בייז געוואָרען און האט געהייסען שיעסען אויף אונז, אבער צו שפּעט. ער האט זיך ניט געקענט ריהרען, דיא „ראַפּינאַ" אבער איז ארומגעלאָפען און האט זיך אויסגעהיט פון זיינע קוגלען. נור איין מאָל האט א קוגעל געטראָפען אין זעגעל־בוים און האט אפּגעריסען א פּאָר רעען.

אונטערדעסען איז געוואָרען טאָג. דיא זון איז אויפגעגאַנגען און האט בע־לייכטעט דיא שעהנע זעלטענע געגענד. אונזער שיפסקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציער האבען גוט געזעהן, אז דער ענגלענדער זיצט פעסט אויפ'ן שאַרפען ריף און האבען זיך געהאַלטען ביי דיא זייטען פאר געלעכטער.

באַלד איז אנגעקומען דיא עבבע און יעדער פון אונז האט געקענט זעהן, וויא דער ענגלישער קרייצער שטעהט אנגעבויגען אויף א זייט. יעצט האט אונ־זער שיפסקאַפּיטאַן זיך ווידער געשטעלט ביים רעדעל און האט אנגעהויבען ארויסצופיהרען דיא „ראַפּינאַ" פון דער אנדערער זייט קאַנאַל. דאס האט פער־נומען פיעל צייט און האט געקאָסט זעהר פיעל מיה. אונזער שיפסקאַפּיטאַן האט זיך געשפּיעלט מיט א מעסער, וועלכער איז געווען שאַרף פון ביידע זייטען. דיא „ראַפּינאַ" האט אויך געקענט ארויף פאהרען אויף א ריף.

אזוי איז פערגאנגען דיא צייט. איך בין דיא גאנצע צייט געשטאנען אויפ'ן דעק און האב בעטראכט דיא זאָנדערבארע סצענע, וואס האט זיך אָפגעשפיעלט פאר אונזערע אויגען. פּלוצלונג האָט זיך געעפענט דיא טהיר פון א גאנץ קליינע קאיוטע לעבען שיפסקאפּיטאנס קאיוטע און א מעדכען פון א יאהר דרייצעהן־פיערצעהן איז ארויסגעקומען. זיא איז געווען גאנץ שעהן אָנגעטאָהן און האט אויסגעוויעזען צו זיין א קינד פון רייכע עלטערן.

איך בין געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. איך האב געוואוסט, אז אויסער דיא נעגער־פרויען אונטען אין דיא שטאלען געפינט זיך קיין פרוי אויף דער „ראפּינא". אויף אונזער וועג קיין אפריקא בין איך אויסגעווען אין אלע קאַ־מערן, אין אלע קעמערליך און אין אלע קאיוטען פון דער „ראפּינא" און האָב דאָרט קיין מעדכען געזעהן. פון וואנען האָט זיא זיך יעצט גענומען? אויסער דעם איז זיא נאך צו יונג אום צו זיין דעם קאפּיטאנס פרוי אדער זיין געליעבטע. זיא איז נאך געווען א קינד.

— אלזא, ווער איז דיעזעס מעדכען? וויא קומט זיא אהער? פאר וואס האב איך זיא פריהער ניט געזעהן? האב איך אויסגערופען.

אבער קיינער האט מיר ניט געענטפערט אויף מיינע פראגען. אלע מאַט־ראָזען זיינען געווען בעשעפטיגט. דער שיפסקאפּיטאן האט ניט אויפגעהערט צו פייפען און צו רופען. עס איז געווען קיין לייכטע ארבייט ארויסצופיהרען דאס שיף פון דעם קאנאל.

דאס מעדכען האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האט געזעהן, אז אלע זיינען בעשעפטיגט און האט אנגעהויבען צו רופען איינעם אויף פּאָרטוגעזיש. באַלד איז ארויסגעקומען דער נעגער, דער קאָך פון דער „ראפּינא". ער איז צו־געלאָפען צו איהר, האט זיא עפּעס געפרעגט, האט איהר עפּעס געזאגט און איז אוועקגעלאָפען צוריק אין קיך.

דאס מערכען איז נאָך געשטאנען אייניגע מינוט אויפ'ן דעק, דאן איז זיא צוריק אריינגעגאנגען אין איהר קאיוטע. איך האב נאך געזעהן, וויא דער נעגער האט געטראָגען צו איהר וואסער, טעלער, לעפעל, ברויט און אנדערע עסענס.

דאס האט מיך נאך מעהר פעראינטערעסירט און איך האב געוואלט פרעגען וועמען, ווער דאס קינד איז. אין דיעזע מינוטע אבער האט מען מיר געהייסען ארויפקריעכען אויף א זעגעלבוים און עפּעס צורעכט מאכען.

26-טעם קאפּיטעל.

קיין וואסער.

מיר האבען אוועקגעארבייט אגאנצען טאג זעהר שווער. ערשט פארנאכט איז עס אונז געלונגען ארויסצופאָהרען פון דעם שמאָלען קאנאל אין ריף. אבער אויך יעצט האבען מיר ניט געקענט זיך אפּרוהען. דער שיפסקאפּיטאן און דער ערשטער אפיציער האבען אונז ניט געלאזט רוהען. מיר האבען געזעהן, אז אויף

דעם ענגלישען קריענס שיף שווינגט מען אויך ניט. אלע מאטראָזען און אלע סאָלדאטען האבען געארבייט. מען האט געזוכט אראָפּ צו נעהמען דאס שיף פון'ם שטיין.

מיר האבען אלזא געמוזט ארבייטען מיט אלע קרעפטען, אום צו אנטלויפען פון דעם אפריקאנישען ברעג, וואו עס געפינען זיך קרייצער — שיפען, וועלכע יאָגען זיך נאָך שקלאַפּענהענדלער. קיינער פון אונז איז ניט געשלאָפען דיא גאנצע נאכט. ערשט אין דערפריה, ווען מיר האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען קיין שיף ניט געזעהן, האט דער שיפסקאפּיטאן אונז ערלויבט זיך אָפּ־צורוהען.

מען האט אויסגעשטעלט וואכען פאר דיא שטאלען, וואו דיא נעגער האָ־בען זיך געפונען און וואכען אויפ'ן בריקעל פון דעם שיף מיט פערנגלעזער (ספּעק־טיוען) אין דיא הענד, זיי זאָלען קענען זעהן פון דער וויימענס, אויב עס קומט ניט אָהן א קרייצער, דיא איבעריגע מאטראָזען זיינען געגאנגען עסען און שלאָפען.

איך האב עטליכע מאל אקוק געטאָהן אויף דיא קאיוטע, פון וואנען דאס מעדכען איז ארויסגעגאנגען. איך האב זיא אבער ניט געזעהן.

דעם ערשטען טאג, וואס מיר האבען זיך געפונען וויים פון אפריקא, זיינען מיר אלע געווען זעהר מיעד און האבען פערבראכט דעם טאג און דיא נאכט אין עסען און אין שלאָפען. ערשט דעם צווייטען און דעם דריטען טאג פון אונזער רייזע האט זיך אנגעהויבען אויפ'ן שיף דאס פריהעריגע לעבען. דער גרעסטער טהייל פון דיא מאטראָזען פלעגט טרינקען, זינגען, שפּיעלען אין קארטען און זיך קריעגען אדער שלאָגען.

מיר האבען צוואר יעצט נעהאט מעהר ארבייט, וויא אויף דער רייזע קיין אפריקא: מיר האבען געמוזט ארומגעהן ארום אונזער לעבעדיגע וואארע. מען האט געמוזט קאָכען עסען פאר זעקס הונדערט מענשען. דער נעגער, אונזער קאָך איז ניט געווען אימשטאנד צו קאָכען איינער אליין פאר אלעמען. דער שיפּס־קאפּיטאן האט געמוזט איהם צוגיבען פינף מאטראָזען, וועלכע פלעגען א גאנצען טאג שטעהן און קאָכען. אנדערע מאטראָזען פלעגען אראָפּטראָגען דאס עסען אין דיא קאמערן אדער שטאלען, וואו מען האט געהאלטען דיא נעגער.

יעדען טאָג פלעגט מען ארויסלאָזען דיעזע אונגליקליכע אויף אייניגע מינוט אויפ'ן דעק. מען פלעגט זיי אבער ניט ארויסלאָזען אלע מיט אמאל, זאָנדערן צו פינף־זעקס און צעהן אויף אמאָל. אזוי וויא זיי פלעגען ליעגען גאנצע טעג פער־שפּארט, האט אונזער קלוגער שיפסקאפּיטאן געוואָלט, אז זיי זאָלען זיך בעוועגען אין דער צייט, וואס מען פלעגט זיי ארויפנעהמען אויפ'ן דעק. וויא אזוי מאכט מען דאס אבער? דער דעק איז געווען ניט גרויס און איז געווען פערלעגט און פערוואָרפען מיט האָלץ און מיט פעסער.

אונזער שיפסקאפּיטאן איז געווען א דורכגעטריבענער פוקס. קוים פלעגט מען ארויפנעהמען א פּארטיע פון עטליכע נעגער אויפ'ן דעק, פלעגט מען זיי הייר־

סען טאַנצען. ווען זיי האבען אבער ניט געוואלט טאַנצען, פלעגט מען זיי שלאָגען מיט א קנוט, אויסגעפלאָכטען פון קראָקאָדיל לעדער. דיא אונגליקליכע נעגער האבען געמוזט טאַנצען.

וויא קליג און וויא פאָרזיכטיג דער שיפסקאַפּיטאַן איז געוועזען מיט זיין לעבעדיגער סחורה, האט ער דאָך ניט געקענט איינהיטען, אז זיינע שקלאַפען זאָלען ניט קראַנק ווערען און שטארבען. דאס איז גאר קיין וואונדער ניט. אין איינציגע קעמערליך זיינען זיי געווען אנגעפּאַקט, וויא דיא הערינג אין א פעסעל. פיעלע האבען שרעקליך געליטען פון דער זעע קראַנקהייט. זייערע קאַמערן אדער שטאַלען זיינען געוואָרען אזוי שמוציג און האבען ארויסגעגעבען פון זיך אזא שרעקליכען גערוך, אז זאָגאר אונזערע אלטע און שטאַרקע מאַטראָזען פלעגען ניט קענען עס אויסהאַלטען.

דער שיפסקאַפּיטאַן האט צוואר געהייסען רייניגען דיא שטאַלען און דער ערשטער אָפיציער האט דערקלערט, אז ווען מען וועט ניט האלטען ריין דיא נעגער, קענען זיי קראַנק ווערן און דיא קראַנקהייט קען איבערגעהן אויף דיא מאַטראָזען.

אַלעס האט אבער ניט געהאָלפען. דער שיפקאַפּיטאַן האט איין מאָל געשיקט מיך מיט נאָך עטליכע מאַטראָזען רייניגען דיעזע שטאַלען. איך האב קוים געקענט אויסהאַלטען א שטונדע דיא שרעקליכע לופט. עס איז געקומען אזוי וויט, אז דער שיפסקאַפּיטאַן האט געמוזט הייסען דיא נעגערן, זיי זאלען אליין רייניגען דעם שמוץ פון זייערע קאַמערן.

אויפ'ן פינפטען טאַג נאָך אונזער אפּרייזע פון אַפריקא זיינען געשטאָרבען צווייא: א פרוי און א קינד. דער שיפסקאַפּיטאַן האט געהייסען זיי ארויפשלעפּען אויפ'ן דעק און זיי ארייננווארפען אין מעער. דעם אַנדערן טאָג האבען מיר געהאט דרייא טויטע.

איך בין געשטאַנען אויפ'ן דעק, ווען מען האט ארייננגעווארפען דיא אונגליקליכע אין וואַסער. איך האב עס געזעהן צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען און עס האט מיר פערקלעמט ביים הערצען. זיי זיינען דאָך געווען מענשען! עס איז וואהר, זיי זיינען נור ווילדע, גראָבע, רויע מענשען, זיי זיינען אבער דאָך מענשען. פאַרוואס קומט זיי, אז מען זאל זיי בעהאַנדלען, וויא דיא טהירע? — עס פלעגט מיך בעזאַנדערס קרענקען, ווען דיא מאַטראַזען פון דער „ראַפּינא" פלעגען ארויסלאַזען א ווילדעס געלעכטער יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט ארייננווארפען א טויטען נעגער אין וואַסער.

צום אונגליק פאַר מיר, פלעגען דיעזע טויטע קערפּער נאַכשווימען נאָכ'ן שיף. דאס איז געווען גאַנץ איינפאַך. מען פלעגט זיי ניט אראָפּוואַרפען וויט פון שיף. דאס איז געווען אונמעגליך. מען פלעגט ניט צובינדען צו זיי קיין שטיינער, אום זיי זאלען אראָפּפאַלען צום גרונד פונ'ם מעער. מען פלעגט זיי אריבערוואַרפען איבערן געלענדער פונ'ם שיף און זיי פלעגען אראָפּפאַלן גאַנץ נאָהענט צום שיף דאס שיף האט זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך.

דאס האט אבער געדויערט נאר א פּאָר טאג. באלד האט זיך געוויזען א נייער אקטער אין דיזעס שרעקליכע דראמא. דיעזער נייער אקטער איז געווען דער האי פיש.

דער האי פיש איז איינער פון דיא גרעסטע און שרעקליכסטע פיש פון׳ם מעער. מען רופט איהם דער וואלף פון׳ם מעער און ער פערדיענט גאנץ עהרליך דיעזען טיטול. ער איז שטענדיג הונגעריג, וויא א וואָלף און ער פערשלינגט אלעס, וויא א וואָלף. ער פערשלינגט א מענשען אזוי לייכט, וויא ער פערשלינגט א א הערינג. ער פערשלינגט אלעס, וואס מען ווארפט ארויס פון׳ם שיף. ער פער שלינגט פלעשער, שטיקער האלץ, ווען זיי זיינען בעשמיערט מיט בלוט אדער מיט פעטס. ער פערשלינגט זאגאר שטיקער אייזען.

קוים האבען דיא האי פיש דערשמעקט דיא טויטע נעגער, זיינען זיי ניט אפּגעטרעטען פון דער „ראפּינא". אנפאנגס האבען אונז בעגלייטעט נור צוויא—דרייא האי פיש, באלד אבער איז צוגעקומען צו אונזער שיף א גאנצע באנדע פון צוואנציג—דרייסיג שטיק, וועלכע האבען ארומגערינגעלט אונזער שיף און פלעגען ניט אפּטרעטען פון איהר אויף א מינוט.

אויף אונזער רייזע קיין אפריקא האבען מיר אויך געזעהן האי פיש, זיי פלעגען זיך אבער האלטען וויט פון אונזער שיף, נור פון צייט צו צייט פלעגט איינער אויפהויבען דעם קאפּ פון׳ם וואסער און פלעגט א קוק טאהן אויף אונז מיט זיינע גוריסע, ווילדע, פייעריגע אויגען. יעטצט אבער פלעגען מיר זיי זעהן אזוי נאהענט, גלייך וויא מיר זעהן העכט אויף א פיש מארק.

קוים פלעגט מען ארא‍פּווארפען א טויטען נעגער, פלעגען זיי זיך ארויפווארפען אויף איהם, פלעגען זיך רייסען איבער איהם, פלעגען זיך שלאָגען איבער איהם און פלעגען זיך בייסען איבער איהם, ביז זיי פלעגען איהם צוררייסען אויף שטיקער פאר אונזערע אויגען.

דער אנבליק איז געווען א שרעקליכער, אבשייליכער, שווידערהאפטער, אונ־ערטרעגליכער און דעננאך פלעגען דיא מאטראָזען פון דער „ראפּינא" שטעהן דער ביי, עס צו זעהן און לאכען דער ביי. איך שעהם מיך ניט עס צו זאָגען. דאָס ערשטע מאל, ווען איך האב דערזעהן, וויא דיא האי פיש צורייסען א טויטען נע־גער, האב איך געוויינט וויא א קינד. שפּעטער בין איך געוואוינט געווארען דער צו און עס האט מיך שוין מעהר ניט געהארט. איך האָב שוין געקענט זעהן גלייכגילטיג, וויא דיא האי פיש רייסען זיך איבער א טויטען נעגער.

ערשט יעצט האב איך מיך דערמאנט, אז איך האָב אמאָל געלעזען, אז דיא האי פיש זיינען זעהר קלוג, זיי וויסען וואָס פאר א שיף נאָכצוגעהן. זיי דער־שמעקען דעם גערוך פון דיא לעבעדיגע נעגער און זיי וויסען, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט מען זיי צו ווארפען זייער פּאָרציאָן.

איך פלעג זעהן אזוי אָפט דיא האי פיש, אז איך האב אָנגעהויבען צו דער־קענען אייניגע פון זיי. אייניגע האבען געהאט צייכענס אויף זייערע קערפּער. די

האבען זיך געוויס געשלאָגען און געביסען מיט וועמען און אויף זייערע קערפּער זיינען פערבליעבען צייכענס. אזוי וויא איך פלעג זיי זעהן אלע טאָג און זאגאר עטליכע מאָל אין טאָג האב איך זיי זעהר לייכט געקענט דערקענען.

זיי זיינען געוואָרען אזוי צו געוואוינט צו דער „ראַפּינא“, אז קוים פלעגט א מאַטראָז צו קומען צום געלענדער און אקוק טאהן אויפ'ן מעער, פלעגט באלד א האַי פיש ארויס שטעקען דעם קאָפּ פון וואַסער און פלעגט קוקען אויף איהם מיט זיינע בלוט דורשטיגע אויגען, גלייך וויא ער וואָלט געפרעגט: האסט דוא שוין עפּעס פאַר מיר?

אזוי זיינען פערגאַנגען עטליכע טעג. דיא נעגער האבען אָנגעהויבען צו שטאַרבען געדיכטער און אונזערע מאַטראָזען האבען געהאַט מעהר ארבייט.

מיר זיינען דאמאלס געווען שוין ווייט פון אַפריקא, אונזער שיפסקאַפּיטאַן איז ניט געפאהרען אויף דעם וועג, וואו עס פאָהרען געוועהנליך שיפען. ער איז געפאָהרען אָן א זייט. ער האט געמוזט אויסמיידען פרעמדע שיפען. אין דער צייט פון אכטצעהן טאָג האבען מיר ניט בעגעגענט ניט איין שיף.

איך האב ווידער געארבייט זעהר שווער און האב וועניג צייט געהאַט צו רעדען מיט מיין פריינד בען בראַס. איך האב נאָך עטליכע מאָל געזעהן דאָס יונגע מעדכען, דאס קינד, שטעהן אויפ'ן דעק. איך האב ניט געוואָגט צו צוגעהן צו איהר איך האב ניט געוואָגט צו רעדען מיט איהר. איך האָב געפרעגט בען בראַס, אויב ער ווייס, ווער זיא איז. ער האט אָבער ניט געוואוסט און האט ניט געקענט וויסען. ער האָט זיך אויך זעהר וועניג אינטערעסירט עס צו וויסען. ער איז געווען אין דער לעצטער צייט פערטראַכט און טרויעריג.

27טעס קאַפּיטעל.

מיר האָבען קיין וואַסער.

דיא רייזע האט אנגעהויבען צו ווערן לאַנגווייליג. מיר זיינען יעצט געווען ווייט פון יעדעס לאַנד און האבען זיך געפונען אין דער הייסעסטען געגענד פון דעם אטלאַנטישען וועלטמעער. ביי טאג פלעגט דיא היץ זיין שרעקליך. דיא מאַט־ראָזען פלעגען מוזען זיך אפּגיעסען מיט וואַסער פון מעער. וואָלטען ניט געשוואַ־מען אזוי פיעל האַי פיש ארום אונזער שיף, וואָלטען מיר יעדען טאג זיך אראָפּ־געלאָזען און וואָלטען זיך געבאָדען.

דאס איז אבער געווען אונמעגליך. קוים פלעגט מען אראָפּלאָזען אן עמער אין וואַסער, פלעגען דיא האַי פיש איהם בעפאלען, וויא דיא הייגעריקען און מיר פלעגען אפט מוזען ארויסרייסען דעם עמער פון זייערע צעהנער. איין מאָל האָבען זיי זאָגאר ארויסגעריסען אַן עמער פון אונזערע הענד.

אונזער שיף איז יעצט געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. אין יענער געגענד מאַכט זיך זעהר אָפט, אז עס פעהלט אויס דער ווינד. עס פערגעהן טעג און זאגאר

וואָכען, ווען עס איז נימא דער קליינסטער ווינד. א זעגעל שיף קען זיך אין אזא פאל גיט ריהרען פון'ם ארט. ווען זיא האט קיין ווינד, קען זיא ניט געהן.

עס זיינען געווען טעג, ווען דיא „ראַפּינאַ" איז א גאנצען טאָג געשטאנען אויף איין ארט, גלייך וויא זיא וואָלט געווען פעראנקערט. ערשט ביי נאכט פלעגט זיך אויפהייבען א ווינטעל און מיר פלעגען זיך שלעפּען לאנגזאם, וויא א שווערער וואגען מיט פוילע אקסען אויף א בלאָטיגען וועג.

עס איז ענדליך לאנגווייליג געווארען דיא מאטראזען צו שפּיעלען אין קאר־טען און צו קריגען זיך. זיי פלעגען שלאָפען דעם גאנצען טאָג אין פּאָרקאסל, פלעגען גענעצען און פלעגען זיך לאנגווילען. דער שיפסקאפּיטאן האט זעהר גוט געקענט זיין לאגע. ער האָט מורא געהאט, אז דיא מאטראָזען זאָלען ניט קראנק ווערן און האט געמאכט פאר זיי בעללער און קאָנצערטען. עס האט זיך געפונען א מאטראָז, וועלכער האט געהאט ביי זיך א פיעדעלע און ער האט געשפּיעלט, וויא ער האט געקענט. דאס האט געהייסען א קאָנצערט. נאָכ'ן קאָנצערט האָט מען געטרונקען.

דיא נעגער האבען אנגעהויבען צו שטארבען געדיכטער. עס פלעגען זיין טעג, ווען מיר האבען געהאט ביז צעהן טויטע. דער שיפסקאפּיטאן פלעגט מוזען אויסלופטערן זיינע לעבעדיגע וואארע. ער פלעגט הייסען ארויפטרייבען אויפ'ן דעק צוואנציג־דרייסיג נעגער מיט אמאל און פלעגט זיי הייסען טאנצען. איך האָב שוין דערצעהלט, וויא אזוי ער האט געמאכט, אז דיזע אונגליקליכע האבען געמוזט טאנצען.

דאס פיעדעלע האט געשפּיעלט, דיא בייטש פון קראָקאָדיל לעדער האט געקנאקט איבער דיא נאקעטע שווארצע קערפּער פון מענער, פרויען און קינדער און דיא נעגער האבען געטאנצט. איך האב בעמערקט מיט שרעק און שטוינען וויא דיא הויט פון דיא נעגער איז אלע מאָל געווארען בלייכער, בלאסער און איז ענדליך געוואָרען אש פארב. ווען דער נעגער איז געזונד, גלאנצט זיין הויט, וויא אן אָפּגעפּוצטער שטיוועל. ווען ער ווערט אבער קראנק, אדער ווען ער ליידעט, ענדערט זיך דיא פארב פון זיין הויט און ווערט אש פארב.

איך בין ניט אימשטאנד אייך צו בעשרייבען, וואס פאר א שרעקליכען איינדרוק דאס האָט געמאכט אויף מיר. איך פלעג אָפט וויינען שטילערהייט, ווען איך פלעג זעהן, וויא דיא אונגליקליכע טאנצען. עס האט מיר אבער נאָר ניט געהאָלפען. מיר ווייסע מענשען פלעגען אויך זעהר אפט מוזען טאנצען אום זיך צו בעוועגען.

איין טאָג בין איך אויפגעשטאנען שפּעטער וויא געוועהנליך. ביז אהער פלעגט מען מיך אויפוועקען גאנץ פריה. איך האב שוין געוואוסט, אז אום פינף אוהר אין דער פריה וועל איך הערען דיא גראָבע און ווילדע שטימע פון'ם ערשטען ערשטען אפיציער, אדער פון אנ'אנדער מאטראָז, וועלכער פלעגט מיך אויפוועקען. דאס איז שוין ביי מיר קיין נייעס ניט געווען. עס האט מיך דאהער געוואונדערט,

וואס מען האט מיך היינט נעלאָזען שלאָפען, וויא פיעל איך האב געוואָלט. איך האב בענוצט דיעזע געלעגענהייט און בין געשלאָפען גאנץ שפעט.

ענדליך האב איך מיך אויפגעכאפט און בין ארויסגעלאָפען אויפ'ן דעק. איך בין געוועזען זיכער, אז מען וועט מיך שלאגען מיט א שטריק. איך וועל שוין האבען מיין שטראפע דערפאר, וואס איך האב מיך פערשלאָפען. איך האב מיך געוואלט באלד נעהמען צו מיין ארבייט אין דער האפנונג, אז מיינע פייניגער וועלען מיך ניט זעהן אדער וועלען זיך פערגעסען אָן מיר.

איך בין אראפגעלאפען אונטען, דארט וואו דיא מאטראָזען פלעגען גע־וועהנליך שפיעלען אין קארטען, און האב אנגעהויבען צו רייניגען און צו קעהרן. אין דיא גרויסע היצען פלעגען זיי ניט קענען שפיעלען אין קארטען אויפ'ן דעק און זיי האבען זיך אויסגעקליבען א פלאַץ אונטען, ניט ווייט פון דעם קאפיטאנס קאַ־יוטע. דאָרט איז געווען קיהל און איך פלעג דאָרט שטענדיג טרעפען צוואנציג־דרייסיג מאטראָזען מיט אמאָל.

וויא ערשטוינט בין איך געווארען, ווען איך האב דאָרט געפונען נור צווייא מאטראָזען. זיי זיינען געזעסען פערטראכט און פערזאָרגט, און האבען עפּעס גע־רעדט צווישען זיך אויף א שפּראכע, וועלכע איך האב ניט פערשטאנען. וויא יונג איך בין געווען, האב איך דאך פערשטאנען, אז אויף אונזער שיף איז עפּעס ניט גלאַט.

— וואס זאָל עס זיין? האב איך מיך אליין געפרעגט, האט מען פיליי־כט ווידער דערזעהן אן ענגלישען אדער פראנצויזישען קרייצער?

איך האב פּראבירט רעדען צו דיא צווייא מאטראָזען, זיי האבען אבער גע־וואָרפען אויף מיר א בייזען בליק און האבען מיר ניט געענטפערט. איך בין גע־ווארען פעראינטערעסירט און האב מיר ערלויבט ארויפצוגעהן אויפ'ן דעק. דיא ערשטע זאך וואס איך האב געטאָהן אויפ'ן דעק, איז געווען ארומצוקוקען אין אלע זייטען, אויב מען זעהט ניט א זעגעל אדער דעם רויך פון א דאמפף שיף. דער הימעל איז געווען קלאָר, העל און בלוי. איך האב אויף איהם ניט געזעהן קיין ברעקל וואלקען. זאָ ווייט מיין אויג האט געקענט גרייכען, האב איך געזעהן נור הימעל און וואסער.

— קיינער יאָגט אונז ניט נאָך, האב איך געזאָגט צו מיר אליין איך האב א שארפעס אויג און איך זעה גאר ניט. עס מוז זיין עפּעס אנדערש.

איך האב אקוק געטאָהן אויפ'ן בריקעל, וואו דער קאַפּיטאַן שטעהט און האב דאָרט דערזעהן אונזער שיפסקאפּיטאן, דעם ערשטען אפיציער און עטליכע פון דיא עלטסטע מאטראָזען. זייא האבען עפּעס גערעדט, עפּעס געמאכט מיט דיא הענד, זיך געבייזערט, זיך געקריעגט, געשווארען און זיך פערענטפערט.

איך האב מיך אומגעקעהרט אין אנ'אנדער זייט און האב דערזעהן, וויא דיא מאטראָזען לויפען אראָפּ אין דיא שפּייזקאמערן מיט בלעכלעך און פלעשער, פערווײלען דאָרט א קורצע צייט און געהן ארויף בייז, טרויעריג, בלייך און אויפ־

נערענט. אייניגע זיינען ארויפגעקומען פון דיא שפייזקאמערן אזוי דערשראָקען און אזוי בלייך, אז זיי האבען זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס.

איך בין געווען ערשטוינט, איבערראשט און דערשראָקען. איך האב אויף קיין פאַל ניט געקענט פערשטעהן, וואס דא קומט פאָר. איך האב מיך געלאָזען נעהן צו דער קיך, פיעלייכט וועל איך דארט געפינען בען בראס און וועל איהם פרעגען, וואס דא טוהט זיך. ניט ווייט פון דער קיך זיינען געשטאנען עטליכע פעסער פון וואסער. ארום דיא פעסער זיינן געשטאנען עטליכע מאטראָזען. אייניגע האבען געקלאַפּט אויף דיא פעסער מיט זייערע הענד אדער מיט שטיקער האלץ, אום צו זעהן אויב זיי זיינען פול. ווען זיי האבען געזעהן, אז א פאס איז פול, האבען זיי געעפענט דעם שפונט און האבען אנגעהויבען צו שעפּען און צו פאַרבירען דאס וואסער.

מען האט פאַרבירט איין פאס און מען האט זיא ווידער פערשטעקט מיט׳ן שפונט. מען האט פאַרבירט דאס אנדערע פאס. דער ערשטער מאטראָז, וועלכער האט א זופּ געטאָהן דאס וואסער, האט זיך פערקרימט און האט עס באלד אויסגעשפּיען מיט אַבשיי.

איך האב געזוכט מיין פריינד בען בראס מיט דיא אויגען און האב איהם אין ערגעץ ניט געפונען. ער איז וואהרשיינליך אויף אראָפּגעגאנגען אין דיא שפייז קאמערן זעהן, וואס דאָרט טוהט זיך. איך וואָלט צוגעגאנגען נעהנטער צו דיא מאטראָזען, וועלכע זיינען געשטאנען ארום דיא פעסער לעבען דער קיך, דאָרט אבער איז געשטאנען לעגראַ, וועלכען איך האב געהאסט און פאר וועלכען איך האב שטענדיג מורא געהאט.

איך בין געווען שרעקליך פעראינטערעסירט צו וויסען, וואס דאָ איז געשעהן. איך האב זעהר גוט פערשטאנען, אז דא איז געשעהן עפּעס אַנ׳אונגליק, אבער וואס פאַר אַנ׳אונגליק?

אזוי וויא איך האב גאר ניט געקענט געוואָהר ווערן ביי דער קיך, בין איך צוריקגעגאנגען צום פאָרקאסל. אויפ׳ן וועג איז מיר ענטגעגען געקומען דער ערשטער אפיציער. איך בין געווען זיכער, אז ער וועט אַנהויבען מיך צו שלאָגען אדער צו זידלען, ער איז אבער אוועקגעלאָפען און האט זיך גאר אויף מיר ניט אומגעקוקט. דאס האט מיך איבעררּאשט. עס האט נאָך קיין מאָל ניט געטראָפען, אז דער ערשטער אפיציער זאָל מיך בעגעגענען און זאָל מיר ניט שענקען א קלאַפּ, א זעץ, אדער, ווען ער איז שוין געווען גאר פריינדליך, א שלעכטעס וואָרט. יעצט האט ער זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט און איז ווייטער געלאָפען.

יעצט האב איך עס שוין ניט געקענט אויסהאלטען און האב אנגעהויבען צו זוכען בען בראס. איך האב איהם אויף באלד געפונען. ער איז געשטאנען מיט עטליכע מאטראָזען אונטען, אין דער אבטהיילונג פונ׳ם שיף, וואו עס האט זיך געפונען דער פאָרראטה (זאפאס) פון וואסער אויף דער גאנצער רייזע. ער האט עפּעס געזוכט, עפּעס געטאַפּט און עפּעס געפאָרשט. ענדליך האט ער געזאָגט צו זיינע קאמעראדען:

— עס איז אומזיסט! מען האט אויף זיי ניט אכטונג געגעבען און זיי האבען געטאהן, וואס זיי האבען געוואָלט, דאס הייסט, זיי האבען גאר נישט געטאהן.

זיין שטימע איז געווען טרויעריג און פערצווייפעלט. איך האב ניט געקענט זעהן זיין געזיכט, ווייל עס איז געווען דונקעל אין דיעזער אבטהיילונג.

— לאָמיר געהן, האט בען בראס געזאגט צו זיינע קאמעראדען.

מיר זיינען ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק. איך האב אנגעהאפט בען בראס ביי דער האנד, האב איהם אוועקגעשלעפט אן א זייט און האב איהם געפרעגט:

— וואס איז שוין עפּעס נייעס, בען?

— טרויעריג, ביללי! זעהר טרויעריג! האט ער געענטפערט.

— וואס איז? וואס עס איז געשעהן?

— מיר האבען קיין וואסער צום טרינקען!

28-טעס קאפּיטעל.

מיר ליידען פון דורשט.

איך בין געווען צו יונג און צו אונערפאהרען אום צו פערשטעהן, וואס בען בראס האט געמיינט מיט דיא ווערטער: מיר האבען קיין וואסער צו טרינקען! איך האב גאר ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי מען קען שווימען אין דערמיט פונ'ם וועלט מעער, זעהן ארום זיך נור הימעל און וואסער און דאך ניט האבען וואס צו טרינקען.

איך האב אנפאנגס גאר ניט פערשטאנען, וויא גרויס דיא געפאהר איז. איך האב ניט פערשטאנען, וואס עס הייסט, מיר האבען ניט וואס צו טרינקען. באלד אבער האט מיר בען בראס ערקלערט, אום וואס עס האנדעלט זיך.

איך האב אייך שוין דערצעהלט, אז אויף דער „ראפינא" האבען זיך געפונען עטליכע הונדערט פעסער מיט מעער וואסער. זיי האבען געדיענט אלס באללאסט אום צו מאכען דאס שיף שווערער. ווען מיר זיינען געשטאנען אין טייך לעבען קעניג דשינגא'ס לאגער, האט דער שיפסקאפּיטאן געהייסען אויסגיעסען דאס מעער וואסער פון דיא פעסער און אנגיעסען אין זיי פרישעס, זיסעס וואסער פון א קליין טייכעל, וועלכער איז געפלאסען ניט ווייט פון קעניג דשינגא'ס לאגער. מען וואלט געקענט אנגיעסען דיא פעסער פון דעם טייך, וואו דיא „ראפינא" איז געשטאנען, דאס וואסער איז אבער דארט געווען ניט ריין און קעניג דשינגא מיט זיין לאגער האבען עס געמאכט נאך שמוציגער.

אונזער שיפסקאפּיטאן האט געוואוסט, וואס פאר א ווערטה פרישעס וואסער האט אויפ'ן מעער. ער, זיינע מאטראזען און זיין לעבעדיגע סחורה האבען געמוזט טרינקען. ווען מען וועט ניט געבען דיא נעגער גענוג וואסער אין דער צייט פון דער רייזע, וועלען זיי אויס שטארבען אין דיא ענגע און שמוציגע שטאלען, אין וועלכע מען האט זיי געהאלטען. ער וועט דאן פערליערען זיין גאנצעס פערמעגען.

ער האט דאהער געגעבען אבעפעהל, אז מען זאל אויסלעדיגען אלע וואר־
סער פעסער, מען זאל זיי גוט אויסשווענקען, גוט אויסרייניגען, דאן זאל מען זיי
אנגיעסען מיט פרישעס, ריינעס וואסער פון דעם טייבעל ניט ווייט פון קעניג
דשינגאס לאגער. דאס איז געווען קיין לייכטע ארבייט. מען האט געמוזט קייק־
לען דיא לעדיגע פעסער צום טייך, דאן זיי אויסשווענקען, אויסרייניגען, זיי אנ־
גיעסען מיט ריינעס וואסער, זיי קייקלען ביז צום ברעג, זיי ארויפלעגען אויף
שיפלעך און זיי צופיהרען צום שיף.

דאס מאכט אבער ניט אויס. וויא שווער אן ארבייט איז, טהוען זיא דאך
דיא מאטראזען, בעזאנדערס ווען זיי ווייסען, אז זייער לעבען העננגט דערפון אפ.
דערצו אבער מוז מען אויף זיי אכטונג געבען, מען מוז אויפפאסען און ווייזען זיי,
וואס צו טאהן און וויא אזוי עס צו טאהן. ווען דיא מאטראזען פון דער „ראַ־
פינא" וואלטען געווען געוועהנליכע און עהרליכע מענשען, וואלטען זיי עס פיע־
לייכט אליין געטאהן, וויא עס דארף זיין. דאס איז אבער געווען א ווילדע באנ־
דע פון רויבער און מערדער, וועלכע האבען זעהר גוט געוואוסט, אז זייער לעבען
איז שטענדיג אין געפאהר און זיי האבען געוואלט לעבען א גוטען טאג אין לא־
גער פון קעניג דשינגא.

זיי האבען איבערגעגעבען דיעזע שווערע און וויכטיגע ארבייט צו קעניג
דשינגא'ס שווארצע אונטערטהאנען אדער שקלאפען און אליין זיינען זיי געגאנ־
גען טרינקען און לעבען פרעהליך מיט קעניג דשינגא'ס פרויען.

בען בראס איז דאמאלס געווען מיט מיר אויף דער יאגד. מיר האבען גע־
רעכענט צו פערברענגען אויף דער יאגד נור אפאר טאג און מיר האבען פער־
בראכט אין דיא וועלדער גאנצע זעקס טעג. בען בראס האט אלזא ניט געקענט
אכטונג געבען אויף דיעזע ארבייט.

דער צווייטער גוטער מאטראז אויף דער „ראפינא" איז געווען דער פראנ־
צויז לעגרא, ער איז אבער געווען אזוי פערדארבען און אזוי אויסגעלאסען, אז ער
האט גאר ניט געוואלט אפטרעטען פון קעניג דשינגא'ס שווארצע פרויען.

דער שיפסקאפיטאן און דער ערשטער אפיציער זיינען געווען בעשעפטיגט
מיט עפעס אנדערש, וויא איך בין עס שפעטער געוואהר געווארען. קעניג דשינגא
האט געהאנדעלט ניט נור מיט שקלאפען, זאנדערן אויך מיט אנדערע ארטיקעל.
איינער פון זיינע בעסטע ארטיקעל איז געווען עלפען ביין, — דיא צוויא גרויסע
ווייסע צעהנער פון עלעפאנט. דאס איז זעהר א גוטער ארטיקעל, וועלכען מען
קען פערקויפען אין יעדער גרויסער שטאדט. א פאר גרויסע, שווערע צעהנער פון
אן עלעפאנט זיינע ווערטה עטליכע הונדערט דאללאר.

איך ווייס ניט, וואס אונזער שיפסקאפיטאן האט געגעבען דעם קעניג פאר
זיין עלפען ביין און וויא זיי האבען געהאנדעלט; איך ווייס נור, אז אונזער שיפס־
קאפיטאן מיט'ן ערשטען אפיציער האבען ביי איהם אפגעקויפט אדער איינגע־
נארט צוואנציג אזעלכע צעהנער. דאס איז א פערמעגען. קעניג דשינגא איז

אבער געווען א דורכגעטריעבענער שווינדלער. ער האט קיין זאך ניט געשענקט אומזיסט. עס האט געקאסט אונזער שיפסקאפיטאן גענוג מיה, איידער ער האט אויסגענארט ביי איהם דעם עלפענביין. אונטערדעסען האט ער קיין צייט געהאט אכטונג צו געבען אויף זיינע מאטראזען און זיי האבען געטאהן, וואס זיי האבען געוואלט. זיי האבען זיך פערקאזען אויף קעניג דשינגא׳ס שקלאפען אנצוגיעסען דיא פעסער מיט פרישעס וואסער.

אויפ׳ן שיף איז אויך ניט געווען קיין אויפזעהר, וועלכער זאל אכטונג געבען, אז מען זאל אויסגיעסען דאס מעער וואסער פון אלע פעסער. מען האט דאהער אנגעגאסען מיט פרישעס וואסער נור דיא אויבערשטע פעסער, אין דיא אונטערשטע איז געבליעבען דאס מעער וואסער.

עס איז זעהר מעגליך, אז ווען מען זאל זיך ניט געווען אזוי איילען פאר׳ן אוועקפאהרען, וואלט מען זיך געווען אומגעקוקט אויף דיא פעסער מיט וואסער. דאס איז דיא פפליכט און שולדיגקייט פון יעדען שיפסקאפיטאן. מען האט זיך אבער שטארק געאיילט ארויס צו פאהרען פון טייך און מען האט זיך ניט אומגעקוקט, אויב מען האט גענוג פראוויאנט.

אין רער ערשטער צייט אויף דער רייזע האט מען געברויכט דאס וואסער, וויא פיעל מען האט געדארפט און פיעלייכט מעהר וויא פיעל מען האט געדארפט. מען איז געווען זיכער, אז עס איז דא גענוג וואסער, פיעל מעהר, וויא מען האט געדארפט.

און היינט אין דער פריה האט מען זיך געשטעלט קאכען הירז פאר דיא נעגער. מען האט ארויפגעקייקעלט א פאס וואסער און מען האט אנגעגאסען אין דיא קעסלען. איינער פון דיא מאטראזען האט צופעליגער ווייזע פערזוכט דאס וואסער און האט געפונען, אז עס איז געזאלצען און ביטער מען האט ארויפגעקייקעלט נאך א פאס, — עס איז ווידער געזאלצען. מען האט פרובירט א דריטעס, א פיערטעס פאס, — אלע זיינען געזאלצען. אין זיי געפינט זיך אלטעס, פערשטונקענעס מעער וואסער!

מען האט אנפאנגס מורא געהאט עס אויסצוזאגען דעם שיפסקאפיטאן. ער יועט שרייען, ער וועט שלאגען, ער וועט בעשטראפען דיא מאטראזען, וועלכע האבען געדארפט טאהן דיעזע ארבייט. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט קאכען. מען האט געמוזט טרינקען און דא איז ניט געווען קיין וואסער.

עס איז געווארען א ליארם צווישען דיא מאטראזען. דער שיפסקאפיטאן, דער ערשטער אפיציער און דיא עלטסטע מאטראזען זיינען געווען אויסער זיך. יעדער מאטראז איז ארומגעלאפען אונטען זעהן, פיעלייכט וועט ער געפינען נאך א פאס פרישעס וואסער. מען האט געעפענט איינינע פעסער און מען האט נעפונען, אז אין זיי געפינט זיך מעער וואסער.

מען האט געמאכט א שטרענגע אונטערזוכונג און מען האט געפונען, אז

אייניגע פעסער זיינען גאר לעדיג. מען האט פון זיי אויסגעגאָסען דאס מעער וואסער. מען האט אבער ניט אנגעגאָסען אין זיי קיין פרישעס וואסער. קעניג דשיננאָ'ס שקלאַפען האבען זיך געפוילט צו טאהן אזא שווערע ארבייט.

עס האט זיך אנגעהויבען קריעגערייען, בעשולדיגונגען און געשרייען. יעדער האט געוואלט ארויפווארפען דיא שולד אויף'ן אנדערן. יעדער האט געוואלט וויזען, אז ער איז ניט שולדיג, יעדער האט געוואלט בעווייזען, אז דער אנדערער איז שולדיג. דער ווייל האט מען פערגעסען דיא הויפט זאבע—וואסער.

ענדליך האט מען זיך דאך איבערלעגט, אז פון דיא געשרייען, קריעגערייען און זיעדלערייען וועט גאר ניט ארויסקומען. מען מוז עפעס טאהן. מען מוז זוכען א מיטעל, וויא זיך צו העלפען און וויא זיך צו רעטען. דאס ערשטע, וואס מען מוז טאהן, איז צו בעשטימען און צו וויסען קלאָר און גענוי, וויא פיעל פרישעס וואסער געפינט זיך נאך אויפ'ן שיף. דער שיפסקאַפיטאַן, דער ערשטער אפיציער, בען בראַס און אייניגע אנדערע מאטראָזען האבען געקענט רעכענען. אלזאָ, מוז מען וויסען פונקטליך און גענוי, וויא פיעל פרישעס וואסער געפינט זיך אויף דער „ראַפינאַ". ווען מען וועט וויסען, וויא פיעל קווארט וואסער מיר האבען, קען מען אויסרעכענען אויף וויא פיעל טעג דאס וועט זיין גענוג, ווען מען זאל לעבען עקאָנאָמיש און מען זאל געבען יעדען מענשען נור אגאנץ קליינע פּאָרציאן וואסער, דאס נעטהיגסטע אום צו דערהאלטען זיין לעבען.

ווען מען וועט דאס וויסען און מען ווען געפינען, אז מיר האבען צו ווייניג וואָסער, זאָל מען אויסרעכענען, וויא ווייט מיר געפינען זיך פון לאנד, עס מאַכט שוין ניט אויס, פון וואס פאר א לאָנד דאס איז, נור פון א דאנד, וואו מען קען קריגען וואַסער.

וויא גראָב און וויא פערדארבען דיא מאטראָזען פון דער „ראַפינאַ" זיינען געווען, האבען זיי דאָך געהאנדעלט פראַקטיש אין דיעזען פאַל. זיי האבען אויסגעוועהלט א קאָמיטע פון פינף מאטראָזען, וועלכע זאָלען אלעס אונטערזוכען, אלעס בערעכענען און דאן ערקלערען, וואס מען קען טאהן, אום זיך צו רעטען. זעלבסטפערשטענדליך, אז בען בראַס איז געווען איינער פון ריא קאָמיטע. דעם שיפסקאַפיטאַן און דעם ערשטען אָפיציער האט מען מורא געהאַט צו געטרויען און מען האט זיי ניט געמעהלט.

דאָס קאָמיטע האט געטאהן זיין ארבייט גאנץ עהרליך. יעדער האט געוואוסט, אז עס האָנדעלט זיך וועגען טויט און לעבען. יעדער האט זעהר גוט פערשטאַנען, אין וואס פאר א געפאַהר אלע געפינען זיך און יעדער האט געטאהן, וואס ער האט נור געקענט.

דאס קאמיטע האט אויסגעפונען, אז אויפ'ן שיף געפינען זיך נור דרייא פעסער פרישעס וואסער, דיא איבעריגע פעסער זיינען אנגעפיהלט מיט מעער־וואָסער, אדער זיי זיינען גאָר לעדיג. אין יעדעם פאַס האט זיך געפונען אונגעפעהר (אנ'ערך) פינף הונדערט קוואָרט וואסער, צוזאמען אלזא האבען מיר גע־

האט טויזענד פינף הונדערט קוואָרט וואסער ווען מען זאל לעבען עקאָנאמיש און מען זאל אויסטהיילען יעדען מענשען נור איין קווארט וואסער אטאג, וואלטען מיר געקענט אויסהאלטען א דרייא וואכען. אויף דער „ראפינא“ זיינען געווען זיבעציג ווייסע מענשען. ווען מען זאל איינטהיילען דאס וואסער נור צווישען דיא ווייסע מענשען, וואלט מען געקענט אויסהאלטען נור דרייא וואכען אדער קנאפע דרייא וואָכען.

וואס טוהט מען אבער מיט דיא נעגער? עס האבען זיך נאך געפונען פיער הונדערט פינף און פופציג נעגער אין דיא קאָמערן. ווען מען זאל יעדען נעגער אויך געבען א קווארט וואסער א טאג, וועלען מיר האבען וואסער אויף קוים, קוים פיער טעג. אלזא, וואס טוהט מען?

יעדער האט געוואוסט, אז קוים וועט אויסגעהן דאס וואסער, וועלען אלע אויסשטארבען פאר דורשט אין דיא שרעקליכע היצען פון‚יענער געגענד. ווייסע און שווארצע, הערריען און שקלאפען, פיינער און געפייניגטע, טיראנען און מיראָני־זירטע — אלע וועלען שטארבען גלייך.

עס איז געבליעבען צו פערהאנדלען נאך א פונקט: מען זאל זעהן צופאהרען וויא אם שנעלסטען צו א פּאָרט, צו א לאנד, וואו מען קען קריעגען וואסער. דאס קאָמיטעע האט דאס אויך געטאהן. אין דיעזען פונקט אין בען בראָס גע־ווען דער טיכטיגסטער מענש. ער האט געלערנט אין א מארינע שולע און האט געוואוסט, וויא אזוי מען קען אין דער מיט פון'ם וועלט מעער אויסרעכענען, וואו מען געפינט זיך און וויא וויים מען איז פון א לאנד.

בען בראָס און נאך איינער, א דייטשער מאטראָז מיט'ן נאמען ענגעלמאן, האבען גענומען דיא אינסטרומענטען און האבען אלעס אויגערעכענט. זיי האבען אויסגעפונען, אז דאס נעהנסטע לאנד איז אפריקא. דיא „ראפינא“ איז יעצט געווען צוויא טויזענד מייל וויים פון אפריקא. ווען מיר זאלען האבען א גוטען ווינד, וואלטען מיר אין אכצעהן־צוואנציג טעג געקענט צוקומען צו א לאנד אין אפריקא.

ליידער האָבען מיר צייט עטליכע טעג גאר קיין ווינד ניט געהאט און דיא "ראפינא„ פלעגט שטונדען לאנג שטעהן אויף איין ארט, גלייך וויא זיא וואלט געווען פעראנקערט.

אלזא וואס טהוט מען? דיא הויפט פראגע איז געווען וואס טהוט מען מיט דיא נעגער? גיבען זיי אויך וואסער? וועלען מיר אלע שטארבען. זאל מען זיי ניט געבען קיין וואסער, וועלען זיי שרייען, ליארמען, וואהנזיניג ווערן און וועלען נאך פיעלייכט צוברעכען זייערע שטאלען און וועלען ארויס לויפען אויפען דעק, דאן זיינען מיר פערלארען, זיי זיינען דאך עטליכע הונדערט.

אונזער לעבען איז אונז ליעבער, האט אויסגערופען איינער פון דיא מאט־ראזען, איין אמעריקאנער, מיר דארפען אליין בענוצען דאס וואסער, דיא נעגער זיינען קיינע מענשען, זיי מעגען קרעפירען, וויא דיא הינט.

— לאמיר זיי אריינוואַרפען אין וואסער! האט געשריען דער פראנצויז לענגראַ. — צו וואס דארפען מיר זיי? אריין אין וואסער! אלע מיט אמאל!

ביז אהער האט קיינער ניט געפרעגט דעם שיפסקאפּיטאן און קיינער האט איהם ניט געבעטען, ער זאל זאגען זיין מיינונג. צייט מען האט אויסגעפונען, אז עס איז ניטא קיין וואסער אויפ'ן שיף, האט דער שיפסקאפּיטאן פערלארען זיין מאכט. קיינער האט איהם ניט געהערט און האט ניט געוואלט וויסען פון איהם, אויף דער "ראַפּינא„ איז יעצט געווארען א קליינע רעפּובליק, וואו יעדער האט געטאהן וואָם ער האט געוואלט.

יעצט אבער האט דער שיפסקאפּיטאן געפונען פאר נעהטיג זיך אריינצומישען. ער האט געציטערט פאר זיינע נעגער, — פאר זיין וואַארע. ווען ער וועט ניט ברענגען קיין אמעריקא וועניגסטענס צווייא הונדערט נעגער, איז ער רואינירט. זיין גאנצעס פערמעגען בעשטהעט אין זיינע שקלאַפען און אין דעם ביסעל עלפענביין, וואס עד האט געקויפט ביי קעניג דשינגא. ווען ער וועט ניט האבען זיינע שקלאפען, איז ער פערלארען, ער מוז בעצאהלען דיא מאטראזען זייער געהאלט און מוז זיך פארבערייטען אויף א נייע רייזע. ווען ער וועט ניט האבען זיינע שקלאפען, וועט ער מוזען פערקויפען זיין שיף און בעצאהלען דיא מאטראזען

עס איז דאחער קיין וואונדער, וואס ער האט זיך אנגענומען פאר דיא נעגער.

— מיינע העררען! האט ער אויסגערופען, זייט ניט אזוי פערצווייפעלט, עס וועלען זיך נאך געפינען מיטעל אונז צו רעטען און צו פערשאפען וואסער. מיר זיינען עטליכע און זעכציג שטארקע מענער מיר האבען גענוג ביקסען און פולווער, מיר קענען אויפזוכען א קויפמאנס שיף, אנפאלען אויף איהר און ביי איהר צונעהמען דאס וואסער און אלעס, וואס זיא האט מיר האבען עס ביז אחער ניט געטאהן, ווייל מיר זיינען געוועזן זיכער, אז מיר וועלען ברענגען אונזערע וואארע קיין אמעריקא, און וועלען דארט מאכען גוטע געשעפטען. יעצט אבער ווען מיר געפינען זיך אין אזא נויט, מוזען מיר עס טאהן. מיר דארפען צוריק פאהרען אגאנץ קליינע שטרעקע, קומען אויף דער ליניע, וואו עס פאהרען געוועהנליך שיפען. אויף דאס ערשטע שיף, וועלכעס מיר וועלען בעגעגענען, וועלען מיר אנפאלען און וועלען עס צו נעהמען

דער פלאן איז געוועזן אריכטיגער. עס האבען זיך צוואר געפונען מענשען, וויא בען בראסי ענגעלמאן, און אנדערע וועלכע זיינען ניט געוועזן איינפערשטאנדען מיט דיעזען פלאן. זיי האבען ט געוואלט ווערען פיראטען מעער (רויבער). עס האט זיי אבער ניט געהאלפען. דיא איבעריגע מאטראזען זיינען געוועזן פאלקאמען איינפערשטאנדען מיט'ן שיפסקאפּיטאן, זיי זיינען געוועזן רויבער און מערדער אין דער היים און זיי האבען געוואלט פראבירען זייער אלטעס האנדווערק אויפין מעער.

— אבער וואס טהוט מען מיט דיא נעגער? האט פלוצלונג איינער געפרעגט.

— מיר האבען אויסגערעכענט, אז מיר וועלען האבען גענוג וואסער, ווען מען זאל איינטהיילען צו קווארט וואסער א טאג אויף יעדען מענשען, האט דער שיפסקאפיטאן געענטפערט, מיר געפינען זיך אין א נויט, מיר געפינען זיך אין דער גרעסטער געפאהר, מיר מוזען זיך דאהער ענטשליעסען צו ליידען א קורצע צייט. איך דענק, אז ווען א מענש קען טרינקען ראָם און קאָניאק אנשטאט וואַסער, קען ער זיך בעגנינגען מיט א האלבע קוואַרט וואסער א טאג. אויף דיעזער ארט וועלען מיר אפשפאָרען פינף און דרייסיג קווארט וואסער א טאג. דיעזע פינף און דרייסיג קווארט וואסער וועלען מיר צוטהיילען צווישען דיא נעגער. פאר זיי וועט זיין גענוג. ווען עס וועט ניט זיין גענוג און פיעלע וועלען אויסשטארבען, וועלען דאך בלייבען איינינע, דיא שטארקסטע פון זיי. פיעלייכט וועלען אויסהאלמען צווייא הונדערט פון זיי — הונדערט און פופציג — ענדליך הונדערט. ווען מיר וועלען בריינגען קיין אמעריקא הונדערט שטארקע נעגער, וועלען מיר אויך זיין אום שטאנדע צו קויפען נייע וואארע און צו פאהרען נאָך אמאָל צו קעניג רשיננאָ.

— אונזער שיפסקאפיטאן האט רעכט, האט געשריען דער פראצויז לעגראָ, א קווארט וואסער אויף א מענשען איז צופיעל אין אזא נויט, אין וועלבער מיר געפינען זיך. עס איז גענוג פאר אונז א גלאָז וואסער א טאג אויף א מענשען! דאס איבעריגע וועלען מיר פערטרינקען מיט ראָם.

— דיא נעגער וועלען דאך אבער שרייען, זיי קענען וואהנזיניג ווערען און צורייסען זייערע קייטען, צוברעכען דיא קאמערן און ארויסלויפען אויפ'ן דעק, האט אנ'אנדער מאטראז בעמערקט.

— דאס קען מען בעווארענען, האט דער שיפסקאפיטאן געענטפערט. מיר קענען גוט בעפעסטיגען דיא טיהרען פון זייערע שטאלען און מיר קענען שטעלען לעבען זייא א שטארקע וואך. קוים וועלען זיי ווערן שטארק אונרוהיג, זאל מען אויף זיי שיעסען. עס וועט גאָר ניט שאדען, ווען וועט טויטען איינעס אדער צווייא.

נאך לאנגען רעדען, שרייען, קריעגען זיך און בעראטהען זיך איז געבליעבען, אז מען זאל געבען דיא נעגער פערציג קווארט וואסער א טאג. בען בראָם, דער דייטשער מאטראז און נאך איינינע זיינען זיינען דערמיט געוועזן זעהר צופריעדען. זיי האבען בעסער געוואלט ליידען דורשט, אלס צו נעהמען עטליכע הונדערט מענשען און זיי אריינוואַרפען אין מעער.

29טעס קאפיטעל.

ראָם אנשטאט וואַסער.

איך האב עס אייך דערצעהלט אין עטליכע ווערטער. איהר קענט מיינען, אז אלעס האט פאַסירט אין א האלבע שטונדע. אין דער ווארהייט אבער האט דיא געשיכטע געדויערט פון זעקס אוהר אין דערפריה ביז פיער אוהר נאכמיטאג. סיי-

נער אויפ'ן שיף האט אין דיעזע צייט ניט גענעסען און ניט געטרונקען. דיא גע־פאהר צו שטארבען פון דורשט האט אפגענומען ביי אלעמען דעם אפעטיט.

דיא אונגליקליכע נעגער, וועלכע זיינען געוועהן געוואינט, אז מען זאל זיי ברענגען אלע אין דער פריה זייער פארציאן וואסער, האבען אונטערדעסען שטארק געליטען. דיא היץ איז געוועז שרעקליך. אין זייערע איינגע קעמערליך אונ־טען אין שיף איז ניט געוועז אויסצוהאלטען. ווען זיי האבען געזעהן, אז עס ווערט שפעט און מען ברענגט זיי קיין עסען און קיין טרינקען, האבען זיי אנגעהויבען צו שרייען:

— אגאא! אגאא! וואסער? וואסער! (אגאא איז וואסער אויף פארטר געזיש).

דיא געשרייען זיינען געווארען אלע מאל העכער, אלע מאל שרעקליכער, אלע מאל אונערטרעגליכער. אום צוויא אוהר נאך מיטאג האבען מיר ניט גע־קענט איינשטעהן אונטערן בריקעל, וואו מיר האבען זיך בעראטהען, וואס צו טאהן מיט זיי און מיר האבען געמוזט אוועקגעהן ביז צום ענדע פונ'ם שיף, דארט וואו דער רודער געפינט זיך. אבער אויך דארט האבען מיר געהערט דיא שרעקליכע געשרייען פון דיא נעגער:

— אגאא! אגאא! וואסער! וואסער!

מיר האבען זיי אבער גאר ניט געקענט העלפען. מען האט געמוזט אפ־ווארטען, ביז מען וועט זיך צונויפרעדען און מען וועט בעשליעסען, וואס צו טאהן מיט זיי. ענדליך געגען פיער אוהר האט מען אלעם אפגערעדט און בעשלאסען מען זאל געבען דיא נעגער פיערציג קווארט וואסער א טאג.

מען האט באלד אויסגעוועהלט א קאמיטעט פון פינף מענשען, וועמען מען האט פערטרויט דאס וואסער. זיי האבען געהייסען אריינקייקלען דיא דרייא פע־סער וואסער אין א בעזונדער קאמער, וועלכע מען האט געהאלטען פערשלאסען מיט צוויי שלעסער. פאר דער קאמער האט מען געשטעלט א וואך.

ערשט אום פינף אדער זעקס אוהר פאר נאכט האט מען דערלאנגט דיא נעגער זייער פארציאן וואסער, אבער וואס פאר א פארציאן! זיי האבען קוים גע־האט צו בענעצען זייערע פערברענטע ליפען. דיא געשרייען און דיא געוואלדען: אגאא! אגאא! זיינען געוועזן שרעקליך.

אויסער דיעזע געשרייען איז דיעזע נאכט געוועזן שטיל אויף דער „ראפינא".
דיא מאטראזען זיינען ארומגעגאנגען בייז, אויפגערעגט, טרויעריג און פערטראכט. איינינגע זיינען ארויפגעקראכען אויף דיא זעגעל־בוימער אום זיך אפצוקיהלען; אנ־דערע זיינען געשטאנען צו צוויא, צו דרייא ביים געלענדער פונ'ם שיף און הא־בען געערדט שטילערהייט. אויף דער „ראפינא" איז יעצט געהאנגען א שווארצער שלייער פון נויט און פערצווייפלונג. דער שיפסקאפיטאן און דער ערשטער אפי־ציער פלעגען פון צייט צו צייט ארויפגעהן אויפ'ן בריקעל מיט'ן ספעקטיוו אין דער —···ד און פלעגען ארויסקוקען אויפ'ן מעער, פיעלייכט וועלען זיי דערזעהן א שיף.

ליידער, האבען זיי גאר ניט געזעהן. דיא „ראפינא“, איז יעצט געווען צו ווייט פון דעם וועג, אויף וועלכען עס געהן געוועהנליך דיא שיפען. מען האט זיא צוואר אויסגעדרעהט און מען איז געפאהרען צום לאנד, עס איז אבער קיין ווינד געווען און מיר האבען זיך געפונען גראדע אין דעם ארט פון׳ם אטלאנטישען וועלט מער, וואו אין געוויסע צייטען פון׳ם יאהר איז גאר קיין ווינד ניטא.

דיעזע געגענדען הייסען „דיא טויטע געגענדען“ אדער „דיא שטילע געגענ־דען“. דאס מער איז גלאט, וויא א שפיעגעל. א גאנצען טאג וועהט קיין לופ־טעלע. דיא זון ברענט, וויא פייער. דיא לופט און דאס מער זיינען שטיל און רוהיג, וויא טויט. נור אבענדס און פאר טאג הייבט זיך אויף א לייכטער ווינד. ער געדויערט אבער נור א פאר שטונדען. דאן ווערט וויעדער אלעס שטיל.

אזוי איז פערגאנגען דיא נאכט. אלע מענשען אויף דער „ראפינא“ האבען זעהר וועניג געשלאפען אדער גאר ניט געשלאפען. אין דער פריה איז דיא זון אויפגעגאנגען און האט וויעדער בעגאסען דאס גרויסע וועלטמער מיט איהרע הייסע שטראהלען. דיא מאטראזען האבען געווארט מיט אונגעדולד, עס זאל שוין קומען דיא צייט, ווען מען וועט זיי אויסטהיילען זייערע פארציאנען וואסער.

ענדליך איז געקומען דיא צייט, ווען מען האט אבגעמאסטען פאר יעדען צווייא גלאז וואסער. — אך! איהר גליקליכע מענשען, וועלכע וואינען אין גרוי־סע און קליינע שטעדט, וואו וואסער האט קיין ווערטה, איהר פערשטעהט גאר ניט וואס פאר אטהייערע זאך וואסער איז! איהר האט גאר קיין בעגריעף, וואס עס הייסט אביסעל וואסער, ווען מען דארף עס?

— יעדער מאטראז האט צוגענומען זיין ביסעל וואסער שטיל, רוהיג, טרויעריג מיט שמערץ און פערצווייפלונג אין הערצען וואס זאל ער פריהער טאהן מיט׳ן ביסעל וואסער? זאל ער עס אויסטרינקען מיט אמאל? זאל ער דערמיט בענעצען זיין ברענענדעס געזיכט? זאל ער עס בעהאלטען אויף שפעטער, ווען דיא היץ וועט ברענען און דיא צונג וועט פערטריקענט ווערען אין גומען?

אייניגע האבען אויסגעטרונקען זייער וואסער מיט אמאל, אנדערע האבען עס געהאלטען אין זייערע קאסטענס, וויעדער אנדערע האבען עס צומישט מיט ראם אדער קאניאק און האבען עס געהאלטען אין פלעשער. איך און בז בראם האבען אריינגעגאסען אונזער וואסער אין פלעשער און האבען עס געהאלטען פערשלאסען, וויא מען האלט בריליאנטען.

אום האלבען טאג, ווען דיא היץ איז געווארען שרעקליך, אונערטרעגליך, האבען פיעלע מאטראזען געעפענט דיא קאמערן, וואו עס האבען זיך געפונען דיא פעסלעך מיט ראם און יעדער האט געטרונקען, וויא פיעל ער האט געוואלט

אויס נויט און פערצווייפלונג האבען דיא מאטראזען געטרונקען מעהר, וויא פיעל זיי האבען געדארפט. באלד האט מען געהערט אויפ׳ן דעק ליעדער און א שיכור׳ן געלעכטער. אך! וואס פאר א געלעכטער איז דאס געווען!

אום צווייא אוהר האט מען אויסגעטהיילט דיא נייער זייער וואסער, דאן האט מען אנגעהויבען זיי ארויפצופיהרען אויפ׳ן דעק און זיי מאכען צו טאנצען.

יעצט האבען דיא מאטראָזען מעהר ניט געלאַכט פון דיא אונגליקליכע. קיינעם אי־ שוין געלעגען אין זינען צו לאַכען. יעדער האט געזעהן פאר זיך דעם שרעקליכען טויט. דאס וואסער אין דיא פעסער איז געוואָרען אלע מאל ווענינער און דיא היץ איז געוואָרען אלע מאָל שטארקער און אונערטרעגליכער.

עס פלעגען זיין טעג, ווען עס האט בוכשטעבליך געברענט. דאס פעך, וועלכעס האט פערקלעפּט דיא שפּאַלטען פון דעם שיף איז צושמאלצען גע־ וואָרען און האט גערונען איבער׳ן דעק וויא וואסער. עס איז געווען אונמעגליך זיך צו צוריהרען צו א שטיקעל אייזען. זאגאר דאס האלץ אויפ׳ן שיף איז געוואָ־ רען הייס, וויא פייער.

פון צייט צו צייט פלעגט מען הערן א ווילדעס, אונמענשליכעס, שרעקלי־ כעס שרייען: אַגאַא! אַגאַא! דאס האבען געשריען דיא אונגליקליכע נעגער אין זייערע שטאַלען. עס איז געווען אונמעגליך זיי איינצוהאַלטען אדער זיי צו ער־ קלערן, אז מיר געפינען זיך אין א נויט.

ענדליך זיינען זיי געוואָרען ווילד און וואהנזיניג. זיי האבען אנגעהויבען צו צו רייסען דיא גראַטעס, צו שפּרינגען און צו קראַצען דיא וואנד מיט זייערע נעגעל. איין מאל האבען זיי זאגאר אויסגעבראָכען דיא גראַטעס אין איינער פון דיא קאַ־ מערן און האבען געוואָלט ארויסלויפען אויפ׳ן דעק. מען האט געמוזט זיי צוריק־ האַלטען, צוריקברענגען און צוריקטרייבען מיט ביקסען און מיט שווערדען.

דער צימערמאַן האט געמוזט בעפעסטיגען דיא גראַטעס און בעשלאָגען יענע קאמער מיט נייע ברעטער. ווער וויים, וואס דיא אונגליכליכע וואָלטען ווייטער געטאָהן, ווען עס זאָל זיך ניט געווען טרעפען א נייעס אונגליק, וועלכעס האט פערניכטעט דיא „ראַפינאַ" און האט געענדיגט דיא ליידען און דאס לעבען פון דיעזע אונגליקליכע.

30טעם קאַפּיטעל.

פייער! פייער!

אויפ׳ן דריטען טאג זיינע געשרייען פון דיא נעגער געוואָרען אזוי שרעק־ ליך, אז זאגאר דיא ווילדע מאטראָזען פון דער „ראַפינאַ" האבען עס שוין ניט געקענט אויסהאַלטען.

— וואס ווע׳לען מיר זיי נאָך האַלטען? — האט אויסגערופען דער פראַנצויז לענגראַ, — צו וואס זאלען מיר זיי אוועק געבען אונזער לעצטעס ביסעל וואסער? לאָמיר זיי אריינוואַרפען אין מעער! לאָמיר פון זיי לויז ווערען!

— מיר האבען אליין ניט וואס צו טרינקען און מוזען אוועק געבען אונזער וואסער דיעזע שווארצע טייפעל! — האט געלאַכט אַנאַנדערער.

— לאָמיר זיי אויסשניידען וויא דיא שעפּסען! — האט געראַטהען א דריטער.

מען האט געשריען, געליאַרעמט און געמאַכט געוואַלדען. קיינער האט ניט געוואָלט הערן, וואס דער אנדערער זאָגט. איך בין אנטלאָפען און האב מיך גע־

האלטען אין א ווינקעלע. בען בראס איז געשטאנען פון דער ווייטען און האט זיך ניט געוואלט אריינמישען. ער האט מורא געהאט פאר זיינע ווילדע קאמע־ראדען. ער האט געוואוסט אז זיי זיינען יעצט אזוי ווילד, אז עס איז אונמעגליך מיט זיי צו רעדען אן ערנסטעס ווארט.

עס איז זעהר מעגליך, אז דיא ווילדע און פערדארבענע מאטראזען וואלטען ענדליך אויסגעפיהרט זייער דראהונג און וואלטען ווירקליך אריינגעווארפען דיא נעגער אין וואסער. זיי האבען שוין קיינעם געהערט און האבען שוין קיינעם ניט געוואלט פאלגען. דער שיפסקאפיטאן האט איבע זיי מעהר קיין מאכט ניט גע־האט. עס איז ניט געווען איינער אויפ'ן שיף, ווענען זיי זאלען געווען הערן.

פלוצלונג האב איך דערהערט א געשריי:

— פייער! פייער!

איך בין ארויסגעלאפען פון מיין ווינקעלע, וויא א וואהנזיניגער און בין גע־לאפען. — וואוהין? דאס האב איך אליין ניט געוואוסט. איך בין געלאפען, ווייל אלע זיינען געלאפען.

ווען איך בין צו געקומען צו דער קיך, האב איך דערזעהן, וויא דער שיפסקאַ־פיטאן און דער ערשטער אפיציער זיינען געשטאנען מיט שטריק אין דיא הענד און האבען געשלאגען דעם נעגער, אונזער קאך. דערביי האבען זיי געשריען און דער חויך:

— זאג אויס, דוא הונט! דערצעהל, שנעעמאן!

איך האב פערגעסען אייך צו דערצעהלען, אז דיא מאטראזען פון דער „ראַ־פינא" האבען געגעבען א צונאמען דעם שווארצען קאך און פלעגען איהם רופען: ווייסמאן אדער שנעע באלל, שנעע מאן, סנאָאי. דער נעגער איז שוין געווען גע־וואינט מיט דיעזען צונאמען און פלעגט זיך ניט בעליידיגען, ווען מען פלעגט איהם רופען ווייסמאן.

דאמאלס אבער האבען דער שיפסקאפיטאן און דער ערשטער אפיציער גאר ניט געשפאסט. דאס מאל איז עס געווען א בלוטיגער ערנסט. זיי זיינען געווען שרעקליך בייז און שרעקליך אויפגערעגט. ווען איך בין צוגעקומען, איז דעם נע־גערס רוקען שוין געווען בעדעקט מיט בלוט.

מען האט אנגעהויבען צו שרייען און צו פרעגען, וואס דא איז געשעהן, וואו איז דען דאס פייער און פאר וואס דער שיפסקאפיטאן מיט'ן ערשטען אפיציער האבען געשלאגען דעם נעגער. עס איז אבער אונמעגליך געווען עפעס ארויסצו־קריעגען פון זיי. אלע זיינען געווען דערשראקען, אלע זיינען געווען אויפגערעגט און אלע זיינען ארומגעלאפען, וויא דיא וואהנזיניגע, האבען געשריען, געליארמט און גאר ניט געטאהן.

איך וויל אייך דערצעהלען, וואס עס איז פארגעקומען אויף דער „ראפינא" אין דער צייט, וואס דיא מאטראזען האבען זיך געקריעגט איבער דיא נעגער. איך וויים עס פון שנעעמאן אדער ווייסמאן דעם קאך אליין.

איך האב שוין דערצעהלט, אז זייט מען האט אנגעהויבען אויסצוטהיילען דאס וואסער אין קליינע פּאָרציאנען, האט מען געעפענט דיא קאמערן, וואו עס זיינען געשטאַנען דיא פעסלעך מיט ראָם און מיט שנאַפּס און יעדער האט גע־טרונקען, וויא פיעל ער האט געוואלט. דיא מאַטראָזען פון דער „ראַפּינאַ" האבען בענוצט דיעזע געלעגענהייט און האבען געטרונקען אויס פערצווייפלונג.

דער נעגער ווייסמאַן, דער קאָך, האט אויך בענוצט דיעזע געלעגענהייט. אין דעם טאג, ווען עס האט אויסגעבראכען דאס פייער, האט ער זיך דערמאנט, אז אין א ווייטער קאמער ערגעץ ליעגט א פעסעלע ראָם, וועלכעס דער שיפּס־קאַפּיטאַן האט בעהאלטען אויף איין בעזאנדערן פאל. דאס איז געוועזן א בעזאנ־דערס גוטע סאָרטע, עכטער יאַמאַיקא ראָם, דיא בעסטע וואארע, וואס האט זיך געפונען אויף דער „ראַפּינאַ".

אלס קאָך האט סנאָאי אדער ווייסמאַן ליעב געהאט דאס בעסטע און דאס פיינסטע. עס איז איהם מיאוס געווארען דער געוועהנליכער ראָם, וועלכען אלע האבען געטרונקען און ער האט געוואלט פערזוכען דעם שטארקען און גוטען יאַ־מאַיקא ראָם; ער האט אבער מורא געהאט דער שיפּסקאַפּיטאַן זאל דערפון ניט געוואהר ווערן און זאל איהם ניט שלאגען. ער איז דאהער געגאַנגען שטילער־הייט אין קעמעריל, וואו דער ראָם האט זיך געפונען. דארט איז געוועזן פינסטער. דער נעגער האט מורא געהאט צו עפענען דאס קליינע, רונדע פענסטעריל פון דיעזען קעמעריל.

וואו ער האט גענומען אשליעסעל צו דיעזען קאמעריל, ווייס איך ניט. איך ווייס נור, אז ער האט גענומען אפּאָר פלעשער און אליכט און איז גאנץ פריה אראָפּגעגאנגען אין קאמעריל אָנצאַפּען ראָם. דאס פעסעל איז געוועזן שטארק פערשפּונטעוועט און עס האָט איהם געקאסט פיעל מיהע, ביז ער האט עס גע־עפענט. ביי דיעזער ארבייט האט ער אניעדער געשטעלט דאס ליכט אויפ'ן פעסעל.

ווען ער האט ענדליך ארויסגעריסען דעם שפּונט פון'ם פעסעל, איז דאס ליכט אריינגעפאלען אין פעסעל און דער ראָם האט זיך אנגעצונדען. דער נעגער האט זיך שטארק דערשראקען, ווען ער האט דערזעהן דאס בלויע פייער פון'ם ראָם ארויסגעהן פון'ם לאך פון פאס, און האט אין דיא ערשטע פּאר מינוט ניט געוואוסט וואס צו טאהן.

ווען ער איז געקומען צו זיך און האט אנגעהויבען צו טראכטען, וואס צו טאהן, האט ער מורא געהאט צו מאכען אגוואלד און אויסצוזאגען, אז דער ראָם ברענט. ער האט זעהר גוט געקענט דעם שיפּסקאַפּיטאַן און האט געציטערט פּאר איהם.

ער האט זיך דאחער ענטשלאסען אליין אפּצולעשען דאס פייער. ער איז ארויפגעלאָפען אויפען דעק, האט געחאפּט אן עמער וואסער, איז אראָפּגעלאָ־פען מיט איהם און האט איהם אריינגעגאסען אין פעסעל ראם. עס האט אבער

ניט געהאלפען. ער האט אנגעהויבען צו לויפען אויפ'ן דעק, האפען עמערס מיט וואסער און אראפּלויפען מיט זיי.

ווען ער וואלט באלד דערצעהלט דעם שיפסקאפּיטאן אדער אנדערע פּע־הינע מאטראזען, וואס עס איז געשעהן, וואלט מען זעהר לייכט געקענט אפּלע־שען דאס פייער. פאר נויט האט מען געקענט פערשפּונטעווען דאס פאס און עס ארויסקייקלען אויפען דעק און ארויסוואַרפען אין מעער.

דער נעגער אבער האט מורא געהאט אויסצוזאגען, אז דער ראַם ברענט אונטען, און האט געוואלט איהם אליין אפּלעשען.

דער ערשטער אפיציער איז גראדע געשטאנען אויפין בריקעל און האט גע־קוקט אויפין מעער, פּעלייכט וועט ער דערזעהן א שיף. אזוי וויא קיין שיף האט זיך ניט געוויזען, האט ער אראפּגעקוקט אויפ'ן דעק פונ'ם שיף און האט געזעהן, וויא דער נעגער חאַפּט אלע מאל אנ'עמער וואסער און לויפט מיט איהם אראפּ אין דעם קעמעריל, וואו מען האט געהאלטען דיא בעסטע זאכען.

דאס איז איהם ניט געפעלען. ער האט גערעכענט, אז דער נעגער בעהאלט עפּעס אדער גנבעט עפּעס. ער איז אראפּגעלאָפען פון בריקעל, האט געפונען דעם שיפסקאפּיטאַן און ביידע האבען אנגעהויבען צו שלאָגען דעם נעגער, ער זאל אויסזאגען, וואס ער טהוט דארט אונטען.

— פייער! האט אויסגערופען דער נעגער.

— פייער! האבען געשריען עטליכע מאטראָזען, וועלכע זיינען געשטאנען דערבייא.

וויא איך פערשטעה, איז דער שיפסקאפּיטאן אויך געווען בעטרונקען, אדער ער איז געווען אזוי אויפגערעגט פון דעם אונגליק, וואס האט איהם געטראָפען—וואס איז איהם אויסגעגאנגען דאס וואסער, אז ער האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. קוים האט ער דערהערט, אז אויף זיין שיף האט אויסגע־בראָכען א פייער, האט ער געדארפט טאהן אלעס מעגליכע, אום עס אפּצולעשען. ער האט עס אבער ניט געטאהן און האט געשלאָגען דעם נעגער, וויא וויית ער האט געקענט.

ווען בען בראס, לענרא און פיעלע עלטערע מאטראָזען האבען דערהערט דאס געשריי: פייער! זיינען זיי באלד געקומען צולויפען און האבען דערזעהן, וויא דער שיפסקאפּיטאן און דער ערשטער אפיציער שלאָגען דעם נעגער. זיי האבען גערעכענט, אז מען האט שוין אויסגעלאָשען דאס פייער און האבען געוואלט אוועק־געהן. דער אונגליקליכער נעגער אבער האט געהאלטען אין איין שרייען:

— פייער! לעשט דאס פייער!

— וואו איז דאס פייער? וואו ברענט עס? מיר זעהן דאך ניט! האבען געשריען דיא עטליכע אונגליקליכע מאטראָזען.

אזוי וויא קיינער האט זיי ניט געענטפערט, — דער שיפסקאפּיטאן האט אנך אלץ געשלאָגען דעם נעגער און דער נעגער איז געווען אזוי דערשראָקען און

אזוי דערשלאָגען, אז ער האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם, האט דער פראנצויז לענגראָ זיך געווענדעט צום שיפסקאפיטאן און האט איהם געפרעגט מיט זיין גראָבער שטימע:

— איז דאס פייער שוין אויסגעלאָשען? וואו איז דאס פייער?

דער שיפסקאפיטאן האט זיך דערשראָקען און האט אפגעלאָזען דעם נעגער.

— וואו איז דאס פייער? האט ער געפרעגט.

— אונטען אין קאמער נומער פופצעהן, האט דער נעגער געענטפערט.

— וואס ברענט?

— א פעסעל ראָם.

אלע האבען זיך אווארף געטאהן צום קעמערל נומער פופצעהן. מען איז געלאפען, מען איז געפאלען איינער איבערן אנדערן און מען האט זיך געריסען צום קעמערל. יעדער האט געוואלט וויסען, וואס עס טהוט זיך און וויא גרויס דיא געפאהר איז.

יעדער האט געוואוסט, אז עס איז ניטא קיין שרעקליכערעס אויף דער וועלט, וויא פייער אויף א שיף. דאכט זיך, אז דאס שיף שטעהט אין וואסער, איז זעהר לייכט צו לעשען דאס פייער און דאך איז ניטא קיין שווערערע זאך אין דער וועלט, וויא צו לעשען א פייער אויף א שיף.—מען האט זיך ניט וואו צו ריהרען. ווען עס ברענט א הויז, קען מען שטעהן פון דערווייטען און עס לעשען. אויף א שיף אבער מוז מען שטעהן אויפ'ן שיף און עס לעשען. עס קומט אויס דאס זעלבע' ווען א הויז זאל ברענען און דיא איינוואינער פון דיזען הויז זאלען וועלען לעשען דאס פייער פון אינעווייניג.

דאס האבען זעהר גוט געוואוסט דיא מאטראזען פון דער „ראפינא” און דערפאר זיינען זיי געלאפען מיט אזא שרעק צום קעמערל נומער פונפצעהן.

ווען מען האט ענדליך אויפגעריסען דיא טהיר פון קעמערל, האט מען ערשט דערזעהן, וויא גרויס דיא געפאהר איז. דאס גאנצע קעמערל איז געווען פול מיט א געדיכטען רויך. אין דער צייט וואס דער שיפסקאפיטאן האט געשלאגען דעם נעגער, האט זיך דאס פייער ערשט גוט צוברענט אין קעמערל.

עס איז געווען אונמעגליך אריינצוגעהן אין קעמעריל. אלע זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט און האבען ניט געוואוסט וואס צו טהון. יעצט איז שוין געווען אונמעגליך ארויס צו קייקלען דאס פעסיל מיט ראָם. דאס האלץ האט זיך שוין אנגעצונדען.

אזוי וויא אלע זיינען געשטאנען אזוי דערשראָקען און פערשטיינערט, האט עס געגעבען א קנאק, גלייך וויא מען וואלט אויסגעשאָסען פון א קאנאָנע. דאס ביסעל ראָם, וואס איז נאך געבליעב'ען אין פעסעל, האט זיך צוגאָסען איבערן קע־מעריל. עס האט זיך באלד געוויזען אבלויע פלאַם

81-טעס קאפיטעל.

אויף דיא באָטע !

— לעשין ! לאָמיר לעשען דאס פייער ! האט מען געשריען פון אללע זייטען.

דיא מאטראָזען זיינען געקומען צו זיך און האבען פאָלשטענדיג פערשטאַנען, וויא גרויס דיא געפאהר איז. עס האבען זיך געפונען צווישען זיי קלוגע און פראקטישע מענשען, וועלכע האבען געוואוסט וואס צו טאהן אין אזא פאלל. איינער פון אונזערע מאטראָזען האט אמאל געדיענט בייא דער פייער וועהר אין לאָנדאָן און ער האט געוואוסט וואס מען דארף טאהן אין אזא פאלל.

זעלבסט פערשטענדליך, אז דאס ערשטע געשרייא איז געווען : וואסער ! מען האט באלד אראָפּ געלאָזען א לאַנגע פייער וועהר ראָהר (קישקע) אין מעער און מען האט זיא צוגעבונדען צו דער פייער פומפע. אויף דער „ראפינא, וויא אויף יעדעס גוטע שיף מוז זיך געפינען א פייער פומפע און אלע אינסטרומענטען צו לעשען א פייער. מען האט אנגעהויבען צו פומפען וואסער אין קעמריל נומער פונפצעהן.

אונטערדעסען האט דער געוועזענער פייערוועהר מאן (פאזשארני) געפרעגט דעם נעגער :

— געפינט זיך אין קעמריל נומער פינפצעהן נור דאס איינע פאס ראָם ?

— עס געפינט זיך דארט נאך א פאס פעך, וועלכעס מען האט ערשט ניט לאַנג אריין געקייקעלט אהין, ווייל אין דיעזען קעמריל איז עס א ביסעל קיהלער.

— וואס נאך געפינט זיך דארט ?

— צווייא פעסליך בוטער.

— דאס איז טרויעריג, האט דער געוועזענער פייער מאן געזאגט וויא צו זיך אליין.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו דעם שיפסקאפיטאן און צום ערשטען אפיציער און האט זיי געפרעגט:

— געפינען זיך ערגעץ אויף׳ן שיף פעסלעך מיט פולווער?

דאס איז געווען זעהר א וויכטיגע פראגע. ווען עס געפינט זיך קיין פולווער אויף דער „ראפינא“ איז נאך דא א האפנונג עס צו לעשען. געפינט זיך אבער פולווער אויף איהר, איז דאס שיף מיט דיא מענשען פערלארען.

— מיר האבען זעהר ווניג פולווער,—האט דער שיפסקאפיטאן געענטפערט קורץ.

מיר האבען אלע געוואוסט, אז אויף דער „ראפינא“ האבען זיך געפונען פופציג ביז זעכציג פעסלעך פולווער. ווען מיר זיינען געפאהרען קיין אפריקא. פולווער איז געווען ביי אונז א הויפּט ארטיקעל. קעניג דשינגא האט גערארפט האבען

פולווער און ביקסען פיר זיינע סאלדאטען. מיר האבען דאן גערעכענט, אז דער שיפסקאפיטאן האט אוועקגעגעבען דעם קעניג דשינגא דאס גאנצע פולווער.

דיעזע נאכריכט האט אלעמען געגעבען פרישען מוטה צו ארבייטען ביים לעשען פונ׳ם פייער. קוים האבען מיר קיין פולווער אויפ׳ן שיף, איז נאך דא א האפנונג צו רעטען דאס שיף.

אלע האבען געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטע. ליידער, איז אונזער מיה געווען אומזיזט! וויסמאן דער נעגער האט רעכט געהאט. אין קעמעריל האט זיך געפונען א פעסעל פעך, וועלכעס האט זיך באלד אנגעצונדען. דאס פייער איז געווארען שטארקער, דער רויך איז געווארען דיקער. עס איז געווארען אונ־מעגליך אראפצוגעהן אונטען.

דענאך האבען דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“ ניט פערצווייפעלט. זיי האבען נאך אלץ געהאט האפנונג, אז עס וועט זייא געלינגען צו רעטען דאס שיף, וועלכעס האט דערווייל געברענט נור פון איין זייט, פון הינטען, דארט וואו דער רודער געפינט זיך. ווער עס האט נור געהאט הענד, דער האט געפומפט, געשעפט וואסער און געגאסען, וואו מען האט געקענט, וואו מען האט געפונען א פענסטערעל, א שפאלט, א לאך, אנעפענונג.

אלעס האט אבער ניט געהאלפען. ביז אהער האבען מיר געזעהן דעם רויך ארויסגעהן נור פון דעם קעמעריל נומער פונפצעהן, באלד אבער האבען זיך אנ־געהייבען צו ווייזען דינע פעדים רויך פון דעם גאנצען הינטער דעק. דאס פייער האט זיך פערברייטערט ווייטער און האט דארט געפונען פעסלעך מיט פאלם אייל, אזעהר גוטעס מאטעריאל צום ברענען.

אלע געזיכטער זיינען געווארען בלייך, אלע הענד האבען זיך אראפגעלא־זען. דיא מאטראזען האבען אנגעהויבען צו קוקען איינער אויפ׳ן אנדערן מיט שרעק און פערצווייפלונג. זייערע טרויעריגע בליקען האבען געזאגט:

— אומזיסט אונזער ארבייט! מיר זיינען פערלארען!

דיא ליפען האבען עס נאך ניט געוואגט ארויסצוזאגען, אבער יעדער האט עס געפיהלט, יעדער האט עס געוואוסט, אז דיא געפאהר איז זעהר גרויס, אז דיא „ראפינא“ איז פערלארען און דיא מענשען זיינען פערלארען מיט איהר.

דער רויך איז אונטערדעסען געווארען געדיכטער און געדיכטער. פריהער האט מען געזעהן נור גאנץ דינע פעדים רויך ארויסגעהן פון דיא שפאלטען פונ׳ם דעק: דיעזע דינע פעדים זיינען געווארען דיקער און דיקער. אין ערטער זיינען עס געווען גאנצע זיילען. ענדליך איז דער גאנצער הינטערשטער טהייל פונ׳ם שיף געווען בעדעקט און איינגעהילט אין רויך. דער הינטערסטער זעגעלבוים איז גע־ווארען איינגעהילט אין רויך, וויא אין א קאלדרע. עס איז געווען דייטליך, אז אלע אונטערסטע קאמערן ברענען שוין.

זאנדערבאר! אין דער צייט וואס דער גאנצער הינטערסטער טהייל פון׳ם שיף האט געברענט, האט מען פון פארנט גאר ניט געפיהלט ניט קיין רויך און

ניט קיין פייער. מיר זיינען ארומגעגאנגען אויפ'ן דעק פון פארנט גאנץ רוהיג, גלייך וויא עס וואלט גאר ניט געשעהן.

איך בין באלד געוואהר געווארען, פאר וואס דאס איז: צווישען דעם הינ־טערסטען טהייל פון'ם שיף, וואו עס האבען זיך געפונען דיא שפייז־קאמערן און דעם פאָרדערסטען טהייל פון'ם שיף, וואו עס האבען זיך געפונען דיא שטאלען פאר דיא נעגער, האבען זיך געפונען דיא קאמערן, וואו עס זיינען געלעגען דיא פעסער מיט וואסער. ווען דאס פייער איז צוגעקומען צו דיעזען אָרט, האט עס געפונען פאר זיך א בארג מיט וואסער. דערפאר האט עס געברענט אזוי לאנג־זאם און אין דער צייט, וואס דאס פייער האט געברענט אין דעם הינטערסטען טהייל פון'ם שיף, איז אויפ'ן פארדערסטען פון'ם שיף געווען גאנץ רוהיג.

דיא מאטראזען האבען אבער זעהר גוט געוואוסט, אז דאס וועט לאנג ניט דויערן. דער רויך איז געווארען אלע מאל שטארקער, געדיכטער און שרעקליכער. ווען עס זאל געווען זיין א שטיקעלע ווינד אויפ'ן מעער, וואלטען מיר אויף קיין פאל ניט געקענט איינשטעהן אויפ'ן פארקעסל. עס איז אבער קיין ווינד ניט גע־ווען, דער רויך איז ארויפגעגאנגען גלייך צום הימעל און מיר האבען געקענט זעהן וויא דאס פייער ווערט אלע מאל מטארקער אונטען אין דיא קאמערן.

ביז אהער האבען מיר געזעהן נור רויך און דאמפף. דער דאמפף איז גע־קומען פון'ם וואסער, וועלכעס מיר האבען אנגעגאסען אין דיא קאמערן און אויפ'ן דעק. פלוצלינג האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען רויטע פייערדיגע צונגען. זייא זיינען ארויסגעגאנגען פון אלע שפאלטען פון'ם דעק.

— מיר זיינען פערלארען! לאזט אראָפּ דיא באָטע! האט מען געשריען פון אלע זייטען — לאמיר זיך רעטען אויף דיא באָטע.

32טעם קאפיטעל.

דער שיפסקאַפּיטאַן אנטלויפט.

ווער עס האט זיך צוגעקוקט צו א שיף, דער האט געוויס בעמערקט, אז אויף יעדעס שיף געפינען זיך עטליכע קליינע שיפלעך אדער באָטע, אין וועלכע מען קען זיך רעטען אין א נויט.

אויף דער "ראפינא" זיינען געווען דרייא אזעלכע באָטע. דאס ערשטע איז געווען א קליינעס, אבער שטארקעס און שנעלעס באָט, וועלכעס האט געהייסען דעם „קאפיטאנס גיג". אין דיעזען באָט האבען געקענט אריינגעהן צעהן מענ־שען. דאס צווייטע באָט איז געווען דיא „פינאסע". א גרויסעס שווערעס באָט אין וועלכען עס האבען געקענט געפינען פלאץ דרייסיג ביז פיערציג מענשען. דאס דריטע באָט האט געהייסען דאס גרויסע באָט. דאס איז געווען א גאנצער סקונער, אין וועלכען עס וואלטען געפינען פלאץ אלע מאטראָזען פון דער „ראפי־נא" מיט פראָוויאנט, מיט וואסער און מיט אלעם נעטהיגען.

ווען דער שיפסקאפיטאן, דער ערשטער אפיציער און דיא מאטראָזען פון

דער „ראפינא“ וואלטען געווען געזעצטע מענשען און קיינע מערדער, וואלטען זיי געדארפט זיך איבערלעגען און זיך בעראטהען, וואס זיי זאלען יעצט טאהן און וויא אזוי אלע זאלען זיך רעטען. אין א נויט מוז מען זיך האלטען צוזאמען. יעדער מוז זארגען פאר אלעמען און אלע זאלען זיך זארגען פאר איינעם. אויף אזא ארט קען מען זיך רעטען און זיך זארגען איינער פאר דעם אנדערן.

אבער דיא מענשען פון דער „ראפינא“ זיינען געווען א גאנץ אנדער סארטע. ערשט יעצט אין דער נויט האבען זיי ארויסגעוויעזען, וויא ווילד און פערדארבען זיי זיינען. יעדער האט געטאהן, וואס ער האט געוואלט. יעדער האט געוואלט נור זיך רעטען און האט פערגעסען, אז „איינער איז קיינער“.

ווען מען איז צוגעקומען צום צווייטען באט דיא „פינאסע“, וויא דיא מאט־ראזען פלעגען זיא רופען, און מען האט געוואלט זיא אראפלאזען אין וואסער, האט מען דערזעהן, אז א פלאנקע איז צובראכען אונטען אין באדען. דאס איז געשעהן אויפ'ן טייך, אין דער צייט, ווען מען פלעגט אויף איהר איבערפיהרען דיא שקלא־פען און דעם פראוויאנט פון קעניג דשינגא'ס לאגער אויף דיא „ראפינא“, דא־מאלס האט זיא זיך אנגעשלאגען אן א שטיין און האט באקומען א לאך אין באדען.

דער שיפסקאפיטאן האט געוואוסט דערפון און האט געהייסען זיא רעפא־רירען. אלע זיינען אבער געווען אזוי בעשעפטיגט, אז מען האט פערגעסען אן איהר און יעצט איז שוין געווען צו שפעט. דער צימערמאן האט ערקלערט, אז עס דארף בייא איהם צונעהמען א גאנצען טאג, ער זאל זיא רעפארירען און זאל זיא מאכען שטארק און פעסט, אז זיא זאל קענען אויסהאלטען א לאנגע רייזע.

עס איז אלזא געבליעבען נור דאס „גרויסע באט“ און דער „קאפיטאנס גיג“. יעצט האט מען שוין אנגעהויבען זיך איבער צו לעגען און צו בעראטהען, וואס מען זאל טאהן.

— צעהן אויפ'ן גיג און דיא איבעריגע אין דאס גרויסע באט!—האט דער שיפסקאפיטאן אויסגערופען.

אלע האבען זיך אווארף געטאהן צום גרויסען באט. זיי האבען צוואר זיך יעצט זעהר ווייניג געקימערט, וואס דער שיפסקאפיטאן האט זיי געהייסען. זייט מען האט ענטדעקט, אז עס איז אויסגעגאנגען דאס וואסער אויף דער „ראפינא“ האט דער קאפיטאן פערלארען זיין גאנצע מאכט און קיינער האט איהם שוין ניט געהערט. דאס מאל אבער האט מען איהם געמוזט פאלגען, ווייל יעדער האט געוואוסט, אז אין „גיג“ קענען העכסטענס אריינגעהן צעהן מענשען.

אלע האבען זיך דאהער אווארף געטאהן צום גרויסען באט. איך בין גע־שטאנען אין דער מיט פון דער מענגע און בין געלאפען מיט זיי. מען האט אנגע־הויבען אפצובינדען דיא שטריק און פארצובערייטען דיא מאשינען אראפצולאזען דאס באט. דאס איז קיין לייכטע ארבייט. דאס „גרויסע באט“ איז געווען זעהר שווער. מען האט געמוזט עס אראפלאזען זעהר פארזיכטיג: עס איז דאך יעצט אונזער איינציגע רעטונג.

אזוי וויא איך האב ניט געקענט מיטהעלפען אראפצולאָזען דאס באָאָט ווייל איך בין נאָך געווען צו יונג און צו אונערפאַהרען אין אזא ארבייט. דאס האבען געדארפט טאהן אלטע, געאיבטע מאטראזען, האב איך אנגעהויבען צו זוכען מיט דיא אויגען מיין פריינד בען בראס, און האב איהם ניט געזעהן צווישען דער מיינגע ארום מיר. איך האב גערעכענט, אז ער איז אוועקגעגאנגען מיט'ן שיפסקאפּיטאן; ער וויל פאהרען מיט איהם אויפ'ן „גיג".

איך האב מיך ניט געוואלט צושיידען מיט בען בראס און האב בעשלאסען איהם אויסצוזוכען און צו פאהרען מיט איהם: ער איז דאך געווען דער איינציגער גוטער און אנשטענדיגער מענש או.ז.וו. דער „ראפינא". איך בין דאהער געגאנגען איהם זוכען.

דיא גרויסע באָאָט איז געהאנגען אין פראָנט פון דער „ראפינא", דאס קליינע באָאָט אבער, דער „גיג", איז געהאנגען פון הינטען, דארט וואו דער רודער געפינט זיך. איך האב דאהער געמוזט דורכגעהן דאס גאנצע שיף אום צו צוקר־מען צום ארט, וואו דער „גיג" איז געהאנגען. איך האב געמוזט דורכגעהן דורך בען געדיכטען רויך, וועלכער האט ארויס געזעצט פון דיא פענסטערלעך און פון דיא שפּאלטען פון'ם דעק.

איך האב געמוזט אנהאלטען מיך אן געלענדער פונ'ם שיף, זאנסט איז גע־ווען אונמעגליך צו געהן. דער רויך האט מיך געשטיקט. דיא ברעטער אונטער מיינע פיס זיינען געווען הויס וויא פייער. מיט שווערער מיה איז עס מיר געלונ־גען דורכצוגעהן ביז צום ענדע פונ'ם שיף. דאָרט איז אויך געווען א רויך. ער איז אבער ניט געווען אזוי שטארק, אז מען זאל ניט קענען זעהן איינער דעם אנדערן.

איך האב דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז דאָרט זיינען געשטאנען זעכס מענשען און האבען זיך געאיילט אראפצולאָזען דאס קליינע באָאָט, דעם „גוג". דרייא פון זיי האב איך באלד דערקענט. דאס זיינען געווען; דער שיפס־קאפּיטאן, דער ערשטער אפיציער און דער צימערמאן־ דיא איבעריגע דרייא זיינען געווען מאטראָזען פון דער „ראפינא". איך האב געזעהן, וויא זיי זיינען געווען בלייך און האבען געציטערט. עס איז געווען דייטליך, דאס זיי זיינען שטארק איבערגעשראקען און האבען עפּעס שטארק מורא פאר אנ'אנדער זאך, אויסער דעם פייער.

ווען איך בין צוגעקומען צו זיי, האבען זיי שוין אראָפּגעלאָזען דאס קליינע באָאָט. איך האב געזעהן, וויא דער ערשטער אפיציער האט געטראָגען אונטערן ארם דעם קאָמפּאס פון'ם שיף און דיא מעער קארטען. (אזוי וויא עס זיינען דאָ לאנדקארטען, וואו עס איז פערצייכענט יעדער בערג, יעדער טייך און יעדע שטאדט, אזוי זיינען דא מעער קארטען, וואו עס איז פערצייכענט יעדער אינזעל, יעדער טייך אין מעער און אלע געפעהרליכע ערטער אין מעער. יעדער שיפסקאפּיטאן מוז האבען ביי זיך אזעלכע מעערקארטען, אום ער זאל וויסען צו יעדער צייט, וואו ער געפינט זיך.

דיא דרייא מאַטראָזען, יואַס זיינען געווען מיט'ן שיפסקאַפּיטאַן, האַבּען יעצט אנגעהויבען צו וואַרפען אין „גיג" אלערליי נעטהיגע ארטיקעל: קעסטלעך מיט צוויבאַק סוכארעס, א פעסעלע ראָם, א פעסעל איינגעזאַלצענעם פלייש און א פעסעלע וואַסער.

אזוי וויא איך האָב ניט געפונען מיין פריינד בען בראַס צווישען זיי, האָב איך געוואָלט צוריקגעהן צו דיא איבעריגע מאַטראָזען, וועלכע האָבען געאַרבייט ביים גרויסען באָאָט; פּלוצלונג האָב איך דערזעהן, אז דער שיפסקאַפּיטאַן, דער ערשטער אפיציער, דער צימערמאַן און דיא דרייא מאַטראָזען האָבען זיך אראָפּ־געלאָזען אין קליינעם באָאָט.

איך בין געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט.

— וואָס זאָל דאָס הייסען? האָב איך געפרעגט, — זיי אנטלויפען! זיי ווי־לען ניט וואַרטען, ביז אלע וועלען זיך רעטען? זיי ווילען ניט מיטנעהמען נאָך פיער מאַטראָזען, וויא מען האָט אפגערעדט? דער שיפסקאַפּיטאַן האָט דאָך אליין געזאָגט, אז צעהן מענשען זאָלען זיך אויפזעצען אויפ'ן קליינעם באָאָט און דיא איבעריגע זאָלען זיך אריינזעצען אין דעם גרויסען באָאָט?

איך האָב א מאָהל געלעזען, אז ווען עס מאַכט זיך אנ'אונגליק אויפ'ן מעער, דאַרף דער שיפסקאַפּיטאַן זיין דער לעצטער זיך צו רעטען. זאָל דיעזער טויגע־ניכטס זיך אליין רעטען און זאָל אונז אלעמען איבערלאָזען אויפ'ן ברענענדען שיף?

עס האָט מיך אנפאַנגס געוואונדערט, וואָס דיא איבעריגע שווייגען, וואָס מען לאָזט דעם שיפסקאַפּיטאַן אנטלויפען. איך האָב עס מיר אָבער באַלד ער־קלערט. דיא מאַטראָזען ווייסען גאָר ניט, אז ער אנטלויפט. אין שרעק און אין דער איילע ווייסען זיי גאָר ניט, וואו דער שיפסקאַפּיטאַן מיט דעם ערשטען אפי־ציער זיינען אהינגעקומען. אין שרעק און אין דער איילע האָבען זיי פערגעסען, וויא וויכטיג עס איז צו האָבען מיט זיך א ריכטיגען קאָמפּאַס. וויא קען מען זיך לאָזען אויפ'ן מעער אהן א קאָמפּאַס? — דער שיפסקאַפּיטאַן האָט אלזאָ צוגע־גנבעט דעם קאָמפּאַס ביי זיינע אייגענע מאַטראָזען!

— דאָס איז שרעקליך, האָב איך אויסגערופען. א שיפסקאַפּיטאַן זאָל זיך אויפפיהרען אזוי ניעדערטרעכטיג! דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָהרען אויף דער וועלט!

איך בין געשטאַנען אייניגע מינוט און האָב מיר קיין ראַטה ניט געקענט געפינען, וואָס צו טאָהן. זאָל איך פּראָטעסטירען, שרייען, רופען דעם שיפסקאַ־פּיטאַן און איהם זאָגען, אז ער טהוט שלעכט? — דאָס וועט ניט העלפען. ער וועט מיך אויסלאַכען. מאַכען א געוואַלד און רופען דיא איבעריגע מאַטראָזען איז אויך געווען אונמעגליך: דאָס פייער האָט גערוישט, געקנאַקט, אז קיינער וואָלט מיך ניט געהערט, איך וואָלט געמעגט שרייען, וויא הויך.

אויסער דעם וואָלט מיין געשריי זעהר ווייניג געהאָלפען, ווען דיא איבעריגע מאַטראָזען וואָלטען מיך זאָגאר דערהערט. דער שיפסקאַפּיטאַן מיט זיינע מט־

שען האבען זיך אזוי געאיילט, אז קוים זיינען זיי אריינגעקומען אין באָאט האבען זיי באלד איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע דיא באָאט איז געווען צו גע־בונד׳ען צום שיף און דיא דרייא מאטראָזען האבען אריינגעשטעקט דיא רודער און האבען אנגעהויבען אוועקצופאהרען פון׳ם שיף.

— וואס איילען זיי זיך אזוי? האב איך געפרעגט, פאר וואס אנטלויפען זיי? פאר וואס ציטערן זיי אזוי? דא מוז זיין עפּעס א געהיימניס.

איך האב דערזעהן. עס איז ווירקליך געווען א געהיימניס, א שרעקליכעס געהיימניס! איך בין דאס באלד געוואָהר געווארען און א קאלטער פראָסט איז מיר אריבערגעגאנגען איבערן לייב. דער שיפסקאפּיטאן אליין האט מיר אויסגע־זאָגט דאס שרעקליכע געהיימניס. ער האט דערביי ארויסגעוויזען, וויא ניעדער־טרעכטיג און פערדארבען ער איז. איך האב עס פריהער געוואוסט. אזוי ניע־דערטרעכטיג אבער האב איך איהם ניט געהאלטען.

איך האב מיך אנגעשפּארט אויפ׳ן געלענדער פונ׳ם שיף און האב ניט ווי־לענדיג אויסגערופען:

— הערר קאפּיטאן, איהר אנטלויפט? איהר לאָזט אונז אליין?

דער שיפסקאפּיטאן האט זיך צולאכט מיט זיין גראבען ווילדען געלעכטער.

— אה! דוא ביסט עס, ביללי? גוט, וואס דוא ביסט דאָ! — זאג זיי, אז זיי זאָלען גאנץ פאָרזיכטיג אראָפּלאָזען דאס גרויסע באָאט. דיא ברעטער אין דער רעכטער זייט זיינען אביסעל צופוילט. ווען זיי וועלען ניט זיין פארזיכטיג, קענען זיי עס נאך צוברעכען.

— פאר וואס האט איהר עס פריהער ניט געזאָגט?

דער שיפסקאפּיטאן האט זיך געמאכט, גלייך וויא ער הערט ניט, וואס איך פרעג איהם און האט ווייטער געזאגט:

— הער נור ביללי, זאג זיי, אז זיי זאלען זיך איילען. זיי מאָרען ניט פער־ליערן קיין מינוט. עס געפינען זיך אויפ׳ן שיף צעהן פעסלעך פולווער!

מיט דיעזע ווערטער האט ער א ווינק געטאהן צו דיא מאטראָזען און זיי האבען אנגעהויבען אוועקצורודערן פון׳ם שיף. אין אייניגע מינוטען זיינען זיי שוין געווען אפאר הונדערט שריט פון דער „ראפּינא“.

32טעם קאפּיטעל.

דאס גרויסע באָאט ווערט צובראכען.

— אלזא, דאס איז דאס געהיימניס! — האב איך אויסגערופען, — יעצט פערשטעהע איך אלעס. איך האב גוט געהערט, וויא דער מאטראָז, וועלכער האט אמאל געדיענט אלס פארמאן אין לאָנדאן האט געפרעגט, אויב עס געפינט זיך נים קיין פולווער אויפ׳ן שיף. דערפאר האבען מיר מורא געהאט. זא לאנג עס איז ניטא קיין פולווער, האבען מיר נאך צייט זיך צו רעטען. אזא גרויסע שיף, וויא דיא „ראפּינא“ ברענט ניט אפּ מיט אמאל. מען קען שמועלען פון איין זייט

מענשען, וועלכע זאלען לעשען דאס פייער און פון דער אנדערער זייט קען מען ארבייטען און אנגרייטען אלעס צו אונזער רעטונג. ווען עס געפינען זיך אבער צעהן פעסלעך פולווער אויפ'ן שיף קענען מיר דאך צו יעדע מינוט צוריסען ווערן אויף שטיקלעך מיט דער „ראפינא".

אבער פון וואנען האט זיך גענומען אזוי פיעל פולווער אויף דער „ראפינא"? דיא מאטראזען זיינען דאך געווען איבערצייגט, אז אויפ'ן שיף געפינט זיך נאר קיין פולווער אדער זעהר ווייניג?

ווען דער שיפסקאפּיטאן האט געשאכערט און האט זיך געציגיינערט מיט קעניג דשינגא, האט איינער דעם אנדערן געוואלט בעשווינדלען. איך האב שוין פריהער דערצעהלט, אז מען האט ארויפגעקייקעלט אויפ'ן דעק צעהן פעסלעך ראם און מען האט זיי איבערגעגעבען דעם קעניג. אונטער דיא הענד אבער האט מען ביי איהם אראפּגעגנבעט א פעסעל און מען האט עס צוריק אריינגעקייקעלט אין קאמער.

דאס זעלבע איז געשעהן מיט דיא פעסלעך פולווער. דער שיפסקאפּיטאן מיט זיינע עטליכע געטרייע מאטראָזען האט זיך געפרעהט, וואס ער האט אפּגע־נארט דעם קעניג און האט ביי איהם אוועקגעגנבעט צעהן פעסלעך פולווער. ער האט געהייסען זיי בעהאלטען ערגעץ אין א ווייטען ווינקעלע צווישען דיא קאמערן, וואו עס האבען זיך געפונען דיא נעגער.

יעצט זיינע דיעזע פעסלעך פולווער געווען דאס גרעסטע אונגליק פאר דער „ראפינא".

ווען איך האב דערהערט פון'ם קאפּיטאן, אז אויפ'ן שיף געפינען זיך עטלי־כע פעסלעך פולווער, בין איך געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. יעצט דער־צעהל איך עס אייך גלייכגילטיג, דאמאלס אבער בין איך געווען אזוי דערשראָקען, אז איך בין שיער ניט אריבער געפאלען איבערן געלענדער פון'ם שיף.

— פיעלייכט האט ער מיך אפּגענארט? —האב איך אויסגערופען, ווען איך בין געקומען צו זיך. — פיעלייכט האט ער אונז געוואלט איבערשרעקען? — אבער ניין! אין אזא צייט שפּאסט מען ניט. דאס איז דיא אורזאכע, וואס ער איז אזוי אנטלאפען מיט זיינע געטרייע פריינד. דיא איבעריגע מאטראזען ווייסען דער־פון ניט.

יעצט בין איך געלאפען, וויא א וואנזיניגער. מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז פעסלעך פולווער ליעגען ערגעץ ניט ווייט; אז יעדע מינוט קענען זיי זיך אנ־צינדען, אויפרייסען דאס שיף און צוריסען אונז אויף שטיקלעך. איך בין געלאָ־פען צום פאָרקאסל, צום אָרט, וואו דיא מאטראָזען האבען געארבייט ארום גרוי־סען באָאט. עס איז קיינע לייכטע ארבייט אראפּצולאזען אזא גרויסען און שווע־רעס באָאט אין וואסער. ווען דיא מאטראָזען וואלטען נאך געווען רוהיג און וואלטען געארבייט איבערלעגנט, וואלטען זיי עס געקענט מאכען פיעל שנעלער. יעדער איז אבער געווען דערשראָקען, יעדער איז געווען אויפגערעגט, יעדער איז ווּטענד בייז, יעדער האט געוואלט זיך רעטען, וויא אם שנעלסטען.

דיא ארבייט איז דאהער געגאנגען זעהר לאנגזאם. איך בין צוגעלאפען צו זיי און האב אנגעהויבען צו זוכען מיין פריינד בען בראס. איך האב איהם דערזעהן, איך האב אבער ניט געקענט צו קומען צו איהם. איך האב ניט געקענט זיך דורכשלאגען דורך דיא מענגע.

איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טאהן: זאל איך אויסזאגען אלעמען דאס שרעקליכע געהיימניס, וועלכעס איך בין נור וואס געוואהר געווארען פון שיפסקאפּיטאן אדער ניט. דאס איז געוועזן א וויכטיגע פראגע. איך האב מיך איבערלעגט, אז איך זאל עס אויסזאגען נור צו בען בראס.

— זיי זיינען ווילדע און פערדארבענע מענשען,—האב איך מיך געטראכטקוים וועלען זיי געוואהר ווערען, אז אויפ'ן שיף געפינט זיך פולווער, וועלען זיי ווערן ווילד און וועלען נאך צוברעכען דאס גרויסע באָאט אין דער איילע. דאן זיינען מיר אלע פערלארען.

אזוי וויא איך האב ניט געקענט צו קומען צו בען בראס, האב איך מיך דערווייל געשטעלט ארבייטען גלייך מיט אלעמען און האב פון צייט צו צייט אקוק געטאהן צו בען בראס אין דער האפנונג, אז איך וועל קענען איהם געבען א ווינק ער זאל צו קומען צו מיר: איך האב איהם עפּעס מיטצוטהיילען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האב געארבייט זעהר שלעכט איך האב דאך נים געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט מיר און איך האב געציטערט: אָט, אט וועט עס אויסשיעסען און מיר וועלען אלע צופליעהען אין דער לופטען. דיא מאטראָזען, וועלבע זיינען געשטאנען לעבען מיר, האבען עס בעמערקט און האבען מיך אוועקגעטריעבען פון זיך. זיי האבען געזעהן, אז איך שטער זיי אין דער ארבייט.

איך בין אוועקגעגאנגען אן אזייט און האב געקוקט צו בען בראס. ער האט אבער געארבייט מיט אלע זיינע קרעפטע און איז אזוי געווען פערטיעפט אין זיין ארבייט, אז ער האט מיך ניט בעמערקט. איך בין געשטאנען, וויא אויף הייסע קוילען. איך האב געציטערט און האב ניט געוואוסט, וואוהין מיך אהינצוטאהן.

ענדליך איז עס געלונגען אראָפּצולאָזען דאס גרויסע און שווערע באָאט. אלע האבען ארויסגעלאזען א פריידענגעשריי. ענדליך קענען זיי רעטען זייער לעבען. איינינע האבען זיך באלד אנגעהאפּט אן דיא שטריק און האבען זיך באלד אראָפּגעגליטשט אין באָאט. אנדערע, קליגערע אבער, האבען זיך ניט געאיילט. זיי זיינען געלאָפען ברענגען שפּייז, צוויבאק (סוכארעס) געזאלצענע פלייש און וואסער

איך בין געשטאנען אויפ'ן דעק ניט ווייט פון דעם ארט, וואו מען האט אראָפּגעלאָזען דאס באאט און האב געוואלט מיך דורכשלאָגען צו בען בראס, וועלכער איז געשטאנען פון דער אנדערער זייט. עס איז ניט לייכט געוועזן דורכצושלאָגען זיך צו איהם דורך דיא מאטראָזען, וועלכע האבען זיך געריסען צום באָאט.

אין דער מינוט, ווען איך האב געוואלט זיך דורכשלאָגען צו איהם מיט געוואלד, האבען עטליכע מאטראָזען געבראכט א פעסעל. איך האב נור אקוק געטאָהן אויפ'ן פעסעל און האב באלד געוואוסט, וואס עס געפינט זיך אין איהם. עס איז געווען א פעסעל ראָם! איך האב געזעהן, אז עס איז גוט שווער. א בעוויז, אז עס איז פול, נאך ניט אנגעהויבען. זיי האבען געוואוסט, וואס צו נעהמען. דאס איז געווען איינע פון דיא גרעסטע פעסער ראָם, וועלכע מיר האָבען געהאט אויף דער „ראפינא".

איך האב גערעכענט, אז אייניגע וועלען זיך שטעלען, וועלען פראָטיסטירען און וועלען זאגען, אז אנשטאט דאס פאס ראָם זאל מען בעסער מיטנעהמען א פאס מעהל אדער צוויבאק. איך האב מיך אבער אפגענארט. קיינער האט ניט פראָטעסטירט, אין געגענטהייל, עס זיינען נאך צוגעלאָפען אייניגע העלפען אראפלאזען דאס פאס ראם אין באאט. זיי האבען פערגעסען, דיא אונגליקליכע, אז אויף אזא רייזע אויפ'ן וועלט מעער איז ברויט און וואסער נעהטיגער אלס ראָם

אזוי וויא דאס פאס איז געווען זעהר שווער, האט מען עס געמוזט אראפלאזען זעהר פאָרזיכטיג. מען האט גענומען א שטריק, מען האט איהם צוויא מאל ארומגעוויקעלט ארום פאס און מען האט עס אנגעהויבען אראפצולאָזען אין באָאט.

איך ווייס ניט וואס דיא אורזאכע איז געווען: אויב דער שטריק איז געווען פערפוילט אדער דיא מאטראָזען האבען זיך געאיילט און האבען ניט גוט ארומגענומען דאס פאס מיט דעם שטריק, אדער דער געלענדער פון'ם שיף האט זיך צובראָכען פון דער לאסט פון'ם שווערען פאס. איך קען עס יעצט ניט וויסען. איך ווייס נור, אז קוים האט מען אריבערגעשטעלט דאס פאס איבערן געלענדער, האט עס זיך ארויסגעריסען פון דיא שטריק און איז אראָפגעפאלען אויף דיא ווענט פון'ם גרויסען באָאָט.

עס האט געגעבען א שרעקליך טראך. דיא ברעטער פון'ם באָאט האבען זיך אפגעבראכען! דער שיפסקאפיטאן האט רעכט געהאט. דיא ווענט פון'ם גרויסען באָאט זיינען געווען פערפוילט און דאס שווערע פאס האט זיי אין גאנצען צובראכען. דאס וואסער פון'ם מעער האט אויפגעשפריצט אין דערהויך. אייניגע אויגענבליק זיינען אלע געשטאנען וויא פערשטיינערט. דאן האבען זיי ארויסגעלאזען א שרעקליכעס, ווילדעס, אונמענשליכעס געשריי:

— מיר זיינען פערלארען! דאס באאט געהט אונטער!

יעצט האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכעס לויפען און קלעטערן. צוויא מאטראָזען פון באָאט זיינען אריינגעפאלען אין וואסער, זיי זיינען אבער באלד ארויסגעקראבען מיט א געשריי און האבען זיך אנגעחאפט אן דיא שטריק. אלע וואס האבען זיך געאיילט און האבען זיך פריהער אראָפגעלאָזען אין באָאט האבען יעצט געקלעטערט צוריק אויפ'ן שיף. דאס באָאט האט אנגעהויבען זיך אנצופיהל'ען מיט וואסער און זיך אראפצולאָזען פאר אונזערע אויגען.

— צו רעכט מאכען! אויסבעסערען! ארויפשלעפען דאס באָאָט אויפ'ן דעק, האבען נאך געשריען אייניגע.

זיי האבען געמיינט, אז מען קען נאך העלפען, אז מען קען נאך רעפּארירען דאס באָאָט. זיי האבען גערעכענט, אז עס איז נאך דא גענוג צייט. זיי האבען ניט געוואוסט דאס שרעקליכע געהיימניס, וואס איך האב געוואוסט.

דאס באָאָט איז אבער מיט יעדער מינוט געווארען אלץ מעהר אנגעפּיהלט מיט וואסער און האט אנגעהויבען לאנגזאם צו זינקען. עס איז שוין געווען אונ־מעגליך עס ארויפצושלעפען אויפ'ן דעק. אין צעהן מינוט איז עס פארשוואונדען געווארען אין דיא שווארצע וואסערן פון'ם אטלאנטישען וועלטמעער.

— א פּלאַט! א פלאָס! — האט מען אנגעהויבען צו שרייען. לאָמיר מאכען א פלאָס!

84טעם קאפּיטעל.

מיינע אַרבייט.

— מיר זיינען פערלאָרען! — האבען געשריען אייניגע.

— שטעהט ניט לעדיג! טהוט עפּעס! א פלאָס (פלאָט, ראפט)! — האבען געשריען אנדערע.

צו דער ארבייט! — האבען קאמאנדירט ווידער אנדערע.

דאס איז געווען דאס איינציגע מיטעל זיך צו רעטען.

יעצט האט זיך אנגעהויבען אן ארבייט. יעדער האט געחאפּט, וואס ער האט געקענט: א האק, א מעסער, א זעג, א שפּיעז, א שטריק, א שטיק אייזען, א האמער, א שטיק האלץ און מען האט אנגעהויבען צו האקען, צו רייסען, צו קלאפּען און צו האמערן.

מען האט אנגעהויבען צו האקען דעם פּראָקסאל, אפּצורייסען פון איהם דיא ברעטער און דיא קלעצער. אייניגע האבען געהאקט און געריסען, אנדערע האבען צונויפגעבונדען דיא ברעטער און דיא קלעצער מיט שטריק; ווידער אנדע־רע האבען זיך גענומען אונטער זעגען דעם זעגעל בוים. איך קען ניט זאגען, אז זיי האבען געארבייט אהן א פּלאן. וויא זיי האבען זיך ניט צו זאמען גערעדט, האבען זיי דאך אליין געארבייט און געטאהן אלעס נאך א געוויסען פּלאן.

זיי האבען אזוי גערעכענט. דעם זעגעלבוים זאלען זיי צוזעגען אויף צוויא טהייל. זיי וועלען לעגען דיא קלעצער פון'ם זעגעלבוים וויים איינעם פון דעם אנדערן. אויף דיעזע קלעצער וועלען זיי ארויפלעגען ברעטער, וועלכע זיי וועלען צושלאגען צו דיא קלעצער. אויף אזא ארט וועט דער פלאָס (פלאָט) באלד פּער־טיג זיין. דער פּלאן איז געווען א ריכטיגער. אויף דיעזער ארט וואלט מען גע־קענט האבען א גרויסען פלאָס, אויף וועלכען אלע וואלטען געקענט ארויפגעהן.

אזוי וויא זיי האבען אזוי געארבייט, האט דער פּראָנציייז לעגראַ אויפגעהוי־בען דעם קאָפּ און האט אַקוק געטאהן אויפ'ן מעער. זיין שארפער מאטראָזען

אויג האט דערזעהן, דעם קליינעם באָאט, אין וועלכען דער שיפסקאפיטאן מיט זיינע מענשען זיינען אנטלאפען. ער איז אויפגעשפרונגען, וויא אַן'אפגעבריהטער און האט אנגעהויבען צו שרייען מיט זיינע שטארקע לונגען:

— גיג אהאָי! גיג אהאָי! וואו אנטלויפט איהר?

— דער שיפסקאפיטאן איז אנטלאָפען! האבען געשריען דיא איבעריגע.

וואס האט עס אבער געהאָלפען? דער שיפסקאפיטאן מיט זיינע מענשען האבען זיך זאָגאר ניט אומגעקוקט אויף דיא געשרייען פון דיא מאטראָזען, זיי זיינען ווייטער געפאָהרען. ווען דאס גרויסע באָאט וואלט ניט געווען אונטערגע־גאנגען, וואלטען דיא מאטראזען געווען נאכגעיאגט דעם שיפסקאשיטאן און וואל־טען איהם געוויס צוריק געבראכט. יעצט אבער איז עס געווען אונמעגליך.

דיא מאטראזען האבען געקריצט מיט דיא צעהנער פאר וואוט (רציחה). ווען זיי וואלטען געהאפט דעם שיפסקאפיטאן, וואלטען זיי איהם צוריסען אויף שטיקער. זיי זיינען געשפרונגען, האבען געטאנצט פאר צאָרן און פערדרוס, הא־בען געשריען, געשאָלטען און געזידעלט זייער שיפסקאפיטאן און זייער ערשטע־אָפיציער. וואס האט עס אבער געהאָלפען? דער שיפסקאפיטאן מיט זיינע מענ־שען זיינען שוין געווען ווייט. מען האט געזעהן גאנץ דייטליך, וויא אלע זעקס מענשען, וועלכע זיינען געזעסען אין „גיג", האבען געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטען אום צו אנטלויפען פון דער „ראפינא".

ווען דיא מאטראזען האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האבען זיי זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. אין דער צייט פון א האלבע שטונדע האבען זיי אונ־טערגעזעגט דעם גרויסען און שווערען זעגעלבוים. ער איז געפאלען מיט א שרעק־ליכען קראך און האט צובראָכען דעם געלענדער, האט אפגעריסען א שטיק פון דעם שיף און איז געבליעבען הענגען אין דער לופטען. דיא שטריק און דיא רע־ען האבען איהם צוגעהאלטען.

דאס האבען מיר געדארפט. דיא רעען (דיא באלקענס, וועלכע הענגען אי דער ברייט פון'ם זעגעלבוים) זיינען אונז יעצט צוניצגעקומען. מיט זיי האט מען געקענט מאכען דעם פלאָס גרעסער און ברייטער. מיר האבען ניט פערגעסען, אז אויפ'ן פלאָס דארפען ארויפגעהן זיעבעציג מענשען.

אין א קורצע צייט זיינען דיא שטיקער פון'ם זעגעלבוים און דיא רעע געלעגען אין וואסער. באלד האט מען אָנגעהויבען זיי צו בעדעקען מיט ברע־טער און מיט לעדיגע פעסער. א לעדיגעס פאס שווימט זעהר גוט אויפ'ן וואסע און קען אויסהאלטען א שווערע משא.

ענדליך איז דער פלאָס פערטיג געווארען. מיר האבען שוין געהאט פאר זיך א בריק, אויף וועלכער עס האט זיך געפונען גענוג פלאַץ פאר אלעמען. יעצט האט מען אנגעהויבען צו טראכטען וועגען פראָוויאנט. מען האט אנגעהויבען צו שלעפען פון'ם שיף, וואס מען האט געפונען אונטער דער האנד. ווען דיא שפייז פאמערן וואלטען ניט געברענט, וואלט מען געקענט ארויפנעהמען אויפ'ן פלאָס

גענוג פּראָוויאַנט אויף עטליכע וואָכען. עס איז אבער געווען אונמעגליך צו צו-
קומען צו דיא שפּייזקאַמערן. דיא קיך האט שוין געברענט.

דאס פייער וואלט זיך פערברייטערט אימער ווייטער און עס וואלט שוין
ווייטער געברענט, ווען מען זאל ניט געווען בעשטענדיג גיעסען וואסער אויפ'ן
דעק אום איינצוהאלטען דאס פייער. אינעווייניג האבען דיא פּעסער מיט וואַ-
סער איינגעהאלטען דאס פייער און האבען ניט דערלאָזען, אז עס זאל זיך אזוי
שנעל פערברייטען און פון דרויסען האבען מיר געגאָסען וואסער. אלעס צוזאמען
האט איינגעהאלטען דאס פייער אויף איינוגע צייט.

דיא גאנצע צייט, וואס מען האט געבויט דעם פלאָס, האב איך ניט גע-
קענט צוקומען צו בען בראס. עס איז געווען גענוג וואס צו טאהן און צווישען
אונז ביידען האט זיך שטענדיג געפונען דער פלאָס. ענדליך, ווען דער פלאָס איז
פּערטיג געווארען און מען האט אנגעהויבען צו זאמלען פּראָוויאַנט, האב איך מיך
דורכגעשלאָגען דורך דיא מענגע און בין צוגעקומען צו מיין פריינד. איך האב
איהם אנגענומען ביי דער האנד און האב איהם אוועקגעפיהרט אן אזייט.

— ווייסט איהר, בען, פאר וואס דער שיפסקאַפּיטאַן איז אנטלאָפען ? —
האב איך איהם געפרעגט.

— ער איז א טויגעניכטס ! א רויבער ! א מערדער ! — האט בען בראס
אויסגעטרופען בייז.

— ניין, בען, דא איז עפּעס אנדערש. איך האב געזעהן, וויא ער איז אנט-
לאָפען. ער האט גערעדט מיט מיר. ער האט מיר געזאגט, אז אויפ'ן שיף גע-
פינען זיך צעהן פעסלעך פּולווער.

בען בראס איז בלייך געווארען און האט א ציטער געטאהן. איינוגע מינוט
האט ייר ניט געוואוסט וואס טאהן און וואס צו זאגען. ענדליך איז ער געקומען
צו זיך און האט אויסגערופען:

— איז עס וואהר, ביללי ? ביסט דוא זיכער, אז ער האט עס געזאגט ?

— געוויס, בען ! איך האב עס אליין געהערט פון איהם.

— צעהן פעסלעך פּולווער ! דאס איז שרעקליך !

— פיעלייכט האט ער געוואלט אונז איבערשרעקען,—האב איך געטרייסט
מיין פריינד,—ווען עס זאל זיך געפינען אזוי פיעל פּולווער אויפ'ן שיף, וואלט זיא
שוין לאַנג אויפגעשפּרונגען אין דער לופט.

— ניין, ביללי, ניין ! ער האט דיך ניט אפּגענאַררט,—האט בען בראס גע-
זאגט טרויעריג,—ער האט געזאגט דיא וואהרהייט. איך ווייס, אז מען האט בע-
שווינדעלט דעם קעניג דשינגא. מען האט איהם איינגעצעהלט דיא ארטיקעל,
וואס מען האט איהם געגעבען.—אך ! מיר זיינען פערלאָרען !

בען בראס האט זיך פערטראַכט. ער איז געשטאַנען איינוגע אויגענבליקע,
וויא פערשטיינערט. זיין קאָפּ האט געארבייט. ער האט עפּעס געטראַכט. ער
האט זיך עפּעס איבערלעגט.

פלוצלונג האט ער מיך אנגעהאפט בייביידע הענד און האט אנגעהויבען מיך צו שלעפען מיט זיך צום ענדע פון'ם שיף, דארט, וואו דער פאדערמאסט שטעקט ארויס איבערן וואסער. דאס איז געווען דער ארט, וואו מיר פלעגען אפט זיצען ביידע און רעדען און דערצעהלען איינער דעם אנדערן אונזערעליידען און אונזערע שמערצען.

קיינער האט אונז ניט בעמערקט. יעדער אויפ'ן שיף איז געווען בעשעפטיגט מיט זיך און האט פערגעסען דיא אנדערע. זיי האבען שוין זאגאר אויפגעהערט צו גיעסען וואסער אויפ'ן דעק. יעדער האט זיך יעצט געאיילט זיך אראפצולאזען אויפ'ן פלאס.

ווען איך און בען בראס זיינען צוגעקומען צום ענדע פון'ם שיף, האט בען בראס געזאגט צו מיר:

— הער נור, ביללי, זאג קיינעם ניט, וואס דוא האסט געהערט פון'ם שיפסקאפיטאן. קוים וועלען זיי וויסען, אין וואס פאר א געפאהר זיי געפינען זיך, וועלען זיי אויפעסען איינער דעם אנדערן. מיר מוזען אויך זוכען זיך צו רעטען, איך וויל אבער ניט זיך רעטען מיט זיי צוזאמען. לאמיר מאכען עפעס פאר זיך אליין. לאמיר אליין זיך מאכען א קליינעם פלאס און לאמיר זיך רעטען אויף איהם.— זעה, ביללי, דיעזען זעגעלבוים קען מען זעהר לייכט אראפלאזען אין וואסער. מען דארף איהם נור אביסעל אונטערזעגען און אויפהויבען דיא אייזערנע קלאמערן וועלכע האלטען איהם און ער וועט באלד אראפפאלען אין וואסער. ברעטער האבען מיר גענוג. מיר קענען צוהאקען און צוברעכען דעם געלענדער. שנעל, ביללי! לאמיר ארבייטען!

בען בראס האט באלד געבראכט צוויא העק און מיר האבען אנגעהויבען צו ארבייטען אין איינעגע מינוט איז דער זעגעלבוים, וועלכער געפינט זיך אויפ'ן נאז פון'ם שיף געליגען אין וואסער. א שטארקער שטריק האט איהם אבער פעסט געהאלטען, ער זאל ניט אוועקשווימען. דאן האבען מיר אנגעהויבען צו האקען און צו ברעכען דעם געלענדער.

בען האט צוגעבונדען א פעסטען שטריק צום שיף און האט זיך אראפגעלאזען אויפ'ן קלאץ. דארט האט ער אנגעהויבען צונויפצובינדען דיא ברעטער און מאכען פון זיי א סארט בריקעל. איך בין געשטאנען אויפ'ן דעק, האב געהאקט געזעגט און געבראכען און האב איהם אלעס אראפגעווארפען. בען איז געווען א גוטער און שנעלער ארבייטער. עס איז געווען דייטליך, אז ער פערשטעהט, וויא צונויפצובינדען א פלאס.

ווען אלעס איז געווען פערטיג און ער האט געמאכט א קליינעם פלאס, אויף וועלכען עס וואלט געקענט ארויפגעהן אכט ביז צעהן מענשען, האט ער מיר געהייסען זיך אראפלאזען צו איהם.

— קום אראפ, ביללי! מיר טארען ניט פערליערען קיין אויגענבליק.

איך האב מיך אומגעקוקט און האב דערזעהן, וויא אלע רייסען זיך, שלא

נען זיך און איילען זיך אראפצוקריעכען אויפ'ן גרויסען פלאס. איך האב געזעהן, וויא דער דעק פון'ם שיף ווערט לעדיג. באלד וועל איך זיין דער איינציגער, דער לעצטער אויף דער ברענענדער „ראפינא“.

בין איך אבער דער איינציגער? געפינען זיך ניט נאך מענשען אויף דעם אונגליקליכען שיף? זיינען דען דיא נעגער קיינע מענשען? — עטליכע הונדערט מענער, פרויען און קינדער ליגען פערשפארט, פערשלאסען אין שטאלען, וועלכע וועלען באלד אנהויבען צו ברענען?

35-טעם קאפיטעל.

איך לאז ארויס דיא נעגער.

איך האב אייך דערצעהלט אלעס, וואס דער שיפסקאפיטאן, זיין ערשטער אפיציער און דיא מאטראזען האבען געטאהן זייט מיר זיינען געוואהר געווארען, אז דיא "ראפינא„ ברענט. וואס האבען אבער געטאהן דיא אונגליקליכע נעגער? האבען זיי געשוויגען? האט זיך ווער דערמאנט אן זיי? האט זיך ווער געקימערט וועגען זיי?

ליידער! אן זיי האט מען גאר פערגעסען. איך אליין האב מיך ערשט דערמאנט אן זיי ווען איך בין געווען דער איינציגער, ווען עס איז געקומען אין קאפ, אז עס געפינען זיך דאך אויף דער "ראפינא„ עטליכע הונדערט אונגליקליכע מענשען, וועלכע זיינען פעראורטהיילט צו שטארבען מיט אשרעקליכען טויט.

זא לאנג עס איז נאך געווען אהאפנונג צו רעטען דאס שיף, האט קיינער ניט געקענט דענקען אן זיי, אלע זיינען געווען בעשעפטיגט מיטען לעשען דאס פייער. שפעטער ווען מען האט זיך איבערצייגט, אז עס איז אונמעגליך צו לעשען דאס פייער, האט יעדער געדענקט וויא זיך צו רעטען, און ניט געקענט אין זינען האבען דיא אונגליכע נעגער.

דיא אונגליקליכע נעגער האבען געוואוסט, אז עס איז פארגעקומען עפעס נייעס אויפען שיף. זיי האבען געהערט, וויא מען לויפט ארום אויפען דעק, זיי האבען פערשטאנען, אז עס איז געשעהן אשרעקליכעס אונגליק, זיי האבען גע-הערט, וויא מען האקט, זעגט, ברעכט און האמערט. וואס האבען זיי אבער גע-קענט העלפען? וואס האבען זיי געקענט טאהן? — זיי האבען געשריען. זיי הא-בען געליארעמט, זיי האבען געריסען דיא ווענד. זיי האבען געבעטען, זיי האבען געדראהעט און זייא האבען פראבירט אויסברעכען דיא טהירען.

עס איז געווען דייטליך, אז זיי האבען שוין געפיהלט דיא היץ פון'ם ברע-נענדען שיף. זייערע געשרייען זיינען געווען: אגאא! אגאא! וואסער! וואסער! זיי האבען געבעטען זייער פארציאן וואסער, וויא וועניג וואסער מען האט זיי אין דיא לעצטע פאר טעג געגעבען, האט מען זייא דאך געגעבען וואסער. היינט אבער האט מען זיי אין גאנצען פערגעסען.

זיי האבען נאך ניט געוואוסט, דיא אונגליקליכע, וויא גרויס עס איז דיא

געפאהר, אין וועלכע זיי געפינען זיך; זיי האבען נאך ניט געזעהן דעם רויך און דאס פייער אין הינטערסטען טהייל פון׳ם שיף. זיי האבען נור געבעטען אביסעל וואסער צו שטיהלען זייער ברענענדען דורשט.

דאס האט געדויערט אגאנצען טאג. קיינער האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, קיינער האט זיך ניט געקימערט וועגען זיי, און קיינער האט ניט געוואלט הערען זייערע געשרייען.

ערשט יעצט אין דער לעצטער מינוט, ווען איך בין געבליעבען שטעהן אליין אויפען דעק, האב איך דערהערט זייערע שרעקליכע, ווילדע אונמענשליכע געשרייען. עס האט מיר פערקלעמט ביים הארצען און איך האב אויסגערופען:

וואס טהוט מען מיט דיעזע אונגליקליכע ? זאל איך עס דערלאזען, אז זיי זאלען פערברענט ווערן לעבעדיגערהייט ? קען עס אמענשליכעס הערץ איבערטראגען צו זעהן, וויא אנדערע מענשען ווערן פערברענט ?

בען בראס האט רעכט געהאט. אין דיעזע מינוט האט זיך אנגעצונדען דער הינטערשטער זעגלבוים. ער האט אנגעהויבען צו ברענען וויא א ליכט, און זיין רויטעס פייער האט בעלייכטעט אנרויסע שטרעקע פון׳ם מעער — עס איז שוין געוועזען דונקעל און דאס פייער אויפ׳ן שיף האט ארויסגעוויזען נאך שרעקליכער.

איך בין צוגעלאפען צום ענדע פון דער "ראפינא„ וואו בען בראס האט געווארט אויף מיר אויף אונזער קליינעם פלאס, און האב איהם דערצעהלט, אז איך וויל ארויסלאזען דיא נעגעע פון זייערע שטאלען.

— האסט רעכט, בילי! האט בעןבראס געזאגט — האסט רעכט! לאז זיי ארויס! איך האב אויך געטראכט דערפון! מאך עס אבער שנעל! — דאס פולווער!

איך האב ניט געווארט, ביז בען זאל ענדיגען זיינע רעד, איך האב געהאפט דיא האק און בין צוגעלאפען צו דיא טהירען פון דיא קאמערן, וואו דיא אונגליקליכע נעגער זיינען געוועזען פערשפארט, און האב אנגעהויבען צו האקען דיא ריעגעל און דיא שלעססער. איך האב געהאקט מיט מיין גאנצער קראפט. דיא מאטראזען פון דער "ראפינא„ האבען זיי גוט בעווארנט.

ענדליך איז עס מיר אבער געלונגען. איך האב צובראכען און צוהאקט דיא ריעגעל. דיא נעגער אינעווענינ האבען געהערט וויא מען ברעכט דיא טהיר פון זייערע שטאלען, און האבען אנגעהויבען צו שטופען און צו דרענגען דיא טהיר איך האב מעהר ניט געווארט, איך בין געוועזען זיכער, אז זיי וועלען זיך שוין דורכדרענגען. זיי וועלען זיך שוין אליין בעפרייען. יעצט ווען דיא ריעגעל פון דיא טהירען זיינען צובראכען, וועלען זיי שוין זעהר לייכט צונעהמען דיא ווענטלעך, וועלכע האבען אפגעטיילט איין קעמערול פון׳ם אנדערן.

איך מוז זאגען דיא ווארהייט, איך האב מורא געהאט פאר זיי. דיא אונגליקליכע זיינען געוועזען אזוי ווילד, אזוי בייז און אזוי צורייצט, אז זיי וואלטען מיך

געוועז צוריסען אויף שטיקער. איך בין געלאפען צו דעם ארט, וואו אונזער פלאָס האָט זיך געפונען, האב מיך אנגעכאפט אָן שטריק און בין אראפגעשפרונגען, בען בראס האָט מיך אויפגעהאפט אין זיינע ארימס.

36טעם קאפיטעל.

מיר פאָהרען אַוועק.

אין דער צייט, וואס איך האב געארבייט ביי דיא שטאללען פון דיא נעגער איז בען בראס ניט געשטאנען לעדיג. ער האט אויסגעהאקט און אויסגעבראָכען גאנצע ברעטער פון דעם נאָז פון דער „ראפינא" און האט זיי ארויפגעלעגט אויף אונזער קליינעם פלאָס. ער האט ערגעץ אויסגעזוכט א רודער און א הוק, א סאָרט שפיעז, וועלכען מען האלט אויף יעדעם שיף.

דאן האט ער אפגעשניטען דעם זעגעל פון דער פאָרדער זעגעלבוים און האט איהם אויך אראָפגעווארפען אויפ'ן פלאָס, ער זאָל אונז דיענען אלס בעט און אלס צודעק. ער האט נאך בעקומען עטליכע ניצליכע ארטיקעל און האט זיי מיטגענומען אויפ'ן פלאָס.

אונזער פלאָס איז געווען גענוג שטארק צו האלטען זיך אויפ'ן וואסער אין א שטילעם, רוהיגעם וועטער,—אשטורם וואלט עס געוויס ניט אויסגעהאלטען.— פאר וואס בען בראס האט געמאכט א בעזונדערן פלאָס פאר זיך? פאר וואס ער איז מיט מיר ניט ארויפגעלאָפען אויפ'ן גרויסען פלאָס גלייך מיט אלעמען? — דאס האב איך אנפאנגס ניט געקענט וויסען. ערשט שפעטער בין איך עס גע־וואָהר געוואהרען. בען בראס האט בעסער געקענט זיינע קאָמעראדען, אלס איך.

קוים בין איך געווען אויף אונזער פלאָס, האט בען בראס אפגעשניטען דעם שטריק, מיט וועלכען ער איז געווען צוגעבונדען צו דער „ראפינא" און האט איהם אפגעשטויסען פון'ם שיף.

— נעהם דעם רודער, בילי, און העלף מיר אראָפטרייבען דעם פלאָס פון דער „ראפינא", האט בען בראס געזאגט צו מיר. — זעה, דאס פייער ווערט אלע מאל שטארקער. דער פולווער וועט זיך באלד אנצינדען און וועט צורייסען דאס שיף אויף שטיקער. לאמיר אנטלויפען!

מיר האבען אנגעהויבען צו ארבייטען מיט דיא רודער און זיך צו דערוויי־טערן פון'ם שיף. באלד האבען מיר דערזעהן דעם גרויסען פלאָס. אויך דארט האבען דיא מאטראזען געארבייט מיט אלע קרעפטען און האבען געזוכט צו אנט־לויפען פון'ם אונגליקליכען שיף.

וויא פיעל מענשען האבען זיך געפונען אויפ'ן גרויסען פלאָס? דאס האבען מיר ניט געקענט וויסען. עס איז אונז ניט איינגעפאלען זיי צו צעהלען און מיר האבען נאר קיין צייט ניט געהאט דערצו. יעדער פון אונז האט געהאט גענוג צו מאהן פאר זיך

דער הינטערסטער טהייל פון׳ם שיף האט יעצט געברענט גאנץ העל. עס איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען מיר זיינען אפגעפאהרען פון דער „ראפינא״. דאס פייער אבער פון דער „ראפינא״ האט העלל בעלייכטעט דאס מעער ארום. מיר האבען געקענט זעהן אויף א גרוסע שטרעקע ארום אונז. מיר האבען גע־זעהן דייטליך, וויא דיא מענשען אופ׳ן גרויסען פלאָס האבען געארבייט מיט אלע קרעפטען צו אנטלויפען פון דעם אונגליקליכען שיף.

— צום גרויסען פלאָס, ביללי! האט בען בראס אויסגערופען, לאמיר צו־רודערן צו זיי! איך וויל ניט, מיר זאלען בלייבען גאנץ אליין אין דער מיט פון׳ם אטלאַנטישען וועלט מעער.

מיר האבען גערודערט מיט אלע אונזערע קרעפטע. מיר האבען געזעהן מיט שטוינען, אז דיא מאטראזען אויפ׳ן גרויסען פלאָס ארבייטען אויך מיט אלע זייערע קרעפטע אום צו אנטלויפען.

— בען בראס, זיי אנטלויפען פון אונז! האב איך אויסגערופען. זיי ווע־לען אונז ניט ארויפנעהמען צו זיך!

— ניין, ביללי, זיי אנטלויפען ניט פון אונז, האט בען בראס געענטפערט, זיי אנטלויפען פון דער „ראפינא״. זיי האבען אויך מורא פארן פולווער, וועלכער געפינט זיך אויף איהר.

— זיי ווייסען דאך אבער גאר ניט, אויב עס געפינט זיך אויף איהר פול־ווער?

— זיי ווייסען ניט, וויא פיעל פולווער עס געפינט זיך אויפ׳ן שיף; זיי ווייסען אבער, אז עס געפינט זיך אויף איהר פולווער. ווען זיי זאלען ניט געווען מורא האבען פארן פולווער, וואלטען זיי נאך לענגער געבליעבען אויפ׳ן דעק און וואלטען נאך מיטגענומען פיעלע נעטהיגע זאכען.

בען בראס האט רעכט געהאט. איך האב געמיינט, אז איך בין דער איינציגער, וועלכער ווייס פון דעם שרעקליכען געהיימניס. איך בין אבער ניט געווען דער איינציגער. עס זיינען נאך געווען מענשען אויף דער „ראפינא״ וועל־כע האבען געוואוסט פון דיזעם געהיימניס. פיעלע מאטראזען האבען געוואוסט אז עס געפינט זיך ערגעץ פולווער אויף דער „ראפינא״.

אזוי וויא מיר האבען זיך יעצט נאכגעיאגט נאכ׳ן גרויסען פלאָס, האבען מיר ניט געקענט קוקען אויפ׳ן שיף. פלוצלונג האבען מיר דערזעהן, אז דיא מענ־שען אויפ׳ן גרויסען פלאָס האבען זיך עפעס אנגעהויבען צו ריהרען און צו מאכען מיט דיא הענד. עס איז געווען דייטליך, אז זיי האבען זיך עפעס דערשראָקען, אז זיי האבען עפעס דערזעהן, אז עפעס א נייעס אונגליק איז געשעהן.

— וואס איז שוין נייעס? — האב איך געפרעגט, — וואס איז שוין ווידער געשעהן?

בען בראס האט מיר ניט געענטפערט. איך האב א קוק געטאָהן אויף זיין געזיכט און האב מיך דערשראָקען. זיין געזיכט איז געווען ערנסט און שטרענג.

עס איז געווען דייטליך, אז ער איז אויך אונרוהיג, אז ער האט אויך עפּעס מורא. איך האב געזעהן, אז ער ארבייט מיט אלע קרעפטען אום צו אנטלויפען פון דער „ראפּינא“.

— וואס זאל עס בעדייטען? — האב איך מיך אליין געפרעגט. — מיר זיינען שוין ווייט פון דער „ראפּינא“. ווען דאס פּולווער זאל זיך זאָגאר אנצינדען און דיא „ראפּינא“ זאָל אויפשפּריננען אין דער לופט, קען עס אונז שוין ניט שאַדען. פאר וואָס ציטערט ער אזוי! פאַר וואס ציטערן דיא מענשען אויפ'ן גרויסען פלאָס? — וואָס האבען זיי אזעלכעס דערזעהן? פאר וואס זעה איך גאר ניט?

איך האב אנגעהויבען מיך ארומצוקוקען אין אלע זייטען און האב באלד דערזעהן, פאר וואס בען בראס און דיא מאַטראָזען אויפ'ן גרויסען פלאָס האבען זיך אזוי דערשראקען.

37טעס קאַפּיטעל.

דיא שקלאַפען אויף דער „ראַפּינאַ“.

איך בין געווען ביז אהער אזוי פיעל בעשעפטיגט מיט'ן רודערן און מיט דיא מאטראזען אויפ'ן גרויסען פלאָס, אז איך האב גאר פערגעסען אן דער „ראפּינא“ און אן דיא אונגליקליכע נעגער, וועלכע זיינען געבליעבען אויף איהר. מען איז דאָך ניט מעהר, וויא א מענש. דאס לעבען איז ליעב. איך האב אין דיא לעצטע עטליכע מינוטען נור געדאכט פון זיך. יעצט אבער, ווען איך האב געזוכט דיא אורזאכע, פאר וואָס בען בראס און דיא מאַטראָזען אויפ'ן גרויסען פלאָס האבען זיך אזוי דערשראָקען, האב איך אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האב אקוק געטאהן אויף דיא „ראפּינא“. איך האב באלד דערזעהן און פערשטאנען, פאר וואס זיי האבען זיך אזוי דערשראָקען.

דאָס פייער אויף דער „ראפּינא“ איז געווארען אלע מאל שרעקליכער און שרעקליכער. דער גרויסער זעגעלבוים מיט אלע זיינע שטריק האבען זיך אנגעצונדען און האבען יעצט געברענט מיט העלע, רויטע פלאמען. דיא שטריק זיינען געווען אויסגעשמיערט מיט פעך, וויא עס קומט פאַר אויף אלע שיפען, און זיי האבען דאהער געברענט נאך העלער. פון'ם דעק זיינען ארויסגעשפּרונגען רויטע פלאמען. דאס גאנצע שיף האט געברענט. עס נור נאך געבליעבען דער פראָנט פון'ם שיף, דער פראָקסאל אדער דיא נאז, וויא אנדערע רופען עס.

דארט איז געווען דער שרעקען. דאָרט האט זיך אפּגעשפּיעלט א סצענע, וועלכע איך וועל ניט פערגעסען, זאָגאר, ווען איך וועל ליעגען אויף מיין טויטען בעט און וועל ארויסלאזען דעם לעצטען אטהעם. א קאלטער פראָסט געהט מיר איבער אויפ'ן לייב יעדעס מאל, ווען איך דערמאן מיך אן דיעזע סצענע. עס איז מיר אונאנגענעהם צו רעדען פון איהר. עס איז מיר אונאנגענעם צו דערצעהלען איך שוידער און ציטער, ווען איך רעד דערפון....

עטליכע הונדערט נעגער: מענער, פרויען און קינדער, זיינען בעפאַלען, וויא דיא פליעגען א גלאָז האָניג, דעם פאָדערטהייל פון דער „ראַפינא". זיי האבען געשפּרונגען, געטאַנצט, געוויינט געשריען, זיך געריסען, געקלעטערט אויף דיא ווענט, אויף דיא שטריק, אויפ'ן געלענדער און וואו זיי האבען נור געקענט, אום זיך צו דערוויטערן פון'ם פייער.

ווען עס זאל ניט געווען זיין אזא שרעקליכע ווארהייט, וואלט מען געקענט מיינען, אז דאס איז אן ענד סצענע, א פינאַל פון א טהעאטער שטיק, ווען אלע אקטערע קומען זיך צונויף אויף דער בינהע און דיא גאנצע סצענע ווערט בע־לייכטעט פון א רויטעס, בענגאַלישעס פייער. אך! דא איז אויך געווען א פייער אבער קיין טהעאטער פייער. דאס איז געווען א וואהרעס, עכטעס, שרעקליכעס פייער, פון וועלכען עס האבען זיך געוואלט רעטען דיא אונגליקליכע אקטערע פון דיעזען אונבעשרייבליך שרעקליכען טרויערשפּיעל!

דאס פייער האט געברענט אזוי העל, אז מען האט געקענט זעהן יעדען בע־זונדער. איך האב זיי געזעהן גאנץ דייטליך. זייער הויט איז דאס מאל אבער גע־ווען ניט שווארץ, זאנדערן—רויט. זייערע געזיכטער, זייערע נאקעטע לייבער, זייערע שווארצע, געקרויזטע האר, אלעס איז יעצט געווען בלוט רויט! מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז דאס זיינען גאר קיינע מענשען, זאנדערן גייסטער, טייפעל!

איך בין געבליעבען שטעהן אויף מיין פּלאַס, וויא א פערשטיינערטער. וויא שרעקליך דיעזע סצענע איז געווען, האב איך דאך ניט געקענט אפּרייסען מיינע אויגען פון דיעזע אונגליקליכע מענשען. איך האב געזעהן גאנץ דייטליך, וויא זיי האבען געמאכט מיט זייערע הענד, זיינען ארומגעלאָפען, וויא דיא וואהנזיניגע, האבען געטאנצט, געשפּרונגען, געשריען און געליארמט.

וויא איך האב ניט פערשטאַנען זייער שפּראַכע, האב איך דאך געוואוסט, אז זיי בעטען הילף. זייערע געשרייען זיינען געווען אזוי טרויעריג, אזוי הערצריי־סענד, אזוי ביטענד, אז איך האב עס ניט געקענט אויסהאלטען און האב אויס־גערופען:

— לאָמיר זיי רעטען, בען!

בען בראס האט ניט געענטפערט און האט ווייטער גערודערט מיט זיין גאנצער קראַפט. איך האב אוועקגעווארפען דאס שטיק ברעט, מיט וועלכען איך האב ביי אהער גערודערט, און האב געקוקט אויף דיא שרעקליכע, שוידערהאפטע, אונבעשרייבליכע סצענע.

אך! עס איז מיר געווען אונמעגליך זיך אפּצורייסען פון איהר!

איך האב געזעהן, וויא פרויען האבען אויפגעהויבען זייערע הענד אין דער הויך. זיי האבען עפּעס געהאלטען אין זייערע הענד, זיי האבען אויסגעשטרעקט זייערער הענד ווייט, ווייט איבערן וואסער און האבען געשאקעלט מיט זייערע הענד, אין וועלכע זיי האבען געהאלטען — זייערע קינדער! איך האב צוואר ניט געקענט הערן זייערע געשרייען, זייערע וויינען אבער האבען געזאגט גאנץ דייטליך

— האט וועניגסטענס מיטלייד מיט אונזערע קליינע קינדער! רעטעט אונזערע קינדער! לאָז שוין זיין מיט אונז וואס עס וועט זיין, נור די קינדער — די קליינע קינדער, רעטעט!

די שטארקע מענער דאגעגען האבען געמאכט שרעקליכע פּויסטען, און האבען אונז געדראהעט. אז זיי וועלען אונז צורייבען אויף מעהל, די שוואכערע מענער האבען אויסגעשטרעקט זייערע הענד און האבען געבעטען, מען זאל זיי רעטען. אזוי וויא אונזער קליינער פּלאַץ איז יעצט געווען גאר ניט ווייט פון דעם גרויסען פּלאַץ, אויף וועלכען עס האבען זיך געפונען די מאַטראָזען, האב איך געהערט דייטליך, וויא איינינע גראָבע שטימען האבען אויסגערופען:

וואַס איז דאס? ווער האט עס געטאהן? ווער האט זיי ארויסגעלאָזען?

דער ביי האט מען געזידעלט און געשאלטען דעם הונד, וועלכער האט ארויסגעלאָזען די נעגער, ערשט יעצט האב איך אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז איך האָב געמאַכט א פעהלער, וואס איך האָב ארויסגעלאזען די נעגער, וויא שלעכט און וויא פערדאָרבען די מאַטראָזען פון דער „ראַפּינא„ זיינען געווען, האבען זיי דאָך רעכט געהאַט. אויף דער "ראַפּינא„ האבען זיך געפונען מעהר אלס פיער הונדערט מאַטראָזען. וואס וועלען מיר טאהן, ווען דיעזע פיער הונדערט וועלען זיך אריינוואַרפען אין וואסער, וועלען צו שווימען צו אונז און וועלען מיט געוואלד ארויפקריעכען אויף אונזער פּלאַץ?

איך מוז זאגען די וואהרהייט, אז איך האב ניט בעריעט, וואס איך האב זייא ארויסגעלאזען פון די שטאלען. איך האב עס ניט געקענט אויסהאלטען, איך האב עס ניט געקענט איבערטראָגען, דער געדאנק, אז עטליכע הונדערט מענשען, וויא איך, זאָלען פערברענט ווערן לעבעדיגערהייט פאר אונזערע אויגען, איז געווען שרעקליך! איך האב צוואר זעהר גוט געוואוסט, אז איך האב דער מיט זעהר ווייניג געהאָלפען די אונגליקליכע, זיי מוזען דאָך שטארבען. וואס איז דער אונטערשייד, אויב זיי וועלען פערברענט ווערן אדער דערטרונקען ווערן? — דאס געפיהל פון מענשליכקייט, מיין יונגעס ניט פערדארבענעס הערץ האט מיר אבער געזאָגט, אז עס איז דאָך גלייכער, אז זיי זאלען זיין פריי און זאלען זוכען מיטעל זיך צו רעטען.

יעצט אבער האב איך איינגעזעהן, אז זייער רעטונג קען ווערן אונזער טויט. עס איז געווען דייטליך פון זייערע מינען, אז זיי ווילען זיך אריינוואַרפען אין וואסער און נאָכשווימען אונזער פּלאַץ, וואַס וועלען מיר דאַן טאהן? וואס וועלען מיר טאהן, ווען זיי וועלען אונז אריינוואַרפען אין וואסער און וועלען צונעמען אונזער פּלאַץ? זיי זיינען ווילד, זיי זיינען גערייצט, זיי זיינען אויפגערעגט און וועלען טאהן, וואס זיי וועלען נור קענען.

דאס איז געווען די אורזאכע, וואס די מאַטראָזען אויפ'ן גרויסען פּלאַץ און זאָגאר בען בראסז האבען זיך אזוי דערשראָקען און האבען אנגעהויבען צו ארבייטען מיט אלע זייערע קרעפטען, אום צו אנטלויפען פון דיעזען שרעקליכען ארט און פון דיעזעם שרעקליכעם שיף.

איך און בען בראַס זיינען געווען אין דער גרעסטער געפאַהר. אונזער פלאָס איז געווען נעהנטער צו דער "ראַפּינאַ„ אלס דער גרויסער פלאָס ווען דיא נעגער וועלען אריינשפּרינגען אין וואַסער און וועלען אונז נאַכשווימען, וועלען זיי ערשט צו קומען צו אונז.

דאַס האַט זעהר גוט געוואוסט בען בראַס, דער פאַר האַט ער יעצט גע־רודערט מיט אלע קרעפטען אום צו צוקומען, וויא אם שנעלסטען צום גרויסען פלאָס און צו בינדען אונזערע עטליכע ברעטער צו דיא גראָבע קלעצער פון'ם גרויסען פלאָס. איך האָב פערשטאַנען פאַר וואס ער טהוט עס און האָב איהם געהאָלפען, וויא ווייט איך האָב געקענט.

עס איז אונז ענדליך געלונגען, ווען מיר זיינען צו געקומען גאַנץ נאָהענט צום גרויסען פלאָס, האַט בען בראַס געזאָגט צו מיר:

— הער נור בילי, ווען מען וועט אנהויבען צו פרעגען, ווער עס האַט ארויסגע־לאָזען דיא נעגער, זאָלסט דוא שווייגען, אדער זאָגען, אז דוא ווייסט ניט, — איך וועל שוין ענטפערען פאַר דיר, איך ווייס שוין, וויא צו רעדען מיט מיינע קאַמעראַדען.

מיר זיינען באַלד צו געקומען צום גרויסען פלאָס און האָבען באַלד געהערט אנדערע שטימע, וועלכע האַט אונז געפרעגט.

— ווער זייט איהר? וואס טהוט איהר דאָ? אהא! איהר זייט עס! בראַס און דער יונג בילי! — האַט איהר עס ארויסגעלאָזען דיא נעגער? פאַר וואס האָט איהר עס געטאָהן?

— מיר האָבען עס ניט געטאָהן, האַט בען בראַס געענטפערט, מיר זיינען דאָך גאָר ניט געווען אויפ'ן שיף, דיא נעגער האָבען וואהרשיינליך אליין אויס־געבראָכען דיא טהירען פון זייערע שטאַלען.

— דאס קען ניט זיין? האָבען געשריען אייניגע, — דיא טהירען זיינען געווען גוט בעוואַרנט. זיי וואָלטען אויף קיין פאַלל ניט געקענט צובּרעכען דיא טהירען פון אינעווייניג.

— איהר פערגעסט, אז איהר האַט אונטער געזעגט דעם פאָרדער זעגעל־בוים, האַט בען בראַס געענטפערט, איהר האָט צו ריהרט דאס גאַנצע שיף; דיא טהירען פון זייערע קעמערליך זיינען געוואָרען לויז און דיא נעגער האָבען זעהר לייכט געקענט זיי אויסברעכען.

— וואו ביסט דוא אבער געווען, בען בראַס? האַט אנאַנדערע שטימע געפרעגט.

— איך האָב מיר געמאַכט דיעזען קליינען פלאָס, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אז עס וועט ניט זיין גענוג פּלאַץ אויפ'ן גרויסען פלאָס. וואס וועט עס דען שאַדען, ווען מיר וועלען האָבען מיט אונז נאָך עטליכע ברעטער.

דיא מאַטראָזען זיינען געווען צופריעדען מיט בען בראַס ערקלעהרונג. זיי האָבען אויך געפונען, אז וואס מעהר ברעטער און קלעצער מיר וועלען האָבען מיט

זיך, איז אלץ בעסער פאר אונז. זיי האבען זעהר גוט פערשטאנען, אז עס איז קיין קלייניגקייט צו שווימען אויפ'ן אטלאנטישען וועלט מעער אויף עטליכע ברעטער, וועלכע זיינען צוגעבונדען אדער צוגעשלאגען צו א פאר קלעצער.

מען האט אונז דאהער געלאזען צובינדען אונזער פלאס צום גרויסען פלאט. מען האט אונז מעהר נים געפרעגט, ווער עס האט ארויסגעלאזען דיא נעגער. עס איז אויך קיין צייט נים געוועזן צו פרעגען. אלע אויגען האבען יעצט געקוקט אויף איין פונקט—אויפ'ן ברענענדיגען שיף.

מיר האבען געזעהן מיט שטוינען, וויא דיא נעגער זיינען געשטאנען אויף דיא ברעגעס פון שיף, האבען יעדע מינוט געוואלט אריינשפרינגען אין וואסער און האבען עס דאך נים געטאהן. עס איז געווען דייטליך, אז זיי האבען מורא פאר עפעס, זיי ציטערן פאר עפעס. זיי ווילען אריינשפרינגען אין וואסער, זיי קענען עס אבער נים. זיי האבען זיך אויסגעשטעלט אזוי געדיכט ביים געלענדער, פונ'ם שיף, אז זיי האבען אויסגעוויעזען פון דער וייטען, וויא א רעגימענט סאלדאטען, וועלכע ערווארטען דעם בעפעהל פון זייער קאמאנדיר אום צו מארשירען.

— אבער פאר וואס ווארפען זיי זיך נים אריין אין וואסער? — האט געפרעגט איינער פון דיא מאטראזען. דאס פייער אויף דער „ראפינא" קומט צו אלע מאל נעהנטער און נעהנטער צו זיי. ווען זיי וועלען אין א קורצער צייט נים נים אראפשפרינגען אין וואסער, וועלען זיי פערברענט ווערען:—אויף וואס ווארטען זיי נאך? פאר וואס שפרינגען זיי נים אראפ אין וואסער?

— פיעלייכט קענען זיי נים שווימען, — האט אנ'אנדער מאטראז געענטפערט.

— דאס קען נים זיין! — האט אויסגערופען א דריטער,— צווישען עטליכע הונדערט געזונטע מענשען געפינען זיך געוויס עטליכע, וועלכע קענען שווימען.

— דיא נעגער פון וועסט אפריקא שווימען אלע זעהר גוט,—האט ערקלערט אנ'אנדערער.—אין דיעזע געגענדען געפינען זיך פיעלע וואסערן און וואו עס געפינען זיך וואסערן, דארט קענען דיא מענשען שווימען.

— אלזא, פאר וואס שווימען זיי נים? פאר וואס שפרינגען זיי נים אריין אין וואסער?

אויף דיעזע פראגע האט קיינע נים געקענט ענטפערן. מיר האבען פערשטאנען, אז דא איז עפעס, אז דיא נעגער קענען געוויס שווימען, זיי האבען אבער מורא צו שווימען. פאר וואס אבער?

באלד האט איינער פון אונז דערזעהן דיא אורזאכע, פאר וואס דיא נעגער האבען מורא געהאט זיך אריין צו ווארפען אין וואסער.

— זעהט נור! אט איז עס! — דיא האי פיש! זיי האבען מורא פאר דיא האי פיש!

 8ky.

88טעם קאפיטעל.

דאס שרעקליכע דראמא.

דיא „ראפינא“ האט יעצט נעברענט גאנץ העלל. דיא שטרעקע וואסער צווישען דער „ראפינא“ און אונזער פלאס איז געווען געפארבט רויט, גלייך וויא עס וואלט געווען פון געשמאלצענעם גאלד. דאס מעער איז געווען שטיל און רוהיג. עס האט זיך אפגעשפיגעלט דאס שיף מיט'ן פייער. עס האט זיך אונז אויסגעוויעזען, אז עס ברענט גאר אונטען, אין וואסער, ניט אויבען אויף'ן וואסער.

מיר האבען ביז אהער זיך ניט צוגעקוקט צום וואסער אונטער אונז. מיר האבען אלץ געקוקט אויף'ן שיף און האבען זיך ניט צוגעקוקט צום וואסער. ערשט יעצט האבען מיר אקוק געטאהן אויף'ן מעער, און א שרעקליכעס, שוידערהאפטעס בילד האט זיך אונז פארגעשטעלט.

דאס מעער איז געווען פול מיט האי פיש. זיי האבען יעדע מינוט ארויסגעשטעקט זייערע גרויסע קעפ און האבען געקוקט אויף דאס פייער מיט זייערע בייזע, ווילדע אויגען. זיי פלעגען ארומשווימען, ארומלויפען אונגעדולדיג פון איין ארט צום אנדערן. עס איז זעהר מעגליך, אז זיי זיינען געווען פערוואונדערט און ערשטוינט: אזא טהעאטער שטיק האבען זיי נאך קיין מאל ניט געזעהן אין זייער לעבען. זיי האבען ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס דאס גאנצע מעער איז פינסטער, נור אין איין ארט איז עס בעלייכטעט מיט א העלען, רויטען פלאם.

עס איז זעהר מעגליך, אז צווישען דיא האי פיש האבען זיך געפונען אנדערע ווילדע טהיערע פון'ם מעער, וועלכע זיינען געקומען זעהן, וואס פאר א וואונדער איז דא געשעהן. מיר האבען געזעהן, וויא קעפ האבען ארויסגעשטעקט פון וואסער, זיינען פערשוואונדען געווארען און האבען זיך ווידער געוויזען. גרויסע מיילער מיט שארפע צעהנער האבען זיך געעפענט און מיר האבען געהערט, וויא דיא גרויסע, שארפע צעהנער קלאפען איינער אן דעם אנדערן. דיא אייגענטהימער פון דיעזע צעהנער האבען געפיהלט, אז זיי וועלען באלד האבען מאטעריאל פאר דיעזע צעהנער.

עס זיינען אנגעקומען אזוי פיעל פיש, אז אין מאנכע מינוטען האט זיך אונז אויסגעוויעזען, אז דאס גאנצע מעער איז פול מיט זיי. אנפאנגס האבען זיי זיך ארומגעדרעהט נור ארום שיף; ווען זיי האבען אבער דערזעהן, אז דאס שיף איז צו הויך פאר זיי, האבען זיי אנגעהויבען צו צוקומען צו אונזער פלאס. אייניגע זיינען געקומען אזוי נאהענט, אז זיי האבען זיך אנגעשלאגען אן אונזער פלאס. מיר האבען געמוזט זיי אפטרייבען מיט שטיקער האלץ און מיט שפיזען, וועלכע מיר האבען מיטגענומען פון דער „ראפינא“.

— טויטעט זיי ניט! האט אויסגערופען דער פראנצויז לענרא. טרייבט זיי נור אוועק. זיי וועלען אונז רעטען פון דיא נעגער.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, פאר וואס דיא נעגער זיינען נאך אלץ גע־שטאנען אויפ'ן שיף און האבען מורא געהאט זיך אריין צוווארפען אין וואסער. זיי האבען זעהר גוט פערשטאנען, אז קוים שפרינגען זיי אריין אין וואסער, ווע‏לען זיי ארייגפאלען אין דיא גרייסע מיילער פון דיא האי פיש.

ווען איך האב צובראָכען דיא ריענגעל פון דיא טיהרען פון זייערע קעמערליך און האב זיי ארויסגעלאָזען, האב איך געטראכט, אז עס איז מעגליך, אז אייניגע פון זיי זאלען זיך דאך רעטען. יעצט האב איך איינגעזעהן, אז איך האב גאר נישט געטאהן פאר זיי מיין ארבייט איז געווען אומזיסט. זייא שטעהט פאָר א שרעקליכער טויט: זיי מוזען פערברענט ווערען אדער אריינפאלען אין דיא צעהנער פון דיא געפרעסיגע האי פיש.

עס איז פערגאנגען אייניגע צייט און דיא אונגליקליכע נעגער האבען ניט געוואוסט, וואס זיי זאלען טאהן. זיי האבען זעהר גוט פערשטאנען זייער לאגע; זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, אז זיי מוזען זיך אויף עפעס ענטשליעסען; זיי האבען געמוזט עפעס טאהן.

עס איז ניט לייכט זיך צו שיידען פון לעבען. דאס ווילדע טהיער קעמפפט אויך פאר זיין לעבען מיט אלע זיינע קרעפטע. ווען איינער טרינקט זיך, ראנגעלט ער זיך מיט'ן וואסער ביז צו לעצט. ער האט שוין קיין האפנונג גערעטעט צו ווערען. ער ווייס, אז ער איז פערלאָרען און דאך ראנגעלט ער זיך און רייסט זיך ארויסצושטעקען דעם קאפ פון וואסער. אין אזא לאגע זיינען יעצט געווען דיא נעגער. פון איין זייט איז געווען דאס שרעקליכע פייער, פון דער אנדער זייט דאס וואסער, דאס מעער מיט זיינע ווילדע, בלוטדורשטיגע איינוואונער — דיא האי פיש.

אונטער דעסען איז דאס פייער געווארען גרעסער און שרעקליכער, מיר האָ־בען געזעהן וויא דאס פייער איז צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צו דיא אונגליקליכע נעגער. איך האב ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס דאס פולווער האט זיך נאך ניט אנגעצונדען און האט ניט צוריססען דאס אונגליקליכע שיף אויף שטיקלעך. — איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט: איך האב עס יעצט גע־ווינשט, איך האב עס יעצט פערלאנגט. ווייל איך האב געוואוסט, אז קוים וועט דאס שיף אויפשפרינגען אין דער לופט, וועלען דיא אונגליקליכע נעגער וועניג־סטענס שטארבען מיט אמאל. איך האב יעצט געווינשט פאר זיי דעם טויט.

ליידער, האָט זיך דאס פולווער ניט אנגעצונדען אזוי גיך, אונזער שיפס־קאפיטאן האָט בעהאלטען דיא צעהן פעכלעך פולווער, וועלכע ער האט גענג־בעט ביי קעניג דשינגא, ערגעץ גאנץ טיעף אויפ'ן באָדען פון דער „ראפינא" דאס פייער האט נאך ניט דערגרייכט צו זיי. דיא "ראפינא„ האט דער וויל געברענט נור פון אויבען.

דאס פייער איז צוגעקוקען נעהנטער און נעהנטער צו דיא נעגער. מיר האָ־בען געזעהן, וויא אלע זיינען יעצט געשטאנען גאנץ נאהענט ביים געלענדער פון

דער "ראפינא„ פלוצלינג האבען מיר געהערט — פכוך! דיא נעגער האָ־בען אנגעהויבען צו שפּרינגען אין וואסער אנפאנגס האבען עס געטאהן נור דיא נעגער, וועלכע זיינען געשטאנען נעהנטער צום פייער; קוים אבער איז דער ערש־טער אריינגעשפּרונגען אין וואסער, האבען איהם באלד פיעלע נאכגעטאהן איי־נער נאך דעם אנדערן זיינען אריינגעשפּרונגען אין וואסער.

איך בין ניט אין שטאנד אייך צו בעשרייבען דיא שרעקליכע סצענע, דאס הערצרייסענדע דראמא, וואס איז יעצט פארגעקוממען„ אין מעער, קנאפּע פינף הונדערט שווארצע קערפּער האָבען געשוואומען אין וואסער, האָבען זיך געראנ־געלט, האבען געשריען און האָבען זיך געריסען. אין ערטער האבען זיך געהאל־טען דרייא — פיער צוזאמען; אין ערטער האבען זיך עטליכע ארימגענומען און האָבען זיך בעמיהט צו שווימען. זייערע געשרייען און זייערע געוואלדען זיינען גע־ווען אזוי שרעקליך, אז דיא האי פיש האָבען זיך אין דיא ערשטע עטליכע מינוט דערשראָקען פאר זיי און זיינען זיך צו לאפען.

דאס האָט אבער געדויערט ניט לאנג, באלד זיינען דיא האי פיש ארויפ־געשוואומען אויפען וואסער און עס האָט זיך אנגעהויבען אשרעקליכע מענשען־פרעסעריי. מיר האבען געזעהן וויא עטליכע האי פיש האבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף אגרופּע פון עטליכע נעגער, וועלכע האבען זיך געהאלטען צוזאמען. מיר הא־בען געהערט דאס טאדעס געשריי פון דיא אונגליקליכע. מיר האבען געקענט זעהן, וויא דאס מעער איז אין ערטער געווארען רויט. דאס איז געווען בלוט, פרי־שעס, ווארעמעס מענשען בלוט.

וויא שרעקליך, וויא שוידערהאפט און וויא הערצרייסענד דיעזע סצענע איז געווען, האָבען דיא מאטראָזען אויפ'ן פלאָס דאך ניט געפיהלט קיין מיטלייד מיט דיא אונגליקליכע, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז זייער טאָדט איז אונזער לעבען. איך און בען בראס זיינען געווען דיא איינציגע, וועלכע האבען שרעקליך געליטען ביים אנבליק פון דיעזער שרעקליכער סצענע. איך האב געוויינט וויא אקליין קינד יעדעס מאל, ווען איך פלעג זעהן, וויא אשווארצער קאָפּ פון א נעגער שטעכט ארויס פון וואסער און אווילדער הונגעריגער האי פיש ווארפט זיך ארויף אויף איהם. — אגעשריי — דאס וואסער הויבט אן צו קאכען און צו שוימען. — דאן ווערט אלעס שטיל און עס טרעטען ארויס אויפ'ן וואסער רויטע פלעקען, — דאס בלוט פון'ם אונגליקליכען.

איך קען ניט וויסען, וויא פיעל האי פיש עס האבען זיך פערזאמעלט אויף דיעזען שרעקליכען מאהלצייט, איך וויים נור, אז זיי זיינען דאך ניט געווען אים שטאנדע אלעמען אויפצופרעסען. איך האב שוין דערצעהלט, אז דער האי פיש איז גאנץ קלוג און וויים אויף וועמען אנצופאלען. זיי זיינען אנפאנגס אנגעפאלען אויף דיא שוואכערע: אויף דיא פרויען און קינדער. פאר דיא שטארקע מענער האבען זיי אנפאנגס מורא געהאט. דיא קלוגע פיש האבען שוין גוט פערשטא־נען, ווער עס איז שטארק און געזונד און קען זיך וועהרן געגען זיי. דיא האי פיש

האבען זיך דאהער צו ערשט ארויפגעוואָרפען אויף דיא פרויען, קינדער און שוואַ-כע מענער און האבען זיי פערשלונגען.

וויא הונגעריג און וויא געפרעסיג דיא האי פיש זיינען, קען דאך א האי פיש ניט אויפפרעסען מעהר אלס איין מענשען מיט אמאל. דיא האבען דאהער פער-שלונגען צווייא הונדערט־דרייא הונדערט נעגער, עס זיינען אבער נאך געבליעבען פון הונדערט ביז צווייא הונדערט געזונדע און שטארקע נעגער, וועלכע האבען זיך דורגעשלאָגען דורך דיא האי פיש און זיינען געשוואומען צום פלאָס.

מיר האבען געזעהן גאנץ דייטליך פיעלע שווארצע קעפּ זיך אויפהויבען פון וואסער, שטארקע הענד האבען געקלאַפּט דאס וואסער, געשפריצט ארום און גע-שוואומען צו אונז. דיא „ראפינא" האט יעצט געברענט אזוי העלל, אז מיר האבען געקענט זעהן אויף א גרויסע שטרעקע, גלייך וויא עס וואלט געווען אם העלען טאג. דיא מאטראזען אויפ'ן פלאָס האבען אנגעהויבען צו ציטערן.

— וואס וועלען מיר טאהן, ווען זיי וועלען צוקומען צו אונז און וועלען זיך ארויפחאפּען אויפ'ן פלאָס? האבען אייניגע זיך געזארגט.

— לאמיר אנטלויפען! לאמיר טרייבען דעם פלאָס! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

אלע מאטראזען האבען זיך יעצט גענומען צו דער ארבייט. יעדער האט גערודערט, וויא ווייט ער האט געקענט. אייניגע האבען מיטגעבראכט רודער פון דער „ראפינא", אנדערע האבען גערודערט מיט שטיקער האלץ, מיט ברעטער, מיט שטעקענס, מיט גרויסע שפּענער און מיט וואס איינער האט געקענט.

אונזער פלאָס האט זיך צוואר געריהרט, אבער זעהר לאנגזאם. אין א שי-פעל אדער א באָאָט קען מען פאהרען גאנץ שנעל, ווען מען רודערט שטארק; אונזער פלאָס אבער איז בעשטאנען פון ברעטער, וועלכע זיינען געווען צוגעשלאגען אדער צוגעבונדען צו קלעצער. אזא פלאָס קען געהן שנעל אויף א טייך, וואו דער וואסער לויפט שנעל, אויפ'ן מעער אבער קען זיך אזא פלאָס ניט ריהרען, בעזאנדערס ווען דאס מעער איז שטיל און רוהיג, וויא עס איז יעצט געווען. מיר זיינען דאהער געפאהרען זעהר לאנגזאם און האבען זיך דערווייטערט פון דער „רא-פינא" נור עטליכע הונדערט שריט.

אונטערדעסען זיינען דיא נעגער געשוואומען מיט זייערע לעצטע קרעפטע און האבען אונז נאכגעיאגט. זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, אז דאס איז זייער איינציגע רעטונג. דיא מאַטראָזען אויפ'ן פלאָס האבען דאהער געציטערט פאר זייער אייגענעם לעבען. איך אליין האב אויך איינגעזעהן, אז איך האב בעגאנגען א גרויסען פעהלער, וואס איך האב ארויסגעלאָזען דיא נעגער. איך האב עס יעצט בערייעט, בימער בערייעט.—איך האב געוואלט לעבען. ערשט דאמאלס, ווען איך האב געזעהן דעם שרעקליכען טויט פאר מיינע אויגען, האב איך אנגעהויבען צו פיהלען, וויא דאס לעבען איז זיס.

עס איז אבער קיין צייט געווען פיעל צו טראכטען. עס איז קיין צייט גע-

זען זיך צו איבערלעגען. א גאנצער הויפען שווארצע קעפּ, ווילדע גענטער, פייערדיגע אויגען און שטארקע הענד איז צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צו אונזער פלאַס. דיא שטארקע הענד האבען זיך אויפגעהויבען און האבען געוואלט זיך אנחאפּען אן דיא ברעטער, אן דיא קלעצער פון אונזער פלאַס. עס האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכעס דראמא, וועלכעס איך וואלט בעסער געוואלט פערשווייגען. איך קען עס ניט דערצעהלען. עס פרעסט מיך, עס דריקט מיך עס טהוט מיר וועה, ווען איך רעד דערפון....

דיא מאטראָזען פון דער "ראפינא" האָבען געמוזט זיך פערטהיידיגען. יעדער האט געחאפּט, וואָס ער האָט געקענט: ארודער, אשטיק האלץ, אברעט, אשפּיעז, אהוק, און האט אנגעהויבען צו שלאָגען, וואו ער האט געטראָפען. קוים איז צו אונז צוגעשוואומען א נעגער און האט געוואלט זיך אנחאפּען אן פלאָס, האָט א מאטראָז אויפגעהויבען זיין שטיק האָלץ, זיין רודער אדער וואס ער האט געהאלטען אין האנד, און האט געשלאָגען, וואו ער האט געטראָפען.

אין דיא ערשטע עטליבע מינוט האט עס געהאלפען. דיא ערשטע עטליבע נעגער האבען אפּגעטרעטען פון אונזער פלאָס. וואוהין אבער זאלען זיי שווימען? אויפ'ן מעער איז ניט געווען קיין איינציגער ארט, וואו זיי וואלטען געקענט זיך אהין טאהן. זיי האָבען געמוזט שווימען ארום אונז. באלד אבער זיינען צוגעקומען אנדערע נעגער. עס האבען זיך צונויפגעקליבען א צבציג — דרייסיג שטיק מיט א מאל, זיי האָבען עפּעס איבערגערעדט צווישען זיך און זיינען מיט אמאָל אנגעפאלען אויף אונז.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אשרעקליכעס געשלעג און עס איז ניט לייכט צו אגען, מיט וואס עס וואלט זיך געענדיגט. דיא נעגער זיינען געווען פערצווייפעלט און דיא מאטראזען האָבען געקעמפּפט פאר זייער לעבען. דיא נעגער זיינען נעקראָבען אויפ'ן פלאָס און דיא מאטראָזען האבען זיי געשלאָגען איבער דיא הענד און איבער דיא קעפּ.

איך האב עס ניט געקענט צו זעהן. איך בין געווען אזוי פערצווייפעלט, אז דער קאפּ האט זיך מיר פערדרעהט, עס איז מיר געווארען פינסטער אין דיא אויגען און איך בין אניעדער געפאלען אויף דיא ברעטער לעבען בען בראס. איך וויים ניט, וואס בען בראס האט געטאהן. האט ער זיך אויך פערטהיידיגט? האט ער אויך געטריעבען דיא נעגער פון זיך? האט ער אויך געשלאָגען דיא אונגליקליכע נעגער איבער דיא הענד? איך וויים עס ניט.

איינינע מינוטען בין איך געלעגען, וויא אין אחנמאכט. איך האב ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט מיר, פלוצלונג האב איך דערהערט אשרעקליכען טראך. איך בין אויפגעשפּרונגען און האב אקוק געטאהן אין דער זייט, וואו דיא "ראפינא" איז געשטאנען. פון דארט האט זיך אויפגעהויבען א זייל פייער. האט איינינע אויגען בליק בעלייכטעט דעם הימעל מיט זיין רויטער פלאָם, דאן האט עס געגעבען אשרעקליכען טראך — דיא "ראפינא" איז צוריסען געווארען אויף שטיקלעך.

דאס פולווער איז ערגעץ געליגען גאנץ טיעף אויפ'ן באָדען פונ'ם שיף. דאס פייער האט עס ניט געקענט דערגרייכען אזוי לייכט. עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט, איידער עס האט זיך אנגעצונדען, קוים אבער האט זיך עס אנ־געצונדען, האט עס אנגעהויבען צו קראכען און צו קנאקען, אז מיר זיינען שיער פערטויבט געווארען. רויטע גארבען פייער זיינען ארויפגעלאפען צום הימעל. זיי האבען אויף איינינע אויגען בליק בעלייכטעט דעם הימעל און דאס מעער. דאן זיינען זיי פערלאשען געווארען און אלעס איז געווארען פינסטער און שטיל.

39טעס קאפיטעל.

צווישען הימעל און וואַסער.

איינינע מינוטען זיינען מיר אלע געזעססען שטיל. קיינער האט ניט גע־וואגט ארויס צו רעדען א ווארט. עטליכע שרעקליכע ווילדע טאדעס געשרייען האבען אונז דערמאנט, וואו מיר געפינען זיך. דאס האבען געשריען דיא לעצטע נעגער, דאס זיינען געווען זייערע לעצטע געשרייען, זיי זיינען יעצט געווען ווייט פון אונז.

איך ווייס ניט פאר וואס זייא האבען אפגעטרעטען פון אונזער פלאָס, האָ־בען זיי זיך דערשראָקען פארן קנאַסען און טראכען פונ'ם פולווער, וועלכע האט זיך אנגעצונדען אויף דער "ראפינא,, אדער האט דאס מעער אנגעהויבען שטארק צו קאכען אויף דעם ארט, וואו דיא "ראפינא„ איז אונטערגעגאנגען, אז זיי זיי־נען אלע דערטרונקען געווארען, עס זיינען געבליעבען נור עטליכע, וועלכע זיינע איינער נאָכען אנדערן דערטרונקען געווארען. איך ווייס עס ניט ביז היינט.

בען בראס האט מיר שפעטער ערקלערט, אז ווען א גרויסעס שיף געהט אונטער, ווערט אויף דעם ארט א סאָרט קעסעלגרוב, וואו דאס וואסער רוישט, קאכט און דרעהט זיך אזוי שטארק, אז עס שלעפט אריין אלעס, וואס עס געפינט זיך אויף א גרויסע שטרעקע ארום, אין טיעפען אפגרונד.

דאס, וואהרשיינליך, איז געווען דיא אורזאכע, וואס דיא נעגער זיינען פער־שוואונדען געווארען. דיא קעסעלגרוב, ריכטיגער געזאגט, דאס וואסער קרייזעל, האט זיי אראפגעשלעפט אין דער טיעפעניש און זיי זיינען דערטרונקען געווארען. עס זיינען קוים געבליעבען איינינע שטארקע און בעהערצטע צווישען זיי. וועלכע האבען זיך נאך געהאלטען איינינע צייט אויפ'ן וואסער, דאן זיינען מיעד געווא־רען שווימענדיג, זיינען אראָפגעפאלען איינער נאכ'ן אנדערן און זיינען דערטרונ־קען געווארען.

דאס זיינען געווען דיא געשרייען, וועלכע מיר האבען געהערט. באלד איז אלעס שטיל געווארען. אלעס איז געווארען פינסטער ארום אונז. דיא „ראפינא" איז פערשוואונדען געווארען. מיר האבען זיך געפונען אויף עשליכע שוואכע ברע־טער אין גרויסען, ברייטען וועלט מעער. מיר האבען זיך געפונען צווישען הימעל און וואסער אויף א שוואכען פלאָס.

וויא שפעט איז עס געוועז ? דאס האבען מיר ניט געקענט וויסען. פיעלע פון דיא מאטראָזען האבען געהאט טאשען אוהרען. זיי האבען אבער קיין צייט געהאט זיי מיטצונעהמען. יעדער איז געוועז בעשעפטיגט מיט זיך. יעדער האט געדאכט נור צו רעטען זיין לעבען. קיינער האט ניט מיטגענומען קיין זאכען מיט זיך.

וויא מיעד און צובראָכען מיר זיינען געוועזען פון דער שווערע ארבייט און פון דער אויפרעגונג פון היינטיגען טאג, האט דאך ניט קיינער פון אונז ניט גע־שלאָפען און ניט געגעסען. דער מאָנד איז אונטערגעגאנגען. עס איז שוין גע־ווען פאר טאג און עס איז געווארען שטארק פינסטער. מיר האבען ניט געקענט זעהן אויף צעהן שרים ווייט פון אונז. מיר האבען אבער זעהר גוט געוואוסט, אז ארום אונז איז וואסער, אונטער אונז איז וואסער און איבער אונז איז דער ריינער, קלאָרער, בלויער הימעל.

יעדעס שיף, וועלכעס געפינט זיך ווייט אין מעער, געפינט זיך צווישען הי־מעל און וואסער. דאס שיף איז אבער געוועהנליך זעהר הויך און דער מענש אויפ'ן שיף איז ווייט פון'ם וואסער. מיר אבער זיינען יעצט געבליעבען אויף ברע־טער, גאנץ נאהענט פון'ם וואסער.

— א זעגעל ! א זעגעל ! האבען געשריען אייניגע.

איך בין אויפגעשפרונגען. איך האב ניט געוואוסט, וואס זיי מיינען מיט דיא ווערטער: א זעגעל ! א זעגעל ! באלד האב איך געזעהן, וואס זיי מיינען. ווען זיי זיינען אראָפגעגאנגען פון דער „ראפינא", האבען זיי מיטגענומען א פאר שטיקער זעגעל. א גאנצע נאכט איז עס געוועזען גאנץ שטיל אויפ'ן מעער און אונזער פלאָס איז געשטאנען אויף איין ארט. מיר האבען גאר ניט געקענט העל־פען. מיר האבען זיך ניט געקענט ריהרען. פארטאג האט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל און אייניגע מאטראָזען האבען געפונען, אז ווען מיר זאלען קענען אויפ־ציעהען א זעגעל אויף אונזער פלאָס, וואלטען מיר געקענט פאהרען ערגעץ, אדער וועניגסטענס אפפאהרען עטליכע מייל.

מען האט באלד אויפגעשטעלט צוויא ברעטער אין דערהויך און מען האט איבער זיי אויסגעצויגען א שטיק זעגעל טוך. וויא אייגפאך דיעזער זעגעל איז געוועזען, האט ער דאך געווירקט : אונזער פלאָס איז געשוואומען. מיר האבען זיך געריהרט. מיר זיינען געפאהרען. — וואוהין ? דאס האבען מיר ניט גע־קענט וויסען. זאגאר דער קלוגער און געלערענטער מאטראָז בען בראס האט ניט געקענט וויסען, וואו מיר געפינען זיך ערגעץ און וואוהין מיר פאהרען. אהן א קאָמפאס, אהן א מעער קארטע און אהן אינסטרומענטען איז עס געוועזען אונמעגליך אויסצוגעפינען, וואו מיר געפינען זיך יעצט און וואוהין מיר פאהרען. אייגענטליך איז געוועזען דיא פראגע, פון וואנען וועהט דער ווינד ? אין וועלכע זייט פאהרען מיר ? — פאהרען מיר צוריק קיין אפריקא אדער פאהרען מיר ווייטער קיין אמעריקא ?

קיינער האט זיך אבער ניט געשטעלט דיעזע פראגען יעדער איז געווען צופריעדען, וואס אונזער פלאָס שטעהט ניט אויף איין ארט. — קוים פאהרען מיר וועלען מיר דאך ערגעץ אנקומען,—האט יעדער געטראַכט ביי זיך.

איך האב א קוקגעטאהן אויפ'ן וואסער און האב געזעהן, אז דאס וואסער שוימט ביי דיא עקען פון אונזער פלאָס, א בעוויז, אז מיר פאהרען שנעל.

דאס האט אבער ניט לאנג געדויערט. באלד האט זיך געוויזען א פאס ליכט אין אָסטען (מזרח זייט). עס האט אנגעהויבען צו טאָגען. דער ווינד האט אויפגעהערט און, ווען דיא זון איז ארויסגעגאַנגען און האט בעלייכטעט דאס מעער, זיינען מיר געשטאַנען אויף איין ארט. אונזער פלאָס האט זיך מעהר ניט גע־ריהרט. אלע זיינען געווען אזוי מיעד און אזוי צובראָכען פון פאָריגען טאָג און פון פאריגער נאַכט, אז אלע זיינען אניעדערגעפאלען, וויא דיא געהרגעטע.

איך זאג, אז אלע האבען זיך געלעגט שלאפען דאס איז ניט גאנץ ריכטיג. ניט אלע האבען זיך געלעגט שלאפען. צוויא זיינען ניט געשלאפען. זיי האבען געהאלטען דיא וואך. איהר ווערט זיך געוויס וואונדערן, צו וואס האט מען גע־דאַרפט האבען א וואך. מיר זיינען, דאכט זיך, געווען גאנץ זיכער אין דער מיט פון'ם גרויסען און ברייטען אטלאנטישען וועלט מעער. פאר וועמען האבען מיר דען געקענט מורא האבען צווישען הימעל און וואסער?

מיר האבען ווירקליך פאר קיינעם קיין מורא ניט געהאט. וואס האבען מיר אבער געקענט האפען? האבען מיר דען געקענט זיך צושלעפען ערגעץ צו א לאנד אויף אונזערע עטליכע ברעטלעך צוגעשלאגען צו א פאר קלעצער? מיר געפינען זיך יעצט אין דער שטילער געגענד. עס קענען פערגעהן וואכען און מיר וועלען זיך ניט קענען ריהרען פון ארט. ביים ערשטען שטורם וועט אונזער פלאָס צר־ריסען ווערען און מיר וועלען אלע דערטרונקען ווערן. וואס קענען מיר אלזא האפען?

אונזער איינציגע האָפנונג איז געווען, אז מיר וועלען ערגעץ בעגעגענען אשיף, וועלכעס וועט אונז אויפנעהמען. דאס איז געווען דיא אורזאכע, פארוואס מיר האָבען אויסגעשטעלט וואכען, ווען מיר האבען זיך געלעגט שלאפען. דיא וואכען האבען געדאַרפט קוקען אין אלע זייטען, פיעלייכט וועלען זיי דערזעהן דיא זעגעל פון אשיף אדער דעם רויך פון א דאמפפער.

אבער אך! דאס וועלט מעער איז גרויס, ברייט און וויט! עס מאכט זיך אמאל, אז מען זאל פאהרען פון לאנדאָן קיין אויסטראליען און מען זאל אויפ'ן גאנצען וועג ניט בעגעגענען איין איינציגעס שיף! צום אונגליק נאָך, האבען מיר זיך געפונען וויט פון דעם וועג, אויף וועלכען עס פאהרען געוועהנליך שיפען, מיר האבען ניט געהאט מיט זיך קיין קאָמפאס און קיין מעער קארטע.

מיר זיינען געשלאָפען ניט לאנג, דיא זון איז ארויפגעגאַנגען העכער און העכער און האט בעגאסען דאס גאנצע מעער מיט איהרע ברענענדיגע שטרא־לען. עס איז געווארען שרעקליך הייס, דיא מאטראָזען זיינען אויפגעשטאַנען איי־

נער נאָכן אנדערן האבען אפגעוואשען זייערע קעפּ און זייערע געזיכטער מיט מעער וואסער און האבען זיך אניעדער געזעצט אויף זייערע ערטער, עס איז ניט געווען וואוהין צו געהן, וואהין צו שפּאציערן און וואו צו קלעטערן אויף אונזער קליינעם פּלאָס. מען האט געמוזט זיצען אויף איין ארט, ווען דיא פּיס פלעגען שוין שטארק פערזעסען ווערן, פלעגט מען זיך אויפהייבען און זיך אביסעל דורכגעהן אויפ׳ן פּלאָס אקליינע שטרעקע, ארום פּלאָס, דאן האָט מען געמוזט זיך צוריק זעצען. עס איז ניט געווען וואוהין צו געהן.

ווען אלע האבען זיך אויפגעחאפּט און האבען זיך אויסגעזעצט אויף זייערע ערטער, האט מען אנגעהויבען צו רעדען פון עסען. וואס האבען מיר אבער געהאט צו עסען? אין דער איילע האָט מען ארויפגעקייקעלט אויפ׳ן פּלאָס נור צווייא פעסלעך מיט ביסקוויט (סוחארעם), צווייא פעסלעך געזאלצענעם פלייש, איין פעסעל וואסער, דער רעסט וואס אונז איז געבליעבען, און אפּאָר פעסלעך ראָם. דאס איז געווען אלעס, וואס מיר האבען געהאט.

אויף וויא פיעל צייט האבען מיר עס געהאט? וויא לאנג וועט עס דויערן, ביז מיר וועלען בעגעגענען אשיף? ווער האָט עס געקענט וויסען? ווער האט עס געקענט פאראויס זאָגען? אלענפאלס דער וויל זיינען מיר געווען הונגעריג און מען האָט געמוזט שטילען דעם הונגער. מען האט זיך בעראטען איינינע מינוט און מען האט בעשלאָסען אז מען זאל איינטהיילען דעם ביסקוויט. מען זאל גע־בען יעדען צו צווייא שטיק א טאָג. צווייא קיילעבדיגע פּלעצעלעך אויף א מענ־שען איז צוואר געווען זעהר ווייניג, וואס האט מען אבער געקענט מאכען? וואס האט מען געקענט העלפען?

עס זיינען אונז נאָך געבליעבען דיא צווייא פעכלעך געזאלצענעם פלייש. וואס האט מען אבער געקענט מאכען מיט זיי? מיר האבען ניט געהאט קיין האָלץ מיט וואס צו קאָכען און האבען ניט געהאט קיין פּלאַץ וואו צו קאָכען. מען קען קאָכען אויף א פּלאָס, דאן אבער מוז מען האבען ציעגעל אדער שטיינער, וועלכע מען לעגט אוים אין אנ׳ארט און אויף זיי צולעגט מען א פייער.

מיר האבען אבער ניט געהאט מיט זיך קיינע ציעגעל קיינע שטיינער, קיין שטיק אייזען, אויף וועלכע מיר זאלען קענען צולעגען א פייער. עס איז אונז גע־בליעבען צו עסען דאס געזאלצענע פלייש רויערהייט. דאס איז אבער אויך גע־ווען אונמעגליך, ווייל מיר האבען געהאט זעהר ווייניג וואסער. בען בראָס, ענגעל־מאן און עטליכע אנדערע מאטראָזען האבען אויסגערעכענט אז אום ניט צו שטאר־בען פאר דורשט אין דער צייט פון צווייא וואכען, מוזען מיר זיך בעגניגנען מיט א האלבע גלאז וואסער א טאג. וויא האט מען געקענט עסען געזאלצענעם פלייש, ווען מען האט קיין וואסער? מיר האבען ראך זאָגאר ניט געהאט קיין וואסער, מיט וואס אפּ צו וואשען דאס פלייט פו׳ם זאלץ.

מיר האבען דאהער געמוזט זיך צופריעדען שטעלען מיט צווייא פלעצלעך ביסקוויט (סוחארעם) א טאג. עס איז געווען ווייניג, אבער אלע זיינען געווע

רערמיט צופריעדען. יעדער האט אויפגעגעסען, ריכטיגער געזאגט, איינגעשל־גען זיינע צווייא שטיעלעך ביסקוויט, האט אויסגעטרונקען דאס ביסעלע וואסער, וואס מען האט איהם אפגעמאסטען, דאן האט מען זיך געזעצט אויף איין ארט און מען האט זיך פערטראכט.

איבער וואס מען האב געטראכט, קען איך ניט זאגען; איך וויים אבער, אז עס זיינען געווען קיינע פרעהליכע געדאנקען. יעדער האט געזעהן פאר זיך א זיכערן טויט. יעדער האט געוואוסט, אז ער וועט לאנג ניט אויסהאלטען ביי אזעלכע שלעכטע קעסט.

דאס האבען זעהר גוט פערשטאנען דיא עטליכע מאטראָזען. זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, אז קוים וועלען דיא מענשען פערצווייפלען, קוים וועלען זיי פערליערן דעם מוטה, זיינען זיי פערפאלען: זיי האבען דאהער געזוכט מיטעל, וויא אזוי אויפצומונטערן ריא מאטראָזען, זיי צו בעלעבען און צו פערטרייבען פון זיי זייערע שווארצע, טרויעריגע געדאנקען. זיי האבען בעשלאָסען אויפצופאָרדערן יעדען, ער זאל דערצעהלען זיין לעבענסגעשיכטע. דאס וועט פעראינטערעסירען דיא מאטראזען און זיי וועלען וועניגסטענס אויף א געוויסע צייט פערגעסען זייער טרויעריגע לאגע.

דיעזער פלאַן איז געפעלען און שוין דעם אנדערן טאָג האט איינער פון דיא מאַטראָזען דערצעהלט זיין לעבענסגעשיכטע. איך בין דאמאלס געווען זעהר יונג, און דיעזע געשיכטען האבען מיך שטארק פעראינטערעסירט. עס זיינען גע־ווען איינפאכע, ווילדע געשיכטען פון רויב און מארד. דיעזע געשיכטען וויל איך אייך ניט איבערגעבען, ווייל זיי וועלען פאר אייך קיין אינטערעס ניט האבען. איך וויל אייך איבערגעבען נור דיא מערקווירדיגסטע געשיכטען, וועלכע האבען א גע־וויסען ווערטה און א געוויסען אינטערעס.

אזוי איז פערגאנגען דער ערשטער טאָג פון אונזער רייזע צווישען הימעל און וואסער. געגען אבענד האט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל. מיר האבען ווידער אויסגעשפרייט אשטיק זעגעל טוך און זיינען ווידער אפגעפאהרען אגעוויסע שטרעקע. דאן איז ווידער געווארען שטיל און מיר האבען זיך געלעגט שלאפען.

דעם אנדערן טאָג אין דער פריה האבען מיר אפגעגעסען אונזער פריה־שטיק — צווייא פלעצעלעך ביסקוויט, האבען אויסגעטרונקען אונזער ביסעל וואַ־סער און האבען זיך אניעדער געזעצט אויף אונזערע פלעצער.

— יעצט מוז איינער דערצעהלען זיין לעבענס געשיכטע! — האט אויסגע־רופען דער דייטש ענגעלמאַן

— ווער זאל אבער זיין דער ערשטער? — האט אנ'אנדערער געפרעגט.

— פערלאָזען! (ווארפען גורל!)—האבען געשריען עטליכע.

מען האט געצויגען לאָזען. דאס הייסט, מען האט גענומען עטליכע שטריק־לעך. אין איינעם האט מען געמאכט א קנופ. א מאטראָז האט געהאלטען דאס בינטעל שטריקלעך אין דער האנד. יעדער האט ארויסגעצויגען א שטריקעל.

האט ער עס ארויסגעצויגען דאס שטריקעל מיט׳ן קנופּ, האט ער געדאַרפט דערצעהלען.

דאס לאָז איז געפאלען אויף א יונגען און שטארקען אמעריקאנער. ער האט ארויסגעצויגען דאס שטריקעל מיט׳ן קנופ און ער האט געדארפט דערצעהלען זיין געשיכטע און ער האט זיא דערצעהלט. אלע האבען איהם אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאם, ווייל זיא איז זעהר אינטערעסאנט און דיא הויפטזאכע — זיא איז וואהר.

40טעם קאפיטעל.

דיא שווארצע פערל.

— ווען איך וויל אייך דערצעהלען מיין לעבענס געשיכטע, מוז איך בעריהרען מיינע ליידען אין דיא טיעפעניש פון׳ם מעער, האט דער אמעריקאנער אנגעהויבען צו דערצעהלען. — איך מוז בעריהרען א פונקט אין מיין לעבען, וועלכער טוהט מיר זעהר וועה. — וואס ווערט אבער דערפון? דער שמערץ איז אויך א פערגענינגען. וואס עס איז פערגענינגען, קען זיך שוין ניט אומקעהרען.

ער איז געבליעבען שטיל. האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האט געטראכט איינינע מינוט און האט ווייטער אנגעהויבען צוא דערצעהלען.

— איך בין א שפאניער, אן אמעריקאניער שפאניער. איך שעהם מיך ניט אויסצוזאגען, אז נור מיין פאטער איז געווען אן עכטער שפאניער, מיינע מוטער איז געווען אן אינדיאנערין. — אפאר הונדערט מייל פון סאן פראנציסקא געפינען זיך אין מעער צוויא אינזלען. איינע הייסט עספעריטו סאנטא און דיא אנדערע הייסט סערראללבא. אויף איינער פון דיעזע ביידע אינזלען בין איך געבארען. מיין פאטער איז געקומען קיין אמעריקא זוכען גאָלד, ער האט עס אבער ניט געפונען און האט זיך בעזעצט אויף איינער פון דיעזע צוויא קליינע אינזלען, וועלכע זיינען בעריהמט דער מיט, וואס ארום זיי געפינען זיך אין מעער פערל מושעלן (אזעלכע זאבע שיעסעלעך, וואו מען געפינט פערל). דיא אמעריקאנער פערל זיינען אזוי בעריהמט אין דער וועלט, וויא דיא פערל פון אסט אינדיען.

עס האט זיך געגרינדעט א קאמפאניע פון רייכע מענער צו בעארבייטען דיא פערל פישערייען. דיעזע קאמפאניע האט געמאכט מיין פאטער פאר אן אויפזעהער. אויף יענע אינזלען האט געוואינט אן אינדיאנער פאלק, וועלכע זיינען אלע געווען גוטע שווימער און טויכער, (מענשען, וועלכע לאָזען זיך אראפ אונטערן וואסער און קלויבען צו נויף דיא פערל מושעלן.) מיין פאטער האט זיך פערליעבט אין אן אינדיאנער מערכען פון דיעזעס פאלק און האט זיא געהייראטהעט.

איך בין דאהער געבארען געווארען און אויפגעוואקסען געווארען צווישען אמעריקאנער אינדיאנער. דאס איז דיא אורזאכע, וואס איך רעד עטליכע איי־

ריאמער שפראכען, א גוטעס שפאניש און א גוטעס ענגליש. מיין פאטער איז גע ווען א שפאניער. דיא קאמפאניע, ביי וועלכער מיין פאטער האט געדיענט, איז בעשטאנען פון ענגלענדער פון סאן פראנציסקא. עס האבען געארבייט ביי אונז פיעלע ענגלענדער און איך אלס קינד האב געלערנט אלע פערשיעדענע שפראכען, וועלכע מען האט גערעדט אויף דער אינזעל.

איך וויל אייך אביסעל בעקענען מיט דיעזע צוויא אינזלען און אייך בעשרייבען, וויא אזוי מען פאנגט אויף דיא פערל. דיעזע צוויא אינזלען — עספיריטו סאנטא און סעראללבא — ליעגען גאנץ נאהענט איינער לעבען דער אנדערער, אגאנץ יאהר וואינען אויף זיי נור אינדיאנער און זיי זיינען לעדיג און טרויעריג, צוויא מאנאטע אין יאהר אבער ווערן זיי לעבעדיג און צוואר אין יוני און יולי. דאמאלס קומען זיך צונויף אויף דיעזע אינזלען קויפלייטע, באנקירען, יובעלירער, ארבייטער און עמיגראנטען פון דער גאנצער וועלט.

דיא קאמפאני וועלכע האט דאס פריווילעגיום צו זוכען און צו פאנגען דיא פערעל מושעל אדער דיא פערל אויסטער, דינגט א געוויסע צאהל אינדיאנער אדער ווייסע טויכער, מענשען, וועלכע לאזען זיך אראפ אין וואסער און זאמלען צונויף דיא מושעל (דיא זשאבע שיסעלעך), וואו דיא פערל געפינען זיך. דיעזע טויכער בעקומען פאר דיעזע ארבייט קיין געלד, זאנדערן א טהייל פון דיא מושלען, וועלכע זייא שלעפען ארויס פון דער טיעפעניש פון מעער. זעלבסטפערשטענדליך, אז מען מוז זעהר שטרענג אכטונג געבען אויף דיא טויכער, זיי זאלען ניט בעהאלטען און ניט גנבענען דיא פערל. מען מוז דאהער האבען גוטע, טיכטיגע און עהרליכע אויפזעהר. מיין פאטער איז געוועזן אנ'אבער אויפזעהר און ווען איך בין געווארען פונפצעהן יאהר אלט, האט ער מיך געמאכט פאר אנ'אונטער אויפזעהר.

— איהר האט אונז נאך ניט געזאגט, וואו געפינט מען דען דיא פערל, זאגט איהם אונטערבראכען איינער פון דיא מאטראזען. איהר דערצעהלט אונז פון מושלען און אויסטערן און איך ווייס נאך אלץ ניט, וואו מען געפינט דיא פערעל.

— דיא פערל מושלען זיינען פונקט אזעלכע מושלען, וויא דיא אויסטערן, וועלכע מען עסט. זיי ליעגען אויפ'ן גרונד פון'ם מעער און אויף דיא שטיינער ארום דיעזע צוויא אינזלען. דיא פערל פישעריי קאמפאני האט קליינע שיפלעך, באטע. אין יעדעס באט זעצען זיך אריין פיער מענשען: צוויא רודערער און צוויא טויכער. דיא רודערער פיהרען דאס באט א געוויסע שטרעקע ווייט אין מעער. דאן בלייבען זיי שטעהן. איינער פון דיא טויכער נעהמט דאן אקארב און שפרינגט אריין אין וואסער. דער טויכער איז צוגעבונדען מיט א שטריק צום באט און א שטיין איז איהם צוגעבונדען צו דיא פיס, אום ער זאל שנעלער אראפפאלען צום גרונד. ווען ער קומט אראפ אונטען צום גרונד, הייבט ער אן צונויפצושאררען דיא מושלען אין קארב אדער אין א סארט נעץ, וועלכע ער טראגט צוגעבונדען צום גארטעל. ווען ער קלייבט אן נעצוו, אדער ווען ער האט

שוין קיין מעגליכקייט איינצושטעהן אונטערן וואסער, קלעטערט ער ארויף אויפ'ן שטריק, וועלכער איז צוגעבונדען צום באָאָט.

עס זיינען דא טויכער, וועלכע קענען אויסהאלטען דרייא ביז פיער מינוט אונטערן וואסער. ווען דער ערשטער טויכער קומט ארויף, ווארפט זיך דער אַנ־דערער טויכער אריין אין וואסער, יעדער טויכער לאזט זיך אַראָפּ אין וואסער פיערציג ביז פופציג מאל אַ טאג, איך מיין אַ פארמיטאג. ווייל געוועהנליך ארבייטעט מען נאר אין דער פריה ביז איינס אוהר.

דיא בעסטע טויכער זיינען דיא אינדיאנער פון דעם פאלק היאַקאַס, פון וועלכע איך שטאם אָפּ, מיין מוטער האט געהערט צו דיעזען פאלק, דיא היאַקאַס זיינען פארטרעפליכע שווימער, זיי זיינען אַזויא געוואוינט צום וואסער אַז זייא האבען פאר קיינעם קיין מורא נים.

— פאר וועמען זאלען זייא דען מורא האבען?

— פאר דיא האַי פיש האט דער ערצעהלער געענטפערט. מיינט איהר דען, אַז אין שטילען מעער אַרום קאליפארניען זיינען גאר ניטא קיין האַי פיש? דיא האַי פיש דערשמעקען, וואו עס קומען צונויף מענשען, און זיי פערזאמלען זיך אַרום דיעזע אינזלען אין גרויסע מענגען, וועה דעם טויכער, וועלכער וויים נים, וויא זיך צו וועהרען געגען אַ האַי פיש!

— וויא אַזוי קען מען זיך וועהרען געגען אַזא געפערליכען פיינד? האט אַ דריטער געפרעגט.

— מיט דער עסטאקא.

— וואס איז אַזעלכעס דיא עסטאקא?

— אין דיא וועלדער פון קאליפארניען וואקסט אַ בוים, וועלכער האט זעהר אַ שטארקען האלץ. מען רופט עס דאס אייזענהאלץ, ווייל עס איז שווער און שטארק וויא אייזען. דער אינדיאנער ברעכט אָפּ אַ דינעם צווייג פון דיעזען בוים, פערשניצט איהם פון ביידע עקען און מאכט פון ביידע עקען צווייא שארפע שפי־צען. אום דיעזע שפיצען זאלען זיך נים אַזוי לייכט אָפּברעכען, פערהאַ־טעוועט ער זיי ביים פייער. דיעזעס שטיקעל האלץ אָדער דיעזעס שטעקעלע הייסט עסטאקא. איהר האט שוין גענוג געהאט געלעגענהייט צו זעהען, וויא דער האַי פיש ווארפט זיך אַרויף אויף אַ מענשען. ער מוז זיך דאן איבער־קעהרען אויפ'ן רוקען און עפענען דאס מויל. דיא אינדיאנער בענוצען דיא סעקונ־דע, ווען דער האַי פיש עפענט אויף זיין גרויסען מויל און שטעקען אים דאן אַריין דיא עסטאקא אין גומען און אין צונג. דיא היאַקאַס אינדיאנער זיינען אַזוי גע־שיקט אין וואסער, אַז זיי שפיעלען זיך מיט'ן האַי פיש, רייצען זיך מיט איהם און רופען איהם אַרויס, ער זאל זיי אָנפאלען, קוים אָבער עפענט דער האַי פיש זיין מויל שטעקט דער אינדיאנער איהם אַריין דיא עסטאקא אין מויל מיט זיין גאנצער קראפט, אַז דער האַי פיש הייבט אָן צו שפרינגען און זיך צו ווארפען פאר שמערץ מען קען דאמאלס זעהר לייכט פאנגען דעם האַי פיש, עס איז אָבער

נים נעטהיג. ער קען ניט לעבען מיט דער עסטאַקאַ אין מויל. ער מוז קרעפּירען

עס געפינט זיך אבער אין מעער נאָך א שרעקליכערער פיינד אלס דער
האַי פיש. דאס איז דיא טינאַרערא, דאס איז אויך א סארט האַי פיש, אבער
פיעל גרעסער, שטאַרקער און ווילדער אלס דער געוועהנליכער האַי פיש. ווען דער
שטאַרקסטער און געשיקסטער אינדיאנער, וועלכער שפּיעלט זיך מיט א האַי פיש,
רייצט זיך מיט איהם און טייטעט איהם מיט דער עסטאַקאַ, וויא א יעגער טיי־
טעט א האָז; ווען אזא אינדיאנער דערזעהט דיא טינטאַרערא, הייבט ער אן צו
ציטערן און וועט זיך פאר קיין פאל ניט אריינוואַרפען אין וואסער. דיא טינטאַ־
רערא שווימט קיין מאל ניט אליין. עס שווימען בעשטענדיג א פּאר, אן „ער"
און א „זיא". עס זיינען שוין פארגעקומען פעלע, ווען מען האט געמוזט זיך אפּזאַ־
גען פון דיא פּערל אויף א יאהר אדער צווייא נור דערפאר, ווייל א פּאר טינטאַ־
רעראס האבען זיך בעזעצט אין דער געגענד. צום גליק פאר דיא פּערל פישער,
קומט דיא טינטאַרערא פאר זעהר זעלטען, אבער וואו זיא קומט פאר, איז זיא
געפעהרליך.

— דערצעהלט אונז בעסער, וויא אזוי מען בעקומט דיא פּערל! — האט
אויסגערופען איינער פון דיא מאַטראָזען.

— ווארט, איך וועל אייך שוין אלעס דערצעהלען. — אלזא אויף יעדעס
באָאט געפינען זיך צווייא טויכער. ווען איינער קומט ארויף מיט זיין קאָרב אדער
מיט זיין נעץ פול מיט פּערל מושעלן, לאָזט זיך דער אנדערער טויכער אראָפּ.
דער ערשטער לעדיגט דערוויל אויס זיין קארב אין באָאָט און רוהט זיך אפּ
ווען דער צווייטער קומט ארויף, לאָזט זיך דער ערשטער אראָפּ. אזוי ארבייט מען
פון 6 אוהר אין דער פריה ביז איינס אוהר נאָך מיטאָג. דאן פאהרט מען צו
צום ברעג און מען שיט אויס דיא מושעלן אויף איין ארט. יעדער סעט מענשען,
דאס הייסט יעדעס באָאט מיט זיינע צווייא רודערער און צווייא טויכער האט א
בעזונדערן פּלאַץ, וואו זיי שיטען אויס זייערע מושעלן. יעדען אבענד הייבט מען
אן צו טהיילען. ניין מושעלן געהערן צו דער קאָמפּאַני און דער צעהנטער געהערט
צו דיא טויכער. דיא רודערער ווערן בעצאהלט, וויא געוועהנליכע מאַטראָזען פער
מאָנאַט.

דער אויפזעהר גיט אכטונג, אז מען זאל ריכטיג איינטהיילען. מען מאַכט
צווייא הויפענס. איין הויפען, דער גרעסערער, געהערט צו דער קאָמפּאַני און דער
אנדערער, דער קלליינער, געהערט צו דיא טויכער.

דיא מושעלן ליעגען אזוי צווייא—דרייא טעג אויף דער זון, ביז זיי הייבען
אן צו פוילען און זיי עפענען זיך. דאן ווארפט מען זיי אריין אין גרויסע ניעדרי־
גע פעסער און מען הייבט זיי אן צו וואַשען. דיא פארפוילטע מושעלן גיבען דאן
ארויס זעהר גיט קיין שעהנעם ריח. אן אייראָפּעער קען דערביי ניט איינשטעהן.
אדער ער מוז זיך פערשטעקען דיא נאָז און דאס מויל. דיא אינדיאנער אבער
זיינען שוין דערצו געוואוינט. ווען מען וואַשט זיי גוט אויס, נעהמט מען ארויס

יעדע מושעל בעזונדער, מען עפענט זיא און מען זעהט, אויב עס געפינט זיך אין איהר א פערל. נימט אין אלע מושעלן געפינען זיך פערל. פיעלע זיינען גאנץ לעדדיג. אין אייניגע געפינען זיך גאנץ קליינע פערלעך, וועלכע האלטען ערשט איז וואקסען. נור זעלטען געפינט מען גרויסע און שעהנע פערל, וואס האבען א גרויסען ווערטה. דיא פערל, וועלכע קומען פון אסט אינדיען זיינען געוועהנליך ווייס. דיא אמעריקאנער פערל זיינען גרוי און עטוואס בלויליך. דיא גאנץ גרויסע זיינען פון א שווארץ־וויאלעטער פארב, וועלכע נעהט איבער אין רעגען בויגען פארבען.

דער טויכער האט דאס רעכט צו פערקויפען דיא פערל, וועלכע ער געפינט אין זיין טהייל מושלען, צו דער קאמפאני אדער צו פרעמדע קויפלייטע, וועלכע קומען אומיסטען צו פאהרען אויף דיא אינזלען אין דער צייט פון׳ם פערלפאנג אדער פערלפישעריי, וויא מען רופט עס.

דיא מושלען בלייבען ליעגען אויף דער אינזעל און מען איז אמאל געוועזן צופריעדען, ווען איינער פלעגט זיי צונעהמען. יעצט אבער קומען שיפען און קויפען זיי אפ. פון דיעזע מושעלען מאכט מען דאס שעהנע פערלמוטער, פון וועלכע מען מאכט קנעפ און אנדערע זאכען.

אנפאנג אויגוסט ענדיגט זיך דיא פערלפישעריי און אלע צופאהרען זיך פון דיעזע אינזלען. עס בלייבען אויף זיי נור עטליכע אינדיאנער פאמיליען, וועלכע וואינען דא בעשטענדיג.

זייט אייניגער צייט האט זיך בעזעצט אויף דער אינזעל עספעריטו סאנטא א שפאניער פון מעקסיקא ער פלעגט אויפקויפען דיא פערל ביי דיא טויכער. ער פלעגט אבער זיי ניט אוועקפיהרען קיין סאן פראציסקא אדער קיין מעקסיקא אום זיי צו פערקויפען. ער פלעגט זעלטען ריידען מיט אונזערע מענשען און פלעגט זיך זעלטען ווייזען צווישען דיא טויכער. מיר האבען געוואוסט, אז צו איהם פלעגען אפט קומען פרעמדע מענשען, פלעגען אריינקומען צו איהם אין שטיבעלע און פלעגען זיך פערשליעסען מיט איהם אויף שטונדען לאנג.

מיר זיינען אלע געווען נייגעריג צו וויסען, ווער ער איז און פאר וואס ער וואינט אויף אזא פעווארפענער אינזעל. עס איז אבער געווען אונמעגליך עס געוואהר צו ווערען. אייניגע האבען געזאגט, אז ער איז געווען ביז אהער א פיראט, א מעער רויבער, וועלכער האט ענדליך אוועקגעווארפען זיין האנדווערק און האט זיך בעזעצט אויף דיעזער קליינער אינזעל. אנדערע האבען געזאגט, אז ער האט בעגאנגען א פערברעכען אין מעקסיקא און מען האט איהם דארט פעראורטהיילט צום טויט. ער איז אבער אנטלאפען און האט זיך בעזעצט אויף דיעזער אינזעל, וועלכער געהערט צו דיא פעראייניגטע שטאאטען. וויעדער אנדערע האבען געזאגט, אז ער איז א פאליטישער פערברעכער. קורץ, קיינער האט ניט געוואוסט גענוי, ווער ער איז און וואס ער איז. מען האט נור געוואוסט, אז ער הייסט סיניאר קאסטיללייא.

איך פלעג פערדיענען פיעל געלד און פלעג עס אויסגעבען אין דיא גרויסע

שטעדט אין קאליפארניען אדער אין מעקסיקא. אזוי וויא איך פלעג זיין בעשעפטיגט נור צוויא־דרייא מאנאטען אין יאהר, פלעג איך דאס גאנצע יאהר ארומלויפען אין דיא גרויסע שטעדט און פלעג לעבען א גוטען טאג. זייט סעניאר קאסטילא האט זיך בעזעצט אויף דעם אינזעל עספעריטו סאנטאן בין איך געווארען א גאנץ אנדער מענש. דיא אורזאכע דערפון איז געווען סעניאר קאסטילליא'ס טאכטער.

איך האב פערגעסען אייך צוא דערציילען, אז סעניאר קאסטיללינא האט געהאט מיט זיך א טאכטער, א יונגעס מעדכען פון א יאהר זיבעצעהן, א בערימטע שעגהייט, ווער עס האט זיא נור דערזעהן, דער האט געמוזט זיך פערליבען אין איהר, איך בין אלט געווען אכצעהן יאהר, ווען איך האב זיא דערזעהן צום ערשטען מאל און האב זיך באלד פערליבט אין איהר מיט'ן גאנצען פייער פון מיין שפאנישען און אינדיעשען כאראקטער.

לײדער בין איך ניט געווען דער איינציגער, וועלכער האט זיך פערליעבט אין דער שעהנער שפאניער'ן דאניא עספעראנצא, — אזוי האט געהייסען סעניאר קאסטילאס טאכטער. אויף דער צווייטער אינזעל סעראלבא האט זיך געפונען אן אויפזעהר א יונגער ענגלענדער מיט'ן נאמען ריטשארד. אזוי ווי ביידע אינזלען זיינען ווייט איינער פון דער אנדערער נור א פאר ענגלישע מייל אשטרעקע, וועלכע מען קען דורכפאהרען אין אפיערטעל שטונדע אויף אלייכטעס שיפעלע, און ריטשארד איז געווען אגוטער מאטראז, פלעגט ער זעהן דיא שעהנע עספעראנצא און האט זיך פערליעבט אין איהר, וויא איך.

ווען איך פלעג זיין פריי פון דער ארבייט, פלעג איך זוכען אגעלעגענהייט צוא זעהן די שעהנע עספעראנצא, צו רעדען מיט איהר און צו טאהן עטוואס פאר איהר אדער פאר איהר פאטער. דאס איז מיר ענדליך געלונגען און איך האב ענדליך געקענט קומען אין איהר פאטערס שטיבעלע, ווען איך האב געוואלט, דער ענגלענדער האט אבער אויך געטאהן דאס זעלבע און איז אויך געווארען אן אפטער גאסט ביי איהר פאטער. זייט איך בין געוואר געווארען, אז דער ענגלענדער ליעבט אויך דאס שעהנע מעדכען, פלעג איך איהם אויסמיידען. דיא שעהנע עספעראנצא האט זעהער גוט געוואוסט, אז מיר ביידע זיינען פערליעבט אין איהר און זיא פלעגט זיך געבען אלע מעגליכע מיה, אז מיר ביידע זאלען זיך ניט בעגעגענען אין איהר פאטערס הויז. עס פלעגט שטענדיג אויסקומען, אז ווען דער ענגלענדער פלעגט קומען צו איהר אויף אבעזוך, פלעג איך דארט ניט זיין. ווען איך פלעג קומען צו איהר אויף א בעזוך, פלעג איך דעם ענגלענדער ניט טרעפען. מיר פלעגען זיך אבער בעגעגענען אויפ'ן וועג, פלעגען זיך בעגריסע־ מיט דער האנד, אבער ניט רעדען קיין ווארט, און פלעגען זיך צוא געהן אין פערשיעדענע זייטען.

וועמען האט דיא שעהנע עספעראנצא געליעבט? מיך אדער דעם ענגלענדער? דאס איז געווען שווער צו זאגען. זיא איז געווען פריינדליך געגען אונז ביי־

רען, פלעגט אפער זיך בענעהמען מיט אזא טאקט און מיט אזא שטאלץ, אז מיר פלעגעןביידע פיהלען, אז מיר זיינען נאך זעהר ווייט פון אונזער ציעל.

אזוי איז פערגאנגען דער זומער, מיין פאטער איז געוואהר געווארען, אז איך בין פערליעבט אין דער שעהנער עספעראנצא און איז געווארען פינסטער, ווי די נאכט, ער האט פיינט געהאט איהר פאטער. — פאר וואס? דאס האט ער מיר ניט געזאגט און איך האב איהם ניט געפרעגט. קוים האבען זיך געענ־דיגט די ארבייטען אויף די אינזעל, האט מיך מיין פאטער מיטגענומען קיין גווארמאס אין מעקסיקא און מיר האבען דארט פערבראכט דעם ווינטער.

דעם אנדערן זומער זיינען מיר ווידער געפאהרען אויף די אינזלען צו אונזער ארבייט. דער ענגלענדער איז געקומען פריהער פון אונז. ווען איך בין געקומען אויף די אינזלען, האב איך איהם שוין געטראפען דארט. מיר האבען זיך גענומען צו דער ארבייט, איך בין געווען יעצט נאך מעהר פערליע ו וויא פריהער און פלעג זוכען אלע מעגליכע מיטעל מיך צו זעהן מיט מיין געליעבטער עספעראנצא. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס מאל ליעבט זיא מיך בעסער וויא דעם ענגלענדער. זיא פלעגט אפט רעדען מיט מיר פון איהר פאטער און פלעגט מיר זאגען, אז מען פערליימדעט (מען זאגט רכילות) איהר פאטער. מען זאגט, אז ער איז א פערברעכער, דאס איז א ליגען. ער איז קיין פערברעכער. ער געפינט זיך אבער אין א גרויסער געפאהר. דערביי האט זיא מיך געבעטען, איך זאל מיך צו קוקען צו יעדען פרעמדען מענשען, וועלכער וועט קומען אויף די אינזלען. קוים וועט מיר איינער ניט געפעלען, זאל איך איהר גלייך מעלדען.

איך מוז אייך נאך זאגען, אז אין דער צייט פון די פערלפישערייען פלעגט מיין פאטער זיין דער עלטסטער אויףביידע אינזלען. ער איז געווען אן ארט פאליצמייסטער און ער האט גע ואוסט עס אזוי צו מאכען, אז מען האט פאר איהם מורא געהאט. ער האט צוואר ניט געהאט קיין פאליסלייט ביי זיך, אבער ער האט געהאט עטליכע שטארקע אינדיאנער, די פערוואנדטע פון מיין מוטער, וועלכע פלעגען איהם פאנגען און פלעגען טאהן אלעס, וואס ער פלעגט זא הייסען. דאס איז געווען די פאליציי פון ביידע א נזלען און מיין פאטער פלעגט אפט מוזען זיין א ריכטער, ווען עס פלעגט פארקומען א שטרייט צווישען די קויפ־לייטע און די טויכער.

איין מאל האט דער ענגלענדער אפגעקויפט ביי איינעם פון די טויכער זיין טהייל מושעלן. ווען ער האט אנגעהויבען זא צו וואשען, האט ער געפונען אין איין מושעל א שעהנע, גרויסע שווארצע פערל. זייט די מענשען האבען אנ־געהויבען צו זוכען פערל אויף דיעזע אינזלען, האט מען נאך אזא גרויסע און אזא שעהנע פערל ניט געפונען. די פערל איז ווערטה געווען פיעל געלד און פיעלע קויפלייטע האבען געוואלט זיא אפקויפען ביים ענגלענדער. ער האט אבער אויף יין פאל ניט געוואלט פערקויפען די זעלטענע שווארצע פערל.

איהר קענט אייך לייכט פארשטעלען מיין שמערץ און מיין פערדרוס, ווען

איך בין מיט עטליכע טעג שפעטער געקומען צו מיין געליעבטע, און האב דער זעהן דיא גרויסע, שעהנע זעלטענע הערץ איינגעפאסט אין גאלד און הענגען אויף א זילבערנעם קייטעלע אויף איהר האלז. דער ענגלענדער האט זיא געלאזען איינפאסען אין גאלד און האט זיא געשענקט דער שעהנער עספעראנצא. איך בין געווען ערניעדעריגט און בעשעהמט. איך האב געטאהן פיעלע זאכען פאר מיין געליעבטער און איהר פאטער, עס איז מיר אבער קיין מאל ניט איינגעפאלען צו מאכען איהר א פרעזענט. אויסער דעם וואס פאר א פרעזענט וואלט איך איהר יעצט געקענט מאכען, ווען דער ענגלענדער האט איהר געשיקט א פערל, וועלכע איז ווערטה געווען פינף הונדערט דאללער?

איך בין אוועק געגאנגען פון איהר בעשעהמט און ערנידעריגט. מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז זיא האט אומיסטען געטראגען דיא זעלטענע פערל אויפ'ן האלז אום צו ווייזען, אז דער ענגלענדער איז פיינער פון מיר.

דערביי האט זיך געטראָפען נאך א אונגליק אויף אונזער אינזעל. עס האט זיך געוויעזען א טינטארערא, ריכטיגער געזאָגט, אפאָר טינטאָרעראס, ווייל דיא טינטאָרערא שווימט קיין מאל ניט אליין. אזוי וויא איך בין געווען אן אויפזעהר און מיין פאטער איז געווען דער עלסטער אויפזעהר אויףביידע אינזלען, האט ער געמוזט זוכען א מיטעל, וויא צו פערטרייבען דיא טינטאָרעראס.

— דוא פוילער יונגע! האט ער מיר געזאגט, דוא לויפסט ארום אויף דער אינזעל און טהוסט גאָר ניט. דוא האסט נור אין זינען דער שעהנע דאָניא איי פערגעסט אז ווען מיר וועלען ניט פערטרייבען דיא טינטארערא, וועלען מיר היינטיגעס יאהר ניט פערדיענען מיט וואָס צו לעבען.

עס איז שוין געווען שפעט. דיא זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן, ווען איך חאב מיך אריינגעזעצט אין מיין שיפעלע און בין געפאהרען פון דער אינזעל עספעריטו סאנטא אויף דיא אינזעל סעראלנדאָ, אין דער מיט וועג האב איך בעגעגענט דעם ענגלענדער. ער איז זיך געזעסען גאַנץ מוטהיג און פרעהליך א זיין שיפעלע און האט מיך זאגאָר ניט בעגריעסט. ער איז געווען זיכער, אז דיא שעהנע עספעראנצא ליעבט איהם בעסער פון מיך. איך האב אציטער געטאהן ווען איך האב איהם דערזעהן און האב געוואלט אויפשפרינגען אין מיין שיפעלע. אין דיעזע מינוט אבער האב איך אקוק געטאהן אין מעער און האב דערזעהן פיער גרויסע אויגען קוקען אויף מיר. דאס זיינען געווען דיא טינטאָרעראס.

דער טאג איז געווען א בעזאנדערס הויסער. דיא לופט איז געווען שטיקענד. עס איז געווען רייטליך, אז עס וועט באלד אויסברעכען אשטום. דיא טינטארערא איז אזעהר מערקווירדיגע פיש. דאס וועטער ווירקט אויף איהר. און דער צייט פון אשטורם איז דיא טינטעראָרא שרעקליך. זיא צורייסט און פרעסט דאמאלס אויף אלעס, וואס זיא געפינט אין מעער. פון איהר גרויסען מויל הויבט זיך אן צו גיעסען א קלעפעריגע, געדיכטע שפייעכץ, וועלכע בעדעקט איהר גאנצען קערפער. דיעזע שפייעכץ לייכטעט אין דער פינסטער מיט א בעזאנדערע

ליכטיגקייט, וועלכע עס איז ניט לייכט צו בעשרייבען. עס איז דיא ליכטיגקייט פון פאָספאָר, פון א פעקעלע שוועבעלעך, וועלכע מען דעקט אפ ביי נאכט אין אפינסטער צימער.

בעזאנדערס שטארק לייכטעט דיא טינטארערא אין דער צייט, ווען דער הימעל איז בעדעקט מיט שווארצע וואלקען און עס דונערט און עס בליצט. דאַמאלס איז דיא טינטאָרערא שרעקליך אן צו זעהן, דער פאר אבער איז דאמאלס ניט שווער זיא צו פאנגען. מיא נעמט דאמאלס אשטיק פלייש, שטעכט עס אן אויף אשארפען אייזערנעם הוק, וועלכער איז צוגעבונדען צו אלאנגער קייט. דיא קייט איז בעפעסטיגט צו אקליין שיפעל, אויף וועלכען עס זיצען קיין מענש. דאן זכט מען אוים דיא טינטארערא און מען ווארפט אראָפ דעם הוק מיט'ן פלייש אין וואסער. דיא טינטאָרערא פערשלינגט עס און ווערט דערווארגען, אדער זיא אנטלויפט פון יענער געגענד.

איך בין צו נעפאהרען אהיים און האב געוואלט זאגען מיין פאטער, אז איך האב שוין געזעהן דיא טינטאָרערא און וועל שוין זעהן זיא צו פאנגען. ווי ערשטוינט אבער בין איך געווארען, ווען איך האב דערזעהן גאנץ פרעמדע מענשען אויף דער אינזעל און צוואר מעקסיקאנישע סאלדאטען. איך האב געזעהן, ווי זיי האבען צונויפגעשלעפט אלע באַטע און שיפלעך פון דער אינזעל. קוים האב איך צייט געהאט זיך אומצוקוקען, האב איך דערזעהן, אז מען ברענגט צו מיין שיפעל, אין וועלכען איך בין נור וואס געקומען צו פאהרען.

— וואס איז דאס? — האב איך געפרעגט. — פאר וואס נעהמט איהר צו מיין שיפעל.

— מיר ווייסען נים. פרעגט אייער פאטער,— האט מען מיך געענטפערט.

איך האב געוואוסט, אז מיין פאטער איז אויף מיר בייז און וועט מיר נים ענטפערן. איך האב דאך אבער געוואלט וויסען, וואס דא טהוט זיך און ווי עס קומען אהער מעקסיקאנישע סאלדאטען. איך האב פראבירט דאס אלטע, אבער שטענדיג זיכערע מיטעל. שנאפס. איך האב אריינגערופען דעם אונטער אפיציער פון דיא מעקסיקאנישע סאלדאטען אין מיין צימער און האב אנגעהויבען איהם צו טראקטירען מיט שנאפס. ביים פינפטען גלעזעל האט ער מיר דערצעהלט אלעס.

מיין פאטער האט אויסגעפארשט, ווער סעניאר קאסטיליא איז און האט עס געשיקט מעלדען דער מעקסיקאנישער רעגיערונג. צוואר געהערן דיעזע אינזלען צו דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אבער צווישען מעקסיקא און דיא פעראייניגטע שטאאטען איז דיא גרענעץ אזוי אונבעשטימט, אז נור אויף פאפיער קען מען וויסען, וואו דיעזע גרענעץ געפינט זיך. דיא מעקסיקאנישע רעגיערונג האט געשיקט אן אונטער אפיציער מיט עטליכע סאלדאטען, זיי זאלען ארעסטירען סעניאר קאסטיליא, זאלען איהם שמידען אין קייטען און זאלען איהם ברענגען קיין מעקסיקא.

מיך וואלט זעהר ווייניג געקימערט, וואס מען וועט ארעסטירען רעם סעניאר, ווען ער זאל ניט געווען זיין דער פאטער פון מיין געליעבטער עספע־ראנצא, וועלכע האט מיר שוין פריהער געזאגט, אז איהר פא[illegible] געפינט זיך אין א געפאהר. — אלזא, מען מוז עס איהר מעלדען. מען מוז זיא ווארענען. — איך מוז עס מאהן. איך מוז איהר בעווייזען, אז איך בין געטרייער פון א ענגלענדער ער האט איהר געשענקט א זעלטענע פעריל. איך אבער וועל רעטען דיא עהרע און דאס לעבען פון איהר פאטער. איך מוז עס איהר ווייזען! לאז זיא וויסען, אז דיא וואהרע ליעבע איז טהייערער פון גאלד און פעריל.

איך מוז אלזא אריבערפאהרען קיין עספעריטו סאנטא און עס מעלדען מיין געליעבטער. ווייא קומט מען אבער אהין? דיא סאלדאטען האבען צוגענומען אלע שיפלעך. איך האב זעהר גוט פערשטאנען, אז דיא סאלדאטען זיינען אנ־געקומען איידער דער ענגלענדער איז אוועקגעפאהרען צו איהר. ווען זיי וואלטען אנגעקומען פריהער, וואלט מען איהם ניט געלאזט פאהרען. ער וויים געוויס ניט וואס דארט טהוט זיך. ער וועט געוויס איהר גאר ניט זאגען. ער קען איהר גאר ניט זאגען, ווייל ער וויים גאר ניט. איך מוז דאהער פאהרען און איהר ווייזען, אז איך בין איהר געטרייער, וויא דער נאררישער ענגלענדער. וויא אזוי קומט מען אבער צו איהר? מען האט דאך צוגענומען אלע שיפלעך?

א פערליעבטער געפינט שטענדיג א מיטעל, וויא צו זעהן זיין געליעבטע. איך האב באלד אויך אויסגעפונען א מיטעל. איך האב מיך בעשלאסען צו ווארטען אויפ'ן ברעג, ביז דער ענגלענדער וועט צוריק קומען און וועל דאן געהמען זיין באאט. צוואר זיינען מירביידע געווען ריוואלען (ווען צווייא מענשען ליעבען איין פרוי, הייסען זיי ריוואלען). אבער מיר האבען זיך קיין מאל ניט געקריעגט. מיר זיינען געווען גוטע פריינד פון דער ווייטען.

איך האב דאהער געבעטען דעם אונטער אפיציער, ער זא[illegible] עהן אויסשטע־לען זיינע וואכען און איך האב מיך פארבערייטעט צו פאהרען קיין עקספעריטו סאנטא. איך האב מיטגענומען מיט מיר א שארפען, לאנגען מעסער, דעם אמע־ריקאנער „באאו נייף" און דיא עסטאקא. אהן דער עסטאקא האב איך מורא געהאט צו פאהרען ביי נאכט, ווען עס געפינט זיך ארום אונזערע אינזלען א טינ־טארערא.

דאס וואס מיין פאטער האט ניט געוואלט ארעסטירען עספעראנצא'ס פא־טער ביי נאכט, וויים איך ניט. איך בין אבער געוואהר געווארען, אז מען וועט איהם ארעסטירען ערשט מארגען אין דערפריא. איך מוז אלזא בענוצען דיא צייט ביז מארגען.

אונטערדעסען איז געווארען שטארק פינסטער. דער הימעל האט זיך בע־דעקט מיט שווערע, שווארצע וואלקענס. ערגעץ ווייט, ווייט האבען זיך געוויע־

זען בליצען. איך האב גוט געוואוסט, אז באלד וועט אויסברעכען א שרעקליכער שטורם.

איך האב ניט געקענט זיך שטעלען אויפ'ן ברעג, וואו דיא שיפלעך פלעגען געוועהנליך צוקומען. דארט זיינען געשטאנען מעקסיקאנישע סאלדאטען און האבען בעוואכט דעם ברעג. איך האב דאהער מורא געהאט, אז קוים וועלען זיי דערזעהן דעם ענגלענדער, ווען ער וועט צוריק קומען מיט זיין שיפעל און וועלען ביי איהם צונעהמען דאס שיפעל, דאן וועל איך שוין ניט זיין אים שטאנד צו ווארענען עספעראנצא'ס פאטער. וואס טהוט מען אלזא?

איך האב א לאנגע צייט געטראכט און האב ענדליך געפונען א מיטעל. אין איין ארט איז א גרויסער שטיין ארויסגעגאנגען איבערן מעער. מען פלעגט איהם רופען דער טייפעלס שטיין, ווייל עס איז געווען זעהר געפעהרליך צו איהם צו צוקומען. איך בין ארויפגעקלעטערט אויף דיעזען שטיין און האב אנגעהויבען צו קוקען אויפ'ן מעער, פיעלייכט וועל איך דערזעהן דעם ענגלענדער און זיין שיפעל.

דער דונער איז געווארען אלע מאל שטארקער, דיא בליצען זיינען געווארען העלער און שרעקליכער. דאס מעער האט גערוישט און געקאכט. עס האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד. עס איז פערגאנגען א געראומע צייט און איך האב נאך נישט געזעהן. פלוצלונג האט א שטארקער בליץ בעלייכטעט דעם גאנצען הימעל און איך האב דערזעהן דעם ענגלענדער זיצען אין זיין שיפעל און ארבייטען מיט אלע קרעפטען, ער זאל צוקומען צום ברעג.

— הערר ריטשארד! האב איך אויסגערופען, הערר ריטשארד, קומט אהער!

— ווער איז עס? ווער רופט עס מיך?

— איך בין עס, יאן ראקוניא, דעם עלטסטען אויפזעהערס זוהן.

— איהר? וואס דארפט איהר?

— איך האב צו אייך א ביטטע.

— איהר האט א ביטע צו מיר? האט דער ענגלענדער געפרעגט ערשטוינט. — איהר? יעצט? ביי נאכט? אין אזא שטורם?

— גיט מיר אייער שיפעל, הערר ריטשארד? האב איך געבעטען, איך דארף עס האבען זעהר נעטהיג.

— איהר האט דאך אייער אייגענעס באאט, צו וואס דארפט איהר מיין באאט?

— אום גאטעס ווילען, הערר ריטשארד! גיט מיר אייער באאט! רעדט ניט פיעל. איהר וועט באלד אלעס געוואהר ווערן.

ער איז אונטערדעסען צוגעקומען נעהנטער צום ברעג, האט אפגעלאזען דעם רודער און האט געזאגט:

— עפעס איז דא ניט גלאט. איך קען אייך ניט געבען מיין באאט, ביז איך וועל ניט וויסען, צו וואס איהר דארפט איהם.

איך האב מיר געביסען דיא ליפען פאר שמערץ און פערדרוס.

— ליעבט איהר פריילין עספעראנצא קאסטיללא? האב איך געפרעגט דאן גיט מיר אייער שיפעלע. — עס דראהעט איהר א געפאהר. — עס זיינע אנגעקומען מעקסיקאנישע סאלדאטען אויף דער אינזעל.

— איז עס וואהר? נאררט איהר מיך ניט אפ? האט דער ענגלענדער גע־פרעגט.

— איך שווער אייך ביי אלע הייליגע אויפין הימעל און אויף דער ערד, אז עס איז וואהר!

— דאן מוז איך זיך אומקעהרן און ווארענען מיין טהייערע עספעראנצא! האט דער ענגלענדער געזאגט רוהיג און האט אנגעהויבען אויסצודרעהן זיין באָאט.

איך בין אויפגעשפרונגען פאר שמערץ, פערדרוס און פערצווייפלונג. איך בין געווארען וואהנזיניג, האב געהאפט אגרויסען שטיין און האב איהם א ווארף געטאהן מיט מיין גאנצער מאכט אויף דעם ענגלענדערס באָאט. דער גרויסער און שווערער שטיין האט געטראָפען דיא דינע ווענטלעך פון׳ם לייכטען באָאט און האט זיי צובראָכען. דאס באאט איז פול געווארען מיט וואסער און האט אנגעהויבען אונטער צו געהן.

— מערדער! האט דער ענגלענדער אויסגערופען. — מערדער! דאס האסט דוא אלזא געוואָלט! דיא האסט געוואלט מיך טייטען. דוא האסט אבער א טעות געהאט. איך קען בעסער שווימען פון דיר.

ער איז ווירקליך געווען א פארטרעפליכער שווימער. קוים האט ער גע־זעהן, אז זיין באאט געהט אונטער, האט ער עס אפגעשטויסען פון זיך און האט אנגעהויבען צו שווימען.

— גיט מיר אייער האנד, הערר ריטשארד! האב איך אויסגערופען, איך בין קיין מערדער! איך שווער אייך ביי מיין עהרע, אז איך האב ניט געוואלט אייך טויטען.

איך האב מיך אניעדער געלעגט אויפ׳ן שטיין און האב איהם אויסגעשט־טרעקט דיא האנד. ער האט זיא אנגעהאפט, און איך האב איהם ארויסגעשט־לעפט צו מיר אויפ׳ן שטיין.

איינינע מינוטען האבען מיר ביידע געשוויגען. מיר זיינען ביידע געוועזן זעהר אויפגערעגט און האבען ניט געקענט רעדען א ווארט. ענדליך איז דער ענג־לענדער אביסעל געקומען צו זיך און האט מיך געפרעגט:

— וואס זאל דאס הייסען, סעניאר? איהר לויערט אויף מיר, ווילט מיך אריינווארפען אין מעער און דער נאך ניט איהר מיר אייער האנד און שלעפט מיך ארויס פון וואסער? איך פערשטעה אייך ניט. פאר וואס האט איהר מיך ניט געטייטעט?

— איך בין קיין מערדער, סעניאר ריטשארד, איך האב אייך ניט געוואלט

טויטען, האב איך געעטפערט. מיר ליעבעןביידע איין מעדכען. הייראטהען קען דא נור איינער פון אונז. אלזא איינער פון אונז מוז פערשווינדען. לאָמיר זיך שלאגען אויף א דועל.

— א דועל? — איך בין צופריעדען! פאר וואס האט איהר צובראָכען מיין באָאט? האט איהר דען ניט געקענט מיך טרעפען אין אנ׳אנדערע צייט?

— איהר פערשטעהט מיך ניט, הערר ריטשארד, איך מיין ניט, אז מיר זאלען זיך שיעסען אויף א דועל. איך מיין, מיר זאלען ביידע פראבירען אונזער קראפט און אונזערע געשיקטליכקייט.

— איך פערשטעה איך ניט! — האט דער ענגלענדער אויסגערופען. — ערקלערט אייך, וואס מיינט איהר דער מיט?

— הערט מיך אויס אויפמערקזאם. זייט איינעגע שטונדען געפינען זיך דיא מעקסיקאנישע סאלדאטען אויף דער אינזעל סעררא־לבא. מארגען גאנץ פריה וועלען זיי אריבער פאהרען אויף דיא אינזעל עספעריטו סאנטא און וועלען ארעס־טירען דעם סעניאר קאסטיליא.

— אלזא איז עס וואהר, וואס איהר האט מיר געזאגט?

— איך זאג אייך קיין ליגען און האב קיין מאל קיין ליגען ניט געזאגט, — האב איך געענטפערט, — איך וויים ניט, אויב איך בין א גוטער מענש אדער א שלעכטער, אבער א ליגנער בין איך ניט.

— דאן אום גאטעס וויללען! לאָמיר לויפען איהם רעטען! איהם ווארענען!

— דיא סאלדאטען האבען צוגענומען אלע שיפלעך פון דער אינזעל. אייער באָאט איז געווען דאס איינציגע, דאס לעצטע, וועלכעס מען האט געקענט גע־ברויכען.

— אונגליקליכער! — האט דער ענגלענדער אויסגערופען — פאר וואס האט איהר עס דען צובראכען?

— וויל איך האב ניט געוואלט, אז איהר זאלט זיין דער ערשטער און דער איינציגער, וועלכער זאל טאהן אזא גרויסע געפעלינקייט דער פריילין עספעראנצא.

— אבער דאן איז זיא דאך פערלארען! — האט דער ענגלענדער גע־שריען אויסער זיך. איהר ווייסט גאר ניט, ווער סעניאר קאסטיליא איז! קוים ארעסטירט מען איהם, וועט מען איהם שיעסען!

— עס איז וואהר, אז איך וויים ניט גענוי, ווער ער איז, — האב איך געענט־פערט, איך האב אבער געוואוסט, אז ער איז אנטלאפען פון מעקסיקא. דער פאר מוזען מיר ביידע טאהן אלעס, וואס מיר קענען אום איהם צו רעטען און צו זעהן, אז פריילין עספעראנצא זאל ניט ווערען קיין וו... (יתומה).

— וויא קענען מיר איהם רעטען, ווען מיר האבען קיין באָאט, אויף וועל־כען אריבער צו פאהרען אויף דיא אינזעל עספעריטו סאנטא? — האט דער ענגלענדער אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע.

— דאס איז דער דועל, וועלכען איך וויל אייך פארשלאגען.

דער ענגלענדער האב מיך אנגעקוקט ערשטוינט און איבערראשט. איינעגע מינוטען האט ער געשוויגען. פלוצלונג האט ער אויסגערופען:

— גוט! לאָמיך הערען, וואס איהר ווילט!

— הערט מיך אויס אויפמערקזאם, — האב איך דאן געזאגט. מיר קענען ביידע גוט שווימען. מיר זיינען ביידע אימשטאַנד אריבערצושווימען פון דער אינזעל סעראַללבאַ אויף דיא אינזעל עספעריט, סאַנטאַ. עס איז זעהר געפעהרליך, איך ווייס עס, אבער מיר שטעלען ביידע איין אונזער לעבען. ווער עס וועט דער ערשטער צו שווימען צו דער אינזעל און וועט ווארענען סעניאר קאַסטיליאַ מיט זיין טאָכטער, דער זאל זיא האבען. דער אנדערער וועט דאן מוזען אוועקפאהרען פון דאנען און זיך אפזאגען פון דער שעהנער עספעראַנצאַ.

דער ענגלענדער איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. פון אזא דועל האט ער קיין מאל ניט געטרוימט.

— וואס רעדט איהר? — האט ער ענדליך אויסגערופען, — יעצט? אין אזא שטורם, אין אזא רעגען?

— פארוואס ניט? מיר ריזקירען ביידע אונזער לעבען, — האב איך געענטפערט.

— אבער דיא טינטאַרערא? איהר ווייסט דאך געוויס, אז זייט אפאר טעג האט זיך געוויזען א טינטאַרערא ניט ווייט פון דער אינזעל עספעריטו סאַנטאַ?

— איך האב ניט פערגעסען אן דער טינטאַרערא. איך האב מיט מיר מיטגענומען אן אַמעריקאַנישעם לאַנגעם מעסער, א באַאִי נייף און א עסטאַקאַ. נעהמט, וואס איהר ווילט. נעהמט אייך דאס מעסער אדער דיא עסטאַקאַ. ווער פון אונז וועט זיין שטאַרקער אדער געשיקטער, דער וועט בלייבען און וועט הייראַטהען דיא שעהנע עספעראַנצאַ.

מיט דיעזע ווערטער האב איך פון מיר אראפגעווארפען מיין ראק און מיינע שטיוועל. דער ענגלענדער האט מיך בעטראַכט מיט שטוינען און מיט שרעק.

— דאס איז אונמעגליך! — האט ער אויסגערופען.

— פאר וואס איז עס אונמעגליך? מיר זיינען צווייא מענשען. דיא טינטאַרערא געהט קיין מאהל ניט אליין. צווייא טינטאַרעראַ'ס, צווייא מענשען. וועט דיא טינטאַרערא אויפפרעסען איינעם פון אונז, וועט זיך דער אנדערער רעטען און וועט זיין אים שטאַנדע צו ווארענען סעניאַר קאַסטעללִיאַ און צו הייראַטען דיא שעהנע עספעראַנצאַ.

דער ענגלענדער האט געשוויעגען. מיין פּלאַן איז געוועזען א וואהנזיניגער. איך בין אבער דאמאלס אויך געוועזען וואהנזיניג. ווען איך האב געזעהן, אז ער ענטפערט מיר ניט, האב איך אויסגעשפרייט דיא הענד און האב געוואלט זיך אריינווארפען אין קאכענדען און רוישענדען מעער.

— אדיע, הערר ריטשארד! האב איך אויסגערופען, ווען דיא טינטאַרערא וועט מיך אויפפרעסען, זאגט וועניגסטענס דער שעהנער עספעראַנצאַ, אז איך האב געהאט געגוג מוטה צו שטארבען פאר איהר.

— ניין! האט אויסגערופען דער ענגלענדער, — ניין! איהר װעט ניט שווימען אליין! איך נעהם אן אייער פארשלאג! איך געה מיט אייך.

— דאן מוזט איהר מיטנעהמען מיט עפּעס זיך צו וועהרן, האב איך איהם געזאגט, איך האב ביי מיר א לאנגעס מעסער און אן עסטאקא. קלייבט אייך אויס איינס פוןביידע.

— גיט מיר דאס מעסער. איך קען ניט ארומגעהן מיט דער עסטאקא. איך ווייס ניט, וויא זיא צו געברויכען.

איך האב גענומען דאס מעסער, האב אפגעשניטען מיינע הויזען ביז אין דיא קניע, דאן האב איך זיינע הויזען אונטערגעשניטען ביז אין דיא קניע.

— יעצט זיינען מיר ביידע גלייך, מיסטער ריטשארד, האב איך איהם געזאגט, ווער עס וועט האבען מעהר מוטה און מעהר קראפט, דער וועט איבערשווימען דיעזע שטרעקע. — זעהט איהר דארט א ליכט אין א פענסטער?

— איך זעה עס?

דארט שטעהט דיא וואך, וועלכע בעוואכט דיא פערלמושלען. צו יענעם פונקט דארפען זיי ביידע שווימען. איך וויל, אז אונזער דועל זאל זיין עהרליך. מיר זאלען אנהויבען צו שווימען פון איין פונקט און מיר זאלען שווימען צו א געוויסען פונקט.

— גאנץ רעכט, האט דער ענגלענדער געענטפערט קורץ.

— יעצט, מיסטער ריטשארד, גיט מיר אייער האנד, האב איך געזאגט. עס איז זעהר מעגליך, אז מיר זעהן זיך צום לעצטען מאל אין אונזער לעבען. מעגליך, אז אין א שטונדע ארום וועלען מיר ביידע ניט זיין אויף דער וועלט.

דער ענגלענדער האט מיך אנגעהאפט ביי דער האנד און האט אויסגערופען:

— איהר זייט א מאן, סעניאָר ראקוניא! שאדע, וואס איך האב אייך פריהער ניט געקענט, מיר וואלטען געדארפט זיין דיא בעסטע פריינד.

— יעצט איז קיין צייט מעהר צו רעדען, האב איך געענטפערט, לאמיר זיך אראפלאזען שטילערהייט אין וואסער, פיעלייכט נעפינט זיך דיא טינטארערא דא ערגעץ ניט ווייט, וועט זיא אונז ניט בעמערקען. דאן קענען מיר פיעלייכט ביידע בלייבען לעבען. דאן ווער עס וועט קומען פריהער צו סיניאָר קאסאסיליא, דער וועט הייראטהען דיא שעהנע עספעראנצא.

מיר האבען זיך אראפּגעלאזען אין וואסער. דער הימעל איז געוועזען שווארץ און פינסטער. דער ווינד האט געדווישט, דער דונער האט געקנאקט און דיא בליצען האבען פון צייט צו צייט בעלייכטעט דאס רוישענדע מעער און דיא צוויא דונקעלע אינזלען. איך בין געבארען געווארען אין דיעזער געגענד און האב ניט איין מאל בעוויעזען דיא קונסט אריבער צושווימען פון איין אינזעל אויף דער אנדערער. עס איז אבער קיינע לייכטע ארבייט.

איך האב אנפאנגס געשוואומען זעהר לאנגזאם. איך האב געוואלט שוינען מיינע קרעפטע אויף זיי זאמלען אויף שפעטער, ווען איך וועל זיין נעהנטער צו

דער אנדערער אינזעל. מיין קאמעראד איז געשוואומען אין דיעזער געגענד צום ערשטען מאל און האט פון אנפאנג אן אנגעהויבען צו שווימען שנעל. און אין איינִיגע מינוט איז ער שוין געווען ווייט פון מיר. מיך האט עס ניט געהארט, וויִל איך בין געווען זיכער, אז איך קען איהם אניאָגען, ווען איך וועל עס נור וועלען.

איך האב מיך בעסער צוגעקוקט צום מעער. אזוי וויא די טינטאָרערא לייכטעט אין דער צייט פון א שטורם, איז דאן זעהר לייכט זיא צו דערזעהן. איך בין אזוי אוועקגעשוואומען א פופצעהן מינוט און בין גראדע ארויפגעשוואומען אויף א הויכע וועללע (כוואליע). פלוצלונג האט זיך מיר אויסגעוויעזען, אז איך הער א געשריי. איך האב מיך אומגעקוקט און האב דערזעהן, אז אויף דער אנדערער וועללע (כוואליע) ווייטער פון מיר האט זיך געוויעזען (א העלער, בלויליכער לייכטענדער פאס.

— דיא טינטאָרערא! — האב איך אויסגערופען ניט ווילענדיג.

דאס איז ווירקליך געווען דיא טינטאָרערא! זיא איז באלד פערשוואונדען געווארען אין דיא שווארצע וואסערן פון'ם מעער. איך האב שיון ניט איין מאל געטייטעט א האי פיש מיט דער עסטאקא און בין געווען געוואינט צו ראנגלען זיך און צו בעזיעגען דיא ווילדע און געפעהרליכע ברואים פון'ם מעער. דאס מאל אבער האב איך דאך א ציטער געטאהן און מיינע האר האבען זיך אויפגעשטעלט אויף מיין קאפ, וויא שפיזלעך.

אין דיעזע מינוט האט אבליץ בעלייכטעט דאס מעער און איך האב דערזעהן דעם ענגלענדער שווימען צוואנציג־דרייסיג שריט פון מיר. דאן איז ווידער געווארען אלעס פינסטער. באלד האבען זיך ווידער געוויעזען צווייא העלע פאסען. דיא טינטאָרעראס האבען זיך ווידער געוויעזען. זיי האבען אונז דערזעהן און יאגען אונז נאך. איך האב געחאפט דיא עסטאקא און האב זיא געהאלטען אין דער רעכטער האנד.

דיא שרעקליכע לייכטען פון דער טינטאָרערא האָט זיך ווידער געוויעזע גאנץ נאהענט פון מיר. באלד האב איך דערזעהן דיא גרויסע, שטאהל גרויע אויגען פונ'ם שרעקליכען פיש, וויא זיי האבען געקוקט אויף מיר. איך האב מיך אראפגעלאזען אונטערן וואסער. איך האב אנפאנגס געמיינט, אז איך וועל מיך אויסדרעהן פון איהר. זיא האָט מיך אבער ניט אפגעלאזען. זיא איז מיר נאכגעשוואומען.

טיעף אונטען איז דאס וואסער געווען שטיל און רוהיג. דיא טינטאָרערא האָט אראפגעלאזען דעם קאפ און האט זיך פארבערייטעט מיך איינצושלינגען. קוים אבער האט זיא געעפענט איהר גרויסעס מויל מיט דרייא רייהען שארפע צעהנער, האב איך איהר אריינגעשטעקט דיא עסטאקא אין גומען מיט מיין גאנצער קראפט. איך האב מיר דערביי צוריסען דיא רעכטע האנד אן איהרע שארפע צעהנער, אבער דיא עסטאקא איז געבליעבען זיצען פעסט אין צונג און אין

גומען פון דער טינטאָרערא זיא האט אנגעהויבען זיך צו ווארפען און צו שליידערן און האט מיך ארויסגעווארפען אויפ'ן וואסער.

דאס איז געווען מיין גליק, ווייל איך האב געפיהלט, אז דער אטהעם געהט מיר אויס און איך ווער דערוואָרגען. מיינע לונגען האבען נאך געהאט אין זיך לופט קוים פאר עטליכע סעקונדען. קוים בין איך ארויפגעשוואומען אויפ'ן וואסער, האב איך געעפענט דאס מויל און האב אנגעהויבען טיעף צו אטהמען. דאן האב איך אנגעהויבען מיך אומצוקוקען אין אלע זייטען. איך האב געזוכט דעם ענגלענדער.

עס איז אבער געווען פינסטער און איך האב געמוזט ווארטען, ביז אבליץ וועט בעלייכטען דעם הימעל. דאס האט ניט לאנג געדויערט. אגרויסער בליץ האט באלד בעלייכטעט דעם גאנצען הימעל און איך האב דערזעהן, ווי דער ענגלענדער שווימט מיט אלע זיינע קרעפטען און וויל חאפען עפעס אשווארצע זאך, וועלכע איז געשוואומען ניט ווייט פון איהם.

איך האב אנגעהויבען צו צושווימען צו איהם און בין שוין געווען גאר ניט ווייט פון איהם. פלוצלונג איז ער געבליעבען שטהן, האט זיך אויפגעהויבען און האט ארויסגעלאזען אשרעקליכען, אונמענשליכען, הערצרייסענדען געשריי

— עספעראנצא!

אבליץ האט בעלייכטעט זיין געזיכט און איך האב געזעהן זיינע אויגען. איך וועל קיין מאל ניט פערגעסען זיין לעצטען בליק, וואס ער האט געווארפען אויף מיר. אין דיעזען בליק איז געווען האס, ליעבע, מיטלייד, אדראהונג, א געבעט און א פלוך. באלד איז אלעס שטיל געווארען. — דער ענגלענדער איז פערשוואונדען. דיא צווייטע טינטארערא, דער „ער" האט איהם פערשלונגען. אויף מיר איז אנגעפאלען דיא „זיא". ביי דיא פיש, וויא ביי דיא שלענג, איז דיא „זיא" גרעסער פון'ם „ער". ווער עס איז געוואוינט ארום צו געהן ארום פיש, דער קען זעהר לייכט דערקענען, וועלכער פיש איז אן „ער" און וועלכער איז א „זיא".

איך בין געלאפען איהם העלפען און האב מיך אן עפעס אנגעשלאגען. איך האב עס אנגעחאפט. עס איז געווען דעם ענגלענדערס צובראכענעס באאט. דער אונגליקליכער ענגלענדער האט עס דערזעהן, האט עס געוואלט אנחאפען, דער ווייל איז דיא טינטארערא צו געשוואומען צו איהם און האט איהם אראפגעשלעפט אין דער טיעפעניש.

קאמעראדען! זייט איך לעב, האב איך מיך אזוי ניט נעפרעהט איבער אפאר ברעטער, וויא דאס מאל. איך בין באלד ארויפגעקראכען אויפ'ן דעק פון'ם צובראכענעם באאט און האב מיך אניעדער געלעגט. איך בין געווען מיעד און צובראכען. ווען דיא צווייטע טינטארערא וואלט יעצט אויף מיר אנגעפאלען, וואלט איך מיך ניט געקענט וועהרען נעגען איהר. איך האב זיא שוין מעהר ניט געזעהן. איך האב פראבירט רופען אפאר מאל.

— מיסטער ריטשארד! — ריטשארד!

קיינער האט מיר ניט געענטפערט. אלעס איז געווען שטיל, נור דאס טעמער

האט נעקאָכט, גערוישט און געוואָרפען מיך מיט דיא פאָר ברעטער, אויף וועלכע איך בין געליעגען צום ברעג פון דער אינזעל עספּעריטו סאנטא. איך האב שוין אריבער געשוואומען דיא גרעסערע העלפט פון'ם קאנאל, וועלכער טהיילט אָפּ ביידע אינזלען. דיא וועלען (כוואַליעס) פון'ם מעער האבען, יעצט אליין מיך גע־טריעבען צו דער אינזעל.

אין אייניגע מינוטען ארום בין איך אראָפּגעשפּרונגען פון דיא ברעטער און בין צוגעשוואומען צום ברעג. ווען איך בין ארויסגעקראָכען צום ברעג, האט מיין פוס אנגעריהרט עפּעס אווייכע זאַך. איך האב עס אויפגעהויבען. עס איז געווען א האנד פון א מענשען, א צוריסענע, פערבלוטיגטע האנד, וועלכע האט געהאַל־טען פעסט א לאנגעס מעסער. איך האב באַלד דערקענט דאס מעסער, עס איז געווען דאָס זעלבע, וועלכעס איך האב פריהער געגעבען דעם ענגלענדער. דיא טינטאָרערא האט אבגעביסען און אוועקגעוואָרפען דיזע האנד, דער קלוגער פיש האט מורא געהאט פאַרן מעסער.

עס האט מיר פערקלעמט ביים הארצען און איך האב אנגעהויבען צו בע־דויערן דעם אונגליקליכען ענגלענדער. איך האב בערייעט, וואס איך האב איהם ארויסגערופען אויף אזא געפעהרליכעס דועל. עס איז שוין אבער געווען צו שפּעט איך האב אויפגעריסען דיא האנד און האב ארויסגענומען פון איהר מיין מעסער דאָן האב איך געשווארען איך זאל נעמען ראַכע פון דער טינטארערא.

ווען איך האב מיך אביסעל אָפּגערוהט, בין איך געלאָפען צו אבעקאנטען טויכער און האב ביי איהם גענומען אמאַנטעל. איך האב דאָך ניט געקענט קו־מען צו מיין עספּעראנצא האלב נאַקעט. איך האב אויף מיר ארויפגעוואָרפען דעם מאַנטעל און בין צוגעלאָפען צום שטיבעל, וואו סעניאר קאסטיליאָ האט געוואוינט און האב אנגעהויבען צו קלאַפּען שטילערהייט אין פענסטער, וואו דאָ־ניא עספּעראנצא פלעגט שלאָפען.

— ווער איז דארט? האט זיא געפרעגט.

— דאָניא עספּעראנצא, ענטשולדיגט מיר, וואס איך בין געקומען אייך שטערן, האב איך געענטפערט, איך מוז מיט אייך רעדען. איך האב אייך מיט צו טהיילען זעהר א וויכטיגע זאַך.

— ווער זייט איהר דען? האט עספּעראנצא געפרעגט.

— יאַן ראַקוניא, דער אויפזעהר.

עספּעראנצא האט געכאַפּט אויף זיך א מאַנטיליע, האט אויפגעעפענט דאס פענסטער און האט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

— וואס ווילט איהר? האט זיא געפרעגט? וואס דארפט איהר אזוי שפּעט ביי נאַכט? עס איז דאָך שוין געווים ניט ווייט צו טאג. ווער האט עס אייך ער־לויבט צו קומען צו מיר אין אזא צייט?

— האט איהר געהערט דעם שטורם? אין דיעזען שטורם בין איך און מיסטער ריטשאַרד געפאהרען אהער אום אייך צו ווארענען.

— ריטשארד? סעניאר ריטשארד? האט עספּעראנצא אויסגערופען, ער

האט ריזקירט זיין לעבען צו פאהרען אהער אין אזא שטורם אויף א ליידענע שיפעלע?

— מיר זיינען גיט געפאָהרען אויף קיין שיפעלע, האב איך געענפערט, — מיר זיינען געשוואומען.

— גרויסער גאט אין הימעל! האט עספעראנצא אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין איהר שטימע. — וואו איז ער דען? פאר וואס זעה איך איהם ניט? וואס איז דען געשעהען?

זיא האט זיך אלזא שטארק אינטערעסירט אין איהם. דיא האט איהם אלזא ליעב. מיין הייסעס אינדיאנער בלוט האט אנגעהויבען צו קאָכען אין מיינע אָדערן.

— סעניארא עספעראנצא! האב איך אויסגערופען, אייער פאטער דראהעט א געפאהר. איך האב עס געמוזט זאגען מיסטער ריטשארד און איהם אויפפאָדערן, אז מיר זאלען ביידע שווימען אייך ווארענען. פיליכט וועט איינער פון אונז בלייבען לעבען. דער צופאל האט געוואָלט, אז איך זאל בלייבען לעבען.

— אבער ריטשארד? וואו איז ריטשארד געבליעבען? האט עספעראנצא אויסגערופען אויסער זיך.

— דיא טינטאָרערא האט איהם אויפגעפרעסען.

איך האב געהערט א שרעקליכעס געשריי און א שווערער קערפער איז אניעדערגעפאלען צו דער ערד. דאָניא עספעראנצא איז געפאלען אין אהנמאכט. איך האב בערייטעט, וואס איך האב איהר אויסגעזאגט דיא גאנצע ווארהייט און האב געוואלט אריינשפרינגען אין פענסטער איהר העלפען. אין דיעזער מינוט אבער איז איהר פאטער געקומען צולויפען. ער האט געהערט, אז זיא רעדט מיט איינעם און איז געקומען צולויפען זעהן, ווער עס איז.

— רויבער! מערדער! האט ער אנגעהויבען צו שרייען, וואס טוהט איהר דא אזוי שפעט ביי נאכט? איך קען אייך, איך קען אייער פאטער! איהר זייט שפיאנען! געהט אייך אוועק פון דאנען!

— סעניאָר קאסטיללי‌אָ, האב איך געזאגט גאנץ רוהיג, — שרייט ניט אזוי, סעניאר קאסטיליא. אויף דער אינזעל סעראלדא געפינען זיך מעקסיקאנישע סאלדאטען.

עס איז געוועזען צו דונקעל. איך זאל קענען זעהן זיין געזיכט. ער האט זיך אבער אין גאנצען פערענדערט און האט געפרעגט מיט א שוואכער שטימע:

— וואס רעדט איהר? איז עס מעגליך? מעקסיקאנישע סאלדאטען? וואס וויקלען זיי?

— זיי האבען א בעפעהל אייך צו ארעסטירען און צו‌בּרענגען קיין מעקסיקא. איך בין געקומען אהער אום אייך צו ווארענען. אייער טאכטער האט זיך אזוי דערשראקען, אז זיא איז געפאלען אין אהנמאכט.

— קומט אריין, סעניאָר ראקונא! ביטע! זאגט מיר! דערצעהלט מיר אלעס!

ער האט מיר באלד געעפענט דיא טהיר. איך בין אריינגעקומען און האב איהם אלעס דערצעהלט. אונטערדעסען איז עספעראנצא געקומען צו זיך, האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און איז צוגעקומען צו אונז. זיא איז געווען שרעק־ליך בלייך און איהרע אויגען האבען געברענט מיט א זאנדערבארעס פייער. דער אלטער איז געווען זעהר אונרוהיג און האט אנגעהויבען צונויפצונעהמען אלע זיינע טהייערע זאכען.

— איז עס וואהר, אז מיסטער ריטשארד איז דערטרונקען געווארען?—האט עספעראנצא פלוצלונג געפרעגט.

— ער איז ניט דערטרונקען געווארען, סעניארא, ער איז געווען א גוטער ישווימער און וואלט געוויס אריבערגעשוואומען דעם קאנאל, אבער דיא טינטאָ־רערא האט איהם צוריסען.

— איהר זייט א ליגנער! — האט זיא אויסגערופען.

— סעניאָרא, איך זאג אייך קיין ליגען. זעהט, וויא מיין האנד איז צוריסען פון דיא שארפע צעהנער פון דער טינטאָרערא, ווען איך האב איהר אריינגעשטעקט דיא עסטאקא אין מויל.

— און איהר האט איהם ניט געהאלפען? איהר האט ניט געוואלט איהם רעטען? איהר ווייסט דאך גאנץ גוט, אז ער איז געווען א פרעמדער און קען זיך ניט וועהרען מיט דער עסטאקא.

— סעניאָרא, איך האב עס זעהר גוט געוואוסט און האב איהם דעריבער געגעבען מיין מעסער. אט איז עס!

— איהר האט עס איהם געגעבען און דערנאך ביי איהם צוגענומען! — האט זיא אויסגערופען.

— ניין, סעניאָרא, איך האב עס ארויסגענומען פון זיין טויטע האנד, וועלכע איך האב געפונען אויפ'ן ברעג.

— גענוג רעדען נארישקייטען! — האט איהר פאטער יעצט אויסגערופען,— מיסטער ריטשארד איז געווען אן'אנשטענדיגער מענש און האט געהאט פיעל גליק ביים קויפען פערל. ער איז דאך אבער טויט. וואס זאלען מיר רעדען פון א טויטען? — געה, עספעראנצא, פאק צונויף דיינע זאכען און לאמיר אנטלויפען.

מיר האבען אנגעהויבען זיך צו בעראטהען, וואס צו טאהן און וויא אזוי צו אנטלויפען. עספעראנצא האט געקענט בלייבען. זיא האט פאר קיינעם קיין מורא ניט געהאט. אזוי וויא מען האט געמוזט זיך אייל; עס איז געווען נאר ניט ווייט צו טאג און דיא סאלדאטען האבען יעדע מינוט געקענט אנקומען, איז געבליעבען ביי אונז, אז זיא זאל בלייבען אין דערהיים און איך מיט איהר פאטער זאלען זיך אויפזעצען אויפ'ן ערשטען באאט, וועלכען מיר וועלען געפינען שטעהן ביים ברעג און זאלען אריבער פאהרען קיין קאליפאָרניען. דיא מעקסיקאנישע סאלדאטען וועלען ניט וואגען נאכצויאגען א מענשען אויף א לאנד, וועלכעס גע־הערט צו דיא פעראייניגטע שטאאטען.

אזוי וויא עספעראנצא איז יעצט געבליעבען אליין און האט געדארפט האַ־בען איינעם, וועלכער זאל איהר בעשיצען, האב איך ערקלערט, אז איך ליעב זיא, אז איך וויל זיא הייראטהען און ערקלערן אלעמען אויף דער אינזעל, אז זיא איז מיין בראוט. דאן האט זיא פאר קיינעם ניט וואס מורא צוהאבען. דאַניא עס־פעראנצא האט אלעס אויסגעהערט גאנץ רוהיג און האט ניט געענטפערט קיין ווארט. איהר פאטער האט זיך זעהר געאיילט און איז מיט אלעס געווען איינ־פערשטאַנדען.

מען האט אנגעהויבען צונויפצופאקען אלע זאכען, וואס זיינען נעטהיג גע־ווען פאר אזא לאנגע רייזע, ווען א מענש וויים אליין ניט, וואו ער וועט טאגען און וואו ער וועט נעכטיגען. ווען אלעס איז געווען פערטיג, האט דער ,אלטער פערלאנגט פון זיין טאכטער, זיא זאל איהם געבען דיא שווארצע פערל.

— ניין, פאטער! — האט זיא אויסגערופען,— זא לאנג איך לעב און אטהעם וועל איך טראגען דיזע פערל אויף מיין האלז!

איך וויים ניט, וואס פאר א סצענע עס וואלט פארגעקומען צווישען פא־טער און טאכטער, ווען איך זאל איהם ניט געווען אוועק שלעפען מיט געוואלד. איך האב געוואוסט, אז מיר טארען קיין צייט נ־ט פערליערען, מיין פאטער מיט דיא מעקסיקאנישע סאלדאטען וועלען באלד אנקומען.

קוים אבער זיינען מיר אוועקגעגאנגען הונדערט שריט פון סעניאר קאסטי־ליא'ס שטוב און מיר האבען געוואלט אראפגעהן צום ברעג, וואו דיא באאטע פלעגען שטעהן, זיינען ארויסגעשפרונגען עטליכע דונקעלע געשטאלטען און האבען אונז ארומגערינגעלט. א שווערע האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף מיינע פליי־צעס און א גראָבע שטימע האט אויסגערופען:

— אזוי, סעניאר ראקוניא? איהר געהט גאר געגען אייער פאטער? איהר שווימט אריבער דעם קאנאל אום צו בעפרייען א פערברעכער? דאס איז נ־ט שעהן פון אייך!

איך האב דערקענט דיא שטימע פון דעם אונטעראפיציער, ביי וועמען איך האב נעכטען ביי נאכט אויסגעפארשט, צו וואס זיי זיינען געקומען.

שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז מיין פאטער האט מיך געזוכט אויף דער אינזעל סעראללבאַ און האט מיך אין ערגעץ ניט געפונען. ער האט באלד פערשטאַנען, אז איך בין געלאפען ווארענען דעם אלטען קאסטיליאַ. ער האט דאהער ניט געווארט ביז אין דער פריה, וויא ער האט פריהער גערעכענט, זאנדערן איז נאך ביי נאכט אריבער געפאַהרען מיט דיא סאלדאטען אויף דיא אינזעל עספעריטו סאנטאַ און איז געלאפען ארעסטירען דעם סעניאר קאסטיליאַ.

מיין רעדען, מיין שרייען, מיין בעטען און מיין ערקלערן זיך האט גאר ניט געהאלפען. דיא סאלדאטען האבען געבונדען דעם אלטען קאַסטיליא דיא הענד אויפ'ן רוקען און האבען איהם צוריקגעפיהרט צו זיין שטוב. איך האב געמוזט נאכגעהן. מיר זיינען באלד צוגעקומען צום שטיבעלע. דער ערשטער, וועלכער

איז ארויסגעגאנגען פון שטיבעלע, איז געווען מיין פאטער. איך בין צוגעגאנגען צו איהם און האב געזאגט גאנץ העפליך:

— פאטער, ווילסט דו מיר ניט זאגען, וואס דוא ווילסט טאהן מיט סעניאָר קאסטיליא? ווייסט דוא, אז ער איז מיין שוויגער פאטער?

— דער אלטער הונד איז דיין שוויגער פאטער? האט מיין פאטער אויסגעשריען מיט צארן.

— יא, פאטער, איך האב גענעבען מייןווארט דעם סעניאָר קאסטיללא, איך זאל הייראטהען זיין טאכטער און דאניא עספעראנצא האט מיר געגעבען איהר האנד. איך האָף, אז דוא וועסט ניט זיין אזוי שלעכט, איבערצוגעבען דעם פאטער פון מיין געליעבטער בראוט אין דיא הענד פון דיא מעקסיקאנישע סאלדאטען.

— ווען דוא ווילסט הייראטהען דיעזעס מעדכען, קען איך עס דיר ניט ווערען, האט מיין פאטער געענטפערט ערנסט, אבער פון דיעזע מינוט ביסט דוא מעהר קיין אויפזעהר אויף דיעזען אינזעל און דוא מעגסט דיר פאהרען מיט איהר, וואוהין דוא ווילסט.

— פאטער! איהר זייט אן אבעראויפזעהר פון דער קאמפאני, דיעזעלבע קאמפאני, וועלכע האט אייך געמאכט פאר אבעראויפזעהר, האט מיך געמאכט פאר אויפזעהר.

— דוא הונט! האב געשריען מיין פאטער, איך בין דא דער פערטרעטער פון דער קאמפאני און איך זאג דיר אפ פון דיין שטעלע. — געה! מיסטער ריטשארד וועט באלד איבערנעהמען דיין שטעלע.

— מיסטער ריטשארד ליעגט שוין אין בויך פון דער טינטאָרערא! האב איך געלאכט.

— טויגעניכטס! דוא האסט איהם געטייטעט! האט מיין פאטער געשריען. איך וועל הייסען דיך ארעסטירען!

— דוא וועסט דאס ניט טאהן, פאטער! אין וועל דיר בעווייזען, אז איך בין קיין מערדער. געה אויף דעם טייפעלס שטיין אויף דעם אינזעל סעראַללבא, וועסט דוא דארט געפינען מיין ראק און זיין ראָק און אויף דער זייט פון דער אינזעל עספיראטו סאנטא וועסט דוא געפינען זיין האנד.

מיין פאטער איז צוואר געווען זעהר בייז אויף מיר, ער האט אבער ניט געוואלט מיך ארעסטירען און דיא מעקסיקאנישע סאלדאטען האבען גאר קיין רעכט געהאט מיך צו ארעסטירען.

דאָניא עספעראנצא האט אלעס אויסגעהערט גאנץ גלייכגילטיג, ווענינ־סטענס אזוי האט זיך מיר אויסגעוויעזען. אונטערדעסען האבען זיך פערזאמעלט ארום אונז אלע איינוואינער פון דער אינזעל און מיין פאטער האט מורא געהאט, די זאלען ניט דערלאָזען צונעהמען דעם אלטען קאסטיליא. ער האט דאהער גע־הייסען יעדען געהן צו זיין ארבייט און פערטיג האלטען דאס גרויסע באאט פון

דער אינזעל. אויף דיעזען באָאט האט ער געהייסען ארויפזועצען דעם אלטען קאַ־סטיליאַ, איהם צופיהרען צו דער אינזעל סערוואללרא און איהם דארט איבער־געבען אויף א מעקסיקאנישעס שיף, וועלכעס איז אומיסטען געקומען נאך איהם.

עס האט אבער געדויערט איינינע צייט, איידער אלע זיינען זיך צונאנגען צו זייער ארבייט. איך בין אונטערדעסען געגאנגען אנגרייטען א באָאט פאר מיר און מיין בראוט. איך האב געוואלט נאכפאָהרען מיט איהר אויף דער אינזעל סעראללבא און זעהן, פיעלייכט וועלען מיר דארט קענן עפּעס טאהן פאר איהר פאטער.

דיא זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימעל, ווען מיין פאטער, דיא מעק־סיקאנער סאלדאטען און דער אלטער קאסטיליאַ האבען זיך אויפגעזועצט אין גרוי־סען באָאט און איך מיט עספּעראנצא האבען זיך אויפגעזועצט אין א קליינעם באָאט. איך בין דאמאלס געוועזן דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. איך בין געזעסען לעבען מיין געליעבטער. איך בין געוועזן זיכער, אז זיא איז מיינע. קיינער וועט זיא ביי מיר ניט אוועקנעהמען. עס האט מיך ווייניג געקימערט, וואס עס וועט געשעהן מיט איהר פאטער. פּלוצלונג האט זיא זיך געווענדעט צו מיר און האט מיר געזאגט:

— סעניאָר יאן, ביטע פיהרט מיך צו צו דעם ארט, וואו דיא טינטארערא האט אויפגעפרעסען רישארד'ן.

— איך קען עס ניט וויסען גענוי, האב איך איהר געענטפערט, עס איז דאך געוועזן ביי נאכט און דערצו נאך אין א שרעקליכען שטורם.

— אבער דאך, סעניאָר! האט זיא געבעטען מיט א שוואכער, שטילער שטימע, איהר וועט דאך געוויס דערקענען דיא געגענד, וואו עס איז געשעהן.

איך האב אנגעהויבען צו צורודערן צו דעם ארט, וואו איך האב גערעכענט, אז דיא טינטארערא האט איינגעשלונגען דעם ענגלענדער. פּלוצלונג בין איך אויפגעשפּרונגען. איך האב דערזעהן אין וואסער צוויא גרויסע, פייעריגע אויגען. דאס איז געוועזן דיא טינטארערא. איך מוז אייך זאגען, מיינע הערען, אז ווען דיא טינטארערא צורייסט א מענשען, שווימט זיא ארום צוויי־דריי טעג אויף דעם זעלבען ארט. זיא האפט, אז זיא וועט דארט געפינען נאך איינעם.

— וואס איז אייך, סעניאָר? האט דאניא עספּעראנצא געפרעגט.

— זעהט איהר ניט, ליעבע עספּעראנצא? אָט איז דיא טינטאַרערא!

— דערצעהלט מיר, סעניאָר ראקוניא, אלעס, וואס האט פּאסירט נעכטען ביי נאכט.

— צו וואס דארפט איהר עס וויסען, ליעבע עספּעראנצא? עס איז א טרויע־ריגע געשיכטע.

— איך וויל עס! איך בעט אייך, דערצעהלט מיר אלעס! איך וויל עס וויסען.

וויא אונאנגענעהם עס איז מיר געווען, האב איך דאך געמוזט איהר אלעס

דערצעהלען. זיא האט מיך אויסגעהערט גאנץ אויפמערקזאם און ווען איך האב איהר דערצעהלט, וויא ריטשארד האט אויסגערופען: עספעראנצא! און דער מי־נוט, ווען דיא טינטארערא האט איהם אנגעהאפט, האט זיא געפרעגט גאנץ קאלטבלוטיג:

— אזוי? זיין לעצטער געשריי איז געווען מיין נאמען?

— יא, ליעבע עספעראנצא! יעצט ווייסט איהר אלעס.

זיא האב זיך אויפגעהויבען פון באט און האט אראפגעווארפען פון זיך איהר מאנטיליע. איהרע לאנגע, שווארצע האר זיינען אראפגעפאלען אויף איהרע פלייצעס. זיא איז דאמאלס געווען שעהן. זיא האט בעטראכט אפאר סעקונדען דאס מעער, דאן האט זיא געפרעגט:

— וואו איז דען דיא טינטארערא? איך זעה זיא ניט.

— צו וואס דארפט איהר זיא? האל זיא דער טייפעל! איך האב געשוואו־רען, אז איך וועל זיא טויטען און איך וועל זיא טויטען!

— סעניאר ראקוניא, איהר ליעבט מיך?

— וואס פרעגט איהר, ליעבע עספעראנצא? איך ליעב אייך מעהר, אלס מיין לעבען.

— ווען איהר ליעבט מיך, וועט איהר פערשטעהן, אז איהר קענט מיך ניט הייראטהען.

— פאר וואס, טהייערע עספעראנצא?

— ווייל איך בין שוין פערהייראטעט.

— איהר שפאסט, ליעבע עספעראנצא! — האב איך אויסגערופען. — עס איז אונמעגליך! איהר לאכט פון מיר!

— איך מיין עס גאנץ ערנסט. איך בין דיא פרוי פון מארק ריטשארד. איך שווער אייך, סעניאר, אז ריטשארד איז געווען מיין מאן!

איך בין אראפגעפאלען פון אלע מיינע הימלען. דאס האב איך ניט גע־וואוסט. איך האב שוין פריהער פערשטאנען, אז זיא האט איהם געליעבט און ניט מיך. איך האב אבער ניט געוואוסט, אז זיא האט איהם שוין געהייראטהעט.

— אבער סעניאר ריטשארד איז דאך שוין טויט, — האב איך געשטא־מעלט, — איהר זעהט דאך אליין, אז גאט האט אזוי געוואלט. אייך איז ניט בעשערט צו זיין זיין פרוי. פערגעסט איהם און איך וועל טאהן אלעס מעגליכע אום אייך גליקליך צו מאכען.

— ניין, סעניאר, ניין! — האט זיא געזאגט רוהיג און האט געקוקט אויפ׳ וואסער, — איך וויל שטארבען מיט איהם. וואו מיין מאן איז, דארט דארף איך זיין.

איך האב געוואלט עפעס ענטפערן, זיא האט מיר אבער קיין צייט געגעבען.

— זעהט נור, סעניאר, — האט זיא פלוצלונג געזאגט, — מען ווינקט צו אייך פון׳ם גרויסען באט. אייער פאטער וויל מיט אייך רעדען.

איך בין געווען אזא נארר, אז איך האב געלאזען מיך איינרעדען און האב א קוק געטאהן אויפ'ן גרויסן באאט. אין דיעזע מינוט האב איך געהערט א פלוך אין וואסער. איך האב מיך אומגעקוקט — מיין באאט איז לעדיג. עספעראנצא האט זיך אריינגעווארפען אין וואסער.

אפאר אויגענבליקען בין איך געבליעבען שטעהן, וויא א פארשטיינערטער איך האב מיך ניט געקענט ריהרען. באלד אבער, האב איך פון מיר אראפגע־ווארפען דעם מאנטעל און דיא שיך, האב געחאפט איין מעסער און בין אריינ־געשפרונגען אין וואסער נאך מיין געליעבטער. — צו שפעט! דיא טינטארערא איז געווען שנעלער פון מיר. ווען איך האב מיך אראפגעלאזען אין וואסער, איז מיר ענטגעגען געקומען א שטראם ווארעמעס בלוט.

וואס עס איז ווייטער פארגעקומען צווישען מיר און דער טינטארערא, ווייס איך אליין ניט. איך געדענק נור, אז דער קאפ פון מיין געליעבטער האט נאך ארויס געשטעקט פון דער טינטארערא'ס מויל, ווען איך בין געווען אונטער וואסער. איך האב אריינגעשטאכען מיין לאנגעס, שארפעס מעסער דער טינטארא אין האלז, דארט וואו דער קאפ הייבט זיך אן, און האב געוואלט ארויסשלעפען מיין געליעבטע פון דער טינטארערא'ס צעהנער. און מיינע הענד אבער איז נור געבליעבען דאס זילבערנע קייטעלע, אויף וועלכער עס איז געהאנגען דיא שווארצע פערל.

מיין פאטער מיט דיא מעקסיקאנישע סאלדאטען האבען געזעהן אלעס און זיינען באלד צוגעקומען מיר צו הילף. ווען זיי האבען מיך ארויסגעשלעפט פון וואסער, בין איך געווען בעוואוסטלאז. איך בין געווען אין אהנמאכט. מען האט מיך געבראכט אויף דער אינזעל סעראללבא און איך בין אוועקגעליעגען עטליכע וואכען אין א שרעקליכעם פיבער.

מען האט מיר דערצעהלט, אז אין צווייא טעג ארום האט מען געפונען דיא טינטארערא טויט אויפ'ן ברעג און אין אנ'אנדער ארט האט מען געפונען דעם קאפ פון דאניא עספעראנצא.

ווען איך בין געזונד געווארען, האט מיך מיין פאטער געבעטען, איך זאל בלייבען אויפזעהר, וויא איך בין געווען. איך האב עס אבער ניט געקענט. איך האב ניט געקענט זעהן דיא אינזעל, איך האב ניט געקענט בלייבען אין יענער גע־גענד, איך בין אוועקגעפאהרען קיין סאן פראנציסקא און בין איינגעטראטען אלס מאטראז אויף דער „ראפינא".

— און דיא שווארצע פערל? — האט איינער געפרעגט.

דער ערצעהלער האט ארויסגענומען פון בוזים א זאך און האט עס געוויזען אלעמען. דאס איז געווען דיא שווארצע פערל. איך בין קיין קענער אויף פערל, איך מוז אייך אבער זאגען, אז אזא שעהנע זאך האב איך נאך אין מיין לעבען ניט געזעהן. ווען מען האט זיא געהאלטען נעגען דער זון, האט זיא אפגעשפיגעלט אלע פארבען פון רעגען בויגען.

— וואס איז געוואָרען פון אלטען קאסטיליא? — האט געפרעגט אנ׳אנדער מאטראָז.

— מען האט איהם דערשאָסען אין מעקסיקא. ער האט געוואָלט טויטען דעם פּרעזידענט פון דער מעקסיקאנישען רעפּובליק און אליין ווערן פּרעזידענט אויף זיין ארט. מיט פּרעזידענט הוארעז האט מען ניט געטארט שפּאסען. קוים האט ער איהם געהאט אין די הענד, האט ער באלד געהייסען איהם שיעסען.

40טעס קאפּיטעל.

די צווייטע ערצעהלונג.

די ערצעהלונג פון׳ם אמעריקאנער האט געמאכט אויף אלעמען א טיעפען איינדרוק. מיר האבען זיא אויסגעהערט גאנץ אויפמערקזאם און האבען פערגעסען אונזערע אייגענע ליידען. מען האט אייניגע צייט גערעדט נור פון פּערל, פון טינטארעראס און פון שעהנע מערבען.

— וואס איז געוואָרען פון דער טינטארערא, וועלכער איהר האט אריינגעשטעקט די עסטאקא אין מויל?

— דאס וויים איך ניט. מען האט שוין זיא מעהר ניט געזעהן אין יענער געגענד. מען זאגט, אז קוים פיהלט די טינטארערא, אז מען האט זיא געזיעגט, שעהמט זיא זיך צו קומען צוריק אויף דעם ארט, וואו מען האט זיא בעזיעגט.

— די טינטארערא שעהמט זיך? האט זיך צולאכט איינער פון די מאטראזען. א פיש שעהמט זיך?

— לאכט ניט אזוי, האט דער אמעריקאנער געענטפערט, די טינטארערא איז איינע פון די קלינגסטע און שלויעסטע (חיטרע) פיש פון׳ם וועלט מעער, דערפאר איז זיא אזוי געפעהרליך. זיא יאגט זיך נאך איהר רויב, וויא א גוטער און געשיקטער יעגער. דאס איז דער נמרוד פון׳ם מעער.

א גאנצען טאג האט מען גערעדט אויף אונזער פלאָס פון דיעזער געשיכטע, אייניגע מאטראָזען האבען זיך געהייסען ווייזען נאך אמאל די שווארצע פּערל, אנדערע האבען זיך געוואָלט איבערצייגען, אויב די געשיכטע איז וואהר און האבען געבעטען דעם אמעריקאנער, ער זאל זיי ווייזען זיין האנד, וואו עס האבען זיך געפונען די צייבענס פון דער טינטארערא׳ס צעהנער.

נאך דעם אמעריקאנער האט דערצעהלט זיין געשיכטע א דייטש און א פראנצויז. זייערע געשיכטען זיינען אבער ניט געווען אינטערעסאנט און איך וויל זיי אייך ניט איבערגעבען. איך וויל אייך דערצעהלען נור די לעבענסגעשיכטען פון מיינע קאמעראדען, וועלכע זיינען אינטערעסאנט און שטעלען פאר דאס לעבען און דעם כאראקטער פון א געוויסעם פאלק אדער א געוויסעם לאנד.

די געשיכטע „די שווארצע פּערל“ גיט אייך א פאלשטענדיגעס בילד פון די פערלפישערייען אין אמעריקא און פון׳ם לעבען פון די אמעריקאנער און

מעקסיקאַנער אין יענער געגענד. יעצט וויל איך אייך דערצעהלען א געשיכטע פון א גאַנץ אנדערער געגענד און פון גאַנץ אנדערע מענשען. דיעזע געשיכטע האט דערצעהלט אַן איטאַליאַנער, ווי היינט:

דער פּיראַט.

אין יוני 1847 איז פון האמבורג ארויסגעפאָהרען אַן ענגלישעס שיף מיט'ן נאָמען „וואַטערלאָאָ“. אויף דיעזען שיף איז געפאָהרען א מיסיאָנער מיט'ן נאַמען ראָנעקאַמפּ. ער איז געפאָהרען מיט זיין פרוי און מיט זיין טאָכטער קיין כינאַ פּרעדיגען דעם קריסטליכען גלויבען פאַר די כינעזען. מאַריא, דעם מיסיאָנערס טאָכטער, איז דאַמאַלס אַלט געווען זיעבעצעהן יאָהר און איז געווען שעהן ווי אַן׳ענגעל. דאָס איז געווען א שעהנעס, גוטעס, איינפאַכעס דייטשעס מעדכען מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר און הימעל בלויע אויגען.

אויף דער „וואַטערלאָאָ“ האט געדיענט אַלס צווייטער אָפיציער א יונגער און געבילדעטער ענגלענדער מיט'ן נאָמען הענרי נאָרפאָרד. די „וואַטערלאָאָ“ איז געפאָהרען פון האַמבורג קיין קאַלקוטאַ אין אינדיען. אַזאַ רייזע געדויערט געוועהנליך צעהן־צוועלף וואָכען. קוים האט הענרי נאָרפאָרד דערזעהן דאָס שעהנע דייטשע מעדכען, האט ער זיך אין איהר פערליעבט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין יונגער זעעלע. אויף דער גאַנצער לאַנגער רייזע פלעגט ער ניט אָפּטרעטען פון איהר, פלעגט מיט איהר רעדען און פלעגט איהר בעווייזען, אַלע מעגליכע געפעלינקייטען.

ווען די „וואַטערלאָאָ“ איז געווען אַפּאַר טויזענד מייל ווייט פון קאַלקוטאַ איז הענרי נאָרפאָרד געקומען צום מיסיאָנער ראָנעקאַמפּ, האט איהם ערקלערט, אַז ער ליעבט מאַריא'ן און האט געבעטען אום איהר האַנד. דער אַלטער מיסיאָנער האט איהם געענטפערט, אַז ער וויל, אַז זיין טאָכטער זאָל הייראַטען א גייסטליכען און קיין מאַטראָז. הענרי נאָרפאָרד האט געבעטען, געוויינט, געדראָהעט, געשריען און נאָך אַמאָל געבעטען דעם מיסיאָנער, ער זאָל איהם געבען די האַנד פון זיין טאָכטער. דער אַלטער מיסיאָנער איז אָבער געבליעבען פעסט ביי זיין ענטשלוס און האט פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען.

מאַריא איז אויפגעוואַקסען און ערצויגען געוואָרען ביי א פרומען פאָטער און האט ניט געקענט אָדער ניט געטאָרט זיך אריינמישען אין אַזאַ געלעגענהייט. עס איז זעהר מעגליך, אַז זי האט אויך געליעבט דעם שעהנעם ענגלענדער. זי האט עס אָבער ניט געקענט זאָגען

ווען דאָס שיף איז אָנגעקומען קיין קאַלקוטאַ, האט הענרי נאָרפאָרד געפרעגט דעם מיססיאָנער, ווי לאַנג ער דענקט צו בלייבען אין קאַלקוטאַ און וואו ער וועט אָפּשטיינען.

— : : דענק דא צו בלייבען זעקס מאנאטע, האט דער מיסיאנער נעענט־

פערט, ווייל איך וויל אויסלערנען דיא אלט אינדישע שפראכע. איך וועל וואי־גען אין דעם דייטשען מיסיאנ׳ס הויז.

— און וואוהין וועט איהר פאהרען פון דאנען?

— מען האט מיך בעשטימט פאר שאנ־חאי, דארט וועל איך איבערנעהמען דיא דייטשע מיסיאן.

דאס שיף איז צוגעקומען צום פארט פון קאלקוטא. דער מיסיאנער מיט זיין פאמיליע איז זיך אוועקגעפאהרען זייער וועג און הענרי נארפארד איז געבליע־בען אויפ׳ן שיף.

ראנעקאמפ איז געבליעבען אין קאלקוטא, וויא פיעל ער האט געדארפט, דאן איז ער אוועקגעפאהרען קיין כינא און האט זיך בעזעצט אין שאנ־חאי. ער און זיין פרוי האבען גאר פערגעסען דעם ענגלענדער. אויב דיא שעהנע מאריא האט איהם אויך פערגעסען, איז שווער געוועזען צו זאגען. זיא האט קיין מאל פון איהם ניט גערעדט און מען האט ניט געקענט וויסען, אויב זיא האט איהם נאך אלץ ליעב אדער זיא האט איהם שוין פערגעסען.

אזוי זיינען פערגאנגען דריי יאהר. אין א שעהנעם פריה מארגען איז א יונגער ענגלישער מיסיאנער געקומען צום אלטען ראנעקאמפ און האט זיך איהם פארגעשטעלט אלס זיין געהילפע. דער אלטער מאן האט איהם אנפאנגס ניט דערקענט. קוים אבער האט מאריא דערזעהן דעם יונגען גייסטליכען, האט זיא באלד אויסגערופען:

— הענרי! הענרי נארפארד!

יעצט האט זיך דער יונגער גייסטליכער מעהר ניט געקענט פערשטעלען. ער האט דערצעהלט דיא ווארהייט. ער ליעבט מאריא׳ן אזוי שטארק, אזוי הייס און אזוי הייליג, אז ער האט זיך אפגעזאגט פון זיין שטעלע אלס אפיציער אויף דער „וואטערלאא" און איז געווארען א מיסיאנער, אום צו הייראטען דיא שעהנע מאריא, דיא געליעבטע פון זיין הערצען.

דער אלטער ראנעקאמפ איז צוואר געוועזען איבערראשט פון אזא ליעבע און אזא טרייהייט, ער האט אבער דאך מורא געהאט, פיעלייכט מיינט עס דער ענג־לענדער ניט גאנץ ערנסט און קוים וועט ער הייראטהען מאריא׳ן, וועט ער צוריק ווערען אנ׳אפיציער אויף אנ׳ענגלישעם שיף. ער האט דאהער בעשלאסען, אז הענרי נארפארד זאל בלייבען ביי איהם אלס געהילפע צוויא יאהר. ווען דער אלטער וועט זיך איבערצייגען, אז נארפארד איז ווירקליך פרום און איז ווירקליך געווארען א גייסטליכער, וועט ער איהם ערלויבען צו הייראטהען זיין טאכטער.

הענרי נארפארד איז דאמיט צופריעדען געוועזען און איז געבליעבען אין דער דייטשער מיסיאן פון שאנ־חאי. ער האט גערעדט אביסעל כינעזיש, ווייל ער איז שוין אמאל געוועזען אין כינא און צוואר אין 1849, ווען ענגלאנד האט געפיהרט קריעג מיט כינא. דאמאלס האט הענרי נארפארד פערבראכט א גאנצען יאהר אויף דער אינזעל טשו־סאן און האט זיך בעקענט מיט דיא כינעזען, מט זייער שפראך און מיט זייערע זיטען (מנהגים).

עס זיינען ווידער פערגאנגען אנדערהאלבען יאהר. חענרי נארפארד איז געווען זעהר גיצליך דעם אלטען ראנעקאמפ און האט זיך געצייגט אלס פרומער און פעהיגער מיסיאנער. דער אלטער מאן האט שוין זאגאר געזאגט צו זיין פרוי, אז זיא זאל אנהויבען צו מאכען פארבערייטונגען צו דער האכציים. פלוצלונג איז פארגעקומען א פאל, וועלכער האט אלעס געענדערט און האט צערשטערט און פערניכטעט אלע פלענער און אלע האפנונגען פון׳ם אלטען ראנעקאמפ און פון׳ם יונגען נארפארד.

דיא דייטשע מיסיאן אין שאנ־חאי געפינט זיך ניט וויט פון׳ם פארט. זיא איז געבויט פון שטיינער און שטעלט פאר א קליינע פעסטונג. אין דיא גאסען און געסלעך ארום דער מיסיאן וואינען כינעזען. אזוי וויא ענגלאנד האט געזיעגט אין א קריעג מיט כינא, האט ענגלאנד דאס רעכט צו האלטען אין שאנ־חאי א רעגימענט סאלדאטען, וועלכער פערטהיידיגט אלע אייראפייער אין א נויט, ווען דיא כינעזען פאלען אן אויף זיי.

אין א שעהנעם פריה מארגען איז געווארען א טומולט און א געשריי אין איינע פון דיא גאסען לעבען דער דייטשער מיסיאן. אמעריקאנישע מאטראזען האבען זיך צוקריעגט מיט כינעזישע קויפלייטע. עס איז געווארען א געשלעג און אנ׳אמעריקאנער האט דערשטאכען א כינעזישען קויפמאן. דיא כינעזען זיינען געווארען ווילד און זיינען אנגעפאלען אויף דיא אייראפעער. עס זיינען זיך צו־נויפגעלאפען כינעזען פון אלע גאסען, יעדער האט געחאפט, וואס ער האט גע־קענט: א שטיק האלץ, א שטיק אייזען, א מעסער, א שווערד, א ביקס, און זיי האבען ארומגערינגעלט דיא אמעריקאנער, וועלכע זיינען געווען נור פיער שטארקע מענשען: צוויא אמעריקאנער מאטראזען, זייער שיפסקאפיטאן און א מאלאיע, א מאטראז פון דעם אינזעל מאלאקקאן.

דיא כינעזען האבען געטייטעט דיא צוויא אמעריקאנער מאטראזען און האבען פערוואונדעט דעם שיפסקאפיטאן מיט זיין געטרייען מאלאיע. אין דער העכסטער נויט זיינען זיי צוגעלאפען צו דער וואנד פון דער דייטשער מיסיאן און האבען אנגעהויבען צו קלאפען אין טויער און בעטען, אז מען זאל זיי רעטען פון דער ווילדער מענגע כינעזען.

דאס איז אבער געווען ניט אזוי לייכט. דיא כינעזען זיינען זיי נאכגעלאָ־פען און האבען זיי געשלאגען און געטראפען, וואו זיי האבען געקענט.

— גאד דעם! האט געשריען דער אמעריקאנישער שיפסקאפיטאן, דיא פרומע מיסיאנערען האבען זיך פערשפארט אין זייערע שטארקע מויערן און ווילען אונז ניט עפענען דעם טויער! דערוויל וועלען זיי אונז טייטען, וויא דיא הינט.

— זיים רוהיג, סאהיב! (הערר) האט דער מאלאיע געזאגט און האט זיך געשטעלט פאר זיין שיפסקאפיטאן. איך וועל ניט דערלאזען אייך טייטען. זא לאנג מאהאדרעע (אזוי האט געהייסען דער מאלאיע) לעבט, וועט ער ניט דערלאזען, אז מען זאל אייך טייטען.

דאס האט איהם אבער ווענינ געהאלפען. מאטאדרעע האט ווירקליך דערשטאָכען נאך א בינעזען, אנ'אנדער בינעזער אבער האט איהם דערפאר געגעבען אזא שטארקען זעץ מיט א שטיק האלץ איבער דיא רעכטע פלייצע, אז ער איז אומגעפאלען אויף דער ערד און האט זיך ניט געקענט ריהרען. דער אמעריקאנער שיפסקאפּיטאן איז יעצט געבליעבען איינער אליין. א הויכער און שטארקער בינעזע האט אויפגעהויבען א לאנגעס, שארפעס מעסער און האט געוואלט זיך ארויפוואַרפען אויף איהם און איהם שטעכען אין הארצען. אין דיעזע מינוט אבער האט זיך געעפענט דער טויער פון דער מיסיאָן און אנ'אלטער מאן אהן א הוט און א יונגע פרוי האבען זיך געוויעזען אין טויער. דאס איז געוועזען דער אלטער ראַנעקאמפּ מיט זיין טאכטער מאריא.

דיא בינעזען פון יענעם קווארטאל האבען זעהר גוט געקענט דעם אלטען מאן מיט זיין טאכטער. מאריא מיט איהר מוטער פלעגען זעהר אָפט בעזוכען דיא ארימע בינעזען, פלעגען זיי העלפען און פלעגען זיי היילען אין זייערע קראנקהייטען. דאס איז געוועזען דיא אורזאכע, וואס דיא בינעזען זיינען געבליעבען אויף אייניגע מינוט שטעהן רוהיג, ווען זיי האבען דערזעהן דעם אלטען מיט זיין טאכטער.

— מיינע פריינד! פאר וואס ווילט איהר טויטען דיעזע צוויא מענשען? — האט דער אלטער ראַנעקאמפּ געפרעגט אויף בינעזיש, — ווען דיעזע מענשען האבען אייך געטאהן עטוואס שלעכטעס, קענט איהר דאך זיך ווענדען צו א ריכטער און צו א קאנסול.

— ער האט געטייטעט דעם קויפמאן קיאנג-טשאנג! — האט געשריען א ווילדער בינעזער. — טוידעט איהם! האט קיין ערבארמען מיט איהם! לאזט איהם ניט אנטלויפען!

דער אלטער ראַנעקאמפּ האט וויעדער אנגעהויבען צו בעטען דיא מענגע, אז זיא זאל זיך צו געהן. אונטערדעסען איז דער אמעריקאנער שיפסקאפּיטאן דורכגעקראָכען צווישען אלטען ראנעקאמפּ און זיין טאכטער און האט זיך פערשלעפּט אין פעסטען הויז פון דער מיססיאן, נור דער פערוואונדעטער און פערבלוטיגטער מאלאיע איז געבליעבען ליגען לעבען דער וואנד. ער האט זיך ניט געקענט ריהרען.

ווען דיא בינעזער האבען דערזעהן, אז דער אמעריקאנער איז פערשוואונדען געווארען, האבען זיי אנגעהויבען צו שרייען, צו ליארעמען און צו געוואלדעווען און האבען אנגעהויבען צו בעפאלען דיא מיססיאן. זיי וואלטען געוויס געוועזען פערברענט און צערשטערט דאס הויז און וואלטען געטויטעט דעם אמעריקאנער. פלוצלונג אבער האט מען געהערט פויקען און פון דער וויטען האבען זיך געוויעזען דיא רויטע מונדירען פון דיא ענגלישע סאלדאטען. דיא מענגע איז זיך צר-

לאפען. דיא בינעזען קענען זעהר גוט דיא ענגלישע ביקסען און ציטערן פאר זיי פיעל מעהר, וויא פאר זייערע מאנדארינען. (בינעזישע בעאמטע). -:-)

מיט דיא ענגלישע סאלדאטען איז געקומען א בינעזישער מאנדארין, א בעאמטער, אונטערזוכען, וואס דא איז פארגעקומען און ווער עס איז שולדיג. ער האט אבער גאר נישט געקענט אויסגעפינען און איז זיך אוועקגעגאנגען.

אונטעדדעסען האט מאריא ראַנעקאמפ זיך אנגעבויגען צום פערוואונדעטען מאַלאיען, האט איהם נעגעבען א ביסעל קאניאק און האט געבעטען איהרע בינעזישע בעקאנטע, אז מען זאל איהם אריינטראגען אין שטוב. דאן האט זיא געשיקט רופען א דאקטאר, וועלכער איז באלד געקומען און האט אנגעהויבען צו פערבינדען דעם אונגליקליכען. מאריא האט איהם דערביי געהאלפען. ווען דער דאקטאר האט געענדיגט זיין בלוטיגע ארבייט, האט ער דערהערט א גראבע, ווילדע שטימע חינטער זיך:

— זאגט נור, מיסטער פלאסטערקאסטען, וועט דיעזער קערל געהן צום טייפעל?

דער דאקטאר, דער אלטער ראנעקאמפ און זיין טאכטער האבען אויפגעהויבען דיא אויגען און האבען דערזעהן דעם אמעריקאנער שיפסקאפּיטאן. ער איז געשטאנען פאר זיי שטאלץ, ווילד, גראב און פינסטער.

— דער מאַן איז שווער פערוואונדעט, — האט דער דאקטאר געענטפערט איך האף, אז איך וועל איהם געזונד מאכען.

— קען איך איהם נעהמען צו מיר אויפ'ן שיף?

— אונמעגליך! ער איז געפעהרליך קראנק און מען טאר איהם ניט ריהרען פון ארט.

— וויא לאנג קען עס דויערן? האט דער שיפסקאפּיטאן געפרעגט.

— פאר פיער וואכען קען ער ניט געזונד ווערען, האט דער דאקטאר געענטפערט.

— צום טייפעל! האט דער ווילדער אמעריקאנער אויסגערופען, — דאס

-:-) דיעזע גאנצע געשיכטע איז וואהר און ריכטיג. אין דיא פארט שטעדט פון בינא, וויא שאנ־חאי, קאנטאָן און אנדערע קומען פאר זעהר אפט שלעגערייען אין בלוטיגע סצענען צווישען בינעזען און אייראפּעער. עס קומען זיך צונויף שיפען פון אלע לענדער. דיא מאטראזען זיינען נייגעריג צו זעהן א בינעזישע שטאדט. זיי געהן אראפּ אין שטאדט, הויבען אָן צו טרינקען און צו בעזוכען דיא מאגאזינען. דערביי פּראבירען זיי צו גנבענען אדער צו בעליידיגען פרויען. עס ווערט א געשלעג. דיא בינעזען ווערן אויפגערעגט און פאלען אן אויף אלע אייראָפּעער, וועלכע וואינען אין שטאדט, צערשטערן זייערע הייזער, רויבען און מארדען. דיא ענגלישע רעגירונג מוז האלטען סאלדאטען אום צו צוטרייבען דיא מענגע. ווען דיא בינעזען ווילען זיך ניט צו געהן, שיעסט מען אויף זיי. דערפאר האבען דיא בינעזען אזוי טורא פאר דיא רויטע מונדירען פון דיא ענגלישע סאלדאטען.

איז צו פיעל פאר מיר! איך קען אזוי לאנג ניט ווארטען מיט מיין שיף ווייסט איהר וואס, דאקטאר, נאט אייך צוואנציג גאלדשטיקע און מאכט מיר דעם קערל געזונד אין דרייא טעג.

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויס׳גענומען א זיידענעם בייטעל מיט גאלד שטיקע און האט איהם א ווארף געטאהן אויפ׳ן בעט פון׳ם פערוואונדעטע מאלאיע.

— איך קען אייך גאר ניט העלפען, — האט דער דאקטאר געענטפערט דער מאן איז געפעהרליך פערוואונדעט, פאר צעהן טאג טאר מען איהם ניט ריה־רען פון ארט.

דער אמעריקאנער, ריכטיגער געזאגט, דער איטאליענער, וויל ער אי־גאר ניט געוועזען קיין אמעריקאנער, ער איז נור געוועזען שיפסקאפיטאן אויף א שיף, וועלכעס איז געפאהרען אונטער דעם אמעריקאנישען פלאג, דער איטאליענער האט זיך דאן געווענדעט צום אלטען ראנעקאמפ און האט איהם געזאגט:

— הער נור, גאטס גנב! היט אפ דיעזען מאן! איך וועל אייך גוט בע־צאהלען דער פאר. דעם בינעזען מיט׳ן לאנגען צאפ, וועלכער האט מיך פער־וואונדעט, וועל איך שוין אנלערנען! איך וועל קומען נאך א מאל זעהן דעם קערל

מיט דיעזע ווערטער איז דער שיפסקאפיטאן ארויסגעגאנגען פון צימער. ער האט ניט געדאנקט דעם אלטען ראנעקאמפ דערפאר, וואס ער האט איהם גערע־טעט דאס לעבען. ער האט קיינעם ניט געגריסט פארן אוועקגעהן, נור אויף מאריא ראנעקאמפ האט ער געווארפען א לאנגען פייעריגען בליק.

דעם אנדערן טאג איז ער ווידער געקומען זעהן, וואס דער מאלאיע מאכט, און האט אנגעהויבען צו רעדען מיט דער שעהנער מאריא, וועלכע פלעגט ניט אפ־טרעטען פון דעם אונגליקליכען פערוואונדעטען. דעם דריטען טאג איז ער ווידער געקומען און איז אוועקגעזעסען א לענגערע צייט אין קראנקען צימער. דערביי האט ער געווארפען פייעריגע בליקע אויף דאס שעהנע מעדכען. דעם פיערטען טאג איז ער ווידער געקומען און האט ווידער געזוכט צו רעדען מיט דען שעהנעו מעדכען.

ווען ער איז געקומען דעם פינפטען טאג, האט ער געטראפען נור דעם אל־טען ראנעקאמפ.

— וואו איז מאריא? — האט ער געפרעגט.

— מאריא איז אוועקגעפאהרען, — האט דער אלטער ראנעקאמפ געענטפערט ניט גאנץ פריינדליך.

דער שיפסקאפיטאן האט פערשטאנען, אז מען וויל איהם ניט האבען און איז זיך אוועקגעגאנגען. די פאמיליע ראנעקאמפ איז באלד געוואהר געווארען, אז די „זעע שוואלבע“, דאס שיף, אויף וועלכער דער ווילדער מענש איז געוועזען שיפסקאפיטאן, איז פערשוואונדען געווארען. דער אלטער ראנעקאמפ האט אנ־געהויבען צו פרעגען, וואס פאר א שיף די „זעע שוואלבע“ איז און פאר וואס

זי קומט קיין שאנ־חאי. מען האט איהם געזאגט, אז דאס שיף האנדעלט מיט אפּיום און מיט אנדערע פערבאָטענע וואארע. איינינע האָבען זאָגאר בעהויפּטעט אז דיא „זעע שוואלבע' איז נאר א פּיראטען שיף און איהר שיפסקאפּיטאן איז א פּיראט, א מעער רויבער.

אין דער צייט, וואס עס האט זיך געטראפען דאס געשלעג, איז הענרי נאר־פארד ניט געוועזן אין שאנ־חאי. ער איז מיט א פּאר טעג פריהער אוועקגעפאה־רען ערגעץ ווייט אין לאנד, עפּעס א נייע קירכע. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער געפונען אלעס אין ארדנונג. דער מאלאיע איז באלד געזונד געווארען, וויא דער דאקטער האט פאראויס געזאגט. ער איז געוועזן אזוי דאנקבאר פריי־ליין ראָנעקאמפּ דערפאר, וואס זיא האט איהם גערעטעט, אז ער האט אנגעהויבען איהר נאכצוגעהן אויף שריט און טריט, וויא א געטרייער הונד. ער פלעגט פער־שטעהן איהר וואונק און פלעגט איהר פאלגען אלעס, וואס זיא האט איהם גע־הייסען.

עס זיינען פערגאַנגען דרייא מאנאטע, זייט דער מאלאיע האט זיך געפונען ביי ראָנעקאמפּ אין שטוב. אין דיעזע צייט האט אויסגעבראָכען דיא כאלערא אין שאן־חאי. דער אלטער ראָנעקאמפּ איז קראנק געווארען און איז אין 48 שטונ־דען ארום געשטארבען. זיין פרוי, זיין טאכטער, הענרי נארפאָרד און דער מאלאיע האבען איהם בעוויינט און בעדויערט. דער מאלאיע האט דרייא טאג נאך אנאנד ניט געגעסען און ניט געטרונקען.

אויפ'ן פינפטען טאג נאך דעם אלטען ראָנעקאמפּס טויט איז מאריא גע־זעסען אין איהר צימער טרויעריג און פערטראכט. דיא טהיר האט זיך געעפענט און א מאן איז אריינגעקומען. מאריא האט געמיינט, אז דאס איז אריינגעקומען איהר בריטינאַם נארפארד און האט איהם אויסגעשטרעקט דיא האנד. וויא איבערראַשט איז זיא אבער געוועזן, ווען זיא האט אויפגעהויבען דיא אויגען און האט דערזעהן פאר זיך דעם ווילדען שיפסקאפּיטאן פון דער „זעע שוואלבע".

— וויא קומט איהר אהער? — האט מאריא געשריען, — וויא אזוי וואגט איהר עס אריינצוקומען אין מיין צימער און ניט אנקלאפּען?

— בערוהיגט אייך, שעהנע מאריא, — האט דער ווילדער שיפסקאפּיטאן געענטפערט, איך האב אייך צו זאגען פיעלע שעהנע און גוטע זאכען. איך האב געהערט, אז אייער פאָטער איז געשטארבען. ער פלעגט אייך האלטען פער־שפּארט דא אין דיעזע מויערן, וויא א געפאנגענע. אזא שעהנעס קינד, וויא איהר זייט, דארף לעבען און געניעסען דאס לעבען, אבער ניט זיין פערשפּארט אין דיעזע פינסטערע מויערן. אייער פאטער איז דאך געוועזן א בעטלער. וואס וועט איהר דא טאהן צווישען דיא לאנגע צעפּ? קומט מיט מיר אין דיא קאיוטע פון דער „זעע שוואלבע" און איהר וועט דארט לעבען פרעהליך. איך האב געלד, בריל־ליאנטען און פיעלע גוטע זאכען. אלעס וועט אייך געהערן און מיר וועלען לוס־טיג זיין.

— וואס זאגט איהר מיר צו זאגען — איך...

— רעדט ניט פיעל, שעהנע מאריא! — האט איהר דער ווילדער שיפסקאַפּיטאַן אונטערבראָכען, — ווען איהר פערלאַנגט עס, קען איך געהן מיט אייך צום דייטשען אדער ענגלישען קאָנסול און מיר וועלכען הייראַטהען, וויא דער טייפעל האט געבאָטען. איך האָף, אז אלע פרויען, וועלכע איך האב געהאט ביז אהער, לעבען שוין ניט מעהר. טראַכט ניט פיעל און לאמיר געהן. איך שווער אייך ביי מיין נאָמען דשיאָוואַני דיאַוואָלאָ, אז איהר מוזט ווערן מיין פרוי, איהר מעגט עס וועלען אדער ניט וועלען!

— ארויס פון מיין צימער! — האט מאריא געשריען, — ארויס אדער איך מאך א געוואַלד!

— ניט אזוי בייז, שעהנע מאריא! — האט דער ווילדער דיאַוואָלאָ געלאכט. דוא מוזט ווערן מיין פרוי אדער מיין געליעבטע! עס וועט דיר גאר ניט העלפען. איך גיב דיר צייט ביז מאָרגען. איבערלעג דיך און זאג מיר ליעבער יא, אלס ניין.

מיט דיעזע ווערטער האט ער א וואָרף געטאָהן אויפ'ן טיש א גרויסען יידענעם טוך, פון וועלכען עס זיינען ארויסגעפאלען גאלדענע רינגען, האלזבענדער בראַסלעטען און פיעלע אנדערע טהייערע זאַכען. דאן האט ער זיך אנגעבויגען צו איהר און האט געוואָלט איהר א קוש טאָהן.

— העלפט מיר! רעטעט! האט מאריא אנגעהויבען צו שרייען.

צוויא טהירען האבען זיך געעפענט און צוויא מענשען זיינען אריינגעקרגען. אין איין טיהר איז געשטאַנען הענרי נאָרפאָרד, אין דער אנדערער איז געשטאנען מאַהאַדרעע דער מאַלאַיע. ביידע זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטוינערט, ווען זיי האבען דערזעהן דעם שיפסקאַפּיטאַן פון דער „זעעלשוואַלבע". דער מאַלאַיער האט אציטער געטאָהן, ווען ער האט איהם דערזעהן. ער האט געוואוסט, וואס פאר א ווילדער, שרעקליכער מענש דאס איז. הענרי נאָרפאָרד איז געוואָרען רויט, וויא פייער, האט צונויפגעלעגט דיא הענד און שרעקליכע פויסטען און איז צוגעלאָפען צום שיפסקאַפּיטאַן.

— שורקע! טויגעניכטס! וואס וואַנסט דוא? האט ער געשריען.

— אהאַ! יונגער נאַטס גנב! האט דער ווילדער איטאליאנער געלאַכט, וואס ווילסט דוא פון מיר?

— ארויס פון דאַנען! אדער ...

— וואס אדער? האט געלאַכט דער איטאליאנער.

הענרי נאָרפאָרדס אייזערנע פויסטען האבען געטראָפען דעם איטאליענער אין ביידע באַקען, אז ער איז אומגעפאלען צו דער וואַנד, לעבען וועלכער ער איז געשטאַנען. באלד האט ער זיך אבער דערמאַנט, האט געכאַפּט א שווערען שטוהל און האט געוואָלט זיך ארויפוואַרפען אויף הענרי נאָרפאָרד. דער איטאליענער איז געוועזען שטאַרקער פון הענרי נאָרפאָרד און וואָלט איהם געוויס געוועזען צובראָכען דעם קאָפּ, ווען מאַהאַדרעע, דער מאַלאַיע, וואָלט זיך ניט אריינגעמישט.

— וואס מוחט איהר, סאחיב? (הערר) האט ער געפרעגט, זעהט איהר ניט, אז דאס איז א היילינער דערוויש (גייסטליכער) פון דיא קריסטען? דיעזע מענשען האבען דאך אונז נערעטעט דאס לעבען!

— אוועק, דוא הונט! האט דער שיפסקאפיטאן געשריען. ער האט מיך געשלאגען און ער מוז שטארבען!

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויסגעהאפט זיין לאנגעס מעסער. אין דיעזע מינוט אבער זיינען זיך צונויפגעלאפען אלע דיענער און איינוואינער פון דער מיסיאן. דער ווילדער איטאליענער האט זעהר גוט געוואוסט, אז טייטען א כינעזען אין דיא גאסען פון שאנ־האי איז קלייניגקייט, אבער טויטען א מיססיאנער ביי איהם אין הויז איז קיין קלייניגקייט. דיא פרעמדע קאנסולאטען וועלען דאס ניט שווייגען. ענגלאנד האט קריעגס שיפען אין פארט פון שאנ האי. דער ענגלישער קאנסול סען הייסען איהם נאכיאגען און פאנגען איהם מיט זיין שיף ער האט דאהער צוריק אריינגעשטעקט דאס מעסער אין גארטעל און האט געזאגט רוהיג צו הענרי נארפארד:

— נון, גאטס גנב! מיר וועלען זיך נאך אמאהל זעהן, דאן ווען מיין מעסער דורכשטעכען דיינע שווארצע קליידער און דיין שווארצעס הערץ. דוא אבער, שעהנע מאריא, ווערסט דאך זיין מיין געליעבטע! איך שווער עס ביי דער הייליגער יונגפרוי פון לארעטא!

— ארויס, רויבער! ארויס מערדער! האט געשריען נארפארד.

דער איטאליענער האט געווארפען א שטרענגען בליק אויף דעם מאלאיע און האט איהם געזאגט:

— קום מיט מיר, מאהאדרעע!

דער ארימער מאלאיע איז געפאלען אייף דיא קניע פאר מאריא ראנעקאמפ, האט געקושט דעם זוים פון איהר קלייד און האט געוויינט. ער האט זעהר ניט געוואלט אוועקגעהן פון דיא גוטע און ליעבע מענשען, ער האט אבער געציטערט פארן איטאליענער. דיא גוטע מאריא האט אויפגעהויבען דיא אויגען צו איהר געליעבטען און האט איהם געבעטען, ער זאל זעהן, אז דער מאלאיע זאל בלייבען ביי זיי. הענרי נארפארד האט פערצויגען מיט דיא אקסלען. זיין בליק האט דייטליך געזאגט:

— אין ענגלאנד וואלט איך עס געקענט טאהן, אין כינא אבער איז עס אונמעגליך. אין כינא הערשען נאך דיא אלטע געזעצע, אז א מענש קען זיך פערקויפען צום אנדערן. דער איטאליענער וועט געוויס בעווייזען, אז ער האט ערגענץ געקויפט דעם מאלאיע פאר א שקלאף.

— שנעל! מיט מיר, מאהאדרעע! האט בעפאהלען שטאלץ דער איטאליענער.

דער אונגליקליכער, האלב ווילדער מאלאיע האט זיך אויפגעהויבען און איז נאכגעגאנגען נאך זיין הערר. זיי זיינען פערשוואונדען געווארען אין דיא קרומע גאסען פון שאנ־האי.

מאַריא האָט אָנפאַנגס געציטערט פיר דאָס לעבען פון איהר געליעבטען און זיא האָט געבעטען דעם ענגלישען קאָנסול, ער זאָל איהם בעשיצען. דער ענג־לישער קאָנסול האָט באַלד געשיקט רופען דעם קאַפּיטאַן פון דער "זעעשוואַלבע", מען האָט איהם אָבער אין ערגעץ ניט געפונען. די בעאַמטע פון פּאָרט האָבען ערקלערט אַז דיא „זעעשוואַלבע" איז קיין מאָהל ניט צוגעקומען צום פּאָרט, זיא פלעגט זיך שטענדיג פעראַנקערן לעבען די אינזלען טשין־סאַן, עטליכע מייל ווייט פון שאַנג־האַי. ווען דער שיפסקאַפּיטאַן אָדער דיא מאַטראָזען פלעגען דאַרפען קומען נאָך שאַנג-האַי פלעגען זיי קומען אויף אַ „גיג" (אַקליינעם באָאט).

אזוי זיינען פערגאַנגען עטליכע וואָכען. מאַריא און הענרי נאָרפאָרד האָבען שוין אָנגעהויבען צו פערגעסען די טרויעריגע געשיכטע מיט'ן שיפסקאַפּיטאַן פון דער „זעעשוואַלבע", צוואַר האָט זיך מאַריא'ן אויסגעוויזען, אַז פרעמדע מענ־שען קוקען אויף איהר זעהר אָפט און אַפּאָר מאָל האָט זיך איהר זאָגאַר אויסגע־וויזען, אַז זיא האָט געזעהן דאָס געלע געזיכט מאַהאַדרעע'ס זיא איז איהם נאָכגעלאָפען און האָט איהם גערופען, ער האָט איהר אָבער ניט געענטפערט און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דיא קרומע און פינסטערע געסלאַך.

אַזוי וויא דער אַלטער ראַנעקאָמפ איז געשטאָרבען איז באַלד אָנגעקומען אַן'אַנדער מיססיאָנער אויף זיין אָרט, און הענרי נאָרפאַרד האָט ערהאַלטען אַ בעפעהל, ער זאָל פאָהרען אַלס מיססיאָנער אויף דער אינזעל באָרנעאָ. נאָרפאַרד האָט געוואָלט פריער הייראַטהען זיין געליעבטע מאַריאַ און דאַן פאָהרען מיט איהר און מיט איהר מוטער קיין באָרנעאָ מאַריאַ האָט אָבער ניט געוואָלט היי־ראַטען פאַר זעקס מאָנאַטען נאָך איהר פאָטערס טויט.

פון שאַנג־האַי קיין באָרנעאָ געהן זעלטען ענגלישע קריעגס שיפען. נאָרפאַרד האָט דאַהער געמוזט נעמען בילעטען אויף אַן'ענגלישעם פּאַסאַזיר שיף, אויף וועלכען עס זיינען געפאָהרען פיעלע כינעזישע עמיגראַנטען. ענגלאַנד האָט דאַ־מאָלס אָפּגענומען אַשטיק פון דער גרויסער אינזעל באַרנעאָ און האָט געוואָלט גרינדען דאָרטען קאָלאָניען. פאַר אייראָפּייער אָבער איז דאָס קלימאַט אויף באַרנעאָ צו הייס און זעהר אונגעזונד, בעזאָנדערס פאַר אַקאָלאָניסט, וועלכער מוז אַרבעטען אין דיא זומפּיגע געגענדען. ענגלאַנד האָט דאַהער געשטיצט דיא כינעזישע עמיגראַנטען. זיא פלעגט זייא שענקען לאַנד און פלעגט זיי שטיטצען אויף דער רייזע.

הענרי נאָרפאָרד האָט זיך ענטשלאָסען צו פאָהרען אויף דיעזען שיף, ווייל ער האָט געהאָפט אַז אויף דער רייזע וועט ער זיך בעקענען מיט דיא עמיגראַנ־טען און וועט דאַן וואוינען מיט זיי צוזאַמען. הענרי נאָרפאַרד האָט דאַהער פער־קויפט זיין מעבעל און אַללעס, וואָס ער און דיא פאַמיליע ראַנקאָמפ האָט ניט געקענט מיטנעמען מיט זיך, און האָט איינגעקויפט אַלעס, וואָס עס איז נעטהיג אויף אַזאַ לאַנגע און געפערליכע רייזע. ער האָט גענומען פאַר זיך, זיין בראַיט און שוויגער מוטער צווייא קאַיוטען ערשטער קלאַססע. ער האָט זעהר גוט געוואוסט. וויא שלעכט מען בעהאַנדעלט אויפ'ן וועג אייראָפּייאישע עמיגראַנטען

און האָט זיך שוין געקענט פאָרשטעלען, וויא מען ויעט בעהאַנדלען כינעזישע עמיגראַנטען, פאַר וועלכע דיא ענגלישע רעגירונג צאָהלט נור אַ האַלבען פ״ייז.

נאָרפאַרד, זיין בראַוט און זיין שוויגער מוטער האָבען זיך ענדליך אויפ־געזעצט אויף די „ליליע“, — אַזוי האָט געהייסען דאָס שיף, ער האָט זיך יעצט איבערציייגט מיט זיינע אויגען, וויא שמוציג מען האַלט דיא עמיגראַנטען און ווי שלעכט מען בעהאַנדעלט זיי. אויף דער „ליליע“ האָבען זיך געפונען הונדערט און צוואַנציג כינעזישע פאַמיליען, דאַרונטער הונדערט און פופציג פרויען און קינ־דער. דער שמוץ אין צווישענדעק איז געווען שרעקליך און מען האָט נעגעבען דיא פאַסאַזשירען נור אַזוי פיעל צו עסען, אַז זיי זאָלען ניט שטאַרבען פון הונגער.

דיא ערשטע עטליכע טעג איז די רייזע געווען גאַנץ גליקליך. דאָס וועטער איז געווען שעהן און נאָרפאַרד מיט זיין בראַוט פלעגען זעהר אָפט זיטצען אויפ׳ן דעק פון שיף. אויפ׳ן צעהנטען טאָג פון זייער רייזע איז געוואָרען שרעקליך היים. עס איז געוואָרען דריקענד און שטיקענד, ווי פאַר אַ שטורעם. אום צעהן אוהר אין דער פריה האָט זיך געוויזען אַ שיף פון הינטען, וועלכעס איז געפאָהרען דעמזעלבען וועג, וואָס די „ליליע“. נאָרפאַרד האָט בעטראַכט דאָס שיף דורך זיין ספּעקטיוו און האָט זיך דערפרייט. ער האָט געזעהן אויף איהר דעם אַמעריקאַנישען פלאַג.

אין יענע געגענדען געפינען זיך זעהר פיעל פיראַטען (מעער רויבער) און דיא קויפמאַנס שיפען זיינען זייער פאָרזיכטיג. ווען זיי דערזעהן אַ פיראַטען שיף אַנטלויפען זיי פון איהר, ווי ווייט זיי קענען. דערפאַר האָט זיך נאָרפאַרד אַזויא דערפרעהט, ווען ער האָט דערזעהן דעם אַמעריקאַנישען פלאַג. אַ שיף, וועלכעס ווייזט אַרויס איהרע פאַרבען, איז קיין פיראַטען שיף:

אין דיעזע מינוט איז אָבער צוא איהם צוגעקומען דער שיפסקאַפּיטאַן פון דער „ליליע“ און האָט איהם געפרעגט:

— האָט איהר געזעהן דאָס שיף, וואָס פאָהרט אונז נאָך פון הינטען?

— עס איז אַן׳אַמעריקאַנישעס שיף, האָט נאָרפאַרד געענטפערט רוהיג.

— מיר געפעלט זיא ניט, האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געזאָגט ערנסט און טרויעריג, מיר דאַכט, אַז דאָס איז דיא „זעעשוואַלבע“.

— נון, וואָס איז דען? אַן׳אַמעריקאַנישעס שיף וועט רעספּעקטירען דעם ענגלישען פלאַג, האָט נאָרדפאָרד בעמערקט. ציעהט אַרויף דעם ענגלישען פלאַג אין דערהויך. לאָז ער וויסען, ווער מיר זיינען.

דער ענגלישער שיפסקאַפּיטאַן האָט געזיפצט, אַז נאָרפאַרד האָט אַמאָל געדינט אויף אַן׳ענגלישעס קריעג שיף און פערשטעהט, וויא צוא רעגירען אַ שיף.

— איך דענק, אַז איהר וועט מוזען אַיועקלייגען אָן אַ דיט אייער שוואַר־צען מאַנטעל פון אַ גייסטליכען און וועט מוזען זיך נעהמען צום שווערד, האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געזאָגט טרויעריג, מיר געפעלט ניט דיעזער אַמעריקאַנער.

אַזוי ווי זיי האָבען אַזוי גערעדט האָט דאָס אַמעריקאַנישע שיף אַראָפּגע־

לאָזען דעם אמעריקאנישען פלאג און מען האט געזעהן, אז עפּעס טהוט זיך אויף דעם אמעריקאנישען שיף. נאָרפאָרד איז בלייך געוואָרען. ער האט זיך דער־שראָקען. ער האט פיעל געהערט פון דיא פּיראטען, וועלכע געפינען זיך אין דיע־זער געגענד און לאזען ניט דורכגעהן קיין שיף. ביז אהער האבען זיי נאך אבער קיין ענגלישעס שיף ניט אנגעריהרט. זיי האבען מורא געהאט פאַר ענגלאַנד.

ביידע שיפען האבען אויפגעצויגען אלע זייערע זעגעל און האבען אנגעהויבען צו פאחרען שנעל, וויא זיי האבען נור געקענט. עס איז געווען דייטליך, אז דאס פרעמדע שיף האט זיך נאכגעיאגט נאך דער „ליליע“. ווען זיא איז געקומען גע־נוג נאהענט, אז מען האט געקענט זעהן און וויסען, ווער עס איז, האט איינער פון דיא מאטראָזען פון דער „ליליע“ אויסגערופען מיט שרעק און שטוינען:

— דער „רויטעו האי פיש!“

דער שיפסקאפּיטאן פון דער „ליליע“, דיא מאטראָזען און הענרי נארפארד זיינען געוואָרען בלייך, וויא קאלך. דער „רויטער האי פיש“ איז געווען א בע־ריהמטער רויבער, א פּיראט, פאר וועלכען אלע שיפען, וואס זיינען געפאחרען אין יענער געגענד, האבען געציטערט, וויא פאר פייער. דיא כינעזישע רעגיערונג האט צוגעזאגט צו געבען עטליכע טויזענד דאללאר דעם מענשען, וועלכער וועט פאנגען דעם „רויטען האי פיש“. דיא ענגלישע און פראנצייזישע רעגיערונגען האָ־בען געשיקט קריעגס שיפען אין כינעזישען מעער, זיי זאלען אויפזוכען און פאנ־גען דעם „רויטען האי פיש“. — אלעס אומזאנסט! דעם „רויטען האי פיש“ האט קיינער ניט געקענט [illegible]. קיינער האט איהם ניט געזעהן, און דאך פלעגען אפט אנקומען שיפען [illegible] שאן־חאי, וועלכע דער „רויטער האי פיש“ האט בערויבט און האט ביי זיי צוגענומען אלעס. דיא שיפסקאפּיטענע פון אזעלכע שיפען פלע־גען זיין גליקליך, ווען דער „רויטער האי פיש“ האט זיי געשענקט זייער לעבען.

קיינער האט ניט געוואוסט, ווער איז דער קאפּיטאן פון׳ם „רויטען האי פיש“. דיא מאטראָזען פון דיא בערויבטע שיפען פלעגען דערצעהלען, אז אויף זיי איז אנגעפאלען א גאנץ לייכטעס און שנעלעס שיף, אויף וועלכער עס איז גע־האנגען אין דער הויך א שווארצע פאהן מיט גאלדענע בוכשטאבען: דער „רוי־טער האי פיש“. דער שיפסקאפּיטאן פון׳ם „רויטען האי פיש“ טראגט רויטע קליידער און א האלבע רויטע מאסקע אויפ׳ן געזיכט. זיי ה׳ייסען נור, אז ער איז הויך, שטארק, ווילד, גרויזאם און אונבארעמהערציג. מעהר האט מען ניט גע־וואוסט פון׳ם קאפּיטאן פון׳ם „רויטען האי פיש“.

אויפ׳ן דעק פון דער „ליליע“ איז געוואָרען א געיאמער און א געוויין. זאגאר דיא כינעזען האבען אנגעהויבען צו ציטערן, ווען זיי זיינען געוואהר געוואָרען, ווער עס יאגט זיי נאך. אין שאן־חאי פלעגט מען אפט רעדען פון׳ם „רויטען האי פיש“ און פון זיינע גרויזאמקייט.

דער „רויטער האי פיש“ איז צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צו דער „ליליע“. הענרי נארפארד האט פערשלאָסען דיא פרויען, מאריא מיט איהר טר־טער, אין זייער קאיוטע און אליין האט ער זיך געשטעלט אויפ׳ן פארקסאל און

האט געזוכט מיט דיא אויגען דעם שיפסקאפּיטאן פון'ם „רויטען האי פיש". באלד האט ער איהם דערזעהן שטעהן לעבען זעגעלבוים. ער איז געווען אנגעטאהן אין רויטע קליידער און האט געטראגען א האלבע מאסקע אויפ'ן געזיכט. עס איז געווען דייטליך, אז דער שיפסקאפּיטאן פון „רויטען האי פיש" האט אויך געקוקט אויף הענרי נארפארד.

באלד האבען זיךביידע שיפען צוזאמען געשלאגען. פון דעם רויבערס שיף האט מען ארויסגעווארפען שטריק און לאנגע הוקס און שפּיעזען, מיט וועלכע מען האט בעפעסטיגט דיא „ליליע" צום „רויטען האי פיש". קוים האבען זיך ביידע שיפען געהאלטען פעסט צוזאמען, האבען דיא רויבער פון'ם פּיראטען שיף אנגע־הויבען צו שיעסען אויף דיא מאטראזען פון דער „ליליע" און זיינען ארויפגעשפּרונ־גען אויף איהר דעק. אין איינינע מינוטען ארום האט מען געהערט געוואל־דען און געשרייען. דיא פּיראטען האבען אנגעהויבען צו רויבען און צו מארדען.

נארפארד איז געשטאנען אויף זיין פּלאץ, וויא פערשטיינערט. איידער ער האט צייט געהאט זיך אומצוקוקען, זיינען אויף איהם אנגעפאלען פיער רויבער מיט זייערע לאנגע מעסער. איינער פון זיי האט אויפגעהויבען זיין מעסער און האט געוואלט איהם ארייננשטעכען נארפארד אין הערצען, אין דיעזע מינוט אבער איז צוגעלאפען אמאליע און האט אנגעהאפּט דעם רויבער בייביידע האנד.

נארפארד האט באלד דערקענט דעם מאליע, דאס איז געווען מאהאדרעע וועלכען מאריא האט געראטעוועט דאס לעבען. נארפארד האט געוואלט איהם בע־טען, ער זאל בעשיצען דיא ארימע מאריא. פּלוצלונג אבער איז דער מאליע אפּגעשפּרונגען פון איהם און איז אנטלאפען צו זיינע קאמעראדען. נארפארד האט באלד געזעהן, פאר וואס מאהאדרעע האט זיך אזוי דערשראקען.

פון דעם פּיראטען שיף איז אריבער געקומען אויף דער „ליליע" דער רויבער הויפּטמאן, דער שיפסקאפּיטאן פון'ם „רויטען האי פיש". ער האט געהאלטען אין דיא הענד א לאנגע און שווערע האק און איז צוגעגאנגען לאנגזאם און פינס־טער צו הענרי נארפארד. ווען דיא פּיראטען האבען דערזעהן זייער קאפּיטאן, האבען זיי זיך אלע פערזאמעלט ארום איהם.

הענרי נארפארד איז צוגעגאנגען צום פּיראט רוהיג און קאלטבלוטיג און האט איהם געפרעגט:

— מיט וואס פאר א רעכט וואגט איהר עס אנצופאלען אויף רוהיגע און אונשולדיגע רייזענדע און זיי בערויבען? זעהט איהר דען ניט, אז מיר פאהרען אונטער דער ענגלישען פלאג און ענגלאנד פערשטעהט ניט, ווען מען בעליידיגט איהר פלאג? ווייסט איהר דען ניט, אז דיא ענגלישע רעגיערונג וועט זיך פאר אונז נוקם זיין?

דער פּיראט האט ארויסגעלאזען א געלעכטער און האט געענטפערט:

— איהר ווילט וויסען, מיט וואס פאר א רעכט איך בין אנגעפאלען אויף אייך, ניט נור א קוק אויף מיין שווארצען פלאג, ער איז פּונקט אזוי שטארק אין דיעזע וואסערן, וויא דער רויטער פלאג מיט'ן דאפּעל קרייץ פון ענגלאנד.

— איהר זייט א פיראט! א מעער רויבער! האט נארפארד געשריען אויסער זיך.

— גאטס גנב! ווער זאגט דיר דען, אז איך בין קיין פיראט? איך בין א מעער רויבער און לאך פון אלע פראנצויזען און ענגלענדער אין דער וועלט. אלע האבען פאר מיר מורא, ווייל איך בין דער שיפסקאפיטאן פון „רויטען האי פיש“.

ער האט זיך דאן געווענדעט צו זיין באנדע און האט געזאגט שטרענג:

— וואו איז דער שיפסקאפיטאן? ברענגט מיר דעם קערל!

אין איינינע מינוטען ארום האט מען געבראכט דעם אונגליקליכען שיפס־קאפיטאן. ער איז געוועזן פערוואונדעט און דאס בלוט האט זיך איהם געגאסען איבערן געזיכט און איבער זיינע קליידער. עס איז געוועזן דייטליך, אז ער האט זיך שטארק געוועהרט געגען דיא רויבער.

— געהערט דיר דיא „ליליע“? — האט דער רויבער הויפטמאן געפרעגט דעם שיפסקאפיטאן.

— דיא „ליליע“ געהערט צו דער אסט־אינדיש־כינעזישער קאמפאני,—האט דער שיפסקאפיטאן געענטפערט, — איך בין נור א בעאמטער פון דיעזער קאמ־פאני.

— וואו איז דאס זילבער, וואס איהר האט אויפ'ן שיף? ברענג עס אהער!

— איך האב קיין זילבער אויף מיין שיף,—האט דער אונגליקליכער שיפס־קאפיטאן געענטפערט,—דאס גאנצע געלד, וואס איך האב אום דאס שיף צו פער־זארגען, געפינט זיך אין מיין קאיוטע.

— שניידעט איהם אויף דיא זאהלען (גאָרעשוועס) פון דיא פיס און גיט איהם צו שמעקען אונזער פולווער! — האט קאָמאנדירט דער פיראט.

עטליכע רויבער האבען זיך ארויפגעווארפען אויפ'ן אונגליקליכען שיפסקא־פיטאן, האבען איהם צושניטען דיא זאהלען פון דיא פיס און האבען בעשאטען דיא וואונדען מיט רויטען און שרעקליך שטארקען קאיען פעפער. דאן האט מען איהם אפגעלאזען. דער אונגליקליכער האט אנגעהויבען צו טאנצען און צו שפרינ־גען פאר שרעקליכע שמערצען. דיא וואונדען אויף דיא פיס זיינען געוועזן לייכט, אבער דער שטארקער פעפער האט געברענט וויא פייער און דער אונגליקליכער האט געטאנצט, גלייך וויא ער וואלט געשטאנען אויף הייסע קוילען. דיא רויבער האבען ארויסגעלאזען א שרעקליכעס געלעכטער, ווען זיי האבען געזעהן, וויא ער טאנצט פאר שמערצען.

— ענגלישער הונד! — האט געשריען דער רויבער הויפטמאן, — מיינסט דוא, אז איך וויים ניט, אז אן ענגלישער קויפמאן אין שאנ־חאי האט דיר געגע־בען הונדערט שטיקער זילבער, דוא זאלסט זיי טראנספארטירען אין זיין קאנטאר אין קאלקוטא? מיינע שפיאנען אין שאנ־חאי קריעגען גוט בעצאהלט און דיענען מיר געטריי. — גיב מיר ארויס דאס זילבער, אדער איך וועל הייסען רייסען פון דיר דאס פלייש מיט הייס צוגליהטע אייזערנע צוואנגען!

ער האט ניט געוואוסט אויף איין אנטווארט פון דעם שיפסקאפּיטאן און האט געהייסען זיינע מאטראזען געהן אין קיך און צוגליעהן אייזערנע צוואנגען. דער אונגליקליכער שיפסקאפּיטאן האט געמוזט אויסזאגען, אז דיא שטיקער זיל־בער ליעגען אין א בעזונדער קעמערל אין פעסער פון וואסער. דער פּיראט האט געהייסען זיינע מענשען ארויפברענגען דאס זילבער, דאס געלד פון שיפסקאפּיטאנס קאיוטע און אלעס, וואס האט נור עפּעס א ווערטה.

באלד האט מען ארויפגעבראכט אלעס, וואס האט נור עפּעס א ווערטה און מען האט עס צונויפגעלעגט אויפ'ן דעק אין א גרויסען הויפען. וואס עס האט קיין ווערטה נעהאט פאר דיא רויבער, האט מען ארייגעווארפען אין מעער.

— אויפ'ן „רויטען האי פיש"! האט קאמאנדירט דער פּיראט.

זיינע מענשען האבען אנגעהויבען איבערצוטראגען אלע זאכען פון דער „ליליע" אויפ'ן „רויטען האי פיש". ווען זיי האבען אלעס איבערגעטראגען, האט דער פּיראט געגעבען א פייף און האט זיי געהייסען צונויפטרייבען אויפ'ן דעק אלע פּאסאזשירען פון דער „ליליע". אויך דיזען בעפעהל האט מען באלד אויסגע־פיהרט.

הענרי נארפארד האט אלעס צוגעזעהן מיט שרעק און פורכט. וואס האט ער געקענט מאכען איינער אליין? ער האט געזעהן, אז אויפ'ן דעק געפינען זיך נור בינעזען. דיא ענגלישע מאטראזען, אויסער דעם שיפסקאפּיטאן, האבען דיא רויבער געטייטעט. הענרי נארפארד האט געזוכט מיט דיא אויגען זיין בראוט און איהר מוטער. ער האט זיי אבער ניט געזעהן צווישען דיא פּאסאזשירען און האט שוין געהאפט, אז דיא רויבער האבען זיי ניט געפונען, אדער דער מאלאיע מאהאדרעע האט זיי ערגעץ בעהאלטען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז מא־האדרעע איז זעהר געטריי זיין געליעבטער.

ליידער, איז אויך דיזע האפענונג באלד צורונען געווארען. דער רויבער הויפּטמאן האט אווארף געטאהן א בייזען בליק אויף דיא פּאסאזשירען און האט אויסגערופען:

— מאהאדרעע! וואו איז מאהאדרעע?

דער מאלאיע איז באלד צוגעקומען צו איהם.

— וואו זיינען דיא צוויא פרויען, וועלכע איך האב דיר איבערגעגעבען?

דער מאלאיע האט אנגעהויבען צו שטאמלען, עפּעס צו זאגען און עפּעס צו בעטען. דער רויבער הויפּטמאן האט איהם אבער ניט געלאזען פיעל רעדען.

— ברענג דיא צוויא פרויען! האט ער געשריען.

מאהאדרעע איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען און איז באלד צוריקגעקומען מיט מאריא ראנעקאמפ און איהר מוטער. מאריא איז געווען בלייך וויא קאלך און האט עפּעס געזוכט מיט דיא אויגען. קוים האט זיא דערזעהן איהר געליעב־טען, איז צוגעלאפען צו איהם, איז איהם געפאלען אויפ'ן האלז און האט אנגע־הויבען צו וויינען. נארפארד איז געשטאנען בלייך און פינסטער.

פלוצלונג האט דער רויבערהויפטמאן אראפגעווארפען פון זיך דיא האלבע מאסקע. נארפארד און מאריא האבען איהם דערקענט. דאס איז געווען דשיאָ־וואני דיאוואָליאָ, דער איטאליענער.

— נון, מאריא, האט דער איטאליענער געלאכט, געדענקסט דוא, וואס איך האב דיר געשווארי׳ן, אז דוא מוזט ווערען מיין געליעבטע? דאמאלס האב איך דיך געבעטען, יעצט וועל איך דיר בעפעהלען. דשיאָוואני דיאוואָלאָ שפאסט ניט.

הענרי נארפארדס געזיכט איז געווארען אש גריי. מאריא׳ס מוטער אבער איז געפאלען אויף דיא קניע פאר׳ן רויבער, האט אנגעהויבען צו וויינען און צו ברעכען דיא הענד.

— האט מיטלייד מיט מיין קינד! נימט מיר אפ מיין קינד! דערמאנט אייך, אז מיין מאן און מיין טאכטער האבען אייך גערעטעט דאס לעבען!

— צום טייפעל מיט דיר, אלטע! האט דער פיראט געענטפערט גראב. איך האב פיינט אלטע וויבער, וויא שפינען. דענאך וועל איך דיך אויך מיט־נעהמען מיט דיין טאכטער און וועל דיר ערלויבען צו בלייבען לעבען איהר.

מאריא האט געגעבען א שרעקליכען געשריי און איז געפאלען אין אהנמאכט. נארפארד איז געפאלען אויף דיא קניע לעבען איהר.

— איך מוז מאכען אנ׳ענדע! האט דער פיראט אויסגעשריען, איך האב פיינט דיא געשרייען פון וויבער.

ער האט זיך געווענדעט צו זיין באנדע און האט זיי געהייסען ברענגען אלע פרויען, וועלכע האבען זיך געפונען אויפ׳ן שיף. אין איינינע מינוט האט מען גע־בראכט צו איהם אכט בינעזישע פרויען אין מעדכען, וועלכע האבען זיך געפונען אויף דער „ליליע“. קיין אייראפעאישע פרויען, אויסער מאריא און איהר מוטער, זיינען אויף דער „ליליע“ ניט געוועזן.

— קלייבט אייך אויס דיא פרויען, וועלכע איהר ווילט! האט דער פיראט קאמאנדירט.

דיא רויבער זיינען ארויפגעפאלען אויף דיא פרויען, וויא דיא טיגער; דיא עלטערע האבען זיי געשטאכען אדער אריינגעווארפען אין וואסער און דיא אינ־נערע האבען זיי אוועקגעפיהרט אן א זייט. זיי האבען אויסגעקליבען דרייסיג יונגע בינעזישע מעדכען.

— פיהרט זיי אוועק אויף אונזער שיף! האט קאמאנדירט דער פיראט.

זיינע מענשען האבען אויסגעפיהרט זיין בעפעהל. יעצט האט זיך דער פי־ראט געווענדעט צו מאריא ראנקאספ און האט איהר געזאגט:

— יעצט, מיין טייבעלע, קום דוא אויך מיט מיר! איך האב היינט גע־מאכט א גוטעס געשעפט און וויל אביסעל פרעהליך זיין.

הענרי נארפארד איז אויפגעשפרונגען, וויא אנ׳אפגעבריהטער און האט זיך געשטעלט פאר זיין ברויט.

— ריהר זיא ניט אן, מערדער! האט ער געשריען און האט זיך ארויסגע־
ווארפען אויפ'ן פיראט.

נאָרפארד האט זיך דערמאנט אן דיא אלטע יאהרען, ווען ער איז געווען א
קרעפטיגער מאטראָז. ער איז ארויפגעשפרונגען דעם פיראט אויפ'ן האלז און
האט אנגעהויבען איהם צו ווארגען. ווען נאָרפארד זאל געווען האבען אין דיא
הענד א מעסער אדער אנ'אנדער וואפע, וואלט ער געוויס געווען געטייטעט דעם
פיראט. ער האט אבער גאר ניט געהאט אין דיא הענד. אויסער דעם זיי'ען
באלד אויף איהם אנגעפאלען דיא רויבער און האבען איהם אוועקגעריסען פון
זייער הויפטמאן.

דער פיראט האט זיך אויפגעהויבען. זיין געזיכט איז געווען רויט ווי
פייער, זיינע אויגען האבען געברענט און זיין ברוסט האט זיך געהויבען פאר צארן
און פערדרוס. ער האט געהאפט זיין גרויסע און שווערע האק.

— טייטע מיך, מערדער? האט הענרי נאָרפארד געשריען, טייטע מיך או
טייטע זיא, וויא דוא האסט געטייטעט דיא מאטראזען פון דער „ליליע"!

דער פיראט האט אויפגעהויבען דיא האק, האט זיא אבער באלד אראָפּ־
געלאָזען. ער האט זיך עפּעס איבערלעגט, ער האט געווארפען א פינסטערן בליק
אויפ'ן יונגען גייסטליכען און האט זיך געווענדעט צו זיינע מענשען:

— נעהמט דעם יונגען שווארצען ראָק און בינדעט איהם צו צום געלענדער
פון שיף מיט'ן געזיכט צום „רויטען האי פיש".

צעהן שטארקע רויבער האבען זיך ארויפגעווארפען אויף הענרי נאָרפארד
האבען איהם געבונדען דיא הענד אויפ'ן רוקען און האבען איהם צוגעפיהרט צום
געלענדער לעבען פאָרקאסל. דאן האבען זיי איהם אריבערגעטראגען איבערן גע־
לענדער און האבען איהם צוגעבונדען אזוי, אז ער איז געהאנגען איבערן וואסער
מיט'ן געזיכט צום „רויטען האי פיש".

דער שרעקליכער פיראט האט זיך יעצט אומגעקוקט אין אלע זייטען און
האט דערזעהן דעם מאלאיע.

— מאהאדרעע, אהער! האט ער אויסגערופען.

דער מאלאיע איז צוגעגאנגען צו איהם. דער פיראט האט איהם געזאגט:

— נעהם דיעזעס מערכען און טראג זיא אריין אין מיין קאיוטע און בינד
זיא צו צו מיין בעטעל.

מאהאדרעע איז געפאלען אויף דיא קניע פאר'ן פיראט און האט אנגעהוי־
בען צו וועב[illegible]

— איך קען עס ניט טאהן, סאהיב! דיעזעס מערכען האט גערעטעט מיין
לעבען און האט אויסגעהיילט מיינע וואונדען. איך קען זיא ניט שלעפען מיט
געוואלד, האב מיטלייד מיט איהר, סאהיב!

— הונט! טוה, וואס איך הייס דיר! האט געשריען דער פיראט. איך
האב געזעהן, אז דוא ביזט ניט געקומען מיר העלפען, ווען דער גייסטליכער איז
אויף מיר אנגעפאלען. איך וועל דיר שוין ווייזען!

— בעשטראפט מיך, סאהיב! האט דער מאלאיע געבעטען, טייטע מיך! אבער בעליידיגט ניט דאס גוטע מערכען, וועלכע האט געטאהן אזוי פיעל גוטעס פאר מיר און פאר אייך! איך קען ניט זעהן, וויא זיא וויינט.

— אזוי, הונט! דוא קענסט עס ניט זעהן? האט דער פיראט געשריען. נון, גוט! איך וועל עס דיר שוין וויזען! — אנטאניא! דיאז!

צווייא רויבער זיינען צוגעקומען צו איהם.

— נעהמט דיעזעס מעדכען, טראגט זיא אריין אין מיין קאיוטע און בינדעט זיא צו אוף מיין בעטעל. דאן שיקט מיר אהער פינף מאן.

דיא רויבער האבען ארויסגעריסען דיא אונגליקליכע מאריא ראנעקאמפ פון איהר מוטער און האבען אנגעהויבען זיא צו שלעפען אויף דעם „רויטען חאי פיש“.

— רעטע מיך, הענרי! רעטע מיך, מיין געליעבטער! האט מאריא געווינט.

הענרי נארפארד האט געזעהן וויא מען שלעפט זיין געליעבטע אויפ׳ן דעק פון׳ם „רויטען האיפיש“, זיין הערץ איז צעררימען געוואָרען אויף שטיקער, ער האט אבער גאר ניט געקענט העלפען. ער איז געוועזען פעסט צוגעבונדען צום געלענדער פון דער „ליליע“, און האט זיך ניט געקענט העלפען.

ווען דיא רויבער זיינען פערשוואונדען געוואָרען מיט דער אונגליקליכער מאריא ראָנעקאמפ, האט דער פיראט געהייסען אבבינדען דיא באָאָטע פון דער „ליליע“, זיי צוהאקען און צו אריינווארפען אין וואסער. דאן האט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון זיינע מענשען און האט איהם געזאגט:

— שיק מיר מיין צימערמאן און ברענג דיא בריליאנטענע רינגען.

אין איינינע מינוטען ארום איז געקומען דער צימערמאן פון „רויטען חאי פיש“ און איינער פון דיא רויבער האט געבראכט צווייא גרויסע אייזערנע רינגען זייא האבען אויסגעוויעזען, וויא האלז בענדער און זיינען געוועזען פון אינווייניג אנגעשלאגען מיט ניט שארפע שפיצען. דער פיראט האט זיך געווענדעט צו מאהאדרעע און האט איהם געזאגט:

— ווייסט דוא, וואס דיעזע רינגען בעדייטען? ווייסט דוא וואס מען טהוט מיט זייא? געדענקסט דוא, וויא דיעזע רינגען האבען צו בראָכען דיא ביינער פון דיא הענד און דיא פיס פון יענעם קויפמאן, וועלכען מיר האבען געפאנגען לעבען דער אינזעל פאָרמאָזא?

מאהאדרעע האט געשוויעגען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, צו וואס מע' בענוצט דיעזע שרעקליכע רינגען.

— געה און בינד צו יענעם מעדכען צו מיין בעטעל, האט דער פיראט וויטער געזאגט.

— איך קען עס ניט, סאהיב! האט דער דער מאלאיע געבעטען, זיא האט מיר גערעטעט דאס לעבען און האט געהיילט מיינע וואונדען. איך קען ניט זעהן איהרע טרערען. — טייטע מיך, סאהיב, אבער האב מיטליידען מיט איהר.

— איך פרעג דיך צום לעצטען מאל! ווילסט דוא טאהן, וואס איך הייס דיר? האט דער פיראט אויסגערופען.

מאהאדרעע איז געליעגען אויף דיא קניע און האט געבעטען, אז דער פיראט זאל זיך דערבארמען אויף דיא אונגליקליכע מאריא ראָנעקאמפּ.

— בינדעט איהם! האט געשריען דער פיראט. לעגט איהם אריין דיא בירנע אין מויל!

דיא בירנע איז געוועזן א קייזעבדיג שטיקעל האליץ וועלכע האט אויסגעוויזען וויא א בירנע. מען האט זיא אריינגעשטעקט דעם אונגליקליכען מאהאדרעע אין מויל ער זאל ניט קענען שרייען.

— איך פרעג דיך נאך א מאל, ווילסט דוא פאלגען וואס איך הייס דיר? האט דער פיראט געפרעגט דעם אונגליקליכען מאלאיע.

מאהאדרעע האט ניט געענטפערט.

— טהוט איהם אן דיא רינגען! האט געשריען אויסער זיך דער פיראט.

מען האט אנגעטאהן דעם אונגליקליכען מאלאיע אן אייזערנעם רינג אויףביידע פיס אונטער דיא קניע. דיא שפיצען פון'ם רינג, וועלכע האבען אויסגעוויזען, וויא דיא קעפּ פון גרויסע נעגעל, האבען זיך איינגעביסען אין זיין ברוין געלע-פלייש. דאן האט מען איהם אנגעטאהן נאך אזא רינג אויף ביידע הענד. דיא רינגען זיינען געוועזן מיט שרויפען. מען האט געקענט זייא צונויפשרויפען זעהר שטארק. פון דעם רינג אויף דיא הענד צו דעם רינג אויף דיא פיס האט מען געצויגען א דינע אייזערנע קייט, וועלכע האט צו זאמען געהאלטען ביידע רינגען און האט צונויף געדרעהט דעם קערפער, וויא א קנויל.

— דיא שטאנג! האט געשריען דער פיראט.

מען האט איהם יעצט געבראכט א שטאנג און מען האט זיא דורכגעשטעקט צווישען דיא קערפער און דיא קייט, וועלכע האט צוזאמענגעהאלטען ביידע רינגען.

— איהם אויפהענגען לעבען זיין פריינט, דעם צבועיאק און גאטס גנב! האט קאָממאנדירט דער פיראט. לאזען זייא ביידע געהן צום טייפעל!

מען האט אויפגעצויגען דעם אונגליקליכען מאהאדרעע! בייא דער שטאנג, ניט ווייט פון העגרי נארפארד. בעשרייבען דיא שמערצען, וואס א מענש פיהלט ווען ער העננט אין אזא לאגע, בין איך ניט! אימשטאנד. קיינער איז עס ניט אים שטאנד. אזעלכע מארטער האט נור געקענט אויסגעפינען דיא ווילד פאנטאזיע, פון דיא בינעזען. בייא זייא איז דא אזא שטראפע פאר געוויסע פערברעכער.

ווען דער מאלאיע איז געהאנגען ביי דיא הענד און דיא פיס, האט דער פיראט געהייסען טייטען אלע אייראָפּער און זיי אריינוואפען אין מעער, דיא בינעזען אבער האט ער געהייסען אריינטרייבען אין דיא אונטערשטע קאיוטען און פערשלאָגען דיא טהירען מיט שטארקע נעגעל.

— יעצט בינדעט צו דיא „ליליע“ צום „רויטען האי פיש“,— האט קאמאנ־דירט דער פיראט, — היינט האבען מיר א פייער טאג. מיר האבען יונגע פרויען און גראָג. שנעל, קינדער! מיר וועלען היינט לעבען א גוטען טאג!

דאס בערויבען פון דער „ליליע„ דאס איבערטראגען פון אלע טהייערע זאַכען פון דער „ליליע“ אויפ'ן „רויטען האי פיש“ און דיא אנדערע שרעקליכע אר־בייטען האבען פערנומען דעם גאנצען טאג. דיא זון האט שוין געהאלטען ביים אונטערגעהן, ווען אלעס האט זיך געענדיגט. אויף דער „ליליע“ איז ניט געבליע־בען קיין אייראפעער אויסער הענרי נארפארד, וועלכער איז געווען צוגעבונדען צום גשלענדער און האט געמוזט זעהן אלעס, וואס עס איז פארגעקומען אויפ'ן „רויטען האי פיש“.

צוערשט האט מען אראפגענומען דעם שווארצען פלאג מיט דיא גאלדענע בוכשטאבען און מען האט ווידער אויפגעצויגען דעם אמעריקאנישען פלאג מיט דיא ווייסע שטערן אויפ'ן בלויען פעלד און דיא רויטע און ווייסע שטרייפען פון אונטען. דער „רויטער האי פיש“ איז ווידער געווארען דיא אונשולדיגע „זעע שוואלבע“. פון דער „ליליע“ האט מען אראפגעריסען דעם ענגלישען פלאג און מען האט איהם ארייגעווארפען אין וואסער. דאן האט מען צוגעבונדען דיא „לי־ליע“ מיט שטארקען שטריק צו דער „זעע שוואלבע“.

ווען אלעס האט זיך געענדיגט, איז דיא זון שוין אונטערגעגאנגען. עס איז געווען פינסטער. מען האט אנגעצונדען ליכט אין דיא קאיוטען פון דעם פיראַ־טען שיף און מען האט זיך געזעצט טרינקען.

דער אונגליקליכער מאהאדרעע און הענרי נאָרפאָרד זיינען געווען אזוי נאָהענט איינער צום אנדערן, אז זיי האבען געקענט רעדען מיט אנאנדער.

— האף אויף גאָט! — האט הענרי נאָרפארד געטרייסט דעם אונגליק־ליכען.

— אויף וועלכען גאט! — האט דער ווילדער מענש געפרעגט. — איהר קריסטען זאגט, אז אייער גאט איז א גוטער און גערעכטער. הייסט דאס גוט און גערעכט, ווען מיר זיינען געבונדען דא און דארט טרינקען דיא רויבער און מערדער און פרעהען זיך?

הענרי נארפארד האט זיך פערשעהמט און האט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערן. אלס גייסטליכער, אלס מיסיאנער האט ער געמוזט פערטהיידיגען זיין גאט.

— גאט איז גוט און גערעכט,— האט ער ענדליך געזאגט, ער בעשטראפט אבער, ווען מען זינדיגט נעגען איהם. מיר האבען געוויס געזינדיגט, — דערפאר בעשטראפט ער אונז.

— ניין, סאהיב, ניין! — האט געזיפצט דער מאלאיע, איך פערשטעה ניט אזא גאט, איך קען ניט דיענען אזא גאט. מיר געפעלט בעסער אונזער גאט.

— וואס פאר א גאט האסט דוא דען? — האט דער מיטיאנער געפרעגט.

— מיין גאט איז א שלעכטער, א בייזער, א צאָרניגער. ער האט פיינט דיא מענשען און זוכט זיי שלעכטעס צו טאהן. מיר מוזען איהם איבערבעטען. מיר מוזען איהם ברענגען אפפער (קרבנות), צווייא מאל אין יאהר ברענגען מיר איהם מענשען אפפער. ווען דיא מענשענאפפער געפעלען איהם, לאזט ער דיא מענשען צו רוה און טהוט זיי קיין שלעכטעס. ווען זיי געפעלען איהם אבער ניט· שיקט ער אויף זיי אן קראנקהייטען, א הונגער און ווייערע פיינד. דאס הייסט א גאט! אזא גאט פערשטעה איך.

וואס האט חענרי נאָרפאָרד געקענט ענטפערן אזא חאלב ווילדען מענשען? ער האט אבער אויך ניט געקענט ענטפערן, ווייל אין דיעזע מינוט האט מען גע־הערט געזאנג און געשריי אויפ'ן דעק פונ'ם "רויטען האי פיש". דיא ווילדע מאט־רואזען און רויבער האבען אנגעהויבען זייער ווילדען באלל. אין דעם פרעהליכען געלעכטער און געזאנגען פון דיא רויבער האבען זיך ארייינגעמישט געשרייען און געוויין פון דיא אונגליקליכע פרויען.

חענרי נאָרפארד האט א ציטער געטאהן. ער האט געהערט דיא ווילדע שטימען פונ'ם רויבער הויפטמאן, וויא ער האט אויסגערופען:

— זייט לוסטיג! קיצעלט דיא ווייבער מיט אייערע מעסער, ווען זיי ווילען ניט לאכען און פרעהליך זיין!

חענרי נאָרפארד האט געזעהן, וויא דער רויבער הויפטמאן איז ארייינגעקר־ראָכען אין זיין קאיוטע און האט געהייסען ברענגען וויין און אלערליי עסענס. דאן האט ער אפגעבונדען דיא אונגליקליכע מאריא ראנעקאמפ פון זיין בעט און האט געהאלט זיא ארומנעהמען. נארפארד האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט אנגעהויבען צו שרייען מיט אלע זיינע קרעפטע:

— מערדער! האב מיטלייד מיט דעם אונשולדיגען קינד!

— אחא! ער זינגט שוין, דער גאטס גנב! האט געענטפערט דער רויבער הויפטמאן. לאז ער דארט זינגען, שעהנע מאריא! מיר ו,עלען דאָ לוסטיג זיין.

נאָרפארד האט זיך געריסען און געדרעהט, עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. דיא פעסטע שטריק האבען איהם געהאלטען פעסט צוגעבונדען צום געלענדער פונ'ם שיף. ער האט געזעהן, וויא דער ווילדער רויבער האט ארומגע־נומען זיין געליעבטע...

פלוצלונג האט מען געהערט ווילדע געשרייען אונטען אין דיא קאיוטען פון דער „לילי".

— וואסער! דאס וואסער! העלפט! רעטעט אונז!

— דערבייא האט מען אונטען געקלאפט, געריסען און געקראצט דיא ווענד.

— וואס איז דאס, מאחאדרעע? האט נארפארד א געשרייא געטאהן וועלכע אונגליקליכע שרייען עס דארט?

— איהר ווייסט ניט סאהיב, וואס דיא מאטראָזען פון'ם „רויטען האַי פיש" האבען געטאהן. האט מאהאדרעע געענטפערט. — קוים האבען דיא פיראטען אבגענומען דאס שיף, האט דער רויבער הויפטמאן געהייסען מאכען עטליכע לעכער אין באָדען פון'ם שיף. דאס וואסער דרינגט יעצט אריין. עס איז שוין אנ־געקומען צו דיא קאיוטען. דיא אונגליקליכע בינעזען, וועלכע זיינען פערשפארט אין דיא קאיוטען אונטען, פיהלען שוין וויא דאס וואסער קומט אן און שרייען און בעטען, אז מען זאָל זייא רעטען.

ערשט יעצט האט נארפארד זיך אומגעקוקט און האט דערזעהען, אז דיא „ליליע" זעצט זיך אראפ אימער נידעריגער און ניעדריגער — זיא געהט אונטער! פריהער איז עס אויסגעקומען פיעל העכער פון'ם דעק פון'ם „רויטען האַי פיש" יעצט איז עס שוין ניעדריגער פון איתם. דיא געשרייען, געוואלדען און קלאפען אונטען אין דיא קאיוטען זיינען אלע מאל שוואכער געוואָרען. דיא קאיוטען זיינען פול געווארען מיט וואסער און דיא אונגליקליכע בינעזען האבען אנגעהויבען דער־טרונקען, צו ווערען, איינער נאכ'ן אנדערען.

נארפארד האט עפעס געמורמעלט. ער האט געבעטען. ער האט יעצט פערשטאנען, וויא דער רויבער, דזשיאוואַני דיאוואָלאָ האט זיך אן איהם נוקם געווען.

— דוא רופסט נאך צו דיין גאט, סאהיב? האט דער מאלאיע געפרעגט, זעהסט דוא דען ניט, אז מיין גאטט איז דער ריכטיגער? מיין גאט איז דער בייזער, פינסטערער צאָרניגער גאט, וועלכער האט פערגניגען פון ליידען און שמער־צען פון דיא מענשען, דערפאר ערלויבט ער, אז דיא מענשען זאָלען איינער דעם אנדערען פלאגען און מארטערן.

נארפארד האט ניט געענטפערט. דאס וואסער פון'ם מעער האט שוין בע־נעצט זיינע פיס. ער האט אראפגעלאזען דעם קאָפּ אויף דיא ברוסט און האט ערווארטעט דעם טויט.

אין דיא קאיוטען און אויפ'ן דעק פון'ם „רויטען האַי פיש" זיינען אויסגע־לאשען געווארען דיא ליכט. עס איז געווארען פינסטער אויפ'ן מעער, פינסטער אויף דער „ליליע" און פינסטער אויפ'ן „רויטען האַי פיש". קיין שטערן האט בע־לייכטעט דעם הימעל, נור אין מעער האט מען געזעהן פון צייט צו צייט העכע פאסען. דאס זיינען געווען האַי פיש. זיי האבען דערשמעקט, אז זיי וועלען באלד האבען, וואס צו עסען . . .

דיא „ליליע" איז אונטערגעגאנגען זעהר לאנגזאם. ווען דיא רויבער וואלטען ניט פערשלאגען אזוי שטארק דיא טהירען פון דיא קאיוטען, וואלט זיא שוין לאנג געווען אונטערגעגאנגען. דער פיראט האט אבער געהייסען, אז מען זאָל זיי שטארק פערשלאגען. זיי האבען זיך אנגעפילט מיט וואסער פון אונטען, דאס וואסער האט אבער ניט געהאט, וואו ארויסצוגעהן און דאס שיף האט ניט געקענט אונטערגעהן.

אין דער געשיכטע פון רייזען אויפ'ן מעער געפינען מיר דיישפיעלע, וואו א שיף מיט א לאך אין בארען האט אויסגעהאלטען אכט ביז צעהן טעג אויף אזא ארט און איז ניט אונטערגעגאנגען, זא לאנג דאס וואסער האט ניט דורכגעבראָכען דיא ווענט פון דיא קאיוטען. עס זיינען פארגעקומען פעלע, וואו דאס וואסער פון מעער האט בעדעקט דעם דעק פון'ם שיף און דאך האט זיא זיך געהאלטען, ביז אלע קאיוטען און אלע קעמערליך זיינען פול געווארען מיט וואסער. ערשט דאן איז דאס שיף אונטערגעגאנגען.

יוער עס האט בעטראכט, וויא איין עמער וואסער שווימט אין א טייך, דער קען זיך מאכען א בעגריעף, וויא אזוי א שיף פול מיט וואסער קען נאך שווימען א לאנגע צייט און ניט אונטערגעהן.

....

דיא נאכט איז פערגאנגען. אין אָסטען האט זיך געוויזען א רויטער פאס ליכטיגקייט. עס איז געווארען העלער און העלער. דיא זון האט זיך נור וואס געוויזען אויפ'ן מעער און האט בעלייכטעט ביידע שיפען. אויף ביידען איז געווען שטיל. דיא „ליליע" איז שוין געווען מיט'ן דעק גלייך צום וואסער. העגרי נארפארד איז געשטאנען אין וואסער ביז אין דיא קניע. דער אונגליקליכער מאלאיע האט שוין ניט געקענט רעדען. ער איז געהאנגען אויף זיין שטאנג, וויא טויט. אויפ'ן „רויטען האי פיש" זיינען דיא רויבער געשלאפען, וויא דיא געהרגעטע.

פלוצלונג האט מען זיך אנגעהויבען צו ריהרען אויפ'ן „רויטען האי פיש". דער ערשטער אפיציער האט זיך אויפגעכאפט און האט דערזעהן, אז ער האט פערגעסען אויסצושטעלען וואכען. ער האט באלד אויפגעוועקט דעם שיפסקאפיטאן. דשיאָוואני דיאוואלא איז אויפגעשפרונגען און האט געהייסען, מען זאל איהם שיקען צוויא בינעזער מעדכען. ווען זיי זיינען אריינגעקומען, האט ער זיי געזאגט:

— היט אפ דיעזע פרוי, זיא איז אייער הערין. איהר מוזט טאהן, וואס זיא וועט אייך ה ייסען.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו מאריא ראָנעקאמפ און האט איהר געזאגט:

— וויין ניט, מיין טהייערע, עס וועט דיר זיין גוט ביי מיר. דיעזע צוויא בינעזען מעדכען וועלען דיך בעדיענען און וועלען פאלגען אלעס, וואס דוא וועסט זיי הייסען.

דיא אונגליקליכע מאריא האט געזיפצט שטילער, ווייט און האט ניט געענטפערט. דער פיראט איז ארויסגעלאפען אויפ'ן דעק זעהן, וואס עס טהוט זיך אויפ'ן שיף. ער האט געפונען, אז מען האט ניט אויסגעשטעלט קיין וואכען און מען האט זיך ניט אומגעקוקט, וואס עס טהוט זיך אויפ'ן מעער.

— שנעל אויפ'ן זעגעלבוים! — האט ער קאמאנדירט צו איינעם פון דיא מאטראָזען, — זעה, וואס עס טהוט זיך אויפ'ן וואסער!

דאן האט ער א קוק געטאהן אויף דער „ליליע" און האט דערזעהן, דיא העגרי נארפארד און מאהאדרעע הענגען נאך אלץ אויפ'ן געלענדער.

— צום טייפעל! — האט ער אויסגערופען, — ער לעבט נאך! דיא „ליליע" איז נאך ניט אונטערגעגאנגען? בינדעט אפ דעם שטריק! לאזט זיא אונטער־געהן!

דער ווילדער רויבער האט גערעכענט, אז דיא „ליליע" איז ניט אונטערגע־גאנגען, וייל זיא איז געווען צו געבונדען צום „רויטען האי פיש". עס איז באלד צוגעקומען א מאטראז און האט אנגעהויבען אפצובינדען דעם שטריק, וועלכער האט געהאלטעןביידע שיפען צוזאמען.

אין דיעזע מינוט האט דער פיראט דערזעהן, וויא א ווייסע פרויען געשטאלט איז ארויסגעשפרונגען פון זיין קאיוטע מיט א שרעקליכען געשריי:

— הענרי! מיין געליעבטער הענרי נארפארד! איך קום צו דיר! — איז זיא צוגעלאפען צום געלענדער פון שיף.

— מאריא, וואס טהוסט דוא? — האט דער פיראט געשריען און איז צו־געלאפען צו איהר.

צו שפעט! מאריא ראנעקאמפ איז אריינגעשפרונגען אין מעער. איהר זיי־נען נאכגעשפרונגען דיא צווייא כינעזישע מעדכען, וועלכע דער פיראט האט גע־הייסען איהר בעדינען.

— דאס באאט! לאזט אראב דאס באאט! האט געשריען דער פיראט אויסער זיך, רעטעט זיא! שלעפט זיא ארויס פון וואסער!

ער איז אליין צו געלאפען צום געלענדער און האט געוואלט נאך שפרינגען נאך מאריא ראנעקאמפ, אין דיעזע מינוט אבער האט דער מאטראז, וועלכער איז געשטאנען אויבען אויף'ן זעגעלבוים און האט ארויס געקוקט אויפ'ס מעער, אויס־גערופען:

— אהאי! קאפיטאן, אהאי!

— וואס איז? האט געפרעגט דער פיראט.

— איך זעה א שיף, א גרויסע שיף, האט געענטפערט דער מאטראז פון אויבען, מיר דאכט, אז דאס איז א קריעג שיף.

— פערדאמט! טייפעל! האט זיך געבייזערט דער פיראט און איז אויפ־געשפרונגען אויפ'ן דעק.

ער איז ארויף געלאפען אויף דיא שטריק לייטער, וויא א קאץ, האט גענו־מען זיין פערנגלאז (ספעקטיוו) און האט אקוק געטאהן אין דער זייט, וואו מען האט געזעהן דאס פרעמדע שיף. דער ווילדער רויבער איז בלייך גע־ווארען.

— דאס איז דיא „וועגדזשענס", אן ענגלישעס קריעגס־שיף, האט ער גע־מורמעלט. זיא זוכט מיך שוין לאנג, — זיא האט מיך אבער ניט געקענט תא־פען. — יעצט...

ער איז אראב געלאפען אויפ'ן דעק און האט געהייסען אנגרייטען דיא קא־נאנען און אויפציהען אלע זעגעל. אונטערדעסען איז זיך דיא „ליליע" אוועק גע־

שוואומען ווייט פון׳ם „רויטען האי פיש״. קיינער האט זיך אויף איהר ניט אומ־געקוקט. דיא אונגליקליכע מאריא האט מען פערגעסען. מען וואלט איהר שוין אויך ניט געקענט העלפען. זיא האט זיך זאגאר ניט געראנגעלט מיט דעם וואסער. זיא איז אראבגעפאלען, וויא א שטיין און איז באלד דערטרונקען געווא־רען. העגרי נארפארד האט געהערט איהר געשרייא און האט געזעהן, וויא זיא איז אראבגעשפרונגען אין וואסער און איז דערטרונקען געווארען. וואס האט ער אבער געקענט העלפען? ער אליין האט זיך קוים גערוהרט. דיא שטריק, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעבונדען צום געלענדער האבען איהם איינגעשניטען דיא הענד ביז בלוט.

— וואס זאלען מיר טאהן מיט דיא טייפעל, וועלכע זיינען צו געבונדען צו דער „ליליע״? האט געפרעגט איינער פון דיא מאטראָזען.

— יעצט איז צו שפעט נאכצושיקען א באָאָט אום זייא צו טייטען, האט האט דער פיראַט געענטפערט, לאזען זייא געהן צום טייפעל! איידער דער ענג־לענדער וועט צו קומען צו זייא, וועט דער צובראָכענער שארבען (דיא „ליליע״) אונטערגעהן. — ברענגט אהער דיא ווייבער.

— אללע קאפיטאן?

— ברענגט זייא אהער אללע! האט דער רויבער קאמאנדירט.

אין איינינע מינוטען האט מען צוזאמען געבראכט אלע כינעזישע פרויען וועלכע מען האט געסטערן אדיבער געבראכט פון דער „ליליע״. זייא זיינען געווען בלייך, דיא אונגליקליכע. זייערע האאר זיינען געווען צו ווארפען, זייערע קליי־דער צוריסען און זייא האבען געציטערט, וויא אין א פיעבער. זייא האבען ניט געוואוסט, דיא אונגליקליכע, וואס עס ערווארטעט זייא. וויא שעפסען האבען זייא זיך צונויפגעדרענגט אין איין ארט, גלייך וויא יעדע האט געזוכט הילף און שוץ בייא דער אנדערער.

— קאמעראדען! האט געזאגט דער שיפס קאפיטאן פון פיראַטען שיף, מיר קענען דיעזע פרויען ניט האלטען בייא אונז אויפ׳ן שיף. ווען דער ענגלענדער וועט אונז אניאגען און וועט געפינען דיעזע פרויען בייא אונז, זיינען מיר פער־לארען. — ווארפט זייא אריין אין מעער! שנעלל! דיא האי פיש ווארטען אויף זייא!

יעצט האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע סצענע. דיא אונגליקליכע מעדכען און פרויען האבען פערשטאנען אדער געפיהלט וואס מען וויל מיט זייא טאהן. זייא האבען אנגעהויבען צו קלאגען, צו וויינען און ארומצולויפען אויפ׳ן דעק, וויא ווא ווהאנזיניגע. דיא רויבער האבען אנגעהויבען זיך נאך צו יאגען נאך זייא. קוים האבען זייא געהאפט איינע, האבען זייא זיא באלד אריינגעווארפען אין מעער. איינינע זיינען געפאלען אויף זייערע קניע, האבען געוויינט און געבעטען מען זאל זייא שענקען דאס לעבען. אנדערע האבען זיך אליין אריינגעווארפען אין מעער.

דיא סצענע איז געווען שרעקליך, שוידערהאפט, אונבעשרייבליך. אין א פיערטעל שטונדע ארום איז אויפ'ן „רויטען האי פיש“ נ״ט געבליעבען ניט איין פרזי. ווען דער דעק איז געבליעבען ריין, האט מען זיך פערטיג געמאכט צו אנט־לויפען פון'ם ענגלישען קריעגס שיף, „דהי ווענדשענס“, וועלכעס איז אונטערדע־סען צו געקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער.

אויף דעם ענגלישען קריעגס שיף האט מען זעהר גוט געזעהן, אז עס שווי־מען צוויא שיפען. איינע געהט גאנץ טיעף אין וואסער און אויף איהר געפינט זיך קיין פלאג. און דיא אנדערע האט אויפגעצויגען דעם אמעריקאנישען פלאג, זעלבעטפערשטענדליך, אז דער ענגלישער שיפסקאפיטאן איז צוגעקר־מען פריהער צו דער „ליליע“. א שיף אהן א פלאג איז איהם פארגעקומען פערדעכטיג, עפעס איז דא ניט גלאט! וויא גרויס איז געווען דיא איבערראשונג פון ענגלישען שיפסקאפיטאן מיט זיינע מאטראזען, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער „ליליע“ און האבען ניט געזעהן אויף איהר קיין לעבעדיגען מענשען.

— דאָ האט פאסירט עפעס אנ'אונגליק! האט אויסגערופען דער שיפס־קאפיטאן פון דעם ענגלישען קריעגס שיף.

ער האט געהייסען אראפלאזען א באָאט מיט צעהן מענשען זעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דער "ליליע". דיא ענגלענדער זיינען ארויפגעקומען אויף דער „ליליע“ און האבען געפונען הענרי נארפארד און דעם מאלאיע מאהאדרעע. הענ־רי נארפארד איז געלעגען אין אהנמאכט. דיא שמערצען, וועלכע ער האט אי־בערגעליטען הענגענדיג אויפ'ן געלענדער, דער שרעקליכער טויט פון זיין געליעב־טער און פון זיין שווינער מוטער—אלעס צוזאמען האט אויף איהם אזוי געווירקט, אז ער איז געווען האלב טויט, ווען דיא ענגלענדער האבען איהם אפגעבונדען און האבען איהם אריבערגעפיהרט אויף דיא „ווענדשענס“.

מאהאדרעע איז געווען טויט, ווען מען האט איהם אפגעבונדען פון דיין שטאנג. דיא ענגלענדער האבען איהם אנפאנגס געוואלט ארייגווארפען אין וואַ־סער, איינער אבער האט בעמערקט, אז מאהאדרעע איז נאךווארם.

— לאמיר איהם אויך מיטנעהמען, פיעלייכט וועט מען נאך קענען איהם העלפען, האט ער געזאגט צו זיינע קאמעראדען.

אויפ'ן ענגלישען שיף איז געווען א דאקטאר. ער האט באלד געטאהן אלעס מעגליכע, אום צו רעטען דאס לעבען פון דיא צוויא אונגליקליכע. ווען הענרי נארפארד האט געעפענט דיא אויגען, איז זיין ערשטעס ווארט געווען:

— מאריא! אונגליקליכע מאריא!

— נארפארד, דוא ביזט עס! האט געשריען דער ענגלישער שיפסקאפי־טאן.

— ביינברידש! האט געשטאמעלט נארפארד.

זיי האבען זיך דערקענט. הענרי נארפארד און דער ענגלישער שיפסקא־פיטאן ראלף ביינברידש זיינען געווען קאמעראדען. זיי האבען צוזאמען געדיענט אויף דער „וואטערלאא“.

— ראלף ביינברידש! פריינד, קאמעראד! דוא ביזט עס? האט העגרי נארפארד אויסגערופען.

ביידע קאמעראדען האבען זיך ארומגענומען און האבען געוויינט פאר פרייד און לייד. קאפיטאן ביינברידש האט אנגעהויבען אויסצופרעגען הענרי נארפארד וויא ער קומט אהער און וואו עס זיינען אהינגעקומען דער שיפסקאפיטאן און דיא מאטראזען פון דער „ליליע".

— דער „רויטער האי פיש", האט נארפארד געענטפערט.

מעהר האט ער ניט געקענט ריידען. זיינע קרעפטען האבען איהם פערלאזען און ער איז ווידער געפאלען אין אהנמאכט. דער דאקטאר איז באלד צוגעלאפען צו איהם, האט איהם געגעבען א מעדיצין און האט געהייסען דעם שיפסקאפיטאן מיט זיינע מענשען ארויסגעהן פון דער קאיוטע. דער קראנקער מוז האבען פאלשטענדיגע רוהע. הענרי נארפארד איז באלד אנטשלאפען געווארען. דאס האט געוואלט דער דאקטאר.

יעצט ערשט האט דער דאקטאר זיך גענומען צו מאהאדרעע. מיט שווערער מיה איז עס געלונגען אראפצונעהמען דיא רינגען פון זיינע הענד און פיס. דיא שטומפיגע שפיצען פון דיא רינגען, דיא קעפ פון דיא נעגעל האבען זיך אזוי איינגעגעסען אין זיין פלייש, אז מען האט זיי אראפגענומען מיט שטיקער פלייש. זאגאר דיא אלטע מאטראזען, וועלכע זיינען שוין געווען אין פיעלע שלאכטען און האבען שוין געזעהן וואונדען און וויא מענשען שטארבען, האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען ביי דיעזען אנבליק און האבען געוויינט, וויא דיא קליינע קינדער.

דער ענגלישער שיפסקאפיטאן האט יעצט געוואוסט, אז ער האט געהאט פאר זיך דעם שרעקליכען רויבער, וועלכען מען פלעגט רופען „דער רויטער האי פיש", וויא זיין שיף האט געהייסען. ער האט געהייסען איהם נאכיאגען, עס איז שוין אבער געווען צו שפעט. דיא „וואנדערשענס" האט פערלארען פיעל צייט מיט דער רעטונג פון הענרי נארפארד און מאהאדרעע, דערווייל איז דיא „רויטע האי פיש" אוועקגעפאהרען עטליכע מייל און עס איז שוין אונמעגליך געווען איהם צו דערגרייכען.

ראלף ביינברידש האט זיך יעצט געאיילט צו צוקומען צו א פארט, וואו ער וועט קענען איבערגעבען זיין קראנקען קאמעראד. דאס איז אבער ניט נעטהיג געווען. דעם אנדערן טאג איז הענרי נארפארד געווען אזוי וויים געזונד, אז ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און האט געבעטען, מען זאל איהם שיקען זיין פריינד, דעם ענגלישען שיפסקאפיטאן.

— וואס ווילסט דוא, הענרי? האט דער ענגלישער שיפסקאפיטאן געפרעגט.

— ראכע! בלוטיגע ראכע פאר מאריא!

דער שיפסקאפיטאן האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ און האט געשטאמעלט:

— ער איז אנטלאָפען! אין דער צייט, וואס מיר האבען זיך בעשעפטיגט מיט דער „ליליע“ און האבען אייך גערעטעט, איז דער פיראט אנטלאָפען. איך האב איהם נאכגעיאגט. ער איז אבער ערגעץ פערשוואונדען געווארען.

41טעס קאפיטעל.

מיר ליידען הונגער.

דער ערצעהלער האט געשוויגען. דיא צוהערער האבען אויך געשוויגען עטליכע מינוט. ענדליך האט איינער פון דיא מאטראָזען געפרעגט:

— איז שוין אייער געשיכטע צו ענדע? וואס איז געווארען פון הענרי נאָרפארד? וואס איז געווארען פון׳ם „רויטען האי פיש“ אדער פון דעם פיראט?

— אייניגע טליך האב איך אייך מעהר ניט וואס צו דערצעהלען, האט געענטפערט דער איטאליענער. אזוי וויא איהר זייט דאך אבער נייגעריג צו וויסען, וואס עס איז געווארען פון דיא צווייא הויפט פערזאנען פון מיין ערצעהלונג, וועל איך עס אייך דערצעהלען.

דאס ענגלישע שיף האט געבראכט הענרי נאָרפארד מיט מאַהאדרעע קיין שאנ־האי. דארט האט דער ענגלישער קאנסול איבערגעגעבען הענרי נארפארד א גראבען בריעף פון ענגלאנד. אין דיעזען בריעף האט מען איהם געמעלדעט, אז זיין אנקעל, לאָרד דריסדייל איז געשטארבען און האט איהם איבערגעלאזען א פערמעגען פון צווייא מיליאָן פונט סטערלינג און דעם טיטול לאָרד. הענרי נאָרפארד איז אלזאָ געווארען א רייכער מאן און א לארד.

מיט זעקס מאנאטע שפעטער איז אנגעקומען קיין שאנחאי אן ענגלישעס שיף מיט׳ן נאמען „דזהי אווענדשער“, דער רעבער (איש נקמה). דער שיפס־קאפיטאן פון דיעזעס שיף איז געוועזען לארד דריסדייל, אדער הענרי נאָרפארד. דאס שיף האט געהאט פיעלע קאנאָנען אויפ׳ן דעק און צווייא הונדערט געאיבטע סאלדאטען.

דער ענגלישער קאנסול און דיא כינעזישע רעגיערונג האבען איהם געגעבען אלע מעגליכע מיטעל ארומצופאהרען אין יענע וואסערן און אויסצוזוכען דעם „רויטען האי פיש“. לארד דריסדייל האט געשאסטען מיט געלד. ער האט געדונגען שפיאָנען און האט צוגעזאגט צו געבען א גרויסע סומע געלד דעם מענשען וועלכער וועט איהם ברענגען א נאכריכט, וואו דער „רויטער האי פיש“ געפינט זיך. עס איז איהם ענדליך געלונגען. א כינעזישער שפיאָן האט אויסגעפונען אז דער „רויטער האי פיש“ געפינט זיך ביי דיא אינזלען קיר־סיו.

לארד דריסדייל איז איהם נאכגעפאהרען און האט איהם געטראָפען לעבען א קליינער אינזעל. דער דורכגעטריבענער פיראט האט אבער אויך ניט געשלאָ־פען. ער האט אויך געהאט שפיאָנען און האט געוואוסט, אז מען פערפאלגט איהם. ער האט געוואוסט, אז ער קען זיך ניט שטעלען געגען לאָרד דריסדייל.

ער האט דאהער אראפגענומען פון'ם „רויטען האי פיש" אלעס גאלד און זילבער און טהייערע זאכען, וואס ער האט געהאט און האט איבערגעלאזען דאס שיף אליין פאר לארד דריסדייל. דער לארד האט געשאסען אויפ'ן שיף, האט זיא אפגענומען מיט געוואלד. ווען ער איז אבער ארויסגעגאנגען אויפ'ן דעק, האט ער געזעהן, אז קיינער איז ניטא.

— וואו איז ער אבער יעצט, דיעזער לארד? — האט איינער געפרעגט.

— ער פארט ארום אויף אלע מעערע זוכען דעם פיראט.

— וואו איז אבער דער פיראט? — האט געפרעגט אנ'אנדערער.

דער ערצעהלער האט געשוויעגען. איך האב מיך צוגעבויגען צו בען בראס און האב איהם געפרעגט שטילערהייט:

— איז דער ערצעהלער אליין דער פיראט אדער איז עס געווען אנ'אנדערער?

— איך וויים עס ניט גענוי, — האט בען בראס געענטפערט, — איך וויים נור, אז דער שיפסקאפיטאן פון דער „ראפינא" איז אמאל געווען א פיראט. דער איטאליאנער, וועלכער האט דערצעהלט דיעזע געשיכטע, איז אויך אמאל געווען א פיראט. ווער פוןביידען איז געווען דער שיפסקאפיטאן פון'ם „רויטען האי פיש", וויים איך ניט.

דיא ערצעהלונג פון'ם איטאליענער האט זעהר פעראינטערעסירט אללע מאטראזען. מיר האבען ווירקליך פערגעסען דעם הונגער דורך דיעזע ערצעהלונג. אללע זיינען געווען צופריעדען און מען האט ערווארטעט נייע און אינטערעסאנטע ערצעהלונגען אום זיך צו פערטרייבען דעם הונגער.

דעם אנדערן מארגען אבער, ווען מען האט געדארפט אויסטהיילען אונזער פארציאן צוויבאק, האט מען אונז דערלאנגט נור איין פלעצעלע און מען האט אונז געזאגט, אז דאס איז דאס לעצטע, וואס מיר האבען. מיר האבען אנפאנגס גערעכענט, אז מיר האבען צוויא פעסלעך ביסקווית (סוכארעס), היינט אין דער פריה אבער, ווען מען האט געעפענט דאס צווייטע פעסיל, האט מען דערזעהען אז אין איהר געפינען זיך גאר ברעטעלעך און שטיקלעך האלץ, וועלכע דער קאך האט אנגעגרייט פאר דער קיך. וויא אזוי עס האט געקענט פארקומען אזא טעות, האט מען זיך זעהער לייכט געקענט פארשטעלען. אין דער איילע און אין שרעק האט מען ניט געוואוסט, וואס מען נעהמט און וואס מען טהוט.

ערשט יעצט האט מען זיך ארומגעקוקט, אז דער קאך, דער נעגער שנעע־מאן, איז אויך ניטא מיט אונז אויפ'ן פלאס. מען האט זיך אומגעקוקט, אז עס פעהלען נאך אפאאר מאטראזען. איך האב מיך דערמאהנט אן דעם מעדכען, וועלכעס איך האב געזעהן אויף דער „ראפינא" און האב זיך געפרעגט:

— וואו איז זיא אהינגעקומען?

— וואו איז אהינגעקומען אונזער קאך? האט געפרעגט איין אנדערער מאטראז.

— וואו איז אהינגעקומען דער איירלענדער פעטריס? האט געפרעגט א דריטער.

אויף אלע דיזע פראגען האט קיינער ניט געקענט ענטפערן. ווער האט זיך אומגעקוקט נאך א בעקאנטען ביי דעם אונגליק, וואס האט געטראפען דיא „ראפינא“?

דיא נאכריכט, אז מיר האבען מעהר ניט וואס צו עסען, אז היינט עסען מיר דאס לעצטע שטיקעל ביסקוויט, האט געווירקט אויף יעדען, וויא א דאנער־שלאג פון א קלארען, רײנעם הימעל. יעדער האט פערשלונגען זיין שטיקעל ביס־קוויט און האט אראפּגעלאָזען דעם קאָפּ. יעדער האט זיך געזעצט אויף זיין ארט טרויעריג און ניעדערגעשלאָגען. אייניגע זיינען געווארען ווילד, האבען זיך געבייזערט, האבען גע͏צוייפעלט און האבען געשאלטען. וועמען? דאס האבען זיי אליין ניט געוואוסט.

יעצט האבען מיר שוין פערלארען יעדער האפנונג זיך צו רעטען. וויא לאנג קען לעבען א מענש אהן עסען? עס איז אונז צוואר געבליעבען נאך א פעסעל מיט ראָם. ווען דיא מאטראָזען פון דער „ראפינא“ וואלטען געווען אנדערע מענ־שען, וואלטען זיי געווען אפגעהיט דיזעס פעסעל און וואלטען אייגעטהיילט דעם ראָם אין קליינע פארציאנען. דיא מאטראָזען פון דער „ראפינא“ אבער האבען ניט געוואלט וויסען פון ארדנונג. אייניגע זיינען געווען אזוי אויפגערעגט, אז זיי האבען זיך באלד אזוי אנגעטרונקען, אז זיי האבען אנגעהויבען צו זינגען און צו שרייען. אייניגע חאבען זאגאר געשפּאסט, אז ווען דער ראָם קען זיי ניט העלפען צו לעבען, וועט ער זיי וועניגסטענס העלפען צו שטארבען.

אזוי איז פערגאנגען דער טאָג. דיא זון האט געברענט, וויא פייער און מיר האבען געליטען פון הונגער און דורשט. ביז אהער פלעגען מיר אונז פער־דעקען פון דער זון מיט א שטיק זעגעלטוך, יעצט האבען מיר דאס אויך ניט גע־מאהן. צו וואס? יעדער האט געוואוסט, אז ער האט שוין מעהר קיין האפנונג צו לעבען און זיך צו רעטען.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. דעם אנדערן טאג זיינען אונזערע ליידען געווארען נאך ערגער, נאך שרעקליכער. פון נעכטען אן האבען מיר געגעסען נור איין פלעצעלע ביסקוויט. עס איז נאך גראדע אויסגעפאלען זעהר א הייסער טאג. מיר האבען געליטען דאפּעלט, פון הונגער און פון דורשט. אייניגע הא־בען זיך אנגעבויגען צום וואסער און האבען בענעצט זייערע ליפען מיט מעער וואַ־סער. זיי האבען געהאפט, אז זיי וועלען וועניגסטענס עפּעס שטילען זייער דורשט מיט'ן מעער וואסער, זיי האבען זיך אבער אפּגענארט. פון'ס מעער וואסער זיינען נור זייערע ליפען פארברענט געווארען. פון דיא שטארקע היצען איז דאס מעער וואסער אין יענע געגענדען נאך געזאלצענער און נאך ביטערער.

פון צייט צו צייט פלעגט איינער פון אונז אויפשפּרינגען, פלעגט זיך ארומ־קוקען אין אללע זייטען. זיינע ברענענדע אויגען פלעגען זוכען א שיף. מר

פלענט אבער גאר ניט געפינען און פלענט זיך צוריק זעטצען אויף זיין ארט. איינינע האבען זיך אנגעטרונקען, עס איז אבער זייא ערגער געווארען פון'ם טרינ־קען דעם שטארקען ראָם. דער דורשט איז געווארען נאך שטארקער און ברע־נענדינער.

עס איז פערגאנגען נאך א טאג און מיר האבען נאך אלץ ניט געזעהן פאר אונז קיינע הילפע.

איך און בען בראס זיינען געבליעבען אויף אונזער קליינעם פלאס. מיר האָ־בען ניט געוואלט ארויפגעהן צו דיא איבעריגע און מיר האבען זעהר גלייך גע־טאהן. איך קען עס מיר ביז היינט ניט ערקלערן, וויא עס קומט, וואס מענשען אין אזא לאגע, וויא מיר האבען זיך דאן געפונען, זאלען נאך קענען זיך קריע־גען, זיך זידעלען, זיך שילטען און זאגאר ארויסחאפען זייערע מעסער איינער געגען אנדערן. עס זיינען געווען צייטען, ווען זיי האבען זיך אזוי צוקריעגט, אז איך האב געמיינט, אט, אט וועלען זיי דער שטעכען איינער דעם אנדערן. האָט זייא דער הונגער געמאכט אזוי ווילד? אז דיא היץ איז געווען שולדיג, וואס זיי זיינען געווארען אזוי אויפגערעגט? איך קען עס ניט וויסען, איך וויים נור, אז מען פלענט זיך קריעגען איבער א קלייניגקייט. איינעם האט זיך אויסגעוויעזען, אז דער אנדערער האט בעקומען מעהר אביסעל וואסער און ער האט איהם אנ־געהייבען צו זידעלען און צו שרייען אויף איהם, עס פלעגען מוזען זיך ארייננמישען דיא עלטערע און רוהיגערע מאטראזען און זייא איינהאלטען, זיי זאלען זיך ניט צו שלאגען.

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע טעג. אונזערע ליידען זיינען געווארען שרעק־ליך, אונערטרעגליך. דיא אויגען זיינען ביי זיי געווארען גאנץ אנדערש, וויא ביי געוועהנליכע מענשען. עפּעס האט געברענט אין זיי. עפּעס האט געפונקעלט און געפלאקערט אין זיי. אזא אויסדרוק אין דיא אויגען און אין מויל געפינט מען נור ביי א שרעקליך הונגעריגען וואלף.

זייט א פאר טאג האב איך אנגעהויבען צו בעמערקען, אז מען רעדט עפּעס שטילערהייט, מען סודעט זיך. מען רעדט עפּעס אפּ, מען פערשטעהט זיך. דאס געהיימניס האבען ניט אלע געוואוסט, נור דיא עלטערע האבען דערפון גע־רעדט. איך האב בעמערקט, אז פון צייט צו צייט ווארפען זיי אויף מיר זאנ־דערבארע בליקען. מען גיט א קיק אויף מיר און מען בעהאלט זיך.

איך האב ניט פערשטאנען, וואס דיעזע בליקען בעדייטען, איך האָב אבער יעדעס מאל א ציטער געטאהן, ווען איינער אדער דער אנדערער פלענט אויף מיר א קוק טאהן. עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז זיי שעהמען זיך, ווען זיי זעהן, אז איך האב אויפגעחאפּט זייערע בליקען. אנפאנגס האב איך געזאגט, אז זיי קוקען נור אויף מיר, באלד אבער האב איך דערזעהן, אז זיי קוקען אויף בען בראס אויך. דאס האט מיך אביסעל בערוהיגט, איך האב גערעכענט, אז עס פערדריעסט זיי, פאר וואס איך און בען בראס האבען א בעזונדערן פלאס. מיר האבען געהאט מעהר פלאץ, וואו זיך אויסצוציהען און אויסצורוהען.

דעם אנדערן טאג האב איך בעמערקט, אז זיי רעדען א לענגערע צייט שטילערהייט צווישען זיך. איך האב געזעהן, אז זיי האבען זיך ענטשלאָסען עפּעס צו טאהן. בען בראָס איז געוואָרען ערנסט און טרויעריג. איך האב ניט פערשטאנען, וואס דא קומט פאר, ער האט עס אבער יא פערשטאנען, און האט מיר באלד אויסגעזאגט דיא שרעקליכע וואהרהייט.

— איינער פון אונז וועט מוזען שטארבען, האט ער פלוצלונג געזאגט צו מיר. דער הונגער איז שרעקליך. מען וועט מוזען ווארפען גורל, און אויף וועמען דער גורל וועט פאלען, דער וועט מוזען שטארבען, דיא אנדערע זאלען איהם אויפעסען. — עס העלפט ניט, בילי, מיר פהארען מיט זיי צוזאמען און מיר וועלען אויך מוזען שפּיעלען אין דיעזער לעבענסלאָטעריע.

איך האב ניט געענטפערט. איך האב אמאל געלעזען, אז עס זיינען פארגעקומען פעלע, ווען א שיף איז אונטערגעגאנגען און דיא מענשען, וואס האבען זיך געראטעט אויף א באָאט אדער אויף א פלאָס, האבען אויפגעגעסען איינער דעם אנדערן. איך האב געציטערט ביי דעם געדאנק, אז איך וועל מוזען עסען מענשענפלייש.

פלוצלונג האט זיך אויפגעהויבען איינער אויפ'ן גרויסען באָאט און האט געבעטען, אז אלע זאלען איהם אויסהערען, ער וויל עפּעס זאגען. אלע זיינען געבליעבען שטיל. דער רעדנער האט ניט גערעדט זעהר פיעל. ער האט געזאגט קורץ און שארף, אז אזוי וויא מיר ליידען אלע הונגער, מוז איינער שטארבען, אום צו רעטען דיא איבעריגע. מיר מוזען האבען וואס צו עסען, זאנסט וועלען מיר אלע שטארבען פאר הונגער.

דאן האט זיך אויפגעהויבען אנ'אנדערער און האט געזאגט, אז דער ערשטער האט רעכט־ אין אזא פאל מוז איינער שטארבען, אום צו רעטען דיא איבעריגע. מען מוז אלזאָ ווארפען גורל, ווער עס זאל שטארבען פאר דיא אנדערע.

דאס האב איך און בען בראָס ערווארטעט, דאריבער האבען מיר פריהער גערעדט. מיר האבען געוואוסט, אז אנדערש קען עס ניט זיין. קיינער וועט דאך ניט וועלען זיך אויפאָפּפערן פרייוויליג אין אזא פאל. דאס לעבען איז דאך ליעב.

וויא גרויס איז דאהער געווען מיין שרעק און מיין שטוינען, ווען דער פראנצויז לענגראָ האט זיך אויפגעהויבען און האט ערקלערט אין דערהויך, אז מען דארף ניט ווארפען קיין גורל. מען דארף נעהמען דעם יונגען בילי, איהם טייטען און איהם אויפעסען.

בען בראָס איז אויפגעשפּרונגען, וויא אנ'אפגעבריהטער און האט אנגעהויבען צו שרייען, אז דאס דארף ניט זיין.

— דאס קען ניט זיין! האט ער געשריען, מיר זיינען אלע הונגעריג. יעדער פון אונז דארף זיין בערייט צו שטארבען, ווען דער גורל וועט פאלען אויף איהם. וויא קענען מיר נעהמען א מענשען גלאט אזוי און איהם טייטען? איך וועל עס אויף קיין פאל ניט דערלאָזען!

מיר האבען גערעכענט אז פיעלע װעלען אונז אונטערשטיצען און װעלען פארדערן, אז מען זאל װארפען גורל, אזוי װיא עס פיהרט זיך אין דער װעלט. לײדער, האבען אללע געשװיעגען. עס האבען זיך זאגאר געפונען אײניגע, װעלכע האבען צוגעשטימט צום פארשלאג פון דעם פראנצױז לענרא. עס איז געװען דײטליך, אז מען האט זיך פריהער אבגערעדט און מען האט שוין אלעס אפגערעדט געכטען און הײנט.

דער פראנצױז לענרא, האט זאגאר ערקלערט אפען, אז מען מוז מיך טײטען אהן א גורל, װײל איך בין דאך נאר א יונגע. אלע זײנען מאטראזען, עלטערע מענשען, זײ מוז מען שױנען, װײל זײ זײנען עלטער און ניצליכער פאר אלעמען. איך אבער בין א יונגע און מען דארף מיך יעצט נים.

בען בראס, האט זיך געשטעלט געגען איהם, האט גערעדט, געטענה'ט, געפאדערט און זיך געגעבען אללע מעגליכע מיה צו איבערצײגען איהם און אללע איבעריגע, אז דאס נים רעכט, אז אזוי דארף נים זײן. — אומזיסט! עס האט גאר נים געהאלפען! דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“ זײנען געװען גאנץ אנדערע מענשען. זײא האבען נים געװאלט װיסען, װאס עס איז רעכט און גערעכט.

דאס איז געװען א װילדע באנדע און דער פראנצױז לענרא איז געװען בײז אויף מיר דערפאר, װאס בען בראס האט איהם אמאל געשלאגען פאר מיר. ער האט שוין פריהער אבגערעדט מיט אלעמען, אז מען זאל מיך טײטען און דאן אויפעסען.

42טעס קאפיטעל.

מיר אנטלויפען.

אלזא, איך מוז שטארבען! אלע האבען שוין אזוי בעשלאסען. פאר מיר איז שוין קײן רעטונג נימא. דיא פראגע איז שוין נור געװעהן, װען זאל עס געשעהן?

אויף דיעזע פראגע האט מען באלד בעאנטװארטעט. — עס זאל געשעהן באלד! אויפ'ן ארט! מען זאל מיר דורכשנײדען דעם האלז און מען זאל אויפנעהמען דאס בלוט אין בלעכלעך. דאס בלוט װעט מען אויסטרינקען און דאס פלײש זאלל מען אויפעסען. מען האט גערעדט איבער מיר װיא מען רעדט איבער אן אקס, װעלכען מען דארף קױלען און אויפעסען. — אך! דיא הונגעריגע װעלף האבען געקוקט אויף מיר מיט זײערע פײערדיגע אויגען. יעדער האט זיך אויסגעקליעבען א שטיקעל און האט געװארט אויף דיא מינוט, װען ער װעט מיך שוין אויפעסען.

זעקס שטארקע מאטראזען האבען זיך געלאזען געהן אויף אונזער קלײנעם פלאס אום מיך צו נעהמען, מיך צו בינדען און מיר איבערצושנײדען דעם האלז. איהר קענט אײך לײכט פארשטעלען, װיא מיר איז געװען אויפ'ן הארצען, איך

האב אראב נעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט און האב געציטערט, וויא אין א פיעבער.

קוים אבער זיינען זייא צוגעקומען צו אונזער פלאס, איז בען בראס אויפ־געשפרונגען און האט זיך געשטעלט צווישען זייא און מיר. ער האט ארויס גע־האפט זיין מאטראזען מעסער און האט אויסגערופען:

— אוועק פון דאנען! איך וועל דערשטעכען יעדען, וועלבער וועט ארויפ־קומען אויף מיין פלאס! — איך זאג ניט, אז בילי זאל ניט זיין דער ערשטער, וועמען מען זאל אויפעסען, איך פאדער אבער, אז מיר זאלען האנדלען וויא מענ־שען! לאז מעןווארפען גורל! וועט פאלען אויף איהם דער גורל, וועט מען גע־ווים איהם אויפעסען. וועט איהר מיך ניט הערען וועל איך אייך שוין ווייזען, וועמען מיר וועלען צו ערשט אויפעסען.

מיט דיזע ווערטער האט ער אויפגעהויבען זיין שארפעס מעסער און האט איהם אויסגעשטעלט נעגען דיא ווילדע מענשען. זיי האבען זיך דערשראקען און זיי נען געבליעבען שטעהן. זיי האבען ניט ערווארטעט, אז בען זאל זיך אזוי שטעלען נעגען זייא. דאס שארפע מעסער האט געווירקט. זייא האבען געוואוסט, אז בען בראס וועט האלטעןווארט. ער וועט אויספיהרען, וואס ער דראהעט. קיינער האט ניט געוואגט קריכען אויפ'ן מעסער, ווייל יעדער האט געוואוסט, אז קוים וועט איהם בען בראס פערוואונדען, וועלען דיא איבריגע אנפאלען אויף איהם און וועלען איהם טייטען.

איך האב אויך נעהאפט מיין מעסער און האב מיך געשטעלט לעבען מיין בעשיצער. איך האב זעהר גוט געוואוסט, אז איך בין צו יונג און צו שוואך אום זיך צו שטעלען נעגען אזעלכע רויבער און מערדער. איך האב אבער געוואוסט, אז צווייא מענשען זייגען דאך אימער אליץ שטארקער איינער.

— לאמיך ווענינסטענס שטארבען אין א געשלעג, האב איך געטראכט, לאמיך מיך ווענינסטענס פערטהעדיגען און ניט לאזען, אז מען זאל מיך קוילען, וויא א שעפס.

עס זיינען אזוי פערגאנגען איינינע מינוט, אין וועלכע מיר זיינען געשטאנען איינער נעגען אנדערן און קיינער האט ניט גערעדט א ווארט. פלוצלונג האט בען בראס אויפגעהויבען דיא האנד און האט געמאכט א צייכען, אז ער וויל רע־דען. אלע זיינען געווארען שטיל. ער האט דאן נעזאגט אין דערהויך.

— קאמעראדען! איז עס גלייך, אז מיר זאלען זיך קריעגען יעצט, אין א צייט, ווען מיר געפינען זיך אלע אין אזא נויט?

קיינער האט ניט געענטפערט. בען בראס האט ווייטער גערעדט, זיין שטי־מע איז געווארען ווייך און מילד, גלייך וויא ער וואלט עפעס געבעטען.

— קאמעראדען, האט ער ווייטער געזאגט, קיינער וויל ניט שטארבען, איך ווייס אבער, אז איינער פון אונז מוז שטארבען אום צו רעטען דיא אנדערע. אין אזא פאל פיהרט זיך אין דער וועלט, אז מען ווארפט גורל.

— דאס ווילען מיר ניט! צום טייפעל! האבען געשריען איינינע.

— ווען איהר ווילט עס ניט, בין איך איינפערשטאנען מיט אייך, האט בען בראס געזאגט, דאן מוז דיעזער יונג שטארבען.

איך האב אציטער געטאהן, ווען איך האב דערהערט, אז מיין בעסטער פריינד, מיין בעשיצער. מיין פערטהיידיגער ווילינט יעצט אויך איין, אז איך זאל שטארבען פאר דיא איבעריגע. אלזא איז שוין פאר מיר גאר קיין האפנונג ניטא. איך האב אקוק געטאהן אויף בען בראס געזוכט. איך האב ניט געגלויבט, אז ער מיינט דאס ערנסט. איך האב איהם ניט פערשטאנען. איך האב געוואלט לעזען אין זיינע אויגען, וואס ער דענקט צו טאהן מיט מיר. ער האט זיך אבער אוועקגעקעהרט פון מיר און האט ווייטער געזאגט צו דיא מאטראָזען:

— איך בין איינפערשטאנען מיט אייך, אז דיעזער יונגע זאל שטארבען, איך וויל אבער אייך שטעלען א בעדינגונג.

— א בעדינגונג? וואס פאר א בעדינגונג? האבען געפרעגט עטליכע.

— מיין בעדינגונג איז, אז מען זאל איהם לאזען לעבען ביז מארגען אין דער פריה; ווען דיא זון וועט אויפגעהן מארגען אין דער פריא און מיר וועלען ניט דערזעהן קיין שיף און וועלען ניט בעקומען קיין אנדערע הילף, וועט איהר מעגען טאהן מיט איהם, וואס איהר וועט וועלען. — קאמעראדען! איהר מוזט ליידען נאך א טאג און מוזט געבען דעם יונגען ביללי נאך א קורצע צייט צו לע־בען. וועט איהר טאהן, וואס איך בעט אייך, איז גוט; וועט איהר אבער ניט טאהן, וועל איך מיך שטעלען פאר איהם און וועל איהם פערטהיידיגען מיט מיין לעבען.

דיא מאטראזען האבען אנגעהויבען עפּעס צו מורמלען, עפּעס צו רעדען. זיי זיינען אבער דאך ענדליך זיך געגאנגען אויף זייערע ערטער. זיי האבען געוואוסט, אז בען בראס איז געוועזן איינער פון דיא שטארקסטע מענשען אויפ'ן פלאס און ווען זיי וועלען זיך שטעלען געגען איהם, וועט ער געוויס דערשטעכען איינעם אדער צוויא פון זיי. יעדער איז אלזא צוריקגעגאנגען ביין און פערדראסען אויף זיין ארט.

איך קען אייך ניט שילדערן, וואס איך האב דורכגעפיהלט און דורכגעלי־טען דיעזען טאג. איך האב זעהר גוט געוואוסט, אז איך האב ניט צו ערוואר־טען קיין הילף און קיינע רעטונג. מארגען אין דער פריה מוז איך שטארבען. איך האב ניט בעשולדיגט בען בראס. ער האט געטאהן, וואס ער האט געקענט. וואהרשיינליך וויים ער, אז ער קען מיך מעהר ניט פערטהיידיגען. דאס איינציגע, וואס ער האט געקענט טאהן פאר מיר, — אויסבעטען א טאג, האט ער געטאהן.

איך וויים ניט, וואס עס פיהלט א מענש, וועלכער איז פעראורטהיילט צום טויט, ווען מען מעלדעט איהם, אז מארגען מוז ער שטארבען. איך וויים נור, אז איך האב שרעקליך געליטען. פון מינוט צו מינוט פלעגט א קאלטער פראסט דורכגעהן איבער מיין לייב און איך האב געציטערט פאר קעלט, אין דער צייט, ווען דיא זון האט געברענט וויא פייער.

אך ! וויא ביטער האב איך יעצט בערייעט, וואס איך האב פערלאָזען מיינע עלטערן און בין אנטלאָפען פון זייא ! ערשט יעצט, און דיא לעצטע שטונדען מיין לעבען, האב איך מיך דערמאנט אן מיינע גוטע און ליעבע עלטערן.

— מארגען מוז איך שטארבען, פלעג איך טראכטען, מיינע עלטערן וועלען זאָגאר ניט וויסען וואו איך בין אהין געקומען. איך וויים, אז מיינע מערדער וועלען אויך שטארבען, זייא וועלען אויפפרעסען איינער דעם אנדערן און וועלען ענדליך דאך אלע אויסשטארבען פאר הונגער. וואס ווערט אבער דערפון ? איך מוז שטארבען מיט אזא שרעקליכען טויט, דיא ווילדע און פערדאָרבענע מענשען וועלען אויסטרינקען מייי בלוט און וועלען אויפפרעסען מיין קערפער. — שרעקליך ! שוידערהאפט !

איך האב ניט געקענט איינזיצען, איך האב געמוזט זיך אנידערלעגען. ווען איך פלעג אויפהייבען דיא אויגען, פלעג איך דערזעהען מיינע קאמעראַדען און פלעג טראכטען, וויא זייא וועלען מיך מארגען אויפעסען. איך האב מיך דאהער אנידערגעלעגט און האב געציטערט. בען בראס איז געלעגען לעבען מיר. אונזערע לייבער האבען זיך בעריהרט, ער האט מיר אָבער ניט געזאגט קיין וואָרט. ער האט נור עפּעס געטראכט.

דער טאג איז פערגאנגען. עס איז געוואָרען נאכט. ווייט, ווייט אויפ'ן הימעל האבען זיך געוויעזען וואלקענס. איך האב מיך אבער אויף זייא גאר ניט אומגעקוקט. וואס געהען זייא מיך דען אן ? וועלען זייא מיר דען בריינגען רעטונג ?

עס איז געווארען פינסטער. אויפ'ן גרויסען פלאָס איז געוואָרען שטילל. פלוצלינג האט זיך בען בראס אויפגעהויבען, האט א חאפּ געטאהן זיין לאַנגעס מעסער און האט עפּעס א שניט געטאהן. איך האב מיך ניט אומגעקוקט, וואס ער האט געטאהן. וואס האט עס מיך געקימערט ? — איך מוז דאך שטארבען. יעדע מינוט ברענגט מיך נעהנטער צום טויט. איך בין אנשלאָפען געוואָרען אייגענטליך בין איך ניט געשלאפען, זאנדערן אזוי פערמאכט דיא אויגען, איך זאָל קיינעס ניט זעהען. איך האב געפיהלט, אז עס האט זיך אויפגעהויבען א שטיקעל ווינטעלע, וויא עס פלעגט געשעהן יעדען אבענד.

פלוצלינג האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס וואסער רוישט אַרום אונזער פלאס. וואס איז דא געשעהן ? איך בין איינגעשרונגען און האב מיך אומגעקוקט. אונזער קליינער פלאס איז געשוואומען ווייט פון דעם גרויסען.

— מיר זיינען געראטעט ! האב איך אויסגערופען.

— יא, דערווייל זיינען מיר געראטעט, האט בען בראס געזאגט ערנסט. נעהם דאס שטיק ברעט, ביללי, און העלף מיר רודערן. דער ווינד וועט אונז יעצט צוניץ קומען ; ער וועט אונז חעלפען אוועק צו פאחרען פון דיא שרעקליכע מערדער.

איהר קענט איך לייכט דענקען, מיט וואס פאר א פרייד איך האב גע־חאפט דאס שטיקעל ברעט און האב אנגעהויבען צו ארבייטען אין וואסער. איך האב געארבייט מיט אלע קרעפטען. וואוהין מיר זיינען יעצט אנטלאָפען, האב איך ניט געוואוסט און עס האט מיך אויך זעהר ווענינ געקימערט. מיר זיינען אנ־טלאָפען פון מיינע מערדער.

— האב פאר זייא מעהר קיין מורא, האט מיר בען בראס געזאגט, זייא שוין ווייט פון אונז. זייא קענען ניט שווימען אזא שטרעקע, אבער וואס ווייטער מיר וועלען זיין פון זייא, אלץ בעסער וועט עס זיין פאר אונז.

מיר האבען געארבייט מיט אלע אונזערע קרעפטע אפאאר שטונדען. פון צייט צו צייט האבען מיר געהערט געשרייען הינטער אונז. אויפ'ן גרויסען פלאס האט מען בעמערקט, אז מיר זיינען אנטלאפען, מען האט אבער ניט געוואוסט וואוהין מיר זיינען אנטלאָפען. דיעזע געשרייען זיינען געוואָרען אלע מאל שטילער, מיר האבען זיך דערווייטערט פון זייא.

43מעם קאפיטעל.

אליין צווישען הימעל און וואסער.

מיר האבען געארבייט א גאנצע נאכט. ווען עס איז ליכטיג געווארען, זיי־נען מיר ביידע געווען אזוי מיעד, אז מיר האבען אוועק געווארפען אונזערע רודער און האבען זיך אומגעקוקט אין אללע זייטען. מיר האבען געזעהן ארום אונז נור הימעל און וואסער. דער גרויסער פלאָס איז פערשוואונדען געווארען. איך און בען בראס זיינען יעצט געווען אליין, אליין אין דיעזען גרויסען וועלט מעער. מיעד הונגעריג און שלעפעריג.

איך בין אניעדער געפאלען וויא א דערהרגעטער אויפ'ן שטיקעל זעגעל טוך, וואס מיר האבען געהאט בייא זיך און בין באלד אנטשלאפען געווארען, וואס בען בראס האט געטאהן, ווייס איך ניט. איך האב געזעהן, וויא ער איז געשטאנען און האב געקוקט אין אלע זייטען.

איך ווייס נים, וויא לאנג איך בין געשלאפען. איך געדענק, אז איך האב מיך אויפגעהאפט מיט שרעק און האב אגעשריי געטאהן:

— רעטע מיך, בען! זיי ווילען מיך טייטען! זיי ווילען מיך אויפפרעסען!

— זיי רוהיג, ביללי, האט בען געלאכט, זיי וועלען דיר גאר נישט טאהן, זיי זיינען שוין ווייט פון אונז.

איך בין אויפגעשפרונגען און האב מיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. איך האב אויפגעאטהעמט פרייער, ווען איך האב דערזעהן, אז מיר זיינען ביידע אליין. ארום אונז איז ניטא קיינער. וויא ווייט דאס אויג האט געקענט טרייכען, האב איך געזעהן נור הימעל און וואסער.

— לאמיר אנהויבען צו רודערן, האט בען בראס געזאגט, מיר מוזען זעהן צו אנטלויפען פון זיי וואס ווייטער.

אין דער צייט וואס איך בין געשלאפען, האט בען בראס צורעכט געמאכט דיא רודער. אלס אלטער, געשיקטער און געאיבטער מאטראז, האט ער צוגע שניצט דאס שטיקעל ברעט, מיט וועלכען איך האב ביז אהער גערודערט, און האט דערפון געמאכט א סארט רודער.

מיר האבען זיך גענומען צו דער ארבייט און האבען גערודערט מיט אלע אונזערע קרעפטע. וואהין? דאס האבען מיר אליין ניט געוואוסט. בען בראס האט נור אזוי פיעל געוואוסט, אז דער גרויסער פלאָס מיט דיא מאטראזען גע־פינט זיך אין וועסט (מעריב זייט), אלזא האט ער גערודערט אין אָסט (מזרח זייט).

דיא זון האט געברענט, וויא פייער. מיר האבען שוין פיער טאג גאר ניט געגעסען. דענאך האב איך געארבייט מיט לוסט. איך האב דאך געוואוסט, אז איך אנטלויף, אום צו רעטען מיין לעבען.

ענדליך בין איך אבער געווארען אזוי מיעד און אזוי שוואך, אז איך האב געמוזט אוועקלעגען דעם רודער. אויך דער שטארקער בען האט ענדליך געמוזט אוועקלעגען דעם רודער. דאס מעער איז געווען גלאט, וויא א שפיעגעל. דיא זון האט שוין געהאלטען ביים אונטערגעהן, עס איז נאך אבער געווען זעהר הייס.

— אך! עסען! האב איך אויסגערופען שטילערהייט. עפּעס עסען!

איך האב מיך אנגעשפארט אן א קלאָץ, וועלבע האט ארויסגעשטעקט אביסעל העבער פון׳ם פלאס, און האב פערמאכט דיא אויגען. איך בין ניט גע־שלאפען. איך האב נור אזוי פערמאכט דיא אויגען פאר מיעדקייט. בען בראס האט געמיינט, אז איך שלאף און האט געזאגט צו זיך אליין:

— ער קען שלאפען. ער איז גליקליך, וואס ער קען שלאפען. ער ליידעט אבער. ער איז הונגעריג. וואס טוהט מען? וואו נעהמט מען עפּעס עסען? איך האב שוין אויך קיינע קרעפטע. וואס וועט זיין דאס ענדע?

— מיר וועלען מוזען שטארבען, האב איך געענטפערט. מיר האבען זיך געראטעוועט פון א שנעלען טויט, מיר וועלען אבער שטארבען פון א לאנגזאמען טויט, פון הונגער און דורשט.

— אה, דוא שלאפסט ניט, בילי? האט בען בראס געפרעגט און איז שטיל געבליעבען.

ער האט זיך צוגעשפארט צו מיר און מיר האבען זיך ביידע אנידערגע־לעגט זייט ביי זייט מיעד, מאט, שוואך, הונגעריג און דורשטיג.

אזוי איז פערגאנגען דיא נאכט. דעם אנדערן טאג אין דער פריה האב איך מיך קוים, קוים געקענט ריהרען. איך האב מיך גאר ניט געוואלט אויפהויבען. צו וואס? מיר מוזען שטארבען. איך האב שוין געוואלט שטארבען. איך האב שוין ניט געקענט איבערטראגען דיא ליידען און דיא שמערצען.

בען בראס איז אויפגעשטאנען און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. פיעלייכט וועט ער עפּעס דערזעהן, וואס מען קען עסען. דער הימעל איז געווען קלאר און ריין. מיר זיינען געווען צו ווייט פון יעדעס לאנד אום פייגעל זאלען קענען צופליהען צו אונז. קיין שיף האט מען אויך ניט געזעהן. פון׳ם הימעל האבען מיר אלזא קיין הילף ניט געקענט ערווארטען.

בען האט אראפּגעקוקט אין וואסער. דאס מעער איז געווען שטיל און רו־הינ. מען קען עס אבער ניט דורכזעהן. זיינע וואסערן זיינען איינענטליך שווארץ, וייל אלעס, וואס מען קען ניט דורכקוקען, ווייזט זיך אונז אוים שווארץ. דער הימעל ווייזט זיך אונז אוים בלוי נור דערפאר, ווייל אונזער אויג קען ניט דערגריי־כען שטארק הויך, אלזא איז עס שווארץ. דאס ליכט פון אונטען איז העל, ווען מען מישט אוים א העלע פארב מיט א שווארצע, בעקומט מען א בלויע פארב. העל, ווייס און שווארץ אויסגעמישט גיבען א בלויע פארב

ווען דאס מעער איז שטארק טיעף, ווייזען זיך אוים זיינע וואסערן שווארץ. בען האט אראפּגעקוקט צוא וואסער, פיעלייכט וועט ער דארט געפינען עפּעס צו עסען. אבער אויך דארט האט ער גאר ניט געפונען. אלעס איז געווען שטיל און רוהיג.

ער האט זיך צוריקגעזעצט צו מיר און האט אראפּגעלאזען דעם קאפּ אויף דער ברוסט. ער איז געווען פערצווייפעלט. פאר אונז איז שוין קיין רעטונג ניטא. מיר מוזען שטארבען פאר הונגער. . . .

פּלוצלונג האט זיך אין מעער אנגעהויבען עפּעס צו קאכען און צו ריהרען. פון דער טיעפעניש האבען זיך אויפגעהויבען ווייסע, גלענצענדע פאסען און זיינען ארומגעשפּרונגען אין אלע זייטען. איינינע זיינען אריבער געשפּרונגען איבער אונ־זער פלאס, אנדערע זיינען געפלויגען און האבען געשפּריצט ערגעץ ווייט ארום.

— פליהענדע פיש! האט בען בראס געזאגט רוהיג און איז געבליעבען זי־צען אויף זיין ארט.

פּלוצלונג אבער איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין ארט, האט געחאפּט דאס שטיקעל זעגעלטוך, וואס מיר האבען געהאט און האט געזאגט:

— פאר וואס זאלען מיר ניט חאפּען איינינע פון זייא?

ער האט געחאפּט דעם רודער און האט אנגעהויבען צו פאכען אין דער לופט און צו שלאגען ארום זיך. א קליינער פיש איז אראפּגעפאלען און האט אנגעהויבען זיך צו ווארפען און צו צאפּלען. איך בין אויפגעשפּרונגען און האב געחאפּט דעם קליינעם פיש.

— איך האב איהם! איך האב א פיש! האב איך אויסגערופען.

בען בראס האט ווייטער ארומגעפאכט און ארומגעשלאגען ארום זיך מיט זיין רודער. עס איז מיר געלונגען צו חאפּען נאך איינעם און נאך איינעם. איך האב יעצט געהאט דרייא פיש, א רייכטהום, א גליק! — מיר האבען ענדליך וואס צו עסען! פיש, פרישע פיש! וואס קען שוין זיין בעסער, אלס פרישע פיש, ווען מען ליידעט אזא שרעקליכען הונגער.

מיר האבען נעחאפט דרייא פיש און האבען זיי פערשלונגען רויערהייט. אונזער הונגער איז געווען געשטילט. דערוויל האבען מיר אפגעגעסען. מיר זיי־נען ניט געווען זאט, דער שרעקליכער, ביטערער הונגער אבער האט אונז ניט געפלאגט אזוי.

מיר האבען דאןביידע גענומען אונזערע רודערס אין דיא הענד און האבען זיך געשטעלט בערייט צו חאפען נאך מעהר. ליידער זיינען דיא פיש פערשוואונ־דען געווארען.

— וואס זאל עס זיין? האב איך געפרעגט. וויא קומט עס, אז דיא פיש זיינען פערשוואונדען געווארען? איך האב געזעהן עטליכע מאל פליהענדע פיש, איך ווייס אבער ניט, פאר וואס דיא פיש פליהען.

— עס זיינען דא דרייא סארטען פליהענדע פיש, האט בען בראס ערקלערט. איין סארט געפינט זיך נור אין מיטלענדישען מעער. דאס איז א גרויסער פיש. ער איז ביז א פוס דיא לענג און האט צווייא גרויסע פלאספעדערן, מיט וועלכע ער שפרינגט ארויס פון וואסער, פליהט א געוויסע שטרעקע, ביז זיינע פלאספע־דערן ווערן נאס, דאן פאלט ער צוריק אראפ אין וואסער. דיא איטאליענישע פישער פאנגען איהם זעהר אפט און ברענגען איהם אויף דיא פישמערק פון דיא אינזלען מאלטא, סיציליען און אמאל קיין ראם.

דער צווייטער פליהענדער פיש געפינט זיך אין אינדישען וועלט מעער. ער איז פיעל קלענער אלס דער פאריגער, פליהט אבער פיעל ווייטער פון איהם.

דיא דריטע סארטע פליהענדע פיש געפינען זיך אין אטלאנטישען וועלט מעער. דיעזער פיש איז זעהר עהנליך צו דעם סארט, וועלכען דיא אמעריקאנער רופען פייק. דער פייק האט אבער געוועהנליכע פלאספעדערן און דער פליהענ־דער פיש האט לאנגע פלאספעדערן, אויף וועלבע ער הייבט זיך אויף פון וואסער און פליהט ארויס אויף אייניגע צעהנדליג שריט, דאן פאלט ער ווידער אראפ. מען חאפט איהם זעהר פיעל ביי דיא ברעגעס פון קארנוואללים אין ענגלאנד און ביי דיא נייפונדלענד אינזלען אין אמעריקא. נור זעלטען קען מען איהם זעהן אויף א פיש מארק אין ניו יארק.

— אבער פאר וואס פליהעט דיעזער פיש? האב איך געפרעגט, ווייס ער דען ניט, אז ער קען ניט לעבען אויסער דעם וואסער? ווען ער קען פליהען, פאר וואס פליעהט ער ניט ארום וויא א פויגעל?

— מען רופט איהם פליגענדער פיש וייל, ווייל ער קען זיך אויפהויבען אויף אייניגע מינוטען פונ׳ם וואסער און דורכשניידען דיא לופט; ער פליהט אבער נזט, וויא א פויגעל, ער שפרינגט נור, האט בען בראס ערקלערט.

— פאר וואס אבער שפרינגט ער ארויס פון וואסער? האב איך געפרעגט.

— אמאל האט מען געגלויבט, אז ער טהוט עס צום פערגניגען. דער מענש האט אויך ליעב זיך אמאהל אונטער צו טונקען אין וואסער, זיך באדען, דער פלי־הענדער פיש וויל זיך באדען אין דער לופט. אין דער נייער צייט אבער האט מען

זיך איבערציינט, אז דער פליעהענדער פיש שפרינגט ארויס פון וואסער נים צום פערגניגען, זאָנדערן אויס נויט.

— אויס נויט? ווער צווינגט איהם דען? האב איך געפרעגט ערשטוינט וואס פאר א נויט קען דען האבען א פיש?

— א האי פיש אדער אנ׳אנדער פיש יאגט זיך נאך איהם נאך, האט בען בראס געענטפערט. דער פליהענדער פיש וויל נים ארויס שפרינגען פון וואסער. ער זוכט נור צו ענטלויפען פון זיין פיינד. ווען ער זעהט אבער, אז פאר איהם איז שוין קיין רעטונג פארהאנדען, אין דער גרעסטער נויט, שפרינגט ער ארויס פון וואסער אויף פונפצעהן ביז צוואנציג שריט און אזוי רעטעט ער זיך פון זיינע פיינדע.

דער פיש, וואס יאגט איהם נאך, שווימט אוועק ווייטער, אדער ער זעהט, אז זיין רויב איז פערשוואונדען געווארען און קעהרט זיך אום.

— יעצט פערשטעה איך, וואס דא איז פארגעקומען, האב איך אויסגערר פען, אפארטיע פליעהענדע פיש האבען זיך געשפיעלט ערגעץ נים ווייט פון אונ־זער פלאס. עס איז אנגעקומען א רויבער, א האי פיש, א העכט אדער אנ׳אנדער מערדער׳ און האט געוואלט זיי איינשליגגען. זיי זיינען זיך צו לאפען. פיעלע פון זייא האבען אנדערש נים געקענט זיך ׃ עטען און האבען זיך אויפגעהויבען אין דער לופט.

— און דערווייל האבען מיר זייא געהאפט און האבען געשטילט אונזער הונ־גער, האט בען בראס געזאגט.

— געפינען זיך נאך אנדערע בעשעפענישען אין מעער, וועלכע קענען אויף פליהען?

— יא ביללי, אין דעם שטיללען וועלט מעער און אין דעם אינדישען וועלט מעער זעהט מען אמאל, וויא עס הייבען זיך אויף פון וואסער א פארטיע פער־שיעדענע בעשעפענישען, שניידען דורך דיא לופט אויף א גרויסע שטרעקע און פאלען ווידער אריין אין וואסער. דיא וואסער פויגעל, וויא דער וואסער אדלער דער פעליקאן און פיעלע אנדערע, פאנגען זייא דאן און פרעסען זיי אויף. עס איז זאגאר דא א מאללוסק, א בעשעפעניש, וועלכעס האט קיינע פלאספעדערן און קיינע שופען און עס ווייזט אויס, וויא זשעללי, וועלכע קען אויף פליהען.

44טעס קאפיטעל.

א לאגעל.

מיר האבען איינגעשלונגען דיא דריי פליהענדע פיש, רויערהייט און האבען זיך דערקוויקט. מיר זיינען לעבעדיג געווארען. אין אונזער האט זיך ערוועקט א נייע האפנונג.

ליידער, האבען מיר אנגעהויבען צו פיהלען א שרעקליכען דורשט. עס איז עהער מעגליך, אז דאס מעער וואסער, וועלכעס האט זיך געפונען אין דיא פליעה־

ענדרע פיש, האט אונז געמאכט אזוי דורשטיג. דיא פליעהענדרע פיש זיינען זעהר געשמאק, ווען מען רייניגט זיי און קאָכט זיי, וויא עס דארף זיין. זייא האבען דאן דעמזעלבען געשמאק, וואס פרישע הערינג. מיר האבען אבער קיין צייט געהאט זיי צו רייניגען. מיר האבען זייא פערשלונגען, ווען זייא האבען זיך נאך געצאפעלט און האבען פערשלונגען מיט זייא פיעלעס מעער־וואסער, דערפאר האַבען מיר יעצט געפיהלט אזא שרעקליכען דורשט.

מיר האבען שוין אמאל געליטען דורשט; דאס איז געווען דאמאלס, ווען מיר זיינען געזעסען אויפ'ן דראכען בוים. עס איז אבער א גרויסער אונטערשיעד צווישען ליידען דורשט אין א ארט, וואו מען זעהט פאר זיך קיין וואסער און ליידען דורשט אין מיטען פון אטלאנטישען וועלט־מעער, ווען מען זעהט ארום זיך אזוי פיעל וואסער און מען טאר עס ניט אנריהרען. עס איז ניטא קיין ערגערע זאך אויף דער וועלט, וויא אריין נעמען אין מויל א ביסעל מעער וואסער, ווען מען איז דורשטיג. דיא צונג, דער גומען און דאס גאנצע מויל ווערען פערברענט. מען פיהלט, אז מען האט אריינגענומען אין מויל הייסע קוילען.

איך האב עס ניט געוואוסט און האב מיך אנגעבויגען צום וואסער. איך האב געוואלט בענעצען מיינע ליפען מיט מעער וואסער. בען בראס האט מיך צוריק געהאלטען.

— טוה עס ניט, ביללי! האָט ער אויסגערופען. פון דעם מעער וואסער ווערט דער דורשט נאך ערגער.

— אך, בען! עס ברענט אין מיר, וויא א פייער! איך קע עס ניט אויסהאלטען!

— לעג בעסער צו דיא ליפען צו דיין מעסער, האָט מיר בען געראטהען און האט מיר געוויזען, וויא אזוי איך זאל עס טאהן.

איך האב עס פראבירט. איך האב צוגעפרעסט מיינע ליפען צו דער קלינג פון מיין מעסער. דאס קאלטע אייזען האט אביסעל אפגעקיהלט מיינע ליפען, עס האט מיר אבער ניט געשטילט דעם דורשט. אונזער לאגע איז געווארען שרעקליך, אונערטרעגליך. א מענש קען לייכטער איבערטראגען הונגער אלס דורשט. דער הונגער מאכט שוואך דעם מענשליכען קערפער און א שוואכער קערפער און א שוואכער קערפער פיהלט ניט אזוי שטארק דעם שמערץ. ווען דער הונגער איז אבער געשטילט און דער קערפער איז וויעדער שטארק, פיהלט ער דעם דורשט נאך ערגער און נאך שרעקליכער.

— אך! ווען איך זאל האבען א קוגעל פון א ביקס אדער אזוי א שטיקעל בליי! האט בען בראס אויסגערופען.

— וואס וואלט דען דאמאלס געווען?

— בליי שטילט דעם דורשט בעסער פון אייזען, האט בען בראס ערקלערט, ווען מען האלט א בלייענע קוגעל אין מויל, קען מען אויסהאלטען דעם דורשט א גאנצען טאג.

מיר האבען אבער גאר נישט געהאט ביי זיך אויסער אונזערע מעסערס, א האק און א שפיזע, לאנגען הוק, וועלכע בען בראס האט מיטגענומען פון דער „ראפינא".

דיא זון האט זיך אראפגעלאזען ניעדעריגער און ניעדעריגער. זיא איז גע־ווארען רויט און האט געפארבט דאס מעער מיט א בלוט רויטע פארב. ענדליך איז זיא אונטערגעגאנגען. עס האט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל.

— לאמיר אויפשטעלען דאס שטיק זעגעלטוך, וואס מיר האבען, האט בען בראס געזאגט צו מיר, עס האט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל, פיעלייכט וועט ער אונז צוטרייבען ערגעץ צו א שיף אדער צו א אינזעל.

איך האב מיך צוואר ניט געקענט ריהרען, עס האט אבער ניט געהאלפען, איך האב געמוזט מיך אויפהויבען און איהם העלפען אויסציעהען דאס שטיק זע־געל טוך אויף אונזערע רודער. עס איז געווארען א סארט זעגעל, וועלכען דער ווינט האט געקענט טרייבען. איך האב געהערט, וויא דאס וואסער רוישט אונ־זער פלאס האט זיך גערוהרט. ער איז ניט געשטאנען אויף איין ארט. וואס ווערט אבער דערפון? מיר האבען זיך אניעדערגעלעגט איינער לעבען אנדערן און האבען געקוקט אויפ'ן הימעל.

מיינע עלטערן זיינען געווען זעהר פרום און האבען מיך ערצויגען אין פרומ־קייט. אין מיין גרעסטער נויט האב איך אנגעהויבען צו וויינען און צו בעטען. בען בראס פלעגט פון צייט צו צייט אויפשטעהן און קוקען אויפ'ן הימעל.

— וואס קוקט איהר אויפ'ן הימעל, בען? האב איך איהם געפרעגט.

— מיר דאכט, אז איך זעה א וואלקען, האט ער מיר געענטפערט. פער־צווייפעל ניט, ביללי, גאט וועט אונז העלפען!

בען בראס איז געווען א גוטער מאטראז. ער האט געהאט זיינע צייכענס, אז דאס וועטער וועט זיך ענדערן. עס איז אבער פערגאנגען איין שטונדע נאך דער אנדערער און איך האב נאך אלץ געליטען. ענדליך בין איך אנטשלאפען געווארען, ריכטיגער געזאגט, איך בין פערטומעלט געווארען אדער איך בין גע־פאלען אין אהנמאכט. איך ווייס אליין ניט, וואס מיט מיר איז געשעהן.

וויא לאנג איך בין אזוי געליגען, ווייס איך נים. איך ווייס נור, אז בען בראס האט מיך אויפגעוועקט.

— שטעה אויף, ביללי! האט ער מיר געזאגט, עס וועט באלד רעגענען. דער ווינד ווערט שטארקער, אויפ'ן הימעל האבען זיך געוויזען שווארצע וואל־קענס. מיר וועלען באלד האבען א רעגען. מיר וועלען האבען וואס צו טרינקען.

איך בין אויפגעשפרונגען און האב מיך ארומגעקוקט. עס איז געווען פינס־טער. דער גאנצער הימעל איז געווען בעדעקט מיט וואלקענס. עס האט געבלא־זען א שטארקער ווינד און האט געטריעבען אונזער פלאס. — וואוהין? — וואס הארט עס אונז. — עס איז געווען דייטליך, אז עס וועט באלד רעגנען.

— מיר וועלען באלד האבען מיט וואס צו שטילען אונזער דורשט, האט בען אויסגערופען.

— וואס ווערט דערפון, וואס עס וועט רעגענען? האב איך געפרעגט, וויא ווילען מיר דען טרינקען דעם רעגען? וויא פיעל טראפען רעגען קענען מיר דען אריינחאפען?

— מיר האבען קליידער, האט בען בראס ערקלערט, אונזערע קליידער וועלען נאס ווערן און מיר וועלען זיי דאן אויסוויגען, אויסדריעהן, אויסקוועטשען און מיר וועלען האבען וואסער.

— דאס וואלט גוט געווען, ווען מיר זאלען האבען א שיעסעל אדער א צובער, מיר האבען דאך אבער נור אונזערע בלעכלעך. וואס קענען מיר טאהן מיט אונזערע בלעכלעך?

— דוא האסט רעכט, בילי. עס איז זעהר טרויעריג, וואס מיר האבען מיט זיך קיין שיעסעל און קיין געפעס, אין וואס אריינצונעהמען דאס וואסער. ווען עס זאל שטארק רעגענען, וואלטען מיר געקענט זיך אנגרייטען וואסער אויף עטליכע טעג.

מיר זיינען יעצט געשטאנען ביידע אויף אונזער פלאס און האבען בעטראכט דעם הימעל. פון דער ווייטען האט זיך געוויעזען א בליץ, דאן האט מען גע־הערט א לייכטען דונער. פלוצלונג האט בען בראס א קלאפ געטאהן מיט'ן האנד אן שטערן, וויא איינער, וועלכער האט זיך גאנץ פלוצלינג אן עפעס דערמאנט.

— מיר האבען קיין געפעס, אין וואס אריינצונעהמען דאס וואסער, זאגסט דוא? האט ער אויסגערופען. וואו איז דער ברעזענט?

— דער ברעזענט ליעגט דארט, האב איך געענטווערט. וואס טויג ער אונז אבער?

ברעזענט הייסט א שטיק לייוואנד, וועלכער איז אויסגעשמיערט מיט פעך און מיט אנדערע זאכען, וועלכע לאזען ניט דורך קיין וואסער. מיט א ברעזענט פערדעקט מען סחורות, זיי זאלען ניט פערנעצט ווערן. אויף יעדען שיף געפינען זיך עטליכע ברעזענטען. מען פערדעקט מיט זיי דיא ערטער, וואו מען האלט וואארע און אנדערע ארטיקעל, וועלכע קענען לייכט פערדארבען ווערן פון וואַ־סער. ווען מיר האבען זיך אראפגעלאזען פון דער „ראפינא", האט בען בראס אראפגעווארפען אויף אונזער פלאס א שטיק ברעזענט. ביז אהער האט ער אונז געדיענט אלס אונטערלאגע צום שלאפען.

— וואס וועט איהר מאכען פונ'ם ברעזענט? האב איך געפרעגט.

— צו וואס בענוצט מען א ברעזענט? — ער שיצט דיא וואארע פין וואַ־סער. אלזא, קען ער דאך האלטען אין זיך וואסער. איך זאג דיר, בילי, אז דער ברעזענט קען זיין זעהר א גוטעס געפעס. מען קען פון איהם מאכען, וואס מען וויל: א שיעסעל, א צובער א פעסעל און א טאפ.

איך האב איהם ניט פערשטאנען. איך האב ניט געוואוסט, וואס ער מיינט.

— ברענג נור אהער דעם ברעזענט, בילי, האט בען בראס מיר געזאגט, דאן גיב מיר א שטריק.

איך האב איהם דערלאנגט דעם ברעזענט און א פאר שטריקלעך.

— שנעל, בילי, הייב אויף דרייא זייטען. — אזוי! — נאדיר דיא פיעסע זייט. — האלט זיי צו פעסט!

בען בראס האט צוגעבונדען צווייא עקען פונ'ם ברעזענט צו איין רודער און דיא אנדערע צווייא צום אנדערן רודער, פונ'ם ברעזענט איז יעצט געווארען א סארט זאק, ריכטינער געזאגט, א סארט קעסעל.

— ווייסט דוא, בילי, וויא מען האלט וויין אויפ'ן קויקאז און אין אנדערע לענדער אין דער טירקיי? — אין א לאגעל.

— וואס איז א לאגעל?

— א פעל פון א ציעג, וועלכעס מען טריקענט אויס און מען נעהט צוזאמען. מיר האבען יעצט געמאכט א לאגעל פון א ברעזענט. וואס איז דער אונטערשיעד? מיר וועלען באלד האבען וואסער, ווען עס וועט נור שטארק רעגנען.

45טעם קאפיטעל.

מיר בעקומען וואסער.

אונטער דעסען האט אנגעהויבען צו טאגען. עס איז געווארען העלער. מיר האבען געקענט זעהן, וויא דער הימעל איז בעדעקט מיט וואלקענט. דער דונער איז געווארען שטארקער, דיא בליצען זיינען געווארען גרעסער. ענדליך האט אויסגעבראכען א שטורם ווינד און עס האט אנגעהויבען צו רעגנען.

ווער עס האט ניט געזעהן א רעגען אין דיא הייסע לענדער, דער ווייס גאר ניט, וואס א רעגען איז. אין דיא קאלטע געגענדען רעגענט עס, און אין דיא הייסע — גיעסט עס. דער הימעל עפענט זיך און גיעסט אויס מיט אמאל דאס גאנצע וואסער, וואס ער האט.

אזוי וויא מיר זיינען געווען שרעקליך דורשטיג, האבען מיר זיך אנפאנגס אנידער געלעגט מיט דיא געזיכטער ארויף, האבען געעפענט אונזערע מיילער און האבען געשלונגען דעם רעגען. איך בין ניט אים שטאנד אייך איבערצוגעבען, וויא גליקליך מיר האבען זיך דאמאלס געפיהלט. איך האב געשלונגען דאס וואסער, געזופט, געטרונקען און אריינגעזויגען דיא פייכטקייט פונ'ם הימעל.

מיר האבען זיך אנגעטרונקען און זיינען אויפגעשפרונגען. דער רעגען האט אונז געוואשען, דאס האט אונז אבער ניט געהארט. מיר זיינען יעצט געווען צופריעדען מיט דיעזער פייכטקייט, מיט דיעזער נעץ.

— לאמיר זעהן, וואס טהוט זיך עפעס אין אונזער לאגעל, האט בען בראס אויסגערופען, מיר קענען באלד האבען א גאנצעס פאס מיט וואסער, ווען דער ברעזענט וועט נאר אויסהאלטען.

מיר זיינען צוגעגאנגען צום ברעזענט — ער איז געווען פול מיט וואסער.

— שנעל, בילי! גיב מיר דיא שטריק! לאמיר צוזויפקלייבען אונזער

לאגעל ! לאמיר איהם צוזאמענהאלטען. דאס איז דאס נעטינסטע און דאס טהייערסטע, וואס מיר האבען יעצט. מיר האבע וואסער ! — זעהסט דוא בילליי, ווען מען דארף קיין זאך פערנאכלעסיגען. איך אליין האט אויסגעשמירט דעם ברעזענט מיט פעך, איידער מיר זיינען ארוים געפאהרען פון קעניג דשינגא'ס לאנד.

מיר האבען באלד צונויף געבונדען דיא 4 עקען פון'ם ברעזענט און האבען פון איהם געמאכט א סארט פאס. זאלאנג עס האט גערעגענט, האבען מיר איהם געהאלטען אפען. דער רעגען אין דיא הייסע לענדער דויערט אבער געוועהנליך ניט לאנג. ער גיעסט זיך אוים מיט אמאל. אויך דאס מאל האט דער רעגען געדויערט נור א האלבע שטונדע.

באלד זיינען דיא וואלקען זיך צוגאנגען, דער רעגען האט אויפגעהערט, דיא זון האט בעלייכטעט דאס מעער. אללעס איז נעווארען פריש. זאגאר דיא פיש אין מעער האבען אנגעהויבען צו שווימען פון אויבען, נעהנטער צו דער לופט, גלייך וויא זייא וואלטען זיך דערפרעהט, וואס עס איז ענדליך ווידער העלל געווארען.

אין א קורצע צייט האבען זיך אונזערע קליידער אויסגעטריקענט און מיר זיינען לעבעדיג געווארען. א פרישע, זיסע האפנונג האט אונז בעלייכטעט און דערוואַרעמט. מיר האבען פערגעסען אלע אונזערע פריהערע ליידען ; מיר האבען פערגעסען דיא מאטראזען פון דער „ראפינא", מיר האבען פערגעסען אלעס אין דער וועלט. מיר האבען אויפגעלעבט און האבען אנגעהויבען צו פיהלען קראפט און מוטה ווידער צו לעבען, צו קעמפפען און צו ראנגלען זיך פאר אונזער לעבען.

יעצט האבען מיר אנגעהויבען צו פיהלען, אז מיר זיינען הונגעריג. מיר האבען נעבטען אויפגעגעסען דרייא פיש, דערמיט קען מען אבער לאנג ניט זאט זיין.

— מיר מוזען זוכען עפּעס צו עסען, האב איך געזאגט צו בען בראס.

— דיא איינציגע האפנונג וואס מיר האבען יעצט, איז צו חאפּען פיש, האט בען בראס געענטפערט. לאמיר טראכטען, וויא אזוי צו מאכען א נעץ.

— וואס טוהט מען אבער ? פון וואס מאכט מען א נעץ ? ווען מען האט שוין א נעץ, דארף מען האבען א שטיקעל פלייש, א שטיקעל פיש, ווערים אדער נאך אזעלכע זאכען, וועלכע זאלען פערנארען דיא פיש אין דער נעץ. וואו נעהמט מען דאס אלעס ?

צום אונגליק נאך האבען מיר גראדע היינט געזעהן זעהר פיעל פיש שווימען ארום אונזער פלאס. איך ווייס ניט, וואס דיא אורזאכע איז געוועזען, פאר וואס מיר האבען גראדע היינט געזעהן מעהר פיש, וויא אנ'אנדער טאג. עס איז מעגליך, אז דער רעגען און דער שטורם האבען זיי ארויסגערופען, אדער דער שטורם האט אונז פערוואַרפען אין א געגענד, וואו עס געפינען זיך מעהר פיש. וויא דיא זאך איז געווען, אונזער אפעטיט האט זיך צוברענט, ווען מיר האבען געזעהן פאר אונז אזוי פיעל פיש און האבען ניט געקענט חאפּען ניט איינעם.

בען בראַס האָט געטראַכט אייניגע צייט. ער האָט געטראַכט און געקלערט וואָס צו טאָהן. ענדליך האָט ער דאָך עפּעס אויסגעטראַכט.

— מיר מוזען צושניידען אונזער זעגעל און מאַכען א נעץ, האָט ער געזאָגט. איך ווייס פון קיין אנדער מיטעל.

— ניין בען. איך האָב געזעהן, וויא מען חאַפּט פיש מיט אַנ׳אַנגעל. א לאַנגער פאָדעם, צו וועלכען מען בינדט צו א הוק. לאָמיר פּרובירען מאַכען אַזאַ אַנגעל, א ווענטקע.

אזוי וויא מיר האָבען געהאַט גענוג שטריק, האָבען מיר באַלד געמאַכט אַן אַנגעל. בען בראַס האָט געהאַט בייא זיך א שטעק נאָדעל (א שפּילקע). ער האָט זיא צונויפגעבויגען און האָט פון איהר געמאַכט א סאָרט הוק. אויף דיעזען הוק האָבען מיר אַנגעשטאָכען א שטיקעל ליינוואַנד פון אונזער העמד.

איך מוז זאָגען, אַז דאָס איז געווען זעהר א שלעכטער אינסטרומענט צו חאַפּען פיש. בען בראַס האָט מיר צוואָר פערזיכערט, אַז עס געפינען זיך אין מעער אַזעלכע פיש, וועלכע פערשלינגען אַלעס, וואָס זיי דערזעהן. וואָס ווערט אָבער דערפון? ווער ווייס, אויב דיעזע פיש ווען צו קומען צו אונזער אַנגעל?

איך בין געזעסען דיא פיס אונטער זיך און האָב געהאַלטען דעם אַנגעל. פּלוצלונג האָב איך דערזעהן א שעהנעם, גלענצענדען פיש. אַזאַ שעהנעם פיש האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן. ער האָט געגלאַנצט מיט אַלע פאַר־בען פונ׳ם רעגען בויגען. ער איז געווען ניט גרעסער פון אַהערינג, אָבער אַזוי שעהן, אַז איך האָב מיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָב געזאָגט צו בען בראַס.

— זעהט נור, בען בראַס, דאָס איז א זעלטענער פיש, איך האָב נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן אַזאַ שעהנעם פיש.

בען בראַס האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן דעם שעהנעם פיש. אויף זיין געזיכט האָט זיך געוויעזען א פינסטערער וואָלקען. איך האָב ניט גע־קענט פערשטעהן, פאַר וואָס בען בראַס איז געוואָרען אַזוי אונצופריעדען מיט דיעזען זעלטענעם פיש.

— דו וועסט איהם ניט חאַפּען, ביללי, האָט בען פּלוצלינג געזאָגט.

— פאַר וואָס איז?

— ווייל ער אַליין זוכט זעלטען זיין שפּייז, אַנדערע זאָרגען זיך פאַר איהם.

— ווער זיינען דיא אַנדערע?

— זיינע הערען.

איך האָב אַנגעקוקט בען בראַס מיט שרעק און שטוינען. איך האָב ניט געקענט פערשטעהן, וויא א פיש האָט א הערר, א בעל הבית אויף זיך. מיר האָט זיך אויסגעוויעזען, אַז בען איז אַראָפּ פון זינען.

— וואָס רעדט איהר, בען? האָב איך געפרעגט — א פיש האָט איבער זיך א הערר, וועלכעס פערזאָרגט איהם מיט עסען?

— לאַך ניט בילי, האָט בען געענטפערט ערנסט. דאס איז דער פילאָט־פיש. בעטראַכט איהם גוט, בילי, ער זוכט עפּעס. ער איז א שפּיאָן, ער פאָרשט עפּעס אויס און לויפט עס דערצעהלען זיין הערה זיין בעל הבית.

וואס מעהר בען האָט גערעדט, אַלץ מעהר האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ער איז אראפּ פון זינען. איך האב קיין מאל ניט געהערט, אז א פיש זאל זיין א שפּיאָן.

— וואס רעדט איהר בען? האב איך ענדליך אויסגערופען, דערצעהלט מיר, וואס פאר אזאנדערבארער פיש איז עס?

— דער פילאָט־פיש איז איינער פון דיא מערקווירדיגע פיש אין מעער. ער שווימט שטענדיג און לעבט שטענדיג מיט דיא ווילדעסטע און שרעקליכסטע פיש, בעזאנדערס אבער מיט דעם האַמער פיש. ער איז פלינקער, שנעלער און געשיקטער פונ'ם גרויסען האַמער פיש.

— וואס איז אבער א האַמער פיש? האב איך געפרעגט.

— דער האַמער פיש איז אויך אַסארט האַי פיש, אבער גרעסער, ווילדער, שטארקער און געפעהרליכער פון אגעוועהנליכען האַי פיש, מען רופט איהם האַמער פיש, ווייל זיין קאפּ ווייזט אויס, וויא א גרויסער האַמער. פוןביידע זייטען קאפּ שטעקען ארויס זיינע צוויא גרויסע אויגען. דער פילאַט פיש שווימט פאַראויס פאַר'ן האַמער פיש. קוקט אויס דאס מעער, שפּיאָנירט אויס, אויב עס געפינט זיך ניט עפּעס צו עסען. ווען ער דערזעהט עפּעס, לויפט ער עס דערצעהלען דעם האַמער פיש.

— צו וואס טהוט ער עס? האב איך געפרעגט.

— ווייל עס בלייבט איהם שטענדיג עפּעס איבעריג נאכ'ן מיטאג פונ'ם האַמער פיש. ווען דער האַמער פיש חאַפּט עפּעס: אמענשען אדער אנ'אנדער גרויסען פיש, לאזט ער איבער א שטיקעל פאר זיין געטרייען דיענער און עהרליכען שפּיאָן—דעם פילאַט־פיש.

איך האב געוואלט נאך עפּעס פרעגען וועגען דיעזע זאָנדערבארע פיש, אין דיעזע מינוט אבער איז דער קליינער פילאָט פיש צוריק געקומען און הינטער איהם האבען זיך געוויזען צוויא גרויסע שווארצע קערפּער. איך האב א ציטער געטאהן, ווען איך האב זיי דערזעהן. בען בראס איז בלייך געווארען. ווען מיר זאלען זיך געווען געפינען אויף א שיף, וואָלטען מיר פאר זיי קיין מורא ניט געהאט. מיר האבען זיך אבער געפונען אויף עטליכע ברעטער. דיא שרעקליכע האַמער פיש קענען אנפאלען אויף אונז.

מיר האבען קיין צייט געהאט פיעל צו טראכטען, ווייל אין דיעזע מינוט האט איינער פון דיא גרויסע האמער פיש א זעץ געטהון אונזער פלאָס מיט דעם שטארקען עק. דער פלאָס האט א ציטער געטאהן און מיר זיינען ביידע אומגעפאלען. בען בראס האט ניט פערלוירען דעם מוטה. ער האט עס ערווארטעט ער האט געוואוסט, וואס פאר א געפעהרליכען פיינד ער האט פאר זיך. ער האט געחאפּט דיא האק און האט א געשרייא געטאהן צו מיר:

— נעהם דעם שפיעז, בילי! מיר מוזען זיך פערטהיידיגען. זיי וועלען אויף אונז אנפאלען.

בען בראס האט רעכט געהאט. דיא קלונע פיש האבען דערזעהן א פלאס דאס איז געווען ביי זיי א נייעס און זייא האבען פראָבירט, וואס דאס איז. קוים האבען זיי דערזעהן, אז דער פלאס איז שוואך און מיר זיינען אומגעפאלען, האט איינער פון זיי ארויס געשטעקט זיין גרויסען קאפ פון וואסער און האט געוואָלט אנחאפען בען בראס ביי דיא פיס. דאס איז איהם אבער ניט געראטהען, בען בראס האט אויפגעהויבען דיא האק מיט זיין גאנצער קראפט און האט זיא אראפגע־לאָזען אויף דער נאז פון'ם האמער פיש. דיא שווערע האק האט גוט געטראָפען. זיא האט צו שפּאלטען דעם שנויץ פון'ם האמער פיש, דארט וואו דיא נאזלע־כער געפינען זיך. א שטראָם בלוט האט זיך אנאס געטאהן פון דער שרעקליכער וואונדע.

דיעזער טהייל פון'ם קערפּער פון'ם האמער פיש איז גראדע דער שוואכס־טער. בען בראס האט ניט געוואוסט, וואו ער האט געטראפען. ער האט נור געוואלט זיך פערטהיידיגען און האט ריכטיג געטראפען. דער האמערפיש איז אפגעשפּרונגען פון אונזער פלאס, האט זיך איבער געקעהרט מיט'ן בויך ארויף האט אנגעהויבען זיך צו ווארפען און צו שלאגען מיט זיין שרעקליכען עק. דאן איז ער געבליעבען ליעגען שטיל.

אין דער צייט וואס בען בראס האט געטייטעט דעם ערשטען האמער פיש, איז דער צווייטער אנגעפאלען אויף מיר. איך האב נעהאט נור דעם לאנגען שפיעז. ווען ער האט געעפענט זיין גרויסעס מויל, האב איך איהם ארייננע־שטעקט דעם שפיעז אין מויל אריין, ער האט אבגעביסען א גרויס שטיק פון דער גרויסער שטאנג און איז אפּגעשפּרונגען פון אונזער פלאס. מעהר האבען מיר איהם געזעהן. האט ער זיך דערשראקען, ווייל ער האט געזעהן, וויא מען האט געטייטעט זיין קאמעראד, אדער האט איהם וועה געטאהן דיא וואונד, וואס איך האב איהם געמאכט, דאס ווייס איך ניט. איך ווייס נור, אז מיר האבען איהם מעהר ניט געזעהן.

איינינע מינוטען האבען מיר געקוקט איינער אויפ'ן אנדערן, גלייך וויא מיר האבען געוואלט זיך איבערצייגען, אז מיר לעבען נאךביידע און זיינען נאך געזונד און ניט פערוואונדעט. ענדליך האב איך אויסגערופען:

— גאט זיי דאנק! מיר זיינען געראטעט!

בען בראס האט אציטער געטאן. ער האט ערשט יעצט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אין וואס פאר א געפאהר מיר האבען זיך געפונען. מיר האבען ווירק־ליך זיך געראטעט דורך א וואונדער. דער האמער פיש האט א שטארקעס לע־בען אין זיך. מען קען איהם עפענען דעם בויך, ארויסנעהמען זיין אינגעווייד און ער וועט נאך אלץ לעבען. דער איינציגער ארט אין זיין קערפער, וואו מען קען איהם טייטען, איז דער קאפ, דיא געהירען. אין דיעזען ארט האט גראדע גע־טראָפען בען בראס. דאס איז געווען דאס וואונדער.

מיר האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן דעם אנדערן האמער פיש שווימען מיט'ן בויך ארויף.

— ער איז טויט, האט בען בראס געזאגט, איך האב איהם גוט געטראפען. לאמיר פראָבירען איהם חאפּען.

— צו וואס טויג ער אייך? האב איך געפרעגט.

— דוא וועסט עס באלד זעהן. גיב מיר א שטריק.

איך האב איהם דערלאנגט א שטריק. בען בראס האט אנגעהויבען צו מאכען א שלייף.

— צו וואס טוהט איהר עס, בען?

— העלף מיר צורודערן אביסעל צום טויטען האמער פיש, — שנעל, ביללין

מיר האבען צוגערודערט אונזער פלאָס צום טויטען האמער פיש. בען בראס האט אויף איהם פערווארפען דעם שלייף. דאן האט ער איהם צוגעשלעפּט צו אונזער פלאָס. דער האמער פיש איז געווען טויט און האט זיך ניט געריהרט. בען האט צורעכט געמאכט דעם שלייף און האט אנגעהויבען צו צושלעפּען דעם שווערען פיש צו אונזער פלאָס. איך האב איהם געהאלפען און אין איינינע מי־נוט איז דער גרויסער פיש געלעגען לעבען אונזער פלאָס. בען האט איהם צוגע־בונדען צו דיא קלעצער.

— וואס וועלען מיר דען מאכען פון איהם? האב איך געפרעגט.

— וואס וואלט ער געמאכט פון אונז? ער וואלט אונז אויפגעגעסען, יעצט וועלען מיר איהם עסען, האט בען בראס געענטפערט גאנץ רוהיג.

פאר וואס איך אליין בין ניט געפאלען אויף דעם געדאנק צו עסען דעם געדאנק צו עסען דעם האמער פיש, ווייס איך ניט. אין דער צייט, וואס דיא ווילדע בעסטיען זיינען אויף אונז אנגעפאלען, האב איך פערגעסען וועגען עסען. בען בראס האט באלד אויסגעשניטען א גרויס שטיק פלייש פון דער זייט פון'ם האמער פיש און מיר האבען ביידע אנגעהויבען צו עסען. מיר זיינען געווען אזוי הונגעריג, אז מיר האבען ניט געקוקט, אויב עס איז געשמאק אדער ניט. מיר זיינען געווען הונגעריג און האבען געשלונגען שטיקער האמער פיש רויערהייט.

ווען מיר האבען זיך אנגעגעסען זאט, האבען מיר זיך אנגעטרונקען מיט וואסער פון אונזער לאָגעל און האבען געלעגט זיך אפּרוהען. איך האב געזאגט צו בען בראס, אז עס וואלט גלייך געווען, אז איינער פון אונז זאל שלאפען און דער אנדערער זאל האלטען דיא וואך, פיעלייכט וועלען אנפאלען אויף אונז אנ־דערע האמער פיש.

— מען דארף ניט, האט בען געענטפערט. דיא האמער פיש זיינען זעהר זעלטען. אין דעם ארט, וואו עס געפינען זיך אפּאָר פון זיי, געפינען זיך קיינע אנדערע. זיי דערלאָזען ניט, אז אנדערע רויב פיש זאָלען זיך געפינען לעבען זיי. מיר מעגען יעצט זיין גאנץ רוהיג זאלאנג מיר געפינען זיך אין דיעזער געגענד, וועלען מיר שוין קיין אנדערן האמער פיש אזוי גיך ניט טרעפען.

מיר האבען זיך אנידערגעלעגט און האבען זיך גוט אויסגעשלאפען. מיר זיינען יעצט געווען גליקליך. מיר זיינען געווען זאט און האבען געהאט וואסער. מיר וועלען דאך אבער מארגען ווידער וועלען עסען. דאס מעער איז ווידער רוהיג ווער ווייס, וויא לאנג עס וועט אזוי בלייבען ווער ווייס, וויא לאנג מיר וועלען אזוי ארומשווימען צווישען הימעל און וואסער ?

בען בראס איז געזעסען פערטראכט. פלוצלינג האט ער אויסגערופען :

— ווייסט דוא וואס בילי ? האט ער פלוצלינג אויסגערופען, פאר וואס זאלען מיר ניט צוגרייטען שפייז אויף א לאנגע צייט.

— וואס מיינט איהר דערמיט ?

— מיר וועלען אויסטריקענען דאס פלייש פון האמער פיש, וויא מען טריקענט הערינג אדער אנדערע פיש. דיא זון ברענט אין דיעזע געגענדען, ווען מיר צושניידען דעם האמער פיש אויף דינע פאסען און הענגען זיי אויף טריקענען, וועט דיא ברענענדע זון זייא באלד אויסטריקענען און זייא וועלען זיך קענען האלטען א לענגערע צייט.

דאס איז געווען גאנץ ריכטיג. דער האמער פיש איז געווען צו געבונדען צו אונזער פלאס. ווען מיר זאלען איהם געווען לאזען אזוי אין וואסער, וואלט ער אין א קורצע צייט פערדארבען געווארען.

מיר האבען ניט לאנג געטראכט. בען בראס האט געהאפט זיין מעסער און האט אנגעהויבען צו שניידען גאנץ דינע לאנגע שטיקער פלייש פון'ם האמער פיש איך האב געטאהן דאס זעלבע. מיר האבען אויסגעשניטען א שטיק, האבען עס צו שניטען אויף שטיקלעך און האבען אויסגעלעגט דיא שטיקלעך אויפ'ן פלאס. פלוצלונג האט בען אויסגערופען :

— גיב נור א קוק, בילי ! זעה נור, וואס דא שטעקט ארויס.

— איך האב מיך אנגעבויגען און האב דערזעהן, אז צום בויך פון האמער פיש איז עפעס צוגעקלעפט אדער אריינגעשטאכען. עס האט מיר אויסגעוויזען, אז א דינער און א לאנגער שטעקען איז אריינגעשטאכען אין בויך פון האי פיש. איך האב מורא געהאט עס אנצוריהרען.

— נעהם עס, בילי ! האט בען בראס געזאגט צום שפאס.

איך האב אנגעהאפט דעם זאנדערבארען שטעקען און האב געפיהלט, אז עס ווארפט זיך, צאפעלט זיך און רייסט זיך.

— דאס איז דאך א פיש ! האב איך אויסגערופען.

— געוויס איז עס א פיש, האט בען געלאכט, אבער וואס פאר פיש ?

איך האב עס ניט געוואוסט. איך האב קיין מאל ניט געזעהן אזא סארט פיש. איך האב ניט געזעהן ניט קיין קאפ, ניט קיין אויגען, ניט קיין מויל, זאנדערן א לאנגען דינעם קיילעכדיגען קערפער, וועלכער האט געלעבט און האט זיך געווארפען.

— וואס איז דאס פאר אמערקווירדיגער פיש, בען ? האב איך ענדליך געפרעגט.

— דאס איז דער „זוינגער“, אדער „סאקער“, האט בען ערקלערט. דאס איז איינער פון דיא מערקווירדיגסטע פיש אין וועלט מעהר. ער קען ניט גוט שווימען, ווען ער דארף אבער אריבערשווימען פון איין ארט צום אנדערן. מוז ער זיך צו קלעפען צו אנ'אנדער זאך. ער האט קיינע אויגען, נור א גרויס מויל, אין וועל כען עס געפינען זיך עטליכע לעכער, וויאבאנקעס, (שרעפּפּקעפּפּע) וועלכע מען שטעלט א קראנקען מענשען אויפ'ן לייב. מיט דיעזע באנקעס, זויגער, „סאַקערס“, קלעפט ער זיך אן צו א פיש אדער צו אַ שיף און פאהרט אזוי אגעוויסע שטרעקע. דער פיש, דאס שטיק האלץ אדער דאס שיף דיענען איהם אלס אפּאסט וואגען אדער אלס אן אייזענבאהן, וועלכע פיהרען איהם פון איין ארטצום אנדערן.

איך האב מיך זעהר אינטערעסירט מיט דיעזען זאנדערבארען פיש. איך האב געוואלט איהם אפרייסען פונ'ם האמער פיש. דאס איז אבער געווען אונמעגליך. בען האט זיך צו לאַכט.

— עס איז אומזיסט דיין ארבייט, בילי, דוא וועסט איהם אזוי לייכט ניט אפרייסען פונ'ם האמער פיש. דוא קענסט איהם צו שניידען אויף צווייען, אפרייסען אבער וועסט דוא איהם ניט.

— איך וויל דאך אבער איהם בעסער בעטראכטען, האב איך געבעטען.

בען בראס האט אויסגעשניטען א גרויס שטיק פלייש פונ'ם בויך פון האמער פיש צוזאמען מיט'ן „סאַקער“ און האט עס אווארף געטאהן אויפ'ן פלאָס. דער זויגער „סאקער“, האט געפיהלט, אז ער איז ניט אין וואסער און האט אפּגעלאָזען דאס פלייש פונ'ם האמער פיש. ערשט יעצט האָב איך געקענט איהם גוט בעטראכטען. ער האט געעפענט זיין גרויסעס מויל און איך האב געקענט זעהן, וויא ער שלינגט זיין שפייז. ער פרעסט ווערים, אויסטערן און אנדערע קליינע און ווייכע בעשעפענישען פון מעער. ווען ער שווימט ארום א געוויסע צייט אין אן ארט און האט שוין אלעס אויפגעגעסען. וואס ער האט געקענט געפינען, זוכט ער אויס אַ גרויסען פיש, אַ שטיק האלץ אדער אַ שיף, זויגט זיך איין, וואנדערט מיט זיי אוועק אגעוויסע צייט און לאזט זיך ווידער אראפּ אין דער מיעפעניש.

— געפינען זיך נאך אזעלכע סארטען פיש? האב איך געפרעגט.

— געוויס, האט בען געענטפערט, לעבען דיא אינזלען קובאַ, יאַמאיקאַ און פּראַטאַריקאַ געפינט זיך א גרויסער און שטארקען זויגער פיש. ווען קאלאָמבוס האט ענטדעקט אמעריקא, האט ער געפונען אויף דער אינזעל קובא ווילדע מענשען, וועלכע האבען געהאלטען דיעזען פיש אין בעזונדערע טייכען ביים מעער. פון צייט צו צייט פלעגט מען עפענען דיעזע טייכען אין מעער. דיא „סאַקערפיש“ פלעגען ארויסשווימען און פלעגען אַנבּרענגען אנדערע פיש און זאגאר שילד קרעטען (טשערעפּאכעס). קאלומבוס האט געזעהן מיט שטוינען, אז מען קען אויסלערנען א פיש געהן אויף דער יאגד.

— איך פערשטעה עס ניט, בען, וויא אזוי האט דער פיש געוואוסט צוריק צוקומען? ער האט דאך זאגאר קיינע אויגען?

— מען פלעגט צו איהם צו בינדען א גאנץ לאנגען פאָדעם. דער אינדיאַנער פלעגט האַלטען דעם פאדעם אין דיא הענד. ווען ער האט געפיהלט אז דער פיש האלט זיך ערגעץ פעסט, האט ער אנגעהויבען איהם ארויסצושלעפען. דער זוינער האט מיטגעבראַכט דעם פיש אדער דאס שטיק האָלץ, צו וועלכען ער האט זיך צוגעקלעפט. דורך דעם „סאָקערפיש“ פלעגט מען אמאל חאפען א פיש, וועלכער האט געוואוינען צעהנדליגער פונט.

איך האב געשאקעלט מיט'ן קאפ, איך האב עס ניט געגלויבט.

— דוא קענסט עס ניט פערשטעהן, ביללי. האט בען געזאגט, איך בין געווען אין מאָזאמביק און האב געזעהן, וויא דיא נעגער פאנגען דאָרט פיש אויף דורך דיא זוינ פיש אדער „סאָקער“. אין פיעלעווילדע געגענדען, וואו דיא מענשען ווייסען נאך ניט פון אייזערנע הוקס צו חאפען פיש, בענוצט מען דעם „סאָקער“.

— איז ער גוט צום עסען אויך?

— דאס וועלען מיר שפעטער זעהן.

היינט זיינען מיר געווען זאט. ערשט דעם אנדערן טאג האבען מיר אויפגעגעסען דעם „סאָקער“. זאנדערבאר אנפאנגס איז מיר געווען זעהר שווער צו עסען רויע פיש. איך בין אבער באלד געוואוינט געווארען און פלעג עס עסען מיט אפעטיט.

46טעס קאפיטעל.

איך הער א שטימע.

מיר האבען א גאנצען טאג געארבייט. מיר האבען געשניטען שטיקער פון דעם האמער פיש, האבען זיי אויסגעלעגט אויף אונזער פלאָס אדער האבען זיי אויסגעהאנגען אויף דיא רודער.

— ווייסט דוא, ביללי, אז מיר קענען מאכען א זעגעל פון'ם פלייש פון האמער פיש. וואס איז דען דער זעגעל? — א וואנד, אן וועלכער דער ווינט שלאגט זיך אן און טרייבט דאס שיף. פאר וואס זאלען דיא דינע פאסען פלייש פון'ם האמער פיש ניט דיענען אלס זעגעל?

איך האב ניט געענטפערט. מיר האבען אויפגעשטעלטביידע רודער, האבען געצווינגען פון איינעם צום אנדערן דינע שטריקלעך און האבען אויסגעהאנגען אויף דיעזע שטריקלעך דאס פלייש פון'ם האמער פיש. מיר האבען אויף דיעזע ארט בעקומען א ריכטיגען זעגעל. פאר נאכט, ווען עס האט זיך ווידער אויפגעהויבען א ווינטעל, האבען מיר דערזעהן מיט פרייד און פערגניגען, אז אונזער פלאס שטעהט ניט אויף איין ארט. ער געהט, דער ווינד טרייבט איהם.

— מיר פאהרען! האט בען בראס אויסגערופען, מיר שטעהן ניט אויף איין ארט. פיעלייכט וועלען מיר דאך ערגעץ צו קומען.

עס איז נאכט געווארען. דער הימעל איז ווידער געוועזען קלאר און ריין. מיר האבען זיך אויסגעצויגען אויף אונזערע עטליכע ברעטער און זיינען אנטשלא־פען געווארען. דיעזע נאכט זיינען מיר געשלאפען געשמאק. איך האב מיך אויפ־געכאפט דער ערשטער, האב מיך אנידערגעזעצט און האב אנגעהויבען צו בע־טראכטען דעם הימעל און דאס וואסער ארום מיר. פלוצלונג האט זיך מיר אויס־געוויזען, אז איך הער שטימען, מענשענשטימען.

איך האב אציטער געטאהן. איך האב זעהר גוט געוואוסט, אז מיר געפי־נען זיך ווייט פון מענשען, ווייט פון לאנד. מיר שווימען אין דערמיטען פון׳ם אט־לאנטישען וועלטמעער. ווער זאל עס דא רעדען? — פיעלייכט געפינען מיר זיך ווידער לעבען דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“? דיעזער געדאנק האט מיך איבעררראשט און דערשראקען.

דיא שטימען זיינען אבער שטיל געווארען, איך האב מיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האב קיינעם ניט געזעהן. איך האב מיך דערפרעהט. באלד אבער האב איך ווידער דערהערט שטימען. דאס מאל האב איך געהערט גאנץ דייט־ליך דיא יונגע דינע שטימע פון א קינד. איך האב מיך ניט געקענט איינהאלטען און האב געמוזט אויפוועקען בען בראס.

— שטעהט אויף, בען! האב איך געשריען, איך הער שטימען, איך הער מענשען רעדען.

בען בראס האט זיך באלד אויפגעכאפט, האט זיך אויסגעווישט דיא אויי־גען און האט זיך אומגעקוקט.

— וואס איז, בילי? וואס האסט דוא זיך אזוי דערשראקען? האט ער געפרעגט.

— איך האב געהערט שטימען. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז צוויא מענ־שען האבען גערעדט. איינער פון זיי איז א קינד.

וואלט געוועזען טאג, וואלטען מיר געזעהן, וואו מיר געפינען זיך. — דער ווינד האט אונז פערשלאגען צוריק אויף דעם ארט, וואו דיא „ראפינא“ איז אונ־טערגעגאנגען. מיר וואלטען דאן געזעהן שטיקער האלץ, ברעטער, פעסער, קלעי־דער און אנדערע זאכען פון דער „ראפינא“ ארומשווימען ארום אונז. עס איז נאך אבער געוועזען פינסטער און מיר האבען גאר ניט געקענט זעהן. בען בראס האט זיך צו געהערט און האט אויך דערהערט שטימען.

— מיר מוזען אנטלויפען! האט ער אויסגערופען, מיר זיינען געוויס צו גע־שוואומען צו דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“. ווען זיי וועלען אונז חאפען וועלען זייא אונז געוויס אויפעסען.

— איך דענק, אז דאס זיינען ניט דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“. איך האב געהערט דיא שטימע פון א קינד, האב איך ערקלעהרט נאך אמאהל.

— ווייסט דוא עס פאר געוויס? האסט דוא קיין טעות ניט געהאט?

— ניין, בען, איך האב געהערט גאנץ דייטליך דיא שטימע פון א יונגען מענשען.

בען בראס האט בעטראכט דעם הימעל און דאס מעער פון אלע זייטען. עס איז אבער געוועזען אזוי פינסטער, אז עס איז געוועזען אונמעגליך צו זעהן עפּעס אויף צעהן שריט ווייט פון זיך. דער מאנד איז אונטערגעגאנגען. עס איז געוועזען פארטאג, ווען עס איז שמארק פינסטער.

— עס העלפט ניט, מיר מוזען ווארטען, ביז עס וועט טאג ווערן, דאן וועלען מיר זעהן וואס צוטאהן. מיר מוזען זיין פארבערייטעט צו אנטלויפען.

מיר זיינען געזעסען איינער לעבען אנדערן און האבען אויפגעשטעלט אונזערע אויערן. מיר האבען איינינע מאל געהערט דיעזעלבע שטימען, אבער שטילער און פון דער ווייטען. ווייט אין אָסטען (מזרח) האט זיך געוויעזען א פּאס ליכט. עס האט אנגעהויבען צו ווערן העללער און העללער. מיר האבען זיך אומגעקוקט און האב דערזעהן, וויא דאס מעער איז אויף א גרויסע שטרעקע בעדעקט מיט שטיקער האלץ, קלעצער, ברעטער און פיעלע אנדערע ארטיקעל.

— וואס איז דאס? האב איך אויסגערופען, וואו זיינען מיר ערגעץ? פון וואנען האבען זיך גענומען דיעזע שטיקער האלץ?

בען בראס האט געשוויעגען. זיינע אויגען האבען עפּעס געזוכט. פּלוצלינג האט ער אויסגערופען.

— זעה נור ביללי, אט איז עפּעס.

איך האב אקוק געטאהן אין דער זייט, וואו בען האט מיר געוויעזען און בין געבליעבען דערשראקען און ערשטוינט. ווייט, ווייט פון אונז איז געשוואומען עפּעס א גרויסע און ווילדע זאך. עס איז געוועזען קיין שיף, קיין פלאָס, קיין הויז און קיין באָאט. עס האט אויסגעוויעזען, וויא א קאסטען, עס איז אבער ניט געוועזען קיין קאסטען. עס האט זיך מיר אויפגעוויעזען, אז איך זעה אויף איהם גע־שטאלטען און איך האב זיי דאך ניט געזעהן.

— וואס איז דאס, בען? האב איך געפרעגט.

— איך ווייס ניט, האט בען געענטפערט, איך מוז פּראָבירען רופען, שריי־ען און רעדען צו דיעזען זאנדערבארען קאסטען, פיעלייכט וועט מען אונז ענטפערן. פיעלייכט געפינען זיך דארט מענשען.

ער האט צונויפגעלעגט ביידע הענד, וויא א רעהר און האט אנגעהויבען צו שרייען אויף אלע מעגליכע שפּראכען, וואס ער האט געקענט.

— ווער זייט איהר? פון וואנען קומט איהר?

— ווער זייט איהר? האט מען געענטפערט.

— דאס איז דער וויעדער קול, האב איך אויסגערופען.

— ניין, ביללי, האָט בען געזאגט, דאס איז קיין וויעדער קול, אויפ'ן מעער הערט מען קיין וויעדער קול. א וויעדער קול אדער אן עכאָ, הערט מען נור לעבע' א וואלד אדער צווישען בערג.

— זייט איהר עס, קאפּיטאן? זייט איהר עס, מיסטער לענראָ? האט וויעדער געשריען דיעזעלבע שטימע.

דיזעס מאל איז די א שטימע געוועזן אזוי הויך און אזוי דייטליך, אז בען בראס האט זיא באלד דערקענט.

— דאס איז שנעעמאן, אונזער קאך! האט בען אויסגערופען, צום טייפעל! וויא קומט דער נעגער אהער? איך האב געגלויבט, אז ער איז דערטרונקען געווארען, ווען די א „ראפינא" אונטערגעגאנגען.

ערשט יעצט האב איך מיך דערמאנט, אז זייט מיר זיינען אראפגעשפרונגען פון דער „ראפינא", האב איך ניט געזעהן דעם נעגער שנעעמאן אדער סנאאי, וויא זיי פלעגען איהם רופען.

— ווער זייט איהר? האט ווידערגערופען דיזעלבע שטימע, איך בין דער קאך פון דער „ראפינא", וועלכע איז אונטערגעגאנגען מיט עטליכע טעג צוריק. זייט איהר אויך פון דער „ראפינא", אדער זייט איהר אויף א שיף?

— מיר זיינען אויך פון דער „ראפינא", האט בען בראס געשריען.

— וויא הייסט איהר? זייט איהר דער שיפסקאפיטאן?

— ניין, איך בין בען בראס.

— מיסטער בראס! האללא, מיסטער בראס! קענט איהר צוקומען צו מיר?

— קום דוא אהער, האט בען געשריען.

— איך קען ניט. איך האב קיין רודער און איך קען ניט רודערן.

בען בראס האט געחאפט איין רודער, איך האב גענומען דעם אנדערן און מיר האבען אנגעהויבען צו רודערן. דערביי האבען מיר צו ווארפען די א שטיקער פלייש פון'ם האמער פיש, וועלכע האבען זיך געטריקענט. וואס האט דאס אבער אונז געקימערט? מיר האבען זיך דערפרעהט, וואס מיר האבען ענדליך געטראפען א בעקאנטען מענשען. מיר האבען פערגעסען אלעס אין דער וועלט און זיינען געלאפען זעהן א מענשליכעס געזיכט. מיר האבען זאגאר ניט געטראכט, אז עס איז זעהר מעגליך, אז מיר וועלען נאך דארפען איהם געבען עסען.

עס האט געדויערט א גערוימע צייט, איידער מיר זיינען צו געקומען צו איהם. אונטער דעססען האבען מיר גערעדט און געשריען איינער צום אנדערן:

— ביסט דוא אליין, סנאאי? האט בען בראס געפרעגט.

— איך בין ניט אליין, לילי איז ביי מיר.

— לילי? ווער איז לילי? איך געדענק קיין לילי אויף דער „ראפינא".

— דאס קליינע מיידעלע, וועלכעס איז געוועזן בייא אונז אויף דער „ראפינא".

ערשט יעצט האב איך מיך דערמאנט אן דעם מעדכען, וועלכעס איך האב נור אפאר מאל געזעהן אויף דער „ראפינא". איך האב מיט איהר דאמאלס ניט געקענט רעדען, ווייל איך האב שטענדיג געמוזט ארבייטען און אללע האבען מיך געשלאגען.

באלד זיינען מיר צו געקומען צו דעם סארט שיף אדער פלאס, וועלכעס

דער נעגער סנאַאי האט זיך געמאכט. איך קען אייך ניט בעשרייבען מיין פ־יד ווען איך האב דערזעהן דיא צווייא מענשען געזיכטער. פאר וואס האב איך מיך געפרעהט? געפינען מיר זיך אללע ניט דער גרעסטער געפאהר? וועט אונז דען בעסער ווערען דערפון, וואס מיר וועלען ליידען צוזאמען מיט׳ן נעגער?

בען בראס, האט צוגעבונדען אונזער פלאס צו דער געביידע פון׳ם נעגער און מיר האבען אנגעהויבען אויסצופרעגען ביי איהם, וויא אזוי ער האט זיך גע־רעטעט און ווער דאס מערכען, דיא לילי, איז.

47טעם קאפיטעל.

שנעעמאַן און לילי.

מיר מוזען זיך אומקעהרען צו דער צייט, ווען מען איז נור וואס געוואהר גע־ווארען, אז דיא „ראפינא" ברענט. דער שיפס קאפיטאן און דער ערשטער אפי־ציער האבען געשלאגען דעם נעגער שנעעמאן, אז דאס בל,ט האט זיך געגאסען פון זיינע פלייצעס. ווען דער שיפס קאפיטאן האט געזעהן, אז מען קען שוין גאר ניט העלפען דער „ראפינא", איז ער אנטלאָפען געווארען.

קוים האט דער שיפס קאפיטאן אויפגעהערט איהם צו שלאגען, האט זיך דער אונגליקליכער נעגער בעהאלטען אין זיין קיך און דיא גאנצע צייט, וואס מען האט פראָבירט צו לעשען דיא „ראפינא", איז ער געלעגען בעהאלטען אין זיין קיך. ערשט ווען דיא מאטראָזען האבען אנגעהויבען צו שרייען, אז אלעס איז פערלארען און מען מוז זיך רעטען אויף דיא באָטע, איז דער נעגער ארויסגע־קראָכען פון זיין קיך.

ער האט געזעהן, וויא דער שיפסקאפיטאן, דער ערשטער אָפיציער און פיער מאטראָזען זיינען אנטלאָפען אויף׳ן „גיג", ער האט אבער מורא געהאט צו צו־געהן איהם און איהם בעטען, ער זאל איהם אויך מיט נעהמען. דער נעגער האט זעהר גוט געוואוסט, אז אללע זיינען בייז אויף איהם, ווייל ער האט דאך אנגע־מאכט דאס פייער אויף דער „ראפינא".

ער האט מורא געהאט זיך צו ווייזען פאר דיא מאטראזען, ווייל ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז קוים וועט ער זיך ווייזען פאר זיי, וועלען זיי איהם צוריי־סען אויף שטיקער. ער האט דאהער פערשטאנען, אז ער מוז אליין געפינען א מיטעל, וויא זיך צו רעטען. ווען ער האט געהערט אז דיא מאטראָזען שרייען: א פלאָס! מאכען א פלאָס! האט ער זיך געטראכט, אז ער מוז מאכען פאר זיך אליין א שטיקעל פלאס, עטליכע ברעטער אום זיך צו רעטען.

דאס איז ניט געווען שווער. ער האט געהאט אין קיך שטיקער האלץ, מעסער, העק, זעגען און אלע נעטהיגע אינסטרומענטען. ער האט זיך באלד גע־נומען צו דער ארבייט. אין דער צייט, וואס דיא מאטראזען האבען געמאכט יעם גרויסען פלאס פון׳ם פארדער זעגעלבוים און פון׳ם געלענדער פון דער ראַ־

פינא", האט ער זיך געמאכט א קליינעם פלאס פון הינטען פון דער „ראפינא", אין דעם ארט, וואו דער שיפסקאפיטאן מיט זיינע מענשען זיינען אנטלאפען.

זייט פריה מארגען האט ער ניט געזעהן דיא קליינע לילי, ווען דער שיפסקאפיטאן און דער ערשטער אפיציער האבען דערזעהן, אז דיא „ראפינא" ברענט, האבען זייא פערשלאסען דיא קאיוטע, וואו דאס קינד פלעגט שלאפען און האבען זיא ניט ארויסגעלאזען. דאס ארימע קינד האט געוויינט, געשריען און געבעטען, מען זאל איהר עפענען דיא טיהר. קיינער האט איהר אבער ניט געהערט.

ערשט ווען דער נעגער איז געווען פערטיג מיט זיין ארבייט, האט ער זיך דערמאנט אן דער קליינער לילי. ער האט דערהערט, וויא זיא קלאפט אין דער טהיר, וויא זיא וויינט און בעט, אז מען זאל זיא ארויסלאזען. דער נעגער האט געעפענט דיא טהיר און האט זיא ארויסגעלאזען. דאס אונגליקליכע קינד איז געווען הונגעריג און האט זיך דערשראקען, ווען עס האט געזעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דער „ראפינא".

— ווער איז אבער דיא קליינע לילי? האט בען בראס געפרעגט.

— דיא קליינע לילי איז דיא טאכטער פון א רייכען קויפמאן פון ריא דע זשאניירא אין בראזיליען. זיא האט געוואינט מיט איהרע עלטערן אין לאנד פון קעניג דשינגא און איהר פאטער האט געהאנדעלט מיט אלע נעגער, וועלכע האבען געוואינט אין יענער געגענד. עס האט אויסגעבראכען א קראנקהייט אין יענער געגענד, פון וועלכער לילי'ס עלטערן זיינען געשטארבען.

ווען לילי'ס פאטער האט געזעהן, אז ער מוז שטארבען, האט ער געשיקט רופען דעם ענגלישען קאנסול און האט איהם געבעטען, אז אין פאל ער וועט שטארבען, זאל דער קאנסול צונעהמען צו זיך זיין איינציגעס קינד און זיין פערמעגען און זאל זיי איבערשיקען צו זיין ברודער קיין ריא דע זשאניירא.

ווען דיא „ראפינא" איז געשטאנען אין טייך לעבען לאנגער פון קעניג דשינגא, האט דער ענגלישער קאנסול איבערגעגעבען דעם שיפסקאפיטאן פון דער „ראפינא" דיא קליינע לילי און האט איהם צוגעזאגט גוט צו בעצאהלען, ווען דער שיפסקאפיטאן וועט ברענגען פון בראזיליען א קוויטונג, אז ער האט זיא אפגעגעבען געזונד און שטארק.

דאס איז געווען אלעס, וואס דער נעגער האט געוואוסט פון דער קליינער לילי. דער שיפסקאפיטאן פון דער „ראפינא" האט איהם פערטרויט דאס קינד און האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל זיא אפהיטען און זאל אויף איהר אכטונג געבען. שנעעמאן האט ליעב בעקומען דאס שעהנע און שטילע קינד און האט עס אפגעהיטען, וויא זיין אויג אין קאפ.

ווען ער האט געזעהן, אז אלע מאטראזען פון דער „ראפינא" רעטען זיך אויפ'ן פלאס, האט ער מורא געהאט צו צוגעהן צו זיי און זיי בעטען, אז זיי זאלען מיטנעהמען דיא קליינע לילי מיט זיך. ער האט געזעהן, וויא זיי זיינען אלע בייז און אויפגערעגט. ער האט זיך דאהער בעשלאסען זיא מיטצונעהמען מיט זיך. זא לאנג ער וועט האבען עפעס צו עסען, וועט ער איהר געבען.

אזוי וויא ער איז געוועז דער קאך פון דער „ראפינא“, האט ער שטענדיג געהאט בייא זיך אין קיך מעהל, ברויט, צוויעבאק, פריכטע און אנדערעס עסענווערק. ער איז געוועז פארזיכטיג און האט מיטגענומען אלעס, וואס ער האט נור געקענט. ער האט געהאט גענוג פראוויאנט פאר צעהן מענשען, זיין פלאס אבער איז געוועז זעהר שוואך.

דער נעגער שנעעמאן סנאאיאיז ניט געוועז קיין מאטראז. ער האט גוט געקענט שווימען, ער האט אבער ניט געוואוסט, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט א רודער און וויא אזוי צו רעגירען א פלאס אדער א באאט. קוים האט ער צונויפגעבונדען עטליכע ברעטער און עטליכע שטיקער האלץ צוזאמען, האט ער אנגעהויבען צו שלעפען פון שיף אלעס, וואס ער האט נור געקענט. ער האט אנגעבויט אטהורם פון האלץ, פעסער, קאסטענס, ברעטער און קלעצער. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז לעדיגע פעסער שווימען זעהר גוט אויפ'ן וואסער און האט אראפגעווארפען פונ'ם שיף אלע לעדיגע פעסער, וועלכע ער האט נור געקענט געפינען. דאן האט ער אלעס צונויפגעבונדען צוזאמען, וויא ער האט געקענט. ער האט געזעהן, אז שטריק קענען איהם צוניץ קומען און האט אנגעשלעפט אויף זיין פלאס, וויא פיעל שטריק ער האט נור געקענט געפינען.

דיא קליינע לילי האט איהם געהאלפען און האט געטאהן אלעס, וואס זיא האט נור געקענט טאהן מיט איהרע קליינע פינגערלעך.

דער נעגער האט ניט געוואוסט, אז אויף דער „ראפינא“ געפינט זיך פולווער. ער האט דאהער ערשט דאן אויפגעהערט צו שלעפען זאכען פון דער „ראפינא“, ווען דאס גאנצע שיף האט שוין געברענט און עס איז שוין געוועזן אונמעגליך ארויפצוגעהן אויפ'ן שיף.

צום גליק פאר'ן נעגער מיט דער קליינער לילי, האבען דיא נעגער, וועלכע איך האב ארויסגעלאזען פון דיא שטאלען, ניט דערזעהן דעם קליינעם פלאס, אויף וועלכען שנעעמאן און לילי האבען זיך געפונען. זיי האבען עס ניט געקענט דערזעהן, ווייל זיי זיינען אלע געשטאנען אין פראנט פונ'ם שיף, אויף דער נאז פונ'ם שיף; שנעעמאן מיט לילי אבער האבען זיך געפונען פון הינטען פונ'ם שיף, דארט וואו דער רודער געפינט זיך.

שנעעמאן האט געזעהן דאס שרעקליכע דראמא, וואס האט זיך אפגעשפיעלט אויפ'ן מעער. ער האט געזעהן, וויא זיינע אונגליקליכע ברידער האבען זיך אריינגעווארפען אין וואסער. ער האט געזעהן, וויא דיא האי פיש האבען זיי פערשלונגען, וויא פיעלע זיינען נאכגעשוואומען דעם גרויסען פלאס. ער האט אלעס געזעהן און האט ניט געקענט העלפען.

ענדליך איז געקומען דיא שרעקליכע קאטאסטראפע: דאס פולווער האט זיך אנגעצונדען און דיא „ראפינא“ איז צוריסען געווארען אויף שטיקלעך. אזוי וויא דאס פולווער איז געליגען אין פראנט פון דער „ראפינא“ און דיא „ראפינא“ איז אונטערגעגאנגען מיט'ן פראנט, האט עס ווייניג געשאדעט דעם פלאס פונ'ם

נעגער. דאס מעער האט צוואר אנגעהויבען צו קאָכען, צו זידען און צו ווישען ארום זיין פלאָס אדער ארום זיין טהורם פון ברעטער, פעטער און קלעצער, איינינע ברעטער האבען זיך זאגאר אפגעריסען. דאס וואסער האט פערשפריצט און פערגאָסען איהם און דיא קליינע לילי, עס האט איהם אבער ניט געשאדעט.

ער איז געבליעבען מיט דער קליינער לילי אליין אין א שרעקליכע פינסטערניס. ער האט זיא אנגעחאפט ביי דיא הענד און האט זיא געהאלטען, ביז עס איז טאג געווארען. דאס ארימע קינד האט געוויינט, דער נעגער האט געציטערט. אזוי האבען זיי פערבראכט דיא נאכט.

ענדליך איז געווארען טאג און דיא בייזע אונגליקליכע האבען געקענט זעהן, וואו זיי געפינען זיך. ארום זיי זיינען געליעגען צוזעעט און צו שפרייט שטיקער האלץ, ברעטער, פיכטער, קאסטענס, קעסטלעך און טויזענדער ארטיקעל, וועלכע זיינען געבליעבען פון דער אונגליקליכער „ראפינא". דאס גאנצע מעער ארום זיין קליינעם פלאס איז געווען בעדעקט מיט דיעזע זאכען פון דער „ראפינא". פיעלע זאכען זיינען געווען אזוי נאהענט פון זיין פלאָס, אז ער האט געקענט זיי האפען מיט דער האנד.

ער האט אנגעהויבען צו חאפען אלעס, וואס ער האט נור געקענט דערגרייכען. ער האט געגעבען דער קליינער לילי עפעס עסען און האט זיא געלעגט שלאפען. דאס ארימע קינד איז געווען מיעד און צובראכען. עס איז באלד אנטשלאפען געווארען. שנעעמאן אב.ער איז ניט געשלאפען. ער האט צוזאמענגעבונדען דרייא לעדיגע פעסער און האט אנגעהויבען ארומצופאהרען אויף זיי צווישען דיא רואינען, דיא צובראכענע שטיקער פון דער „ראפינא". אלס רודער האט ער בענוצט א שטיק האלץ. ער איז צוואר געווען א שלעכטער מאטראז און האט גערודערט זעהר לאנגזאם, דאס האט איהם אבער ווענינ געקימערט. ער האט געהאט גענוג צייט. דערווייל האט ער געהאט גענוג וואסער און גענוג פראוויאנט צו עסען.

ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז וואסער איז דאס נעטהיגסטע פאר איהם און אזוי וויא ער האט געהאט ביי זיך אין קיך אפעסעל מיט וואסער, האט ער עס אראפ געקייקעלט אויף דען פלאס. ער איז אלזאָ געווען אויף א קורצע צייט פערזארגט מיט אלעם נעטהיגען און האט געהאט גענוג צייט זיך ארומצוקוקען און אויפצופאנגען אלעס, וואס ער האט געפונען פאר נעטהיג.

אזוי האט ער פערבראכט זייא צייט, פון דער נאכט ווען דיא „ראפינא" איז אונטערגעגאנגען, ביז מיר האבען איהם בעגעגנט, ריכטיגער געזאגט, ביז מיר זיינען זיך צונויפגעקומען. יעדען טאג פלעגט ער ארומפאהרען אויף זיינע דרייא לעדיגע פעסער און פלעגט זוכען צווישען דיא רואינען, דיא צו בראָכענע שטיקער פון דער „ראפינא" זאכען, וואס קענען איהם ניצען. ער האט שוין געהאט אזוי פיעל מאטעריאל, אז מען וואלט געקענט אויסבויען א ריכטיגע שיף. ער האט אבער ניט געוואוסט, וואס צו טהאן דערמיט. ער איז ניט געווען קיין

מאטראָז און האט ניט געהאט קיין בעגריף וויא אזוי מען מאכט א באָאָט און וויא אזוי מען רעגיערט א באָאָט.

וויא אזוי קומען מיר צו איהם? דאס וויים איך ניט. איך שטעל מיר פאר, אז אין דער צייט פון א שטורם, ווען מיר האבען בעקומען וואסער, האט אונז דער ווינד געטריעבען צוריק צו דעם אָרט, וואו דיא „ראַפינא" איז אונטער־געגאנגען. ווען מיר האבען געמאכט א זעגעל פון'ם פלייש פון האמער פיש, האט דער ווינד אונז געטראגען צו דעמזעלבען אָרט.

דער נעגער מיט דער קליינער לילי האבען זיך ניט געריהרט פון'ם ארט, זייט דיא „ראַפינא" איז אונטערגעגאנגען. זייא האבען ניט געקענט ווייטער פאה־רען, וויל זיי האבען ניט געהאט ניט קיין זעגעל און ניט קיין רודער. דער נעגער האט געהאט נור איין איינציגע האפנונג: עס וועט אנקומען א שיף און וועט זיי אויפנעהמען.

טאג נאך טאג זיינען פערגאנגען און זייער לאגע האט זיך ניט געענדערט. דיא קליינע לילי איז געווען צו יונג אום צו פערשטעהן איהר לאגע. זיא האט געהאט וואס צו עסען און וואס צו טרינקען און איז געווען צופריעדען. שנעעמאן פלעגט זעהר אפט טראכטען פון זיין לאגע, ער פלעגט עס אבער ניט ווייזען דער קליינער לילי. דער דורכגעטריעבענער נעגער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז ער דארף ניט בעאונרוהיגען דאס אונגליקליכע קינד.

דאס שרעקליכסטע אין זייער לאגע איז געווען, וואס זיי פלעגען זעהר אָפט זעהן האי פיש שווימען ארום זייער פלאס. דיא האי פיש האבען געהאט אויף דעם אָרט א בלוטיגען באלל. זיי האבען צוריסען און פערשלונגען איבער 4 הונדערט מענ־שען און זיי האבען ניט געוואלט אפטרעטען פון דיזען ארט. שנעעמאן פלעגט ציטערן יעדעס מאל, ווען א האי פיש פלעגט ארויס שטעקען זיין גרויסען קאפ און פלעגט אקוק טאהן אויף איהם מיט זיינע גרויסע בלוטדורשטיגע פער לאפענע אויגען.

דיא ערשטע פאר טאג זיינען דיא האי פיש געווען זאט און פלעגען זיי ווע־ניג בעאונרוהיגען. אויפ'ן פינפטען, זעקסטען טאג אבער זיינען זיי געוואָרען זעהר אונרוהיג און פלעגען שווימען גאנץ נאהענט ארום זייער פלאס. שנעעמאן האט מורא געהאט אפצוטרעטען פון'ם פלאס. ער האט שוין מורא געהאט ארומצו־שווימען אויף זיינע דרייא פעסער. דיא האי פיש זיינען געווארען אזוי פרעך און אזוי אונפערשעהמט, אז זיי פלעגען אנפאלען אויף זיין פלאס, פלעגען חאפען א שטיק האלץ, א ברעט אדער א פאס און פלעגען עס צו קייען מיט זייערע שאר־פע צעהנער.

ער האט געמוזט זיך בעווארענען פאר זיי. ער האט פראָבירט זיי שלא־גען איבער דיא קעפ מיט שטיקער האלץ, דיא פרעכע האי פיש פלעגען זיך אבער וועניג דערשרעקען פאר איהם. זיי פלעגען אויף א מינוט אנטלויפען, באלד אבער פלעגען זיי קומען צוריק און פלעגען ווידער אנפאלען אויף איהם.

שנעעמאן האט געמוזט מאכען ארום זיין פלאס א הויכע וואנט פון לעדיגע פעסער. ער האט געהאט גענוג פעסער און גענוג שטריק אום זיי צוזאמען צו בינדען. זיין פלאס האט יעצט אויסגעוויעזען, וויא אן איינגעפאלענע פעסטונג אדער וויא א זאנדערבארער קאסטען. פון אלע 4 זייטען זיינען געווען צוגעבינדען לעדיגע פעסער אין צוויי רייהען אין דער הויך. אין דערמיט איז געווען אויסגעשפרייט א גרויס שטיק זעגעל טוך, אויף'ן זעגעל טוך זיינען געלעגען ליליס זאכען. א וואלענע דעק (א קאלדרע) צוויא קישעלעך און איינינע קלייניגקייטען.

דאס איז געווען זייער בעט. דא זיינען ביידע געשלאפען. אזוי וויא די האי פיש זיינען געווארען מיט יעדען טאג אונריהיגער און ווילדער, האט מען שטענדיג געמוזט שטעהן אויף דער וואך. ווען דער נעגער פלעגט ווערן שרעקליך מיעד און האט געמוזט זיך אברוהען, פלעגט לילי מוזען האלטען דיא וואך. דיא קליינע לילי האט זעהר גוט געקענט דיא געפאהר, אין וועלכע זיא האט זיך געפונען. זיא האט אויך געציטערט פאר דיא האי פיש. זיא האט געזעהן, וויא דיא האי פיש האבען צוריסען און פערשלונגען דיא נעגער פון דער „ראפינא“.

איין מאל ביי נאכט האט זיך דער נעגער געלעגט שלאפען און דיא קליינע לילי האט געהאלטען דיא וואך. עס איז געווען א פינסטערע נאכט. דער מאנד האט ניט געשיינט, וויל עס איז געווען סוף חודש. דאס מעער איז געווען שטיל און רוהיג. לילי האט זיך אנגעשפארט אן א פאס און האט געקוקט אויפ'ן מעער פלוצלינג האט א גרויסער האי פיש ארויס געשטעקט דעם קאפ פון'ם וואסער און האט געוואלט זיא אנחאפען. לילי האט אנגעהויבען צו שרייען און איז ארויפגעפאלען אויפ'ן נעגער. שנעעמאן אדער סנאאי האט זיך אויפגעחאפט, האט געחאפט א שטיק האלץ און איז צוגעלאפען צום פאס, וואו דער האי פיש האט זיך געוויזען. ער איז פערשוואונדען.

דאס זיינען געווען דיא שטימען, וואס איך האב געהערט בייא נאכט. ווען מיר זאלען זיך ניט געווען דערשרעקען און ניט געווען מורא האבען, אז דאס זיינען דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“, וואלטען מיר זיי שוין לאנג געווען דערגרייכט.

דאס זאנדערבארע דערביי איז געווען, וואס שנעעמאן און לילי האבען געהערט אונזערע שטימען אויך. לילי האט געבעטען דעם נעגער, ער זאל שרייען און זאל אונז רופען, ער האט אבער מורא געהאט עס צו טאהן. ער האט מורא געהאט פאר דיא גייסטער פונ'ם מעער. אין זיין לאנד פלעגט מען דערצעהלען, אז ביי נאכט שווימען ארום מעער גייסטער, וועלכע שלעפען אראפ דיא מענשען אין דער טיעפעניש. ערשט ווען עס איז טאג געווארען, האט ער זיך ערלויבט צו שרייען און צו רעדען אין דער הויך. דאמאלס האבען מיר זיך בעגעגנט.

48טעם קאפיטעל.

מיר בויען א באָט.

מיר זיינען יעצט געווען גליקליך. מיר געפינען זיך צווישען בעקאנטע. מיר האבען אביסעל וואסער און זיי האבען אביסעל וואסער. מיר האבען אביסעל פראָוויאַנט און זיי האבען אביסעל פראוויאנט. מיר האבען געטריקענטע פיש זיי האָבען צוויעבאק.

איך קען אייך ניט בעשרייבען מיט וואס פאר אן׳אפעטיט, מיט וואס פאר א פערגעניגען איך האב איינגעשלונגען דיא ערשטע פאר שטיקלעך צוויעבאק (סוכאַרעס), וועלכע לילי האט מיר געגעבען. איך האב זיי פערשלונגען, גלייך וויא זיי וואלטען געווען דאס טהייערסטע עסען, וואס מען גיט אויף פאר א קעניג, בען בראס האט אויך געגעסען מיט אבעזאנדערן אפעטיט.

דיעזער טאג איז געווען ביי אונז א פייער טאג, א רוהע טאג. מיר האָבען געגעסען דיא בעסטע עסענס און האבען געטרונקען גענוג וואסער. נאכ׳ן עסען האבען מיר זיך געלעגט שלאפען און האבען אפגעשלאפען דעם גאנצען טאג. דער נעגער און לילי האבען געהאלטען דיא וואך פאר אונז. פאר נאכט זיינען מיר אויפגעשטאנען און דער נעגער האט זיך געלעגט שלאפען. לילי איז געשלאָפען אויף איהר געלעגער לעבען איהם. ביי נאכט האָבען א פאר האי פיש וויעדער פראבירט אנפאלען אויף אונז, בען בראס האט זיי אבער געגעבען אזא לעקציאן, אז זיי האבען איהם געהאט צו געדיינקען. ער האט וויעדער צושפאלטען איינעם דעם קאפ מיט זיין האק.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה זיינען מיר וויעדער געזעסען אלע פיער און האבען געגעסען פריהשטיק צוזאמען. נאכ׳ן עסען האבען מיר אנגעהויבען צו טראכטען, וואס צו טאהן.

— מיר האבען גענוג מאטעריאל, האט בען בראס געזאגט, מיר קענען מאכען א שטאַרקען פלאָס, אסארט באָט, אויף וועלכען מיר זאלען קענען שווימען, מיר זאלען קענען ווייטער פאהרען.

— וויא זאלען מיר עס אבער מאכען? האב איך געפרעגט.

— דיא עמליכע ברעטער, אויף וועלכע מיר זיינען ביז יעצט געפאהרען, זיינען צו שוואך און צו קליין פאר אונז. מיר מוזען עס צונעהמען און מיט דיעזע ברעטער און קלעצער בעפעסטיגען דעם נייעם באאט.

— איך דענק, אז עס וואלט גלייבער געווען, מיר זאלען זיך אלע איבערקלייבען אויף אונזער קליינעם פלאָס און זאלען דארט בלייבען, ביז מיר וועלען מאכען עפעס פון דעם מאטעריאל, וועלכער געפינט זיך אויפ׳ן גרויסען פלאס, האב איך געזאגט.

— נאַצע ריכטיג, האט דער נעגער אויסגערופען. גאַנץ ריכטיג! אזוי ווי...

עס בעסער זיין. זעהט דאס מעער ארום. עס געפינען זיך דא אזוי פיעל קלע־צער און ברעטער, אז מען קען מאכען א גאנצעס שיף.

דיעזער פלאן איז געפעלען און מיר האבען זיך באלד גענומען צו דער אר־בייט. בען בראס האט יעצט געוויעזען, אז ער האט ניט פערגעסען, וואס ער האט געלערנט אין שולע. ער האט צו ערשט געמאכט א פאנטאן בריק פון לעדיגע פעסער. מיר זיינען ארומגעפאהרען און האבען אויפגעפאנגען אלע לעדיגע פעסער, וועלכע מיר האבען נור געקענט געפינען. האבען זיי אויסגעלעגט אין רייהען און אויף זיי האבען מיר ארויפגעלעגט ברעטער, וועלכע מיר האבען צוגעשלאגען אדער צוגעבונדען צו דיא פעסער.

מיר האבען אלע געארבייט רעכט פלייסיג, זאגאר דיא קליינע לילי האט געארבייט. אזוי וויא מיר האבען געהאט ווייניג נעגעל, האבען מיר אנגעהויבען ארויסצושלעפען דיא אלטע נעגעל פון דיא ברעטער פון דער „ראפינא". ווען עס זיינען אונז אויסגעגאנגען דיא נעגעל, האבען מיר אנגעהויבען צו צובינדען דיא ברעטער צו דיא פעסער מיט שטריק.

דעם אנדערן טאג האבען מיר שוין געהאט א גאנץ גרויסען, ברייטען און געראומיגען פלאס, באאט, פאנטאן בריק אדער שיף. רופט עס וויא איהר ווילט. איך ווייס אליין ניט, וויא מען זאל עס רופען. עס איז געווען גענוג שטארק און דיא הויפטזאכע, גענוג הויך איבערן וואסער, אז א האי פיש האט ניט געקענט א... לייכט צוקומען צו אונז.

ווען דיעזער פאנטאן בריק איז געווען פערטיג, האבען מיר דארויף איבער־געטראגען אלע אונזערע זאכען און מיר האבען אנגעהויבען צו צוברעכען און צו צונעהמען דעם קליינעם פלאס, אויף וועלכען איך און בען בראס זיינען געשוואו־מען ביז אהער און וואו מיר האבען אזוי פיעל דורכגעלעבט און דורכגעליטען.

בען בראס האט געוואוסט, וויא אזוי צו בויען א שיף. ער האט געוואוסט, אז דער פראנט פון א שיף מוז זיין מיט א שפיץ. ער מוז זיין שארף, ער זאל קענען שניידען דאס וואסער. בען האט צוזאמענגעשלאגען ברעטער אין א שאר־פען ווינקעל און האט געמאכט פון זיי א נאז פאר אונזער נייע מאשין.

פינף טעג נאך אנאנד האבען מיר אלע געארבייט זעהר שווער, ביז מיר האבען אויסגעבויט א סארט באאט אדער א סארט מאשין, וועלכע מען האט גע־קענט רעגיערען און ארומפיהרען, וואוהין מען האט געוואלט. עס איז נאך ניט געווען קיין באאט, עס איז אבער געווען פיעל בעסער אלס דער פלאס. ווען אלעס איז געווען פערטיג, האבען מיר אנגעהויבען צו טראכטען, וואס פאר א נאמען מיר זאלען געבען אונזער שיף. אזוי וויא בען בראס איז געווען דער הויפט אר־כיטעקטאר פון אונזער שיף, האבען מיר איהם געגעבען דיא עהרע צו געבען א נאמען דעם שיף.

— „דער אלבאטראס", האט ענדליך בען ארויסגעזאגט.

און אזוי איז עס געבליעבען. אונזער שיף האט געהייסען "דער אלבאטראס".

מיר איז צוואר דיעזער נאמען ניט געפעלען. איך האב געפונען, אז אונזער שיף איז ניט שטארק עהנליך צום גרויסען און שטארקען אדלער, וועלכען מען רופט אלבאטראָס. עס איז וואהר, דער אלבאטראס איז דער איינציגער פייגעל, וועל־כער פליעהט אוועק אויף טויזענדער מייל אין מעער האפען פיש. ער איז אבער זעהר שטארק און האט צווייא לאנגע און שטארקע פליגעל. ווען ער ווערט מיעד, רוהט ער זיך אפּ אויף זיינע אייגענע פליעגעל. איך מוז זאגען דיא וואהרהייט, אז אונזער שיף האט ניט פערדיענט דעם נאמען אלבאסטראָס, ווייל עס איז געווען ניט שטארק, וויא אן אלבאטראָס און ניט שנעל, וויא אן אלבאטראס. בען בראס איז אבער געווען דער ערשטער ארכיטעקטאר, דער ערשטער ארבייטער און דער שיפסקאפּיטאן פון אונזער שיף. מיר האבען געמוזט פאלגען אלעס, וואס ער האט אונז געהייסען און מיר האבען געמוזט זיין צופריעדען מיט'ן נאמען אל־באטראָס.

ווען אלעס איז געווען פערטיג, האָבען מיר זיך וויעדער אפּגערוהט א פּאר טאג. דאן האבען מיר אנגעהייבען צו פּראבירען אונזער „אלבאטראָס", זעהן, וויא ער וועט געהן. מיר האבען אנפאנגס פּראבירט איהם טרייבען מיט רודער. אונ־זער אלבאטראס איז געגאנגען זעהר לאנגזאם.

— מיר מוזען אויפשטעלען א זעגעלבוים און ארויפצ־יעהען אויף איהם א זעגעל, האָט בען געזאגט און האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט.

אין א קורצע צייט זיינען געשטאנען אויפ'ן אלבאטראָס צווייא זעגעלבוי־מער, אויף וועלכע עס זיינען געהאנגען זעגעל. דאס האט געהאלפען. פאר נאכט, ווען עס האט זיך אויפגעהויבען אווינטעל, האבען מיר אויפגעצויגען דיא זעגעל. דער „אלבאטראס" האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען.

— קיין אמעריקא! קיין אמעריקא! האט בען בראס אויסגערופען פול מיט פרייד. מיר פאהרען קיין אמעריקא!

ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז אויף אזא מאשין, וויא אונזער „אלבאט־ראָס" איז ניט אזוי לייכט צו קומען קיין אמעריקא; עס האט איהם אויך זעהר וועניג געקימערט, אויב מיר וועלען קומען קיין אמעריקא אדער קיין אפריקא. מיר האבען געוואלט צו קומען צו א לאנד, וואו עס געפינען זיך ציוויליזירטע מענשען. ער האט געשריען: קיין אמעריקא! נור אום צו ווייזען, אז אונזער „אל־באטראס" איז אזוי שטארק, אז מיר קענען מיט איהם פאהרען קיין אמעריקא.

49טעם קאפּיטעל.

לילי לאלא.

איך בין געווען צופריעדען, וואס מיר זיינען אוועקגעפאהרען פון דיעזען אונ־גליקליכען ארט, וואו אזוי פיעל מענשען האבען פערלאדען דאס לעבען. איך פלעג אציטער געטאהן יעדעס מאל, ווען איך פלעג אקוק טאהן אויפ'ן וואסער און

פלעג דערזעהן דיא גרויסע פייערינע אויגען פון א האי פיש, וועלכע פלעגט נאך אלץ קוקען אויף אונז און אבען אונז צו פערשלינגען.

דער „אלבאטראס" איז געגאנגען זעהר לאנגזאם. ער איז געקראכען, וויא אפאר אקסען, וועלכע שלעפען א שווערן וואגען, אבער ער איז דאך געגאנגען, ער איז דאך ניט געשטאנען אויף אן ארט. בען בראס אדער דער נעגער פלעגען שטעהן ביים רודער, איך און לילי פלעגען שטעהן אן א זייט און בעטראכטען דאס מעער.

איך האב אייך שוין דערצעהלט, אז איך פלעג שטענדיג ליעב האבען דאס מעער, עס פלעגט מיך שטענדיג ציעהען צום מעער. יעצט איז דאס געווען מיין טרייסט. איך האב געקענט בעטראכטען דאס מעער מיט זיינע וואונדער.

אך, וויא וואונדערבאר איז דאס וועלט מעער! וויפיעל וואונדער, וויא־פיעל געהיימניסע ליעגען פערבארגען אונטער זיינע טיעפע וואסערן! ווען מען פאהרט אויף א שיף, בעזאנדערס ווען מען פאהרט אויף דיא גרויסע און שנעלע דאמפף־שיפען, ווייס מען גאר ניט און מען קען גאר ניט וויסען, וואס דאס מעער איז. אויף אונזער „אלבאטראס", אויף עטליכע ברעטער און לעדיגע פעסער, האב איך געהאט דיא געלעגענהייט צו לערנען דאס מעער, צו שטודירען דאס מעער און צו קענען דאס מעער.

איך וואלט געווען גליקליך, ווען איך זאל געווען קענען רעדען מיט מיין נייעם פריינד, לילי, ליידער האט זיא גערעדט נור פארטוגעזיש און איך האב גע־רעדט נור ענגליש. מיר האבען געמוזט רעדען דורך צייכענס און דורך איינציגע ווערטער, וועלכע מיר האבען ביידע פערשטאנען; מיר האבען זיך אבער פער־שטאנען, מיר האבען גערעדט אויף דער שפראכע, וועלכע אלע מענשען פון דער וועלט: שווארץ און וויים, געל און רויט, יונג און אלט פערשטעהן — דאס איז דיא שפראכע דער ליעבע. מיר האבען זיך פערשטאנען, וויל מיר האבען זיך גע־ליעבט; מיר האבען זיך געליעבט, וויל מיר זיינען ביידע געווען אונגליקליכע, וועלכע זיינען פערווארפען געווארען אויפ'ן גרויסען וועלט מעער און האבען זיך בעשטענדיג געפונען אין דער גרעסטער געפאהר.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג און מיט אונז האט גאר נוט פאסירט. דער „אלבאטראס" האט געשוואומען זעהר לאנגזאם. ווען עס פלעגט זיך אויפ־הויבען א ווינטעל, פלעגען מיר אויפציהען דיא זעגעל און פלעגען פאהרען שנעל, פלעגט זיין שטיל, פלעגען מיר רודערן מיט דער מאשין, וואס בען בראס האט געמאכט.

דאס וועטער איז געווען שעהן. דיא זון האט געברענט, וויא פייער און דיא לעבעדיגע איינוואינער פון'ם וועלט מעער פלעגען זעהר אפט ארויסשטעקען דיא קעפ פון'ם וואסער און קוקען אויף אונז מיט זייערע אויגען אהן ברעמען. אלעס איז געווען שטיל און רוהיג. איין מאל אין אונז געלונגען צו טייטען א גרוי־סען פיש מיט אלאנגען שטיק אייזען, וועלכעס דער נעגער סנאי האט מיטגע־

בראכט פון דער „ראפינא“. מיר האבען געגעסען רויע פיש אדער געטריקענטע פיש. פון צייט צו צייט פלעגען מיר זיך האבען א פייערטאג און פלעגען זיך ערלויבען צו עסען צוויבאק. דער צוויבאק איז צוואר געווען פערנעצט און געזאלצען פון'ם מעער וואסער, מיר פלעגען איהם אבער עסען מיט פערגניגען.

אין א שעהנעם פריה מארגען האבען מיר אפגעגעסען אונזער פריהשטיק און האבען געזעצט זיך אפרוהען. דער טאג איז געווען א ברענענד הייסער. דיא זון האט געברענט, וויא פייער. דאס מעער איז געווען גלאט, וויא א שפיעגעל. עס האט זיך ניט געריהרט קיין ווינטעלע. דער נעגער שנעעמאן האט געהאלטען דיא וואך ביי נאכט און האט זיך געלעגט שלאפען. בען בראס האט זיך געשטעלט ביים רודער און האט פראבירט צו רודערן. איך און לילי זיינען געשטאנען אנגעשפארט אן א ברעט, וועלכעס האט אונז געדיענט אלס געלענדער, און האבען געקוקט אויפ'ן מעער.

פלוצלונג האט זיך דאס וואסער אנגעהויבען צו ריהרען. עס האט זיך געוויזען א זאנדערבארע געשטאלט. עס האט אויסגעוויזען, וויא א גרויס פאס. פון איין זייט פון דיעזעס פאס האט ארויסגעשטעקט א גרויסער שנאבעל, וויא ביי א פויגעל. אין דער מיט פון דעם גרויסער פאס האבען ארויסגעשטעקט צוויי גרויסע גרויע אויגען.

מיך האט פעראינטערעסירט דיעזע זאנדערבארע בעשעפעניש און האב עס בעטראכט. לילי איז געשטאנען לעבען מיר און האט אויך געקוקט אויף דיעזע נייע זאך. מיר זיינען ביידע געווען אזוי פעראינטעעסירט, אז מיר האבען קיין צייט ניט געהאט צו רעדען איינער מיט דעם אנדערן א ווארט.

מיר האבען געזעהן, אז עס לעבט, אז עס ריהרט זיך; מיר האבען אבער ניט געזעהן ניט קיין קאפ, ניט קיין פלאספעדערן, ניט קיין פיס, ניט קיין שופען, ניט קיין מויל, און דאך האט עס זיך געריהרט, געדרעהט, זיך אויסגעצויגען און זיך צונויפגעקייקעלט.

עס זיינען פערגאנגען איינינע מינוט און מיר האבען אלץ געקוקט אויף דיא ווילדע, זאנדערבארע זאך. פלוצלונג האט זיך אווארף געטאהן א לאנגער פאס, וויא א לאנגער און שטארקער רימען און האט זיך ארוהגעוויקעלט ארום לילי'ס פוס. לילי האט ארויסגעלאזען א שרעקליכען געשריי:

— גוואלד! רעטעט מיך!

איידער איך האב צייט געהאט מיך אומצוקוקען, האט זיך ארויפגעווארפען א צווייטער ריעמען און האט ארומגעוויקעלט איהר קערפער. ביידע ריעמענס אדער ביידע לאנגע פאסען האבען זיא געשלעפט אין מעער. זיי וואלטען געוויס זיא אריינגעשלעפט אין וואסער, ווען זיא זאל ניט געווען אומגעפאלען אויפ'ן „אלבאטראס“ און זאל ניט געווען זיך אנשפארען מיט דיא פיס אן דיא ברעטער, וועלכע האבען אונז געדיענט אלס געלענדער.

בעז בראס איז צוגעשפרונגען צו אונז און האט אקוק געטאהן אויפ'ן מעער

— דער אָקטאָפּוס! האט ער א געשריי געטאָהן. שנעל, בילי! ווען אויף דעם גענער!

איך האב ניט געוואוסט, וואס פאר א בעשעפּעניס דער אָקטאָפּוס איז, עס איז אבער קיין צייט געווען צו פרעגען און צו טראכטען. דיא קליינע לילי האט געוויינט, געשריען און געבעטען, מען זאל זיא רעטען. איך האב אנגעחאפּט דעם גענער ביי דיא פּליצעס און האב אנגעהויבען איהם צו וועקען. אין אייניגע מינוט זיינען מיר אלע דרייא געשטאנען ארום דער אונגליקליכער לילי.

— ער עסט מיך אויף! ער טרינקט מיך אויס! האט דאס אונגליקליכע קינד געשריען.

שנעעמאן דער נענער האט געחאפּט זיין מעסער און האט אנגעהויבען צו שניידען דיא זאנדערבארע ריעמענס, וועלכע זיינען געווען ארומגעוויקעלט ארום לילים קערפּער. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. דיא ריעמענס זיינען געווען הארט, וויא שטאָהל.

דער אָקטאָפּוס אדער „אכט פוס“ איז ווירקליך איינס פון דיא מערקוויר־דיגסטע בעשעפּעני‏שען, וועלכע געפינען זיך אין מעער. זיין קערפּער איז זעהר עהנליך צו א פּאס. עס איז א קיילעכדיג שטיק פלייש מיט צווייא גרויסע אויגען אין דער מיט. אין איין ארט שטעקט ארוים א שנאָבעל, וויא ביי א פויגעל, אבער פיעל גרעסער און פיעל שארפער, וויא ביי א פויגעל. ארום דיא אויגען געפינען זיך אכט פיס, אדער אכט לאנגע לעדערנע ריעמענס. ווען דער אָקטאָ־פּוס פערהאלט זיך רוהיג, ציהט ער זיי צונויף און מען קען זיי ניט זעהן; ווען ער דערזעהט אבער א פיש, א קראב, א לאָבסטער אדער א מענשען, ציהעט ער אויס זיינע פיס אדער זיינע לעדערנע ריעמענס, וויקעלט זיי ארום און שלעפּט זיי צו צו זיך.

דיעזע פיס אדער דיעזע רימענס זיינען ניט גאנץ גלאט. זיי זיינען בעזעצט מיט קליינע עפענונגען אדער מיילער אדער זויגער. זיי קלעפּען זיך צו, זויגען זיך איין צו דער זאך, וואס זיי חאפּען און זויגען איהם אויס דאס בלוט. דער אָקטאָ־פּוס זויגט מיט זיינע פיס. ערשט ווען ער זויגט אויס דאס גאנצע בלוט פון דער פיש אדער פון׳ם מענשען, וועלכען ער חאפּט, שלעפּען דיעזע פיס איהם צו צום שנאָבעל צורייסט זיי און פרעסט אויף דאס פלייש.

דער אָקטאָפּוס איז איינער פון דיא געפעהרליכסטע רויבער און מערדער, וועלכע האלטען זיך אויף אין מעער. ער קען לעבען א קורצע צייט אויף דער לופט. ביי דיא ברעגעס פון מעער מאכט זיך אמאל, אז ער קריעכט ארויס אויפ׳ן לאנד און קריעכט ארום אויף זיינע אכט פיס אדער אכט הענד אויף דער יבשה זוכען זיין שפייז. עס מאכט זיך אפט, אז ער געפינט א קינד ביים ברעג פון׳ם מעער און שלעפּט עס אריין אין מעער. דיא עלטערן ווייסען זאגאר ניט, וואו דאס קינד איז אהינגעקומען.

דיים ברעג פון׳ם מעער געפינען זיך אבער געוועהנליך נור קליינע אָקטאָ־

פוסע. דיא פישער קענען זיי זעהר גוט, פאנגען זיי און טייטען זיי. אויף דיא פיש מערק פון ניויארק קען מען אמאל זעהן קליינע אָקטאָפּוסע. דיא איטאליע־נער עסען זיי.

א גרויסען אָקטאָפּוס קען מען זעהן נור ווייט אין מעער, וואו קיינער שטערט איהם ניט און ער וואקסט אמאל אויס זעהר גרויס. דאן איז ער געפעהרליך. ווען ער זוגט זיך איין אין אמענשען, איז אונמעגליך איהם אפצורייסען. זיינע לע־דערנע פיס זיינען הארט, וויא אייזען. מען דערצעהלט, אז אין דיא אלטע צייטען פלעגט א מאל אן אקטאפוס אראפּחאפּען א מאַטראָז פון א שיף.

אזא גרויסער און שטארקער אָקטאָפּוס האט יעצט ארומגעוויקעלט זיינע הענד אדער זיינע פיס ארום דעם קערפער פון לילי. דאס אונגליקליכע מעדכען האט געשריעען און געוויינט.

— רעטעט מיך! ער עסט מיך אויף! ער טרינקט מיך אויס!

אלע מיילער פונ׳ם אָקטאָפּוס האבען אנגעהויבען אויסצוזויגען דאס בלוט פונ׳ם ארימען קינד. ער וואלט זיא געווים אראפּגעשלעפּט אין וואסער, ווען בען בראָס זאל זיא ניט געוועזן צוהאלטען. דערמיט אבער האט ער איהר ווענינ גע־האלפען. אויף יעדער פוס פונ׳ם אקטאפוס געפינען זיך פופציג ביז זעכציג אזעל־כע מיילער און יעדעס מויל זוינט, יעדעס מויל פרעסט, יעדעס מויל ציעהט ארויס דאס בלוט און דיא זאפט פונ׳ם מענשען אדער פון דעם טהיער, וועלכעס דער אָקטאָפּוס האלט ארומגעוויקעלט. מען קען זיך לייכט דענקען, וויא דאס ארימע קינד האָט געליטען, ווען דיא צוויא לענגסטע פיס פונ׳ם אקטאפוס האָ־בען זיך ארומגעוויקעלט ארום איהר און האבען אנגעהויבען זיא צו זוינען.

— האַלט זיא צו, סנאָאי! האט ענדליך בען בראס אויסגערופען, איך מוז איהם טויטען!

דער נעגער האט אנגעחאפּט דאס אונגליקליכע קינד און האט עס געהאל־טען פעסט, דער אקטאפוס זאל זיא ניט אריינשלעפּען אין מעער. בען בראס האט געחאפּט זיין מעסער, און איז אראנגעשפּרונגען אין וואסער. אין דיעזע מינוט האט דער אקטאפוס ארויסגעווארפען א דריטען ריעמען, א דריטע האנד, וועלכע האט זיך ארומגעוויקעלט ארום בען בראס. אנאנדערער אויף זיין ארט, וואלט פערלארען דעם מוטה און וואלט אנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען. בען בראס איז אבער ניט געוועזן אזא מענש, וועלכער דערשרעקט זיך אזוי לייכט. ער האט גוט געקענט דעם פיינד, וועלכען ער האט יעצט געהאט פאר זיך.

בען האט געוואוסט, אז אין קערפער פונ׳ם אקטאפוס איז דא נור איין ארט, וואו מען קען איהם טייטען. דער גאנצער קערפער איז גאנץ ווייך און איז בעדעקט מיט אגאנץ דינער הויט. דער אקטאפוס פיהלט ניט, ווען מען שניידעט זיא איין. ווען מען מאכט אבער א שניט צווישען דיא אויגען פון אָקטאָפּוס, טויטעט־מען איהם.

בען בראס האט זיך דאהער זעהר ווענינ געקימערט, וואס דער אָקטאָפּוס

האָט איהם אנגעהאַפּט, ער איז זאגאר געווען צופריעדען דערמיט, ווייל דער אָק־טאָפּוס האט איהם געשלעפּט צו זיך. דאס האט ער געדארפט. ער האט גע־האלטען זיין שארפעס מאטראזען מעסער אין דער הויך און איז צוגעשוואומען שנעל צום אָקטאָפּוס, וועלכער האט שוין אויסגעשטעלט זיין גרויסען שנאבעל אום איהם צו צוררייסען. אין דיעזע מינוט האט בען אריינגעשטאכען זיין שאר־פעס און שפּיציגעס מעסער אין קאָפּ פון אקטאָפּוס, פונקט צווישעןביידע גרויסע אויגען און האט אנגעהייבען אויסצושניידען א גרויס שטיק, וויא א פענסטער.

דער אָקטאָפּוס האט אפּגעלאזען בען בראס און לילי, זיינע לאנגע הענד זיינען אראָפּגעפאלען פון זייערע קערפּער און האבען זיך צונויפגעצויגען. יעצט האט אבער בען בראס ניט אָפּגעלאָזען דעם אָקטאָפּוס, ער האָט איהם ארויפ־געשלעפּט אויפ'ן „אלבאַטראָס".

לילי איז געליגען אין אהנמאכט. פון דיא ערטער פון איהר קערפּער וואו דיא ריעמענס פון'ם פּאָקטאָפּוס האבען זיא ארומגענומען, האט גערונען בלוט, וויא עס רינט דאס בלוט פון א מענשען, וועלכען מען האט נור וואס געשטעלט באנקעס. אויף איהר פּוס און אויפ'ן קערפּער זיינען געווען קליינע צוביסענע וואונ־דען פון וועלבע עס האט גערונען בלוט.

ווען בען בראס איז ארויסגעקומען פון וואסער, האבען מיר בעמערקט אז פון זיינע פּוס רינט אויך בלוט. וויא קורץ עס איז געווען דיא צייט, וואס דער אָקטאָפּוס האט איהם געהאלטען, האט ער שוין צייט געהאט דורכצולעכערען זיין הויט ביז בלוט. דער שטארקער מאטראז האט באַלד צוריסען זיין העמד און האט זיך ארומגעבונדען דעם פּוס. איך האב צוריסען מיין העמד און בען בראס מיט'ן נעגער האבען פערבונדען לילי'ס וואונדען. באַלד איז לילי געקומען צו זיך און האט געעפענט דיא אויגען.

דיא ערשטע זאך, וואס זיא האט דערזעהן, איז געווען דער טויטער אקטא־פּוס. יעצט האבען מיר געקענט איהם בעטראכטען. ער איז געווען גרויס, וויא אפאס און האט געדארפט וועגען, מעהר אלס הונדערט פונד. אין אנאנדערע צייט וואָלטען מיר איהם אריינגעווארפען אין וואסער, יעצט אבער האבען מיר איהם גענוצט בעטראַכטען אלס פּראָוויאנט. בען בראס האט אבגעשניטען זיינע לאנגע פיס און דעם הארטען שנאבעל. דעם קערפּער האבען מיר געגעסען. ליידער, איז ניט געווען פיעל וואס צו עסען. פרישערהייט קען מען איהם נאך עסען, ווען ער ליענט אבער א טאג אדער צוויא, ווערט ער צונויפגעצויגען, איינגעדארט און הארט וויא לעדער.

50טעס קאפּיטעל.

דיא טיראנען פון'ם מעער.

דיעזען טאג האבען מיר זיך אבגערוהט. בען בראס איז געווען מיעד פון דער יאגד נאכ'ן אקטאפּוס. לילי האט געקרעכצט שטיַערהייט. איהרע וואונדען הא־

בען איהר וועה געטאהן. דער נעגער איז ניט אפגעטרעטען פון איהר. מיר האַבען דאהער געמוזט האלטען א פייערטאג.

דעם אנדערן טאג האבען מיר זיך גענומען צו דער ארבייט. מיר האבען אויפגעצויגען דיא זעגעל און האבען אנגעהויבען צו טרייבען אונזער „אלבאַטראָס“. מיר האבען זיך בעוועגט זעהר לאנגזאם. לילי איז מיט יעדען טאג בעסער געווארען. אויפ'ן פינפטען טאג האבען מיר שוין פערגעסען דיא טרויעריגע געשיכטע מיט'ן אקטאפוס. אונזער רייזע איז ווידער געווארען לאנגווייליג. מיר האבען צוואר געהאט וואס צו עסען און וואס צו טרינקען, וואס העלפט עס אבער? וואו זיינען מיר? וויא וויים געפינען מיר זיך פון א לאנד? וואוהין פאהרען מיר? דאס אלעס האבען מיר ניט געוואוסט. מיר האבען געטריעבען אונזער מאשין אדער אונזער באָאָט, ווייל מיר האבען ניט געוואלט שטעהן אויף איין ארט. מיר האבען אבער ניט געוואוסט וואוהין מיר זיינען געפאהרען.

מיין איינציגע טרייסט, מיין איינציגעס פערגניגען איז געווען צו זיצען לעבען לילי און צו רעדען מיט איהר. יעצט ווען זיא איז קראנק געווען, האב איך געמוזט זיין איהר קראנקען־וועכטער. איך האב געוואלט וויסען, ווער זיא איז און ווער איהרע פריינד און פערוואנדטע זיינען. זיא האט אבער געוואוסט פון זיי זעהר ווייניג. זיא האט נור געוואוסט, אז איהרע עלטערן האבען אמאל געוואינט אין ריאָ דע זשענייראָ, דאן זיינען זיי געפאהרען קיין אפריקא.

אזוי זיינען פערגאנגען איין טאג נאכ'ן אנדערן. מיר האבען ניט בעקומען קיין פרישען פראָוויאנט און עס איז אונז ענדליך לאנגווייליג געווארען צו עסען געטריקענטע פיש מיט צוויעבאק. איך מוז אייך זאגען, אז דעם צוויעבאק האבען מיר געהאלטען נור פאר לילי. איך, בען און דער נעגער שנעעמאן פלעגען עסען נור געטריקענטע פיש.

אין דיעזע עטליכע טעג האבען מיר צוואר געזעהן פיעלע פיש אין מעער זיי זיינען אבער געווען צו וויים פון אונז און מיר האבען ניט געהאט דיא מעגליכקייט זיי צו פאנגען. וויא גענוי און עקאָנאמיש מיר האבען געלעבט, האבען מיר דאך אנגעהויבען צו פיהלען, אז אונזער פראָוויאנט לאזט זיך אויס.

— מיר מוזען בלייבען שטעהן אויף איינינע טעג אום זיך צו פערזארגען מיט פרישען פראוויאנט, האט ענדליך בען בראס געזאגט.

מיר זיינען געוויס געווען איינפערשטאנען מיט איהם, דיא פראגע איז נאָר געווען, וואו נעהמט מען פרישען פראוויאנט? — אויף דיעזע פראגע האט אונז באלד געענטפערט דעם צופאל.

דעם דריטען טאג אין דער פריה, ווען מיר זיינען געזעסען ביים פריהשטיק און האבען געגעסען אונזער פּאָרציאָן געטריקענטע פלייש פון דעם האמער פיש, האבען מיר דערהערט א זאנדערבארען גערויש אין מעער. מיר האבען אקוק געטאהן אין דער זיים, וואו דאס מעער האט געדוישט און האבען דערזעהן, אז עך נעץ ווייט פון אונז האט דאס וואסער פון'ם מעער אנגענומען א גאנץ אנדערע

פארב. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז עפעס שווימט אויף איהם. עפעס א פעטע זאך, וויא שמאלץ אדער קעראסין איז געשוואומען און האט פערדעקט דאס מעער אויף א גרויסע שטרעקע, עטליכע מייל אין דער לייגג אין אין דער ברייט.

מיר זיינען אלע צוגעגאנגען צום געלענדער פון „אלבאטראס" זעהן און בע־טראכטען דיעזעס נייע וואונדער פון׳ם וועלטמעער. איינינע צייט זיינען מיר גע־שטאנען, האבען געקוקט און האבען ניט געוואוסט, וואס אין מעער קומט פאָר. פלוצלונג האט בען בראס אויסגערופען:

— הערינג! עס געהט א מחנה, אנ׳ארמעע, א הויפען מיט הערינג!

הערינג! ווער פון אונז ווייס עס ניט, וואס א הערינג איז? מיר עסען איהם רויערהייט, געזאלצען, גערויכערט, מארינירט און צובערייטעט אויף טויזענ־דער מאניערען. וואו נעהמט זיך אבער דער הערינג? וואו לעבט ער? וויא אזוי פאנגט מען איהם? — דאס האב איך ביז אהער ניט געוואוסט.

באלד בין איך עס געוואהר געווארען. דיא מחנה הערינג איז צוגעקומען אלע מאל נעהנטער און נעהנטער. דאס מעער איז געווארען געדיכט פון זיי. דאס ריינע, קלארע וואסער איז געווארען טריעב און האט בעקומען א גאנץ אנ־דערע פארב. שופען פון פיש, קליינע שטיקלעך רויג און שמאלץ זיינען געשוואר־מען אויפ׳ן וואסער. עס איז געווען א זאנדערבארער גרויסער און זעלטענער אנ־בליק. ווער עס האט עס ניט געזעהן מיט זיינע אויגען, דער קען גאר קיין בעגריף ניט האבען, וואס פאר א מענגע פיש דארט האט זיך געפונען.

דער הערינג געהט נור אין געוויסע צייטען פון איין ארט צום אנדערן. ווען ער קומט לעבען דיא ברעגעס פון ענגלאנד, האלאנד, שוועדען און נארוועגען געהן ארויס דיא פישער און חאפען זיי אין גרויסע מענגען, מיליאָנען וויים. דער האָל־לאנדער הערינג איז זעהר גוט, ווייל, ווען ער קומט צו קיין האללאנד איז ער גע־וועהנליך זעהר פעט. שפעטער ווערט ער מאגער און איז ניט אזוי געשמאק.

פון וואנען קומען ד״א הערינג? וואוהין געהן זיי? פאר וואס זעהט מען זיי נור אין געוויסע צייטען פון יאָהר? אויף דיעזע פראגען איז זעהר שווער צו ענטפערן. מען ווייס נור, אז דיא הערינג קומען ערגעץ פון דיא קאלטע געגענדען און געהן אוועק אין דיא קאלטע געגענדען.

— יעצט, שנעעמאן, מאך א נעץ און לאמיר חאפען פיש! האט בען בראס געשריען. דיא הערינג געהן אזוי געדיכט, אז מען קען זיי חאפען מיט דיא הענד.

— דאס קען ניט זיין, בען, האב איך בעמערקט, איך פערשטעה עס ניט. אין עס מעגליך, אז א פיש זאל ניט אנטלויפען, ווען מען וויל איהם האפען?

— דוא וועסט עס באלד זעהן, בילי, האט בען געענטפערט לוסטיג. לא־ווען זיי נור צוקומען נעהנטער צו אונז.

דיא הערינג זיינען צוגעקומען אזוי נאהענט צו אונזער „אלבאטראס", אז מען האט ווירקליך געקענט זיי חאפען מיט דיא הענד. איך וואלט געקענט מיך אנבויגען איבערן געלענדער, אויסשטרעקען דיא הענד און חאפען עטליכע הערינג:

אבער זייט עס האט אונז פאסירט דיא נעשיכטע מיט'ן אקטאפוס, האב איך מורא בעקומען פאר דיא מערדער און רויבער פון'ם מעער.

פלוצלונג האבען דיא הערינג זיך אפגערוקט פון אונזער „אלבאטראס", זיי האבען זיך אויסגעבויגען, וויא עס ביינט זיך אויס און דרעהט זיך אויס א רעגי־מענט סאלדאטען אויף דעם בעפעהל פון זייער קאמאנדיר: לינקס,־רונד!

— זיי אנטלויפען! האט לילי אויסגערופען, זיי האבען זיך עפעס דערשראָ־קען. זעהט נור, וואס איז דארט?

איך האב דערזעהן מיט שטוינען און שרעק א נייעם סארט פיש, וועלכען איך האב נאך ביז אהער ניט נעזעהן. אנפאנגס האב איך געמיינט, אז דאס איז א האי פיש; ווען ער האט אבער אויפגעהויבען דעם קאפ, האב איך דערזעהן, אז אז עס שטעקט ארויס פון איהם א לאנגער און שווארצער ביין, וועלכער ענדיגט זיך מיט א שפיץ, דין וויא א שווערט. דער פיש אליין איז ניט אזוי ווילד און ניט אזוי שרעקליך, וויא דער האי פיש, דערצו איז ער פיעל לוסטיגער און שנע־לער פון'ם האי פיש.

— וואס איז דאס פאר א פיש? האט לילי נעפרעגט.

— דאס איז דער שווערד פיש, האט בען בראס ערקלערט, דאס איז איי־נער פון דיא ערגסטע טיראנען פון'ם וועלט מעער. עס דאכט זיך נור, אז ער איז אזוי גוט און שטיל, ער איז דער גרעסטער רויבער און מערדער פון'ם מעער. דער האי פיש פרעסט נור, ווען ער איז הונגעריג, דער שווערד פיש טויטעט אנדערע בעשעפענישען, ווען ער ווערט בייז און אויפגערעגט. ער איז שטענדיג אויפגע־רעגט, ער איז א גרויסער כעס'ן, פון יעדע קליינינקייט ווערט ער בייז און לויפט זיך שלאגען. ווען ער איז רוהיג, איז זיין פארב דונקעל ברוין, קוים ווערט ער אבער אויפגערעגט, ווערט ער בלוי. זיין פארב ענדערט זיך, וויא עס ענדערן זיך דיא פארבען פון א מענשען, ווען ער ווערט בייז און אויפגערעגט.

איך האב עטליכע מאל בענעגענט אשווערד פיש אויף מיינע רייזען, האט בען בראס ווייטער דערצעהלט. איין מאל איז ער זאגאר אנגעפאלען אויף אונזער שיף. ער איז וואהרשיינדיך בייז געווארען, וואס אונזער שיף איז איהם געקומען אין וועג און האט איהם עפעס געשטערט. ער איז אנגעפאלען אויף אונזער שיף מיט אזא קראפט, אז ער האט אריינגעשטעקט זיין לאנגעס שווערד אין דיא ברע־טער פון שיף און האט איהם מעהר ניט געקענט ארויסנעהמען. ווען מיר זיינען געקומען צום פארט, האבען מיר געפונען דאס שווערד שטעקען אין שיף. ער האט דורכגעלעכערט דיא דיקע ברעטער און איז געבליעבען שטעקען אין א קאס־טען מיט וואארע.

דער שווערד פיש האט זיך ארויפגעווארפען אויף דעם הויפען הערינג הע־רינג און האט אנגעהויבען אויפצושטעכען אויף זיין שווערד איינעם נאכ'ן אנדערן ווען ער האט אויפגעשטאכען א שטיק צוואנציג־דרייסיג, האט ער אויפגעהויבען זיין קאפ און האט אנגעהויבען צו שאקלען מיט איהם, דיא הערינג זיינען אראפ־געפאלען פון זיין שווערד איהם אין טיל אריין.

מיר האבען בעטראכט מיט שטוינען און מיט פערוואונדערונג, וויא דער שווערד פיש האט געהאפט און געפרעסען זיין רויב. מיר האבען פערגעסען, אז מיר ווילען אויך זיך אנגרייטען פרישע פיש. מיר האבען אבער זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיעזען זאנדערבארען שוישפיעל, וויא דער שווערד פיש האט געשלונגען דיא הערינג איינעם נאכ'ן אנדערן. ערשט יעצט האבען מיר געקענט זעהן, אז ער האט אזא גרויס מויל, אז עס איהם זעהר לייכט צו פערשלינגען א מענשען.

פלוצלונג איז דער שווערד פיש פערשוואונדען געווארען. האט ער זיך דערשראקען פאר עפעס? איז ער שוין זאט געווען? האט ער דערזעהן א פיינד, וועלכער איז שטארקער פון איהם? דאס האבען מיר ניט געקענט וויסען. ער איז פערשוואונדען געווארען אין דיא טיעפע וואסער פון'ם וועלט מעער.

— יעצט לאמיר אנהייבען צו חאפען פיש, האט בען בראס געזאגט צום נעגער.

— וויא אזוי אבער זאלען מיר חאפען פיש? מיר האבען דאך קיינע נעצען. האט דער נעגער געפרעגט.

בען בראס האט אראפגענומען א זעגעל, האט איהם צונעבונדען צו צוויא שטיקער האלץ און האט געמאכט א סארט נעץ. אזוי וויא דיא הערינג זיינען געשוואומען זעהר געדיכט, האט דיעזע נעץ אויך געקענט ניצען; מען האט מיט איהם אויך געקענט חאפען, בעזאנדערס יעצט, אז דער שווערד פיש איז פערשוואונדען. דיא הערינג זיינען געווארען רוהיגער און אונזער „אלאבטראס" איז יעצט געשוואומען גראדע אין דערמיט פון דעם גרויסען און געדיכטען הויפען.

פלוצלינג חאבען דיא הערינג אנגעהויבען צו שפרינגען און צו אנטלויפען פיעלע פון זיי זיינען ארונטער געלאפען אונטער אונזער „אלבאטראס", אנדערע האבען זיך אראפגעלאזען טיעף אין מעער.

מיר האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען גאר ניט געזעהן. מיר האבען אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס דיא הערינג האבען זיך אזוי דערשראקען. מיר האבען געזוכט מיט דיא אויגען דעם פיינד, פאר וועלכען זיי האבען זיך דערשראקען און האבען איהם ניט געקענט געפינען. פלוצלינג האט סנאאי דער נעגער אויפגערופען.

— ניט נור אקוק אויבען, אופ'ן הימעל!

מיר האבען א קוק געטאהן אין דערהויך און האבען דערזעהן גאנץ הויך איבער אונזערע קעפ צווייא שווארצע פונקטען; מיר האבען אבער ניט געוואוסט, ווער דיא שווארצע פונקטען זיינען און וואס זיי זיינען.

— וואס זעהסט דוא דארט, סנאאי? האב איך געפרעגט.

— דעם פרעגאטען אדלער.

איך האב ניט געוואוסט, וואס א פרעגאטען אדלער איז. בען בראס האט געמוזט אונז ערקלערן, אז עס געפינט זיך א גרויסער פויגעל, א סארט אדלער.

וועלכער לעבט נור פון פיש. דיא מאטראזען רופען איהם „פרעגאטען אדלער", ווייל ווען ער שטרעקט אויס זיינע לאנגע און שטארקע פליגעל, ווייזט ער אויס, ווי א פרעגאטע (אזא סארט שיף), וועלכע האט אויפגעצויגען אלע איהרע זעגעל.

דער פרעגאטען אדלער פליעהט זעהר ווייט אין מעער. ער פליעהט אוועק טאגעלאנג נאך אנאנד. ווען ער ווערט מיעד, שפרייט ער אויס זיינע לאנגע און ברייטע פליגעל און רוהט זיך אפ אין דער לופט. ער שלאפט זאגאר אין דער לופט. מען זעהט אמאל דעם פרעגאטען אדלער אוועקשטעהן שטונדען לאנג אין דער לופט.

מיר האבען זיך דערפרעהט, וואס מיר האבען דערזעהן דיא פייגעל. זיי מוזען דאך האבען ערגעץ א נעסט, אויף א לאנד אדער אויף אן׳אינזעל.

— איך דענק, אז מיר זאלען נאכזעהן, וואו דיעזע פויגעל וועלען אוועקפליהען און מיר וועלען פאהרען אין דער זייט, האב איך בעמערקט.

— ניין, בילי, דוא האסט א טעות, האט בען בראס געענטפערט. דיעזע פויגעל פליעהען אוועק צוויא-דרייא טויזענד מייל ווייט פון לאנד.

אין דיעזע מינוט האבען זיךביידע פייגעל אראפגעלאזען, וויא א פייל פון בויגען, אויף דיא מחנה הערינג און האבען אנגעהויבען צו שלינגען, וויא פיעל זיי האבען געקענט. מיר זיינען געשטאנען און האבען געקוקט, וויא דיא פייגעל זיינען געשפרונגען פון איין ארט צום אנדערן און האבען אויסגעקליבען דיא בעסטע און גרעסטע פיש.

פלוצלונג האט איינער פון דיא אדלערס אנגעהויבען צו שרייען און צו קוויטשען גאנץ הויך און צוקלאפען מיט דיא פליגעל. אנפאנגס האב איך געמיינט, אז ער שפיעלט זיך אזוי אדער ער רופט זיין קאמעראד, באלד אבער האב איך זיך איבערציינגט, אז דא איז עפעס אנדערש. דער פויגעל האט זיך געריסען און האט געוואלט אוועקפליעהען, עפעס האט איהם אבער צוריקגעהאלטען. עפעס האט איהם געשלעפט אראפ אין וואסער. מיר האבען געזעהן גאנץ דייטליך, אז דער פויגעל האט געציטערט און האט געשריען פאר אנגסט.

— וואס איז מיט איהם? פאר וואס שרייט ער? פאר וואס פליעהט ער נים אוועק? האב איך אויסגערופען. ווער האלט איהם צו?

דער נעגער איז צוגעקומען צו אונז און האט געוואלט עפעס זאגען. פלוצלונג האט אונזער „אלבאטראס" אציטער געטאהן און מיר זיינען אלע אומגעפאלען אויף דיא ברעטער פון אונזער שיף. דער נעגער איז אראפגעפאלען אין וואסער און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— רעטעט מיך!

בען בראס איז אויפגעשפרונגען און האט אנגעכאפט דעם נעגער ביי זיינע געקרייזעלטע שווארצע האר.

— וואס איז דיר, שנעעמאן? וויא אזוי ביזט דוא עס אראפגעפאלען?

— איך ווייס ניט, האט דער נעגער געשטאמעלט, עפּעס האב איך געזעהן א שווארצע זאך, א שווארצען קערפּער. — עס איז געווים געוועז דער טייפעל.

מיר האבען קיין צייט געהאט פיעל צו רעדען, ווייל אין דיעזע מינוט האט דער „אלבאטראס" אנגעהויבען צו קרעכצען און צו ברעכען זיך. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז אונטער אונז האט זיך עפּעס געטאהן. אונטער אונזער „אל־באטראס" האט מען זיך געשלאגען, געריסען און געקעמפפט; עס האט זיך אויס־געוויעזען, אז מען וויל אויפהייבען אונזער פלאס.

מיר האבען זיך קוים געהאלטען אויף אונזערע פיס, יעדע מינוט האבען מיר מורא געהאט אומצופאלען. קיינער פון אונז האט ניט געוואוסט, וואס עס קומט פאר אונטער אונז. יעדער האט זיך אנגעהאפט אן וואס ער האט געקענט. באלד האט זיך אלעס ערקלערט. פון אונזער פלאס האט זיך געוויעזען דער גרוי־סער קאפּ פון'ם שווערד פיש, אין זיין רעכטעם אויג האבען זיך אריינגעגראבען די שארפע נעגעל פון דעם פרעגאטען אדלער.

עס איז שווער צו זאגען, וויא עס איז געשעהן. דאמאלס האב איך דאריי־בער גאר ניט געטראכט. שפּעטער ערשט האט עס בען בראס ערקלערט. דער שווערד פיש האט אויפגעהויבען דעם קאפּ אין דער מינוט, ווען דער פרעגאטען אדלער האט זיך אראפּגעלאזען אין וואסער און האט צופעליגער ווייזע ארונטער געשטעקט דעם קאפּ אונטער די שארפע נעגעל פונ'ם גרויסען און שטארקען פויגעל. דער שווערד פיש האט געזוכט כויז צו ווערן פון זיין שרעקליכען רייטער, דער פויגעל איז אויך געוועזן שטארק אונצופריעדען מיט זיין לאגע, האט זיך גע־ריסען און האט געריסען דאס אויג פונ'ם שווערד פיש.

בען בראס האט געהאפּט זיין האק און האט צושפּאלטען דעם שווערד פיש דעם קאפּ. סנאאי דער נעגער האט אנגעהאפּט דעם פויגעל ביים האלז. מיר הא־בען יעצט געהאט פיש און פלייש מיט אמאל.

51סטעם קאפּיטעל.

שנעעמאַן דערזעהט לאנד.

אין דער צייט וואס מיר האבען געהאפּט דעם שווערד פיש מיט'ן פרעגא־טען אדלער, איז דיא מחנה הערינג אוועקגעשוואומען פון אונז. דאס מעער איז וויע־דער געווארען ריין און קלאר. מיר זיינען געוועזן מיעד און אויפגערעגט און האבען געמוזט זיך אפּרוהען.

מיר האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן, אז דער שווערד פיש האט אונז געמאכט פיעל שאדען. איינינע פעסער פון אונזער מאשין האבען זיך אפּ־געריסען, איינינע ברעטער האבען זיך צורוקט און זיך צוריהרט. אונזער פּאר־ראטה (זאפּאס) פון געטריקענטע פיש איז אראפּגעפאלען אין וואסער און איז פערלארען געגאנגען, מיר האבען מעהר פערלארען דורכ'ן שווערד פיש אלס גע־וואונען.

דער נעגער האט אפגעשניטען דעם קאפ פונ׳ם פרעגאטען אדלער און האט איהם אפגעפליקט. מיר האבען פראפירט איהם עסען, זעלבסטפערשטענדליך רויערהייט, זיין פלייש אבער איז געווען זעהר הארט און זעהר ניט געשמאק. צום גליק האבען מיר געהאט עטליכע פרישע הערינג, וועלכע מיר האבען איינגעשלונגען מיט׳ן גרעסטען אפעטיט.

וויא מיעד מיר זיינען געווען, האבען מיר דאך ניט געקענט זיך אפרוהען נאכ׳ן עסען. מיר האבען געמוזט זיך נעהמען צו דער ארבייט און אויסבעסערן דעם שאדען, וואס דער שווערר פיש האט אונז געמאכט.

מיר האבען געארבייט א גאנצען טאג זעהר שווער, ביז מיר האבען וויעדער צורעכט געמאכט אונזער אלבאטראס. ערשט נעגען אבענד האבען מיר געקענט זיך לעגען שלאפען. אזוי וויא בען בראס האט געארבייט מעהר פון אונז אלע, האט ער זיך פריהער געלעגט און דער נעגער האט געהאלטען דיא וואך. מיר האבען געמוזט האלטען בעשטענדיג א וואך. וויא שטארק אונזער אלבאטראס איז געווען, האט דאך יעדער פון אונז געוואוסט, אז אויף אזא מאשין קען מען ווייט ניט פאהרען. אונזער איינציגע האפנונג איז געווען, אז מיר וועלען בעגעגנען א שיף און זיא וועט אונז אויפנעהמען. מיר האבען געוואלט קומען אויף דעם הויפט וועג, אויף וועלכען עס פאהרען שיפען פון אפריקא קיין אמעריקא אדער קיין כינא. דאס איז אונזער איינציגע רעטונג. ווען מיר וואלטען געהאט ביי זיך א קאמפאס אדער א מעער קארטע, וואלטען מיר גערודערט טאג און נאכט אום צו קומען אויף דיעזען הויפט וועג. מיר האבען אבער גאר ניט געהאט ביי זיך און מיר האבען ארוםגעאיררט (ארומגעבלאנזעט) אויפ׳ן גרויסען אטלאנטישען וועלט מעער אהן אוועג און אהן אשטעג. מיר האבען געטאפט אין דער פינסטער, וויא א בלינדער.

אזוי זיינען וויעדער פערגאנגען איינינע טעג, אין וועלכע עס האט גאר ניט פאסירט. איין אבענד האט בען בראס געהאלטען דיא וואך ביז האלבע נאכט און דיא אנדערע האלבע נאכט האט סנאאי דער נעגער געדארפט האלטען דיא וואך. בען בראס האט זיך געלעגט שלאפען און איז באלד אנטשלאפען געווארען. איך און לילי זיינען געשלאפען געשמאק. אונז האט מען ניט פערטרויט דיא וואך ביי נאכט. מיר זיינען געווען צו יונג אום צו קענען האלטען דיא וואך ביי נאכט.

גאנץ פריה, ווען מיר זיינען אלע געשלאפען זעהר געשמאק, האבען מיר דערהערט א געשריי:

— לאנד! לאנד!

בען בראס, איך און לילי זיינען אויפגעשפרונגען, וויא דיא אפגעבריהטע און האבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען.

— וואו זעהכט דוא לאנד? האט בען געפרעגט.

— דארט! זעה נור דארט! האט דער נעגער געשריען און האט געטאנצט פאר פרייד.

עס איז נאך ניט געווען גענוג ליכטיג אום צו זעהן דייטליך, וואו דאס לאנד געפינט זיך. מיר האבען דאהער אלע אויסגעגלאצט אונזערע אויגען און האבען געקוקט אין דער זייט, וואו דער נעגער האט אונז געוויעזען. מיר האבען דער זעהן ווייט, ווייט אין מעער א שווארצע ליניע. עס האט גיכער אויסגעוויעזען, וויא א שטיק וואלקען, אלס א שטיק לאנד, אבער עפּעס איז עס געווען. אזוי וויא דער הימעל איז געווען קלאר און ריין, האט מען געקענט דענקען, אז דארט איז ווירקליך א שטיק לאנד אדער וועניגסטענס אן אינזעל.

בען בראס האט געמאכט פון דער האנד א רעהר און האט געקוקט אויף דיעזעס וואונדער.

— דאס קען ניט זיין, האט ער געזאגט, צו זיך אליין, מיר דאכט, אז אין דיעזער געגענד פון'ם אטלאנטישען וועלט מעער דארף זיך קיין אינזעל ניט גע־פינען. וויא קומט אהער לאנד?

ער האט זעהר גוט געקענט דיא געאגראפיע פון'ם אטלאנטישען וועלט מעער. נאך זיין בערעכנונג האבען מיר זיך געפונען זעהר ווייט פון יעדער אינזעל.

— איך זעה דארט מענשען! האט דער נעגער געשריען, פיעלע מענשען!— זעהט! אט געהן זיי ארום! אט לויפען זיי! — זיי האבען אונז דערזעהן!

מיר האבען אלע געקוקט אויף דיא אינזעל אדער אויף דאס לאנד און הא־בען געזעהן, אז עפּעס ריהרט זיך דארט. עס איז אבער געווען אונמעגליך צו זעהן, אויב עס זייגען מענשען אדער טהיערע. מיר האבען נור אזוי פיעל געזעהן, אז דארט טהוט זיך עפּעס, אז מיר האבען פאר אונז א געהיימניס אדער א וואונ־דער פון'ם וועלט מעער. מיר האבען געמוזטווארטען, ביז דיא זון וועט אויפ־געהן און מיר וועלען קענען בעסער זעהן.

— אלענפאלס מוזען מיר צורודערן אהין, האט בען בראס בעמערקט.

ער האט אויפגעצויגען אלע זעגעל, וואס מיר האבען געהאט און האט אנ־געהויבען אויסצודרעהן אונזער „אלבאטראס" צו דער זייט, וואו דאס לאנד אדער דיא אינזעל האט זיך געוויעזען. עס איז געווארען העלער און העלער.

— צום טייפעל! וואס זאל דאס זיין? האט בען בראס אויסגערופען, מיר דאכט, אז איך זעה ווירקליך מענשען — איך מיין מענער — דאכט זיך, אז דארט געפינען זיך פרויען אויך. דיא פרויען טראגען ווייסע קליידער. — ווער קען עס אבער זיין? עס איז א קליינע אינזעל, אויף איהם שפּאציערען ארום מענער, פרויען און קינדער. וואס טהוען זיי דארט אזוי פריה? ווען איך זאל זיין אבער־גלויביש, וואלט איך געזאגט, אז דאס איז א צויבער, מען האט אונז פערבלענ־דעט דיא אויגען. — דאס איז אבער אונמעגליך. מיר געפינען זיך אין דער מיט פון'ם אטלאנטישען וועלט מעער.

— ניין, מיסטער בראס, האט דער נעגער אויסגערופען, דאס איז קיין צוי־בער. מיר זעהן פאר זיך אנ'אינזעל, א ריכטיגע אינזעל. — לאמיר צו פאהרען צו איהר.

מיר זיינען נאך געווען זעהר ווייט פון דער אינזעל, אבער מיר האבען שוין געקענט זעהן, אז דיא אינזעל איז פיעל העכער פון'ם וואסער. אין איין ארט איז זיא גאנץ הויך, וויא א בארג, אין דעם אנדערן ארט איז זיא געווען פיעל ניעדע־ריגער. עס איז געווען א לאנג שטיק לאנד אדער א שטיין, וועלכער האט ארויס־געשטעקט פון וואסער, לאנג און שמאל, וויא א גרויסע צינארדע. מיר האבען געזעהן אויף דיזער אינזעל געשטאלטען. מיר האבען ניט געקענט זאגען אויף געוויס, אז דאס זיינען מענשען, מיר האבען אבער געזעהן הויכע געשטאלטען, וועלכע זיינען געשטאנען אדער זיינען געגאנגען צו דרייא, צו פיער. אייניגע זיי־נען געווען העכער, אנדערע זיינען געווען ניעדריגער און קלענער.

— דאס זיינען עלטערן מיט קינדער, האט דער נעגער ערקלערט.

מיר זיינען געווען אזוי נייגיעריג, אז מיר זיינען געשטאנען, וויא אויף הייסע קוילען און האבען געוואלט צוקומען צו דיזער געהיימניספאלען אינזעל, וואס אם שנעלסטען. ליידער האט דער ווינד געבלאזען פון א גאנץ אנדער זייט און בען בראס, אונזער שיפסקאפיטאן, האט געמוזט ארבייטען זעהר שווער, אום צו פיה־רען אונזער אומגעלומפערטען „אלבאטראס" צו דער אינזעל. וואלטען מיר זיך געפינען אויף א הויכער שיף, וואלטען מיר געקענט זעהן דייטליכער און דערקע־נען, וואס עס קומט פאר אויף דער אינזעל, אונזער „אלבאטראס" אבער האט געשוואומען גאנץ נאהענט צום וואסער און דאס לאנד, וועלכעס מיר האבען גע־זעהן, איז געווען פיעל העכער פון אונז.

— וואס זאל דאס הייסען? האט פלוצלונג בען בראס אויסגערופען, איך איך זעה א פלאג אויף דער אינזעל. צו וואס האבען זיי ארויפגעצויגען א פלאג? וואס ווילען זיי? וואס טהוען אזוי פיעל מענשען אויף אזא קליינעם אינזעל? — וואס פאר א פאלק איז דאס? — איך קען, לאכט זיך, דיא פלאגען פון אלע לענ־דער, איך קען אבער דאך ניט דיעזען פלאג. זאל עס זיין נור א שטיק רויטע ליינוואנד? א שטיק פון א העמד? אלזא געפינען זיך דארט מענשען, וועלכע האבען געליטען שיפברוך גלייך מיט אונז? פיעלייכט זיינען עס דיא מאטראזען פון דער „ראפינא"? — ניין! דאס קען ניט זיין! — איך זעה דארט פרויען און אויף דער ראפינא זיינען ניט געווען קיין פרויען.

וואס נעהנטער מיר זיינען צוגעקומען צו דיעזע זאנדערבארע אינזעל, אלץ דייטליכער האבען מיר געקענט זעהן דעם פלאג. מיר האבען געזעהן גאנץ דייט־ליך א הויכען שטעקען, אויף וועלכען עס האט געוועהט אין דער לופט א רויט שטיק שטאף.

— דארט זיינען דא מענער, פרויען און קינדער! האט אויסגערופען דער נעאער נאך א מאל.

מיר האבען אנגעהויבען צו טאנצען פאר פרייד, בעזאנדערס איך און לילי. מיר האבען זיך געפרעהט, וואס מיר וועלען ענדליך זיך געפינען אויף א לאנד, צווישען מענשען.

— מעגליך, דארט געפינט זיך אן'ענגלישער קאנסול, וועלכער וועט מיר געבען דיא מעגליכקייט צו פאהרען אהיים, האב איך מיר געטראכט, דאן וועל איך מיטנעהמען לילי מיט מיר. זיא האט קיינע עלטערן, מיינע עלטערן וועלען זיא אויפנעהמען און וועלען זיא האלטען וויא זייער אייגען קינד.

איך וויים ניט, וואס לילי האט געטראכט, איך בין אבער זיכער, אז זיא איז אויך געוועזען גליקליך, וואס מיר האבען ענדליך דיא מעגליכקייט צו פערלאזען אונזער „אלבאטראָס". דער נעגער איז אויך געוועזען העכסט צופריעדען, וואס מיר האבען דערזעהען לאנד, נור בען בראם איז געווארען ערנסט און פערטראכט.

— ווער וויים, וואס פאר א מענשען עס געפינען זיך דארט? האט ער געברומט אונטער דער נאז. — פיעלייכט זיינען עס ווילדע מענשענפרעסער, וועלכע וועלען אונז באלד אויפפרעסען? לאמיר שרייען! לאמיר רופען צו זיי; ווען עס זיינען ציוויליזירטע מענשען, וועלען זיי צושיקען צו אונז א באָאט.

ער האט באלד אנגעהויבען צו שרייען:

— אונזער שיף איז אונטערגעגאנגען, רעטעט אונז!

מיר האבען איהם נאכגעטאהן און יעדער פון אונז האט אנגעהויבען צו שרייען און צו רופען צו דיא מענשען, וועלכע מיר האבען געזעהן פון דער ווייטענס.

וויא עס וויזט אוים, האט מען אונז דערהערט אויף דער זאָנדערבארער אינזעל; דיא צוויי פיסיג ענגעשטאלטען, וועלכע האבען זיך דארט געפונען, האבען זיך באלד אויפגעהויבען און זיינען זיך צופליגען מיט א שרעקליכען געשריי.

— דאס זיינען דאך פייגעל! האט לילי אויסגערופען.

לילי האט רעכט געהאט. דאס זיינען געוועזען פייגעל גרויסע און קליינע פייגעל וועלכע האבען זיך דערשראקען פאר אונזערע געשרייען. פון דער ווייטען האט זיך אונז אויסגעוויזען, אז דאס זיינען מענשען, אז צווישען זיי געפינען זיך פרויען אין ווייסע קליידער.

יעצט האט זיך אונז געשטעלט דיא פראגע: זאלען מיר צופאהרען צו דער אינזעל אדער ניט? דיא אינזעל איז קליין, זיא איז ניט בעוואינט: אויף איהר געפינען זיך קיינע מענשען. עס איז זעהר מעגליך, אז דאס איז גאר קיין אינזעל זאנדערן א גרויסער שטיין, וועלכער שטעקט ארוים פון וואסער. צו וואס זאלען מיר צופאהרען צו איהם?

— מיר מוזען דאך צופאהרען, האט בען בראם ענדליך זיך בעשלאסען, פיעלייכט וועלען מיר דארט געפינען וואסער.

52טעס קאפיטעל.

א זאנדערבארע קיך.

אלזא האבען מיר בעשלאסען צו צופאהרען צו דער אינזעל און זעהען פיעלייכט וועלען מיר דארט געפינען וואסער. מיר האבען זיך גענומען אלע צו דער

ארבייט און אין קורצע צייט זיינען מיר געוועזן אזוי נאהענט פון דער אינזעל, אז מיר האבען עס געקענט גוט בעטראכטען.

— צום טייפעל! האט בען בראס אויסגערופען, דאס איז קיין אינזעל, קיין לאנד און קיין שטיין! — דאס איז . . . א וואלל פיש!

— עס ווייזט אויס, וויא א וואלל פיש, האט דער נעגער געזאגט שטיל-לערהייט.

— שנעעמאן! נעגער! סנאאי! זעהסט דוא דען ניט, אז דאס איז א וואל פיש? — דומקאפף, וואס איך בין! פאר וואס האב איך עס פריהער ניט פער-שטאנען? — עס איז וואהר, אז דאס איז איינער פון דיא גרעסטע וואלל פיש, וועלכע איך האב געזעהן אין מיין לעבען.

— וויא קומט אבער א רויטער פלאג אויף איהם? האב איך געפרעגט.

— דיעזען וואלל פיש האבען געטייטעט וואל פיש פאנגער מיט אהארפונע א לאנגעס, שפיציגעס און שווערעס שטיק אייזען, האט בען בראס ערקלערט, דיא הארפונע האט איהם ניט געטויטעט מיט אמאל. ער איז אנטלאפען געוואָ-רען מיט דער הארפונע אין רוקען און האט קרעפירט ערשט שפעטער.

דיא וואלפיש פאנגער מאכען א צייכען אויף זייערע הארפונעס אום צו ווי-סען, ווער עס האט געטייטעט דעם ריעז פון'ם וועלט מעער. דאס רויטע שטי-קעל טוך, וואס מיר האבען געזעהן אויף דער אינזעל און האבען געמיינט, אז דאס איז א פלאג, איז געווען א צייכען פון א וואללפיש פאנגער.

— ווען מענשען האבען געטייטעט דעם וואלל פיש, מוזען זיי דאך דא ער-גענץ זיין, האב איך בעמערקט, אלזא מוזען זייא דאך זיין ערגענץ ניט ווייט, הא-בען זייא דאך א שיף, פיעלייכט וועלען מיר זיי געפינען און זיי וועלען אונז אויפ-נעהמען.

— דוא האסט רעכט, ביללי, האט בען בראס געענטפערט טרויעריג, איך האב עס שוין געטאהן, איך האב שוין געקוקט אין אלע זייטען, ליידער, האב איך גאר ניט דערזעהן.

מיר האבען אנגעהויבען צו צורודערן צום וואלל פיש. יעצט האבען מיר דערזעהן, אז ער איז גאר ניט אזוי גרויס, וויא ער האט זיך אונז אויסגעוויעזען. דאס איז געווען א גרויסער וואלל פיש, אבער ניט אזוי גרויס, וויא מיר האבען איהם פריהער געזעהן. אונזער אויג האט אונז אפגענארט, ריכטיגער געזאגט ניט אונזער אויג, זאנדערן אונזערע פאנטאזיע. דער נעגער האט אונז אויפגע-וועקט מיט דעם געשריי:

— לאנד! לאנד!

און מיר זיינען זיכער געווען, אז מיר זעהען פאר אונז אן אינזעל. אונזער פאנטאזיע האט אונז פארגעשטעלט, אז דאס איז אן אינזעל און עס געפינען זיך דארויף מענשען. אזוי איז שוין דער מענש. ער זעהט נור דאס וואס ער וויל זעהן; ער זעהט פון דער ווייטען נור דאס, וואס איהם איז אנגענעהם צו זעהן

מיר זיינען צוגעפאהרען גאַנץ נאהענט צום טויטען וואללפיש. בען בראַס האט אנגענומען א שטיקעל האלץ, האט עס פערשניצט מיט א שפּיץ, האט עס אריינגעשלאַגען אין קערפּער פון׳ם וואלל פיש און האט צוגעבונדען אונזער „אַל־באַטראַס״ צום קערפּער פון׳ם טויטען וואלל פיש.

בען בראַס האט געוואָלט ארויפקריכען אויפ׳ן וואלל פיש. ער האט נע־האט געוויסע אורזאכען, פאר וואס ער האט עס געטאהן. אזוי וויא דער וואלל פיש איז געווען פיעל העכער פון אונזער „אלבאַטראָס״, האט ער געהאפט, אז ווען ער וועט שטעהן אויפ׳ן וואלל פיש, וועט ער פון דער הויך פיעללייכט דער־זעהן א שיף.

דאס ארויפקלעטערן אויפ׳ן וואלל פיש איז אבער געווען ניט אזוי לייכט. דער קערפּער פון׳ם וואל פיש איז געווען גלאט און גליטשיגפון דער פעטקייט וועלכע ער גיט ארויס פון זיך. זאָגאר ווען דער וואלל פיש לעבט, גיט ער בעשטענדיג ארויס פון זיך א סאָרט אייל אדער שמאלץ, וועלכע בעדעקט דאס מעער אויף א גרויסע שטרעקע ארום איהם ווען עס קומען זיך צונויף עטליכע וואלל פיש אויף איין אָרט און פערברענגען דארט עטליכע טעג, ווערט דאס גאנצע מעער אויף צעהנער מייל ארום בעדעקט מיט אייל אדער מיט פיש שמאלץ.

וויא שווער עס איז געווען ארויפצוקלעטערן אויפ׳ן וואל פיש, האט עס דאך בען בראַס געטאהן. ער האט דערביי בענוצט דיא מעטאָדע, וועלכע מען בענוצט ווען מען קלעטערט אויף הויכע בערג. ער האט אריינגעשלאגען פלעקער אין קער־פער פון׳ם וואלל פיש, האט צו יעדען פלאקען צו געבונדען א שטריק און איז אזוי ארויפגעקלעטערט ביז אויפ׳ן קאפּ פון׳ם וואלל פיש, דער העכסטער פונקט אויף איהם. פון דארט חאט ער געוואלט בעטראַכטען דאס מעער. פיעלייכט וועט ער דאך דערזעהן א שיף.

ווען ער איז אנגעקומען אויבען, האט ער אראפגעוואָרפען א שטריק צום נעגער און האט איהם געהייסען ארויפקלעטערן צו זיך. אין א קורצע צייט זיינען ביידע געשטאַנען אויפ׳ן קאפּ פון׳ם וואלל פיש און האבען געקוקט אויף דאס מעער. זיי האָבען אבער גאר ניט געזעהן. דאס מעער איז געווען רוהיג. וויא וויים דאס אויג געקענט גרייכען, האט מען געזעהן נור הימעל און וואסער.

ניט ווייט פון דעם ארט, וואו זיי זיינען געשטאַנען, האט געשטעקט אין קערפּער פונ׳ם וואלף פיש דיא הארפונע. דער וואלל פיש איז א גרויסער און שטארקער פיש. איהם קען מען ניט אזוי לייכט טייטען. פאנגען איהם מיט א נעץ אדער מיט אנ׳אנדער מאשין איז אונמעגליך. עס איז ניטא אויף דער וועלט אזא גרויסע און שטארקע נעץ, מיט וועלכער מען זאל קענען פאנגען א וואלל פיש. מען טייטעט איהם מיט א הארפונע, דאס איז א גרויסעס און שווערעס שטיק אייזען, וועלכעס איז אויבען גראָב און אונטען נעהט עס דינער און דינער, ביז עס ענדיגט זיך מיט א גאַנץ דינעם שפּיץ.

דאָס שיף, וועלכעס פאהרט ארויס אויף דעם וואלל פיש פאנג, חאט ביי

זיך פיעלע אזעלכע הארפונען. ווען מען דערזעהט אויף איהר א וואלל פיש, לאזט מען אראפ א באָאָט מיט עטליכע מאטראזען מיט עטליכע הארפונען. דאס באָאָט רודערט צו שטילערהייט צום וואלל פיש און א געשיקטער מאטראז ווארפט אריין דיא הארפונען און קערפער פונ'ם וואלל פיש. דיא שווערע הארפונע קריעכט אריין אין שמאלץ פונ'ם וואלל פיש און קריעכט אריין אימער טיעפער אזוי טיע־פער אין זיין לייב, ביז זיא קומט צו צום הארצען, דאן קרעפירט דער וואלל פיש.

דאס איז אבער ניט אזוי לייכט, וויא עס ווייזט זיך אויס. מען קען אמאל אריינוואַרפען צעהן הארפונען אין איין וואלף פיש און ער זאל דאך ניט קרעפי־רען. מען מוז טרעפען אין דעם ארט, וואו זיין הערץ געפינט זיך, זאנסט קען מען איהם ניט טייטען.

אויף דעם וואלל פיש, אויף וועלכען בען בראס מיט'ן נעגער זיינען יעצט געשטאנען, האבען זיך אויך געפינען עטליכע הארפונען.

בען בראס איז געשטאנען און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. ער האט אבער גאר ניט געזעהן און האט אראפגעלאזען טרויעריג זיין קאפ. ער האט ניט געזעהן קיין שפור פון א שיף.

— אומזיסט! האט ער אויסגערופען, דאס שיף מוז זיין ערגעץ ווייט פון דאנען. איך האב קיינע האָפנונג. מיר זיינען ווייט פון יעדעס שיף און פון יעדען מענשען.

איינינע צייט זיינען ביידע מענער געשטאנען אויפ'ן וואלל פיש און האבען געשוויעגען. ענדליך האט בען בראס געזאגט.

— וואס העלפט עס? לאמיר געהן צוריק אויף אונזער „אלבאטראָס".

— ניין, האט דער נעגער געענטפערט, לאמיר זעהן, וואס מען קען מאכען פונ'ם וואלל פיש, פיעלייכט וועלען מיר קענען ציעהען עפעס א נוצען פונ'ם וואלל פיש. ערשטענס קענען מיר דאך נעהמען דאס שמאלץ פונ'ם וואלל פיש צווייטענס, קען אונז פיעלייכט נוצען דאס פלייש פון דעם וואלל פיש.

— צו וואס טויג אונז דאס פיש אייל? האט בען בראס געפרעגט, וואס קענען מיר דען מאכען מיט דעם שמאלץ פונ'ם וואלל פיש?

— מיר קענען קאכען דערמיט, האט דער נעגער געענטפערט, מיר האבע־ביז אהער געגעסען רויע פיש און רויעס פלייש, ווייל מיר האבען ניט געהאט וואו עס צו קאכען און מיט וואס עס צו קאכען. ווען מיר וועלען אבער האבען פיש טראהן אדער פיש אייל, וועלען מיר קענען קאכען אונזער עסען.

— און וואָס וועלען מיר אבער האלטען דעם פיש טראהן? האט בען גע־פרעגט.

— מיר האבען לעדיגע פעסער, מיר קענען זיי אנגיסען מיט פיש אייל. א פאס מיט אייל אדער מיט שמאלץ קען שווימען אזוי לייכט און אזוי גוט, וויא א לעדיגעס פאס. ווען מיר וועלען האבען פעסער מיט פיש טראהן, קענען מיר אויסהאלטען אלענגערע צייט אויפ'ן מעער.

בען בראס איז געווען איינפערשטאנען מיט דיעזען פלאן. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז עס געפינען זיך ערטער אין קערפער פונ'ם וואלף פיש, וואו דאס שמאלץ איז אזוי ווייך און זאגאר שיטער, אז מען קען עס שעפען מיט לעפעל אדער מיט בלעכלעך. אלס מאטראז האט בען שטענדיג געהאט מיט זיך זיין פייערגעצייג, מיר וואלטען דאהער געקענט האבען פייער זעהר לייכט. מיר האבען נור ניט געהאט קיין מאטעריאל, פון וואס צו מאכען פייער. יעצט וועלען מיר אריינגיעסען דאס פיש שמאלץ אין א בלעך, מיר וועלען מאכען א דאכט (א קנויט) פון א שטיק לייננוואנד, פון א העמד אדער פון דער גלייכען און מיר וועלען האבען פייער ביי אונז אויפ'ן „אלבאטראס".

— קום ארויף, ביללי! האט בען בראס מיך גערופען, קום ארויף אויפ'ן וואלל פיש. מיר האבען ארבייט. ברענג מיט אונזערע בלעכלעך און א לאנגעס מעסער.

איך האב גענומען א פאר בלעכלעך און א לאנגעס מעסער און האב אנגעהויבען צו קלעטערן אויפ'ן טויטען קערפער פונ'ם וואלל פיש. קוים האב איך געבראכט דיא בלעכלעך צום נעגער, האט ער אויסגערופען:

— היינט איז א פייער טאג, היינט וועלען מיר עסען א ווארעמעס עסען.

ער האט אויס געשניטען א גרויס שטיק פלייש פונ'ם וואלל פיש, האט דארט אריינגעשטעלט זיין בלעכעל און האט עס באלד אנגעגאסען מיט פרישעם פיש שמאלץ. און אין א קורצע צייט האט געברענט א דאכט, א קנויט, אין וואלף פיש און שנעעמאן האט זיך גענומען צו זיין פריהערדיגע ארבייט. ער האט אנגעהויבען צו בראטען פיש.

— מיר מוזען נאך האבען א זופ אויך, האט ער דאן געזאגט, היינט איז א פייער טאג און מיר דארפען לעבען.

אין דער צייט וואס שנעעמאן האט געקאכט און געבראטען, זיינען מיר ניט געזעסען לעדיג. מיר האבען אפגעבונדען א פאס פון אונזער „אלבאטראס" און האבען עס אנגעגאסען מיט פיש שמאלץ. בען בראס האט אויסגעהאקט אין וואלל פיש אטיעפען ברונען, ער האט דערגרייכט ביז אין דיא איינגעווייד פונ'ם וואלל פיש. דארט געפינט זיך דאס בעסטע און פיינסטע שמאלץ. פון דארט האבען מיר געשעפט מיט בלעכלעך און פאנען און האבען עס געגאסען אין פאס.

איך מוז דערביי בעמערקען, אז סנאאי דער נעגער האט מיטגענומען פון דער „ראפינא" א פאר פאנען און איינינע געשירר. ביז אהער האט ער זיי ניט געקענט בענוצען. יעצט האט ער געהאט דיא בעסטע געלעגענהייט.

מיר האבען דיעזען טאג געגעסען ווארעמעס. מיר האבען דיעזען טאג געלעבט, וויא מענשען. מען מוז ליידען אזוי פיעל, וויא מיר האבען געליטען, אום צו פערשטעהן און צו פיהלען דאס פערגניגען, וואס מיר האבען געפיהלט פון ווארעמעס עסען. לילי האט אפגעלעבט. זיא האט געליטען זעהר שטארק דערפון, וואס זיא פלעגט עסען נור רויעס פלייש. דער נעגער האט זעהר ליעב געהאט דאס

שעהנע קינד און האט געוואלט איהר פערשאפען א פערגניגען דערמיט, וואס ער וועט איהר געבען אביסעל ווארעמע זופ.

מיר האבען געגעסען אונזער מיטאג אויף אונזער „אלבאטראס". נאָכ'ן עסען האבען מיר זיך אניעדערגעזעצט אלע פיער און האבען זיך בעראהטען, וואס וואס מיר זאלען ווייטער טאהן. בען בראס, אלס שיפסקאפיטאן, האט גערעדט צום ערשטען:

— מיר זעהן דאך, אז געקאָכטע פיש איז פיעל בעסער פון רויע און געטריי־קענטע, האט ער געזאגט גאנץ ערנסט. מיר האבען יעצט א געלעגענהייט צו בראטען דעם פראוויאנט, וואס מיר האבען. איך וואלט געזאגט, אז מיר זאלען שטענדיג קאָכען דיא פיש, וועלכע מיר וועלען חאפען; ליידער איז עס אונמעג־ליך, ווייל מיר האבען וועניג וואסער. מיר האבען וואסער נור צום טרינקען, אבער ניט צום קאכען. מיר האבען זיך ערלויבט היינט צו קאָכען אביסעל זופ, מיר קענען זיך אבער ניט ערלויבען אזא פערגניגען יעדען טאג. איך דענק אלזא, אז מיר זאלען חאפען פיעלע פיש און מיר זאלען זיי אויסבראטען אויף דעם פייער, וואס מיר וועלען מאכען פון'ם שמאלץ פון'ם וואלל פיש.

— מיר האבען אבער קיין געשירר, אין וועלכע מען זאל קענען מאכען א גרויסעם פייער, האט דער נעגער בעמערקט.

אלס קאך האט ער זעהר גוט געוואוסט, וואס פאר א פייער מען מוז האָ־בען צו בראטען פיעלע פיש מיט אמאל.

בען בראס האט געטראכט עטליכע מינוט און האט פלוצלונג אויסגערופען:

— מיר דארפען קיין געשירר! מיר וועלען מאכען פייער אויפ'ן וואלל פיש אליין. דער וואל פיש וועט זיין אונזער קיך.

דער נעגער איז אויפגעשפרונגען פאר פרייד. דער פלאן איז איהם זעהר געהר געפעלען. דער פלאן איז איינפאך און גוט. מען דארף נור אויסשניידען א גרויס שטיק פון'ם וואלל פיש, אריינלעגען א שטיק העמד און עס אנצינדען. מען וועט דאן האבען א גרויסעם פייער אויף וועלכען מיר וועלען קענען אפּבראַ־טען אן'אקס.

— עס וואלט אלעס רעכט געווען, האט ער בעמערקט טרויעריג, וואו נעהמט מען אבער פראָוויאנט? מיר האבען יעצט זעהר וועניג געטריקענטע פיש, ווען דער שווערד פיש האט צושאקעלט אונזער „אלבאטראָס", איז פיעל פראָוויאנט אריינגעפאלען אין וואסער.

— מיר וועלען שוין געפינען פראָוויאנט, האט בען געענטפערט. ניט נור אקוק, וואס עס טוהט זיך אין וואסער ארום אונז.

מיר האבען א קוק געטאהן און האבען דערזעהן, וויא ארום דעם טויטען וואלל פיש האט עס געקאכט, וויא אין א קעסעל: האי פיש, שווערד פיש און פיעלע אנדערע רויבער און מערדער זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דיעזען באלל, וועלכען דער צופאלל האט געגעבען פאר זיי. יעדער האט געריסען, געביסען, געשטאָכען און געצופט, וואו ער האט געקענט און וואס ער האט געקענט.

— וויא אזוי וועלען מיר זיי אבער פאנגען? האט דער נעגער געפרעגט.

— יעצט האבען מיר שוין מיט וואס צו פאנגען, האט בען בראס געענט־פערט.

ער איז ארויפגעקראָכען אויפ'ן וואלל פיש און האט אנגעהויבען ארויסצו־שלעפען דיא הארפונען פון זיין קערפער.

— אָט זיינען דיא וואפען, מיט וועלכע מיר וועלען יעצט חאפען גרויסע פיש, האט ער געזאגט.

אזוי וויא עס איז שוין געוועזען ניט פריה און מיר זיינען געוועזען מיעד, איז געבליעבען, אז מיר זאלען זיך לעגען שלאָפען און מארגען זאלען מיר זיך נעהמען צו דער ארביים.

52טעס קאפיטעל.

דער וואלל פיש ברענט.

דיא נאכט איז פערגאנגען רוהיג. מיר האבען זיך אלע אויסגעשלאפען און האבען זיך אויסגערוהט פאר אונזערע ארבייט פון'ם אנדערן טאג.

דעם אנדערן טאג גאנץ פריה בין איך מיט'ן נעגער ארויפגעקראָכען אויפ'ן וואלל פיש אום צו מאכען פארבערייטונגען פאר אונזער קיך און בען בראס האט אנגעהויבען זיך פארצובערייטען צו טייטען א האי פיש אדער אנאנדער גרוי־סען פיש.

דאס איז געוועזען ניט שווער. מיר האבען זיך געפונען אין אן ארט, וואו עס קאכט, זידעט און רוישט פון אלערליי טהיערע. מיר האבען זיך געפונען אין „פערגליווערטען מעער" אדער אין „געדיכטען מעער", Thick Waters, וויא דיא מאטראָזען רופען עס.

איך מוז דאריבער געבען אייניגע ערקלערונגען. איך וויל געבען מיינע לע־זער א קליינעם בעגריף, וואס עס טהוט זיך אין וועלט מעער.

דאס וועלט מעער איז א געהיימניס, וועלכעס קיינער האט נאך ניט אויפ־געקלערט. דאס וועלט מעער איז א רעטעניש, וועלכעס קיינער האט נאך ניט דערראטהען. דאס וועלט מעער איז א צויבער שלאָס, וועלכעס קיינער האט נאך ניט געעפענט, וויל קיינער האט נאך ניט דעם שליסעל צו איהם. דאס וועלט מעער איז א וואונדער וועלכעס קיינער האט נאך ניט ערקלערט.

עס זיינען דא ערטער אין וועלט מעער, וואו עס געפינט זיך קיין לעבעדיגע זאך. מען קען אוועק פאהרען מיילען וויט און ניט דערזעהן קיין פיש, קיין טהיער און קיין פויגעל. דיעזע ערטער זיינען זייער עהנליך צו א וויסטע אויפ'ן לאנד, אויף דער יבשה. מען פאהרט אוועק הונדערטער מייל און מען זעהט פאר זיך קיין ביימעלע קיין גרעזעלע און קיין שפור פון לעבען. דאס זעלבע קומט פאר אין מעער. א גרויסע שטרעקע פון טויזענדער מיילען איז שטיל, רוהיג, אויסגע־

שטאַרבען. קיין פיש קיין מעער גראז און קיין שפור פון לעבען. אלעס נור וואַסער און וואסער. דאס זיינען דיא וויסטענייען פון'ם מעער.

אין אנדערע ערטער אבער קאכט עס, זיעדעט און רוישט אין מעער פון טויזענדער פיש, פון מילליאנען פערשיעדענע בעשעפענישען, פון גאנצע וועלדער פון אלערליי מעער גראזען און מעער פלאנצונגען. דיעזע ערטער אין מעער ווייזען אויס, וויא דיא געדיכטע וועלדער פון אפריקא און אמעריקא, וואו עס געפינען זיך מילליאנען פייגעל און ווילדע טהיערע. אין דיעזע ערטער פון מעער לעבט אלעס, אלעס ריהרט זיך, אלעס רעגט זיך, אלעס בעוועגט זיך. אזוי וויא אין דיא ווילדע וועלדער פון אפריקא אדער אמעריקא געפינען זיך פיעלע גרויסע טחיערע וויא עלעפאנטען, נאזע הארן, טאפירע און אנדערע גרויסע ווילדע טהיערע, אזוי געפינען זיך אין דיעזע געגענדען אין וועלט מעער גרויסע און ווילדע טחיערע, וויא וואלל פיש, קאשאלאט, האמער פיש, שווערד פיש און זעג פיש.

דאס איז אבער נאך ניט אללעס. אין דיעזע ערטער איז דאס מעער בעדעקט מיט גאנצע וועלדער פון גראזען, בלומען אין ביימער, און וועלכע עס קאָכט פון מילליאָנען קליינערע טהיערע און בעשעפענישען. עס מאכט זיך אמאל, אז דיעזע וועלדער ווערען אזוי צו וואקסען, אז דיא גראזען שטעקען ארויס פון וואַסער און מען זעהט אויפ'ן מעער בליעהען בלומען.

דיעזע ערטער הייסען דאס „פערגליווערטער מעער“, אדער דאס „געדיכטע וואסער“. דיא גרויסע פיש קומען אהער, ווייל זייא געפינען דא וואס צו עסען. דער וואלל פיש איז דער גרעסטער פיש אויף דער וועלט, ריכטיגער געזאגט דאס גרעסטע טהיער אויף דער וועלט, ווייל א וואלל פיש איז אייגענטליך גאר קיין פיש, זאָנדערן א טהיער א פיש ווערט געבאָרען פון רויג; א וואל פיש ווערט געבארען לעבעדיגערהייט, וויא אן אקס אדער אן עלעפאנט. א פיש ווערט געבאָרען פון א רויג און זוכט זיך באלד אליין עסען, א וואלל פיש זויגט דיא מילך פון זיין מוטער, ווען ער איז יונג, וויא א קאלב זויגט דיא מילך פון דער קוה. דיא „זיא“ פון'ם וואלל פיש האט צו מאל עטליכע פעסער מילך אין איהרע ברוסט. וויא דיא „זיא“ פון א גרויסען עלעפאנט.

דער וואלל פיש איז איינער פון דיא מערקווירדיגסטע טהיערע אין דער וועלט. ער איז שרעקליך גרויס. זיין קאפּ פערנעהמט א העלפט פון זיין קערפער. אין זיין מויל קען ארייפאהרען א באָאט מיט צעהן מאטראזען. מען וואלט געקענט דענקען, אז אזא וואלל פיש קען איינשלינגען א ראָטע סאלדאטען און דערנאך געהרט זיך דיעזער גרויסער וואלל פיש נור פון דיא קלייגסטע בעשעפענישען אין מעער. זיין האלז איז אזוי קליין, אז ער איז ניט אום שטאנד איינצושלינגען א חערינג. ער מוז שלינגען נור גאנץ קליינע פישעלעך אדער טהיערע.

דער וואלל פיש האט קיינע צעהנער, אנשטאט צעהנער האט ער אין מויל א גאנצע נעץ פון לאנגע און דינע פאַסען, שטעקעלעך און דראחטען. דאס איז דער בעריהמטער „פיש ביין“, וועלכע אונזערע דאַמען טראגען אין זייערע קאָרס-

טען. דיעזע נעץ פון פיש ביין, דיעזע זאנדערבארע דראטהארבייט דיענט דעם וואלל פיש אלס נעץ. ער עפענט אויף זיין גרויסען מויל און נעהמט אן א פולען מויל מיט מעער וואסער, דאן זייהט ער דורך דאס וואסער דורך זיין זייהער אדער נעץ פון פיש ביין. דאס וואסער געהט ארויס און דיא קליינע טהיערע בלייבען און ער פערשלינגט זיי. וויא פיעל מאל אזא גדויסער וואלל פיש דארף עפענען זיין מויל און ארייננעהמען אין איהם וואסער און טהיערע, ביז ער ווערט זאט? — אויף דיעזע פראגע איז שווער צו ענטפערן. מען קען זיך אבער לייכט דענקען, וויא פיעל מיליאנען קליינע טהיערע א גרויסער וואלל פיש מוז פערשלינגען אום זיך זאט אנצועסען.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דער וואלף פיש און אנדערע גרויסע גרויסע טהיערע פונ׳ם מעער זוכען אויס דאס „פערגליווערטע מעער“, אדער דאס געדיכטע וואסער, ווייל זיי ווייסען, אז דארט וועלען זיי האבען וואס צו עסען.

מיר האבען זיך יעצט געפונען אין אזא ארט, אין געדיכטעס וואסער. עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס ארום אונז האט עס אזוי געקאכט. טויזענדער פיש, גרווסע און קליינע, מיליאנען סארטען טהיערע און אלערליי בעשעפענישען ויינען געקראכען, געשוואומען, געלאפען און געגאנגען ארום אונזער „אלבאטראס“. מיר האבען זיך געפונען אין א גרויסען און ווילדען גארטען אדער פארק פונ׳ם וועלט מעער.

וואס איז אבער דיא אורזאכע דערפון? פאר וואס איז דאס מעער אין איינינגעערטער לעדיג, וויסט און טרויעריג און אין אנדערע ערטער איז עס בעפעל־קערט און פול מיט לעבען? פאר וואס אנטלויפען פין איינינע ערטער אלע לע־בעדיגע זאכען? פאר וואס פערזאמלען זיי זיך ווידער אין אנדערע ערטער און וואינען אזוי געדיכט איינער לעבען אנדערן, וויא דיא מענשען אין א גרויסער שטאדט?

אויף דיעזע פראגען סען מען דערווייל נאך ניט געבען קיין ריכטיגע אנט־ווארט. מיר ווייסען נור אזוי פיעל, אז אין מעער געפינען זיך טייכען. אין ער־טער פליעסט דאס וואסער אין מעער אויף עטליכע מייל. ארום איז דאס מעער שטיל און רוהיג, עס ציעהעט זיך נור א פאס וואסער, וועלכעס לויפט, קאכט, רוישט, שוימט און פליעסט ערגעץ אוועק. אין ערטער קומען זיך צו נויף דרייא־פייער אזעלכע טייכען. עס ווערט פון זיי א וואסער קעסעל גרוב, וואו דאס מעער רוישט, גלייך וויא עס וואלט אראפגעפאלען פון דיא רעדער פון א וואסער מיהל.

אזא קעסעל גרוב געפינט זיך ניט ווייט פון נארוועגען. עס איז בעקאנט אין דער וועלט אונטערן נאמען מ א ל ס ט ר ע ם, דאס הייסט, מיהל שטראם, א שטראם, וועלכער מאלט, וויא א מיהל. וועה דעם שיף אדער דעם באאט, וועלכעס קומט צו זעהר נאהענט פון מ א ל ס ט ר ע ם. עס שלעפט איהם אריין, עס צו רייסט איהם, עס צו ברעכט איהם, עס צו מאלט איהם אויף שטיקער.

פון אזעלכע ערטער אנטלויפען דיא פיש און דיא טהיערע פונ׳ם מעער.

אזעלכע ערטער זיינען וויסט און לעדיג. אויף זיי וואקסט קיין גראז, קיין פפלאנ־צע און קיין בלומע. עס זיינען אבער דא ערטער, וואו דאס מעער איז ווירקליך גאנץ שטיל, וואו אלעס איז רוהיג און דאס וואסער איז אזויא געדיכט, אז אלע טהיערע קענען דארט לעבען און געדייהען. אין אזעלכע ערטער קומען זיך צו נויף טהיערע פון אלע געגענדען, בעזעצען זיך דארט, פערמעהרן זיך און וואינען זעהר געדיכט איינער לעבען אנדערן. זיי וואלטען זיך אזוי שטארק פערמעהרט, אז זיי וואלטען קיין פלאץ מעהר ניט האבען, וואו זיך צו ריהרען. דיא גרויסע מערדער און רויבער פונ'ם וועלט מעער אבער, דיא וואלל פיש, דיא האי פיש, דיא הא־מער פיש דיא שווערד פיש און דיא אָקטאפּוסע פרעסען אויף מיליאנען קליינערע טהיערע און רזימען אפּ דעם פלאץ פאר אנדערע.

מיר האבען זיך יעצט געפונען אין אזא ווילדען וואלד אין וועלט מעער. טויזענדער פיש, גרויסע און קליינע, זיינען געשוואומען ארום אונז. מיליאנען וואסער פייגלען זיינען געפלויגען איבער אונזערע קעפּ. זיי האבען מורא געהאט זיך ארא‌פּצולאזען צום וואסער, זיי האבען אבער ניט געוואלט אוועקפליעהען פון אן ארט, וואו זיי האבען געהאט אזוי פיעל צו עסען.

בען בראס האט געהאט א לייכטע ארבייט. ער האט צוגעבונדען דיא הארפּונע צו א לאנגען שטריק אין האט זיא אניעדערגעלעגט לעבען זיך. דאן האט ער אפּגעשניטען א שטיק פלייש פון דעם טויטען וואלל פיש, האט עס צו־געבונדען צו א שטריק און האט עס אראָפּגעלאזען אין וואסער. עס האט געדו־ערט נור איינינע מינוט און א גרויסער פיש איז צוגעקומען און האט ארייגגע־חאפּט דאס שטיק פלייש. אין דיעזע מינוט האט בען בראס אריינגעווארפען דיא גרויסע און שווערע הארפּונע אין קאָפּ פון'ם גרויסען פיש. ער האט איהם גע־טייטעט מיט אמאל.

— מיר האבען שוין פּראוויאנט! האט ער אויסגערופען. איז דיין קיך פערטיג, סנאָאי?

— מיין קיך איז פערטיג, האט דער נעגער געענטפערט. עס ברענט שוין אזא גרויס פייער, אז איך קען אָפּקאָכען א גאנצען האי פיש מיט אמאל.

ער האט ווירקליך רעכט געהאט. אין קאָפּ פון'ם וואלל פיש האט יעצט געברענט א גרויס פייער. דאס שמאלץ פון'ם וואלל פיש האט זיך אנגעצונדען און האט געברענט אזוי העלל, אז מען וואלט דאס געקענט זעהן אויף מיילען ווייט. ווען א שיף זאל געווען אנקומען אין דיעזער צייט, וואלט זיא אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, פון וואנען עס האט זיך גענומען א פייער אין דער מיט פון'ם וועלט מעער. דער וואלל פיש האט יעצט געברענט גאנץ העלל און האט בע־לייכטעט א גרויסע שטרעקע פון'ם מעער.

בען בראס, דער נעגער און איך האבען צושניטען דעם גרויסען האי פיש, וועלכען בען האט געטייטעט און מיר האבען איהם געבראטען אויפ'ן פייער. דער נערוך פון'ם פייער איז געווען ניט גאנץ אנגענעהם. מיר האבען זיך אבער זעהר

ווייניג געקימערט דארום. יעצט, ווען מיר וועלען האבען געטריקענטע פיש, ריכ־טיגער געזאַגט, געדייבערטע פיש, קענען מיר אויסהאלטען א לאנגע צייט. מיר האבען אלזא א האפנונג, אז מיר וועלען דאך טרעפען א שיף, וועלכעס וועט אונז ענדליך אויפנעהמען.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. מיר האבען אויסגעטריקענט א האלבען האַי פיש און האבען איהם אראפגענומען אויף אונזער „אלבאטראָס“. דאס פייער אויפ׳ן וואל פיש האבען מיר ניט אויסגעלאשען און מיר האבען געהאט דיעזע נאכט א גרויסארטיגע איללומינאציאָן. זייט דיא „ראפינא“ איז אונטערגעגאנגען, האבען מיר ניט געזעהן ביי נאכט קיין פייער.

53טעס קאפיטעל.

דער גרויסער פלאַם.

אין דער צייט, ווען אויפ׳ן קאָפּ פון׳ם טויטען וואלל פיש האט געברענט א גרויס פייער און האט בעלייכטעט דאס מעער אויף א גרויסע שטרעקע ארום, האט זיך אין אנ׳אנדער ארט, ניט ווייט פון׳ם טויטען וואלל פיש, אפגעשפיעלט א גאנץ אנדערע סצענע. דיא האט זיך אפגעשפיעלט א קאמעדיע, דער וואלל פיש האט געברענט און דיא פייגעל אין דער לופט, וויא דיא פיש אין מעער האַ־בען זיך גענויס געוואונדערט, ווער עס האט עס פון זייערטוועגען געמאכט אזא גרויסארטיגע איללומינאציאָן. דארט אבער, עטליכע מייל וויימער, האט זיך אפ־געשפיעלט א שרעקליכע דראמא א טרויער שפיעל, וואו מענשען האבען בעדארפט פערליערן זייער לעבען און שטארבען פון דיא הענד פון זייערע קאמעראדען.

דיא סצענע אויף וועלכע דיעזעס טרויערשפיעל האט זיך אפּיעשפיעלט, איז בעשטאנען פון ברעטער, וויא דיא סצענע, אין א טהעאטער, אבער דיעזע ברעט־טער זיינען ניט געווען צוזאמענגעשלאגען צו באלקעס און זיילען, זאנדערן זיינען געליע־גען אויף אפּאַר קלעצער און האבען געשוואומען אייפ׳ן גרויסען וועלט מעער. דיא אקטערע פון דיעזעס טרויערשפיעל זיינען געווען דיא מאטראזען פון דער „רא־פינא“.

איך האב ביז אהער דערצעהלט, וואס עס האט פאסירט מיט מיר און בען בראַס, זייט מיר האבען זיך אפגעטהיילט פון דעם גרויסען פלאַם, ווען מען האט געוואלט מיך קוילען און אויפעסען. וואס אבער איז געווארען פון דיא מאטראזען פון דער „ראַפינא“? וואו זיינען זיי אהינגעקומען? דאריבער האב איך ניט גע־דאכט. איך בין געווען גליקליך, וואס איך האב מיך גערעטעט פון זיי; איך בין געווען גליקליך, וואס מיר האבען געפונען דעם נעגער מיט דער שעהנער לילי. איך האב נאר פערגעסען אן זיי און וואלט געוויס קיין מאל מעהר ניט געטראכט אן זיי, ווען דער צופאל וואלט אונז ניט געווען נאך אמאל צוזאמענגעפיהרט.

איך וויל יעצט דערצעהלען, וואס עס איז פארגעקומען אויפ׳ן גרויסען פלאַם

זיינען מיר האבענזיך צו שיידט. איך וויס עס פון דעם מאטראז ענגעלמאן, וועלכער האט מיר שפעטער אלעס דערצעהלט.

גאנץ פריה, ווען עס איז נור וואס ליכטיג געווארען, האבען זיך אויפגע־האפט דיא מאטראזען פון דער „ראפינא" און האבען דערזעהן, אז איך און בען בראס זיינען אנטלאפען. עס איז געווארען א געשריי און א געוואלד, אז מען זאל אונז נאכיאגען, מען זאל אונז חאפען און מען זאל אונזביידען טויטען, דאס איז אבער געוועזן לייכט צו זאגען און שווער אויסצופיהרען. עס איז ניט געוועזן קיין ווינד און דער גרויסער פלאס האט זיך ניט געקענט ריהרען פו'ם ארט. מען האט פראבירט רודערן, מען האט אבער ניט געוואוסט, אין וועלכער זייט מיר זיינען אנטלאפען.

עס האט זיי דאהער גאר ניט געהאלפען. יעדער האט זיך געזעצט אויף זיין ארט טרויעריג און פערטראכט. ביז אהער האבען זיי געהאפט, אז זיי וועלען מיך אויפעסען; יעצט אבער ווען זיי האבען געזעהן, אז איך בין אנטלאפען, האבען זיי געוואוסט, אז זייא וועלען מוזען ווארפען גורל און איינער פון זייא וועט יעצט מוזען שטארבען. יעדער פון זייא האט מורא געהאט, דער גורל זאל ניט פאלען אויף איהם.

איך מוז נאך זאגען אפאאר ווערטער איבער דיא צוויי פעסלעך געזאלצע־נעם פלייש, וועלכע האבען זיך געפונען אויפ'ן פלאס. דער לעזער וועט דאך גע־ווים פרעגען, פאר וואס האבען זיי ניט געגעסען דאס געזאלצענע פלייש אין דער נויט? — דיא אנטווארט איז איינפאך: זיי האבען ניט געהאט דאס געזאלצענע פלייש. דעם אנדערן טאג נאך זייער רעטונג פון דער „ראפינא", ווען זיי האבע גערעכענט, אז זיי האבען גענוג צוויעבאק, האט דער פראנצויז לענרא געפר־נען פאר נעטהיג אוועק צו ווארפען דיא צווייא פעסלעך געזאלצענעם שווייך־פלייש.

ער האט עס ניט געטאהן אויס שלעכטיגקייט. ער האט געוואוסט, אז אויפ'ן פלאס געפינט זיך זעהר ווייניג וואסער. קוים וועלען דיא מענשען אנהויבען צו עסען דאס געזאלצענע פלייש וועלען, זיי מוזען טרינקען, זיי וועלען אויסטרינקען דאס גאנצע וואסער און וועלען דאן שטארבען פון דורשט. לענרא איז געוועזן אן אלטער מאטראז. ער האט געוואוסט, אז אין אזא פאל איז וואַ־סער נעטהיגער אלס ברויט. א מענש קען ליידען הונגער אכט ביז צעהן טעג, דורשט אבער קען ער אויסהאלטען ניט מעהר וויא פינף—זעקס טעג. ער האט דאחער געפונען פאר נעטהיג אוועק צו ווארפען דיא פעסלעך מיט דעם געזאל־צענעם פלייש. ער האט עס אליין געטאהן און האט בייא קיינעם קיין דעה ניט געפרעגט.

דיא מאטראזען פון דער „ראפינא" זיינען יעצט געזעסען יעדער אויף זיין ארט טרויעריג און פערטראכט. רער הונגער איז געווארען שרעקליך. זיי האבען אנגעהויבען צו בייסען דאס לעדער פון זייערע שיך, דאס איז אבער זעהר א שלעכ־

טעם מיטעל צו שטילען דעם הונגער. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אויפהויבען איינער פון זיי, פלעגט צו געהן צום פעסעל ראם און פלעגט טרינקען אביסעל ראם. אייניגע האבען געטרונקען מעהר וויא זייא האבען בעדארפט, זייא האבען זיך אנגעשיכורט.

פון רודערן, פון זוכען מיטעל, וויא זיך צו רעטען אין דיעזער ביטערער נויט, איז קיין רעדע ניט געווען. יעדער האט זיך געזארגט פאר זיך. דער פלאס איז ארומגעשוואומען, וואוהין דער ווינט האט איהם געטריעבען, ווען עס איז געווען א ווינט. איז ניט געווען קיין ווינט, איז ער געשטאנען אויף איין ארט.

אזוי זיינען פערגאנגען אייניגע טעג. ענדליך איז דער הונגער געווארען אזוי שרעקליך, אז זיי האבען געמוזט זיך ענטשליעסען צו טייטען איינעם פון זיי און איהם אויפצועסען. זיי האבען עס אויך געטאהן. אום דער גורל (דאס לאָז) זאל זיין עהרליך, האבען עטליכע מאטראזען אבגעשניטען דיא קנעפּלאך פון זייערע קליידער. מען האט אויסגעקליבען איין שווארצען קנאפּ און דרייא און זעכציג פארביגע קנעפּ, געלע, ווייסע און רויטע.

אלע קנעפּ האט מען ארייגגעווארפען אין א הוט און מען האט איהם פערדעקט מיט א טוך. דעם הוט האט מען אנידערגעשטעלט אין דערמיט פון'ם פלאָס און יעדער פון זיי איז צוגעקומען צו איהם שפּיעלען אין דער לאָטערעע פון לעבען און טויט. ווער עס האט ארויסגעצויגען דעם שווארצען קנאָפּ דער האט געמוזט שטארבען.

דאס ערשטע מאל איז דער גורל געפאלען אויף אשטילען אונגליקליכען מענשען. קוים האט ער ארויסגעצויגען דעם שווארצען קנאפּ, איז מען אויף איהם ארויפגעפאלען, וויא דיא טייפעל, און מען האט איהם באלד צו שניטען אויף שטיקער. דערווייל האט מען געשטילט דעם הונגער. דערווייל האט מען זיך בערוהיגט.

ווער עס וואלט יעצט בעטראכט דעם גרויסען פלאָס, דער וואלט געזעהן א זאָנדערבאָרעס בילד. אויפ'ן פלאס זיינען געשטאנען, געזעסען, ארומשפּאצירט און ארומגעטאנצט אויסגעדארטע, אבגעמאגערטע געשטאלטען. אין ערטער זיינען געלעגען ביינער, מענשענביינער, אפּגענאגטע, צובראָכענע, אויסגעזויגטע, אויסגעקוויעטשטע מענשענביינער.

דיא ווילדע מאטראזען פון דער „ראפּינא" האבען געהאט אין זינען נור איין זאך — עסען. זייא האבען פערגעסען אלעס אין דער וועלט און האבען געדאכט נור אן איין זאך — עסען! זיי האבען צוואר געחאפּט אייניגע פּיש, ווען עס האט זיך זיי פארגעשטעלט א געלעגענהייט, זייא האבען זיך אבער ניט איבערלעגט, ניט געארבייט צוזאמען, ניט געטראכט צוזאמען, וויא זיך צו העלפען וויא זיך צו רעטען. יעדער איז געווען פאר זיך. יעדער האט געטראכט, וואס ער וועט עסען און האט זיך ניט געקימערט, וואס דיא אנדערע וועלען טאהן אדער עסען. דער־

פאר זיינען זיי נעוועזן אזוי אונגליקליך, דערפאר האבען זיי געליטען אזוי פיעל הונגער און נויט.

אַזוי איז עס געגאנגען אויף דעם גרויסען פלאס, אזוי געהט עס אין דער גרויסער וועלט, ווען מענשען פערגעסען, אז קוים לעבען מיר אין אַ געזעלשאפט, מוזען מיר דענקען איינער אן דעם אנדערן, מוזען מיר וויסען, אז ווען יענער לעבט, קען איך אויך לעבען; מוזען מיר שטענדיג דענקען אן דעם וואהרען שפּרוך: „לעבען און לעבען לאסען". ווען מיר ווילען לעבען, מוזען מיר זעהן אז דער אנדערער זאָל אויך לעבען.

אין דעם טאג, ווען איך און בען בראס האבען צולעגט אַ פייער אויפ'ן טויבען וואלל פיש, איז דער הונגער און דיא נויט אויף דעם גרויסען פלאָס געווארען אזוי שטארק, אז דער פראנצויז לעגרא האט ענדליך אויסגערופען:

— עס העלפט ניט! מיר מוזען ווידער שפּיעלען אין דער לאטעריע פון לעבען און טויט. מיר מוזען עפּעס עסען אדער מיר וועלען אלע שטארבען פאר הונגער

אין מעער האבען געשוואומען טויזענדער פיש און טהיערע פון מעער, קיינער האט אבער ניט געדאכט דאראן, אז מען זאל זיי פאנגען. זיי האבען דאך געהאט שפייז ביי זיך אויפ'ן פלאס. דיעזע שפייז איז געוועזן — מענשען פלייש.

זאנדערבאר! לעגראָ האט יעצט געשפּיעלט דיא ראָלע פון אַ שיפסקאַפּיטאן אויפ'ן פלאס. זייט ער האט ניט געהאט געגען זיך זיין פיינד בען בראס, איז ער געווארען דער ערשטער, דער שטארקסטער און דער אנפיהרער פון דיעזע ווילדע באנדע. מען האט פאר איהם מורא געהאט, ווייל ער האט געהאט ארום זיך עטליכע שטארקע מאטראזען, וועלכע האבען איהם געפאלגט, וואס ער האט זיי געהייסען. אזוי וויא לעגרא מיט זיין קליינער באנדע זיינען געוועזן שטארקער פון אלעמען, האבען זיי געטאהן, וואס זיי האבען געוואלט.

— מיר מוזען עסען אדער שטארבען, האט אויסגערופען לעגרא צום צווייטען מאל.

דיא אויסגעהונגערטע, אויסגעצעהרטע, בלייכע און האלב וואהנזיניגע מאטראזען אויפ'ן פלאס האבען א ציטער געטאהן. יעדער פון זיי האט זיך געטראכט:

— ווען פיעלייכט קומען דיא רייהע אן מיך? וועל איך פיעלייכט יעצט יין דאס בלוטיגע אפּפער? וועט אויף מיר פאלען דער שרעקליכער גורל?

מען האט זיך איבערלעגט נור א גאנץ קורצע צייט. מען האט געמוזט צו עבען, אז עס איז ניטא קיין אנדערעס מיטעל, קיין אנדערער אויסוועג. באלד האט מען צונויפגענומען דיא קנעפּלעך און מען האט זיי אריינגעווארפען אין שרעקליכען הוט. אלע האבען געציטערט פאר שרעק. דיא טרויעריגע צערעמאניע האט געדויערט זעהר לאנג. קיינעם האט זיך ניט געוואלט שפּיעלען און דיעוע בלוטיגע לאטעריע.

מען האט פערדעקט דעם הוט מיט אן אלטען ראק און לעגרא האט אויס־

— יעצט זאל יעדער צו געהן און ארויסציהען זיין לאָאז!

לאנגזאם, דערשראקען און ציטערנד איז יעדער פון דיא מאטראזען צונעקומען צום שרעקליכען הוט. לאנגזאם און ציטערנד האט יעדער ארונטערגעלענט דיא האנד אונטערן ראק און האט ארויסגענומען א קנעפעל פונ'ם הוט.

ווען איינער האט ארויסגעצויגען א קנעפעל, האט ער געמוזט עפענען דיא האנד און ווייזען אלעמען, וואס ער האט ארויסגעצויגען. פיעלע זיינען געווען מעהר טויט אלס לעבעדיג, ווען זיי האבען געהאלטען אין דער האנד זייער לאָאז, זייער לאטעריע צעטעל — דאס שרעקליכע קנעפעל. איינינע פלעגען אזוי שטארק צונויפלעגען דיא האנד, אז עס איז געווען דער נאך שווער זיא צו עפענען.

דער פראנצויז לעגראָ איז געווען דער ריכטער, דער אויפזעהר פון דיעזע לאטאריע. ער האט אבער זעהר גוט געוואוסט, אז אין דיעזען פאל שטעהט ער ניט העכער פון דיא אנדערע. אויך ער וועט מוזען שפיעלען אין דיעזע לאטאריע. אויך ער מוז ריזיקירען זיין לעבען.

איינער נאכ'ן אנדערן זיינען דיא מאטראזען פון דער „ראפינא" צונעקומען צום שרעקליכען הוט. איינער נאכ'ן אנדערן האט ארויסגעצויגען זיין קנעפעל. אלע זיינען געווען ווייסע, געלע, גרינע, רויטע. דער שווארצער קנאָפּ איז נאך ניט פארגעקומען. וויא גליקליך זיינען געווען איינינע, ווען זייא האבען געעפענט זייער האנד און האבען דערזעהן א פארבינעס קניעפעל! איינינע האבען געטאנצט פאר פרייד, אנדערע האבען געלאכט, ווידער אנדערע זיינען ארומגעלאפען, וויא דיא וואהנזיניגע.

לעגראָ איז געווארען אונרוהיג. פיעלייכט וועט יעצט פאלען דער גורל אויף איהם? זיין געזיכט איז געווארען פון אש פארב, ווען ער האט געזעהן, אז עס זיינען געבליעבען נור נאך צווייא מענשען: ער און א הויכער און שטארקער אירלענדער. איינער פון זייאביידען אלזא מוז שטארבען. איינער פון זיי ביידע וועט געווים ארויסציהען דאס שרעקליכע שווארצע קנעפעל.

אלע האבען זיך יעצט ארומגעשטעלט ארום דעם שרעקליכען הוט. יעדער איז געווען פעראינטערעסירט צו זעהן, ווער פון דיעזע צווייא שטארקסטע און גרעבסטע מאטראזען וועט ארויסציהען דעם שווארצען לאָאז. אלע האבען געוואוסט, אז דיעזע צווייא מענשען האבען זיך פיינט. זייט בען בראס איז אוועק פון זיי, איז דער אירלענדער געווען דער שטארקסטער מאטראז אויפ'ן פלאָס. ער האט אלזא געוואלט זיין דער ערשטער. לעגראָ האט עס ניט דערלאָזען. דערפאר האבען זיי פיינט געהאט איינער דעם אנדערן און זיי וואלטען זיך שוין ניט איין מאל געשלאָגען, ווען ענגעלמאן און איינינע אנדערע וואלטען זיי ניט געווען איינגעהאלטען.

יעצט זיינען דיעזע צווייא מענשען געשטאנען איינער לעבען דעם אנדערן. איינער פון זיי האט געמוזט צו געהן צום שרעקליכען הוט. זיי האבען זיך אבער ניט געריהרט פון ארט. יעדער פון זייא האט זיך פער[illegible]אב[illegible]. יעדער האט גע־

זוכט עפעס א מיטעל זיך אויסצודרעהן. קיינער האט ניט געוואלט ערלויבען, אז דער אנדערער זאל האבען א נקמה אן איהם. פון צייט צו צייט פלעגט איינער אויפ'ן אנדערן אווארף טאהן אבייזען, ווילדען שרעקליכען בליק פון האס און פיינד־שאפט. דאס זיינען ניט געוועזן קיין מענשען, דאס זיינען געוועזן צוויא ווילדע טיגער, וועלכע זיינען געשטאנען איינער געגען אנדערן און האבען זיך אויפגעפרע־סען מיט דיא אויגען.

פלוצלונג האט זיך דער אירלענדער געווענדעט צו דיא מאטראזען און האט זיי געזאגט:

— קאמעראדען! עס איז ניט גלייך, אז איך און לעגרא זאלען ציהען אונ־זער גורל. מיר זיינען דיא צוויא שטארקסטע מאטראזען פון דער „ראפינא", איינער פון אונז ביידען מוז שטארבען. עס איז מעגליך, אז דער שטארקסטער פון אונז וועט מוזען שטארבען. דאס טויג ניט. איהר געפינט זיך יעצט אין אזא לאגע, אז דער שטארקסטער פון אייך מוז לעבען.

אלע האבען געשוויעגען. קיינער האט ניט געוואוסט, וואס דער אירלענ־דער מיינט מיט זיינע רעד.

— וואס מיינסט דו דערמיט, אירלענדער הונט? האט לעגרא אויסגע־רופען.

— איך מיין דערמיט, אז מיר זאלען זיך ביידע שלאגען, וויא מען טוהט עס אין אלטען אירלאנד. מיר וועלען זיך שלאגען אויף לעבען און טויט. ווער עס וועט בייקומען דעם אנדערן, דער וועט לעבען, דער אנדערער וועט מוזען שטארבען. אויף דיעזער ארט וועלען מיר וויסען, ווער עס איז דער שטארקסטער און דער ניצליבסטער מענש אויפ'ן פלאס.

יעצט האבען אלע געוואוסט, וואס דער אירילענדער פערלאנגט. מען האט געוואארט אויף אן אנטווארט פון לעגרא. ער האט אבער געשוויעגען. ער האט אליין ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. איהם איז פיעלייכט געגען אנגענעהמער זיך צו שלאגען מיט'ן אירלענדער, ער האט עס אבער ניט געקענט טאהן, ווייל ער האט זיך געהאלטען פאר'ן עלטסטען. וויא פערדארבען און ניעדערטרעכטיג ער איז געוועזן, איז ער דאך געוועזן א פראנצויז, ער האט דאך אפגעשטאמט פון א פאלק, ביי וועלכען דיא עהרע איז טהייערער פונ'ם לעבען. ער איז געוועזן זיכער, אז ער וועט ביי קומען דעם אירלענדער, אבער דיא עהרע? ער האט מורא גע־האט, זיינע קאמעראדען זאלען דער נאך ניט זאגען:

— דיא ביסט אונזער עלטסטער, דוא האסט אליין פארגעשלאגען, אז מיר זאלען ווארפען גורל און דוא האסט מורא געהאט צו ציהען דעם שרעקליכען גורל.

מיינע לעזער זאלען זיך ניט וואונדערן, ווען איך דערצעהל זיי, אז אזא גראבער און ווילדער מענש האט אין אזא שרעקליכע מינוט געקענט דענקען פון עהרע און עהרגעפיהל. מען מוז קענען דעם פראנצויז, מען מוז קענען דאס

פראנצויזישע פאלק אום צו פערשטעהן דיעזע סצענע. ווען עס קומט צו דער עהרע, איז יעדער פראנצויז בערייט צו אפפערען זיין לעבען. ביי קיין פאלק אין דער וועלט געפינען מיר ניט אזוי פיעל דועלן, וויא ביי דיא פראנצויזען. דער גרעסטער, וויא דער קליינסטער, דער רייכסטער, וויא דער ארימסטער וועט אוועקגעבען זיין לעבען פאר זיין עהרע. זיין נאמען, זיין עהרע איז בייא איהם פיעל טהייערער אלס זיין לעבען און אלס דאס לעבען פון זיין פאמיליע.

מען דערצעהלט, אז אמאל האט זיך געקריעגט א פראנצויז מיט א שפאניער. דער שפאניער האט געזאגט צום פראנצויז:

— מיר שלאגען זיך פאר עהרע, איהר פראנצויזען, אבער שלאגט אייך פאר געלד.

— מיר שלאגען זיך פאר געלד, וויל מיר האבען עהרע, איהר אבער שלאגט זיך זיך פאר עהרע, וויל איהר האט זיא ניט, האט דער פראנצויז געענטפערט שטאלץ.

ער האט אויך רעכט געהאט. דער פראנצויז קען טאהן אלע ניעדערטרעכטיגקייטען פאר געלד אדער פאר זיין נוצען, קוים בעריהרט עס אבער זיין עהרע, קוים וויס ער, אז ער קען ליידען אין זיין עהרע, וועט ער קריעכען דורך דיא נעגעל אום צו בעהויפטען זיין עהרע.

וואונדערט אייך ניט, ליעבע לעזער. ביי אונז עס אויך אמאל אזוי געווען. ווער עס קען דיא אידישע געשיכטע, דער וועט געפינען טויזענדער אזעלכע ביישפיעלע ביי אידען. אין בעסאראביען, דיא מאלדוי, וואלאכאי און בוקאווינא איז אמאל צווישען אידען געווען אזא זיטע (מנהג) אדער מאדע, רופט עס וויא וויא איהר ווילט. ווען אייגער האט געמאהנט ביים אנדערן געלד און דער שולדנער, דער בעל חוב, האט ניט אפגעגעבען, איז דער שולד הערר (דער מלוה) אריינגעקומען צו איהם אין שטוב, האט זיך געזעצט ביי זיין טיש אויבען אן און האט געזאגט:

— רבי משה, גיט מיר אפ מיין געלד, אדער איך וועל צורייסען אייער וועקסעל פאר אייערע אויגען.

דאס איז געווען דיא גרעסטע שאנדע, וואס מען האט געקענט אנטאהן א מענשען. דאס איז געווען דער שרעקליכסטער פראטעסט געגען א שולדנער, וועלכער האט ניט געוואלט בעצאהלען. דורך דיעזע איינפאכע צערעמאניע האט מען געטראפען דעם מענשען אין זיין עהרע. ווען מען האט דערצעהלט אין שטאדט, אז ביי רבי חיים אדער רבי יענקען האט מען צוריסען א וועקסעל אין זיין שטוב און פאר זיינע אויגען, האט עס געהייסען אז דער מאן איז א באנקעראט און מען טאר איהם ניט געטרויען.

איך וואלט אייך געקענט בריינגען פיעלע אזעלכע ביישפיעלע פון עהרע און שטאלץ ביים אידישען פאלק אין דיא אלטע צייטען, דער נאמען, דיא עהרע איז ביים אידישען קויפמאן אמאל געווען דאס טהייערסטע און בעסטע אויף דער

וועלט. זעלבסט פערשטענדליך, אז אין דער לעצטער צייט האט דיך פיעלעס גע־ענדערט. הלואי וואלט זיך עס ניט געענדערט!

דאס איז געוועזן דיא אורזאכע, ווארום לענרא האט זיך אזוי פערטראכט. ער האט זעהר געוואלט אנלערנען דעם ענגלענדער, ער האט אבער מורא געהאט פאר זיין עהרע. ענדליך האט ער זיך געשטעלט שטאלץ פארן אירלענדער און האט געזאגט:

— מיינסט דוא, פעטריק, אז איך האב מורא אריינצולעגען דיא האנד אין הוט? צום טייפעל! איך האב געהייסען ווארפען גורל און איך מוז עס האלטען. אלע האבען איינגעשטעלט זייער לעבען אין דיעזע לאטעריע, מיר דארפען ניט זיין בעסער פון דיא אנדערע. מיר זיינען אלע אין דער נויט. איינער פון אונז מוז שטארבען אום צו רעטען דיא איבריגע. איך און דוא דארפען זיין גלייך מיט אלע. קיין אויסנאמע פאר אונז!

דער אירלענדער האט געשוויגען.

— לענרא האט רעכט! האבען געשריען דיא איבעריגע, יעדער פון אונז האט איינגעשטעלט זיין לעבען, פאר וואס זאלען מיר יעצט מאכען אנ׳אויסנאה־מע? — אלע זיינען גלייך!

אזוי וויא לענרא האט געהייסען דער אויפזעהער פון דער לאטאריע, האט ער געדארפט זיין דער לעצטער. קיינער האט ניט געהאט דאגעגען. דיא קנעפ־לעך זיינען אלע געוועזן גלייך. אלע האבען געזעהן, אז ביז אהער איז דיא לאטעריע געוועזן גאנץ עהרליך. יעדער האט איינגעשטעלט זיין לעבען. יעדער האט גע־וואוסט, וואס פאר א שרעקליכעס לאז ער ציעהט ארויס.

דענאך האט לענרא געוואלט בעווייזען, אז ער איז א פראנצויז, אז ער איז אנ׳עהרענמאן.

— קאמראדען! האט ער אויסגערופען, איהר האט אלע געזעהן, וויא עהר־ליך דיעזע לאטעריע איז געוועזן. איך בין צוואר דער אויפזעהר, דער עלטערער פון אייך, און האב דאס רעכט צו ציעהן צום לעצטען, ווען איהר פערלאנגט עס אבער, וועל איך ציעהן פריהער.

— ניין! האבען אויסגערופען עטליכע פון דער מענגע, אזוי וויא אלעס איז צוגעגאנגען עהרליך, אזוי דארף עס ווייטער געהן. קיינע ענדערונג!

— איך בין דערמיט איינפערשטאנען, האט געזאגט דער אירלענדער. איך אדער דוא! איינער פון אונז מוז אפטרעטען פון׳ם פלאץ.

ער איז האסטיג צוגעגאנגען צום הוט, האט ארונטערגערוקט דיא האנד אונטערן ראק און האט זיא האסטיג ארויסגענומען. — אין זיין האנד איז געוועזן א ווייסער קנעפעל!

54טעם קאפיטעל.

א דועל אין דער מיט פון אטלאנטישען וועלט מעער.

דער פראנצויז האט געהאט פיעלע גוטע פריינד צווישען דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“. ווען זיי האבען דערזעהן, אז דער אירלענדער האט ארויס־געצויגען א ווייסען קנעפעל, האבען זיי א ציטער געטאהן און זיינען געווארען געל פער צארן אין פערדרוס.

וואס האבען זיי אבער געקענט העלפען? א לאטעריע איז א לאטעריע. מען האט איין מאל אפגעמאכט, עס איז פערפאלען. לענגרא אליין האט אויך געוואלט בעווייזען, אז ער איז אן עהרנמאן.

— צום טייפעל! האט ער אויסגערופען, דאס גליק איז נעגען מיר. איך מוז שטארבען. מיין עהרע איז ביי מיר טהייער. ציעהען דאס לעצטע קנעפעל דארף איך שוין ניט, אבער לאמיך וועניגסטענס זעהן דאס פערדאמטע קנעפעל, וועלבעס פעראורטהיילט מיך צום טויט.

ער האט אראפגעריסען דעם ראק פונ'ם הוט און האט אקוק געטאהן אין הוט. ער איז אפגעשפרונגען מיט שטוינען, דאן האט ער פלוצלונג האסטיג א חאפט געטאהן דעם איינציגען און לעצטען קנעפעל און האט איהם אלעמען גע־וויעזען — דער לעצטער קנעפעל איז געווען א געלער!

אלע זיינען געווען ערשטוינט, איבערראשט און דערשראקען.

— בעטרוג! — שווינדעל! האט אויסגערופען איינער פון דער מענגע.

— איך האב אליין געזעהן, וויא מען האט אריינגעלעגט אין הוט א שוואר־צען קנעפעל! האט געשריען א צווייטער. דא איז עפעס געשעהן.

— דעם הוט! דעם הוט! האט געשריען ענגעלמאן. ווייזט מיר דעם הוט!

ער האט אויסגעחאפט דעם הוט פון לענגרא'ס הענד און האט אנגעהויבען איהם צו שאקלען. — פון הוט איז ארויסגעפאלען א שווארצער קנעפעל.

יעצט האבען אלע ארויסגעזעהן, אז דאס מאל איז דיא לאטעריע צוגעגאנ־גען ניט עהרליך. עס איז געווארען א געשריי, א גוואלד און א ליארם.

— ניט עהרליך! פאלש! בעטרוג! שווינדעל! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

עס איז געווארען אזא ליארם, אז עס איז געווען אונמעגליך צו הערן, וואס מען האט גערעדט. ענדליך האט איינער אויסגעשריען אין דער הויך:

— עס העלפט ניט! מיר מוזען נאך א מאל ווארפען גורל!

— נאך אמאל! איבערנייעס! האט מען איהם אונטערשטיטצט. — דאס מאל וועלען מיר שוין זיין פארזיכטיג. דאס מאל וועלען מיר זיך שוין גוט צו־הוטען.

יעדער איז געווען איבערצייגט, אז לעגרא אדער דער אירלענדער האט בע־גאנגען דעם שווינדעל. קיינער האט עס אבער ניט געוואלט ארויסזאגען. פיעלע האבען זאגאר בעמערקט, אז איינינע פון לעגרא׳ס פריינד האבען איהם געוואונ־קען און האבען איהם געמאכט געהיימע צייכענס. דאס איז זיי ניט געפעלען, זיי האבען עס אבער ניט געוואלט זאגען, ווייל זיי האבען עס ניט געוואוסט פאר זיכער.

נור איין מענש האט געזעהן אלעס, וואס איז פארגעקומען און האט גע־שוויעגען. דאס איז געווען דער אירלענדער לאררי אַ רורקע. זייט מען האט אויס־געפונען, אז דיא לאטעריע איז געווען פאלש, איז ער אוועקגעגאנגען אן א זייט, האט ניט ארויסגעלאזען קיין אויג פון לעגרא׳ן און האט געשוויעגען.

ערשט ווען אלע זיינען געווען איינפערשטאנען, אז מען זאל ציעהען א נייע לאטעריע, איז ער צוגעקומען צו דער מענגע און האט געזאגט פעסט און רוהיג:

— ניין, קאמעראדען! מיר דארפען ניט ציעהען קיין נייע לאטעריע. איהר זעהט דאך אליין, אז דא איז פארגעקומען א שווינדעל. איך וואלט פיעלייכט גע־קענט עפּעס זאגען פון דעם שמוציגען טויגעניכטס, וועלכער האט ניט געוואלט ריזקירען זיין לעבען גלייך מיט אלע אנדערע, איך וויל עס אבער ניט, ווייל איך דענק, אז איך האב געפונען א בעסער מיטעל, וויא אזוי צו שליכטען דיעזע אנ־געלעגענהייט.

אלע האבען געקוקט אויף׳ן אירלענדער. אלע האבען ערווארטעט עטוואס נייעס, עטוואס בעזאנדערס פון איהם. אלע זיינען געווען פעראינטערעסירט צו וויסען, וואס ער וועט זאגען און וויא אזוי ער וועט ארדענען דיעזע זאנדערבארע אנגעלעגענהייט.

לעגרא איז געווארען אונרוהיג, זיין געזיכט איז געווארען ווייס, וויא קאלך, זאגאר זיינע ליפּען זיינען געווארען ווייס. ווער עס האט איהם פערשטאנען, דער האט געקענט זאגען פאר געוויס, אז לעגרא פערשטעהט, אז מען ווייס, וואס דא איז פארגעקומען. ער האט געפיהלט, אז ער קען דא פערליערען זיין עהרע. דאס האט איהם זעהר געקרענקט. ער האט געציטערט, פיעלייכט וועט מען געוואהר ווערען, וואס דא איז פארגעקומען. ער האט געמוזט ווייזען, אז ער איז אן עהרן מאן.

— העררר אירלענדער! האט ער א געשריי געטאהן, מיינט איהר דען, אז איך האב בעגאנגען דעם שווינדעל? מיינט איהר, אז איך האב געהאנדעלט ניט עהרליך אין דיעזער לאטעריע?

— געוויס, מיין שטאלצער פראנצויז! מיין עהרנמאן! איהר האט גע־האלטען אין דיא הענד א געלען קנעפּעל, ווען איהר האט אריינגעקוקט אין הוט. איך קען אייך, מיסטער לעגרא! איך ווייס, אז איהר ציטערט פאר אייער לעבען.

— ליגנער! טויגעניכטס! ליגנער! האט געברומט דער פראנצויז.

— רוהיג, הערר פראנצויז! זיעדעלט זיך ניט! איך ווייס, ווער עס האט אריינגעלעגט דעם לעצטען געלען קנעפּעל. — איהר האט עס געטאהן!

— קענט איהר עס בעווייזען? פון וואנען ווייסט איהר עס? האט מען געשריען פון אלע זייטען.

— וואס פאר בעווייזע ווילט איהר דען? האט דער אירלענדער געפרעגט, האט איהר דען ניט געזעהן, וואס דא איז פארגעקומען? — ווען איך האב אריינגעלעגט מיין האנד אין הוט, האב איך אנגעטאפּט נור צווייא קנעפּלעך. איך האב אויסגעטאפּט דעם גאנצען הוט און האב געהאלטען ביידע קנעפּלעך אין דיא הענד. איך האב געוועהלט, געקליעבען צווישען זיי. ווען עס זאלען געווען זיין דרייא קנעפּלעך אין הוט, וואלט איך עס געוועהן געפיהלט אין דער האנד. איך שווער אייך ביים הייליגען פּעטריק, אז אין הוט זיינען געווען נור צווייא קנעפּלעך.

— דאס איז נאך קיין בעוויז, האט לעגרא'ס א פריינד בעמערקט, עס איז זעהר מעגליך, אז דאס דריטע קנעפּעל האט זיך בעהאלטען אין א קנייטש פונ'ם הוט.

— רעדט קיינע דומהייטען! האט דער אירלענדער געשריען. איך האב זעהר גוט געזעהן, וויא איהר האט זיך געמאכט צייכענס. עפּעס איז צווישען אייך פארגעקומען, איך ווייס עס פאר געוויס.

אלע האבען יעצט געקוקט אויף לעגרא. מען האט איהם שוין פריהער חושד געווען, אז ער איז געווען ניט עהרליך. יעצט האט דער אירלענדער געשווארען, אז ער האט אליין געפיהלט אין הוט נור צווייא קנעפּלעך.

— לאמיר פרעגען דעם מאן, וועלכער האט געצויגען א קנעפּעל פאר דעם אירלענדער, האט אויסגערופען ענגעלמאן. — פיעלייכט ווייס ער אויך וויא פיעל קנעפּלעך עס זיינען געווען אין הוט, ווען ער האט געצויגען זיין קנעפּעל?

מען האט איהם געפרעגט און ער האט געענטפערט, אז ער האט אויך ארומגעטאפּט אין הוט און זיינע פינגער האבען געפיהלט, אז דארט האבען זיך געפונען נור דרייא קנעפּלעך. יעצט איז שוין אלעם געווען דייטליך. יעצט האט שוין יעדער איין געזעהן, אז לעגרא האט בעגאנגען דעם שווינדעל.

— נו, זעהט איהר שוין, קאמעראדען, אז איך האב רעכט געהאט? האט יעצט דער אירלענדער אויסגערופען, איהר זעט דאך יעצט, אז ער האט געדארפט ארויסציהען דעם שווארצען קנעפּעל. צו וואס זאלען מיר אלזא ווארפען א נייעם גורל? יעדער פון אונז האט איינגעשטעלט זיין לעבען. דער גורל איז געפאלען אויף לעגרא און ער מוז שטארבען.

— ליגנער! קאנאליע! האט געשריען דער פראנצויז, איך בין אן'עהרנמאן! איך בין קיין שווינדלער! איך האב געשפּיעלט אין דער לעבענסלאטעריע גלייך מיט אייך אלעמען.

— ווען דוא האסט געשפּיעלט עהרליך, ווער דען האט געשפּיעלט פאלש?

האט זיך געקאָכט דער אירלענדער. אלע אנדערע האבען געזיים געשפיעלט עהרליך. אלזא, איך אדער דוא! איינער פון אונז מוז שטארבען, ווייל מיר זיי־נען געווען דיא לעצטע.

יעצט האבען אלע געשוויעגען. קיינער האט שוין ניט געפאָרדערט, אז מען זאל ווארפען א נייעם גורל. יעדער האט איינגעזעהן, אז דיא לאָטאריע איז גע־פיהרט געווארען ניט עהרליך. יעדער האט געוואוסט ביי זיך, אז ער האט ריד קירט זיין לעבען, פאר וואס זאל זיך אויסדרעהן דער מאן, אויף וועלכען דער שווארצער גורל איז געפאלען?

— א דועל! האט פלוצלונג א געשריי געטאהן דער פראנצויז. — מיר ביידע זיינען געווען דיא לעצטע, איינער פון אונז האט בעגאנגען א שווינדעל. לאמיר זיך שלאגען, ווער עס וועט בייקומען דעם אנדערן, דער וועט געווינען.

— א דועל, — א דועל! — האט דער אירלענדער געענטפערט גאנץ רוהיג.

באלד האבען זיך געבילדעט צווייא פּארטיעען. אייניגע זיינען צוגעקומען צום פראנצויז לעגרא און האבען זיך געשטעלט ארום איהם, אנדערע זיינען צוגע־קומען צום אירלענדער און האבען זיך געשטעלט ארום איהם.

מען האט אנגעהויבען צו רעדען, מיט וואס פאר א וואפען מען זאל זיך שלאגען. אויף׳ן פלאַס האבען זיך געפונען העק, שפּיעזען, הארפונען און אנדערען געצייג. נאך א לענגערעס רעדען און דעבאטירען, איז געבליעבען, אז ביידע פיינד זאלען זיך שלאגען מיט איינפאכע מאטראָזען מעסער.

מען האט באלד געבראכט צווייא שארפע מאטראָזען מעסער און מען האט דערלאנגט יעדען א מעסער. ביידע מעסער זיינען געווען שארף, ביידע זיינען גע־ווען לאנג און שטארק. דיא מאטראזען האבען אפּגעטרעטען פון ביידע זייטען פון׳ם פלאַס. עס האט זיך געבילדעט א פרייער פלאץ פאר׳ן דועל.

עס איז שוין געווען ניט פריה, ווען דער דועל האט געדארפט זיך אנהויבען. דיא זון האט שוין געהאלטען ביים אונטערגעהן. דאס מעער איז געווען געפארבט בלוט רויט. אלע דינען געשטאנען שטיל אויף׳ן פלאַס. יעדער האט געוואוסט, אז באלד וועט זיך אפּשפּיעלען דער לעצטער, טרויעריגסטער אקט פון דער דראמא, און איינער אדער צווייא וועלען דעם מאָרגענדיגען טאָג ניט דער־לעבען. עס איז געווען א טרויעריגער אנבליק פאר אלעמען.

באלד האבען זיך ביידע פיינד געשטעלט איינער געגען אנדערן. יעדער האט אויפגעהובען זיין שארפעס מעסער אין דערהויך. יעדער האט מיט איהם אמאך געטאהן, גלייך וויא ער האט געוואלט מיט איהם אנפאלען אויף זיין פיינד. יעדער איז אבער געבליעבען שטעהן אויף זיין ארט. דיא צושויער, דאס פּובלי־קום, פון דיעזעס טרויערשפּיעל זיינען געווארען אונגעדולדיג. זיי האבען געוואלט, עס זאל שנעלער נעהמען אן׳ענדע. דער הונגער איז געווען שרעקליך און דיא בלוטיגע צערעמאָניע האט שוין פאר זיי געדויערט צו לאַנג.

אויסער דיעזעס פּובליקום האט זיך געפונען אנ׳אנדער פּובליקום, וועלכעס

אזי ניט אפגעטרעטען פון'ם גרויסען פלאַס. דאס איז געווען א גאנץ אנדערע סאָרטע פובליקום. דאס זיינען געווען דיא האי פיש. זיי האבען געפיהלט, אז פריהער אדער שפעטער וועלען זיי אויפפרעסען אלעמען פון'ם פלאַס און האבען ניט אפגעטרעטען פון איהם.

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע שרעקליכע מינוטען.ביידע פיינד זיינען גע־שטאנען איינער געגען אנדערן. יעדער האט געזוכט דעם ארט, וואו ער זאל טרעפען זיין פיינד און זאל איהם טויטען מיט אמאָל. דאס פובליקום האט ענד־ליך אנגעהויבען זיך צו לאַנגווייליען.

— זעהט נור, צוויא העהנער שטעהן איינער לעבען אנדערן און האבען מורא אנצופאלען איינער אויפ'ן אנדערן, האבען געשריען אייניגע.

— גיב איהם, לעגראַ! לערן איהם אָן! וויז איהם, ווער דוא ביזט! הא־בען געשריען אנדערע.

— שטעך איהם ! וויז איהם ! האבען געשריען אנדערע.

ביידע פיינד האבען עס געהערט און זיינען געווארען אויפגערעגט. עס איז זעהר מעגליך, אז זיי האבען געווארט ביז אהער, פיעלייכט וועט זיך נאך איינער אריינמישען און וועט שטערען דעם דועל; יעצט אבער, ווען אלע האבען אנגע־הויבען צו שרייען, אז דאס בלוטיגע דראַמא זאל זיך שוין אנהויבען, האבען זיי גע־מוזט ווייזען, אז זיי שפאַסען אויך ניט, אז עס איז א בלוטיגער ערנסט.

ביידע פיינד זיינען צוגעגאנגען נעהענטער איינער צום אנדערן, האבען זיך ארויפגעווארפען איינער אויפ'ן אנדערן, יעדער אבער האט אויסגעמיעדען דעם אנדערנס מעסער; זיי האבען זיך נור גראַנגעלט. באלד האט דיא לינקע האנד פון יעדען אנגעחאַפּט דיא רעכטע האנד פון'ם אנדערן, אין וועלכער ער האט גע־האלטען דאס מעסער. דיא פיינד האבען זיך ארומגענומען, יעדער האט געזוכט פרייא צו מאכען זיין רעכטע האנד און דערשטעכען דעם צווייטען. יעדער האט געוואלט אומווארפען דעם אנדערן.

אלע האבען געקוקט אויף דיעזע שרעקליכע סצענע. עס האט זיך געוויעזען, אז דער אירלענדער איז געשיקטער און פלינקער פון דעם דיקען פראַנצויז. ער האט איהם געהאלטען פעסט און האט געריסען זיין רעכטע האנד מיט'ן מעסער. דער פראַנצויז האט עס בעמערקט, האט איינגעבויגען דעם קאָפּ און האט אנגע־הויבען צו בייסען דעם אירלענדער מיט דיא צעהנער.

דער אירלענדער איז אויפגעשפרונגען פאר שמערץ און האט אומגעווארפען דעם פראַנצויז אויף דיא ברעטער פון'ם פלאַס. ער איז געווען א געשיקטער באָקסער, א שלעגער, א פייטער, וויא אלע אירלענדער זיינען. אין אייניגע מי־נוט האט ער ארונטערגעדרעהט לעגראַ'ס האנד אונטער איהם, האט געחאַפּט זיין מעסער און האט איהם געוואלט דערשטעכען.

אין דיעזער מינוט האט איינער פון דיא מאַטראָזען אויסגערופען:

— טייטע איהם ניט! מיר זיינען גערעטעט!

— פייער! איך זעה פייער! האט געשריען א צווייטער.

— ליכט! פייער! מענשען! א שיף! האבען געשריען עטליכע מיט אמאל.

וויא בייז און אויפגערעגט דער אירלענדער איז געווען, האט ער דאך גע־מוזט אפלאָזען דעם פראנצויז. דיא ווערטער: פייער, ליכט, מענשען, א שיף, האבען געווירקט, וויא צויבער אויף אלעמען. אלע האבען זיך אומגעקוקט.

55טעם קאפיטעל.

אין דער פינסטערניס.

אלע האבען אקוק געטאהן אין דער זייט, וואו מען האט געזעהן דאס פייער. אלע האבען זיך דערפרעהט. אייניגע האבען געטאנצט פאר פרייד.

— ענדליך זיינען מיר גערעטעט! ענדליך זיינען מיר ערלעזט פון אונזערע ליידען! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

אין דיא ערשטע עטליכע מינוט האט קיינער ניט געוואוסט, וואס עס טוהט זיך מיט איהם יעדער איז געווען פול פרייד, וואס ער וועט מעהר ניט דארפען שפיעלען אין דער שרעקליכער לאטעריע פון לעבען און טויט. עס איז פערגאנ־גען א גרויסע צייט, ביז מען האט זיך בערוהיגט, ביז מען האט געקענט עפּעס דענקען, עפּעס בעטראכטען און עפּעס בעקלערן.

— לאנד! לאנד! האט אויסגערופען איינער פון זיי.

דיא איבעריגע האבען זיך צולאכט. יעדער פון זיי האט געוואוסט, אז זיי געפינען זיך אין דער מיט פון'ם אטלאנטישען וועלט מעער. זיי זיינען ווייט פון יעדעס לאנד.

— א שיף! דאס מוז זיין א שיף! האט געזאגט אן'אנדערער.

— דאס איז קיין שיף, האט געזאגט אן'אלטער ערפאהרענער מאטראז. דאס איז קיין שיף. עס איז אונמעגליך, אז אויף א שיף זאל ברעיען אזא גרוי־סעס פייער.

— אלזא, וואס דען איז עס? מיר זעהן דאך פייער.

— אויף א שיף ברענען ביי נאכט צווייא־דרייא לאנטערנען, האט דער אלטער ערפאהרענער מאטראז ערקלערט, מיר אבער זעהן פאר אונז א פייער. וויא קומט א פייער אויף א שיף?

ערשט יעצט האט מען אנגעהויבען צו טראכטען, אז דאס פייער, וואס מען זעהט, איז קיין געוועהנליכעס פייער.

— מיר זעהן דאך פייער, האט ערקלערט א שפיאניער, וואו עס איז דא פייער, דארט זיינען דא מענשען און מיר דארפען דאך מענשען.

— וויא קומט אבער א פייער אין דער מיט פונ'ם אטלאנטישען וועלט מעער? האט געפרעגט א פיערטער. דאס איז א רעטעניש. דאס איז א צויבער! אונ־זערע אויגען זיינען פערבלענדעט, דער טייפעל שפיעלט זיך מיט אונז.

ער איז געווארען א געשריי און א גוואלד, אז עס איז אונמעגליך געווען צו הערן, וואס איינער האט גערעדט. עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט, איידער מען האט זיך אביסעל בערוהיגט און מען האט געקענט קומען עפעס צו א בעשלוס.

דער פראנצויז לענרא, וועלכער איז דאך געווען דער בעסטער מאטראָז אויפ'ן פלאָס, איז ענדליך געקומען צו זיך און האט זיך א ביסעל בערוהיגט נאך דער שרעקליכע סצענע, וועלבע ער האט נור וואס דורכגעלעבט מיט זיין פיינד, ער האָט זיך צוגעקוקט צום פייער, וועלכעס מען האט געזעהן.

— מיינע פריינדע! האָט ער אויסגערופען, איך בין אן אלטער מאטראָז און איך קען אייך פערזיכערן, אז אזא פייער אויפ'ן מעער האב איך קיין מאל נים געזעהן, אויסער ווען דיא „ראפינא" האט געברענט, דאמאלס אבער איז דאס פייער געווען פיעל שטארקער. איך קען מיר דאהער אויף קיין פאל נים ערקלערן, וואס דאס פייער איז און פון וואנען עס קומט. איך זעה אבער דאך א פייער, אלזא, מוזען דאָרט זיין מענשען. לאמיר צו פאהרען אהין! לאמיר זעהן, ווער דאָרט איז. פיעלייכט וועלען מיר דארט קריעגען, וואס צו עסען. דיא זון איז אונטערגעגאנגען. עס האט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל. לאמיר אויפציעהען דעם זעגעל און לאמיר זיך נעהמען צו דיא רודער. איך בין זיכער, אז ווען מיר וועלען אלע רודערן פלייסיג, וועלען מיר אנקומען צום פייער אין צווייא—העכסטענס אין דרייא שטונדען מיר וועלען דאן זעהן, וואס דארט טהוט זיך.

לענרא האט רעכט געהאט, דאָס איז געווען דער ריכטיגסטער וועג צו וויסען, וואס דיעזעס זאנדערבארע פייער בעדייטעט. אלע האבען עס פערשטאנען. אלע זיינען געווארען לעבעדיג. ווער עס האט נור געהאט א שטיקעל האלץ, א רודער, א ברעט אדער וואס ער האט נור געקענט געפינען, האט זיך גענומען צו דער ארבייט און האט אנגעהויבען צו רודערן און צו טרייבען דעם פלאָס.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך אויפשטעלען איינער און פלעגט שרייען מיט אלע קרעפטע פון זיינע לונגען:

— ווער זייט איהר דארט? מיר זיינען אונגליקליכע! אונזער שיף איז פערברענט געווארען און מיר ליידען הונגער! ראטעט אונז!

קיינער האט נים געענטפערט. האט מען נים דערהערט זייערע געשרייען אויף יענעם שיף? געפינט זיך דאס פייער אזוי ווייט, אז מען קען נים הערן, וואס מען שרייט אויפ'ן פלאָס? — אויף דיעזע פראגען האט קיינער נים געקענט ענטפערן. אלע האבען ערווארטעט, אז דאס פייער וועט זיך ענדערן, און אויף יענעם שיף וועט מען געבען עפעס א צייכען, אז מען האט זיי דערהערט. ליידער, איז אלעס געבליעבען שטיל, וויא פריהער. דאס פייער האט געברענט, וויא פריהער און קיין זאך האט זיך נים געענדערט.

דאס האט איבערראשט דיא מאטראזען פון דער „ראפינא". זיי האבען זיך אויף קיין פאלל נים געקענט ערקלערען, וואס דאס זאל בעדייטען.

— מיר זיינען שטארק גענוג אום אפצונעהמען א שיף! האט אויסגערופען איינער פון זיי. פאר וועמען האבען מיר דען מורא? ‏„וועלען זיי אונז אויפנעהמען מיט גוטען איז גוט, ווען ניט, וועלען מיר זיך מיט זיי שלאגען.

אלע האבען ווידער אנגעהויבען צו רודערן און צו ארבייטען מיט אלע זייערע קרעפטע. פון דעם ארט, וואו דער פלאָס האט זיך געפונען פאר נאכט, ביז צום ארט, וואו עס איז געליגען דער טויטער וואללפיש, אויף וועלכען דער נעגער האט געמאכט פייער, איז געוועז א שטרעקע פון צוואנציג ענגלישע מייל. אזוי וויא די נאכט איז געוועז א שטילע און א פינסטערע, האט מען געקענט זעהן דאס פייער אויפ'ן וואלל פיש אויף א גרויסע שטרעקע. צו רודערן אבער אזא שרעקע אויף א שווערן, אומגעלומפּערטען פלאָס איז געוועז ניט אזוי לייכט.

דער פלאָס איז געגאנגען זעהר לאנגזאם. די מענשען זיינען געוועז אויפגערעגט און שוואך פון הונגער און דורשט. זיי האבען אנפאנגס גערעכענט, אז אין צוויי—דריי שטונדען וועלען זיי צוקומען צום פייער, עס איז אבער פערגאנגען איין שטונדע נאך דער אנדערער און זיי זיינען נאך אלץ געוועז וויט פון דעם פייער.

געגען האלבע נאכט, ווען עס האט זיך זיי אויסגעוויעזען, אז זיי זיינען שוין גאנץ נאהענט צום פייער, איז פלוצלונג דאס פייער אויסגעלאשען געווארען. עס איז פערשוואונדען געווארען, די פינסטערניס איז געווארען נאך ערגער, נאך שרעקליכער און נאך שוידערהאפטער.

דאס זאנדערבארע דערביי איז געוועז, וואס דאס פייער האט זיך פערלאָשען מיט אמאל. עס האט א פלאָם געטאהן און איז גאנץ פלוצלונג אויסגעלאָשען געוואָרען, גלייך וויא מען וואלט ארויפגעגאסען דארויף וואסער.

אלע זיינען געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. וואס האבען זיי געקענט מאכען אין אזא פינסטערניס? זיי האבען דאך ניט געקענט רודערן, ווען זיי ווייסען ניט וואוהין. אזוי וויא זיי האבען אבער גערודערט ביז אהער מיט אלע זייערע קרעפטע און זיי האבען שוין געזעהן דאָס פייער גאנץ נאהענט, האבען זיי געדארפט זיין גאנץ נאהענט לעבען דעם ארט, וואו דאס פייער האט געברענט.

— דאָס איז אן אירדליכט! האט זיך אפגערופען איינער פון די מאטראזען. עס מאכט זיך אמאל אויפ'ן מעער, אז עס געהט אויף ערגעץ א ליכט, שיינט אייניגע צייט און פערשווינדעט. איך בין קיין געלערנטער, איך וויים ניט, וואס די אורזאכע איז פון אזא ליכט, איך וויים אבער, אז פיעלע שיפען זיינען פערפיהרט געווארען פון אזא ליכט. מיר זיינען אויך יעצט פערפיהרט געווארען פון אזא ליכט.

אזוי וויא אלע מאטראזען זיינען געוועז איינפאכע מענשען, וועלכע האבען זעהר וועניג געלערנט און האבען זיך אנדערש ניט געקענט ערקלערן, פאר וואס דאס פייער איז אזוי פלוצלונג פערלאשען געווארען, איז ביי אלעמען געבליעבען, אז אן אירדליכט, א בייזער גייסט, א טייפעל האט זיי פערפיהרט.

דיא פינסטערניס איז יעצט געווארען נאך שטארקער און נאך שרעקליכער. עס האט זיך אויפגעהויבען א לייכטער געבעל און האט אלעס פערדעקט און אלעס פערהילט מיט זיין גרויען מאנטעל. דיא מאטראזען פון דער „ראפינא“, וועלכע האבען געהאפט, אז זיי וועלען זיך באלד זעהן מיט מענשען, וועלען רעדען מיט מענשען און דיא הויפט זאכע זיי וועלען עפעס עסען, שטילען זייער שרעקליכע! הונגער, זיינען יעצט געווארען פערצווייפעלט. אלע זייערע האפנונגען זיינען מיט איין מאל פערשוואונדען געווארען. דער הונגער האט אויפ׳ס ניי אנגעהויבען זיי צו מארטערן נאך שטארקער און נאך ערגער, וויא פריהער.

וואלט ניט געווען אזוי שרעקליך פינסטער, וואלטען זיי געוויס געפאדערט, אז דער פראנצויז מיט׳ן אירלענדער זאלען ענדיגען זייער שרעקליכען דועל און אז איינער פון זיי אדער ביידע זאלען שטארבען און מען זאל זיי אויפעסען. יעצט אבער אין דער פינסטער איז עס געווען אונמעגליך. מען האט איינמאל בעשלאסען, אז זיי זאלען זיך שלאגען אויף א דועל און מען מוז עס האלטען.

דיא אונגליקליכע, פערצווייפעלטע מאטראזען פון דער „ראפינא“ זיינען געזעסען איינינע צייט טרויעריג, בייז און אויפגערעגט. ענדליך האבען זיי זיך א ניעדער געלעגט. יעדער האט געוואלט אנטשלאפען ווערן, פיעלייכט וועט ער וועניגסטענס אויף א פאר שטונדען פערגעסען דעם שרעקליכען הונגער. איינינע זיינען ווירקליך באלד אנטשלאפען געווארען, אנדערע אבער האבען ניט געקענט שלאפען און האבען זיך געקייקעלט אויף דיא הארטע ברעטער פון זייער פלאס.

פון צייט צו צייט פלעגט אויפשטעהן איינער פון זיי, פלעגט ארומ-קריעכען אויפ׳ן פלאס, פלעגט זיך אניעדער זעצען און פלעגט זיך צוריקלעגען, אדער פלעגט צו קריעכען צו אנ׳אנדערן און פלעגט איהם פרעגען שטילער הייט.

— דוא שלאפסט ניט?

— איך שלאף ניט, פלעגט דער אנדערער ענטפערן. לעג זיך לעבען מיר און לאמיר רעדען.

אין אנדערע ערטער זיינען געזעסען צווייא מענשען אנגעשפארט אן אברעט אדער אן א קלאץ און האבען גערעדט צווישען זיך שטילער הייט, אויפ׳ן אויער.

לעבען לעדיגען פעסעל פון ראם איז געליגען איינער און איז געשלאפען געשמאק, וועניגסטענס אזוי האט זיך עס אויסגעוויעזען, ווייל ער האט געחראפ-פעט אין דער הויך, וויא אן אקס. דאס איז געווען דער אירלענדער א רורקע אין דער אנדערער זייט פונ׳ם פלאס זיינען געזעסען צווייא מענשען און האבען גערעדט שטילערהייט.

— ער שלאפט געשמאק, ער חראפעט, האט געזאגט איינער פון זיי, מיר מעגען רעדען, ער הערט ניט.

— איך מוז מיך צוהערן צו איהם, האט דער אנדערער געענטפערט, איך גלויב איהם ניט.

ער האט זיך צוגעקייקעלט שטילערהייט צום שלאפענדען אירלענדער אן

האט זיך געלענט לעבען איהם אייניגע מינוט. דאן האט ער זיך צוריק געקייקעלט צו זיין קאמעראד און האט איהם געזאגט:

— יא, ער שלאפט, וויא א דערהרגעטער.

— גוט! דאן מוזען מיר זעהן עס אזוי צו מאכען, אז ער זאל שוין קיין מאל ניט אויפשטעהן. וואס דענקט איהר דערפון?

— איך דענק גאר ניט. זאגט מיר נור, וואס מיר זאלען טאהן.

— מיר דארפען ניט מאכען קיין ליארם. איין ריכטיגער שטאך מיט א מעסער איז הארצען און ער איז פערטיג. דיא גאנצע געשיכטע וועט דויערן אייניגע מינוט.

— איך גלויב ניט, אז מען זאל עס קענען אפמאכען אזוי גאנץ שטיל. ער קען זיך אויפהאפען. ער וועט אנהויבען זיך צו ווארפען, צו צאפלען. עס וועט ווערן א געוואלד. עס קען דערפון ארויסקומען א געשלעג.

— זיי ניט קיין נארר! דוא מיט'ן איטאליענער וועלען צוגעהן צו איהם. איינער וועט איהם צוהאלטען און דער אנדערער וועט איהם ארייגשטעכען דאס מעסער אין הארצען.

— וואס וועט אבער זיין מארגען? לאמיר זאגען, אז עס וועט געשעהן אזוי שטיל, וויא איהר מיינט. וואס וועלען זיי אבער זאגען מארגען אין דערפריה, ווען זיי וועלען זיך אויפהאפען און וועלען דערזעהן, וואס עס איז געשעהן? וועלען זיי דען ניט פערשטעהן, אז איהר האט עס געטאהן? אלע וועלען דאך אויפשטעהן געגען אייך און וועלען אייך טייטען. וואס קענט איהר איינער טאהן געגען אללע?

— ערשטענס וועלען זיי שווייגען, ווען מיר וועלען זיי פערשטאפען דאס מויל. מיר וועלען זיי געבען עסען און זיי וועלען קיין צייט ניט האבען צו שרייען. צווייטענס האב איך פיעל גוטע פריינד, וועלכע וועלען זיך שטעלען פאר מיר. איך בין דאך לעגרא, דער עלטסטער פון זיי אלע. דריטענס, ווען עס וועט קומען צו א געשלעג, וועלען מיר זיך שלאגען. וואס איז אונז דער אונטערשיעד: שטארבען פון הונגער, אדער שטארבען אין א געשלעג?

דער פראנצויז לעגרא האט עס גערעדט איט איינעם. ער האט מורא געהאט פאר'ן אירלענדער און האט געוואלט פון איהם לויז ווערען דורך ניעדערטרעכטיגען מארד. דער מאן, מיט וועלכען ער האט גערעדט, האט אבער אלץ ניט געוואלט נאכגעבען. ער האט נאך אלץ מורא געהאט פאר דיא איבעריגע. ווען לעגרא האט געזעהן, אז ער קען איהם אזוי לייכט ניט אנרעדען, ער זאל טייטען דעם אירלענדער, איז ער געפאלען אויף א נייע אידעע.

— ווייסט דוא וואס? האט ער פלוצלונג געזאגט, מיר קענען עס מאכען גאנץ אנדערש. דער אירלענדער האט א שארפעס מעסער. מען קען נעהמען זיין אייגענעם מעסער און איהם דערשטעכען דערמיט. אלע וועלען מיינען, אז ער האט בעגאנגען זעלבסטמארד. מען קען עס מאכען אזוי קלוג, אז אלע זאלען

גלויבען, אז ער האט זיך אליין געטייטעט. מען קען לאזען דאס מעסער שטעקען אין זיין הארצען. פערשטעהסט איהר מיך?

— איך פערשטעה איך. — אלזא געהט און גנבעט צו ביי איהם דאס מעסער.

— ניין, דאס איז אונמעגליך, האט דער פראנצויז געזאגט. איך וויל ניט, אז מען זאל וויסען, אז איך טוה עס. פיעלייכט חאפט ער זיך אויף און דערזעהט מיך, וועט ער מאכען א געוואלד; ווען ער וועט אבער דערזעהן אן׳אנדערן, וועט ער זיך ניט קימערן און וועט ווייטער שלאפען.

איינינע צייט האבען זיי נאך געערדט גאנץ שטיל, אז עס איז געווען אונמעגליך צו הערען, וואס זיי האבען גערעדט. ענדליך האט לעגרא געזאגט:

— מען מוז דאך אבער פראבירען. וואס קען עס שאדען?

— איך וועל עס פראבירען, האט ענדליך דער צווייטער נאכגעגעבען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויפגעהויבען און איז געקראכען אויף אלע פיער צום לעדיגען בעטעל, וואו דער אירלענדער איז געשלאפען און האט זיך אניעדערגעלעגט לעבען איהם. לעגרא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און איז אויך צוגעקראכען צום לעדיגען פעטעל.

עס זיינען פערגאנגען נור איינינע מינוט און דעם אירלענדערס מעסער האט זיך געפונען אין דיא הענד פון לעגרא׳ס קאמעראד. יעצט האט ער זיך צוגערוקט נעהנטער צום אירלענדער, חאט איהם געווארמט מיט זיין קערפער און האט געזוכט איהם איינצושלעפערן. אלעס איז געווען שטיל ארום, אלעס איז געווען שווארץ. דיא שווארצע נאכט האט בעדעקט דאס מעער, דעם פלאס און דיא שווארצע מענשען מיט דעם בלוטיגען שווארצען מארד.

קוים האט לעגרא זיך איבערצייגט, אז דער אירלענדער שלאפט ווירקליך, האט ער געהייסען דעם אנדערן אויסמאחן זיין מאטראזען ראק און איהם ארויפווארפען דעם אונגליקליכען אירלענדער אויפ׳ן געזיכט. דער אירלענדער איז געשלאפען. ער האט עס ניט געהערט. יעצט האט לעגרא גענומען דאס שארפע מעסער און האט עס מיט אמאל אריינגעשטאכען דעם אירלענדער אין הארצען. דער אונגליקליכער האט זיך אויפגעחאפט, האט געוואלט שרייען, האט אבער ניט געקענט. ער האט זיך נאך געווארפען אפאר מאל, האט זיך איבערגעקעהרט איינינע מאל, האט זיך אויסגעשטרעקט און איז געבליעבען ליגען טויט.

לעגרא און זיין קאמעראד זיינען זיך אוועקגעגאנגען, יעדער האט זיך געלעגט אין זיין ווינקעלע, גלייך וויא עס וואלט גאר ניט געשעהן.

56טעם קאפיטעל.

מיר אנטלויפען.

אין דער צייט, ווען דאס אלעס האט פאסירט אויפ׳ן גרויסען פלאס, זיינען מיר געשלאפען גאנץ רוהיג אויף אונזער „אלבאטראס״. מיר זיינען אלע געווען

אזוי מיעד, אז קיינער פון אונז האט ניט געקענט שטעהן אויף דער וואך. עס איז געבליעבען, אז דיא ערשטע האלבע נאכט זאלען מיר אלע שלאפען, ווער עס וועט זיך דערנאך אויפכאפען, דער זאל האלטען דיא וואך.

דער ערשטער, וועלכער האט זיך אויפגעחאפט, איז געוועזען שנעעמאן. קוים האט ער געעפענט דיא אויגען, איז ער געלאפען צו זיין קיך. ער איז ארויפגעלא־אויפ׳ן וואלל פיש זעהן, אויב דאס פייער ברענט נאך. ווען ער איז געשטאנען אויבען אין דערהויך, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער הערט שטימען, ער הערט רעדען. איהם האט זיך זאגאר אויסגעוויזען, אז ער הערט לעגרא׳ס שטימע.

סנאאי האט זיך דערשראקען. ער האט מורא געהאט פאר לעגרא. אין זיין שרעק האט ער געהאפט און אויסגעלאשען דאס פייער. ער האט אנגעשטעקט דעם קנויט אויף א שפיזו און האט איהם אריינגעווארפען אין מעער. פיש אייל אדער פיש טראן קען אהן א קנויט ניט ברענען. דאס פייער איז באלד אויסגע־לאשען געווארען און דער נעגער איז אראפגעלאפען פון׳ם וואלל פיש אויפ׳ן „אל־באטראס״. זיין ערשטער געדאנק איז געווען, ער זאל אויפוועקען בען בראס און זאל איהם דערצעהלען, אז ער האט געהערט דיא גראבע שטימע פון׳ם פראנצויז לעגרא.

ער איז געבליעבען שטעהן אפאר מינוטען און האט זיך צוגעהערט. אלעס איז שטיל. ער הערט קיינע שטימען. ער האט זיך פערשעהמט. ערשט נעכטען האט ער דערזעהן פון ווייטען א טויטען וואלל פיש און ער האט אלעמען אויפ־געוועקט מיט א געשריי: לאנד! לאנד! זאל ער היינט ווידער אלעמען אויפ־וועקען אומזיסט? זאל ער ווידער אלעמען בעאונרוהיגען און דערצעהלען, אז ער האט געהערט דיא שטימע פון לעגרא?

ער האט מורא געהאט, מען זאל איהם ניט אויסלאכען און האט געשוויע־גען. ער איז אבער ניט געשלאפען און האט געהאלטען אפען זיינע אויערן. אלעס איז געבליעבען שטיל און רוהיג.

— עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, האט ער געברומט צו זיך אליין, בען בראס וועט לאכען פון מיר.

ער האט ערשט בערייעט, וואס ער האט אויסגעלאשען דעם פייער אויפ׳ן קאפ פון׳ם וואלל פיש. ער האט זעהר געוואלט עס אנצינדען נאך אמאל. ער האט עס אבער ניט געקענט. אויסשלאגן פייער איז אויף א קונסט, וועלבעס מען דארף קענען.

אזוי איז פערגאנגען דיא נאכט. פאר טאג האט זיך בען בראס אויפגע־חאפט און זיין ערשטער בליק איז געפאלען אויפ׳ן וואל פיש. ער איז געוועזען פינסטער.

— וואס איז דאס? האט ער געפרעגט, ווער האט עס אויסגעלאשען דאס פייער?

— איך האב עס געטאהן, מיסטער בען.

— פאַר וואס האסט דו עס געטאָהן?

— איך האב מורא געהאט פאַר'ן טייפעל.

בען בראס האט זיך צולאַכט און האט זיך באלד ווידער גענומען צו דער ארבייט. ער האט באלד אויסגעשלאָגען פייער און האט באלד ווידער צורעכט געמאַכט דיא קיך. ווען דיא זון איז אויפגעגאנגען, זיינען מיר ווידער אלע דרייא געשטאַנען אויפ'ן וואלל פיש און האבען געטריקענט שטיקער פיש.

פלוצלונג האט דער נעגער א ציטער געטאהן און האט אויסגערופען:

— דשינגאָ וואודו!

דאס איז געווען דער נאמען פון זיין גאט. ער האט שוין געלעבט א לאנגע צייט צווישען קריסטען און האט זיך שוין אויסגעלערנט פיעלע זאכען פון דיא קריסטען, אבער אין זיין העכסטער נויט פלעגט ער נאך רופען צו זיין געץ דשינגאָ וואודו. בען בראס האט דערפון געוואוסט און האט איהם באלד געפרעגט:

— וואס איז דיר, סנאַאי? וואס האסט דוא זיך אזוי דערשראָקען?

— אך, מיסטער בען! איך הער זייערע שטימען.

— וועמעס שטימען? וואס רעדסט דוא? וועמען הערסט דוא?

— איך הער, וויא זיי ריידען, האט דער נעגער געענטפערט און האט געציטערט.

— ווער רעדט דא? זאג! דערצעהל! וועמען הערסט דוא?

דער נעגער האט אייניגע אויגען בליקע ניט געקענט רעדען. איך און בען בראס האָבען גאר ניט געהערט. דער האלב ווילדער נעגער האט געהאט א שאַרפערעס אויער פון אונז. בען בראס האט עס געוואוסט. דער ווילדער מענש האָט שטענדיג אַ שאַרפערעס אויער אלס דער ציוויליזירטער. מען רייזט אַמאל מיט א ווילדען אינדיאַנער אדער אַפריקאנער אין א וואלד אדער אויף דער פרעריע (סטעפּעם). דער איינער אנער בלייבט פלוצלונג שטעהן און רופט אויס: דארט לויפט א רייטער! דער ציוויליזירטער מענש הערט גאר נישט, ביז דער רייטער קומט צו גאנץ נאָהענט צו איהם.

מיר וואינען אין גרויסע אדער קליינע שטעדט, וואו דער גערויש פון דיא פאַבריקען, מאשינען און וועגען פערטויבען אונזערע אויערן. מען מוז שוין שטארק קלאַפּען און שרייען, אז מיר זאלען דערהערן. דער ווילדער מענש, וועלכער איז געוואינט מיט'ן שטילען וואלד אדער מיט דער רוהיגער און שטילער פרעריע, דערהערט דעם קלענסטען גערויש, דעם שוואַכסטען פּיפּס.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דער נעגער סנאַאי האט דערהערט דיא שטימען פריהער פון אונז, איך און בען בראס האבען איינגעהאלטען אונזער אטהעם און האבען זיך צוגעהערט פלוצלונג האבען מיר דערהערט א דינע קינדער שטימע אויסרופען:

— סנאַאי! איך הער מענשען רעדען! — זיי זיינען אויפ'ן וואסער. הערסט דוא זיי?

דאס האט אויסגערופען לילי. זיא איז אויך אויפגעוואקסען געווארען אין דיא שטילע וועלדער פון אפריקא און האט אויך געהאט א שארפעס אויער.

— שא, לילי! רעד ניט הויך! האט דער נעגער איהר געענטפערט. שווייג שטיל, לילי!

לילי האט זיך דערשראקען און האט געשוויגען. מיר האבען אויך געשוויגען איינינע מינוט. באלד האבען מיר זיך אויך איבערציינגט, אז מען רעדט ווירקליך ניט ווייט פון אונז. מיר האבען דערהערט מענשען שטימען.

מיר האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען גאר ניט געקענט זעהן. עס האט זיך אויפגעהויבען א נעבעל, וויא ער קומט אפט פאר אין יענע געגענדען, און האט פערשטעלט פון אונז דעם גרויסען פלאס. מיר האבען געהערט רעדען און האבען קיינעם ניט געזעהן. בען בראס האט געוואלט א געשריי טאהן און פרעגען, ווער דארט איז. דער נעגער האט איהם צוריקגעהאלטען.

— טהוט עס ניט, מיסטער בראס! האט ער געבעטען, דארט איז לענגרא.

— בען בראס האט זיך יעצט גוט צוגעהערט צו דיא שטימען, וועלבע מיר האבען יעצט געהערט גאנץ דייטליך און האט אויסגערופען:

— פערדאמט! דאס זיינען דיא מאטראזען פון דער „ראפינא".

ער האט יעצט דערקענט זייערע שטימען. מיר האבען יעצט שוין געוואוסט אויף זיכער, ווער עס געפינט זיך לעבען אונז. א שרעקליכע נאכבארשאפט! דער נעגער האט זיך דערשראקען נאך מעהר פון אונז. ער האט געוואוסט, פאר וואס מיר זיינען אנטלאפען פון גרויסען פלאס. ער האט געוואוסט, אז קוים האבען אונז דיא הונגעריגע מאטראזען פון דער „ראפינא", וועלען זיי איהם אויפעסען צום ערשטען, ער איז דאך א נעגער, מיט א שווארצען מאכט מען קיינע צערעמאניען.

— מיר זיינען אריינגעפאלען אין א נעץ, האט סנאאי ענדליך געזאגט, וואס דענקט איהר, מיסטער בען? וואס זאלען מיר טאהן?

— איך וויים אליין ניט, וואס צו דענקען, האט בען בראס געענטפערט, איך קען ניט פערשטעהן, וויא אזוי זיי קומען אהער. אלענפאלס וויים איך ניט, אויב מיר דארפען מורא האבען פאר זיי. איך זעה דא אין מעער זעהר פיעלע האי פיש. זיי זיינען זעבציג מענשען. פאר וואס זאל עס זיין אונמעגליך פאר זיי צו פאנגען האי־פיש און זיי צו עסען? — ווער וויים, וואס עס איז מיט זיי געשעהן, זייט מיר האבען זיך צו שיידט מיט זייא?

— ניין, מיסטער בראס, ניין! האט דער נעגער אויסגערופען, איך גלויב ניט, אז זיי האבען וואס צו עסען.

— פאר וואס גלויבסט דוא עס ניט?

— ווייל איך קען זיי, האט דער נעגער געענטפערט קורץ און שארף.

בען בראס האט געשוויגען. ער האט אויך זעהר גוט געקענט זיינע קאמעראדען. ער האט אבער גערעכענט, אז קוים האבען זיי אויסגעהאלטען אזא

Sky.

לאנגע צייט, האבען זיי געזוים ערגעץ בעקומען פראוויאנט, דאן האט ער ניט וואס מורא צו האבען פאר זיי. ווען דער נעגער האט געזעהן, אז בען בראס שווייגט נאך אימער, האט ער אויסגערופען:

— זיי וועלען אבער ביי אונז אלעס צונעהמען! זיי וועלען אונז בערויבען!

בען בראס האט זיך פערטראכט. ער האט געהאט איבער וואס צוא טראכטען. אנטלויפען אין נעבעל איז געוועזן אונמעגליך. ער קען נאך ארויפלויפען אויף דעם גרויסען פלאס. אפווארטען, ביז די זון וועט זיך אויפהויבען און וועט צו טרייבען דעם נעבעל, איז אויך קיין פלאן ניט.

פלוצלונג איז בען בראס אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער און האט אויסגערופען:

— זיי קומען! זיי זיינען שוין ניט ווייט! שנעל, שנעלמאן! לאמיר לויפען אויף אונזער „אלבאטראס"! לאמיר אנטלויפען!

מיר זיינען אלע דרייא אראפגעלאפען פונ'ם וואל פיש. אין א סעקונדע האט דער נעגער איבערגעשניטען דעם שטריק, מיט וועלכען דער אלבאטראס איז געוועזן צוגעבונדען צום וואל פיש.

— נעהמט דיא רודער! האט בען בראס קאמאנדירט צו מיר און צום נעגער — רודערט מיט אלע אייערע קרעפטען מיר מוזען אנטלויפען! איך בין אבעסערער מאטראז פון זיי אלע!

פאר וואס האט זיך בען בראס אזוי דערשראקען? וואס האט ער אזעלבעס דערהערט, וואס ער האט זיך יעצט געריסען צו אנטלויפען?

מיר מוזען זיך אומקעהרען צום גרויסען פלאס און דערצעהלען, וואס דארט האט פאסירט נאך דעם ווי לעגרא האט דערשטאכען דעם אירלענדער.

דיא נאכט איז פאראיבער. אין אסטען (מזרח) האט זיך געוויזען א בלייכער פאס ליכט. דיא מאטראזען פון דער „ראפינא" האבען אנגעהויבען זיך צו ריהרען. דער הונגער האט זיי ניט געלאזט לאנג שלאפען.

פלוצלונג האט לעגרא אויסגערופען מיט זיין הייבער פעסטער שטימע.

— קאמעראדען! מיר האבען א טויטען! זעהט נור!

אלע זיינען אויפגעשפרונגען, וויא דיא אפגעבריהטע. זיי האבען ניט געקענט פערשטעהן, פון וואנען עס האט זיך גענומען א טויטער.

— ווער איז דער טויטער? פון וואנען האט זיך גענומען א טויטער? ווען מיר האבען זיך געלעגט שלאפען זיינען מיר אלע געווען געזונד. ווער איז דען אונטערדעסען געשטארבען?

— דער אירלענדער איז געשטארבען! האט לעגרא'ס פריינד אויסגערופען.

דאס איז געוועזן דער זעלבער, וועלכער האט איהם געהאלפען טויטען דעם אירלענדער. ער האט יעצט געמוזט אונטערשטיצען זיין קאמעראד און פריינד לעגרא.

— זעהט נור! האט ער ווייטער געשריען, זעהט נור, עס שטעקט נאך

דאס מעסער אין זיין הארצען! ער האט זיך אליין געטייטעט! ער האט זיך דער־שטאכען! ער האט זיך געשעהמט פאר אייך!

— דאס קען ניט זיין! האט זיך אפגערופען אַנאנדערער, דאס איז אונ־מעגליך! פאר וואס האט ער געדארפט זיך טויטען? צו וואס האט ער געדארפט בעגעהן זעלבסט־מארד, ווען ער האט בעזיעגט זיין פיינד.

— זעהט, קאמעראדען! זעהט אליין! האט לעגראָ געשריען. זעהט, וועמעס מעסער שטעקט אין זיין הארצען? — זיין אייגענעם מעסער!

איינינע מאַטראזען זיינען צוגעקומען צום טויטען און האבען איהם בעטראַכט ער איז געלעגען אויפ׳ן רוקען, אין הארצען האט געשטעקט זיין מעסער. איינינע האבען זיך אנגעבויגען און האבען איבערגעלעזען אויפ׳ן שטיעל פונ׳ם מעסער דיא בוכשטאַבען .L. O. R לאררי א. רורקע.

— דאס איז זיין מעסער! האט אויסגערופען לעגרא׳ס פריינד, איהר זעהט עס דאך, קאמעראדען ער האט בעגאנגען זעלבסט מארד. ער האט זיך אליין געט־יטעט.

— פאר וואס אבער האט ער זיך אליין געטייטעט? וואס האט איהם גע־צוואונגען דערצו?

— מען האט איהם ערמארדערט! האט געשריען א דריטער. ער האט זיך אליין נים געטייטעט! דא איז בעגאנגען געווארען אַ מארד, א פערברעכען!

— ווער האט עס אבער געטאהן? ווער איז דער מערדער? האט גע־פרעגט א פיערטער.

— עפעס איז דא געשעהן. איינער האט עס געוויס געטאהן.

— ווער אבער האט עס געקענט טאהן?

עס איז געווארען א ליארם און א געשריי, אז איינער האט נים געהערט וואס דער אנדערער האט גיזאגט.

— מען מוז געוואהר ווערן, ווער עס איז דער מערדער! מען מוז אונ־טערזוכען! מיר קענען עס נים דערלאזען! מיר זיינען קיינע מערדער! מיר האָ־בען געווארפען גורל און אויף וועמען דער גורל איז געפאלען, דעם האבען מיר אויפגעגעסען דאס איז וואהר. מיר זיינען אבער קיינע מערדער! האט מען גע־שריען פון אלע זייטען.

אלע האבען פערשטאנען, אז דער אירלענדער האט נים בעגאנגען קיין זעלבסטמארד. אלע האבען פערשטאַנען אז דא איז בעגאנגען געווארען א פער־ברעכען. יעדער האט עס פערדראסען. יעדער איז געווען אויפגערעגט, יעדער איז געווען בייז, יעדער איז געווען בערייט צו בעשטראָפען דעם מערדער.

— קאמעראדען! האט פלוצלונג אויסגערופען איינער פון זיי, — קאמע־ראדען! מיר זיינען יעצט אלע זעהר הונגעריג לאָמיר פריהער עפעס עסען, דער־נאך וועלען מיר אנהייבען זוכען, ווער עס האט געטייטעט דעם אירלענדער. דער־ווייל האבען מיר דאך וואס צו עסען.

אזוי וויא אלע זיינען געווען שרעקליך הונגעריג, איז דיזער פלאן אלעמען געפעלען און מען האט זיך שוין אווארף געמאהן אויפ'ן טויטען אירלענדער, מען זאל איהם צושניידען און צוטהיילען אויף גלייכע פּאָרציאנען.

לעגרא איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט ארויסגעהאפט זיין מעסער און האט געוואלט אפשניידען דעם אירלענדערס פוס. פלוצלונג האט איינער אויסגערופען;

— פייער! איך זעה פייער! עס איז גאר ניט ווייט פון אונז.

— דאס איז דאס פייער, וועלכעס מיר האבען געזעהן ביי נאכט! האט געשריען א צווייטער.

— שיף, אהאָי! שיף אהאָי! האט געשריען לעגרא.

קיינער האט ניט געענטפערט. בען בראס האט געהערט אלעס, וואס דיא מאטראזען פון דער „ראפינא" האבען גערעדט וועגען טויטען אירלענדער. ער האט צוואר פערשטאנען, אז זיינע געוועזענע קאמעראדען האבען געלעבט פון מענשענפלייש. ער האט געהערט דאס שרעקליכע ווארט גורל און האט זעהר גוט געוואוסט, וואס דאס בעדייטעט.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס בען בראס האט זיך אזוי דערשראָקען און האט געהייסען מיר און דעם נעגער רודערן מיט אלע אונזערע קרעפטע. דיא דיא געפאהר איז געווען גרויס. איך האב צוואר אויך געהערט, דיא געשרייען פון'ם פלאס, איך האב זיי אבער ניט גאנץ גוט פערשטאנען.

— ענטפער אונז, שיף! האט געשריען לעגראָ אין דער צייט, ווען מיר האבען אנגעהויבען צו רודערן.

זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר האבען זיך ניט געאיילט איהם צו ענטפערן. מיר האבען ווייטער גערודערט מיט אלע אונזערע קרעפטען. מיר זיינען אנטלאפען!

— ענטפער אונז, שיף! האט לעגראָ אויסגערופען נאך אמאל.

אזוי וויא קיינער האט איהם ניט געענטפערט, האט ער זיך געווענדעט צו זיינע קאמעראדען און האט אויסגערופען!

— צו דיא רודער! שנעלער! לאמיר זיי אניאגען! לאמיר אויף זיי אנפאלען! מיר וועלען האבען וואס צו עסען!

מיר האבען זיך אזוי געאיילט, אז מיר האבען פערגעסען אויסצולעשען דאס פייער אויפ'ן וואלל פיש. דאס פייער האט געברענט העל און האט געדיענט אלס וועגוויזער פאר דיא מאטראזען פון דער „ראפינא". זיי זיינען יעצט געווען עטליכע און פופציג מענשען, וועלכע האבען געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטע און מיט פערצווייפלונג צו בעקומען עפּעס צו עסען. זיי האבען צוואר געהאט דעם טויטען אירלענדער, מענשענפלייש איז אבער קיין בעזאנדערס געשמאקעס עסען. וויא שלעכט און פערדארבען זיי זיינען געווען, האבען זיי דאך ניט געוואלט עסען קיין מענשענפלייש, זא לאנג זייא האבען געהאט א האפנונג צו בעקומען א בעסערעס עסען.

אונטערדעסען איז דיא זון אויפגעגאנגען העכער און האט פערטריעבען דעם נעבעל. דאס מעער איז געווארען ריין און קלאר, אז מען האט געקענט זעהן אויף א גרויסע שטרעקע ארום.

מיר האבען דערזעהן דעם גרויסען פלאס מיט אונזערע געוועזענע קאמע־ראדען. זיי האבען אונז אויך דערזעהן.

— אט זיינען זיי! האט א געשריי געטאהן דער נעגער.

— בען בראס און בילי! האט אויסגערופען לענרא. האלט! שטעהט! ווארט אויף אויף אונז!

57טעם קאפיטעל.

א נייער פריינד.

אונזער „אלבאטראס" האט זיך יעצט געפונען נור אפאר הונדערט שריט פון'ם גרויסען פלאס. מיר האבען יעצט געזעהן אלע אונזערע בעקאנטע און האבען זיי דערקענט. זיי האבען אונז אויך דערקענט.

— שנעעמאן! סנאאי! האבען געשריען אנדערע. וויא קומסט דוא אהער? וואס אנטלויפט איהר? ווער האט דיך געבראכט אהער? וואו האט איהר זיך בעגעגענט? — ווארט אויף אונז!

— וואס איז דאס? וואס ברענט דאס? האבען געשריען אנדערע. וואס אנטלויפט איהר? האט איהר וואסער?

דאס ווארט וואסער האט געווירקט אויף אלעמען, וויא אצויבער. דיא מאט־ראזען פון דער „ראפינא" האבען אין דער לעצטער צייט שרעקליך געליטען פון דורשט.

— קומט צו אונז מיט גוטען! האט לענרא געשריען, ווען איהר וועט עס ניט טאהן מיט גוטען, וועלען מיר אייך אניאגען און וועלען אייך טייטען.

מיר האבען ניט געענטפערט. עס האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע יאגד. בען בראס, דער נעגער, איך און זאנאר לילי, האבען געארבייט מיט אלע אונזערע קרעפטע. לילי האט גאר ניט געוואוסט, וואס דא טוהט זיך. זיא האט ניט פערשטאנען ניט קיין ענגליש, ניט דיא אנדערע שפראכען, וואס דיא מאט־ראזען פון דער „ראפינא" האבען גערעדט. זיא האט נור געזעהן, אז איהרע פריינד האבען זיך דערשראקען און ווילען אנטלויפען און זיא האט זיי געהאלפען, וויא וויט זיא האט געקענט.

לײדער, זיינען מיר געווען נור דרייא. — איך קען דאך ניט רעכענען לילי פאר א האנד. זיא האט געארבייט, זיא האט אבער אונז זעהר ווענינ געהאל־פען. מיר זיינען אלזא געווען נור דרייא ארבייטער, אויפ'ן גרויסען פלאס אבער האבען געארבייט פופציג מענשען.

— וואס אנטלויפט איהר פון אונז? האבען געשריען אייניגע. גיט אונז אביסעל וואסער און מיר וועלען אייך גאר ניט טאהן.

מיר האט עס געריסען דאס הארץ. איך האב געהאט מיטלייד מיט דיא אונגליקליכע. איך האב געוואלט זיי העלפען. איך וואלט מיט פערגניגען זיי געגעבען געטריקענטע פיש און אביסעל וואסער. איך האב עס אבער ניט געקענט מאהן. איך האב פאר זיי מורא געהאט. איך האב געהערט זעהר גוט דיא שרעקליכע ווערטער „וואַרפען גורל" און איך האב געוואוסט, וואס זיי בעדייטען.

מען מוז אלזא אנטלויפען! מיר מוזען זיך רעטען. אונזער לעבען איז טייערער. וויא אנטלויפט מען אבער? אונזער „אלבאַטראָס" איז צוואר געוועזען בעסער געבויט און לייכטער צו רעגירען. ווען מיר זאַלען געוועזען האבען נאך א שטאַרקען און פעהיגען מאַטראָז מיט אונז, וואָלטען מיר פיללייכט זיך געקענט רעטען, אנטלויפען פון זיי. מיר זיינען אבער געוועזען נור דרייא. איך בין נאך ניט געוועזען קיין מאַטראָז. דער נעגער איז אויך קיין מאַטראָז ניט געוועזען. דער איינציגער ארבייטער איז געוועזען בען בראַס. וואס האט ער איינער געקענט מאכען געגען גרויסען פלאָס, וואו פופציג געשיקטע מאַטראָזען האבען געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטע?

נעהנטער און נעהנטער זיינען זיך צונויפגעקומען ביידע פיינדליכע פארטייען. נעהנטער און נעהנטער איז דער גרויסער פלאָס מיט זיינע מאַטראָזען צוגעקומען צו אונז.

— עס איז טרויעריג! עס איז שרעקליך! האט אויסגערופען דער נעגער, זיי יאגען אונז אן! זיי וועלען אונז באלד דערגרייכען! מיר זיינען פערלארען!

— רעד ניט, שנעעמאן! ארבייט מיט דיינע לעצטע קרעפטע, ווען דוא ווילסט לעבען, האט בען בראַס געשריען. מיר דארפען זיך ניט אונטערגעבען אזוי לייכט. זיי זיינען הונגעריג און שוואך, זיי וועלען גיכער מיעד ווערען.

מיר האבען גערודערט, מיר האבען געשאַרט, מיר האבען געקראַצט דאס וואסער, וויא וויט מיר האבען געקענט. אומזיסט! מיר זיינען פערלאָרען! צווישען אונז און דיא מאַטראָזען פון דער „ראַפינא" האט זיך יעצט געפונען א שטרעקע פון צוואנציג אדער דרייסיג פוס. מיר זיינען געוועזען אזוי דערשראָקען, אז מיר האבען ניט געהערט און ניט געזעהן, וואס עס טוהט זיך אויפ'ן גרויסען פלאָס. מיר האבען געהאט אין זינען נור איין זאך — אנטלויפען!

פלוצלונג האבען מיר דערהערט א שטאַרקען טראַך, גלייך וויא איינער וואלט אריינגעפאלען אין וואסער. מיר האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן, אז איינער פון דעם גרויסען פלאָס ויצט אויף א ברעט, האלט א רודער אין דער האנד און רודערט צו אונז. איידער מיר האבען צייט געהאט זיך אומצוקוקען, איז דער מאן אויפגעשפרונגען אויף אונזער „אלבאַטראָס", האט ארויפגעשלעפט דאס ברעט און האט אנגעהויבען צו רודערן מיט אונז.

דאס איז געשעהן אזוי שנעל און מיר זיינען געוועזען אזוי איבערראשט, אז איניגע מינוט האט קיינער פון אונז ניט געקענט ארויסזאגען א ווארט. בען בראַס איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך און האט אויסגערופען:

— ווער זייט איהר? א פריינד אדער א פיינד?
— איהר דערקענט מיך ניט, בען בראס? — איך בין ענגעלמאן!
— ענגעלמאן? האָט בען בראס אויסגערופען, וויא קומט איהר אחער?
— איך בין אנטלאָפען פון דיא מענשענפרעסער. נעהמט מיך אויף, בען בראס! איך קען מיט זיי ניט בלייבען. דאס איז א באנדע מערדער און רויבער. ערשט היינט ביי נאכט האָבען זיי געטייטעט א מענשען.

בען בראס האט זעהר גוט געקענט דעם מאטראז ענגעלמאן. דאס איז געווען איינער פון דיא בעסטע און פיינסטע מענשען אויף דער „ראפינא“, ער איז געווען ניט אזוי שטארק, וויא בען בראס, און פלעגט זיך זעלטען אריינמישען אין דיא רעד, אין דיא געזענג און אין דיא טרינק געזעלשאפטען פון דיא איבעריגע מאטראזען. ער פלעגט זיך האלטען ווייט פון אלעמען, פלעגט טאהן זיין ארבייט פינקטליך און פלעגט זעלטען רעדען מיט וועמען. דיא איבעריגע מאטראזען פלעגען זיך דערווייטערן פון איהם.

בען בראס האט ערשט גאר ניט לאנג דערקענט, אז ענגעלמאן שטעהט פיעל העכער פון זיינע קאמעראדען. ער האט עטליכע מאל פראבירט זיך בעקענען מיט איהם און ווערן זיין פריינד. דאס איז אבער געווען ניט אזוי לייכט. ענגעלמאן פלעגט שטענדיג זיין טרויעריג און פערטראכט. ווער עס האט זיך גוט צוגעקוקט צו איהם, דער האט בעמערקט אין איהם א שטילען און טיעפען טרויער. דער מענשענקענער האט באלד דערקענט, אז ענגעלמאן האָט דורכגעלעבט א שרעקליכען שמערץ. עפעס האט זיך געטראפען אין זיין לעבען, וואס האט צוטרייסעלט און צו שאקעלט דעם גאנצען מענשען. עס האט מיט איהם עפעס פאסירט, וואס האט ארויפגעלעגט אויף איהם א בעזאנדערן שטעמפעל פון טרויער און פערצווייפלונג.

אין מענשליכען לעבען מאכען זיך טעג, שטונדען און זאגאר מינוטען, ווען דער מענש לעבט דורך א גאנצעס לעבען אין א טאג, אין א פאר שטונדען, אין א פאָר מינוטען. דער מענש בייט זיך איבער אין דיעזע קורצע צייט, ער ווערט גאר אנאנדערער,—א בעסערער אדער אן ערגערער? דאס איז אנאנדערע פראגע, ער ווערט אבער אנאנדער מענש.

מיר זיינען געווען זעהר צופריעדען, וואס ענגעלמאן איז אריבערגעקומען צו אונז. בען בראס האט געוואלט איהם עפעס פרעגען, אין דיעזע מינוט אבער האט עס ווידער א טראך געטאהן אין וואסער און אנאנדער מענש האט זיך געוויזען אויפ׳ן וואסער און איז צוגעקומען צו אונז. איידער מיר האבען צייט געהאט זיך אומצוקוקען, איז ער שוין געווען אויפ׳ן „אלבאטראס“.

מיט דיעזען נאסט זיינען מיר שוין ניט צופריעדען געווען. דאס איז געווען דער איטאליענער, וועלכער האט דערצעהלט דיא געשיכטע פון הענרי נארפארד און דעם פיראט דער „רויטער האי פיש“.

— רודערט אוועק פון זיי! האָט געשריען בען בראס ניט מיט זיין קול.

יי וועלען נאך אלע צוקומען צו אונז. מיר האבען קיין פּלאץ אויף אונזער קליינעם פּלאָס פאר זיי אלעמען.

בען בראָס, דער נעגער, ענגעלמאן און איך האבען ווידער אנגעהויבען צו רודערן מיט אונזערע לעצטע קרעפטע. מיר האבען מורא געהאט, זיי זאלען אלע נים אריבער קומען צו אונז. מיר האבען געררורערט, וויא וויים מיר האבען געקענט, עס וואלט אונז אבער וועניג געהאלפען. זיי וואלטען אונז געוויס אנגעיאגט, ווען עס זאל זיך נים געווען טרעפען א פאלל, וועלכער האט אלעמען דערשראקען, איבערראשט, ערשטוינט און פערשטיינערט.

— חאפט זיי! זיי האבען וואסער! האט געשריען דער פראנצויז לענרא.

— קאמעראדען! וואס אנטלויפט איהר איינציגווייס? מיר האבען אלע געליטען, און מיר דארפען אלע טיט אמאל עסען און טרינקען!

אלע מאטראָזען אויפ'ן גרויסען פלאָס האבען אנגעהויבען צו רודערן אום אונז צו דער גרייכען. לענרא איז געשטאנען ביים זעגעל און האט קאמאנדירט. פלוצלונג האט ער זיך אויסגעגליטשט און איז אריינגעפאלען צווישען צוויא ברעטער פונ'ם פלאָס. עס זיינען באלד צוגעלאפען צו איהם זיינע קאמעראדען און האבען געוואלט איהם ארויסשלעפען.

פלוצלונג האט לענרא ארויסגעלאזען א שרעקליכען, ווילדען, אונמענשליכען טאדעס געשריי:

— רעטעט מיך! איך בין פערלארען!

מען האט איהם אנגעחאפט ביי דיא הענד און מען האט איהם ארויסגעשלעפט — מען האט אבער ארויסגעשלעפט נור א האלבען קערפער. ביידע פיס זיינען געווען אפגעשניטען, וויא מיט א מעסער. א שטראם בלוט האט פערנאסען דיא ברעטער פונ'ם גרויסען פלאָס.

אלע האבען אוועקגעווארפען זייערע רודער און זיינען צונעלאפען צום אונגליקליכען פראנצויז. ער האט נאך געלעבט, ער האט אבער שוין קוים, קוים געקענט רעדען. פון פערבינדען זיינע וואונד'ען אדער טאהן עפעס פאר איהם האט קיין רעדע געקענט זיין. דיא אונגליקליכע מאטראָזען פון דער „ראפינא" האבען געהאט ביי זיך נור זייערע צוריסענע קליידער וועלכע זיינען אראפּגעהאנגען פּוּ פון זיי שטיקער ווייס. אויסער דעם האט מען איהם אויך שוין נים געקענט העלפען.

וואס איז אבער געשעהן מיט איהם? וויא אזוי איז ער עס פלוצלונג אראפּגעפאלען? ווער האט עס איהם אפּגעשניטען ביידע פיס?

איך האב שוין דערצעהלט, אז ענגעלמאן און דער איטאליענער זיינען צוגעשוואומען צו אונז אויף ברעטער. וואו האבען זיי גענומען דיעזע ברעטער?

קוים האט ענגעלמאן דערזעהן, אז אויף דעם אנדערן פלאָס געפינען זיך בען בראָס און איך, האט ער זיך באלד ענטשלאסען צו אנטלויפען צו אונז. ער איז געווען א פארטרעפליכער שווימער און וואלט געקענט צושווימען צו אונז זעהר

לייכט. ער האט אבער גוט געזעהן, אז ארום פלאָס שווימען ארום האי פיש. ווען ער וועט זיך אריינוואַרפען אין וואסער, וועט א האי פיש איהם צו ר'יסען. ער האט זיך דאהער ענטשלאָסען, ער זאל צו שווימען צו אונז אויף א ברעט.

ער האט שטילער הייט איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע דאס ברעט, אויף וועלכען ער איז געזעסען, איז געווען צוגעבונדען צום קלאָץ. שטילער־הייט האט ער ארויסגערוקט דיעזעס ברעט אין וואסער און האט זיך ארויפגעוואר־פען אויף איהר מיט זיין רודער אין דער האנד. דיא האי פיש האבען זיך פאר איהם דערשראָקען. זיי האבען ניט געוואוסט, וואס דאס איז און איידער זיי האָ־בען צייט געהאט אנצופאלען אויף איהם, איז ער שוין געווען אויפ'ן „אלבאטראָס".

דער איטאליענער האט גוט געזעהן, וואס ענגעלמאן טהוט. ער האט גע־זעהן, וויא ער צושניידעט דיא שטריק, מיט וועלכע זיין ברעט איז געווען צוגעבונ־דען צום פלאָס, ער האט אבער ניט פערשטאנען, צו וואס ער טהוט עס. ווען ער האט דערזעהן, אז ענגעלמאן איז עס געלונגען צו שווימען צו אונז, האט ער עס נאך געטאהן און עס איז איהם אויך געלונגען.

— פונ'ם גרויסען פלאָס האבען אלזא געפעהלט צוויא ברעטער. דער תּראנצויז לעגראַ איז געווען אזוי בייז און אזוי אויפגערעגט, אז ער האט עס ניט בעמערקט און האט ווייטער קאמאנדירט און געשריען צו זיינע קאמעראדען, אז זיי זאלען אונז נאכיאגען. ער האט צופעליגער ווייזע געוואלט צוגעהן צום זעגעל און איהם ברענגען אין ארדנונג. אין דיעזע מינוט האט ער זיך אויסגעגליטשט און איז אריינגעפאללען צווישען צוויא ברעטער. צום אונגליק איז ער אריינגעפאַ־לען לעבען א שרעקליכען האי פיש, וועלכער איז גראדע אין דיעזע מינוט געשוואו־מען אונטערן פלאָס. דער האי פיש האט איהם אפגעביסען ביידע פיס.

יעצט איז ער געליגען אויפ'ן פלאָס. דאס לעבען איז לאנגזאם פערשוואונ־דען מיט'ן בלוט, וועלכע האט געררונען פון איהם טייכען וויים. ער האט געלעבט נור נאך איינינע מינוט. ער האט נאך א פאר מאל אויסגעשטרעקט דיא הענד. דיא ליפען האבען זיך בעוועגט, ער האט עפּעס געזאגט, מען האט איהם אבער ניט פערשטאנען. באלד האבען דיא ליפען זיך געשלאסען און ער איז געבליעבען ליעגען טויט.

דיעזע שרעקליכע סצענע האט געמאכט אזא טיעפען איינדרוק אויף אלע־מען, אז אלע זיינען געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. קיינער האט ניט גע־קענט ריהרען מיט א האנד אדער מיט א פוס. קיינער האט ניט געוואגט ארויס־צורעדען א ווארט. זיי האבען פערגעסען אלעס אין דער וועלט, זאָגאר אונז מיט אונזער „אלבאטראָס".

זיי האבען יעצט געהאט גענוג וואס צו עסען, פאר זיי זיינען געליעגען צוויא טויטע קערפּער. דיא פיינד, וועלכע האבען ערשט מיט איניגע שטונדען צוריק געוואלט שטעכען איינער דעם אנדערן, זיינען יעצט ביידע געלעגען טויט. איי־נער איז געשטארבען פון א מערדערס האנד און דעם אנדערן האט א האי פיש געטייטעט

איז דאס געוועזן אצופאל, וואס דער האי פיש האט געטייטעט דעם מערדער לעגרא, אדער איז עס ווירקליך וואהר, אז יעדער מארד ווערט בעשטראפט? איז עס ווירקליך וואהר, אז מענשען בלוט פאדערט ראכע (נקמה)? ווער קען ענטפערן אויף דיעזע פראגען? ווער קען עס זאגען, אויב דער האי פיש האט געווארט אויף דעם פראנצויז אום זיך נוקם צו זיין פארן אירלענדער? עס איז אבער דאך געשעהן.

וויא ווילד און וויא גראב דיא מאטראזען פון דער ראפינא זיינען געוועזן, האבען זיי דאך געציטערט און געשוידערט, ווען זיי האבען דערזעהן דעם פערבלוטיגטען קערפער — פונ'ם אירלענדער אַ רורקע. זיי זיינען געוועזן פעסט איבערצייגט, אז לעגרא איז בעשטראפט געווארען פאר זיינע זינד. זיי האבען ניט געקענט קוקען גלייכגילטיג אויף זיין קערפער. ער האט זיי געעקעלט.

58טעם קאפיטעל.

דער שטורם.

מיר האבען געזעהן אלעס, וואס האט פאסירט אויף דעם "גרויסען פלאָס. מיר האבען געזעהן, וויא דיא אויסגעהונגערטע, אויסגעצעהרטע און אויסגעדארטע מאַטראָזען האבען אוועקגעווארפען זייערע רודערס און האבען זיך ארומגעשטעלט ארום דעם אונגליקליכען לעגרא.

— רודערט! האט קאמאנדירט בען בראס. יעצט איז געקומען דיא צייט צו אנטלויפען!

אזוי וויא מיר האבען יעצט געהאט נאך צווייא גוטע מאטראָזען אויף אונזער „אלבאטראָס", זיינען מיר געוועזן אים שטאנד צו רודערן שנעלער. קוים אבער האבען מיר זיך דערווייטערט אויף הונדערט שריט פונ'ם גרויסען פלאָס האבען מיר דערהערט געשרייען הינטער אונז.

— וואסער! גיט אונז וואסער! אנטלויפט ניט! רעטעט אונז אויך!

דיא מאטראזען פון דער „ראפינא" האבען זיך אויפגעחאפט פון זייער שרעק און שטוינען און האבען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט אונז נאכצויאָגען, לעגרא איז צוואר געוועזן א פארטרעפליכער מאטראז, עס האבען זיך אבער געפונען אויפ'ן פלאָס נאך אנדערע גוטע מאטראזען, וועלכע האבען זעהר גוט געקענט רעגיערען מיט אַ באָאט אדער מיט אַ פלאָס. זיי האבען נאך יעצט געהאט ביי זיך פופציג שטארקע הענד, וועלכע האבען געארבייט מיט דיא לעצטע קרעפטע אום צו שטילען זייער הונגער און זייער דורשט.

דיא יאגד האט זיך ווידער אנגעהויבען. מען האט ווידער אנגעהויבען אונז נאכצויאָגען און מיר האבען ווידער געארבייט אום צו אנטלויפען.

איך ווייס ניט, אויב עס וואלט אונז געלונגען צו אנטלויפען פון דיא ווילדע, נערייצטע מענשען, וועלכע האבען זיך איינגערעדט, אז מיר האבען גענומ

וואסער פאר זיי אלעמען, אין דיעזע צייט אבער האט זיך געוויעזען א נייער אָק־טער אויף דער שרעקליכער סצענע—דער שטורם.

איך האב שוין דערצעהלט, אז פארטאג האט זיך אויפגעהויבען א נעדריג־טער נעבעל. איך בין צום ערשטען מאל געפאהרען אויפ'ן וועלט מעער און האב ניט געוואוסט, וואס דיעזער נעבעל בעדייטעט. בען בראס האט צוואר יא גע־וואוסט, וואס אזא נעבעל מיינט, ער האט אבער קיין צייט געהאט צו רעדען מיט מיר דאריבער. קוים איז רעכט טאג געווארען, האבען מיר דערזעהן דעם גרויסען פלאַס און האבען ניט געהאט אין זינען צו רעדען פון וועטער.

מיר האבען דאהער ניט בעמערקט, אז פון וועסטען (מעריב זייט) האט זיך אויפגעהויבען פון מעער א קליין שטיקעלע וואלקען, גרויס וויא א טעללער. נור לילי האט עס בעמערקט און האט געזאגט צו מיר:

— זעה נור, בילי, דארט איז עפּעס א שווארצער פונקט אויפ'ן הימעל.

איך האב אקוק געטאהן און האב דערזעהן דעם שווארצען פונקט. מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז דארט פליעהט א פויגעל, א מעער אָדלער אדער א פרע־גאטען פויגעל.

— דאס איז א פויגעל, האב איך געענטפערט.

— ניין, בילי, דאס איז א וואלקען, האט דער נעגער בעמערקט.

מעהר האבען מיר קיין צייט ניט געהאט צו רעדען איבער דעם שווארצען פונקט ערגעץ ווייט אויפ'ן הימעל. מיר האבען געמוזט אנטלויפען. איך בין גע־ווען דער איינציגער אויף'ן „אלבאטראָס", וועלכער האט פון צייט צו צייט אקוק געטאהן אויפ'ן הימעל אום צו זעהן, וואס פון שווארצען פונקט איז געווארען. זייט איך בין אנטלאפען פון מיינע עלטערן, האב איך שוין דורכגעמאכט איינינע מאל א שטורם אויפ'ן מעער. דאס זיינען אבער געווען איינפאכע רעגענגיסע. דער הימעל האט זיך צו ביטלעכוויים בעדעקט מיט וואלקענס. עס האט אנגעהוי־בען צו דונערן און צו בליצען און עס האט געגאסען א שטארקער רעגען. דאס איז קיין שטורם.

עס זיינען דא איינינע סארטען שטורמס. עס מאכט זיך אמאל א געוועהנ־ליכער שטארקער ווינד מיט א רעגען. דאס איז א געוועהנליכער שטורם. צו מאל אבער הויבט זיך אויף א שרעקליכער ווינד, דאס מעער קאכט און זידעט, וויא אין א קעסעל. מען זעהט, וויא דיא טיעפסטע וואסערן פון אונטען קומען ארויף אויבען און דאס גאנצע מעער קעהרט זיך איבער. דאס איז א נ'א ו ר א־ג א ן. אזא שטורם איז זעהר געפעהרליך פאר דיא שיפען. מען מוז זיין א פער־היגער און טיכטיגער שיפסקאפּיטאן דורכצופיהרען א שיף אין אנ'אורגאַן. עס מאכט זיך אמאל, אז א שיפסקאפיטאן מוז שטעהן צוואנציג־דרייסיג שטונדען נאכאנאנד ביים רעדעל און רעגיערען דאס שיף

געפעהרליכער פון אנ'אורגאן איז א ציקלאָן. אנ'אורגאן פערנעהמט א גרויסע שטרעקע פון עטליכע הונדערט און זואר פון עטליכע טויזענד טייל. א

ציקלאָן פערנעהמט אבער א גאַנץ קליינע שטרעקע, א מאל נור א פּאר מייל, דערפאר איז ער אבער אזוי געפעהרליך. דיא גאנצע קראַפט פון׳ם ציקלאָן קומט זיך צונויף — קאנצענטרירט זיך — אין איין פּונקט. וועה איז דעם שיף, וועל־כעס פאלט אריין אין מיטעלפּונקט פון׳ם ציקלאָן! פאר איהר איז קיין רעטונג ניטא. דאס איינציגע מיטעל זיך צו רעטען פון איהם איז איהם אויס צו וויכען. דאס טוהט אויך דער קלוגער און פעהיגער שיפסקאפּיטאַן. ער וויכט אויס דעם ציקלאָן, וויא מען וויכט אויס א בייזען הונד. מען מוז אבער זיין געלערנט און פעהיג צו וויסען, וויא צו אנטלויפען פון א ציקלאָן.

געפעהרליכער פון אלע איז אבער דיא „וואסערהאָזע“. אויפ׳ן הימעל וויזט זיך א שווארצער וואלקען. ער לאזט זיך אראָפּ ניעדעריגער און ניעדעריגער, חייבט זיך אן צו דרעהן און שלעפּט ארויף צו זיך א שטיק וואסער פון׳ם מעער. ווען א שיף קומט אונטער דיא „וואסערהאזע“, הייבט עס אן צו דרעהן מיט איהר און צוברעכט זיא אויף שטיקלעך, אויף ברעקלעך. קיין גאנצעס ברעט, קיין גאנצער קלאָץ בלייבט ניט איבער פון דעם שטארקסטען שיף, וועלכעס פאלט אריין אין שרעקליכען ראָד פון דער „וואסערהאזע“.

דיא „וואסערהאזע“ איז נאך לייכטער אויסצומיידען, וויא דעם ציקלאָן, ווען דער שיפסקאפּיטאַן איז אנ׳אלטער, ערפאהרענער מענש, און דערקענט אן דיא וואלקענס, וואס פאר א סארט שטורם עס וועט אויסברעכען. ווזו מען זעהט אבער, אז עס איז אונמעגליך זיא אויסצומיידען, איז דא נאך א מיטעל זיך צו רעטען פון איהר. מען שיעסט אויס אויף איהר מיט א קאנאנע. ווען עס העלפט ניט דאס ערשטע מאל, שיעסט מען אויס א צווייטען מאל. דער קנאַק פון דער קאנאנע צושאקעלט אזוי דיא לופט, אז דיא „וואסערהאזע“ ווערט צוטריעבען.

איך האב געוואוסט דיעזע אלע זאכען, ווייל איך האב געלעזען פון זיי אין ביכער. איך בין אבער געוועזען צו יונג אום צו דערקענען אן דיא וואלקען, וואס פאר א שטורם עס וועט זיין. איך האב זאגאר ניט געוואוסט, וואס דער געדיכ־טער נעבעל בעדייטעט. איך האב בעטראכט דעם שווארצען פּונקט אויפ׳ן הי־מעל נור דערפאר, ווייל לילי האט עס מיר געוויעזען. לילי האט מיך דארויף אויפמעקזאם געמאכט.

איך האב בעמערקט, אז דיא זון שיינט היינט עפּעס ניט אזוי העל, וויא בעשטענדיג. מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז דער הימעל איז היינט ניט אזוי קלאר און ניט אזוי בלוי, וויא ביז אהער. פון צייט צו צייט האב איך אקוק גע־טאהן אין וואסער און האב דערזעהן, אז דיא פיש ווערען אונרוהיג. זיי שווימען ארום, לויפען און שפּרינגען פון איין ארט צום אנדערן, וויא דיא וואהנזיניגע. דיא האַי פיש זיינען אין גאנצען פערשוואונדען געווארען. נור דיא קליינערע פיש פלעגען זיך ווייזען אויף א מינוט, פלעגען אקוק טאהן אויף דאס ליכט און פלי־גען אנטלויפען.

ביז אהער איז דאס מעער נאך אלץ געוועזען רוהיג. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז מיר פאהרען ניט אין וואסער, זאנדערן אין געשמאלצענעם בליי. יעדעם מאל, ווען איך פלעג ארויסנעהמען דעם רודער פון וואסער, האב איך געזעהן, וויא עס פליהען פון איהם פונקען.

דער קליינער וואלקען איז געווארען אלע מאל גרעסער און גרעסער. אין דערמיט איז ער געווארען שווארץ וויא פעך; פון דיא זייטען האט ער געשיינט מיט א בעזאנדערעס העלעס ליכט, גלייך וויא ער וואלט געוועזען בעברעמט מיט געשמאלצענעם זילבער.

נעגען האלבען טאג האט דאס מעער אנגעהויבען צו ווערן אונרוהיג; דיא וואסערן האבען זיך אויפגעהויבען און האבען אנגעהויבען צו שווימען. עס איז נאך אלץ געוועזען שטיל. דער ווינד האט אין גאנצען אויפגעהערט און דאך האבען דיא וואסערן פון'ם מעער אנגעהויבען צו רוישען. איך בין נאך קיין מאל ניט געפאהרען אויפ'ן מעער אזוי נאהענט צום וואססער און איך האב קיין מאל ניט געהאט דיא געלעגענהייט צו בעטראכטען דאס מעער, איידער א שטורם ברעכט אויס.

בען בראס, ענגעלמאן, דער איטאליענער און דער נעגער האבען ביז אהער גערודערט שטילער הייט. קיינער פון זיי האט קיין ווארט גערעדט. ווען דאס מעער איז אבער געווארען אונרוהיג, האט בען בראס א קוק געטאהן אויפ'ן הימעל און האט א שאקעל געטאהן טרויעריג מיט'ן קאפ.

— אן אוראגאן, האט ער געזאגט, וויא צו זיך אליין, מיר וועלען באלד האבען אן אוראגאן.

— מיר מוזען זיך באווארענען, האט ענגעלמאן בעמערקט ערנסט.

איך האב א קוק געטאהן אויף זייערע געזיכטער. זיי זיינען געוועזען בלייך און ערנסט. איך האב פערשטאנען, אז מיר געפינען זיך אין א גרויס געפאהר. איך האב פערשטאנען פון ענגעלמאן'ס רעד, אז מיר מוזען עפּעס טאהן, אום זיך צו בעווארענען. וויא אזוי אבער קען מען זיך בעווארענען, מיט וואס קען מען זיך בעווארענען, האב איך ניט געוואוסט און האב קיינעם ניט געוואלט פרעגען.

בען בראס האט א קוק געטאהן אויפ'ן גרויסען פלאס. מיר זיינען געוועזען ווייט פון זיי ניט מעהר וויא איינעגע הונדערט שריט. מיר האבען געזעהן, אז זייא האבען אויך אויפגעהערט צו רודערן, און טהוען עפּעס. זייא האבען אויך בעמערקט דיא געפאהר און האבען זיך אומגעקוקט, אויב זייער פלאס וועט אויסהאלטען דעם שטורם. צווישען זייא זיינען געוועזען פיעלע מאטראזען, וועלכע האבען שוין גוט געקענט דיא צייכענס פון א שטורם.

דער הימעל איז געווארען דונקעלער און דונקעלער. דיא וואלקען האבען ענדליך אין גאנצען פערדעקט דיא זון. עס איז געווארען פינסטער און עס האט זיך אויפגעהויבען א ווינט.

— מען מוז זיך צובינדען צו דיא קלעצער פון אונזער „אלבאטראס", האט

בען בראס געזאגט טרויעריגע. ווער ווייס, וויא שטארק דער אוראגאן וועט זיין? ווער ווייס, אויב אונזער „אלבאטראס" וועט איהם אויסהאלטען.

זייט איך האב מיך בעקענט מיט בען בראס, האב איך איהם ניט געזעהן אזוי טרויעריג און אזוי פערצווייפעלט. ביז אהער האבען מיר געהאט צו קעמפפען געגען ווילדע טהירע און געגען מענשען, יעצט האבען מיר געגען זיך דיא ווילדע גערייצטע נאטור. זיא ווייס פון קיין שוינונג און פון קיין ערבארמען.

מיר האבען געהאט גענוג שטריק אויף אונזער „אלבאטראס". בען בראס האט מיך פעסט צוגעבונדען צו א קלאָץ. לילי האט ער צוגעבונדען צו אן'אנדער קלאָץ. זיך אליין האט ער צוגעבונדען צו א דרימען. דאן האט ער געצויגען א שטריק צווישען דיא דרייא קלעצער און האט זיי אלע דרייא בעפעסטיגט צוזאמען. איך האב ניט געוואוסט, צו וואס ער טוהט עס. ערשט שפּעטער האב איך מיך איבערציינגט, אז ער האט געטאהן אלעס, וויא ער האט געדארפט טאהן.

איך האב געזעהן, וויא דער נעגער, דער איטאליענער און ענגעלמאן האבען אויך גענומען שטריק און האבען אויך געקניפּט, איך האב אבער וועניג צייט געהאט אויף זיי צו קוקען. אויפ'ן גרויסען אטלאנטישען וועלט מעער האט זיך אנגעהויבען דער שטורם.

דער ווינד האט גערוישט, געפּייפט און געשטורמט, דאס מעער האט געקאכט און געזאטען. גאנצע בערג וואסער האבען זיך אריבערגעגאסען איבער אונזער שוואכען „אלבאטראָס". מינוטען לאנג זיינען מיר געוועזען אונטערן וואסער. דונער אויף דונער האָט געקנאקט, בליץ אויף בליץ האט געברענט, געצונדען און בעלייכטעט דעם הימעל, דאס וואסער און דעם אבגרונד. דאס מעער איז געשפּרונגען און האט זיך געריסען צום הימעל און דיא וואלקען האבען אויסגעגאסען מיט אמאל זייער גאנצעס רייכטהום אין מעער.

אונזער שוואכער „אלבאטראָס" האט געציטערט, געקרעכצעט און איז געפלויגען פון איין וועלכע (כוואליע) צו דער אנדערער, גלייך וויא זיי האבען זיך געשפּיעלט מיט איהם, וויא קינדער שפּיעלען זיך אין באלל.

ערשט יעצט האב איך פערשטאנען, אז ווען מיר זאלען ניט געוועזען זיין צוגעבונדען צו דיא קלעצער פון „אלבאטראָס", וואלטען מיר שוין לאנג געליגען אין מעער. איין מאל איז אנגעקומען א הויכע און שטארקע וועללע (כוואליע). א גאנצער הויכער בערג וואסער האט זיך ארויפגעווארפען אויף אונזער „אלבאטראָס" און האט אונז בוכשטעבליך בעגראבען אין א טיעפען אפּגרונד. מיר זיינען אלע געליגען אפּאָר מינוט אונטערן וואסער. ווען מיר זיינען ענדליך ווידער ארויפגעקומען, האט בען בראס געפרעגט:

— לעבסט דוא נאך, בילי? לעבסט דוא נאך, לילי?

— איך לעב נאך, האט לילי קוים, קוים ארויסגעשטאמעלט.

דיא פינסטערניס איז געווארען אזוי שטארק, אז עס איז שווער געוועזן צו זעהן איינער דעם אנדערן. דערצו האבען דיא וועללען (כוואליעס) אזוי געשפּריצט

און געוואָרפען אויף אונז שטיקער שוים, אז עס איז ניט געווען איין מעגליכקייט צו רעדען איינער צום אנדערן א לענגערע צייט. קוים האט איינער געעפענט דאס מויל, האט דאס בייזע מעער איהם פערשפריצט און פערגאסען

איך האב געוואָלט כאַפּען לילי'ס האנד, עס איז אבער אונמעגליך געווען. דאס אָרימע קינד האט זיך אנגעהאַפּט אן א פּאס, צו וועלכען זיא איז געווען צוגעבונדען און האט זיך געהאלטען פעסט. מיר האבען דורכגעלעבט א שרעקליכע שטונדע. איך זאג נור א שטונדע, ווייל דער אירא‍ַגאַן האט מעהר ניט געדויערט, וויא א שטונדע אדער אנדערהאלבען. אזוי האט זיך עס מיר אויסגעוויזען. גענוי קען איך עס ניט וויסען.

בען בראַס האט מיר שפּעטער געזאגט, אז ווען דער אוראַגאַן זאל געווען אנהאלטען נאך א שטונדע, וואלט אונזער „אַלבאַטראָס“ געווען צוריסען געוואָרען אויף שטיקער.

אין דיא הייסע געגענדען אבער קומט אן דער שטורם מיט אמאל און געהט באלד איבער. דער שרעקליכער אוראַגאַן איז באלד פאראיבער. דער ווינד האט אויפגעהערט, דער הימעל האט אנגעהויבען זיך אויסצולייטערן, דאס מעער אבער האט נאך אלץ ניט געוואלט זיך בערוהיגען. זיינע ווילדע וואסערן האבען נאך אלץ גערוישט, געקאכט און געזאטען, גלייך וויא זיי האבען געוואלט ערגעץ אנטלייפען, אויף וועמען אנפאלען, וועמען פערניכטען.

עס איז אבער געווארען ליכטיג און מיר האבען געזעהן, וואו מיר זיינען ערגעץ אין דער וועלט. אנזער „אַלבאַטראָס“ האט אויסגעהאלטען דעם שטורם. אין פילע ערטער אבער איז ער געווען צורוקט און צובראָכען. פיעלע שטריק האבען זיך צוריסען, איינינע ברעטער האבען זיך צורוקט אפאָר פעסער האבען זיך אפּגעבונדען און האבען זיך קוים געהאלטען.

בען בראַס און אונזערע געסט האבען געמוזט זיך נעמען צו דער ארבייט און אויסבעסערן דעם שאדען, וואס דער אוראַגאַן האט געמאכט. אזוי וויא מיר האבען היינט נאך ניט געגעסען און מיר זיינען אלע געווען שרעקליך הונגעריג. האבען מיר געמוזט ערשט עסען פריהער און דערנאך זיך נעמען צו דער ארבייט.

מיר האבען אקוק געטאהן אויף אונזער שפּייזע קאמער און האבען געפונען, אז דער אוראַגאַן האט צערשטערט און פערניכטעט א גרויסען טהייל פון אונזער פּראָוויאַנט. אין דער צייט, ווען דיא גרויסע וועללע האט אינז פערפלייצט, האט זיא אוועקגעשלעפּט פיעלע שטיקער געטריקענטע האַי פיש.

מיר האבען יעצט געהאט נאך צוויא מענשען מיט זיך און זעהר ווייניג פּראָוויאַנט, דערפאר האבען מיר יעצט געהאט מעהר וואסער. מיר האבען געהאט אויפ'ן „אַלבאַטראָס“ אפאר לעדיגע פעסער, וועלכע מיר האבען געוואלט אנגיסען מיט פיש טראָן. זיי זיינען יעצט געווען פול מיט וואסער פון'ם שטארקען רעגען.

מיר האבען צו ערשט געמוזט עסען. ענגעלמאן און דער איטאַליענער האַ־

בען פערשלונגען דיא געטריקענטע שטיקער האי פיש, וויא דיא הונגעריגע וועלף. מיר אלע זיינען אויך געווען שטארק הונגעריג און האבען געגעסען מיט'ן גרעסטען אפעטיט. נאכ'ן עסען זיינען מיר געווען אזוי מיעד, אז מיר האבען זיך ניט גע־קענט ריהרען.

דאס מעער האט אנגעהויבען זיך צו בערוהיגען. דער הימעל איז געווארען קלאר און בלוי, וויא פריהער. דיא זון האט ווידער געלייכטעט העל און ווארם, זיא איז אבער שוין געשטאנען גאנץ ניעדעריג אויפ'ן הימעל. זיא איז אונטער־געגאנגען. מיר זיינען אלע געווען אזוי נאס, אז מיר האבען געמוזט אויסטאהן אונזערע קליידער און זיי אויסדרעהען, זיי אויסקוועטשען.

מיר האבען געוואלט זיך נעהמען צו דער ארבייט, אויסבעסערן אונזער „אלבאטראס", מיר זיינען אבער געווען אזוי מיעד, אז מיר האבען זיך ניט גע־קענט ריהרען. מיר האבען געמוזט זיך לעגען שלאפען, זיך אפרוהען פון היינטי־גען שרעקליכען טאג.

בען בראס און ענגעלמאן האבען זיך אויפגעשטעלט און האבען בעטראכט דאס מעער פון אלע זייטען. זייערע אויגען האבען געזוכט דעם גרויסען פלאס. זיי האבען איהם אבער אין ערגעץ ניט געזעהן. דאס מעער איז געווען ריין און פריי. וואו איז אהינגעקומען דער גרויסער פלאס? וואס איז געווארען פון דיא מאט־ראזען פון דער „ראפינא"? ווער האט עס געקענט וויסען? דאס מעער גיט ניט ארויס זיינע געהיימניסע. דער ווינד רוישט דאמאלס, ווען מען דארף איהם ניט; דיא וועלען פונ'ם מעער קאכען, ווען מען פערלאנגט עס ניט און דיא פיש זיינען שטום און זאגען ניט אויס.

מיר האבען זיך בעראטהען איינינע מינוט און האבען בעשלאסען זיך צו לעגען שלאפען, זיך אויסצורוהען און צוזאמלען קרעפטע פיר דיא ארבייטען וועל־כע שטעהן אונז פאר' מארגען.

— מיר מוזען אויסשטעלען א וואך, האט בען בראס געזאגט. ערשטענס. ווייסען מיר יעצט גאר ניט, וואו מיר געפינען זיך. עס איז זעהר מעגליך, אז דער אוראגאן האט אונז פערווארפען אויף טויזענדער מייל. עס איז מעגליך, אז מיר געפינען זיך יעצט אין אן ארט, וואו עס קומען אפט שיפען. פיעלייכט וועלען מיר דערזעהן א שיף. צווייטענס, ווייסען מיר דאך ניט וואס עס איז געשעהן מיט'ן גרויסען פלאס. מיר האבען יעצט גענוג ווינד אום צו טרייבען אזא פלאס. פיעלייכט וועלען זיי אונז אניאגען. דריטענס, ווייסען מיר ניט, וואס פאר געפעהר־ליכע סארטען פישעס געפינען זיך אין דיעזער געגענד. מיר מוזען זיין פארזיכטיג.

אלע זיינען געווען איינפערשטאנען, אז מען מוז אויסשטעלען א וואך. אזוי וויא בען בראס האט ניט פיעל געטרויט דעם איטאליענער, האט ער ערקלערט, אז דיא ערשטע האלבע נאכט וועט ער וואכען, דיא אנדערע האלבע נאכט זאל ענגעלמאן שטעהן אויף דער וואך.

— איך בין אייער גאסט, האט ענגעלמאן געענטפערט, דיא גערעכטיגקייט

פארדערט, אז איהר זאלט זיך לעגען שלאפען און איך זאל שטעהן אויף דער וואך.

אזוי איז עס געבליעבען. מיר האבען זיך געלעגט שלאפען און ענגעלמאן איז געשטאנען אויף דער וואך.

59טעם קאפיטעל.

אַ וואַהנזיניגער אין דער מיט פונ'ם וועלט מעער.

מיר האבען זיך געלעגט שלאפען און זיינען באלד אנטשלאפען געווארען און איך קען אייך זאגען, אז אין מיין לעבען האב איך ניט געשלאפען אזוי זיס און אזוי געשמאַק, וויא דיעזע נאכט. דאס מעער האט זיך ענדליך אין גאנצען בע־רוהיגט. עס איז וויעדער געווארען גלאַט, וויא א שפיעגעל. דיא לופט איז וויע־דער געווארען ריין אוןווארם. אונזערע קליידער האבען זיך צו ביסלכוויים אויס־געטריקענט אויף אונזער קערפער און מיר האבען פערגעסען דיא ליידען און דעם שרעק פון נעכטיגען טאג.

ענגעלמאן איז געשטאנען דיא גאנצע צייט אויף דער וואך גאנץ עהרליך. ער האט אבער גאר ניט געזעהן און גאר ניט בעמערקט. געגען האלבע נאכט האט ער אויפגעוועקט בען בראס און אליין האט ער זיך געלעגט שלאפען.

דיא אנדערע האלבע נאכט איז בען בראס געשטאנען אויף דער וואך. ווען עס האט אנגעהויבען צו טאגען, האט ער אויפגעוועקט דעם נעגער סנאאי און האט איהם געשטעלט אויף דער וואך.

דיא נאכט איז פערשוואונדען, דער יונגער טאג איז אנגעקומען, דער הי־מעל איז געווארען רויט, אין אָסטען (מזרח זייט) האבען זיך געוויזען דיא ערשטע ראזא שטראהלען פון דער זון. מיר זיינען אלע געשלאפען, וויא דיא דערהרגעטע.

פלוצלונג האבען מיר דערהערט א שרעקליכען, ווילדען, אונמענשליכען, טרויעריג־וואהנזיניגען געשריי. — מיר האבען זיך אלע אויפגעהאפט מיט שרעק און שטוינען.

— וואס איז דאס? ווער האט עס געשריען? האבען מיר געפרעגט אלע מיט אמאל.

— איך וויים ניט, האט דער נעגער געענטפערט, עס איז דיא שטימע פון א מענשען, וועלכער טרענקט זיך.

— ניין, עס איז געווען עהנליך צו דער שטימע פונ'ם פראנצויז, ווען דער האי פיש האט איהם צוביסען אויף צווייען, האט דער איטאליענער בעמערקט.

— עס איז ניט געווען קיין מענשען שטימע, האט בען בראס געזאגט צו זיך אליין, דאס איז געווען א זאנדערבארע שרעקליכע, איבערמענשליכע שטימע. ווער זאל עס זיין? זיינען עס דיא מאטראָזען פון דער „ראפינא"?

— דאס איז אונמעגליך! האט ענגעלמאן ערקלערט. דער גרויסער פלאס

האט געוויס ניט אויסגעהאלטען דעם אָרגאַן. ער איז געוויס צו שלאָגען געוואָרען און צוריסען געוואָרען אויף שטיקלעך.

— זעהט נור, עפּעס אַ פיש! האט לילי אויסגערופען און האָט געוויזען אין אַ גאַנץ אַנדערע זייט.

אַלע האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן עפּעס אַ שוואַרצע מאַסע ניט ווייט פון אונזער „אַלבאַטראָס“.

— דאָס איז אַ באָאָט! האט אויסגערופען דער נעגער, איך שווער ביי דשינגאַ וואודו, אַז דאס איז אַ באָאָט!

— ריכטיג דאס איז אַ באָאָט, האט געזאגט בען בראס וויא צו זיך אַליין, עס געפינט זיך אין איהם אַ מענש, — וויא קומט איין מענש אַליין אין דער מיט פונ׳ם אַטלאַנטישען וועלט מעער? ווער איז ער?

— פיליייכט אַזאַ אונגליקליכער, וויא מיר? האט ענגעלמאַן בעמערקט— לאָמיר צופאָהרען צו איהם! לאָמיר זעהן, ווער עס איז. פיעלייכט קענען מיר איהם העלפען

דער מאַן, ריכטיגער געזאגט, דיא מענשליכע געשטאַלט איז געזעסען אין באָאָט. מען האט ארויסגעזעהן נור דעם אייבערשטען טהייל פון זיין קערפּער. עס איז שווער געוועזען צו זאגען, אויב עס איז אַ מאַן אָדער אַ פרויא, אַ געזונדער אָדער אַ קראַנקער, אַ לעבעדיגער אָדער אַ טויטער.

מיר האבען באַלד אויסגעדרעהט אונזער „אַלבאַטראָס“ אין דער זייט, וואו דאס באָאָט איז געשטאַנען און בען בראַס, ענגעלמאַן און דער איטאַליענער האָבען אַנגעהויבען צו רודערן צום באָאָט.

אין אַ פיערטעל שטונדע זיינען מיר צוגעקומען אַזוי נאָהענט צום באָאָט אַז מיר האבען שוין דייטליך געקענט זעהן, אַז אין איהם זיצט אַ מאַן מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער, פערווילדעטער, פערוואַקסענער באָרד.

— ווער זייט איהר? האט בען בראַס אויסגערופען, וויא קומט איהר אַהער?

קיים האט ער אויסגערעדט דיעזע ווערטער, איז דער מאַן אין באָאָט אויפגעשפּרונגען, גלייך וויא ער וואָלט געזעסען אויף אַ שפּרינג פעדער (אַ שפּראָנזינע) האט אַנגעהויבען צו מאַכען מיט דיא הענד, צו שרייען און צו לאַכען.

— ער איז וואַהנזיניג! האָט אויסגערופען בען בראַס, דער אונגליקליכער האָט אַזוי פיעל געליטען, אַז ער איז וואַהנזיניג געוואָרען.

— אַוועק פון מיר! מערדער! רויבער! איהר האט אונטערגעצונדען מיין שיף! מיין „ראַפינאַ“!

— דער שיפסקאַפּיטאַן! האט אויסגערופען דער נעגער און האט אַ ציטער געטאָהן.

— דער „גיג“! דאס קליינע באָאָט! האב איך אויסגערופען.

ערשט יעצט האב איך דערקענט דעם „גיג“, און וועלכע דער שיפסקאַפּי-

מאן פון דער „ראפינא“, דער ערשטער אפיציער, דער צימערמאן און נאך דרייא מאטראזען זיינען אנטלאָפען, ווען זיי האבען זיך איבערצייגט, אז מען קען שוין נים לעשען דיא „ראפינא“.

אלזא, דאס איז געווען דער „גיג“! אנטלאָפען אויף איהם זיינען זעקס מענשען מיט פראוויאנט, מיט וואסער, מיט א קאָמפּאס און מיט מעער קארטען. וואו זיינען דיא איבעריגע פינף? פאר וואס איז דער שיפסקאפיטאן וואהנזיניג געווארען? קיינער האט אונז נים געקענט ענטפערן אויף דיעזע פראגען. דער שיפסקאפיטאן פון דער „ראפינא“ איז געווען וואהנזיניג. ער האָט גערעדט, גע־שריען, געלאכט, זיך געביייזערט און זיך געווארפען, וויא א וואהנזיניגער.

וואס פאר א שרעקליכע דראמא האָט זיך אפגעשפּיעלט אין דיעזעם קליינע באָאָט? וויא פיעל ליידען און שמערצען האט דיעזער שטארקער, אייזערנער מאן איבערגעטראגען, אז ער איז געווארען וואהנזיניג? ווערט ווירקליך יעדע שלעכטע טהאט, יעדעס פערברעכען אזוי שנעל בעשטראָפט?

וויא א בליץ, זיינען דיעזע געדאנקען דורכגעלאפען דורך מיין יונגען קינדי־שען קאָפּ. איך האָב געציטערט, וויא אין א פיעבער. איך האב נאך מורא גע־האט פארן שיפסקאָפּיטאן. איך האב מיך יעצט דערמאנט, אז ער איז דיא אור־זאכע פון אלע מיינע ליידען, אז דורך איהם האב איך פערלאזען מיינע גוטע ליע־בע עלטערן; דורך איהם בין איך אנטלאפען פון דער היים, דורך איהם ליידען יעצט מיינע עלטערן און בעווייגען און בעטרויערן מיך. זיי האלטען מיך געוויס פאר טויט ווער איז שולדיג דאראן? פאר וואס האבען אנדערע, עהרליכע שיפס־קאפּיטאנע נים געוואלט מיך אויפנעהמען אלס מאטראָז? ווארום האט ער איי־נער מיך אויפגענומען?

איך בין געווען בייז אויף איהם, אז איך וואלט איהם צוריסען אויף שטיק־לעך, אין דער זעלבער צייט אבער האב איך איהם בעדויערט. עס האט מיר פער־קלעמט ביים הערצען, ווען איך האב דערזעהן, וויא אונגליקליך ער איז, וויא ער ליידעט.

— אה! א שיף! האט אונטערדעסען געשריען דער וואהנזיניגער. ווער זייט איהר? איהר ווילט מיך אויפעסען? — איך בין אייער שיפסקאפּיטאן! — אוועק פון מיר!

— קאפיטאן! מיר זיינען עס! איך בין עס, בען בראס!

— דוא ביזט עס? — געה צום טייפעל! האט דער וואהנזיניגער געענט־פערט, — איך קען דיך! איהר זייט אלע רויבער און מערדער! איך קען אייך אלע!

מיט דיעזע ווערטער האט ער געהאפּט א לאנגען רודער (וויאָסלא) און האט אנגעהויבען צו פאכען און צו דרעהן ארום זיך, גלייך וויא ער האט געוואלט זיך יעהרן נעגען אונז, גלייך וויא ער האט געוואלט אונז אוועקטרייבען פון זיך.

— דערקענט איהר מיך נים? איך בין סנאאי, דער קאָך פון דער „ראַ

פינא"! האט דער נענער אויסגערופען. קומט צו אונז! מיר האבען וואסער און געטריקענטע פיש. מיר וועלען אייך געבען עסען.

— עסען? וואסער? האט דער וואהנזיניגער געשריען, איך קען אייך! איהר ווילט מיך אויפעסען! איך וועל מיך אבער ניט לאזען! איך וועל אייך אלעמען טייטען. — איך בין אייער שיפסקאפיטאן! — דוא! דוא האסט אונטערגע-צונדען מיין שיף, מיין „ראפינא"! איך דערקען דיך, דוא פערפלוכטער נענער!

מיר זיינען געשטאנען, וויא פערשטיינערט און האבען ניט געוואוסט, וואס צו טאהן. מיר האבען זעהר גוט נעקענט דעם שיפסקאפיטאן פון דער „ראפינא". מיר האבען געוואוסט, וואס פאר א סארט מענש דאס איז. ער איז אבער דאך א מענש, ער איז דאך ערשט ניט לאנג געווען אונזער שיפסקאפיטאן, אונזער אנפיהרער, אונזער געוועזענער קאמעראד. מיר האבען דאך געוואלט איהם העל-פען, איהם רעטען.

ענדליך האט בען בראס זיך געווענדעט צו ענגעלמאן און האט איהם גע-פרעגט שטילערהייט:

— וואס טהוט מען? — מיר קענען ניט לאזען איהם אליין אין מיטען מעער. וויא קומט מען צו צו איהם?

— מיר וועלען מוזען פערווארפען אויף איהם א שטריק און איהם חאפען, וויא מען חאפט ווילדע אָקסען אין אמעריקא. אזא שטריק הייסט לאססאָ. איך איך קען ארומגעהן מיט א לאססאָ. איך וועל איהם פאנגען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען צום זעגעל בוים, וואו מיר הא-בען געהאלטען אונזערע שטריק. מיר זיינען געשטאנען ניט וויט פון'ם גיג, מיר האבען אבער מורא געהאט צו צוקומען צו איהם נעהנטער. דער וואהנזיניגער האט געהאלטען זיין רודער אין דערהויך און האט זיך געוועהרט מיט איהם. ענ-געלמאן האט ענדליך אויסגעקליעבען א שטריק, האט געמאכט אין איהם א שלייף און איז צוגעגאנגען צום ענדע פון אונזער „אלבאטראָס".

— שנעעמאן! סנאָי! האט געשריען דער וואהנזיניגער שיפסקאפיטאן. דוא ווילסט ווידער אונטערצינדען מיין שיף! ווארט! איך וועל עס ניט דער-לאזען! איך וועל דיך טויטען! איך וועל דיך פערניכטען!

פלוצלונג האט ער אוועקגעווארפען דעם רודער און האט זיך אריינגעוואר-פען אין וואסער. ער האט אנגעהויבען צו שווימען. עס איז געווען דייטליך, אז ער האט געוואלט צושווימען צום „אלבאטראָס" און זיך ארויפווארפען אויפ'ן נע-נער. ער וואלט געקענט צוקומען צו אונז אין אפּאר מינוט. פלוצלונג אבער האט ער ארויסגעלאזען א שרעקליכען, ווילדען, אונמענשליכען געשריי, האט אויפ-געהויבען דיא הענד אין דערהויך און איז אראפּגעפאלען, וויא א שטיק בליי, צום גרונד פון'ם מעער. עס האט זיך נור געוויעזען א ביסעל שוים, דאס וואסער האט זיך געקרייזעלט אייניגע סעקונדען, דאן איז ווידער אלעס געווארען רוהיג. האט איהם א האי פיש איינגעשלונגען, אדער איז ער שוין געווען אזוי

שוואך, אז ער האט מעהר ניט געקענט שווימען? דאס איז שווער צו זאגען. ער ער איז פערשוואונדען געווארען. דאס מעער האט פערשלונגען זיין אפפער און האט איהם בעדעקט מיט זיינע שווארצע וואסערן.

60טעס קאפיטעל.

מיר בעקומען א נייע קווארטיר.

דיעזע סצענע האט געמאכט אויף אונז א שרעקליכען איינדרוק. מיר האבען צוואר אלע פיינד געהאט דעם שיפסקאפיטאן פון דער „ראפינא"; מיר זיינען אלע געוועזן בייז אויף איהם, פאר וואס ער איז אליין אנטלאפען און האט אונז איבערגעלאזט אויפ'ן ברענענדען שיף, דענאך האט עס אונז פערקלעמט ביים הארצען, ווען מיר האבען געזעהן זיין שרעקליכעס ענדע. מיר האבען זעהר גוט געוואוסט, אז ער איז געוועזן א פעהיגער מאטראז. ווען ער איז אנטלאפען געווארען פון דער „ראפינא" האט ער מיטגענומען דעם קאמפאס און דיא מעער קארטען פון דער „ראפינא", אלזא האט ער דאך געוואוסט, וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט און וואוהין צו רודערן. וויא קומט עס, וואס ער האט זיך יעצט געפונען לעבען אונז? האט אונז דער אוראגאן צונויפגעבראכט? וואו זיינען דיא איבעריגע? וואו איז דער ערשטער אפיציער? דער צימערמאן? ווען דער שיפסקאפיטאן מיט דיא בעסטע מאטראזען האבען געהאט אזא טרויעריגעס ענדע, וואס וועט ווערן פון אונז?

דיעזע טרויעריגע געדאנקען זיינען אונז געקומען אין קאפ. מיר האבען זיי ניט ארויסגעזאגט, — מיר האבען זיי געפיהלט. יעדער פון אונז האט געטראכט פון זיך אליין. וואס וועט ווערען פון אונז? וועלען מיר נאך קומען צווישען מענשען? וועלען מיר נאך אמאל זעהן פאר אונז לאנד? זאלען מיר נאך ראנגלען זיך און קעמפפען פאר אונזער לעבען?

בען בראס איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך און האט געזאגט:

— וואס האבען מיר צו דענקען פון דיא טויטע? מיר לעבען און זא לאנג דער מענש לעבט, דארף ער האפען, שטרעבען, וואגען, זיך ראנגלען און קעמפפען פאר זיין לעבען. און'אלטעס לאטיינעט שפריכווארט זאגט:

Spiro, spero, זא לאנג איך אטהעם, דארף איך האפען. קומט, קאמעראדען! לאמיר זעהן, וואס עס טהוט זיך אין באָאט.

מיר האבען צוגערודערט צום באָאט, האבען פערוואָרפען אויף איהם א שטריק און האבען איהם צוגעשלעפט צו אונזער „אלבאטראס". בען בראס, ענגעלמאן און דער נעגער סנאאי זיינען צו ערשט אריינגעגאנגען אין איהם, איך בין נאכגעגאנגען. פאר אונזערע אויגען האט זיך פארגעשטעלט א שרעקליכעס, הערצרייסענדעס בילד. — אויפ'ן באדען פון'ם באאט אונטער דער באנק איז

געליגנען א געשטאלט פון א מענשען, ער איז געווען נאקעט, נור אויף דיא הענד און אויף דיא פיס זיינען נאך געהאנגען שטיקער פון זיינע קליידער. עס איז געווען דייטליך, אז מען האט פון איהם אראפגעריסען דיא קליידער מיט געוואלד. פון'ם רוקען און פון דיא זייטען זיינען געווען אויסגעשניטען שטיקער פלייש. אין פיעלע ערטער פון זיין קערפער זיינען געווען וואונדען, געמאכט מיט א האק אדער א מעסער.

מיר זיינען געבליעבען שטיין, וויא פערשטיינערט און האבען בעטראכט דיזען טויטען. אזוי וויא ער איז געליגען מיט'ן געזיכט אראפּ, האבען מיר ניט געקענט וויסען, ווער ער איז. דער נעגער האט איהם איבערגעקערט מיט'ן געזיכט ארויף און האט א געשריי געטאהן:

— דער ערשטער אפיציער!

ער האט אויך רעכט געהאט, דאס איז ווירקליך געווען דער ערשטער אפיציער פון דער „ראפּינא“.

— ווער האט איהם געטויטעט? האט דער נעגער וויעדער געפרעגט, דאס האט געוויס געטאהן דער שיפסקאפּיטאן! ער האט איהם געטויטעט און האט גענעסען פון איהם שטיקער.

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. מיר האבען אלע זעהר גוט געוואוסט, אז דער ערשטער אפיציער פון דער „ראפּינא“ איז געווען א שטארקער מענש, ער וואלט זיך ניט געלאזען אזוי לייכט טויטען. פיעלייכט אבער האט איהם דער שיפסקאפּיטאן דערשטאכען, ווען ער איז געשלאפען? — ווער האט עס געקענט וויסען? ווער האט עס געקענט זאגען? — מיר האבען געזעהן, אז אויפ'ן „גיג“ האט זיך אפּגעשפּיעלט א שרעקליכעס דראמא, מיר האבען אבער ניט געקענט וויסען, וויא אזוי זיא האט זיך אפּגעשפּיעלט און וואס עס איז געשעהן.

— מען מוז איהם אריינוואַרפען אין וואסער, האט ענדליך בען בראס געזאגט. ער וועט אונז געוויס ניט דערצעהלען, וואס עס האט פּאסירט אויפ'ן באָאָט.

סנאָאי דער נעגער און ענגעלמאן האבען איהם אנגענומען ביי דיא הענד און דיא פיס און האבען איהם אריינגעוואָרפען אין מעער.

ערשט יעצט האבען מיר געקענט זיך אומקוקען און נאכזעהן, וואס עס געפינט זיך אין באָאָט. דער פּראָוויאַנט, וואס זייא האבען מיטגענומען, ווען זייא זיינען אנטלאָפען, איז פערשוואונדען, זאגאר דיא פעסלעך זיינען פערשוואונדען. פון דעם גאנצען פּראָוויאַנט איז געבליעבען נור אביסעל ראַם אין א בלעכענער פלאַש. קיין שטיקעל צוויבאק, קיין ביסעל וואסער! אין א ווינקעלע זיינען געליגען אפּאַר וואלענע דעקען (קאלדרעס) און אייניגע צוריסענע מאטראַזען קליידער. דער קאָמפּאַס איז געשטאַנען אין אנ'אנדער ווינקעלע, דיא מעערקארטען אבער זיינען פערשוואונדען.

מיר האבען אנגעהויבען צו בעטראכטען דאַס באָאָט. עס איז נאך געווען גאנץ גוט. דאָס איז דאך געווען דאס איינציגע שטארקע באָאָט אויף דער „רא־

פינא". בען בראס און ענגעלמאן האבען עס בעטראכט פון אלע זייטען און האָ־בען געפונען, אז עס איז נאך גענוג שטארק אום אויסצוהאלטען א לאנגע רייזע.

— קאמעראַדען! האט בען בראס אויסגערופען, אונזער „אלבאטראָס" איז צוואר א גאנץ גוטער פלאס מיר האָבען דאך געזעהן, אז ער האט אויסגע־האלטען אן אוראגאן, איך דענק אבער, אז דאס באאט איז דאך פיעל בעסער פון איהם. א באָאט איז פיעל לייכטער צו רעגיערן און צו קירעווען, וואוהין מען וויל. עס איז פיעל העבער פונ'ס וואסער, וויא אונזער אלבאטראס און עס האט בענק; מיר וועלען האבען וואו זיך צו זעצען. — איך דענק אלזא, אז מיר זאלען זיך א־בערציעהען אין א נייע קווארטיר. מיר זאלען אריבערטראגנען אלע אונזערע זאכען אויפ'ן באָאט און אזוי וויא מיר האבען יעצט א קאמפאס און מיר קענען געפינען אונזער וועג, זאלען מיר רודערן ערגעץ צו א לאנד.

— און וואס וועלען מיר טאהן מיט אונזער „אלבאטראס" ? האָב איך גע־פרעגט.

— מיר וועלען אראפנעהמען פון איהם אלעס, וואס מיר דארפען, און וועלען איהם לאזען שווימען אויפ'ן וועלט מעער, האט בען בראס געענטפערט.

— איך דענק, אז אין „אלבאטראָס" האבען מיר מעהר פלאץ, האט דער נעגער בעמערקט.

— דאס באָאט איז גענוג גרויס, האָט בען בראס געענטפערט, עס קענען אין איהם געפינען פלאץ צוועלף מענשען און זיצען גאנץ בעקוועם. דאס באאט איז געבויט געווארען פון א מייסטער. עס איז שטארק גענוג אום אויסצוהאלטען א שטורם און אין פאל, ווען מען דארף אנטלויפען, איז פיעל לייכטער צו אנטלוי־פען מיט'ן באָאט אלס מיט'ן „אלבאטראס".

מיר האָבען זיך בעראטהען נאך עטליכע מינוט און האבען בעשלאסען זיך באלד איבערצוציעהען אין דיא נייע קווארטיר.

מיר זיינען צוריקגעגאנגען אויפ'ן „אלבאטראס", האבען גענעסען פריהשטיק און באלד נאכ'ן עסען האבען מיר זיך גענומען צו דער ארבייט. וויא קליין אונ־זער פערמעגען איז געווען, וויא ווענינ זאכען מיר האבען געהאט, האט אונזער איבערציעהען זיך דאך געדויערט א גאנצען טאג. דיא שווערסטע ארבייט איז גע־ווען אויפצושטעלען דעם זעגעלבוים פונ'ם „אלבאטראס" אויפ'ן באָאט. מיר האָ־בען אויך קיין פאלל נים געקענט פערשטעהן, פאר וואס דער שיפסקאפיטאן מיט זיינע קאמעראדען זיינען ארומגעפאהרען אזא לאנגע צייט אויפ'ן באָאט און האָ־בען נים געמאכט קיין זעגעלבוים. זיי האבען דאך געהאט מיט זיך דעם ציטער מאן, וועלכער וואלט עס געקענט טאהן זעהר לייכט.

ערשט פאר נאכט זיינען מיר פערטיג געווארען מיט דער ארבייט. אלעס, וואס האט אונז נור געקענט נוטצען, האבען מיר איבערגעטראגנען אויפ'ן באָאט. מיר האבען געהאט א גאנץ פעסעל מיט פיש טראן, וועלכעס מיר האבען אנגע־גאסען פונ'ם וואלל פיש. דיעזעס פעסעל האבען מיר צוגעבונדען צום באָאט פון הינטען.

ווען אלעס איז געווען פערטיג, האבען מיר עפּעס געגעסען און האבען אנ־געהויבען צו רודערן מיט פרישע קרעפטע און פרישע האפנונגען.

קוים האבען מיר אוועקגערודערט עטליבע הונדערט שריט פון דיעזען שרעק־ליכען ארט, זיינען מיר אלע פרעהליכער געווארען. מיר האבען אנגעהויבען צו טראכטען און צו האפען, אז מיט אזא גוטעס באאט וועלען מיר געוויס צוקומען ערגעץ צו א לאנד.

ליידער, זיינען אונזערע האפנונגען ניט אזוי גיך ערפילט געווארען! מיר הא־בען זיך נאך ארומגעוואלגערט אויפ'ן מעער פיעלע, פיעלע וואכען! אבער לאמיך ניט האפען פאראויס.

מיר האבען אוועקגערודערט אייניגע שטונדען. וואוהין זיינען מיר אייגענט־ליך געפאהרען? דאס האבען מיר נאך אליין ניט געוואוסט. דער קאמפּאס וויזט נור דיא פיער זייטען פון דער וועלט, פון איהם קען מען וויסען, וואו עס איז אסט, וואו עס איז וועסט, וואו עס איז נארד און וואו עס איז זיד. מיר האבען דאך אבער געוואלט וויסען, וואו מיר געפינען זיך אייגענטליך און וואוהין מיר דארפען פאהרען אום צו קומען צו א לאנד. דאס איז געווען דיא הויפט פראגע. אום דאס צו וויסען האבען קלוגע מענשען אויסגעפונען א מאשין, ריכטיגער גע־זאגט, אן אינסטרומענט, וועלכער הייסט סעקסטאן. דיעזעס אינסטרומענט קען מען געברויכען נור, ווען דיא זון שיינט און פונקט אום מיטאג, פונקט 12 אוהר. וער עס וויים וויא צו בענוצען דעם סעקסטאן, דער קען צו יעדער צייט אויס־רעכענען, וויא וויים ער געפינט זיך פון א לאנד אדער פון א פארט שטאדט, וויא לאנדאן, ניו יארק, מארסעל און דער גלייכען.

מיר האבען אבער ניט געהאט קיין סעקסטאן מיט זיך און מיר זיינען גע־פאהרען אהן א וועג און אהן א שטעג. עס איז וואהר, אז אויפ'ן באאט איז גע־ווען פיעל בעסער צו פאהרען, וויא אויפ'ן „אלבאטראס". וואס האבען מיר אבער געהאט פון דיעזע בעקוועמליכקייט?

61טעס קאפּיטעל.

דער גאלף סטרים.

עס זיינען אזוי פערגאנגען עטליבע טעג. דיא ערשטע פּאר טעג האבען מיר נאך געררודערט, פלייסיג און לוסטיג, מיר האבען נאך געלעבט מיט דער האפ־נונג, אז מיר וועלען זיך דאך צו שלאגען ערגעץ צו א לאנד. ווען עס זיינען אבער פערגאנגען דרייא—פיער טעג און מיר האבען געזעהן, אז מיר געפינען זיך נאך אלץ צווישען הימעל און וואסער, האבען מיר ווידער אנגעהויבען צו פערליערן דעם מוטה.

אונזער פראוויאנט האט אנגעהויבען צו ווערן וועניגער. מיר זיינען יעצט געווען זעקס מענשען און יעדער פון אונז האט געהאט א פארטרעפליכען אפּעטיט. „יא געטריקענטע שטיקער פיש זיינען פערשוואונדען געווארען צו ביסלעכווייס

אונזער פּאַרראַטה (זאַפּאַס) פון וואַסער איז געוואָרען מיט יעדען טאָג ווענינער. מען האט געמוזט אויסטהיילען דאס וואַסער אין קליינע פּאָרציאָנען, יעדער איז געוואָרען ערנסט, יעדער האט זיך פערטראַכט, יעדער האט געזעהן פאר זיך דעם שרעקליכען טויט פון דורשט.

מיר האָבען ווידער אנגעהויבען צו טראכטען פון חאַפּען פיש, ליידער האָבען מיר אין דיעזער געגענד געזעהן זעהר ווענינ גרויסע פיש. מיר האָבען זיך אנפאַנגס ניט געקענט ערקלערען דיעזעס וואונדער. וויא קומט עס, וואס דיא פיש זיינען גאַנץ פּלוצלונג פערשוואונדען? באלד האָבען מיר דערראַטהען דיעזעס רעטעניש.

אויפ'ן צעהנטען אדער עלפטען טאָג זייט מיר זיינען געפאהרען אין באָאָט, האָבען מיר בעמערקט, אז אונזער באָאָט לויפט עפּעס זעהר שנעל. מיר האבען אויפגעהערט צו רודערן און דאס באָאָט איז דאָך געגאַנגען זיין וועג אויף א גלייכע ליניע. דאָס מעער ארום איז געוועזען גלאַט, וויא א שפּיעגעל. קיין ווינטעלע, קיין לופטעלע האָט ניט געוועהט און ניט אויפגעריהרט דאס וואַסער און דאָך איז אונזער באאט געשוואומען, זאגאר געלאָפען שנעל.

— וואס זאָל דאס בעדייטען? האב איך ענדליך געפרעגט.

— דער גאָלף סטרים, האט ענגעלמאַן געענטפערט רוהיג.

וואס איז אזעלכעס דער גאָלף סטרים? איך האב צוואר געלערנט אין דער שולע וועגען גאָלף סטרים, איך האב עס אבער פערגעסען. איך האב יעצט געמוזט פרעגען, וואס דער גאלף סטרים איז און וואס דער גאלף סטרים געהער זיך אן מיט אונזער באָאָט. בען בראס חאט עס מיר ערקלערט.

אין מעער געפינען זיך טייכען, וויא אויפ'ן לאנד. און ערטער איז דאס גאַנצע מעער גאַנץ רוהיג, נור אין איין ארט ציעהט זיך א ברייטער פּאַס וואַסער, ויעלכער רינט, סטרעמט און פליעסט, וויא א טייך אויף דער טריקעניש. אזעלכע טייכען זיינען דא זעהר פּיעל אין וועלט מעער. אייניגע טייכען זיינ ן גאַנץ קליין און שמאל, אנדערע אבער זיינען גרויס און פערנעהמען עטליכע מייל אין דער ברייט. און אייניגע טייכען איז דאס וואַסער גאַנץ ווארם, און אנדערע איז עס שטאַרק קאַלט.

דיא טייכען אין מעער זיינען דאס גרעסטע וואונדער פונ'ם וועלט מעער. מיר זעהן, וויא וואַסער בילדעט א וואַנט פאר וואַסער. דאס וואַסער אין מעער שטעהט שטיל און דאס וואַסער אין טייך פליעסט דאך און לויפט זעהר שנעל.

דער גרעסטער און וויכטיגסטער פון אלע טייכען אין וועלט מעער איז דער גאלף סטרים. ער איז אין ערטער פיערציג—פופציג און זאגאר הונדערט מייל דיא ברייט. זיין וואַסער איז ווארם. ער איז דער דאמפּפעהייצער (דער סטימער) פון פיעלע לענדער. ענגלאנד וואלט געדאַרפט זיין אזוי קאַלט, וויא סיביר, דער גאלף סטרים אבער פליעסט ארום ענגלאנד און ווארמט עס אוים. אויסער אין דיא בערג איז אין ענגלאנד דער ווינטער זעהר ווילד און זעהר שוואך, ווייל דער

גאלף סטרים בעזארגט דיא הייצונג: ער בעהייצט ענגלאנד מיט זיינע ווארעמע וואסערן. דאס זעלבע געשעהט מיט שוועדען און מיט אייניגע אנדערע לענדער, וואו עס וואלט געדארפט זיין אזוי קאלט, אז מענשען וואלטען דארט ניט גע־קענט וואינען, ווען ניט דער גאלף סטרים.

ארום סיביר און ארום אייניגע גאנץ קאלטע לענדער פליעסען אנדערע קאל־טע טייכען, דערפאר זיינען דיעזע לענדער אזוי קאלט. דיא קאלטע טייכען אין וועלט מעער קיהלען זיי אפ.

עס האבען זיך געפונען געלערנטע מענשען, וועלכע האבען אויסגעפארשט און אויסשטודירט אלע טייכען פונ׳ם וועלט מעער און האבען זיי גענוי בעשריע־בען. דער געלערנטער שיפסקאפיטאן מוז אויסשטודירען אלע דיעזע טייכען אויף דיא מעער קארטען. ער מוז זיי אויסשטודירען, ווייל ער מוז זיי בענוצען. ער זוכט אמאל אויס אזא טייך און פיהרט אריין זיין שיף אין טייך, ער פאהרט דאן שנעלער.

א זעגעל שיף קען פאהרען שנעלער פון אמעריקא קיין אייראפא אלס פון אייראפא קיין אמעריקא, ווייל דער גאלף סטרים פליעסט פון אמעריקא קיין איי־ראפא. דער שיפסקאפיטאן זוכט אויס דעם גאלף סטרים און פיהרט זיין שיף אין דער מיט פון דיעזען גרויסען און שנעלען טייך. ווען מען פאהרט פון אמערי־קא קיין אייראפא, פאהרט מען אויפ׳ן גאלף סטרים אראפוואסער. ווען מען פאהרט אבער פון אייראפא קיין אמעריקא, קען מען פאהרען אויפ׳ן גאלף סטרים ארויף וואסער. דער שיפסקאפיטאן מוז דאהער אויסמיידען דעם גאלף סטרים אום שנעלער צו קומען אין זיין בעשטימונגס פארט.

אלזא, מיר זיינען יעצט געשוואומען אין גאלף סטרים. מיר האבען געזעהן, אז אונזער באאט געהט. עס איז ניטא קיין ווינד, מיר רודערן ניט און אונזער קליינעס שיפעלע שווימט דאך זעהר שנעל.

— פון וואנען נעהמט זיך דער גאלף סטרים? האב איך געפרעגט, וויא קומט עס, וואס אין דער מיט מעער זאל פליעסען א טייך אזוי שנעל?

איך האב מיך ניט געקענט איינהאלטען און האב געבעטען בען בראס, ער זאל עס מיר ערקלערן.

— האסט דוא אמאל געזעהן, וויא א טאפ וואסער, וועלכער שטעהט מיט איין זייט צום פייער, הייבט אן צו זיעדען? האט בען בראס געפרעגט.

— געוויס האב איך עס געזעהן, האב איך געענטפערט, איך האב ניט איין מאל געזעהן, וויא מיין מוטער קאכט מיטאג.

— דאן האסט דוא געוויס בעמערקט, וויא דאס וואסער הייבט זיך אויף פון דער זייט טאפ, וואו עס געפינט זיך דאס פייער און פ יעסט אין דער זייט, וואו דאס פייער איז ניטא מען זעהט, וויא עס הייבען זיך אויף קליינע וועללע, (כוואליעס) פון דעם ארט, וואו דער טאפ איז געווארען הייס פון פייער, און לוי־פען אין דעם ארט, וואו דער טאפ איז קיהלער.

ווען מיר זאלען קאכען וואסער אין א גלעזערנעם טאפ, אין א גלעזערנער וואזע, און מיר זאלען זיך גוט צוקוקען, וויא דאס וואסער זידעט, וואלטען מיר געזעהן, אז פון איין ארט פליעסט דאס הייסע וואסער פון דער הייסער זייט פון דער וואזע אין דער קאלטער און פון דער אנדערער זייט פליעסט דאס קאלטע וואסער פון דער קאלטער זייט פון'ם טאפ צו דער הייסער זייט.

— דאס האב איך קיין מאל ניט בעמערקט, האב איך אויסגערופען.

— יא, ביללי, דוא האסט עס ניט בעמערקט, ווייל דוא ביסט א קינד, דיא געלערנטע מענשען אבער האבען אויסגעשטודירט, וויא אזוי וואסער אין א טאפ הויבט אן צו זידען און וואס עס קומט פאר אין טאפ, ווען דאס וואסער זידעט. זיי האבען אויסגעפארשט, פאר וואס דער טאפ „לויפט אויס". עס האט זיי זעהר וועניג געהארט, וואס זייער טעפעל איז „אויסגעלאפען". זיי האבען דער־ביי שטודירט דיא נאטור, האבען אליין עפעס געלערנט און האבען אונז געלערנט.

זיי האבען געלערנט, אז דאס וועלט מעער איז א גרויסער טאפ מיט וואַ־סער, א טאפ פון טויזענדער מיילען דיא ברייט און דיא לענג. דיעזער גרויסער טאפ וואסער שטעהט מיט איין זייט צום פייער. דאס וועלט מעער געפינט זיך אין געגענדען, וואו דיא זון ברענט, וויא פייער. דארט וואַרמט זיך אן דאס וואַ־סער פון'ם מעער און עס הויבט אן צו זיעדען. אין א קליינעם טאפ הויבט זיך אויף א קליינע וועלע (בוואליע), אין גרויסען טאפ אבער, וועלכען מיר רופען דאס וועלט מעער, הויבט זיך אויף א גרויסע וועללע פון טויזענדער מייל — דער גאלף סטרים.

דער גאלף סטרים הויבט זיך אן נעבען מעקסיקא. דארט איז שרעקליך הייס און דאס מעער איז דארט גאַנץ שטיל. דיא וואסערן ווערן דערהיצט און הויבען אן צו קאכען און צו לויפען. קוקט אייך צו צו א טאפ, ווען ער לויפט. אוהר וועט זעהן, אז אין דער מיט הויבט זיך אויף דאס וואסער און „לויפט", פון דיא זייטען אבער איז דאס וואסער רוהיג.

— אך! וויא וויל איך יעצט זיין ערגעץ אין א לאנד און זיך גוט צו קו־קען, וויא א טאפ וואסער הויבט אן צו זיעדען און צו קאָכען! האב איך אויס־גערופען, — יעצט וואלט איך עס בעסער פערשטאַנען. איך וואלט מיך מעהר אינטערעסירט און וואלט בעסער פערשטאַנען, וואס עס קומט פאר אין גרויסען טאפ — דאס וועלט מעער.

— יא, ביללי, אזוי זיינען שוין דיא געלערנטע, האט בען בראס געזאגט ערנסט, זיי קוקען זיך צו צו יעדער קלייניגקייט און מאכען דערפון גרויסע זאכען. מיר דארפען זיך פרעהן, וואס אונזער באאט איז אריינגעפאלען אין גאלף סטרים ער וועט אונז שוין ערגעץ ברענגען.

אלזא, מיר פאהרען אויפן גאלף סטרים! ווען מיר זאלען וועלען ארויס פאהרען פון איהם, וואלטען מיר געדארפט רודערן און טרייבען אונזער באאט אן א זייט: מיר ווילען עס אבער ניט. מיר האבען יעצט אַן'אומזיסטען פוחדאַן,

א בעל עגלה, וועלכער פיהרט אונז אומזיסט. וואוהין פיהרט ער אונז אבער? דער גאלף סטרים איז זעהר גרויס און אין פיעלע ערטער ווערט ער צוטהיילט אויף עטליכע טייכען. וואוהין פיהרט ער אונז? וואוהין וועט ער אונז פערשלעפען? דאס האבען מיר דערווייל ניט געוואוסט. מיר האבען אבער אנגעהויבען צו האפען, אז ער וועט אונז דאך ערגעץ ברענגען.

מ ד האט זעהר פעראינטערעסירט דער גאלף סטרים. איך האב זעהר געוואלט איהם אויסשטודירען, בעריהרען זיינע וואסערן, זעהן, וואס פאר סארטען פיש עס געפינען זיך אין איהם און בעטראכטען, וויא זיינע וואסערן קויפען. איך בין געוועזן יונג און האב באלד פערגעסען, אז איך געפין זיך אין אזא שרעקליכער לאגע, אז מיר געפינען זיך צווישען הימעל און וואסער אויפ'ן גרויסען אטלאנטישען וועלט מעער אין א קליינעם באאט. איך האב זאגאר פערגעסען, אז אונזער פראוויאנט לאזט זיך אויס און עס איז זעהר מעגליך, אז מיר וועלען באלד שטארבען פון הונגער. מיך האט אינטערעסירט דער גאלף סטרים.

איך האב באלד בעמערקט, אז אין גאלף סטרים געפינען זיך קיינע גרויסע פיש. דיא גרויסע און פעטע פיש מיידען אויס דעם גאלף סטרים: ער איז צו ווארם פאר זיי. אין גאלף סטרים נעפינען זיך נור קליינע פיש. עס איז זעהר מעגליך, אז דיא קליינע פיש זיינען צופעליג פערקראכען אין גאלף סטרים און ער שלעפט זיי מיט זיך מיט געוואלד. זיי זיינען ארויפגעשפרונגען אויף דער פוהר און קענען שוין ניט אראפשפרינגען.

איך האב ווידער בעמערקט, אז דיא פיש אין גאלף סטרים זיינען מייסט פון שעהנע פארבען: רויט, בלוי, גרין און געשטרייפט, — אין פאסען. דיא גאלדענע, זילבערנע און אלע אנדערע שעהנע פיש קומען נור פון גאלף סטרים אדער פון אנדערע הייסע טייכען אין וועלט מעער.

— איך זעה זעהר פיעל פיש אין גאלף סטרים, האב איך אמאל געזאגט צו בען בראס, לאמיר מאכען א נעץ און זיי פאנגען.

— דוא זעהסט דאך, בילי, אז דא געפינען זיך נור קליינע פיש, האט בען בראס מיר געענטפערט, עס איז זיי שווער צו פאנגען, אונזער באאט לויפט יעצט זעהר שנעל. ווען מען וויל האפען פיש, מוז מען פעראנקערן דאס באאט און דאס קענען מיר ניט. אויסער דעם זיינען דיא פיש פון גאלף סטרים זעהר ניט געשמאק. זיי האבען גאר קיין טעם. מיר האבען נאך פראוויאנט אויף עטליכע טעג, ווען דער גאלף סטרים וועט אונז ווייטער פיהרען אזוי שנעל, וויא ער פיהרט אונז יעצט, וועלען מיר באלד צוקומען צו א לאנד.

איך בין געוועזן איינפערשטאנדען מיט דיעזער ערקלערונג און האב ווייטער בעטרא[illegible] גאלף סטרים. לילי פלעגט זיצען לעבען מיר אוןביידע פלעגען מיר זיך [illegible]עלען מיט דיא שטארק ווארעמע וואסערן פון'ם הייסען טייך.

אזוי זיינען פערגאנגען אפאר טאג, אין וועלכע עס האט גאר ניט פאסירט. מיר זיינען יעצט אלע געזעסען לעדיג. בען בראס, ענגעלמאן און דער איטאליע

נער האבען זיך ווענינ געקימערט וועגען דעם גאלף סטרים, אבער אויך מיר און לילי איז ענדליך לאנגוויליג געווארען זיך צו שפּיעלען מיט'ן וואסער; זיצען, וויא דיא שטומע איז אויך געווען אונמעגליך. מען האט געמוזט זוכען עפּעס א בעשעפטיגונג. בען בראס האט זיך דערמאָנט, אז דיא בעסטע אונטערהאלטונג וואלט געווען זיך צו דערצעהלען געשיכטען. פון אונז אלע האט שוין אבער יעדער דערצעהלט זיין געשיכטע. עס איז געבליעבען נור איין ענגעלמאן.

— דערצעהלט אונז אייער לעבענסגעשיכטע, האט בען בראס געבעטען ענגעלמאן.

ער האט אנפאנגס ניט געוואלט און איך האב געזעהן, וויא ער איז זאגאר בלייך געווארען, ווען בען בראס האט עס איהם געבעטען. ענדליך אבער האט ער איינגעווילינט.

מיר האבען אבגעפריהשטיקט און ענגעלמאן האט אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע.

62טעס קאפּיטעל.

דיא שווארצע שלאנג.

מיר האבען זיך אניעדערגעזעצט איוף דיא בענק פון'ם באאט. ענגעלמאן האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, גלייך וויא ער וואלט מורא געהאט, אז איינער זאל זיך ניט אונטערהערען, דאן האט ער אנגעהויבען צו דערצעהלען.

איך בין א געבארענער אמעריקאנער, האט ענגעלמאן אנגעהויבען צו דערצעהלען, מיינע עלטערן זיינען געווען דייטשען. דאס לאנד אין נארד דייטשלאנד איז זעהר ארים, עס זיינען געווען עטליכע שלעכטע יאהרען נאכאנאנד. דער קריעג געגען נאפּאָלעאָן דעם ערשטען האט געפאָדערט אלע מאל נייע רעקרוטען. דיא יונגע לייט פלעגט מען נעהמען פאר סאלדאטען און דיא אלטע לייט פלעגען ניט זיין אים שטאנדע צו בעארבייטען דיא ערד. מיין פאטער איז אלט געווארען ניינצעהן יאהר. עס איז געקומען א בעפעהל פון דער רעגיערונג, ער זאל זיך שטעלען צו דער מיליטער פפליכט.

מיין פאטער האט זעהר ניט געוואלט דיענען אלס סאלדאט און דערצו האט ער זיך געראדע דאמאלס פערליעבט אין א מעדכען פון זיין דאָרף. — וואס טוהט מען? צום גליק איז דאמאלס אנגעקומען אין אונזער געגענד אן'אגענט פון דער מעקסיקאנישער רעגיערונג, וועלכער האט געזוכט עמיגראנטען פאר מעקסיקא און צוואר פאר דער פּראווינץ טעקסאס. קוים איז מיין פאטער געוואהר געווארען פון דיעזען אגענט, איז ער באלד געלאפען צו איהם און האט זיך פערשריעבען.

אין עטליכע טעג ארום האט ער געהייראטעט דאס מעדכען, וועלכעס ער האט געליעבט, — מיין מוטער, און איז מיט איהר אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא. איך דארף אייך ניט דערצעהלען וואס זיי האבען אויסגעליטען אויפ'ן וועג און

וויא זיי זיינען נעקומען קיין אמעריקא, יעדער פון אייך האט געוויס שוין געהערט גענוג געשיכטען, וויא עמיגראנטען ליידען אין דער ערשטער צייט, ווען זיי קומען אריבער אין זייער נייעס פאטערלאנד.

דער אגענט האט צוגעזאגט גאלדענע בערג דיא עמיגראנטען און פון דיא גאלדענע בערג האט זיך אויסגעלאזען א וויסטע געגענד, בעדעקט מיט נאקעטע בערגלעך זאמד. טעקסאס איז א גרויס לאנד און עס איז נאך היינט זעהר שוואך בעפעלקערט, אין יענער צייט איז עס געוועזען אוויסטע. אין א לאנד וואו עס קע־נען האבען גענוג פלאץ צוואנציג מיליאנען מענשען, האבען געוואינט קוים צעהן טויזענד.

דיא מעקסיקאנישע רעגיערונג איז געוועזען זעהר מילד. זיא האט געשענקט יעדען עמיגראנט הונדערטער עקר לאנד, אבער וויסטעס, ווילדעס, פערוואקסע־נעס און פערווילדערטעס לאנד, וואו מען האט ניט געקענט ארויסגעהן פון שטוב אוהן א האק אין גארטעל און א ביקס אויף דער פלייצע. אין ערטער האבען זיך געפונען ווילדע טהיערע, וויא דער אמעריקאנישער טיגער—דער יאגואר. ערגער אבער פון דיא ווילדע טהיערע זיינען געוועזען דיא ווילדע מענשען, בעזאנדערס אבער דיא צוויא ווילדע אינדיאנער פעלקער: דיא אפאטשי׳ס און דיא קאמאנטשי׳ס. דיעזע צוויא פעלקער האבען ניט געלאזען לעבען דיא נייע עמיגראנטען. עס פלעגט זיי פערדריעסען, וואס דיא עמיגראנטען פלעגען ביי זיי צונעהמען זייער לאנד און זיי פלעגען זעהר אפט אנפאלען אויף דיא עמיגראנטען און פלעגען זיי טייטען. ווען אן עמיגראנט פלעגט בעארבייטען א שטיקעל ערד און האט עס פערזעעט, פלעגען דיא אפאטשי׳ס און קאמאנטשי׳ס אפהיטען דיא צייט, ווען דאס ברויט איז אויסגעוואקסען און צייטיג געווארען, דאן פלעגען זייא אנפאלען דארויף און פלעגען עס צוטרעטען מיט דיא פיס, פערניכטען אדער אונטערצינדען.

דאס איז געוועזען דיא אורזאכע, וואס דיא מעקסיקאנישע רעגיערונג האט זיך געלאזט קאסטען מיליאנען אום צו בעפעלקערן טעקסאס. זיא האט גאנץ ריכטיג בערעכענט, אז ווען פיעל מענשען וועלען זיך בעזעצען אין טעקסאס, וועלען דיא אינדיאנער מוזען זיך זוכען אנאנדערע געגענד, וואו צו וואינען.

אזוי וויא מיין פאטער איז נאך געוועזען גאנץ יונג און נור צווייא מענשען ער מיט זיין פרוי, איז עס איהם אונמעגליך געוועזען צו נעהמען זיך צו לאנד ארבייט. ער האט געמוזט זיך פערדינגען ביי א פארמער, א שפאניער, וועלכער האט גע־האט עטליכע טויזענד שטיק קיה און אקסען. מיין פאטער איז געווארען א הירט. א פאסטוך, און האט געוואינט מיט זיין פרוי אין א קליין שטיבעלע אויף דער האסיענדא. (אזוי הייסט א גרויסע פארם אויף שפאניש.) אלס הירט האט מיין פאטער דורכגעוואנדערט גאנץ טעקסאס אין דער לענג און אין דער ברייט.

טעקסאס ליעגט צווישען מעקסיקא און דיא פעראייניגטע שטאטען. יעצט געהערט עס צו דיא פעראייניגטע שטאטען, דאמאלס האט עס געהערט צו מעק־סיקא. דער פארמער, ביי וועלכען מיין פאטער האט געדיענט, פלעגט זעהר אפט פערקויפען בהמות צו קויפלייטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען און צו קויפלי־

טע פון מעקסיקא. מיין פאטער פלעגט מוזען טרייבען דיעזע אקסען און קיה צום טייך מיסיסיפי אין דיא פעראייניגטע שטאאטען און צום טייך ריא גראנדע דעל נארטע אין מעקסיקא.

זעלבסט פערשטענדליך, אז מיין פאטער פלעגט ניט מאכען אזעלכע רייזען גאנץ אליין. ער פלעגט טרייבען א פארטיע פון עטליכע טויזענד אקסען, דערצו מוז מען האבען א גאנצע קליינע ארמעע פון הירטען און יונגען. אויף דיעזע רייזען האט זיך מיין פאטער בעקענט מיט'ן גאנצען לאנד. ער האט אפט בעגעגענט אינדיאנער, האט זיך מיט זיי בעקענט און האט אויסגעלערינט זייער שפראכע.

איך בין געווען מיין פאטערס ערשטער זוהן. איך בין געבארען געווארען א יאהר נאך זיין קומען קיין אמער׳קא. ווען איך בין עלטער געווארען, האב איך געהאלפען מיין פאטער אין זיינע לאנגע רייזען און האב מיך אויך בעקאנט מיט'ן לאנד. איך בין שוין געווען אן עכטער אמעריקאנער. אלס קינד האב איך זיך אויסגעלערנט פיעל לייכטער דיא שפראכען פון דיא אינדיאנער.

עס זיינען פערגאנגען יאהרען, קיין אמעריקא זיינען אנגעקומען אלץ מעהר און מעהר עמיגראנטען. צווישען דיא פעראייניגטע שטאאטען און מעקסיקא האט זיך אנגעהויבען א לעבעדיגער האנדעל. עס פלעגען קומען קויפלייטע פון ניו יארק, פילאדעלפיא, באסטאן אין אנדערע שטעדט מיט זייערע וואארען, וועלכע זיי פלעגען פיהרען קיין טעקסאס אדער קיין מעקסיקא. אזוי וויא עס זיינען דאמאלס ניט געווען קיין אייזענבאהנען און קיין ריכטיגע וועגען, פלעגען אזעלכע קויפלייטע מוזען דינגען מענשען, וועלכע זאלען זיי דורכפיהרען דעם לאנגען און געפעהרליכען וועג. מען האט געמוזט האבען א מענשען, וועלכער קען אלע וועגען און פערשטעהט אלע שפראכען. פיעל נעגענדרען האבען דאמאלס נאך געהערט צו דיא אינדיאנער און ווען מען האט געדארפט דורכגעהן דורך זייער לאנד, האט מען געמוזט קויפען אן ערלויבניס ביי זייער הויפטלינג. מען האט געמוזט איהם בעצאהלען און מאכען מיט איהם א קאנטראקט, אז מען מעג דורכפאהרען זיין לאנד און קיינער פון זיין פאלק וועט ניט בעאונרוהיגען אדער בערויבען דיא רייזענדע.

דיא אינדיאנער קענען ניט לעזען און שרייבען. ווען מען מאכט מיט אן אינדיאנער פירסט אזא סארט קאנטראקט, נעהמט ער א שטיקעל לעדער און קריצט אויס דארויף מיט א מעסער זיין טאטעם, זיין צייכען. יעדער אינדיאנער האט אבעזונדערן צייכען, דיעזער צייכען הייסט טאטעם אויף דער אינדיאנערשפראכע. איינער האט א צייכען א שלאנג, דער אנדערער א פויגעל, א טהיער אדער א פליעג. ווען דער אינדיאנער הויפטלינג קריצט אויס זיין צייכען אויף א שטיקעל לעדער, איז עס אזוי גוט, וויא ווען ער וואלט נעמאכט א קאנטראקט ביי א נאטאריוס. דיעזען טאטעם אדער דיעזעס שטיקעל לעדער נעהמט מיט זיך דער קאראוואנען פיהרער און דאס פלעגט זיין א פאספארט. ווען עס פלעגען אנפאלען אינדיאנער אויף דיא קאראוואנע, פלעגט מען זיי ווייזען דעם טאטעם און זיי פלעגען לאזען דורכגעהן דיא קאראוואנע.

דאס איז געווארען א גוטעס געשעפט. דיא קופּלייטע פלעגען גיבען א גר־
טען וועג ווייזער, א גוטען פיהרער דורך דיא וויסטענייען פון טעקסאס צוואַנ־
ציג ביז דרייסיג פראצענט פון זייער פערדיענסט—און זיי פלעגען גוט פערדיענען.
פאר א מעסער, וועלכער פלעגט קאסטען אין ניו יאָרק פונפציג סענט, פלעגט
מען נעהמען אין מעקסיקא דרייא דאללאר. נאך טהייערער אבער זיינען געווע
קליידער. אין ניו יארק פלעגט מען אויפקויפען אלטע קליידער, מען פלעגט זיי
אויסרייניגען, אביסעל צו פוצען און זיי פערשיקען קיין טעקסאס און קיין מעקסיקא.
א ראק, וועלכער האט געקאסט אין ניו יארק א דאללאר, האט מען פערקויפט
אין טעקסאס פאר צעהן—פונפצעהן דאללאר.

דאס געשעפט פלעגט איינברייגען פינף—זעקס הונדערט פראצענט. מען
האט נור געדארפט האבען א גוטען וועגווייזער. אזוי וויא מיין פאטער און איך
זיינען געוועזן גוט בעקאנט מיט אלע וועגען אין טעקסאס, האבען מיר אוועקגע־
ווארפען אונזער בעשעפטונג אלס אקסען טרייבער און זיינען געווארען וועג ווייזער
אדער קאראוואנען פיהרער.

מיר זיינען באלד געווארען בעריהמט און בעקאנט אין דער גאנצער געגענד
אלס גוטע און עהרליכע קאראוואנען פיהרער און דיא קופּלייטע פלעגען אונז צאה־
לען מיט פערגעניגען צווייא מאל אזוי פיעל, וויא פיעל אנאנדערער האט פער־
לאנגט, וויל מען האט געוואוסט, אז אויף אונז קען מען זיך פערלאזען. איך און
מיין פאטער פלעגען שטענדיג זיין בעשעפטינט. אמאל פלעגען מירביידע פיה־
רען צווייא פערשיעדענע קאראוואנען און אמאל פלעגען מיר ביידע פיהרען איין
קאראוואנע.

מיר האבען זיך דאמאלס בעזעצט אין סאנטאפע. יעצט איז סאנטאפע א
גרויסע שטאדט, דאמאלס איז עס געווען א דערפעל פון הונדערט און פופציג
פאמיליען. אין טעקסאס האט עס דאמאלס געהייסען א שטאדט.

איך האב געהאט ברידער און שוועסטער. מיין איגגערע שוועסטער הע־
לענא איז געווען א בעריהמטע שעהנהייט זיא איז געווען געראטהען אין מיין
מוטער און איז געווען נאך פיעל שעהנער, אלס מיינע מוטער אין דער יוגענד.
איך האב נאך געהאט א אינגערן ברודער מיט'ן נאמען ראָבערט. איך בין דאַ־
מאלס אלט געווען צוואנציג יאהר, ראבערט איז אלט געווען פופצעהן און העלע־
נא איז אלט געווען אכצעהן. מיר זיינען רייך געוואָרען פון אונזער בעשעפטי־
גונג און מיין פאטער האט אנגעהויבען צו רעדען, אז מיר זאלען זיך בעזעצען ער־
גענץ אין א גרויסער שטאדט, וויא ניו יארק אדער מעקסיקא, וואו דיא קינדער
זאלען קענען עפּעס לערנען. אונזער מוטער און מיר קינדער זיינען דערמיט גע־
וועזן זעהר צופריעדען. מיר האבען אויך זעהר געוואלט לעבען צווישען מענשען
און עפּעס לערנען. יעדעס מאל אבער, ווען מיר פלעגען וועלען פערקויפען אלעס
און ארויס פאהרען קיין ניו יארק, פלעגט זיך מאכען א נייעס געשעפט, ביי וועל־
כען מיר פלעגען מאכען גראבע טויזענדער.

ווען עס פערדיענט זיך געלד אין אמעריקא, דארף מען פערדיענען, אדער ווען עס „שעפט זיך," זאל מען שעפען, וויא דיא אמעריקאנער זאגען. אזוי איז שוין אמעריקא. מען מוז אויסנוצען דיא געלעגענהייט און דיעזע געלעגענהייט האט זיך אונז יעצט פארגעשטעלט און האט אונז אפגעשאטען מיט געלד. יעדע רייזע, וואס איך אדער מיין פאטער פלעגט מאכען, פלעגט אונז איינברענגען צווייא ביז דרייא טויזענד גאלד אנצא'ס (צוואנציג דאללאר שטיקע) און מיר פלעגען מאכען אכט—צוועלף אזעלכע רייזען אין א יאהר. יעדע רייזע פלעגט דויערן א פאר מאנאטע, עס פלעגט אבער פארקומען זעהר אפט, אז איך האב געפיהרט איין קאראוואנע און מיין פאטער האט געפיהרט אנ'אנדער קאראוואנע.

מיר האבען שוין געהאט אונזערע מענשען, וועלכע פלעגען אונז בעגלייטען און וועלכע מיר פלעגען צאהלען פאר יעדער רייזע א געוויסע סומע געלד. צווישען דיעזע מענשען האט זיך געפונען א יונגער מאן א מעסטיצע מיט'ן נאמען קסאווערי. (מעסטיצע הייסט, א מענש, וועלכער איז געבארען געווארען פון א וויסען פאטער און פון א רויטע מוטער, אן אינדיאנערין.) קסאווערי איז געווען א פעהיגער יונגער מאן און מיין בעסטער פריינד. איך פלעג איהם שטענדיג מיטנעהמען אויף מיינע רייזען און האב געהאט צו איהם פאלשטענדיגעס צוטרויען.

איין מאל האב איך אליין געפיהרט א קאראוואנע קיין פלאטאס, א שטאדט אין מעקסיקא. קסאווערי איז געפאהרען מיט מיר. אויף'ן וועג זיינען מיר אנגעקומען אין לאנד פון דיא ווילדע אפאטשים.

דיא אפאטשים זיינען א ווילדעס, בלוטדורשטיגעס, פאלשעס און בעטריעגערישעס פאלק. איך בין אבער געווען גוט בעקאנט מיט זייער אלטען הויפטלינג, דער „גרויער בער" און בין געווען זיכער, אז איך וועל בעקומען פון איהם א פאספארט אויף אונזערע אלטע בעדינגונגען. איך פלעג ביז אהער איהם שענקען צווייא ביקסען, א פעסעל פולווער און איינינע פרעזענטען פאר זיינע פרויען. ער האט געהאט נור פינף פרויען.

ליידער איז דער „גרויער בער" געשטארבען און דיא אפאטשים האבען אויסגעוועהלט א נייעם הויפטלינג, מיט'ן נאמען דיא „שווארצע שלאנג". ווען אונזער קאראוואנע איז אנגעקומען אין אפאטשי לאנד, איז דיא „שווארצע שלאנג" אונז ענטגעגען געקומען און האט מיר ערקלערט, אז ער וועט מיר ניט געבען זיין פאספארט, זיין טאטעם, ביז איך וועל איהם אפגעבען דיא העלפט פון דיא סחורות, וועלכע אונזערע קויפלייט האבען געפיהרט.

איך האב ניט־געוואוסט, וואס צו טאהן. אוועקגעבען דיא העלפט פון אונזערע סחורות איז געווען אונמעגליך. דאס האט נאך קיין מאל ניט פאסירט. איך האב מיך בעראטהען מיט מיין פריינד קסאווערי. זיין מוטער איז געווען אן אפאטשי פרוי און ער האט גערעדט דיא אפאטשי שפראכע, וויא אן עכטער

אפּאטשי. ער האט זיך אונטערגענומען צו רעדען נאך א מאל מיט'ן אינדיאנער פירסט, מיט דער „שווארצער שלאנג“, פּיעלייכט וועט ער עפּעס נאכלאזען.

איך האב איהם געדאנקט און האב איהם געבעטען, ער זאל עס טאהן. ער האט גערעדט מיט דער „שווארצער שלאנג“ און מיט זיינע עלטסטע, עס האט אבער ניט געהאָ פּען. דיא „שווארצע שלאנג“ האט געפאָרדערט דיא העלפט פון אונזערע סחורות, אדער ער וועט אונז קיין פּאספּארט ניט געבען.

— הער איהם ניט, ענגעלמאַן, האט מיר קסאווועריא געזאגט, איך קען דיעזע געגענד בעסער פון דיר. איך וועל דיך פיהרען אויף אזעלכע וועגען, וועל־כע דוא קענסט נאך ניט. איך בין דאך אליין א האלבער אפּאטשי.

— פּיעלייכט וועט אבער דיא „שווארצע שלאנג“ אויף אונז אנפאלען? — האב איך געפרעגט.

— דאן וועלען מיר איהם ווייזען, אז מיר קענען שיעסען, ניט דיא ווילדע אפּאטשים. מיר האבען מיט זיך דרייסיג שטארקע מענער, וועלכע ווייסען וויא אזוי ארומצוגעהן מיט א ביקס. מיט אזא מאכט האבען מיר ניט וואס מורא צו האבען פאר דיא ווילדע אפּאטשים.

איך האב איבערגערעדט מיט מיינע קויפלייטע און מיר האבען בעשלאָ־סען צו פאהרען אהן א פּאספּארט. דערביי האט קסאווועריא מיר זעהער פּיעל געהאָלפען. ער האט געשווארען, אז ער קען אלע וועגען און אלע קונסט שטיקע פון דיא אינדיאנער און ער נעהמט זיך אונטער צו ברענגען אונז זיכער קיין פּאָ־לאטאס.

מיר האבען זיך ענטשלאסען און איך האב פערטרויט מיין פריינד קסאָ־ווערִיא. איך האב עס אויך ניט בערייעט. קסאווועריא האט אונז געפיהרט אויף דיא בעסטע וועגען און אלס האלבער אינדיאנער האט ער געוואוסט, וויא אזוי אויסצומיידען יעדע געפאהר. דיא „שווארצע שלאנג“ האט אבער אויך ניט גע־שוויעגען און האט אונז פערפאָלגט.

איין מאל האבען מיר זיך פארבערייטעט אויפצושלאגען אונזער נאכטלאָ־גער. קסאווועריאַ האט געהייסען אונז ווארטען. ער איז אליין אוועקגעריטען אויף זיין ווילדעס פערד ערגעץ. אין א האלבע שטונדע איז ער צוריקגעקומען און האט אונז געהייסען פאהרען נאך א האלבע מייל. דארט האט ער אויסגע־קליעבען פאר אונזער נאכטלאגער א בערגעל, וועלכער איז געוועזען בעדעקט מיט גרויסע שטיינער. איך האב אנפאנגס ניט פערשטאנען, פאר וואס קסאווועריאַ האט אויסגעקליעבען גראדע אזא שלעכטען פלאץ פאר אונזער נאכטלאגער.

מיר האבען אויסגעשפּאנט אונזערע פערד און האבען געוואָלט זיי אראפּ־טרייבען אין טאהל, וואו עס האט געוואקסען גרויסעס, פרישעס, הויכעס גראז. קסאווועריאַ האט עס ניט דערלאזען. ער האט געהייסען אויסשטעלען דיא וועגען אין א האלבען קרייז און צובינדען דיא פערד צו דיא וועגען. אזוי וויא דיא פערד זיינען געוועזען הונגעריג, האבען מיר געמוזט אראפּגעהן אין טאהל, אנשניי־דען גראז און עס ברענגען צו אונזערע פערד.

— דוא האסט מורא פאר די״א אפּאטשים, קסאווערי״א? האב איך איהם געפרעגט.

— זיי וועלען אויף אונז אנפאלען מארגען אין דער פריה, האט קסאווערי״א געענטפערט רוהיג.

איך האב געוואוסט, אז די״א אפּאטשים, ווי״א אלע אינדיאנער, פאלען אן אויף זייערע פיינד נור פארטאג, ווען זיי שלאפען. מיר האבען דערפאר זיך גוט בעוואַרענט. די״א ערשטע האלבע נאכט זיינען מיר אלע געשלאפען, די״א אנדערע האלבע נאכט אבער האבען מיר אלע געוואכט.

גאנץ פריה, ווען עס האט נור וואס אנגעהויבען צו טאגען, האבען מיר דערהערט דאס שרעקליכע קריעגס געשריי פון די״א אפּאטשים. די״א „שווארצע שלאנג״ איז אויף אונז אנגעפאלען און האט געוואלט אונז איבערראשען אין שלאף. מיר האבען אבער ניט געשלאפען. דרייסיג ביקסען האבען אויסגעשאָסען מיט אמאל. צוואנציג אפּאטשי׳ם זיינען געפאלען טויט פון אונזערע קוגלען.

די״א „שווארצע שלאנג״ האט זיך דערשראקען און איז אנטלאָפען געווארען.

מיר זיינען וויטער געפאָהרען. קסאווערי״א האט אונז אפּגעהיט, ווי״א א מוטער היט אפּ איהר קינד, און האט אונז געבראכט קיין פאלאטאַס גליקליך און אהנע יעדע געפאהר. די״א קויפלייטע האבען געמאכט זעהר גוטע געשעפטען און האבען מיר זעהר גוט בעצאהלט. איך האב געמאכט אויף דיעזער רייזע איבער צוויי״א טויזענד גאָלד אָנצאס. זעלבסטפערשטענדליך, אז איך בין געווען דאנקבאר געגען מיין פריינד קסאווערי״א און האב געוואלט איהם געבען די״א העלפט פון מיין פערדיענטעס געלד. קסאווערי״א האט אבער ניט געוואלט נעהמען קיין סענט מעהר, ווי״א פיעל עס איז איהם געקומען.

מיר האבען געבראכט די״א קויפלייטע צוריק אין די״א פעראייניגטע שטאַטען און זיינען ענדליך אנגעקומען גליקליך אהיים, קיין סאנטא־פע. איך האב דערצעהלט מיינע עלטערן, מיינע ברידער און שוועסטער, וואס קסאווערי״א האט געטאָהן פאר מיר און ווי״א ער האט אונז אלעמען געראטעט דאס לעבען. איך האב איהם נאך אמאל אנגעבאטען א גרויסע סומע געלד, אלס בעלוינונג, ער האט עס אבער ניט אנגענומען.

אין א שעהנעם פריהמארגען האט ער מיך אוועקגערופען אן א זייט און האט מיר אויפגעעפענט זיין הערץ: ער האט געליעבט מיין שוועסטער העלענא און האט מיך געבעטען, איך זאל איבעררעדען מיט איהר און מיט מיינע עלטערן, זיא זאל ווערען זיין פרוי. איך האב איהם ניט פיינט געהאט און עס וואלט מיך ניט געהארט, ער זאל זיא הייראטען.

— איך וועל ניט זיין דאגעגען, האב איך איהם געענטפערט, ווען העלענא ויעט נור איינוויליגען, וועל איך שוין איבעררעדען מיט מ׳ין פאטער און מיט מיינע מוטער.

קסאווערי״א איז שטענדיג געוועז א הייסישער ביי אונז אין שטוב און האט

שטענדיג געהאט א געלעגענהייט צו רעדען מיט מיין שוועסטער. ער האט אפּגעווארט א פּאסענדע געלעגענהייט און האט איהר ערקלערט זיין ליעבע. העלענא אבער האט איהם אויסגעלאכט און האט איהם געזאגט, אז זיא וועט בעסער שטארבען, איידער צו הייראטען אנ'אפּאטשי. זיא, וויא מיר אלע, האט געוואוסט, אז קסאווריא'ס מוטער איז געווען אנ'אפּאטשי מעדכען און דיא אייניגע פון מעקסאס פלעגען זעהר פיינד האבען און פעראכטען דיא אפּאטשים. מען האט געהאלטען דיא אפּאטשי'ס פאר דיא ערגסטע מענשען אין דער וועלט.

קסאווריא האט זיך ענטשולדיגט און האט מעהר ניט גערעדט פון זיין ליעבע צו מיין שוועסטער. ער פלעגט זיין אנ'אפטער גאסט ביי אונז אין שטוב וויא פריהער און איך פלעג זעהר אפט זעהן, וויא ער פערשלינגט מיין שעהנע שוועסטער מיט דיא אויגען. ער האט אבער קיין מאל ניט געוואגט ארויסצורעדען אווארט וועגען זיין ליעבע. העלענא האט באלד פערגעסען דיא גאנצע געשיכטע און פלעגט זיין געגען איהם פריינדליך, וויא פריהער.

עס זיינען פערגאנגען מאנאטע. אונזער פאמיליע האט ווידער אנגעהויבען צו רעדען פון ארויספאהרען קיין ניו יארק און מיר האבען בעשלאסען עס ענדליך צו טאהן. מיר האבען אבער ניט געוואלט פערשענקען אונזער לאנד און אונזער הויז אין סאנטא-פע. מיר האבען אנגעהובען צו זוכען א קויפער אויף אונזער פערמעגען.

אונטערדעסען איז ווידער אנגעקומען א פּארטיע קויפלייטע פון ניו יארק, וועלכע האבען אנגעהויבען צו בעטען דעם פאטער, ער זאל זיי דורכפיהרען דורך דיאווילדע געגענדען פון טעקסאס. מיין פאטער האט צוואר זעהר ניט געוואלט פאהרען. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. מען האט איהם געגעבען אזא גוטען פרייז, אז ער האט געמוזט איינווילינגען. איך האב מיך אויסגערופען און האב געוואלט פאהרען אויף זיין ארט, דיא קויפלייטע אבער האבען געפיהרט זעהר טהייערע סחורות און האבען אויף קיין פאל ניט געוואלט פערטרויען אזא יונגען מאן, וויא איך בין דאמאלס געווען.

מיין פאטער איז אוועקגעפאהרען מיט דער קאראוואנע און האט מיטגענומען קסאווריא מיט זיך. איך בין געבליעבען אין דערהיים און האב געזוכט א קויפער אויף אונזער לאנד.

אין זעקס וואכען ארום איז קסאווריא געקומען צופאהרען אליין. ער איז געווען זעהר טרויעריג און ניעדערגעשלאגען און האט אונז געמעלדעט מיט טרערען אין זיינע אויגען, אז אונזער פאטער איז קראנק געווארען אין שטעדטעל סאן ראזאלבא און בעט זיין פאמיליע, זיא זאל קומען צו איהם, וויא אם שנעלסטען.

איהר קענט אייך לייכט דענקען, וויא דיעזע טרויעריגע נאכריכט האט בעטריבט אונזער פאמיליע. מיר האבען שנעל צונויפגעפאקט אונזערע זאכען און האבען זיך פארבערייטעט אין וועג ארייין. צופעלינער ווייזע האבען זיך דאמאלס געפונען אין סאנטא-פע א מעקסיקאנער אפיציער מיט זיין יונגער פרוי און א

רייכער קויפמאן מיט א טראַנספּאָרט סחורה, וועלכע האבען אויך געדארפט פאה־רען קיין סאן ראָזאלבא. זיי האבען שוין עטליכע מאל מיך געבעטען, איך זאל זיי פיחרען, איך האב מיך אבער ענטזאגט, ווייל איך האב געמוזט בלייבען אין דערהיים און פארבערייטען אלעס צו אונזער ארויספאהרען קיין ניו יארק. יעצט אבער, ווען זיי זיינען געוואהר געווארען, אז איך פאהר קיין סאן ראָזאלבא, האבען זיי זיך אנגעשלאסען אן אונזער קאראוואנא.

מיר האבען זיך געאיילט. אין איין טאג איז אלעס פערטיג געווארען צו דער רייזע און דעם אנדערן טאג אין דער פריה זיינען מיר ארויסגעפאהרען. קסאַ־ווריאַ איז געפאהרען מיט אונז.

מיר זיינען גליקליך דורכגעפאהרען גאנץ טעקסאס און זיינען צוגעקומען צו דער גרענעץ פון אפּאטשי לאַנד. אזוי וויא איך האב מיך געאיילט און האב ניט געוואלט פאהרען אויף א וויטען וועג, האב איך מיך בעשלאסען, איך זאל געבען דעם אפּאטשי הויפּטלונג, דיא „שוואַרצע שלאַנג", וויאפיעל ער וועט פון מיר פאָרדערן, אום ער זאל מיר געבען א פּאספּאָרט און זאל מיך לאזען דורכגעהן זיין לאַנד.

איך האב געשיקט קסאוועריאַ פאראויס, ער זאל איבעררעדען מיט דער „שווארצער שלאַנג" און זאל ביי איהם אויסדינגען זיין טאָטעם, פּאספּאָרט. קסאַ־וועריאַ איז צוריק געקומען אין א טאג ארום און האט מיר געמעלדעט, אז דיא „שווארצע שלאַנג" מיט זיינע בעסטע קריעגער וועלען באלד קומען צו אונז אין לאַגער און וועלען מיט אונז אפּשליעסען א קאָנטראַקט.

מיר האבען אויפגעשלאָגען אונזער לאַגער אין א טהאָל לעבען א קליין טייך־כעל. אונזער קאראוואנע איז בעשטאנען פון עלף שטארקע מענער, מיין ברודער ראָבערט, מיין שוועסטער העלענא און מיין אינגערע שוועסטער מאריא, מיין מו־טער און דיא פרוי פון'ם מעקסיקאנישען אפיציער. אלזא צוועלף מענער, וועלכע האבען געהאט ביי זיך ביקסען און פיער פרויען. אין אנ'אנדער צייט וואלט איך ניט געוואגט ארויסצופאהרען מיט אזוי ווענינ מענשען, יעצט אבער, ווען איך האב געוואוסט, אז מיין פאטער איז געפעהרליך קראנק אין א פרעמדער שטאדט, האב איך גערעכענט, אז איך וועל אוועקגעבען דיא אינדיאנער אלעס, וואס זיי וועלען פון מיר פאָרדערן, אום זיי זאלען מיר ניט שטערן צו פאהרען אויפ'ן נעהענסטען וועג צו מיין ליעבען פאטער.

מיר האבען איבערגענעכטיגט דיא נאכט. דיא אפּאטשי'ס זיינען ניט גע־קומען. איך האב מיך בעראטהען מיט קסאוועריאַ, אויב איך זאל נאך ווארטען, אדער איך מעג ווייטער פאהרען. קסאוועריאַ האט מיר געראטהען, איך זאל ווייטער פאהרען.

— דיא אפּאטשי'ס דארפען יעצט האבען וואארע, האט ער געזאגט, עס וועט באלד אנקומען דער ווינטער און זיי דארפען האבען דעקען (קאָלדרעס). זיי וועלען אונז אויפנעהמען מיט פערגניגען.

איך האב איהם געפאלגט און האב מיך געלאזען אויף דעם ערנסטען, אבער־קירצסטען וועג. איך בין שוין געפאהרען ניט איין מאל אויף דיזען וועג און האב איהם זעהר גוט געקענט, איך האב געוואוסט, אז מיר דארפען דורכפאהרען א וויסטע, וואו עס איז דא זעהר ווייניג וואסער. עס געפינען זיך ברונען און קוואלען, אבער זעהר וויט איינער פון׳ם אנדערן. די אפאטשי׳ס האבען אין אייניגע ערטער אויסגעגראבען ברונען, וואו זיי גיבען צו טרינקען זייערע פערד און זייערע בהמות. אויסער דעם האב איך געוואוסט, אז נור איין טאג רייזע פון׳ם וועג, אויף וועלכען מיר זיינען געפאהרען, געפינט זיך א גרויסעס זעע (אזיערא) מיט׳ן נאמען „אגווא ווערדע“ (גרינעס וואסער).

איך בין אלזא געווען זיכער, אז מיין קאראוואנע וועט האבען גענוג וואסער, דאס נעטהיגסטע אין יענער געגענד. מיר זיינען געפאהרען א גאנצען טאג און עס האט אונז גאר ניט פאסירט. געגען אבענד האבען מיר דערזעהן פון דער וויי־טענס דריי אינדיאנער רייטען. די רייטער זיינען צוגעקומען נעהנטער אין קסא־ווערי׳א האט זיי באלד דערקענט—דאס איז געווען די „שווארצע שלאנג“ מיט זיינע צווייא הויפטלינגע.

איך האב געזעהן די „שווארצע שלאנג“ צום ערשטען מאל אין מיין לע־בען. מיט א יאהר צוריק, ווען ער האט געפאדערט ביי מיר די העלפט פון אלע וואארען, וועלכע מיר האבען מיט זיך געפיהרט, האט קסאוועריא גערעדט מיט איהם. איך האב איהם אבער ניט געזעהן.

איך בין איהם ענטגעגען געפאהרען, האב איהם אויפגענומען זעהר פריינד־ליך און האבען איהם מיט זיינע הויפטלינגע איינגעלאדען צו זיך אין לאגער. איך רעדט זעהר גוט די שפראכע פון די אפאטשי׳ס און האב ניט געדארפט קיין דאלמעטשער. די „שווארצע שלאנג“ איז געפאהרען מיט מיר צו אונז אין לא־גער, וואו אלע האבען איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך. מיר האבען איהם איינגעלאדען צום עסען און איך האב איהם געשענקט צווייא פלאשען ראם און א שאכטעל טאבאק, צווייא זאכען, וועלכע די אינדיאנער האבען זעהר ליעב.

נאכ׳ן עסען האבען מיר אנגעהויבען זיך צו דינגען. מיר האבען זיך ענדליך אויסגעגלייכט אויף פאלגענדע גאנץ לייכטע בעדינגונגען: די „שווארצע שלאנג“ אלס הויפטלינג און סאטשעם (פירסט) פון דאס אפאטשי פאלק, ערלויבט מיר דורכצופאהרען דורך דאס גאנצע אפאטשי לאנד. קיינער טאר מיר ניט שטערן און קיינער טאר ניט אנריהרען מיין פערמעגען און דאס פערמעגען פון מיין קא־ראוואנע. דערפאר דארף איך איהם געבען באלד צוואנציג רויטע דעקען (קאלד־רעס), א קאסטען מיט קאראלען (גלאז קרעלען) און בענדער (לענטעס, ריבאנס) און צעהן לאנגע מעסער. ווען מיר וועלען גליקליך און אונגעשטערט דורכפאהרען די וויסטע, דארף איך איהם געבען פינף ביקסען, א פעסעלע פולווער און א פע־סעלע ראם.

די „שווארצע שלאנג“ איז געווען צופריעדען מיט דיזע בעדינגונגע. מיר

האבען אפגעשלאָסען דעם קאנטראקט און ער האט ארויסגענומען א שטיקעל לע־דער, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט זיין טאָטעם—א שווארצע שלאנג, און האט עס מיר געגעבען. איך בין יעצט געווען זיכער. מיין מוטער האט מיר צוואר געזאגט אויף דייטש, אז איך זאל בעטען א גרעסערע זיכערהייט, איך האב איהר אבער געענטפערט:

— דער טאטעם איז הייליג ביי דיא אינדיאנער. ווען אן אינדיאנער גיט זיין טאָטעם, וועט ער האלטען זיין ווארט פיעל הייליגער, אלס דער ווייסער מענש, וועלכער גיט זיין אונטערשריפט ביי א נאָטאר.

איך האב גענומען דעם טאָטעם און האב איהם אריינגעלעגט אין בוזים קעשענע פון מיין העמד. איך געדענק עס. גלייך וויא עס וואלט היינט געשעהן, אז איך האב געוויעזען דעם טאטעם מיין מוטער און מיין שוועסטער חעלענא.

ווען דער קאנטראקט איז געשלאסען געווארען, האב איך נאך געשענקט דער „שווארצער שלאנג" א האלבעס דוצענד רויטע טאשען טיכער. דיא אינדיאנער פרויען האבען זעהר ליעב אזעלכע טאשענטיכער. דיא „שווארצע שלאנג" האט זיך געוויעזען זעהר פריינדליך און האט איינגעלאדען מיין ברודער ראבערט און דעם מעקסיקאנישען אפיציער צו זיך אין לאגער. ער האט זיי צוגעזאגט, אז ער וועט זיי ברענגען צוריק צו אונז, ווייל מיר האבען מיט זיך שווערע, אנגעלאדענע ווע־גען ער אבער פאהרט אויף דיא לייכטע ווילדע פערד. איך האב ערקלערט, אז זיי, קענען ניט פאהרען מיט איהם, ווייל מיר האבען זעהר ווייניג צייט. דיא „שוואר־צע שלאנגע" האט ניט געענטפערט, האט גענומען אבשיעד פון אונז און איז פערשוואונדען אין דער וויסטע.

דיא נאכט איז פערגאנגען גאנץ רוהיג. מיר זיינען אלע געשלאפען זעהר געשמאק. גאנץ פריה האבען מיר זיך אנגעגרייט וואסער אויף א גאנצען טאָג. מיר האבען געוואוסט, אז מיר וועלען אגאנצען טאג ניט האבען קיין וואסער אויפ'ן וועג און מיר האבען געהאט ביי זיך זיבען און צוואנציג פערד און טויל עזעל.

מיר האבען געהאט א שווערען טאג. דיא זון האט געברענט וויא פייער. דאס זאמד האט זיך צוגליהט און האט אונז פערשאטען דיא מיילער, דיא אויגען, דיא אויערן און דיא נאזלעכער. מיר האבען זיך אפגעשטעלט נור א פאר מאל, האבען געגעבען אונזערע פערד און אונזערע מויל עזעל עפעס צו טרינקען און זיי־נען ווייטער געפאהרען. נאך מיין רעכנונג האבען מיר פאר נאכט געדארפט אנ־קומען צו א גרויסען ברונען.

איך האב דערקענט דעם וועג אן געוויסע צייכענס און בין געווען זיכער, אז דער ברונען געפינט זיך ערגעץ גאר ניט וויט. וויא גרוים איז דאהער געווען מיי־נע איבערראשונג, ווען איך בין צוגעקומען צו דעם ארט און האב ניט געפונען קיין ברונען! איך האב געפונען שפורען פון מענשען און פערד אבער קיין וואסער. איך האב געפונען דיא שטיינער, וועלכע פלעגען שטענדיג ליעגען ארום ברונען.

אבער קיין טראפּען וואסער. אויפ'ן ארט פון דעם גרויסען בעקען, וואו עס פלעגט זיך געפינען דאס ריינע, קלארע קאלטע וואסער האב איך געפונען פייכטען זאמד. עס איז געווען דייטליך, אז מען האט דאס זאמד ערשט ניט לאנג ארויפגעשאָטען אויפ'ן וואסער.

— ווער האט עס דען געטאהן? האב איך געפרעגט זיך אליין, האבען עס געטאהן אינדיאנער אדער ווייסע מענשען? צו וואס פאר א צוועק האט מען פערניכטעט און צערשטערט דעם ברונען? ווער ווייס עס ניט, אז וואסער אין דיעזער געגענד איז דאס טהייערסטע און נעטהיגסטע אויף דער וועלט? וועלכע שלעכטע מענשען האבען עס צערשטערט אזא נעטהיגע זאך?

וואס האט אבער געהאלפען מיין רעדען און מיין פרעגען? איך האב געטרייסט מיך און מיינע פריינד דערמיט, אז אויף דער רייזע פאסירען אזעלכע זאכען. ווען דיעזער ברונען איז צערשטערט, וועלען מיר מארגען נאך מיטאג צור קומען צו אנ'אנדערן גרעסערן ברונען, וואו מיר וועלען שוין האבען גענוג וואסער.

מיר האב אוועקגעגעבען דאס לעצטע ביסעל וואסער, וואס מיר האבען געהאט, אונזערע פערד און אונזערע מויל עזעל. מיר אליין האבען געגעסען, וואס מיר האבען געהאט טרוקענעס און האבען פערטרונקען מיט אביסעל ווין אדער ראָם.

נאכ'ן עסען האבען זיך אלע געלעגט שלאפען, איך אבער האב דיעזע נאכט ניט געקענט שלאפען. איך האב פערשטאנען, אז דא קומט עפּעס פאר, אז דאס איז קיין צופאל, וואס דער ברונען איז פערשאָטען געוואָרען. דאס האבען געטאהן מענשען אומיסטען. איך האב ניט געקענט וויסען, צו וואס זיי האבען עס געטאהן, איך בין אבער געווען זיכער, אז מען האט עס געטאהן אבזיכטליך. איך האב געוואָלט מיך אומקעהרען און האב עס געזאגט מיין פריינד קסאוועריאָ.

— מיר וועלען פערליערען צייט, האט ער מיר געענטפערט, אייער פאטער איז קראנק, ער איז שוין קיין יונגער מאן. ער ערוואַרטעט אייך מיט אונגעדולד. פיעלייכט וויל ער אייך זעהן צום לעצטען מאל. לאמיר ווייטער פאהרען און פערטרויען אויף גאָט.

גאנץ פריה האבען מיר איינגעשפאנט אונזערע מויל עזעל, האבען זיך אויפגעזעצט אויף אונזערע פערד און זיינען ווייטער געפאהרען. דיעזער צווייטער טאג איז געווען פאר מיר פיעל שווערער און פיעל שרעקליכער, וויא דער ערשטער טאג. דיא פערד אונד דיא מויל עזעל זיינען מיעד געווארען, האבען אראפּגעלאזען דיא קעפּ, האבען אויסגעשטרעקט דיא צונגען און האבען געשמאכטעט נאך אביסעל וואסער. מיר מענער און עלטערע פרויען האבען איבערגעטראגען אונזערע ליידען שטילער הייט. מיין אינגערע שוועסטער, מאריא, אבער האט עס ניט געקענט אויסהאלטען און האט עטליכע מאל געבעטען א ביסעל וואסער.

וואס האב איך איהר געקענט ענטפערן? איך האב זיא געטרייסט, אז

נאך אין א פאר שטונדען ארום וועלען מיר צוקומען צו א קוואל מיט פרישעס, קלארעס וואסער.

מיט שווערער מיה און מיט גרויסער נויט האבען מיר זיך ענדליך צוגע־שלעפט צו דעם ארט, וואו דער צווייטער ברונען האט זיך געדארפט געפינען. איך בין געווען זיכער, אז איך פאהר אויפ'ן ריכטיגען וועג. איך האב געזעהן, אז אונזערע פערד און מויל עזעל האבען אנגעהויבען צו געהן שנעלער. זיי האבען אויך געפיהלט, אז זיי געפינען זיך שוין ניט ווייט פון אן ארט, וואו עס איז דא וואסער.

מיין ברודער ראָבערט איז געלאָפען פאראויס. ער איז געריטען אויף א שטארקען, פייעריגען מוסטאנג (א ווילדעס פערד). ער האט ארויסגעלאזען א שרעקליכען געשריי, ווען ער איז צוגעקומען צום ברונען. מיר זיינען אויך באלד צוגעקומען צום ברונען און האבען דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז דיעזער ברונען איז אויך צערשטערט און פערשאטען מיט זאמד.

מיר זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. יעצט איז עס אלעמען געווען קלאר און דייטליך, אז דאס איז קיין צופאל, דאס האבען מענשען געטאהן אומיסטען, אבזיכטליך. מען וויל אונז טויטען דורך דורשט.

— ווער האט עס אבער געקענט טאהן? האט ראָבערט אויסגערופען. הא־בען עס געטאהן דיא אפאטשים?

— דאס קען ניט זיין, האב איך געענטפערט. איך האב דעם טאָטעם פון דער „שווארצער שלאנג“. איך ווייס, אז אן אינדיאנער האלט זיין וואָרט, ווען ער גיט זיין טאָטעם.

וואס האט געהאלפען דאס רעדען? מיר זיינען אלע געווען אזוי מיעד, אז מיר האבען געמוזט זיך אפרוהען. מיר האבען אויסגעשפאנט אונזערע פערד און אונזערע מויל עזעל. דיא ארמע טהיערע האבען זיך באלד געוואָרפען אויף דער ערד און האבען אנגעהויבען צו שאררען דעם פייכטען זאמד מיט זייערע פיס. זיי האבען געזוכט וואסער.

מייגע מענשען האבען געליטען שרעקליך. אונזער צונג איז געוואָרען הארט וויא א ביין אין טרוקען, וויא דאס זאמד פון דער וויסטע. איך האב געזעהן, וויא אלע קוקען אויף מיר. אלע האבען ערוואַרטעט הילפע פון מיר, זייער אנ־פיהרער, זייער וועגווייזער. איך האב געמוזט ווייזען, אז איך האב מוטה, אז איך האב נאך ניט פערלארען דיא האפנונג, אז איך בין זיכער, אז מיר וועלען באלד האבען וואסער.

איך האב דאהער געמוזט מאכען א פרעהליכע מינע, האב געהייסען אויפשלאגען אונזער לאגער און האב בערופען אלעמען אויף א בעראטהונג. איך האב אלעמען ערקלערט אונזער לאגע. געהן צוריק איז אונמעגליך, וויל מיר ווייסען דאך, אז אויף צווייא טעג רייזע האבען מיר קיין וואסער אויפ'ן וועג און מיר זיינען שוין יעצט נוט געווען אימשטאנד אויסצוהאלטען צווייא טעג אהן

וואסער. עס בלייבט אונז אלזא איבעריג צווייא וועגען. מיר זאלען ווייטער פאהרען, מארגען נאך מיטאג, שפעטעסטענס פאר נאכט, מוזען מיר אנקומען צו א קליינעם זעע (אַזיעראַ), וועלכען מען האט ניט געקענט פערשיטען, ווייל ער איז קיין געגראָבענער ברונען, זאנדערן א נאטירליכער בעקען וואסער. דער צווייטער וועג איז צום גרויסען זעע (אַזיעראַ) „אגווא ווערדע", וועלכער ליעגט א טאג רייזע אן א זייט.

ווען מיר פאהרען גלייך, פערליערען מיר קיין צייט. ווען מיר פאהרען אבער צום זעע „אגווא ווערדע", פערליערען מיר צווייא טעג רייזע, א טאג אהין און א טאג צוריק.

יעדער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג, וויא ער האט עס פערשטאנען. דער מעקסיקאנישער אפיציער, וועלכער איז שוין איינמאל געפאהרען אויף דיעזען וועג, האט געראטהען, אז מיר זאָלען ווייטער פאהרען.

— דער קליינער בעקען וואסער דארף זיין גאר ניט וויט פון דאנען, האט ער געזאגט, איך דענק, אז ווען מיר זאָלען זיך אביסעל אפרוהען און זאָלען פאה־רען בייא נאכט, וועלען מיר גאנץ פריה אנקומען צו איהם.

קסאַווריאַ האט אויך געזאגט, אז מיר זאָלען ווייטער פאהרען. ער איז אויך געווען זיכער, אז מיר וועלען באלד צוקומען צום קליינעם זעע און דאָרט וועלען מיר שוין האבען וואסער, וויפיעל מיר וועלען דארפען.

מיר האבען זיך בעראטהען א לענגערע צייט און האבען ענדליך בעשלאָ־סען איבערצולאזען דיא וועגען מיט אלע שווערע פעק דא אויפ'ן אָרט און פאר טאג זאָלען מיר זיך אויפזעצען אויף אונזערע פערד און זאָלען צו לויפען צום וואַ־סער. דאס איז געווען דאס איינציגע, וואס מיר האבען געקענט טאהן אין אונ־זער שרעקליכער לאַגע. דיא מויל עזעל, וועלכע האבען ביז אהער געשלעפט דיא שווערע וואגענס, זיינען געווען אזוי מיעד און אזוי שוואך פונים שווער ן וועג, אז זיי האבען זיך קוים געקענט ריהרען.

מיר האבען צוגעבראכט א שרעקליכע נאכט, ריכטיגער געזאגט, עטליכע שרעקליכע שטונדען פון דער נאכט, ווייל פאר טאג האבען מיר אויפגעשטעלט אונזערע וועגען אין א האלבען קרייז און האבען דארט אַניעדערגעלעגט אלע אונ־זערע שווערע זאכען. מיר האבען געוואלט אויפזעצען זיך אויף אונזערע פערד און פאהרען צום וואסער.

אזוי וויא מיין ברודער ראָבערט און קסאַווריאַ זיינען גערימען אויף מוס־טאנגס, ווילדע פערד פון דער וויסטע, וועלכע זיינען געוואוינט איבערצוטראגען דורשט לענגער וויא פערד, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען אין א שטאדט, האט קסאַווריאַ געזאגט, אז ער מיט ראָבערט'ן ווילען פאהרען פאראויס. זייא וועלען מיטנעהמען טעפ מיט פלעשער מיט זיך, וועלען זיי אנשעפען מיט וואסער און וועלען זייא ברייגגען צו אונז.

האב איך דען געקענט עפעס האבען דאגעגען? האב איך דען געקענט

עפעס איינוועגדען דאנעגען? קסאוועריא איז דאך מיין בעסטער פריינד און ראך בערט איז מיין ליעבער, טהייערער ברודער. ער איז נאך צוואר זעהר יונג, ער קען שוין אבער זיין שטעדטעל בעשטעהן.

— איך וועל אויך מיטפאהרען! האט אויסגערופען דער מעקסיקאנישער אפיציער.

ער האט זעהר געליעבט זיין יונגע פרוי און האט ניט געקענט זעהן, וויא זיא ליידעט. ער האט עס גערעכענט פאר א גליק, ער זאל קענען ערלייכטערן איהרע ליידען מיט איינינע מינוט פריהער. זיין פרוי האט צוואר געוויינט און איהם געבעטען, ער זאל בלייבען ביי אונז; זיא וועט בעסער ליידען דורשט נאך א שטונדע, נור אום זיך ניט צו שיידען פון איהר געליעבטען מאן. דער אפיציער אבער האט איהר ניט געהערט. ער האט גערעכענט, אז אין א שטונדע ארום וועט ער צוריק קומען און וועט איהר ברענגען פרישעס, קיהלעס וואסער.

עס איז נאך געווען א פאר שטונדען צו טאג, ווען קסאוועריא, מיין ברודער און דער מעקסיקאנער אפיציער זיינען אוועקגעפאהרען. איך האב געוואלט הייסען דיא איבעריגע זיך אויפזעצען אויף דיא פערד און זייא נאכפאהרען. דיא פרויען אבער אין אונזער לאגער זיינען געווען אזוי שוואך, אז זיי האבען זיך קוים געקענט ריהרען. איך האב דאהער בעשלאסען, מיר זאלען ווארטען, ביז דיא דרייא וועלען צוריק קומען. אבער שטונדע נאך שטונדע זיינען פערגאנגען און זיי זיינען ניט צוריק געקומען. דיא שטערן זיינען בלייך געווארען אויפ'ן בלויען הימעל, פון אסטען (מזרח) איז געקומען א ליכטיגקייט. עס האט אנגעהויבען צו טאגען און דיא דרייא רייטער זיינען ניט צוריקגעקומען.

מיר זיינען געווארען אונרוהיג. מיין שוועסטער העלענא האט ארומגענר־מען אונזער מוטער און האט געוויינט. דיא פרוי פונ'ם מעקסיקאנישען אפיציער האט זיך געריסען פאר דיא האר, פאר וואס זיא האט געלאזען איהר מאן פאה־רען אהן איהר. מיינע מויל עוזעל טרייבער און דער קויפמאן זיינען געזעססען אויפ'ן טרוקענעם זאמד, דיא קעפ אראפגעלאזען אויף דער ברוסט, טרויעריג און פערטראכט.

פריינדע! מיר ווייסען אלע, וואס עס הייסט ליידען דורשט. זייט דיא „ראפינא" איז אונטערגאנגען, האבע מיר אלע געליטען הונגער און דורשט און ווייסען זעהר גוט, וויא שרעקליך עס איז. דיעזע שמערצען זיינען אבער גאר ניט אים פערגלייך מיט ליידען דורשט אין דער וויסטע. ווען איינער ליידעט דורשט אויפ'ן מעער, האט ער ארום זיך וואסער, פייכטקייט וועניגסטענס, אין דער וויסטע אבער האט ער ארום זיך זאמד, וועלכעס קריעכט איהם אריין אין מויל, אין דיא נאז לעבער, אין דיא אויגען און אין דיא אויערן. דאס מויל ווערט פול מיט זאמד, דיא צונג און דער גומען ווערן בעדעקט מיט זאמד און דער מענש קען ניט ריהרען מיט דיא פערברענטע און פערשטויבטע ליפען. אך, פריינד! איך קען אייך ניט בעשרייבען, וואס איך האב איבערגעליטען אין יענע עטליכע שטונדען.

דיא זון איז אויפגעגאנגען און אונזערע דרייא פריינד זיינען ניט צוריקגעקר־מען. איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טאהן. ביז אהער האב איך מיך גע־שטארקט און האב מיך פערשטעלט פון מיינע מענשען, יעצט האב איך עס מעהר ניט געקענט. דיא פרוי פון'ם מעקסיקאנישען אפיציער איז געפאלען פאר מיר אויף דיא קניע, האט געוויינט, האט געבראכען דיא הענד און האט געבעטען, איך זאל איהר אבגעבען איהר מאן.

איך האב געהייסען זיך אויפזעצען אויף דיא פערד און ווייטער פאהרען, קיינער האט זיך אבער ניט געקענט ריהרען. מיר האבען געשלאגען און גע־שטויסען אונזערע פערד און אונזערע מויל עזעל, זיי האבען אבער ניט געקענט זיך אויפהייבען פון'ם ארט.

אין דער פערצווייפלונג האב איך געהייסען מיינע מויל עזעל טרייבער, זיי זאלען בינדען איינעם פון דיא מויל עזעל, זאלען איהם עפענען דיא אדערן פון האלז און זאלען אויפנעהמען זיין בלוט אין א שיסעל. מיר האבען בענעצט אונ־זערע צונגען מיט'ן בלוט און האבען בענעצט דערמיט דיא מיילער און דיא נאז לעכער פון דיא פערד און דיא מויל עזעל.

מיר האבען זיך א ביסעל דערפרישט און האבען ארויפגעזעצט דיא פרויען אויף דיא שטארקסטע פערד, דיא מענער זיינען געגאנגען צו פוס. מיר האבען זיך געשלעפט לאנגזאם, טריט ביי טריט, מיט אלע אונזערע קרעפטע. מיר הא־בען געמוזט שלאגען דיא פערד און זיי שלעפען מיט גוואלד. דאס האט אונז נאך מעהר מיעד געמאכט.

קוים זיינען מיר אוועקגעגאנגען עטליכע הונדערט שריט, האט זיך איינער פון מיינע מויל עזעל טרייבער אניעדערגעלעגט און האט געזאגט, אז ער קען ווייטער ניט געהן. איך האב מיך אנגעבויגען צו איהם און האב איהם געבעטען מיט טרערען אין דיא אויגען, ער זאל ווייטער געהן מיט אונז. ער האט אנגעהויבען מיך צו שילטען און מיך צו זידלען, פאר וואס איך האב איהם פערפיהרט אין דער וויסטע, ער זאל דא שטארבען פאר דורשט.—מיין רעדען, מיין וויינען און מיין בעטען האבען ניט געהאלפען. דער אונגליקליכער איז געבליעבען ליעגען אין הייסען זאמד און האט זיך ניט געוואלט ריהרען.

איך האב אראפגענומען א דעק פון א מויל עזעל, האב זיא ארויפגעוואר־פען אויפ'ן אונגליקליכען און האב איהם געלאזען ליעגען אין זאמד. מיר האבען זיך ווייטער אוועקגעשלעפט א פאר הונדערט שריט. פלוצלונג האט אן אנדערער פון מיינע עזעל־טרייבער, א מאן פון א יאהר פיערציג, אנגעהויבען צו זינגען און צו לאכען.

— אט איז דאך וואסער! האט ער געשריען און געלאכט. פאר וואס טרינקט איהר ניט?

ער האט זיך צו לאכט מיט א ווילדען, אונמענשליכען געלעכטער, האט אנ־געהויבען צו טאנצען און איז אניעדער געפאלען אויפ'ן זאמד, וויא א בוים, וועל־

בען מען האט אונטערגעזעגט. דיעזע סצענע האט געמאכט אויף אונז א שרעק־ליכען איינדרוק. דיא פרויען האבען געוויינט, וויא דיא קליינע קינדער, דיא מע־נער זיינען געשטאנען ארום ביין און ווילד. איך האב יעדע מינוט געטראכט, אז איך ווער אויך וואהנזיניג.

ענדליך האבען מיר געמוזט ווייטער געהן. דיא פרויען זיינען געווארען אזוי שוואך, אז מיר האבען געמוזט זיי צו בינדען צו דיא פערד. דיא אונגליקליכע פרוי פונ'ם מעקסיקאנער אפיציער איז געפאלען אין אהנמאכט און איז געלעגען אויף איהר פערד, וויא טויט. איך בין דערמיט צופריעדען געוועזן, ווייל דיא אונ־גליקליכע פרוי האט ניט געליטען, וויא מיר, אויסער דעם האב איך מעהר ניט געהערט איהרע קרעכצען און זיפצען:

— מיין מאן! מיין ענריקא! וואו ביסט דוא ענריקא?

פון אלע פרויען האט זיך נור מיין שוועסטער העלענא געהאלטען אם שטארקס־טען. זיא האט פערגעסען איהרע אייגענע ליידען און האט געקוקט אין אלע זייטען. איהר אויגען האבען געזוכט איהר ברודער ראבערט. איך האב איהם אויך געזוכט. איך האב אויך ניט געקענט פערשטעהן, וואס מיט איהם איז געשעהן און בין אויך געוועזן זעהר אונרוהיג.

איך וויל אייך ניט טרויעריג מאכען און אייך דערצעהלען, וואס ווייטער איז געשעהן. איך וועל אייך זאגען אין קורצען, אז ביז מיטאג זיינען געפאלען זעקס פערד און פיער מענשען.

נעגען מיטאג האט זיך געוויעזען גראז אין דער וויסטע און מיר האבען אנ־געהויבען צו פיהלען פייכטקייט אין דער לופט. אלע זיינען געווארען לעבעדיגער, זאגאר דיא פערד און דיא מויל עזעלן האבען אויפגעהויבען דיא קעפ און האבען אנגעהויבען צו אטהמען פרייער. זיי האבען געשעפט דיא פייכטע לופט מיט זייע־רע נאזלעכער.

אלע האבען אויפגעהויבען דיא אויגען און האבען געקוקט פארווערטס, ווייט פון אונז האט זיך געוויעזען א בערג, אונטער דיעזען בערג האט זיך געפונען דער קליינער טייך פון פרישעס, קלארעס וואסער, וועלבע דיא אינדיאנער האבען גערופען „דער ברונען פון דעם גרויסען גייסט", אדער דער ברונען פון גאט. זיי גלויבען, אז גאט אליין טרינקט פון דיעזען ברונען, ווען ער שפאציערט אמאל אין דיעזער וויסטע.

דיעזער „ברונען פון גרויסען גייסט" איז איינער פון דיא גרעסטע וואונדער פון אמעריקא. שטעלט אייך פאר א גרויסען שטיינערנעם בעקען אדער רעזער־וואר טיעף אין דער ערד. דיעזער בעקען איז איינגעפאסט אין הויבע שטיינער וועלבע בילדען דיא ווענד פונ'ם בעקען. פון צייט צו צייט זעצט ארויס פון א שפאלט אין שטיין א שטראם קאלטעס, פרישעס און קלארעס וואסער; דאן פער־שווינדעט דיעזער שטראם. דאס וואסער אין בעקען בלייבט איבער און הויבט אן אויסצוטריקענען. פלוצלונג קומט א נייער שטראם און פילט ווידער אן דעם בעקען.

פון וואנען קומט יעדעס מאל דער שטראָם קאלטעס וואסער? וואוהין ווערט עס פערשוואונדען? פאר וואס פליעסט ער ניט בעשטענדיג?—דאס ווייס קיינער ניט. דיא אפאטשי׳ס זאגען, אז דאס וואסער קומט פון דעם גרויסען זעע (אָזיערא) „אגוואוועררע". זיי דערצעהלען, אז דער גרויסער גייסט איז אמאל ארומגעגאנגען אין דיעזע געגענדען און איז געווארען דורשטיג. ער האט זיך גע־זעצט אויפ׳ן שטיין, האט א קלאפּ געטאהן מיט׳ן פיס. עס איז באלד געווארען דער טיעפער בעקען און דאס וואסער פון „אגוואַ ווערדע" איז צוגעקומען אהער. דערפאר רופען זיי דיעזעס וואסער „דער ברונען פונ׳ם גרויסען גייסט".

צו דיעזען ברונען האבען מיר זיך יעצט געצויגען. מיר זיינען געווען זיכער, אז באלד וועלען מיר שטילען אונזער שרעקליכען דורשט. באלד וועלען זיך ענ־דיגען אלע אונזערע ליידען. אלע זיינען לעבעדיג געווארען, אלע זיינען פרעהליך געווארען. אלע האבען פלוצלונג בעקומען נייע קרעפטע.

איך האב אייך שוין דערצעהלט, אז דער „ברונען פונ׳ם גרויסען גייסט" איז ארומגערינגעלט פון בערגלעך. מיר האבען זיך יעצט ארויפגעשלעפּט אויפ׳ן לעצטען בערגעל. פון דיעזען בערגעל האבען מיר געקענט איבערזעהן דיא גאנצע געגענד.

ווען מיר זיינען ארויפגעקומען אויפ׳ן בערגעל, האב איך דערזעהן, אז ארום דעם ברונען פונ׳ם גרויסען גייסט האבען דיא אפּאטשי׳ס אויפגעשלאגען זייערע געצעלטען. איך האב מיך דערפערעהט. איך האב דאך געוואוסט, אז דיא אפּאט־שי׳ס זיינען מיינע פריינד. איך האב דאך דעם טאָטעם פון זייער פירסט, דיא „שווארצע שלאנג".

איך קען אייך ניט בעשרייבען, וויא גרויס עס איז געווען מיין פרייד, ווען איך האב דערזעהן צווישען דיא אינדיאנער מיין פריינד קסאָווערייאָ.

— ווען קסאָווערייאָ איז דארט, געפינען זיך דארט געוויס מיין ברודער ראָ־בערט און דער מעקסיקאנער אפּיציער.

עס איז מיר צוואר געווען א וואונדער, פאר וואס מיין ברודער און דער מעקסיקאנער לויפען ניט מיר ענטגעגען, פאר וואס זיי ברענגען מיר ניט קיין וואַ־סער. עס איז מיר ווידער געווען א וואונדער, פאר וואס מיינע פריינד, דיא אפּאטשי׳ס, בעגריסען מיך ניט, וויא עס איז זיטע (מנהג) ביי דיא אינדיאנער. עס איז אבער קיין צייט געווען פיעל צו טראכטען. איך האב געזעהן, וויא דיא אינדיאנער רויבען, רעדען איינער מיט׳ן אנדערן, געהן ארום זייערע פערד און מאכען זיך, גלייך וויא זיי וואלטען אונז ניט געזעהן. דאס האב איך אויך קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן.

מיינע מענשען האבען זיך צוגעשלעפּט צו מיר איינער נאכ׳ן אנדערן. איך האב מיך געווענדעט צו זיי און האב זיי געזאגט:

— פריינדע! זייט פארזיכטיג, טרינקט ניט מיט אמאל, דאס קען אייך שאדען. טרינקט צו ביסלעכווייס. רוהט אייך אפּ פון איין מאל טרינקען ביז דעם אנדערן מאל.

יאן האבען מיר אנגעהויבען זיך אראפצולאזען פון בערגעל און לויפען צום וואסער.

— הא־ט! שטעהט! האבען אויסגערופען אייניגע אינדיאנער.

זיי האבען זיך ארומגעשטעלט ארום ברונען און האבען אונז ניט צוגעלא־זען צום וואסער. דיא אונגליקליכע פערד און מויל־עזעל האבען אויסגעשטרעקט דיא העלזער צום וואסער, דיא אינדיאנער אבער האבען זיי געשלאגען און געטריבען צוריק. איך בין צוגעקומען צו קסאווריא און האב איהם געפרעגט:

— וואס איז דאס? פאר וואס האט איהר אונז ניט געבראכט קיין וואסער?

קסאווריא האט פערצויגען מיט דיא אקסלען, האט זיך אוועקגעקעהרט פון אונז און האט מיר גאר ניט געענטפערט.

איך בין געבליעבען שטעהן ערשטוינט, איבערראשט, דערשראקען, צומישט און אויסער זיך. איך האב גאר ניט געקענט פערשטעהן, וואס דא קומט פאר. איך האב נאך ניט פערשטאנען דיא שרעקליכע ווארהייט. באלד אבער בין איך אלעס געוואהר געווארען. איינער פון מיינע בעסטע און שטארקסטע פערד האט זיך דורכגעריסען דורך דיא אינדיאנער און האט געוואלט אריינשטעקען דעם קאפ אין וואסער. דיא „שווארצע שלאנג" האט ארויסגעהאפט זיין טאמאהאק, האט איהם אויפגעהויבען אין דער הויך און האט איהם אראפגעלאזען מיט זיין גאנצער קראפט אויפ'ן קאפ פון'ם אונגליקליכען פערד. ער האט איהם צושפאלטען דעם קאפ אויף צווייען. דאס פערד איז אניעדערגעפאלען טויט פאר אונזערע פיס.

— וואס האסט דוא געטאהן? האב איך אויסגערופען.

דיא „שווארצע שלאנג" האט אויפגעהויבען דעם פערבלוטיגטען טאמאהאק פון'ם טויטען פערד און האט זיך אניעדערגע־שטעלט געגען אונז.

טאמאהאק איז אנ'אינדיאנישע וואפע. זיא ווייזט אויס, וויא א האמער, איז אבער פון איין זייט שארף, וויא א ראזיר מעסער. פאר דיא טאבאק געשעפטען אין ניו יארק קען מען זעהן זעהר אפט א הילצערנע פיגור פון א אינדיאנער מיט א טאמאהאק אין דיא הענד.

דיא „שווארצע שלאנג" האט געדרעהט מיט'ן טאמאהאק און האט אויסגערופען פול צארן:

— אוועק פון דאנען, איהר בלייכע הינט! דער גרויסער גייסט (גאט) האט געגעבען דיעזעס וואסער צו זיינע רויטע קינדער. דיא בלייכע געזיכטער דארפען ניט צוגעהן צום וואסער. ווער עס וועט צוגעהן, דעם וועל איך צושפאלטען דעם קאפ, וויא איך האב צושפאלטען דעם קאפ דיעזעס פערד.

— וואס רעדסט דוא, סאטשעם (פירסט)? האב איך אויסגערופען, איך האב דאך אפגעשלאסען מיט דיר א קאנטראקט! איך האב דאך דיין טאטעם? דוא האסט דאך מיר געגעבען דיין ווארט און דיין צייכען (טאטעם), אז איך מעג דורכפאהרען דורך דיין לאנד?

דיא „שווארצע שלאנג" האט אויף מיר געווארפען א שטרענגען בליק און האט געזאגט שטאלץ:

— דיא „שווארצע שלאנג" איז א גרויסער סאטשעם (פירסט), וואס איך האב געזאגט איז הייליג. ווען דוא האסט מיין טאטעם, דאן מענסט דוא פאהרען אין מיין לאנד און קיינער וועט דיר ניט שטערן. וויז מיר מיין טאטעם און איך וועל דיר פערגיטען פאר אלעס.

איך האב מיך געהאפט צו דער בוזים קעשענע און האב געוואלט ארויסנעהמען דאס שטיקעל לעדער מיט'ן צייכען פון דער „שווארצער שלאנג". איך האב עס ניט געפונען! דאס שטיקעל לעדער, מיין פאספארט איז פערשוואונדען! צופעלינער וויזע האב איך אקוק געטאהן אויף מיין פריינד קסאווערא און האב דערזעהן א ווילדען, בייזען, אונמענשליכען שמייכעל אויף זיין געלעס געזיכט. יעצט האב איך אלעס פערשטאנען. איך האב דערזעהן דיא שרעקליכע ווארהייט: קסאווריא האט אונז פערראטהען! קסאווריא האט ביי מיר ארויסגעגנב'עט דעם טאטעם! קסאווריא האט אונז פערפיהרט! קסאווריא איז דיא אורזאכע פון אלע אונזערע ליידען. און דיעזער קסאווריא האט ביי מיר אוועקגערויבט מיין גומען, ליעבען, טהייערן ברודער ראבערט! יעצט האב איך שוין געוואוסט, פאר וואס ראבערט מיט'ן מעקסיקאנישען אפיציער זיינען ניט צוריקגעקומען מיט וואסער. מען האט זיי געטייטעט אדער מען האלט זיי געפאנגען. איך האב זעהר גוט געקענט מיין גוטען ברודער. איך האב געוואוסט, אז ראבערט וואלט דורכגעבראכען וועגד, אום צו רעטען אונזער מוטער און אונזערע צוויא שוועסטער. איך האב ווייטער געוואוסט, אז דער מעקסיקאנער אפיציער האט פערגעטערט זיין יונגע פרוי. איך האב געהאט גענוג געלעגענהייט צו בעמערקען, אז ער ליעבט זיא מיט דער גאנצער קראפט פון זיין פייעריגען, מעקסיקאנישען כאראקטער. ווען ער האט איהר ניט געבראכט קיין וואסער, האט איהם געווים געטראפען אנ'אונגליק.

— פאר וואס האב איך עס ביז אהער ניט פערשטאנען? האב איך אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין מיין שטימע.

וואס האט מיר אבער יעצט געהאלפען מיין פערצווייפלונג? דיא אינדיאנער זיינען געשטאנען ארום דעם ברונען, וויא אנ'אייזערנע וואנד. מיר האבען געזעהן, וויא פון צייט צו צייט קומט אן א גרויסע וועללע (כוואליע), גיעסט זיך אריין אין שטיינערנעם בעקען און ווערט פערשוואונדען. מיר האבען געפיהלט דעם גערויך פון פייכטינקייט, מיר האבען געשמעקט דאס וואסער, מיר האבען אין זיך אריינגעצויגען דאס וואסער און האבען עס דאך ניט געקענט אנריהרען.

ענגעלמאן האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט און צוויא גרויסע הייסע טראפען טרערן האבען זיך אראפגעקייקעלט פון זיינע באקען און זיינען אראפגעפאלען אין באאט. אייניגע מינוטען האט ער געשוויגען. מיר האבען ניט געוואגט איהם צו שטערן און האבען אויך געשוויגען. ענדליך איז ער

נעקומען צו זיך, האט זיך אפגעווישט דיא טרערן פון דיא אויגען און האט ווייטער דערצעהלט.

איך האב יעצט אלעס געוואוסט און האב זיך געווענדעט צו דער „שווארצער שלאנג״.

— מא־קא־טעה! האב איך אויסגערופען (מא־קא־טעה הייסט אויף דער אינדיאנער שפראכע שווארצע שלאנג״). — מא־קא־טעה! האב איך אויסגערופען, איך ווייס, אז דוא ביזט א פיינד פון דיא בלייכע געזיכטער, איך ווייס אבער, אז דוא ביסט א גרויסער סאטשעם (פירסט) און דיין ווארט איז ביי דיר הייליג. וויל דער סאטשעם פון דיא אפאטשים מיך אויסהערען?

— מיינע אויערן זיינען אפען, דער מאן מיט׳ן בלייכען געזיכט מעג רעדען, האט דיא „שווארצע שלאנג״ געענטפערט.

— דיא „שווארצע שלאנג״ האט מיט מיר אפגעשלאסען א קאנטראקט אים נאמען פון׳ם גרויסען אפאטשי פאלק, אז איך מעג דורכגעהן דורך זיין לאנד, ווען איך וועל איהם בעצאהלען א געוויסען פרייז. דיא העלפט פון דיעזען פרייז האט ער שוין ערהאלטען. וויל דער סאטשעם עס אפלייקענען?

— דיא רויטע מענער רעדען ניט מיט צווייא צונגען (פאלש), וויא דיא הינט מיט דיא בלייכע געזיכטער, האט דער אפאטשי פירסט געענטפערט, איך האב מיט דיר אפגעשלאסען א קאנטראקט און האב דיר געגעבען מיין טאטעם. וואו איז ער?

— דער טאטעם? האב איך אויסגערופען, דיעזער שורקע, דיעזער פערדעטהער האט ביי מיר ארויסגע׳גנב׳עט דיין טאטעם.

איך האב געוויעזען אויף קסאווריא, וועלכער איז געשטאנען פון דער ווייטען און האט זיך צוגעהערט צו יעדער ווארט, וואס איך האב געזאגט. ער איז צוגעלאפען צו מיר און האט א געשרייא געטאהן:

— ליגנער! טויגעניכטס! איך האב ביי דיר גאר נישט גע׳גנב׳עט.

— וויא דען קומסט דוא אהער? האב איך געפרעגט?

— דיא רויטע מענער זיינען מיינע פריינד און מיינע פערוואנדטע, האט ער געענטפערט. זיי זיינען עדעלע מענער און גרויסע קריעגער.

— ווען זיי זיינען עדעלע מענער, פאר וואס האלטען זיי ניט זייער ווארט?

— וואס רעדט דער מאן מיט׳ן בלייכען געזיכט? האט דיא „שווארצע שלאנג״ געפרעגט מיט צארן,—וואס האט אייך דען פערשפראכען דער סאטשעם פון דעם אפאטשי פאלק?

— ער האט אונז פערשפראכען דורכצולאזען פריי דורך זיין לאנד. קיינער וועט ניט אנריהרען אונזער פערמעגען און אונזער לעבען וועט זיין זיכער.

— און אפאטשי האלט זיין ווארט, האט דער אינדיאנער געענטפערט שטאלץ, דיא בלייכע געזיכטער מעגען געהן און פאהרען, וואוהין זיי ווילען. קיינער וועט זיי ניט אנריהרען.

— דאן לאזט אונז צו צום וואסער, האב איך אויסגערופען, לאזט אונז זיך דערקוויקען מיט'ן פרישען וואסער. ווען מיר וועלען זיך פיהלען געשטארקט, ווע־לען מיר געהן נעהמען אונזער פערמעגען, וועלכעס מיר האבען געלאזען ניט ווייט פון דאנען. מיר וועלען אייך גוט בעלוינען, ווען איהר וועט אונז העלפען צוגויפ־נעהמען אונזערע זאכען.

— וואסער וועלען מיר אייך ניט געבען, ווייל פון וואסער האבען מיר ניט גערעדט, ווען מיר האבען אפגעשלאסען דעם קאנטראקט. דער „ברונען פון'ם גרויסען גייסט" געהערט נור צו דיא רויטע מענער. דיא בלייכע געזיכטער מע־גען זיך זוכען וואסער, וואו זיי ווילען.

— אבער, סאטשעם, מיר קענען דאך ווייטער ניט געהן! האב איך אויס־גערופען, מיר פערשמאכטען! מיר שטארבען פון דורשט! גיב אונז וואסער! האב מיטליידען מיט אונז! מיר וועלען דיר בעצאהלען דרייא מאל, פיער מאל אזוי פיעל, וויא מיר האבען אפגערעדט, נור גיב אונז וואסער.

— דיא רויטע קינדער פון דער וויסטע דארפען ניט אייער פערמעגען, האט דער אפאטשי געענטפערט, זיי נעהמען נור, וואס זיי געפינען אויפ'ן זאמד און אין וואלד.

אין דער צייט, וואס איך האב גערעדט מיט דער „שווארצער שלאנג", האט זיך דער קויפמאן, וועמעס ווארע איך האב געפיהרט, ניט געקענט איינהאלטען. ער האט ניט פערשטאנען אווארט פון דער אפאטשי שפראכע און האט ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס איך רעד אזוי לאנג אין דער צייט, ווען מיר זעהן פאר אונז אזוי פיעל וואסער. ער האט זיך דורכגעשלאגען דורך דיא אפאטשי'ס, איז געפאלען אויף דיא קניע און האט אראפגעלאזען דעם קאפ אין וואסער. אין דיעזע מינוט האט איהם אן אינדיאנער אזע'ן געטאהן מיט זיין טאמאהאק אי־בערן קאפ. דער אונגליקליכער קויפמאן האט געגעבען א שרעקליכען געשריי און איז געבליעבען ליעגען טויט.

יעצט האבען מיר זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען. מיר האבען געחאפט אונזערע ביקסען און האבען געוואלט שיעסען דיא אפאטשים.

— נעהמט צו ביי זיי זייערע וואפען! האט קאמאנדירט דיא „שווארצע שלאנג",—בינדעט זיי!

וואס האבען מיר, עטליכע מענשען, געקענט מאכען געגען הונדערט אינ־דיאנער? איידער מיר האבען זיך אומגעקוקט, זיינען מיר געליעגען געבונדען, וויא דיא לעמער. מען האט אונז אניעדער.געלעגט אויפ'ן זאמד מיט אונזערע געזיכטער צום וואסער. מיר האבען געזעהן פאר אונז דאס פרישע, קאלטע וואסער און האבען זיך ניט געקענט ריהרען. אונזערע פערד און מויל עזעל האט מען מיט שטעקענס אוועקגעטריעבען פון וואסער.

דיא אפאטשי'ס האבען זיך ארומגעשטעלט ארום אונז און דיא „שווארצע שלאנג" האט געזאגט אין דער הויך:

— פאלשע ניעדעריגע בלייבע געזיכטער מיט צוויא צונגען! דיא רויטע קינדער פונ'ם גרויסען גייסט האבען אייך אריינגעלאזען אין זייער לאנד און האבען אייך אויפגענומען, וויא ברידער. מיט וואס האט איהר זיי בעלוינט פאר זייער גאסט פריינדשאפט?—איהר האט צוגענומען זייער לאנד! איהר האט אונז פערטריעבען פון אונזערע גרינע וועלדער און פון אונזערע שעהנע, מיט בלומען בעדעקטע פעלדער. איהר האט אונז איבערגעלאזען נור דיא וויסטע, דאס ערגסטע לאנד. דאס גרויסע און שטארקע פאלק פון דיא אפאטשי'ס ווילען זיין גערעכט נעגען אייך. דער סאטשעם פון דיא אפאטשי'ס האלט זיין ווארט. ער לאזט אייך דורכפאהרען דורך זיין לאנד, ער גיט אייך אבער קיין וואסער. וייל אזוי שטעהט אין דעם קאנטראקט, וועלכען מיר האבען אפגעשלאסען.

ביי דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען דאס שטיקעל לעדער, דעם טאָטעם, וועלכען ער האט מיר געגעבען, און האט איהם מיר געוויעזען.

— אָט איז מיין טאָטעם! האט ער אויסגערופען, לאזען דיא בלייבע געזיכטער ניט זאגען, אז אן אפאטשי האט ניט געהאלטען זיין ווארט.

— פאלשער בעטריעגער! האב איך אויסגערופען, דוא האסט אונז פערפיהרט, דוא האסט אונז אפגענארט! דוא האסט אונז בעשווינדעלט! קיין עהרליבער מענש וועט מעהר ניט גלויבען קיין אפאטשי. דוא האסט געבראכט שאנדע און פעראכטונג אויף דיין פאלק.

— מיין זוהן! מיין קינד! האט געשריען מיינע מוטער — וואו האט איהר אהינגעטאהן מיין קינד? וואו איז מיין ראָבערט?

— דוא וועסט איהם באלד זעהן, האט דיא „שווארצע שלאנג" געזאגט.

ער האט אווינק געטאהן צו זיינע קריעגער און זיי האבען געבראכט צו שלעפען צוויא פעל פון ביזאנס. אין איין פעל איז געווען איינגעוויקעלט און פערבונדען מיין אונגליקליכער ברודער ראָבערט און אין דער אנדערער פעל איז געווען פערבונדען און פערוויקעלט דער מעקסיקאנישער אפיציער. אין זייערע מיילער האבען געשטעקט גרויסע שטיקער העלצער, זיי זאָלען ניט קענען שרייען. מיין מוטער, מיינע שוועסטער, העלענא און מאריא און דיא פרוי פונ'ם מעקסיקאנישען אפיציער האבען אנגעהויבען צו וויינען און צו שרייען, זוען זיי האבען דערזעהן דיא געזיכטער פון זייערע געליעבטע. מיר האט עס אויך פערקלעמט ביים הארצען, איך האב געוויינט, וויא א קליין קינד און האב אויסגערופען:

— טייפעל! מערדער! רויבער! וואס האבען אייך געטאהן דיעזע צוויא מענשען? פאר וואס האלט איהר זיי געבונדען?

— זיי זיינען מענשען מיט בלייבע געזיכטער, האט דער אינדיאנער געענטפערט, און אלע מענשען מיט בלייבע געזיכטער זיינען דיא פיינד פון דיא רויטע מענער.

— וואס האט איהר אבער צו א קינד, וויא מיין ברודער ראָבערט? ער וויים דאך פון גאר נישט.

— אלע בלייבע געזיכטער ווילען צונעהמען דאס לאנד פון דיא רויטע מע־נער, האט דער ווילדער אפאטשי גענטפערט. אלע בלייבע געזיכטער דארפען שטארבען.

מיט דיזע ווערטער האט ער זיך אויסגעדרעהט און האט געהייסען זיינע קריעגער, זיי זאלען זיך שטעלען קאבען זייער נאכט עסען.

עס איז געווארען שפעט. דיא זון האט אנגעהויבען אונטערצוגעהן. דיא אינדיאנער האבען צולעגט גרויסע פייערן און האבען אנגעהויבען צו בראטען גרוי־סע שטיקער פלייש פון ביזאנס. מיר האבען געהערט דעם גערוך פונ׳ם געבראָ־טענעם פלייש און האבען איינגעזווינגען דיא פייכטקייט פונ׳ם וואסער. דיא פרויען האבען געוויינט, דיא מענער האבען געקרעכצט און געזיפצט. אונזערע ליידען זיי־נען געווארען מיט יעדער מינוט שרעקליכער און אונערטרעגליכער.

— וואסער! וואסער! א טראפען וואסער! האבען געקרעכצט און גע־זיפצט אלע ארום מיר.

דיא זון איז אונטערגאנגען. עס איז געווארען פינסטער. דיא פייער פון דיא אינדיאנער האבען געווארפען זייער רויטען שיין אויף אונזערע בלייבע, אויסגע־צעהרטע געזיכטער. איך האב ניט געקענט אויסהאלטען און האב אנגעהויבען צו רופען קסאווריא און איהם צו בעטען, ער זאל רעטען מיין מוטער און מיינע שוועסטער. אייניגע צייט האט ער זיך ניט אומגעקוקט אויף מיינע ביטען און אויף מיינע געשרייען. ענדליך איז ער דאך צוגעקומען צו מיר און האט מיך גע־פרעגט:

— וואס ווילסט דוא פון מיר?

— רעטע מיינע מוטער, מיין ברודער און מיינע שוועסטער! האב איך געבעטען.

— ווען העלענא וועט איינווילינגען צו ווערן מיין פרוי, וועל איך זעהן, אויב איך קען עפעס טאהן פון אייערט וועגען, האט דער מערדער געענטפערט רוהיג.

— דאס מוזט דוא זיא פרעגען. איך קען מיין שוועסטער ניט בעפעהלען, וועמען זיא זאל הייראטהען.

ער האט זיך געווענדעט צו מיין שוועסטער העלענא און האט איהר ער־קלערט, אז ער ליעבט זיא און האט אלעס געטאהן נור אויסליעבע צו איהר.

— ווען איהר ווילט מיך מאכען גליקליך, האט ער איהר געזאגט, דאן וועל איך זעהן גוט צו מאכען אלעס שלעכטע, וואס איך האב אייך געטאהן.

— ליעבער שטארבען אלס צו ווערן דיין פרויא! האט מיינע גוטע און עד־לע שוועסטער אויסגערופען—אזא טייפעל, וויא דוא ביזט, קען איך ניט הייראט־הען! דוא ביסט א פאלשער, ניעדערטרעכטיגער אפאטשי! מיט אזא מענשען, וויא דוא, וועל איך מעהר ניט רעדען.

— מהוט, וויא איהר פערשטעהט, האט קסאווריא געענטפערט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

מיר האבען געזעהן, וויא ער איז צוגעגאנגען צו דיא פייער פון דיא אינדיא־נער און האט זיך געזעצט עסען און טרינקען מיט זיי. מיר זיינען געבליעבען ליע־גען געבונדען, וויא דיא שעפסען, אויפ'ן הייסען זאמד.

בעשרייבען איך, וואס מיר האבען איבערגעליטען, בין איך ניט אים שטאנד. איהר ווייסט אלע, וויא שווער עס איז איבערצוטראגען הונגער און דורשט; איהר ווייסט אבער ניט, וויא שווער עס איז צו זעהן, וויא אונזערע ליעבע, אונזערע טהייערע פערוואנדעטע ליידען. איך ציטער יעדע מינוט, ווען איך דערמאן מיך אן אלע ליידען, וועלבע איך האב איבערגעליטען אין יענע נאכט. איך האב מיך געווארפען, איך האב מיך געדרעהט, וויא א שלאנג; איך האב געוויינט און גע־בעטען גאט, ער זאל אונז שיקען א גיכען טויט.

ענדליך פארטאג בין איך געפאלען אין אהנמאכט. איך ווייס ניט, וואס עס איז ווייטער מיט מיר געשעהן, איך ווייס נור, אז ווען איך האב געעפענט דיא אויגען, האב איך מיך געפיהלט פרישער און שטארקער. פארטאג איז געפאלען א שטארקער טהוי און דאס האט מיך בעלעבט. איך האב מיך אומגעקוקט, מיינע אונגליקס קאמעראדען זיינען געליעגען רוהיג.

דיא זון איז אויפגעגאנגען. אלע ארום מיר האבען געעפענט דיא אויגען.

— וואסער! א טראפען וואסער! האבען געקרעכצט אייניגע ארום מיר.

נור מיינע מוטער און מיין שוועסטער העלענא האבען געשוויגען. איך האב ווייטער געזעהן, אז דיא אינדיאנער שלאפען שוין אויך ניט. זיי רעדען עפעס מיט קסאווריא. פלוצלינג האט זיך דיא „שווארצע שלאנג" אויפגעהויבען, איז צוגעקומען צום ברונען, האט אנגעשעפט א הילצערנע שיסעל מיט וואסער און איז צוגעקומען צו מיין שוועסטער מאריא. ער האט געהאלטען דאס וואסער ניט ווייט פון איהר מויל.

— דיא „שווארצע שלאנג" איז א גרויסער סאטשעם, האט ער איהר גע־זאגט, ווען דאס מעדכען מיט'ן בלייכען געזיכט וויל ווערען זיין פרוי, וועט ער איהר געבען וואסער און שעהנע זאכען.

— וואסער! וואסער! האט געזיפצט מיין אונגליקליכע שוועסטער.

— וויל דאס מעדכען מיט'ן בלייכען געזיכט געהן אין וויגוואם (געצעלט) פון דער „שווארצער שלאנג", דער סאטשעם פון'ם גרויסען און שטארקען אפאטשי פאלק? האט דער אינדיאנער ווידער געפרעגט.

דיא „שווארצע שלאנג" האט א ווינק געטאהן צו איינעם פון זיינע קריע־גער, אז ער זאל לאנזאם איבערשניידען דיא שטריק, מיט וועלכע מאריא'ס הענד זיינען געווען געבונדען. דאס קינד איז אויפגעשפרונגען און האט אויסגעשטרעקט דעם קאפ צו דער שיסעל מיט וואסער. דער אינדיאנער האט זיך אפגערוקט אויף אייניגע שריט. דאס קינד איז איהם נאכגעלאפען, ביז ער האט עס אוועק־געפיהרט אין זיין לאגער. מאריא איז פערשוואונדען געווארען.

איך האב מיך געריסען, האב געשריען, האב געבעטען, געוויינט, געשאלטען

און זיך געקרימט, וויא א שלאַנג. — אומזיסט! קיינער האט מיך ניט געהערט. דיא „שווארצע שלאַנג האט ערגעץ אוועקגעפיהרט מיין אינגערע שוועסטער מאַריאַ. דאַן זיינען אנגעקומען עטליכע קריעגער, האבען גענומען מיין עלטערע שוועסטער העלענאַ, מיין ברודער ראָבערט און דעם מעקסיקאנישען אפיציער, האבען זיי ארויפגעלעגט אויף ווילדע פערד, האבען זיי צוגעבונדען צו דיא פערד.

איך זעה נאך יעצט דעם ווילדען, בייזען בליק, פול מיט האַס און מיט פעראכטונג, וועלכען קפּאווערא האט געווארפען אויף מיר צום לעצטען מאל. מיין אונגליקליכע שוועסטער העלענא האט געשוויעגען. איך ווייס ניט, אויב זיא איז געליעגען אין אהנמאכט, דער פאר האב זיא געשוויעגען, אדער זיא האט געשוויעגען, וויל זיא האט געוואוסט, אז זיא קען אונז רעטען מיט איהר עהרע און זיא האט עס ניט געוואלט. מיין ברודער אבער האט נאך א געשריי געטאהן:

— רעטע מיך, ברודער!

דאס זיינען געווען דיא לעצטע ווערטער, וועלכע איך האב פון איהם געהערט. איך האב נאך א געשריי געטאהן. דאן איז מיר פינסטער געווארען אין דיא אויגען און איך בין געפאלען אין אהנמאכט. איך בין אנטשלאפען געווארען. ארום מיר איז געווען נאכט. איך ווייס ניט, וואס עס איז ווייטער געווען. ווען איך האב געעפענט דיא אויגען, האב איך געזעהן, אז איך מיט מיינע אונגליקליכע קאמעראדען, מיט מיין אונגליקליכער מוטער ליעגען אויפ'ן זאמד. קיינער איז ניטא. פון ווייטען רוישט דער ברונען פון'ם „גרויסען גייסט“ און מיר קענען ניט צוקומען צו איהם.

וואס זאל איך אייך ווייטער דערצעהלען? וויא זאל איך אייך בעשרייבען מיינע ליידען? עס ברענט אין מיר, וויא א פייער, יעדעס מאל, ווען איך דערמאָן זיך אָן דיא שרעקליכע שטונדען, וואס איך האב דאמאלס דורכגעלעבט. אך! אויך דאמאלס האט עס געברענט אין מיר, וויא א פייער.

ווען איך האב געעפענט דיא אויגען, איז ווידער געווען טאג. דיא זון האט געברענט, וויא פייער. איך האב גערופען מיין מוטער, האב גערעדט צו איהר, זיא האט מיר אבער ניט געענטפערט. זיא האט שוין ניט געקענט ענטפערן. זיא איז שוין געליעגען אין אגאָניע (גסיסה). דרייא פון מיינע מוילעזעל טרייבער האבען נאך געלעבט, זיי זיינען אבער געווארען וואהנזיניג, האבען געשריען, געזונגען, געלאכט און געבעטען, מען זאל זיי געבען אביסעל וואסער.

מיין מוטער האט נאך געזיפצט איינינע צייט, דאן איז זיא געבליעבען ליעבען שטיל. איך האב זיא גערופען נאך עטליכע מאל. איך האב פערשטאנען, אז זיא איז טויט. איך האב געוואלט מיך צוקייקלען צו איהר, איך האב עס אבער ניט געקענט. דיא רויטע טייפעל האבען מיך צוגעבונדען צו א שווערען שטיין.

עס איז ווידער געווארען נאכט און איך בין ווידער אנטשלאפען געווארען אדער געפאלען אין אהנמאכט; איך ווייס אליין ניט, וואס מיט מיר איז געשעהן.

וועו איך האב מיך ווידער אויפגעכאפט, האט ווידער געברענט דיא זון, אבער ארום מיר איז אלעס געוועזן שטיל, — שטיל וויא דער טויט. אלע האבען גע־שוויגען. אלע זיינען געוועזן טויט, נור דער ברונען האט פון צייט צו צייט גע־רוישט ניט ווייט פון מיר.

וואס איז ווייטער מיט מיר געשעהן, ווייס איך ניט. ווען איך האב גע־עפענט דיא אויגען, איז ווידער געוועזן טאג, ארום מיר זיינען געשטאנען מענ־שען, ווייסע מענשען, און האבען מיר געלעגט נאסע טיכער צום קאפ און צום הארצען. איך האב געהערט, וויא מען רעדט צו מיר, איך האב אבער ניט גע־קענט ענטפערן, מיין צונג האט זיך ניט געקענט ריהרען אין מיין מויל.

מען האט מיך ערגעץ געפיהרט, איך האב ניט געוואוסט, וואוהין. ווען איך בין ענדליך געקומען צו מיין פערשטאנד, האב איך געזעהן, אז איך ליעג אויף אן אייזערנעם בעט און ניט ווייט פון מיר שטעהען נאך עטליכע אזעלכע בעטען. איך האב פערשטאנען, אז איך ליעג אין א האָספּיטאל. דער ערשטער מענש, וועלכער איז צוגעקומען צו מיר, איז געוועזן דער מעקסיקאנישער אפיציער.

— ארימער, אונגליקליכער מאן! האט ער געזאגט שטילערהייט.

איך האב אבער געהערט, וואס ער האט געזאגט און בין ווידער געפאלען אין אהנמאכט. עס זיינען ווידער פערגאנגען עטליכע טעג, איידער איך האב געקענט דערקענען א מענשען. דיא דאקטוירים פון'ם האספּיטאל האבען אבער אנגעווענדעט זייער גאנצעס וויסען און זייער גאנצע קונסט אום צו רעטען מיין לעבען. עס איז זיי אויך געלונגען. איך בין ענדליך געקומען צו זיך און בין גע־ווען אים שטאנד צו רעדען און צו פערשטעהן, וואס עס טוהט זיך מיט מיר.

דער מעקסיקאנער אפיציער איז ניט אפגעטרעטען פון מיר. ערשט יעצט, ווען דיא דאקטוירים האבען עס ערלויבט, האט ער מיר דערצעהלט, וואס מיט איהם האט פּאסירט און וויא אזוי ער האט מיך גערעטעט.

ער האט מיר דערצעהלט, אז איך געפין מיך אין האספּיטאל פון סאן ראָ־זאלבאָ און דיא מעקסיקאנישע רעגיערונג האט איהם ערנאנט צום קאמענדאנט פון דיעזער שטאדט. ער האט עס מיך געבראכט אין מיליטער האספּיטאל און ער האט עס געבעטען דיא דאקטוירים און זיי צוגעזאגט א גרויסע סומע געלד, ווען זיי וועט'ען מיך אויסקורירען. איך ליעג שוין אין האספּיטאל זייט פינף וואָ־כען און ערשט מיט אכט טעג צוריק האבען דיא דאקטוירים ערקלערט, אז איך בין אויסער געפאהר.

פאר דיעזען טאג איז עס געוועזן נענוג. מעהר האט ער מיט מיר ניט גע־דארפט רעדען. ערשט דעם אנדערן טאג האט ער מיר געקענט דערצעהלען, וואס מיט איהם האט פּאסירט. ער האט אנגעהויבען זיין געשיכטע פון דער צייט, ווען ער, מיין ברודער און קסאוועריאָ האבען אונז געלאזען אויפ'ן זאמד און זיינען געפאהרען פאראויס אונז ברענגען אביסעל וואסער.

מיר זיינען אין א קורצע צייט צוגעקומען צום ברונען פון'ם „גרויסען נייסט“

האט דער אפיציער דערצעהלט, און האבען דארט געפונען דיא „שווארצע שלאנג" מיט זיינע קריעגער. קסאוועריאָ האט עפּעס גערעדט מיט זיי אויף זייער שפּראַכע, וועלכע איך פערשטעה ניט. איהם האט מען באלד געגעבען וואסער. ווען איך און ראָבּערט האבען אויך געוואלט אנשעפּען וואסער, איז מען אויף אונז ארויפגעפאלען און מען האט אונז געבונדען.

איך און דאבערט האבען געבעטען, געוויינט און געשריען, אז מען זאל אונז געבען וואסער, מען זאל אייך שיקען וואסער, מען זאל אייך העלפען קומען אהער. קיינער האט אונז ניט געענטפערט. מיר האבען אנגעהויבען צו רעדען צו קסאוועריאָ און איהם צו פרעגען, פאר וואס קומט אונז אזא שרעקליכע שטראַפע? וואס האבען מיר איהם דען געטאהן?

— איהר האט מיר גאר ניט געטאהן, האט קסאוועריאָ געענטפערט. דער עלטערער ענגעלמאַן אבער האט מיט א יאהר צוריק ניט געוואלט קויפען ביי דער „שווארצער שלאנג" קיין פאספאָרט און האט נאך געטייטעט צוואנציג פון זיינע בעסטע קריעגער, דערפאר האט דיא „שווארצע שלאנג" געשווארען, אז ער מוז זיך נוקם זיין אן דער גאנצער פאמיליע ענגעלמאַן. זיי מוזען אלע שטארבען מיט דעם שרעקליכסטען טויט, וואס עס קען נור זיין אויף דער וועלט.

— אבער פאר וואס העלפסט דוא אונז ניט? האב איך אויסגערופען, דוא ביסט דאך ענגעלמאנס בעסטער פריינד?

— ער איז מיין ערגסטער פיינד, האט קסאוועריא געענטפערט.

— פאר וואס!

— דערפאר, וואס ער האט ניט געווירקט אויף זיין שוועסטער, אז זיא זאל מיך הייראטהען.

אכזא מען האט אלעס פריהער אפגערעדט מיט דער „שווארצער שלאנג". וואס ווייטער איז געוועז, ווייסט איהר דאך.

— אבער ווער האט מיך געבראכט אהער? האב איך איהם געפרעגט, וויא קומט איהר אליין אהער? האב איך געפרעגט.

— איהר האט געזעהן, וויא מען האט אונז צוגעבונדען צו ווילדע פערד, (מוסטאנגס) און מען האט אונז אוועקגעפיהרט, האט דער מעקסיקאנער אפיציער דערצעהלט, דיא „שווארצע שלאנג" האט אונז געפיהרט אין זיין דארף. מיר זיינען אוועקגעפאהרען אייניגע שטונדען און זיינען אריינגעפאהרען אין א וואלד. פלוצלונג האט זיך מיין פערד אויסגעריסען און איז אנטלאפען געווארען.

איך ווייס ניט, וואס דיא אורזאכע איז געוועזען, פאר וואס מיין פערד איז אנטלאפען. איך בין געוועזען פעסט צוגעבונדען צו איהם און האב ניט געקענט זעהן, וואס עס טהוט זיך ארום מיר. מיין פערד איז ווילד געווארען און איז גע־לאפען אהן א וועג און אהן א שטעג. דיא אפּאטשי'ס האבען איהם צוואַר נאכגעיאגט אייניגע צייט, דאן זיינען זיי מיעד געווארען און האבען זיך אומגע־קעהרט.

וויא לאנג איז מיין פערד ארומגעלאפען, ווייס איך ניט. איך ווייס נור, אז עטליכע ווייסע יעגער, שפאניער, האבען אויף איהם ענדליך פערוואָרפען א שטריק און האבען איהם געחאפט. איך בין געליעגען אין אהנמאכט. מען האָט מיך אבגעבונדען פונ'ם פערד, האט מיר געגאסען ראָם און קאניאק אין מויל און האט מיך אפגעמינטערט.

דאס ערשטע, וואס איך האב געבעטען, ווען איך בין געקומען צו זיך און בין געוועזען אום שטאנד ארויסצורעדען א ווארט, איז געוועזען:

— רעטעט מיין פרוי און אונזער קאראוואנע, וועלכע געפינען זיך ביים „ברונען פונ'ם גרויסען גייסט!" איך וועל אייך אוועקגעבען מיין גאנצעס פער־מעגען!

איך בין אליין געוועזען פערוואונדעט, קראנק און שרעקליך מיעד, איך האב אבער ניט פערגעסען, אז מיין אונגליקליכע פרוי פערשמאכטעט פון הונגער און דורשט. איך האב דערצעהלט דיא יעגער, וואס עס האט פאסירט מיט אונז, זיי זיינען אבער געוועזען ניט גוט בעקאנט מיט'ן לאנד און האבען ניט געוואוסט, וואו דער ברונען פונ'ם גרויסען גייסט געפינט זיך. דעננאך האבען זיי איינגעוויליגט צו געהן מיט מיר און אייך זוכען.

איך בין געוועזען זעהר שוואך און בין ניט געוועזען אום שטאנד צו זיצען אויף א פערד. מיר זיינען דאהער געפאהרען זעהר לאנגזאם. איהר קענט אייך לייכט דענקען, וויא איך האב מיך געריסען צו מיין אונגליקליכער פרויא. וואס האָט עס אבער געהאלפען? דער ווילען, דער געדאנקע האט זיך געריסען פאָרווערטס, דער קערפער אבער איז געוועזען שוואך.

מיר האבען זיך ארומגעשלעפט אין דער וויסטע צוויא לאנגע און שווערע טעג. ערשט אויפ'ן דריטען טאג זיינען מיר צוגעקומען צום „ברונען פונ'ם גרויסען גייסט." מיר האבען אייך געפונען. וויא אזוי אבער האבען מיר אייך געפונען?—אלע זיינען געוועזען טויט. איך בין צו ערשט צוגעלאפען צו מיין אונגליקליכער פרוי.—זיא איז געוועזען טויט. זיא האט אויסגעליטען!

דיא יעגער, וועלכע האבען מיך געבראכט אהער, האבען זיך אונטערדעסען בעשעפטיגט מיט דיא איבעריגע. אלע זיינען געוועזען טויט, נור ביי אייך האט מען נאך בעמערקט א שפור פון לעבען. איך ווייס ניט, וואס זיי האבען געטאהן מיט אייך. איך ווייס ניט, וויא זיי האבען אייך אויפגעמונטערט. איך ווייס נור, אז מיר האבען פערבראכט צוויא טעג ביי דיעזען ברונען. איך בין ארומגעגאנגען, וויא א וואהנזיניגער.

דיא יעגער האבען בעגראבען דיא טויטע. מיין אונגליקליכע פרוי און אייער מוטער ליעגען ניט וויים פונ'ם ברונען אונטער א בוים. איך האב שוין ארויסגע־שיקט מענשען, זיי זאלען מאכען אצוים פון שטיינער ארום זייער גראב און זאלען אויפשטעלען א גרויסען שטיין, אויף וועלכען מען זאל אנשרייבען, וויא גרויזאם, ווילד און אונמענשליך דיא אפאטשי'ס האבען געהאנדעלט געגען אונז. לאזט דיא

רייזענדע וויסען, וויא מען קען זיך פערלאזען אויפ׳ן ווארט פון אן אפאטשי הייפט־לינג. לאזען דיא רייזענדע זיין געווארנט, אז מען טאר קיין אפאטשי ניט טרויען, זאגאר ווען מען האט זיין טאָטעם.

ווען מיר האבען געענדיגט אונזער טרויעריגע ארבייט, האבען מיר זיך אויפ־געזעצט אויף אונזער פערד און זיינען געפאהרען קיין סאן ראָזאלבא. איהר זייט געווען אזוי קראנק, אז איהר האט ניט געוואוסט. וואס עס טהוט זיך מיט אייך. מען האט אויסגעבעט דעקען אויף א פערד און מען האט אייך צוגעבונדען צום פערד.

איך האב ניט געפונען קיין בעסערן פלאץ פאר אייך אלס אין האָספיטאל. איך בין דער קאמאנדאנט פון דער שטאָדט, איך האב צוגעזאגט דיא דאקטורים גרויסע סומען געלד, ווען זיי וועלען אייך רעטען דאס לעבען. אייער לעבען איז גערעטעט.

— וואו געפינען זיך אבער מיינע שוועסטער ? מיין ברודער ? האב איך אויסגערופען אין פערצווייפלונג.

— דאס ווייס איך ניט, האט דער מעקסיקאנער געענטפערט טרויעריג.

— האט איהר גאר ניט געטאהן אום צו בעשטראפען דעם ווילדען און גרוי־זאמען אפאטשי, דיא „שווארצע שלאַנג“ ?

— איך האב געטאהן אלעס, וואס איך האב געקענט. איך האב געדונגען יעגער און האב געשיקט מיט זיי סאלדאטען, זיי זאלען פאנגען דעם ווילדען א פאטשי, זיי האבען איהם אבער ניט געפונען. דיא יעגער האבען מיר צוואר פער־שפראכען, אז זיי וועלען ניט רוהען און ניט ראסטען, ביז זיי וועלען אויסגעפינען דעם רויטען טייפעל און וועלען איהם ברענגען אהער, טויט אדער לעבעדיג.

ענגעלמאן האט אראפגעלאזען טרויעריג זיין קאפ אויף דער ברוסט און האט געשוויגען. זיין ערצעהלונג האט זיך געענדיגט.

63טעס קאפיטעל.

דיא אינזעל.

ענגעלמאנ׳ס געשיכטע האט געמאכט אויף אונז אלעמען א שווערן, טרויע־ריגען איינדרוק. איינינע מינוטען זיינען מיר געזעסען, וויא פערשטיינערט. קיינער האט ניט געוואגט ארויסצורעדען א ווארט. ערשט יעצט האבען מיר אנגעהויבען צו פערשטעהן, פאר וואס ענגעלמאן פלעגט שטענדיג זיין אזוי טרויעריג און אזוי פערטראכט.

עס איז פערגאנגען אגערוימע צייט, איידער מיר זיינען געקומען צו זיך און האבען געקענט ארויסרעדען א ווארט. ענדליך האָט איהם בען בראס גע־פרעגט :

— האט איהר שוין גאר קיין מאל ניט געהאט קיין נאכריכט פון אייערע שוועסטער ? פון אייער ברודער ? וואס איז געווארען פון אייער פאטער ?

— מיין פאטער איז געשטארבען, איידער איך בין אנגעקומען קיין סאן ראַזאלבאַ, האט ענגעלמאן געענטפערט. קוים בין איך נור אום שטאנד געווען זיך צוריהרען, האב איך אנגעהויבען צו פרעגען, וואו מיין פאטער געפינט זיך ערגעץ. אנפאנגס האט מען מיר ניט געוואלט זאגען דיא וואהרהייט. דיא דאָקטוירים האבען מורא געהאט, איך זאל ניט ווערן וואהנזיניג און האבען אנגעזאגט, אז מען זאל מיר ניט אויסזאגען דיא וואהרהייט. ערשט ווען איך בין געווארען פאלקאמען געזונד, איז צו מיר געקומען דער אלקאלדע (פאָליצמייסטער) פון דער שטאדט און האט מיר דערצעהלט, וויא מיין פאטער איז קראנק געווארען, וויא ער איז געשטארבען און אז ער האט פאר זיין טויט געהייסען אנשרייבען א טעסטאמענט (צוואה) און האט איבערגעגעבען דעם אַלקאַלדע עטליכע טויזענד פעזאָס (דאללאר), וועלכע ער האט געהאט ביי זיך.

איך האב אפגענומען ביים אלקאלדע מיין ערבשאפט האב אבשיעד גענומען פונ'ם מעקסיקאנישען אפיציער און בין אוועקגעפאהרען פון סאן ראַזאלבאַ. מיין ערשטער וועג איז געווען קיין סאנטא-פע. איך האב גערעכענט, אז איך וועל דארט געפינען דעם פעררעטהער קסאוועריאָ. ליידער, האב איך איהם דארט ניט געטראפען. זייט ער איז אוועקגעפאהרען מיט מיר, איז ער פערשוואונדען געווארען און קיינער אין סאנטא-פע האט ניט געוואוסט, וואוהין ער איז אהין געקומען.

איך האב פערקויפט אונזער פערמעגען, האב אלעס געמאכט צו געלד און האב געדונגען עטליכע יעגער, זיי זאלען ארומפאהרען אין דער וויסטע און זוכען דיא שפור פון קסאוועריאָ אדער פון דער „שווארצער שלאנג".

וואס זאל איך אייך ווייטער דערצעהלען? איך האב דורכגעוואנדערט טעקסאס, אריזאָנא, מעקסיקא, קאליפארניען און אלע לענדער ארום אין דער לענג און אין דער ברייט. איך האב צוגעזאגט צעהנער טויזענדער דאָללאר דעם מענשען, וועלכער וועט מיר ברענגען א נאכריכט פון מיינע שוועסטער אדער פון מיין ברודער. אומזיסט! דיא „שווארצע שלאנג" און קסאוועריאָ זיינען געוואָהר געווארען, אז איך בין געבליעבען לעבען און זיי האבען אויסגעמיעדען יעדען ווייסען מענשען.

ערשט אין דרייא יאהר ארום האט מיר א פראנצויזישער יעגער געבראכט דיא נאכריכט, אז קסאוועריאָ האט געוואָלט הייראטען מיין שוועסטער מיט גוואלד. ער האט זיא געהאלטען פערשפארט אין א הייל ערגעץ אין אפאטשי לאַנד. ווען זיא האט געזעהן, אז זיא קען איהם ניט אויסמיידען, האט זיא זיך אליין גענומען דאס לעבען.

דיא „שווארצע שלאנג" האט געהייראטהעט מיין שוועסטער מאריא. זיא איז אבער אויך באַלד געשטאָרבען.

איך בין געווען פערצווייפעלט. איך בין געווען אין דער שטאדט מעקסיקא און האב אנגעהויבען צו שטודירען. איך האב אנפאנגס שטודירט מעדיצין. דאָ

האב איך שטודירט נאטור וויסענשאפטען, דאן בין איך געוואָרען אנ'איינפאכער מאַטראָז.

— אבער וויא קומט איהר אויף דער „ראַפינאַ“? האט בען בראס נעפרעגט.

— איך בין געוועזען אין סאן פראנסיסקאָ און בין געוואהר געוואָרען, אז קסאַוועריאָ איז געווארען א מאַטראָז, האט ענגעלמאן ערקלערט. מען האט מיר געזאגט, אז אזא מענש איז אריינגעטרעטען אלס מאטראָז אויף דער „ראַפינאַ.“

— האט איהר איהם געטראָפען אויף דער „ראפינא“?

— יא, איך האב איהם געטראפען.

— אויף דער „ראַפינא“? צווישען אונז? האט בען בראס אויסגערופען, ווער איז דאס געווען? האב איך איהם געקענט?

— איהר האט איהם געקענט, האט ענגעלמאן געענטפערט, דאס איז געוועזען דער שפאַניער, וועלכער האט זיך אריינגעווארפען אין וואסער ניט ווייט פון קעניג דשינגא'ס לאגער. איהר האט געוויס ניט געוואוסט, פאר וואס ער האט זיך אריינגעווארפען אין וואסער. איהר האט ניט געוואוסט, וואס עס איז פארגעקומען אויף דער „ראַפינא“ צווישען מיר און איהם. איך האב דיא גאנצע צייט פון אונזער רייזע ניט גערעדט קיין וואָרט מיט איהם. ער האט מיך אבער דערקענט און ער האט געוואוסט, אז איך האב איהם אויך דערקענט. ער האט געמוזט אנטלויפען. ער האט געוואוסט, אז איך וועל איהם ניט שווייגען. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז איך האלט איהם אויפ'ן אויג און איך ווארט נור, מיר זאָלען קומען קיין אמעריקא, דארט וועל איך איהם פערקלאגען און פארדערן, ער זאָל מיר אויסזאגען, וואו מיין ברודער איז אהינגעקומען. ער האט געציטערט פאר מיר, ווייל ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז דיא איינוואונער פון טעקסאס וואלטען איהם איבערגעגעבען צום ריכטער לינטש.

— ווער איז עס ריכטער לינטש? האב איך געפרעגט, פאר וואס האט ער אזוי מורא געהאט פאר ריכטער לינטש?

— ריכטער לינטש הייסט דאס אמעריקאנישע פאָלקסגעריכט. ווען דאס פאָלק אין אמעריקאָ זעהט, אז עס קען ניט געפינען קיין גערעכטיגקייט פון'ם געזעץ, נעהמט עס אליין דיא גערעכטיגקייט אין דיא הענד. וועה דעם פערברעכער, וועלכער פאלט אריין אין דיא הענד פון'ם פאָלק! עס איז שוין ניט איינמאל פארגעקומען, אז דאס פאָלק האט פערברענט לעבענדיגערהייט פערברעכער, וויא קסאַוועריאָ.

— איך פערשטעה אייך ניט, ענגעלמאן! האב איך אויסגערופען, זיינען דען ביי אייך אין אמעריקא ניטאָ קיינע ריכטער און קיינע געריכטע? וואס הייסט, דאס פאָלק נעהמט דיא גערעכטיגקייט אין זיינע הענד און טהוט וואס עס וויל?

— דוא ביסט נאך יונג, בילי, און קענסט ניט אמעריקא, בעזאנדערס דיא סאוטה און דיא וועסט שטאאטען פון אמעריקא. דיא פארמער וואוינען וויט איינער פון'ם אנדערן. דיא שטעדט זיינען מייסטענס קליין, נור דערפלאך. קיין ארמעע איז ניטא. ווען מען האפט שוין א מאל א פערברעכער, א רויבער, א מערדער, אן אונטערצינדער אדער א פערד גנב, האט מען ניט, וואו איהם צו האלטען, ביז מען וועט בערופען א געריכט. אין ערטער זיינען צוואר דא גע־פענגניססע, זיי ניינען אבער ניט זיכער. דער רויבער און מערדער האט גוטע פריינד, וועלכע קענען איהם בעפרייען מיט געוואלט.

עס מאכט זיך א מאל, אז דער פארמער מיט זיינע ארבייטער מוז אוועק־נעהן אויף א גאנצען טאג אין פעלד אדער אין וואלד. אין דער היים בלייבען נור פרויען. עס קומען אן רויבער, בערויבען דאס הויז, פערגעוואלטיגען דיא פרויען און צינדען אונטער דיא פארם. וואו קען מען זוכען אין אזא פאל גע־רעכטיגקייט?

ווען מען חאפט אזא פערברעכער, פערזאמלען זיך עטליכע פארמער, האל־טען א געריכט איבער איהם און פעראורטהיילען איהם צום טויט דורך הענגען, שיעסען אדער פערברענען. אזא אורטהייל ווערט באלד, אויפ'ן ארט, אויסגע־פיהרט. אזא געריכט הייסט דאס לינטש געריכט. לינטש האט געהייסען א פארמער, וועלכער האט א מאל געחאפט א פערד גנב און האט איהם אויפגע־האנגען אויף א בוים פאר זיין פארם. פון דאמאלס אן האט מען א נאמען גע־געבען דאס פאלקס געריכט — לינטש געריכט.

קסאווערי'ן האט זעהר גוט געוואוסט, וואס עס הייסט דאס לינטש גע־ריכט. מיין טרויעריגע געשיכטע איז געווען בעקאנט אין גאנץ טעקסאס. אלע זיינען געווען אויפגערעגט און בייז. ווען מען וואלט איהם געחאפט אין טעקסאס, וואלט מען איהם צוריסען אויף שטיקער. ער האט ווייטער געוואוסט, אז איך זוך איהם. דערפאר האט ער זיך ענטשלאסען אריינצוטרעטען אלס מאטראָז אויף א שיף פון א שקלאפען הענדלער. אויף אזא שיף, האט ער גערעכענט, איז ער גאנץ זיכער.

ווען ער האט מיך דערזעהן, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, אז איך האב איהם דערקענט, האט ער געוואלט אנטלויפען און איז אריינגעפאלען דעם קראָ־קאָדיל אין מויל.

— דאס איז אלזא געווען דיא אורזאכע, וואס דער שפאניער האט זיך ענטשלאסען צו אנטלויפען אין אזא ווילדען טהייל פון אפריקא, וויא קענט דשינגא'ס לאנד, האב איך מיר געטראכט און האב א ציטער געטאהן.

איך האב מיך דערמאנט, אז איך האב געוואָלט אנטלויפען מיט איהם. איך האב מיך דערמאנט, אז ווען בען בראס זאל מיך ניט געווען אפהאלטען, וואלט איך אנטלאפען מיט איהם.

— אך! וויא שווער עס איז צו קענען א מענשען! האב איך אויסגערופען.

איך האב געהאט מיטלייד מיט דעם אונגליקליכען. איך האב גערעכענט, אז ער איז אזא אונגליקליכער, וויא איך, אז איהם האט מען אויך פערנארט אויף דער „ראפינא,“ אדער עס האט מיט איהם פאסירט אן אונגליק. ערשט יעצט זעה איך, וויא מען מוז זיין פארזיכטיג, ווען מען קומט זיך צונויף מיט פרעמדע מענשען.

אונטער דעסען איז אונזער באָאט ווייטער געשוואומען אויפ'ן גאלף סטרים. ענגעלמאנ'ס געשיכטע האט אונז אזוי פעראינטערעסירט, אז מיר האבען אויף א געוויסער צייט פערגעסען, וואו מיר געפינען זיך ערגעץ אין דער וועלט. מיר האבען פערגעסען אונזער אייגענע לאגע און האבען געטראכט פון ענגעלמאנ'ס אונגליקליכע פאמיליע. ערשט אויפ'ן צווייטען טאג האבען מיר זיך צוגעקוקט צום מעער און צו אונזער באָאט.

מיר האבען דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז אונזער באָאט לויפט זעהר שנעל, שנעלער וויא ביז אהער.

— וואס זאל עס הייסען? האב איך געפרעגט, מיר דאכט, אז אונזער באָאט לויפט עפעס אונגעוועהנליך שנעל. וויא קומט עס?

בען בראס און ענגעלמאן האבען זיך אומגעקוקט, זיי האבען אבער אויך גאר ניט געקענט פערשטעהן. דאס מעער ארום איז געוועזן שטיל, נור אין גאלף סטרים, אין דעם פאס וואסער, אין וועלכען מיר זיינען געפאהרען, איז דאס וואסער פלוצלינג געווארען אונרוהיג און האט אנגעהויבען צו רוישען און צו קאכען. בען בראס אלס געלערנטער מאטראָז האט עס דאך אין דער ערשטער צייט ניט געקענט פערשטעהן. ער האט זיך געווענדעט צו ענגעלמאן און האט איהם געפרעגט:

— וואס דענקט איהר דערפון? וואו געפינען מיר זיך יעצט? פאר וואס רוישט דאָ דער גאלף סטרים אזוי שטארק?

ענגעלמאן האט ניט געענטפערט אזוי גיך, ער האט אויך בעטראכט דיעזע נייע ערשיינונג אדער דיעזעס נייע וואונדער מיט שרעק און שטוינען.

עס איז אבער קיין צייט ניט געוועזן פיעל צו טראַכטען. אונזער באאט האט באלד אנגעהויבען צו טאנצען און צו שפרינגען, אז מיר האבען געמוזט זיך פעסט האלטען אן דיא ווענד און אן וואס מיר האבען געקענט, מיר זאלען ניט אומפאלען.

— צו דיא רודער! האט געשריען בען בראס, רודערט נאך רעכטס! מיר מוזען ארויס פון דאנען!

ענגעלמאן, דער איטאליענער און דער נעגער האבען זיך גענומען צו דיא רודער און האבען אנגעהויבען צו רודערן רעכטס, וויא בען בראס האט זיי געהייסען. דאס איז אבער געוועזן קיין לייכטע ארבייט. מיט איין האנד האבען זיי געמוזט זיך אנהאלטען אן באאט און מיט דער אנדערער האבען זיי גערודערט מיט אלע זייערע קרעפטע.

דאס מעער איז געוואָרען מיט יעדער מינוט אונרוהיגער. מיר האבען יעצט געזעהן גאנץ דייטליך, וויא פון איין זייט הויבען זיך אויף בערג מיט וואסער און קייקלען זיך אריבער אין דער אנדער זייט.

— רעכטס! רעכטס! האט געשריען בען בראס, רודערט רעכטס, אדער מיר זיינען פערלאָרען!

וואס איז דא געשעהן? וואס איז דא פארגעקומען אין מעער? פאר וואס איז דאס מעער אזוי פּלוצלונג געוואָרען אזוי אונרוהיג? פאר וואס האט עס אזוי געקאכט און גערוישט? ארום און ארום, וויא ווייט אונזער אויג האט געקענט גרייכען, איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. דיא זון האט געשיינט העלל אוןווארם. ווייט, ווייט ארום איז דאס מעער געווען רוהיג, נור ארום אונז, נור אין דער געגענד, וואו אונזער באאט איז געשוואומען, האט עס געזאָטען, וויא אין א קעסעל.

מיר האבען זיך געפונען ניט ווייט פון א קעסעל גרוב. דער גאלף סטרים האט זיך בעגעגענט מיט אנ׳אנדערען טייך. דער גאלף סטרים איז געלאָפען פון זיד (דרום) קיין נארד (צפון), דער אנדערער טייך איז געפלאָסען פון אסט (מזרח) קיין וועסט (מערב). ביידע טייכען האבען זיך בעגעגענט. צווייא ריעזען זיינען זיך צוזאמענגעקומען. צווייא ווילדע נאטורקרעפטע האבען זיך געטראָפען אויף אנ׳ענגען וועג. קיינער פון זיי האט ניט געוואָלט אפּטרעטען דעם וועג דעם אנ־דערן. יעדער האט געוואָלט ווייזען זיין קראַפט. יעדער האט געוואָלט ווייזען, אז ער איז שטארקער. עס האט זיך אנגעהויבען א געשלעג צווישען זיי.

ווען עס קומען זיך צונויף אין מעער צווייא טייכען, ווערט אין דיעזען ארט א קעסעל גרוב. דאס וואסער רוישט, קאכט און זידעט. יעדער טייך וויל דורכפיהרען זייטע וואסערן, דער אנדערער לאזט איהם ניט. אזא קעסעלגרוב איז זעהר געפעהרליך פאר גרויסע שיפען, בעזאנדערס אבער פאר אזא קליינעם באאט, אין וועלכען מיר זיינען יעצט געפאהרען.

אויף דיא מעערקארטען זיינען אזעלכע ערטער גענוי בעצייכענט און דיא שיפסקאפּיטאנע, וויסען אויס אזעלכע ערטער. זיי פאהרען ליעבער מיט הונדערט מייל ווייטער, אום ניט צוקומען נאהענט צו אזא ארט. מיר האבען ניט געהאט ביי זיך קיין מעערקארטע. בען בראס האט פערשטאנען, וואו מיר געפינען זיך אבער צו שפּעט. דערפאר האבען מיר יעצט געמוזט ארבייטען מיט אלע אונזערע קרעפטע אום ארויסצוקומען פון דיעזען געפעהרליכען ארט.

מיר האבען געארבייט, געקעמפּפט און זיך געראנגעלט דרייא לאנגע און שווערע שטונדען. גרויסע טראָפען שווייס האבען זיך געגאסען פון אונזערע גע־זיכטער, ביז עס איז אונז געלונגען ארויסצוקומען פון קעסעלגרוב. ענדליך איז עס אונז אבער דאך געלונגען, אבער אנשטאט ארוסצוקומען אין שטילען וועלטמעער, האט אונז דער צווייטער שטראם אויפגעחאפּט און האט אונז מיטגעשלעפּט מיט זיין שטארקער מאכט.

דער גאלף סטרים איז גוט אויסגעפארשט און גוט בעקאנט, דער צווייטער שטראָם אבער, וועלכער האט יעצט אויפגעהאפט אונזער באאט, איז אונז געווען אונבעקאנט. ניט בען בראָס, ניט ענגעלמאן, ניט דער איטאליענער האבען ניט געוואוסט, פון וואנען ער קומט און וואוהין ער פליסט. מיר האבען נור אזוי פיעל פערשטאנען, אז ער האט דורכגעבראכען דעם גאלף סטרים און איז געפלאסען מיט א שרעקליכע שנעלקייט.

— לאמיר ארויסרודערן פון שטראָם, האט ענגעלמאן געזאגט.

— צו וואס זאלען מיר עס טאהן? האט בען בראס געענטפערט. מיר האבען אן'אומזיסטען פוהרמאן. לאז ער אונז פיהרען, וואוהין ער וויל. ערגעץ וועט ער דאך אונז ברענגען.

מיר זיינען געווען זעהר מיעד. מיר האבען געארבייט עטליכע שטונדען זעהר שווער און מיר האבען געמוזט זיך אפרוהען. דיא געפאהר איז פאראיבער. מיר האבען זיך גערעטעט פון קעסעלגרוב. עס איז וואהר, אז מיר זיינען אונטער־דעסען ארויסגעפאהרען פון גאלף סטרים, וועלכער וואלט אונז געוויס געבראכט ערגעץ צו א לאנד, ווייל דער גאלף סטרים פליעסט ארום לענדער, וועלכע זיינען אלעמען בעקאנט. דער גאלף סטרים וואלט אונז געוויס געבראכט קיין שוועדען־נאָרוועגען, קיין ענגלאנד אדער קיין פארטוגאל.

יעצט אבער האט אונז געשלעפט מיט זיין שרעקליכער מאכט א שטראָם, וועלכער איז געפלאסען קיין וועסט (מעריב). נאך בען בראס רעכנונג האט ער געדארפט אונז ברענגען צוריק קיין אפריקא. דאס האט אונז אבער ווייניג גע־הארט. לאז זיין קיין אפריקא. לאז ער אונז אבער ברענגען צו א לאנד. אך! וויא האב איך געבענקט נאך א לאנד! וויא האב איך דאמאלס געווינשט צו שטעהן אויף א פעסטעס לאנד! איך וואלט געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, מיינע פיס זאלען פיהלען אונטער זיך א פעסטעס שטיקעל ערד, נים דיא ברעטער פון א פלאָס אדער פון א באָאט.

מיר זיינען געווען מיעד און הונגעריג. מיר האבען געמוזט זיך אפרוהען און זיך דערפרישען. מיר האבען געמוזט עפעס עסען און זיך שטארקען, אדער „אונטערלעהנען אונזער הערץ." נאכ'ן עסען האבען מיר אנגעהויבען זיך צו בע־ראטהען, וואס מיר זאלען ווייטער טאהן. דיא פראגע איז געווען, אין וועלכען טייך מיר געפינען זיך און זאלען מיר ווייטער פאהרען מיט דיעזען טייך, אדער זאלען מיר זוכען צוריק צוקומען צום גאלף סטרים.

דאס האט פערנומען פיעל צייט. דאס עסען האט צוואר ניט געדויערט זעהר לאנג, אבער דאס איבערלעגען זיך, דאס בעטראכטען זיך האט פערנומען פיעל צייט. יעדער האט געזאגט זיין מיינונג; יעדער האט געוואלט בעווייזען, אז ער האט רעכט. אזוי וויא איך האב געהערט, אז דער גאלף סטרים פליסט ארום ענגלאנד, האב איך געבעטען, אז מיר זאלען צוריק פאהרען צום גאלף סטרים. אין מיר האט זיך אויפגעהאפט דיא האפנונג, אז איך וועל ענדליך קומען אהיים צו מיינע ליעבע עלטערן.

אונטערדעסען איז געווארען נאכט. דער אונבעקאנטער שטראָם האט אונז ווייטער געשלעפּט מיט זיך. אין דער פינסטער האבען מיר גאר נישט געקענט מאכען. מיר האבען געמוזט לאזען אונזער באאט לויפען, וואוהין דער שטראָם האט איהם געפיהרט. מיר האבען דאהער בעשלאסען, אז מארגען אין דער פריה זאלען מיר זיך נאך אמאל בעראהטען און זאלען זיך ענדליך בעשליסען, וואס צו טאהן.

אונזער לאגע איז געווארען ניט גאנץ אנגענעהם. דער פּראָוויאנט האט אנגעהויבען זיך אויסצולאזען. מיר זיינען יעצט געווען זעקס געזונדע מענשען, זעקס מיילער, וועלכע האבען געמוזט עסען. מיר האבען אקוק געטאהן צו אונזער פּראָוויאנטקאמער און האבען דערזעהן מיט שרעק, אז מיר האבען נאך העכסטענס אויף צווייא טאג שפּייז. מיר מוזען א״זא אנהויבען צו טראכטען פון פּראוויאנט. מיר מוזען זוכען זיך אנצוגרייטען שפּייז אויף ווייטער.

עס איז געבליעבען ביי אונז, אז מיר זאלען האלטען דיעזע נאכט א שטרענגע וואך. אזוי וויא מיר האבען געהאט מיט זיך א פּעסעל טראן, איז בען בראס געפאלען אויף דער גליקליכער אידעע, מיר זאלען מאכען א לאָמפּ. דאס איז געווען ניט שווער. מיר האבען אנגעגאסען דעם פישטראָהן אין א בלעכעל, וועלכעס יעדער מאטראָז האט ביי זיך צום טרינקען, האבען אפּגעריסען א שטיק העמד און געמאכט דערפון א קנויט און האבען איהם אנגעצונדען.

דאס איז געווען דאפּעלט ניצליך. ערשטענס, האבען מיר געהאפּט, אז עס וועט אנקומען אשיף, וועט דערזעהן דאס פייער און וועט צוקומען צו אונז. צווייטענס, האט דער מאן, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך געדארפט בעטראכטען דאס מעער און זעהן, פיעלייכט קומט אן א גרויסער פיש, וועלכען מיר זאלען קענען פאנגען.

ענגעלמאן איז געבליעבען אויף דער וואך און מיר אלע האבען זיך געלעגט שלאפען. דיא נאכט איז פערגאנגען רוהיג. אונזער באאט איז געלאפען אלץ ווייטער. מען האט איהם געלאזען לויפען, וואוהין ער האט געוואלט. גאנץ פריה איז דער איטאליענער געשטאנען אויף דער וואך. מיר אלע זיינען געשלאפען געשמאק.

פלוצלונג האָבען מיר געהערט א געשריי:

— לאנד! לאנד!

מיר זיינען אלע אויפגעשפּרונגען, וויא דיא אפּגעבריהטע, און האבען זיך אומגעקוקט.—פאר אונז איז געלעגען א הויכער שווארצער בארג. עס איז נאך ניט געווען גענוג ליכטיג, אום מען זאל קענען זעהן, וויא גרויס דער בארג איז, מיר האבען אויך ניט געהאט פיעל צייט זיך לאנג אומצוקוקען. איידער מיר האבען צייט געהאט צו רעדען א ווארט איינער צום אנדערן, איז אונזער באאט ארויפגעלאפען אויף א שטיין און איז געבליעבען זיצען פעסט, גלייך וויא ער וואלט געווען צוגעשלאגען מיט נעגעל. מיר זיינען אלע אומגעפאלען פונ'ם שטארקען

ועך און ווען מיר האבען זיך אויפגעהויבען. האבען מיר בעמערקט, אז אונזער באאט ווערט פול מיט וואסער. — אונזער באאט האט בעקומען א לאָך! דער שטראם האט איהם ארויפגעווארפען אויף א שארפען שטיין און האט איהם צו לעבערט.

— ארויס פון באאט! האט קאמאנדירט בען בראס.

מיר זיינען אלע ארויסגעשפרונגען אויף א שמאל שטיקעל לאנד.

דיא אינזעל אדער דער בערג, צו וועלכען דער שטראם האט אונז פערווארפען, איז געוועזען א הויכער שטיין, וועלכער האט ארויסגעשטעקט פון וואסער. אונטען ביים וואסער האט זיך געצווייגען א שמאלער פאס ערד אדער שטיין. אויף דיעזען שמאלען פאס ערד זיינען מיר יעצט ארויסגעשפרונגען. ענדליך זיינען מיר געשטאנען אויף א שטיק לאנד. ענדליך האבען אונזערע פיס געפיהלט, אז זיי האבען אונטער זיך אפעסטען, הארטען באדען.

אין דיא ערשטע פאר מינוטען זיינען מיר געווען גליקליך, בעזאנדערס איך און לילי. מיר געפינען זיך אויף א פעסטען לאנד. דיעזעס פערגעניגען און דיעזע פרייד פיהלט נור דער מענש, וועלכער האט אלענגערע צייט פערבראכט אויף א שיף און איז ענדליך אנגעקומען אין א פארט. מען קען ניט בעשרייבען דיעזעס געפיהל, מען מוז עס פיהלען. לילי האט אויפגעהויבען איהרע הענד צו גאט און האט איהם געדאנקט, וואס זיא איז ענדליך לויז געווארען פונ'ם ענגען באאט, וואו מענשען האבען געמוזט עסען, טרינקען, שלאפען און טאהן אלע זייערע בעדירפניסע פאר אלעמען אין דיא אויגען. וויא יונג זיא איז געווען, האט זיא דאך אלס פרוי ניט געקענט איבערטראגען דיעזעס צוזאמען לעבען.

בען בראס און ענגעלמאן אבער האבען זיך ווענינ געפרעהט. זיי זיינען זאגאר געווארען טרויעריג, ווען זיי האבען דערזעהן, אין וואס פאר א לאגע אונזער באָאט געפינט זיך. דאס איז דאך אונזער לעצטע האפנונג. אהן א באָאט זיינען מיר דאך פערלארען. זיי האבען אנגעהויבען צו בעטראכטען דאס באָאט, האבען פראבירט עס אויפהייבען.—אונמעגליך! דאָס באָאָט איז געזעסען פעסט.

צום אונגליק נאך האט אנגעהויבען דיא עבבע. עס איז בעקאנט, אז אלע זעקס שטונדען קומט צו דאס וואסער אין וועלט מעער און אלע זעקס שטונדען פאלט עס אפ. דיא צייט, ווען עס קומט צו, הייסט ע ב ב ע און דיא צייט, ווען דאס וואסער קומט אפ הייסט פ ל ו ט.—יעצט האט זיך אנגעהויבען דיא עבבע. דאס וואסער האט אפגעטרעטען פון דער אינזעל אדער דער לאנד, אויף וועלכען מיר האבען זיך געפונען. דער שמאלער פאס לאנד איז געווארען אלע מאל גרעסער און ברייטער. אונזער באאט איז געווארען מיט יעדער מינוט העכער. באלד האבען מיר געזעהן, אז עס איז ארויפגעגאגעלט אויף א שפיציגען שטיין.

— יעצט קענען מיר גאר ניט מאכען, האט בען בראס געזאגט טרויעריג, דאס באָאט זיצט פעסט, מיר קענען עס אזוי לייכט ניט אראפנעהמען פון שטיין. מיר מוזען ווארטען, ביז דיא פלוט וועט אנקומען, פיעלייכט וועט דאס וואסער

מיר האבען אלזא צייט געהאט צו בעטראכטען דאס לאנד אדער דיא אינזעל, אויף וועלכער דער צופאל האט אונז פערווארפען. דאס שטיקעל ערד, אויף וועלכעס מיר זיינען געשטאנען, איז געוועזן בעדעקט מיט גרויסע און שווארצע שטיינער. וויא וויט אונזער אויג האט געקענט גרייכען, האט מען געזעהן נור זאמד און שטיינער. קיין גרעזעלע, קיין ביימעלע און קיין צייכען פון לעבען, — א וויסטע מיט וואסער.

— לאמיר ארויפגעהן אויפ'ן ברעג, האט בען בראס געזאגט, לאמיר זעהן, וואס דארט טהוט זיך. פיעלייכט וועלען מיר דארט געפינען פריכטע און פרישעס, זיסעס וואסער.

דארט, וואו דער שטראם האט ארויסגעווארפען אונזער באאט, האט דער ברעג פארגעשטעלט א גלייכע וואנט פון שטיין. עס איז אונמעגליך געוועזן ארויפצוקלעטערן. מיר האבען געמוזט זוכען א וועג, וויא אזוי ארויפצוקומען אויפ'ן בערג.

— מיר האבען זעקס שטונדען צייט, האט בען בראס געזאגט, דיא עבבע געדויערט זעקס שטונדען. דיעזע צייט קענען מיר אלזא בענוצען, אום זיך ארומצוקוקען און צו זעהן, וואו מיר געפינען זיך ערגעץ. אלזא, פארווערטס!

מיר האבען אנגעהויבען צו געהן אויפ'ן ברעג. מיר זיינען געווען צופריעדען, וואס אונזערע פיס טרעטען ענדליך ארויף א פעסטען גרונד. אלע זיינען געגאנגען מוטהיג און פרעהליך. מיר זיינען אוועקגעגאנגען א שטונדע און האבען ניט געפינען קיין ארט, וואו מיר זאלען קענען ארויפקלעטערן אויפ'ן בערג. פאר אונז האט זיך אויפגעהויבען א גלייכע וואנד פון שווארצען שטיין.

דיא זון האט געברענט, וויא פייער; אונזערע קערפער זיינען באלד בעדעקט געווארען מיט שוויים. מיר זיינען מיעד געווארען און האבען געוואלט זיך אפרוהען.

— לאמיר ווייטער געהן, האט בען בראס געבעטען, יעצט איז ניט דיא צייט זיך אפצורוהען.

מיר זיינען ווייטער געגאנגען אויפ'ן שמאלען שטיקעל לאנד. דאס מעער האט גערוישט פאר אונז און האט זיך צוריקגעצויגען אימער ווייטער. ליידער האבען מיר פאר אונז געזעהן נור זאמד און שטיינער.

ענדליך זיינען מיר צוגעקומען צו אן ארט, וואו עס זיינען געווען אויסגעהאקט אין שטיין א סארט טרעפ, אבער וואס פאר א טרעפ? דאס זיינען ניט געווען טרעפ, אויסגעהאקט פון דיא הענד פון א מייסטער, דאס זיינען געווען שפאלטען, פערטיעפונגען און שניטע אין שטיין, וועלכע דיא ווילדע וואסערן פון'ם וועלט מעער האבען געמאכט. זיי האבען דאריף געארבייטעט פיעלייכט טויזענדער יאהרען.

עס איז געווען ניט לייכט צו געהן אויף דיעזע זאנדערבארע טרעפ. אין ערטער זיינען דיא טרעפ געווען אזוי ווייט איינער פון אנדערן, אז מיר האבען

געמוזט האקען דעם שטיין, מאכען אין איהם לעכער, אום צו קענען ארויפקלע־טערן פון איין טרעפּ צום אנדערן. צום גליק, האבען מיר מיטגענומען מיט אונז אייניגע אינסטרומענטען, וויא העק און מעסער. בען בראס האט מורא געהאט, פיעלייכט בעגעגענען מיר ווילדע מענשען, אדער ווילדע טהיערע און אזוי וויא מיר האבען ביי זיך ניט געהאט קיינע ביקסען און קיין פולווער, זיינען דיא העק און דיא מעסער געווען אונזער איינציגע וואפע, מיט וועלכער מיר וואלטען גע־קענט זיך וועהרען. יעצט האבען אונז דיעזע העק און מעסער געדיענט אלס אינ־סטרומענטען, דורך וועלכע מיר האבען געקענט קלעטערן אויפ'ן בערג.

מיט שווערער מיה און נאך לענגערע ארבייט איז עס אונז געלונגען ארויפ־צוקלעטערן אויפ'ן בערג. ווען מיר זיינען ארויפגעקומען אויבען, האבען מיר אנ־געהויבען זיך ארומצוקוקען. מיר האבען דערזעהן, אז מיר געפינען זיך אויף א קליינער אינזעל, ריכטיגער געזאגט, אויף א שטיין אין וועלט מעער. ארום אונז האט געקאכט און געברוישט דאס וועלט מעער. מיר האבען יעצט געקענט בע־טראכטען אונזער אינזעל פון אלע זייטען. אונזער אינזעל איז געווען א הויכער, נאקעטער שטיין.

64טעם קאפּיטעל.

דיא דיאמאנטען פון מעער.

אייניגע מינוטען זיינען מיר געשטאנען, וויא דיא דערהרגעטע. מיר זיינען געווען פערצווייפעלט. מיר האבען געהאפט, אז ווען מיר וועלען ארויפקומען אויף דעם בערג, וועלען מיר געפינען גרינע ביימער און בליהענדע פעלדער. יעצט הא־בען מיר דערזעהן פאר זיך א הוילען, גלאטען, נאקעטען שטיין. קיין ביימעלע, קיין גרעזעלע, קיין שפּור פון לעבען און פון בעוועגונג. א ווילדער שטיין שטעקט ארויס אין דער מיט פונ'ם וועלט מעער. א גלייכער, גלאטער, אפּגעשליפענער טיש, אויף וועלכען מיר האבען געקענט ארומגעהן, וויא פליעגען געהן ארום אויף א גלאט פּאָלירטע; שרייב טיש, אויף וועלכען עס ליעגען אנגעלעגט טויזענדער זאכען, אבער ניט איין זאך צום עסען.

אונזער לאגע איז געווען א שרעקליכע, פערצווייפעלטע, אונבעשרייבליך טרויעריגע, אונערקלערליך איבערראשענדע.

צום גליק פאר אונז, האט לילי דערזעהן עפּעס גלענצענדעס און האט אויסגערופען:

— וואסער! א קוועללע מיט וואסער!

זיא האט רעכט געהאט. אין דערמיט פונ'ם נאקעטען שטיין האט ארויס־געזעצט א קליינער, דינער שטראהל וואסער, וועלכער האט זיך דורכגעשלאגען דורכ'ן שטיין, האט זיך דורכגעבויערט דורך דיא הארטע וואנד און האט געפּלאסען ראנגזאם, מיט א שוואכען געברויש, גלייך וויא עס וואלט געמורמעלט, געטרופּט

און אונז איינגעלאַדען זיך צו דערפרישען, זיך צו דערקוויקען און זיך צו לאַבען פון זיינע פרישע, קיהלע וואַסערן.

וויא דיא וואַהנזיניגע זיינען מיר צוגעלאָפען צום וואַסער. שאַמפּאַניער און דיא טהייערסטע בּאָרדאָ ווינען וואָלטען אונז אַזוי ניט דערקוויקט, וויא דיע־זעס קלאַרע, פרישע, קיהלע וואַסער. א גאַנץ קליינער, דינער שטראַהל וואַסער האַט אַרויסגעזעצט פון׳ם שטיין, האַט עפּעס געמורמעלט און איז ווייטער גע־פלאָסען אין זיין שטיינערנעם בעט. עס איז געפלאָסען צוריק צום מעער אין א דינעם, שמאַלען טייכעלע.

מיר האַבען זיך אַנגעטרונקען פון׳ם פרישען וואַסער און האַבען זיך דער־קוויקט. זייט לאַנגע, לאַנגע וואָכען האַבען מיר ניט געהאַט אַזאַ פּערגניגען; זייט לאַנגע, לאַנגע וואָכען האַבען מיר גטרונקען נור שמוציגעס, וואַרימעס, ניט פרישעס, זאָגאַר פערשטונקענעס וואַסער. יעצט האַבען מיר געהאַט פאַר זיך ריינעס, קלאַרעס, פרישעס וואַסער! ווער קען עס פערשטעהן! ווער קען עס אָפּ־שעצען! ווער ווייס, וואָס עס הייסט א קיהלער טרונק וואַסער אין דער נויט? מען מוז אַזוי פיעל לייַדען, וויא מיר, אום צו פיהלען דעם זיסען געשמאַק פון גוטעס, קיהלעס וואַסער.

מיר האַבען געטרונקען, וויפיעל מיר האַבען געקענט. מיר האַבען געטרונ־קען, וויא א פּראָפעסיאָנעלער שיכור, ווען ער חאַפּט זיך צו צו א פאַס מיט שנאַפּס. ענדליך זיינען מיר זאַט געוואָרען. מיר האַבען זיך אַניעדערגעזעצט אויפ׳ן גלאַטען שטיין אַרום׳ דעם קוואַלל און האַבען זיך אַרומגעקוקט.

— וואָס טהוט מען? האָט דער איטאַליענער געפרעגט, איך בין הונגעריג, איך וואָלט עפּעס געגעסען.

מיר האַבען איבערגעלאָזען אונזער פּראָוויאַנט אין באָאָט, ווייל מיר זיינען געוועזען זיכער, אַז מיר וועלען געפינען אויפ׳ן בערג עפּעס צו עסען. יעצט אַבער, ווען מיר האַבען איינגעזעהן, אַז מיר געפינען זיך אויף אַן אינזעל, וועלכע בע־שטעהט פון א הוילען שטיין, האַבען מיר אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז מיר מוזען עפּעס עסען.

— לאָמיר אַראָפּגעהן, האָט בען בראַס געזאָגט, מיר מוזען זוכען עפּעס אויפ׳ן בּרעג. דאָס מעער וואַרפט שטענדיג אַרויס פון זיך אַלעס, וואָס איז טויט, אַלעס, וואָס איז לייכט; אַלעס וואָס האָט קיין געוויכט און קיין ווערטה. לאָמיר זעהן, וואָס דיא עבּבע האָט אונז איבערגעלאָזען. אין פראַנקרייך און אין איטאַליען וואַרטען דיא אַרימע איינוואוינער אויף דיא צייט, ווען דיא עבּבע קומט אָן, וויא אויף זייער פריינד, זייער פערזאָרגער און זייער ערלעזער. זיי ווייסען, אַז ווען דיא פלוט געהט אַוועק, בלייבען אויפ׳ן ברעג פון׳ם מעער פיעלע אויסטערן, מושעלן (זשאַבּע שיסעלעך) און אַנדערע אַזעלכע מאַללוסקען (טהיערע, וועלכע האַבען קיינע ביינער, הייסען מאַללוסקען), וועלכע מען קען עסען. זיי רופען עס Fruti del mare דיא פריכטע פון׳ם מעער. עס געהען דאָן אַרויס הונדערטער מענער,

פרויען און קינדער סלייבען דיעזע פריכטע, וועלכע דאס מעער ווארפט ארויס פון זיך.

— לאמיר זעהן, וואס דאס מעער האט ארויסגעווארפען, האט בען בראס געזאגט.

מיר האבען אנגעהויבען זיך אראפצולאזען צום ברעג. דאס אראפגעהן איז געוועז פיעל שווערער, וויא דאס ארויפגעהן. מיר האבען געמוזט אויסהאקען טרעפ אין הארטען שטיין, אדער ארייגשטעקען אונזערע מעסער אין א שפאלט און זיך אנהאלטען אן איהם און אזוי זיך אראפגליטשען.

ענדליך זיינען מיר אראפגעקומען צום ברעג. דאס האט אבער פערנומען ביי אונז אזוי פיעל צייט, אז אלעס, וואס דאס מעער האט ארויסגעווארפען, איז שוין פערדארבען געווארען. דיא עבבע איז פאראביער און עס האט זיך ווידער אנגעהויבען דיא פלוט. דאס מעער איז צוגעקוממען צום אינזעל מיט רוישען און קאכען, גלייך וויא עס וואלט איהם פערדראסען, פאר וואס דיעזער נאקעטער שטיין שטעהט איהם אין וועג, און ער וויל איהם איינשלינגען.

יעצט איז שוין קיין צייט געווען צו דענקען פון עסען. מיר האבען געמוזט לויפען צו אונזער באאט, אונזערע איינציגע האפנונג. מיר האבען געוואוסט, אז יעדע וועללע (כוואליע), וועלכע קומט צו צו דער אינזעל, הויבט אויף אונזער באאט, רייסט איהם און ברעכט איהם. ווען מיר לאזען איהם אליין, וועלען דיא וואסערן איהם צוברעכען.

מיר זיינען יעצט געווען ווייט פון איהם און האבען געמוזט לויפען מיט אלע אונזערע קרעפטע. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו איהם, האבען מיר דערזעהן מיט שרעק און מיט שטוינען, אז ער איז שוין ביז אין דיא העלפט פול מיט וואסער. יעדעס מאל, ווען דאס וואסער איז צוגעקוממען און האט איהם אויפגעהויבען, האט ער אנגעהויבען צו קנאקען און צו קרעכצען, גלייך וויא ער וואלט געבעטען, מען זאל איהם העלפען.

בען בראס, ענגעלמאן און דער איטאליענער האבען געארבייט מיט זייערע לעצטע קרעפטע, אום איהם אראפצונעהמען פון שטיין. זייא האבען אונטערגעשטעלט אונטער איהם לעדיגע פעסער, האבען ארויסגענומען פון איהם אלעס, וואס מיר האבען געהאט. זיי האבען ארויסגענומען דיא שטאנג, וועלכע האט אונז געדיענט אלס זעגעל בוים און האבען פראבירט איהם אויפהויבען. אומזיסט! דאס באאט איז געזעסען פעסט און האט זיך ניט גערירט פון'ם ארט.

אונטער דעסען איז דאס וואסער צוגעקומען אלץ מעהר און מעהר. עס איז געווארען אונמעגליך איינצושטעהן לעבען באאט. מיר האבען געמוזט אפטרעטען פון איהם און זיך רעטען לעבען דער שטיינערנער וואנד פון דער אינזעל. ערשט יעצט האבען מיר בעמערקט, אז דיא פלוט פערגיעסט אמאל דעם גאנצען ברעג ביז צו דער שטיינערנער וואנד. אין אזא צייט מוז א מענש ארויפקלעטערן אויפ'ן בארג, זאנסט קען ער דערטרונקען ווערען.

מיר האבען אראפגעלאזען טרויעריג אונזערע קעפ און האבען געקוקט אויף דאס ווילדע מעער, וויא עס איז צוגעקומען אלע מאל נעהנטער און נעהנטער צו אונז, וויא עס האט אלע מאל מעהר און מעהר פערגאסען דאס שמאלע שטיקעל ערד, אויף וועלכען מיר זיינען געשטאנען. אונזער באאט האט זיך אנגעפילט מיט וואסער.

— ער וועט ניט אויסהאלטען דיא נאכט, האט ענגעלמאן געזאגט.

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. יעדער האט געפיהלט, אז אונזער לעצטע האפנונג פערשוואונדעט, מיר בלייבען יעצט אויף א נאקעטען שטיין אין דער מיט פונ'ם גרויסען וועלט מעער. ווער ווייס אויב עס וועט אהער אמאל קר טען א שיף? ווער ווייס, ווען מיר וועלען אמאל אויסגעלעזט ווערן פון אונזערע לײדען?

אונזערע געדאנקען זיינען געוועזן זעהר ניט פרעהליכע. מיר האבען פערגע־סען אן עסען און אן טרינקען. מיר זיינען געשטאנען, וויא פערשטיינערט. יעדער איז געוועזן בעשעפטיגט מיט זיינע טרויעריגע געדאנקען.

— איך וויל עסען, האט ענדליך לילי געזאגט.

זיא איז געוועזן דיא איינציגע, וועלכע האט ניט גוט פערשטאנען אונזער טרויעריגע לאגע. זיא איז געוועזן צופריעדען, וואס זיא איז ענדליך לויז געווארען פונ'ם באאט, מעהר האט זיא ניט געדארפט.

— איך וויל עסען האט זיא געזאגט נאך אמאל.

סנאָאי איז צוגעלאפען צו איהר און האט איהר געגעבען א שטיק געטרי־קענטע פיש, דער איינציגער פראוויאנט, וועלכען מיר האבען נאך געהאט. לילי האט געגעסען. דאס האט אונז אויסגעניכטערט.

— מיר האבען שוין גענוג געליטען, האט בען בראס ענדליך אויסגערופען, ווען מיר זיינען ניט געשטארבען ביז אהער, וועלען מיר אויך ווייטער לעבען.

מיר האבען געפאסט מוטה, האבען זיך געזעצט אויף א שטיין און האבען נאך געטאהן לילי'ן. מיר האבען אויך געגעסען מינץ אבעזאנדערס גוטען אפעטיט. נאכין עסען האבען מיר זיך בעראטהען, וואס מיר זאלען ווייטער טאהן.

— אייגענטליך וואלטען מיר געדארפט זיך אפרוהען, האט דער נעגער גע־זאגט, איך האב אבער מורא פארן וואסער. איך זעה, אז דאס מעער קומט צו אלע מאל מעהר און מעהר צו דער אינזעל, וויא קענען מיר זיך לעגען שלאָפען? דאס מעער קען אונז נאך פערגיעסען.

— ער האט פאלקאמען רעכט, האט ענגעלמאן געזאגט, מיר קענען זיך דא ניט צולעגען.

— יעצט איז שאן ניט פריה, האט בען בראס געזאגט זיין מיינונג, ווען דיא עבבע וועט איינטרעטען, וועט ווערן נאכט. דאן קענען מיר גאר ניט טאהן. דאס בעסטע איז אלזא, מיר זאלען ארויפקלעטערן אויפ'ן שטיין און זאלען דארט צוברענגען דיא נאכט. מארגען אין דער פריה וועלען מיר זעהן, וואס מיר קענען מאהן אום צו רעטען אונזער באאט, ווען עס איז נאך מעגליך.

דאס איז ווירקליך געווען דאס בעסטע, וואס מיר האבען געקענט מאהן אין אזא פאל. מיר זיינען געגאנגען צו דעם ארט, וואו מיר האבען פריהער ארויפ־געקלעטערט אויפ׳ן בארג, מיר האבען אבער ניט געקענט צו קומען צו דיא טרעפ. דאס מעער האט זיי שוין פערנאסען. איין וועללע נאך דער אנדערער איז צוגעקו־מען צום הארטען שטיין, האט איהם פערגאסען און האט זיך צושלאגען אויף מי־ליאנען טראפען און שפריצען. מיר האבען ניט געקענט צוקומען צו דיא טרעפ.

— לאמיר געהן צוריק, האט בען בראס געזאגט טרויעריג, לאמיר זוכען אנאנדער וועג, וואו ארויפצוקלעטערן אויפ׳ן שטיין.

— לאמיר מאכען אפארשוינס רייזע, האט ענגעלמאן געשפאסט, לאמיר ארומפאהרען אונזער אינזעל. לאמיר זעהן, וואס עס געפינט זיך ארום איהר.

מיר זיינען געגאנגען צוריק. דאס מעער האט געקאכט און געשוימט, וויא א קעסעל. מיר האבען געמוזט זיך האלטען גאנץ נאהענט ביי דער וואנט. ערשט יעצט האבען מיר בעמערקט, אז אין דיא צייט פון אשרעקליכען שטורם דער גרייכט דאס מעער גאנץ הויך און עס איז זעהר מעגליך, אז עס שפריצט ארויף ביז אויפ׳ן בארג. היינט איז אבער געווען ארוהיגער טאג און עס איז אונז נאך געבליעבען א שמאלער וועג לעבען שטיין.

מיר האבען געמוזט געהן איינציגווייס. אין ערטער האט דאס וואסער בע־גאסען אונזערע פיס. אונזער פראוויאנט האבען מיר געמוזט טראגען מיט זיך, ווייל מיר האבען יעצט ניט געהאט קיין פלאץ, וואו איהם צו לאזען. אזוי זיינען מיר אוועקגעגאנגען א גאנצע שטונדע. פלוצלונג האבען מיר געפונען א וועג אויפ׳ן בארג. דאס איז געווען דער ארט, וואו דאס וואסער האט זיך אראפגעגאסען אין מעער. דאס וואסער האט אויסגעגראבען א שמאלע און טיעפע רינגע אין שטיין.

וויא אונבעקוועם דיעזער וועג איז געווען, האבען מיר איהם דאך געמוזט בענוצען. בען בראס און דיא עלטערע פון אונז האבען אנגעהויבען צו שלאגען און און צו קלאפען מיט זייערע העק און האבען געמאכט דעם וועג ברייטער און בעק־וועמער. בען בראס איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן בארג. דאן האט ער אראפגעלאזען א שטריק, און וועלכע מיר האבען זיך אנגעהאלטען און נאכגעקלעטערט נאך איהם. אין א קורצע צייט זיינען מיר אלע געשטאנען אויף דער פלאטפארם פונ׳ם בארג.

מיר האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען געזעהן פאר זיך נור הימעל און וואסער. קיין צייכען פון לעבען קיין שפור פון א פויגעל אדער א טהיער.

— וואו זיינען מיר ערגעץ אין דער וועלט? האט ענגעלמאן געפרעגט זיך אליין. וויא קומט דיעזער שטיין אין וועלט מעער? ווען עס געפינט זיך אויף איהר קיין גרעזעלע, איז עס דער בעסטער בעוויז, אז זיא איז ערשט ניט לאנג ענטשטאנדען, ערשט ניט לאנג געווארען. עס איז זעהר מעגליך, אז דיעזער שטיין איז נאך ניט פערצייכענט אין קיין מעער קארטע.

מיר האבען בעטראכט דעם גלאַטען, נאַקעטען שטיין אונטער אונז. דאס איז געווען אסארט שיפער/א שטיין, פון וועלכען מען מאכט שרייבטאפעלן פאר קינדער. ער איז געווען שווארצליך־גרוי און איז געליגען אין פעבער. ער איז געווען אויבען הארט, קוים אבער האט מען אויפגעבראכען דעם אייבערשטען פאַך, איז ער אונטען געווען ווייך, אז מען האט איהם געקענט שניידען מיט א מעסער.

דיא גאנצע אינזעל איז געווען געגען א מייל אין דער לענג און דיא ברייט. ביי דיא ברעגעס איז זיא געווען העכער, אין דער מיט איז זיא געווען ניעדעריגער. דארט, וואו דאס וואסער האט ארויסגעקוואלען פון דער ערד, איז געווען א פערטיעפונג, א פארט קעסעל, וואו עס האט זיך אנגעזאמעלט ריינעס, קלארעס, פרישעס וואסער.

עס איז געווארען שפעט. דיא זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן. פון דעם הויבען שטיין, אויף וועלכען מיר זיינען געשטאנען, האבען מיר געקענט איי־בערזעהן א גרויסע שטרעקע פונ'ם מעער. מיר האבען געזוכט מיט דיא אויגען, פיעלייכט וועלען מיר דערזעהן, א זעגעל אדער דעם רויך פון אדאמפף שיף — אומזיסט! מיר האבען געזעהן ארום אונז נור הימעל און וואסער. ווייט ארום איז דאס מעער געווען שטיל, רוהיג און גלאט, וויא אשפיעגעל, נור ארום אונזער אינזעל האט עס געקאכט, געברוישט, געשוימט און זיך געבייזערט, פאר וואס מענשען ערלויבען זיך צו אפצונעהמען זיין אינזעל.

דיא זון איז אונטערגעגאנגען. עס איז געווארען נאכט. דיא עבבע איז ווידער איינגעטרעטען. מיר האבען געזעהן, וויא אונזער באָאט איז ווידער גע־בליעבען הענגען אויפ'ן שטיין. עס איז אבער געווען צו שפעט אראפצוגעהן צו איהם. מיר האבען זיך געלעגט שלאָפען. דיא נאכט איז געווען א שטילע, ווא־רמע, אבער א פינסטערע. דער מאנד האט ניט געשיינט, נור דיא שטערן האבע געפונקעלט העל און האבען זיך אפגעשפיעגעלט אין דיא בלויע וואסערן פונ'ם וועלט מעער.

מיר זיינען איבערגעשלאָפען דיא נאכט רוהיג. קיינער איז ניט געשטאנען אויף דער וואך. מיר זיינען געווען זיכער אויף אונזערען פעלזען. דאָ האט אונז שוין קיינער ניט געקענט שטערן אדער בעאונרוהיגען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה זיינען מיר אויפגעשטאנען עדפרישט און געשטארקט. מיר האבען אפגעוואשען אונזערע געזיכטער אין פרישען קוואלל. דאס איז געווען א פערגניגען, וועלכעס מיר האבען זייט וואכען ניט געקענט. דאן זיינען מיר שנעלל אראפגעגאנגען צום ברעג זעהן, וואס עס טוהט זיך מיט אונ־זער באָאט.

יעצט זיינען מיר געקומען צו דער ריכטיגער צייט. דיא פלוט איז נור וואס פאראיבער. דאס מעער האט ארויסגעווארפען פיעלע מושלען, אויסטערן און אנדערע קליינע טהיערע. מיר האבען זיי געקליעבען און געשלונגען מיט'ן גרעס־טען אפעטיט. אייניגע זיינען געווען גאנץ געשמאק, אנדערע זיינען געווען אזוי

ווייך און אזוי שיטער, אז מיר האבען גאר ניט געפיהלט, ווען מיר האבען זיי איינגעשלונגען.

ווען מיר האבען געשטילט אונזער הונגער, זיינען מיר צוגעקומען צום באאט. עס האט זיך נאך געהאלטען אויפ'ן שטיין, עס איז שוין אבער געווען א רואינע, א שברי כלי. עס איז שוין געווען צובראָכען און צוריסען. מיר האבען עס יעצט זעהר לייכט אראפגענומען פונ'ם שטיין און האבען עס ארויפגעשלעפט אויפ'ן ברעג און האבען עס בעטראכט.

— ווען מיר זאלען האבען ברעטער און קלעצער, וואלטען מיר עס געקענט רעפארירען, האט דער איטאליענער בעמערקט. מיר האבען אבער קיין מאטע־ריאל. מיר מוזען עס לאזען ליעגען.

בען בראס איז ניט געווען איינפערשטאנען מיט דיעזער מיינונג.

— מיר קענען דא לאנג ניט בלייבען, האט ער געזאגט, מיר מוזען זוכען א מיטעל ווייטער צו פאהרען.

— וויא קענען מיר אבער ווייטער פאהרען, ווען אונזער באָאט איז צובראָ־כען? האב איך אויסגערופען.

— אונז האט געבראכט אהער א שנעל פליעסענדער טייך, האט האט בען בראס געזאגט, אזעלכע טייכען קומען געוועהנליך פון א לאנד און שלעפען זעהר אפט מיט זיך בוימער און שטיקער האלץ פון דיא געגענדען, פון וואנען זיי קומען.

— מיר זיינען דאך געפאהרען עטליכע טעג אויף דעם גאלף סטרים און אויף אנ'אנדער טייך און האבען ניט געטראפען נים איין שטיקעל האלץ? האב איך געפרעגט.

— דאס איז קיין וואונדער. דיא בוימער און דיא שטיקער האלץ פאלען אריין אין וואסער, נור אין א גרויסען שטורם. ווען מיר האבען ביז אהער ניט געטראפען קיין שטיקעל האלץ אויף דיא טייכען פונ'ם גרויסען וועלט מעער, איז עס דערפאר, ווייל מיר זיינען געפאהרען אין דער שטילער צייט פונ'ם יאהר. לאָ־זען זיך נור אנהויבען דיא שטורמווינדען אין דיא הייסע געגענדען, וועלען דיא מעער טייכען אונז שוין אנברענגען האלץ גענוג. — אויף דער אינזעל שפיצבער־גען און אויף דיא בערן אינזלען (מעדוועזשיא אָסטראָווא) ווארפען דיעזע טייכען אמאל ארויס אזוי פיעל האלץ, אז מען קען דערמיט אויסבויען גאנצע שטעדט. ווען סער פראַנקלין האט איבערגעווינטערט אויף דער אינזעל בימשי אין אייז מעער, האט ער זיך אויסגעבויט הייזער און האט זיי א גאנצען לאנגען ווינטער בעהייצט מיט'ן האלץ, וואס ער האט געפונען ביי דיא ברעגעס פון דער אינזעל.

דיעזעס האלץ הייסט „טרייב האלץ", ווייל דיא וואסערן פונ'ם וועלטמעער טרייבען עס ארום פון איין ארט צום אנדערן. — איך בין זיכער, אז דער שטראָם וועט אונז נאך ברענגען גענוג „טרייב האָלץ" אום צו בויען א גאנצעס שיף.

ער האט ניט געענדיגט זיין רעדע, ווייל אין דיעזע מינוט האבען מיר גע־הערט א שרעקליכעס געשריי:

— רעטעט מיך! מוטער! איך בין פערלאָרען!

דאס האט געשריען לילי. מיר זיינען צוגעלאפען צו איהר און האבען געזעהן, אז דאס קינד ליעגט אויף דער ערד און ווארפט מיט די העגד און די פיס, און שרייט דערביי, וויא א וואהנזיניגע:

— רעטעט מיך! אך! אָי! עס ברענט! עס טוהט מיר וועה!

אייניגע מינוטען זיינען מיר געשטאנען, וויא פערשטיינערט און האבען ניט געוואוסט, וואס צו טאהן. לילי האט געשריען, געוויינט און זיך געווארפען, וויא א וואהנזיניגע.

— וואו טוהט דיר וועה? האט דער נעגער געפרעגט, וואס איז מיט דיר געשעהן?

לילי האט ניט געקענט ענטפערן. זיא האט נור געוויעזען אויף איהרע פינגער און האט געשריען, אז איהרע פינגער ברענען, וויא פייער. מיר האבען בעטראכט איהרע הענד און האבען דערזעהן, אז אויף איהרע הענד זיינען ווירקליך אנגעלאפען בלאטערן, גלייך וויא זיא וואלט אנגעריהרט א הייסען אייזען.

— וואס זאל דאס הייסען? וואו האט זיא געקענט פערברענען די פינגער? האב איך געפרעגט.

קיינער האט מיר ניט געענטפערט. קיינער האט ניט געקענט פערשטעהן, וואו לילי האט זיך געקענט פערברענען די פינגער, ווען זיא האט זיך געשפיעלט מיט וואסער? זאל וואסער ברענען און בריהען?

פלוצלונג האט בען בראס אויסגערופען:

— די מעדוזא! די מעדוזא! שנעל וואסער! ברענגט וואסער!

מיר האבען אייגעגעצט אונזערע העמדער און האבען ארומגעוויקעלט לילי׳ס פינגער. ווען דער שמערץ איז אביסעל געשטילט געווארען, האט בען בראס זיא געפרעגט, וואס מיט איהר איז געשעהן.

— איך האב געזעהן א שעהנע בלומע שווימען אין מעער און האב זיא געוואלט האפען, האט לילי דערצעהלט, ווען איך האב זיא אנגעריהרט, האב איך מיר פערברענט די פינגער.

— די מעדוזא! איך האב באלד פערשטאנען, אז דאס איז געווען די מעדוזא, האט בען בראס אויסגערופען.

איך האב צוואר געוואוסט, אז אין מעער געפינט זיך אבעשעפעניש, וועלכעס הייסט מעדוזא. איך בין דאך אויך אויפגעוואקסען אין א שטאדט, וואס ליעגט לעבען מעער, איך האב אבער קיין מאל ניט געהערט, אז ווען מען ריהרט זיך צו צו א מעדוזא, זאל מען זיך פערברענען די פינגער.

— וואס איז דאס פאר א מעדוזא? האב איך געפרעגט. וויא קומט עס, וואס די מעדוזא ברענט?

— די מעדוזא איז א מאללוסק, אבעשעפעניש, וועלכעס האט קיין ביינער

אין קערפער, האט בען בראס ערקלערט. זיא וויזט אדם פון דער וויטען, וויא א שוואם אדער וויא א גלאק. א קיילעבדיג דעבעלע, פון דער מיט הענגט אראפ א צינגעל. פון דיעזען צינגעל ציעהען זיך לאנגע פעדים. דיעזע פעדים ברענען. אזוי וויא דיא ברעננעסעל (קראפיווע) ברענט, ווען מען ריהרט זיך צו צו איהר, אזוי ברענען דיעזע פעדים אדער דיעזע פיס, אדער דיעזע יענער פון דער מעדוזא. מען רופט אויך דיעזע מעדוזא דיא ברעננעסעל פונ׳ם מעער (ים קראפיווע). ניט אלע מעדוזען ברענען. עס זיינען דא מעדוזען, וועלכע ברענען ניט. זאנדערבאר איז עס, וואס דיא ניט ברענענדע מעדוזען זיינען ניט אזוי שעהן, וויא דיא ברענענדיגע. דיא ברענענדע מעדוזא שיינט, פונקעלט און גלענצט מיט אלע פארבען פונ׳ם רעגען בויגען. זיא שיינט, וויא דער גרעסטער און שעהנסטער בריליאנט. עס איז קיין וואונדער, וואס לילי האט געמיינט, אז דאס איז א בלום און האט געוואלט זיא חאפען. לילי איז אויסגעוואקסען אין דיא וועלדער פון אפריקא און איז געוועזן געוואינט צו שעהנע בלומען. זיא האט אבער ניט געוואוסט, וואס פאר א געפעהרליכע בלומע דאס איז.

מיר האבען יעצט פערגעסען אן אלעס אין דער וועלט און האבען אנגעהויבען זיך צו צוקוקען צום מעער. עס איז געווען א שעהנער, הייסער טאג. אלעס, וואס לעבט, האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען און צו ווייזען אויפ׳ן וואסער. אלעס האט געלעבט, האט זיך געשפיעלט, האט זיך געפרעהט און האט זיך געיאגט נאך זיין שפייז.

וויא מיר האבען זיך גוט צוגעקוקט, האבען מיר ערשט דערזעהן דיא דיאמאנטען און בריליאנטען פונ׳ם מעער. איהר האט געוויס געזעהן אין אייער לעבען א מושעל, וועלכע מען רופט געוועהנליך מעערקאפ אדער מויער קאפ. דאס איז נור דאס הויז, דער פאלאץ פון א מאללוסק איהר זאלט עס קענען זעהן, ווען דאס בעשעפעניש, דער מאללוסק, וואהנט אינעווייניג, דאמאלס וואלט איהר געוואוסט, וואס עס הייסען שעהנע פארבען.

דיא בלומען אויפ׳ן פעלד זיינען שעהן, בריליאנטען און דיאמאנטען גלענצען און פונקעלן געגען פייער, אבער שעהנער פון זיי אלע זיינען דיא הייזער פון דיא קליינע טהיערע אהן ביינער, וועלכע מיר רופען מאללוסקען. קיין פעדער איז ניט אום שטאנד צו בעשרייבען זייער שעהנהייט, זייער גלאנץ און זייער הערליכקייט. מען מוז זיי זעהן מיט דיא אויגען אום צו געניעסען דיעזעס פערגניגען.

מיר זיינען יעצט געשטאנען לעבען א קליינע בוכטע, וואו דאס וואסער איז געווען גאנץ שטיל, וויל עס איז געווען ארומגערינגעלט פון שטיינער. לילי האט זיך שוין אין גאנצען בערוהיגט. צוואר איז רער שמערץ, ווען מען ריהרט אן דיא פעדים פון דער מעדוזא פיעל שטארקער און פיעל שרעקליכער אלס דער שמערץ, וואס מען פיהלט, ווען מען נעהמט אריין אין דיא הענד א שטיקעל ברעננעסעל (קראפיווע), דער שמערץ אבער ווערט אליין נעשטילט, ווען מען קראצט ניט דיא האנד. לילי איז שוין יעצט געווארען פארזיכטיג. זיא האט שוין מורא געהאט אויפצוהויבען א שעהנע זאך פונ׳ם מעער.

אזוי ווי מיר זיינען אזוי געשטאנען און האבען געקוקט אויפ'ן וואסער, וואו טויזענדער קליינע טהיערע האבען זיך געשפיעלט, האבען מיר דערזעהן וויא עס איז צוגעקומען צו דער קליינער בוכטע א געלבליכער קנויל, א קוגעל ניט גרעסער פון א געגזען איי. עס האט אויסגעוויעזען, אז דיעזע קוגעל איז פון גלאָז, ווייל מען האט זיא געקענט דורכקוקען. מען האט געקענט זעהן דורך איהר דאס וואסער אין מעער און זאגאר דאס זאמד אויפ'ן גרונד. זיא איז געוועזן פון געלבליכער פארב, עס האט אבער פון איהר געשטראהלט און געבליצט, וויא עס שטראהלט און בליצט פון א טהייערן אָפאל (אזא טהייערער שטיין) ווען מען האלט איהם פאר דער זון.

איך האב פערשטאנען, אז דאס איז א לעבעדיגע זאך, ווייל איך האב געזעהן, וויא עס שווימט אין א געוויסע זייט. עס וויים וואוהין צו שווימען.

— וואס איז דאס? האב איך אויסגערופען.

— דאס איז אויך א מאלוסק, האט בען בראס געענטפערט. דיא געלערנטע רופען עס „ציפאדא". דאס איז אויך איינס פון דיא וואונדער פון וועלט מעער. קוקט אייך צו גוט צו דיעזעם זאנדערבארע בעשעפעניש און איהר וועט זעהן, אז עס האט אמויל, אויגען און זאגאר אויערן. איהר גאנצער קערפער בעשטעהט פון א סארט זשעלאטין (חאָלאָדעץ), וועלכעס מען מאכט פון דיא פיס פון א בהמה.

מיר האבען בעטראכט איינינע צייט מיט בעוואונדערונג דיעזעס זאנדערבארע בעשעפעניס. אנפאנגס האט זיך אונז אויסגעוויעזען, אז עס שווימט זיך גאנץ רוהיג, צום פערגניגען, און עס איז א שטילעס, רוהיגעס טהיער, וועלכעס טוהט קיינעם קיין בייז ניט. באלד אבער האבען מיר דערזעהן, אז עס איז אזא רויבער און מערדער, וויא דער האי פיש.

איינינע צייט האבען מיר געזעהן, אז עס שווימט ארום, וויא א קיילעכדיגעס איי, אבער אנ'איי פון גלאָז אדער פון פיינעם קריסטאל, ווייל מען האט עס געקענט דורכקוקען פלוצלונג האט זיך געוויעזען א גאנץ קליינע עפענונג, עס האט ארויסגעשטעקט א גאנץ פיינע דינע האנד, וועלכעס האט אנגעהאפט א גאנץ קליין ווערימעל, וועלכער איז געראדע געשוואומען ניט ווייט, און האט עס געשלעפט צו זיך. יעצט האט זיך געעפענט א מויל, א פאר ברייטע און גראָבע ליפען האבען אנגעהאפט דאס ווערימעל און האבען עס פערשלונגען.

מיר האבען געזעהן, וויא דאס ווערימעל איז פערשלונגען געווארען; מיר האבען געזעהן, וויא עס איז געבליעבען ליעגען אין מאגען פון דער ציפאדא. דאס ווערימעל האט נאך געלעבט, ווען עס איז אראָפּגעקומען אין מאָגען.

אזוי וויא מיר זיינען אזוי געשטאנען און האבען עס בעטראכט, האט בען בראס צו מיר געזאָגט:

— פאנג זיא, בילליי! דוא וועסט עפעס זעהן.

איך האב מורא געהאט מיך צו צוריהרען צו איהר. איך האב געציטערט, איך זאל מיך אויך ניט אפבריהען, וויא לילי.

— פאנג זיא אין א פאן אדער אין א טאָפּ, האט בען בראַס געזאגט.

צום גליק, איז געליעגען ניט ווייט פון מיר א טאָפּ, וועלכען דער נעגער סנאָאי האט מיטגעבראכט פון דער „ראפּינא". איך האב גענומען דעם טאָפּ און האב פּרובירט אויפפאנגען דאס זאנדערבארע בעשעפעניש, איינס פון די גרעסטע וואונדער פון'ם מעער. דאס איז מיר אויך געלונגען.

— שטעל אניעדער דעם טאָפּ אין וואסער, האט מיך בען בראַס געלערנט. ווען מיר וועלען צוריקגעהן צו אונזער לאגער, אויפ'ן בערג, וועלען מיר עס מיטנעהמען.

איך האב געמאַהן, וויא ער האט מיר געהייסען און מיר זיינען ווייטער געגאנגען. מיר האבען געפונען אויפ'ן ברעג פיעלע אויסטערן און מושלען, וועלכע מיר האבען פערשלונגען מיט'ן גרעסטען אפּעטיט.

— מיר מוזען ארומגעהן דיא אינזעל פון אלע זייטען, האט ענגעלמאַן געזאגט, מיר מוזען זעהן, וואס עס טוהט זיך אויף דיעזען שמאָלען ברעג. ווער ווייס, וויא פיעל צייט מיר וועלען מוזען דא פערברענגען?

מיר האבען איהם געפאָלגט און האבען געמאכט ארומדרייזען ארום דער אינזעל. פיעל נייעס האבען מיר ניט געפונען, מיר זיינען נור געוואהר געווארען, אז דיא אינזעל איז לענגליך (אָוואל) און איז וויסט און לעדיג. אין ערטער האבען מיר געטראָפען גרויסע שטיינער, וועלכע האבען אונז פערשטעלט דעם וועג און מיר האבען געמוזט זיי אריבערקריעכען. אין ערטער איז דער וועג געוועזען אזוי שמאָל, אז מיר האבען געמוזט זיך אנהאלטען אן דיא שטיינערנע ווענד.

מיר האבען קיין נייעס ניט געפונען. דיא איינציגע זאך, וואס מיר האבען אויסגעלערנט אויף אונזער רייזע איז געוועזען, אז ארום דיעזער אינזעל געפינען זיך זעהר פיעל מאללוסקען. איינינע האבען זיך אנגעקלעפּט אן דיא שטיינער און ליעגען גאנץ רוהיג. אנדערע שווימען ארום, קריעכען ארום, יאגען זיך ארום, לעבען, וועבען און שטערבען.

דער גרונד פון'ם מעער ארום דער אינזעל האט אויסגעוויעזען, וויא א גוט בעארבייטער בלומענגארטען, אין וועלכען עס בליהען און גליהען טויזענדער בלומען פון אלערליי פארבען, אבער דאס זיינען געוועזען קיינע טויטע בלומען, דאס זיינען געוועזען לעבעדיגע בלומען. יעדע פון זיי האט אויסגעשטרעקט איהרע הענטלעך, איהרע פיסלעך און איהרע בלעטעלעך. יעדע האט געזוכט שפּייז, נאהרונג פיר זיך. עס איז געוועזען דייטליך, אז ארום דער אינזעל איז זיי בעקוועמער אדער בעסער צו וואקסען.

בען בראַס האט אונז געוויעזען אויף בעזאָנדערס שעהנע סארטען אקטעניען און אנעמאָנען. דאס זיינען וואהרע בלומען, ווירקליכע בלומען. זיי וואקסען זאגאר בעפעסטיגט אויף אן ארט, וויא בלומען. פּראָבירט אבער צו ברענגען צו דיעזע בלומען א שטיקעלע פיש, אן אויסטער אדער א מאָלוסק און איהר וועט זעהן, וויא דיא בלעטעלעך פון עזע בלומען ציעהען זיך צונויף, דרעהן זיך

צתרוף און פערשלינגנען זייער עסען. דאן ווערן זיי ווידער רוהיג און זיינען וויעדער בלומען.

65טעס קאפיטעל.

דער טינטען פיש.

מיר זיינען ארומגעגאנגען א גאנצען טאג און האבען קיינע נייעס ניט געפינען. ענדליך זיינען מיר מיעד געווארען.

— לאמיר געהן אהיים, האט לילי געבעטען.

עס האט מיר געשניטען ביים הערצען, ווען איך האב געהערט פון איהר דיעזע ווערטער — געהן א היים? וואו איז דען אונזער היים? אויבען אויפ'ן נאַקעטען שטיין? איך האב מיך דערמאנט אן אנאנדער היים, וואו עס ווארטען אויף מיר מיינע גוטע און ליעבע עלטערן. דאס איז דיא וואהרע היים פאר יעדען מענשען, פארן יונגען, וויא פאר'ן אלטערן.

מיר זיינען געוועזען מיעד און זיינען געגאנגען צוריק אויפ'ן בערג, צום ברונען מיט וואסער. היינט זיינען מיר אלט געוועזען זעהר טרויעריג. מיר האבען אנגעהויבען צו פיהלען, אז מיר זיינען געפאנגענע, פרייע ארעסטאנטען אויף דיעזען שטיין. זאלאנג מיר זיינען געוועזען אויפ'ן באָאט, האבען מיר זיך געפיהלט אלס פרייע מענשען, וועלכע קענען זיך ריהרען, בעוועגען און פאהרען, וואוהין זיי ווילען; יעצט אבער אויפ'ן שטיין האבען מיר געפיהלט, אז מיר זיינען מעהר ניט פריי, ווייטער פון דיעזען שטיין קענען מיר זיך ניט ריהרען.

אויפ'ן וועג האב איך מיטגענומען דעם טאָפּ מיט דער ציפּאדא.

— בייט איבער דאס וואסער, האט בען בראס מיר געהייסען, דיעזעס טהיער האט ליעב פרישעס וואסער.

— מיר האבען דאך אויבען פרישעס וואסער, האב איך בעמערקט.

— יענעס וואסער טויג ניט. עס איז צו ריין, צו קלאר און צו פריש פאר דיעזע טהיערע. זיי לעבען נור אין מעער וואסער, אין וועלכען עס שווימען שטענדיג ארום גאנץ קליינע טהיערע.

איך האב איבער געביטען דאס וואסער און בין ארויפגעקראכען אויפ'ן בערג. מיר האבען זיך דערקוויקט מיט'ן פרישען וואסער פון'ם ברונען און האבען זיך געזעצט בעטראכטען אונזער לאגע.

אונזער פּראָוויאנט האט זיך אויסגעלאָזען. מיר האבען נאך געהאט קוים אויף א טאג צו עסען, אנגרייטען זיך מיט נייעם פּראָוויאנט איז דערווייל געוועזן אונמעגליך, זא פיעל מיר האבען היינט געקענט זעהן, האבען זיך געפונען ארום אונזער אינזעל נור קליינע פיש און מושעלן, זאכען, וועלכע מען קען ניט לאנג האלטען. אויסער דעם האבען מיר אנגעהויבען צו בעטראכטען אונזערע קליידער. מיר זיינען אלע געגאנגען האלב נאקעט. אונזערע קליידער זיינען צע־

פאלען געווארען אויף אונזערע לייבער און זיינען אראפּגעהאנגען אין פעדים אדער אין לאנגע פאסען.

אונזערע געזיכטער זיינען געווען פערברענט, פערוואקסען און פערווילדערט. אונזערע האר זיינען געווען פערקלעפּט, הארט און פערוואקסען. מיר האבען אויסגעזעהן, וויא ווילדע מענשען.

— וואס וועלען מיר טאהן, ווען עס וועט אנקומען דער ווינטער? האב איך געפרעגט.

איך האב צוואר געוואוסט, אז אין דיעזע געגענדען איז ניטא קיין ווינטער, וויא בייא אונז אין ענגלאנד, מיט שנעע און פראסט. עס איז אבער דאך דא א צייט, ווען עס ווערט קיהלער און עס רעגענט בעשטענדיג.

— וואס וועלען מיר דאן טאהן? מיר האבען זאגאר ניט מיט וואס זיך צו שיצען געגען א שטארקען, קאלטען רעגען. עס איז וואהר, אז מיר האבען א שטיק זעגעלטוך און א שטיק ברעזענט. וואס קענען מיר אבער טאהן מיט זיי?

קיינער האט מיר ניט געענטפערט, ווייל יעדער האט זיך געשטעלט דיע-זעלבע פראגע און האט ניט געוואוסט,* וואס צו ענטפערן אויף איהר.

אונטער דעסען איז נאכט געווארען. מיר האבען אפּגעגעסען אונזער לעצ-טעס ביסעל פּראוויאנט און האבען געוואלט זיך לעגען שלאפען.

— גיב נור א קוק אויף דיין ציפּאדא, האט בען בראס געזאגט צו מיר.

איך האב א קוק געטאהן אין טאפּ, וואו איך האב געהאלטען מיין געפאנ-גענעם מאללוסק און בין אויפגעשפּרונגען מיט שטוינען. אין טאפּ האט געלייכט א העלעס, ווייסעס פייער, גלייך וויא עס וואלט דארט געברענט א שטיק פאס-פאר.

— וואס איז דאס? האב איך אויסגערופען, וואס לייכטעט דא אזוי?

— דאס לייכטעט אונזער געפאנגענער, האט בען בראס געענטפערט, דיא ציפּאדא איז איינע פון דיא וואונדערבארסטע בעשעפענישען אין דער וועלט. ויא גיט ארויס ביי נאכט דיא שטראהלען פון דער זון, וועלכע זיא נעהמט אויף אין זיך ביי טאג. ווען עס קומען זיך צונויף עטליכע אזעלכע טהיערע אויף איין ארט, לייכטען זיי אזוי העלל, אז מען קען שרייבען א בריעף ביי זייער ליכטיגקייט.

איך האב איינינע צייט בעטראכט מיט שטוינען און בעוואונדערונג דיעזע לאמפּע, וועלכע לייכטעט אזוי שעהן, אזוי העל און אזוי אנגענעהם.

— זיינען דא נאך אזעלכע לעבעדיגע זאכען, וועלכע לייכטען? האב איך געפרעגט נייגיעריג.

— אויף דער יבשה געפינען זיך איינינע סארטען קעפער (אזעלבע פליע-גען), וועלכע לייכטען, האט בען בראס ערקלערט. אין אייראפּא געפינען זיך נור א פּאר סארטען פון זיי, אין אמעריקא, בעזאנדערס אין מעקסיקא, בראזיליען און אנדערע הייסע געגענדען, געפינען זיך פיעלע סארטען פון זיי. איינינע לייכטען אזוי העל, אז זיי ווייזען אוים פון דער ווייטען, וויא קליינע לעמפּעלעך. ווען דיא

אינדיאנער פרויען פון יענע געגענדען דארפען געהן ביי נאכט אין וואלד, שטעד־
בען זיי זיך אן עטליכע אזעלכע לייכטענדע פליעגען אין דיא האר פון זייער קאפ
און זיי געהן אזוי אין וואלד מיט א בילינע און בעקוועמע לאנטערנע.

דיא געבילדעטע דאמען האבען זיך אפגעלערנט פון דיאווילדע אינדיאנער
פרויען און זיי פערציערען זייערע קעפ מיט דיא לייכטענדע פליעגען, ווען זיי
געהן אויף א באלל. אנשטאט ברילליאנטען לייכטען אויף זייערע קעפ פליעגען.

דאס איז אבער אויפ'ן לאנד, אין מעער געפינען זיך אזוי פיעל סארטען
פיש און אנדערע בעשעפעניששען, וועלכע לייכטען, אז צומאל איז א גאנצע שטרע־
קע פון'ם מעער בעלייכטעט און ווייזט אויס, וויא עס וואלט געברענט. בעזאנ־
דערס העלל לייכטען דיעזע טהיערע פאר א שטורם. דאמאלס איז דאס גאנצע
מעער בעדעקט מיט פייער. פיעלע פיש הייבען אן צו לייכטען פאר א שטורם,
בעזאנדערס אבער לייכטען דיא מאללוסקען. אייניגע לייכטען נור ווען מען ריהרט
אויף דאס וואסער, ווען מען בעאונרוהיגט זיי, אנדערע אבער לייכטען בעשטענדיג.
צווישען דיעזע אנדערע איז דיא ציפאדא דאס איינציגע טהיער, וועלכעס לייכ־
טעט א גאנצע נאכט. זיא זויגט אויף דיא ליכטיגקייט פון דער זון ביי טאג און
גיט עס ארויס בייא נאכט.

מיר האבען נאך אוועקגערעדט א לענגערע צייט און האבען זיך ענדליך
געלעגט שלאפען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האבען מיר אפגעגעסען אונזער לעצטעס
שטיקעל געטריקענטע פיש. אונזער פראוויאנט האט זיך אויסגעלאזען און מיר
האבען שוין מעהר ניט געהאט ניט איין שטיקעל פראוויאנט.

— יעצט מוזען מיר זעהן זוכען פרישען פראוויאנט, האט ענגעלמאן געזאגט,
מיר קענ׳ען זיך ניט פערלאזען אויף דיא שפייז, וועלכעס דאס מעער ווארפט ארויס.
דאס מעער איז זעהר א שלעכטער פראוויאנט מייסטער. אמאל ווארפט עס
ארויס אזוי פיעל פון זיך, אז הונדערטער מענשען קענען זיך אנעסען זאט, אמאל
אבער איז עס אזוי קארג, אז אויף דיעזער קליינער אינזעל קען מען ניט געפינען
גענוג פראוויאנט פאר איין מענשען.

— וואס טוהט מען אבער? וויא אזוי קענען מיר האבען פיש, יעצט ווען
מיר האבען זאגאר קיין באאט? האט דער נעגער געפרעגט.

— מיר האבען אינסטרומענטען, מיט וועלכע מען קען חאפען א גרויסען
פיש, האט בען בראס געענטפערט. לאמיר האפען, אז דער צופאל וועט אונז
עפעס צוברענגען.

מיר האבען זיך אנגעטרונקען מיט פרישעס וואסער און זיינען אראפגעקרא־
כען פון'ם שטיין. מיר האבען זיך יעצט געמוזט פערלאזען אויפ'ן צופאל. מיר
זיינען ארומגעגאנגען אויפ'ן ברעג פון אונזער קליינער אינזעל און האבען געזוכט
עסען. ליידער איז דאס מעער דיעזען טאג ווירקליך געוועזן אזוי קארג, אז מיר
האבען קוים געפונען שפייז פאר צוויא מענשען, אבער אויך דיעזע שפייז האבען

מיר ניט נעקענט בענוצען. מיר האבען געפונען נור מושלען, זאכען, וועלכע ווערן זעהר לייכט פערדארבען: פרישערהייט קען מין זיי נאך עסען; קוים אבער ליעגען זיי אוועק א פאר שטונדען אויף דער ברענענדער זון, ווערען זיי פער־דארבען.

צווישען דיא פערשיעדענע אויסטערן, מושלען און אנדערע קליינע טהיערע, וועלכע דאס מעער האט ארויסגעווארפען, האבען מיר געפונען א ציפאדא. זיא איז אבער געוועזען טויט. דיא זון האט זיא געטויטעט. אויף'ן זאמד איז געליגען א האלב פערגליווערטער, געלבליכער קנויל, וועלכער איז זיך צוקראכען אונטער דיא הענד. עס איז געווען אונמעגליך עס אויפצוהויבען. דער איטאליענער האט פראבירט עס שלינגען, און האט געפונען, אז עס איז גאנץ געשמאק.

מיר זיינען ארומגעגאנגען דעם גאנצען טאג ארום אונזער אינזעל און האָ־בען געפונען זעהר ווייניג וואס צו עסען. געגען אבענד זיינען מיר הונגעריג געווא־רען, מיר האבען אבער ניט געהאט וואס צו עסען. אונזער פראוויאנט האט זיך אין גאנצען אויסגעלאזען.

דיעזען אבענד האבען מיר געמוזט זיך לעגען שלאפען הונגעריגער הייט. אבער וואס זאג איך דיעזען אבענד?—פיעלע, פיעלע אבענדע האבען מיר געמוזט זיך לעגען שלאפען אהן מיטאג און אהן אבענד עסען. מיר פלעגען אויפשטעהן גאנץ פריה, פלעגען ארומלויפען צום ברעג און פלעגען אויפכאפען אלעס, וואס דאס מעער האט ארויסגעווארפען, און פלעגען עס פערשלינגען, וויא א הונגערי־גער וואלף פערשלינגט א שטיק פלייש.

איין מאל זיינען מיר אזוי ארומגעגאנגען אויף'ן ברעג טרויעריג און פער־טראכט. אונזערע אויגען האבען געזוכט עפעס עסען. פלוצלונג האבען מיר בעמערקט, אז דאס וואסער ניט וויים פון אונז האט אנגעהויבען צו רוישען. עס האט זיך געוויעזען א גרויסער קאפ פון א פיש, דאן האט זיך געוויעזען אויפ׳ וואסער א גרויסער שווארצער פלעק, גלייך וויא מען וואלט אויסגעגאסען אויף דעם ארט א גאנצע פלאש טינט.

— וואס איז דאס? האב איך געפרעגט, פון וואנען האט זיך גענומען דער שווארצער פלעק?

— דאס איז דער טינטען פיש, האט בען בראס געענטפערט רוהיג.

— דער טינט פיש? האב איך איבערגעפרעגט, וואס איז דאס פאר א פיש? איז דא אין מעער א פיש, וועלכער מאכט טינט?

— יא, ביללי, האט בען בראס געענטפערט, דאס מעער האט אין זיך אזא וואונדער אויך. עס איז דא א פיש, ריכטיגער געזאגט, א טהיער, וועלכעס האט אין בויך א בלאזע, א סארט בייטעל מיט א פליסיגקייט, וועלכעס איז שווארץ, וויא דיא בעסטע טינט. ווען אנ'אנדער פיש אדער זאנסט א רויבער און מער־דער פון'ם מעער יאגט איהם נאך און וויל איהם איינשלינגען, לאזט ארויס דער טינטען פיש פון זיך זיין פאררעטה (זאפאס) טינט, וועלכעס ער האט אין זיך.

דאס וואסער פון׳ם מעער ווערט שווארץ און דער רויבער ווייס ניט, וואו צו זו־כען זיין רויב. דאס ביסעל טינט, וואס דיעזער פיש האט אין זיך, איז זיין איינ־ציגע וואפע געגען זיינע פיינד. ער האט זיך ניט מיט וואס צו פערטהיידיגען און ער מוז פערבלענדען זיינע פיינד דיא אויגען מיט זיין ביסעל טינט.

— אזוי? טינט איז אויך א וואפע? האב איך אויסגערופען.

— געוויס בילי, איז טינט א וואפע און זאגאר א שרעקליכע וואפע. ווייסט דוא דען ניט, אז מיט א טראפען טינט קען מען גיכער טייטען א מענש, וויא מיט א בלייענע קוגעל?

— איך רעדט ניט פון אזא טינט, איך רעד פון׳ם טינטען פיש, דערצעהלט מיר עפעס פון דעם טינטען פיש.

— דערצעהלען איז ווייניג, האט בען בראס געלאכט, איך וואלט בעסער געוואלט עסען דעם טינטען פיש.

— אזוי? מען קען איהם עסען? — לאמיר איהם חאפען! איך וויל זעהן א טינטען פיש!

וויא טרויעריג אונזער לאנגע איז געווען, אזוי בין איך דאך געווארען נייגיע־ריג צו זעהן אזא זאנדערבארע זאך, וויא א טינטען פיש, א בעשעפעניש, פון וועלכער איך האב אין מיין לעבען ניט געהערט. איך האב זאגאר פערגעסען דעם הונגער. איך האב נעבערענט פון נייגיערדע צו זעהן א טינטען פיש און האב גע־בעטען בען בראס, ער זאל זעהן איהם צו חאפען.

דאס איז אבער געווען ניט אזוי לייכט. דער קערפער פון׳ם טינטען פיש איז זעהר ווייך, מען קען איהם ניט חאפען מיט א הוק אדער מיט א הארפונע. מען מוז איהם פערנארען. דער טינטען פיש האט צוויא לאנגע און ברייטע הענט אדער פיס, וועלכע זיינען אנגעזעצט מיט קליינע מיילער, אדער זויגער, „סאקער", וויא דער אקטאפוס. דיעזע איינגעשאפט פון׳ם טינטען פיש האט בען בראס בע־נוצט אום איהם צו פאנגען.

ער האט אויסגעזוכט אויף׳ן ברעג א גרויסען קלאם, אזא סארט מאללוסק, וועלכער געפינט זיך צווישען צוויא זשאבע שיעסעלעך. דיעזען קלאם האט ער געעפענט, האט איהם דורכגעלעכערט מיט זיין מעסער און האט איהם אויגעהאנ־גען אויף א לאנגעם שטריקעל. דאן האט ער זיך געזעצט אויף א שטיין ניט ווייט פון דעם ארט, וואו מיר האבען געזעהן דעם שווארצען פלעק אויף דעם וואסער, און האט אראפגעלאזען דעם קלאם אין וואסער.

דער טינטענפיש שווימט זעלטען אליין, ער שווימט שטענדיג אין הויפענס פון צעהן—צוואנציג און זאגאר דרייסיג שטיק צוזאמען. ער לעבט אין א געזעל־שאפט. ווען ער געפינט אן ארט, וואו ער האט גענוג וואס צו עסען, מאכט ער זיך א נעסט צווישען דיא שטיינער און לעגט דארט זיינע אייער—זיין רויג.

אין ענגלאנד האט מען אמאל געפונען אין א מינע פון שטיין קוילען א גאנצען ברונען מיט טינט, האט בען בראס דערצעהלט. מען האט פראבירט דיא

טינט און מען האט געפונען, אז זיא איז פארטרעפליך. זיא איז בעסער פון אלע בעסטע סארטען טינט, וועלכע מען קען קריעגען אין דיא בעסטע מאגאזינען פון לאנדאן. אלע האבען זיך געוואונדערט און האבען ניט געקענט פערשטעהן, פון וואנען עס האט זיך גענומען טיעף אין דער ערד א ברונען מיט טינט. ווער האט עס געקענט אנגיעסען אין דער ערד אזוי פיעל טינט?

ענדליך האט עס א געלערנטער ערקלערט אויף פאלגענדער ארט. אמאל איז אויף דעם ארט, וואו עס געפינט זיך יעצט דער ברונען מיט טינט, געווען א בוכטע פונ׳ם מעער. דאס וואסער איז געווען שטיל און עס האבען זיך אין איהם געפונען פיעלע קליינע טהיערע. עס האבען זיך פערזאמעלט אהער פיעלע טינטענ־פיש און האבען זיך שטארק פערמעהרט. פלוצלונג איז געווארען אן ערדציטער־ניש. דיא בוכטע איז פערשאטען געווארען מיט זאמד, שטיינער און ערד קוילען. דיא טינטענפיש האבען זיך פערזאמעלט אין א קליינעם ברונען אדער וואסערבע־קען, וועלכער איז געבליעבען צווישען דיא שטיינער אין דיא ערד קוילען. עס איז זיי געווען דא זעהר ענג און זיי האבען ניט געהאט וואס צו עסען און עס האט זיי געפעהלט דיא נעטהיגע לופט. זיי זיינען אויסגעשטארבען פאר הונגער און פאר מאנגעל אן לופט. זייער קערפער זיינען פערפוילט געווארען און פערנ׳כטעט געווארען. דיא טינט אבער, וועלכע האט זיך געפונען אין זיי איז געבליעבען אין דיעזען ברונען.

— דאס איז ביי מיר א נייעס! האב איך אויסגערופען, אלזא בענוצט מען אין ענגלאנד נאטירליכע טינט?

— דער איינענטהימער (בעל הבית) פון דער מינע האט געמאכט זעהר פיעל געלד פון דיעזער טינט גרוב אדער טינט ברונען, האט בען בראס ערקלערט, זיא האט זיך אבער ענדליך אויסגעשעפט. עס איז דאך געווען נור א רעזערוואור, אקעסעל פון הונדערטער גאללאנען טינט. מען האט אבער מיינסטענס געקויפט דיעזע טינט ניט, ווייל זיא שרייבט שעהן, זאנדערן אלס זעלטענהייט, אלס ראַ־ריטעט.

אזוי וויא מיר האבען אזוי גערעדט, האט בען בראס געפיהלט, אז עפּעס רייסט פון איהם דאס שטריקעל, וועלכעס ער האט געהאלטען אין דער האנד. ער איז אראפגעשפרונגען פון שטיין און האט אנגעהויבען צו שלעפען עכ לאנג־זאם. באלד האט ער ארויסגעשלעפט א סארט בעשעפעניש, וועלכעס האט ני־כער אויסגעוויעזען וויא א פלאש אלס וויא א פיש.

— אט האסט דוא א טינטען פיש, ביללי!

איך האב יעצט געקענט בעטראכטען דעם טינטען פיש. ער האט קיין שו־פען און קיין פלאספעדערן. זיין גאנצער קערפער בעשטעהט פון א גאנץ ווייכע מאסע, וועלכע האלט זיך אן א ווייכען, לענגליכען ביין. דיעזער ביין הייסט אסטא סעפּיא און ווערט בענוצט פון דיא גאלדשמידען. זיי שניידען אויס אין איהם דיא פארמען פאר דיא זאכען, וועלכע זיי גיעסען אויס פון גאלד.

פונ'ם קאפ פונ'ם טינטען פיש נעהן ארויס זעקס קורצע און צוויא לאנגע הענד. ער איז זעהר עהנליך צום אָקטאָפּוס, זיינע פיס זיינען אבער גאנץ קורץ. דיעזער טינטען פיש איז געווען איוננער, א קליינער. מען טרעפט אן אין וועלט מעער טינטענפיש, וועלכע זיינען גרויס, וויא א צוקער פאס. אזא טינטען פיש קען האבען און זיך מעהר אלס א גאללאָן טינט.

מיר האבען פּראבירט עסען דעם טינטען פיש. ער איז זעהר ווייך און ניט געשמאק. זיין פלייש שמעקט נאך טינט.

66טעם קאפּיטעל.

טרייב האָלץ.

אונזער לאגע איז געווארען טרויעריגער פון טאג צו טאג. גרויסע פיש האָבען מיר ניט געקענט האפּען, זיי פלעגען אויסמיידען אונזער אינזעל. מיר פלעגען מוזען זיין צופריעדען מיט דעם, וואס דאס מעער פלעגט ארויסווארפען. זעהר אפט פלעגט דאס מעער ארויסווארפען אזוי ווענינ מושעלן און מאלוסקען, אז מיר פלעגען ליידען הונגער. מיר זיינען געווארען אזוי פערווילדערט און פערצווייפעלט, אז עס פלעגען פארקומען טעג, ווען מיר האבען איינער צום אגדערן ניט גערעדט קיין ווארט. מיר האבען ניט געהאט איבער וואס צו רעדען. מיר פלעגען אנפאנגס צעהלען דיא טעג, וועלכע מיר געפינען זיך אויף דער אינזעל. ענדליך האבען מיר דאס אויך אויפגעהערט.

עס זיינען פערגאנגען טעג, וואכען און פיעלייכט מאנאטע, אין וועלכע עס איז קיין נייעס ניט פארגעקומען. איין מאל האבען מיר אנגעהויבען צו פיהלען, אז דיא לופט ווערט קיהלער. עס האט אנגעהויבען צו בלאָזען א קאלטער ווינד. דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט וואלקען. מיר האבען ניט געהאט מיט וואס זיך צו שיצען פון דער קעלט. מיר האבען אנפאנגס פּראבירט זיך בעהאלטען צווישען דיא שטיינער, זיך זעצען איינער לעבען אנדערן און זיך ווארעמען איינער אן דעם אנדערן. דאס האבען מיר געקענט טאהן אונטען, ביים ברעג, ווייל דארט זיינען געליעגען צו ווארפען פיעלע גרויסע שטיינער. מיר האבען שוין זעהר גוט געקענט אונזער אינזעל און האבען אויסגעזוכט א גרויסען שטיין, אונטער וועלכען עס האט זיך געפונען א קליינע הייל. אין דיעזער הייל אדער אין דיעזער גרוב האבען מיר זיך אניעדערגעזעצט איינער לעבען אנדערן און האבען זיך אנגעוואַרעמט.

אונטערדעסען איז געווארען פינסטערער און פינסטערער. דאס מעער האט אנגעהויבען צו ווערן אונרוהיג. באלד האט עס אנגעהויבען צו שוימען און צו קאָכען, אז עס האט פערגאסען דעם שמאלען ברעג ארום דער אינזעל און דעם שטיין, אונטער וועלכען מיר זיינען געזעסען. באלד האט עס אנגעהויבען צו גיסען און צו שפריצען פון אלע זייטען, אז מיר האבען געמוזט אנטלויפען פון דעם ארט, וואו מיר האבען געהאט זיך צו שיצען ... דער קעלט.

— עס קומט אן א שטורם, האט בען בראס געזאגט טרויעריג, דאס מעער וועט באלד פערגיעסען דעם גאנצען ברעג ארום דער אינזעל. מיר מוזען ארויפגעהן אויפ'ן בערג.

— עס איז דאך אבער קאלט, האט איינער פון אונז בעמערקט. אויבען וועלען מיר נאס ווערען, ווען עס וועט געהן א רעגען.

— מיר מוזען ארויפשלעפען ברעטער פון אונזער צובראכענעם באאט און מאכען פון זיי א סארט געצעלט, האט ענגעלמאן געזאגט, וויא צו זיך אליין.

עס איז שוין אבער קיין צייט געווען עפעס צו טאהן. דער שטורם איז אנגעקומען מיט א שרעקליכער שנעללקייט. מיר האבען קוים צייט געהאט ארויפצוקלעטערן אויפ'ן ברעג און צוקומען צום ברונען. אויבען, אויפ'ן גלאטען, הארטען שטיין, האבען מיר זיך אניעדערגעזעצט און האבען זיך צוגעדעקט מיט'ן זעגעל, דאס איינציגע שטיקעל לייניוואנד, וואס מיר האבען געהאט.

דער שטורם האט אויסגעבראכען. א שרעקליכער, ווילדער אונגעוועהנליכער קאלטער ווינד האט געוועהט און געריסען אונזער שטיין. מיר האבען זיך געמוזט האלטען פעסט איינער אן דעם אנדערן, דער ווינד זאל אונז ניט אראפווארפען פון אונזער בערגעל. דיא וועללען (כוואליעס) פון'ם מעער האבען געווארפען זייערע וואסערן אזוי הויך, אז דער שוים האט אונז בעשפריצט. מיר זיינען באלד אויסגענעצט געווארען ביז אין דיא מארך פון דיא ביינער און האבען געציטערט, וויא אין א פיבער.

מיר האבען נאך געהאט שטיקער דעקען (קאלדרעס) און האבען זיך מיט זיי איינגעוויקעלט, וויא ווייט מיר האבען געקענט. וואס האט עס אבער געהאלפען? — פון עסען האט קיין רעדע ניט געקענט זיין. מיר האבען מורא געהאט צו ריהרען זיך פון ארט, דער שטורם זאל אונז ניט אראפווארפען אין מעער. שלאפען איז אויך געווען אונמעגליך.

אזוי איז פערגאנגען איין שטונדע נאך דער אנדערער. דער לאנגער טאג איז פאראיבער, עס איז געווארען נאכט, א שרעקליכע, טרויעריגע נאכט. איך קען אייך ניט בעשרייבען, וויא מיר האבען איבערגעלעבט דיא נאכט. דער שטורם איז געווארען נאך שטארקער, דיא קעלט — נאך גרימיגער און בייסענדער. מיר האבען געמוזט קלאפען איין האנד אן דער אנדערער אום זיך אביסעל צו דערווארעמען. מיך און לילי האט מען געהאלטען אין דער מיט אום אונז צו ווארעמען.

דער מענש איז דאס שוואכסטע, אבער אויך דאס שטארקסטע טהיער. ער קען איבערטראגען מעהר פון אנדערע טהיערע. ער קען אויסהאלטען היץ און קעלט מעהר פון אלע אנדערע טהיערע. מיר האבען אויסגעהאלטען דיעזע שרעקליכע נאכט. מיר האבען אויסגעהאלטען דעם שרעקליכען שטורם.

אין דערפריה איז געווארען א ביסעל רוהיגער. דער שטורם האט נאכגעלאזען, נור דאס מעער האט נאך געקאכט און געשוימט. דיא וואלקען זיינען זיך

צוגאנגען. דיא זון האט זיך געוויעזען און האט אנגעהויבען אונז אביסעל אפצר־ווארעמען. מיר האבען געקענט זיך אויפהויבען און זיך ארוקוקען וואס עס טוהט זיך ארום אונז. דאס מעער איז נאך געווען גאנץ ווילד. זא ווייט אונזער אויג האט געקענט גרייכען, האבען מיר געזעהן נור ווייסען שוים.

מיר זיינען געווען שרעקליך הונגעריג. זייט פיער און צוואנציג שטונדען האבען מיר גאר נישט געגעסען. מיר האבען אראפגעקוקט צום ברעג, פיעלייכט געפינט זיך דארט עפעס, וואס מען קען עסען. ליידער האט דאס מעער בעדעקט דעם שמאָלען ברעג און דיא וואסערן זיינען צוגעקומען ביז צו דיא ווענט פון׳ם שטיין.

הונגעריג, טרויעריג, פערפרארען, פערצווייפעלט זיינען מיר געשטאַנען אויף אונזער נאקעטען שטיין און האבען אראָפגעקוקט אויף דיא ווילדע וואסערן פון׳ם וועלט מעער. מיר זיינען נאך קיין מאל ניט געווען אזוי פערצווייפעלט, וויא היינט. מיר האבען נאך קיין מאל אזוי ניט געפיהלט אונזערע שרעקליכע לאגע, וויא היינט. מיר האבען זיך קיין מאל ניט געפיהלט אזוי אונגליקליך, וויא היינט.

איך האב אקוק געטאהן אוף מיינע קאמעראדען און האב מיך דערשראָ־קען פאר זיי. זייערע נעזיכטער זיינען געווען שווארץ אדער פון ערד פארב. זייערע ווילדע אויגען האבען געברענט, וויא עס ברענען דיא אויגען פון א ווילדע טהיער, ווען ער איז הונגעריג. זיי זיינען אבער אויך געווען ניט מעהר, וויא ווילדע טהיערע, הונגער, קעלט, שרעק און פערצווייפלונג האבען אזוי געווירקט אויף זיי, אז זיי האבען פערגעסען, ווער זיי זיינען און וואו זיי זיינען.

איך ווייס ניט, וואס עס וואלט געווארען פון אונז, ווען דיא זון זאל ניט געווען ווידער אנהויבען צו ווארמען, וויא פריהער. דיא זון האט אונז בעלעבט און ערפרישט. איך האב געזעהן דייטליך, וויא דיא געזיכטער זיינען געווארען פרעהליכער, וויא זיי האבען אנגעהויבען זיך צו ריהרען און געבען צייכענס פון לעבען.

נעגען מיטאג, ווען עס איז געווארען גוט הייס, האט זיך דאס מעער אויך אנגעהובען צו בערוהיגען. דיא עבבע איז אנגעקומען, דיא ווילדע וואסערן פון׳ם מעער האבען זיך צוריקגעצויגען פון אונזער אינזעל. עס האט זיך ווידער געוויע־זען דער שמאָלער ברעג. מיר זיינען באלד אראָפגעלאפען צום ברעג זוכען עפעס עסען.

דאס מאל האט דאס מעער געמאכט פאר אונז א באלל. הונדערטער אויסטערן, מושעלן, קליינע פיש און אנדערע טהיערע זיינען געלעגען אויפ׳ן זאמד. דער שטורם האט זיי ארויסגעוואָרפען. מיר האבען געקליבען דיא פריכטע פון׳ם מעער און האבען זיי געשלונגען, וויא מען שלינגט עפעל, ווען מען קומט אין א גארטען. מיר האבען געגעסען, וויא דיא הונגעריגע וועלף.

— יעצט לאמיר ארומגעהן דיא אינזעל און זעהן, וואס עס טהוט זיך יעצט אויף אונזער אינזעל, האט בען בראס געזאגט.

דאס איז אויך געווען דאס ריכטיגסטע אין מיר האבען איהם אויך נעראָלגט. מיר זיינען געווען גליקליך, וואס מיר האבען ווידער געקענט געהן.

מיר האבען בעשלאָסען ארומצוגעהן דיא אינזעל ארום און ארום. קוים זיינען מיר אוועק געגאנגען א האלבע שטונדע, האבען מיר דערזעהן מיט פרייד, אז דאס מעער האט ארויסגעווארפען א גרויסען פיש פון עטליכע הונדערט פונט.

— דער שטורם האט אונז דאָך געבראכט נוצען, האט ענגעלמאַן בעמערקט. מיר וועלען ווידער האבען פּראָוויאַנט, מיר וועלען ווידער האבען וואס צו עסען.

מיר האבען באלד אויפגעשניטען דעם פיש, האבען איהם אויסגערייניגט און האבען איהם צושניטען אויף קליינע שטיקלעך. יעצט האבען מיר געהאט אן ארבייט. בען בראס האט געפונען, אז מיר זאלען ארויפטראגען דיא שטיקער פיש אויפ׳ן בארג און זאָלען זיי דאָרט אויסלעגען צום טריקענען.

מיר האבען געהאט אן ארבייט און זיינען געווען העכסט צופריעדען, וואס מיר האבען געדאַרפט לויפען פון ברעג אויפ׳ן בערג און פון׳ם בערג צום ברעג. אזוי איז פערגאנגען דער טאג מיר האבען געארבייט געשמאק, האבען זיך גוט אנגעמיעדעט און זיינען אנטשלאָפען געווארען, וויא דיא דערהרגעטע.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה זיינען מיר אויפגעשטאַנען און האבען א קוק געטאהן אויפ׳ן מעער. אונז האט זיך פאָרגעשטעלט א זאנדערבארעס בילד. דאס מעער האט זיך אין גאנצען בערוהיגט, עס איז ווידער געווארען גלאַט וויא א שפּיעגעל, נור דארט, וואו עס האט געפלאסען דער טייך, האט דאס וואסער גערוישט. יעצט האבען מיר געקענט זעהן דייטליך, וויא דער שטראָם פליעסט. דאס מאל זיינען אבער געשוואומען אויף איהם ביימער, קלעצער און צווייגען. עס זיינען געשוואומען איינציגע ביימער, עס זיינען געשוואומען עטליכע צוזאמען. עס זיינען געשוואומען ביימער, וועלכע זיינען אויסגעריסען געווארען מיט דיא ווארצלען. דער טייך איז געווען בעדעקט מיט „טרייב האלץ.“ עס האט זיך אויסגעוויזען, אז עס שווימט א גאנצער וואלד.

— מיר געפינען זיך ערגעץ ניט ווייט פון א לאנד, האט ענגעלמאַן געזאגט.

— פון וואנען ווייסט איהר עס? האב איך געפרעגט.

— דוא זעהסט דאָך, ביללי, אז דיא ביימער זיינען אנגעקומען אהער אין צוויא טעג. דיא ביימער האבען דאָך געוואקסען ערגעץ אין א לאנד. דער שטורם האט זיי אויסגעריסען און האט זיי אריינגעוואָרפען אין וואסער. עס האט ביי זיי געדויערט צוויא טאג, ביז זיי זיינען צוגעקומען אהער, אלזא קענען מיר אין עטליכע טעג קומען אהין.

— וויא וועלען מיר אבער קומען? מיר האבען דאָך קיין באָאט? האב איך געפרעגט.

— מיר מוזען מאכען א פלאס, האט בען בראס געענטפערט.

— מיר מוזען אבער האבען מאטעריאל, פון וואס צו מאכען א פלאָס, האב איך אויסגערופען.

— דאס וועלען מיר שוין האבען, דער טייך וועט אונז שוין אנברענגען מאַ־טעריאל צו בויען צעהן פלאָסען און זאָגאר א גאנצעס שיף. מיר מוזען זיך יעצט נעהמען צו דער ארבייט, אויפפאנגען דיא ביימער און שטיקער האלץ, וועלכע שווימען ארום, האט בען בראס ערקלערט.

— וויא וועלען מיר זיי אבער אויפפאנגען?

— דוא וועסט עס באלד זעהן.

בען בראס האט גענומען א לאנגען שטריק, האט געמאכט א שלייף און האט זיך געזעצט אויף א גרויסען שטיין. דאן האט ער פראבירט פערוואַרפען דעם שלייף אויף דיא ביימער, וועלכע זיינען פארביי געשוואומען. ענגעלמאן און דער איטאליענער האבען איהם נאכגעטאהן.

פיעלע ביימער און קלעצער זיינען געקומען אזוי נאהענט צו אונזער אינזעל אז מיר האבען זיי ארויסגעשלעפט מיט דיא הענד. אנדערע, וועלכע זיינען גע־שוואומען ווייטער, האבען בען בראס, ענגעלמאן, דער איטאליענער און דער נע־גער ארויסגעשלעפט. מיר האבען באלד געהאט א שעהנעם הויפען האלץ.

— וויא לאנג קען עס דויערן? האב איך געפרעגט, פריהער זיינען קיינע ביימער געשוואומען אין וואסער, ערשט נאכ'ן שטורם האבען זיי אנגעהויבען צו שווימען, זייא וועלען אלזא ניט שטענדיג אנקומען צו אונז. וויא לאנג קען עס דויערן?

— דאס קען דויערן אכט, צעהן און זאגאר פונפצעהן טעג, האט בען בראס ערקלערט. וויא עס ווייזט אויס, איז דער שטורם אין יענעם לאנד געווען שרעק־ליך. ער האט אויסגעריסען פיעלע ביימער און האט זיי ארייננגעוואָרפען אין דיא טייכען, וועלכע געפינען זיך אין יענער געגענד. דיא טייכען האבען אוועק־געשלעפט דיא קלעצער צום מעער און דאס מעער ברענגט זיי אהער. ווען יע־נעס לאנג איז געבירגיג, קומען אן דיא ביימער, וועלכע האבען געוואקסען אויף דיא בערג. מען געפינט א מאל אין מעער ביימער, וועלכע וואַקסען נור אין אזעלכע לענדער, וויא פערו, טשילי, עקוואדאר, ווענעצועלא און בראזיליען. דארט הייבט זיך אויף א שטורם, עס גיעסט א שטארקער רעגען, דיא טייכען ווערן אנגעשוואלען, פערפלייצען דיא וועלדער ארום און דיא וואסערן, רייסען ארויס דיא שטארקסטע ביימער און שלעפען זיי אוועק אין מעער.

אין בראזיליען געפינט זיך א גרויסער טייך, וועלכער הייסט ריא מאדיירא — האלץ טייך. ער איז שטענדיג בעדעקט מיט שטיקער האלץ, קלעצער און ביימער. עס מאכט זיך זעהער אפט, אז דיעזע קלעצער און ביימער שלאגען זיך צונויף, פלעכטען זיך אויס, פערפלאנטערן זיך, פערדרעהען זיך און בילדען א גאַנ־צע אינזעל, וועלכע שווימט זיך לאנגזאם אראפ צום מעער. ווען עס הייבט זיך

אויף א שטארקער ווינט, פערוועהט ער דיעזע אינזעל וויט, ווייט אין וועלט מעער.

66-טעס קאפיטעל.

דיא אייז בערג.

מיר האבען אלע געארבייט זעהר געשמאק דרייא טעג נאך אנאנד. מיר זיינען געוועזן גליקליך, וואס מיר האבען געהאט האלץ. מיר האבען צולעגט א גרויסעם פייער אויפ'ן בערג, ניט ווייט פון'ם ברונען און האבען ענדליך געהאט דאס גרעסטע פערגעניגען, זייט דיא „ראפינא" איז אונטערגעגאנגען,—מיר האבען געגעסען געקאָכטע פיש.

דער נעגער סנאַי איז געוועזן גליקליכער פון אונז אלע. ער האט זיך גענומען צו זיין פריהעריגע בעשעפטיגונג. ער איז ווידער געווארען א קאָך און האט ווידער געקענט ארבייטען מיט טעפ און מיט פייער.

מיר האבען אנגעהויבען צו בעמערקען, אז דיא לופט האט אנגעהויבען צו ווערן קיהלער, זייט דער קאלטער שטורם האט פאסירט.

— זאל עס געהן צום ווינטער ? האבען מיר זיך געפרעגט. געפינען מיר זיך אין א געגענד, וואו דער ווינטער איז קאלט ?

דיעזע געדאנקען האבען אונז זעהר בעאונרוהיגט. מיר זיינען געוועזן נאקעט. וויא וועלען מיר זיין אין שטאנד אויסצוהאלטען א ווינטער אהן קליידער און אהן א הויז וואו מיר זאלען קענען זיך שיצען און אנווארעמען ?

אין אבענד איז געווארען בעזאנדערס קאלט. מיר האבען געמוזט מאכען א גרויס פייער אויפ'ן בארג און זיך ווארעמען. מיר האבען ניט געקענט אפטרעטען פון פייער אויף א מינוט. קוים זיינען מיר אוועקגעגאנגען פון פייער, האבען מיר אנגעהויבען צו ציטערן פון קעלט. מיר זיינען געווארען ערנסט און טרויעריג. מיר האבען יעצט געהאט פאר זיך א שרעקליכען פיינד, געגען וועלכען מיר האבען ניט געהאט קיין וואפען. מיר האבען ניט מיט וואס זיך צושטעלען געגען איהם. קעלט איז א שרעקליכער פיינד. ער בעצויבערט אונז מיט זיין קאלטען הויך און נעהמט ביי אונז צו דיא קראפט און דעם מוטה זיך צו שטעלען געגען איהם.

שנעעמאן אדער סנאַאי האָט געטאהן אלעס מעגליכע אום אונז צו ערווארעמען. ער האט געהאט מיט זיך צווייא אייזערנע טעפ. ער האט זיי אנגעגאסען מיט וואסער, האט זיי צו געשטעלט צום פייער און האָט דיא גאנצע נאכט געקאָכט אין זיי שטיקער פיש און מושלען, וועלכע מיר האבען ביי טאג אנגעזאמעלט אויפ'ן ברעג. פון צייט צו צייט פלעגט ער אנגיעסען א בלעכעל ווארעמע זופע און פלעגט עס דערלאנגען מיר אדער לילי. פאר דיא עלטערע האָט ער זיך וועניג געזארגט, ווייל זיי האבען אליין געקענט זיך נעהמען, וואס זיי האבען געדארפט.

מיר האבען דיעזע נאכט ווענינ געשלאפען. דיא קעלט שלעפערט איין, איז אן אלטערענעל. אין דער קעלט שלאפט זיך געשמאקער, ווען מען איז נוט איינגעדעקט. מיר האבען אבער ניט געהאט קיין קליידער און דיא פאר דעקען, (קאלדרעס) וועלכע מיר האבען געפונען אין באָאט, זיינען געווארען אזוי הארט און אזוי צוריסען, אז זיי האבען אונז ווענינ געניצט.

נאנץ פריה זיינען מיר אויפגעשטאנען און האָבען אקוק געטאהן אויפ'ן מעער. דיא זון איז נור וואס אויפגעגאנגען און האט בעגאסען דאס מעער מיט איהרע רויטע שטראהלען. מיר האבען געזעהן, אז ערגעץ ווייט, ווייט פינקעלט עפּעס, גלענצט, גליצערט און שפּיעגעלט זיך אפּ מיט אלע פארבען פונ'ם רעגען בויגען.

— וואס איז דאס? האב איך אויסגערופען, וואס גלענצט דארט אזוי? וואס שווימט דארט?

— אייז בערג, האט בען בראס געענטפערט טרויעריג.

דיא קעלט איז געווארען מיט יעדע מינוט שטארקער. עס איז געווארען א רעכטער, רוסישער פראָסט. מיר האבען געמוזט ארויסשלעפּען נאך האלץ און צו לעגען א גרויס פייער. דיא קעלט איז געוועזן אזוי שטארק, אז מיר האבען זאגאר ניט געקענט אראפּגעהן צום ברעג זוכען עפּעס עסען. מעהר פון אלעמען האט געלימען דער אונגליקליכער שנעעמאַן אדער סנאאי. ער איז ניט געוועזן געוואנט צו קעלט ער איז געבארען געווארען אין א הייסעם לאנד און האט ניט געוואוסט, וואס שנעע איז. דער אונגליקליכער סנאָאי איז געשטאנען ביים פייער און האט געציטערט.

דיא אייז בערג זיינען צוגעקומען נעהנטער און נעהנטער. מיר זיינען געוועזן ערשטוינט, איבערראַשט און דערשראקען. מיר האבען געזעהן פאר זיך פּאלאצען, ארקעס, זיילען און הויבע ווענד, גלייך וויא צו אונז וואלט צוגעקומען אן איינגעפאלענע, פערוויסטעטע, צערשטערטע און פערניכטעטע שטאדט. שפּעטער בין איך געוואהר געווארען, אז דיעזע פּאלאצען, דיעזע זיילען, דיעזע ווענד, דיעזע בריקען און אלע דיעזע וואונדער זיינען פון אייז. עס האט גערעגענט אויף דיא אייז בערג. דער רעגען האט עס אויסגעבויערט אין זיי לעכער, וואו עס האט זיך אנגעזאמעלט דאס רעגען וואסער און האט דורכגעלעכערט און דורכגעבראכען וועגען און בריקען אין אייז.

ווען מען זעהט אבער דיא אייז בערג צום ערשטען מאל, וועט מען איבערראַשט און ערשטוינט. מען זעהט פאר זיך דאס בילד פון צערשטערונג און פערניכטונג.

נעהנטער און נעהנטער זיינען צוגעקומען דיא אייז בערג. מיר האבען באלד געקענט זייא זעהן און בעטראכטען, וואס עס געפינט זיך אויף זיי. דער ערשטער אייז בערג איז געוועזן א ריעז. דאס איז געוועזן א מאסע אייז פון א האלבע מייל דיא ברייט און דיא לענג און פיעלייכט א מייל דיא טיעף. עס האט אויסגעוויעזען וויא א קליינע אינזעל, וועלכע איז לאנגזאם געשוואומען אין וועלט מעער. וואס נעהנטער דער אייז בערג איז צוגעקומען צו אונז, אלץ קעלטער איז געשוא-

רען. מיר האבען געפיהלט, וויא דער פראָסט איז אנגעקומען. מיר האבען אנגעהויבען צו פערשטעהן, פאר וואס עס איז אזוי קאלט געווארען. דיא קאלטע נעסט האבען עס אונז געבראכט דיא קעלט.

ווען דער אייז בערג איז צונעקומען גאר ניט ווייט פון אונזער אינזעל, האבען מיר דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז עפּעס ריהרט זיך אויף איהם. עפּעס קריעכט ארום.

— אן אייז בער! א ווייסער בער! האט בען בראַס אויסגערופען.

מיר האבען באלד דערזעהן, אז ער האט רעכט געהאט. אויפ׳ן אייז בערג האט זיך ווירקליך געפונען א פאמיליע ווייסע בערן. זייא זיינען געווען געפאנגען אויפ׳ן אייז און האבען זעהר גוט פערשטאנען זייער לאגע. דער אייז בער אדער דער ווייסער בער איז איינער פון דיא קליגסטע טהיערע אין דער וועלט. ער לעבט נור אין דיא גאנץ קאלטע געגענדען און נעהרט זיך פון פיש אדער פון זעע הינט (סיל אויף ענגליש). עס מאכט זיך אמאל, אז ער יאָגט זיך נאך א זעע הונד און פערקריעכט צו ווייט. פּלוצלונג רייסט זיך אפּ א שטיק אייז פון עטליכע מייל דיא ברייט און דיא לענג און שווימט אוועק. דער אייז בער, וועלכער איז גערادע געשטאנען אויף דיעזעס שטיק אייז, מוז אונגערן מאכען א רייזע פון דיא קאלטע אין דיא ווארעמע לענדער.

דאס זעלבע האט פּאסירט מיט דער פאמיליע אייז בערן, וועלכע מיר האבען יעצט געזעהן. זיי זיינען געווען זעהר אונרוהיג און האבען געזוכט צו אנטלויפען פון זייער איצטיגע אומזיסטע פוהר. בעזאָנדערס אונרוהיג זיינען זיי געווארען, ווען זיי האבען אונז דערזעהן · ווען זיי האבען דערזעהן, אז מיר שטעהן אויף א פעסטען לאנד.

בען בראַס איז געווארען אונרוהיג. ער האט מורא געהאט, אז דיא ווייסע בערן זאָלען ניט אראָפּשפּרינגען פון אייז בערג און זאלען ניט צושווימען צו אונז. דער אייז בער איז א פאָרטרעפליכער שווימער. צום גליק פאר אונז איז דער אייז בער געשוואומען צו ווייט פון אונזער אינזעל. דיא בערן האבען מורא געהאט אראָפּצושפּרינגען פון זייער פוהר אין מעער. דערצו נאך איז דער אייז בערג געלאפען זעהר שנעל און הינטער איהם איז באלד אנגעלאָפען דער צווייטער.ביידע האבען זיך אנגעשלאגען, אנגעשטויסען און זיך אנגעקלאָפּט. עס האט געגעבען א שרעקליכען קנאַק. טויזענדער שטיקער אייז זיינען זיך צופלויגען אין אלע זייטען. מיר האבען געהערט פון דער ווייטען, וויא דיא אייז בערן האבען געברומט און מיר האבען געציטערט.

עס האט געדויערט א גאנצען טאג, ביז דיא אייז בערג זיינען פאראיבער געגאנגען אונזער אינזעל. דאס איז געווען דאס ערגסטער טאג פאר אונז. זייט איך בין אנטלאָפען פון מיינע עלטערן, האב איך ניט געליטען אזוי שטארק, וויא אין דיעזען טאָג. דיא קעלט איז א שרעקליכער פיינד. ענגעלמאן און דער איטאליענער האבען אלע מאל ארויפגעלעגט פרישע שטיקער האָלץ אויף אונזער פייער און מיר האבען זיך געווארעמט, וויא מיר האבען געקענט.

לילי האט אויך געליטען זעהר פיעל פון דיא קעלט. זיא איז אויפגעוואקסען אין הייסע לענדער און האט צום ערשטען מאל אין איהר לעבען געפיהלט, וואס קעלט איז. מיר האבען זיא ארומגעוויקעלט מיט אן׳אלטער דעק און האבען זיא געהאלטען ביים פייער.

צוויא טעג נאך דעם, וויא דיא אייזבערג זיינען פארביי געשוואומען אונזער אינזעל, איז נאך אלץ געווען קאלט, דאן האט אנגעהויבען ווארמער צו ווערן. איך האב מיך דערמאנט אן דער היים, ווען עס ווערט פריהלינג און מיט יעדען טאג ווערט עס ווארעמער. אין דער היים אבער געדויערט דער פריהלינג וואכען לאנג, אויף אונזער אינזעל האט ער געדויערט נור איינינע טעג. דיא קעלט איז פערשוואונדען, עס איז ווידער געוואָרען אזוי ווארם, אז מיר האבען שוין געקענט אראפּגעהן צום ברעג און זוכען עפּעס עסען.

— יעצט מוזען מיר זיך נעהמען צו דער ארבייט און מאכען א נייעם פלאַס, האט בען בראס געזאגט, גיט נור א קוק, דיא אייזבערג האבען אוועקגעשלעפּט מיט זיך דאס „טרייב האלץ,“ עס שווימען קיינע ביימער מעהר.

מיר האבען בעטראכט דאס מעער ארום אונזער אינזעל און האבען דערזעהן, אז עס איז ווירקליך ריין, מען זעהט ניט מעהר קיין שטיקעל האלץ אויפ׳ן וואסער.

— איך פערשטעה, אז דער קאלטער שטורם, פון וועלכען מיר האבען אזוי פיעל געליטען, האט זיך אנגעהויבען ערגעץ אין דיא קאלטע לענדער און איז געגאנגען אלץ ווייטער, ביז ער איז צוגעקומען אין דיא גאנץ הייסע, האב איך געזאגט צו מיר אליין. ער האט געבראכט מיט זיך אייז, קעלט און פראסט אין אלע לענדער, וועלכע ער האט פאסירט.

— דוא האסט רעכט, ביללי, דער שטורם האט זיך אנגעהויבען אין דיא קאלטע לענדער און האט אונז געבראַכט קעלט און פיעלע פיש און טהיערע, וועלכע לעבען נור אין דיא קאלטע לענדער, זעה, וואס פאר מושעלן און אויסטערן דאס מעער האט היינט ארויסגעווארפען, דאס זיינען אלע נייע סאָרטען, וועלכע מיר האבען ביז אהער ניט געזעהן.

און ווירקליך האבען מיר אנגעהויבען צו געפינען אזעלכע זאָנדערבארע סאָרטען פיש, וועלכע מיר האבען ביז אהער נאך קיין מאל ניט געזעהן. איך האב געוואָלט אנהייבען צו פרעגען, וואס פאר א סאָרטען דאס זיינען און וויא זיי לעבען, בען בראַס אבער האט מיר געזאגט:

— יעצט איז ניט דיא צייט דערפון, מיר מוזען זעהן צו מאכען א פלאַס און צו אנטלויפען פון דאנען. אונזער אינזעל געפינט זיך אויפ׳ן וועג פון א קאלטען טייך. ווען עס האט איין מאל געטראפען, אז עס זיינען אנגעקומען אייזבערג און האבען אונז געבראכט קעלט און פראסט, קען דאך עס געשעהן נאך א מאל. יעצט האבען מיר געהאט גענוג האלץ זיך צו ווארעמען, וואס וועלען מיר טאהן דאס אנדערע מאל, ווען מיר וועלען קיין האלץ ניט האבען?

— וויא באלד, אז עס זיינען אנגעקומען אייז בערג, געפינען מיר זיך דאך ערגעץ ניט וויים פון דיא קאלטע געגענדען אין נארדען, אלזא קענען מיר דאך וויסען, וואו מיר געפינען זיך ערגעץ אין דער וועלט? האב איך געפרעגט.

— דוא האסט דאך געלערנט אין א שולע, ביללי, האט בען בראס גע־ענטפערט, דאן מוזט דוא דאך וויסען, אז פון ביידע זייטען פון דער וועלט, אין נארדען און אין זידען, געפינען זיך קאלטע געגענדען. דער נארד פאל איז קאלט און דער זיד פאל איז קאלט, ריכטיגער געזאגט, נאך קעלטער. ביידע שיקען ארויס אייז בערג אדער גרויסע מאסען אייז אין אטלאנטישען וועלט מעער. מיר קענען יעצט ניט וויסען, פון וואנען דיעזע אייזבערג זיינען געקומען.

67טעס קאפיטעל.

דער נייער "אלבאטראס".

מיר האבען געארבייט פלייסיג און אין עטליכע טעג האבען מיר וויעדער געהאט א שטארקען פלאס, אויף וועלכען מיר האבען געקענט זיך לאזען אין וועלט מעער. דער שטורם האט אונז אנגעבראכט אזוי פיעל האלץ, אז מיר וואלטען געקענט אויסבויען א גאנצעס שיף. דאס איינציגע, וואס האט אונז געפעהלט, איז געוועזען מיט וואס צו בעפעסטיגען דיא קלעצער איינעם צום אנדערן. מיר האבען ניט געהאט קיין אייזערנע נעגעל, מיר האבען געמוזט זיך בענוצען מיט שטריק אדער מיט הילצערנע פלעקער.

צום גליק האבען מיר געהאט ביי זיך העק און א זעג. בען בראס, ענגעל־מאן און דער איטאליענער זיינען געוועזען גוטע ארבייטער און האבען געוואוסט, וויא צו בויען א שטארקען פלאס. אין אכט טאג איז דער פלאס אין גאנצען פער־טיג געוועזען און מיר האבען אנגעהויבען זיך פארצובערייטען צו דער רייזע. מיר האבען אויפגעקליבען פון ברעג אלעס, וואס האט נור געקענט אונז נוצען אלס שפייז. בען בראס און דיא איבעריגע האבען אנגעהויבען צו האפען פיש. דאס איז צוואר געוועזען ניט אזוי לייכט, דענאך איז עס זיי געלונגען צו טייטען א גרויסען פיש. מיר האבען איהם אויסגעטריקענט אויפ׳ן פייער און האבען איהם ארויפגעלעגט אויף אונזער נייען „אלבאטראס." דאן האבען מיר אנגעגאסען אלע אונזערע פעס־סער מיט פרישעס וואסער פונ׳ם ברונען און האבען זיי אויך ארויפגעקייקעלט אויפ׳ן פלאס.

דיא לעצטע נאכט, וואס מיר האבען צוגעבראכט אויף אונזער איינזאמען אינזעל, האב איך ווענינ געשלאפען. איך שעהם מיך ניט אויסצוזאגען, אז עס האט מיר לייד געטאהן צו פערלאזען דיעזען נאקעטען שטיין, אויף וועלכען מיר האבען צוגעבראכט אזוי פיעל צייט. זיא איז מיר ליעב געווארען, זיא איז מיר טהייער געווארען. איך האב ניט געקענט מיך אפרייסען פון איהר.

עס איז טאג געווארען. אלע זיינען אויפגעשטאנען, האבען זיך אפגעוווא־

שען, האבען אפגעגעסען און זיך אנגעטרונקען מיט דעם פרישען, ריינעם וואסער פון׳ם ברונען און האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, גלייך וויא מיר וואלטען אבשיעד גענומען פון׳ם שטיין, וועלכער האט אונז געדיענט אלס סטאציאָן. איך האב א קוק געטאהן אויף בען בראם און מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז איך זעה טרערן אין זיינע אויגען. עס האט איהם אויך לייד געטאהן צו פערלאָזען דיעזע אינזעל.

עס האט אבער גאר ניט געהאלפען, מיר זיינען נאך אמאל ארומגעגאנגען ארום אונזער אינזעל, האבען נאך אמאל גענומען אבשייד פון יעדעס ווינקעלע און האבען זיך וויעדער אויפגעזעצט אויף אונזער „אלבאטראָס". מיט איינינע שטונדען שפעטער זיינען מיר וויעדער ארומגעשוואומען אויפ׳ן גרויסען און בריי־טען אטלאנטישען וועלט מעער. מיר זיינען וויעדער געוועזן צווישען הימעל און וואסער.

צום גליק האבען מיר יעצט געהאט מעהר ווינט. מיר זיינען ארויסגעפאה־רען פון דער שטילער געגענד. אונזער נייער „אלבאטראָס" האט געהאט א גר־טען זעגעלבום און מיר זיינען געפאהרען קיין וועסטען. בען בראם האט בערע־בענט, אז מיר דארפען יעצט זיין נעהנטער קיין אמעריקא אלס קיין אפריקא און ער האט געטריעבען אונזער פלאָס קיין אמעריקא.

דיא ערשטע עטליבע טעג זיינען מיר געפאהרען גאנץ לוסטיג. עס האט אונז גאר ניט פאסירט און מיר האבען געהאט אלעס, וואס מיר האבען געדארפט. אויפ׳ן פלאָס איז אונז געוועז בעקוועמער צו פאהרען, וויא אויפ׳ן ענגען באָאט, דערפאר אבער האבען מיר אנגעהויבען צו ווערען לאנגווייליג.

איך דערצעהל עס יעצט אין פריידען, אבוואהל איך קען עס ניט פער־שטעהן. זא לאנג מיר האבען זיך געפונען אויף אונזער אינזעל, האבען מיר ניט געפיהלט קיין לאנגווייליע. וויא קליין דיא אינזעל איז געוועזן, האבען מיר דאך געהאט א פערגניגען ארומצושפאציערען אויפ׳ן ברעגן, צו זובען אויסטערן אדער צו בעטראכטען דאס לעבען אין מעער. יעצט אבער, ווען מיר זיינען געפאהרען אויפ׳ן מעער און מיר האבען ניט געהאט וואס צו טאהן, האבען מיר אנגעהויבען צו פיהלען, אז עס איז אונז לאנגווייליג.

אזוי וויא יעדער האט שוין דערצעהלט זיין געשיכטע און מיר האבען ניט געהאט איבער וואס צו רעדען, האט בען בראם געפאדערט פון׳ם נעגער שנעע־מאן, ער זאל אונז דערצעהלען עפעס פון זיין לעבען.

— איך האב ניט וואס צו דערצעהלען, האט דער נעגער געזאָגט, איהר ווייסט דאך זעהר גוט, אז אונזערע ברידער האפט מען, וויא דיא ווילדע טהיערע, מען פיהרט זיי אוועק אין פרעמדע לענדער און מען פערקויפט זיי, וויא דיא שעפ־סען. וואס קען אזא ארימער נעגער, וויא איך, אייך דערצעהלען?

— דוא ביזט דאך אבער געוועזן א פרייער נעגער, דערצעהל אונז, וויא קומסט דוא אויף דער „ראפינא", וויא אזוי ביזט דוא פריי געווארען און אלעס.

וואס האט פאסירט מיט דיר אדער מיט דיינע העררען. דוא האסט געוויס גע־דיענט ביי פערשיעדענע מענשען און ווערסט געוויס זיך דערמאָנען עפּעס פון זייער לעבען.

דער נעגער האט געטראכט א לאנגע צייט, דאן האט ער געזאָגט;

— פון מיין לעבען קען איך אייך דערצעהלען זעהר ווענינ, מיט מיר אליין האט פאסירט זעהר וועניג אינטערעסאנטעס, אדער זאנדערבארעס, איך קען אייך עפּעס דערצעהלען פון איינעם פון מיינע הערערען.

— דערצעהל! דערצעהל! לאז זיין וואס עס איז, נור דערצעהל עפּעס. האבען מיר אלע אויסגערופען.

דער נעגער האט זיך אומגעקוקט איינינע צייט און האט דערצעהלט פאל־גענדע געשיכטע:

דער אינדישע פאקיר.

— וואו איך בין געבארען געווארען און וויא אזוי איך בין אויפגעוואקסען ביז איך בין געקומען צו מיין פערשטאנד, ווייס איך ניט. ווען איך בין אלט גע־ווען א יאהר צעהן־צוועלף, בין איך געווען אין אינדיען. — יעצט ווייס איך, אז יענעם לאנד האט געהייסען אינדיען, דאמאלס האב איך גאר ניט געוואוסט. איך בין געווען דער שקלאף פון א יונגען ענגלישען אפיציער מיט'ן נאמען סטענטאָן. אנפאנגס פלעג איך איהם פוצען דיא שטיוועל און רייניגען זיין מונדיר און זיינע וואפען. ווען איך בין עלטער געווארען, האט ער מיך איבערגעגעבען צו זיין קאך, א פראנצויז, וועלכער האט מיך געלערנט קאָכען.

איך בין געווען א שקלאף, איך בין אבער געווען גאנץ צופריעדען. מיין הערר פלעגט מיך בעהאנדלען זעהר גוט. איך האב געהאט וואס צו עסען און פלעג שטענדיג געהן שעהן אנגעטאהן. וואס נאך קען פערלאנגען אנ'ארימער נעגער, וויא איך בין?

איך האב געהאט גענוג צייט ארומצוגעהן, וואו איך האב געוואלט און האב געלעבט פרעהליך און צופריעדען. אזוי זיינען פערגאנגען יאהרען. מיין הערר, דער אפיציער סטענטאן, פלעגט מיך מיטנעהמען, וואוהין ער פלעגט פאהרען, אלס זיין קאך און פלעגט מיך שטענדיג זעהר גוט בעהאנדלען. איך האב גע־וואוסט, אז ער פלעגט בעזוכען א יונגע דאמע, דיא טאכטער פון זיין גענעראל, וועלכע ער האט געליעבט. איך פלעג אָפט טראָגען בריוועלעך פון איהם צו דער דאמע און פון דער דאמע צו איהם.

איין מאל האב איך איהם געבראכט א בריוועלע פון דיעזער דאמע און ער איז געווארען זעהר פרעהליך. ער האט מיך געשיקט רופען זיינעם א גוטען פריינד דעם עלטערן אפיציער פון זיין רעגימענט, וועלכער איז אויך באלד געקומען. זיי האבען אוועקגערעדט איינינע צייט, דאן האבען זיי זיך אנגעטאהן זייערע מונדי־רען און סטענטאן האט צו מיר געזאגט:

— נעהם אונזערע מאנטלען און מיין יאגד ביקס און קום מיט אונז.

איך האב איהם געפאלגט און מיר זיינען באלד געגאנגען אויף א וועג, וועלכער איז מיר געווען זעהר גוט בעקאנט. מיר זיינען געגאנגען צום גענעראל. עס איז געווען פאר נאכט. דיא זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן, דיא היץ איז געפאלען. סטענטאן מיט זיין קאמעראד זיינען געגאנגען פאראויס, האבען גערעדט, געלאכט און געשפאסט דעם גאנצען וועג. איך האב נאכגעטראגען זייערע מאנטלען און מיין הערדס ביקס איינינע שריטע ווייט פון זיי. אלס שקלאף האב איך ניט גענדארפט געהן צו נאהענט לעבען זיי.

מיר האבען גענדארפט דורכגעהן דורך א וועלדעל, אין וועלכען עס האט גע־ ״ ... ״ אין אלטער פאקיר, אן אינדישער הייליגער, מיט זיין טאכטער, א מעדכען פון א יאהר פופצעהן. איך האב זעהר גוט געקענט דעם אינדיער און דאס מעד־ כען איז מיר געפעלען. יעדעס מאל, ווען איך פלעג געהן פון מיין העער צום גע־ נעראל, פלעג איך מוזען דורכגעהן דיעזען וועלדעל. איך פלעג בלייבען שטעהן פאר דיא ארימע וואינונג פונ׳ם פאקיר און פלעג רעדען מיט׳ן מעדכען. איך האב א פאר מאל געבעטען ביי איהר א טרונק וואסער, זיא האט מיך געפיהרט צום ברונען און האט מיר געהייסען טרינקען, מיט איהרע הענד אבער האט זיא מיר קיין זאך ניט געגעבען און האט מיך קיין מאל ניט געלאזען אריבערטרעטען דיא שוועל פון איהר ארימע וואינונג. איך האב מיך געפיהלט בעליידינט און האב איהר געוואלט ווייזען, אז איך האב געלד. איך האב איהר געוויעזען א גאלדע־ נעם מאהור (אן אינדישע גאלד מינצע), וועלכע דעם גענעראלס טאכטער האט מיר א מאל געשענקט און האב געוואלט איהם איהר געבען. דאס מעדכען איז אויפגעשפרונגען פאר צארן און פערדרוס און האט אויסגערופען.

— אוועק פון מיר, דוא שקלאף! דוא ניעדעריגער דיענער פון דיא שלעכ־ טע ווייסע מענשען, וועלכע זיינען געקומען צו אונז אוועקנעהמען אונזער לאנד און אויסלאבען אונזערע געמער. ווייסט דוא ווער איך בין? — מיין פאטער איז א בראהמין, א גייסטליכער, א הייליגער מאן, וועלכער שטאמט אפ פון גאט בראה־ מא אליין. איך דארף מיך ניט צוריהרען צו א זאך, וועלכע איז ניט ריין און דוא ביסט ניט ריין ווייל דוא ביסט א שקלאף פון דיא פארינגהי, — (אזוי הייסען דיא ענגלענדער אויף דער אינדישער שפראכע). איך דארף דיר ניט געבען מיינע א זאך, דוא דארפסט ניט איבערטרעטען דיא שוועל פון מיין הויז, ווייל אלעס, צו וואס דוא ריהרסט זיך צו, ווערט אונריין און איך דארף עס פערברענען.

איך האב געוואוסט, אז דיא אינדיינער ווערן איינגעטהיילט אין פיער קלא־ סען: דיא בראהמינען אדער גייסטליכע, הייליגע מענשען, וועלכע שטעהן העכ־ בער פון אלעמען. דיא קריעגער אדער סאלראטען, דיא קויפלייטע און דיא פא־ ריא׳ס, דאס ניעדעריגע געמיינע פאלק. יעדע קלאסע אדער קאסטע, וויא עס הייסט אויף זייער שפראכע, לעבט פאר זיך און מישט זיך ניט צונויף מיט דיא ניעדעריגע קלאסען. ווען אבראהמין הייראטהעט א מעדכען פון אנאנדערער קלא־ סע, פערליערט ער זיין שטעלע, זיין טיטול און זיין עהרע.

איך האב איינגעזעהן, אז דאס אינדיאנער מעדכען איז זעהר שטאלץ און האב אויפגעהערט צו קומען אפט צו איהר.

מיר זיינען יעצט פארביי געגאנגען פאר איהר שטיבעלע אין וואלד. איהר פאטער איז געזעסען אויף א קליין שטיקעלע מעפיך (קארפעט) פאר זיין שטיבעלע און זיין טאכטער איז געשטאנען פאר איהם. דער אלטער מאן איז געזעסען פערטראכט און האט געקוקט אויף דיא זון, וועלכע איז יעצט אונטערגעגאנגען. ווען מיין הערר סטענטאן מיט זיין קאמעראד זיינען צוגעגאנגען צו זיי, איז דאס מעדכען אנטלאפען געווארען אין איהר שטיבעלע, איהר פאטער אבער איז געבליעבען זיצען אויף זיין ארט און האט געקוקט אויף דיא זון. ער האט געבעטען צו זיין גאט בראהמא.

— גוטען אבענד, ניקלאטא אבדאללאהפור! האט מיין הערר געזאגט צו איהם.

דער אינדישע פאקיר האט ניט געענטפערט. ווען אן אינדיער בעט צו זיין גאט, דארף ער קיינעם ניט ענטפערן און מיט קיינעם ניט רעדען.

— גוטען אבענד, ניקלאטא! גיב אונז א טרונק וואסער! האט סטענטאן געזאגט צום צווייטען מאל.

— לאז צו רוה דעם אלטען נארר! האט געבעטען מיין הערר'ס קאמעראד, לאמיר געהן אונזער וועג און לאמיר איהם לאזען מיט זיינע נאררישע געבעט צו זיינע שטיינערנע און אייזערנע געטער.

סטענטאן איז אבער היינט געוועזען זעהר פרעהליך און האט געוואלט זיך מאכען א שפאס מיט'ן אינדישען הייליגען. ער האט אבגעבראכען א צווייג פון א ביים און האט אנגעהויבען דער מיט צו פאכען פאר'ן פאקיר'ס געזיכט. ער האט איהם ניט געשלאגען מיט'ן צווייג, זאנדערן האט אזוי געפאכט פאר זיינע אויגען.—דער אינדישע הייליגע איז געבליעבען זיצען, וויא א פערשטיינערטער און האט זיך ניט גערוהרט פון ארט.

— לאז איהם צו רוה! האט נאך אמאל געבעטען סטענטאנ'ס קאמעראד.

— ניין! ער מוז מיר ענטפערן! האט סטענטאן געשריען אויסער זיך. ער מוז מיר ענטפערן, דער אינדישער הונד!

מיט דיעזע ווערטער האט ער נעהאפט א פאר הילצערנע פאנטאפעל, וועלכע זיינען געשטאנען אויף דער ערד לעבען היילינען מאן און האט זיי ארויפגעלעגט איהם אויפ'ן שטערן.

אין דיעזע מינוט האבען מיר נעהערט א ווילדען, הערצרייסענדען, אונמענשליכען געשריי. דאס האט געשריען דעם פאקירס טאכטער. זיא איז ארויסגעלאפען פון שטיבעלע, האט זיך געריסען דיא האר פונ'ם קאפ, האט געוויינט, געשריען און גערופען צו הילף. דער אלטער פאקיר איז נאך אלץ געזעסען אויף זיין ארט, וויא פערשטיינערט, נור זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו ברענען, וויא דיא אויגען פון א גערייצטען טיגער. אויף דיא געשרייען פונ'ם מעדכען זיי-

נען געקומען צולויפען עטליכע אינדיער, וועלכע האבען געארביים אין וואלד. ווען זיי האבען דערזעהען דיא פאנטאפעל אויפ׳ן קאפ פון׳ם אלטען פאקיר, האבען זיי אנגעהויבען צו שרייען.

— פארינגהים! (ענגלענדער) וואס האט איהר געטאהן? פאר וואס האט איהר אונגליקליך געמאכט דעם הייליגען מאן? וואס האט ער אייך דען געטאהן? פאר וואס האט איהר איהם אזוי בעליידיגט?

איך האב דאמאלס ניט געוואוסט, וואס דאס איז. שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז ווען מען לעגט ארויף א אינדיער זיינע פאנטאפעל אויפ׳ן קאפ, ערניעדריגט מען איהם און מען מאכט איהם אויס בראהמין. פון דעם גרעסטען מאן אין לאנד, ווערט ער דער ניעדעריגסטער. דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס דאס מעדבען האט אנגעהויבען אזוי צו שרייען. ביז אהער איז זיא געווען אן אריסטאקראטין, דיא טאכטער פון א בראהמין, יעצט אבער געהערט זיא צו דער ניעדעריגסטער קלאסע און ווען זיא ריהרט זיך צו צו עפעס, יוערט עס אונריין (טמא). אלס טאכטער פון א בראהמין, קען זיא הייראטהען א פרינץ, אלס טאכטער פון א בעליידיגטען און ערניעדריגטען פאקיר, וועלען זיא אלע פעראכטען און זיא מוז אריינטרעטען אין א מאנאסטיר אדער ווערן א שטראסען מעדכען.

סטענטאן האט זיך אויסגעלאכט פון׳ם פאקיר, פון זיין טאכטער און פון אלע אינדיער. ער איז דאך אן ענגלישער אפיציער און וועט אין א קורצע צייט הייראטהען דיא טאכטער פון זיין גענעראל. ווער איז דען דאמאלס געווען גלייך צו איהם

— לאז ער וויסען, דער אלטער, וויא אזוי מען דארף אויפנעהמען ענגלישע אפיציערן! האט ער אויסגערופען

— דוא האסט געטאהן א גרויס נארישקייט, סטענטאן, האט איהם זיין קאמעראד געזאגט, דוא קענסט ניט דיא אינדישע הייליגע. זיי פערגעסען קיין מאל ניט אזא בעליידיגונג! זיי וועלען דיך פערפאלגען און וועלען נעהמען ראכע (זיך נוקם זיין) פון דיר.

— וואס האב איך מורא פאר דיעזע שווארצע הינט? האט סטענטאן אויסגערופען שטאלץ. לאזען זיי שרייען, דיפיעל זיי ווילען! איך וועל זיי וויזען, וואס עס הייסט ניט ענטפערן אן ענגלישען אפיציר, ווען ער בעט גאט.

סטענטאן האט זיך נאך נוט אויסגעשריען אויף דיא אינדיער און מיר זיינען אוועקגעגאנגען. מיר זיינען באלד אנגעקומען אין פאלאטץ, וואו דער גענעראל האט געוואוינט. ער האט געגעבען א באלל, אויף וועלבען ער האט איינגעלאדען אלע אפיציערן און פיעלע רייכע קויפלייטע, וועלכע האבען געוואוינט אין דער געגענד ארום. אלע זיינען געווען זעהר פרעהליך, מען האט געטאנצט און געשפיעלט א גאנצע נאכט.

איך האב פער־בראכט דיא צייט מיט דיא דיענער פון גענעראל. זיי הא

בען מיך אריינגענומען אין קיך און האבען מיר געגעבען דיא בעסטע און טהייער־סטע עסענס. איך האב זיי דערצעהלט דיא געשיכטע פון'ם אלטען פאקיר. צווישען דיא דיענער פון גענעראל זיינען געווען פיעלע אינדיער. ווען זיי האבען דערהערט, וואס דער אפיציער האט געטאהן דעם פאקיר, האבען זיי אויסגע־רופען:

— וועה איהם! ער וועט ניט לעבען! ניקלאטא אבדאללאפור איז א גרוי־סער הייליגער, ער וועט בעשטראפען דעם פערברעכער!

אזוי וויא איך בין געווען גוט בעקאנט מיט זיי, האב איך אנגעהויבען אויס־צופרעגען פארוואס דער פאקיר האט ניט געענטפערט מיין הערר און וואס האט איהם דען מיין הערר אזעלבעס געטאהן, וואס ער האט איהם ארויפגעלעגט דיא פאנטאפעל אויפ'ן קאפ. מען האט מיר ערקלערט, אז ווען א פאקיר, א הייליגער מאן, בעט צו גאט, דארף זאגאר א קעניג איהם ניט שטערן. דאס געבעט איז הייליג ביי אלע אינדיער. סטענטאן האט געשטערט דאס געבעט פון'ם הייליגען מאן און דערצו האט ער איהר ארויפגעלעגט דיא פאנטאפעל אויפ'ן קאפ. דערמיט האט ער איהם געמאכט אוים בראהמין. דער אלטער מאן וועט עס ניט אויסהאלטען. ער וועט טויטען דעם אפיציער אדער ער וועט אליין שטאר־בען. מען האט מיר זאגאר געגעבען צו פערשטעהן, אז מיין לעבען איז אויך אין געפאהר, ווייל איך בין אויך געשטאנען דערביי.

איך האב זעהר ליעב געהאט דעם יונגען און פרעהליכען אפיציער. ער איז געווען א גוטער מענש, נור אלס רייכער און יונגער אפיציער, פלעגט ער ליעב האבען צו שפאסען. עס איז זעהר מעגליך, אז עס האט איהם דערנאך אליין באנג געטאהן, וואס ער האט בעליידיגט דעם אלטען אינדיער. ער האט עס אבער באלד פערגעסען, ווייל אין דיעזען אבענד האט מען עפענטליך ערקלערט, אז ער איז פערלאבט מיט דער טאכטער פון'ם גענעראל.

מיר האבען פערבראכט דיא גאנצע נאכט ביים גענעראל און זיינען געווען זעהר פרעהליך. פון יענעם טאג אן האבען מיר געלעבט זעהר פרעהליך. צוויא דרייא מאל אין דער וואך האבען מיר געהאט בעללער, קאנצערטע און אבענדע. סטענטאן פלעגט אפט פאהרען שפאציערען מיט זיין געליעבטע און פלעגט מיך מיטנעהמען אלס זיין שקלאף.

אין א פאר מאנאטע ארום האט דער גענעראל ערהאלטען א בעפעהל, ער מיט זיין בריגאדע זאלען ארויספאהרען קיין מאדראס. מיר האבען פערגעסען אן דער געשיכטע מיט'ן אינדישען פאקיר. איך האב עס נעווים פערגעסען. איך בין דאך געווען אין גאנצען אונשולדיג. פאר'ן ארויספאהרען האט דער גענעראל געמאכט א באלל פאר אלע אפיציערן און אלע גרויסע לייט פון דער געגענד. מען האט געשפיעלט, געטאנצט און געווען פרעהליך א גאנצע נאכט.

פאר טאג, ווען מען האט אנגעהויבען זיך צו צו פאהרען, איז צוגעקומען צו מיר א שעהן געקליידעטער אינדיער און האט מיך געבעטען: איך זאל ארויסדרו־

פון דעם ליעטענאנט סטענטאן. איך האב ארויסגערופען מיין הערר און האב איהם געזאגט, אז איינער וויל מיט איהם עפּעס רעדען. ווען סטענטאָן איז ארויסגעקומען אויף דער וועראנדא (א באלקאָן פאר'ן פאלאץ), האט איהם דער אינדיער דערלאנגט עפּעס א פּעקעל.

— פון וועמען איז עס ? האט סטענטאן געפרעגט.

— איך וויס ניט, האט דער אינדיער געענטפערט און איז פערשוואונדען געווארען צווישען דיא ביימער פון'ם גרויסען גארטען.

סטענטאן האט געעפענט דאס פּעקעל און איז געווארען בלייך וויא קאלך. אין פּעקעל זיינען געלעגען דיא פאנטאפעל פון דעם אינדישען פאקיר און א קליין שטיקעלע פּאפּיער, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען פאָלגענדע ווערטער:

— דוא מוזט שטארבען, שלעכטער, פערדאמטער פארינגהי!

מיר זיינען באלד געפאהרען א היים און האבען זיך געלעגט שלאפען. סטענטאן איז געווען אונרוהיג. דעם אנדערן טאג פאר נאכט זיינען מיר ארויס־געפאהרען פון יענער געגענד. קיין מאדראס איז געווען א פאר הונדערט מייל און דיא רייזע האט געדארפט דויערן צעהן טאג. דיא אפיציערן זיינען געפאהרען אויף פערד; זייער געפעק און זייערע דיענער זיינען געפאהרען אויף גרויסע אָקסען וועגען. דיא סאלדאטען אבער זיינען געגאנגען צו פוס. דערפאר זיינען מיר געפאהרען זעהר לאנגזאם. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום טייך גאנגעס, האבען מיר געפונען גרויסע באָאָטע, א סארט פּאראָם, אדער פעררי, אויף וועלכע מיר האבען געדארפט זיך אריבערשיפען דעם גרויסען טייך. דאס האט פערנומען פיעל צייט.

ווען סטענטאָן מיט זיין ראָטע האט זיך געדארפט אויפזעצען אויפ'ן באאט, האט זיך אנ'אלטער אינדישער בעטלער דורכגעשלאגען דורך דיא סאָלדאטען און איז צוגעקומען צו איהם. דאס איז געווען א פערוואקסענער, פערווילדער־טער, שמוציגער אלטער, וועלכער איז געגאנגען האלב נאקעט און איז געווען אזוי אויסגעדארט און אפּגעצעהרט, אז עס איז געווען א שרעק אויף איהם א קוק צו טאהן.

ער איז צוגעקומען צו מיין הערר, האט אויפגעהויבען דיא הענד אין דער הויך און האט געזאגט מיט א שוואכער, הערצרייסענדער שטימע:

— דוא וועסט האבען, וואס דוא האסט פערדיענט!

מיט דיעזע ווערטער איז ער פערשוואונדען געווארען צווישען דער מענגע מענשען, וועלכע איז געשטאנען אויפ'ן ברעג.

— ניקלאטא! האט אויסגערופען אן אינדיער הינטער מיר, דאס איז דער פאקיר ניקלאטא אבדאללאפּאר!

איך האב איהם געזוכט מיט דיא אויגען, האב איהם אבער מעהר ניט גע־פונען. מיר האבען זיך אריבער געשיפט דעם טייך און זיינען ווייטער געפאהרען מיר זיינען באלד אנגעקומען קיין מאדראס און האבען פערגעסען אן דעם פאקיר

יקלאטא. מיין אפיציער האט ווידער אנגעהויבען צו לעבען פרעהליך און האט מעהר ניט געהערט פון דעם אינדיער. איך האב געהאט גענוג פרייע צייט און פלעג ארומלויפען אין דיא גאסען. מאדראס איז א גרויסע שטאדט, עס געפינען זיך אין איהר פיעלע טעמפעל פון דיא אינדישע געצען. איך מוז אייך זאגען, אז דיא אינדיער דיענען נאך צו זייערע געצען פון שטיין, האלץ און עלפענביין.

איך פלעג אָפט בעזוכען דיעזע טעמפעל און מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז איך האב אפּאר מאל געזעהן דעם אינדישען פאקיר. ער האט זיך אבער בעהאלטען פון מיר און איך האב עס ניט דערצעהלט מיין הערן. עס איז זעהר מעגליך, אז איך האב זעהר שלעכט געטאהן, וואס איך האב עס איהם ניט דערצעהלט. איך בין דאך אבער געוועזן א שקלאף און דער שטאָלצער אָפיציער וואָלט געוויס זיך ווייניג געקימערט, ווען זיין שקלאף וואלט איהם געווארנט.

אזוי איז פערגאנגען איינינע צייט און עס האט גאר ניט פּאסירט. איך האב אויך פערגעסען דעם אינדישען פאקיר. איינמאל זיינען געקומען בויערן פון א דאָרף איינינע מאל וויט פון מאדראס צום גענעראל און האבען איהם דערצעהלט, אז ניט וויט פון זייער דארף האבען זיך געוויעזען א פאר טיגער, וועלכע לאזען זיי ניט לעבען. זיי צורייסען זייערע בהמות און אין דער לעצטער צייט האבען זיי צעריסען עטליכע מענשען. דיא טיגער זיינען געוואָרען אזוי פרעך און אזוי בלוטדורשטיג, אז עס איז געפעהרליך ארויס צו געהן א טריט פון דארף. ביי נאכט מוזען דיא איינוואהנער פערשליעסען דיא טיהרען פין זייערע הייזער און זיי פערשטעלען און פערלעגען מיט שטיינער און קלעצער, ווייל דיא טיגער שעהמען זיך ניט צו מאכען א וויזיט אין דארף און ווען זיי געפינען אן אפענע טהיר, געהן זייא אריין אין הויז און שלעפען ארויס דיא מענשען פון זייערע בעטען.

דיא אונגליקליכע בויערן האבען געוויינט פארן גענעראל און האבען איהם געבעטען, ער זאל זיי העלפען טייטען דיא בלוטדורשטיגע בעסטיען. דער גענעראל האט זיי צו געזאגט, אז ער וועט ארויסשיקען זיינע אָפיצירען און זיינע סאָלדאטען, וועלכע וועלען אויסרייניגען דיא געגענד פון דיא שרעקליכסטע פון אָלע טהיערע — דיא טיגער.

ער האט אויך באלד געגעבען א בעפעהל, אז צוויי סאלדאטען פון יעדער ראָטע און אלע עלטערע אפיציערען זאלען ארום פאהרען אין דער געגענד, וואו דיא טיגער געפינען זיך און זאלען זיי ברענגען, קיין מאדראס, טויט אדער לעבעדיג. סטענטאן איז געוועזן א אינגערער אפיציער און האט אייגענטליך ניט געדארפט פאהרען אויף דיעזע געפעהרליכע יאגד. ער האט אבער געבעטען דעם גענעראל, ער זאל איהם ערלויבען מיט צו פאהרען, ווייל ער האט נאך קיין מאל ניט געזעהן קיין ווילדען טיגער אין וואלד. דער גענעראל און זיין טאכטער האבען געוואלט איהם אפּרעדען דערפון, ער האט אבער געוואָלט וויזען זיין ברויט אז ער איז בראַוו און האט קיין מורא פאר א טיגער.

איהר מוזט וויסען, אז דיא יאגד אויף א טיגער איז זעהר געפעהליך. ווא

א טיגער צוקראַצט נור א מענשען מיט זיינע לאַנגע און שאַרפע נעגעל, מוז דער מענש שטאַרבען. איך בין אַן אייפּאַבער נעגער און ווייס ניט, אויב עס איז וואָהר. דיא ווייסע און קלוגע מענשען אָבער זאָגען, אַז אין דיא נעגעל פון א טיגער געפינט זיך א גיפט, מיט וועלכען ער פערגיפטעט דיא מענשען, וועלכע ער צוקראַצט. איך האָב א מאָל געהערט, אַז ניט נור א טיגער האָט גיפטיגע נעגעל, זאָנדערן זיין גאַנצע פאַמיליע: דער לייב, דער לעאָפּאַרד, דער יאַגואַר, דער קוגואַר, דיא פּומא און זאָגאַר אונזערע קעץ האָבען גיפט אין זייערע נעגעל. דאָס גיפט, וועלכעס דיא געוועהנליכע קאַץ האָט אין איהרע נעגעל, איז טייטליך נור פאַר מייז. דאָס גיפט אָבער, וועלכעס דיא גרויסע קעץ, דער לייב און דער טיגער, האָבען אין זייערע נעגעל, איז טייטליך פאַר אַלע טהיערע און זאָגאַר פאַר א מענשען.

— האָט איהר וועגען געהערט דערפון? האָב איך געפרעגט בען בראַס.

— אין ביכער האָב איך עס ניט געלעזען, האָט בען בראַס געענטפערט, איך האָב אָבער געהערט דערפון. א האָללענדישער אָפיציער, וועלכער האָט געדיענט אויף דער אינזעל סומאַטראַ, האָט מיר דערצעהלט, אַז עס קומט זעהר אָפט פאָר, אַז מענשען זאָלען שטאַרבען פון א לייכטע וואונדע, וועלכע זיי האָבען ערהאַלטען פון דיא נעגעל פון א טיגער. דאָס ערנסטע איז, וואָס דער טיגער קען זיין מאַכט. דער לייב טייטעט א מענשען אָדער א טהיער מיט זיינע שטאַרקע לאַפּעס. ער גראָבעלט זעלטען און צוקראַצט ניט זיין רויב. דער טיגער אָבער גראָבעלט זיך און קראַצט, וויא א געוועהנליכע קאַץ.

סטענטאַן האָט ערהאַלטען אַן ערלויבניס צו פאָהרען מיט דיא יעגער און האָט מיך מיטגענומען. האָט דער נעגער ווייטער דערצעהלט. — מיר זיינען באַלד אָנגעקומען אין דאָרף און האָבען אויסגעשטעלט וואַכען. דיא טיגער האָבען דערשמעקט, אַז זייערע פיינד זיינען געקומען און האָבען אויפגעהערט צו ווייזען זיך אין דער געגענד. אין דאָרף איז אַלעס געוועזן שטיל און רוהיג. דיא טיגער האָבען זיך אָפּאַר מאָל געוויעזן, דיא סאָלדאַטען האָבען אויסגעשאָסען און דיא טיגער זיינען אַנטלאָפען.

מיר האָבען פערבראַכט אייניגע טעג אין דאָרף און עס האָט גאַר ניט פּאַסירט. פּלוצלינג איז געקומען צולויפען אַן אַלטער אינדיער און האָט דערצעהלט מיט טרערען אין דיא אויגען, אַז ער האָט געאַרבייט מיט זיין זוהן אין פעלד, פּלוצלינג איז אויף זיי אַנגעפאַלען דער טיגער און האָט געטייטעט זיין זוהן. אַלע זיינען געוואָרען זעהר אונרוהיג און מען האָט באַלד צונויפגערופען אַלע אָפיציערען אום זיך צו בעראַטהען, וואָס צו טהאָן.

מען האָט בעשלאָסען, אַז מען זאָל אַרויספאָהרען אין וואַלד און מען זאָל אויפזוכען דיא טיגער אין זייער הייל. יעצט האָבען שוין דיא יעגער געוואוסט, אַז א טיגער האַפּט מען ניט אַזוי לייכט, וויא מען האַפּט א וואָלף אין דיא קעלטערע לענדער. זיי זיינען געוואָהר געוואָרען, אַז אום צו יאָגען זיך אויף א טיגער, מוז מען האָבען געלערנטע עלעפאַנטען. דער טיגער האַלט זיך אויף ניט אין נעדיכטע וועלדער, זאָנדערן אין דיא דזשונגלס.

דיא דזשונגעלס זיינען גרויסע שטרעקען לאנד, וועלכע זיינען בעוואקסען מיט הויכע גראז און ראהר. (קאמיש, טראָסט) אזוי געדיכט, אז עס איז אונמעגליך אין זיי צו געהן. אין דיעזע דזשונגל׳ס געפינען זיך נור גאנץ קליינע, שמאלע וועגעלעך, וועלכע דיא איינוואוינער שניידען אויס אין ראהר. דער טיגער און פיעלע אנדערע ווילדע טהיערע האלטען זיך אויף אין געדיכטען ראהר, וואוהין עס איז זעהר שווער צו צוקומען דעם יעגער און וואו זיי קענען לויערן אויף זייער רויב.

אין דיעזע דזשונגעל׳ס קען ארומשפאציערען רוהיג נור דער גרויסער און שטארקער עלעפאנד מיט זיינע ברייטע פיס. דער עלעפאנט איז גוט בעקאנט מיט דיא דזשונגל׳ס און האט קיין מורא פאר׳ן טיגער, ווייל דיא פעל פון׳ם עלעפאנט איז אזוי גראב, אז דיא שארפע נעגעל פון׳ם טיגער קענען זיא ניט צורייסען אויסערדעם איז דער עלעפאנט זעהר שטארק און ווען דער טיגער קומט צו נעהנטער צו איהם, האפט איהם אן דער עלעפאנט מיט זיין לאנגער נאז, דרעהט איהם ארום עטליכע מאהל אין דער הויך און גיט איהם א שליידער מיט זיין גאנצער קראפט, אז זיינע ביינער ווערן צובראכען.

מיר האבען געשיקט נאך עלעפאנטען און זיינען ארויסגעפאהרען אין דיא דזשונגל. מיר זיינען ארומגעפאהרען א גאנצען טאג אויף אונזערע עלעפאנטען און האבען קיין שפור פון קיין טיגער ניט געפונען. ביי נאכט האבען מיר צולעגט א פייער אויף א בערגעל און האבען אנגעהויבען צו קאכען אונזער אבענד עסען. דיא לוסטיגע אפיציערן האבען אנגעהויבען צו טרינקען און צו רעדען פון דיא טיגער. מען האט אנגעהויבען צו וועטען, אויב מיר וועלען טרעפען דעם טיגער. אייניגע האבען געזאגט, אז מיר האבען ביי זיך ווייניג מענשען אום צו טייטען דיא טיגער, אנדערע דאגעגען האבען געפונען, אז ווען מען ווייס נור, וואו דער טיגער געפינט זיך, איז זעהר לייכט איהם צו טייטען. א גוטע קוגעל אין קאפ און דער טיגער איז טויט.

עס זיינען ארויסגעשפרונגען יונגע לייט, וועלכע האבען זיך בעריהמט, אז זיי אליין קענען געהן אויף א טיגער. דיא פלעשער שאמפאניער האבען געקנאקט, דיא גלעזער האבען געקלונגען, דיא קעפ האבען זיך צוהיצט. מען האט געוועט אויף גרויסע סומען. מען האט אפגערעדט, אז ווען איינער אדער צווייא פון דיא יעגער וועלען טייטען דיא טיגער, זאלען זיי בעקומען דאס גאנצע געלד פון דיא וועטען און דערצו נאך זאל מען פאָדערן ביי דער רעגיערונג פון אינדיען פאר זיי א מעדאיללע.

דעם אנדערן טאג איז מען ווידער ארומגעפאהרען און דער דשונגעל. אייניגע האבען אויסגערופען, אז זיי זעהן דעם טיגער און האבען אויף איהם געשאסען, זיי האבען איהם אבער ניט געטראפען, אדער זיי האבען איהם גאר ניט געזעהן, ווייל עס זיינען מייסטענס געווען יונגע אפיציערן, וועלכע זיינען צום ערשטען מאל געווען אויף א טיגער יאגד.

אין א שעהנעם פריה מארגען, ווען אלע זיינען נאך געשלאפען, איז דער

 Sky.

מאיר באנקראפט, סטענטאנ'ס בעסטער פריינד, דער זעלבער וועלכער איז גע־גאנגען מיט איהם דאמאלס, ווען סטענטאן האט בעליידיגט דעם אינדיאנער פאקיר, צוגעקומען צו סטענטאן און האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף. סטענ־טאן האט זיך אויפגעהאפט, האט זיך אויסגעווישט די אויגען און האט געפרעגט, וואס ער וויל פון איהם.

— הער נור, סטענטאן, האט באנקראפט געזאגט, ווילסט דו געווינען דיא וועטע און בעקומען דיא מעדאיללע?

— געוויס, וויל איך עס!

— האסט דוא אבער מוטה דערצו?

— וואס פרעגסט דוא, באנקראפט? ווייסט דוא דען ניט, אז איך האב געוועט דרייא טויזענד רופיען? (רופיע איז אן אינדישע מינצע און איז ווערטה אונגעפעהר א האלבען דאללאר).

— דאן קום מיט מיר, האט באנקראפט געזאגט, מיר וועלעןביידע גע־ווינען דיא וועטען.

— וואס רעדסט דוא? וויא אזוי וועלען מיר עס געווינען?

— א יונגער אינדיער איז געקומען צו מיר און האט מיר געזאגט, אז ווען איך וועל איהם גיבען פונפציג רופיען, וועט ער אונז וויזען, וואו דיא הייל פון דיא טיגער געפינט זיך. מיר וועלען דאן קענען טייטען דיא טיגער זעהר לייכט.

— וואס רעדסט דוא, באנקראפט? וויא קענען מיר צווייא מענשען זיך אונטערשטעלען צו געהן אליין אין דער דשונגעל, ווען מיר ווייסען נאך ניט, וויא פיעל טיגער דארט געפינען זיך?

— דער אינדיער שווערט ביי זיין גאט, אז דארט געפינען זיך נור צווייא טיגער, אן „ער" און א „זיא". זיי האבען זיך געמאכט א נעסט אין א הייל. זיי ווייסען, אז יעצט געפינען זיך יעגער אין דער דשונגעל און ליגען א גאנצע טאג אין זייער הייל, נור בייא נאכט געהן זיי ארויס זוכען עסען. דער יונגער אינדיער וויים דעם וועג צו דיעזער הייל. ווען מיר וועלען אהין געהן ביי נאכט, וועלען מיר גאנץ זיכער צוקומען צו דער הייל, וועלען זיך דארט בעהאלטען צווישען דיא שטיי־נער. פארטאג קומען דיא טיגער פון זייער נאכט רייזע און מיר וועלען קענען זיי דער שיעסען, וויא דיא קעץ.

סטענטאן האט זיך איבערלעגט אייניגע מינוט. ער האט שוין געלערנט, אז מיט א טיגער שפאסט מען ניט, ער האט אבער געוואלט ווייזען זיין בראוט, אז ער האט מוטה און האט פערדיענט דיא מעדאיללע. ער האט זיך ענטשלא־סען צו ריסקירען זיין לעבען און האט מיר געהייסען פארבערייטען אלעס אויף דעם געפעהרליכען וועג.

באלד זיינען אלע איבעריגע אויפגעשטאנען און אין אונזער לאגער האט אנגעהויבען לעבעדיג צו ווערן. סטענטאן האט מיר געזאגט, איך זאל קיינעם ניט דערצעהלען, וואס ער וויל טאהן און זאל שטילערהייט פארבערייטען אלעס אויף אונזער געפעהרליכע רייזע.

א גאנצען טאג האבען מיר זיך ארומגעטריעבען אין דער דשונגעל. מען האט געשריען, מען האט געלארמט מען האט געשאסען, מען האט געטייטעט עטליכע פייגעל און א ווילדע קאץ, קיין טיגער אבער האט מען ניט געזעהן. פאר נאכט, ווען מיר זיינען צוריקגעפאהרען אין אונזער לאגער, האט סטענטאן מיר געהייסען אוועקפיהרען זיין און באנקראפט'ס פערד אן א זייט, זיי געבען עסען און זייא האלטען אנגעזאטעלט. ווען אלע וועלען אנטשלאפען ווערן, וועלען מיר זיך ארויסגנבענען פון לאגער און וועלען פאהרען, וואו דער יונגער אינדיער וועט אונז ווייזען.

איך האב געטאהן, וויא מען האט מיר געהייסען. עס איז געווארען שפעט. אלע האבען זיך געלעגט שלאפען, סטענטאן און באנקראפט זיינען אויפגעשטאנען שטילערהייט, האבען גענומען זייערע ביקסען און זיינען צוגעקומען צו דעם ארט, וואו איך האב געהאלטען זייערע פערד. קוים זיינען זיי צוגעקומען צו מיר, איז ארויסגעשפרונגען א גאנץ יונגער אינדיער, נאך גאר א קינד, און האט געפרעגט שטילערהייט:

— זיינען דיא פארינגהי'ס בערייט?

— מיר זיינען בערייט, האט סטענטאן געענטפערט.

דיא נאכט איז געווען א פינסטערע. דער מאנד האט געדארפט אויפגעהן ערשט נאך האלבע נאכט. דער הימעל איז געווען קלאר און בלוי. טויזענדער שטערן האבען געשיינט און געפינקעלט. אין דער פינסטער האב איך ניט געקענט זעהן דאס געזיכט פון'ם יונגען אינדיער.

— קומט מיט מיר, האט דער אינדיער געזאגט, מאכט קיין ליארם. אלעס מוז זיין שטיל.

איך האב געבעטען מיין חערן, ער זאל מיך נעהמען מיט זיך. ער האט אנפאנגס ניט געוואלט הערן דערפון און האט מיר געהייסען צוריקגעהן אין לאגער.

— נעהם איהם מיט, סאהיב (הערר)! האט דער אינדיער יונגע געבעטען.

— לאז ער נאכלויפען נאך אונזערע פערד מיט'ן אינדיער, האט באנקראפט געבעטען.

סטענטאן האט מיר געהייסען ברענגען פון זיין געצעלט א לאנגען און קרום אינדישען שווערד, ריכטיגער געזאגט, א וואפע, וועלכע מען רופט „קריס". ווער עס ווייס, וויא אומצוגעהן מיט'ן „קריס", דער קען זיך זעהר לייכט פערטהיידיגען מיט איהם. אזוי וויא איך האב ניט געקענט שיעסען און האב ניט געוואוסט, וויא ארומצוגעהן מיט פייער וואפען, איז דער „קריס" געווען דיא איינציגע וואפע, וועלכע האט מיר געקענט ניצען.

איך האב באלד געבראכט מיין „קריס" און נאך איינינע זאכען, וועלכע סטענטאן האט מיר געהייסען מיטנעהמען. ווען איך בין צוריקגעקומען, האט דער אינדיער געגעבען א צייכען, אז מיר זאלען פאהרען. סטענטאן און באנקראפט זיינען געפאהרען אויף זייערע פערד, איך און דער אינדיער יונגע זיינען געגאנגען

צו פוס. מיר זיינען גענאנגען פאראויס, ווייל דער אינדיער איז געווען דער וועג־ווייזער.

עס איז געווען א וואונדערבאר שעהנע נאכט. אזעלכע נעכט קומען פאר נור אין אינדיען. דיא לופט איז געווען ריין און ווארעם. דיא בלומען האבען פערברייטעט אזא געשמאקען גערוך, אז איך האב איהם געשלונגען. דער אינ־דיער האט אונז געפיהרט אויף א שמאלען שטעג אין דער דשונגעל. מיר זיינען אוועקגעגאנגען א פאר שטינדען אויפ'ן שמאלען שטעג. איך בין מיעד געווארען און האב בערייעט, וואס איך בין מיטגעגאנגען. עס איז שוין אבער געווען שפעט. צוריקגעהן האב איך שוין ניט געקענט.

דער אינדיער יונגע אבער איז געגאנגען שנעל און לוסטיג, גלייך וויא ער וואלט שפאציערט אין דיא גאסען פון מאדראס. מיר האט זיך עטליכע מאל אויסגעוויעזען, אז ניט ווייט פון אונז געהט אין דער דשונגעל א מענש אדער א טהיער. איך האב עס געזאגט דעם יונגען אינדיער, ער האט מיר אבער ניט גע־ענטפערט.

מיר זיינען ענדליך צוגעקומען צו א שטיינערנעם בערגעל. דער אינדיער האט אונז ארויפגעפיהרט אויפ'ן בערגעל און האט אונז געזאגט, מיר זאלען זיך אביסעל אפרוהען פלוצלונג האבען מיר דערהערט א שטארקען, ווילדען פייף און ווייט אין דער דשונגעל האבען זיך געוויעזען אפאר פייערינגע אויגען.

— בראהאמא, דער גרויסער גאט, בעשיצט אונז, האט דער אינדיער גע־זאגט.

אין דיעזע מינוט איז ארויסגעקומען פון דער דשונגעל אן'אלטער אינדיער. איך האב געזעהן אין דער פינסטער, אז ער געהט אין גאנצען נאקעט, נור א פעל פון א טיגער האט בעדעקט זיין נאקעטען קערפער.

— דאס איז מיין פאטער, אן'אלטער יעגער, האט האט דער יונגער אינ־דיער געזאגט צו אונז.

דער אלטער מאן האט אונז בעגריסט אויף אינדישער ארט: ער האט צו־געלעגט דיא האנד צום שטערן און צו דער ברוסט.

— איהר מוזט לאזען אייערע פערד דא, האט דער אלטער אינדיער געזאגט צו אונז, מיין זון וועט אויף זיי אכטונג געבען.

דאס איז זעהר ניט געפעלען דיא יונגע אפיציערען, זיי האבען אבער זיך געשעהמט צו פאהרען צוריק. דער אלטער אינדיער האט פערשטאנען, אז זיי האבען צו איהם וועניג צוטרויען און האט ווייטער געזאגט:

— מיר זיינען יעצט נים ווייט פון דער הייל פון דיא טיגער, איהר דארפט זיין זעהר פארזיכטיג. אייערע פערד קענען נאך פעררראטהען דעם טיגער, וואו איהר געפינט זיך, דאן וועט איהר ניט קענען איהם טויטען.

כטענטאן האט זיך בעראטהען מיט זיין פריינד, אויב ער זאל מיך מיט־נעהמען, אדער ער זאל מיך לאזען ביי דיא פערד. זיי האבען בעשלאסען, אז איך

זאל בלייבען מיט'ן יונגען אינדיער ביי דיא פערד און זיי זאלען געהן מיט'ן אלטען צו דער הייל פון'ם טיגער.

איך מוז יעצט דערצעהלען, וואס מיט מיר האט פאסירט, דאן וועל איך דערצעהלען, וואס עס האט פאסירט מיט דיא צווייא אפיציערן.

איך בין געבליעבען מיט'ן יונגען אינדיער אליין. ער איז געשטאנען לעבען א בוים, וויא פערשטיינערט, און האט געקוקט אויף דיא שטערן. פלוצלונג איז ער צוגעקומען צו מיר און האט מיך געפרעגט, אויב איך האב אמאל געקענט אן'אינדיאנער פאקיר מיט'ן נאמען ניקלאטא אבדאללאפור.

איך האב א ציטער געטאהן ביי דיעזע ווערטער. עס האט זיך מיר אויס־געוויעזען, אז איך האב דערקענט דיא שטימע פון'ם פאקיר'ס טאכטער.

— דיין הערר האט בעליידיגט מיין פאטער, האט געזאגט דעם פאקיר'ס טאכטער, דוא האסט געזעהן, וויא מען האט מיין פאטער ערניעדעריגט, איהר מוזט אלע שטארבען.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא געהאלטען פאר מיין נאז א בינטעל גראז, וועלכעס האט ארויסגעגעבען א בעזונדערן גערוך. עס איז מיר פינסטער געווארען אין דיא אויגען, דער קאפ האט זיך מיר פערדרעהט און איך האב געמוזט מיך אניעדערזעצען אויף דער ערד. וואס עס איז וייטער מיט מיר געשעהן, ווייס איך ניט. איך בין געפאלען אין אהנמאכט און ווען איך בין געקומען צו זיך און האב געעפענט דיא אויגען, האב איך מיך געפונען אין אונזער לאגער.

דאס איז אלעס, וואס איך האב געוואוסט. יעצט וועל איך דערצעהלען, וואס איך האב געהערט פון סטענטאן.

— מיר האבען זיך ענטשלאסען צו געהן מיט'ן אלטען אינדיער און האבען איהם געהייסען געהן פאראויס, האט סטענטאן דערצעהלט. זיין דארע איינגע־בויגענע געשטאלט האט געשוועבט אין דער דזשונגעל. ער איז ניט געגאנגען — ער איז געלאפען, ער איז געשפרונגען איבער דערנער, שטיינער און הויכע באמבוק שטעקענס. מיר זיינען קוים געווען אימשטאנדע איהם נאך צו געהן. איך ווייס ניט, וואס באנקראפט האט געטראכט ביי זיך, איך אבער האב שרעקליך בע־רייעט וואס איך האב ריסקירט צו געהן אויפ'ן טיגער. איך האב געוואלט מיך אומקעהרען, איך האב מיך אבער געשעהמט.

דער וועג איז געווארען אבשייליך. מיר זיינען געשטאנען אויף א גאנץ שמא־לען שטעג אין א זומפיגער געגענד, וואו פערשיעדענע טהיערע און פייגעל זיינען ארומגעקראכען. צום גליק פאר אונז, איז באלד אויפגעגאנגען דער מאנד און האט בעלייכטעט א ווילדע געגענד, וועלכע מען קען געפינען נור אין אינדיען אדער אין זיד אמעריקא. פון איין זייט האבען מיר געזעהן פאר אונז א שרעקליכען זומפ און פון דער אנדערער זייט האבען זיך אויפגעהויבען ווילדע בערג און שרעקליכע שטיינער.

— וואו זיינען מיר ערגעץ אין דער וועלט? האב איך אויסגערופען, — וואוהין פיהרסטו דוא אונז.

דער אינדיער האט ניט געענטפערט און איז אוועק געשפרונגען ווייטער. מיר האבען געוואלט זיך אומקעהרען, מיר האבען אבער ניט געקענט געפינען דעם וועג. עס האט זיך אונז אויסגעוויעזען, אז מיר געפינען זיך אפגעריסען און אפ־געשלאסען פון דער גאנצער וועלט. מיר האבען א קוק געטאהן אויפ׳ן זומפּ און האבען דערזעהן, וויא א גרויסער קראקאדיל האט ארויסגעשטעקט זיין העס־ליכען קאפּ און האט אויפגעעפענט זיין גרויסעס מויל מיט צוויא רייהען לאנגע שארפע צעהנער.

מיר האבען געמוזט נאכלויפען דעם אינדיער. ער איז יעצט געלאפען בערג ארויף. אין א פיערטעל שטונדע האבען מיר דערזעהען פאר זיך דיא רואינען (חורבות) פון אן אלטער אינדישער שטאדט. מיר האבען זיך געפונען אין א גאס פון איינגעפאלענע פּאלאצען און צערשטערטע טעמפּעל. פון ביידע זייטען גאס זייגען געלעגען צובראכען, צו שטאכען, צו שטיקעלט, צו ברעקעלט און צופּיצעלט מאר־מאר זיילען, ראהמען פון פענסטער און פון טהירען, ווענד פון טעמפּעל, שטיקער דאך און פיגורען פון מענשען און טהיערע אויסגעהאקט אין שטיין.—דער אנבליק איז געווען א שרעקליכער, שווידערהאפטער, הערצרייסענדער, טרויעריגער. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז דיא גייסטער פון דיא אלטע פעלקער, וועלכע האבען אמאל געוואינט אין דיעזער שטאדט, זיינען אויפגעשטאנען און שפּאציערן יעצט ארום אין זייערע פריהערע וואוינונגען.

דער אינדיער איז געגאנגען שטאלץ און רוהיג ווייטער. עס איז געווען דייטליך, אז ער איז גוט בעקאנט מיט דיעזער געגענד. ער איז צוגעקומען צו אן איינגעפאלענעם טעמפּעל, וואו עס איז געשטאנען א גרויסער שטיינערנער עלע־פאנט אהן א קאפּ. דיא צווייא גרויסע פאַרדערסטע פיס פון׳ם עלעפאנט הא־בען געבילדעט א סארט טהיר אדער טויער אין אן איינגעפאלענעם טעמפעל.

— דא איז דיא הייל פון דיא טיגער, האט דער אינדיער דאן געזאגט צו אונז שטילערהייט, גלייך וויא ער האט מורא געהאט, אז מען זאל זיך ניט אונ־טערהערען, וואס ער זאגט. — יעצט זיינען דיא טיגער ניטא אין זייער הייל. זיי זיינען ארויסגעגאנגען זוכען עסען. ווען עס ווערט טאג, קומען זיי אהיים. דאס בעסטע וואלט געווען, איהר זאלט ווארטען אויף דיא טיגער. ווען זיי וועלען צו־ריק קומען, וועט איהר אויף זיי שיעסען.

— און דוא, אלטער? האב איך געפרעגט, וואס וועסט דוא טאהן דער־וויל?

— איך בין אן אויסגעשטויסענער, א פעראכטעטער, האט דער אלטער אינדיער געענטפערט טרויעריג, מיין לעבען געהערט אייך. איך וועל בלייבען ביי אייך און וועל אייך בעדיענען.

— האסט דוא גאר קיין מורא ניט פאר׳ן טיגער?

— וואס איז מיין לעבען? — גאר נישט! איך בעט אייך נור, אז אין פאלל איך וועל שטארבען, זאָלט איהר געבען מיין זוהן, דעם ארימען יונגען, וועלכער

וועט יעצט בלייבען איינער אליין אויף דער וועלט, הונדערט רופיען. פאר דיע־זעם געלד וועט ער זיך קויפען א שטיקעל לאנד, פון וועלכען ער וועט זיך קענען גענעהרען.

ער האט גערעדט אזוי טרויעריג און אזוי אפענהערציג, אז מיר האבען איהם געגלויבט און האבען איהם צוגעזאגט, אז מיר וועלען איהם געבען הונדערט און פופציג רופיען, ווען מיר וועלען טויטען דעם טיגער. דער אלטער מאן האט אונז געדאנקט און האט געבעטען זיין גאט „ווישנו", ער זאל אונז העלפען און בעשיצען.

מיר האבען געהאט ביי זיך שוועבעליך און א פאר וואקס ליכט. ווען מיר זיינען ארויסגעפאהרען פון מאדראס, האבען מיר מיטגענומען וואקס ליכט מיט זיך, ווייל אין לאגער האבען מיר ניט געקענט האבען קיין אנדער סארט בעלייכ־טונג. מיר האבען אנגעצונדען א וואקס ליכט און האבען אנגעהויבען צו בע־טראכטען דיא רואינען (חורבות) פון'ם איינגעפאלענעם טעמפעל.

אזוי וויא מיר האבען געמוזט קלעטערן אויף שטיינער און אויף איינגעפאַ־לענע ווענד און זיילען, האבען מיר אויסגעטאהן אונזערע יאגד טאשען, האבען אראפגענומען אונזערע גוטע ענגלישע ביקסען פון אונזערע פלייצעס און האבען זיי אניעדערגעלעגט לעבען דיא פיס פון'ם גרויסען שטיינערנעם עלעפאנט. דאן האבען מיר געהייסען דעם אלטען אינדיער, ער זאל אויף זיי אכטונג געבען, ביז מיר וועלען צוריק קומען. מיר האבען צוואר קיין מורא געהאט, מען זאל זיי ביי אונז ניט צו'גנב'ענען, מיר האבען זעהר גוט געזעהן, אז אין דיעזער געגענד געפי־נען זיך קיינע גנבים. מיר האבען אבער געוואלט זיין זיכער, אז מיר וועלען גע־פינען אונזערע ביקסען און אונזער שיעס מאטעריאל, ווען מיר וועלען עס דאר־פען.

מיר זיינען אריינגעגאנגען אין טעמפעל מיט אונזערע ליכט אין דיא הענד. גרויסע פלעדער מייז האבען זיך דערשראָקען פאר'ן פייער און זיינען זיך צולאפען אין אלע זייטען. מיר זיינען אריינגעגאנגען אין א גרויסען געוועלב און האבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. מיר האבען געזעהן ארום אונז ביינער פון מענשען און טהיערע און האבען פערשטאנען, אז מיר געפינען זיך ווירקליך אין דער הייל פון דיא טיגער.

פלוצלונג האבען מיר דערהערט א שרייען און מיאאווען, וויא פון יונגע קעץ. מיר זיינען צוגעגאנגען צו דעם ארט, פון וואנען דיא געשרייען האבען זיך געהערט און האבען דערזעהן, אז אויף א געלעגער פון בלעטער זיינען געלעגען צוויי יונגע טיגערלעך, וועלכע האבען געדארפט אלט זיין ניט מעהר, וויא א וואָך דריי, פיער ניט מעהר.

מיר האבען א ציטער געטאהן. ביז אהער האבען מיר געמיינט, אז מיר געהן געגען איין טיגער, יעצט האבען מיר איינגעזעהן, אז מיר האבען געגען זיך צוויי טיגער, אז „ער" און א „זיא." איך מוז אייך נאך זאגען, אז דיא „זיא"

פון'ם טיגער, איז פיעל שטארקער, פיעל ווילדער און פיעל געפעהרליכער פון'ם „ער".

— הער נור, סטענטאָן, האָט באנקראפט צו מיר געזאָגט, איך האָב געמיינט, אַז מיר געהן צוויי מענשען געגען איין טיגער, יעצט זעה איך אָבער, אַז מיר זיינען צוויי מענשען געגען צוויי טיגער, דאָס איז צו פיעל.

— וואָס זאָלען מיר אָבער טהאָן ?

— מיר וועלען מיטנעהמען די צוויי קליינע טיגערלעך, וועלען צוגעהן צוריק צו אונזערע פערד און וועלען צוריק פאָהרען אין לאַגער. מאָרגען ביי טאָג וועלען מיר ברענגען אַלע אונזערע קאמעראדען אהער. מיר וועלען גע־ווינען די וועטע, וויייל מיר וועלען דאָך וויזען די צוויי קליינע טיגערלעך, און מיר וועלען ניט ריזיקירען אונזער לעבען.

איך האָב געכאַפּט איינעם פון די קליינע טיגער און האָב איהם דורכ־געשטאָכען מיט מיין מעסער, באנקראפט האָט עס געטהאָן מיט'ן אנדערן מיר האָבען זיי אריינגעשטעקט אין אונזערע קעשענע און זיינען ארויסגע־גאנגען פון געוועלב. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מיר וועלען געפינען דעם אינדיאַנער און וועלען איהם הייסען, ער זאָל אונז צוריק פיהרען צום אָרט, וואו אונזערע פערד געפינען זיך.

ווי גרויס איז געווען אונזערע איבערראַשונג, ווען מיר זיינען ארויס־געקומען פון טעמפּעל און האָבען ניט געפונען דעם אַלטען אינדיאַנער. מיר האָבען געזוכט, געפאָרשט, גערופען — קיינער האָט אונז ניט געענטפערט. בער אינדיאַנער איז פערשוואונדען. מיר האָבען אָנגעהויבען צו זוכען אונ־זערע ביקסען און אונזערע יאגד־טאַשען און האָבען זיי באַלד געפונען. זיי זיינען געלעגען אויף דעם זעלבען אָרט, וואו מיר האָבען זיי אנידערגעלעגט. אַלזאָ, דער אינדיאַנער האָט אונז ניט בע'גנב'עט.

— וואו זאָל ער דען זיין, דער אַלטער טויגעניכטס ? האָב איך אויס־גערופען.

דומפּף, לאַנגזאַם און טרויעריג האָבען געקלונגען פון דער וויטען פאַל־נענדע רופען.

— צוויי ווייסע מענער, — צוויי טיגער. ניקלאַטאַ אבדאללאַהופור איז בעפריעדיגט, ער האָט זיך נוקם געווען פאַר זיין בעליידיגונג.

יעצט האָבען מיר שוין אַלעס געוואוסט. דער אַלטער פאַקיר האָט אונז פערפיהרט, דער יונגער אינדיאַנער איז זיין טאָכטער, וועלכע האָט זיך פער־שטעלט פאַר אַ יונגען מאַן, אום אונז בעסער אָפּצונאַררען. איך בין געוואָרען אַזוי בייז און אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב געכאַפּט מיין ביקס און האָב אויסגעשאָסען אין דער זייט, פון וואַנען דעם פאַקירס שטימע האָט זיך גע־הערט. די פּיסטאַנע האָט זיך אָנגעצונדען, די ביקס אָבער האָט ניט אויסגע־שאָסען.

פון דער וויטען האָבען מיר געהערט אַ ווילדעס, ביטערעס געלעכטער, דאָס

האט נעלאכט דער אלטער פאקיר. מיר זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיי־ נערט און האבען איינינע מינוטען ניט געקענט ארויסרעדען אווארט איינער צום אנדערן. ענדליך האט באנקראפט אויסגערופען:

— לאמיר ניט פערצווייפלען! לאמיר צו רעכט מאכען אונזערע ביקסען. דיא געפאהר איז גרויס.

מיר האבען אנגעהויבען צו בעטראכטען אונזערע ביקסען און האבען געפו־ נען, אז זיי זיינען נאס אינעווייניג. דער אלטער פאקיר האט אנגעגאסען אין זיי וואסער, אין דער צייט ווען מיר זיינען געווען אין דער הייל פונ׳ם טיגער.

— וואס טהוט מען? האב איך אויסגערופען, אונזערע ביקסען זיינען פול מיט וואסער.

— מען מוז זיי אויסרייניגען, האט באנקראפט געענטפערט.

מיר האבען זיך גענומען אויסרייניגען אונזערע ביקסען. צופעליגער וויזע האב איך גענומען מיין יאגדטאש און האב ארויסגענומען דעם פולווער הארן.— ער איז געווען לעדיג.—דער פאקיר האט אויסגעשאטען דאס פולווער. ער האט געמאכט, אז אונזערע וואפען זאלען ניט טויגען. מיר האבען געהאט ביקסען, וועלכע האבען ניט געקענט שיסען. מיר האבען געהאט קוגעלן, אבער קיין פול־ ווער. ווען דיא טיגער וועלען קומען, האבען מיר ניט מיט וואס זיך צו פערטהיי־ דיגען אויסער אונזערע יאגד מעסער. געגען אטיגער איז דאס זעהר א שוואכע וואפע.

מיר זיינען געווען פערצווייפעלט און האבען איינינע מינוט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט איינער צום אנדערן. מיר האבען געפיהלט דיא שרעקליכע ראבע (מקמה) פונ׳ם אינדיער.

פלוצלונג האבען מיר דערהערט א שרעקליכעס געשריי פון א טהיער, וועל־ כעס מען שטעכט אריין א מעסער אין הארצען, באלד האבען מיר געהערט א צווייטען געשריי.

— ער טייטעט אונזער פערד! האט באנקראפט געשריען. — ער וויל צו נעהמען ביי אונז אלע מיטעל זיך צו רעטען! — איך דערקען היעזעס געשריי. ווען מיר האבען זיך געשלאגען מיט דיא סייק׳ס, האב איך אפט געהערט אזא געשריי. דיא ווילדע סייקס פלעגען אנפאלען אויף אונזערע פערד און פלעגען זיי ארייגשטעכען א מעסער אין הארצען.

אונזער לאגע איז געווען א פערצווייפעלטע. עס איז פערגאנגען א געראומע צייט, איידער מיר זיינען געווען אים שטאנד צו זאגען א ווארט איינער צום אנ־ דערן. עס האט אונז אבער ניט געהאלפען. מיר האבען געמוזט רעדען איינער צום אנדערן. מיר האבען געמוזט זיך בעראטהען און זיך איבערלעגען וואס צו טאהן. מיר האבען געמאכט פערשיעדענע פלענער, וויא זיך צו רעטען. ענדליך האבען מיר בעשלאסען, אז מיר זאלען ארייגעהן אין טעמפעל דארט, וואו עס געפינט זיך דיא הייל פונ׳ם טיגער און מיר זאלען פערלעגען דעם אריינגאנג צוי־

שען ביידע פיס פונ׳ם עלעפאנט מיט גרויסע שטיינער.—מיר זאלען אונז פערטאר־
ערן אין דער הייל פונ׳ם טיגער.

דאס איז געווען דער איינציגער ריכטיגער פלאן. דאס געוועלבע פונ׳ם טעמפעל האט אונז געשיצט פון אלע זייטען. ווען עס וועט אונז געראטהען צו פערלעגען דיא טהיר מיט גרויסע שטיינער, אז דער טיגער זאל ניט קענען זיי צו נעהמען, זיינען מיר זיכער ביז מארגען, ווען אונזערע פריינד וועלען אונז געוויס זוכען און געפינען.

מיר האבען זיך באלד גענומען צו דער ארבייט און האבען אנגעהויבען צו קייקלען גרויסע שטיינער צו דער טהיר פונ׳ם טעמפעל. מיר האבען געארבייט אזוי פלייסיג, אז אין א האלבע שטונדע ארום האט זיך דער שווייס געגאסען פון אונז טייבען ווייס. ליידער זיינען מיר געווען צו שוואך אום צו צוקייקלען גאנץ שווערע שטיינער, מיר האבען אויך ניט געהאט גענוג צייט דער צו. עס איז גע־ווארען שפעט. אין אָסטען האבען זיך געוויזען דיא ערשטע צייכענס פונ׳ם יונ־גען טאג, ד״א טיגער האבען געדארפט באלד אנקומען. מיר האבען געמוזט זיך בעגנינגען מיט א גאנץ לייכטער וואנד.

— הער נור, קאמעראד, האט באנקראפט צו מיר געזאגט, איך בין לענ־גער פון דיר אין אינדיען און האב מיך מעהר אנגעהערט איבער דעם האראקטער פונ׳ם טיגער. איך האב געהערט, אז דיא טיגער געהן קיין מאל ניט צוזייא צו־זאממען. יעדער טיגער יאגט זיך אין אבעזונדערע געגענד. עס איז דייטליך, אז אין דיעזער הייל געפינען זיך צווייא טיגער, אן „ער" און א „זיא". דיא „זיא" וועט געוויס קומען פריהער א היים, ווייל זיא האט דאך איבער געלאזען אין דער היים קליינע קינדער, וועלבע זיא דארף אנזויגען. דיא טיגערין איז שטארק און ווילד, בעזאנדערס ווען זיא געהט צו איהרע קינדער, קען זיא צו ברעכען מויערן. ווען מיר וועלען זיך ביידע שטעלען געגען איהר, וועט זיא אונז ביידען טייטען. דאס בעסטע וואלט געווען, אז איינער זאל זיך שטעלען געגען דיא טיגערין און דער אנדערער זאל דער ווייל זוכען מיטעל, וויא זיא צו טייטען. ווען דיא טיגערין וועט האלטען איינעם אין מויל, וועט דער אנדערער קענען צו קומען צו איהר פון א זייט און איהר אריינשטעכען א מעסער אין בויך. עס איז שווער פאראויס צו זאגען, וואס עס קען געשעהן, זיכער איז אבער, אז איינער פון אונז מוז זיך שטעלען געגען דער טיגערין מיט דער איינציגער וואפע, וואס מיר האבען נאך— מיט אונזער מעסער.

— וואס זאלען מיר אלזא טאהן? האב איך געפרעגט.

— דאס לעבען איז אונז ביידען ליעב, האט באנקראפט געענפערט, לאמיר ווארפען גורל, ווער עס זאל זיך דער ערשטער שטעלען געגען טיגער,

איך האב געטראכט אייניגע מינוטען און האב געפונען, אז באנקראפט האט רעכט, ווען מיר וועלען ווארטען, ביז דיא טיגערין אדער ביידע טיגער וועלען אויף אונז אנפאלען, זיינען מיר ביידע פערלארען. צוויי מענשען אהן ביקסען, נור

מיט מעסער אין דיא חענד קענען זיך ניט שטעלען געגען צווייא טיגער. ווען איי־נער וועט זיך אבער ארויס שטעלען, קען דער אנדערער האבען א האפנונג, ער זאל זיך רעטען. אין דער וואהרהייט געזאגט, מיר האבען דאמאלס ניט געגלויבט אז מיר וועלען ארויס פון׳ם טעמפעל לעבעדיגערהייט. מיר האבען דאך געוואוסט ווער עס האט אונז פערפיהרט אהער און צו וואס ער האט עס געטאהן. איך האב דאהער איינגעוויליגט און האב געפרעגט:

— וויא וועלען מיר דען ווארפען גורל דא אין דער פינסטער?

— דאס איז זעהר לייכט, האט באנקראפט געענטפערט. איך האב בייא מיר א רופיע. איך וועל זיא האלטען אין איין האנד, וועל פערמאכעןביידע הענד און דיר ווייזען. והעסט דוא טרעפען אויף דיא האנד, וואו איך האלט דיא רופיע, וועסט דוא זיך שטעלען געגען דיא טיגערין; וועסט דוא טרעפען אויף דיא לע־דיזע, האנד וועל איך מיך שטעלען געגען דיא טיגערין.

ער האט אזוי געטאהן. איך האב געוויעזען אויף זיין רעכטע האנד — זיא איז געוועזן לעדיג. באנקראפט האט געדארפט זיך שטעלען געגען דיא טיגערין און איך זאל דערווייל זעהן דיא צו טייטען. איך קען ניט בעשרייבען, וואס ער האט דאן געפיהלט; איך האב געפיהלט, אז דאס הערץ ווערט מיר צוריסען אויף שטיקער, דער טויט איז שטענדיג א שרעקליכער גאסט, אבער וויסען פאראויס אז מען וועט שטארבען אונטער שארפע און גיפטיגע נעגעל פון א טיעגער, איז דיא דאס שרעקליכסטע, וואס קען נאר זיין אויף דער וועלט און מיר האבען ביידע געוואוסט גאנץ גוט, אז נור א וואונדער קען אונז רעטען.

באנקראפט האט אראפ געווארפען פון זיך דעם ראק און האט געוואלט מיט איהם ארומוויקלען זיין רעכטע האנד, אין וועלכער ער׳האט געהאלטען זיין מעסער. איך האב איהם דערביי געהאלפען און האב אנגעטאפט אין זיין ראק א שווערע, הארטע זאך. איך האב עס ארויסגענומען און האב מיך דערפרעהט. דאס איז געוועזן א זעקס רעהריגער רעוואלווער, וועלכען ער האט גענומען מיט זיך, ווען מיר זיינען ארויס געפאהרען פון לאגער און האט איהם דערנאך פערגעסען.

— מיר האבען א וואפע! האב איך אויסגעשריען, דער רעוואלווער איז געווים געלאדען.

— פרעה דיך ניט, סטענטאן, האט באנקראפט געזאגט טרויעריג, מיט א רעוואלווער קען מען קיין טיגער ניט טייטען, אויסער ווען מען טרעפט איהם אין אויג. דוא ווייסט דאך געווים, אז אלע ווילדע טהיערע פון דער קאצען פאמיליע האבען זעהר א לאנגעס און הארטעס לעבען. א קאץ קען מען אזוי לייכט ניט טייטען, א טיגער איז פיעל שווערער צו טייטען, וויא א קאץ. דאס איינציגע, וואס דוא קענסט טאהן פאר אונז, איז דוא זאלסט בלייבען רוהיג און זאלסט אפהיטען דיא סעקונדע, ווען דער טיגער וועט זיין גאנץ נאהענט לעבען אונז, דאמאלס זאלסט דוא אויסשיעסען איהם גלייך אין דיא אויגען.

קוים האט ער ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, האבען מיר געהערט שווערע טריט און א ווילדעס ברומען.

— דאָס איז די טיגערין! האָט באַנקראַפּט אויסגרופען, יעצט, קאַמראַד, לאָמיר קעמפּפען פאַר אונזער לעבען!

ער האָט מיך צוגעפּרעסט צו זיין הארצען און האָט זיך אויסגעריסען פון מיר. ער האָט רעכט געהאַט, דאָס איז געווען די טיגערין. אין דרויסען איז שוין געווען גענוג ליכטיג אום צו זעהן, וואָס פאַר אַ פיינד מיר האָבען געגען זיך דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע טיגער, וועלכע איך האָב געזעהן אין מיין לעבען. זי איז ניט געלאָפען, זי איז ניט געשפּרונגען. אין מויל האָט זי געטראָגען אַ יונגען הירש, וועלכען זי האָט געטויטעט אין דער דזשונגעל. זי האָט זיך געאיילט אהיים צו איהרע קינדער.

פּלוצלונג איז זי געבליבען שטעהן און האָט אָנגעהויבען צו שנאָרכען און צו שמעקען די לופט. איך האָב פערגעסען צו דערצעהלען, אַז ווען מיר האָבען דערזעהן, אַז דער בראהמין ניקלאטא האָט אריינגעגאָסען וואסער אין אונזרע ביקסען, האָבען מיר אַוועקגעוואָרפען די צוויי געטייטע קליינע טיגערלעך. ווען די טיגערין האָט דערשמעקט זייער בלוט, איז זי צוגעלאָפען צו דעם אָרט, וואו זיי זיינען געלעגען, האָט אָנגעהויבען זיי צו לעקען און, ווען זי האָט זיך איבערציינגט, אַז זיי זיינען טויט, האָט זי ארויסגעלאָזען אַזאַ שרעקליכעם געשריי און האָט געברומט אַזוי פירטערליך, אַז דאָס בלוט אין מיינע אָדערן איז פערקיהלט געוואָרען.

פּלוצלונג האָט זי געגעבען אַ שרעקליכען שפּרונג און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט איהר גאַנצער קראַפט אויף דעם אריינגאַנג אין טעמפּעל די שוואַכע וואַנד, וועלכע מיר האָבען אויפגעבויט אין דער איילע אין דער טהיר פונ׳ם טעמפּעל, איז איינגעפאלען; די גרויסע און שווערע שטיינער, וועלכע מיר האָבען צוזאַמען געשלעפּט מיט אַזוי פיעל מיה זיינען זיך צופלויגען, ווי די שפּענדלעך. — די טיגערין איז יעצט געשטאַנען פאַר אונז בייז, גרימיג און ווילד, מיט אַן אָפענעם מויל, פון וועלכען עס האָט ארויסגעשטעקט אַ רויטע, פייעריגע צונג. איהרע אויגען האָבען געגליהט, ווי ברענענדע קוילען און זי האָט געברומט הויך, ווילד און שרעקליך.

באַנקראפּט האָט זיך געוואָרפען אויף דער טיגערין מיט זיין מעסער, איך האָב געהאַלטען דעם רעוואָלווער אין דער האַנד. מיר האָבען אָנגעהויבען זיך צו ראַנגלען. וואָס ווייטער איז געווען, ווייס איך ניט. איך געדענק נור, אַז איך האָב געפיהלט אַ שטאַרקען זעץ אין דער ברוסט און בין געפאלען אין אָהנמאַכט. דאָס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. איך האָב באַלד געעפענט די אויגען און האָב מיך אַרומגעקוקט. לעבען מיר האָט עפּעס געקרעכצט. דאָס איז געווען מיין פריינד באַנקראַפּט און ניט ווייט פון איהם איז געלעגען אויסגעשטרעקט די טיגערין. זי האָט נאָך געלעבט, איין אויג האָט נאָך געברענט און געגליהט, ווי אַ הייסער קויל, פונ׳ם אַנדערן אויג אָבער האָט גערונען בלוט. איך האָב געשאָסען און האָב איהר געטראָפען אין אויג. דאָס איז געווען אונזער רעטונג.

איך האָב מיך אָנגעבויגען צו מיין אונגליקליכען פריינד און האָב אַ ציי־טער געטאָהן. זיין רעכטע האַנד איז געווען אָפּגעביסען פון זיין קערפּער און איז נאָך געהאַנגען אָן עטליכע אָדערען. אויף דער ברוסט איז געווען אַ גרויסע טיעפע וואונד, זיין געזיכט איז געווען פערגאָסען מט בלוט. ער האָט זיך ניט געקענט ריהרען.

— עס איז פאַרביי מיט מיר, סטענטאָן, האָט ער געקרעכצט, די טיגערין האָט צוריסען מיינע לעבענס אָדערן. דו האָסט זי געטויטעט, אָבער צו שפּעט.

איך האָב אַראָפּגעוואָרפען מיין ראָק און האָב איך אונטער געלעגט אונטער באַנקראָפּט'ס קאָפּ. איך האָב געוואָלט פערבינדען זיינע וואונדען, ווי איך וואָלט געקענט.

— לאָז מיך שטאַרבען רוהיג, האָט ער געבעטען, מיר ווערסט דו שוין ניט העלפען, איך שטאַרב, דענק ליעבער זיך צו רעטען. ווען דו קענסט זיך נאָך ריהרען, רעטע דיך!

— ווי זאָל איך מיך רעטען? האָב איך געפרעגט.

—עס איז מיר איינגעפאַלען אַ מיטעל. ווען איך זאָל פריהער געווען פאַלען אויף דיעזעס מיטעל, וואָלט איך פיעלייכט מיך אויך גערעטעט. — מיר האָבען ביי זיך שוועבעלעך. לויף אַרום אין דרויסען און צינד אונטער די דשונגעל. דער טיגער האָט מורא פאַר פייער, ווי אַלע ווילדע טהיערע. ווען ער וועט קומען און זעהן, אַז די דשונגעל אַרום ברענט, וועט ער אַנטלויפען. דו אָבער קענסט זיך שיצען פונ'ם פייער אין די שטיינערנע ווענט פונ'ם טעמפּעל. — שנעל, סטענטאָן! יעדע מינוט איז טהייער! — כאַפּ טרוקענע בלעטער, טרוקענעס גראָז און טרוקענע צווייגלעך און צינד זיי אָן.

מיר איז געווען זעהר אונאַנגענעהם צו לאָזען אליין מיין אונגליקליכען, שטאַרבענדען פריינד אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען. ער האָט מיך אָבער ניט אָפּגעלאָזען און האָט מיך געבעטען, איך זאָל געהן, ווי צום שנעלסטען, ווייל דער טיגער, דער „ער", קען יעדע מינוט אָנקומען.

איך בין אַריבער געשפּרונגען איבער די טויטע טיגערין, בין אַרויסגעלאָפען אין דרויסען, האָב צונויפגעשאַרט טרוקענע בלעטער און טרוקענע שטיקער ראָהר און האָב אונטערגעצונדען די דשונגעל. אין דרויסען איז שוין געוואָרען גוט ליכטיג. אין אסטען (מזרח זייט) איז דער הימעל רויט געוואָרען און עס האָבען זיך אויך געוויזען די ערשטע שטראַהלען פון דער זון.

ס האָט געדויערט פינף מינוט, ביז די דשונגעל האָט זיך אָנגעצונדען. קוים האָט זי אָנגעהויבען צו ברענען, בין איך צוריק געלאָפען צו מיין אונגליקליכען פריינד. ער האָט נאָך געלעבט.

—לעג מיך אַנידער אויפ'ן טויטען טיגער, האָט ער מיך געבעטען, איך וויל שטאַרבען אויפ'ן קערפּער פונ'ם שרעקליכען פיינד, וועלכען איך האָב גע־

פייטעס. לאזען זיי וויסען, אז אן ענגלישער אפיציער האט ערהאם אזוי פי״ל מוטה: אז ער האט זיך געשטעלט נעגען א גערייצטע טיגערין נור מיט א מעסער אין דער האנד.—הער, סטענטאן, עס ברענט!—דוא האסט גוט געטאהן.—אך! פאר וואס איז מיר פריהער ניט איינגעפאלען אונטער צו צינדען דיא דשונגעל!

איך האב אקוק געטאהן אין דרויסען און האב געזעהן הויכע זיילען רויך ארויפגעהן צום הימעל. עס איז געווען דיא הייסע צייט פונ׳ם יאהר. דיא ביימלעך און דיא באמבוק (ראהר, טראסט) פון דער דשונגעל זיינען געווען טרוקען, וויא פאפיער. זיי האבען זיך באלד אנגעצונדען און האבען געברענט גאנץ חעל. דער ווינד האט נאך צו פאכט דיא פלאמען. טויזענדער קליינע טהיערע: האזען, שלענג, שאקאלס און ווילדע שוויינע האבען זיך דערשראקען פארן פייער און זיינען ארומגעלאפען, וויא דיא וואהנזיניגע.

באנקראפט האט אנגעחאפט מיין האנד. איך האב אקוק געטאהן אויף זיינע אויגען און האב דערזעהן, אז זיי זיינען איבערגעצויגען געווארען, וויא מיט אדונקלען שלייער. זיי האבען אויסגעזעהן וויא פערגלעזערט. איך האב פערשטאנען, אז ער שטארבט.

— סטענטאן, האט ער געזאגט מיט א שוואכער שטימע, ווען דוא וועסט זיך רעטען פון דיעזער געפאהר, אנטלויף פון אינדיען, דער בעליידיגטער פאקיר זעט דיך טייטען.—דוא זעהסט דאך, וויא ער פערפאלגט אונז און וויא ער איז זיך נוקם.

פלוצלונג האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אויסגערופען:

— ארימער פריינד! דוא ביזט פערלארען! דער טיגער קומט!

איך האב קוים צייט געהאט אויפצושפרינגען און צו חאפען מעסער. אין דער דשונגעל האט זיך געהערט א שרעקליכעס ברומען און מיאאוען. דער טיגער האט געזעהן, אז דיא דשונגעל ברענט און איז געשפרונגען, ווא א וואהנזיניגער. ער איז אריבערגעשפרונגען דיא ליניע פון פייער און איז געלאפען אין זיין הייל. דיא ערד האט געציטערט אונטער זיינע פיס.

איך בין געווען פערלארען. איך בין יעצט געשטאנען נעגען דעם שרעקליכען גערייצטען טיגער גאנץ אליין. איך האב זאגאר קיין צייט געהאט ארומצוקלען מיין האנד מיט מיין ראק. איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנד מיט׳ן מעסער און האב געווארט דעם טויט. פלוצלונג האב איך דערזעהן, וויא עפעס האט זיך אנגעצונדען ניט ווייט פון דעם טעמפעל. עס האבען זיך געוויזען עטליכע קליינע בליטצען. דער טיגער האט אנגעהויבען זיך צו ווארפען און צו רייבען זיין קאפ מיט זיינע ברייטע און שטארקע לאפעס. איך בין געווען אזוי דערשראקען, אז איך האב מורא געהאט ארויסצושטעקען דעם קאפ פון דער טהיר פונ׳ם טעמפעל.

איך האב ערווארטעט יעדע סעקונדע, אז דער טיגער וועט אויף מיר אנפאלען. ער האט אבער ניט געטאהן. ער האט שרעקליך געברומט. האט גע־

טאנצט און געשפרונגען, ווי א וואַהנזיניגער. אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע מינוט. איך האב מיך אביסעל בערוהיגט און האב ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער הייל. דער טיגער האט זיך געקייקעלט אויף דער ערד, האט געברומט און געהיילט, האט זיך אבער ניט א ריהר געטאהן פון'ם ארט.

— וואס זאל דאס הייסען? האב איך געפרעגט זיך אליין. וויא קומט עס, וואס דער טיגער קייקעלט זיך אזוי אויף דער ערד?

איך בין אין גאנצען ארויסגעגאנגען פון טעמפעל. דער טיגער איז אויפגע־שפרונגען, האט געוואלט ערגעץ לויפען און איז צוריקגעפאלען.

— וואס זאל דאס הייסען? האב איך געפרעגט זיך אליין נאך אמאל, דא איז עפּעס געשעהן, אבער וואס איז געשעהן?

עָס איז געווען דייטליך, אז דעם טיגער טוהט עפּעס וועה, אז ער ליידעט שרעקליך, אז ער קען ניט לויפען ווייטער. איך האב פּראָבירט צוגעהן נעהנטער צו איהם; קוים אבער האב איך מיך א ריהר געטאהן, האט דער טיגער אנגעהויבען צו ברומען און איז אויפגעשפרונגען. איך האב מיך דערשראקען און בין צוריקגעלאפען. אין טעמפעל איז געליגען, דער טויטער טיגער, אויף איהם איז געליגען מיין פריינד באנקראַפט. ער איז געווען טויט!

ליידער, האב איך קיין צייט ניט געהאט מיך מיט איהם צו בעשעפטיגען, איך האב געמוזט אכטונג געבען, אויב דער טיגער לויפט איהר נאך. איך האב אקוק געטאהן אין דרויסען און האב דערזעהן, אז דער טיגער שפרינגט נאך אימער ארום פון איין ארט אויפ'ן אנדערען. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז ער וויל ערגעץ געהן און ווייס ניט וואוהין.

אזוי איז פערגאנגען א גרויסע צייט. ווען איך פלעג שטעהן אויף איין ארט, פלעגט דער טיגער זיך קייקלען און ברומען, פלעג איך אבער אנהויבען זיך צו ריהרען, פלעגט ער אויפשפּרינגען און זיך שטעלען געגען מיר. אונטערדעסען איז די זון אויפגעגאנגען און האט אנגעהויבען צו ברענען, וויא פייער. אין טעמ־פעל איז צוואר געווען קיהל, עס איז מיר אבער געווען זעהר אונאנגענעהם צו שטעהן לעבען דער לייכע פון מיין פריינד באנקראפט. ער האט געהאלטען אפען די אויגען און זיין געזיכט איז געווען פערדרעהט און פערקרימט, אז איך פלעג א ציטער טאהן יעדעס מאל, ווען איך פלעג אויף איהם א קוק טאהן.

מיין לאגע איז געווארען מיט יעדע מינוט ערגער און פערצווייפעלטער. געהן פון טעמפעל איז געווען אונמעגליך, דער טיגער איז געשטאנען אויף דער וואך, וויא א טרייער הונד, בלייבען אין טעמפעל איז אויך געווען אונמעגליך. איך האב ניט געקענט קוקען אויף די פערגלאָזערטע אויגען פון מיין אונגליקליכען פריינד.

פּלוצלונג האב איך דערהערט שיעסען און געשרייען. מיינע קאמעראדען זיינען געקומען מיר צו הילף.

— אָט בין איך! רעטעט מיך! האב איך געשריען.

עס זיינען אנגעקומען אלע מיינע קאמעראדען. זיי האבען געמיינט דעם טינער און זיינען אריינגעקומען אין הייל. איך האב זיי דערציילט אלעס, וואס מיט אונז האט פאסירט. מיר זיינען ארויסגעגאנגען בעטראכטען דעם טויטען טיגער. ער איז געווען בלינד!

מיר האבען זיך אומגעקוקט און איך האב אנגעהויבען צו פערשטעהן, וויא אזוי ער איז בלינד געווארען. דער אינדישער פאקיר האט אויסגעשאטען דעם פולווער פון אונזער פולווער האָרן׳אין גראז. ווען דער טיגער איז אריבערגע־שפרונגען דיא ברענענדע דשונגעל, איז א פונק פייער געפאלען אויף דעם ארט, וואו דאס פולווער איז געליגען אויף דער ערד. עס האט זיך אנגעצונדען און האט אויסגעברענט דעם טיגער דיא אויגען. מען האט געזעהן, וויא זיין קאפ, זיין מויל, זיינע נאזלעכער און זיינע אויגען זיינען געווען פערברענט.

יעצט האב איך פערשטאנען, פאר וואס דער טיגער האט זיך געקייקעלט אויף דער ערד, האט געברומט און האט זיך ניט געקענט ריהרען. ער איז גע־ווען בלינד און האט ניט געזעהן דעם וועג אין טעמפעל. א גליקליכער צופאל האט מיר גערעטעט דאס לעבען.

אונזערע סאלדאטען האבען אפגעשונדען דיא פעל פון דיא ביידע טיגער, דאן האבען זיי אויסגעגראבען אטיעפע גרוב און מיר האבען בעערדיגט אונזער אונגליקליכען קאמעראד, דעם מאיאָר באנקראפט. דאן זיינען מיר געגאנגען זו־כען מיין נעגער. מיר האבען איהם געפונען שלאפענדיג אויף דעם בערגעל, וואו מיר האבען איהם געלאזען. לעבען איהם זיינען געליגען אונזערע פערד מיט וואונדען אין דער ברוסט. דער אינדישער פאקיר האט זיי דערשטאָכען. מיר האבען אנגעהויבען צו וועקען דעם נעגער. ער איז געשלאפען, וויא א טויטער.

— דעם דאָקטאָר! רופט דעם דאקטאר! האט אויסגערופען איינער פון אונז.

דער דאקטאר האט בעטראכט דעם נעגער איניגע מינוט און האט גע־זאגט:

— זיין שלאף איז ניט נאטירליך. מען האט איהם איינגעגעבען שלאף גע־טראנק.

ער האט אויפגעריסען דאס מויל פון׳ם נעגער, האט איהם עפעס אריינגע־גאָסען, האט איהם עפעס געטאָהן, ביז דער נעגער האט געעפענט דיא אויגען.

— דאס האט דערציילט מיין הערר סטענטאן, האט שנעעמאן דער נע־גער געזאגט, יעצט קען איך אייך ווייטער דערציהלען, וואס מיט אונז האט פאַ־סירט.

מיר זיינען צוריקגעפאהרען קיין מאדראס מיט דיא פעל פון דיא טיגער און מיין הערר האט בעקומען דיא גאלדענע מעדאיללע דערפאר, וואס ער האט בע־פרייט דאס לאנד פון שעדליכע טהיערע. ער האט אבער אזוי פיעל דורכגעלעבט און דורכגעליטען אין דיא עטליכע שטונדען, וואס ער האט פערבראכט אין דער

הייל פון דיא טינער, אז ער איז קראנק געוואָרען. עטליכע מעג איז ער געזעסען אין א שרעקליכער געפאהר. דיא דאָקטוירים האבען געזאגט, אז ער האט א נערוועזן פיבער. איך בין אן איינפאכער נעגער און ווייס נים, וואס דאס איז פאר א קראנקהייט.

ענדליך איז סטענטאָן געזונד געוואָרען, ער איז אבער געווען זעהר טרויעריג. ער האט נים פערגעסען, וואס זיין פריינד, דער מאיאָר באנקראפט האט איהם געזאגט פאר זיין טויט: „ווען דוא וועסט זיך רעטען פון דיא טינער, זאָלסט דוא ארויספאהרען פון אינדיען.“

סטענטאָן פלעגט יעצט מורא האבען ארויסצוגעהן איינער אליין אויף דער גאס. ער פלעגט מיך ארומשיקען זעהן, אויב איך וועל נים בעגעגענען ערגעץ דעם אינדיער ניקלאָמאַ אדער זיין טאָכטער. איך פלעג איהם זוכען אין דיא טעמפעל, וואו איך האב איהם א פאר מאל בעגעגענט. איך האב איהם אבער מעהר נים געזעהן.

עס זיינען וויעדער פערגאנגען איינינע מאָנאטע, און וועלכע עס האט גאר נים פאסירט. סטענטאָן האט זיך אין גאנצען בערוהיגט און האט אנגעהויבען צו דענקען, אז ער איז שוין זיכער. ער איז וויעדער פרעהליך געווארען און פלעגט וויעדער ארומגעהן אליין אין דיא גאסען אדער ארומפאהרען מיט זיין בראוט.

איין מאל איז ער געזעסען מיט זיין בראוט אין פאלאץ, וואו דער גענעראל האט געוואוינט. עס איז געווען פאר נאכט. אין דרויסען איז געווארען קיהלער און דיא גאס פאר דער קוואַרטיר פון גענעראל איז לעבעדיג געוואָרען. עס האבען אנגעהויבען צו פאהרען דאמען און מענער, איינינע זיינען געגאנגען צו פוס, דיא מאגאזינען האבען זיך געעפענט און עס האט זיך אנגעהויבען דאס פרעהליכע, ריהרענדע לעבען.

איך מוז אייך בעמערקען, אז אין מאדראס איז אזוי הייס, אז ביי טאג זיינען אלע געשעפטען געשלאסען. פאר נאכט, ווען דיא זון האלט ביים אונטערגעהן, עפענען זיך דיא מאגאזינען און מען הייבט אן צו האנדלען.

סטענטאָן איז געזעסען מיט זיין בראוט אויף דער וועראנדא, א סארט באַלקאָן, וועלכער איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, וואו עס זיינען אנגעקומען איינינע פרוכטהענדלער. איינער פון זיי איז צוגעקומען צו דער וועראנדא און האט אניעדערגעשטעלט פאר דיא יונגע לייט א שעהן געפלאָכטענעם קערבעלע מיט בלומען און מיט פריכטע.

סטענטאָן איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיין געשפרעך, אז ער האט זיך נים אומגעקוקט אויפ'ן פרוכטהענדלער, האט איהם צוגעווארפען א זילבערנע מינצע און האט ווייטער גערעדט מיט זיין בראוט. פלוצלינג האט ער דערהערט א שרעקליכעס געשריי:

— ווארפט אראפ דעם ראָק פון זיך, סאהיב!

סטענטאן און זיין בראוט זיינען אויפגעשפרונגען מיט שרעק און האבען זיך אומגעקוקט.

— ווארפט אראפ דעם ראק, פאהיב! האט געשריען דיעזעלבע שטימע.
דאס האט געשריען אן אלטער אינדיער, דעם גענעראל׳ס אלטער און גע־טרייער דיענער.

— וואס שרייסט דוא אזוי, שיראטא? האט סטענטאן געפרעגט.

— דיא נאיא! דיא פעדער שלאנג! האט געשריען דער אלטער מאן און האט געציטערט פאר שרעק. ווארפט אראפ דעם ראק אדער איהר מוזט שטארבען!

אויף דעם געשריי פון׳ם אלטען שיראטא זיינען זיך צונויפגעלאפען אלע דיענער און פיעלע מענשען פון דער גאס. איינינע אלטע מענער, וועלכע האבען געוואוסט, וואס דיא נאיא איז, האבען אנגעהויבען צו שרייען און צו בעטען סטענ־טאן, ער זאל אראפווארפען פון זיך זיינע קליידער.

ער האט עס ענדליך געמאהט און האט דערזעהן, וויא אויף זיין ראק קריעכט א לאנגער און דינער פאדים מיט פעדערן פוןביידע זייטען. עס האט אויסגע־וויזען, וויא א לאנגע פעדער פון א פויגעל. דאס איז געווען דיא פעדער שלאנג, דיא געפעהרליכסטע און גיפטיגסטע שלאנג אויף דער וועלט.

דיא פעדער שלאנג געפינט זיך נור אין אינדיען און אין איינינע גאנץ הייי־סע געגענדען פון זיד אמעריקא. זיא איז אזוי גיפטיג, אז זאגאר שלענג, איי־דעקסען (עקדישען), ווערים און פליעגען אנטלויפען פון דעם ארט, וואו זיא האלט זיך אויף. זיא לעבט געוועהנליך גאנץ אליין, זעלטען מיט נאך איינער און קיין מאל ניט אין א געזעלשאפט. זיא איז דין, וויא דאס מיטעלסטע פון א היהנער־שע פעדער און האט פון ביידע זייטען לאנגע האר, פונקט וויא א פעדער. ווען זיא ריהרט זיך צו מיט איהרע האר אדער מיט איהר קערפער צו א לעבעדיגע זאך, ווערט עס פערברענט.

ווען אן אינדיער קומט אין אן ארט אין וואלד, וואו ער זעהט אין גראז קיי־נע פליעגען און קיינע קעפער (זשוקעס), ווייס ער, אז דארט געפינט זיך דיא פע־דער שלאנג און אנטלויפט פון דיעזען ארט, וויא פון פייער. ער ווייס, וויא גע־פעהרליך דיא פעדער שלאנג איז; ער ווייס, אז דארט, וואו דיא פעדער שלאנג געהט, לאזט זיא איבער א שרעקליכען גיפט.

סטענטאן און זיין בראוט האבען ניט געוואוסט, אין וואס פאר א געפאהר זיי האבען זיך געפונען. ווען זיי וואלטען גענומען א בלום אדער א פרוכט פון׳ם קערבעלע, וואלטען זיי געוויס געשטארבען. דאס קערבעלע איז געשטעלט גע־ווארען אזוי נאהענט צו סטענטאן, אז דיא פעדער שלאנג איז ארויפגעקראכען אויף זיין ראק. ווען קיינער וואלט זיך ניט געווען אומגעקוקט אויף איהר, וואלט דיא פעדער שלאנג געווען בעריהרט זיין האלז און ער וואלט געשטארבען.

דעם גענעראל׳ס דינער האבען אנגעצונדען שטיקלעך פאפיער און וואקס ליכט און האבען זיי ארויפגעווארפען אויף דיא פעדער שלאנג, וועלכע האט אנ־געהויבען זיך צו דרעהען און צו ווארפען אין אלע זייטען. ענדליך איז עס דיא גע־

לונגען אַרויפּצו־וואַרפען אויף איהר אַ גרויס שטיק ברענענדיגע פּאַפּיער, וועלכעס האט אָפּגעברענט איהר פעדער, דאַן האָבען זיי זיא פערברענט מיט אַ ליכט. דיא אינדיער האָבען אַזוי מורא געהאט פאַר דיא פעדער שלאַנג, אַז זיי האָבען גאַר מורא געהאט זיך צו צו ריהרען צום קערבעלע מיט בלומען און צו סטענטאָנ׳ס ראָק. זיי האָבען ביידע זאַכען אַוועקגעשליפּט מיט לאַנגע שטעקענס אין הויף, וואו זייא האָבען צולעגט אַ גרויס פייער און האָבען פערברענט אַלעס, צוגאָס דיא פעדער שלאַנג האט זיך צוגייערט.

ווען סטענטאַן האט זיך ענדליך אַביסעל בערוהיגט, האט ער אָנגעהויבען זיך צו דערמאָנען אָן דיא ווערטער, וועלכע זיין אונגליקליכער פריינד, מאַיאָר באַנקראַפט, האט איהם געזאָגט פאַר זיין טויט: „ווען דוּ וועסט זיך רעטען פון דיעזער געפאַהר, אַנטלויף פון אינדיען, דער בעליידיגטער פאַקיר וועט דיך טויטען.“

עס איז געווען דייטליך, אַז ער אינדישע פאַקיר ניקלאַטאַ האט עס צוגעשיקט דאָס קערבעלע מיט בלומען, אין וועלכע עס איז געווען בעהאַלטען דיא פעדער שלאַנג. סטענטאַן איז געוואָרען אונרוהיג. ער איז יעצט ניט זיכער מיט׳ן לעבען אין אינדיען. ער האט זיך בעראַטהען מיט זיין בראַוט און מיט זיין שווינער פאַטער, דעם גענעראַל, און עס איז ביי זיי געבליעבען, אַז ער זאָל שיקען אַ ביטשריפט צום קריעגס מיניסטער, אַז מען זאָל איהם שיקען אין אַנאַנדער לאַנד און צוואָר קיין אויסטראַליען אָדער קאַנאַדאַ.

ער האט אַזוי געטאָהן און אין איינגע צייט אַרום איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון קריעגס מיניסטער, ער זאָל פאָהרען קיין אויסטראַליען. סטענטאַן האט זיך דערפרעהט און האט מיר באַלד געהייסען איינפּאַקען זיינע זאַכען. מיר האָבען זיך אויפגעזעצט אויף אַ קריעגס שיף, וועלכעס איז גראָדע דאַמאָלס געגאַנגען פון קאַלקוטאַ קיין סידניי אין אויסטראַליען.

אויפ׳ן דאַק האט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מענגע מענשען. איינגע האָבען געקוקט, וויא דיא פּאַסאַזשירען זיינען אַרויפגעגאַנגען אויר׳ן שיף, אַנדערע האָבען געהאט פריינד און בעקאַנטע אויפ׳ן שיף; ווידער אַנדערע זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַלערליי סחורות און האָבען זיי אָנגעבאָטען יעדען אויף דער גאַס. ווען סטענטאַן איז צוגעקומען צום דאַק, האט איהם בעגעגענט אַ יונגער פעדלער און האט איהם אָנגעבאָטען פערשיעדענע קלייניגקייטען, דאַרונטער אויך פיעלע מיטעל געגען דיא זעע קראַנקהייט. סטענטאַן האט איהם אַוועק געטריעבען פון זיך, דער פעדלער האט אָבער ניט אָפּגעטרעטען פון איהם און האט געבעטען, סטענטאַן זאָל ביי איהם עפּעס קויפען; דערביי האט ער דערצעהלט, אַז ער האט אַן אַלטע קראַנקע מוטער אין דער היים און ער מוז היינט פערדיענען עפּעס געלד אום צו רופען אַ דאָקטאָר.

סטענטאַן איז געווען אַ גוטער מענש און האט בעקומען מיטלייד מיט׳ן אָרימען פעדלער. ער האט געקויפט ביי איהם איינגע קלייניגקייטען, דאַרונטער

א קליין שאכטעלע פון עלפען ביין, אין וועלכען עס זיינען געליעגען נענעלעך, צימרינג און אנדערע געווירץ ארטיקעל. דיזע געווירצזאכען האבען קיין ווערט ניט געהאט, דאס שאכטעלע אליין איז אבער געווען פון אזא שעהנער ארבייט אז סטענטאן האט עס געקויפט אלס קונסט שטיק, אלס זעלטענהייט.

ער האט עס אריינגעלעגט אין קעשענע און האט פערגעסען אן דעם. דער גענעראל און זיין טאכטער זיינען אויך געקומען איהם בעגלייטען. מען איז ארויפגעגאנגען אויף׳ן שיף, האט אבשיעד גענומען, האט גערעדט, אפ־גערעדט און מען איז זיך גאנץ פרעהליך און פריעדליך צוגאנגען. — די שיף איז ענדליך אוועקגעפאהרען.

מיר האבען געהאט א גליקליכע רייזע. דאס אינדישע וועלט מעער איז געווען אין דער גאנצער צייט פון אונזער רייזע גאנץ רוהיג. סטענטאן איז געווען פרעהליך און האט זעהר גוט פערבראכט די צייט מיט בעקאנטע אפי־ציערן, וועלכע האבען געשפיעלט אין קארטען און געטרונקען די גאנצע צייט פון אונזער רייזע. ער האט פערגעסען דעם אינדישען פאקיר און האט נור געטראכט פון דער צייט, ווען ער וועט ווידער זעהן זיין בראוט.

אזוי איז פרגאנגען די צייט, ביז מיר זיינען געקומען ניט ווייט פון אויס־טראליען. איין מאל איז סטענטאן געזעסען מיט זיינע קאמעראדען זעהר שפעט און האבען געשפיעלט אין קארטען. צופעליגער ווייזע האט ער אריינ־געלעגט די הענד אין די קעשענעס און האט דארט געפונען דאס שעהנע קעס־טעלע פון עלפענביין, וועלכעס ער האט געקויפט ביים פעדלער. ער האט עס ארויסגענומען און האט עס געוויזען זיינע קאמעראדען. אלע האבען בעוואונ־דערט די שעהנע ארבייט און די פיינע שניצערייען פונ׳ם קליינעם שאכטעלע. אלע האבען ערקלערט, אז דאס איז א זעלטענהייט און עס איז ווערטה מען זאל עס האלטען אויף א שרייב־טיש אלס אנטיק זאכע.

סטענטאן האט עס לייכט געעפענט און האט געוויזען, פאר וואס עס שמעקט אזוי. אינווענינ זיינען געלעגען נעגעלעך, צימרינג און אנדערע גע־ווירץ זאכען. דערביי האט ער ארויסגענומען א קליין שטיקעלע צימרינג און האט עס אריינגעלעגט אין מויל. א פאר אפיציערען האבען איהם נאכגעטאהן און האבען אויך גענומען צו שטיקעלעך אינגבער א פאר צימרינג און האבען עס אריינגעלעגט אין מויל אום זיי צו קייען.

אונטערדעסען האט איינער פון דער פרעהליכער קאמפאניע אויסגע־טהיילט קארטען און מען האט ווייטער געשפיעלט. פלוצלונג האט זיך סטענ־טאן א כאפ געטאן ביים הארצען. עפעס האט דארט געשטאכען, געריסען און וועה געטאהן. ער האט אוועקגעווארפען די קארטען אויף׳ן טיש און האט פערלעגט דעם קאפ אויף׳ן שטוהל.

— איך פיהל שלעכט! איך בין פערגיפטעט! זיינען געווען די איינצי־גע ווערטער, וועלכע ער האט נאך געקענט ארויסזאגען.

באלד האבען דיא אונזערע צווייא אפיציערן, װעלכע האבען אויך גענייט אין מויל אריין עפּעס פונ'ם שאכטעלע, אויך פערוואָרפען מיט דיא קעפּ און געשריעען, אז זיי פיהלען זעהר שלעכט. עס איז געווארען אליארם און א געשריי מען האט באלד געבראכט דעם דאקטאר. ער האט געטאהן, וואס ער האט נור געקענט, עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. ער האט פערשטאנען, אז דיא אפיצירען זיינען פערגיפטעט, ער האט אבער ניט געוואוסט, מיט וואס פאר א גיפט זיי זיינען פערגיפטעט און האט ניט געוואוסט, וואס פאר א געגענגיפט ער זאל זיי געבען.

סטענטאן און דיא אנדערע צווייא אפיציערן האבען געלעבט נאך צווייא שטונדען, דאן זיינען זיי געשטארבען אין שרעקליכע שמערצען. ווען אלעס איז פאראיבער, האט מען אנגעהויבען אויסצופרעגען און זיך צו דערמאנען, וויא אזוי אלעס איז געשעהן און וויא אזוי דיא דרייא יונגע לייט האבען זיך פערגיפטעט. מען האט זיך דערמאנט אן דעם קליינעם שאכטעלע פון עלפען ביין. מען האט עס באלד געפונען אין סטענטאנס קליידער. דער דאקטאר, דער שיפסקאפּיטאן און פיעלע אפיציערן האבען אנגעהויבען צו בעטראכטען דאס זאנדערבארע שאכטעלע.

מען האט עס געעפענט און מען האט אויסגעשאטען דיא שטיקלעך געווירץ אויף א בויגען פּאפּיער. דער דאקטאר האט געוואלט זיי אונטערזוכען און וויסען, וואס פאר א גיפט דאס איז געוועזן. אונטען, הארט ביים דעקעל פונ'ם שאכטעלע איז געליגען א שטיקעלע פּאפּיער, אויף וועלכען עס איז געוועזן אויפגעשריעבען מיט א גאנץ דינעם בליישטיפט:

„דוא מוזט האבען, וואס דוא פערדיענסט"!

„ניקלאטא אבדאלכאהפור".

דיא אפיציערן האבען ניט געוואוסט, וואס דאס בעדייטעט, איך האב זיי אלעס ערקלערט. יעצט האבען זיי אלע געוואוסט, אז דער אינדישער פאקיר האט פערגיפטעט דעם אונגליקליכען סטענטאן און מיט איהם האבען זיך פערגיפטעט אנדערע צווייא גאנץ אונשולדיגע מענשען.

מיר זיינען געקומען קיין סידניי. אזוי וויא סטענטאן האט ערקלערט, א איך בין זיין דיענער, ניט זיין געקויפטער שקלאף, האט מען מיך אפּגעלאזען אין סידניי און מען האט מיר געהייסען זיך זוכען אנאנדער הערר. איך האב געהאט ביי מיר אזוי פיעל געלד, אז איך האב געקענט לעבען דער מיט אכט אדער צעהן טעג. איך האב ענדליך אויפגענעסען דאס געלד און האב געמוזט זוכען ערגעץ א שטעללע, וואו איך זאל קענען פערדיענען אויף ברויט.

איינמאל בין איך צוגעקומען צום האפען און האב געזעהן, אז אויף א שיף איז ארויסגעשטעלט א בלעטעל, אז מען פערלאנגט א קאך. איך קען צוואר ניט לעזען און שרייבען, מען האט עס מיר אבער ערקלערט. איך בין ארויפגעקומען אויפ'ן שיף און האב אנגענומען דיא שטעלע אלס קאך.

דיעזעס שיף איז געוועזן דיא „ראַפינא" זייט דאמאלס בין איך אריסגעפאהרען מיט דער „ראַפינא". דער שיפסקאַפּיטאַן פלעגט מיך צוואר אפט שלאגען, איך בין אבער געווען צופריעדען מיט מיין שטעלע און האב ניט געוואָלט מיך ענטזאגען.

— וואוהין זאל איך דען געהן? האט סנאַאי געענדיגט זיין ערצעהלונג, ווען האב איך אויף דער וועלט? איך ווייס ניט, וואו איך בין געבארען געווארען, איך ווייס ניט, וואו מיינע עלטערן האבען אמאל געוואוינט. איך האב קיינע פריינד און קיינע בעקאנטע. דיא „ראַפינא" איז געווארען מיין פאטערלאנד און מיין היים. יעצט ווען זיא איז אונטערגעגאנגען, בין איך ווידער אן אונגליקלי־כער. ווען מיר וועלען קומען צו א לאנד, וועט יעדער פון אייך האבען צו וועמען זיך צו קעהרן און צו וועמען זיך צו ווענדען.—איך אבער.....איך.....וועמען האב איך אויף דער וועלט?

דער נעגער האט געזאגט דיעזע ווערטער אזוי ערנסט און אזוי טרויעריג, אז עס האט אונז געריסען ביים הערצען. יעצט האבען מיר שוין געוואוסט זיין געשיכטע.

68טעס קאַפּיטעל.

דאַס גראַז מעער.

אונטערדעסען איז אונזער „אלבאַטראָס" געשוואומען איבערן אטלאנטישען וועלט מעער אהן א וועג און אהן א פּלאן. ער איז געשוואומען, וואוהין דער ווינט האט איהם געטריעבען.

צום גליק, האבען מיר אנגעטראפען א פאסאט ווינט, א ווינט וועלכער בלאזט אייניגע מאנאטע נאך אנאנד פון זיד קיין נארד. ווער עס איז גוט בעקאנט מיט'ן וועלט מעער און ווייס אלעס, וואס עס קומט פאר אויף איהם, דער ווייס וויא צו בענוצען דיא ווינטען, וועלבע בלאזען בעשטענדיג אויף איהם.

א געלערנטער שיפסקאַפּיטאַן וועט ליעבער איבער ווארטען אייניגע צייט אין א פּאָרט אום צו טרעפען דעם פאסאט ווינט.

איך האב בעמערקט מיט שטוינען און פערוואונדערונג, וויא אונזער „אל־באַטראָס" שווימט אלץ אין איין זייט. איך האב געזעהן, וויא אונזער זעגעל בלאזט זיך אן און טרייבט אונזער פלאס.

— וואס איז דאס? האב איך געפרעגט בען בראס. וויא קומט עס, וואס מיר האבען פריהער גאר ניט געהאט קיין ווינד און יעצט האבען מיר אבעשטענ־דיגען ווינט?

— דוא קענסט נאך ניט דאס מעער, בילי, האט בען בראס געענטפערט, דוא ווייסט ניט, אז דאס מעער האט זיינע געזעצע און זיינע רעגעלן. עס איז וויא א גוט איינגעארדענטע אוהר. דיא רעדער זיינען אזוי אנגעשטעלט און אזוי

איינגעאָרדענט, אז דער ווינט מוז ווייזען אין א געוויסע צייט און אויף געוויסע ציפערן. דאס מעער איז זעהר א קינסטליכע אוהר, וועלכע איז צוזאמען געשטעלט פון טויזענדער רעדעלעך און שפּרינגפעדערן (ספּראנזינעס). מען מוז עס אוועק לערנען און אויסשטודירען יאהרען לאנג, ביז מען פערשטעהט עס.

— וואוהין קען אונז ברענגען דער פּאסאט ווינד? האב איך געפרעגט.

— קיין אמעריקא, האט בען בראס געענטפערט.—דער פּאסאט ווינד קומט פון אפריקא און בלאזט בעשטענדיג קיין אמעריקא.

— ווי אזוי איז דאס מעגליך? האב איך געפרעגט.

— האסט דו אמאל געזעהן, ווי א לאָקאָמאָטיוו לאזט ארויס דעם דאמפּף?

— געוויס האב איך עס געזעהן. וואס ווערט דען דערפון?

— פאַרוואס לאזט מען ארויס דעם דאמפּף פון א לאָקאָמאָטיוו? ווייל דאס וואסער אין קעסעל האט זיך שטארק צו היצט, עס איז דער פון געווארען דאמפּף און האט זיך אנגעזאמעלט אזוי פיעל אין קעסעל, אז מען מוז עס ארויס־לאזען אדער דער קעסעל וועט פּלאצען דער דאמפּף וועט איהם צורייסען. דאס זעלבע קומט פאר אין אונזער גרויסער וועלט. אין אפריקא איז שטארק הייס. דאס מעער דערווארמט זיך און פון זיינע וואסערן ווערט דאמפּף, וועלכער זוכט זיך אן ארט וואו ארויסצוגעהן. דאס זיינען די פּאסאט ווינטען. זיי בלאזען בע־שטענדיג פון די הייסע אין די קאלטע געגענדען, ווי דער דאמפּף פונ'ם קע־סעל שפּריצט אין די קיהלערע לופט ארום.

אזוי ווי ער האט אזוי גערעדט, האב איך אויסגערופען:

— לאנד! לאנד! מיר קומען צו א לאנד!

איך האב דערזעהן מיט פרייד, אז אונזער „אלבאטראס“ איז ארייננעפאה־רען אין א גרינעס פעלד בעדעקט מיט גראזען און בלומען און איך בין געווען זיכער, אז מיר געפינען זיך לעבען א לאנד. בען בראס אבער האט געשאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפּ און האט געזאגט:

— דו האסט ווידער א טעות, בילי, דאס איז קיין לאנד. מיר געפינען זיך זעהר ווייט פון יעדעס לאנד.

איך האב איהם ניט פערשטאנען און האב ניט געקענט איהם פערשטעהן. ווי ווייט מיין אויג האט געקענט גרייכען, האב איך געזעהן פאר מיר גראז און בלומען. אין ערטער איז דאס גראז געווען אזוי געדיכט, אז אונזער „אלבאטראס“ איז געבליעבען שטעהן און מיר האבען געמוזט ארבייטען מיט אלע קרעפטע אום איהם אוועקצושלעפּען פון דיעזע זאנדערבארע אינזעלען. אין ערטער איז דאס מעער געווען בעדעקט מיט גרויסע שעהנע בלומען. לילי האט דערזעהן די בלו־מען און האט זיך דערפרעהט. זיא האט געמיינט, אז זיא איז נאך אין אפריקא, זיא געהט שפּאציערען אין וואלד און רייסט אויס בלומען.

— גיב מיר אפּאר בלומען, בילי, האט זיא מיך געבעטען. זעה נור דארט!

— אך, ווי שעהן! דאס איז איינע פון די גרעסטע און שעהנסטע בלומען, וועלכע איך האב געזעהן אין מיין לעבען.

איך האב מיך אנגעבויגען איבער׳ן „אלבאטראס״, האב ארויסגעחאפט מיין מעסער און האב אפגעשניטען א שעהנע, ווייסע בלום, וועלכע איז געווען גרויס, וויא א טעלער.

— וואס איז דאס, בען בראס? האב איך געפרעגט, וויא קענט איהר זא־גען, אז מיר זיינען וויים פון א לאנד, ווען דא וואקסען אזעלכע גרויסע בלומען? וואו זיינען מיר דען דאס ערגעץ אין דער וועלט? דאס איז דאך קיין מעער.

— דאס איז יא א מעער, ביללי, האט בען בראס געלאכט. דאס איז דאס גראז מעער, אדער דאס סארגאסא מעער.

— איך פערשטעה אייך ניט, בען, ערקלערט עס מיר. וואס איז דאס פאר א מעער?

— זעהסט דוא דיעזע בלומען? — מיינסט דוא, אז זיי וואקסען גאנץ ניע־דעריג? דענקסט דוא, אז דא איז ניט טיעף? — דאן האסט דוא א גרויסען טעות. ווייסט דוא, אז אין דיעזער געגענד איז דאס מעער פיער ביז פינף טוי־זענד פוס טיעף?

— אבער וויא וואקסען דען דיא גראזען און דיא בלומען?

— זיי זיינען פיער ביז פינף טויזענד פוס לאנג, האט בען בראס געענט־פערט גאנץ רוהיג. זיי וואקסען אויפ׳ן באדען פון׳ם מעער, זיי מוזען אבער הא־בען לופט, דערפאר ציהען זיי זיך ארויף. זא לאנג זיי זיינען יונג און געפינען זיך אונטערן וואסער, בליעהען זיי ניט; ערשט ווען זיי שטעקען ארויס זייערע קעפּ פון וואסער הייבען זיי אן צו בליעהען און צו טראגען זאמען, קערנער, וועלכע פאלען אראפּ אין מעער און הייבען אן צו וואקסען. — בעטראכט דיא בלום, וועלכע דוא האסט געגעבען לילי. זיא איז גרויס, זיא איז שעהן, אבער זיא שמעקט ניט. דאס מעער האט ניט אין זיך דעם שטאָף, וועלכער מאכט, אז דיא בלומען זאלען שמעקען. דאס וואסער פערניכטעט דעם גערוך. שעהן שמעקען נור דיא בלומען, וועלכע וואקסען אויף דער ערד.

איך האב אפּגעשניטען אנ׳אנדערע זעהר שעהנע בלום און האב זיא בע־טראכט. איהרע בלעטער זיינען געווען הארט, וויא לעדער; דער שטענגעל, אויף וועלכען זיא האט געוואקסען, איז געווען פעסט, וויא א באמבוק (ראהר, טראָסט). אלעס איז געווען הארט און פעסט, וויא לעדער אדער וויא א גאנץ ווייכעס האלץ. אזעלכע בלומען און אזעלכע גראָזען האב איך קיין מאל ניט גע־זעהן אויף דער ערד.

איך האב פראבירט אויסרייסען א בלום אדער א גראז, עס איז געווען אונמעגליך איהם ארויסצורייסען. דאס איז געווען א גאנץ אנדערער סארט גראז. דאס מעער האט זיינע ביימער, זיינע וועלדער, זיינע גראזען און זיינע בלומען. דאס איז געווען א גאנץ נייע וועלט, פון וועלכער מיר קענען קיין בעגריעף ניט האבען, ביז מען זעהט עס מיט דיא אויגען. נור דער מענש, וועלכער האט גע־זעהן א געדיכטען וואלד אין אמעריקא אדער אין אפריקא, דער קען זיך פאר־שטעלען, וואס דאס גראז מעער איז.

דאס גרויסע און שטארקע שיף שווימט איבער גאנץ רוהיג איבער דאס גראז מעער, אונזער שוואכער „אלבאטראס" אבער האט זיך ניט געקענט ריהרען. אין ערטער איז ער פערקראכען אזוי טיעף אין גראז, אז עס האט זיך אונז אויס־געוויזען, אז מיר שטעהן אין א פעלד פון הויכען קארן. ארום אונז איז געווען נור גראז און גראז.

מיר האבען געמוזט ארבייטען שווער און ביטער אום ארויסצוקריכען פון דיעזעס גראז מעער. אין ערטער האבען דיא גראזען געבילדעט גאנצע אינזלען. צווישען איין אינזעל און דער אנדערער פלעגען זיך געפינען קאנאלען פון ריינעם וואסער. מיר האבען דאהער געארבייט ארויסצופיהרען אונזער „אלבאטראס" אין דיעזע קאנאלען. מיר זיינען ענדליך מיעד געווארען און האבען געמוזט זיך אפרוהען. אזוי וויא מיר האבען שוין לאנג ניט געהאט קיין פרישען פראוויאנט, האבען מיר אנגעהויבען זיך אומצוקוקען צום וואסער, פיעלייכט וועלען מיר געפי־נען עפעס, וואס מען קען עסען.

איינינע צייט האבען מיר געזוכט אומזיסט. דאס וואסער אין גראז מעער איז דונקעל שווארץ, מען קען ניט זעהן, וואס עס טהוט זיך אונטען. מיר הא־בען זיך אויסגעזעצט ביים ברעג פון אונזער „אלבאטראס" און האבען בעטראכט דאס וואסער.

— ווייסט איהר וואס? האט פלוצלינג דער נעגער אויסגערופען, איך וועל פראבירען מאכען א מיטאג פון'ם מעער גראז, איך וועל עס קאכען, פיעלייכט קען מען עס עסען געקאכטער הייט.

— דוא האסט רעכט, סנאאי, האט בען בראס בעמערקט, איך האב גע־הערט, אז איינינע גראזען פון'ם מעער קען מען עסען. מען האט מיר זאגאר גע זאגט, אז אין מעער געפינט זיך א גראז, וועלכעס האט דעמזעלבען געשמאק וויא אונזער צוויבעל.

מיר האבען געהאט מיט זיך פיש טראהן און האבען געקענט מאכען א סארט לאמפ. אויף וועלכען מיר זאלען קענען קאכען דאס מעער גראז. פיעלייכט וועט דערפון עפעס ווערן, פיעלייכט וועלען מיר דאך קענען איבערבייטען אונזער טעגליכעס עסען.

דער נעגער האט זיך דערמאנט אן זיין אלטע ארבייט. ער האט באלד אנגעשניטען עטליכע שטענגלעך פון'ם זאפטיגען און הארען גראז, האט זיי צר־האקט און האט זיי אנגעהויבען צו קאכען אויף א לאמפ פון פיש טראהן. עס האט זיך געקאכט זעהר לאנג, עס איז אבער ניט געווען וואס צו עסען. דיא זופ איז געווען שרעקליך ביטער. ער האט ניט געוואוסט, אז ווען מען וויל עפעס מאכען פון דיעזע גראזען, מוז מען זיי פריהער אפבריהען עטליכע מאל מיט הייסע וואסער, ביז זייער ביטערקייט ווערט פערשוואונדען, דאן ערשט קען מען זיי קאכען.

אלזא קיין גרינע זופע האבען מיר ניט געקענט עסען. מיר האבען ווייטער

געמוזט זוכען אין וואסער, פיעלייכט וועלען מיר געפינען עפעס א פיש, אבער אויך דאס איז אונז ניט געלונגען. דיא גראזען זיינען אונטערן וואסער אזוי געדיכט, אזוי פערמישט, פערדרעהט און פערפלאנטעט, אז עס איז אונמעגליך ארויסצופלאזען א נעץ. עס געפינען זיך דארט קליינע טהיערע און בעשעפעניששען, אבער פון א גאנץ אנדערער סארטע. דארט איז א גאנץ נייע וועלט; דארט לעבען, וועבען און שטרעבען גאנץ אנדערע טהיערע, גאנץ אנדערע פאהרמען און גאנץ אנדערע געשטאלטען.

מיר האבען פראבירט פאנגען איינינע לאבסטערס און קראבען, עס איז אונז אבער ניט געלונגען. זיי זיינען זעהר שנעל און בעהאלטען זיך צווישען דיא גראזען.

מיר האבען פערבראכט צוויא טעג אין גראז מעער. נייעס צום עסען האבען מיר ניט געפונען. גרויסע פיש וויבען אוים דאס גראז מעער, ווייל זיי האבען דארט ניט וואס צו עסען.

מיט פיעלער מיה איז עס אונז ענדליך געלונגען ארויסצופאהרען פון דיעזעס זאנדערבארע מעער. מיר האבען אויפגעאטהעמט פרייער, ווען מיר האבען געזעהן, אז מיר געפינען זיך וויעדער אויפ'ן גרויסען און ברייטען וועלט מעער. דא האבען מיר ווענינסטענס געוואוסט, וואו מיר געפינען זיך. אין אונז האט זיך וויעדער אויפגעוועקט דיא האפפנונג, אז מיר וועלען ענדליך דאך צוקומען צו א לאנד אדער מיר וועלען בעגעגענען א שיף.

בען בראס האט דערצעהלט, אז ווען קאלומבוס איז געפאהרען ענטדעקען אמעריקא, זיינען זיינע שיפען אריינגעפאהרען אין גראז מעער און האבען געמיינט, אז דא ענדיגט זיך שוין דיא וועלט. זיי האבען געוואלט זיך אומקעהרען, זיי האבען מורא געהאט וייטער צו פאהרען. קאלומבוס האט זיי קוים איינגעבעטען, זיי זאלען פאהרען ווייטער.

— דאן זיינען מיר דאך גאנץ נאהענט צו אמעריקא, האב איך אויסגערופען.

— עס איז דא ניט איין גראז מעער, עס זיינען דא עטליכע, האט בען בראס ערקלערט, אין פיעלע ערטער אין מעער געפינען זיך גרויסע שטרעקען, וועלכע זיינען בעדעקט מיט גראז. דאס זיינען דיא פעלדער פון'ם וועלט מעער. איינינע פעלדער פערנעהמען הונדערטער מיילען, אנדערע זיינען גאנץ קליין. מיר קענען ניט וויסען, וואס פאר א גראז מעער מיר זיינען יעצט דורכגעפאהרען.

69-טעם קאפיטעל.

הילף אין דער נויט.

אונזער רייזע האט אנגעהויבען צו ווערן לאנגווייליג און טרויעריג. אונזער פראוויאנט איז געווארען מיט יעדען טאג װעניגער. פרישען פראוויאנט האבען

מיר ניט געפונען. מיר האבען צוואר אפט געזעהן פון דער וויטען גרויסע פיש, מיר האבען אבער ניט געקענט צו קומען צו זיי.

ענדליך האט זיך אונזער פראוויאנט אין גאנצען אויסגעלאָזען. מיר האבען אנגעהויבען צו ליידען הונגער. איך האב געזעהן, וויא לילי ווערט אלע מאל בלייכער און מאגערער. איך האב געזעהן וויא זיא ליידעט און עס האט מיר פערקלעמט ביים הארצען. דאס אונגליקליכע מעדכען האט געליטען שטילערהייט. זיא האט ניט געבעטען קיין עסען, זיא האט זיך ניט בעקלאגט, זיא האט ניט געוויינט און האט ניט געשריען.

איך האב געמאכט א סארט נעץ פון דיא לעצטע שטיקער פון מיין העמד און האב פראָבירט חאפען פיש, אבער נור איין מאל איז מיר געלונגען צו חאפען א קליין פישעלע. איך האב עס אוועקגעגעבען לילי. איך בין שוין געוואינט געווען צו ליידען הונגער.

אונזער לאגע איז געווארען מיט יעדען טאג ערגער. מיר פלעגען זיך קוויקען מיט וואסער, וועלכעס מיר האבען דערוויל נאך געהאט גענוג. אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע לאנגע און שווערע טעג. וויא מיר האבען זיי איבערגעטראגען, ווייס איך ניט. איך וויים נור, אז מיר זיינען געווארען פון טאג צו טאג שוואכער. מיר האבען אויפגעהערט זאגאר צו רעדען איינער צום אנדערן. יעדער איז געזעסען אין זיין ווינקעלע טרויעריג און פערטראכט. קיינער האט זיך מעהר ניט געזארגט פאר'ן „אלבאטראס", מען האט איהם געלאזען לויפען, וואוהין דער ווינד האט איהם געטראגען.

איין נאכט, ווען מיר זיינען אלע אזוי געזעסען פערזארגט און פערטרויערט, האט דער איטאליענער זיך געווענדעט צו ענגעלמאן און האט איהם געזאגט:

— מיר וועלען מוזעןווארפען גורל.

בען בראס איז אויפגעשפרונגען, וויא אנ'אפגעבריהטער און האט אויסגערופען:

— ליעבער שטארבען פון הונגער, אלס עסען מענשענפלייש!

דער איטאליענער איז שטיל געווארען. ער האט מורא געהאט פאר בען ביאס. אונזער לאגע איז אבער דערפון ניט בעסער געווארען. לילי איז ענדליך קראנק געווארען. איך בין שוין געווען אזוי שוואך, אז איך האב מיך ניט געקענט ריהרען. דיא איבעריגע האבען זיך אויך קוים געהאלטען אויף דיא פיס מיר האבען זיך ענטשלאסען צו שטארבען.

פלוצלונג האט דער נעגער אויסגערופען:

— א רויך! איך זעה א רויך!

מיר זיינען אלע אויפגעשפרונגען און האבען געקוקט אין דער זייט, וואו דער נעגער האט אונז געוויזען. מיר האבען ווירקליך געזעהן א רויך, דער בעסטער בעווייז, אז א דאמפף שיף פאהרט ערגעץ גאנץ וויים פון אונז. דאס שיף אליין האבען מיר נאך ניט געזעהן, נור דעם רויך. מיר זיינען געווארען לעבעדיג און

האבען אנגעהויבען צו טאנצען פאר פרייד. זאגאר דיא שוואכע לילי איז אויפ געשטאנען, האט אויפגעהויבען איהרע אויסגעדארטע הענטלעך צום הימעל און האט אויסגערופען:

— ענדליך האט זיך גאט אויף אונז ערבארמט!

אונזער פרייד האט אבער געדויערט ניט לאנג. בען בראס האט אונז באלד געשטערט אונזער פרייד.

— וויא אזוי אבער וועלען מיר מעלדען דעם שיף, אז מיר געפינען זיך אין א נויט? האט ער פלוצלונג א פרעג געטאהן. דאס דאמפף שיף איז זעהר ווייט פון אונז, עס קען אוועקפאהרען און אונז גאר ניט בעמערקען.

בען בראס רעד האבען אונז אפגענאסען, וויא מיט אנ'עמער קאלטעס וואסער. מיר האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן מיט שרעק און שטוינען.

— לאמיר פריהער זעהן, וואוהין דאס שיף געהט, האט ענדליך ענגעלמאן געזאגט, פיעלייכט געהט עס גערא̈דע צו אונז.

מיר האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן, אז דאס שיף געהט צוואר צו אונז, אבער ניט אויף אונזער וועג, זאנדערן אן א זייט.

— לאמיר שרייען! האט דער נעגער אויסגערופען, פיעלייכט וועט מען אונז דערהערן.

מיר האבען פראבירט שרייען. אונזערע שטימען זיינען אבער געווען צו שוואך, אום מען זאל אונז דערהערען אזוי ווייט. מיר האבען געזעהן מיט פער־צווייפלונג, וויא דער רויך פון'ם דאמפף שיף האט זיך געדרעהט אין דער ריינער, פרייער לופט; עס האט זיך אונז זאגאר אויסגעוויעזען, אז מיר זעהן דעם קוימען פונ'ם שיף.

מיר האבען געשריען ביז מיר זיינען הייזעריג געווארען, עס האט אונז אבער גאר ניט געהאלפען. דאס שיף איז געווען צו ווייט פון אונז און האט ניט געקענט הערען אונזערע געשרייען. מיר זיינען געווען אויסער זיך. מיר זעהן הילף, רעד־טונג פאר אונזערע אויגען און קענען ניט צוקומען צו זיי.

— א פלאג! א פלאג! האט ענדליך אויסגערופען בען בראס. מיר מוז־זען געבען א צייכען מיט א פלאג. וואו נעהמט מען א רויטעס טוך אדער עפעס א רויטע זאך.

מיר האבען זיך ארומגעקוקט אויף אונזערע קליידער. דאס איינציגע, וואס האט נאך געהאט עפעס א פארב אויף זיך, איז געווען לילי'ס רעקעל.

— טוה אוים דיין רעקעל, לילי! האט בען בראס אויסגעשריען.

לילי האט אראפגעווארפען פון זיך דאס איינציגע רעקעלע, וואס זיא האט געטראגען. עס איז געווען פערשמוצט און צוריסען, פאר אונזער צוועק אבער האט עס נאך געדיענט. בען בראס האט גענומען דאס רעקעלע, האט עס צוגע־בונדען צו א שטעקען און האט אנגעהויבען ארויפצוקריעכען אויפ'ן קליינעם זעג־געלבוים פון אונזער פלאס. דאס האט איהם געקאסט פיעל מיה, ווייל ער איז

געווען זעהר אָפּגעשוואכט פון הונגער.

ווען ער איז ארויפגעקלעטערט גאנץ הויך אויפען זעגעלבוים, האט ער אנ־געהויבען צו פאכען מיט זיין נייעם פלאג. עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט, איידער מיר האבען דערזעהן עפּעס אנ׳ענדערונג אויפ׳ן שיף. אונז האט זיך זא־גאר אויסגעוויזען, אז דאס שיף געהט ווייטער און ווייטער.

פלוצלונג האט בען בראס אויסגערופען:

— מען האט אונז בעמערקט! מען גיט אונז א צייכען! — מיר זיינען גע־רעטעט!

מיר האבען געקוקט אויפ׳ן שיף און האבען גאר ניט געזעהן, קיין צייכען און קיין סיגנאל. נור דער רויך פונ׳ם קומען איז געווארען געדיכטער און שווער־צער. באלד אבער האבען מיר דערזעהן וויא אויפ׳ן העכסטען זעגעל בוים א רויטע פאהן.

— דער פלאג פון ענגלאנד! האב איך אויסגערופען.

וויא וויים דאס שיף איז געווען פון אונז, האב איך דאך דערקענט דעם רויטען ענגלישען פלאג. איך האב ניט געקענט זעהן דעם דאפּעל קרייץ אין רעכ־טען ווינקעל, אבער דיא שטאָלצע פאהן פון ענגלאנד, פון מיין פאטערלאנד, האב איך באלד דערקענט — אך! וויא פרעהט זיך דער פרעמ־דער אין א פרעמדעס לאנד, ווען ער דערזעהט דעם פלאג פון זיין היים, פון זיין פאטער לאנד! דיעזעס שטיקעל לייוואנד זאגט איהם, אז דא געפינט זיך איינער, ווער עס וועט זיך אננעהמען פאר איהם און וועט איהם בעשיצען.

באלד האבען מיר בעמערקט, אז דאס שיף האט זיך אויסגעדרעהט און איז געפאהרען אין דער זייט, וואו אונזער אלבאטראָס האט זיך געפונען.

— מיר זיינען גערעטעט! מען קומט צו אונז! האב איך געשריעען.

— מען וועט אונז ברענגען א היים! האט לילי אויסגערופען.—דוא וועסט פאהרען מיט מיר, ביללי! דוא וועסט מיך ברענגען א היים!

מיר האבען זיך ארומגענומען, האבען זיך געקושט, האבען געוויינט און האבען זיך געפרעהט. איך בין ניט אים שטאנד צו בעשרייבען, וואס איך האב געפיהלט, ווען איך האב געזעהן, וויא דאס גרויסע און שעהנע דאמפף שיף איז צוגעקומען צו אונז אלץ נעהנטער און נעהנטער. מיר האבען באלד געקענט זעהן דיא מאטראזען אויפ׳ן דעק און דעם שיפסקאַפּיטאן, וויא ער איז געשטאנען אויפ׳ן בריקעל מיט א פערנגלאז (ספעקטיוו) אין דער האנד און האט קאמאנדירט זיינע מאטראזען.

מיר האבען געזעהן, וויא עטליכע מאטראזען האבען אראפּגעלאזען אבאאט און עטליכע מאטראזען האָבען זיך אריינגעזעצט אין איהם. מיר האבען געציטערט, ביז דאס באאט איז ענדליך צוגעקומען צו אונזער אלבאטראָס און אן אפיציער האָט אונז געפרעגט:

— ווער זיים איהר?

— אונגליקליכע, האט בען בראס געענטפערט. אונזער שיף איז אונטערגעגאנגען.

דער אפיציער האט געהייסען, מיר זאלען אריינגעהן צו איהם אין באאט.

אין איינינע מינוטען שפעטער זיינען מיר געווען אויפ'ן דעק פונ'ם דאמפף שיף. דיא מאטראזען האבען זיך ארומגעשטעלט ארום אונז און האבען אנגעהויבען אונז אויסצופרעגען, ווער מיר זיינען און וויא מיר האבען געמאכט א פלאָס. דער שיפסקאפּיטאן אבער איז צוגעקומען, האט אונז אלע בעטראכט און האט געזעהן, אז מיר זיינען אויסגעדארט און אפּגעצעהרט.

— פיהרט זיי אריין אין דער קאיוטע און גיט זיי עסען, האט ער קאמאנדירט.

איך בין צופעליגער ווייזע געשטאנען לעבען איטאליענער און האב געזעהן, וויא ער האט א ציטער געטאהן, ווען ער האט דערהערט דעם שיפסקאפּיטאן'ס שטימע. איך האב אנפאנגס געמיינט, אז עס האט זיך מיר נור אויסגעוויזען, באלד אבער האב איך דערזעהן, אז דער איטאליענער האלט דעם קאפּ אראפּגעלאזען און האט עפּעס מורא.

מען האט אונז אריינגעפיהרט אין זאל, וואו דיא מאטראזען פונ'ם דאמפף שיף פלעגען עסען און מען האט אונז געגעבען עסען און טרינקען. דערביי איז געשטאנען א דאקטאר און האט אונז געלערנט וויא צו עסען, מיר זאלען ניט קראנק ווערן.

בעשרייבען אייך, וואס מיר האבען געפיהלט, ווען מיר זיינען ענדליך געזעסען ביי א טיש, וויא מענשען, און האבען געגעסען שפּייזען, וואס ציוויליזירטע מענשען עסען, בין איך ניט אים שטאנד. דאס איז א פערגניגען, וועלכעס קען פערשטעהן נור דער מענש, וועלכער האט דורכגעלעבט און דורכגעליטען דאס, וואס מיר האבען דורכגעלעבט און דורכגעליטען.

ווען דער ערשטער הונגער איז געשטילט געווארען, האבען מיר אנגעהויבען זיך אומצוקוקען, וואו מיר זיינען ערגעץ אין דער וועלט. איך האב מיך צו געקוקט צו דיא לעפעל, גאפּעל און מעסער, מיט וועלכע מיר האבען געגעסען, און האב דערזעהן אויף זיי אן אויפשריפט „ד ה י א ו ו ע נ ד ש ע ר“

— אלזא הייסט דאס דאמפף שיף, וועלכעס האט אונז אויפגענומען, „דהי אווענדשער“, דער נוקם, דער וואס וויל זיך נוקם זיין. דאס איז א זאנדערבארער נאמען.

איך האב מיך פערטראכט.

— וואס איז דאס פאר א שיף? האב איך געפרעגט זיך אליין, עס א קיין קריעגס שיף, ווייל עס האט קיינע קאנאָנען; עס איז קיין פּאסאזשיר שיף, ווייל איך האב אויף איהר קיינע פּאסאזשירען געזעהן; עס איז קיין פראַכט שיף, ווייל עס איז צו פיין און צו גוט איינגעריכטעט פאר א פראכט שיף.

איך האָב קיין צייט געהאַט פיעל צו טראכטען וועגען דעם. עס

איז באַלד אַריינגעקומען אַן אָפּיציער און האָט אונז געהייסען געהן אין דיא קאַיוטען, וועלכע מען האָט אונטער דעסען פאַר אונז אַנגעגייט. מיר מוזען זיך יעצט אָפּרוהען.

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון עסס צימער און האָבען געזוכט מיט דיא אויגען דעם שיפסקאַפּיטאַן. בען בראַס האָט געוואָלט איהם דאַנקען פאַר זיין הילף און פאַר זיינע פריינדליכקייט. מיר האָבען איהם אָבער ניט געזעהן. ער איז ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען.

מען האָט אונז אַריינגעפיהרט אין שעהנע ריינע קאַיוטען, וואו עס האָבען זיך געפונען צו צוויא בעטלעך און מען האָט אונז געהייסען זיך אויסשלאָפען און אויסרוהען. איך האָב געזעהן, וויא מען האָט אַוועקגעפיהרט דעם איטאַליענער אין אַנדער זייט. מיר האָט זיך אויסגעוויעזען, אַז מען גיט אויף איהם אַכטונג. איך וואָלט געקענט זאָגען, אַז מען בעוואַכט איהם.

מיר זיינען געוועזען שרעקליך מיעד און אויפגערעגט און האָבען געלאָזען טאָהן מיט אונז, וואָס מען האָט געוואָלט. מיר האָבען זיך געלעגט שלאָפען אויף דיא ריינע, ווייכע בעטלעך און זיינען באַלד אַנטשלאָפען געוואָרען, וויא דיא דערהרגעטע.

איך ווייס ניט, וויא לאַנג מיר זיינען געשלאָפען; איך ווייס נור, אַז זייט איך לעב, האָב איך ניט געשלאָפען אַזוי געשמאַק, וויא אין יענעם טאָג. איך און בען בראַס זיינען געשלאָפען אין איין קאַיוטע. ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען און זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן דעק, האָט אונז אַ מאַטראָז אַריינגעפיהרט אין וואַנע צימער און האָט אונז געהייסען זיך אָפּוואַשען און זיך אָפּריינינגען. אין דיעזעם צימער איז געהאַנגען אַ שפּיעגעל. איך האָב זיך אַנגעקוקט אין שפּיעגעל און האָב מיך דערשראָקען פאַר זיך אַליין. איך האָב אויסגעוויעזען וויא אַ ווילדער מענש. איך האָב אַ קוק געטאָהן אויף בען בראַס און האָב מיך דערשראָקען. ערשט יעצט האָב איך דערזעהן, וויא ער איז פערוואַקסען און פערווילדערט. ער האָט בעקומען אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד, וועלכע איז געוועזען אַזוי פערקלעפּט און פערפּלאָנטערט פון'ם מעער וואַסער און פון דעם שמוץ, אין וועלכען מיר האָבען זיך געוואַלגערט, אַז איך האָב מיך געמוזט אַוועקקעהרען פון איהם מיט שרעק. פאַר וואָס האָב איך עס פריהער ניט בעמערקט? פאַר וואָס האָב איך ביז אַהער גערעדט מיט איהם, געשלאָפען מיט איהם, אַרום געגאַנגען מיט איהם און האָב ניט בעמערקט, אַז ער ווייזט אויס ווילד, דאָס האָב איך מיר ניט געקענט ערקלערן.

מיר האָבען זיך אָפּגעוואַשען, אָפּגערייניגט, פערקעמט און פערגלעט אונזערע האָר, דאַן האָבען מיר געוואָלט אַנטאָהן אונזערע אַלטע קליידער. עס איז גיט געוועזען וואָס אַנצוטאָהן, זיי זיינען צופאַלען אויף שטוקלעך. מיר האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טאָהן. באַלד אָבער האָט מען אַנגעקלאַפּט אין דער טהיר און מען האָט אונז דערלאַנגט אַ פּעקעל אַנדערע קליידער. דאָס זיינען געוועזען

גאנץ איינפאכע מאטראזען קליידער. מיר זיינען אבער געווען גליקליך, וואס מיר האבען געהאט וואס אנצוטאהן. דאס מאטראזען רעקעל, וואס איך האב אנגעטאהן, איז אויף מיר געווען צו ברייט. לעפיש און איז איז געהאנגען אויף מיר, וויא א זאק, איך בין אבער געווען גליקליך, וואס ער איז געווען ניי און ריין.

מיר האבען זיך האסטיג איבערגעטאהן און זיינען ארויסגעקומען אויפ'ן דעק. דיא זון האט געשיינט העל און ווארם: דאס דעק פון'ם שיף איז געוועזן ריין און שעהן. אלעס איז געווען אין דער בעסטער ארדנונג. איך האב פערגלייכט דיא ריינקייט פון דיעזעס שיף מיט דיא ריינקייט אויף דער „ראפינא" און האבען אנגעהויבען צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד פון א גוט איינגעארדענטעס שיף ביז א שקלאפען שיף. איך האב אנגעהויבען צו פערשטעהן, וואס עס הייסט א „טרעמפ שיף," א וואגאבאנד שיף (א בראדיאגע). דיא „ראפינא" איז געווען א טרעמפ. יעצט האבען מיר זיך געפונען אויף אן ארדענטליכעס, גוט איינגעארדענטעס שיף.

איך האב געזוכט מיט דיא אויגען מיין פריינדין לילי. איך האב זיא ליעב בעקומען אין דיא לאנגע שטונדען פון אונזער וואנדערן און ליידען. איך האב מיך איבערציינגט, וויא גוט, וויא שטיל און וויא מוטהיג זיא איז. איך האב דאמאלס ניט געוואוסט, אויב איך ליעב זיא, וויא א מאן ליעבט א פרוי, אדער איך ליעב זיא אלס פריינדין, אלס בעגלייטערין, וויא א יונגער מאן ליעבט זיין שול קאמעראד, מיט וועלכען ער לערנט צוזאמען, פלוידערט צוזאמען און שפיעלט זיך מיט איהם צוזאמען. זיא איז מיר געפעלען און איך האב זיא געדארפט. איך האב געדארפט הערען איהר שטימע; איך האב געדארפט זעהן איהר געזיכט. איך האב ניט געקענט לעבען אהן איהר.

איך האב זיא געזוכט מיט דיא אויגען און האב זיא קוים דערקענט. זיא איז געגאנגען אין מענער קליידער. דער שיפסקאפיטאן האט געזעהן, אז מיר געהן שרעקליך אפגעריסען און האט געהייסען זיינע מאטראזען אונז געבען זייערע קליידער. פאר לילי אבער האט מען קיין קליידער ניט געהאט און מען האט געמוזט איהר געבען מאטראזען קליידער, ביז מען וועט אויסזוכען א מיטעל וויא צו פערשאפען פאר איהר אנדערע קליידער. איך האב זיא קוים דערקענט אין איהרע נייע קליידער.

מען האט אונז ווידער אריינגעפיהרט אין עססצימער און מען האט אונז געגעבען עסען און טרינקען. נאכ'ן עסען זיינען מיר אוועקגעגאנגען אויפ'ן דעק בעטראכטען דאס שיף.

— וואו איז ערגעץ דער שיפסקאפיטאן? האט בען בראס געפרעגט איינעם פון דיא מאטראזען.

— ביי זיך אין דער קווארטיר, האט דער מאטראז געענטפערט קורץ.

בען בראס האט געוואלט איהם פרעגען, ווער דער שיפסקאפיטאן איז און וואוהין דאס שיף געהט, דער מאטראז האט איהם ניט געענטפערט. ער האט זיך געווענדעט צו א צווייטען מאטראז און האט איהם געפרעגט:

— קען איך זעהן דעם שיפסקאפיטאן?

— ווען ער וועט אייך דארפען, וועט ער אייך שיקען רופען, האט דער וויי־טער מאטראָז גענטפערט.

ער האט געפרעגט אנ'אפיציער, אויב ער קען זעהן דעם שיפסקאפיטאן. דער אפיציער האט אויך געענטפערט קורץ און שארף, אז ער וועט זעהן דעם שיפסקאפיטאן. בען בראס האט אראָפגעלאָזען דעם קאפּ. איהם איז עס פאר־געקומען זעהר זאנדערבאר, וואס דער שיפסקאפיטאן ווייזט זיך ניט און וואס קיינער רעדט ניט מיט אונז און פרעגט אונז ניט, ווער מיר זיינען און וויא אזוי אונזער שיף איז אונטערגעגאנגען.

— זיי פארזיכטיג, ביללי, און קוק דיך גוט צו צו אלעס, וואס עס וועט פארקומען אויפ'ן שיף, האט בען בראס געזאגט צו מיר. דיעזעס שיף קומט מיר פאר זאנדערבאר. דא איז עפּעס ניט גלאט.

מיר זיינען ארומגעגאנגען א גאנצען טאג אויפ'ן דעק, האבען בעטראכט דאס שיף, האבען געזוכט מיט די אויגען אונזער „אלבאטראָס" און האבען איהם ניט געפונען. מיר זיינען שוין געוועזען ווייט פון איהם.

דאס מעער איז געוועזען שטיל און רוהיג. דאס דאמפפשיף איז געגאנגען לאנגזאם. מיר האבען יעצט צייט געהאט זיך צו צוקוקען צו דער ארדנונג אויפ'ן שיף און צו ערפאהרען, וואס פאר א סאָרט שיף דאס איז. מיר האבען דערזעהן מיט שטוינען, אז אויפ'ן בריקעל, וואו דער קאפיטאן שטעהט, געפינען זיך צווייא קאנאָנען. זיי זיינער אבער געוועזען פערדעקט און פערשטעלט, אז מיר האבען זיי ביז אהער ניט געקענט זעהן.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. מען האט אונז בעהאנדעלט זעהר פריינד־ליך, מען האט אבער מיט אונז זעהר וועניג גערעדט און ווען מיר האבען עפּעס געפרעגט, האט מען אונז געענטפערט אונגערן און מיט קורצע ווערטער. מיר האבען גענעסען און געטרונקען, וויא די פירסטען, און זיינען געשלאָפען אויף ווייכע בעטלעך. מיר זיינען ווייטער געווארען געזונד, מונטער און פרעהליך. נור איינער פון אונז פלעגט זיין אונרוהיג, פלעגט אלץ אראפרוקען זיין מאטראָזען הוט איבער די אויגען און פלעגט זיך אלץ בעהאלטען. דאס איז געוועזען דער איטאליענער.

איך האב בעמערקט, אז מען קוקט אונז נאך, וואוהין מיר געהן און וואס מיר טהוען. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז מען בעוואכט אונז, מען האלט אונז, וויא געפאנגענע. איך האב עס געזאגט בען בראס.

— איך האב דאך דיר געזאגט, ביללי, אז דא איז עפּעס ניט גלאט, האט בען בראס מיר געענטפערט, מיר געפעלט ניט, וואס דער שיפסקאפיטאן בעהאלט זיך פון אונז; מיר געפעלט ניט, וואס די מאטראָזען רעדען מיט אונז אזוי וועניג. מיר קענען אבער גאר ניט העלפען. לאמיר ווארטען, ביז מיר וועלען צוקו־מען צו א פּאָרט.

אויפ'ן פערטען טאג נאך אונזער אויפנאַהמע אויפ'ן שיף, האט מען אויס־

נעשטעלט מ״שען מיט בענק אויפ׳ן דעק. אונז האט מען געהייסען זיך זעצען לע־בען איין טיש און דעם איטאַליענער לעבען אנאנדער טיש. איך האב געזעהן מיט שטוינען, אז הינטער׳ן איטאַליענער האבען זיך געשטעלט צוויא שטאַרקע מאַט־ראָזען מיט פיסטאַלעטען אין גארטעל. עס איז געווען דייטליך, אז דאָ וועט פאָר־קומען עטוואס נייעס. דיא אפיציערן פון׳ם „אוועגדשער“ האבען זיך געזעצט ארום א טישעל אביסעל ווייטער פון אונז.

אלעס איז געווארען שטיל אויפ׳ן דעק. פּלוצלונג האט זיך געעפענט דיא טהיר פון׳ם קאַפּיטאַנס קאַיוטע און א שעהנער מאן, אנגעטאהן וויא אנ׳ענגלי־שער אדמיראל, איז ארויסגעקומען. דאס איז געווען דער שיפסקאַפּיטאן פון׳ם „אוועגדשער“. ער איז געווען ערנסט און זיין געזיכט איז געווען בלייך, וויא קאַלך. ער איז צוגעקומען צום טישעל, וואו זיינע אפיציערן זיינען געזעסען און האט געזאגט מיט א פעסטע שטימע:

— מיינע הערךען, מיר געפינען זיך אויפ׳ן וועלט מעער, וואו עס געפינען זיך קיינע ריכטער און קיינע געזעטצע. דאס איינציגע געזעץ, וועלכעס הערשט אויפ׳ן מעער, איז דעם מענשענס הערץ און דעם מענשענס געוויסען. איך האב אייך דאהער צונויפגערופען, איהר זאלט זיין ריכטער אין א פאַלל, אין וועלכען איך בין אינטערעסירט. הערט מיך אויס און אורטהיילט נאך רעכט און גערעכ־טיגקייט.

אלע האבען געשוויגען. קיינער האט ניט געוואוסט, צו וואס ער זאגט עס און וואס דא וועט פארקומען. מיר זיינען געווען איבערראשט, ערשטוינט און צוטומעלט. מיר האבען זעהר גוט פערשטאַנען, אז עס האנדעלט זיך וועגען אונז. איך בין געווען רוהיג, ווייל איך האב געוואוסט, אז איך בין אונשולדיג, בען בראס איז געווארען א ביסעל אונרוהיג. עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז מען האט איהם דערקענט, אז ער איז אנטלאָפען פון אנ׳ענגלישעם קריעגס שיף.

דער שיפסקאַפּיטאן האט זיך אפגערוהט איינינע אויגענבליקע און האט זיך געווענדעט צו זיינע אפיציערן:

— ווייסט איהר, וויא איך הייס? האט ער געפרעגט.

— לאָרד דריסדייל.

— איך האב אבער נאך א נאמען, האט דער שיפסקאַפּיטאן געזאגט, — איך הייס חענרי נארפאַרד.

דער איטאַליענער האט א ציטער געטאַחן, ווען ער האט דערהערט דעם נאמען נאָרפאָרד.

— ווייסט איהר, ווער דיעזער מאן איז? האט דער שיפסקאַפּיטאן ווייטער געפרעגט און האט געוויעזען אויפ׳ן איטאַליענער.

אלע האבען געשוויגען. קיינער האט ניט געוואוסט, ווער דער איטאַליע־נער איז.

— דאס איז דער „רויטער האי פיש“, האט אויסגערופען חענרי נאָרפאָרד,

דאס איז דער פּיראט, דער מעער רויבער, וועלכער האט גערויבט און געטייטעט מיין בראוט, דיא אונגליקליכע מאריא ראנעקאמפּ!

דער איטאליענער איז אויפגעשפּרונגען און האט א געשריי געטאהן:

— פערדאמט! ער האט מיך אין דיא הענד, דער טייפעל!

מיט דיעזע ווערטער איז ער צוגעשפּרונגען צום געלענדער פון שיף און האט געוואלט זיך אריינוואַרפען אין וואסער, אבער פיער שטארקע הענד האבען איהם צוריק געהאלטען און האבען איהם צוריק געבראכט צום טישעלע, וואו ער איז פריהער געזעסען.

— וואס האסט דוא דארויף צו אנטוואָרטען? האט הענרי נארפאָרד גע־פרעגט.

דער איטאליענער האט געזעהן, אז ער איז פערלאָרען און האט געוואָלט זיך אויסדרעהן דורך זיין פרעכהייט און ליגען. ער איז געווען א דורכגעטריעבע־נער טויגעניכטס. ער האט זעהר גוט פערשטאנען דעם שטאָלצען, עדעלען כאַ־ראַקטער פון לאָרד דריסדייל און האט געוואוסט, וויא צו ווירקען אויף איהם.

ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט און האט געזאגט מיט א שרעק־ליכער פרעכהייט (חוצפּה):

— הערר שיפסקאַפּיטאן, איך בין ביי אייך אין דיא הענד. איהר האט מיך גערעטעט פון טויט און קענט יעצט טאהן מיט מיר, וואס איהר ווילט. איך בין אויפ'ן דעק פון אייער שיף. דיעזע מענער זיינען אייערע אפיציערן און אייע־רע מאטראָזען. זיי וועלען גלויבען, וואס איהר וועט זיי זאגען. מיר וועלען זיי ניט גלויבען, ווייל איך בין א פרעמדער, אן אונגליקליכער, וועלכען מען האט גע־פונען שווימען אויפ'ן מעער האלב טויט, פערהונגערט און פערשמאכטעט. ווען איהר זייט אן עהרנמאן, מוזט איהר מיך שטעלען פאר א געריכט, פאר געשוואָ־רענע (דשורי, פּריסיאזשניע). ניט איהר האט דאס רעכט מיך צו פעראורטהיילען. פון וואנען ווייסט איהר, אז איך בין דער פּיראט, וועלכער האט זיך גערופען: „דער רויטער האי פיש"? וויא קענט איהר עס בעווייזען, אז איך בין עס?

דער שיפסקאַפּיטאן האט ארויסגענומען פון זיין בוזים קעשענע א זילבער־נע פייפעלע און האט אנגעהויבען צו פייפען. עס האט זיך געעפענט א טיהר און א מאן מיט א דונקלער הויט פארב איז ארויסגעקראָכען פון א קאיוטע. ער איז געקראָכען אויף צוויא קריוקען (קיליעס). דיא פיס האט ער נאכגעשלעפּט נאך זיך. ער איז לאַנ[גזא]ם צוגעקראָכען צום שיפסקאַפּיטאן און האט איהם גע־פרעגט:

— וואס פערלאַנגט איהר, סאהיב (הערר)?

— מאהאדרעע, דערקענסט דוא דיעזען מאן? האט הענרי נארפארד גע־פרעגט מיט א הויכער, ציטערענדער שטימע.

ערשט יעצט האב איך מיך דערמאנט אן דיא געשיכטע, וועלכע דער אי־טאליענער האט אונז דערצעהלט, ווען מיר זיינען געפאהרען אויפ'ן גרויסען פלאָס.

— ענטפער, מאהאדרעע! האט געשריען חענרי נארפארד נאך א מאל
— דאס איז דער „רויטער האי פיש"! האט דער מאלאיע מאהאדרעע געענטפערט.
— דערקענסט דוא איהם גוט, מאהאדרעע?
— איך דערקען איהם זעהר גוט.
— געדענקסט דוא, וואס עס האט פאסירט אויפ'ן דעק פון דער „ליליע"?

מאהאדרעע האט געוויעזען אויף זיינע פיס און האט געזאגט מיט א טרויעריגער, הערצרייסענדער שטימע:
— ווייסט איהר, ווער עס האט מיך אונגליקליך געמאכט? ווייסט איהר, ווער עס האט מיך געמאכט פאר א קריפעל (א קאליקע)? דאס האט געטאהן דיעזער מאן!

מאהאדרעע האט דערצעהלט, וויא מען האט איהם גענומען אין א האס־פיטאל, וויא ער איז געלעגען קראנק מאנאטע לאנג; וויא מען האט איהם ענדליך אויסקורירט; ער מוז אבער געהן אויף קריוקען (קוליעס), ער שלעפט דיא פיס און קען זיי מעהר ניט געברויכען.

עס איז געווען טרויעריג צו הערען דיא ליידענס געשיכטע פון'ם אונגליקליכען מאהאדרעע. ער אליין האט געוויינט, וויא א קינד, ווען ער האט זיך דערמאנט אן זיינע ליידען. דיא מאטראזען און דיא אפיציערן האבען געקוקט טרויעריג און גריהרט אויף דעם אונגליקליכען מאהאדרעע. אויף אייניגע געזיכטער האבען זיך געוויעזען גרויסע, הייסע, גלאנצענדע טראפען טרערין.

— נון, קענסט דוא נאך לייקענען, אז דוא ביזט דער בעריהמטעם פיראט דער „רויטער האי פיש"? האט הענרי נארפארד געפרעגט דעם איטאליענער.

— יא, איך בין עס! האט דער איטאליענער אויסגערופען שטאלץ. וואס פאר א רעכט האט איהר אבער צו בערופען א געריכט איבער מיר? איהר זייט קיינע ריכטער. ברענגט מיך אין א פארט שטאדט און גיט מיך איבער צו א געריכט.

— דוא רעדסט נאך פון א געריכט און פון גערעכטיגקייט? האט הענרי נארפארד אויסגערופען פול צארן. האסט דוא געפרעגט נאך רעכט און גערעכטיגקייט, ווען דוא האסט אריינגעטריעבען דיא פאסאזשירען פון דער „ליליע" אין זייערע קאי טען און האסט געהייסען אויסבויערן לעכער אין באדען פון שיף, אום זיי זאלען אלע דערטרונקען ווערן? ווען מיר דערזעהן א ווילדען טיגער, טויטען מיר איהם און פרעגען ניט נאך רעכט און גערעכטיגקייט. מיר מוזען זיך שיצען, מיר מוזען בעפרייען דיא מענשליכע געזעלשאפט פון אזעלכע ווילדע, בלוטדורשטיגע טיגער אויף צווייא פיס, וויא דוא ביזט.

דער איטאליענער האט געשוויעגען. הענרי נארפארד האט זיך געווענדעט צו זיינע מאטראזען און אפיציערן און האט זיי געפרעגט:
— וואס קומט אפיראט, א מערדער רויבער?

— דער טויט, האט געזאגט דער ערשטער **אפיציער**.

— דער טויט, האבען געזאגט דיא איבעריגע.

— מען זאל איהם אויפהענגען אויפ'ן זעגעלבוים, האבען געזאגט איינינע מאטראזען.

— דאס מעער האט זיינע געזעצע און זיינע ריכטער, האט זיך אפגערופען אן אלטער מאטראז. אין דיא ווילדע וועלדער פון אמעריקא האבען דיא מענשען אויסגעפונען דאס לינטש גערוכט אום זיך צו שיצען געגען רויבער און מערדער. אויפ'ן אטלאנטישען וועלט מעער האבען מיר א פיראטען געריכט. דיזעס גע־ריכט פעראורטהיילט יעדען מעער רויבער צום טויט.

העגרי נארפארד האט א ווינק געטאהן צו דיא צוויא שמארקע מאטראַזען, וועלכע זיינען געשטאנען הינטער דעם איטאליענער, אז זיי זאלען איהם אוועקפיהרען אין אבעזונדערע קאיוטע און זאלען איהם דארט פערשליעסען. דער איטאליענער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דא וועט איהם שוין גאר ניט העל־פען און איז געגאנגען רוהיג, וואוהין מען האט איהם געפיהרט. מען האט איהם אריינגעפיהרט אין אבעזונדערע קאיוטע און מען האט איהם דארט פערשלאסען. פאר דער טהיר האט מען געשטעלט א וואך.

מיר זיינען אונטערדעסען געזעסען און האבען ניט געוואגט ארויסצורעדען אווארט. מיר האבען געוואוסט, אז אלעס, וואס הענרי נארפארד האט גע־זאגט, איז וואהר. מיר האבען עס דאך אליין געהערט פונ'ם איטאליענער. ער האט זיך אליין בערימט דערמיט, וויא ער האט געפאנגען דיא אונגליקליכע מאריא ראנעקאמפ.

— מיינע הערען, האט ענדליך געזאגט הענרי נארפארד, מיינע הערען. דיזער מאן האט פערדיענט דעם טויט ניט איין מאל, זאנדערן צעהן מאל. ער איז א פיראט, א רויבער, א מערדער און א שרעקליכער פערברעכער. איך קען הייסען איהם אויפהענגען אויפ'ן זעגעלבוים און איהם דאן אריינווארפען אין מעער. וואס וועט אבער ווערן דערפון? איך וועל מיך נוקם זיין, איך וועל שטילען מיין הערץ, דאס איז וואהר. איז אבער דאס דער צוועק פון געזעץ און גערעכטיג־קייט.—ניין. דער מענש האט געטאהן שאדען דער וועלט, לאז ער איהר ברענגען עפעס נוצען.

— וויא קען ער ברענגען נוצען דער וועלט? האט געפרעגט איינער פון דיא אפיציערן, דענקט איהר, אז א מענש וועלכער האט פערבראכט זיין לעבען אין רויבען, מארדען און בעגעהן אלע מעגליכע פערברעכען, קען נאך אמאל ברענ־גען נוצען? קען דען ברענגען נוצען א מענש, וועלכער האט געקענט צו זעהן קאלטבלוטיג, וויא מען מאטערט און מען בוימעט אנדערע מענשען? אזא מענ־שען מוז מען פערניכטען. אזא מענש מוז פערשוואונדען ווערן פון דער וועלט.

— איך האב אנאנדער פלאן, האט הענרי נארפארד געזאגט. אין דעם גרויסען שטילען וועלט מעער געפינט זיך א קליינע אינזעל, וועלכע ווערט פיי־

מאל נים בעזוכט פון שיפען, ווייל זיא ליעגט ווייט פונ'ם וועג און דיא שיפען האבען דארט נים וואס צו טאהן. דיא אינזעל איז בעצייכענט נור אויף דיא בעסטע מעער קארטען. זיא הייסט לארד בורלייף, ווייל דער ענגלישער לארד בורלייף האט זיא ענטדעקט, זיא האט אבער נאך אנאנדער נאמען. מען רופט זיא דיא „ווייבער אינזעל“, ווייל זיא איז בעוואקסען מיט הויכעס ראהר און נאמ־בוק. ווען דער ווינט וועהט אויף זיי, הייבען זיי אן צו רוישען און עס ווייזט זיך אוים, אז הונדערטער ווייבער האבען זיך דארט פערזאמעלט און האבען אנגעהויבען צו רעדען אלע מיט אמאל. איך קען זעהר גוט דיעזע אינזעל, ווייל איך בין אמאל צו געפאהרען צו איהר מיט מיין שיף. דיא אינזעל איז לעדיג און טו זיערינג. א מענש אויף דיעזער אינזעל מוז ארבייטען זעהר שווער אום צו ערהאלטען זיין לעבען. איך וועל איהם אפלאזען אויף דיעזער אינזעל. ער וועט דארט מרזען ארבייטען און בעארבייטען דיא אינזעל פאר אנדערע בעסערע פון איהם. עס איז זעהר מעגליך, אז מיט דער צייט וועט ער מאכען פון דיעזער אינזעל א פלאץ, וואו מענשען וועלען קענען וואינען.

— דאס איז אויך א שטראפע, האט דער ערשטער אפיציער געזאגט, ווען עס זאל איהם נור נים געראטהען צו אנטלויפען פון דארט.

— דערפאר וועל איך שוין זארגען, האט הענרי נארפארד געענטפערט.— יעצט, מיינע הערען, געהט יעדער צו זיין ארבייט.

דיא מאטראזען און דיא אפיציערן זיינען זיך צוגאנגען. מיר האבען זיך אויפגעהויבען און האבען אויך געוואלט אוועקגעהן.

— ווער איז דער עלטערער פון אייך? האט הענרי נארפארד געפרעגט.

— איך בין עס, האט בען בראס געענטפערט.

— וויא קומט איהר צוזאמען מיט דיעזען פיראט?

בען בראס האט איהם דערצעהלט אונזער געשיכטע.

— דיא „ראפינא“? האט הענרי נארפארד איבערגעפרעגט, אזוי? איהר זייט מאטראזען פון דער „ראפינא“? און זיא איז פערברענט געווארען?—נון, דאן ווייס איך, אז עס איז דא גערעכטיגקייט אויף דער וועלט! מיר זוכען שוין לאנג דיא „ראפינא“. איך און נאך עטליכע קריעגס שיפען האבען שוין לאנג ערהאלטען אבעפעהל פון דער ענגלישען רעגיערונג, מיר זאלען אויפזוכען דיא „ראפינא“ און זאלען זיי ברענגען קיין ענגלאנד.

— איהר האט שוין נים וועמען צו ברענגען, האט בען בראס געענטפערט מיר זיינען דיא לעצטע מאטראזען און פאסאזשירען פון דער „ראפינא“.

— פאסאזשירען? זיינען דען אויף דער „ראפינא“ געוועזען פאסאזשירען?

בען בראס האט געוויעזען אויף לילי און האט דערצעהלט הענרי נארפארד איהר געשיכטע.

— וואוהין האט מען זיא געשיקט?

— קיין דיא די זשאנייר.

פערוואנדעט.

— גוט! איך וועל זיא ברענגען קיין ריאָ די זשאניירא, האט הענרי נאר־פארד געענטפערט, וואוהין ווילט איהר דען פאהרען?

— פאר מיר איז יעדעס לאנד גוט, האט בען בראס געענטפערט.

70טעס קאפיטעל.

ענדע גוט, אַלעס גוט.

בען בראס און ענגעלמאן האבען זעהר גוט פערשטאנען, אז הענרי נאר־פארד האט צו זיי קיין צוטרויען, ווייל ער האט זיי געטראפען צוזאמען מיט'ן בעריהמטען פיראט, דער „רויטער האיפיש". זייער בעשעפטיגונג אלס מאטראָזען פון דער „ראפינא" האט זיי אויך ניט צופיעל רעקאמענדירט. דיאָ „ראפינא" איז געווען בעקאנט אלס שקלאפען שיף און דיא ענגלישע רעגיערונג האט שוין לאנג ארויסגעגעבען אבעפעהל, מען זאל זיא האפען.

מיר זיינען דאהער ניט בייז געווען אויף הענרי נארפארד אדער לארד דריס־דייל, פאר וואס ער האט אונז בעטראכט אלס קאמעראדען פונ'ם „רויטען האי־פיש". עס איז טרויעריג צו זיין בעקאנט מיט א שלעכטען מענשען, נאך טרויעריגער איז עס אבער צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען אדער זאגאר צו אר־בייטען פאר איהם. דער גוטער און עדעלער הענרי נארפארד האט געמוזט קו־קען אויף בען בראס און ענגעלמאן, וויא אויף שלעכטע מענשען, אזוי וויא ער האט אבער ניט געהאט קיינע בעווייזע געגען זיי, האט ער בעשלאסען, צו ברענ־גען אונז אלעמען קיין ריא די זשאניירא און אונז דארט אפלאזען. אין אויסנאה־מע האט ער געמאכט מיט מיר און מיט לילי. מיך האט ער געשיקט רופען און האט מיך אויסגעפרעגט, וויא איך קום אויף דיא „ראפינא". איך האב איהם דערצעהלט מיין טרויעריגע געשיכטע.

ער האט געוואלט מיך מיט נעהמען צו זיך קיין ענגלאנד, איך האב אבער ניט געוואלט אפטרעטען פון מיינע קאמעראדען. איך האב ליעב בעקומען דעם גוטען בען בראס און דעם אונגליקליכען ענגעלמאן. איך האב געזאגט לארד דריס־דייל, אז ער אורטהיילט איבער דיעזע מענשען ניט ריכטיג, אז זיי זיינען דורך א צופאל געקומען אויף דיא „ראפינא", אז זיי זיינען קיין מאל ניט געווען קיין פיראטען.—קורץ איך האב פערטהיידיגט מיינע קאמעראדען, וויא ווייט איך האב געקענט. עס האט אבער ווייניג געהאלפען. לארד דריסדייל האט אונז דיא גאנ־צע צייט בעהאנדעלט מענשליך, אבער קאלט.

אין צעהן טעג ארום זיינען מיר אנגעקומען אין דער הויפטשטאדט פון בראזיליען, ריאָ־די־זשאניירא.

זייט מען האט פערשפארט דעם איטאליענער אין געפענגניס, האבען מיר איהם מעהר ניט געזעהן און איך וויים ניט, וואס פון איהם איז געווארען.

לארד דריסדייל איז געווען אזוי פריינדליך געגען אונז, אז ווען ער האט אונז אראפגעלאזען אין פארט פון ריאָ די זשאניירא, האט ער אונז געגעבען צוואנ־

צינ פונם סטערלינג, מיר זאלען האבען דיא ערשטע צייט פון וואנעז צו לעבע און זאלען אונז קויפען דיא נעטהיגע קליידער.

ער האט אבשיעד גענומען פון אונז גאנץ קאלט און זעהר ניט פריינדליך. ווען מיר האבען געדארפט אראפגעהן פון „אווענדשער", האט ער זיך געווענדעט צו אונז און האט אונז געזאגט ערנסט און פייערליך:

— געהט אין פריעדען! איך ראטהה אייך, וויא א פריינד, איהר זאלט אויסמיידען יעדע שלעכטע געזעלשאפט, וויא דיא פעסט. איך ווייס ניט, אויב איהר זייט שולדיג אדער ניט; איך קען אייך אבער ניט בעטראכטען אלס אנשטענדיגע מענשען, ווייל איך האב אייך געטראפען צוזאמען מיט א רויבער און מערדער. ווען איהר זייט ווירקליך עהרליך, וועט איהר זיך דורכשלאגען אין אייער לעבען; זייט איהר אבער ווירקליך קאמעראדען פון'ם „רויטען האי פיש", וועט איהר ענדיגען, וויא ער עס איז דא א נאט צו שטראפען און צו רעכען (זיך נוקם צו זיין)!

מיר האבען אראפגעלאזען טרויעריג אונזערע קעפ און זיינען אראפגעגאנגען פון דעם דאמפף שיף „דהי אווענדשער". מעהר האבען מיר איהם ניט געזעהן, מעהר האבען מיר פון איהם ניט געהערט.

אונזער ערשטער גאנג איז געווען אין א קליידער מאגאזין, וואו מיר האבען געקויפט קליידער פאר זיך און פאר לילי. דאן זיינען מיר געגאנגען זיך אפשעערן און אפוואשען. מיר האבען געמוזט געהן אין א באד און זיך אפרייניגען. דאס איז געווען נאטהווענדיג נאך דיא לאנגע און שווערע וואכען, אין וועלבע מיר האבען זיך געוואלגערט אויף דיא פלאסען און אין באאט.

ווען מיר האבען זיך אפגעוואשען, אפגערייניגט און אנגעטאהן, האבען מיר גענומען אין א האטעל צווייא צימער: איינס פאר אונז דרייא און איין צימער פאר לילי. מיר האבען זיך אויסגערוהט און זיינען ארויסגעגאנגען זובען לילי'ס פערוואנדטע.

איך האב יעצט דערזעהן לילי אנגעטאהן, וויא א מענש און בין געווען איבערראשט פון איהר שעהנהיים. זיא איז ווירקליך געווען שעהן. דיא ליידען אויפ'ן מעער האבען זיא געמאכט שטארקער, שעהנער און פארנעהמער. איך האב מיך דאן דערמאנט, וואס בען בראם האט מיר אמאל געזאגט: דער מענש וואקסט אוים ניט מיט דיא יאהרען, זאנדערן מיט דעם, וואס ער לעבט דורך. א יונגער מאן קען אין איין טאג, זאגאר אין איין שטונדע, ווערן א דערוואקסענער, רייפער מאן, ווען ער לעבט דורך א בעזאנדערן פאל.

לילי איז רייף געווארען אין דער צייט פון אונזער רייזע אויפ'ן מעער. זיא איז געווארען א פאלקאמענער מענש. מען האט עס דערקענט אן איהר גאנג, אן איהר רעדען און אן איהר בענעהמען. זיא איז שוין ניט געווען דאס קינד. וואס איך האב דערזעהן דאס ערשטע מאל אויף דער „ראפינא", דאס איז געווען א פרוי, א מענש.

— לילי, מיר וועלען באלד מוזען זיך צושיידען, האב איך איהר געזאגט.

— ניין, ווילליאם! ניין! האט זיא געענטפערט רוהיג. צו וואס זאלען מיר זיך צושיידען? מיר האבען אזוי פיעל דורכגעלעבט און אזוי פיעל דורכגעליטען, אז מיר דארפען זיך ניט צושיידען, מיר דארפען בלייבען פריינד.

איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז געשעהן אין דיעזע מינוט. איך האב אנגעהאפט איהר האנד און האב זיא צוגעפרעסט צום הערצען.

— איך דאנק דיר, לילי! זיינען געווען דיא איינציגע ווערטער, וואס איך האב איהר געקענט זאגען.

יעצט האב איך געוואוסט, אז איך האב זיא געליעבט. איך האב עס גע־פיהלט ביי מיר אין הארצען, איך האב עס געפיהלט און בין געווען גליקליך.

מיר זיינען געגאנגען זוכען לילי'ס פערוואנדטע. דאס איז אבער געווען ניט אזוי לייכט. ריא דיא זשאניירא איז א גרויסע שטאדט און דיא רייכע מענ־שען וואוינען געוועהנליך ניט אין שטאדט, ווייל דיא לופט איז דארט זעהר שעד־ליך. אין דער הייסער צייט פון'ם יאהר הערשט דארט דאס געלבע פיעבער, איינע פון דיא געפעהרליכסטע קראנקהייטען, פון וועלכע א מענש שטארבט אין אייניגע שטונדען. אין ריא די זשאניירא וואוינען אין דער הייסער צייט נור דיא ארימסטע מענשען, הויפטזעכליך נעגער. דיא רייכערע וואוינען אין דער שטאדט פעטראפאלים, וועלכע ליעגט אויף א בארג ניט ווייט פון ריא די זשאניירא.

מיר זיינען ארומגעגאנגען א גאנצען טאג, האבען געפרעגט און געפארשט נאך לילי'ס פערוואנדטע, מיר האבען אבער גאר נישט געקענט אויסגעפינען. לילי האט געהאט מיט זיך בריעף און דאקומענטען, זיי זיינען אבער אלע אונ־טערגעגאנגען מיט דער „ראפינא".

דעם אנדערן טאג זיינען מיר געפאהרען קיין פעטראפאלים. דארט האט דאמאלס געוואוינט דער קייסער דאם פעדרא II און דארט האבען זיך געפונען אלע גרויסע בעאמטע. מיר זיינען ענדליך געוואהר געווארען, אז לילי'ס אנקעל, דאם לואיז לאלא מענדעז איז גענעראל קאנסול אין ניויארק און האט דארט א גרויסעס באנק געשעפט.

מיר האבען זיך געווענדעט צום מיניסטער דער איינערן אנגעלעגענהייטען און האבען איהם געבעטען, ער זאל שיקען לילי צו איהר אנקעל קיין נוי יארק. ער האט געפונען א בעסער מיטעל. ער האט באלד אוועק געשיקט א בריעף צו לאלא מענדעז, אז זיין ניכטע האט געליטען שיפברוך און ארמע מאטראזען האָ־בען זיא געבראכט קיין ריא די זשאניירא. דערווייל האט ער אונז אנגעוויעזען א האטעל אין פעטראפאלים, וואו מיר זאלען וואוינען, ביז עס וועט אנקומען אן ענטווארט פון ניויארק.

איך בין געווען גליקליך. יעדען טאג פלעג איך ארויסגעהן אין דער פריה מיט מיין געליעבטער און פלעג מיט איהר ארומגעהן איז דיא גרויסע און שעהנע גאסען פון פעטראפאלים. איך האב זיא געליעבט מיט יעדען טאג מעהר און מעהר און איך בין געווען גליקליך צו זעהן, אז זיא ליעבט מיך אויך.

אין פיער וואכען ארום איז אנגעקומען א פאסאזשיר דאמפפער פון ניו־
ארק. דער שיפסקאפּיטאַן האט גהאט א בעפעהל, ער זאל אונז אלע אויפ־
נעהמען אויף זיין שיף און זאל אונז ברענגען קיין ניויארק.

— מיין געשיכטע איז צו ענדע, האט מיר דער רייכער מאן געזאגט. וואס זאל איך אייך נאך ווייטער דערצעהלען? איך האב געהייראטהעט די שעהנע לילי און האב מיר געעפענט א געשעפט מיט בראזיליען. איך האב בעצויגען מיינע עלטערן, מיינע ברידער און מיינע שוועסטער קיין אמעריקא און האב זיי אלע פערזארגט.

דער בראזיליאנישע קאנסול, לילי'ס אנקעל, האט אויפגענומען בען בראס אלס שיפסקאפּיטאן אויף איינעם פון זיינע שיפען, וועלכע ברענגט קיין אמעריקא די פראדוקטען פון אפריקא. יעדעס מאל ווען בען בראס קומט פון זיינע א רייזע קיין אפריקא, ברענגט ער א פרעזענט מיין גוטער און ליעבער פרוי לילי.

ענגעלמאן איז אוועקגעפאהרען קיין טעקסאס זוכען זיין ברודער ראבערט. ער איז געוואהר געווארען, אז ראבערט לעבט נאך און איז ערגעץ אן אינדיאנער הויפטלינג.

אט איז דער נעגער סנאַאי אדער שנעעמאן. ער האט געהייראטהעט; איך האב איהם געגעבען געלד צו קויפען זיך א פארם און א סקונער. איהר ועהט דעם סקונער פאר אייך, ער הייסט „לילי לאלא“, ער טראגט דעם נאמען פון מיין פרוי.

יעצט פערשטעהט איהר, מיין הערר, וויא עס קומט, וואס איך בין אזוי בעפריינדעט מיט'ן נעגער און פאר וואס מיר דריקען זיך אזוי ברידערליך די הענד! — **מיר זיינען געווען ליידענס ברידער און יעצט זיינען מיר פריידענס ברידער.**

— סוף —